STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 09709

DOS HOYZ AFN SHTOT-PLATS

Emmanuil Kazakevich

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

עמאַנואיל קאַזאַקעוויטש

דאָס הויז אַפֿן שטאָט־פּלאַץ

ראָמאַן

ייִדיש: פּ. קאַץ

פאַרלאַג
היימלאַנד
בוענאָס־איירעס

1957

ניט אָפט
ווערט מענטשן געגעבן אַ גרונד פאַר
אַזוינע הויכע טאַטן! אײַל זיך גוטס טאָן!

ג ע ט ע

ע ר ש ט ע   ט י י ל

אַ רייזע אין די האַרץ־בערג

אַ געשיכטע וועגן זעקס זעלנער

אַ מאַנשאַפט פון זעקס זעלנער ציט זיך נישט געאײַלט פאָרויס צו מײַרעוו. אַ כוץ דעם עלצטן, וואָס נישט געקוקט אַף דער ראָל וואָס ער פירט אויס, איז ער דער ייִנגסטער, זײַנען זיי אַלע שוין באַיאָרנטע מענטשן, וואָס דינען אינעם הינטערלאַנד פון איינער אַן אָפּעראַטיווער דיוויזיע. מען האָט זיי איבערגעלאָזט דאָרט ווו זייער טייל האָט זיך דעם לעצטן מאָל רעאָרגאַניזירט, אינעם ראַיאָן פון דער שטאָט האַמעל, היטן געפּרעסטן היי, וואָס האָט געהערט צו דער דיוויזיע. די אינטענדאַנץ פון דעם טייל האָט גערעכנט צושיקן, ווען דער וועג וועט זיך אײַנשטעלן נאָך די פרילינגדיקע בלאָטעס, עטלעכע לאַסט־אויטאָמאָבילן אַף איבערפירן דאָס היי.

דאָס היי איז געליגן אין שטאָבעלן אָנגעהויפנט אין אַ קליינעם פירעקעכדיקן בערעזע־וועלדל, וואָס האָט זיך לילאָווע געבלויט פונעם צווייט. געלעבט האָבן זיי דאָ אין אַן ערד־שטיבל, וואָס זיי האָבן פאַר זיך אַליין אויסגעגראָבן. ווען ייער פּראָוויזיע האָט זיך געענדיקט, איז דער עלצטער, דער סערזשאַנט ווערעטעניקאָוו, צוגעפאָרן קיין האַמעל און, אַף זעקס פּראָוויאַנט־קאַרטלעך, באַקומען ברויט, צוקער און קאָנסערוון אַף נײַע צען טעג.

אַרום דעם וועלדל, ווו עס איז געליגן דאָס היי, האָבן זיך געשפּרייט די פעלדער. עס האָט זיך שוין געהאַט אָנגעהויבן אַקער־צײַט. פונעם שכייִנישן דאָרף קומען קאָלכאָזניצעס מיט פערד און מיט אַקערס. די פרויען קומען צו און גריסן די זעלנער, קוקן מיט קינע אַף דעם היי. טייל מאָל בעטן זיי מען זאָל זיי געבן היי, נאָר די זעלנער ווענדן אָפּ די אויגן און ענטפערן שטענדיק איינס:

— מיר האָבן קיין רעכט נישט. ס'איז ניט אונדזערס, אַרמייִשעס.

דערפאַר העלפן זיי די קאָלכאָזניצעס אַקערן, און צווישן זיי און די קאָלכאָזניצעס שטעלן זיך אײַן באַציִונגען פול מיט קעגנזײַטיקן צוטרוי און רויִקער פרײַנטשאַפט.

די צײַט גייט זיך. די לאַסט־אויטאָמאָבילן קומען ניט. אַרום איז אַלץ שטיל און רויִק. אַף די בערעזעס ווײַזן זיך קליינע בלענדיקע גרינע בלעטעלעך. ווערעטעניקאָוו באַפאַלט אַ אומרויִקע שלאָפלאָזיקייט. אין די נעכט גייט ער אַרויס אַפן ראַנד וועלדל און קוקט צום וועג. אַרום איז אַ כאַשכעס. מען האַלט נאָך דאָרט אָן די פאַרפינצטערונג און קיין איין פײַערל ווינקט ניט אַרום. דער שליאַך ציט זיך ווײַט פון דאַנען, קיין אויטאָמאָבילן הערט מען ניט. וואָס שײַעך דעם דאָרפישן וועג, וואָס פירט פונעם שליאַך אַהער, איז ער אינגאַנצן פּוסט.

אַט דאָס מעשוגעדיקע לעבן — כאָטש גאַנץ געוויינלעך אין די באַדינגונגען פון מילכאָמע — לייגט זיך שווער אַף ווערעטעניקאָוו. נאָך שווערער ווערט אים ווען די פרויען דערציילן אים איינמאָל, אַז וועדליג די קלאַנגען וואָס גייען אום, איז שוין דאָס סאָוועטישע מיליטער אין דײַטשלאַנד, שיר ניט הינטער בערלין. קעגן זײַן געוווינהײַט גאָרניט צו בעטן און נאָר אויספירן וואָס מען באַפעלט, ווענדט זיך דעמאָלט ווערעטעניקאָוו צום האָמעלער קאָמענדאַנט, און יענער איז מאַסקים איבערצונעמען דאָס היי, און די מאַנשאַפט באַזאָרגן מיט אַ דאָקומענט זיי זאָלן קענען גיין וווּהין זיי ווילן.

ווערעטעניקאָוו קומט צוריק אין וועלדל, וואָס ער באַטראַכט עס שוין ווי זײַן היים און קען שוין דאָרט יעדן שטעגל, ווי מען קען די ווענטלעך אין דער אייגענער שטוב, און ער באַפעלט די זעלנער זיך גרייטן אין וועג אַרײַן.

פאַר דער צײַט וואָס די זעלנער זײַנען דאָ געווען, האָבן זיי באַוויזן זיך צוגעוווינען צו זייער לעבן, אָנלעגן באַלעבאַטישקייט, ליב באַקומען דאָס אָרט, אײַנשאַפן זיך קאַטשאַפט. מיט דעם אַלעמען זיך שיידן איז, נאַטירלעך, ניט אַזוי שווער ווי לאָמיר זאָגן, שיידן זיך מיט דעם אייגענעם הויז, מיט דעם הויזגעזינד, דאָך איז דער מאָמענט אַ פײַערלעכער. אין אָוונט זײַנען צו זיי געקומען די פרויען, וואָס האָבן זיך דערוווּסט, אַז די שווײַגנדיקע און פרײַנטלעכע היי־היטער גייען אוועק. געקומען איז אויך די יונגע דאָרפס־לערערקע סאָניאַ, וואָס האָט עטלעכע נעכט פאַרבראַכט מיט דעם סערזשאַנט ווערעטעניקאָוו, און האָט זיך צו אים צוגעבונדן מיט אַ זאַנפטער, שטילער און ניט לעסטיקער צוגעבונדנקייט, ווי ער צו איר.

אין דעם געזעגנונגס־אָוונט, אינעם בערעזע־ווועלדל, האָט מען דערציילט געשיכטעס, דאָס אייגענע לעבן אויסדערציילט. די פאָרזיצערן פונעם קאָלכאָז, מאַרפאַ געראַסימאָווא, האָט געפונען אַן אויסגעצייכנטן מיטשמועסער אינעם זעלנער פיעטוכאָוו, דעם געוועזענעם בריגאַדיר פון זײַן קאָלכאָז. זיי האָבן לײַטיש געשמועסט וועגן קאָלכאָז־איניאַנים און זײַט בײַ זײַט האָבן זיך געפירט אַנדערע שמועסן — פריילעכע, טרויעריקע, וואָגיק־לײַכטזיניקע. איינע האָט געבראַכט אַ פלעשל אַליין־געמאַכטן בראָנפן, און ווערעטעניקאָוו האָט, ווי אַן אויסנאַם, פאַרקוקט ווי די זעלנער טרינקען איינער נאָכן צווייטן פון דער איינציקער געשליפענער גלאָז און שטעלן זי אוועק, מיט אַ קריאַק, אַפן גראָז.

אין דער קליינער געזעלשאַפט, וואָס איז זיך דאָ, אַזוי צופעליק, צוזאַמענגעקומען, האָט זיך געפירט דאָס אייגענע קאָמפּליצירטע לעבן ווי אין די גרויסע געזעלשאַפטן, — מאָמענטאַלע סימפּאַטיעס און אַנטיפּאַטיעס, ערנסטלעכע געפילן און קליינע פאַרשוווערונגען, פאַרבאָרגענע טײַוועס און הינטנאַרומיקע אינטערעסן.

די זעלנער באַשליסן אָפּצופירן די פרויען אין דאָרף. ווערעטעניקאָוו לאָזט איבער דאָס היי־היטן אַף פיעטוכאָוון, און אַליין גייט ער אָפּפירן סאָניען. ער שפּאַצירט לאַנג אום מיט איר איבערן דאָרף, אויב מען קען אָנרופן דאָרף די אויסגעגראָבענע ערד־שטיבלעך אַפן אָרט פון די פאַרברענטע שטיבער, ווען ער קומט צוריק אין וועלדל, מערקט ער, אין דער לעוואָנעשײַן, גלאַנציקע פעדעמער היי צווישן די פרישע רעדער־שפּורן. און ווערעטעניקאָוו דערמאָנט זיך, אַז די פאָרזיצערן פונעם קאָלכאָז איז נישט אַהיימגעגאַנגען גלײַך מיט די אַנדערע פרויען, נאָר איז געבליבן מיט פיעטוכאָוון.

און ער דערמאָנט זיך דעם אײַליקן רעדער־סקריפּען, וואָס האָט זיך דערטראָגן צו אים בעייסן שפּאַציר.

דער איינזאַמער פּיעטוכאָוו שטייט באַם ראַנד וועלדל און רויכערט אַ פּאַרדרייטן ציגאַר מאַכאָרקע.

וועראַטעניקאָוו גייט אים פאַרבײַ, גלײַך צום היי. יאָ, עטלעכע פּעק פֿעלן. ער קומט צוריק און קוקט שאַרף אַרײַן אין פּיעטוכאָווס ניט־דורכדרינגלעכן פּאָנעם, נאָר ער זאָגט אים גאָרניט. „דער קאָלכאָז איז דאָך אויך אונדזערער" — פֿאַרענטפֿערט זיך וועראַטעניקאָוו אין געדאַנק פֿאַר העכערער נאַטשאַלסטווע און פֿאַר זײַן געוויסן.

קאַיאָר זײַנען פֿון דער שטאָט אָנגעקומען די לאַסט־אויטאָמאָבילן. וועראַטעניקאָוו גיט איבער דאָס היי און די זעקס זעלנער גייען אַרויס פֿונעם וועלדל, איבערן דאָרפֿישן וועג צום שליאַך, און לאָזן זיך אין וועג אַרײַן.

טכילעס שפּאַנען זיי צופֿוס, דערנאָך פֿאָרן זיי אַ שטיקל צײַט מיט אַן איבערגעכאַפּטן אויטאָמאָביל, ווידער צופֿוס, מיט אַן איבערגעכאַפּטער פֿור און ווידער מיט אַן אויטאָמאָביל. זיי נעכטיקן אין אַ קאַלטן שטיבל באַם וועג, און קאַיאָר לאָזן זיי זיך ווידער אין וועג. צו מיטאָג קומען זיי אַרויס באַ אַ באַן־סטאַנציע, אויב סטאַנציע קען הייסן אַ הילצערנע בודקע לעבן די כורוועס פֿונעם געוועזענעם שטיינערנעם וואָקזאַל. דאָ זעצן זיי זיך אויף אַף אַ פּראַכט־צוג וואָס גייט קיין בריסק.

דער וואַגאָן, ווו זיי האָבן זיך אַרײַנגעזעצט, איז פֿול געלאָדן מיט שווערע פּליטעס אַזבעסט. ביסלעכווײַז ווערט דער וואַגאָן איבערפֿולט. ווײַבער מיט זעק אַפֿן רוקן, אַן אינוואַליד אָן הענט, עטלעכע יונגלעך־אַרבעטער מיט אַלטע כמורע פּענעמער, אַ יינגעלע מיט אַ מיידעלע אין דורכגענעצטע צעריסענע שטיוועלעך — אַלע אויסגעזעצט אַף זייערע פּאַנירענע קעסטלעך און שטאָפּענע טאָרבעס.

לאַנג שטייט דער צוג, ווי אַף אייביק צוגעקלעפּט צו די רעלצן מיט זײַנע אומבאַוועגלעכע פֿינצטערע רעדער. דאַכט זיך, ער שטייט גאָרניט אַף קיין רעדער, נאָר אַף פּירקאַנטיקע אײַזערנע קלעצער, וואָס קענען זיך ביכלאַל נישט רירן.

פּלוצעם צעוויינט זיך דאָס יינגעלע. ער ציטערט פֿון קעלט. דער זעלנער אַטאַבעקאָוו ציט אים אַראָפּ די שטיוועלעך, נעמט אים צו זיך און וויקלט אים איין די פֿיסלעך אין דער פּאָלע פֿון זײַן שינעל. ניעבאַבאַ פּרעגט שטרענג באַ דעם מיידעלע, וווּהין און צוליב וואָס שלעפּט זי מיט זיך אַזאַ קינד. דאָס מיידעלע זאָגט, אַז זי פֿאָרט מיט דעם ברודערל נאָך ברויט, ווײַל די מוטער אַרבעט אַף דער שוועבעלעך־פֿאַבריק און זי קען ניט אַוועקגיין. זיי פֿאָרן דעריבער, דאָס מיידעלע מיט דעם יינגעלע, אויסבײַטן זאַכן אַף ברויט, דאָס מיידעלע שווײַגט אַ ווײַלע און קלערט אים אויף, אַז זי קען טראָגן אַ פּוד ברויט און דאָס יינגעלע אַ האַלבן פּוד.

דער צוג רירט. אַלע זײַנען אײַנגעדרעמלט. נאָר אַטאַבעקאָוו מיט דעם יינגעלע ריידן אין דער שטיל. דאָס יינגעלע קײַט אַ שטיקל ברויט און רופֿט זיך שטיל אָן:

— אוי, פּעטערל, וויפֿל מאַכאָרקע איז פֿאַראַן אין דעם ברויט.

— טרייסל עס אָפּ, קינד, טרייסל אָפּ! — ענטפֿערט אים אַטאַבעקאָוו אויך אַזוי שטיל.

דער צוג גייט און גייט ניט. ס'איז קאַלט און שווער און יעדערער האָט ראַכמאָנעס אַף זיך און אַף אַנדערע.

— איך וועל מער קיינמאָל ניט פאָרן מיט דער באַן — זאָגט ווערעטעניקאָוו, ווען זיי קומען אָן אין דער פרי צו דער סטאַנציע בריסק.

דאָס וואָרט „בריסק" דערמאָנט נישט ווילנדיק דעם ערשטן טאָג מילכאָמע. דער סערזשאַנט ווערעטעניקאָוו דערמאָנט זיך וויאַזוי ער איז יענעם זונטיק (בריסק האָט שוין געברענט) אַרויסגעפאָרן אינאיינעם מיט אַנדערע אַרבעטער פונעם איוואַנאָווער טעקסטיל־קאָמבינאַט אַרום דער שטאָט. ער האָט דעמאָלט קאָרטעזשירט אַ מיידל און פונקט יענעם פרימאָרגן האָט ער פון פאַרשידענע קליינ:יקייטן, סאָף קאָל סאָף, פאַרשטאַנען, אַז ער געפעלט איר ניט. און ביז איינס נאָכמיטאָג, ווען זיי האָבן זיך דערוווּסט פון אַ פאַרביינגעפאָרענעם וועלאָסיפּעדיסט, וועגן דער מילכאָמע, האָט ווערעטעניקאָוו געמיינט, אַז נאָך אַזאַ אומגליקלעכער מענטש ווי ער, איז גאָר נישטאָ. און ערשט דעמאָלט ווען דער וועלאָסיפּעדיסט האָט צו זיי געשריגן וואָס עס איז געשען, האָט ווערעטעניקאָוו, נישט געקוקט אָף זיין קנאַפּער לעבנס־דערפאַרונג, פאַרשטאַנען, אַז וויכטיקערס ווי די מילכאָמע איז אָף דער וועלט נישטאָ.

באַ דער בריק איבערן בוג זעצן זיך אויף די זעקס זעלנער אָף אַ לאַסט־אויטאָמאָביל, וואָס פירט פּעק מיט זומערדיקער קליידונג פאַר דער אָפּערירנדיקער אַרמיי. דער שאָפער נעמט דערציילן ווערעטעניקאָוון וועגן זיינע היימישע זאָרגן. ער קלאָגט זיך אָף דער שטיף־מוטער, וואָס באַציט זיך שלעכט צו זיין פרוי און פּייניקט זי. ווען די מילכאָמע איז געווען אין סאַמע ברען, האָט ער זיך געמיט ניט צו טראַכטן וועגן אַזוינע זאַכן, איצט טראַכט דעם כעשבן וויפל דאָס וועט אים קאָסטן. ער זאָרגט זיך וועגן געהילץ, וואָרעם ער, אַז ער וועט מוזן איינפירן אַן אייגענע שטוב. און ער מאַכט דערבייַ דעם זייער געגנט איז אַ סטעפּישע, אָן וועלדער, הינטער דער וואָלגע.

דער אויטאָמאָביל לויפט איבערן געכוואַליעטן פוילישן פלאַכלאַנד. נאָר כאָטש די זעלנער קוקן זיך איין אין די אומבאַקאַנטע בילדער פון דעם פרעמדן לאַנד, ריידן זיי מערסטנס וועגן זייערע אייגענע זאַכן. זיי האָבן דערפילט דעם סאָף פון דער מילכאָמע און מיט דעם האַרצן טראָגן זיי זיך ניט פאָרויס, ווי דאָס איז פריִער געווען, נאָר צוריק, צו די איבערגעלאָזטע היימען. אין דער אייגענער צייט, אָבער, ווילן זיי וואָס גיכער אָנקומען צו זיך אינעם טייל, ווייל זיי פאַרשטייען, אַז זייער וועג צו דער היים ליגט נאָך דורכן פראָנט. און אַזוי אַרום ציען זיי צו מיירעוו, בעיים אין דער עמעסן פאָרן זיי קיין מיזרעך. און ווען מען זאָל זיי זאָגן, אַז קעדיי אַהיימצוקומען מוזן זיי אַרומרייזן דעם ערד־קיילעך, וועלן זיי געהאָרכיק דורכמאַכן דעם גאַנצן וועג — צופוס און אָף אויטאָמאָבילן, אויב מיט שלאַכטן איז מיט שלאַכטן, אויב אינעם הינטערלאַנד איז אינעם הינטערלאַנד.

ווי גוט זיי זאָל ניט זיין אָף די ווייכע פּעק מיט קליידונג, מוזן זיי זיך, פון דעסטוועגן, דערווייסן, אַפילע בלויז בעערעך, ווו עס געפינט זיך די דיוויזיע. צוליב דעם געזעגענען זיך די זעלנער מיט דעם שאָפער אין איינער אַ פוילישער שטאָט און לאָזן זיך גיין אויפזוכן די סאָוועטישע קאָמענדאַטור. ווערעטעניקאָוו פרעגט באַ איינעם אַ פּאָלאַק אין אַ הויכן הוט, ווו געפינט זיך די סאָוועטישע קאָמענדאַטור, נאָר דער פּאָלאַק ענטפערט ניט, ער גיט נאָר אַ קרומען קוק מיט אַ געמיש פון כויזעק און האַס, און גייט זיך זיין וועג, ווי ניט קיין מענטשן, נאָר אַ סטייַע ראָבן וואָלטן פאַר אים געשטאַנען.

פון דעם פאַל מאַכט ניעבאַבאַ אַ שנעלן אויספיר, אַז „די פּאָלאַקן האָבן אונדז נישט ליב" און אַז „אַ וואָלף, ווי דו זאָלסט אים ניט האָדעווען..."

ער אייצעט דעריבער ווערעטעניקאָוון ער זאָל זיך מיט דער אייגענער

פֿראַגע ווענדן צו איינעם אַ מענטשן אין אַן אַרבעטער־אָנצוג, ניט אין אַ הוט, נאָר אין אַן אַרבעס־קאָלירטן היטל מיט אויערן־לאַפּעס. באַ ווערעטע־ניקאָוון אָבער האָט זיך דערוועקט דער נייגער און אַ כיישעק צו פֿאָרשן, און ער ווענדט זיך ניט צו דעם וואָס אינעם אַרבעטער־אָנצוג, נאָר צו אַ צווייטן אין אַ הוט. אָט דער צווייטער שפּאַצירט אום איבערן טראָטואַר מיט אַ היל־צערנעם טראָט. ער איז אַ געשטרעקטער, אַ דאַרער, פֿול מיט כשיוועס און זייער העפֿלעך. נישט געקוקט אויפֿן גענוג שטאַרקן רעגן, הייבט ער אונטער מיט אַ ברייטן זשעסט דעם הוט באַם אָנגעגענען באַקאַנטע — און באַקאַנטע, קענטיק, האָט ער אַ סאַך.

ער הייבט אויף דעם הוט אויך דעמאָלט ווען ווערעטעניקאָוו קומט צו אים צו, און בעיסן געשפּרעך שטייט ער מיט אַן אָפּגעדעקטן קאָפּ. ער הערט אויס וואָס ווערעטעניקאָוו פֿרעגט אים, און ער קלערט אים אויף מיט אַלע פּראַטים, וויאַזוי צוצוקומען צו דער סאָוועטישער קאָמענדאַטור און פֿירט נאָך צו די זעלנער ביזן ראָג, קעדיי זיי אָנצווייַזן די ריכטונג. און די זעלנער קומען צום אויספֿיר, אַז דאָס לעבן איז אַ סאַך קאָמפּליצירטער ווי דאָס דאַכט זיך ניעבאַבאַן, און אַז ווען מען זאָל קענען אונטערשיידן צווישן פֿרייַנט און סאָנים לויט זייער קאָפּצודעק, וואָלט אַ סאַך גרינגער געווען צו לעבן אויף דער וועלט.

אין דער קאָמענדאַטור זאָגט מען זיי, אַז דער פֿראָנט געפֿינט זיך וויַיט אויפֿן מיַירעוו, אַז דער קאָמענדאַנט אַפֿילע ווייס ניט אויף ריכטיק וווּ אייגנט־לעך. מען ראָט זיי ציִען וויַיטער צו מיַירעוו, די גאַנצע ציַיט צו מיַירעוו.

די זעלנער האָבן איבערגענעכטיקט אין דער קאָמענדאַטור און גאַנץ פֿרי לאָזן זיי זיך וויַיטער אין וועג. די שטאָט שלאָפֿט נאָך, נאָר ווּ ניט ווּ, אין אַ קלייטל, אין אַ הויף, הייבט זיך אָן רודערן, מען הערט גענעצן, מען זעט צעשויבערטע פֿרויען־קעפּ. דער הימל איז פֿרימאָרגנדיק גרוי, פֿאַרצויגן מיט אַ לייַכטן נעפּל. נאָר וואָס אַ מינוט ווערט דער נעפּל מער צעשוווּכיען, דער הימל ווערט לויטער און בלוי. דער שליאַך פֿאַרלירט זיך צווישן בערג־לעך. אויף די ביימער באַם וועג צעגיסן זיך מיט געזאַנג די פֿייגל. הינטער זיי הייבט זיך אַ ריזיק גרויסע זון. פֿאַרויס זיי ציִען זיך לאַנגע קאָמישע שאָטנס, שיר ניט ביזן האָריזאָנט. די שאָטנס ווערן אַלץ קירצער, די לופֿט אַלץ וואַ־רעמער, די שטימונג בעסער.

באַלד יאָגן אָן אַ גאַנצע מאַכנע מענער, פֿרויען, קינדער און אַלטע לייַט. די מענטשן גייען פֿון ביידע זייַטן וועג און שטופּן פֿאַר זיך וועגעלעך אָדער זיי פֿירן באַ דער זייַט וועלאָסיפּעדן מיט לאָדונג. אַ מינוט צוואַנציק גייען זיי מיט די זעלנער האַנט באַ האַנט — צווייַ צווישן זיך פֿרעמדע וועלטן. דער־נאָך זעצן זיך די זעלנער אין שאָטן פֿרישטיקן, און יענע גייען זיך וויַיטער. דערנאָך צעלייגן זיך אויך זיי, ווי אַ לאַגער, אין אַ דערבייַיקן וועלדל, פֿריש־טיקן, און די זעלנער יאָגן זיי אַריבער און שפּאַנען אַוועק וויַיטער. די זעל־נער, וואָס זייַנען די נאַכט ווייניק געשלאָפֿן, באַשליסן דערנאָך צו כאַפּן אַ דרעמל. זיי טרעטן אָפּ פֿונעם וועג רעכטס, נאָר זיי געפֿינען ניט אין דער נאָנט קיין פּאַסיקן אָרט — דאָרט וואַקסן יונגע אָסינע־ביימלעך און עס איז נאַס. נאָר מיט אַן ערעך אַ האַלבן קילאָמעטער וויַיטער, זעט מען דערפֿאַר אַ גוטן הויכן אָרט, מיט אָפּגעוואַלגערטע זאַמדיקע ראַנדן, פֿון וועלכע עס שטעקן אַרויס סאָסנע־וואָרצלען. אין דעם סאָסנע־וועלדל, אויפֿן נידעריקן גראָז, וואָס שפּראָצט אַרויס פֿונעם זאַמד און איז אָנגעוואַרעמט פֿון דער זון, זייַנען די זעלנער איַינגעשלאָפֿן. ווען זיי כאַפּן זיך אויף, דערזעען זיי, אַז ניט וויַיט פֿון דאָרט איז צעלייגט די אייגענע מאַכנע. אַז דאָס איז די איי־

גענע און ניט קיין אנדערע, האט מען געקענט דערקענען אפילע בלויז דערפון וואס דא דרייט זיך ארום א מיידעלע מיט אזעלכע געלע האר, וואס א סאך אזעלכע איז, דאכט זיך, ניט צו געפינען. איר בלענדיקער קאפ שווינדלט פארביי אט דא, אט דארט, צווישן די סאסנעס.

זויעוו, וואס האט אינעם ארכאנגעלסקער קאנט א זון מיט פונקט אזעלכע האר, גייט צו נענטער און קוקט לאנג נאך דעם מיידעלע; זי לויפט אום איבערן לאגער און קוקט אריין מיט הונגעריקע אויגן אין די טעפ מיט עסן וואס עמעצער קאכט אף קליינע פייערן, אדער זי טשעפעט זיך צו אנדערע קינדער, דא גיט זי א שטויס א יונגעלע, דא קריכט זי אריין א צווייטן מיידעלע מיט די פינגער אין די האר און לויפט אוועק, באהאלט זיך הינטער א בוים און אין א מינוט ארום וואקסט זי אוים אפן צווייטן עק לאנקע.

זויעוו קוקט איר נאך און שמייכלט. דערנאך דערטראגט זיך צו אים דער געשפרעך פון די מענער און פרויען וואס זיצן ניט וויט. ער הערט זיך איין, צעעפנט א פאר גרויסע אויגן און לויפט צו די זייניקע.

— דייטשן זיינען עס — זאגט ער.

די זעלנער וואונדערן זיך. אין זייער פארשטעלונג זיינען דייטשן רעשאים, מענטשן באוואפנטע ביז די ציין. די זעלנער קומען צו נענטער צום דייטשן לאגער. און וואס מער זיי קוקן, אלץ קלארער ווערט זיי דער פאשעטער אומשטאנד, אז דאס זיינען אלטע לייט, פרויען, מענער און קינדער, כאטש זיי זיינען דייטשן. די זעלנער זעען ווי די דייטשן עסן גאנץ מאגער, זיי קאכן א זאציערקע פון הוילע וואסער, פארשאטן מיט אזא טונקעלן מעל — א זופ, וואס איז באקאנט אויך רוסישע מענטשן אפן גאנצן ריזיקן הינטערלאנד. שטילע געשפרעכן, געוויין פון קליינע קינדער און קוויטש פון גרויסע, פארצווייפלונג פון מוטערס און טעמפע האכנאע פון מענער — דאס אלץ וואס איז אזוי שנייידיק טיף באקאנט.

האס? ניין, די זעלנער פילן ניט קיין האס. פון זייערע אויגן קוקט פארזיכטיקייט, אומצוטרוי, פארוואונדערונג — נאר נישט קיין האס. מעגלעך, ווען זיי רייסן זיך אריין קיין דייטשלאנד מיט שלאכטן, ווי יענע פאדערשטע טיילן, וואס רוקן זיך פארויס פאר זיי — וואלט בא זיי געווען האס. בא אט די אומשטענדן באווייזט ער זיך אפילע ניט. די זעלנער זעען פאר זיך פאשעטע אומגליקלעכע מענטשן, דערצו נאך אין וועג, ווי די זעלנער גופע.

ווערעטעניקאוו שפאנט ארויס אפריער און פרעגט בא דעם מאן און דער פרוי, וואס זיצן נענטער פון אלע, וואוהין זיי גייען. דער מאן מישט פוילישע מיט דייטשע ווערטער, און קלערט אים אויף, אז זיי לויפן פון שלעזיע און ווייסן ניט וואוהין זיי גייען, ביז עמעצער וועט זיי אפשטעלן און געבן עפעס ארבעט. די פרוי צעוויינט זיך. די זעלנער שאקלען מיט די קעפ, און ווייל זיי קענען זיי מיט גארניט העלפן, גייען זיי פאשעט צוריק אף דעם ארט ווו זיי האבן זיך אפגעשטעלט און נעמען זיך גרייטן אין וועג.

אויך די דייטשן נעמען זיך גרייטן אין וועג און ווידער ציען ביידע גרופעס פארויס זייט בא זייט. דערנאך בלייבן די דייטשן פון הינטן. פלוצעם דערהערט מען א פארצווייפלטן קוויטש און געוויין. זויעוו קוקט זיך אום און זעט ווי א הויכער, דארער, לאנג ניט געראזירטער געלער דייטש שלאגט דאס געלע מיידעלע; מיט דער לינקער האנט האלט ער זי צו און אין דער רעכטער האלט ער א רוט און שמייסט מיט איר דאס מיידעלע איבערן רוקן, איבער די הוילע פיס. בא דער זייט שטייט א קליינינקע בלייכע פרוי, ברעכט די הענט און שרייט עפעם — זי בעט אים, א פאנעם, ער זאל ניט שלאגן

דאָס מיידעלע. נאָר דער מאַן הערט זי ניט און שלאָגט ווײַטער, ביז זויעוו גיט אים א שטויס אין רוקן. דעמאָלט לאָזט דער דײַטש אפ דאָס מיידעלע און ער בלײַבט פאַרגליווערט אין דער פּאָזע פון א פולשטענדיק געבראָכענעם מענטשן.

— זאָלסט זיך ניט דערוועגן, בעסטיע.

דערנאָך קומט זויעוו צוריק צו די זײַניקע א בייזער.

— גייען זיי צום... פאַרשאָלטענע דײַטשן! — ער זאָגט עס מיט דער גאַנצער אויפריכטיקייט און ניט געמאַכטער אויפגעבראַכטקייט, כאָטש ער אליין האָט ניט איין מאָל געשלאָגן זײַן זון און האָט עס נישט געהאַלטן פאַר קיין כאַרפּע. פון א זײַט זעט זיך עס א סאַך שרעקלעכער. דערצו נאָך א מיידל. דאָך, פאַרשווערט זיך זויעוו, אז ער וועט זײַן זון מער ניט שלאָגן, און ווישט אפ א טרער קיינער זאָל ניט זען.

— וואָס וועט מען עפּעס ניט קיין אויטאָמאָבילן? — פרעגט זויעוו נאָך א היפּשער ווײַלע שווײַגן.

באַלד באַווײַזן זיך אויטאָמאָבילן און די זעלנער פאָרן ווײַטער. נאָר דאָ פּאַסירט אזוי אז די אויטאָמאָבילן מוזן אראָפּ פונעם שליאַך און די זעלנער מוזן אראָפּשפּרינגען. קעדיי ניט צו פּאַטערן אומזיסטע צײַט, וואַרטן ניט די זעלנער אף קיין נײַע אויטאָמאָבילן און לאָזן זיך שפּאַנען פּאַמעלעכן צו מײַרעוו. דער זון־פאַרגאַנג איז א פּרעכטיקער. די רויטקייטן צעליגן זיך איבערן הימל שנעל און ברייט. די רויטע פּאַסן אפן האָריזאָנט דערמאָנען די זעלנער דעם פראָנט. זיי דאַכט זיך אפילע מען שיסט דאָ ניט ווײַט. נאָר ניין, דאָס דאַכט זיך זיי ניט, ערגעץ נאָנט קנאַלט אַן אַפּטע שיסערײַ. פאָרויס אפן וועג, שטייען עטלעכע לאַסט־אויטאָמאָבילן, און פון דאָרטן הערט מען דאָס קנאַלן. „איז אָט זײַנען מיר צוגעקומען" — טראַכט זיך וועריעטעניקאָוו און זיפצט אפ. ער כאַפּט זײַן ביקס אין דער האַנט, טרעט אפ פונעם וועג, בייגט זיך אײַן און לאָזט זיך גיין צו די לאַסט־אויטאָמאָבילן. ער קומט צו נענטער און זעט, אף די קעלניעס שטייען סאָוועטישע זעלנער, מיט ביקסן אין די הענט און שיסן אין הימל ארײַן. וועריעטעניקאָוו הייבט די אויגן צום טונקל געוואָרענעם הימל און וויל אין אים אויסגעפינען דעם סוינעס אן עראָפּלאַן, און די זעלנער אין די אויטאָמאָבילן שרײַען עפּעס און שיסן. מיט א מאָל שרײַט אויס פּיעטוכאָוו מיט אן אויפגעציטערטן קאָל:

— די מילכאָמע איז געענדיקט.

און ער זעצט זיך אוועק אפן גראָז.

אַלעמען איז, צוליב עפּעס, אזוי נאַטירלעך זײַן אוועקזעצן זיך, און אלע, אכוץ וועריעטעניקאָוו, זעצן זיך אוועק, אַנדערע לייגן זיך גאָר אַוועק אפן גראָז. איין וועריעטעניקאָוו שטייט. אים ווילט זיך אַלעמען נאָכאַנאַנד אַרומנעמען און פלוידערן אַן אויפהער, און אין דער אייגענער צײַט ווילט זיך אים ערגעץ פאַרקלײַבן זיך טיף אין וואַלד און לאַנג, עטלעכע טעג נאָכאַנאַנד, דאָרט זיצן איינער אליין.

I

אלץ האָט זיך אָפּגעשטעלט. פון אָנהויב האָט דאָס יעדער איינער אויפגענומען גלײַך די צײַט אליין וואָלט זיך אָפּגעשטעלט, אזוי צוגעווינט איז מען געווען צו באַוועגונג, צו אָרט־ענדערונג, צו דראַנג פאָרויס, אף נײַע שטאַכים. צײַט איז אייגנס געוואָרן מיט רוים, א מינוט, א שאָ, א טאָג, א וואָך, האָט זיך געדאַכט, זײַנען ניט מער ווי א מין ספּעציעלע מאָס פאַר

קילאָמעטערס. און דאָ גייען די שאָען, די טעג און די וואָכן און דאָס אָרט בייַט זיך ניט. צו דעם צושטאַנד געוווינט מען זיך צו לאַנגזאַם און בלויז שטופּנווייַז לופטערט זיך אויס פון די אויגן דער טשאַד פון קעסיידערדיקער באַוועגונג און עס קילט אָפּ אין האַרצן דער דראַנג פון איבער דער מאָס געשפּאַנטן לעבן.

קאַפּיטאַן טשאַכאָוו כאַפּט זיך אויף איין מאָל, אום זומער, אין אַ ווייכן בעט. געכאָלעמט האָט זיך אים אַן אַטאַק אָף אַ געוויסן באַשנייטן בערגל אָן אַ נאָמען. אין שלאָף האָט ער ביז הייזעריקייט געשריגן „פאָרויס אין אַטאַק", בא דער זייַט האָבן אויפגעריסן גראַנאַטן, דער שניי האָט זיך געשמאָלצן און געשיפּעט בא די ראַנדן פון די לעכער און עמעצער האָט געקרעכצט. אין כאָלעם איז דאָס אַלץ געווען אַזוי נאַטירלעך, די מענטשלעכע פּנימער זייַנען געווען אַזוי בלייך און אין זיך אַרייַנגעטאָן, דאָס האַרץ אַזוי פאַרקלעמט, קורץ, דער געמיט און אַלע סימאָנים פון צייַט און אָרט זייַנען אַזוי ענלעך געווען צו דער וואָר, אַז טשאַכאָוו פאַרשטייט ניט, ווען ער כאַפּט זיך אויף אינעם ווייכן בעט, ווו ער געפינט זיך. דערצו נאָך הערט זיך אַזוי ריין און לאַנגזאַם דאָס קלינגען פונעם גרויסן זייגער, אַז טשאַכאָוו איז בא זיך ניט זיכער, צי איז ער ניט טויט.

נאָר אַפילע דעמאָלט ווען ער דערמאָנט זיך, אַז ער געפינט זיך אין דער דייַטשער שטאָט וויטענבערג, אָף דער עלבא און אַז שוין באַלד צוויי כאָדאָשים ווי די מילכאָמע איז געענדיקט, מערקט זיך טשאַכאָוו, אַז ער קען זיך נישט באַפרייַען פון אַ מין אומקלאָרן געפיל וועגן עפּעס אַ גרויסן אומרו: הייַנט דאַרף ער איבערגעבן די ראָטע. נאָכמער, די גאַנצע דיוויזיע איז רעאָרגאַניזירט און, האָכט זיך, אַפילע דער קאָרפּוס, אין וועלכן עס גייט אַרייַן די דיוויזיע. עלטערע זעלנער פאָרן אַהיים, די יינגערע מוז מען איבערפירן אין אַנדערע טיילן, און די אָפיצירן שיקט מען אין ספּעציעלע קאָמיסיעס, וואָס באַשטימען וואָס מיט דעם אָדער יענעם צו טאָן: אַהיימלאָזן אָדער איבערלאָזן אין אַקטיוון דינסט.

טשאַכאָוו ווייס בעעמעס ניט וואָס ער וועט טאָן, אויב מען וועט אים דעמאָביליזירן. די צוקונפט אויסער דער אַרמיי זעט אים אויס אוממעגלעך און שווער, ווי אַ שטראָף. דעם עמעס געזאָגט, האָט ער מוירע, דער צו פיל אומאָפּהענגיקער און אַפילע עטוואָס ניט דיסציפּלינירטער אין די געוויינלעכע אומשטאַנדן פון אַרמיי־לעבן, ער האָט מוירע פאַר דער וואָכעדיקער זעלבשטענדיקייט. אָנגעמען באַשלוסן פאַר זיך, דאָס הייסט, אַליין אויסקלייַבן דאָס אָרט וווּהין צו פאָרן, מיט וואָס זיך צו באַשעפטיקן, שאַפן זיך זייַן אייגן ווינקעלע אָף דער ערד — דאָס אַלץ שרעקט אים. איצט טראַכט ער מיט אומגעוויינלעכער צערטלעכקייט וועגן די שטרענקייטן און האַ־בע רעגלאַמענטן פון דער אַרמיי, וואָס פלעגן אים ניט זעלטן דריקן. „אויספילן דעם באַפעל" — ווי צוגעוויינט מען איז געווען צו אָט דער ווערטער־פאַרבינדונג, ווי איבערצייַגנדיק עס איז געווען זייער זין, וואָס האָט באַפרייַט פון מוזן בויען אייגענע לעבנס־פּלענער.

אָן אָפּגעריסענער, צוליב די מילכאָמע־יאָרן, פונעם ציווילן לעבן, וואָס ער האָט עס אייגנטלעך אַפילע ניט פאַרזוכט צוליב זייַן יונג זייַן, טראַכט איצט טשאַכאָוו מיט לייַכטער גרינגשעצונג — אָבער אויך ניט אָן פּאַכעד — וועגן דער זאָרג פאַר קליידונג, וווינונג, באַדינונג, ראַמען און וואַשן.

וואָס האָט טשאַכאָוו זיך אויסגעלערנט מילכאָמע־צייַט? וואָס קען ער? וואָס ווייס ער? ער קען אָנפירן מיט מענטשן, זיי צווינגען אויסצופירן זייַנע באַפעלן. ער קען אָף אויסנווייניק אַלע אינפאַנטעריע געווערן, וואָס זייַנען

פֿאַראַן אין די צוויי גרעסטע אַרמייען: די האַנט־מעטראַליעס און די שווערע, די ביקסן, די אויטאָמאַטן, די גראַנאַטן און דאָס אַנטי־טאַנקן־געווער. ער קען זיך אָריענטירן אינעם קלוימערשטן פּלאָנטער פֿון דער שלאַכט, אים אָקעגנשטעלן זײַן ווילן, וואָס איז שטאַרקער ווי די מוירע פֿאַרן טויט. ער האָט זיך ביכלאַל אָפּגעוווינט פֿון מוירע, אַלץ־פֿאַלס פֿון אַרויסווײַזן מוירע. קורץ גערעדט, טשאָכאָוו האָט זיך אויסגעלערנט גרייט זײַן יעדן טאָג און יעדע מינוט צו שטאַרבן פֿאַר זײַן פֿאָטערלאַנד.

שלעכט איז נאָר וואָס אָט די שיינע און שווערע קענטעניש זעט איצט אויס אין טשאָכאָווס אויגן קיינעם ניט נייטיק. אָט דער יונגער מענטש, אַ געניטער אין מילכאָמע־זאַכן, נאָר שוואַך אין געשיכטע און פּאָליטיק, רעכנט אַז מער זײַנען שוין קיין סאָנים נישטאָ. דאָס פֿרייט אים אַפֿילע, וואָרעם, ניט אָן גײַווע, האַלט ער, אַז ער האָט זיך ניט ווייניק מי געגעבן צו פֿאַרניכטן די סאָנים פֿונעם ראַטנפֿאַרבאַנד, ער קען זיך אָבער אין דער זעלביקער צײַט ניט פֿאָרשטעלן וואָס ער וועט ווײַטער טאָן.

ווידער קלינגט דער זייגער. טשאָכאָוו ציילט אָן זעקס און הייבט זיך אויף פֿונעם בעט. בעפֿיירעש, שפּרינגט ער ניט אַראָפּ, ווי ער פֿלעגט דאָס טאָן פֿיר יאָר נאָכאַנאַנד, נאָר ער הייבט זיך אויף — פּאַמעלעך, נישט גע־אײַלט, ווי עס הייבן זיך אויף מענטשן, וואָס אַף זיי וואַרטן ניט קיין וויכטיקע איניאָנים.

די פֿענצטער זײַנען אָפֿן, די פֿירהענגלעך זײַנען אָנגעבלאָזן ווי זעגלען און עס דרינגט דורך זיי אַרײַן די פֿרימאָרגנדיקע שײַן. טשאָכאָוו זעט פֿאַר זיך אַ שטילן שלאָפֿצימער פֿון אַ דײַטשן בירגער, מיט אָן אַ שיר סטאַטועטקעס, נידעריקע פּופֿן, וואַנט־טעפּיכלעך מיט אויסגעהעפּטע אויפֿשריפֿטן, בלעזלעך און סלויעקלעך אָפֿן טישל פֿאַרן טרומאָ. דעסטאָ שרעקלעכער איז די „פּוראַזשקע" מיט דעם רויטן שטערן, דער פּיסטויל, די עטלעכע אינסטרוקציעס אין רויטע פֿאָדערבלעטלעך, און דאָס צעעפֿנטע בוך — „טשאַפּאַיעוו" פֿון פֿורמאַנאָוו. אַפֿילע אין דער לופֿט פֿון דעם צימער קעמפֿן צווישן זיך די גאַנצע צײַט צוויי רייכעס: איינער, אַ פֿאַרעלטערטער, אַ זויערער, אַ פֿאַרבליבענער פֿונעם אומבאַשטימטן וווילגערוך פֿון טואַלעט־זייף, פֿון קינדערשער באַשיטעכץ, פֿון אויסגעפּרעסטן פֿאַמיליען־וועש, שווייס פֿון דרײַ דוירעס מענטשן, וואָס האָבן דאָ געלעבט, דער צווייטער — אַ נײַער, אַ שאַרפֿער, פֿון טאַבאַק, פֿון רימענעס, פֿון זעלנערישן געוואַנט און יאָדלעכאָינקע, און דער אַלטבאַקאַנטער, פֿאַר זעלנער און יעגערס, רייעך וואָס לופֿטערט זיך קיינמאָל ניט — דער רייעך פֿון פּולווער.

די צוויי רייכעס, וואָס מישן זיך און שטויסן זיך אָפּ, דאָ אין איין ווינקל, דאָ אין אַ צווייטן, טרעטן אָפּ צולעצט זייער פּלאַץ דעם פֿרישן און פֿון וועלט־פּראָבלעמען ווײַטן וווילגערוך פֿון אַ ליבן זומערדיקן פֿרימאָרגן, וואָס רײַסט זיך שטורמיש אַרײַן אינעם צימער.

טשאָכאָוו צעעפֿנט דאָס פֿענצטער. די שטאָט שטייט אַ שטילע, אַ ליכטיקע און אַ ליידיקע. דער פֿרימאָרגן שטילקייט שטערט נאָר דער הילכיקער געזשום פֿון גרויסע גרינע פֿליגן און דער זעלטענער צוקלאַפּן זיך פֿון לעדלעך.

— מען דאַרף גיין — זאָגט טשאָכאָוו.

ער טוט זיך אָן און גייט אַרויס. די גאַסן שלאָפֿן נאָך, זעלטן נאָר קומען אים אַקעגן איינצלנע דײַטשן און דײַטשקעס. טשאָכאָוו שענקט זיי ניט קיין שום אויפֿמערק. ער האָט זיך אָנגעאייגנט אַ פֿולע און אומבאַדינגטע גלײַכגילטיקייט צו זיי. זיי זײַנען פֿאַר אים ניט מער ווי אַ טייל פֿון דער שטאָטישער לאַנדשאַפֿט, און די שטאָט אַליין — זייער אָן אַלטע, אָן אָנגע־

נעמע און אַ שטילע — האַלט ער פאַר ניט מער ווי אַ באַפּעלקערטן פּונקט, וווּ עס האָט זיך צײַטווײַליק אָפּגעשטעלט דער רעגימענט, און אין אים די צווייטע שיסער־ראָטע. די שטאָט פון מארטין לוטער — וויטענבערג — מיט אירע מאָנומענטן, אויפשריפטן, קאַטעדראַלעס, קירכן, מיט די דערמאָנונגען פון איר שטורמישער געשיכטע אין הײַנטיקן לעבן, איז פאַר טשאַכאָוון ניט מער ווי אַ קליינע טייל פון אַ מיליטערישער טאָפּאָגראַפישער קאַרטע.

טשאַכאָוו גייט פאַרבײַ דאָס אַלטע ראָטהויז, די באַצירטע מיט אײַזן־שניצערײַ מאָנומענטן פאַר די דײַטשע רעפאָרמאַטאָרס פון זעכצנטן יאָרהונדערט, די זייער אַלטע ווירטענבערגער קאַטעדראַלע. ער קוקט אַף זיי נישט ווייניקער גלײַכגילטיק ווי די אַלטע שטיינער קוקן אַף אים. אינעם גאַנצן פאַר אים פרעמדן וויטענבערג אינטערעסירט אים נאָר איין געבײַדע, די רויטע ציגלנע קאַזאַרמע, וווּ די זעלנער געפינען זיך.

אינעם קאַזאַרמע־הויף ראַשט זיך, כאָטש עס איז נאָך פרי. די זעלנער, טייל נאָך אָן די געניטונגס־רעקלעך רופן זיך איבער, לויפן ווי די מעשוגאָים, און פרייען זיך, זעט אויס, מיט די גרויסע און אָפּט געווינטשטע ענדערונגען, וואָס שטייען זיי פאַר אינעם לעבן. זיי גריסן אין מיטן גאַנג דעם קאַפּיטאַן, וואָס האָט באַוויליקט אַזוי פרי צו קומען און שפּאַנט איבערן הויף מיט אונטערגעשטראָכענער אָנגעצויגנקייט, מיט זײַן גאַנצן שטײַפן, רייַנעם און ניט צוטריטלעכן אויסזען, ווי ער וואָלט אַרויסגעוויזן נישט גערנקייט מיט דעם פרייִלעכן טומל וואָס הערשט אַרום. ער ענטפערט קוים אַף די באַגריסונגען און שפּאַנט ווײַטער ניט געאײַלט צו דער קאַזאַרמע. ער הייבט זיך אַרויף אַפן צווייטן שטאָק, אינעם לאַנגן הילכיקן קאָרידאָר מיט די געוועלבטע סופיטן און בלײַבט שטיין פאַר דער טיר וווּ עס שטייט אײַן זײַן ראָטע.

ניין, דאָס איז שוין ניט זײַן ראָטע און דער ווײַ פון שיידונג שנײַדט דאָס האַרץ פונעם קאַפּיטאַן· דער וועכטער בײַ דער טיר רופט אויס דעם געוויינלעכן „סמירנאָ" (שטיל), אַלע שפּרינגען אויף פון די ערטער, דער אונטעראָפיציר גאַדונאָוו גיט אָפּ העלדיש דעם ראַפּאָרט. אַלץ גייט לויט דער אײַנגעפירטער אָרדענונג און שיידט זיך אין גרונט ניט אונטער דערפון וואָס עס איז געווען נעכטן און צוריק מיט אַ וואָך. און דאָך איז אַלץ אַנדערש. קיינער שלאָפט ניט, כאָטש לויט דער פאָרשריפט דאַרף מען אויפשטיין אום זיבן; די געלעגערס זײַנען פאַרבעט מיט איבערגעטריבענער טיכטיקייט; אַזוי פאַרבעטן זייערע געלעגערס מענטשן, וואָס קלײַבן זיך מער ניט שלאָפן אַף זיי; עלטערע זעלנער, וואָס דאַרפן זיך שוין דעמאָביליזירן, זיצן בעכאַוורוסע אין אַ ווײַטן ווינקל פון דער קאַזאַרמע, און זעען אויס ווי פייגל, וואָס האַלטן זיך צוזאַמען פאַרן אָפּפליען. טשאַכאָוו באַקוקט די זעלנער מיט אַ בליק, וואָס ער וויל אים צוגעבן שטרענגקייט, נאָר דער בליק באַקומט זיך גאָרניט קיין שטרענגער, נאָר גיכער אַ טרויעריקער.

ער באַפעלט „וואָלינאָ" (פרײַע האַלטונג). די זעלנער גייען אַרויס צו דער פרימאָרגנדיקער גימנאַסטיק; דערנאָך וועלן זיי גיין אין עס־זאַל פרישטיקן. אין קאַזאַרמע בלײַבט בלויז דער וועכטער בײַ דער טיר. אויך טשאַכאָוו בלײַבט, ער גייט אום צווישן די בעטלעך, ווי ער וואָלט עפּעס געזוכט. דערנאָך נעמט ער קוקן אין פענצטער, ווי שטענדיק אַ שטײַפער, אַ ריינער, אַ ניט־דורכדרינגלעכער, אַזוי אַז פון דער זײַט קען זיך דאַכטן, אַז ער שטייט דאָ נישט גלאַט אַזוי זיך, נאָר ער קלערט וועגן עפּעס וויכטיקס אָדער ער קוקט זיך צו צו עפּעס וואָס געהער צו זײַן דינסט־פליכט.

די עלצטע פון די ראָטע־אָפּטיילונגען פאַרשפּעטיקן אַף עטלעכע מינוט

— אַ נאַכלעסיקייט, וואָס טשאַכאָוו קען זי ניט דולדן. הײַנט, קענטיק, האָבן זיי געהאַלטן פֿאַר מעגלעך ניט צו זײַן אַזוי פּינקטלעך. אַזוי ווי אין דער אַרבעטס־אײַנטיילונג פֿונעם טאָג זײַנען קיין ענדערונגען נישט אַרײַנגעבראַכט געוואָרן, באַפֿעלט זיי טשאַכאָוו אַרויסצופֿירן די זעלנער אויף טאַקטישער געניטונג. זיי וווּנדערן זיך אַביסל, נאָר זיי שטעלן אויס די זעלנער, און די ראָטע גייט אַרויס, אָפּטיילונגען־ווײַז, אַרויס דער שטאָט. טשאַכאָוו גייט דערווײַל אַרײַן אינעם שטאַב פֿונעם באַטאַליאָן געוואָר צו ווערן וואָס ווײַטער צו טאָן.

אינעם שטאַב זיצן בלויז די שרײַבערס. זיי שרײַבן אויס לאַנגע צעטלען דעמאָביליזירטע. טשאַכאָוו שטייט דאָ אַ מינוטן פֿינף און גייט אַוועק צום שטאַב פֿונעם רעגימענט.

דער שטאַב גייט אויף רעדלעך, פֿונעם שכייניש צימער הערט זיך דאָס דונערנדיקע קול פֿונעם רעגימענט־קאָמאַנדיר, דעם פּאָד־פּאָלקאָווניק טשעטוועריקאָוו. פֿאַראַן זײַנען דאָרט, קענטיק, אויך די באַטאַליאָן־קאָמאַנדירן. אינעם גרעסטן צימער פּראַוועט מאַיאָר מיגאַיעוו. ער איז באַפֿאַלן פֿון די אינטענדאַנטן און סטאַרשינעס . עס גייט אין מאַטאָנעס פֿאַר די דעמאָביליזירטע זעלנער. מען האָט ערשט געבראַכט מאָטאָציקלעטן, וועלאָסיפּעדן און ראַדיאָ־אויפֿנעמערס. די שרײַבערס זיצן בײַ די טישן און שרײַבן אַלץ די רײַסטערס. צוויי שרײַב־מאַשינקעס קלאַפּן אָן אויפֿהער.

— ווו איז אײַער ראָטע? — פֿרעגט פּלוצים מיגאַיעוו, ווען ער דערזעט טשאַכאָוון.

טשאַכאָוו שטייט אויסגעצויגן, מיט דער האַנט בײַם דאַשעק און ענטפֿערט:

— אויף טאַקטישע געניטונגען, לויט דער פֿאַרשריפֿט. די טעמע: אַן אָנגרײַף פֿון שיסער־אָפּטיילונגען אויף דעם סוינעס אַ לאַנגדויערנדיקן פֿײַערפּונקט.

מיגאַיעוו גיט אַ שמייכל:

— נו, ריכטיק. — דערנאָך זאָגט ער: גייט ניט אַוועק איך דאַרף מיט אײַך עפּעס ריידן.

— כ׳בין דאָ — זאָגט טשאַכאָוו און גייט צו צום פֿענצטער.

אין צימער פֿאַלן אַרײַן אָפּיצירן — אַרטילעריסטן פֿון אַ צווייטער טייל. מיגאַיעוו גיט זיי איבער, לויט אַן אַקט, די אַרטילעריע פֿונעם רעגימענט. אינאיינעם מיט מיגאַיעוון און מיט דעם שעף פֿון דער רעגימענט־אַרטילעריע, גייען זיי אַרויס אױפֿן הויף, און טשאַכאָוו זעט דורכן פֿענצטער די גאַנצע צערעמאָניע פֿון איבערגעבן די קאַנאָנען און מינענוואַרפֿער. גרויסע טראַקטאָרן שלעפּן זיי. די קאַנאָנען גלאַנצן פֿאַר ריינקייט; זיי זעען אויס ווי נײַע, נאָר אויף די רערן זעען זיך אָן די סימאָנים, וואָס די אַרטילעריסטן האָבן געמאַכט, אויף צו באַצייכענען וויפֿל טאַנקען, טראַנספּאָרטירן און אויטאָמאַטאָרן דעם סוינעס זיי האָבן אונטערגעשאָסן. די שאָפֿערן און אַרטילעריסטן רויכערן, שמועסן צווישן זיך. אַ באַיאָרנטער מינענוואַרפֿער מיט צוויי אָרדנס פֿון גלאָר אויף דער ברוסט, גלעט מיט זײַנע גרויסע סענקעוואַטע פֿינגער דעם רער פֿון זײַן מינענוואַרפֿער. די קאָלאָנע אַרטילעריע לאָזט זיך ענדלעך אין וועג אַרײַן און די רעגימענט־אַרטילעריסטן, וואָס זײַנען פֿאַרבליבן אין הויף, מאַכן צו זיי מיט די הענט, געזעגענען זיך אויף אייביק מיט זייער געווער.

מיגאַיעוו גייט צוריק צו זיך אין צימער, ניט ווי שטענדיק, מיט אַ שפּרינגעלע, נאָר פּאַמעלעך, פֿײַערלעך. נאָך אים באַווײַזט זיך עפּעס אַן

אינטענדאַנט און גיט אים צו וויסן, אַז ער האָט געבראַכט לאַסט־אויטאָמאַבילן מיט צוקער, קעז און פּוטער, פּאַקעטן פאַר די דעמאָביליזירטע.

— אָט אַזוי, הייסט עס — גיט מיגאַיעוו אַ זײַטיקן קוק צו טשאַכאָוון — פּוטער אַ־שטאָט קאַנאָנען.

דערנאָך גייט מיגאַיעוו, ווידער ערגעץ אַוועק און די שרײַבערס גייען אים נאָך. טשאַכאָוו בלײַבט אַ מינוט אַליין אינעם שטאַב־צימער. אין דער מינוט עפנט זיך אַ טיר און עס קומט אַרײַן דער רעגימענט־קאָמאַנדיר, טשעטוועריקאָוו, מיט זײַן געוויינלעכן קובאַנער היטל אויפן קאָפּ, מיט די קרומע פיס פון אַן אַלטן רײַטער. ער מערקט ניט טשאַכאָוון. ער גייט צו צום פענצטער, און ווי פריער טשאַכאָוו, שפּאַנט ער אום הין און צוריק איבערן צימער.

ער פילט אַז ער האָט ניט וואָס צו טאָן און דאָס ליידיקגיין וואונדערט אים און שרעקט אים. ער דערזעט דעם איינזאַמען טשאַכאָוון, קוקט אים שאַרף אָן און מאַכט אַ רעגע דעם אָנשטעל פון אַ אומאָפּהענגיקן פאַרנומענעם מענטשן, וואָס קלערט וועגן עפּעס וויכטיקס. דערנאָך, קענטיק, באַשליסט ער, אַז נישטאָ זיך וואָס צו פאַרשטעלן, צי דערפאַר וואָס ער האָט אינעם קאַפּיטאַנס בליק אויפגעכאַפּט דעם אויסדרוק וואָס איז געווען אין זײַנע אייגענע אויגן, און ער גייט צו צו אים, דריקט זײַן קליינע האַנט מיט זײַן גרויסער פעטער האַנט (צום ערשטן מאָל זינט זיי דינען אינאיינעם) און זאָגט:

— אָפּגעמילכאָמעט.

דאָס וואָרט ווי דאָס וואָרט, און ניט אינעם וואָרט ליגט דער קויעך. דער קויעך ליגט אינעם אויסדרוק פון טשעטוועריקאָווס אויגן. ער קוקט אויף טשאַכאָוון מיט צערטלעכקייט, מיט הילפלאָזער צערטלעכקייט, ווײַל זי קען זיך ניט אויסדריקן אין עפּעס גרינגלעכס.

מען האָט אים אַוועקגערופן און ער גייט טייקעף אַוועק. און טשאַכאָוו, וואָס קען זיך נישט דערוואַרטן אויף מיגאַיעוון, גייט אַרויס פונעם שטאַב און לאָזט זיך גיין אַרום דער שטאָט, וווּ זײַן ראָטע געפינט זיך.

II

ער איז צוגעקומען צו זײַן ראָטע פּונקט דעמאָלט ווען די זעלנער האָבן זיך צעלייגט אָפּרוען. זיי רויכערן. די רויכלעך פון די ציגאַרעטן הייבן זיך גלײַך אַרויף, — עס איז קיין ווינט נישטאָ.

טשאַכאָוו בלײַבט שטיין הינטער די קוסטעס וואָס וואַקסן בײַ די זײַטן וועג, און קוקט אויף די זעלנער, וואָס זיצן און ליגן אין די פאַרשיידנסטע פּאָזעס. איבער זיי הענגט דאָס גערדיכטע געבלעטער פון אַלטעביימער, וואָס זײַנען טשאַכאָוון ניט באַקאַנט — צי ניט בוכנביימער. נאָר אויך די ביימער, און די פאַנטאַסטישע בערגלעך, באַוואַקסענע מיט גראָז, און די רויטע דאַכלקעס פון די דערבײַ אינעם ניט ווײַטן דאָרף, און דער העל־בלויער פּאַס עלבאַ, ניט ווײַט, — דאָס אַלץ נעמט ער אויף, נאָר דאָס בלײַבט ניט פאַרפיקסירט בײַ אים אין מויעך. זײַן אויפמערקזאַמקייט איז געווענדט גראָד אויף די מענטשן אין די אָפּגעבלאַקירטע קימאַט ווײַסע מונדיר־רעקלעך. ער קוקט אויף זיי גלײַך ער וואָלט זיי געזען צום ערשטן מאָל. ווי שטענדיק, איז דער סעקרעטאַר פון דער פּאַרטיי־אָרגאַניזאַציע, סליווענקאָ, דער צענטער פונעם קרײַז לעבהאַפטיק שמועסנדיקע. ער רעדט עפּעס זייער געלאַסן און שפּאַלט די לופט פון צײַט צו צײַט מיט קורצע זשעסטן פון זײַן רעכטער האַנט. טשאַכאָוו קוקט איצט אויף אים ניט פאַרבײַלויפנדיק, ניט ווי אַ קאָמאַנדיר, ניט ווי אַן אָפיציר באַקוקט די אויסערלעכקייט פון זײַנעם אַ זעלנער, קורץ, ניט ווי

ער פּלעגט אַף אים קוקן פֿריִער, נאָר ווי איין מענטש קוקט זיך איַין אינעם צווייטן. ער קוקט אַף אים ווי אַף אַ אומבאַקאַנטן. דאָס טונקעלע פּאָנעם, די בלוי־שוואַרצע וואָנציעס, די קורצע פּיַיקע וואָס האָט זיך אונטער זיי באַקוועם געמאַכט, די רויִקע גוטע אויגן — דאָס אַלץ, דאַכט זיך טשאַכאָוון, זעט ער צום ערשטן מאָל. „אַ שיינער מענטש" — טראַכט זיך טשאַכאָוו. ער האָט נאָך קיינמאָל פֿריער נישט געטראַכט אַזוי וועגן זיַינעם אַ זעלנער אַף אַזאַ צכט ציווילן אויפֿן. אים ווילט זיך שטאַרק וויסן וועגן וואָס דערציילט סליוועגקאַ די זעלנער. „מיסטאָמע וועגן פֿרידלעכער בוויונג" — וויל ער זיך אָנשטויסן און שמייכלט מיט אַ געווויסן קינע־געפֿיל.

דער איבעררייַס האָט זיך דערוויַיל פֿאַרענדיקט. די זעלנער הייבן זיך שנעל אויף, צעשיטן זיך אין אַ קייט און נעמען פֿויל איבערלויפֿן. די קאָמאַנ־דירן פֿון די אַפּטייל־גען, דריַי יונגע לייטענאַנטן, וואָס זיַינען נישט לאַנג אָנגעקומען אין רעגימענט, איַילן זיך אויך ניט און גייען, געשטרעקטע, הינ־טער די זעלנער; די פֿול־אָנגעפּאַקטע רוק־זעק באַמבלען זיך אַף זייערע קלו־בעס. טשאַכאָוו גיט זיך ניט ווילנדיק אַ קנייטש.

— מ'עט זיי נאָך אַזוי דערהאַרגענען. — מורמלט ער אַ אומצופֿרידענער דערמיט וואָס זיי פֿאַרגעסן סוואַראָווס אַ באַרימטן קלאַל: „אַף דער לער ווי אין דער שלאַכט".

מען האָט אים דערזען. די לייטענאַנטן קומען צו צו אים. קורץ באַפֿעלט ער אויסשטעלן די דעמאָביליזירטע באַזונדער און זיי פֿירן אין קאַזאַרמע אַריַין.

די עלטערע זעלנער פֿאַרלאָזן די שלאַכט־אָרדענונג, טרייסלען אָפּ פֿון זיך די צוגעקלעפּטע גרעזלעך און דעם שטויב פֿון דער דיַיטשער ערד, און גייען צו טשאַכאָוון, אים ניט זעענדיק. זיי שמייכלען. וועגן דער רעגע האָבן זיי וואָכנלאַנג געטרוימט, כאָטש זיי האָבן געדולדיק געוואַרט מיט פֿולער גרייט־קייט צו בליַיבן אויך וויַיטער דינען, אויב דאָס וועט נייטיק זיַין. ניין, זיי לעבן גאָרניט איבער די שיידונג, וואָס שטייט זיי פֿאַר, מיט דעם קאָמאַנדיר פֿון דער ראָטע קאַפּיטאַן טשאַכאָוו און מיט זייערע דורכגעזאַלצענע און פֿון רעגן און שווייס וויַיס־געוואָרענע מושטיר־רעקלעך. אין רוסלאַנד וואַרטן אַף זיי פֿאַמיליעס און אַרבעט פֿאַרלאָזטע אין יענעם באַרימטן זונטיק פֿון יוני 1941. זיי שטעלן זיך אויס און גייען צוריק אין שטאָט, שוין אָן געזאַנג, וויַיל זיי געהערן שוין ניט צו דער אַרמיי, נאָר צו אַ צווייטער, אַ סאַך אַ גרעסע־רער, צו דער אַרמיי פֿון די פּאָשעט אַרבעטנדיקע מענטשן.

איינס אַזייגער נאָכמיטאָג שטעלן זיך צו צו דער סטאַנציע וויטענבערג די עשעלאָנען. טשאַכאָוו איז געקומען באַגלייטן די זעלנער, און שטייט אַפֿן פּעראָן אַ שוויַיגנדיקער. די זעלנער זעצן זיך אויף. סליוועגקאָ, וואָס איז באַ־שטימט פֿאַר געהילף פֿונעם עשעלאָן־פֿירער, איז די גאַנצע ציַיט פֿאַרנומען מיט דער אויפֿלאָדונג און שוין איידער דער צוג רירט זיך, לויפֿט ער צו צו טשאַכאָוון. שוויַיגנדיק דריקן זיי זיך די הענט. טשאַכאָוון ווילט זיך עפּעס זאָגן, שריַיען: אים איז אַ שאָד אָוועקצולאָזן סליוועגקאָן — ניט פֿון זיך, נאָר פֿון דער אַרמיי. סאַראַ מענטשן מען נעמט צו פֿון דער אַרמיי, — טראַכט זיך טשאַכאָוו, וואָס די אַרמיי איז באַ אים איבער אַלץ. און ווען ער זעט ווי באַ סליוועגקאָן זיַינען די אויגן פֿיַיכט געוואָרן, ווערט אים הייס אין דער ברוסט און, דעם ערשטן מאָל אין לעבן, פֿילט ער, אַז ער קען זיך צעוויינען.

דער צוג רירט שוין. סליוועגקאָ נעמט אַרום דעם קאַפּיטאַן מיט אַ פֿעסטן קורצן דרוק אין די אָרעמס און שפּרינגט אַרויף אַפֿן וואַגאָן. טשאַכאָוו דרייט זיך אויס אַף די קנאַפּל און גייט צוריק אין שטאָט אַריַין, ניט איבער־קליַיבנדיק דעם וועג.

אינעם איינענעם טאָג פֿאַרנאַכט־צו, פֿאָרן אָפּ דער סטאַרשינאַ גאָדונאָוו און דער סערזשאַנט גאָגאָבערידזע, און די איבעריקע. זיי גייען איבער אין רעשוס פֿון דער דריטער שלאָג־אַרמיי. די שיידונג מיט דעם סטאַרשינאַ גאָדונאָוו איז ניט אַזוי טרויעריק, וואָרעם ווי דאָס איז, בלײַבט ער אין דער אַרמיי, און איבערגיין פֿון איין טייל אין דער צווייטער, איז אין דער אָרדענונג. דאָס איז אַפֿילו ניט קיין שיידונג, נאָר אַ געוויינלעכער מיליטערישער אַריבערפֿיר. פֿון דעסטוועגן שטייען גאָדונאָוו און טשאַכאָוו לאַנג לעבן דעם אויטאָמאָביל אונטערן רעגן, וואָס האָט זיך צו נאַכטצו אָנגעהויבן. עמעס, זיי זאָגן זיך איינעם דעם אַנדערן גאָרניט, נאָר זיי טראַכטן איינס, און יעדערער פֿאַר זיך דערמאָנט די פֿאַרגאַנגענע שלאַכטן, וואָס איצט, פֿאַרזונקענע אין דער אייביקייט, זעען זיי אויס נאָך גרעסער, נאָך העלדישער, ווי זיי זײַנען עפּשער געווען אין דער עמעסן.

אַזוי אָדער אַנדערש, נאָר נאָכן איבערגעבן די ראָטע און אָפּפֿאָרן פֿון די זעלנער, פֿילט זיך טשאַכאָוו אינגאַנצן אַ צעבראָכענער. גלײַך אַ גרויסע כוואַליע, וואָס אױף איר קאָם איז ער לאַנג געשוווּמען, וואָלט ערגעץ ווײַט צוריקגעלאָפֿן און אים איבערגעלאָזט אויפֿן נאַסן זאַמד.

ער זיצט אין צימער, מיט ניט אָנגעצונדענעם ליכט. פֿאַר דעם לאַנגן טאָג איז ער אַזוי זיבער געוואָרן אַז ער איז איינזאַם, אַז קיינער נייטיקט זיך מער ניט אין אים, אַז ער קען קוים אויסבאַהאַלטן זײַן פֿאַרוווּנדערונג און זײַן פֿרייד, ווען עס קומען אַרײַן צו אים, שפּעט אין אָוונט, די מאַיאָרן מיגאַיעוו און וועסיעלטשאַקאָוו.

געקומען זײַנען זיי ניט דערפֿאַר וואָס זיי האָבן איבערגעטראַכט וועגן זײַן געמיט־צושטאַנד; איצט, ווען די דינסט־באַציִונגען זײַנען זיך צעפֿאַלן און פֿון שרײַפֿעלעך אין איין גרויסער מאַשין זײַנען די אָפֿיצירן געוואָרן אינדיווידואַליטעטן, יעדערער פֿאַר זיך, ציט עס זיי איינעם צום צווייטן, און איינטלעך צו דעם, וואָס האָט אויך פֿריער אויסגעזען צו זײַן אינטערעסאַנט און פֿאַרווײַלנדיק, נאָר עס איז קיין צײַט ניט געווען מיט אים זיך צוזאַמענקומען אויסער די דינסט־פֿליכטן.

אין צימער ווערט ליכטיק. מיגאַיעוו זינגט אויס דאָס ערשט־איבערגעשריבענע ליד „אינעם וואַלד באַם פֿראָנט". ער האָט אַן אויסגעצייכנטע שטימע, וואָס פֿאַרוווּנדערט אַ ביסל טשאַכאָוון, וואָרעם אַזאַ טאַלאַנט, דאַכט זיך אים, קלעפּט זיך גאַנץ ווייניק מיט דעם אַמט פֿון שעף איבערן שטאַב פֿונעם רעגימענט. דערנאָך גייען אַלע דרײַ צו טשעטווערי‌קאָוון. דער ניט־צוטריטלעכער, שטרענגער און אַביסל גראָבער אין זײַנע באַציִונגען טשעטווערי‌קאָוו, ווײַזט זיך גאָר אַרויס פֿאַר זייער אַ העפֿלעכן, גאַסטפֿרײַנטלעכן און אַפֿילו אַ ביסל קאָמישן. עפּשער איז עס דערפֿאַר וואָס איצט איז ער קימאַט אין איין לאַגע מיט די אַנדערע אָפֿיצירן — „זעראָס אָן שטעקעלעך", ווי עס רופֿט זיי אַלעמען מיט אַ שמייכל מיגאַיעוו. זיי טרינקען אויס, עסן נאַכטמאָל און, בעייסן שמועס, שטעלט זיך אַרויס, אַז טשעטווערי‌קאָוו שאַצט זייער הויך טשאַכאָוון, כאָטש ער האָט עס אים ביז איצט נישט געזאָגט.

אױפֿן צווייטן טאָג פֿאָרן די אָפֿיצירן קיין פֿאָטסדאַם, צום אָפּטייל פֿון די קאַדרן. די צוגן גייען שוין דעמאָלט ווידער רעגולער, און אַלע גייען צום וואָקזאַל.

די היגע צוגן פֿאַר ווײַטער רײַזע זעען אויס ווי דאַטשע־צוגן אָדער ווי טראַמווײַען — קיין שלאָף־פּלעצער זײַנען נישטאָ, די ביז שטוינען קליינע וואַגאָנען האָבן ניט קיין צוויי טירן, נאָר עטלעכע טירן פֿון ביידע זײַטן: יעדעו האָט זײַן טיר מיט זײַנע טרעפּלעך.

אָפיצירן זײַנען ביכלל ניט געוווינט צו פאָרן מיט דער באַן: אין מילכאָמע גייט מען מערסטנס צופוס, מען פאָרט מיט אויטאָמאָבילן אָדער מען רײַט. ביפראַט אַף אַ דײַטשער אײַזנבאַן, מיט אויסלענדישע אויפשריפטן, מיט העל־געפאַרבטע באַן־סטאַנציעס, מיט אַ שמאָלער קאָליע; אַלץ באַקומט זיך זייער מאָדנע, קימאַט ווי אַ שפּילצײַג. אויך די באַן־באַאַמטע זײַנען דײַטשן, וואָס דאָס איז דאַכט זיך גאָרניט אַף דער וואָר· טשאָכאָוו דערפילט זיך דאָ צום ערשטן מאָל „אין אויסלאַנד". נאַטירלעך, שפּילט דאָ אַ ראָל דאָס וואָס ער געפינט זיך דאָ ניט אין דער מיליטערישער טייל, נאָר פאַר זיך, און איז, גאָך אַלעמען, ניט מער ווי אַ פּאַסאַזשיר.

ביכלל פירן מיט זיך אָפיצירן צוויי וואַליזעס. נאָר טשאָכאָוו קומט מיט איינער אַ קליינער, אי דאָס אַ פאַנירענער, ניט קונציק צונויפגעקלאַפּט, עפּשער גאָר אַן אַליין־געמאַכטע. דאָס איז אַלץ צו וואָס טשאָכאָוו האָט זיך דערשלאָגן אין די מילכאָמע־יאָרן, און מען מוז זאָגן, אַז ווען טשעטוועריקאָוו האָט אויפגעלאָדן זײַנע דרײַ וואַליזעס, האָט ער אַ קוק געטאָן אַף טשאָכאָווס וואַליזע מיט דער אַכטונג, וואָס דערוועקט זיך אַפילע בא זשעדנע מענטשן, ווען זיי טרעפן זיך אָן מיט דער אומגײַציקייט און גלײַכגילטיקייט צו אייגנס.

די אָפיצירן פונעם פונאַנדערגענומענעם רעגימענט פאַרנעמען ערטער אין אַ וואַגאָן, וואָס איז באַשטימט פאַר די סאָוועטישע מיליטער־באַאַמטע, וואָס דאָס איז קלאָר געווען פונעם צוגעקלאַפּטן שילדל, אַף רוסיש און דײַטש, און זיי פאַרזויכערן. דער צוג רירט זיך שוין.

טשאָכאָוו קוקט אין פענצטער. שמועסן גלוסט זיך אים נישט. מענטשן לעבן און לאַכן, זינגען, בײַטן זיך מיט אײַנדרוקן וועגן דײַטשלאַנד, וועגן דײַטשן, דערציילן וועגן די בריוו, וואָס זיי האָבן לעצטנס באַקומען פון דער היים. טשאָכאָוון אינטערעסירט עס ניט, ער האָט ניט אין דער היים קיין אייגענע און נאָנטע, און די לעצטע אים אייגענע מענטשן — די זעלנער, זײַנען זיך נעכטן פונאַנדערגעפאָרן. ער קען בלויז טרוימען וועגן באַקומען אַנדערע זעלנער. ער פילט, אַז איצט וועלן זיי אים זײַן אַ סאַך טײַערער ווי זיי זײַנען אים פריער געווען. ער טרוימט וועגן זען פאַר זיך אַן אויסגעשטעלטע ריי אומבאַקאַנטע מענטשן אין גרויע שינעלן, ער זאָל זיי קענען אָפּגעבן דאָס וואָס ער האָט באַקומען און די צערטלעכקייט וואָס לעבט בא אים אין דער טיפעניש פונעם האַרצן.

ער קוקט אַף די דײַטשן און דײַטשקעס וואָס ווימלען אַרום און אים ערגערט פאַשעט זייער פרידלעכער אויסזען. מיט שטויגען פרעגט ער זיך: „ניט שוין־זשע האָבן אָט די מענטשן קעגן אונדז מילכאָמע געהאַלטן און אַזוי פאַראַקשנט זיך געשלאָגן?" ער טראַכט זיך, אַז זיי וועלן זיך מער קיינמאָל ניט אויפהייבן און מער זיך ניט דערוועגן צו טאָן אַזוינס פאַר וועלכן עס זאָל קעדײַ זײַן צו האַלטן אונטער דער ביקס אַן אַרמיי, און, פאַרשטייט זיך, אויך אים, טשאָכאָוון.

מאָדנע איז צו זען ווי די דײַטשן גייען איבער די פעראָנען פון די קלײנע באַן־סטאַנציעס, שלעפן זיך מיט זייערע קאַסטנס און רענצלעך, הייבן זיך אַרויף די טרעפלעך פון די וואַגאָנען און קריכן אַראָפ קעדיי זיך פונאַנדערצוגיין יעדערער צו זיך אַהיים. מאָדנע איז צו קוקן אַף אָט דעם לעבן, וואָס גייט זיך זײַן וועג, נישט געקוקט אַף אַלע צעטרייסלונגען פון דער מילכאָמע און פון דער אָקופּאַציע.

מער ווי אַלץ וווּנדערט אים וואָס ער הערט דאָ פרײַ קלינגען די אומעטום־הערשנדיקע דײַטשע שפּראַך — די שפּראַך, וואָס איז מילכאָמע־צײַט געווען פאַרהאַסט, און אין אַ היפשער מאָס אויך דערפאַר, וואָס פאַר דער מילכאָמע

האָט מען זי מער ווי אַלע אַנדערע אויסלענדישע שפּראַכן שטודירט און געשעצט אין רוסלאַנד.

מען קען זיך פֿאָרשטעלן, אַז די דײַטשן און דײַטשקעס לעבן אַן אָנגעשפּיצט און אומזיכער לעבן, און ווייסן ניט וואָס מאָרגן וואַרט אַף זיי, און וואָס וועט אַרויסקומען דערפֿון וואָס דאָ האַלטן זיך אויף — אַף די באַנסטאַנציעס, אין די שטעט און דערפֿער — אָט די היפּש־שווײַגנדיקע פֿרעמדע רוסישע מענטשן, וואָס קוקן זיך אַזוי שאַרף צו צו אַלץ. עס גייען נאָך אום קלאַנגען וועגן אַרויסשיקן אַלע דײַטשן קיין סיביר, וועגן צוואַנגס־אַרבעט, צו וועלכער מען האָט קלוימערשט פֿאַרמישפּעט די באַפֿעלקערונג פֿון אָט די ערטער, וועגן אַ וויסטער זאָנע, וואָס די רוסן קלײַבן זיך קלוימערשט דאָ צו שאַפֿן אַפֿן זעלביקן שטייגער ווי עס זײַנען זיך באַגאַנגען די דײַטשע כאַיאַלעס אַף דער רוסישער ערד.

זיי קוקן אַף די סאָוועטישע אָפֿיצירן מיט אַ געוויסער מורא, נאָר אויך מיט אַ געוויסן שאַרפֿן נײַגער, ווי זיי וואָלטן פֿאָרשן אין די אויגן פֿון די רוסישע מענטשן זייער גורל. נאָר די רוסן גייען זיי פֿאַרבײַ און פֿאָרן פֿאַרבײַ, ווי זיי וואָלטן געלעבט אין אַנדערע רוימען: דאָס זײַנען צוויי וועלטן, צוויי אַטמאָספֿערן, וואָס יעדע פֿון זיי לעבט איר באַזונדערן שאַרף־אָפּגעזונדערטן לעבן.

דער צוג לויפֿט דערווײַל איבער וואַלדיקע פּליינען, דאָס קליינע וואַגאַנדל טרייסלט אומדערטרעגלעך, די שטימען קלינגען הילכיק. עס ווערט אַלץ טונקעלער.

קיין בערלין זײַנען זיי אָנגעקומען צו נאַכט צו, און פֿונעם וואָקזאַל פֿאָרן זיי אַף איבערגעכאַפּטע אויטאָמאָבילן קיין פּאָטסדאַם.

III

די אָנגעקומענע אָפֿיצירן האָט מען באַזעצט אין הײַזער, צוגעשריבן צו אַ גאָרקיך און צו רו געלאָזט. פֿון הײַנט אָן, זעט עס אויס, אינטערעסירן זיי שוין קיינעם נישט. מען רופֿט זיי נישט און מען אײַלט זיך ניט זיי צו באַשטימען אַף אַן אַמט. אָנגעפֿאָרן זײַנען זיי זיך זייער אַ סך און די גאַנצע הינטערשטע טייל שטאָט איז פֿול מיט יונגעלײַט אין „קיטעלס" מיט פּאָגאָנעס און עמבלעמען פֿון אַלע מינים מיליטער. עס קלימפּערן אַף זיי די מעדאַלן. אָן צאָל פֿאַרשוינען אַלערליי טראָגן זיך פֿאַרבײַ טשאָכאָוון בעיים זײַנע קורצע שפּאַצירן פֿון דעם הויז וווּ ער איז אײַנגעקוואַרטירט ביז דעם קאַדרן־אָפּטייל און צוריק. זעלטן טרעפֿט ער אָן אויך באַקאַנטע, נאָר זייער ווייניק.

אַ סך אָפֿיצירן נעמען טייקעף קורצטערמיניקע אורלויבן אַף עטלעכע טעג. וועסיעלטשאַקאָוו איז אָפּגעפֿאָרן צו זײַן פֿרוי גלאַשאַ אינעם מעדיציניש־סאַניטאַרן באַטאַליאָן, מיגאַיעוו איז געפֿאָרן צו זײַנע פֿראָנט־כאַווירים, די סטאַלינגראַדער, אין דער אַכטער גוואַרדייִשער אַרמיי. טשעטווערקאָוו איז אויך באַלד פֿאַרשוווּנדן — אַוועקגעפֿאָרן, מיסטאָמע, צו זײַן ברודער דעם גענעראַל, אין דער צווייטער טאַנקן־אַרמיי. אויס געוווינהייט רופֿט מען נישט אָן די שטעט, נאָר די נומערן פֿון די מיליטערישע טיילן; דײַטשלאַנד ווי אַזעלכע, ווערט נאָך פֿון די אָפֿיצירן ניט באַנומען, זי איז פֿאַר זיי בלויז אַן אָפּשטעל־אָרט פֿאַר רעגימענטער, דיוויזיעס און אַרמייען.

טשאָכאָוו דערפֿילט זיך איצט אינגאַנצן עלנט. מען האָט אים באַזעצט אין אַ קליין שטיבל, אין אַ צימער מיט צוויי בעטלעך. דאָס צווייטע בעטל איז

זיכער פֿון עמעצן פֿאַרנומען — אונטערן בעטל ליגט אַ וואַליזע, איבערן בעטל הענגט אַ שינעל מיט פּאַגאָנעס פֿון אַ קאַפּיטאַן. נאָר טשאַכאָוו ווייסט שוין דאָ פֿינף טעג און דער שאָכן ווײַזט זיך נישט. געקומען איז ער ערשט אפֿן זעקסטן טאָג און אויך ערשט אַרום פֿיר פֿאַרטאָג. טשאַכאָוו כאַפּט זיך אויף דערפֿון וואָס ער האָט דערהערט דעם קלאַפּ באַם פֿאַרמאַכן די טיר. ער עפֿנט די אויגן און מערקט באַלד, אַז דעם שאָכנס שינעל איז נישטאָ אַף דער וואַנט. שפּעטער דערזעט ער אפֿן טישל אַ צעטעלע, געשריבן פֿון דער ברייטער האַנט, מיט אַ נישט גלײַכער האַנטשריפֿט. אינעם צעטעלע שרײַבט זיך:

„קאַפּיטאַן, איך בעט ניט שרעקן זיך. איך האָב מיטגענומען מײַן שינעל. אינעם נאַכט־טישל באַ מיר האָב איך אַ האַלבן ליטער דײַטשן ליקער, קענסט זיך ניצן דערמיט, איך האָב נישט דאַקעגן. קאַפּיטאַן וואָראָבייציעוו".

טשאַכאָוו גיט אַ שמייכל, ער טוט זיך אָן און גייט פֿרישטיקן. דערנאָך גייט ער, ווי יעדן טאָג, אין קאַדרן־אָפּטייל. דאָ דרייט ער זיך ווידער צווישן אָפֿיצירן. פֿאַראַן הײַנט אַ סאַך זייערע, דער איקער פּאָדפּאָלקאָווניקעס און פּאָלקאָווניקעס. פֿון צײַט צו צײַט זעט מען אַפֿילע אַ גענעראַל, אָדער גאָר צוויי מיט אַ מאָל. אַט די שעפּע הויכע ראַנגען, וואָס וואַרטן, ווי ער, טשאַכאָוו, אַף אַ באַשטימונג, צווינגט אונדזער קאַפּיטאַן זיך צו פֿילן פּאַר אַ גאָר קליין מענטשעלע. אויב אינעם רעגימענט איז ער פֿאָרט געווען אַן אָנגעזעענער אָפֿיציר, איינער פֿון יענע געוואַגטע יאַטן, וואָס ניט אין יעדן רעגימענט זײַנען זיי פֿאַראַן צו פֿיל, פֿאַלט ער דאָך אַראָפּ פֿון זײַן געהעכערטער זעלבסטשאַצונג צו ניט ווייניקער איבערגעטריבענער ניט דערשאַצונג.

גוט וואָלט געווען ווען עס קלעקט אים מוט צוצוגיין צו וועלכן עס איז אָפֿיציר פֿונעם קאַדרן־אָפּטייל און צודרינגלעך ריידן מיט אים! נאָר מאַכמעס דעם וואָס ער איז שוין איבערגעצײַגט אין זײַן קליינקייט און אויך מאַכמעס אַ געמישטן געפֿיל פֿון נישט־דרייסטקייט און אייגנליבע, פֿרעגט ער שוין באַ קיינעם ניט, און קוקט נאָר, מיט פֿולע אויגן טרויער, אַף די טישן מיט פּאַפּירן, קאַרטאָטעקעס און רײַסטערס, אַף די בייזע נאַקנס פֿון די אָפּטייל־אָפֿיצירן. ער קוקט און גייט אַוועק.

דאָס מאָל לאָזט ער זיך אַרויס איבער פּאָטסדאַם. די שטאָט איז שטאַרק צעשטערט פֿון די אַמעריקאַנער באָמבאַרדירונגען. מען דאַרף נישט מיינען, אַז טשאַכאָוון אינטערעסירן די דענקמעלער פֿון דער אַלטער פּרײַסישער הויפּטשטאָט, — ניין, ער קוקט אַף די פּאַלאַצן, קאַטעדראַלעס און פּאַרקן מיט פֿולער גלײַכגילטיקייט. ער קוקט אַף דער שטאָט בלויז ווי אַ באַטייליקטער אין די שלאַכטן וואָס זײַנען דאָ פֿאָרגעקומען. אים דערמאָנען זיך איינצלנע עפּיזאָדן פֿון די שלאַכטן. אָט דאָ האָט זײַן ראָטע פֿאָרסירט אַן אָזערע. רעכטס, אין די צוויי קעלערס, האָבן זיך פֿאַרשאַנצט די „פֿויסט פּאַטראָנען". אין דעם פּאַלאַץ איז געווען דער שטאַב פֿון דער דיוויזיע. אָט דאָ, קענטיק, אַפֿן געשווירענעם גראָז, וואָס איז שוין איצט געדיכט אָנגעוואַקסן, מיט די באַקוועמע בענק אַרום — איז טויט געפֿאַלן דער זעלנער קוטשעריאַווינקאָ.

טשאַכאָוו קוקט לאַנג אַף דעם גראָז. אַף איינער פֿון די בענק זיצט אַן אַלטע דײַטשקע און שטריקט עפּעס אַף לאַנגע שפּיזלעך — מיסטאָמע אַ זאָק. דאָ ענדיקט זיך די שטאָט און עס הייבט זיך אָן דאָס וואָס טשאַכאָוו רופֿט אָן „וואַלד־פּלאַנצונג" — פּאָשעט יונגער און אַלטער וואַלד. דאָ ערגעץ, געדענקט ער, האָט די ראָטע זיך געשיצט אין גראָבנס, נאָר ניט געקוקט אַף דער קורצער צײַט וואָס איז זינט דעמאָלט פֿאַרבײַ, קען ער זיי בעשום אויפֿן ניט געפֿינען און לאַנג זוכט ער זיי, ווער ווייס צוליב וואָס. צום סאָף געפֿינט ער זיי. זיי זײַנען פֿאַרוואַקסן מיט גראָז און מען זעט זיי קימאַט ניט

אַרויס. טשאַכאָוו פילט אַ אומבאַשטימטע האַנאָע ווען ער קריכט אַרײַן אין אײנעם פון די גראָבנס — טאָקע אין דעם ווו ער איז דעמאָלט געשטאַנען. לינקס איז געווייזן די סאַניטאַרע ראָטע, און ער האָט פון זײַן גראָבנדל געשריגן זי זאָל זיך פאַרנעמען פון דאָרטן, וואָרעם דאָ איז פאַר איר קיין אָרט ניט — זי דעמאַסקירט די פּאָזיציע פון דער ראָטע. דערנאָך האָבן זיך באַוויזן אונדזערע טאַנקן „ט־34", וואָס האָבן דאָ אַ היפּש ביסל יונגע ביימער אײַנגעהאַקט. ער איז דעמאָלט צוגעגאַנגען צום קאָמאַנדיר פונעם טאַנקן־באַטאַליאָן און זיי האָבן זיך צוזאַמענגערעדט, אַז די ראָטע זאָל זיך אויפזעצן אַף די טאַנקן.

איצט שטייט זיך דאָס וועלדל אַ רייגינקס, אַ גלאַטינקס. קיין שפּור נישטאָ פון אונטערגעהאַקטע ביימער, די פּענקעס אַפילע זײַנען נישט געבליבן. די דײַטשן האָבן זיי מיסטאָמע צעזעגט אַף הייצונג.

ווײַטער אַביסל אין וואַלד שפּילן זיך קינדער. זיי רופן זיך איבער און כאַפּן זיך אײנער דעם צווייטן. זיי דערזעען טשאַכאָוון און בלײַבן אַ ווײַלע שטיין, דערנאָך נעמען זיי ווידער לויפן. און ערשט איצט כאַפּט זיך טשאַכאָוו, אַז דאָס זײַנען דײַטשע קינדער, וואָרעם טכילעס האָט ער זיי אָנגענומען פּשוט פאַר קינדער — זאָגן מיר פאַר רוסישע קינדער. ער געדענקט ווי אײנמאָל, בעיִס אַ שלאַכט, — קען זײַן אַז דאָ און עפּשער ערגעץ אַנדערש — האָט ער אָנגעטראָפן דײַטשע קינדער, וואָס האָבן זיך אויסבאַהאַלטן אין אַ גרוב הינטער דער בלינדער וואַנט פון אַ קליינעם הויז. זיי האָבן דערזען טשאַכאָוון — געווען איז ער דעמאָלט פאַרוואַקסן, מיט אַ פאַרבלוטיקטן באַנדאַזש אַף דער האַנט — האָבן זיי אַף אים אויפגעהויבן דערשראָקענע אויגן, און אײנער, דער סאַמע קלענצטער, האָט באַהאַלטן דאָס פּנים און האָט זיך צעוויינט. טשאַכאָוו איז דעמאָלט פאַרבײַגעגאַנגען און האָט אַף זיי קיין אַכט ניט געלייגט, כאָטש דאָס געוויין פון דעם יינגעלע האָט אים עפּעס אָנגערירט; זיי, די קינדער אינעם גרוב, זײַנען געווען אַ געוויינלעך מילכאָמע־בילד; ער האָט געזען קינדער אין גריבער פיר יאָר נאָכאַנאַנד.

די איצטיקע האַלטונג פון די קינדער איבערראַשט טשאַכאָוון מיט איר קאָנטראַסט צו דער אַמאָליקער. ער בלײַבט שטיין און קוקט ווי זיי שטיפן, כאַפּן זיך און קוויטשען.

ער גייט ווײַטער. עס ווערט אַלץ פּוסטער, אַלץ שטילער. טונקל שטורמיש גראָז שפּאַרט פון אַלע זײַטן. איבערן וועג באַהעפטן זיך די קרוינען פון די לינדנביימער, מיט זייערע גרויסע בלעטער, קימאַט אַזוינע גרויסע ווי פון קליאָן.

כאָטש אַרום איז קיינער נישטאָ, שפּאַנט טשאַכאָוו, ווי שטענדיק, מיט דײַטלעכן זעלנערישן טראָט, אַ שטײַפער און אַ שטרענגער, ווי פאַר מענטשן. דערנאָך טראַכט ער זיך, אַז עס וואָלט גוט געווען אַוועקצולייגן זיך אַפן גראָז און זיך אויסוואַלגערן דערין. דער געדאַנק זעט אים טכילעס אויס ווילד און פּשוט שווער אויסצופירן, ווײַל ער איז שוין אָפּגעוויינט פון די יינגלשע גענג און שטיפערײַען, אַ געצוווּנגענער עטלעכע יאָר צו פאַרבלײַבן ערנסט אין אָט די מער ווי ערנסטע אומשטענדן. דאָך, זעצט ער זיך אַוועק אַפן גראָז. דאָס גראָז איז הויך און קיל. ער קוקט זיך אַרום, דערנאָך לייגט ער זיך אַוועק. דאָ דערזעט ער איבער זיך די וויברירנדיקע און מיט זון דורכגענומענער בלעטער־קרוין. זי האָט דאַכט זיך קיין עק ניט און קיין סאָף ניט און ציט זיך אַרויף ביז צום הימל און אין די זײַטן ביז צום האָריזאָנט. יעדעס בלעטעל וויברירט, לײַכט זיך, לעבט פאַר זיך, נאָר אײנצײַטיק מערקט זיך, אַז דאָס געהער צו דער גאַנצער בלעטער־געמיינשאַפט, און אָט די געמיינשאַפט,

אָט די צווײַג האָט אויך איר אייגן לעבן, אַ באַזונדער וויברירונג, אַ באַזונדער שאַטירונג, אָט די צווײַג טיילט זיך אויס פֿון דער אַנדערער אָפּט מיט אַ קוים מערקלעכער שאַטנדיקייט אָדער, פֿאַרקערט, מיט אַ באַזונדער העלן דורכלײַכט פֿון זון־שטראַלן, זי טיילט זיך אויס פֿון אַנדערע צווײַגן, פֿון אַנדערע צווײַגן־געמיינשאַפֿטן, וואָס יעדע איינע פֿון זיי, האָט ווידער איר אייגן לעבן, און טיילן אין דער פֿולער מאָס מיט די אַנדערע דאָס פּרעכטיקע וויברירנדיקע לעבן פֿונעם גאַנצן בוים.

טשאַכאָוו הייבט זיך פּאַמעלעך אויף, די דערמאָנונגען פֿון די קינדער־יאָרן האָבן אים צעטומלט. ער גייט צו צום בוים און אומדערוואַרט פֿאַר זיך אַליין, כאַפּט ער זיך אָן מיט די הענט פֿאַרן אונטערשטן צווײַג, הייבט זיך אונטער און אין איין אויגנבליק איז ער שוין צווישן די בלעטער. די בלעטער נעמען אים אַרום, גראַבלען אים דאָס פּנים און ער הייבט זיך אַלץ העכער, דערנאָך זעצט ער זיך אויף אויף אַ צווײַגל און בלײַבט דאָרט זיצן אַ פֿאַרגליווערטער. לעבן אים לאָזט זיך אַרונטער אַ גרינער זשוק. ער לאָזט זיך אַרונטער און צעפֿינקלט זיך בלענדיק פֿון אַ זון־שטראַל וואָס זײַן רוקן האָט אויפֿגעכאַפּט.

פֿון ערגעץ פֿליען אָן טויבן. זיי מאַכן אַ קרײַז אין דער לופֿטן אַרום דעם בוים, דערנאָך זעצן זיי זיך אַוועק אויף אַ צווײַג, שפּרינגען אונטער, גייען גראַציעז מיט די העלדזלעך און פֿון דרייען אום פֿון צײַט צו צײַט צו טשאַכאָוון זייערע וווּנדערלעך אַרויפֿגעזעצטע קעפּעלעך.

פּלוצעם צעפּאַטשן זיך די פֿליגל, די טויבן פֿליען אַרויף הויך אין הימל. און טשאַכאָוו קוקט ווי זיי פֿליען, און צום ערשטן מאָל אין די לעצטע פֿיר יאָר קוקט ער אויפֿן הימל — אָט ווי ער האָט די טעג געקוקט אויף זײַנע זעלנער פּאַשעט ווי אויף מענטשן, — און ניט ווי אויף אַ מין שטעטל, וואָס מען מוז אים אויסשפּירן, וואָרעם אַ ליאַדע מינוט קען זיך פֿון דאָרט באַווײַזן דער סוינע. וווּנדערלעך קאָלירטע באַבעלעך וויברירן מיט די פֿליגעלעך אין די זון־שטראַלן.

מעגלעך, עס האָבן דערין אַ כיילעק די טויבן: קינדווײַז איז טשאַכאָוו געווען אַ פֿאַרברענטער טויבן־ליבהאָבער. ווי דאָס איז, ווערט טשאַכאָוו באַפֿאַלן פֿון דער פֿרידנס־צײַט אויף אַ ביז איצט נישט געוועזענעם איבערצײַגנדיקן אופֿן.

— ס'איז שאָלעם, — זאָגט טשאַכאָוו. — שאָלעם — כאַזערט ער איבער נאָך העכער. פֿונעם איבערכאַזערן פֿאַרלירט דאָס וואָרט זײַן זין, נאָר דער אײַנדרוק בלײַבט. אַ באַפֿעלערישער הילך פֿון אַן אויטאָמאָביל־פֿײַפֿער דערמאָנט אָבער באַלד טשאַכאָוון ווער ער איז און וווּ ער געפֿינט זיך. טשאַכאָוו לאָזט זיך שנעל אַרונטער, שטעלט זיך אויף אונטערן בוים און ווי נאָר ער באַווײַזט אָנצונעמען דעם ערנסטן און לײַטישן אויסזען ווי עס פּאַסט פֿאַר אַן אָפֿיציר, דערזעט ער צוויי טראַקטאָר־אויטאָמאָבילן. זיי שטעלן זיך אָפּ און פֿון דעם פֿאָדערשטן רוקט זיך אַרויס אַ קאָפּ פֿון אַ מאַיאָר און פֿרעגט בײַ טשאַכאָוון דעם וועג צו געלטאָוו.

— גלײַך, — ענטפֿערט טשאַכאָוו. — פֿאַרקרימט זיך ניט אין ערגעץ.

זײַן שטים קלינגט שוין גלײַך און רויִק. ער גיט אָפּ דעם מאַיאָר זײַן קאָוועד. ווען די אויטאָמאָבילן פֿאָרן אַדורך, גיט טשאַכאָוו בייז אַ קוק אויפֿן בוים, ער וואַרפֿט אַ פֿײַנטלעכן קרומען קוק אויף די פֿלאַטערנדיקע באַבעלעך, זידלט זיך אַליין אויס אין געדאַנק פֿאַר זײַנע קונדייסערײַען און לאָזט זיך גיין צוריק.

ווען ער קומט צוריק אין קאַדרן־אָפּטייל, געפינט ער זיך אויס אַן אָרט אין אַ ווינקל, און כאָטש בײַ דער זײַט דאָרט שטייען שטולן, זעצט ער זיך ניט, מאַכמעס עס קומען אַהין אַרײַן אַלץ מענטשן מיט הויכע ראַנגען. טשאַכאָוו איז אַ מענטש וואָס האָט זיך זײַנע פּרינציפּן און מוז אומבאַדינגט אויפשטיין ווען עס קומען אַרײַן אָפיצירן פון מאַיאָר און העכער. פאַראַן איז אינעם אויפשטיין ניט אַזוי די אַכטונג צו די מענטשן, ווי צו אַזעלכע, נאָר מער ווי אַלץ די אַכטונג צום מונדיר, און מעגלעך אויך אַ דעמאָנסטראַטיווער פּיהוואָרף אַלעמען פאַרוואָס טשאַכאָוו איז פאַרבליבן אַזוי לאַנג זיצן אַ קאַפּיטאַן. „איך, זעט איר, וועל נאַטירלעך אויפשטיין און וועל דער ערשטער אָפּגעבן קאָוועד אַ ליאַדע מאַיאָר, כאָטש (און אייגנטלעך דערפאַר וואָס) מיר קומט שוין לאַנג אַ מאַיאָר צו זײַן“.

נאָר אַזוי ווי אויפצושפּרינגען יעדע מינוט פאַר מאַיאָרן איז אויך ניט זייער אינטערעסאַנט, זעצט ער זיך אײַנגאַנצן ניט אַוועק.

איצט, צום סאָף טאָג, קומען שוין ווייניקער מענטשן, און טשאַכאָוו איז קימאַט אַנטשלאָסן צוצוגיין צו איינעם פון די באַשעפטיקטע אינעם אָפּטייל, צו אַ געוויסן מאַיאָר כליאַבין, וואָס פאַרנעמט זיך, ווי מען זאָגט, מיט די „קלענערע פישלעך“. אין דער מינוט עפנט זיך די טיר און עס שפּאַנט אַרײַן מיט ברייטע טריט אַ קאַפּיטאַן. ער איז אַ הויכער, אַ מאָגערער, געקליידט „ערשט פון דער נאָדל“ — אין אַ קאַקי־קיטעל און בלויע גאַליפע מיט מאַלינאָווע קאַנטן. בײַ דער זײַט באָמבלט זיך בײַ אים, ניט אָן עלעגאַנץ, אַ גרויסער פּליער־פּלאַנשעט. זײַן מעליקוויַיס פּאָנעם, גלאַטע ליכטיקגעלע האָר און קליינע אייגעלעך אין טיפע אויגנלעכער, זעען אויס טשאַכאָוון באַקאַנט און אומאָנגענעם.

דער עלעגאַנטער קאַפּיטאַן איז באַקאַנט מיט אַ סאַך פון די אָפיצירן, שטופּט יעדן די האַנט. מיט די אָפיצירן פון דעם קאַדרן־אָפּטייל איז ער גאָר פּאַניבראַט, ער בייגט זיך אַריבער איבער זייערע טישן, סוידעט אַרײַן אין אויער דאָ איינעם, דאָ אַ צווייטן. דעם מאַיאָר כליאַבין פּאַטשט ער אַפילע אין פּלייצע.

מען קען ניט זאָגן, אַז די וווּליוונגישע האַלטונג און דאָס אַרײַנסוידען זאָל עמעצן פון די אַרומיקע שטאַרק געפעלן, נאָר אינעם קאַפּיטאַן פילט זיך אָט די אומאַכטונג צו מענטשן, וואָס ווירקט אַף זיי אָפּשוואַכנדיק און טרעפט אָן אַ ווידערשטאַנד בלויז בײַ מענטשן מיט אַ שטאַרקן ווילן אָדער בײַ זייער נערוועזע, צי גאָר בײַ זײַנע עלצטע, וואָס האָבן דאָס אומבאַשרײַבלעכע רעכט אים אויסצושייגעצן און אים אַוועקצושטעלן אַף זײַן אָרט. געוויינלעכע מענטשן פאַרלירן זיך פון אַזאַ דרייסטער האַלטונג. מענטשן דערפילן אין אַזאַ איינעם אָדער זיי דערזעען אין די געפערלעכע פּיַערלעך, וואָס צעברענען זיך פון צײַט צו צײַט בײַ אים אין די אויגן, די אומגעצוימטע זעלבסטזיכערקייט, וואָס קען אַ ליאַדע מינוט אַריבער אין אומדערטרעגלעכער שקאָצערײַ.

טשאָכאָוו, וואָס איז ביכלאַל אַ צוריקגעצויגענער און, נישט געקוקט אַף זײַן אומאָפּהענגיקייט, אָדער גראָד צוליב אָט דער אומאָפּהענגיקייט, איז ער מיט מענטשן אומדרייסט און קומט זיך שווער צונויף מיט זיי, דערפילט צום אַרײַנגעקומענעם קאַפּיטאַן אַ מאָמענטאַנע אַנטיפּאַטיע, נאָר איינצײַטיק אַ געוויסע קינע. ער איז מעקאַנע טאַקע אָט די פרײַקייט זײַנע, אָט די לײַכטקייט אין דער באַציִונג מיט מענטשן, וואָס טשאָכאָוון פעלט זי און וואָס צוליב דעם — אַזוי אַלנפאַלס טראַכט זיך טשאָכאָוו — האָט ער נאָך ביז איצט נישט באַקומען קיין באַשטימונג.

די אָפֿיצירן לעבן אים שמועסן צווישן זיך, אַז די קאָמיסיע לאָזט גערן אָפּ פֿון דער אַרמיי די וואָס ווילן זיך דעמאָביליזירן, די וואָס זײַנען, לויט זייער פֿאַרמילכאָמעדיקער באַשעפֿטיקונג, נייטיק דער פֿאָלקסווירטשאַפֿט, און אויך עלטערע, קראַנקע און אויך אַזעלכע וואָס מען קוקט אַף זיי קרום און האָבן נישט קיין געהויבענע כאַראַקטעריסטיק. טשאָכאָוו הערט זיך אײַן צו די געשפּרעכן, און רעכנט זיך, נאַטירלעך, אַרײַן אין דער לעצטער פֿון די רובריקס, און פֿאַרקלעמט פֿינצטער די ליפּן. ער ציטערט אויף פֿון אומגעריכטקייט, ווען דער פֿראַנטעוואַטער קאַפּיטאַן בלײַבט פּלוצים שטיין פֿאַר אים און שרײַט אויס אַפֿן קאָל:

— זײַ געגריסט, שאָכן! איך האָב דיך דערקענט, כאָטש געזען האָב איך דיך אַ שלאָפֿנדיקן. דו זיצט באַם יאַם און וואַרטסט אַף אַ גוטן וועטער, קאַפּיטאַן? לאָמיר זיך באַקענען. קאַפּיטאַן וואָראָבייצעוו.

טשאָכאָוו מורמלט עפּעס אומפֿאַרשטענדלעכס אַלס ענטפֿער, אַ ניט זייער צופֿרידענער מיט יענעמס ווענדונג צו אים אַף „דו" און ביכלאַל מיט וואָראָבייצעווס גאַנצער האַלטונג. נאָר וואָראָבייצעוו באַמערקט אַפֿילע קלוימערשט ניט טשאָכאָווס פֿינצטערן פּאָנעם און רעדט ווײַטער:

— ערגעץ האָב איך דיך שוין געזען. האָסטו ניט געדינט באַם אַלטימטשקן סעריעדאַ? באַשטימט. באַ טשעטוועריקאָוון אינעם רעגימענט? ריכטיק. דו מיך געדענקסטו? האָסט אַ מיידלשן זיקאָרן. איך בין געווען אינעם דיוויזיע־שטאָב דער ייִנגסטער באַהעלפֿער באַם עלצטן מעשאַרעס, גלײַך פֿונעם רעזערוו אַרײַנגעשיקט אין דער אָפּעראַטיווער אָפּטיילונג. מיט וואָס האָסטו קאָמאַנדירט? מיט אַ ראָטע? מיט אַ שיסער־ראָטע? און ביסט אַרויס אַ לעבעדיקער?

עמיצער האָט אים אַ רוף געטאָן און ער איז פֿאַרשוווּנדן. און פֿאַרשוווּנדן איז ער גראָד אין יענער געהיימנישפֿולער און שרעקלעכער טיר, וואָס הינטער איר האַלט אָפּ די קאָמיסיע איר זיצונג. ניט ווילנדיק, ווערט טשאָכאָוו פֿול מיט אַכטונג צו אים, נאָר ווען דער קאַפּיטאַן באַווײַזט זיך ווידער, קערט זיך טשאָכאָוו אָפּ צום פֿענצטער — אויס אייגנליבע: ער האָט מוירע דער באָכער זאָל ניט אַמאָל אַ טראַכט טאָן, אַז טשאָכאָוו האָט וועלכן עס איז כיישעק אָנצוקניפּן מיט אים קאָנטשאַפֿט און איז קאַפּאַבל באַ אים צו בעטן הילף אָדער פּראָטעקציע. נאָר מאָדנע, וואָראָבייצעוו קומט ווידער צו צו טשאָכאָוון. דער שוויַגנדיקער קאַפּיטאַן איז, קענטיק, מיט עפּעס געפֿעלן געוואָרן דעם באַריידעוודיקן קאַפּיטאַן.

— דעם ליקער האָסטו אויסגעטרונקען? — פֿרעגט וואָראָבייצעוו. — ניט אויסגעטרונקען? אַ שאָד. ווויִנסטו נאָך אַלץ אין דער געמיינשאַפֿטלעכער וווינונג? ס'האָט דיר נאָך נישט דערעסן? ווי רופֿט מען דיך? ביסט אַ הענדעלע, טשאָכאָוו, באַשטימט אַ הענדעלע? ביסט נאָך אַלץ ווי אַף מילכאָמע, קאָם אַ לאַ גער, ווי פֿלעגט זאָגן דיומאַ דער פֿאָטער ווען ער פֿלעגט אַרומנעמען דיומאַ די מוטער!

נאָך אָט דער עקסקורסיע אין דער פֿראַנצויזישער ליטעראַטור, ווערט וואָראָבייצעוו ווידער פֿאַרשוווּנדן און אין עטלעכע מינוטן אַרום שטייט ער שוין ווידער פֿאַר טשאָכאָוון. אַ מינוט שטייט ער און שווײַגט, פֿאַררויכערט אַ ציגאַרעט, קוקט אַרויס דורכן פֿענצטער. אין פּראָפֿיל זעט זײַן פּאָנעם אויס גאָר אַנדערש. די נישט־רעגולערע, קוים צעקרומטע נאָז, איז באַם עק שפּיציק. די אָנגעבלאָזענע באַק איז אַ ביסל אַראָפּגעהאַנגען. זײַן פּראָפֿיל זעט אויס אַ מידער, אַ מעלאַנכאָלישער, אַ שלעפֿעריקער, בעיִם פֿון פֿאָרנט איז דאָס פּאַ־

נעם ענערגיש און פֿרעך. ער דרייט זיך אום מיט דעם גאַנצן פּנים צו טשאָכאָװן, גיט אַ בליאַסק מיט די אויגן און פֿרעגט אים שפּאַסיק:

— וואַרטסטו, הייסט עס, אויף אַ באַשטימונג? ווילסט, וועל איך דיך אײַנאָרדענען?

— אָרדן אײַן, — איז טשאָכאָװ צעטומלט. ער איז צעטומלט דערפֿון וואָס ער האָט זיך טייקעף געכאַפּט, אַז ער וואָלט באַדאַרפֿט וואָראָבייצעוון טייקעף אָפּהאַקן, אַלנפֿאַלס, בעשום אופֿן ניט אַרײַנלאָזן זיך מיט אים אין ווײַטערע געשפּרעכן אויף דער טעמע. נאָר די מוירע פֿאַר זײַן גוירל האָט זיך אַרויסגעוויזן שטאַרקער פֿון טשאָכאָװס געוויינטלעכער טמימעס און אויפֿריכטיקייט.

IV

און דאָך איז טשאָכאָװן אַזוי פֿײַנלעך פֿון דעם געשפּרעך, אַז בײַ דער ערשטער געלעגנהייט גליטשט ער זיך אַדורך די טיר און לויפֿט אַרויס אין גאַס. ער פֿאַרטראַכט זיך און בלײַבט אַ ווײַלע שטיין. דערנאָך לאָזט ער זיך גיין אַהין וווּ ער וווינט. נאָר וואָראָבייצעוו גייט אים טייקעף נאָך און רופֿט אים אָפּ. טשאָכאָװ וווּנדערט זיך ווידער מיט וואָס האָט זײַן באַשיידענע פּערזענלעכקייט אַזוי פֿאַראינטערעסירט אָט דעם פּיפּיקן קאַפּיטאַן? וואָראָבייצעוו קומט צו צו טשאָכאָװן און רופֿט זיך אָן צו אים אַפֿילע אַ ביסל באַליידיקט:

— וואָס ביסטו אַנטלאָפֿן? קום, וועלן מיר צופֿאָרן צו מיר אַהיים.

בײַ דער זײַט, אויפֿן טראָטואַר, שטייט אַ קליינער נידעריק אַראָפּגעזעצטער אויטאָמאָביל פֿון דער עסטרײַכישער מאַרקע „שטייר" — אַ ניט זגראַבנער, אַ געהויקערטער, און דערפֿאַר רופֿט מען אים טאַקע „דער הויקער". וואָראָבייצעוו עפֿנט דאָס טירל, זעצט זיך אַרײַן און בעט טשאָכאָװן זיך זעצן לעבן אים. „אַך דו טײַוול, האָט אַפֿילע אַן אייגענעם אויטאָמאָביל, אַ גאַנצער גענעראַל!" — וווּנדערט זיך טשאָכאָװ, נאָר ער זאָגט גאָרניט.

וואָראָבייצעוו, באַם רעדל, קוקט מיט אַ זײַט אויף דעם שווײַגנדיקן טשאָכאָװ, ער וואַרט, קענטיק, יענער זאָל אָנהויבן דעם שמועס, וואָס ער האָט איבערגעריסן אינעם קאַדרן־אָפּטייל. נאָר טשאָכאָװ קוקט פֿאַר זיך אין דער שויב און שווײַגט. צום סוף האַלט וואָראָבייצעוו ניט אויס און הייבט אַליין אָן דעם שמועס:

— אַז מען וועט דיך אַרויסרופֿן צו דער קאָמיסיע, בעט זיך אויף אַרבעט אין דער סאָוועטישער מיליטערישער פֿאַרוואַלטונג. און איך וועל שוין אײַבערריידן מיט וועמען מען דאַרף. וועסט אַ לעב טאָן אין דײַטשלאַנד.. דאָ וועט זײַן דאָס עמעסע לעבן. דײַטשן זײַנען אַן איבערגעשראָקן פֿאָלק, אונטערטעניק, און דײַטשקעס...

ער צעשמייכלט זיך און קוקט ווידער מיט אַ זײַט צו טשאָכאָװן. טשאָכאָװ שווײַגט.

זיי פֿאָרן אַריבער די בריק און זײַנען שוין אין דער בײַשטאָט וואָס רופֿט זיך באַבעלסבערג. אין איינעם פֿון די שמאָלע געסלעך פֿירט ווידער אַרויף וואָראָבייצעוו זײַן אויטאָמאָביל אויפֿן טראָטואַר און פֿאָרט שיר ניט אַרויף אויף אַ דײַטשן זאָקן. ער שטעלט זיך בײַ אַ גערטל, אַן אַרומגעצוימטן מיט אײַזערנע גראַטעס. הינטער די בלומען און בעז־ביימלעך, וואָס פֿאַר־

שטעלן די גראַטעס, זעט זיך אַרויס אַ שפּיציקער דאַך פֿון אַ קליין הויז מיט אַ רויטן וועטער־פֿענדל אַפֿן שפּיץ.

וואָראָבייצעוו גיט ווידער אַ קוק אַף טשאָכאָוון, נאָר דאָס פּנים באַם קאַפּיטאַן איז, ווי פֿריִער, אומדורכדרינגלעך רויִק. אין שטוב איז שטיל און שיין אויסגעמעבלט, מען קאָן זאָגן מיט לוקסוס. דאָ האָבן פֿריִער געוווינט, קענטיק, רײַכע מענטשן. נאָר אויב וואָראָבייצעוו האָט געמיינט אַז ער וועט מיט זײַן וווּנדערונג איבערראַשן טשאָכאָוון, האָט ער זײַן ציל נישט דערגרייכט. טשאָכאָוו הייבט זיך אַרויף מיט אים אַפֿן צווייטן שטאָק איבער ברייטע שטיגן מיט טעפּיכער פֿאַרשפּרייט און קוקט זיך אַפֿילע ניט אום אַף די זײַטן, שענקט ניט קיין אַכט דעם מעבל פֿון רויטן האָלץ מיט באַגילדטע קאַנטן, ניט די הירשן־הערנער אַף די ווענט, ניט דעם שיינעם קונציק־צוזאַמענגעשטעלטן פּאַרקעט, ניט דעם גלעזערנעם סופיט פֿונעם אייבערשטן וועסטיביול.

זיי גייען דורך איינעם און אַ צווייטן צימער און קומען אַרײַן אין אַ געראַומען ליכטיקן צימער מיט אַן אָפֿענער טיר צו אַ טעראַסע. אין צימער שטייט אַ גרויסער טיש, שוין אַ געגרייטער צו מיטאָג. צוויי דײַטשקעס דערזעען וואָראָבייצעוון, מאַכן זיי אַ קניקס, פּישטשען עפּעס צווישן זיך און פֿאַרשווינדן.

— מיר לעבן און — מיר קײַען, — זאָגט וואָראָבייצעוו און באַגלייט זײַנע ווערטער מיט אַ ברייטן מאַך פֿון דער רעכטער האַנט, וואָס נעמט אַרום דעם טיש, די בילדער אַף די ווענט, דעם ווײַסן ראָיאַל, און דעם עלעגאַנטן „טאָרשער" צוקאָפּנס דעם ברייטן טערקישן בעט, און אַלץ וואָס איז פֿאַראַן אין דעם צימער.

נאָר טשאָכאָוו איז שוין אַף דער טעראַסע. ער פֿאַרדרייט אַ ציגאַרל מאַכאָרקע, פֿאַררויכערט און זאָגט:

— מ'עט דיר געבן דעם וועג פֿון דאַנען.

וואָראָבייצעוו שפּיצט צו די אויגן:

— ווער וועט מיר געבן דעם וועג? די דײַטשן, וואָס?

— אונדזערע וועלן דיר געבן דעם וועג — זאָגט טשאָכאָוו.

באַ וואָראָבייצעוון ווערט מיט אַ מאָל דאָס פּנים ווײַס. ער צעלאַכט זיך מיט אַ ניט־נאַטירלעכן געלעכטער, דערנאָך הערט ער אויף לאַכן און זייעט אַרויס פֿון צווישן די ציין:

— דעם וועג געבן, דאָס זעסטו, קענען זיי, אונדזערע. נאָר אין וואָס גייט עס? פֿיר יאָר זיך געשלאָגן, אונטער יאָדלעס געלעבט. איצט איז צײַט אַ לעב צו טאָן אָנשטענדיק, ווי עס פּאַסט פֿאַרן אָפֿיצירן־קאָרפּוס. ניט פֿאַרשעמט צו ווערן פֿאַר די פֿאַרבינדעטע און פֿאַר דער גאַנצער וועלט. וואָלסט געדאַרפֿט זען ווי עס וווינען די אַמעריקאַנער. זײַ זיכער, באַ אונדז רעדט מען פֿון דעמאָקראַטיע, און אין דער עמעסן? וואָס אַ גענעראַל מעג, טאָר ניט אַ לייטענאַנט, און באַ זיי איז אַלצאיינס, ווער ווי אַזוי — וואָס דו האָסט צוגענומען, דאָס איז דײַנס...

טשאָכאָוון וווּנדערט אַ ביסל וואָראָבייצעווס היצן זיך. וואָראָבייצעוו קומט אַ ביסל צו זיך און וויל פֿאַרגלעטן דעם אײַנדרוק פֿון זײַנע ווערטער:

— ביסט אַ הענדעלע, טשאָכאָוו. באַשטימט אַ הענדעלע! אַזוי לאַנג מיר לעבן, לאָמיר לעבן ווי ברייט עס לאָזט זיך!

באַלד דערויף קומט אַרײַן דער מאַיאָר כליאַבין פֿונעם קאָדרן־אָפּטייל.

ווי ער קומט אַריין וואַרפט ער פון זיך אַראָפּ אַפן ראָיאַל זיין גרויען מויזקאָ־לירטן רעגנמאַנטל און עסט זיך איין מיט די אויגן אין טשאַכאָוון.

— אַן אייגענער יאַט, אינאיינעם געדינט — באַרויקט אים וואָראָבייעוו. מען זעצט זיך צום טיש. טשאַכאָוו גיט אַ זופּ, דעם ערשטן מאָל אין זיין לעבן, פון דעם זיסן, נאָר זייער שטאַרקן ליקער און, פון ניט געוויינ־שאַפט, פאַרדרייט זיך אים דער קאָפּ. ער פילט זיך נישט גוט אין דער גע־זעלשאַפט פון וואָראָבייעוון און כליאַבינען, אים געפעלט ניט ווי זיי ווינ־קען זיך איבער, ווי זיי וואַרפן זיך דורך מיט פאַרשטעלטע ווערטער, מיט אָנ־צוהערענישן וועגן פּאַסירונגען, וואָס טשאַכאָוו ווייס פון זיי גאָרניט, און אויך זייער אָפט דערמאָנען דײַטשע פרויען־נעמען, און זייער צוקנאַקן דער־ביי מיט דער צונג. כליאַבין, וואָס באַ זיך אינעם קאַדרן־אָפּטייל איז ער קנאַפּ ריידעוודיק, שטרענג און טרוקן, זידלט זיך דאָ אָן אויפהער, רעדט מיעסע רייד. וואָראָבייעוו רופט ער „אויסגעפינער", נאָר ער באַהאַלט ניט אוים זיין באַגייסטערונג פאַר זיינע שאַרפע ווערטלעך און געוויסע מאַיסים, וואָס אַז ער דערמאָנט זיי, קייכט ער פון געלעכטער.

טשאַכאָוו שווייגט די גאַנצע צייט. די פלאַש־כאַווירים פּרוּוון אים טכי־לעם אַריינציען אין זייער שמועס, נאָר דערנאָך גיבן זיי אָפּ אים אַ מאַך מיט דער האַנט און לאָזן אים צו רו. צום סאָף, בייגט זיך צו וואָראָבייעוו צו כליאַבינען און טײַנעט מיט אים איין וועגן טשאַכאָוון. צוערשט נעמט ער אים איינריידן, דערנאָך שטייט ער צו צו אים. כליאַבין ווערט מיט אַ מאָל אַזוי קנאַפּ־ריידעוודיק און טרוקן ווי אינעם קאַדרן־אָפּטייל, נאָר דערנאָך ווערט ער ווייכער און פרעגט באַ טשאַכאָוון:

— ווּהין־זשע ווילסטו?

— אין ערגעץ ניט — זאָגט טשאַכאָוו.

כליאַבין פאַרלירט זיך.

— וואָס הייסט, אין ערגעץ ניט? ווילסט באַקומען אַ באַשטימונג?

— ניין — זאָגט טשאַכאָוו.

וואָראָבייעוו עפנט ברייט די אויגן, דערנאָך צעלאַכט ער זיך קורץ, און צום סאָף רופט ער זיך אָן אַ באַליידיקטער:

— וואָס מאַכסטו זיך נאַריש? מען פרעגט דיך מענטשלעך — אָפּ יוֹאָס פאַר אַן אמת ווילסטו גיין? אין דער פאַרוואַלטונג, ריכטיק?

טשאַכאָוו גיט אַ פיינטלעכן גלאַנץ מיט די אויגן, נאָר ער ענטפערט רויק:

— איך וויל זיך דעמאָביליזירן.

— דאָס קענען מיר דיר איינאָרדענען איינס און צוויי — זאָגט כליאַבין.

עס ווערט שטיל. און מיט אַ מאָל צעבייזערן זיי זיך ביידע — סיי כליאַ־בין און סיי וואָראָבייעוו. אין זייער בייזערן זיך איז נישטאָ קיין שום לאָגיק — נאָך אַלעמען, וויל טשאַכאָוו עפּשער מיט אַן עמעסן זיך דעמאָביליזירן, און דאָס קען בעשום אויפן נישט וועמען עס איז וווּנדערן. און דאָך, זיינען זיי ווילד געוואָרן, ווי ער וואָלט זיי אָפּגענאַרט, ווי ער וואָלט זיי אַוועקגע־שטעלט אין אַ מין פאַלשער, אומבאַקוועמער לאַגע. זיין אָפּזאָגן זיך פון זייער מיטהילף שטעלט אַוועק זייער גאַנצע אויפפירונג אין אַ ניט שיינעם ליכט. זיי נעמען ביידע ריידן אָפּ אַ מאָל. וואָראָבייעוו נעמט צושטיין צו טשאַכאָוון ער זאָל „זיך ניט נאַריש מאַכן און זאָגן וווּהין ער וויל, און כליאַבין היצט זיך, רעדט מיעסע רייד און צום סאָף גיט ער אַ בורטשע: „קנייטשט פון זיך אַ גאַנצן טינויפעס..."

טשאָכאָוו ווערט בלייך, ער הייבט זיך פּאַמעלעכן אויף, נעמט אַ וואַרע־מען קאָטלעט פֿונעם טעלער און גיט אים אַ רוק אונטער כליאַבינען אונטער דער נאָז, און איידער יענער נעמט נאָך עפּעס זאָגן, רייַבט ער אים אייַן מיטן קאָטלעט זייַן רויטע צורע. דערנאָך דרייט ער זיך אויס צו דער טיר און גייט אַרויס מיט געלאַסענע ניט גאָר פֿעסטע טריט פֿונעם צימער, לאָזט זיך אַראָפּגיין די טרעפּ, גייט דורך דעם הויף און ער איז שוין אַף דער גאַס.

אין דרויסן איז שוין פֿינצטער און די גאַס שמעקט מיט ליפּאָווע צווייט. טשאָכאָוו גייט און פֿילט זיך העכסט אומגליקלעך, ווי אַ פֿאַרמישפּעטער מענטש. איצט פֿאַרשטייט ער שוין ניט פֿאַרוואָס ער איז זיך באַגאַנגען אַזוי ווי ער איז זיך באַגאַנגען, און שרייַבט צו זייַן באַנעמונג און זייַנע רייד דער ווירקונג פֿון דעם געדיכטן און זיסן געטראַנק, וואָס האָט אים צוגעפּלעטשט מיט זייַן אומגעריכטער שטאַרקייט. ער זעט ניט קיין שום גרונט פֿאַר זייַן פֿלוצעמדיקער טראָגיקייט און זייַן ווילדן אויפֿברויז דאָרט, בײַ וואָראָבייטשעוון אין שטוב. ער קען ער זיך שוין ניט פֿאָרשטעלן, אַז אַרויסגעבראַכט פֿון די קיילים האָט אים דער ווייַסער ראָיאַל, דאָס בלויע בעט, די קונציקע פּאַר־קעט־צייכענונג, און אַף דעם הינטערגרונט די מעגלעכקייט אַוועקצושטעלן אַבי וועמען, אַ קימאַט פֿרעמדן מענטשן, וואָס מען ווייס ניט מיט וואָס ער האָט זיך פֿריִער פֿאַרנומען, וואָס איז ער אַלס מענטש און ווי האָט ער זיך ביז איצט אויפֿגעפֿירט, אַף אַ פּאָסטן, צו וועלכן עס איז באַרעכטיקט גאָר אַן אַנדערער. אָט די מאָטיוון קומען אים איצט אַפֿילע ניט אַפֿן זינען און ער שרייַבט עס צו זייַן האַמעטנעם, אומהיימלעכן כאַראַקטער, וואָס האָט זיך בײַ אים באַזונדער שטאַרק צעשפּילט נאָכן ליקער.

ער ווייס ניט דעם וועג און קען זיך בעשום אויפֿן ניט אַרויספּלאָנטערן פֿון די אומבאַקאַנטע גאַסן און געסלעך. נאָר אים איז אַלצאיינס. ער גייט ווו די אויגן טראָגן אים און מאָלט זיך אין געדאַנק שרעקלעכע זאַכן וואָס קענען אַרויסקומען פֿון דער הייַנטיקער אומבאַטראַכטער און נאַרישער אויפֿפֿירונג. ווען ער דערמאָנט זיך דעם שלימאַזלדיקן קאָטלעט און כליאַבינס ווילדע אויגן דערבייַ, גיט ער אַזש אַ קרעכץ פֿון ווייטיק.

ענדלעך, דערקלייַבט ער זיך פֿאָרט צו דער בריק. אַרום איז אַלץ שטיל. לינקס שוואַרצן זיך די כורוועס פֿונעם פּאָסאַדאַמער וואָקזאַל — אָנגעהויפּנטע שטיינער, צעקאַליעטשעטע וואַגאָנען, פֿאַרקוילטע געבייַדעס, נישט געקוקט דערויף וואָס די מילכאָמע איז שוין לאַנג פֿאַרענדיקט און די פֿאַרפינצטערונג איז אָפּגעשאַפֿט, שטייען די שטאָטישע הייַזער פֿינצטערע, קימאַט אָן איין באַלויכטענעם פֿענצטער. טשאָכאָוו גייט אַזוי לאַנג ביז ער בלייַבט שטיין פֿאַרן שטיבל וווּ ער וווינט.

„מען וואָלט זיך באַדאַרפֿט זען מיט לובענצאָוון” — פֿאַלט אים פּלוצעם אייַן, און די טרעפֿונג זעט אים אויס זייער וויכטיק. ער שטעלט זיך מיט אַ מאָל פֿאַר די קלאָרע אויגן פֿון דעם גוואַרדיע־מאַיאָר, ער דערהערט זייַן הויכן און שנעלן אויפֿן פֿון ריידן, ער דערזעט זייַנע שאַרפֿע באַטראַכטע באַוועגונגען, זייַנע קליינע און האַסטיקע אויסדריקפֿולע הענט — וואָס רוען קיינמאָל ניט. ער פֿאַרבענקט זיך נאָך דעם גוואַרדיע־אָפֿיציר קימאַט ווי מען בענקט נאָך אַ געליבטן מיידל. פֿון וועסיעלטשאַקאָוון האָט ער זיך דערוווּסט, אַז לובענצאָוו געפֿינט זיך אין אַ שפּיטאָל אינעם בעעליצער ראַיאָן, ערגעץ דאָרעמדיקער פֿון בערלין.

מיט דעם פֿעסטן באַשלוס זיך צו טרעפֿן מיט אים, גייט ער אַרייַן, אַ ביסל אַ באַרויִקטער צו זיך אין שטוב, צינדט אָן די עלעקטריע, טוט זיך אויס און

ציט זיך אויס אַף זײַן בעטל, מיט אַ קרומען קוק אַף דעם שאָכ:ם, וואָס שטייט, ווי שטענדיק, אַ קאַלטס, אַ פאַרבעטס, אַ ליידיקס. אונטערן בעט שטייט, ווי פריער, אַ פאַרשטויבטע פון שטרוי געפלאָכטענע וואַליזע.

טשאָכאָוו שלאָפט טיקעף אײַן, נאָר שלאָפן שלאָפט ער אומרויִק. אין דער פרי כאַפּט ער זיך אויף דערפון וואָס עמעצער טרייסלט אים בײַ דער האַנט. פאַר אים שטייט וואָראָבייצעוו.

טשאָכאָוו איז צעטומלט, ער וויל אַרויסמורמלען אַן אַנטשולדיקונג, נאָר וואָראָבייצעוו לאָזט אים ניט אַ וואָרט אויסרייִדן. ער צעלאַכט זיך פּלוצעם הויך און אַנטציקט און לאַכט בעיִם ער רעדט:

— נו, האָסטו אים היפּש... כאַ־כאַ־כאַ... מיטן קאָטלעט איבערן שנויק... איך האָב זיך נישט גערעכט, אַז דו... דו וואָלסט באַדאַרפט אַ קוק טאָן אַף אים. אַך, איז ער געווען פרעכטיק... כאַ־כאַ־כאַ... מיטן קאָטלעט אַף דער צורע...

וואָראָבייצעוו האָט, קענטיק, שטאַרק האַנאָע. טשאָכאָוון וווּנדערט עס. ער קען בּיכלאַל ניט טופעם זײַן פאַרוואָס וואָראָבייצעוו פירט זיך אַזוי אויף. עפּשער איז וואָראָבייצעוון פּאָשעט אומעטיק און ער זוכט נײַע אײַנדרוקן. טשאָכאָוו איז ניט שטאַרק געניײגט צו גריבלען זיך אין יענעמס נעשאָמע — ער האָט געגוג זאָרגן מיט זײַן אייגענער נעשאָמע, נאָר דאָ דערפילט ער עפּעס נעבעכדיקס אין דעם אויסוואָרף וואָראָבייצעוו. וואָראָבייצעוו לאַכט פון זײַן פרײַנטלעכע כליאַבין און איז אַנטציקט מיט טשאָכאָווס כוצפּעדיקן אויספאַל דערפאַר וואָס טשאָכאָוו האָט זיך דערמיט אַליין שאָדן אָנגעטאָן — ער האָט געטאָן, הייסט עס, דאָס וואָס וואָראָבייצעוו וואָלט עס נישט געקענט טאָן.

— און ער קען דיר היפּש שעדיקן, — גייט וואָראָבייצעוו איבער אַף אַ סוידעסדיקן טאָן, און צעלאַכט זיך ווידער: — וואָלסט אים באַדאַרפט אָנקוקן...

טשאָכאָוו טוט זיך שטיהערלייט אָן. וואָראָבייצעוו באַקומט דערווײַל אַרויס פונעם נאַכט־טישל דאָס פלעשל גרינעם ליקער און אַ גלאָז, ער שטעלט עס אויף, גיסט אָן אַ האַלבע גלאָז און דערלאַנגט טשאָכאָוון. טשאָכאָוו דרייט מיטן קאָפּ אַז ער וויל ניט. וואָראָבייצעוו טרינקט אַליין אויס און לייגט זיך אינעם אָנטאָן צו זיך אין בעטל, פאַררויכערט אַ ציגאַרעט, דערנאָך דרייט ער אום דעם קאָפּ צו טשאָכאָוון און פרעגט אים:

— וואָס־זשע, דו ווילסט זיך מיט אַן עמעצן דעמאָביליזירן?

— ווי מען וועט הייסן.

ער טוט אָן דעם שינעל. וואָראָבייצעוו שפּרינגט אויף:

— ווּהין קלײַבסטו זיך גיין?

— קיין בעעליץ — זאָגט טשאָכאָוו.

— צו וואָס?

— לובענצאָוו ליגט דאָרטן אין שפּיטאָל.

— וועלכער? דער אויסשפּירער?

— אים מיין איך.

וואָראָבייצעווס פּאָנעם ווערט פאַרקלערט.

— וואָס־זשע, ביסט מיט אים גוט באַקאַנט?

— יאָ.

— נישקאָשע פון אַ יאַט. — וואָראָבייצעוו שווײַגט אַ ווײַלע, דערנאָך רעדט ער ווײַטער פאַרקלערטערהייט: — זעסטו, אים האָט אָפּגעגליקט. אַ מאַזלדיקער מענטש. פאַראַן מענטשן וואָס האָבן מאַזל — עס גליקט זיי אַף און אַלע אַרום אַבקען: אַ מײַסטער, אַ מוסטער פון אַן אָפיציר, אַ דרייסטער,

אַ קלוגער, אַ טאַלאַנט! און ער גייט זיך ווי אַ איקאָנע. ער איז קלוימערשט אַ סימפּאַטישער, אַן איי־גענער יאַט, נאָר אַלץ איז אָנשטעל. גלאַט אַזוי וועט ער אַ וואָרט ניט אַרויסרייד, ער טראַכט זיך דערבײַ: וווּנדערט זיך, זעט סאַראַ מוסטער איך בין. איך פֿיר אויס די באַפֿעלן, איך זאָרג זיך וועגן די קלענער־ראַנגיקע באַאַמטע — פֿאַרשטייט זיך, אַף וויפֿל דאָס רעקאָמענדירט דער סטאַטוט, ניט מער, ניט ווייניקער. און טאָמער איז עפּעס ניט ווי ער וויל, נעמט ער דיך אפֿן צימבל, ניט ערגער פֿון אַ זשאַנדאַר.

— טיפּעש, — רופֿט זיך אָן טשאָכאָוו.

— אָ, ער איז שוין גאָרניט קיין טיפּעש...

— דו ביסט אַ טיפּעש — זאָגט טשאָכאָוו.

ער פֿאַרשפּיליעט דעם רימען אפֿן שינעל און לאָזט זיך גיין צו דער טיר.

— וואַרט אויס, איך גיי מיט דיר — רופֿט זיך פּלוצעם אָן וואָראָבייצעוו — מירן צופֿאָרן מיט מײַן אויטאָמאָביל.

טשאָכאָוו וווּנדערט זיך, נאָר ער שווײַגט. ווי שטענדיק שטייט בײַ דער שטוב וואָראָבייצעווס „הויקער".

זיי פֿאָרן אַדורך פּאָטסדאַם, פֿאָרן אַריבער די בריק און קומען אַרויף אפֿן שליאַך.

— בײַ מיר אינעם פּלאַנשעט איז פֿאַראַן אַ צוויי־הונדערטיקע מאַפּע — זאָגט וואָראָבייצעוו, — נעם קוק נאָך דעם וועג.

טשאָכאָוו נעמט די מאַפּע. דער וועג ציט זיך די גאַנצע צײַט מיטן וואַלד — אַף דער מאַפּע ווי אין דער ווירקלעכקייט. דער וואַלד נעמט אַרום דעם וועג פֿון ביידע זײַטן. גלײַכע לאַנגע דורכגעהאַקטע שטעגן צעשנײַדן דעם ריינעם, מיט מענטשלעכע הענט געפֿלאַנצטן וואַלד.

נאָך מינכענדאָרף דערזעען זיי איבער זיך אַ ריזיקע בריק.

— דאָס איז די אויטאָסטראַדע. טאַנקען גייען איבער איר, קאַנאָנען, אינפֿאַנטעריע.

טשאָכאָוו גייט אַרויס פֿונעם אויטאָמאָביל און קוקט אַ פֿאַרגאַפֿטער, מיט פֿאַרקישעפֿטע, באַגײַסטערטע אויגן, אַף די פֿאַרבײַגייענדיקע מיליטערישע טיילן. טשאָכאָוו איז בעעמעס מעקאַנע די לייטענאַנטן און קאַפּיטאַנען, וואָס רײַטן פֿאַרויס זייערע אונטעראָפּטיילונגען. די זעלנער זעען אויס פֿריילעך. אַלע זײַנען זיי גוט געקליידט. מען זעט ניט בײַ קיינעם פֿון זיי קיין באָטינקעס מיט קרײַקעס, די זעלנער טראָגן שטיוול און ניט מיט כאָליעוועס פֿון שטרוי־געפֿלאָכטן, נאָר מיט לעדערנע. די אַרמיי האָט באַקומען אַ רעגולערן פֿריד־לעכן אויסזען.

בײַ טשאָכאָוון שפּרינגט דאָס האַרץ. דערנאָך דערמאָנט ער זיך וועגן דעם נעכטיקן פּאַל מיט כליאַבינען, אַ פּאַל וואָס דראָט אים, טשאָכאָוון, מיט דעמאָביליזירן פֿון דער אַרמיי, און אַן אומעט באַפֿאַלט אים. ניט שוין־זשע וועט ער מער ניט פֿאָרן אַזוי רײַטענדיק אַף אַ פֿערד, אָדער אין דער קאַבינע פֿון אַן אויטאָמאָביל פֿאָרויס זײַן ראָטע, מיט אַ זיכערן בליק, זיכער, אַז הינ־טער אים גייען די זעלנער, אַלע באַוואָפֿנטע, אויסגעלערנטע מענטשן, זײַנע אונטערגעאָרדנטע און פֿרײַנט, וואָס זײַנען גאַנץ לעבן, אַלע זײַנע זאָרגן זײַנען פֿאַרנומען מיט זיי. ניט שוין־זשע איז ער מער קיינעם ניט נייטיק, און מיט וואָס איז ער ערגער פֿון אָט דעם ערשט־דורכגעריטענעם קאַפּיטאַן, וואָס האָט הינטער זיך גיין אַזאַ פּאָלבלוטיקע אויסגעשטאַטע ראָטע, מיט אַזאַ קרעפֿטיקן, מעכטיקן און שעלמיש־קלוגן סטאַרשינאַ, אַז נאָר צו פֿאַרקוקן זיך אַף אים!

וואָראָבייצעוו רעדט עפּעס, כוויזעקט, נאָר טשאָכאָוו הערט אים ניט. ער איז איינס מיט די פאַרבײַגײענדיקע מענטשן און איז גרייט מיט זיי אין עק וועלט צו גיין.

V

זיי פאָרן ווײַטער. עס מוז שוין זײַן נאָנט צו בעליץ, לענגאויס די שמאָלע אַספאַלטירטע וועגן, וואָס שנײַדן זיך אַרײַן טיף אין וואַלד, שטייען דאַטשעס און לאַנגע געבײַען. דאָס איז די שטאָט פון די שפּיטעלער, קליניקעס, סאַנאַטאָריעס. וואָראָבייצעוו שטעלט אָוועק זײַן אויטאָמאָביל, פאַרשטייט זיך, אַז אָפן באַגראָזטן טראָטואַר — און זיי לאָזן זיך ביידע צוגיין צו איינעם פון די געבײַען. נאָך לאַנגע צעפרעגעכצן דערוויסן זיי זיך ווו עס געפינט זיך דער געבײַ וואָס זיי זוכן, און זיי פאָרן אַהין צו.

אומעטום איז שטיל. עס שמעקט מיט מאָך און מיט סמאָלע. ניט ווײַט סטוקעט דער פּיקהאָלץ.

וואָראָבייצעוו גייט הינטער טשאָכאָוון און וויקלט אַלץ אויס זײַן געדאַנק וועגן דעם, אַז נאָך די עטלעכע יאָר מילכאָמע, „שאַדט ניט" דעם אָפיציר „אַ לעב צו טאָן". ער הערט אויף ריידן בלויז דעמאָלט ווען זיי טרעפן אָן אַ קראַנקן־שוועסטער אין אַ ווײַסן כאַלאַט. דעמאָלט בלײַבט וואָראָבייצעוו אומבאַדינגט שטיין און געפינט שנעל אויס אַ טעמע פאַר אַ שפּאַסיקן געשפּרעך, מאַכט גוואַלדאָוונע קאָמפּלימענטן און פּרוּווט באַשטעלן אַ ראַנדעוווּ. טשאָכאָוו וווּנדערט זיך, באַ זיך, אַף וואָראָבייצעווס פרײַער האַלטונג און דערפּינדערישקייט, זײַן פעיִקייט צו זאָגן ליגן אַזוי פאַרשידנאַרטיק און איבערצײַגנדיק: אָט ווײנט ער דאָ דערנעבן, אָט איז ער געקומען אַף אַן „אינספּעקציע אין שפּיטאָל", אָט וויזיטירט ער זײַן פאָטער דעם גענעראַל, וואָס היילט זיך דאָ. די מיידלעך גלייבן ניט שטאַרק דעם לאַנגפיסיקן קאַפּיטאַן, נאָר זיי האָבן האַנאָע פון זײַן היימישער האַלטונג, לאַכן און גייען אַוועק צופרידענע.

טשאָכאָוו גייט אַרײַן מיט אַ געוויסער שרעק אינעם געבײַ, ווו עס געפינט זיך, לויט אַלע פאַרצייכענונגען, לובענצאָוו. ער צעפרעגט זיך באַ אַ באַיאָרנטער קראַנקן־שוועסטער וועגן דעם גוואַרדיע־מאַיאָר.

ער האָט זיך שוין אויסגעשריבן — זאָגט די קראַנקן־שוועסטער.

טשאָכאָוו שטייט אַ ביסל און לאָזט זיך גיין צו דער אַרויסגאַנג־טיר. דערנאָך קערט ער זיך אום. די שוועסטער איז אַוועק. ער עפנט די ערשטע טיר וואָס קומט אים צו דער האַנט. אין אַ גרויסן צימער, מיט מעבל און ווײַסע טשעכאָלן, זיצן צוויי דאָקטוירים, ווי ער פאַרשטייט. טשאָכאָוו גייט אַרײַן און פרעגט צי איז לאַנג שוין אַז דער גוואַרדיע־מאַיאָר האָט זיך אויסגעשריבן און וווּהין ער האָט זיך אויסגעשריבן. איינער פון די דאָקטוירים זאָגט, אַז הײַנט איז דער דריטער טאָג ווי ער האָט זיך אויסגעשריבן, וווּהין איז ניט באַוווּסט. טשאָכאָוו קלײַבט זיך שוין ווידער אַוועקגיין, ווי פון הינטער אים דערהערט זיך וואָראָבייצעווס הויכער און ניט צופרידענער קאָל:

— וואָס הייסט, ניט באַוווּסט? עס קען ניט זײַן, עס זאָל ניט זײַן באַוווּסט. זײַט זיך מאַטריעך, קוקט אַרײַן אין אײַער טאַלמוד און ענטפערט ווי געהעריק.

דער צווייטער דאָקטער, אַ קלײנינקער, זייער אַ טונקעלער, מיט בלוישוואַרצע האָר און ברעמען רופט זיך אָן, אים צו באַרויִקן:

— צו וואָס זיך בייזערן? אײַ־אײַ־אײַ, ווי ניט גוט עס איז אַזוי צו ריידן.

— אײַ־אײַ־אײַ — קרומט זיך נאָך וואָראָבייצעוו דעם דאָקטער, — מיר קענען אײַך. — זײַן פּאָנעם ווערט פֿינצטער פֿון פּלוצעמדיקן קאַס.

דער שוואַרצער דאָקטער פֿאַרלירט זיך פֿון דעם אומגעריכטן אויסבאַל. די ליפּן ציטערן באַ אים פֿון באַליידיקטן געפֿיל. ווער ווייס מיט וואָס דאָס וואָלט זיך פֿאַרענדיקט, ווען עס קומט ניט אַרײַן אין צימער אַ דאָקטער מיט דעם ראַנג פֿון פּאָלקאָווניק, וואָס ווײַזט זיך אַרויס צו זײַן דער הויפּט־דאָקטער פֿונעם שפּיטאָל. אַלע שטייען אויף. וואָראָבייצעוו דערזעט דעם דאָקטער, כאַפּט ער זיך אַרויס פֿון דער טיר און פֿאַרשווינדט. טשאָכאָוו איז שרעקלעך צערודערט און אויפֿגעבראַכט און פֿרעגט אומדרייסט באַם פּאָלקאָווניק וווּ הין עס האָט זיך אויסגעשריבן דער גוואַרדיע־מאַיאָר לוביענצאָוו, און דער פּאָלקאָווניק ענטפֿערט אים גוטמוטיק:

— ערשטנס איז ער שוין ניט קיין מאַיאָר, נאָר אַ פּאָדפּאָלקאָווניק. די טעג האָט מען אים צוגעטיילט דעם ווײַטערדיקן ראַנג. און אויסגעשריבן האָט מען אים ווײַל ער איז אויסגעהיילט, אַף ווײַטערדיקן דינסט. אָט ווי, ליבינקער. — ער באַמערקט אַ אומעט אינעם קאַפּיטאַנס אויגן און, אויס מיטלייד, זאָגט ער אים: — דאָ איז דאַכט זיך פֿאַרבליבן זײַן פֿרוי. טאַטיאַנאַ וולאַדימיראָוונאַ איז דאָ? — פֿרעגט ער באַ די דאָקטוירים, — אויך אַוועקגעפֿאָרן? אָט ווי, ליבינקער — דרייט ער זיך ווידער אום צו טשאָכאָוון — אויך אַוועקגעפֿאָרן. — ער טראַכט אַ ווײַלע און זאָגט: אויב מײַן זיקאָרן נאַרט מיך נישט, איז דער כאַווער לוביענצאָוו באַשטימט אַף דינסט אין דער סאָוועטישער מיליטערישער פֿאַרוואַלטונג.

— דערלויבט איר מיר אַוועקגיין?

ער באַקומט די דערלויבעניש און זאָגט צו די דאָקטוירים „ביז זען זיך", נאָר זיי ענטפֿערן אים ניט. ער דרייט זיך אַוועק און גייט אַרויס.

אַף די ברייטע שטיינערנע טרעפּ שטייט וואָראָבייצעוו און רויכערט. טשאָכאָוו גיט אַ בלאַנק אַף אים מיט די אויגן און גייט אים פֿאַרבײַ, צום טויער. וואָראָבייצעוו יאָגט אים אָן און זאָגט איבערבעטנדיק:

— נו, זײַ ניט אַזוי צעזאַטן. איך האָב ניט ליב קיין דאָקטוירים. און איך האָב דאָך נישט געוווּסט, אַז פּלוצעם וועט אַרײַנקומען דער פּאָלקאָווניק.

זיי גייען צום אויטאָמאָביל, וואָראָבייצעוו עפֿנט דאָס טירל, נאָר טשאָכאָוו זאָגט:

— איכל פֿאָרן מיט דער באַן.

— וואָס איז, וואָס רעדסטו! — ווערט וואָראָבייצעוו צערודערט. — לאָז זיך אָפּ, וואָס קריכסטו אינעם פּלעשל? נו, זײַ מיר מוחל. איך האָב זיך צעהיצט... — ווען טשאָכאָוו זעצט זיך דאָך אַרײַן אינעם אויטאָמאָביל, נאָך אַ ווײַלע נאָכקלערן, מערקט אים אָן וואָראָבייצעוו האַלב באַליידיקט, האַלב פֿאַרוווּנדערט: — סאַראַ כאַראַקטער באַ דיר!

דער אויטאָמאָביל רירט זיך אין וועג אַרײַן. ביידע שווײַגן. צום סאָף נעמט זיך אָן וואָראָבייצעוו מיט מוט און פֿרעגט טשאָכאָוון צי האָט ער זיך דערוווּסט וווּ לובענצאָוו איז. ווען טשאָכאָוו זאָגט אים, אַז דער אויסשפּירער איז אַרײַן אַף דינסט אין דער סאָוועטישער מיליטערישער פֿאַרוואַלטונג, שטעלט ער אָפּ, פֿון דעם אומגעריכטן ענטפֿער, דעם אויטאָמאָביל.

— אָט, רופֿט ער אויס פֿײַערלעך און מיט אַ באַזונדערער האַנאָע, — אָט האָסטו דיר לוביענצאָוו! ער ווייס וווּ גוט איז!

— מען האָט אים געשיקט, איז ער געגאַנגען — זאָגט טשאַכאָוו.

— געשיקט!... עמעס!... גלייך פונעם שפּיטאָל־בעטל אויפגעהויבן — זייט אַזוי גוט צו דער פּאַרוואַלטונג. ניין, ברודער, ניט אַזוי טוט זיך עס. אין די ראַמאַנען נאָר. זיי רויק, ער איז אין גוטע באַציִונגען מיט סערעדאַ און איז אויך ערגעץ צוגעפּאַרן מיט סיזאָקרילאָוון. אַ פלינקער יאַט. וואָס דרייסטו מיטן קאָפּ? נאַטירלעך, איך לייקן ניט, ער איז ניט קיין שלעכטער אָפיציר, ער ווייס אָבער אויך וווּ וואָס עס געהער. דאָס איז גאַנץ ריכטיק, איך באַשולדיק אים ניט. איך ליב אים. אַזוי דאַרף מען!

ער דריקט אָן אַפן גאַז, דער אויטאָמאָביל נעמט לויפן שנעל, פריילעך, ווי ער וואָלט זיך אָנגעשטעקט מיט דעם באַלעבאָס'ס שטימונג. באַלד שטעלן זיי זיך ווידער אָפּ — ווידער ציט זיך איבערן וועג סאָוועטיש מיליטער. דאָס מיליטער גייט ווי צו דער שלאַכט. הינטער די אונטעראָפּטיילן פאָרן די לאַסט־אויטאָמאָבילן מיט פעלד־קיכן.

— מאַנעווורעס זיך ווידער אָנגעהויבן, צי וואָס? — שטוינט וואָראָבייצעוו.

פאַרביי זיי ציען זיך אויטאָמאָבילן מיט ראַדיאָ־סטאַציעס, דערנאָך ציט זיך לאַנג די אַרטילעריע.

— מאָדנע — זאָגט וואָראָבייצעוו.

קיין פּאָטסדאַם קומען זיי שפּעט אין אָוונט, און אַפן אַנדערן טאָג אין דער פרי איז שוין טשאַכאָוו ווידער אינעם קאַדרן־אָפּטייל.

דאָ טרעפט ער אָן, צווישן דער גרויסער צאָל אָפיצירן, וואָס דרייען זיך פאַר די שטיבלעך, דעם קאַפּיטאַן מעשטשערסקי, געוועזענעם קאָמאַנדיר פון אַן אויסשפּירער־ראָטע אין יענער דיוויזיע וווּ טשאַכאָוו האָט פריער געדינט. ביידע דערפרייען זיך, פונעם ערשטן טאָג באַקענען זיך, זיינען זיי זיך גע־וואָרן סימפּאַטיש.

מעשטשערסקי איז צערודערט און פון עפּעס באַזאָרגט. דאָס שטערט אים נישט, אַגעוו, צו באַמערקן, אַז טשאַכאָוו זעט אויס אומעטיק און באַזאָרגט.

— עפּעס זייט איר אומעטיק — קוקט זיך איין מעשטשערסקי אין טשאַכאָוון.

— יאָ — איז זיך טשאַכאָוו מודע, און ווען ער מערקט אין מעשטשער־סקיס אויגן סימפּאַטיע, דערקלערט ער אים גלייך: איך האָב מורא מען וועט מיך דעמאָביליזירן.

מעשטשערסקי שמייכלט:

— און איך בין אומעטיק דערפון וואָס איך האָב מורא, אַז מען וועט מיך נישט דעמאָביליזירן. ביידע צעלאַכן זיך פריילעך און גייען אינאיינעם אַריין אין הויז. אומגעריכט, הייסט מען זיי ביידן בלייבן. אין אַ האַלבער שאָ אַרום רופט מען טשאַכאָוון צו דער קאָמיסיע.

עס קאָסט טשאַכאָוון נישט ווייניק מי אויסצובאַהאַלטן די מורא, וואָס ער פילט עפּשער צום ערשטן מאָל אין לעבן. אינעם גרויסן צימער זיצן באַם טיש פיר פּאָלקאָווניקעס, איינער פון זיי איז דער אָנפירער מיט דעם קאַדרען־אָפּטייל. אַפן טיש שטייען גלעזער טיי און אָנגעוואָרפן אַ גאַנצער באַרג מיט טעקעס פון פּערזענלעכער אויפפירונג. אין די טעקעס ווערן אָנגעזאַמלט אין מעשעך פון יאָרן, יעדיִעס וועגן אַלע אָפיצירן, און די טעקעס, גייען זיי נאָך, אומבאַמערקטערהייט, ווי אַ שטענדיקער שאָטן, דורך אַלע שטעט און דער־פער, דורך די מיליטערישע טיילן, אינעם רעזערוו און אין דעמיסיע.

טשאַכאָוו קומט אַריין און בלייבט פאַרגליווערט שטיין אין מיטן צימער. דער פּאָלקאָווניק, וואָס זיצט אין מיטן באַם טיש, הייסט אים זיך זעצן, נאָר

ער זעצט זיך נישט. פֿון צעטומלעניש און דערדריקטקייט, הערט ער ניט דעם פּאָלקאָווניקס ביטע צו זיצן. דער פּאָלקאָווניק נעמט טייקעף אַרײַנקוקן אין איינער פֿון די טעקעס. צום סוף הייבט ער אויף די אויגן אויף טשאַכאָוון, לאָזט זיי ווידער אַרונטער צו די פּאַפּירן און שמייכלט. ער ווײַזט עפּעס דעם דערבײַזיצנדיקן פּאָלקאָווניק און צעלאַכט זיך קורץ.

„שוין" — טראַכט זיך טשאַכאָוו און האַלט קוים אײַן אַ קראַמף־צוק אויף גײַן פּאָנעם.

די קאָמיסיע־מיטגלידער ריידן עפּעס צווישן זיך שטיל און דער פּאָרזיצנדיקער הייבט ווידער אויף די אויגן אויף טשאַכאָוון און זאָגט:

— זעצט זיך.

טשאַכאָוו זעצט זיך אַוועק אויף אַן עק שטול. דער פּאָלקאָווניק גלײַכט זיך אויס, טרינקט אויס אַ ביסל טיי פֿון דער גלאָז און זאָגט:

— פֿאַראַן בײַ אונדז אַ מיינונג אײַך צו באַשטימען פֿאַר קאַפּיטאַן פֿון אַ שיסער־ראָטע דאָ אין פּאָטסדאַם. האָט איר ניט קעגן דעם?

— ניין — זאָגט טשאַכאָוו.

— ווי איר אַליין, פֿאַרשטייט — זאָגט דער פּאָלקאָווניק מיט אַ גענעץ — איז די אַרבעט פֿון קאָמאַנדירן אַ שיסער־ראָטע אין פֿרידנס־צײַט גאָר אַן אַנדערע ווי אין מילכאָמע־צײַט. מוט איז, אין הײַנטיקע צײַטן, נישט קיין כעסאָרן נאָר ניט דער איקער. דער איקער איז איצט — קענען דערציִען דעם קעמפּער, קענען לערנען דאָס אַלץ וואָס אַ זעלנער דאַרף וויסן. דערין, פֿאַרשטייט זיך, דאַרף מען אים דערציִען דעם מוט. שלאַכט־צוגרייטונג באַקומט איצט אַ באַזונדערע באַדײַטונג דערמיט וואָס דער אויסערלעכער אויסזען פֿון דער אַרמיי אין פֿרידנס־צײַט שפּילט אַ וויכטיקע ראָל. איז עס אײַך קלאָר?

— יאָ — זאָגט טשאַכאָוו.

ער הערט אַלץ וואָס מען זאָגט אים און ער גלייבט זיך ניט, אַז אים האָט געטראָפֿן אַזאַ אומגעריכט גליק. עס זעט אים אויס מאָדנע דאָס וואָס דער פּאָלקאָווניק רעדט מיט אַזאַ רויִקן טאָן און שטעלט זיך גאָרניט פֿאָר וואָס פֿאַר אַ שטורעם עס קאָכט בײַ טשאַכאָוון אין האַרצן, און אַז טשאַכאָוו איז גרייט צו אים צוצוגיין, און אים אַרומנעמען, זיך צעוויינען אַפֿילע פֿון פֿרייד, פֿון באַנעמען זײַן ענגע פֿאַרבונדנקייט מיט דעם פּאָלקאָווניק און מיט דער גאַנצער אַרמיי.

שוין ווען ער גייט אַרויס פֿונעם צימער, דערמאָנט זיך טשאַכאָוו אויף כליאַבינען און וואָראָבייציעוון, און דאָס דערמאָנען פֿילט אים אָן מיט נאָכמער גליקזעליקייט. כליאַבינס און וואָראָבייציעווס אוממעכטיקייט צו באַשטימען עמעצנס גוירל קערט אים אום זײַן אינערלעכע גלײַכגעוויכט, ווישט אָפּ די ספּייקעס וואָס האָבן אים געדריקט און עס וואָלט אים שווער געווען מיט זיי צו לעבן אויף דער וועלט.

אַ גליקלעכער, נאָר אַן אײַנגעשלאָסענער אין זיך, שטופּט ער זיך דורך צווישן אוילעם אָפֿיצירן און מיט אַ מאָל דערמאָנט ער זיך אויף מעשטשערסקין. אין דעם מאָמענט זעט אים פּאָשעט אויס אומנאַרמאַל מעשטשערסקיס שטרעבונג אַוועקצוגיין פֿון דער אַרמיי — פֿון אַזאַ אַרמיי! נאָר איצט וויל ער, אַז אַלע זאָלן זײַן גליקלעך און ער ווינטשט דעריבער אין געדאַנק מעשטשערסקין דערגרייכן זײַנס.

ער באַשליסט אָפּצוּוואַרטן מעשטשערסקין און שטעלט זיך צוליב דעם

אוועק ניט ווײַט פונעם הויז. גאָר גיך הערט ער ווי מעשטשערסקי רופט אים. זיי גייען זיך איינער קעגן צווייטן.

— מען דערקענט באַ אײַך אַפּן פּנים, אַז אַלץ איז אין אָרדענונג! — רופט אוים מעשטשערסקי. — איך באַגריס אײַך! באַגריסט מיך אויך — באַ מיר איז אויך אַלץ אין אָרדענונג!

שווײַגנדיק דריקן זיי זיך די הענט. אַ פײַערלעכע שטימונג נעמט זיי ביידן אַרום — ביידע שטייען זיי אַף דער שוועל פון אַ נײַ לעבן. עפּשער האָבן זיי אויך דערפילט, אַז געענדיקט האָט זיך זייער יוגנט און אַז יעדן פון זיי שטייט פאָר אַ העכערער שטאַפּל פון אַנטוויקלונג.

— פאַרשרײַבט מײַן אַדרעס — רופט זיך אָן צום סאָף מעשטשערסקי און מיט ליבער בשיוועם און אַ ביסל אַ צערודערטער, דיקטירט ער אים: — מאָסקווע, נײַן, דורכפאָר־הויף פון קינסטלערישן טעאַטער... לאָמיר זיך צו־זאָגן זיך דורכשרײַבן. מיר האָבן זיך ווייניק געטראָפן, נאָר איך האָב אײַך שטאַרק ליב באַקומען.

— נאַטירלעך — כאַפּט זיך אַרויס באַ טשאַכאָוון און ער פאַררויטלט זיך ביז די אויערן. ער איז נישט געוווינט צו האַרצנס־אויסגוסן.

VI

דאָס באַלעבטע און פון טשאַכאָוון אָפּגעמערקטע און ניט־פאַרשטאַנענע אַריבערפירן מיליטער איבער די דײַטשע וועגן פון מיזרעך צו מײַרעוו, האָט, פון אַ זײַט געזען, זיך געקענט דאַכטן עפּעס ענלעכס צו אַ פּלוצעמדיקן צו־ריקשטרוים פון אַ ניט־גרויסער כוואַליע נאָכן צושלאָג פון אַ גרויסן וואַל. אין דער עמעסן האָט דאָס איבערפירן געהאַט זײַן זין.

עס האַנדלט זיך דערין, וואָס דעם 1טן יולי 1945 האָט דאָס ענגלישע און אַמעריקאַנישע מיליטער וואָס איז געשטאַנען לענגויס דעם מײַרעווודיקן ברעג עלבאַ און מולדע, אָנגעהויבן, לויט איינעם פון די געהיימע באַשלוסן פון די דרײַ מעלוכעס אין יאַלטע, אַ צוריקגאַנג צו די מײַרעוודיקע גרענעצן פון די פּראָווינצן מעקלענבורג, זאַקסן־אַנהאַלט און טירינגען; דאָס סאָווע־טישע מיליטער, ווידער האָט אָנגעהויבן פאַרנעמען די שטיקער לאַנד וואָס די פאַרבינדעטע האָבן פרײַגעלאָזט.

פאָרויס ציִען זיך די אַוואַנגאַרד־טיילן אַף אויטאָמאָבילן. די זעלנער זײַנען אויסגעצייכנט געשטימט: אָנגענעם איז פאָרויסצוגיין נאָך צוויי כאַ־דאָשים אָפּגעוויינטן שטיין אַף איין אָרט. דערצו נאָך פאַרשאַפט זיי דאָס פאָרויסגיין אַף מײַרעוו אָן שלאַכטן, אָן דער סאַקאַנע דערהאַרגעט צו ווערן אַף אַ ליאַדע וועג־פאַרקרימונג, אַ גאַנץ פאַרשטענדלעכן פאַרגעניגן — דאָס זעט אויס אַ מין עקסקורסיע איבער אַ אומבאַקאַנטן און דעריבער אינטערע־סאַנטן לאַנד. די זעלנער פאָרן און לויבן די דיפּלאָמאַטיע, וואָס דערלאָזט פאַרנעמען שטעט אָן אַ שלאַכט.

ווי נאָר אָבער די מיליטער־טיילן טרעטן אַריבער די הײַנט אָפּגעשאַפטע דעמאַרקאַציע־ליניע און שיפן זיך אַריבער די וואַסער־שטראָמען, מערקן די זעלנער, אַז די שטעטלעך און דערפער זעען אויס זייער פּוסט, ווי פאַרלאָזט, כאָטש די באַפעלקערונג איז זיכער אין ערגעץ ניט אוועק: די בײַטן אַף די גרינסגערטנער זײַנען שוין באַשאָטן מיט צײַטיקן גאָרטנוואַרג; די סעדער זײַנען פול מיט צײַטיק וועראַנדיקע פרוכט, אין די הייף ליגן רידלען, מעסערס

און אַנדערע אינסטרומענטן און זייער אויסזען דערציילט, אַז מען האָט זיך מיט זיי ערשט גענוצט, בוכשטעבלעך, ערשט מיט אַ האַלבער שאָ צוריק; איבער די הייף גייען אום הינער, גענדז און קאַטשקעס. נאָר קיין מענטשן זיינען נישטאָ. מען זעט קיין נעפעש נישט אין ערגעץ.

די זעלנער וואונדערן זיך. זיי זיינען שוין אָפּגעוויינט פון זען די באַפעלקערונג זיך שרעקן פאַר זיי — אַ שרעק וואָס האָט עקזיסטירט און האָט אין דער ערשטער צייט געהאַט אַ גרונד. אין די דייטשע ערטער, ווו די זעלנער זיינען געשטאַנען ביז איצט, איז אין דער באַציִונג צווישן זיי מיט די דייטשן אַריינגעטראָטן אַן ערנסטע און באַדייטנדיקע ענדערונג. און געשען איז עס ניט דורך דירעקטיוון און באַפעלן פון דער סאָוועטישער קאָמאַנדירונג און פאַרוואַלטונג, נאָר דורך לעבעדיקער באַציִונג מיט דער באַפעלקערונג, וואָרעם כאָטש אַזאַ באַציִונג איז פאַרבאָטן, אַלנפאַלס ניט סטימולירט, איז זי פאַראַן. דער עלעמענטאַרער געפיל פון גערעכטיקייט צווינגט די זעלנער צו פאַרשטיין, אַז מען קען ניט אַרויפלייגן די שולד פאַר די שרעקלעכע גרויל־מאַיסים אויף אָט די מענער, פרויען און קינדער, וואָס שטעלן מיט זיך פאָר דאָס דייטשע פאָלק. וואָס שייך די דייטשן, האָבן זיי קימאַט פון אָנהייב אָן פאַרשטאַנען, אַז אונדזער אַרמיי פירט נישט קיין מילכאָמע מיט די בירגער, פאַרקערט, זי איז גרייט זיך צו באַציִען צו זיי פריינטלעך, און איז ניט זעלטן אפילו גענייגט צו ווייכקייטן, וואָס זיי האָבן ניט שטענדיק פאַרדינט.

עס איז דעריבער גאַנץ פאַרשטענדלעך, אַז ווען די זעלנער קומען אַרויף אויף דער ערד, וואָס איז פריער פאַרנומען געווען פון די אַמעריקאַנער און בריטישע פאַרבינדעטע, זאָלן זיי זיך וואונדערן אויף דער מוירע און איבערגעשראָקנקייט פון דער אָרטיקער באַפעלקערונג. נאָר פאַרטראַכטן זיך דערויף איז דערווייל קיין צייט נישטאָ און אויך ניט קיין כיישעק. די זעלנער, אָפּגעפּרישטע מיט אַ ווינטל, זיצן אויף די לאַסט־אויטאָמאָבילן, רויכערן, שמועסן זיך דורך גיכער איינזילביק איידער באַריידעוודיק און אין זיך וואונדערן זיי זיך, וואָס זיי, איצט געשטימטע אַזוי פרידלעך און לייטזעליק, זעען אויס אין די אויגן פון די היגע דייטשן אַזוי גרויזאַם און קריגעריש.

די אַוואַנגאַרד־טיילן יאָגן ניט זעלטן אַריבער בעייסן מאַרש די אַמעריקאַנער און ענגלישע טיילן, וואָס גייען אָפּ אויף מייַרעוו. דערביי בייטן זיך די קעמפער פון די פאַרבינדעטע מעלוכעס מיט פריינטלעכע באַגריסונגען און נייַגעריקע בליקן. עמעס, די זעלנער ווייַזן שוין ניט אַרויס איינע צו די אַנדערע אַזאַ פרייד, ווי זיי פלעגן אַרויסווייַזן די ערשטע צייט נאָכן זיג. זיי פירן זיך אויף אַ סאַך איינגעהאַלטענער און דערמאָנען פויערים וואָס זיינען זיך צייטוויַליק צונויפגעלאָפן לעשן אַ סרייפע, און דערנאָך, ווען די סרייפע איז שוין פאַרלאָשן, קערן זיי זיך אום יעדערער צו זיך אַהיים, צו זיך אויפן פעלד, צו זייערע אייגענע אַרבעטן.

די פאָדערשטע טיילן קומען אויף זייערע פאָרויסבאַשטימטע פונקטן, און אויף די וועגן פון מיטל־דייטשלאַנד ווערט ווידער שטיל אויף עטלעכע טעג, ביז זיי ווערן פול מיט מיליטער. דאָס גייען איצט די סאָוועטישע דיוויזיעס.

זיי גייען מיט געוויינלעכער שלאַכט־אָרדענונג, ווי אויף מילכאָמע. און כאָטש עס איז נישט פאָרויסצוזען קיין מילכאָמע־אָפּעראַציעס אויף די נאָענטסטע הונדערט יאָר, ציט זיך דאָס מיליטער לויט אַלע קלאָלים פונעם סטאַטוט — מיט אַוואַנגאַרד־טיילן אַפריער, מיט שוץ־טיילן בײַ די זייטן. מאָטאָציקליסטן און רייַטער פליען ווי די מעשוגאָים לענגאויס דער קאָלאָנע. וואָס שייך די אויסשפּירער, ווייַזן זיי אַרויס, כאָטש קיין סוינע איז נישטאָ,

אויסערגעוויינלעכע וואכזאמקייט און גייען אויסער דער שלאכט-ארדענונג, און בא די זייטן, ניט אפן ברייטן און גלאטן אספאלט. ווען דער שליאך גייט מיט דעם וואלד, שניידן זיך אריין די אויסשפירער טיף אין וואלד, און דעמאלט קומען זיי זיך צונויף, האלטן איין די טריט און הערן זיך איין צום שטילן שארכען פון די בלעטער מיט אזא פאנעם גלייך זיי וואלטן זיך געריכט יעדע רעגע דער סוינע זאל זיך באווייזן.

א סאך פון די אויסשפירער טראגן, לויט אלטער געוווינהייט, מאסקירטע כאלאטן. איינע פון די אויסשפירערישע אונטעראפטיילן שטעלט זיך אפ אפרו אין א שיטערן וועלדל, באם וועג.

די אויסשפירער צעלייגן א פייער און גרייטן נאכטמאל. באלד שטעלט זיך אפ לעבן זיי אן אויטאמאביל — א מין קליינע גרינע און פלינקע יאשטשערקע, האלב טראקטאר און האלב שנעל-לויפער. עס קומען ארויס פונעם אויטאמאביל דריי מענטשן. שטעלן זיך אויף און ווי זיי וואלטן וועלן עפעס פרעגן און אנטשליסן זיך ניט, קוקן זיי צום פייער און צו די אויסשפירער וואס לויפן ארום אים אדער ליגן ארום אים צעלייגט.

די אויסשפירער רופן דערויף די אויפמערקזאמקייט פון זייערן אן אפיציר און יענער פארשפיליעט זיך אף אלע קנעפלעך און גייט צום אויטאמאביל זיך דערוויסן די סיבע פון דעם נייגער. ווען ער קומט צו צו די מענטשן, כאפט ער פאר אלעמען, לויט א באקאנטער ארמייישער געוווינהייט, א קוק אף די פאגאנעס, און ערשט דערנאך אף די פעגעמער. איינער פון די דריי, ווייזט זיך ארויס, איז א פאדפאלקאווניק, דער צווייטער איז א סטארשינא, און דער דריטער, קענטיק דער שאפער — א פאשעטער זעלנער. דער פאדפאלקאווניק קוקט זיך איין אינעם צוגעקומענעם קאפיטאן און זאגט:

— כ'האב געוווסט, אז איך וועל אנטרעפן באקאנטע! ביעלאוסאוו, דאכט זיך?

— כאווער לובענצאוו! — דערפרייט זיך אויך דער קאפיטאן, ווען ער דערקענט דעם באקאנטן אין דער ארמיי אויסשפירער. עס איז א קלאל, אז אלע אפיצירן פון דער אויסשפירונג קענען זיך איינער דעם צווייטן.

ביעלאוסאוו האט געהערט, אז לובענצאווס דיוויזיע האט מען פונאנדערגענומען און ער פרעגט:

— וווהין-זשע באשטימט מען אייך?

— מען האט שוין באשטימט — זאגט לובענצאוו און ווערט א רעגע פארכמורעט. — פאר קאמענדאנט באשטימט. — ער ווארפט א בליק אף די אויסשפירער אין די גרינע מאסקירטע כאלאטן און גיט טרויעריק א זאג:

— אדיע אויסשפירער-טייל!

ער זאגט זיך אפ פונעם קיבעד זיך צוזעצן צום פייער און שטופט שפאסיק ביעלאוסאוון צום ארט וווּ עס ברענט פריילעך דאס פייער און עס זיצן די קעסעלעך מיט טיי.

— גייט, גייט... איך וועל נאר א ביסל קוקן אף אייך און וועל מיר אוועקפארן.

ביעלאוסאוו, א ביסל א צערודערטער פון דעם מאדנעם פארלאנג, געזעגנט זיך מיט אים ניט אנטשלאסן און גייט צוריק צו זיין ראטע. וואס שאיעך לובענצאוון, שטייט ער מיט אן עמעסן א מינוטן פינף און קוקט זיך איין שארף און טרויעריק צום פייער און צו די מענטשן ארום דעם פייער, דערנאך גיט ער א מאך מיט דער האנט און זעצט זיך אריין אינעם אויטאמאביל.

דער אויטאָמאָביל לאָזט זיך גיין און דאָ טאַקע פֿאַרנעמט ער זיך אַף אַ צווייטן וועג — אַ שטילן, אַ פּוסטן, וווּ עס גייט נית קיין מיליטער. דײַטשע דערפֿער לויפֿן פֿאַרבײַ, אַפֿן פֿאָן פֿונעם לויטערן הימל, הייבן זיך די שפּיצן פֿון די לוטעראַנישע קירכעס. עס ענדיקט זיך דער ריזיקער זומערדיקער טאָג, אַ פֿולער מיט אײַנדרוקן און פּאַסירונגען. די אָפּווייכונג פֿונעם וועג, וואָס איז פֿול מיט סאָוועטישן מיליטער, אַפֿן פּוסטן וועג, זעט אויס לובענצאָוון עפּעס ווי סימוואָליש. ער קוקט זיך אום אַף דעם סטאַרשינאַ וואָראָנין, וואָס זיצט הינטער אים. ער ריכט זיך זען באַם סטאַרשינאַ אַפֿן פּאָנעם אַן אויסדרוק פֿון טרוימערישער געזעגענונג מיט דער פֿאַרגאַנגענהײַט. נאָר וואָראָנינען הייבט אַפֿילע נית אָן באַנג טאָן די פֿאַרגאַנגענהייט. די פֿאַרגאַנגענהײַט איז באַ אים פּונקט אַזוי אין דער אָרדענונג ווי דאָס וואָס שטייט אים פֿאָר. מיט דעם פֿאַטאַליזם, וואָס איז אייגן דעם זעלנער, נעמט ער אויף אָט די ענדערונג אין זײַן לעבן און איז אַפֿילע צופֿרידן דערמיט וואָס אים שטייען פֿאָר נײַע אײַנדרוקן און וואָס זײַן ווײַטערדיק לעבן וועט זײַן נית ענלעך אַף אַלץ וואָס איז פֿריער געווען. דערפֿאַר באַרירט אַפֿילע נית דער ספּעקטאַקל מיט די גרינע מאַסקירטע כאַלאַטן באַם פֿײַער זײַן פֿאָרשטעלונג, און ווען ער כאַפּט אויף דעם אָנגעצילטן אַף אים בליק פֿונעם גוואַרדיע־מאַיאָר — דאָס הייסט, פֿונעם פּאָדפּאָלקאָווניק (ער קען זיך נית צוגעוווינען צו לובענצאָווס נײַעם ראַנג), זאָגט ער:

— אַזוי פֿרי, און זיי שלאָפֿן שוין...

„זיי” מיינט ער די דײַטשן. און מיט אַן עמעסן, די דערפֿער וואָס טראָגן זיך פֿאַרבײַ, זײַנען ליידיק, אָן מענטשן. קיין הינט אַפֿילע בילן נישט.

וואָראָנינס ווערטער רײַסן אָפּ לובענצאָוון פֿון זײַנע פֿריערדיקע געדאַנקען, און אויך ער וווּנדערט זיך אַף דער שטילקייט וואָס הערשט אין די דײַטשע דערפֿער. די דײַטשן, קענטיק, האַלטן אײַן דעם אָטעם און וואַרטן אַף געוויסע ערנסטע, אויב נית ביטערע צײַטן, וואָס וועלן עפּשער אָנקומען אין שאַיכעס מיטן אַוועקגיין פֿון די אַנגלאָזאַקסן און אַרײַנקומען פֿונעם רוסישן מיליטער מיט די רוסישע אָרדענונגען.

לובענצאָוו קוקט זיך אָנגעשטרענגט אײַן אין די פֿינצטערע קאָנטורן פֿון די נעגל־שאַרפֿע דעכער, וואָס אונטער זיי איז פֿאַרטײַעט אַ פֿרעמד אומפֿאַרשטענדלעך לעבן; אין אָט דעם לעבן שטייט אים איצט פֿאָר אַרײַנצוקריכן.

וואָס און וויאַזוי ער וועט טאָן, וויים ער נית. אַלץ וואָס איז געזאָגט געוואָרן אין קאַרלסהאָרסט אַף דער אינסטרוקטיווער באַראַטונג איז געווען באַשרענקט אַף אַלגעמיינע ווערטער, און ווערטער זײַנען, אייגנטלעך, אויך געווען נית מער ווי דרײַ — די דרײַ „דע”: דעמאָקראַטיזאַציע, דענאַציפֿיקאַציע, דעמיליטאַריזאַציע. אַגעוו, וואָלט לובענצאָוו, איידער נאָך מען האָט אים באַשטימט אַף דעם אַמט, אַליין מיסטאַמע געקענט גאַנץ בינדיק געבן, וועמען נאָר עס וואָלט אים וועלן אויסהערן, אַזעלכע אויפֿקלערונגען וועגן דעם וואָס מען דאַרף טאָן אין דײַטשלאַנד. ער וואָלט אויך אַרויסגעבראַכט אָט די ווערטער און וואָלט מיסטאָמע צוגעגעבן נאָך איין „דע” — דעמאָנטאַזש. ער וואָלט אויך געזאָגט דאָס וואָס דער גענעראַל האָט זיי אײַערנעכטן געזאָגט — נאָר עפּשער נית אַזוי רעדנעריש און זעלבסטזיכער.

דאָך, איז ער שוין נעכטן געווען אין דער שטאָט האַללע און דערנאָך אין דער קרײַז־קאָמענדאַטור, אין דער שטאָט אַלטשטאָט, און פֿון דעם פּראָטימדיקן שמועס מיט צוויי אָפֿיצירן פֿון דער פֿאַרוואַלטונג, האָט ער זיך דער־

וווּסט, אַז דער איניען איז אַ סך קאָמפּליצירטער, ווי אים האָט זיך פֿון אָנהייב געדאַכט.

די צוויי אָפּיצירן, די פּאָדפּאָלקאָווניקעס לעאָנאָוו און נאָרבענקאָ, קלוגע מענטשן, און, ווי דריקט מען זיך אויס בײַ אונדז, גוט אינפֿאָרמירטע, האָבן גערן אַרײַנגעפֿירט לובענצאָוון אינעם ברייטן קרײַז פֿון די פּראַגן, וואָס ער וועט דאַרפֿן אַזוי אָדער אַנדערש לייזן.

פֿאַר די טויער פֿון דער סאָוועטישער מיליטערישער פֿאַרוואַלטונג שפּרייט זיך אַ גרויס לאַנד, וואָס איז באַזיגט געוואָרן אין אַ גרויזאַמער מילכאָמע, וואָס איז אַנטוישט אין דער פֿאַרגאַנגענהייט און גלייבט ניט אין דער צוקונפֿט. אין דעם לאַנד זײַנען אָפּגעבראָכן האַנדל און קרעדיט, די שטעט זײַנען פֿאַרוואַנדלט אין רויִנען, טראַנספּאָרט און פֿאַרקער זײַנען דערפֿירט צום ניוואָ פֿון אָנהייב דעם יאָרהונדערט. פֿאַרדאָרבן געוואָרן איז אין דעם לאַנד די מאָראַל; די ווערטפּולע דערפֿאַרונג פֿון דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג איז איבערגעגעבן צו פֿאַרגעסונג, צעטראָטן און אויסגעלאַכט; די עטישע נאָרמען פֿון מענטשלעכער פֿירונג זײַנען מיירעדיק פֿאַרקריפּלט. דאָס אַלץ דאַרף מען צוריקשטעלן אָדער אינעם וואָרצל איבערמאַכן, דאָס אַלץ דאַרף מען ראַטעווען. און פֿאַר אַלעמען — באַנעמען אין דער גאַנצער קאָמפּליצירטקייט.

דעם עמעס געזאָגט, גייט דורך לובענצאָוון אַ שוידער פֿון אָט די געדאַנקען, און ער באַמיט זיך ניט אַרײַנצוטיפֿן זיך אין זיי, נאָר זיך ניצן מיט דעם אַלטן מענטשלעכן מיטל, אייגנטלעך — אָפּט אַרויסריידן שטיל די ווערטער: „גוט, מ׳עט שוין זען”.

לובענצאָוו האָט גענעכטיקט אין אַלטשטאָט בײַ זײַנע נײַע באַווירים. לעאָנאָוו און נאָרבענקאָ זײַנען אָנגעקומען מיט עטלעכע טעג פֿריער און האָבן זיך באַזעצט אין אַ קליינעם שאַלעט פֿון אַ שטילן אין גרינס־פֿאַרזונקענעם קוואַרטאַל. דאָס הויז געהער צום אַרכיטעקטאָר אויער — אַ קליין מענטשל מיט אַ גרויער גריווע האָר אַף אַ, ניט אין דער מאָס, גרויסן קאָפּ. אַ דערפֿרייטער דערמיט וואָס לובענצאָוו פֿאַרשטייט דײַטש, און דערמיט וואָס דער יונגער רוסישער פּאָדפּאָלקאָווניק, ווי ער האָט באַמערקט, איז אַ וויסנגיריקער, האָט אים דער אַרכיטעקטאָר גענומען ווײַזן אַלבומען פֿון דײַטשער אַרכיטעקטור און אים אויפֿקלערן דעם זין און דעם אַנטוויקלונגס־גאַנג פֿונעם גאָטישן סטיל. דערנאָך האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז אויער איז ניט נאָר אַן אַרכיטעקטאָר, נאָר אויך אַ גאָר היפּשער קאַפּיטאַליסט, באַזיצער פֿון אַ גרויסער פֿירמע, וואָס אַרבעט אויס בוי־מאַטעריאַלן.

לובענצאָוו האָט געבלעטערט דעם אַלבום און מאָדנע איז אים געווען מודע צו זײַן, אַז ער זיצט זײַט בײַ זײַט מיט זײַנעם אַ פֿאַרביסענעם קלאַסן־סוינע, מיט אַ „בורזשוי”. אָט דער „בורזשוי” איז קלוג און איז פֿרײַנטלעך געניגט צו די רוסן, און ער זאָגט עס לובענצאָוון גאַנץ רויִק און אָן שום כניפֿע. ער איז אַ טראָפּעלע ניט ענלעך צו דער קאַריקאַטור פֿון דעם דיקן הער מיט דער האַטשיק־נאָז, מיט די פֿינגער און רינגען, וואָס שאַרט אַלץ צו זיך. אַף דעם הער אויערס קורצפֿינגערדיקער קרעפּטיקער האַנט, איז געווען נאָר איין רינג, אי דאָס אַ כאַסענע־רינגל. און גערעדט האָט ער ניט פֿון מערווערט און פֿון אויסטערדריקן דעם פּראָלעטאַריאַט, נאָר וועגן שפּיציקע געוועלבן און קאָלירטע וויטראַזשן, דערצו, מיט ניט געמאַכטער באַגײַסטערונג, אַזוי אַז געדאַכט האָט זיך, אַז אַף דער וועלט אינטערעסירט אים נאָר איין זאַך, די שיינע קונסט פֿון „הויכער גאָטיק”.

שפּעטער, עמעס, האָט ער גענומען ריידן וועגן פּאָליטיק, נאָר צוגעגעבן האָט ער דערביי זיין פּנים אַ צעטראָגן־מידן אויסדרוק.

— קלוגע דייטשן — האָט ער געזאָגט — און פֿאַראַן זיינען, נאָך אַלעמען, קלוגע דייטשן — גיט ער צו אַ בלייך צעשמייכלטער — וועלן זיכער געבן דער סאָוועטישער מאַכט די פֿולסטע שטיצע צו אַלע מאָסמיטלען וואָס זי וועט אָננעמען צו דענאַציפֿיזירן און דעמיליטאַריזירן דייטשלאַנד. ניצלעך איז פֿאַר ביידע צדדים, אַז די סאָוועטישע מאַכט זאָל זיך דערביי רעכענען מיט די אַרטיקע טראַדיציעס און מיט דעם אָרטיקן לעבנס־שטייגער.

ער האָט גערעדט לאַנגזאַם, קעדיי די רוסן זאָלן אים בעסער פֿאַרשטיין. די סאָוועטישע אָפֿיצירן זיינען אים געפֿעלן, זיי זיינען וויסנגיריק און העפֿלעך; וועגן ער האָט גערעדט, האָבן זיך באַ זיי — באַ אַלע דריי — באַוויזן צווישן די ברעמען אָנגעשטרענגטע קנייטשעלעך. ער האָט געטראַכט וועגן דעם, אַז ווען באַרבאַרן קומען צו ציוויליזירטע פֿעלקער, אַפֿילע ווי דעראָבערער, דאַרף מען זיי און מען קען זיי דערציִען, אַריינציִען אינעם העכערן ניוואָ פֿון דענקען — זיי זיינען זייער אויפֿנאַמספֿעיִק, ווי דאָס האָט זיך ניט איין מאָל באַשטעטיקט אינעם גאַנג פֿון דער וועלט־געשיכטע.

לובענצאָוו האָט געהאַלטן דעם אַרכיטעקטאָרס ווערטער פֿאַר פּאַרניפּטיקע און האָט ניט כוישעד געווען וועגן וואָס דער דאָקטער אָוער טראַכט דערביי. לובענצאָוו, נאַטירלעך, האָט געמערקט, אַז ווען אָוער האָט דערמאָנט די דענאַציפֿיקאַציע און דעמיליטאַריזאַציע פֿון דייטשלאַנד, האָט ער אויסגעלאָזט די „דעמאָקראַטיזאַציע". לובענצאָוו האָט אויך פֿאַרשטאַנען, אַז דער סובטעלער אויסדרוק „אָרטיקער לעבנס־שטייגער" איז מיסטאָמע דער פּסעוודאָנים פֿון דעם גראָבן אויסדרוק „קאַפּיטאַליזם". נאָר ניט דאָס האָט געוועקט לובענצאָווס וואַכזאַמקייט. וואַכזאַם האָט אים געמאַכט דאָס וואָס אָוער האָט גערעדט וועגן פּאָליטיק מיט אַ בעקיוונדיקער נאַכלעסקייט, ווי וועגן עפּעס דריטראַנגיקעס, ניט וויכטיקס, ניט אַזוי ווי וועגן קונסט, וואָס וועגן איר האָט ער גערעדט מיט דעם פֿייערלעכן פֿאַרכלינען זיך פֿון אַ פֿאַרליבטן. די אומויפֿריכטיקייט בעיִסן ריידן וועגן די לעבנס־דערשיינונגען, האָט געשטעלט אונטער אַ סאָפֿעק די אויפֿריכטיקייט פֿון זיין באַגייסטערונג פֿאַר דער קונסט. דערפֿון עפּשער האָט לובענצאָוו באַקומען דעם אומקלאָרן איינדרוק, אַז זיין סימפּאַטישער מיטשמועסער נאַרט אים מיט עפּעס, פֿאַרווישט די שפּורן.

אָוער האָט דערווייל באַמערקט דעם שאָטן וואָס איז דורכגעלאָפֿן איבער לובענצאָווס פּנים, האָט געביטן די טעמע און האָט ווידער גענומען ריידן וועגן אַרכיטעקטור.

— אָט דאָס איז די שטראַסבורגער קאַטעדראַלע — זאָגט ער, נאָכדעם ווי ער מישט איבער אַ בלאַט אינעם אַלבום. — קוקט זיך צו צום פּנים און איינציייטיק צו דער קינסטלערישקייט פֿון דעם ריזיקן געביי. מען האָט אים געבויט אַן ערעך צוויי יאָרהונדערטן. פֿאַרטראַכט האָבן אים מענטשן, וואָס האָבן גאַנץ גוט געוווּסט, אַז זיי וועלן ניט דערלעבן אים צו זען אַן אויפֿגעבויטן. מען האָט דעמאָלט געבויט אָן הייבערס, אָן עקסקאַוואַטאָרס, אַלץ מיט די הענט, מיט די הענט... נאָר דאָס האָט זיי נישט אויסגעמאַכט, זיי זיינען נישט געווען קיין זשעדנע מענטשן, נאָר פֿאַרליבט אין זייער אַרבעט... האָבן זיי מעקאַנע געווען די צוקונפֿטיקע דוירעס, וואָס איז באַשערט געווען צו זען די שיינע שאַפֿונג און איז פֿולקאָמענער געשטאַלט? דאָס ווייס מען נישט. — ער שווייגט אַ ווײַלע, ווי ער וואָלט די פֿראַגע געוויגן, דערנאָך הייבט ער אויף די אויגן אַף לובענצאָוון און רופֿט זיך אָן צו אים מיט דעם זעלביקן בלייכן

שמייכל: — איר וועט דאָך מיסטאָמע לאַנג פאַרבלײַבן באַ אונדז, צי מיר ווילן דאָס צי ניט, וועט אײַך צו נוץ קומען דאָס טיפערע באַנעמען דעם גײַסט פון דער דײַטשער אַרכיטעקטור.

נישט געקוקט דערויף וואָס פון די ווערטער האָט זיך אַרויסגעהערט דער טאָן פון געפעליקייט, האָט לובענצאָוו צו זיי אומבאַשטרײַט מאַסקים געווען. דער „בורזשווי״ איז גערעכט געווען. לובענצאָוו מוז זיך באַקענען מיט דער דײַטשער אַרכיטעקטור. און ניט נאָר מיט דער אַרכיטעקטור, נאָר אויך מיט דער געשיכטע, מיט די אָרטיקע טראַדיציעס, וואָס אָטער רעדט וועגן זיי, און די פּסיכאָלאָגיע פון די אָרטיקע בורזשויען און, נאַטירלעך, אויך פון די אַרבעטער. דאָקטער אָטער האָט אַפילע ניט כוישעד געווען ווי טיף זײַנע ווערטער זײַנען אַרײַן אין דער נעשאָמע פון דעם אָנפאַנגערישן קאָמענדאַנט.

איצט, ווען לובענצאָוו זיצט אינעם אויטאָמאָביל און דערמאַנט זיך דעם געשפּרעך מיט אָטערן, פאַרקלעמט ער אַקשאָנעסדיק די ציין און כאַזערט פאַר זיך: „אַלץ וועלן מיר שטודירן, אַלץ וועלן מיר באַנעמען״.

ביסלעכווײַז בײַטן זיך די קאָנטורן פון דער געגנט. אויב פון אָנהייב האָט זיך דער וועג געצויגן איבער א פּליין, האָט ער, נאָך אָנדערהאַלבן אָדער צוויי שאָ פאָרן, זיך גענומען פאַלדעווען. וואָס ווײַטער ווערן די פאַלדן אַלץ העכער, געדיכטער. זיי ציִען זיך ווי טעראַסעס, איינע העכער פון דער צווייטער, ווי טרעפּ. די אונטערשטע טעראַסע איז אינגאַנצן באַדעקט מיט העלגרינע ריבן־פעלדער און טויבן־גרויע קרויט־פעלדער, אָפּט באַזוימטע מיט רייען ביימער; נאָך זיי הייבט זיך אָן א ווײַטערדיקע, א העכערע טעראַסע — א ברייטער באַרג־רוקן, באַוואַקסן מיט צײַטיקן קאָרן; די דריטע טעראַסע איז טיילווײַז באַדעקט מיט ווײַנשל־סעדער, נידעריק געוואַקסענע און געדיכטע ביימלעך, אָדער מיט געלע בלימלעך פון ריפּאַק, און עט ווײַטער, אַף דער העכסטער טעראַסע, טונקלען זיך וועלדער מיט נאָדל־ביימער.

צום סאָף ליִנקס אַפן האָריזאָנט ווײַזן זיך שוין ריכטיקע בערג. וואָס העכער עס הייבט זיך דער וועג — כאָטש אומבאַמערקט, נאָר אָן אויפהער — אַלץ פאַרשידנאַרטיקער ווערט דער אַרום, אַלץ רײַכער די לאַנדשאַפט, אַלץ שטורמישער דאָס גרינס. לענגויס דעם וועג לויפן טיילמאָל פאַרבײַ פעלדער מיט ווײַסן און רויטן מאָן, מיט ראָזעווע האָפּן און געלן זענעפט. די ביימער, געפלאַנצטע פוןביידע זײַטן וועג — באַרנביימער, קאַרשן־ביימער, צעצווײַגטע לינדנביימער אָדער זילבערדיקע טאָפּאָלן, גיבן צו דעם וועג א באַזונדערע שיינקייט.

לובענצאָוו רײַסט זיך אָפּ. א היפּשע ווײַלע פון זײַנע זאָרגן און אומרו און דערשפּירט דעם לאַנג־פאַרגעסענעם געפיל פון באַהעפטונג מיט דער אַרומיקער נאַטור; די רו און שטילקייט וואָס הערשן אַרום, דערמאָנען אים די קינדער־יאָרן אין דער ווײַטמיזרעכדיקער טײַגע, ווו ער פלעגט אומוואַנדלען מיט זײַן פאָטער דעם יעגער, נעכטיקן אין די ווײַטע דערפלעך, גאַנצע טעג א וואָרט ניט אויסריידן, ווײַל דער פאָטער איז געווען א שווײַגער, און אויך דערפאַר וואָס אים האָט זיך ניט געוואָלט ריידן, און נאָר הערן דעם פאַרפלאָנטערטן געפלידער פון די טײַגע־טײַכלעך, דאָס קנאַקן פון די צווײַגן און דעם געשריי פון די פייגל.

עס ווערט אים אַזוי גוט אַפן האַרצן, אַז ער וווּנדערט זיך אַף דער שטימונג פון זיסער אָפּגעשוואַכטקייט. עפּשער נעמט זיך עס דערפון וואָס ער איז פאַרליבט. דערפאַר עפּשער האָט ער זיך גענומען צוקוקן צו דער נאַטורשיינקייט. זיכער האָט דערצו א שאַיכעס טאַניא. ביכלאַל מערקט ער לעצטנס,

אַז ער טראַכט און פֿילט פֿאַר צוווייען, און ער לאַכט פֿון זיך גוטמוטיק, אַז אַף אַלץ קוקט ער און אַלץ זעט ער מיט צוויי פּאָר אויגן — מיט זײַנע און מיט אירע.

אָרנטלעך גערעדט, ווירקט אַף לובענצאָווס גוטער שטימונג אויך דאָס וואָס ער דערמאָנט זיך טיילמאָל אַף זײַן נײַעם ראַנג. מען קען עס אים פֿאַר־געבן דערמיט וואָס ער איז אַ קאַדראָווע אָפֿיציר, און צווישן קאַדראָווע אָפֿי־צירן זאָגט מען, אַז אַ מאַיאָר איז קימאַט אַ קאַפּיטאַן, און אַ פּאָדפּאָלקאָווניק איז קימאַט אַ פּאָלקאָווניק.

אַ פּאַרזונקענער אינעם פּלאָנטער פֿון זײַנע געדאַנקען און אײַנדרוקן, פֿאַרגעסט זיך לובענצאָוו אַף זײַנע מיטרײַזנדיקע. נאָר דאָ דערהערט זיך וואָ־ראָנינס פּראָזאַישער קאָל.

— מיר וואָלטן זיך באַדאַרפֿט ערגעץ אָפּשטעלן אַף איבערנעכטיקן און עפּעס אָפּעסן.

יאָ, עס ווערט שוין טונקל. און אַזוי ווי רעכטס באַם וועג באַווײַזן זיך אין דעם מאָמענט טונקעלע געבײַען, הייסט אים לובענצאָוו זיך פֿאַרנעמען אין יענער זײַט.

VII

וואָראָנין צעעפֿנט דעם טויער און דער אויטאָמאָביל פֿאָרט אַרײַן אין אַ גרויסן הויף, וואָס זײַנע עקן צעגייען זיך ערגעץ ווײַט און פֿאַרלירן זיך אין דער פֿינצטער. עטלעכע מענטשן קומען באַלד צו צום אויטאָמאָביל. וואָ־ראָנין קלערט זיי אויף זײַן ביטע קורץ און איבערצײַגנדיק:

— שליאַפּען — זאָגט ער.

— ביטטע, ביטטע — רופֿט זיך אָן אַ מענערישע שטים גאַסטפֿרײַנט־לעך און אַפֿילע קלאָמערשט פֿאַרגעניגנדיק.

דער מענטש וואָס האָט אָט די ווערטער געזאָגט, גייט אָפֿרױער, הינטער אים גייט לובענצאָוו מיט זײַנע באַגלייטער. זיי קומען צו צו אַ פֿינצטערן הויז. דער מענטש עפֿנט פֿאַר לובענצאָוון די טיר. איינצײַטיק ווערט ליכטיק פֿון דער עלעקטריע וואָס האָט זיך אָנגעצונדן אין אַלע פֿיר ווינקעלעך פֿון די פּלאַפֿאָנען. דער וועסטיביול איז אַ דעמבענער אין מיטן, אַף אַ ניט־הויכן געשטעל, שטייט אַן אויסגעשטאָפּטער בעהעמאָט, און די ווענט זײַנען באַהאַנגען מיט צייכענונגען, וואָס שטעלן מיט זיך פֿאָר אַפֿריקאַנישע נע־גערס און נעגער־פֿרויען, מיט פֿאָטאָגראַפֿיעס פֿון אַפֿריקאַנישע לאַנדשאַפֿטן און קאָמישענע דערפֿער. רעכטס, הייבן זיך טרעפּ מיט דעמבענע קונציק־גע־שניצטע געלענדערס, און אויבן, ציט זיך אַוועק פֿון די טרעפּ אַ גאַלערייע, אויך מיט אַזעלכע געלענדערס ווי בײַ די טרעפּ. די גאַלערייע ציט זיך לענג־אויס אַלע פֿיר ווענט פֿונעם וועסטיביול. שווערע דעמבענע טירן פֿירן פֿון דער גאַלערייע צו די צימערן פֿון צווייטן שטאָק.

דער וואָס פֿירט זיי איז אַ יונגערמאַן מיט אַ אומבאַדײַטנדיקן טונקעלן פּנים, מיט דעם אויסזען פֿון אַ ספּאָרטסמאַן. ער טראָגט גאָלף־הויזן און אַ גרויע קורצע טוזשורקע, וואָס גלאַנצט מיט בליך־שלעסער, קרום און קווער דורכגעצווייגענע. ביז די רוסן וועלן באַקוקן דעם בעהעמאָט, וואַרט ער אַ שווײַגנדיקער און בײַסט די פּיס. דערנאָך בעט ער לובענצאָוון אים נאָכגיין דורך אַ גלעזערנער טיר אין אַ גרויסן צימער, וואָס איז, ווי עס ווײַזט זיך אַרויס, דאָס עס־צימער. דאָ באַזעצט ער די רוסן אין געבעטע שטולן און

אַליין פאַרשווינדט ער. לובענצאָוו הייסט וואָראָנינען אַרײַנברענגען פונעם
אויטאָמאָביל עפּעס צום עסן. וואָראָנין הייבט זיך אויף, נאָר ניט זייער
גערן, גייט איבערן צימער און באַקוקט די בילדער, וואָס זײַנען אויך צע־
האַנגען איבער די ווענט. צום אויטאָמאָביל, קענטיק, אײַלט ער זיך ניט.
דאָך, גייט ער אַרויס, נאָר שוין אין אַ מינוט אַרום איז ער דאָ צוריק מיט
לײַדיקן, נאָר באַגלייט מיט אַ ניט־הויכן דיקן מיידל. זי מורמלט עפּעס אַ באַ־
גריסונג, עפנט אַ גרויסן בופעט און נעמט פון דאָרטן אַרויס געשיר. דערנאָך
פאַרשווינדט זי אינאיינעם מיט וואָראָנינען.

לובענצאָוו נעמט קוקן אינעם אָפענעם פענצטער. די פענצטער־שײַן באַ־
לײַכט אַ שטיק פונעם, קענטיק, גרויסן גאָרטן — געדיכטעביימער־קרוינען
און שפּיצן בלומען־בײַטן. — פונעם גאָרטן טראָגט זיך אַ וואַסער־גערויש —
ניט ווײַט מוז זיך געפינען אַ פאָנטאַן אָדער אַ טײַך. לובענצאָוו ווערט באַ־
הערשט פון אַ מאָדנעם און ניט אומאָנגענעמען געפיל פון אַ מענטשן, וואָס
איז אָפּגעריסן פון זײַן באָדן און איז אַריבערגעטראָגן אין אַ צווייטן, אַ
פרעמדן, אַ קימאַט ניט־רעאַלן, מיט זײַן איבעראַשנדיקער ניט ענלעכקייט
דערצו צו וואָס ער איז געוווינט.

מיט יענער, מיט דער ווירקלעכער, בעעמעס עקזיסטירנדיקער וועלט, ווו
לובענצאָוו האָט פריִער געלעבט, פאַרבינדט אים איצט, ווי אים דאַכט זיך,
אַ דינער פאָדעם דערמאָנונגען וואָס וויקלט זיך אויף ווי אַ קלעצל דראָט
נאָך זײַן אויטאָמאָביל, אַפן וועג פון דאָרטן אַהער (אַן אימאַזש וואָס איז
נאַטירלעך פאַר אַן אויסשפּירער, וואָס האָט ניט איין מאָל געצויגן אַ טעלע־
פאָן־דראָט אין דער ריכטונג צום סוינע). דאָ איז, כ'לעבן, ניט גרינג זיך
פאָרצושטעלן, אַז ערגעץ, און גאָרניט ווײַט, לעבן, גייען און ריידן טאַראַס
פּעטראָוויטש סערעדאַ, קאַפּיטאַן מעשטשערסקי, גענעראַל סיזאָקרילאָוו,
פּלאָטניקאָוו, טשאָכאָוו.

לובענצאָוו דרייט זיך אום באַם פענצטער. דער טיש איז שוין אָנגע־
שטעלט מיט עסנוואַרג, בעשום אופן ניט קיין זעלענעריש. דער יונגערמאַן
מיט דעם אויסזען פון אַ ספּאָרטסמען, וואָס האָט זיך ווידער פון ערגעץ באַ־
וויזן, בעט לובענצאָוון צום טיש, רופט אים „הערר קאָמענדאַנט”, און לו־
בענצאָוו מאַכט דערפון דעם געהעריקן אויספיר, אַז וואָראָנין האָט שוין באַ־
וויזן מיט אים זיך דורכצושמועסן. און „ווײַזן די סכוירע אַף דער רעכטער
זײַט”. לובענצאָוו קוקט ברויגעז אַף וואָראָנינען. יענער באַהאַלט אויס די
אויגן און ווינקט אומבאַמערקט צום שאָפער, וואָס גיט דערויף אַ צושטימענ־
דיקן מרוקע.

ווען זיי זיצן שוין באַם טיש, קומט אַרויס צו זיי פון אַ זײַטיקער חי־
מאַט אומבאַמערקטער קליינער טיר אַ זייער שיינע פרוי פון אַ יאָר פּעריצק
אין אַ לאַנגן באַל־קלייד. זי לאָזט זיך צוגיין צו לובענצאָוון, וואָס האָט זיך
אויפגעשטעלט איר אַקעגן, און דערלאַנגט אים די האַנט. ער דריקט איר די
האַנט. ער ווייס ניט ווי מען דאַרף זיך פירן אין אַזוינע פאַלן און ער שטייט
אַ שטײַפער. פון דער פאַרלעגנהײַט פירט אים פוז דיזחזוועגן אַרויס זײַן
שמייכל, ווי שטענדיק אַן אָנגענעמער, אַ פרײַנטלעכער. די באַלעבאָסטע ענט־
פערט אים אויך מיט אַ שמייכל. זײַן שמייכל האָט זי, קענטיק, אויפגעמונ־
טערט, — דער טיפער אומרויִקער קנייטש, וואָס צעשנײַדט איר שטערן צווישן
די גרויסע גרויע אויגן, גלײַכט זיך אויס. מיט אַ זשעסט פון דער האַנט בעט
זי אים זיך זעצן צום טיש, נאָר אַליין זעצט זי זיך ניט, זי דרייט זיך אויס
צו אים מיטן רוקן, קעדיי עפּעס צו פאַראָרדענען דער דינסט, און עפּשער

קעדיי צו ווײַזן איר שיינעם אַנטבלויזטן רוקן. אַף וואָראָנינען אָפּן שאָפער קוקט זי ניט, גלײַך זיי וואָלטן גאָר אין צימער ניט געווען. און אָט דאָס שטריבעלע איז עפּשער דער איינציקער אומאָנגענעמער פּראַט אין איר גאַנצן צוציענדיקן אויסזען. איידער זי באַווײַזט זיך אָוועקצוזעצן לעבן לובענצאָוון, שטעלט ער זיי איר פאָר ביידן.

— דמיטרי וואָראָנין, איוואַן טישטשענקאָ. — זאָגט ער.

זי כאַפּט זיך אַף איר באַגאַנגענעם פעלער און דערלאַנגט זיי ביידן די האַנט און שטעלט זיך פאָר:

— ליזעלאָטע פאָן מעלכיאָר.

— לובענצאָוו. — שטעלט ער זיך אויך פאָר.

זי הייבט אויף די אויגן צו דער סטעליע און רעדט טונדלעך אַרויס, מיט אַ האַלב קאָמישן און האַלב טיף־פאַרטראַכטן פּאָנעם, ווי זי וואָלט אין געדאַנק געמאַכט קאָמפּליצירטע אַריפמעטישע כעשבוינעס:

— אַלזאָ, הערר לובענצאָוו, הערר וואָראָנין אונד הערר... — „טישטשענקאָ”, קען זי בעשום אויפן נישט אַרויסריידן און צעלאַכט זיך מיט אַן אָנגענעמען געלעכטער, נאָכדעם ווי זי זעצט זיך אַוועק און, אומגעדרייט צו לובענצאָוון, נעמט זי מיט אַ שמייכל אַרײַנלייגן אַ מין סאַלאַט צו אים אין טעלער, און די אַנדערע צוויי שוין אָן אַ שמייכל.

לובענצאָוו פילט זיך ווי ער וואָלט געווען אין טעאַטער און אַבסערווירט זי מיט אַן אויסבאַהאַלטענעם נייגער, אירע פּינקטלעכע און מילדע באַוועגונגען, דעם סובטעלן שפּיל פון איר פּאָנעם. ער האַלט פאַר נייטיק ניט אַרויסצוווײַזן אַז ער קען דײַטשיש — אַזוי איז אים באַקוועמער זי צו אָבסערווירן; אַכוצדעם, פאַרהיט אים עפּשער דאָס שווײַגן פון וועלכע עס איז אומטאַקטישקייטן, וואָס קענען אַרויסקומען פון ניט באַקאַנט זײַן מיט דער עטיקעטע. ער ווייס ניט, לעמאָשל, צי דאַרף ער באַדינען באַם טיש, צי דאַרף ער איר ניט אַרײַנלייגן דאָס עסן אין טעלער. ער טוט דאָס איינציקע פאַרניפטיקע וואָס ער קען: ער טוט גאָרניט, און קוקט מיט אַ זײַט אַף די אומפאַרשטענדלעכע מעסערס און זילבערנע לאָפּעטקעלעך, וואָס ליגן, ווער ווייס צוליב וואָס, לעבן טעלער.

דאָס שווײַגן וואָס האָט זיך אײַנגעשטעלט באַם טיש, קען מען ניט אָנרופן שווערער שווײַגן, מאַכמעס דעם וואָס דער דײַטש מיט דער דײַטשקע רעכענען, אַז די רוסן פאַרשטייען זיי ניט, און די רוסן ווייסן, אַז די דײַטשן פאַרשטייען זיי ניט. אַלע באַגרענעצן זיך לײַכט מיט העפלעכע שמייכלען און מיט די ווערטער: „ביטטע” און „דאַנקע”. טראַכטן טראַכטן זיי זיך אַלע אַזוי:

לובענצאָוו טראַכט זיך וויאַזוי דורכצוקומען אַז ער און זײַנע כאַווײרים זאָלן ניט באַגיין אַזוינס וואָס פּאַסט זיך ניט באַם טיש; ער קוקט דערום פון צײַט צו צײַט אַף וואָראָנינען און טישטשענקאָן מיט אַ פאַרהיטנדיקן בליק. אַכוצדעם טראַכט ער זיך, ווי וואָלט טאַניאַ אויסגעזען ווען מען טוט זי אָן אין דעם קלייד.

אויך די גוטבאַזיצערן האָט מוירע צו באַגיין עפּעס אַ אומטאַקטישקייט בענעגייע די רוסן — לעמאָשל, אָנרירן זייער דעמאָקראַטיזם, וואָס האָט זיך ערשט אַזוי אָפּן און פּאַשעט אויסגעדריקט אין דער באַנעמונג פונעם פּאָדפּאָלקאָווניק. זי טראַכט זיך, אַז דער רוס האָט אַ ליבן פּאָנעם און פירט זיך אויף גאַנץ העפלעך: פרײַ, נאָר באַשיידן, אָדער, פאַרקערט, באַשיידן, נאָר פרײַ. נאָר דאָס זײַנען ניט אירע איינציקע געדאַנקען. נישט געקוקט אָפן

פֿאַדפּאָלקאָווניקס ליבן פּאָנעם, געטרויט זי אים ניט שטאַרק און האָט מוירע די רוסן זאָלן באַ איר עפּעס ניט צונעמען. זי באַשליסט דעריבער מיטצוגעבן די רוסן אָפּן וועג אַ געבראָטענעם אינדעק, ווײַן — פֿון דער ליטעראַטור ווייס זי, אַז רוסן האָבן ליב ווײַן — און וועלכע ניט איז ניט גאָר טײַערע מאַטאָנעס, קעדיי, פֿאַר אַלעמען, דערמיט ארויסצווײַזן איר לאָיאַלקייט בענעגייע דעם אָנגעקומענעם אַהער רוסישן מיליטער און, צווייטנס, עטוואָס באַפּרידיקן זייער זשעדנעקייט און ניט זײַן אײַנגעשטעלט מיט מער.

וואָס שאַיעך וואָראָנינען, איז ער געקומען צום אויספּיר, אַז ניט אומזיסט האָט ער צוגעשטימט פֿאָרן דינען מיט דעם גוואַרדיע־מאַיאָר, דאָס הייסט, מיט דעם פּאָדפּאָלקאָווניק, און אַז אַף אים וואַרט אַן אינטערעסאַנט לעבן מיט אַלערליי פּאַסירונגען און ער וועט האָבן וועגן וואָס צו שרײַבן צו די זײַניקע אין שויאַ. אַכוצדעם, קוקט ער זיך צו גינציק צו לובענצאָוון און געפֿינט אויס, אַז דער נאַטשאַלניק פֿירט זיך דאָ גלײַך ער וואָלט פֿון קינדווײַז עפּעס אַנדערש ניט געטאָן ווי נאָר געגעסן באַ איין טיש מיט גוטבאַזיצערס. וואָראָנין איז אַפּילע אַ מענטש, וואָס איז אינגאַנצן פֿרײַ פֿון זשעדנעקייט, נאָר אַז ער קוקט זיך צו צו דער פֿריצע און איר זון און מערקט זיך, ניט אָן פֿאַראַכטונג צו זיי, זייער איבערגעטריבענע ליבלעכקייט, שטויסט ער זיך אָן, אַז זיי האָבן מוירע מען זאָל באַ זיי עפּעס ניט צונעמען, און איז צופֿרידן דערמיט וואָס זיי האָבן מוירע.

דער שאָפֿער איוואַן טישטשענקאָ, אַ מענטש אַ טרויעריקער און שווער אַף טראַכטן, טראַכט ניט וועגן עפּעס אויסערגעוויינלעכס, און גיט אָפּ דעם געהעריקן קאָוועד דעם פֿאַרבײַסעכץ, און מיט רעכט טראַכט ער זיך, אַז אַ שאָפֿער איז ניט מעכויעוו צו טראַכטן, ווען דער נאַטשאַלניק איז פֿאַראַן, און ער דאַרף בלויז עסן וואָס מען דערלאַנגט. ער גיט נאָר זעלטן אַ קוק אַף דעם פֿאָרעצס גרויסע צאָל בליץ־שלעסער, און פֿאַרשטייט ניט צוליב וואָס מען דאַרף זיי האָבן, און אין זיך וווּנדערט ער זיך ווי מענטשן לעבן אַזוי ניט פּאַשעט.

אויך דער יונגער פּאָרעץ, מיט זײַן נידעריקן שטערן און קימאַט ווײַסע אויגן, טראַכט ניט פֿון עפּעס אויסערגעוויינלעכס. די גאַנצע צײַט קוקט ער בלויז נאָך דער מוטער, קעדיי אויסצופֿילן אַלץ וואָס זי הייסט אים און וואָס זי געפֿינט פֿאַר נייטיק אין דער היפּש־קאָמפּליצירטער לאַגע, וואָס האָט זיך געשאַפֿן מיטן אָנקומען פֿון די רוסן.

ווען פֿרוי פֿאָן מעלכיאָר איז שוין איבערצײַגט, אַז ניט דער פּאָדפּאָלקאָווניק און אַוואַדע ניט זײַנע אונטערגעאָרדנטע פֿאַרשטייען דײַטש, נעמט זי ביסלעכווײַז שמועסן מיטן זון, און לובענצאָוו לאַכט אין זיך און דערוויסט זיך, אַז: א) איז ער, לובענצאָוו, אַ העכסט סימפּאַטישער יונגערמאַן; ב) וואָראָנין איז אַ זשוליק; ג) דער שאָפֿער איז אַן עקלהאַפֿטע בעהיימע; ד) מען דאַרף באַהאַלטן עפּעס אַ ווערטפֿולע זאַך (וואָס אייגנטלעך כאַפּט לובענצאָוו ניט אויף) אַף אַ געהיימען אָרט, וואָרעם זי איז כוישעד די „געסט"; ה) ווי איר דאַכט זיך, זײַנען די רוסן ניט אַזעלכע זשענטללײַט ווי די ענגלענדער, אָבער אויך ניט אַזוינע כאַזיירים ווי די אַמעריקאַנער.

דאָס אַלץ זאָגט זי פֿון צײַט צו צײַט מיט דעם שטראַלנדיקסטן שמייכל, וואָס באַשײַנט איר פּאָנעם און מיט אַזאַ מינע ווי זי וואָלט זיך געהייסן דערלאַנגען דעם זענעפֿט אָדער מען זאָל איר צורוקן דאָס ברויט־קײַשל. נאָר אין אירע געוואַגטע הילכיק־ארויסגעזאָגטע מיינונגען הערט זיך כוצפּע און

אַ בראַווירן מיט דער כוצפּע. איר זון שמייכלט דערבײַ אײַנגעהאַלטן און אַ ביסל דערשראָקן.

לובענצאָוו הערט דאָס אַלץ אויס און גיט אַפילע ניט אַ פּינטל מיט אַן אויג. ער עסט אַף שנעל אָפּ און גיט אַ פאַרזאָרגטן קוק אַף זײַן האַנט־זייגער, און אַ שמייכל מיט געמאַכטער איבערראַשונג. זי פאַרשטייט עס און איז קלימערשט אַנטוישט מיט דעם פּאָדפּאָלקאָווניקס פאַרלאַנג אַזוי פרי צו גיין אָפּרוען.

דער יונגערמאַן פירט זיי אַרײַן צוריק אינעם וועסטיביול מיט דעם בעהעמאָט און פון דאָרטן גייען זיי אַרויף איבער די טרעפּ אַפן צווייטן שטאָק. לובענצאָוו און וואָראָנין לייגן זיך אינעם גרויסן פאַרשטיקטן שלאָפצימער. נאָר טישטשענקאָ זאָגט זיך אָפּ פון שלאָפן אינעווייניק — פון קינדווײַז געטרויט ער ניט איבעריק די פּריצים און די קאַפּיטאַליסטן, ער האָט מוירע מען זאָל אָקערשט ניט צושנאַפּן דעם אויטאָמאָביל. ער לייגט זיך אַפן הינטערשטן זיץ פונעם אויטאָמאָביל.

לובענצאָוו כאַפּט זיך אויף גאַנץ פרי. שטילערהייט, קעדיי ניט אויפצוּוועקן וואָראָנינען, טוט ער זיך אָן און גייט אַראָפּ אונטן. ער קומט אַרויס אַפן גאַניק און ער דערזעט פון דאָרט דעם פּריצישן הויף אין זײַן גאַנצער פּראַכט. אינעם טאָגליכט איז דער הויף נאָך ריזיקער ווי ער האָט זיך אים פאָרגעשטעלט באַנאַכט. ער וואָלט געקענט ניצן אַלס צענטראַלע פאַרם פאַר אַ גרויסן סאָווכאָז. זייער לאַנגע קו־שטאַלן און כאַזער־שטאַלן, שײַערן און שפּײַכלערס רינגלען אים אַרום. די אַלע ביניאָנים זײַנען צוויי־שטאָקיקע — אינעם אונטערשטן שטאָק האַלט מען די בעהיימעס און דעם פאַרגרייט, און אינעם אייבערשטן, קענטיק, וווינען די באַטראַקעס: אַף די קליינע פענצטערלעך פון די אייבערשטע שטאָקן זעט מען פירהענגלעך און בלומען־טעפּלעך מיט געראַניום. דער הויף איז אינגאַנצן ברוקירט מיט קיזלשטיינער, נאָר די שטיינער זעט מען קוים אַרויס פון אונטער אַ שיכט לאַנגיאָריקן קויט, געמישט מיט פיכמיסט און איבערגעפוילטער שטרוי. ריין איז נאָר דער אַספאַלטענער וועג, וואָס פירט פונעם טויער צום פּריצישן הויז. אין מיטן הויף הייבט זיך אַ פירעקעדיקער געשטעל. פאַרוואַלגערט מיט קופּעס פיכמיסט — מען פירט עס אַהער צונויף פונעם גאַנצן הויף. אינעם קילן פרימאָרגנדיקן נעפּל טיילן זיך אויס די אומקלאָרע קאָנטורן פון בײַיכיקע טוווע־האַלטערס און פון אַ ווײַסן וואַסער־טורעם. פון די ווײַטערע טונקעלע ביניאָנים טראָגט זיך אַ שוואַכער מוקען פון קי, און פון צײַט צו צײַט אַ ניט־הויכער הירזשען פון פערד. דאָ און דאָרט איבערן הויף גייען אום איינציקווײַז און גרופּעסווײַז אינדיקעס און צעזאַרקעס.

דאָס איז דאָ. ווי נאָר אָבער לובענצאָוו גייט אַרום דאָס פּריצישע הויז און קומט אַרויס אַף דער אַנדערער זײַט, שטייט שוין פאַר אים אַן אַנדער בילד. הינטערן הויז געפינט זיך אַ שאָטנדיקער, און, קענטיק, מער ראַכוועסדיקער פּאַרק, וואָס קומט צו קימאַט ביז די באַלקאָנען, און דאָ ערשט לאָזט ער איבער אַ נישט גרויסן פירעקעכדיקן פּלאַץ, אַ דורכוים באַפלאַנצטן מיט רויזן. אין מיטן דעם רויזן־גאָרטן שטייט אַ פאָנטאַן מיט אַ בראָנדזענער פיגור.

ער שטייט אַ ווײַלע אינעם שאָטן און אין דער שטילקייט פונעם פּאַרק, גייט ווידער אַרום דאָס הויז און קומט אַרויס אַף אַ צווייטער זײַט, אַ ווירטלעבער. דער הויף לעבט אויף. אַ העל־גרינער טויער פון אַ שפּײַכלער צעעפנט זיך און עס קומט אַרויס פון דאָרטן, איינער נאָכן אַנדערן, דרײַ

טראַקטאָרן. אין אַן אַנדערן עק הויף שפּאַנען איַין באַטראַקעס מעכטיקע שלעפּ־פעקד און וועגענער מיט הויכע דראָבינעס, גרויסע ווי די אויטאָבוסן. אַן אַלטער דײַטש מיט גרויע וואָנצעס, מיט אַן אָנגערוקטן קאַשקעט איבער די אויגן, טרײַבט אַרויס קי פונעם טויער, נישט ווייניקער ווי אַ מייע. הינטער זיי לויפט און דרענגט זיך אַ קופּע שאָף, און הינטן טומלט זיך אייפעריק אַ שוואַרצער פּאַטלאַטער הונט.

לובענצאָוו שפּאַנט נאָך דער סטאַדע דורך דעם דעמבענעם טויער און דערזעט פאַר זיך אַ גרויס דאָרף, וואָס באַשטייט קימאַט פון דורכויס צוויי־שטאָקיקע רויטע ציגלנע הײַזער מיט העל־גרינע פענצטער־ראַמען און לאָדנס. די הײַזער שטייען צוגעטוליעט איינס צום צווייטן. זעלטן נאָר זעט מען צווישן איין הויז און דעם צווייטן אַ ווײַסגעקאַלכטן שטיינערנעם צוים. אַלץ איז דאָ פון שטיין, ווי דער ברוק, און דער טראָטואַר פון שטיינערנע פּלי־טעס,, מען זעט ניט קיין גרעזל, קיין בוים. דאָס דערמאָנט פּלוצעם דעם מיז־רעך, אַ גאַס פון אַ קרימער אָדער פאַר־קאַווקאַזער אַאול. דאָס פעלן פון יעדן מין גראָז וווּנדערט נאָך מער דערמיט וואָס דײַטשלאַנד קען מען מיט אַן עמעס באַצייכענען אַלס גרין לאַנד — דערין האָט זיך לובענצאָוו איבער־צײַגט. און אים דערמאָנט זיך דער פּאַרק, די גרויסע צאָל אַלטעביימער וואָס וואַקסן דאָרט, און אים שטעלט זיך פאָר, אַז מען האָט אַמאָל די ביימער פלו־צעם באַפוילן זיך איבערקלײַבן פונעם דאָרף צום פּריצישן פּאַרק און זיי זײַנען אַהין אַוועק און האָבן איבערגעלאָזט דאָס דאָרף נאַקעט, שטיינער־דיק און מיט זון פאַרגאָסן.

נאָר אָט באַווײַזן זיך אויך ביימער. אין מיטן דאָרף, קעגנאיבער דעם רויטן זויבערן קלויסטערל, ציט זיך אַ סאַזשאַלקע און אַרום איר וואַקסן ווערבעס. לובענצאָוו קומט צו אינאיינעם מיט דער סטאַדע ביז דער סאַ־זשעלקע. דער אַלטער פּאַסטעך וואַרפט אויף אים אַ קרומען בליק. דעם אַלטנס אויגן דריקן אויס אין דעם אויגנבליק פּאַנישע שרעק. לובענצאָוו גיט צו אים אַ שמייכל און גריסט אים מיט דער האַנט באַם היטל. דער אַלטער בלײַבט שטיין פאַרגליווערט, דערנאָך נייגט ער זיך אײַנגעהאַלטן, און מיט אַ מאָל, נעמט ער זיך טומלען, ער גיט אַ קנאַק מיט דער לאַנגער בײַטש אויף דער ערד, צעשרײַט זיך אויף די קי און שאָף און טרײַבט זיי שנעל־שנעל ווײַטער, מיט דער גאַס רעכטס.

דאָס דאָרף צעוועקט זיך. פון אַלע זײַטן הערט מען הענער קרייען, קי מוקען און שאָף בלעקען, פריידיקער הירזשען פון פערד און קוויטשיקער בילן פון הינט. באַ די הײַזער אײַלן פרויען, עס צעעפענען זיך לאָדנס, אין די פענצטער באַווײַזן זיך פאַרשלאָפענע קינדערשע פּענעמער. דאָס אַלץ איז אים ליב און גוט באַקאַנט, און לובענצאָוו טראַכט זיך, אַז יעדער רוסישער מענטש, אַפילע דער שטאָטישער האָט אינעם בלוט אַ ניט אויסראָטלעכע ליבע צום דאָרף.

דערנאָך פּאַלט לובענצאָוס אויפמערקזאַמקייט דערויף וואָס באַם סאַמע ברעג סאַזשעלקע ליגן מענטשן. אַ סאַך זייערע שלאָפן נאָך אויף אונטערגע־בעטע שטרוי און אַלטע בגאָדים, טייל שלאָפן אין אַליין־געמאַכטע געצעלטער און עס שטעקן זיי אַרויס די פיס פון דאָרטן; ווער עס איז שוין אויפגעשטאַ־נען און וואַשט זיך אײַן. פרויען לויפן פון דער סאַזשעלקע צו די הײַזער און בעטן באַ די באַלעבאַטים אַ קוואָרט, אַ טעלער.

ניט ווײַט הערט זיך אַ געוויין, נאָר קיינער קוקט זיך אַפילע נישט אום

דערויף. אַלע זײַנען פֿאַרנומען מיט זייערע אייגענע דײַגעס, — מיט דעם אַרײַנטרעטן אינעם לאַנגן שווערן זומערדיקן טאָג.

צווישן די ווערבעס שטייט, מיט ברייט־צעשטעלטע פֿיס, אַ הויכער ביינערדיקער מענטש, אַ באַוואַקסענער מיט אַ רויטלעך שיטערער באָרד. ער שמײַסט אַ בלענדיק גאָל מיידעלע מיט אַ בינטל ווערבע־ריטער. ער טוט עס אַזוי געמאָסטן בייז, גלײַך ווי אינעם קליינעם ציטערנדיקן גופֿל פֿונעם געלן מיידעלע וואָלטן געווען אָנגעקליבן אַלע סיבעס פֿון דער מיזקאָמע, פֿון דער מאַפּאָלע, פֿונעם עלנט און פֿון דער נויט. אָט די געמאָסטענע אַכזאָריעס טרייסלט אויף לובענצאָוון. ער גייט גלײַך אויף דעם מענטשן און ווען עס פֿאַלט אויף דעם מענטשן זײַן שאָטן, הייבט ער אויף די אויגן. ער לאָזט טייקעף אַראָפּ זײַנע גרויסע הענט און די ווערבע־ריטער פֿאַלן אַראָפּ אויף דער ערד. לובענצאָוו נעמט זוכן פּאַסיקע דײַטשע ווערטער, נאָר ווי אויף צולהכעיס, קען ער זיך ניט דערמאָנען עפּעס פּאַסיקס. ער מוז זיך באַגרענעצן מיט קנאַפּ אויסדריקנדיקע ווערטער, וואָס דערמאָנען זיך אים:

— ניכט גוט, — זאָגט ער. — קינד, קליינעס קינד.

אַ קליינע בליכע פּרוי דריקט צו דאָס געלע מיידעלע צו זיך, דאָך שטעלט זי זיך אַוועק צווישן לובענצאָוון און דעם מענטשן, וואָס האָט פֿריִער געשלאָגן דאָס מיידעלע. זי רעדט עפּעס אָן אויפֿהער און זייער שנעל, אַזוי אַז לובענצאָוו פֿאַרשטייט גאָרניט, דאָ שמייכלט זי נעבעכדיק צו לובענצאָוון, דאָ דרייט זי זיך אויס צום מאַן; זי איז דאַנקבאַר דעם רוסישן אָפֿיציר דערפֿאַר וואָס ער האָט געשיצט דאָס מיידעלע און האָט אויך מורא דער מאַן זאָל ניט האָבן פֿונעם רוס קיין גרויסע אומאַנגענעמלעכקייטן דערפֿאַר וואָס ער האָט געשלאָגן זײַן טאָכטער. דערפֿאַר שטופּט זי אויף איר מאַן אַלץ ווײַטער צו די ווערבעס, אין דער צײַט ווען זי קלאָגט זיך אויף אים.

וואָס שאַיעך דעם געלן מיידעלע פֿאַרגעסט זי טייקעף איר געוויין און קוקט מיט ברענענדיקן נײַגער אויף לובענצאָוון, מיט אויפֿגעריסענע אויגן און ברייט־צעעפֿנטן מויל. אַפֿילע די מאַסע זומערשפּרענקלעך אויף איר פּנים זײַנען צעשפּרייט פֿון שטוינען און אינטערעס.

— ווער זינד דיזע לויטע? — פֿרעגט לובענצאָוו בײַ דער פֿרוי און נעמט אַרום מיט דער האַנט דעם גאַנצן לאַגער.

— וויר זינד פֿליכטלינגע אַאוס שלעזיען!... כאַפּט אויס דאָס געלע מיידעלע דער מוטערס עטפֿער מיט אַ שאַרף קוויטשיק קעלכל און איז אינגאַנצן צעבליט פֿון פֿאַרגעניגן און שטאָלץ קעגן די אַנדערע קינדער, וואָס גאָט האָט זיי ניט געגעבן די מעגלעכקייט פּאַשעט צו ריידן מיט אַ רוסישן אָפֿיציר.

לובענצאָוו וויגט דעם קאָפּ און פֿאַרטראַכט זיך. ער קען ניט פֿאַרגעסן דאָס ריזיקע און ליידיקע פּריצישע הויז מיט די הויכע הילכיקע צימערן, דאָס הויז וווּ עס וווינען בלויז צוויי־ען.

ער שפּאַנט פּאַמעלעך צוריק צום פּאַרק און באַלד מערקט ער ווי די פּליטים, מערסטנס מענער, גייען הינטער אים. ער טראַכט זיך, אַז זיי ווילן אים עפּעס פֿרעגן, און ער שטעלט זיך אָפּ. נאָר ניין, ניט דערויף גייען זיי. זיי לויפֿן אים אַריבער, פֿאַרכמורעטע, מיט אַ זײַט גלײַך צום טויער, וווּ עס גייט זיי אַקעגן דער יונגער גוטבאַזיצער, איצט שוין געקליידט אין אַ וואַרעמען ראָק, אין אַ גרינעם הוט מיט אַ צוגענייטן האָזענעם עקל. די פּליטים שטעלן זיך אָפּ בײַם טויער און ער גיט פֿאַראָרדענונגען און לאָזט זיי אַרײַן איינציקווײַז און פּאָרווײַז. דאָ באַמערקט ער לובענצאָוון, פֿאַרנייגט

זיך פאַר אים און זאָגט, ווי ער וואָלט זיך אַנטשולדיקט, נאָר אין דער זעל־ביקער צײַט, מיטלײַדיק:

— פליכטלינגע.

לובענצאָוו גיט אַ מרוקע:

— פאַרשטענדלעך.

— אַרבײַט, — זאָגט דער גוטבאַזיצער און ווײַזט אַף זיך און אַף זײַן הויף, און אַף דעם אַרום, וווּ עס ציִען זיך פעלדער און די גערטענער. אויך דאָס וואָרט רעדט ער אַרויס מיט אַ מינע, וואָס איז פול מיט מיטגעפיל צו די פליטים און מיט אַ געוויסער זעלבסטצופרידנקייט דערמיט וואָס ער פאַר־שאַפט זיי אַרבעט.

לובענצאָוו גייט אַרײַן אין הויף. פון ווײַטנס דערזעט ער וואָראָנינען און טישטשענקאָן שטיין לעבן דעם אויטאָמאָביל.

— שוין פאָרן מיר! — שרײַט צו זיי לובענצאָוו. — דאַוואַי, דאַוואַי. (גיכער, גיכער).

וואָראָנין וויל אים פרעגן וועגן פרישטיק, נאָר ער זאָגט גאָרניט, ווען ער דערזעט לובענצאָוון אַ פאַרכמורעטן און אַ צעטראָגענעם. טישטשענקאָ זעצט זיך צום רעדל און אין אַ מינוט אַרום פאַרלאָזן זיי דעם פריצישן פאַרם.

VIII

דער וועג רײַסט זיך אַרויס פונעם דאָרף און נעמט זיך באַלד שלענגלען צווישן די בערג. דאָס הייבן זיך אָן די האַרץ־בערג. עס הייבן אויך אָן פאַר־בײַשווינדן רויטע טשערעפענע דעכער אין די טאָלן. די לאַנדשאַפט ווערט אַלץ שענער, אַלץ פאַרשידנאַרטיקער, און דערמאָנט קרים, נאָר אָן דעם דאָ־רעמדיקן קאָלאָריט, אָן די סובטראָפיקאַלישע ביימער און קוסטעס. די זײַטן וועג און דער פלאַכער באַרג־אַראָפ, דאָ רעכטס, דאָ לינקס, זײַנען באַוואַקסן מיט ווײַסן דאָרנבוים און בוזינע, מיט ווילדרויזן און באַרבאַרים. און די בערג זײַנען פון אויבן ביז אַראָפ פאַרוואַקסן מיט געדיכטן יאָדלע־וואַלד, און די מיריאַדן יאָדלעס, מיט טונקל־גרינע קרוינען, אויבן קוים באַלויכטענע מיט דער זון, דאַכט זיך דעם וואָס קוקט אַף זיי, ווי אָן אויסדרוק פון אייביקער שטילקייט און טויזנטער יאָרן רו.

מען הערט די גאַנצע צײַט אַ וואַסער־גערויש — דאָס פליסט זײַט בײַ זײַט מיט דעם וועג אַ שנעל־לויפנדיקער באַרג־טײַך, וואָס שפרינגט אַ לויטע־רער איבער שטיינער. טייל מאָל לויפן פאַרבײַ שטילע גאַסטהײַזער מיט גרויסע שילדן, מיט גאָטישע אויפשריפטן, מיט אויסגעמאָלטע הירשן, ווילדע כאַזיירים און ענלעכע מינים כאַיעס.

אַרום צוויי נאָכמיטאָק דערזעט לובענצאָוו, און ווערט דערבײַ היפש געוויירט, די שטאָט לויטערבורג — זײַן רעזידענץ. די שטאָט איז זייער שיין צעלייגט אין אַ בעקן צווישן בערג. זי מיניעט זיך מיט אירע רויטע שפיציקע דעכער, וואָס זינקען אין אַ יאַם פון גרינס. אַף דער קעגנאיבערדיקער זײַט, הויך אַף אַ פעלדז, זעען זיך גרויע נידעריקע טורעמס פון אַ מיטלאַלטערלעכן שלאָס, וואָס זעט אויס אויך איצט — אין דעם זוניקן לויטערן וועטער — שרעקלעך און פינצטער.

לובענצאָוו טוט אַ קוק אַף לויטערבורג פון אויבן, זעצט זיך ווידער אַרײַן אינעם אויטאָמאָביל און זיי לאָזן זיך אַראָפ אין שטאָט אַרײַן. נאָר איי־דער זיי פאָרן אַרײַן אין שטאָט, דערזעט לובענצאָוו, באַם וועג רעכטס, גרוי־

סע אײַנגעשווײַגענע פֿאַבריק־ביניאַנים און הייסט איוואַנען זיך פֿאַרנעמען אַהין.

פֿאַראַן איז עפּעס אומנאַטירלעכס, אומנאַרמאַלס, אין אַ ניט־אַרבעטנדיקער פֿאַבריק. די צעך־הײַזער וואָס ציִען זיך ווײַט אַוועק, די אומענדלעכע רייען מאַשינען, די שמאָלע סטענגעס רעלסן, וואָס צעלויפֿן זיך אין אַלע זײַטן, די בריקלעך פֿאַר די הייב־מאַשינען — די אַלע ריזיקע פּלאַטפֿאָרמען, וואָס זײַנען, פֿאַר זיך, אַרבעטס־פֿלעצער, פֿאַרלירן, אין פּאַראַליזירטן צושטאַנד, יעדן זין און באַקומען די שטריכן פֿון עפּעס וואָס איז אויסער דער ווירקלעכקייט.

אױפֿן גאַנצן שעטעך פֿון דער פֿאַבריק איז קיין נעפֿעש נישט צו זען. אָט דאָס גאַנצע אײַנגעשלאָפֿענע מאָלכעס פֿון מעטאַל זשאַווערט אין דער שטיל, ווערט צעשטויבט, אויסגעלאָשן. דער רייעך פֿון לאַנג שוין אָפּגעקילטן אַש שטייט אַ אומבאַוועגטער אין דער לופֿט. זאָל אַוועקגיין נאָך אַ שטיקל צײַט, דאַכט זיך, און אַלץ וועט דאָ פֿאַרוואַקסן ווערן מיט דערנער און מאָך, ווי אַ געביי פֿון דער גרויער אַלטצײַט.

דער הילכיקער אָפּקלאַנג פֿון לובענצאָווס און וואָראָנינס טריט הערט זיך אונטער די פֿאַרוויכערטע גלעזערנע סטעליעס פֿון די פּוסטע ביניאַנים.

לובענצאָוו גייט און קוקט זיך אום אױף אַלע זײַטן און אַ שווער געפֿיל ליגט זיך אים אױפֿן האַרצן. צום ערשטן מאָל אין לעבן, עפּשער, באַגרײַפֿט ער ווי גרינג און שנעל די נאַטור באַהערשט דאָס וואָס דער מענטש האָט פֿון די הענט אַרויסגעלאָזט. דאָס אַלץ האָט געמאַכט דער מענטש, ער האָט דאָס מיט גוואַלד בײַ איר אַרויסגעריסן, און זי פֿלײַסט זיך אַלץ, שטילערהייט, ניט אָפּטרעטנדיק אױף אַ האָר, דאָס אומצוקערן צום אורשפּרינגלעכן אויסזען און ווי נאָר דער מענטש הערט אויף ווירקן, אַזוי נעמט זי איבער די ווירקונג און זי ווירקט אויסערגעוויינלעך גרינג, גלאַטיק און שנעל. זאַכן שטרעבן צו אינערץ, פּאַשעטער, צו רו און נישטיקייט, אַנדערש גערעדט — צו ווידערבאַהעפֿטונג מיט דער נאַטור; זיי מידן זיך אײַן, אויב מען יאָגט זיי ניט אונטער, זיי ווערן פֿאַרוואַנדלט אין גאָרנישט, אויב מען פֿאַרוואָרלאָזט זיי.

— וואָס ווילן מיר דאָ גיין? — רופֿט זיך אָן וואָראָנין, וואָס דער עקל פֿון דער פֿאַרלאָזנקייט איז אים נישט צום האַרצן. דערצו אויך האָט ער זיך דערמאָנט וואָס טאַטיאַנאַ וולאַדימיראָוונאַ האָט אים אָנגעזאָגט; זי האָט געבעטן וואָראָנינען ער זאָל ניט לאָזן לובענצאָוון צופֿיל גיין צופֿוס. — איר זעט דאָך שוין, אַז דאָ איז קיינער נישטאָ.

לובענצאָוו בלײַבט שטיין, הערט זיך אײַן, דערנאָך ליגט ער צו אַ דלאָניע צום מויל און רופֿט הילכיק און צעצויגן „אַ־או־או־או“, ווי ער וואָלט געווען אין וואַלד. אים דאַכט זיך עמעצער האָט זיך אָפּגערופֿן. און אין אַ מינוט אַרום קומט טאַקע אַרויס פֿון הינטער אַ נידעריקן באַראַק, אַ באַהאַנגענעם מיט רויטע פֿײַערלעשער־אַפּאַראַטן און סרייפֿע־העקלעך, אַ מענטש. לובענצאָוו האָט זיך גערעכנט עס זאָל אַרויסקומען אַן אָפּגעריסענער, אַ פֿאַרוואַקסענער, שיִער ניט אין פֿעל אָנגעטאָן. און דאָס וואָס דער אַרויסגעקומענער מענטש איז גאָר אַ גלאַט אָפּגעראַזירטער, אַן עלעגאַנטער, אין אַ הוט, מיט אַן אָנשטענדיקן אָנצוג, מיט אַ שניפּס, מאַכט דאָס בילד נאָך אומגלויבלעכער, נאָך ווײַניקער וואָר.

דערצו נאָך, הייבט דער מענטש אונטער דעם הוט ווען ער קומט צו נענטער און שטעלט זיך פֿאָר, זייער קורץ:

— מאַרקס.

לובעניצאָוו בלייבט מאַמעש שטיין אַ צעמישטער; אַף אַן אויגנבליק פֿאַלט אים איין, אַז דער איינזאַמער מענטש אַף דער פֿאַרלאָזטער פֿאַבריק איז פֿון זינען אַראָפּ, און ווען ער האָט דערזען די סאָוועטישע מענטשן האָט ער זיך באַטיטלט מיטן נאָמען פֿונעם גרויסן קאָמוניסט. נאָר דער מענטש כאַזערט איבער:

אינזשעניער ווערנער מאַרקס, אייך צו דינען.

ער זעט אויס היפּש דערשלאָגן: די אַרומיקע פֿאַרוואָרלאָזטקייט ווירקט, פֿון דעסטוועגן, אַף אים. ער פֿירט אַריין לובעניצאָוון אינעם ביוראָ און ווייזט אים די געשעפֿט־ביכער, צוליב וועלכע ער געפֿינט זיך דאָ — ער איינער פֿונעם שטאַב טויזנטער אָנגעשטעלטע: ער שטעלט צונויף דעם אינווענטאַר פֿונעם פֿאַבריק־פֿאַרמעג צוליבן דעמאָנטאַזש. די פֿאַבריק שטייט אָפּן צעטל פֿון די אונטערנעמונגען, וואָס דאַרפֿן דעמאָנטירט ווערן.

דער אינזשעניער מאַרקס רעדט לעבהאַפֿטיק און איז, קענטיק, גערן דעם אומגעריכטן גאַסט און איז אַ ביסל שטאָלץ אַף דער מוסטערהאַפֿטער אָרדענונג וואָס הערשט אין די גרויסע געשעפֿט־ביכער, וואָס ער פֿירט זיי אַזוי גענוי און פּינקטלעך צוליבן פֿולשטענדיקן טויט פֿון זיין פֿאַבריק.

ווען לובעניצאָוו גייט צוריק צו זיין אויטאָמאָביל באַגלייט פֿונעם אינזשעניער מאַרקס, פֿרעגט ער אים ווו זיינען אַהינגעקומען די אַרבעטער. מאַרקס הייבט די אַקסלען:

— זיי לעבן, ווי זיי קענען — זאָגט ער — אין לויטערבורג און אין די נאָנטע דערפֿער.

לובעניצאָוו זעצט זיך אַריין אינעם אויטאָמאָביל און אין אַן ערעך צוואַנציק מינוט אַרום, איז ער שוין אין שטאָט.

דאָ זעט עס ניט אויס אַזוי ליב און היימלעך, ווי עס האָט זיך געוויזן פֿון אויבן. די שטאָט איז שטאַרק צעשטערט, אַ סאַך גאַסן זיינען פֿאַרוואַלגערט מיט די בראָכשטיקער פֿון די כאָרעווע הייזער. אַף די גאַסן איז שטיל און פּוסט. מען טרעפֿט אָן, נאַטירלעך, ענגלישע פּאַטרולן, אין זייער העלע אָנצוגן, וואָס זעען אויס ווי זעק און מאַכן זיי ענלעך צו פּייערלעשער.

לובעניצאָוו שטעלט אָפּ דעם אויטאָמאָביל.

— דו זעסט די צוויי טורמעס? — פֿרעגט ער בא איוואַנען — אָט אַהין פֿאָר צו, צו יענעם קלויסטער, און וואַרט דאָרט אַף מיר. און איך וועל זיך דורכגיין צופֿוס, מען דאַרף אַ ביסל בעסער באַקוקן די שטאָט.

וואָראָנין פּראָטעסטירט:

— נאָר איר גייט און גייט. צו וואָס טויג עס?

— צופֿוס זעט מען בעסער. קריך אַראָפּ, קריך אַראָפּ, דמיטרי יעגאָריטש.

וואָראָנין הייבט די אַקסלען.

לאַנגזאַם שפּאַנען זיי ביידע איבער דער ברייטער מיט פּליטקעס ברוקירטער גאַס. צווישן די פּליטקעס שלאָגט זיך דורך דאָס גראָז, און די פֿרישקייט פֿונעם גראָז שטרייכט נאָך מער אונטער די אַלטקייט פֿון דער שטאָט גופֿע. יאָ, די שטאָט איז זייער אַן אַלטע. פֿון דער הויפּט־גאַס צעצווייגן זיך אין די זייטן מיטלאַלטערלעכע געסלעך, פֿינצטערע און שמאָלע, אַזוי אַז דער אויטאָמאָביל וואָלט דאָרט קוים אַדורך. די הייזער אין די געסלעך זיינען וואָס העכער אַלץ ברייטער: דער צווייטער שטאָק הענגט איבערן ערשטן, דער דריטער איבערן צווייטן. די ווענט זיינען מיט קלעצער איינגעטיילט, קווער

און אין דער לענג, אין פֿירעקן און דרײַעקן. טײלמאָל זעט זיך אונטער די קאַרניזן געשניצטע הילצערנע פֿיגורלעך, גרין און רויט און געל געפֿאַרבטע. די שפּיציקע דעכער זײַנען פֿון עלטער טונקל־ברוין.

די גרויסע גאַס פֿירט זיי צו אַ גרויסן פּלאַץ, וואָס רופֿט זיך, ווי אין אַ סך דײַטשע שטעטלעך, מאַרקפּלאַץ, דאָס הייסט, דער מאַרקפּלאַץ. אַף דעם פּלאַץ שטייט די קאַטעדראַלע, וואָס אירע צוויי טורעמס הייבן זיך איבער דער שטאָט. — אַט די טורעמס האָט לובענצאָוו געזען בעיסן אַראָפּפֿאָרן און לעבן זיי הייסט ער איוואַנען וואַרטן אַף אים. דער אויטאָמאָביל שטייט שוין דאָ, כאָטש איוואַנען זעט מען ניט. דער לינקער פֿליגל פֿון דער קאַטעדראַלע איז צעשטערט. צעשעדיקט פֿון די שפּליטערס איז אויך די ראָלאַנד־סטאַטוע פֿונעם עלפֿטן יאָרהונדערט, וואָס שטייט אין אַ נישע לעבן דער קאַטעדראַלע. פֿון דער סטאַטוע הויכט עס בעמעס מיט אויסערגעוויינלעכער עלטער. די טויזנט־יעריקע שטיינער מאַכן אַ שטאַרקן אײַנדרוק אַף לובענצאָוון און וואָראָנינען. צווישן די אַלטע שטיינער רײַסט זיך דורך דאָס העל־גרינע גראָז פֿון 1945, די ריזיקע שווערד פֿונעם ריטער און די שטריכן פֿון זײַן גרויסן שטיינערנעם פּאָנעם, שוין אָן אָפּגעריבענעם און אַ ניט־דײַטלעכן.

די הײַזער אַפֿן פּלאַץ זײַנען גאַנץ געבליבן, און דער גאַנצער פּלאַץ, אַ באַפּלאַנצטער מיט אילמען־ביימער, מיט אַ קליינעם סקווער אין דער מיט, זעט אויס אַ שטיל היימלעך אינדזעלע צווישן די כורוועס. געוויער, הינטער דער קאַטעדראַלע רעכטס איז אַלץ כאָרעוו, לינקס איז אַלץ געבליבן גאַנץ. די ווונדן, וואָס די שטאָט האָט באַקומען, די אַלטע שטאָט, וואָס נאָך אַטילעס האָרדעס האָבן זי געקענט דערשרעקן, זײַנען, פֿון דעסטוועגן פֿריש. לובענצאָוו וווּנדערט זיך, אין דער מילכאָמעכראָניק האָט מען עפּעס ניט געהערט די פֿאַרבינדעטע זאָלן האָבן געפֿירט גרויסע שלאַכטן הינטער לויטערבורג: און ביכלאַל אין די מיטל־דײַטשע ערטער, ווו זיי זײַנען דורכגעגאַנגען מיט אַ טריומף־מאַרש און האָבן קיין ווידערשטאַנד ניט אָנגעטראָפֿן.

לובענצאָוו מיט וואָראָנינען קומען אַרויס אַפֿן צאָפֿנדיקן עק שטאָט און דערזען פֿאַר זיך דעם באַרג מיט דעם שלאָס, וואָס זיי האָבן פֿון ווײַטנס געזען באַם אַרײַנפֿאָרן. צום שלאָס פֿירט אַ העלע זאַמדיקע סטעזשקע, וואָס אַט באַווײַזט זי זיך און אַט פֿאַרשווינדט זי צווישן דעם גרינס.

צופֿוסנס דעם באַרג, אין בעקאָוועדיקער איינזאַמקייט, צווישן ביימער מיט אַן אײַזערנעם צוים אַרומגענומען, שטייט אַ גרויס שיין הויז, מיט אַ בריטישער פֿאָן אַף דעם. דאָ איז קענטיק געווען די ענגלישע קאָמענדאַטור. און רעכטס, אונטן, זעט זיך דער וואָקזאַל: די סעמאַפֿאָרן, די איבערשטעלער, די פּאַקהײַזער זעען דאָ אויס לובענצאָוון פֿרעמד, אומדערוואַרט אין דעם מיטל־אַלטערלעכן שטעטל. באַם וואָקזאַל איז די באַוועגונג אַ לעבעדיקע. לאַנגע רייען גרינע לאַסט־אויטאָמאָבילן, אַף די רעלצן סאָפּען לאָקאָמאָטיוון, לאַנגע קאָנוואָיען וואַגאָנען פֿאַרנעמען אַלע וועגן. צווישן גרויסע קאַסטנס, וואָס פֿאַרשטעלן אַלץ אַרום, שמײַען ענגלישע זעלנער.

לובענצאָוו באַווײַזט נאָך ניט נאָענט צוצוקומען, ווי צוויי ענגלענדער קומען צו צו אים. לובענצאָוו באַטראַכט זיי מיט אינטערעס. ביז דער איצטיקער רײַזע האָט ער נאָך קימאַט ווי ניט געזען קיין ענגלענדער. אין ביכער האָט ער געלייענט, אַז ענגלענדער זײַנען הויכע, דאַרע און שווײַגנדיקע. די צוויי זײַנען ניט הויך, ניט דאַר און ניט קיין שווײַגערס. זיי ריידן צו אים אַפֿן הויכן קאָל, שנעל און שטרענג. לובענצאָוו שמייכלט און צענעמט די הענט. נאָר זײַן שמייכל, מיט זײַן באַקאַנטן צויבער, געפֿינט דאָ ניט קיין אָפּרוף. די ענג־

לענדער נעמען רײדן נאָך העכער און אומפּרײַנטלעכער. צום סאָף גיט אײנער, גאַנץ עלאָקווענט, אַ מאַך מיט דער האַנט: גײ דיר, הײסט עס, פֿון דאַנען. דאָ טאָר מען נישט שטײן. דאָ ווערט שוין לובענצאָוו אַ ביסעלע בײז און רופֿט זיך אָן:

— איך בין דער סאָוועטישער קאָמענדאַנט.

די ענגלענדער ווערן טײקעף אַנטשוויגן, קוקן זיך איבער, שטעלן צו די הענט צו די היטלען און, נישט געאײלט, נאָר קענטיק צערודערט, טרעטן זײ אָפּ, צום וואָקזאַל.

אָט די האַלב־שטומע סצענע צווינגט לובענצאָוון זיך פֿאַרטראַכטן. ער שטײט אַ ווײַלע, גיט אַ טראַכט און לאָזט זיך צוריקגײן אין שטאָט. ער גײט שנעל, כאָטש ער הינקט דערבײַ אַ ביסל אונטער. וואָראָנין גײט אים נאָך און שאָקלט מיטן קאָפּ.

— נאָר ער גײט און גײט — בורטשעט ער אונטער דער נאָז.

און אָט זײַנען זײ שוין ווידער אַפֿן פּלאַץ. דער אויטאָמאָביל שטײט, ווי פֿריער, לעבן דער קאַטעדראַלע, נאָר איוואַנען זעען זײ נײט. זײ געפֿינען אים אינעווייניק. ער שטײט און באַקוקט דעם גראַנדיעזן בנין מיט רויִקע האַלב פֿאַרשלאָפֿענע אויגן, און פֿילט נײט, קענטיק, קײן שום אָפּשײַ צו דאָס וואָס ער זעט.

אין אַ צען מינוט אַרום שטעלט זיך אָפּ דער אויטאָמאָביל לעבן דער ענגלישער קאָמענדאַטור. לובענצאָוו גײט פֿאַרבײַ דעם וואַכמאַן גלײַך אינעווייניק. דאָס הויז איז אַ רײַכס, נאָר דאָס זעט אויס אָפּגעריסן. פֿאַרן שאַרפֿן בליק פֿונעם געוועזענעם אויסשפּירער גײט נישט פֿאַרלוירן דער אומשטאַנד, אַז נײט לאַנג ערשט — בוכשטעבלעך נעכטן — האָט מען אַוועקגענומען די טעפּיכער: אין מיטן צימער איז דער פּאַרקעט נײַער, בעיס לענגווים די ווענט איז ער אָפּגעבלאַקירט. אונטער די סטעליעס הענגען אָנשטאָט די זשיראַנדאָלן אָפּגעשניטענע פּלאָנטערס דראָט. אינעם וועסטיביול שטײען אײנע אויף די אַנדערע אָנגעשטעלט פּאַק־קאַסטנס.

דאָ ווײס מען שוין, אַז דער סאָוועטישער קאָמענדאַנט איז דאָ. אַקעגן לובענצאָוון קומט אַרויס אַן ענגלישער מאַיאָר — אַ הויכער, מיט אַ קײלעכדיקן פּאָנעם, אַ פֿולער, נאָר אויף דינע פֿיס. מיט קלײנע וואָנציעלעך אויף אַ גערויטלטן פּאָנעם. פֿאַראַן איז מיט אים אַ בלײכער אַלטער און קלײנינקער דײַטש — ווי עס שטעלט זיך אַרויס, אַ דאָלמעטשער. ער רעדט גוט רוסיש, נאָר אַלטמאָדיש, מיט דער שפּראַך פֿון אָנהויב יאָרהונדערט — אַ פּאָנעם, געווען אין רוסלאַנד ביז דער רעוואָלוציע.

— איך בעט גענעדיקײט — זאָגט ער, — איך בעט גענעדיקײט, מײַן הער, גענעדיקער הער, עס פֿרײט מיך זײער אײַך צו זען, זײער אָנגענעם.

אין אַן אַנדער פֿאַל, וואָלט לובענצאָוו זיך צעלאַכט פֿון אַזעלכע אויסדרוקן. איצט, אָבער, איז ער נישט גענײגט צו פֿרײלעכקײט. אַ סאַך זאַכן געפֿעלן אים נײט, דערין אויך דאָס וואָס אין דער ענגלישער קאָמענדאַטור איז דער דאָלמעטשער אַ דײַטש· טײקעף נאָך דער מילכאָמע, זעט דאָס אויס אַפֿן העכסטן גראַד נײט אין פּלאַץ, אַפֿילו באַלײדיקנדיק.

דער מאַיאָר פֿרעזער — אַזוי רופֿט מען דעם ענגלענדער — פֿירט אַרײַן לובענצאָוון צו זיך אין קאַבינעט, וווּ עס הענגט אויף דער וואַנט דער פּלאַן פֿון דער שטאָט לויטערבורג. ער אינפֿאָרמירט דעם סאָוועטישן קאָמענדאַנט וועלכע וויכטיקע אָביעקטן דאָ זײַנען פֿאַראַן, וווּ עס זײַנען צעשטעלט די וואַך־פּאָסטנס און ווינטשט איבערצוגעבן די פּאָסטנס פֿון האַנט צו האַנט. ער רופֿט

אַן לובענצאָוון „מײַ דיר סובקאָלאָנעל (מײַן טײַערער פּאָדפּאָלקאָווניק) — מיט אַ געוויסער היימישקייט, נאָר פֿרײַנטלעך.

— גוט, מײַן טײַערער מאַיאָר, איך בין מאַסקים — ענטפֿערט אים אין טאָן, לובענצאָוו.

דאָ דערהערט זיך פֿון דער גאַס אַ גערויש און געדונער. ביידע קאָמענדאַנטן גייען צו צום פֿענצטער. איבער דער גאַס ציט זיך אַ לאַנגע קאָלאָנע, עפּשער אַף עטלעכע קילאָמעטערס, סאָוועטישע אַרטילעריע. לובענצאָוו איז מאַמעש קינדיש דערפֿרייט, ווען ער דערזעט די זײַניקע, נאָך אַן איבעררײַס, וואָס אים דאַכט ער זיך שוין צו אַ לאַנגער. מיט פּלוצעמדיקן אינטערעס קוקט ער נאָך אַ שטיקל צײַט די קאַנאָנען, וואָס ער האָט זיי שוין אַ מיליאָן מאָל געזען.

— פֿאָרן מיר — ווענדט ער זיך צום מאַיאָר פּרעזער.

דער מאַיאָר שאָקלט צו מיטן קאָפּ און טוט אָן זײַן בערעט. אין דרײַען גייען זיי אַרויס פֿונעם קאַבינעט. אינעם לעצטן צימער דערזעט לובענצאָוו צוויי ענגלענדער שטיין באַם אָפֿענעם פֿענצטער, קוקן אַף דער סאָוועטישער אַרטילעריע און פֿאַרצייכענען שנעל צו זיך אין די בלאָקנאָטן. זיי האַלטן דערבײַ פֿאַרקלעמט אין אַ ווינקל מויל יעדער איינער זײַן נאַסן שטיקל ציגאַר, וואָס רויכערט ווי אַ לאָקאָמאָטיוו. איינער איז אַ קליינינקער אין אַ בלויען געוועלטענעם זשאַקעט, מיט אַ בלויער פּילאָטקע אַפֿן קאָפּ; דער צווייטער איז אַ לאַנגער, אין אַ כאַקי־אָנצוג מיט אַ ברוינעם בערעט. דער ענגלישער קאָמענדאַנט דערזעט זיי, וואַרפֿט ער אַ שנעלן בליק אַף לובענצאָוון און שרײַט צו זיי עפּעס מיט אַ פֿאַרשטיקטן קאָל; דער בלויער מיט דעם ברוינעם קוקן זיך אום און פֿאַרשווינדן אין אַ זײַטיקער טיר, אָן מיליטערישער באַגריסונג.

לובענצאָוו בלײַבט שטיין ווי אַן אײַנגעגראָבענער. ער גיט אַ בליק אַפֿן ענגלענדער פֿול מיט פֿירוואָרף און פֿאַרדראָס. ער איז גרייט אים צו זאָגן אַלץ וואָס ער טראַכט, נאָר ער שווײַגט אָפּ. פֿאַרוואָס שווײַגט ער? פֿאַר אַלעמען דערמאָנט ער זיך אַפֿן דײַטשן דאָלמעטשער; ער וויל ניט פֿאַרשאַפֿן דעם דײַטש דאָס פֿאַרגעניגן צו זײַן דערבײַ ווי דער רוס מיט דעם ענגלענדער קריגן זיך. דערצו אויך איז ער ניט זיכער צי האָט ער אַ רעכט, ווען ער מערקט אַ ניט־פֿרײַנטלעכע אויפֿפֿירונג פֿון פֿאַרבינדעטע, אַרויסצווײַזן, אַז ער האָט געמערקט: אין אַזאַ פֿאַל לוינט זיך עפּשער פֿאַרשווײַגן. און נאָך וואָס: אַ ניט־אַרויסגעזאָגטער, אַן אויסבאַהאַלטענער פֿאַרדראָס גיט אַ מענטשן אַ צוגאָב אינערלעכן קויעך, וואָס קען בײַ אַ געלעגנהײַט צונוץ קומען. אַגעוו, איז דער לעצטער געדאַנק, אַפֿילע ער זאָל געווען קומען לובענצאָוון אַפֿן זינען, וואָלט ער געווען אַ אונטערבאַוווסטזיניקער, גיכער ווי אַ געפֿיל איידער ווי אַ געדאַנק.

וואָס שאַיעך דעם ענגלענדער, האָט ער זיך קענטיק פֿאַרלוירן. זײַן קײַלעכדיקער גוטמוטיקער פּאָ־עם איז געוואָרן אין זיך אײַנגעשלאָסן און אורמעטיק. וואָלט ער זיך געפֿילט בעקויעך צו זײַן אָפֿנהאַרציק, וואָלט ער עפּשער, אַלס אָנשטענדיקער מענטש, געזאָגט, אַז עס איבלט אים פֿון אַזוינע מאַכינאַציעס קעגן פֿאַרבינדעטע, אַז ער איז קעגן דער מיינונג פֿון זײַן עלצטן מיקויעך דער נויטווענדיקייט פֿון אַזעלכע מיטלען. נאָר ער קען ניט זײַן אויפֿריכטיק, ווען ער גלייבט ניט אין לובענצאָווס אויפֿריכטיקייט. נאָר לובענצאָוו, וואָס איז ביז דעם מאָמענט געווען געשטימט זייער פֿרײַנטלעך און פֿאַרטרוילעך, הייבט אָן פֿון דעם מאָמענט כווישעד צו זײַן, ניט האָבן קיין צוטרוי.

באַם אַרײַנפֿאָר שטייען צווײ אויטאָמאָבילן — לובענצאָװס „װיללים", און אַ גרויסער טוריסטן־אויטאָמאָביל, דעם ענגלישן קאָמענדאַנטס. לובענצאָװ זעצט זיך אַרײַן צום ענגלענדער און װאָראָנין פֿאָרט זײ נאָך אין זײַנעם. לובענצאָװ רופֿט זיך אָן:

— צום װאָקזאַל.

דער דײַטש זעצט איבער, און װי לובענצאָװ ריכט זיך, איז דער ענג־לענדער קעגן פֿאָרן צום װאָקזאַל. ער מאָטיװירט עס דערמיט װאָס דאָרט איז נישטאָ קײן אינטערעסאַנטע זאַכן צו זען. ער לײגט פֿאָר צופֿאָרן צום שלאָס, דערנאָך צום לאַגער פֿון די אַריבערגעפֿירטע, צו דער ביר־ברויערײַ און צו דער ליקער־פֿאַבריק, און אויב די צײַט װעט דערלויבן — צו אַ געװיסן גאַסט, הויז, ניט װײַט אין די בערג, װוּ מען װעט זײ מעכאַבעד זײַן מיט פֿאָרעל. פֿאַר אַלעמען, רעכנט ער צופֿאָרן צו דער ליקער־פֿאַבריק און דאָרט אװעק־שטעלן אַ װאַך.

— נײן, מירן אָנהײבן פֿונעם װאָקזאַל — זאָגט לובענצאָװ און זײ פֿאָרן צום װאָקזאַל.

— װאָס לאָדט מען דאָ? — פֿרעגט לובענצאָװ װען זײ קומען אַרויס פֿו־נעם אויטאָמאָביל.

— דאָס ענגלישע מיליטערישע פֿאַרמעג. — זעצט איבער קראַנץ די אויפֿ־קלערונג פֿונעם מאַיאָר פֿרעזער.

זײ שפּאַנען לענגויס רײען קאַסטנס, װאָס שטײען אױף דער פּלאַטפֿאָרם. צו לובענצאָװן קומט באַלד אונטער װאָראָנין. מיט אַן אַנטשלאָסענעם פּנים האַלט ער זײַן אויטאָמאַט. אױף די קאַסטנס זײַנען פֿאַראַן ענגלישע אויפֿשריפֿ־טן מיט שװאַרצער פֿאַרב. לובענצאָװ שפּאַנט סאַליד און פֿאַמעלעך צװישן די קאַסטנס און פֿילט זיך אין זײַער אַ נאַרישער לאַגע, ער װײס ניט אױף װאָס זיך צו אַנטשלוסן. פֿאָדערן די קאַסטנס צו עפֿענען איז ניט פּאַרניפֿטיק. דער ענג־לענדער קען מיט פֿולן רעכט ניט דערלאָזן, אַפֿן גרונט פֿון מיליטערישן סאָד. פֿאַרבײַ זײ שפּאַנען דײַטשן אויפֿלאָדערס מיט פּעק אױף די פּלײצעס.

— פֿאָרן מיר אױף דער ליקער־פֿאַבריק, מײַן טײַערער פֿאָרפֿאָלקאָװניק? פֿרעגט דער מאַיאָר פֿרעזער.

דער „מײַ דיר סובקאָלאָנעל" װירקט היבש לובענצאָװן אױף די נערװן. און ער מאַכט זיך ניט הערנדיק.

IX

זײ שפּאַנען איבער אַ הױכער פּלאַטפֿאָרם לענגויס דעם פּאַקהויז. אינמי־טן פֿאַרשטעלט זײ דעם װעג אַ גאַנצער באַרג מיט קאַסטנס. לובענצאָװ בלײַבט שטײן און גיט אַ קרומען קוק צו װאָראָנינען. באַם סטאַרשינאַ איז דאָס פּנ־נעם אָנגעשטרענגט. ער האַלט פֿאַרקלעמט אין זײַן קלײנעם דינעם הענטל דאָס העלדזל פֿון דער קאָלבע באַם אויטאָמאַט. לובענצאָװ קוקט צו אים, ער קוקט אים גלײַך אין די אויגן. אַזױ שאַרף און אויסדריקלעך, אַז װאָראָנין כאַפּט באַלד אויף לובענצאָװס מײן, ער האָט אים צו זאָגן עפּעס זײער װיכטיקס, װאָס אָפֿן קאָל קען מען עס ניט זאָגן. װאָראָנין לײענט און לובענצאָװס אויגן אַזױנס װאָס ער אַלײן קען זיך דערצו דערטראַכטן און טשיבירעװ, לובענצאָװס פֿאַרשטאָרבענער אָרדינאַנס, װאָלט עס טײקעף פֿאַרשטאַנען. יענער פֿלעגט פֿאַרשטײן זײַן אָפּיציר פֿון האַלבן װאָרט.

האָט וואָראָנין פֿאַרשטאַנען לובענצאָוון? לובע־צאָוו ווײַזט אָן דעם ענגלישן קאָמענדאַנט מיט דער האַנט אַפֿן פֿאַרוואַקסענעם באַרג־רוקן מיט יאַב און בוכן־ביימער הינטער דער באַן־ליניע, ער רעדט צו אים וועגן דער שיינקייט פֿון די ערטער און אַז אים געפֿעלט שטאַרק אַ באַרג־לאַנדשאַפֿט — עפּשער דערפֿאַר וואָס קינדווײַז האָט ער געלעבט אַפֿן ווײַטן מיזרעך, ווו עס זײַנען אויך פֿאַראַן אַ סך בערגער און בערגלעך. דער דאָלמעטשער, דער אַלטער דײַטש קראַנץ, זעצט איבער זײַנע ווערטער זייער פּראָטימדיק, און דער ענגלענדער שאָקלט צעטראָגן מיטן קאָפּ אַז ער איז מסכים, נאָר אין דער זעלביקער צײַט קוקט ער אומגעדולדיק אַף הינטן, צום וואָקזאַל.

דאָ צעווינט זיך אַן איבערשטער קאַסטן, בייגט זיך אָן און פֿאַלט אַראָפּ לעבן זיי, דער־אָך פֿאַלט ער אַראָפּ פֿון דער פּלאַטפֿאָרם אַף די רעלצן. די ברעטלעך פּלאַצן און שטעלן זיך סטאָרץ. דער ענגלישער קאָמענדאַנט שפּרינגט אָפּ.

— בער איינער! די מאַם פֿון זײַן ליבן נאָמען! — זידלט לובענצאָוו וואָראָנינען און האַלט קוים אײַן זײַן פֿרייד, ווען יענער קוקט אַרויס פֿון צווישן די קאַסטנס מיט אַ געמאַכטן צעשראָקענעם פּאָנעם.

די ענגלענדער זײַנען צעטומלט, לויפֿן, שרײַען, נאָר דערנאָך שטילן זיי זיך אײַן.

— זעט, הער מאַיאָר, — וווּנדערט זיך קלוימערשט לובענצאָוו און ווײַזט אַף די רעלצן. אַ קליינע און זייער שיינע שלײַף־מאַשין ליגט דאָרטן, אַ נײַיִנקע, ווי ערשט פֿונעם איי זיך אויסגעקאַלופּעט, צווישן די צעבראָכענע ברעטלעך. די מאַשין איז אַ דײַטשע, אַ העכסט מאָדערנע מיט אַ לענגלעכן מעשענעם בלעטל צוגעקלאַפּט:

כעמניץ, מאַשינבויווערקע

— דײַטשע מאַשינעריע — רעדט ווײַטער לובענצאָוו. — איר ווייסט מיסטאָמע, אַז זי אונטערליגט ניט דער עוואַקואַציע. לויט די גילטנדיקע קלאָלים טאָרט איר ניט דעמאָנטירן און ניט אַרויספֿירן קיין מאַשינעריע פֿון דער זאָנע. איך וועל געצוווּנגען זײַן פֿאַראָרדענען מען זאָל אָפּשטעלן די אויפֿלאָדונג.

ער רעדט געלאַסן און אין רוסיש, עס גייט אים ניט אָן צי דער ענגלענדער פֿאַרשטייט וואָס ער רעדט. ער ווייס, אַז דער ענגלענדער פֿאַרשטייט גאַנץ גוט דעם זין פֿון זײַנע ווערטער. און לובענצאָוו רעדט ווײַטער, און דערצו נאָך אין אַזאַ רויִקן טאָן, פּאַשעט ווייך און צערטלעך — עפּשער דערפֿאַר וואָס ער האָט דערבײַ אין זינען ניט די ענגלענדער, נאָר וואָראָנינען, דעם סייכל און דעם מוט פֿון אָט דעם קליינעם מענטשל, זײַן קימאַט געניאַלן, פֿון אויספֿירערישן שטאַנדפּונקט, דורכדרינגען זיך מיט דעם עצם סיטואַציע און מיט זײַן ראָל אין איר.

וואָראָנין דערווײַל, איצט שוין מיט דעם פֿולן רעכט, אַלס האַר פֿון דער לאַגע — עפֿנט איין קאַסטן נאָכן צווייטן: ער האָט פֿון ערגעץ באַקומען אַ קליינעם בראָכשטאַנג. אין אַלע קאַסטנס זײַנען פֿאַראַן דײַטשע מאַשינען. די דײַטשע טרעגערס זײַנען ערגעץ פֿאַרשוווּנדן. לובענצאָוו שטייט, אַרום אים די שווײַגנדיקע ענגלענדער, און ער, גלײַך ער זעט זיי ניט פֿאַר זיך, גיט באַפֿעלן וואָראָנינען:

— אָט דעם עפֿן, אָט דעם. אָנו, פֿון יענער קופּע. אַ בויער־מאַשין, אַזוי.

אַ דריי־מאַשין — ער גיט אַ זײַטיקן קוק צום מאַיאָר פּרעזער און זאָגט: — אַ פּרעזער־מאַשין. נו, גוט, גענוג.

דער מאַיאָר ווערט רויט, הוסט זיך אויס און וואַרפֿט צו דעם דאָל־מעטשער:

— מיסאַנדערסטענדינג.

— ניעדאַראַזומעניע (אַ אומפֿאַרשטענדעניש) — זעצט איבער קראַנץ נאָך אַ געגוג לאַנגן טראַכטן. לובענצאָוון דאַכט זיך, אַז באַם דײַטש ציטערן די ליפּן פֿון אַן אײַנגעהאַלטענעם שמייכל.

די מאַשינען זײַנען פֿון דער אונטערערדישער פֿאַבריק, וואָס פֿלעגט אויסאַרבעטן, ווי עס ווײַזט זיך אַרויס, די פֿליענדיקע ראַקעטן „פֿאַו־2". די פֿאַבריק געפֿינט זיך ניט ווײַט פֿון לויטערבורג, נאָר אָפֿן שטאָט־פּלאַן, וואָס דער ענגלענדער האָט איבערגעגעבן לובענצאָוון, איז זי ניט אָפּגעצייכנט. ווען זיי קומען צוריק אין דער קאָמענדאַנטור, בעט לובענצאָוו דעם מאַיאָר פּרע־זער ער זאָל זי אים אָפּצייכענען אָפֿן פּלאַן. פּרעזער מאַכט אַ רעדעלע אָפֿן נייטיקן אָרט.

אַ אומפֿאַרשטענדעניש — זאָגט דער דײַטש. אים איז אַ פּאָנעם געפֿעלן געוואָרן אָט דאָס לאַנגע וואָרט, און אויך דאָס וואָס ער זאָגט עס איצט אַזוי דײַטלעך. ער רעדט עס אַרויס מיט פֿאַרגעניגן.

— מער זײַנען קיין אָביעקטן נישטאָ? — פֿרעגט לובענצאָוו אַ ברויגעזער.

פּרעזער פֿאַרטראַכט זיך אַ ווײַלע און צייכנט אָפּ אָפֿן פּלאַן נאָך איין פֿאַבריק — אַ כעמישע — און אַ קליין פֿאַבריקל פֿון גענויקייט־אַפּאַראַטן.

— איז דאָרט אויך אַלץ אײַנגעפּאַקעוועט? — פֿרעגט לובענצאָוו.

— יעס, — כאַפּט זיך אַרויס באַם ענגלענדער.

— אָך־אָך־אָך — זאָגט לובענצאָוו, און אָט דער קאָמיש־וויטיקלעכער אויסרוף, ווײַזט זיך אַרויס, איז אינטערנאַציאָנאַל: פּרעזער ווערט ווידער רויט און זאָגט, אַז די קאָמענדאַטור שטייט צו דיספּאָזיציע און ער וועט זיך דאָ פֿילן ווי באַ זיך אין דער היים. דער בנין איז זייער אַ באַקוועמער, בעיים היטלערן, איז דאָ געווען דאָס „ברוינע הויז" — די לאָקאַלע אָרגאַני־זאַציע פֿון דער נאַצי־פּאַרטיי.

דערווײַל דאַרף מען אוועקשטעלן סאָוועטישע וואַך אַף די אָביעקטן. לו־בענצאָוו הייסט וואָרענינען זיך פֿאַרבינדן מיט אַ נאָ:טער מיליטערישער טייל און בעטן זעלנער. פּרעזער האָט שוין קיין בײַשעק ניט איבערצוגעבן די אָב־יעקטן „פֿון האַנט צו האַנט" און ער גיט איבער די זאָרג זײַנעם אַן אָפֿיציר, וואָס גייט אַפּ מיט וואָרענינען.

ווען זיי גייען אָפּ, בלײַבט דאָס צימער שטיל. לובענצאָוו קוקט אינעם אָפֿענעם פֿענצטער. פּרעזער קוקט קוימאַט מיט סינע אַף זײַן בלאָנדן נאַקן. דער־נאָך איז זיך פּרעזער, פֿון דעסטוועגן, גויווער. ער פֿאַרבעט לובענצאָוון אין שביינעסדיקן צימער, וווּ דער טיש איז גרייט.

דער דאָלמעטשער גייט אינאײַנעם מיט זיי, נאָר צום טיש זעצט ער זיך ניט, ער זעצט זיך אַף אַ שפּיץ דיוואַן און זעצט איבער פֿון ווײַטן די באַ־מערקונגען פֿון דעם ענגלישן און סאָוועטישן קאָמענדאַנט.

פּרעזער זאָגט, אַז ער איז ניט קיין פּראָפֿעסיאָנעלער מיליטער־מאַן. ער האָט פֿאַרענדיקט די איטאָנער שול און דעם אָקספֿאָרדער אוניווערזיטעט. ער איז אַ באַראָנעט. צי ווייס דער „מיסטער סובקאָלאָנעל" (ער זאָגט שוין ניט לובענצאָוון „מײַ דיר"), וואָס אַזוינס איז באַראָ:עט? לובענצאָוו ענטפֿערט אים, אומגעטראַכט, אַז ער ווייס, כאָטש ער שטעלט זיך פֿאָר דעם עצעם פּוּנ

דעם טיטל ניט זייער קלאר. פרעזער גיט צו, אזוי ווי אים דאכט זיך, מוז אויך דער הער פאדפאלקאווניק זיין פון א פיינער פאמיליע. ריכטיק, זאגט לובענצאוו, פון גאר א פיינער: דער פאטער א וואלדהעקער, די מוטער א פויערטע. „יעס" — ציט אויס אומבאשטימט דער מאיאר פרעזער. ער שוויַיגט א ווײַלע און זאגט, אז אויך ער איז געווען אפן ווײַטן מיזרעך, נאר ניט אף סאוועטישע טעריטאריעס, אין האנגקאנג, אין סינגאפור. „דאס איז גאנץ נאטירלעך, אז ניט אף סאוועטישע טעריטאריעס" — הייסט לובענצאוו איבערזעצן.

מען קען ניט וויסן וואס דער ענגלישער קאמענדאנט וואלט דערויף גע־ענטפערט, דערבײַ גראד האט מען אים אוועקגערופן, און לובענצאוו איז גע־בליבן איינער אליין באם טיש. מיט קראנצן פארפירט ער ניט קיין געשפרעך. ער ווארפט נאר זעלטן א בייזן קוק אף אים און דער דײַטש קארטשעט זיך אונטער דעם בליק.

אין צען מינוט ארום קומט דער ענגלענדער ארײַן זייער אן אויפגע־לייגטער, א צופרידענער מיט עפעס. איינציַיטיק הערט זיך הינטער דער טיר א געכליפ, א שארן מיט די פיס, א שטילער אויפגערעגטער געשפרעך. פרעזער צעעפנט די טיר און לאזט ארײַן דרײַען: א דיקע צעשויבערטע פרוי, מיט א היפשער גוטמוטיקער בראדעווקע אפן רויטן פעטן פאנעם, אנגעטאן אין א רויטן געשטרײַפטן סוועדער, מיט פארקאטשעטע ארבל, אין א ברייט קליידל מיט א צעראטענעם פארטעך; א צווייטע פרוי, אויך אן עלטערע, מיט גלאט צוגעקעמטע גרויע האר, מיט א מענערישן מאנטל ארויפגעווארפן אף די אקסלען, און א בעקאוועדיקער זאקן אין ברילן, מיט א הוט אין דער האנט. די דיקע פרוי מיט דער בראדעווקע צערעדט זיך, מאכט מיט די הענט און פאטשט זיך פון צײַט צו צײַט איבער אירע ברייטע קלובעס. זי גיט זעלטן א כליפ און צעשמייכלט זיך באלד מיט אן אנטשולדיקונגס־שמייכל. פון אירע רייד פארשטייט לובענצאוו, אז עמעצער באראבעוועט זי און זי בעט באם קא־מענדאנט שוץ.

דער ענגלענדער שמייכלט באצויבערנדיק, ווײַזט אן אף לובענצאוון און שטעלט אים פײַערלעך פאר:

— סאוויעט קאמאנדאנט.

ער שטראלט מאמעש, ווי ער וואלט זיי פארגעשטעלט זײַנעם אן אלטן פרײַנט, און דערצו א מענטשן, וואס ער איינער קען לייזן אלע פראגן און אויפקלערן אלץ וואס ניט קלאר. דערנאך ווארפט ער אף לובענצאוון א כוויזעק־בליק און טרעט אפ אן א זײַט און זעצט זיך ארײַן אין א פאטעל מיט א פרײַער אומאפהענגיקער פאזע, וואס דארף באטײַטן: איך מיש מיך ניט, פאראן דא אן אנדערער, דער אייגנטלעכער באלעבאס.

פון זײַן מאדנער באנעמונג און דערפון ווי די דײַטשן זײַנען צערודערט, איז לובענצאוו כוישעד, אז עפעס איז דא ניט גלאטיק. און ריכטיק. עס ווײַזט זיך ארויס, אז רוסן פונעם ארטיקן לאגער רויבן די דײַטשן.

לובענצאוו הייבט זיך ווידער אויף און שטייט א מינוט צײַט און ווייס ניט וואס צו טאן. דא פאלט אים אײַן א געדאנק ווי צו ראטעווען די לאגע: מען דארף זיי הייסן צו וויסן געבן דער קאמענדאטור שריפטלעך און מארגן וועלן מיר שוין זען. דאס וואלט געווען באקוועם, נאר גיכער ווי אלץ ניט ריכטיק. ער נעמט זײַן היטל פונעם בופעט און זאגט:

— כ'וועל צופארן א קוק טאן, וואס קומט דא פאר.

אין דרויסן איז שוין פינצטער, דאס וועטער האט זיך געביטן. עס טריפט א דראבנער ווארעמער רעגן. דער אויטאמאביל שטייט באם טראטואר און זײַנע שויבן גלאנצן מיט א בלינדן גלאנץ. ער שטייט דא, דאכט זיך שוין זייער

לאַנג און וועט זיך נישט קענען רירן פון אָרט. אַרום איז נישטאָ קיין איין ליכטיק פענצטער. די גאַסן זײַנען דורכוים פוסט — מען הערט קיין טריט נישט און קיין שטים פון אַ מענטשן.

— איוואַן — רופט אים אָפּ לובענצאָוו. עס צינדן זיך אָן די „פאַרן" פונעם אויטאָמאָביל און רײַסן אַרויס פון דער פינצטערניש אַ שטיק רעגן. די צוויי דײַטשקעס מיט דעם דײַטש טוליען זיך צום גאַניק.

— דאַוואַי, דאַוואַי (גיכער, גיכער) — ווײַזט זיי לובענצאָוו אָן אַפן הינטערשטן זיץ פונעם אויטאָמאָביל.

זיי גייען צו פאַמעלעך און זעצן זיך אַרײַן. לובענצאָוו זעצט זיך לעבן איוואַנען. דער אויטאָמאָביל לויפט. זײַנע פײַערן שווינדן איבער די ווענט פון די אַלטע הײַזער, איבער די נאַסע צווײַגלעך פון די ביימער, וואָס הענגען אַראָפּ איבער די שטיינערנע צוימען. זיי פאָרן פאַרבײַ אַ היפּש ביסל שמאָלע געסלעך, ברוקירטע מיט קרומע פליטקעס, איידער די דיקע דײַטשקע, וואָס זיצט פון הינטן, צעשרײַט זיך פאַרצווייפלט:

— היער, היער!...

איוואַן שטעלט אָפּ דעם אויטאָמאָביל. לובענצאָוו און נאָך אים די דײַטשן גייען אַרײַן אין אַ גרויסן הויף. רעכטס געפינט זיך אַ ווערקשטאַט צום פאַרריכטן אויטאָמאָבילן, לינקס — אַ פינצטער הויז מיט צעעפנטע טירן און פענצטער און אינעווייניק בלאָנדזשען אום פײַערלעך פון אָנגעצונדענע ליכט. דער הויף ווערט מיט אַ מאָל פול מיט שאַרנדיקע טריט און שטילע רייד. עס צינדט זיך אָן אַן עלעקטריש לאַמטערנדל. דאָס פײַערל גיט אַ לויף איבערן אויטאָמאָביל און שטעלט זיך אַ רגע אָפּ אַף לובענצאָוון, דערשרעקט זיך און לעשט זיך אויס. איינער אַ דײַטש, אַ מער מוטיקער, גייט צו צו לובענצאָוון און נעמט אים אויפקלערן וואָס עס האָט פאַסירט. מען האָט פונעם הויז צוגענומען זעקס אייבערדעס, צוויי נײַ־מאַשינען, דרײַ ראַדיאָ־אויפנעמערס, אַ פעסל פּרוכט־ווײַן, און פונעם ווערקשטאַט — אַ לייט־לעמפּל און אַנדערע געצײַגן. די מענטשן וואָס האָבן דאָס אַלץ צוגענומען, זײַנען ערשט מיט אַ האַלבע שעה צוריק אַוועק. איינער פון זיי איז אַ רוס מיט אַ הילצערנעם פוס, פונעם דערבײַיקן לאַגער. וועגן דעם רוס רעדט דער דײַטש מיט ניט אויסבאַהאַלטענעם שרעק.

— ווו איז דער לאַגער? — פרעגט לובענצאָוו. מען נעמט אים אויפקלערן, נאָר ער כאַפּט אומגעדולדיק אָן באַם אַקסל אַ יינגל פון אַ יאָר פופצן, שטופּט אים צו צום אויטאָמאָביל און זיי פאָרן אַוועק. שנעל בלײַבט די שטאָט הינטער זיי. דער וועג ציט זיך צווישן גרינס־גערטענער. דערנאָך הייסט דאָס יינגל פאַרקירעווען לינקס, אַ אַ ניט־ברוקירטן זאַמדיקן וועג, וואָס ברענגט זיי צו הילצערנע באַראַקן. אַרום שטייען סטויפּעס מיט אָפּגעריסענע שטיקער שטעכיקן דראָט.

לובענצאָוו לאָזט זיך צוגיין צום נאָנטסטן באַראַק. בײַ דער שוועל שטייט עמעצער. לובענצאָוו קוקט זיך אײַן און דערזעט אַ פרוי אין אַ ווײַסן טיכל אַפן קאָפּ. זי קוקט זיך אויך אײַן אין אים און נעמט מיט אַ מאָל הויך שרײַען, אַף אַ קוויטשיקן קאָל:

— אונדזערע! אונדזערע זײַנען געקומען!

פון ביידע זײַטן לאַנגן קאָרידאָר צעעפענען זיך ניט ווייניקער ווי צוויי צענדליק טירן. דער קאָרידאָר ווערט טייקעף איבערפולט מיט מענטשן. לובענצאָוון שלעפּט מען קימאַט אַרײַן אין איינעם פון די צימערן. ער איז באַלויכטן מיט דעם טונקעלן פײַער פון אַ נאַפט־לעמפּל, וואָס שטייט אַף אַן אַליין־צונויפגעקלאַפּטן ברעטער־טיש. לובענצאָוו, צערודערט ביז דער טיפעניש

פון דער נעשאָמע, זעט אַרום זיך ווײַסע מײדלשע קאָסינקעס, וואַטאָווע מענערישע פּידזשאַקעס, דאָס צימער איז גרויס, ניט געטונקעוועט, אַרומגעשטעלט מיט צוויי צענדליק הילצערנע טאַפּטשאַנעס, צוגעדעקטע דאָ מיט געשטרייפטע שטרויזעק, דאָ מיט בײַקענע קאָלדרעס. צוויי ווינקלען זײַנען אָפּגעצאַמט מיט לײַלעכער. אין אַ דריטן ווינקל הענגען אַף שטריקלעך קינדערשע וויגעלעך. עס שמעקט מיט ווינדעלעך און מיט נאַפּט.

לובענצאָוון רוקט מען צו אַ שטול, מען זעצט אים אַוועק. עטלעכע פרויען קוקן אַף אים מיט אַזאַ ליבשאַפט, ריידן אַזוי ווייַנענדיק גלײַך ער וואָלט געווען זייערער אַ זון, וואָס זיי האָבן אַף אים לאַנג געוואַרט און ער האָט לאַנג ניט געלאָזט הערן פון זיך. יונגע מיידלעך ווישן זיך די טרערן מיט די עקן טיכלעך. דאַרע יינגלעך טאַפּן זײַנע פּאַגאָנעס, זיי אינטערעסירט ניט זײַן פּאָנעם, זיי קוקן זיך אײַן פאַרקישעפטע אין זײַנע אָרדנס. דער צימער ווערט אַלץ פולער מיט אוילעם.

אַקעגן לובענצאָוון זעצט זיך אַוועק אַ ברייט־פּלייציקער יונגערמאַן מיט אַ בלוי־שוואַרצער באָרד, אין אַ ווײַסן העמד. ער לייגט אַוועק אָפּן טיש זײַנע גרויסע פאַרלייגטע הענט און נעמט קיין אויג ניט אַראָפּ פון לובענצאָוון. זײַן אָנגעשפּאַנטער שטײַפער בליק האָט אין זיך אַ היפּנאָטישע קראַפט.

לובענצאָוון פאַרוואַרפט מען מיט פראַגן. אָפּן טיש באַווײַזט זיך אַ פלעשל און אַ הערינג מיט אוגערקעס. נאָר לובענצאָוו טרינקט ניט, ער זאָגט נאָר צו קומען אין עטלעכע טעג אַרום, ווען ער וועט אַ ביסל פרײַער ווערן. ער הייבט זיך אויף צום אַוועקגיין, און ערשט איצט דערמאָנט ער זיך צוליב וואָס ער איז אַהער געקומען. אַ מינוט יישעוועט ער זיך איידער ער נעמט ריידן דערפון, נאָר דערנאָך אַנטשליסט ער זיך און זאָגט:

אַלע קוקן זיך איבער. דער מענטש מיט דער שוואַרצער באָרד הייבט זיך אויף. און ערשט איצט באַמערקט לובענצאָוו אַז אַנשטאָט אַ פוס האָט ער אַ קלעצל — אַ גראָב אַרומגעטעסעטן. דער איינפוסיקער נעמט זיך ניט אויפקלערן, ער פרעגט נאָר קורץ:

— מען דאַרף אומקערן?

— יאָ, מען דאַרף אומקערן — זאָגט לובענצאָוו.

— נו, וועלן מיר אומקערן.

ער גייט אַרויס אינאיינעם מיט לובענצאָוון פונעם באַראַק, זאָגט אים „וואָרט צו" און פאַרשווינדט. לובענצאָוו בלײַבט אַליין. ער שטייט אין דער פינצטער אַ שטײַפער און אָן אָנגעשטרענגטער. ער פילט, אַז אָט וועט ער זיך פונאַנדערוויינען. די וואָרעמקייט פון אָט די אויגן האָט אים די נעשאָמע איבערגעקערט. דאָס ראַכמאָנעס צו די מענטשן און דער שטאָלץ מיט זײַן אַרמיי פילן אים אָן ביז איבער די ברעגעס. „פאַרוואָס — טראַכט ער זיך — מוז איך צווינגען אָט די אָנגעליטענע מענטשן אומצוקערן עמעצנס האָב, וואָס איז עפּשער גאָרניט ערלעך אָנגעלעבט? פאַרוואָס מוז איך באַליידיקן אָט די מענטשן, וואָס זײַנען מיר אַזוי טײַער, וואָס מען האָט זיי שוין אַזוי פיל באַליידיקט און דערנידעריקט? איך האָב זיי דאָך ליב. און די באַ וועמען זיי האָבן צוגענומען אָט די נישטיקע זאַכן, האָב איך נישט ליב און וועל זיי קיינמאָל ניט ליב האָבן".

ער הערט קלאַפּן דאָס קלעצל און פון דער פינצטער שווימט אַרויס דער איינפוסיקער.

— אַלץ איז אָפּגעטאָן — זאָגט ער. אַ ווײַלע שווײַגט ער און רופט זיך אָן: — איך בין אַ לייטענאַנט. איך בין אַרײַנגעפאַלן אין געפאַנגענשאַפט אונטער וויאַזמע, אינעם איין און פערציקסטן, מיט דעם אָפּגעריסענעם פוס.

ווידער שווײַגט ער אַ מינוט און שטיל קומט ער צום שלום: — ניט גוט.

— ס'איז גאָרניט — זאָגט לובענצאָוו — אַלץ וועט זײַן אין אָרדענונג.

— איך בין אַליין שולדיק — זאָגט דער מענטש, ווי ער וואָלט געטראַכט אויפן קאָל. — איך וואָלט זיך געקענט אַ קויל אַרײַנשיסן. כאָטש דאָס איז זייער שווער. און דער פוס איז געליגן אָן אַ זײַט. אַ שפּליטער האָט מיר אים אָפּגעריסן, און ער איז געליגן אַ גאַנצער, נאָר באַזונדער. איך האָב מיך פאַרקוקט אויפן פוס און מען האָט מיך געפּאַקט.

— ס'איז גאָרנישט, — זאָגט לובענצאָוו — אַלץ וועט גוט זײַן.

— דאָס פעסל ווײַן האָבן מיר האַלב אויסגעטרונקען — זאָגט דער מענטש, — דאָס איבעריקע וועלן מיר אָפּגעבן. איבער די גערטענער איז מען געגאַנגען, גלײַך. אויב איר ווילט, וועלן מיר צופאָרן, וועט איר זען.

אַ ביסל ווײַטער פון זיי שטייט דער אוילעם, וואָס האָט זיך אַרויסגעשאָטן פון די באַראַקן.

— מיר וואָלטן באַ זיי גאָרניט גענומען, זאָל עס זיי וויל באַקומען, — זאָגט דער מענטש, — נאָר מיר זײַנען דאָ פּאָשעט נאַקעט. די אַמעריקאַנער, נאָכמער, די ענגלענדער האָבן אונדז געהאַלטן אַף לעצט, אַפילע קיין ברויט ניט געגעבן, ניט שטענדיק געגעבן. זײַנען שטענדיק געווען קעגן אונדז, פאַר די דײַטשן. מיר האָבן זיי אָנגעוויזן אַף די דײַטשן, וואָס האָבן זיך באַזונדער אײַנדיעקעוועט איבער אונדזערע אונטער היטלערן. די ענגלענדער האָבן זיי נישט אָנגערירט. און אײַערנעכטן זײַנען זיי געקומען און אונדז געזאָגט: טוט וואָס איר ווילט, אַלץ איז אײַערס, די רוסן גייען אַהער, אַלץ איז אײַערס.. נו, האָבן מיר זיך צעשפּילט...

— מער זאָלט איר אַזוינס נישט טאָן. — זאָגט לובענצאָוו.

— אַזוי איז גוט. איך האָב אַליין געטראַכט, אַז די סאָוועטישע קאָמאַנדירונג קען אַזאַ באַפעל ניט אַרויסגעבן.

— נאַטירלעך, — זאָגט לובענצאָוו.

— פאָרן מיר?

— קומט.

זיי קומען צו צום אויטאָמאָביל. ווידער צינדן זיך אָן די פײַערן. דאָס דײַטשע יינגל פאַררוקט זיך אין אַ ווינקל פון הינטערשטן זיץ. דער אויטאָמאָביל לאָזט זיך אין וועג צוריק.

דער מענטש רופט זיך אָן:

— די ענגלענדער האָבן צעקלעפּט אַפישן, אַז די סאָוועטישע מאַכט פאַרבאָט די דײַטשן גיין אין גאַס נאָך זיבן אין אָוונט. אַז ניט, איז צעשיסן. איז עס אויך ניט עמעס?

— ניט עמעס.

— איך האָב טאַקע אַזוי גערעכנט. נאָר ווער ווייס זיי. פון דעסטוועגן איז מאָדנע.

— מאָדנע, — שטימט צו לובענצאָוו.

— פאַר אײַך איז עס מאָדנע — רופט זיך פּלוצים אָן שנײַדיק און אומלאָגיש, דער איינפוסיקער. — וואָלט איר דאָ געווען... — און ער גיט אַ מאַך מיט דער האַנט.

ווען דער אויטאָמאָביל פאָרט אַרײַן אין דעם הויף פון וואַנען ער איז מיט אַ האַלבער שאָ צוריק אַרויסגעפאָרן, רינגלען אים טייקעף אַרום טונקעלע פיגורן פון מענער און פרויען. שוין ניט שטיל, נאָר אויפן קאָל, שלאָגן זיי איבער איינער דעם צווייטן און דערציילן, אַז מען האָט זיי אַלץ אומגעקערט

און אַז אַלץ איז אין אָרדענונג. און די דיקע פרוי מיט דער בראָדעווקע איז אַן א שיר דאַנקבאַר און דרייט דאָס וואָרט „דאַנקע" אויף אַלע זײַטן.

די דײַטשן דערזעען פּלוצים דעם איינפּוסיקן און בלײַבן שטיל.

— אַ דאַנק אײַך — זאָגט לובענצאָוו און דריקט דעם איינפּוסיקן די האַנט. און צום דריטן מאָל באַזערט ער איבער: — אַלץ וועט זײַן אין אָרדענונג.

X

נאָך דעם וואָס עס איז געשען, בלײַבט בײַ לובענצאָוון ניט צו פֿאָרן נעכטיקן אין דער ענגלישער קאָמענדאַטור. וואָלט אים דער איינפּוסיקער גערופֿן מיט זיך, וואָלט ער, זיכערער ווי אַלץ, געפֿאָרן צו די רוסן אין לאַגער. עס ציט אים אַהין, עס ווילט זיך אים ריידן מיט זיי, מונטערן, צעזייען די מוירע, וואָס ליגט זיי אַוואַדע אויפֿן האַרצן אינאיינעם מיט דער גרויסער פֿרייד. נאָר דעם איינפּוסיקן האָט אַפֿילע אויפֿן געדאַנק נישט געקענט קומען, אַז דער סאָוועטישער קאָמענדאַנט האָט ניט ווו איבערצונעכטיקן, און ער איז אַוועק אין דער פֿינצטערניש נאָכן רעספּעקטפֿולן געזעגענען זיך. דאָס אָפּטע קלאַפּן מיט דעם קלעצל האָט זיך גיך פֿאַרלוירן אין דער ווײַט.

— מירן צופֿאָרן צום וואָקזאַל — באַשליסט לובענצאָוו.

— איך וואָלט ניט געשאַדט אַ שלאָף צו טאָן — ענטפֿערט אים אויף איוואַן, און פֿירט פֿון דעסטוועגן אַרויס דעם אויטאָמאָביל. ווידער פֿאָרן זיי איבער פֿינצטערע גאַסן. איוואַן טראַכט און רעדט ווי פֿאַר זיך: — יאָ, אינטערעסאַנט באַקומט זיך אַלץ אַרום. ניט צום פֿאַרשטיין. גוטבאַזיצער, קאַפּיטאַליסטן. און די קאָמענדאַנטן — קאָמוניסטן. איז וואָס וועט דערפֿון אַרויסקומען? און די דײַטשן, וואָס טראַכטן זיך? ווען ווען וועלן זיי נאָכגיין?

לובענצאָוו צעלאַכט זיך.

— פֿראַגן שטעלסטו ריכטיקע — זאָגט ער. — איבער אָט די פֿראַגן ברעכן זיך איצט דעם קאָפּ אַלע רעגירונגען, די מיניסטאָרן. מען וואָלט דיך געדאַרפֿט מאַכן פֿאַר מיניסטער, איוואַן.

— זאָל מיך גאָט אויסהיטן — ענטפֿערט איוואַן.

איבער דער פּלאַטפֿאָרם אויפֿן וואָקזאַל גייט אום אַ סאָוועטישער פּאַטרול פֿון צוויי זעלנער. לובענצאָוו שמועסט אַ ווײַלע מיט זיי און זעצט זיך ווידער אַרײַן אינעם אויטאָמאָביל.

— מירן צופֿאָרן צו דער אונטערערדישער פֿאַבריק — זאָגט ער.

זיי פֿאָרן שוין אַרויס דער שטאָט. דער אויטאָמאָביל גייט באַרג־אַרויף, דערנאָך לאָזט ער זיך אַראָפּ. דאָ איז ערגעץ פֿאַראַן אַן אויסבייג אויף לינקס. זיי פֿאָרן ווײַטער; די פֿירן טאַפּן אָן אין דער פֿינצטער דעם ניט מערקלעכן אויסבייג. זיי פֿאַרנעמען זיך לינקס און פֿאָרן אַ שטיקל איבער אַ גלײַכן אָרט. אויף ביידע זײַטן פֿעלד־וועג שטייט דער קאָרן הויך. דערנאָך באַווײַזן זיך פֿון רעכטס בערגלעך. אייגנטלעך זײַנען עס ניט קיין בערגלעך, נאָר זייער הויכע פֿעלדזן, באַוואַקסענע מיט סאָסנע־ביימער. די שײַן פֿון די פֿאָרן באַלײַכט די גראַניט־בלאָקן, וווּ עס האָבן, דורך אַ נעס, געקענט אויסוואַקסן אַזעלכע הויכע ביימער.

זיי פֿאָרן פּאַמעלעכער, אַ הילכיקער קאָל רופֿט זיי אויף רוסיש:

— שטיי! ווער גייט?

„דאָ שטייען שוין אויך וואַכפּאָסטנס" — טראַכט זיך לובענצאָוו אַ צופֿרידענער. ער גייט אַרויס פֿונעם אויטאָמאָביל און זאָגט:

— איך בין פּאָדפּאָלקאָווניק לובענצאָוו, סאָוועטישער קאָמענדאַנט.

— פּאַראָל. — ענטפֿערט אָפּ פֿון דער פֿינצטערניש דער וואַך־זעלנער.

— איך ווייס נאָך ניט — איז לובענצאָוו זיך מוידע.

— אויב אַזוי, פּאַרקירעווע — זאָגט אומצופֿרידן דער זעלנער.

— מ׳עט מוזן — שמייכלט לובענצאָוו.

ער זעט זיך ווידער אַרײַן אינעם אויטאָמאָביל. איוואַן פּאַרקירעוועט צו דער הויפּט־גאַס. באַם קרײַצוועג הייסט לובענצאָוו פֿאָרן ניט רעכטס, אין שטאָט אַרײַן, נאָר לינקס.

— דאָ ערגעץ אין וואַלד וועלן מיר איבערנעכטיקן.

זיי פֿאָרן אָפּ עטלעכע קילאָמעטער, פֿירט איוואַן אַראָפּ דעם אויטאָמאָביל פֿונעם וועג און שטעלט אים אַוועק צווישן ביימער און קוסטעס.

איוואַן זיצט אַ ווײַל און רירט זיך ניט, ער רוט, קענטיק, אָפּ. דערנאָך פֿרעגט ער:

— איר וועט עפּעס עסן?

— דערלאַנג וואָס ניט איז. דער ענגלענדער האָט געגעבן אָפּצועסן, נאָר דאָרט האָט זיך מיר נישט געגלוסט. דער ביסן איז אין האַלדז ניט געקראָכן. שטייסט אויף פֿרי?

— איך שטיי אויף ווען מען דאַרף.

— מיר מוזן זיך אויפֿכאַפּן ווען עס איז נאָך פֿינצטער און אַרײַנפֿאָרן אין שטאָט. וואָרעם אַזוי איז ניט באַקוועם: די דײַטשן וועלן זען זייער קאָמענדאַנט נעכטיקט אין וואַלד, ווי אַ וואַגאַבונד, וועלן זיי דעם דערעכערעץ פֿאַרלירן.

— אַ צאָרע — עס טאָגט שוין.

— אַ פּאָר שאָ וועלן מיר אָפּשלאָפֿן. עס איז נאָך קיין פֿיר ניט.

אָט אַזוי קלײַבט זיך לובענצאָוו נעכטיקן דעם ערשטן מאָל אין דער שטאָט, וווּ ער איז קאָמענדאַנט. נאָר אים שלאָפֿט זיך ניט. שלאָפֿן אָפּן הינטערשטן זיץ פֿונעם אויטאָמאָביל איז ניט באַקוועם, און דער איקער, אים לאָזן ניט רוען די בילדער פֿונעם פֿאַרגאַנגענעם מעסלעס, די שטימען וואָס ער האָט זיך אין דעם טאָג אָנגעהערט, הויכע און שטילע, אַ שטראָם מיט ווערטער, רוסישע און דײַטשע, און די געדאַנקען, דאָס איבערדענקען וועגן דעם אַלעמען וואָס ער האָט געזען און געהערט. עס גייט אים פֿון קאָפּ ניט אַרויס דער איינפּוסיקער, דער געוועזענער לייטענאַנט, וואָס מען האָט אים גענומען געפֿאַנגען אונטער וויאַזמע. לובענצאָוו געדענקט זייער גוט וויאַזמע. ער איז דאָרט געווען בעיס דער אַרומרינגלונג אין 1941. ער איז דאָרט אויך געווען לייטענאַנט און האָט אויך געקענט אַרײַנפֿאַלן אין געפֿאַנגענשאַפֿט, ווי דער איינפּוסיקער. ער וואָלט אויך ניט באַוויזן זיך אַ קויל אַרײַנצושיסן. וואָס וואָלט ער געטאָן? וואָלט ער אויך לעבן־געבליבן, אין לאַגער געווען, מיטן קלעצל געקלאַפּט, אַף דײַטשער ערד, אַלס ניט שאָלעם־געמאַכטער, נאָר אַזױ־סערלעך אַן אונטערגעגעבענער קנעכט? אים איז פֿאַרשטענדלעך דער צאַר און דער צאָרן אין די אויגן פֿון דעם איינפּוסיקן. ער איז אַ שטאַרקער מענטש, מיט אַ ווילן, דער פֿירער אינעם לאַגער. ווען ניט דער אומגליק, וואָס האָט אים געטראָפֿן באַ וויאַזמע, וואָלט ער בעפֿייערעש געקענט קומען אַדער, קיין לויטערבורג, אַלס סאָוועטישער קאָמענדאַנט. און ער, לובענצאָוו? ווען אים

וואָלט טרעפֿן אַזאַ אומגליק, ווי דעם לייטענאַנט, מיט פֿיר יאָר צוריק, וואָלט ער זיך עפּשער געפֿונען אין דעם לאַגער, ווי דער לייטענאַנט.

ניין, ווי ווײַט לובענצאָוו קען זיך, וואָלט ער מיט אַזאַ לעבן נישט געקענט שאָלעם מאַכן. מען וואָלט אים שוין לאַנג געלאָזט פֿוילן אין טורמע, מען וואָלט אים דערהאַרגעט, פֿאַרפּײַניקט, ער וואָלט געפּרוּווט אַנטלויפֿן. נאָר אַף איין פּוס קען מען דאָך ווײַט ניט אַנטלויפֿן. אַזוי אָדער אַנדערש, פֿילט איצט לובענצאָוו אַ טיפֿן ראַכמאָנעס און אַ צערטלעכקייט צום איינפֿוסיקן לייטענאַנט.

— אַ קאָמפּליצירטע זאַך דאָס לעבן. — זאָגט ער אין דער שטיל, ווײַל ער מיינט, אַז איוואַן שלאָפֿט.

נאָר איוואַן שלאָפֿט ניט. ער זיפֿצט אָפּ און זאָגט:

— דאָס איז ריכטיק.

ביידע בלײַבן זיי שווײַגן און ריידן מער אַ וואָרט ניט. לובענצאָוו ליגט און שלאָפֿט ניט. ווען ער הערט דערנאָך איוואַנס ריטמישן אָטעמען, גייט ער שטיל אַרויס פֿונעם אויטאָמאָביל און שפּאַצירט זיך דורך אין וואַלד. די ערד דאָ איז אומעטום פֿאַרוואַלגערט מיט שטיינער, טייל זייער גרויסע. די גלאַטע שטיינער וואַלגערן זיך דאָ און דאָרט. לובענצאָוו דערהערט ניט ווײַט אַ וואַסער־גערויש און לאָזט זיך אַראָפּגיין. צופֿוסנס דעם באַרג־אַראָפּ שטראָמט אַ שנעלער באַרג־טײַך. ער שוימט און פֿינקלט אינעם אויפֿקומענדיקן טאָגליכט.

לובענצאָוו גיט אַ קוק רעכטס און דערזעט הינטער די ביימער דעם וועג וואָס האָט זיי אַהער געפֿירט. דער וועג דאָ מאַכט אַ שלייף און, ווי עס ווײַזט זיך אַרויס, געפֿינט זיך דאָ, קימאַט אונטער לובענצאָוס פֿיס, מער ניט פֿערצן מעטער נידעריקער, אַ טשערעפּענער דאַך פֿון עפּעס אַ הויז. לובענצאָוו לאָזט זיך גיין מיט דעם שטעגל אַראָפּ און אין עטלעכע מינוט אַרום דערזעט ער זיך אין אַ גאָרטן, וואָס רינגלט אַרום דאָס איינזאַמע צוויי־שטאָקיקע הויז. פֿון דאָרטן אויס קלײַבט ער זיך פֿונאַנדער אין דער אויפֿשריפֿט אַפֿן שילד, וואָס הענגט איבער די פֿענצטער פֿונעם ערשטן שטאָק: „גאַסטהאָף צום ווײַסען הירש".

די לאָדנס פֿונעם גאַסטהויז זײַנען פֿאַרמאַכט, נאָר דורך די שפּאַלטן רײַסט זיך דורך אַ שײַן. צו לובענצאָווס אויער דערטראָגט זיך אַ געקלימפּער פֿון געשיר, שטימען. לובענצאָוו האַלט אײַן דעם אָטעם. ער דערפֿילט זיך פּלוצעם אַלס אויסשפּירער. שטיל גייט ער אַפּ רעכטס, האַלט זיך אָפּ אַ געהעריקער ווײַטקייט פֿונעם האָטעל, און שוין דערזעט ער זײַן פֿראָנט און אַ היפֿל מיט אָנגעשטעלטע שטולן. באַם גאַניק שטייען דרײַ שפּאַציר־אויטאָמאָבילן. עס עפֿנט זיך די טיר פֿונעם האָטעל, אַפֿן גאַניק באַווײַזן זיך עטלעכע מענטשן. און דער ערשטער וואָס לובענצאָוו דערזעט אים, איז דער ענגלישער קאָמענדאַנט, מאַיאָר פּרעזער. לובענצאָוו בייגט זיך אַראָפּ און ציט זיך אויס הינטערן קוסט. די באַוועגונג זײַנע איז אַ ניט־ווילנדיקע. ער טראַכט זיך מיט שרעק וואָס וועט זײַן ווען די מענטשן זאָלן פֿאַר זיך דערזען דעם סאָוועטישן קאָמענדאַנט אין אַזאַ ניט־פּאַסיקער — פּאַשעט, ניט אָנשטענדיקער פּאָזע. נאָר אויך אויפֿשטיין קען ער שוין ניט.

לובענצאָוו זידלט זיך אַליין מיט די ערגסטע ווערטער און פֿאַרשטעלט זיך מיט אַ שמעקעדיקן צווײַגל וואַכהאָלדער, ניט ווילנדיק בלײַבט ער ווײַטער זיך צוצוקן. אַ כוץ דעם מאַיאָר פּרעזער זײַנען דאָרט פֿאַראַן נאָך צוויי ענגלענדער — דער בלויער מיט דעם ברוינעם — און אויך עטלעכע דײַטשן און

דײַטשקעס. דער אָקספֿאָרדער סטודענט איז שוין היפּש באַזויפֿן און שאָקלט זיך אַפּילע. „אויך ניט גאָר שיין פֿאַר אַ קאָמענדאַנט" — טראַכט זיך לובענצאָוו, נאָר דערבײַ מוז ער מודה זײַן, אַז בעסער איז אַ שיקערער קאָמענדאַנט איידער אַזאַ וואָס ליגט צווישן קוסטעס.

ער האָט די מעגלעכקייט צו באַטראַכטן די גאַנצע געזעלשאַפֿט. פֿאַראַן דאָ דער דאַלמעטשער קראַנץ — אַ קליינינקער מיט אַ פֿאַרמעטענעם פּאָנעם, זייער אַלט, נאָר מיט זייער לעבעדיקע אויגן און מיט אַ לײַכטן גאַנג, ענלעך אַף אַן אַלטן יינגל. אַ צווייטער דײַטש, אין אַ שוואַרצן הוט, מיט גרויסן ברילן, וואָס פֿאַרשטעלן אַ גוטע העלפֿט פֿון זײַן שטרענגן און כוצפּעדיקן פּאָנעם, רעדט די גאַנצע צײַט מיט דעם בלויען ענגלענדער. זיי ריידן, קענטיק, אין ענגליש, און קומען אויס אָן איבערזעצער. פּרעזער אַליין שמייכלט, כיכיקעט פֿון צײַט צו צײַט, און האַלט אין זײַנע הענט די האַנט פֿון אַ הויכער שיינער בלאָנדינקע, מיט אַ הויך־אויפֿגעשלאָגענער פֿריזור. פֿאַראַן נאָך דרײַ דײַטשקעס — אַלע דרײַ יונגע, מיט גאַנץ שיינע פּענעמלעך. איינע איז גאָר אַ יונגע, עפּשער פֿון אַ יאָר זיבעצן. זי איז זייער שיקער.

זיי פֿירן אַ לעבעדיקן שמועס און לאָזן זיך פּאַמעלעך גיין צו די קוסטעס, וווּ לובענצאָוו ליגט. נישט געקוקט דערויף וואָס דער פֿרימאָרגן איז אַ קילער, באַשלאָגט אים אַ שוויים. צום גליק, פֿאַרנעמען זיי זיך מיט דעם שטעגל צום באַרג־אַראָפּ. דאָרט שטייען זיי אַ ווײַלע, קוקן אַפֿן זון־אויפֿגאַנג, אַפֿן באַרג־טײַך. די הויכע בלאָנדינקע מיט דער הויך אויפֿגעשלאָגענער פֿריזור שרײַט עפּעס אויס און דער ברוינער ענגלענדער מיט קראַנצן לויפֿן צום האָטעל און קומען באַלד צוריק מיט אַ דיקן מאַן אין בלויזן זשילעט, וואָס טראָגט אַ טאַץ מיט פֿולע באָקאַלן. די הויכע בלאָנדינקע נעמט אַ באָקאַל, טרינקט אים אויס, הייבט אים אויף איבערן קאָפּ און וואַרפֿט אים אַראָפּ אינעם אָפּגרונט. די איבעריקע טוען איר אַלע נאָך. זיי קוקן אַראָפּ, מיסטאָמע צו זען ווו די באָקאַלן זײַנען געפֿאַלן. די בלאָנדינקע גיט דערנאָך אַ כליפּע, נאָר טייקעף פֿוידערט זי זיך צו דאָס פּאָנעם און אַלע לאָזן זיך גיין שמועסנדיק צוריק צום האָטעל.

לובענצאָוו שטייט אויף, ברעכט זיך אַדורך צום שטעגל וואָס פֿירט אַרויף און אין פֿינף מינוט אַרום איז ער שוין לעבן זײַן אויטאָמאָביל. ער דערזעט איוואַנען, זעצט זיך אַוועק לעבן אים און הייסט אים פֿאָרן. דעם סאָוועטישן קאָמענדאַנטס אויטאָמאָביל איז שוין צוריק אין שטאָט און לאָזט זיך פּאַמעלעך צופֿאָרן צום גאַניק פֿון דער ענגלישער קאָמענדאַטור. אַף די טרעפּ זיצט וואָראָנין. ער רויכערט, קוקט זיך אַרום מאַיִסע באַלעבאָס. זײַן דין־פּוקסיש פּענעמל דריקט אויס צופֿרידנקייט און זעלבסטזיכערקייט.

— אַלץ איז אין אָרדענונג — זאָגט ער. — די וואַכפּאָסטנס זײַנען צעשטעלט. איך האָב זיי אַליין פֿונאַנדערגעפֿירט. דער פּאַראָל איז: לענינגראַד־לייפּציג. ווו וועלן מיר זיך אײַנאָרדענען? דאָ?

לובענצאָוו טראַכט אַ ווײַלע און ענטפֿערט אים:

— ניין, איך וויל ניט האָבן זייער ירושע. און ביכלאַל פּאַסט נישט דער סאָוועטישער קאָמענדאַטור אײַנצושטיין אינעם „ברוינעם הויז", אַפּילע ניט אין געוועזענעם.

דערמיט זײַנען מסכּים אויך וואָראָנין און איוואַן.

— אַפֿן פּלאַץ, ווו די קאַטעדראַלע שטייט, איז פֿאַראַן אַ פּאַסיק הויז — רופֿט זיך אָן וואָראָנין. — אַ ליידיקס, פֿון קיינעם נישט פֿאַרנומען. און דאָס

אָרט איז אַ גוטס. פֿאַראַן דאָרט מעבל אױפֿן ערשטן פּאָל. נאָר די שויבן זײַנען אויסגעבראָכן. שויבן אַרײַנשטעלן איז ניט אַזאַ שווערע זאַך.

— האָסט אויסגעשפּירט? — שמייכלט לובענצאָוו.

זיי פֿאָרן קאָנטראָלירן די וואַכפּאָסטנס, גייען אַרײַן אין אַלע פֿאַבריקן און שפּײַכלערס. אומעטום קומען צו זיי אַרויס רוסישע זעלנער, היפּש פֿאַר־בענקטע, עטוואָס שלעפֿעריקע, נאָר מונטערע, און פֿרעגן זייער אייביקן „ווער גייט?".

„ווי גוט דאָס איז" — טראַכט זיך לובענצאָוו און קוקט אויף זיי אַ טיף געריטטער. אים רירט זייער וואָכעדיקער, ניט־פּאַראַדנער אויסזען, דאָס פֿעלן פֿון יעדן מין פּאָזע בײַ זיי. יעדער איינער פֿון זיי, ווי שטאָלץ ער זאָל זײַן מיט זײַן פֿאָטערלאַנד און ניצחון, איז ווייניקער ווי אַלע גענייגט איבערצו־טרײַבן זײַן באַדײַטונג אינעם דערגרייכן דעם ניצחון און באַציִען זיך מיט וווּנדער־לעכער פֿאַרניפּטיקייט און אַפֿילע מיט אַ געוויסער איראָניע צו הויך־קלינגענדיקע ווערטער, צו בלומען־שפּראַכיקייט, צו פּראָפּאַגאַנדיסטישער איבערטרײַבונג. בעטעווע איז זיי פֿרעמד גײַווע. לובענצאָוו איז גרייט מיט יעדן איינעם פֿון זיי זיך צו קושן.

דערנאָך גייען זיי צום פּלאַץ, צו דער קאַטעדראַלע. דאָס הויז וואָס וואָ־ראָנין האָט אויסגעקליבן איז בעעמעם אַ פּאַסיקס. ס'איז אַ גרינטלעך געבויט דרײַשטאָקיק הויז פֿון גרויען גראַניט, באַפּוצט מיט טורעמלעך אויף די עקן. פֿון ביידע זײַטן ברייטן אַרײַנפֿאָר האַלטן אונטער דעם געוועלב קאַריאַטידן אין דער געשטאַלט פֿון צוויי שטיינערנע פֿרויען. לובענצאָוו ווײַזט אָן אויף זיי און זאָגט:

— עפּשער איז עס ניט באַקוועם פֿאַר דער קאָמענדאַטור?

— ס'איז גאָרניט — שמייכלט וואָראָנין. — ס'איז קינסטלערישע שאַפֿונג.

— דאָס שאַדט נישט — שטימט מיט אים איוואַן.

צום פֿוס פֿון איינער פֿון די פֿרויען איז צוגעקלעפּט אַ פּאַפּירל, וואָס ווײַזט זיך אַרויס אַ פֿאַראָרדענונג פֿון דער ענגלישער קאָמענדאַטור אין דער דײַטשער שפּראַך. לובענצאָוו לייענט איבער דאָס בלעטל. די בריטישע קאָמענ־דאַטור באַפֿעלט די דײַטשן, אין שאַיכעס מיטן אַרײַנקומען פֿונעם סאָוועטישן מיליטער, אָפּצושטעלן יעדן פֿאַרקער נײַנצן אַזייגער אונטער דער דראָונג פֿון צעשיסן.

לובענצאָוו רײַסט אַראָפּ דאָס פּאַפּירל, פֿאַרקנייטשט עס אין דער האַנט און וויל עס אַוועקוואַרפֿן, נאָר באַלד באַטראַכט ער זיך און לייגט עס אַרײַן צו זיך אין קעשענע.

זיי הייבן זיך אַרויף איבער ברייטע טרעפּ. כאָטש באַשאָטן מיט גלאָז און שטיינדלעך, זענען זיי אויס זייער פֿאָרנעם. לובענצאָוו גייט דורך אַ ריי צי־מערן און רופֿט זיך אָן:

— דאָס הויז איז גוט. עס וועט טויגן.

— עס טויג אויף אַרום און אַרומיקן שוץ — זאָגט וואָראָנין.

— עס האָט אַ גאַראַזש פֿאַר פֿיר אויטאָמאָבילן — זאָגט איוואַן, וואָס האָט שוין באַוויזן צו באַקוקן דעם הויף.

— מען דאַרף זיך דערוויסן וועמענס דאָס איז.

— פֿון אַן אַנשטאַלט.

— עס ווענדט זיך פֿון וועלכן.

— אַלן פֿאַלס ניט פֿון קיין קינדערגאָרטן.

— מעגלעך אַ באַנק, וועדליג די אָן אַ שיר אײַזערנע קאַסעס.
— ליידיקע, פֿאַרשטייט זיך.
— יאָ, קענטיק, אַ באַנק.
זיי באַשליסן דאַרט זיך צו באַזעצן.
וואָראָנין זאָגט:
— מען דאַרף צו וויסן געבן אין שטאַט ווו אונדזער קאָמענדאַטור וועט זײַן.
— מען וועט זיך שוין אַליין דערוויסן — זאָגט לובענצאָוו — מאָרגן העגגען מיר אַרויס אַ פֿאָן.
— ניט שוין־זשע אַ פֿאָן?
געגנוי ווייס איך נישט, נאָר דאַכט זיך אַז יאָ.
זיי פּרוּוון זיך אײַנוואַשן, נאָר פֿון קיין איינעם פֿון דעם צענדלינג קראַנען וואָס זײַנען פֿאַראַן בײַ די וואַשבעקנס און וואַנעס אין דעם הויז, גייט ניט קיין וואַסער. די באַלײַכטונג איז אויך אָפּגעשניטן. וואָראָנין נעמט פֿונעם אווי־טאָמאָביל זײַן זעלנעריש קעסעלע און לויפֿט ברענגען וואַסער. זיי וואַשן זיך אײַן, עסן עפּעס אָפּ אַלע דרײַ אַף איינעם פֿון די גרינע ביוראָ־טישן. און לו־בענצאָוו ראַזירט זיך אָרום, פּוצט זיך אָפּ די שיך, מאַכט אַפּילע אַ גלאַנץ אַף די קנעפּ, און לאָזט זיך ווידער גיין צו דער ענגלישער קאָמענדאַטור.
דאָ פֿילט מען אַפּילע ניט, אַז די ענגלענדער קלײַבן זיך אין וועג אַרײַן. אומעטום איז שטיל און שלעפּעריק. דער מאַיאָר פּרעזער, פֿאַרשטייט זיך, שלאָפֿט. לובענצאָוו צווינגט די ענגלענדער אים אויפֿצוּוועקן. ער קומט אַרויס אין אַ כאַלאַט אַף די אַקסלען און ווען ער דערזעט לובענצאָוון, נעמט ער שרײַען:
— מיסטער קרענס!
דאָס רופֿט ער דעם דאָלמעטשער. קראַנץ קומט טייקעף צו לויפֿן און לו־בענצאָוו זאָגט אים:
— איך בין געקומען מיט דעם געזעגענונגס־וויזיט.
פּרעזער פֿאַרנייגט זיך און פֿרעגט צי וויל ניט לובענצאָוו זיך באַקענען מיט די טוער פֿון דער אָרטיקער דײַטשער זעלבסטפֿאַרוואַלטונג. לובענצאָוו ענטפֿערט אים, אַז ער וואָלט עס וועלן, נאָר ער דערוועגט זיך ניט צוליב דעם צו פֿאַרהאַלטן די ענגלישע אָפֿיצירן, און וועט זיך שוין אַליין באַקענען מיט דעם בירגערמייסטער.
— דער בירגערמייסטער איז דאָ, — זאָגט פּרעזער.
קראַנץ גייט אַרויס און קומט צוריק מיט אַ הויכן דײַטש אין גרויסע האָרענע ברילן. לובענצאָוו דערקענט אים טייקעף. ער האָט אים קאַיאָר געזען אינאיינעם מיט די ענגלענדער לעבן דעם גאַסטהויז אין די בערג.
— בירגערמײַסטער זעלענבאַך — שטעלט ער זיך פֿאָר מיט אַ שטיינער־נעם פּאָנעם.
לובענצאָוו שענקט אים ניט קיין אויפֿמערקזאַמקייט. ער נעמט אַרויס פֿון דער קעשענע דעם באַפֿעל פֿון דער ענגלישער קאָמענדאַטור, וואָס ער האָט אַראָפּגעריסן בײַ דער שטיינערנער פֿרוי פֿון די פֿיס, און ער פֿרעגט אַן אויפֿ־געוועגטער מיט וואָס קען מען דערקלערן אָט דעם מאָדנעם באַפֿעל, וואָס איז אַבסאָלוט ניט אין העסקעם מיט דערווירקלעכקייט; צי ווייסט דען ניט דער ענגלענדער, אַז אין דער סאָוועטישער אָקופּאַציע־זאָנע איז די קאָמענדאַנטישע שאָ ניט זיבן, נאָר עלף אַזייגער?
מאַיאָר פּרעזער צענעמט די הענט.

— מיסאַנדערסטענדינג? — רעדט אומגעריכט אַרויס לובענצאָוו דאָס ענגלישע וואָרט, וואָס איז אים פֿאַרבליבן אין זיקאָרן.

פּרעזער איז פֿאַרוווּנדערט און מורמלט עפּעס. ער איז זיכער, אַז דער סאָוועטישער קאָמענדאַנט קען ענגליש און מאַכט זיך אַז ער פֿאַרשטייט ניט.

אין קאָפּ בײַ אים לויפֿט דורך אַלץ וואָס מען האָט נעכטן גערעדט אין ענגליש ווען דער קאָמענדאַנט איז בײַגעווען. ער פֿאַררויטלט זיך, גערדיכט און איז בייז אױפֿן בלאָנדן יונגן אינטריגאַנט און סימולאַנט, וואָס האָט אויסגעזען אַזאַ טאַם. „געפּערלעכע, פֿאַלשע און ניט־פֿאַרגינערישע מענטשן, פֿאַרסאַמטע מיט זייער אידעאָלאָגיע און סאָנים פֿון דער מענטשהייט" — טראַכט ער וועגן די רוסן. און וואָס מער ער איז מוידע, אַז ער אַליין האָט געגעבן אַ גרונד דעם רוס אים ניט צו געטרויען און כווישעד צו זײַן, אַלץ אומצופֿרידענער איז ער מיט זיך און מיט די באַפֿעלן פֿון זײַן קאָמאַנדירונג, אַלץ בייזער איז ער אױף לובענצאָוון און אױף אַלע רוסן, אַלץ אײַנגעשפּאַרטער איז ער זיי כווישעד אין די ערגסטע קאַוואָנעס.

גרויס מי קאָסט אים פֿאַרבעטן לובענצאָוון צו זיך אין קאַבינעט, ווו עס שטייט אַ פֿלעשל וואָדקע אױפֿן טיש, מיט דינע בוטערבראָדן.

— איך בעט אַנטשולדיקונג פֿאַר דעם באַשיידענעם קיבעד — מרוקעט פּרעזער.

לובענצאָוו קוקט אױף קראַנצן, וואָס שפּעטיקט זיך מיטן איבערזעצן, ווײַל אויך ער רעכנט, אַז לובענצאָוו קען ענגליש. ווען קראַנץ זעצט איבער דעם ענגלענדערס ווערטער, האַלט זיך לובענצאָוו ניט אײַן און רופֿט זיך אָן:

— אינעם „ווײַסן הירש" — זאָגט מען, גיט מען גוט עסן.

פּרעזער נעמט פֿינטלען מיט די אויגן און שמייכלט קרעמפּיק:

— ענגלאַנד איז אָרעם.

— אָרעם? — כמורעט זיך לעבענצאָוו און כאַפּט זיך, אַז פּרעזער פֿאַרענטפֿערט זיך דערמיט ניט אַזוי פֿאַר דעם באַשיידענעם קיבער, ווי פֿאַר די הוילע ווענט פֿון דער קאָמענדאַטור און פֿאַר דער נעכטיקער געשעעניש אױפֿן וואָקזאַל. — און מיר, וואָס, זײַנען רײַך? איר האָט איין קאָנוועגטרי, און מיר האָבן טויזנט. זאָל זײַן — גיט ער אַ מאַך מיט דער האַנט. — אַ גליקלעכע רײַזע.

פּרעזער לאָזט זיך שנעל גיין צו דער טיר און מיט אים דער בירגערמײַסטער, דער דאָלמעטשער און לובענצאָוו. בײַ דער קאָמענדאַטור שטייען דרײַ אויטאָמאָבילן — דער ענגלישער, דער סאָוועטישער און אַ קליינער „אָפּעל", קענטיק דעם בירגערמײַסטערס. פּרעזער קוקט זיך צו קיינעם ניט אום, זעצט זיך אַרײַן אין זײַן אויטאָמאָביל און פֿאָרט אַוועק.

וואָראָנין, וואָס שטייט דערבײַ אױפֿן גאַניק, גיט אַ בורטשע:

— האָב דיר אַ גוטן שליטוועג.

XI

— פֿאַרוואָס איז נישטאָ קיין באַלײַכטונג און קיין וואַסער? — דרייט זיך לובענצאָוו שאַרף אום צו זעלענבאַכן, וואָס שטייט דאָרט אַ שטײַפֿער, אַ געשטרעקטער, מיט דעם הוט אין דער האַנט.

זעלענבאַך נעמט אים דערקלערן אין וואָס אייגנטלעך עס גייט דאָ. לובענצאָוו הערט אויס זײַנע דערקלערונגען, און פֿאַרשטייט אים גאַנץ גוט, דערנאָך הערט ער געדולדיק אויס די איבערזעצונג פֿונעם אַלטן קראַנץ. דער אונ־

טערצי פון זײַנע דערקלערונגען איז, אַז עלעקטריע פלעגט מען באַקומען פון אַ שטאָט, וואָס געפינט זיך איצט אין דער ענגלישער זאָנע, און צוליב דעם וואָס די ענגלענדער זײַנען אַוועק, איז אויך אָפּגעשטעלט די ליווערונג פון עלעקטרישער ענערגיע. אַף לובענצאָווס פראַגע צי איז דאָ אין שטאָט פאַראַן אַן עלעקטרישע סטאַנציע, ענטפערט זעלענבאַך, אַז אַ סטאַנציע איז פאַראַן, נאָר זי איז שטאַרק צעשעדיקט, דערצו נאָך איז קיין הייצונג נישטאָ: נישטאָ ווו צו נעמען קיין קוילן.

— און פריִער ווי איז געווען? — פרעגט לובענצאָוו. — האָט די שטאָט באַקומען באַלײַכטונג פון דער אָרטיקער סטאַנציע אָדער ווי?

— בלויז טיילווײַז. די סטאַנציע איז אַ קנאַפּ־קראַפטיקע, אַכט טויזנט קילאָוואַט.

— און שוין לאַנג אַז עס איז נישטאָ קיין הייצונג?

זעלענבאַך שווײַגט אַ מינוט. די מאַיסע איז, וואָס הייצונג פעלט ערשט זײַט איניקע טעג — פון זינט עס איז קלאָר געוואָרן, אַז די ענגלענדער גייען פון דאַנען אַוועק. זעלענבאַך באַטראַכט לובענצאָוון. דער סאָוועטישער קאָמענדאַנט — אַ שטאַלטנער, אַ ברייטפּלייציקער, אַ בלוי־אויגיקער, זייער אַ פּאָשעטער, מיט גוטמוטיקע ליפּן — זעט אויס אין זײַנע אויגן אַ טאַם, אַ ווילער ניט איבערגעשפּיצטער באָכער, וואָס האָט אַוואַדע גרויס דערפאָלג בײַ פרויען.

— שוין לאַנג — ענטפערט זעלענבאַך און וואַרפט אַ שנעלן בליק אַף קראַנצן.

— שוין לאַנג — זעצט איבער קראַנץ.

— ווען מיר, הייסט עס, לעבן אָן באַלײַכטונג? — צעלאַכט זיך לובענצאָוו. דערנאָך פרעגט ער: — און אין אונדזער ראַיאָן גראָבט מען קוילן? יאָ? וווּ? ווי ווײַט איז צו די קוילן־מינען? אינגאַנצן דרײַסיק קילאָמעטער?

— לובענצאָוו צעלאַכט זיך ביז גאָר נאַיִוו. — איך האָב זיך אַלע מײַנע יאָרן אָנגעהערט מיט לעגענדעס וועגן דעם אָרגאַניזאַטאָרישן געני פון די דײַטשן. און איר, הער זעלענבאַך, קענט ניט אָרגאַניזירן אַזאַ קלייניקייט? ס'איז ניט שיין פון אײַך, הער זעלענבאַך, איר וואַרפט עס פּאָשעט פון די הענט אַרויס. — ער וואַרט אָפּ ביז קראַנץ וועט איבערזעצן די גאַנצע טיראַדע, און פאַר זיך מערקט ער, אַז קראַנץ זעצט איבער זייער געניי. — לאָמיר צו־פאָרן אַ קוק טאָן אַף דער עלעקטרישער סטאַנציע. דאַוואַי, דאַוואַי.

— — — פאַהרען וויר דאָס קראַפטווערק בעזיכטיקן, הער זעלענבאַך, — זעצט איבער קראַנץ, דערנאָך פאַרטראַכט ער זיך ווי איבערצוזעצן די ווערטער „דאַוואַי, דאַוואַי", וואָס לאָזן זיך ניט איבערזעצן און האָבן אָן אַ שיר שאַטירונגען. — שנעללער, שנעללער — זאָגט ער אַ ניט זיכערער. דער־נאָך פאַרריכט ער זיך: אַבער גאַר שנעלל. — און גיט צו: — אַן דיע אַרבעט!

זיי זעצן זיך אויף אינעם בירגערמייסטערס אויטאָמאָביל און פאָרן דורך דעם באַן־באַריער, צו די בערג.

די קליינע עלעקטרישע סטאַנציע פון געלע ציגל, ווײַזט זיך אַרויס, איז היפּש צעשעדיקט, נאָר אינעווייניק, אַפּן קאַכליענעם פּאָל, שטייען צוויי מאָ־טאָרן, דורכגעאײַלטע און גוט אויסגעענדיקטע. אַלץ אַרום איז פּוסט, די ביימער רוישן, טײַכלעך ריזלען. נאָר בײַם אַרײַנגאַנג שטייט אַ סאָוועטישער וואַך־זעלנער, דאַכט זיך אַ שלעפּעריקער. ער שטייט און שווײַגט און קוקט, אַ שטײַפער, דערוויף וואָס דאָרטן קומט פאָר.

— אַ מעכאַניקער רופט אַהער — זאָגט לובענצאָוו.

זעלענבאַך שטוינט, ער הייבט די אַקסלען. ער קוקט זיך אַרום אַף אַלע זײַטן, ווי ער וואָלט זוכן דעם מעכאַניקער. דערנאָך צערעדט ער זיך מיט קראַנצן. ער לאָזט זיך גיין מיטן וועג אַראָפּ, ווו עס זעען זיך אָן די לעצטע שטאָטישע שטיבלעך, נאָר באַלד קומט ער צוריק און נעמט זיך וועגן עפּעס סוידען מיט קראַנצן.

דער זעלנער רופט זיך אָן:

— דער מעכאַניקער וווינט אין אָט יענעם הויז, דאָס צווייטע לינקס.

קראַנץ לויפט אַראָפּ איבערן שטעגל צו די הײַזער און אין צען מינוט אַרום קומט ער צוריק מיט אַן עלטערן פֿאַמעלעכדיקן מענטשן און שטעלט אים פֿאָר אַלס הער מײַער, מעכאַניקער". דער מעכאַניקער גריסט לובענצאָוון און אַלץ וואָס קראַנץ זעצט אים איבער, באַגלייט ער מיט רויִקע אויסרופֿ־ווערטער און אייניזילביקע באַמערקונגען, ווי: „נאַ, יאַ", „אַ יאַ", „געוויס", „זיכער", „יאַ יאַ".

ער נעמט אויפֿקלערן די לאַגע אַף דער עלעקטרישער סטאַנציע און זאָגט, אַז די אַרבעטער זײַנען זיך פֿונאַנדערגעגאַנגען און ער ווייס ניט גענוי ווו זיי זײַנען איצט, און מיט הייצונג האַלט עס שלעכט.

— פֿאַראַן דאָ אויך הייצונג, באַוווער פֿאָדפֿאָלקאָווניק, — מישט זיך ווידער אַרײַן דער זעלנער פֿון דער וואַך. — אָט דאָרט אינעם ראָוו.

לובענצאָוו גייט צו צו דער קאַזאַווע און אַלע נאָך אים. אַף דער פֿראַגע צי וועט אַף לאַנג קלעקן דאָס הייצונג, וואַרפֿט דער מעכאַניקער אַ בליק אַף דער קופּע קוילן און זאָגט, אַז עס וועט קלעקן אַף דרײַ טעג, אויב מען זאָל געבן עלעקטריע פֿון פֿינצטער ביז איינס באַנאַכט.

— דאַוואַי, — זאָגט לובענצאָוו. — ווען־זשע וועט זײַן די עלעקטריע הער מײַער?

— מאָרגן, — ענטפֿערט דער מעכאַניקער.

— און הײַנט קען מען ניט?

— מען קען.

— אויסגעצייכנט! — רופֿט אויס לובענצאָוו. — און מיר וועלן דיר צופֿירן קוילן. דאָ שטייט דער בירגערמײַסטער — ער וועט אַלץ טאָן. פֿאַר די פּאָר טעג וועט ער דיך פֿאַרשיטן מיט קוילן, אַז דו וועסט נישט וויסן ווו זיי אַהינצוטאָן. ריכטיק, הער זעלענבאַך?

— יאַוואָל, — כמורעט זיך דער בירגערמײַסטער.

זיי זעצן זיך אינעם אויטאָמאָביל. זעלענבאַך הייסט דעם שאָפֿער פֿאָרן צוריק. לובענצאָוו ווונדערט זיך און זאָגט:

— וווּהין פֿאָרסטו? און קוילן? וואָס וועט זײַן מיט קוילן? ניין, ליבינקער, אַזוי וועט עס נישט טויגן. פֿיר אונדז צו די קוילן־מינען.

דער אויטאָמאָביל דרייט זיך ווידער אויס, פֿאַרנעמט זיך אַרונטער דער שטאָט און לאָזט זיך אַראָפּ אין אַ טאָל. די דײַטשע דערפֿער וואָס מען פֿאָרט פֿאַרבײַ, האָבן שוין לאַנג ערנסט פֿאַראינטערעסירט לובענצאָוון. אים ווילט זיך אָפּשטעלן אין יעדן דאָרף, זיך דערוויסן וואָס טוען דאָרט די מענטשן.

ער פֿרעגט קראַנצן דאָ וועגן איין זאַך, דאָ וועגן אַ צווייטער. פֿאַראַן דאָ זייער אַ סאַך אינטערעסאַנטע און אומפֿאַרשטענדלעכע זאַכן. אַף די שפּיצן באַזונדער שטייענדיקע בערג — לובענצאָוו רופֿט זיי אין געדאַנק, אָפּן ווײַט־מיזרעכדיקן שטייגער, „סאָפּקעס" — זעט מען כורוועס, רעשטן פֿון די ריטער־שלעסער, וואָס האָבן באַוואַכט די הערצאָגשאַפֿט פֿון רויבער־אָנפֿאַלן און פֿון פֿויערים־אויפֿשטאַנדן.

הויך איבער די צײַטיק ווערנדיקע פעלדער גייט אַ לופֿט־וועג פֿון שטאַלענע שטריק, וואָס הענגען אַף אײַזערנע סטאַקאַטעס; אָבער אָט די שטריק זײַנען ניט לאַנג ערשט געלאָפֿן וואַגאָנעטקעס מיט קופּער און אײַזן־אַרץ פֿון די באַרג־מינען צום וואָקזאַל. איצט רירן זיך ניט די וואַגאָנעטקעס פֿון אָרט; די מינען אַרבעטן ניט. לובענצאָוו פֿאַרצייכנט עס בײַ זיך אינעם בלאָקנאָט.

דער אויטאָמאָביל לויפֿט שנעל, אין איין האַלבער שעה איז ער אײַנגעלאָפֿן פֿינף און דרײַסיק קילאָמעטער.

— ווו זײַנען די מינען? — פֿרעגט לובענצאָוו.

ווײַזט זיך אַרויס, אַז ניט זעלענבאַך און ניט קראַנץ זײַנען דאָ אַמאָל געווען. נאָר באַלד באַווײַזן זיך לינקס פֿונעם וועג טונקעלע לאַנגע באַראַקן. לובענצאָוו שטעלט אָפּ דעם אויטאָמאָביל און גייט צו. אין ערגעץ זעט מען ניט קיין נעפֿעש — ניט אינעם ביוראָ, ניט אינעם ווערקשטאַט. לובענצאָוו גייט ווײַטער. אַרום ליגן קופּעס קלעצער, ברעטער, שאַליעווקעס און דרענגלעך — געהילץ צום אונטערשפּאַרן. אַ וועג ציט זיך צווישן פֿעדער־גראָזן און קלעטער־גראָזן אָנגעהיצטע פֿון דער זון. דאָס דערמאָנט נאָך ניט אין קיין אינדוסטריעלער לאַנדשאַפֿט. נאָר אָט קומט צו לובענצאָוו צום ראַנד פֿון אַ וואַלדיק גרויסן און טיפֿן אָוואַל־פּאָרמיקן בעקן. ער איז אַרומגערינגלט מיט פֿעדעמער באַן־רעלצן, און אַף זיי רירן זיך ניט פֿון אָרט לאָקאָמאָטיוון און וואַגאָנען, וואָס זעען אויס פֿון אָט דער הויך ווי שוואַרצע מוראַשקעס. די נישט גלאַטע זײַטן פֿון אָט דער אומגעווײנלעכער לויט איר גרויס, אומענדלעכער האַקערײַ, ווײַזט די גאַנצע היגע ערד אין איר קווערשניט: אויבן אַ דינער שיכט גרויע ערד, באַוואַקסן מיט פֿעדערגראָזן און קלעטערגראָזן, נידעריקער — רויטע ליים, דערנאָך אַ דיקער שיכט ווײַסע זאַמד און צום לעצט — דער שוואַרצער קוילן־שיכט. דאָ און דאָרט פּאַראַליזירטע עקסקאַוואַטאָרס. אין דער מיט בעקן — אַ גרויסע אָזערע מיט אַ פּלומפּ צום אַרויסציען דאָס וואַסער.

לובענצאָוו קוקט זיך אום. לעבן אים שטייט דער אַלטער קראַנץ. זעלענבאַך איז געבליבן פֿון הינטן; ער שפּאַנט אַהער, הייבט הויך די פֿיס איבערן גראָז, נאָר פּאַמעלעך.

— דאָס זײַנען די מינען? — פֿרעגט לובענצאָוו.

— יאָ, מײַן האַר, — זאָגט קראַנץ און רעדט דײַטלעך אַרויס יעדעס וואָרט: ער איז נישט קיין טיפֿער בעקן, נאָר אַן אָפֿענער. אַזוי באַקומט מען אַרויס אין דער געגנט ברוינע קוילן.

זיי גייען צוריק צום אויטאָמאָביל און פֿאָרן ווײַטער, צום דערפֿל. דאָס דערפֿל צייכנט זיך מיט גאָרניט אויס פֿון יעדן אַנדערן דײַטשן דאָרף, סײַדן דערמיט וואָס דאָ שטייט אין דער לופֿטן, ווי אין דער מינע, אַ שוואַכער אָנגענעמער רייעך פֿון מאַזוט. זיי שטעלן זיך אָפּ אַפֿן קרײַצוועג. לובענצאָוו רופֿט זיך אָן:

— געפֿינט מיר דאָ עמעצן... דעם פֿאַרוואַלטער, צי וועמען.

זעלענבאַך פֿאַרנייגט זיך און שפּאַנט אַוועק לעגגויס דער גאַס.

— פֿאַרוואָס איז ער בײַ אײַך אַזאַ... ניט לעבעדיקער? — פֿרעגט לובענצאָוו בײַ קראַנצן. קראַנץ שמייכלט העפֿלעך און צענעמט די הענט. לובענצאָוו פֿרעגט ווײַטער: — פֿאַר וועלכע מאַסים־טויווים האָט איר אים אויסגעקליבן?

— די אַמעריקאַנישע מיליטערישע רעגירונג האָט אים באַשטימט — קלערט אויף קראַנץ.

— און וואָס איז זײַן באַשעפֿטיקונג?
— ער האָט אַ גרויס געשעפֿט, זייער אַ גרויס געשעפֿט.
— אַ קרעמער? — פֿרעגט איבער לובענצאָוו.

קראַנץ הערט ניט דעם שפּאָט אין זײַן טאָן און דערפֿרייט זיך נאָר מיט דעם רוסישן וואָרט וואָס ער האָט געהאַט פֿאַרגעסן.

— יאָ, יאָ! אָט דאָס איז עס! אַ קרעמער! יאָ.

זעלענבאַך קומט באַלד צוריק און גיט איבער, אַז דער פֿאַרוואַלטער איז איינאיינעם מיט די ענגלענדער אַריבער אַ מײַרעוו, אין דער שטאָט ברוינשווײַג.

— ווער זשע איז דאָ?
— קיינער איז נישטאָ.
— וואָס הייסט? און אַרבעטער זײַנען דאָ?
— אַרבעטער זײַנען דאָ.
— ווו זײַנען זיי?

זעלענבאַך צענעמט די הענט.

— זיי זײַנען... דאָ — זאָגט ער אומבאַשטימט — זיי וווינען...

לובענצאָוו גיט אומגעדולדיק אַ מאַך מיט דער האַנט און גייט ווײַטער מיט דער גאַס. אויפֿן ראָג דערזעט ער אַ בירשענק, מיט אַ גרויסן געלן שילד און אויף אים דאָס מינען־אַרבעטערישע וואָרט „גליוקאויף". ער גייט אַרײַן אינעם שענק. דאָ איז פֿול מיט מענטשן ווי אין אַ יאַנטעוו. גלעזערנע קרוגן העלער ביר שטייען אויף קײַלעכדיקע קאַרטאָנדלעך.

אַלע קוקן זיך אום אויפֿן אַרײַנגעקומענעם לובענצאָוון. עס ווערט שטיל.

— וואָס־זשע באַקומט זיך דערפֿון? — זאָגט ער. — מען דאַרף קוילן און איר טרינקט ביר!

זײַן שטים קלינגט אויף באַליידיקט און מיט שטוינען, און אָט דער טאָן אייגנטלעך פֿאַרוווּנדערט אויפֿן העכסטן גראַד די מינען־אַרבעטער. טייל שמייכלען צעטומלט.

— דער פֿאַרוואַלטער איז אַנטלאָפֿן! — זאָגט ער און זעצט זיך אַוועק אַ מידער אויף אַ שטול. — אויך אַ סיבע! און בײַ אונדז אינעם ראַטנפֿאַרבאַנד זײַנען די פֿאַרוואַלטערס אַנטלאָפֿן שוין באַלד דרײַסיק יאָר און מען גראָבט קוילן...

קראַנץ שמייכלט מיט זײַנע דינע ליפּן און זעצט איבער די ווערטער. די אַרבעטער לאַכן.

— ווער איז דאָ בײַ אײַך? אַ פּראָפֿעסיאָנעלן פֿאַראיין האָט איר? — פֿרעגט ווײַטער לובענצאָוו. — קאָמוניסטן, סאָציאַל־דעמאָקראַטן זײַנען פֿאַראַן? אָדער איז בײַ אײַך גאָרנישט נישטאָ? נו, אָט איר! ווער זײַט איר? — ער טיטשעט מיטן פֿינגער צו איינעם אַ יונגן דאַרן יאַט. יענער ווערט צעטומלט און ענטפֿערט ניט. — זאָגט, זאָגט...

— איך בין אַן אַרבעטער — זאָגט שטיל דער יאַט.
— נו, און איר? איר? איר?
— אַן אַרבעטער.
— אַן אַרבעטער.
— מאַשיניסט פֿונעם עקסקאַוואַטאָר.
— אַ מינען־אַרבעטער.
— אַ שאָפֿער.
— אַן עלעקטריציסט.

— אַ טאַגעבוימײַסטער (מײַסטער באַם אויסגראָבן).

— נו, און קאָמוניסטן זײַנען צווישן אײַך פאַראַן?

קיין קאָמוניסטן זײַנען צווישן זיי נישטאָ.

אײנ׳ער אַן אַלטיטשקער שאָמקעט מיט די ליפּן:

— געווען באַ אונדז קאָמוניסטן, נאָר שוין לאַנג נישטאָ זיי, לאַנג נישטאָ.

אַ צווייטער אַלטיטשקער, וואָס זיצט לעבן אים, רופט זיך אָן:

— וואַרט נאָר, קאַרל. מיר האָבן איינעם אַ קאָמוניסט.

— יאָ, יאָ, — האַלט אים אונטער אַ דריטער אַלטער. — איין קאָמוניסט האָבן מיר.

— ווער־זשע איז ער? — פרעגט אַ פערטער אַלטער.

— נו, ווער! האַנס עפּערלע איז אַ קאָמוניסט.

— יאָ, יאָ — באַשטעטיקן אַנדערע זקיינים. — עפּערלע איז אַ קאָמוניסט.

— ווו איז ער? — פרעגט לובעצאָוו און האָט האַנאָע פון דעם ווי ניט אײַליק די אַלטע מינען־אַרבעטער רײדן; ער טראַכט, אַז ניט געקוקט אַף זייער אויסערלעכקייט און דײַטש רײדן, דערמאָנען זיי זייער שטאַרק די רוסישע מינען־אַרבעטער.

איך וועל אים באַלד אַהער ברענגען, — רופט זיך אַרויס אַ יאַט און לויפט אַרויס פונעם בירשענק. עס גייען ניט אַוועק קיין צוויי מינוט איז ער שוין דאָ צוריק מיט אַ הויכן דאַרן מענטשן אין אַ בלויען קאָמבינעזאָן.

— איר זײַט אַ קאָמוניסט?

— יאָ, ערשט אַ כוידעש, אַז איך בין אַרויס פונעם לאַגער.

לובענצאָוו קוקט אים שאַרף אַרײַן אין די אויגן און טרעפט זיך אָן מיט אַ טיפן און ערנסטן בליק. אַן אַנדערש מאָל וואָלט ער טייקעף שטיל געבליבן און וואָלט גענומען רײדן מיט דעם מענטשן אַזוי גערירט ווי ער פילט זיך ניט דערבײַ. זײַן איצטיקער לעבנס־טעמפּ דערלאָזט אים ניט זיך אַרײַנצולאָזן אין געפילן, קלערונגען און לאַנגע פּויזעס. אָט דעם נײַעם לעבנסריטם האָט לובענצאָוו זייער שפּירעוודיק אויפגענומען. ער וואַרפט זיך אַף דעם עפּערלע מיט אַ האָגל פון טאַדלונגען, פראַגן און פאָרשלאָגן.

— שוין אַ כוידעש ווי איר זײַט צוריקגעקומען? וואָס־זשע איז מיט אײַך, כאַווער עפּערלע? וואָס־זשע האָט איר אין דעם כוידעש אויפגעטאָן? נו, פאַר־וואָס אַרבעט מען איצטער ניט? צו וואָס טויג עס? די עלעקטרישע סטאַנציעס שטייען, די באַנען אַרבעטן קימאַט ניט, און איר וואָס? וויפל האָט איר קאָמוניסטן? זעקס? דאָס איז ניט ווייניק! דאָס איז גאָרנישט ווייניק. און סאָציאַל־דעמאָקראַטן וויפל? דרײַסיק! אָהאָ! און אַ פּראָפעסיאָנעלער פאַראיין איז דאָ? אַלץ איז פאַראַן, נאָר קיין קוילן זײַנען נישטאָ! אוי, אַן אומגליק מיט אײַך! נו, נו!

דער בירשענס ווערט אַלץ פולער.

עמעצער פון די מינען־אַרבעטער נעמט אויפקלערן, אַז די ענגלענדער האָבן מיט זיך אַוועקגעפירט אַ טייל מאַשינען און אַז די מינע „הענריעטע” געהער צום קוילן־קאָנצערן וואָס געפינט זיך אין דער ענגלישער אָקופּאַציע־זאָנע; פון דאָרט זײַנען קיין יעדיעס נישטאָ, דער פאַרוואַלטער איז אַנטלאָפן א. א. וו. א. אַ. וו.

— נו, איז וואָס, נו, איז וואָס? — נעמט זיך לובענצאָוו בייזערן. — די אַרבעטער זײַנען דאָך געבליבן! דער איקער זײַנען די מענטשן — אַפן

אָרט! אַן אומגליק מיט אײַך, דײַטשן! ווען וועט איר שוין פֿאַרשטיין, אַז איר קענט לעבן אָן די פֿאַרוואַלטערס?

אַף לעצט ווערט באַשלאָסן, אַז מאָרגן טרעט צו די מינע צו דער אַרבעט, און דאָ פֿרעגט איינער פֿון די אַלטע מינען־אַרבעטער:

— ווי וועט זײַן מיט דעם לוין?

— און ווי איז מיט פּראָוויזיע? — פֿרעגט אַ צווייטער אַלטער און קײַט מיט די ליפּן.

לובענצאָוו פֿאַרלירט זיך אַ ווײַלע. ער קוקט בייז אַף די אַלטע לײַט. זיי זײַען אים איצט זייער ניט געפֿעלן. ער איז אַזוי צופֿרידן געווען דערמיט וואָס אַלע פֿראַגן זײַנען אַזוי פּאָשעט געלייזט געוואָרן, אַז אים דאַכט זיך אַ באַ־ליידיקונג דאָס וואָס די דײַטשע אַרבעטער, וואָס ער, לובענצאָוו, האָט זיי ערשט מוחל געווען, אינעם נאָמען פֿונעם ראַטנפֿאַרבאַנד, דערוועגן זיך נאָך צו ריידן וועגן געלט, וועגן פּראָוויזיע, וועגן קליידונג און אַנדערע „פּעל״־אינטערעסן.

די גאַנצע באַדײַטונג פֿון די פּעל״־אינטערעסן באַנעמט לובענצאָוו ווען ער גייט אַרײַן צו עפּערלען אַף דער וווינונג. בײַם טיש זיצן אַ מיידל און אַ יינגל און אַ פֿרוי פֿון אַ יאָר פֿערציק. זייער שטוביקער פּאַרמעג, די קליי־דונג, דער איקער דאָס עסן (זיי האָבן געגעסן מיטאָג) האָט גערעדט וועגן אַזאַ אָרעמקייט, אַז לובענצאָוו האָט זיך נישט געקענט מוחל זײַן זײַן יינגלשע אַדמיניסטראַטיווע פֿרייד.

געגעסן האָבן זיי אַזוי גערופֿענעם „פּעלאַטין״ — אַ געקעכטס פֿון כאַ־זער־ניסלעך און שישקעס.

לובענצאָוו צווינגט זיך צו קוקן אַף די מענטשן אָן איבעריקן מיטלייד. ער צווינגט זיך טראַכטן וועגן זײַן אייגענעם לאַנד, ווי סאָוועטישע בירגער, זיגער, לעבן ניט בעסער ווי אַט די דײַטשן — ביפֿראַט דאָרט ווו עס איז געווען דאָס היטלעריסטישע מיליטער. ער צווינגט זיך טראַכטן וועגן דער גאַנ־צער אָרעמער און הונגערנדיקער אייראָפּע, וואָס איז אַזוי שרעקלעך אַראָפּגע־פֿאַלן צוליב דער שולד פֿון דער דײַטשער אַגרעסיע. און דאָך קענען ניט אַט די געדאַנקען, ניט געקוקט אַף זייער ביטערן עמעס, פֿאַרשטעלן פֿון אים דעם פֿאַקט, אַז די מענטשן אין דעם ראַיאָן וואָס איז אים אָנגעטרויט, הונגערן. ווי אַ מענטש, קען ער זיך טראַכטן וויפֿל ער וויל: „איר האָט עס קאָשער פֿאַרדינט״, נאָר ווי קאָמענדאַנט, האָט ער קיין רעכט ניט אַזוי צו דענקען.

דערצו איז לובענצאָוו גופֿע הונגעריק — ער האָט שוין לאַנג ניט גע־געסן. אים ווילט זיך עפּעס אָפּעסן. און ער קען פֿון זיך אַליין ניט פֿאַרהוילן דעם אומשטאַנד, אַז ער קען זייער גרינג נאָכקומען זײַן ווונטש, ניט ווי די דײַטשע אַרבעטער.

נאָכן שמועס מיט עפּערלען, גייען לובענצאָוו און קראַנץ צום אויטאָ־מאָביל. דאָ, בײַם אויטאָמאָביל, וואַרט אַף זיי זעלענבאַך, וואָס לובענצאָוו האָט זיך גאָר פֿאַרגעסן אַז ער לעבט אַף דער וועלט. דער בירגערמײַסטער שטייט און רירט זיך ניט פֿונעם אָרט, ווי אַ שוואַרצער באָטשאַן. אַלע זעצן זיך אַרײַן שווײַגנדיקערהייט אינעם אויטאָמאָביל. אין אַ היפּשער ווײַלע אַרום פֿרעגט לובענצאָוו אַף וואָס זעלענבאַך רעכנט צופֿירן די קוילן. זעלענבאַך ענטפֿערט, אַז אין שטאָט זײַנען פֿאַראַן עטלעכע טראַנספּאָרט־פֿירמעס, נאָר ער איז ניט זיכער צי זיי האָבן בענזין. לובענצאָוו פֿרעגט אים דערויף צי וויים ער ווו מען אַרבעט אויס בענזין. זעלענבאַך ענטפֿערט, אַז סינטעטי־שער בענזין ווערט אויסגעאַרבעט אינעם ראַיאָן פֿון דער שטאָט פּיכטענראָדע.

— מיר האָבן בענזין — גיט אַ זאָג לובענצאָוו, וואָס דערמאָנט זיך דערבײַ, אַז אין יענער שטאָט איז באַשטימט פאַר קאָמענדאַנט זײַנער אַ באַקאַנטער, דער מאַיאָר פיגאַרעוו, וואָס האָט פריער געדינט אינעם שטאַב פונעם קאָרפּוס.

קראַנץ זעצט איבער די ווערטער פאַר זעלענבאַכן מיט דער זעלביקער זיכערקייט ווי זיי זײַנען געזאָגט געוואָרן. פאַר זיך וווּנדערט ער זיך ווי אַלץ באַקומט זיך בײַ דעם רוס אַזוי שנעל און פּאָשעט; און באַקומען באַקומט זיך עס דערפאַר וואָס אָט דער רוס קען זיך גאָרניט פאָרשטעלן עס זאָל עפּעס זײַן אַף דער וועלט אַזוינס, וואָס מען זאָל עס נישט קענען מאַכן. אין גאָט, מיסטאָמע, גלייבט ער ניט, ווי אַלע קאָמוניסטן, ער גלייבט מיסטאָמע אינעם פּראָגרעס. און אין שאַיכעס דערמיט, איז ער זייער אָפּטימיסטיש געשטימט. „ער שטעלט זיך, נאַטירלעך, ניט פאָר די גאַנצע קאָמפּליצירטקייט פון די אויפגאַבן, וואָס וועלן זיך פאַר אים אַוועקשטעלן" — טראַכט זיך קראַנץ און גיט אַ זײַטיקן קוק אַף לובענצאָווס פּראָפיל.

וואָס שאַיעך זעלענבאַכן, אָבסערווירט ער אויך די גאַנצע צײַט אומצופרידן דעם סאָוועטישן קאָמענדאַנט. דער קאָמענדאַנט, ווײַזט זיך אַרויס, איז גאָרניט אַזאַ טאַם, ווי אים, זעלענבאַכן, האָט זיך פון אָנהייב געדאַכט. און עפּשער איז ער טאַקע אַ טאַם — זעלענבאַך קען עס בײַ זיך בעשום אויפן ניט באַשליסן — נאָר ער האָט אַזאַ שול, אַזעלכע געוווינהייטן, פירונגען, אַזאַ צוגאַנג צו זאַכן, וואָס איז פרעמד דעם סטיל אַרבעט פון די מײַרעוודיקע קאָמענדאַטורן, גאָרניט געניינטע זיך צו פאַרנעמען מיט קלייניקייטן און זוכן ביכלאַל וואָס ווייניקער זיך מיט עפּעס צו פאַרנעמען.

XII

באַם אַרײַנפאָר פאַר דער קאָמענדאַטור שטייט וואָראָנין און רויכערט, ווי געוויינלעך, אַ ציגאַרעט, מיט דעם פאָנעם פון אַ אומאָפּהענגיקן און פאַרבענקטן מענטשן. לעבן אים שטייען עטלעכע דײַטשן, וואָס נעמען אַראָפּ די היט ווען דער קאָמענדאַנט קומט צו.

וואָראָנין רופט זיך אָן:

— די ערשטע וויזיטן געקומען. מען דאַרף אַ דאָלמעטשער. צורופן קראַנצן?

— גיין, דאָס ניט, — ענטפערט לובענצאָוו, — מיר זײַנען ניט קיין ענגלענדער. — ער גיט קרום אַ קוק אַפן דאָלמעטשער, וואָס שטייט לעבן בירגערמייסטערס אויטאָמאָביל — אַ בלייכער, אַ דאַרער, אַ גרויער — און ער גיט צו: — נאָר אָט וואָס: מען דאַרף אים באַצאָלן. גלײַכער מיט פּראָוויזיע.

— ניט איז ניט — זאָגט וואָראָנין — איכל אײַך שוין צורופן אַן אַנדערע, אַ רוסישע. זי איז אַליין געקומען זיך אָנבאָטן.

לובענצאָוו גייט אַרײַן. אַף אַ קליינעם דיוואַן בײַ די ברייטע טרעפּ זיצט אַ מיידל, גוט געקליידט, פון ערשטן בליק אַ שיינע (פאַראַן אַזעלכע מיידלעך — שיינע פון ערשטן בליק). זי שטייט אויף און שטעלט זיך פאָר.

— אַלבינאַ טערעשטשענקאָ. — זי דריקט פעסט לובענצאָוון די האַנט און שיט אויס אין איין אָטעם: פאַרטריבן אַהער פון כאַרקאָוו אין צוויי און פערציקסטן. געדינט אַלס ביוראָליסטקע אין באַנק. עפּשער דאַרפט איר אַן איבערזעצער? איך באַזיץ גוט די דײַטשע שפּראַך און שרײַב אַביסל אַף אַ דײַטשער מאַשינקע.

לובענצאָוו הייבט זיך אויף מיט איר איבער די טרעפּ און פאַרגיט איר אַן אויסגעווייניקסטע אַנקעטע. דערפון ווערט קלאָר, אַז אַלבינאַ האָט געלערנט אין כאַרקאָוו, אינעם אינסטיטוט פון באַשפּייזונגס־אינדוסטריע, אין 1941 האָט זי געענדיקט דעם צווייטן קורס. איז ניט קיין כאַסענע־געהאַטע. צום קאָמיוג ניט אָנגעהערט.

זי מאַכט דעם איינדרוק פון אַ שיינהייט, און מען מוז האָבן אַ שאַרף אויג אַף צו מערקן, אַז זי איז ענלעך אַף אַ נאָג־כייעלע, אַ סוסליק אָדער אַ האַרמל. זי האָט דראָבנע פּערל־ציין, אַ דין פּענעמל, גרויסע שיינע אויגן, אַ בלייכע הויט פון פּאָנעם, אַ געשטרעקטן שיינעם האַלדז און אַף אים וויגט זיך אַ קליין קעפּל, קימאַט אַ שלאַנגיש. דערצו איר געקעסטלט קליידל, וואָס נעמט שטייף אַרום אירע ברייטע קליבעס, צענעמט זיך אונטן ברייט און איז הינטן לענגער, וואָס מאַכט דעם איינדרוק פון אַן עק.

נאָר לובענצאָוו האָט ניט גענוג צייט און אויך ניט די געניטקייט דאָס אַלץ צו מערקן. ער איז אַן אָבסערווירנדיקער מענטש און האַלט זיך אַפילע פאַר אַ פיזיאָגנאַמיסט, אָבער בענעגייע מענער. פרויען קען ער ווייניק און קלייבט זיך ניט שטאַרק פונאַנדער אין זיי. אַלע געפעלן זיי אים. ער האָט אַ שוואַכקייט צו זיי, וואָס דאָס איז פאַרשטענדלעך בא אַ יונגן און גוטהאַרציקן מענטשן.

אַלבינאַ זעצט איבער שנעל און פאַרשטענדיק. זי טוט ביכלאַל אַלץ שנעל און פאַרשטענדיק. זי האָט זיך דורכגעדרייט איין שאָ נאָר איבערן הויז און האָט דערפון געמאַכט אַן אַנשטאַלט, און דעם קאָמענדאַנטס קאַבינעט — אין אַ היימלעכן צימער, וואָס היט דאָך איין דעם טיפּ פון ביוראָ. באַוויזן האָבן זיך פירהענגלעך פון אַ טונקעלן באָרדאָ־קאָליר, און סטעזשקעס אָפּן פּאָל, אויך טונקעלע, נאָר אַ ביסל ליכטיקער פון די פירהענגלעך. מיט וואָראָנינען און איוואַנען, ווי אויך מיט די דייטשע טאָגלוינער וואָס זי האָט גערופן, קאָמאַנדעוועט זי ענערגיש, הייסט זיי איבערשטעלן דאָס מעבל, איבערטראָגן די שטולן, די פּאָטעלן, די ביכער־שראַנקען, גאַרדינען אויפהענגען, די טרעפּ אָפּקערן.

— בלומען געהערן ניט אהער, ווי? — פרעגט זי בא לובענצאָוון, און שטעלט שוין אוועק אָפּן פּענצטער אַ וואַזע פאַר בלומען.

— איך מיין, אַז ניט, — ענטפערט איר צעטראָגן לובענצאָוו. — עס מוז דאָך זיין אַ געוויסע אָפּיציאַליטעט? — ער מאַכט גראָד פאַרצייכענונגען אינעם בלאַנקנאָט אַף אויסשטעלן זיך, מער־ווייניקער אַן אַרבעטס־פּלאַן פאַר די נאָנטסטע טעג.

— איר זייט גערעכט — ענטפערט אַלבינאַ און פאַרשווינדט מיט דער וואַזע. ווען זי קומט צוריק, זאָגט זי: — דייטשן האָבן ליב מאַכט. — זי רוקט צו צום טיש אַ שווערן פּאָטעל מיט גילדענע לייבן אַף די אָנלענס. — און בייזע מאַכט דערצו.

— איר מיינט אַזוי? — פרעגט לובענצאָוו און הייבט אַף איר אויף די אויגן.

— יאָ. איך קען זיי, וואָס ערגער איר באַגייט זיך מיט זיי, אַלץ מער רעספּעקטירן זיי. זיי רעספּעקטירן די ענגלענדער דערפאַר וואָס די ענגלענדער האַלטן זיך גרויס און האַלטן זיי ניט פאַר קיין מענטשן. די אַמעריקאַנער רעספּעקטירן זיי ניט אַזוי — יענע זיינען מיט זיי צופיל פּאַניבראַט. און די רוסן רעספּעקטירן זיי נאָך ווייניקער — ווייל די רוסן ווייזן אַרויס זייער דעמאָקראַטישקייט וווּ מען דאַרף און וווּ מען דאַרף ניט. עס באַקומט זיך עפּעקטנע, ווען נאָך אַלע אומגליקן, וואָס זיי האָבן זיי פאַרשאַפט, פּאַטשן די

רוסן זיי אין פּלייצע, כאַוועריש. רוסישע ייִדן אַפילע, האָב איך געזען, אויך זיי...

זי רעדט רוסיש מיט אַ דאָרעמדיקן אַקצענט. די „גע" רעדט זי אַרויס מיט אַן אָטעם, די „יע" אין אויסלענדישע ווערטער רעדט זי אַרויס ווי אַן „ע" — „עפעקט", „ענערגיע", „טעמאַ". זי האָט באַזונדער ליב דאָס וואָרט „עפעקטנע". איר שטים איז אַ ברוסטיקע, אַ נידעריקע, אַ סאַמעטענע, אַן איינהילנדיקע — צום סאָף פּראַזע ווערט זי אַלץ נידעריקער, און די פּראַזע פאַרענדיקט זי מיט אַ טויבן געהילך — זייער אַן אָנגענעמען. אונטער די אויגן, ניט געקוקט אָף אירע יונגע יאָרן — איר איז ניט מער ווי פיר און צוואַנציק — באַהאַלטן זיך אַ סאַך דראָבנע קנייטשעלעך, און אַ בלויקייט איז אונטער זיי פאַרטייעט ווי נאָך אַ סאַך שלאָפלאָזע נעכט.

פאַראַן פאַרשידענע דייטשן — זאָגט לובענצאָוו, — און עס איז אויך אָנגענעם צו זיין גרויסמוטיק.

— איר זייט גערעכט — איז זי פּלוצעם מסכּים. אויך אַזוי פּלוצעם פרעגט זי: — וווּ וועט איר וווינען?

— דאָ, — זאָגט לובענצאָוו — וווּ ניט איז. פאַראַן דאָ אַ סאַך צימערן.

— דאָס טויג ניט — זאָגט זי אַן איבערגעצייגטע. אַן אַנשטאַל איז אַן אַנשטאַלט. דערצו נאָך אַ קאָמענדאַטור. אין אַ פּריוואַטער וווינונג וועט אייַך זיין בעסער. פרייער.

— ריכטיק. — גיט אַ טראַכט לובענצאָוו און איז מסכּים.

ער נעמט זיך ווידער צום פּלאַן און אָבסערווירט פון צייט צו צייט ווי זי פליט אַרום איבערן צימער און קאָמאַנדעוועט מיט וואָראָנינען און איוואַנען. איוואַן טוט אַלץ גערן און אומגעטראַכט. וואָראָנין איז פינצטער, ווי אַ כמאַרע. יעדעס מאָל ווען אַלבינאַ באַפעלט עפּעס, קוקט ער צו לובענצאָוון מיט אַ פראַגע אָפן פּאָנעם: וואָס וועט זאָגן דער נאַטשאַלניק. לובענצאָוו שאָקלט צו אַ צעטראָגענער מיטן קאָפּ, אָדער ער זאָגט:

— דאַוואַי, דאַוואַי.

ער קען זיך בעשום אופן ניט קאָנצענטרירן. אים דאַכט זיך אַלץ, אַז אים פעלט עפּעס וויכטיקס, נאָר עס גייט אַוועק אַ זיכערע האַלבע שאָ איידער ער כאַפּט זיך, אַז אים פעלט אַ טעלעפאָן. ווען ער זאָגט וועגן דעם אַלבינען, צינדט זי זיך אָן מיט פאַרדראָס אָף זיך אַליין, לעמיי איר איז ניט איינגעפאַלן אַזאַ וויכטיקע זאַך. און זי זאָגט:

— אַלץ וועט זיין געמאַכט.

זי טוט אָן איר היטעלע און גייט אַוועק. באַלד קומען עלעקטריציסטן, שטעלן איין אין פאַרשידענע צימערן טעלעפאָן־אַפּאַראַטן, ביפּראַט ווען דראָטן זיינען דאָ פאַראַן פון פריער. בײַ לובענצאָוון אינעם צימער האָט מען איינגעשטעלט צוויי אַפּאַראַטן — איינעם אַ ווייסן מיט רויטע קנעפּ און אַ צווייטן אַ שוואַרצן מיט ווייסע קנעפּ. דער צימער האָט דערפון באַקומען אַ יאָנטעוודיקן פאַרפּוצטן אויסזען.

לובענצאָוו בעט מען זאָל אים פאַרבינדן מיט דער שטאָט אַלשטאַט. אַלבינאַ שאָקלט צו מיטן קאָפּ, הייבט אויף דאָס טרייבל, זאָגט מיט אַ טאָן פון גרויס כשיוועס: „היער קאָמענדאַטור", גיט אַ שמייכל צו לובענצאָוון און נעמט פּלוידערן אין דייטש. אין אַ מינוט אַרום ענטפערט די אַלשטאַטער טעלעפאָן־סטאַנציע און אין נאָך איין מינוט אַרום שטייט שוין בײַם צווייטן עק דראָט דער קרייז־קאָמענדאַנט גענעראַל קופּריאַנאָוו. ער הערט אויס לובענצאָווס ראַפּאָרט און זאָגט:

— אלץ איז קלאר. מיקויעך דער ארבעט אף די מינען און אייזנבאנען, וועל איך אננעמען די געהעריקע מאסמיטלען. נאטירלעך, גייט ניט אלץ אזוי גלאטיק. מיר זיינען נאך, איך מיט אייך, קיין קאמענדאנטן אין אויסלאנד נישט געווען. בא מיר אליין דא, גייט דער קאפ ווי אף רעדלעך. דער איקער, גיב אכטונג אף די דייטשן. פארבינד זיך מיט די אנטיפאשיסטישע פארטייען. פאראן דארט קאמוניסטן? זוך זיי דארט אויס!... דאס צעטל האט מארשאל זשוקאוו שוין באשטעטיקט. אף דיר פאלט אויס עטלעכע אפיצירן און אן אפטיילונג זעלנער, קאמענדאנטישע. ווי נאר מען וועט מיר געבן די מענטשן, וועל איך דיר צושיקן. דערווייל ניץ זיך מיט די זעלנער פון די מיליטערישע טיילן. בעט בא זיי, וועלן זיי דיר געבן... ווייטערדיקע אינסטרוקציעס וועלן אונטערקומען. איך האב שוין א גאנצן בארג.

לובענצאוו לייגט אוועק דאס טרייבל און גייט באקוקן דאס הויז. דאס אויפראמען איז פארענדיקט. אין א גרויסן האלב־טונקעלן צימער — דער צוקונפטיקער אויפנאם־זאל — טאנצט אן איינזאמער, א דארער דייטש, א פאלן־פוצער, מיט א בארשט אנגעטאן אף א פוס, מיט אייגן פאררוסענע צו דער סטעליע. די גלעזערס שטעלן ארייו שויבן. אן ערעך 20 פרויען וואשן די פאלן אין די צימערן און קארידארן. פון אונטן הערט זיך אלבינאס גע־דיכטע שטים. זי קריגט זיך וועגן עפעס מיט דייטשן וואס שטייען באם אריינ־גאנג אין דער קאמענדאטור.

— מען קען ניט, מען קען ניט, זאג איך אייך שוין צום פינפטן מאל. קומט מארגן — זאגט זי מיט אן אומצופרידענעם קאל אין דייטש, און פירט זיי ארויס אף יענער זייט טיר.

לובענצאוו שטייט באם דעמבענעם געלענדער, וואס פירט איבער די טרעפ אראפ און רופט אלבינען, זי זאל אים פארבינדן טעלעפאניש מיט דעם קאמענדאנט פון דער שטאט פיכטענראדע.

— זיין פאמיליען־נאמען איז פיגארעוו, פאוועל פעטראוויטש. מיינער א דינסט־כאווער, און איך וועל גיין עפעס אפעסן. איך געדענק שוין ניט ווען איך האב דעם לעצטן מאל געגעסן.

ער עסט עפעס אפ אף שנעל מיט וואראנינען. דערנאך גייט ער ווידער ארויף. אין קאבינעט וואשט מען דעם פאל. פארבינדן זיך מיט פיגארעוון איז נאך דערווייל אלבינען נישט געלונגען, מאכמעס אין דער פיכטענראדער קא־מענדאטור איז נאך קיין טעלעפאן נישטא. לובענצאוו נעמט אויף די יעדיע מיט א געוויסער צופרידנקייט. דערנאך גייט ער ארויס אף דער גאס, גייט זיך דורך איבערן פלאץ, שטייט א ווײַלע אונטער די ביימער פונעם סקווער. ער דערמאנט זיך גענעראל קופריאנאווס ווערטער וועגן דעם אז מען דארף „אויסזוכן" די דייטשע קאמוניסטן, און ער צעלאכט זיך. אים זעט עס אויס קאמיש. ער באדויערט וואס ער האט זיך וועגן דעם ניט צעפרעגט בא עפער־לען מיט מער פראטים.

„צי זיינען ביכלאל פאראן קאמוניסטן אין דייטשלאנד?" — טראכט זיך לובענצאוו. ער גייט פארביי די קאטעדראלע און פארנעמט זיך מיט דער גאס לינקס. די הייזער שטייען דא פינצטערע, שווייגזאמע. די גאס מיט אים צו א קליינעם פלאץ, ווו עס שטייט אין מיטן דאס ראטהויז — א פארצייטיקע געביידע מיט צוויי טורעמלעך און לענגוויס דעם קארניז באפוצט מיט אלערליי הילצערנע געשניצטע פיגורלעך. לובענצאוו גייט אריין אינעם ראטהויז. נאר אויך דא איז שטיל און פוסט. ער גייט צוריק אפן פלאץ. דארט שטייט וואראנין.

— ווי קומסטו אהער? — פרעגט לובענצאוו.

— איך בין אײַך נאָכגעגאַנגען.

— צו וואָס?

— אױף יעדן פֿאַל. אַ פֿרעמדע שטאָט...

זיי גייען צוריק און שווײַגן. ווי נאָר אָבער זיי פֿאַרנעמען זיך אַרונטער דעם ראָג, קומען צו זיי צו פֿון ביידע זײַטן גאַס עטלעכע מענטשן. לובענצאָוו בלײַבט שטיין. די מענטשן גייען אים אַקעגן פֿאַמעלעך און עפּעס ווי דראָענדיק. די גאַס איז אַ שמאָלע, אַ פֿינצטערע, די פֿאַרנאַכטיקע שאָטנס ווערן אַלץ געדיכטער.

— אָט וועל איך זיי באַלד צעפּאַסעווען מיטן אויטאָמאַט — זאָגט וואָראָנין. אױף זײַן פּנים טרעט אַרויס סינע און פֿאַראַכטונג.

— וואַרט אויס. — באַפֿעלט אים קורץ לובענצאָוו.

ער קוקט זיך גוט אײַן אין די פּנימער פֿון די מענטשן, און זיי אין זײַנעם. ענדלעך פֿרעגט איינער צי האָבן זיי ניט דעם קאָוועד צו ריידן מיט דעם סאָוועטישן קאָמענדאַנט, און לובענצאָוו ענטפֿערט זיי, אַז „יאָ”. דעמאָלט טרעט אַרויס פֿון צווישן זיי אַ פֿרוי, און צערעדט זיך אױף אַ גאַנץ גוטן רוסיש. זי האָט געוווינט זאָגט זי, פֿיר יאָר אין מאָסקווע. זי איז שרעקלעך אויפֿגערעגט, און אַנשטאָט אויפֿצוקלערן אין וואָס עס גייט, טײַנעט זי אַלץ, אַז זי האָט אין מאָסקווע געוווינט פֿיר יאָר, פֿון 1925 ביז 1930. זי רוקט צו איר שיינעם נאָר אויסגעמאָגערטן פּנים, אַ באַרעמטן מיט גרויע ניט־געקעמטע האָר, קימאַט צו לובענצאָווס פּנים און מיט אַ מאָל רעדט זי אַרויס מיט אַ שטים, וואָס קלינגט אָפּ מיט אָפּנעם אומרו:

— איר זײַט יונג... איר געדענקט ניט.

לובענצאָוו פֿרעגט:

— קורץ גערעדט, ווער זײַט איר? און וואָס דאַרפֿט איר?

ווי אַן ענטפֿער, רעדט זי אַרויס אַ וואָרט, וואָס טכילעס פֿאַרשטייט ער עס ניט, און ערשט נאָכדעם ווי זי רעדט עס אַרויס עטלעכע מאָל נאָכאַנאַנד, פֿאַרשטייט ער: — „דאָס פֿינפֿטל” — זאָגט זי. ווי דאָס ווײַזט זיך אַרויס מיט אַ מינוט שפּעטער, שטייט פֿאַר לובענצאָוון דאָס אָנפֿירנדיקע „פֿינפֿטל” פֿון דער אָרטיקער קפּ"ד ־ אָרגאַניזאַציע, פֿון דער דײַטשער קאָמוניסטישער פּאַרטיי.

— אָך! — שרײַט אויס לובענצאָוו. דאָס אָנטרעפֿן אין אַ גאַנץ פּרעמדער שטאָט, צווישן טויזנטער מענטשן. די וועמען ער זוכט און וואָס ער האָט זיך נישט געריכט צו טרעפֿן, איז פֿאַר אים אַ וווּנדער און אַ באַשערטע זאַך. ער פֿאַרשטייט ניט, אַז ער האָט אָנגעטראָפֿן די קאָמוניסטן דערפֿאַר וואָס זיי האָבן אים געזוכט און ניט נאָר דערפֿאַר וואָס ער האָט זיי געזוכט. זיי וואָלטן אים געקענט דערציילן ווי זיי האָבן דעם גאַנצן טאָג די שוועל אָפּגעשלאָגן באַ דער קאָמענדאַטור, אַז זיי זײַנען אים נאָכגעגאַנגען אױף דער עלעקטרישער סטאַנציע, נאָר זיי זײַנען אַהין אָנגעקומען צו שפּעט און אַז שפּעטער האָט זיי אַלבינאַ ניט אַרײַנגעלאָזט.

די פֿרוי, וואָס רופֿט זיך האַננאַ נעבעל און אַלע אַנדערע רופֿן זי, האַלב צערטלעך, האַלב שפּאַסיק „מוטטי” (מאַמע), פֿאַרבעט לובענצאָוון צו זיך — זי וווינט ניט ווײַט. דאָס קליינע בוידעם־צימער נעמט קוים אַרײַן די זיבן מענטשן. דאָס פֿינפֿטל באַשטייט פֿון דער באַלעבאָסטע גופֿע, פֿון צוויי עלטערע מענטשן — קאַרל וואַנדערגאַסט און קורט לערכע — און צוויי ייִנגערע — רודי פֿאַרלענדער און אָטאָ לאַנגהיינריך.

וואָראָנין, וואָס האָט מיט זײַן פֿאַרכמאַרעטן פּנים אויסגעדריקט דעם העכסטן גראַד אומצופֿרידנקייט, נעמט אַראָפּ די האַנט פֿונעם העלדזל באַ זײַן אוי־

טאָמאָט, שוין נאָך די ערשטע מינוטן שמועסן, און דערנאָך פֿאַרוואָרפֿט ער אים זיך אָפֿן רוקן. יעדן באַזונדער וואָלט ער עפּשער ניט געגלויבט; איין מענטש קען וועגן זיך זאָגן ליגן מיט דעם איבערצײַגנדיקסטן פּנים. נאָר פֿינף מענטשן צוזאַמען קענען קיין ליגן ניט זאָגן, ביפֿראַט אַזוי איבערצײַגנדיק, אַז זיי זאָלן אַרויסרופֿן בײַ צוויי דערוואַקסענע מענטשן אַי ווײ, אַי פֿרייד, פֿאַרכאַפּטן אָטעם און שטורמישע סימפּאַטיע.

וואַנדערגאַסט און לערכע זײַנען ניט לאַנג ערשט צוריקגעקומען פֿון קאָנצענטראַציע־לאַגערן — איינער פֿון מויטהויזן און דער צווייטער פֿון זאַקסענהויזן. פֿאַרלענדער איז געזעסן 3 יאָר אין טפֿיסע, דערנאָך האָט מען אים גערופֿן צום מיליטער און פֿאַר אַנטימיליטאַריסטישע־פּראָפּאַגאַנדע האָט מען אים פֿאַרשיקט אין דער שטראָף־ראָטע, אָדער ווי מען האָט זי גערופֿן „הימעלס פֿאַהרטקאָמאַנדאָ" (קאָמאַנדע פֿון פּאַסאַזשירן אָף יענער וועלט); ווען ער איז פֿאַרוואונדיקט געוואָרן איז ער ווידער אָנגעקומען אין אַן אַרבעטס־באַטאַליאָן, און פֿון דאָרט איז ער אַנטלאָפֿן און האָט זיך אויסבאַהאַלטן דאָ, ניט ווײַט פֿון לויטערבורג, אין אַ קליינעם בײַדל. געאַרבעט האָט ער ווי אַ גערטנער בײַ זײַן ווײַבס אַ ברודער. דער פֿינפֿטער — לאַנגהיינריך, אַ ריזיקער שווײַגנדיקער פֿויער מיט אַ ניט־געהובלטן נאָר ערלעכן פּנים — איז אויך אָפּגעזעסן פֿיר יאָר אין טפֿיסע, דערנאָך האָט ער געאַרבעט אַף אַ קאַלך־פֿאַבריק אין די האַרץ־בערג, איצט וווינט ער אין פֿינקענדאָרף; אין יולי 1944 האָט מען אים ווידער פֿאַרווישט, ווי בכלל אַלע פֿאַרדעכטיקע נאָכן אַטענטאַט אַף היטלערן. וואָס שאַיעך דער „מוטי", האָט זי דעם גרעסטן טפֿיסע־סטאַזש. אין די אַלע יאָרן איז זי אַרויס פֿון איין לאַגער, קעדיי אין זעקס כאַדאָשים אַרום אַרײַנצופֿאַלן אין אַ צווייטן.

זיי האָבן דאָ, אין לויטערבורג, געגרינדעט אַ קאָמיטעט פֿאַר אַנטיפֿאַשיסטישן ווידערשטאַנד. ווי נאָר עס זײַנען אַרײַן די אַמעריקאַנער, האָט דאָס „פֿינפֿטל" אָנגעשריבן און אָפּגעדרוקט אין אַן אָרטיקער דרוקערײַ אַן אויפֿרוף פֿון דעם קאָמיטעט. די אויפֿרופֿן זײַנען געווען צעהאָנגען איבער די גאַסן, נאָר די אַמעריקאַנער פּאַטרולן האָבן זיי צעשטאָכן מיט די באַגנעטן.

— זיי האָבן אונדז פֿאַרטריבן אין דער אונטערערד — זאָגט לערכע. — יאָ, יאָ, כאַווער. אונדזער פֿאָלק, אַן אָפּגענאַרטס פֿון היטלערן, האָט אונדז געוואָלט אַ קעגנגיין מיטן אָפֿענעם האַרצן. נאָר די אַמעריקאַנער האָבן אַזוי געפֿירט, אַז דאָס פֿאָלק האָט ווידער גענומען זיך באַציִען צו אונדז מיט אומצוטרוי. דער גלויבן אינעם נאַציזם איז פֿאַרלוירן געווען, קיין אַנדער גלויבן איז אָף זײַן אָרט נישט געקומען. דאָס איז געפֿערלעך. אַ פֿאָלק אָן אַ גלויבן — דאָס איז געפֿערלעך. און יענע האָבן געשטרעבט — יאָ, יאָ, כאַווער — געשטרעבט צו לאָזן אונדזער פֿאָלק אָן יעדן גלויבן.

—די אַמעריקאַנער האָבן באַפֿוילן אָפּרייניקן די שטאָט פֿון בראָכוואַרג און געשטעלט פֿאַר אויפֿזעער נאַציִשע באַאַמטע, — מערקט אָן וואַנדערגאַסט.

— אָט, אָט! — רופֿט אויס לערכע. — מיר זײַנען געגאַנגען, איך מיט וואַנגערגאַסטן, צום אַמעריקאַנער קאָמענדאַנט, בעטן ער זאָל ניט לאָזן די נאַציס ווידער קאָמאַנדעווען, האָט מען אונדז אַרויסגעטריבן! יאָ, יאָ, כאַווײרים! אונדז, די אַנטיפֿאַשיסטן, האָט מען אַרויסגעטריבן פֿון דער אַמעריקאַנער קאָמענדאַטור! און מען האָט געדראָט מיט קלעפּ! גלײַך מיר האָבן מוירע פֿאַר קלעפּ! גלײַך מען וואָלט אונדז קיינמאָל ניט געשלאָגן!

— נו, גענוג, וואָס געווען איז נישטאָ מער. — באַרויִקט אים לאַנגהיינריך.

— דו, לאַנגהיינריך, ביסט צו אַ גוטער — שרײַט צו אים לערכע — דאָס טאָר מען נישט פאַרגעסן! די היטלער־לײַט האָט מען געגלעט און אַף אונדז האָט מען געקוקט פון אויבן אַראָפּ! מען האָט באַשטימט פאַר ביר־גערמײַסטער זעלענבאַכן וואָס פאַרקויפט בײַ זיך אין געשעפט די פאַרשטונ־קענע פאַרפאַסעכצן פון היטלערן און זײַן באַנדע! די צוריקגעקומענע פון די לאַגערן אַנטיפאַשיסטן האָט מען קיין וווינונגען נישט געגעבן, און די הײַזער פון די געוועזענע נאַצים פוסטעווען און ווערן אָפּגעהיט־ אונדז האָט מען פאַרטריבן אין דער אונטערערד און דער פאַשיסט דיסטעלבערג איז פאַרבליבן באַלעבאַטעווען איבער זײַן וואורשט־פאַבריק!

— אַ שווערע צײַט איז עס געווען — רופט זיך שטיל אָן די „מוטטי”.

— עפּשער נאָך שווערער ווי אונטער היטלערן. אַ צײַט פון גרויסע אַנטוי־שונגען און ספּייקעס. איך פלעג זיך אָפט טראַכטן: עפּשער נייטיקט זיך שוין קיינער נישט אין אונדז? האָפענונגסלאָז פאַרעלטערט געוואָרן? ווער זײַנען מיר? רעשטן פון דער פאַרגאַנגענהײַט?

— גענוג, גענוג, האַננאַ, — מרוקעט לאַנגהיינריך — די קאָמפּלי־צירסטס אַלץ. האָסט ליב צו קאָמפּליצירן.

— איך האָב ליב דעם עמעס.

וואַנדערגאַסט רופט זיך אָן:

— נאָר מיינט ניט, אַז מיר האָבן בלויז געטראַכט, מיר האָבן אויך עפּעס געטאָן. מיר האָבן געטאָן וואָס מיר האָבן געקענט.

— ווייניקער ווי מיר האָבן געקענט — זאָגט פאַרלענדער.

— מאַסקים, ווייניקער. נאָר עפּעס האָט מען געטאָן. מיר האָבן זיך פאַר־בונדן מיט די קאָמוניסטן און מיט די קאָמוניסטיש־געשטימטע אַרבעטער, מיט די באַטראַקעס. אונדז איז געלונגען אַרײַנצורוקן פאַרלענדע־ן אין דער פּאָליציי. ער האָט געפּויעלט מען זאָל אַרעסטירן עטלעכע נאַצים שפּעקולאַנטן. ווען מיר האָבן זיך דערוווּסט אַז איר וועט קומען, האָבן מיר אַוועקגעשטעלט אַ בירגער־וואַך לעבן אייניקע אונטערנעמונגען און האָבן נישט דערלאָזט אויסרויבן די סכוירעס־לאַגערן, די צוקער־פאַבריק און די וואורשט־פאַבריק. מיר האָבן אויסבאַהאַלטן אייניקע ווערטפולע זאַכן פונעם שלאָס... צום באַ־דויערן ניט אַלץ. די ענגלענדער האָבן באַוויזן אַוועקצופירן די עלצטע ביבל־אויסגאַבע, וואָס גוטענבערג האָט אָפּגעדרוקט, דאָס אַלטע לאָכהיימער לידער־בוך, בילדער... נאָר עפּעס האָבן מיר אײַנגעהיט, דער איקער... — וואַנדער־גאַסט ווערט באַצײַטנס פאַרציטערט דערפון וואָס ער גייט זאָגן. דערבײַ הייבט ער אויף די רעכטע האַנט און מאַכט אַ פויסט. ערשט איצט באַמערקט לו־בענצאָוו, אַז בײַ וואַנדערגאַסטן איז די האַנט צעקרומט, צעקריפּלט. — דער איקער, מיר האָבן אײַנגעהיט דעם גלויבן אין דער צוקונפט. יאָ, דאָס האָבן מיר אײַנגעהיט, ניט געקוקט פאַרשטייט זיך, אַף אַלערליי שטימונגען און אַלע אַנדערע זאַכן... זעט איבער, האַננאַ, ווי מעגלעך גענויער.

— איך האָב אַלץ פאַרשטאַנען, — רופט זיך שנעל אָן לובענצאָוו.

ער ווייס ניט וואָס נאָך ער דאַרף זאָגן אין דער פײַערלעכער מינוט. דאָ ווערט מיט אַ מאָל בלענדיק ליכטיק אינעם צימער; אַלע ציטערן אויף פון אומ־געריכטקייט און הייבן אויף די קעפּ: אונטער דער סטעליע האָט זיך אָנגע־צונדן דאָס עלעקטרישע לעמפּל.

— בראַוואָ, מײַער, האַלטסט וואָרט — רופט אויס לובענצאָוו צום לעמפּל געווענדט, און הייבט זיך אויף. — נו, איך גיי. כ'האָב אַ סאַך וואָס צו טאָן. מירן שוין דעררײדן אַ צווייטן מאָל. מירן אַרבעטן צוזאַמען. דאָס איז אַלץ.

XIII

אַף דער גאַס רופט ער זיך אָן:

— טײַוול! מען וואָלט זיי געדאַרפֿט זאָגן עפּעס אַ גוט וואָרט, און איך האָב קיין זאַך נישט צוגעטראַכט. מען וואָלט זיי כאָטש געדאַרפֿט די הענט דריקן.

ער איז מיט זיך נישט צופֿרידן. נאָר וואָראָנין, וואָס קוקט אפֿן לעבן פּראַקטישער, ענטפֿערט אים דערויף:

— עס שאַדט ניט, כאַווער פּאָדפּאָלקאָווניק. גענוג איז דאָס וואָס מיר זײַנען אַרײַנגעגאַנגען. דאָס האָט שוין אַ פּאָליטישע באַדײַטונג.

און אַט איז שוין די קאָמענדאַטור. דורך אירע אָפֿענע פֿענצטער טראָגט זיך אַלבינעס שטים. זי רעדט טעלעפֿאָניש — צום אָנהייב אין דײַטש, דער־נאָך נעמט זי ריידן רוסיש. לובענצאָוו מיט וואָראָנינען קומען אַרײַן אין שטוב. דאָ איז שטיל. די אַרבעטער זײַנען שוין אַוועק. אַלץ אַרום גלאַנצט.

אַלבינאַ רעדט מיט פֿיגאַרעוון און קאָקעטירט אַזש אַ רויך גייט. זי דער־זעט אַרײַנקומען לובענצאָוון און האַקט זיך אָפּ. זי רעדט אַרײַן אין טרײַבל:

— פּאָדפּאָלקאָווניק לובענצאָוו איז באַם טעלעפֿאָן.

— וואָס מאַכסטו, פֿיגאַרעוו, — זאָגט לובענצאָוו. — נו, ווי גייט עס בא דיר? זיך אײַנגעאָרדנט. און איך האָב זיך שוין אויך אײַנגעאָרדנט. בא מיר גייט עס שוין ווי געשמירט. אַלץ איז פֿאַראַן, אַ כוץ בענזין. דער בענזין איז בא דיר. דו ווייסט ניט? זאָג איך דיר. פֿינף קילאָמעטער פֿון פֿיכטענראָדע איז די פֿאַבריק פֿון סינטעטישן בענזין.

— איז גוט, שיק צו נעמען בענזין, — זאָגט פֿיגאַרעוו.

לובענצאָוו קלינגט שוין אָן צו זעלענבאַכן. אינעם ראָטהויז איז דער בירגערמײַסטער נישטאָ. פֿון זײַן וווינונג ענטפֿערט מען, אַז זעלענבאַך רוט איצט.

— הייבט אים אויף. אין אַ האַלבער שאָ אַרום זאָל ער זײַן דאָ. — זאָגט לובענצאָוו.

אַלבינאַ זעצט גערן איבער די ווערטער אינעם טעלעפֿאָן פֿאַר זעלענ־באַכס פֿרוי.

דער בירגערמײַסטער קומט אין אַ פֿערטל שאָ אַרום. אַלבינאַ מעלדעט אַז ער איז דאָ.

— רופֿט אים אַרײַן. — זאָגט לובענצאָוו.

— עפּשער איז גלײַכער ער זאָל צוואַרטן צען מינוט. איך האָב אים געזאָגט, אַז איר זײַט שטאַרק פֿאַרנומען.

לובענצאָוו צעלאַכט זיך, נאָר ער באַפֿעלט איר נאָכאַמאָל:

— רופֿט אַרײַן.

זעלענבאַך קומט אַרײַן און פֿאַרנייגט זיך. לובענצאָוו זאָגט אים:

— מאָרגן אין דער פֿרי שיקט אַרויס די אויטאָמאָבילן קיין פֿיכטענראָדע נאָך בענזין. ווענדט זיך צום קאָמענדאַנט, מאַיאָר פֿיגאַרעוו. האָט איר שוין גערעדט מיט די אויטאָטראַנספּאָרט־פֿירמעס? נאָך נישט גערעדט? אַך, ווי ניט גוט דאָס איז. איר וואַרפֿט עס מאַמעש אַרויס פֿון די הענט! טייקעף רופֿט אַרויס צו זיך אינעם ראָט־הויז די באַלעבאַטים פֿון די פֿירמעס און גיט זיי די נייטיקע פֿאַראָרדענונגען. ניט מאָרגן, נאָר שוין, אומפֿאַרזאַמט. און ביכלאַל ענדיקט איר צו פֿרי די אַרבעט. איר און אַלע שטאָט־אַמט־באַאַמטע. אַז די שטאָט ליגט אין כורוועס, איז נישטאָ וואָס צו פּרעסן, מע׳טשן לײַדן — דער מאַגיסטראַט האָט קיין רעכט ניט צו פֿאַרלאָזן דעם אַמט פֿינף אַזייגער

פארנאכט. מארגן פון גאנץ פרי, מוז די גאנצע באפעלקערונג, די בורזשואזיע איינגעשלאסן, ארויסגיין אפראמען פון די גאסן דעם בראכוואַרג. דער פארקער איז דערלויבט ביז עלף אין אוונט. אלע בירשענקען, קאפע־הייזער און אזוי ווייטער עפענען. דאס איז אלץ. איר קענט גיין.

נאר זעלענבאך גייט ניט. ער נעמט ריידן איינגעהאלטן, צערודערט:

— איך פארשטיי, אז צו מיר זיינען פאראן א סאך פרעטענזיעס.. דאס איז גאנץ נאטירלעך בא מיין אמט אין אזא שווערער צייט... איך האב אויסגעפירט אלע אנווייזונגען פון די אקופאציע־מאכטן... און האב זיך געפלייסט, שטארק געפלייסט... צו פארדינען צוטרוי. איך וועל אויך ווייטער...

לובענצאוו שלאגט אים איבער:

— איצט איז צו שפעט צו ריידן אף די טעמעס. — ער כאפט זיך, אז די ווערטער האבן א דאפלטן זין, און פארריכט אלבינען: — שפעט אין דעם זין, וואס שפעט, שפעטע צייט. איך בין יענע נאכט אין גאנצן ניט געשלאפן.

ווען די טיר הינטערן בירגערמייסטער פארמאכט זיך, זאגט לובענצאוו צו ווארענינען:

— בעט מיר אויס ווו ניט איז.

אלבינא שטעלט זיך קעגן.

— וואס רעדט איר, כאווער פאדפאלקאווניק, — זאגט זי. — איר ווייסט וואס? לאמיר דערווייל צופארן צו מיר. איך האב א גוטע וווינונג. איר וועט אפרוען, און מארגן וועל איך א זוך טאן פאר אייך... פאראן זייער א גוטער שאלעט פונעם גענעראל אין דימיסיע פאן ליפפע. דער גענעראל אליין איז אנטלאפן.

לובענצאוו צעשמייכלט זיך און גיט א מאך מיט דער האנט:

— עס איז נישט באקוועם פאר א פאדפאלקאווניק צו שלאפן אין א גענעראלישן בעט.

זי שרייט אויס:

— פארקערט, דאס וועט הייבן אייער אויטאריטעט בא די דייטשן.

עמעצער רופט זי און זי גייט ארויס.

— א לעבעדיק נעקייוועלע — רופט זיך אן ווארענין.

— יא, א ווילע מויד — איז לובענצאוו מאסקים. — האסט זי, מיסטאמע, ניט איבעריק ליב?

ווארענין ענטפערט ניט אף דער פראגע, ער פרעגט נאר:

— נו וואס, זאל איך ארויסרופן איוואנען? איר וועט פארן צו איר אפרוען?

— ניין, — איך וועל ניט פארן, — צעלאכט זיך לובענצאוו, — האב קיין מוירע ניט.

ווארענין שמייכלט פאר זיך צופרידן און נעמט אויסבעטן לובענצאוון. אלבינא טרעפט אים בא אט דער ארבעט.

— פאר וועמען בעט איר אויס? — פרעגט זי.

ווארענין ענטפערט איר מיט א געוויסער שאדנפרייד:

— וואס הייסט וועמען? דעם פאדפאלקאווניק לובענצאוו, דעם שטאט־קאמענדאנט.

— ער וועט פארן צו מיר. א קאמענדאנט טאר אזוי ניט שלאפן. דאס ווארפט זיין אויטאריטעט.

— ביסט ווידער דא מיט דיין אויטאריטעט! מיש זיך ניט ווו ס'איז ניט דיין זאך! דא זיינען אלע אייגענע. מען דארף ניט איבערזעצן.

אלבינא גיט א גלאנץ מיט די אויגן, נאר זי האלט זיך איין. זי גייט

צו האַרט צו וואָראָנינען, צעשויבערט אים דעם טשוב און רופט זיך שפּאַסיק אָן:

— אוי, סאַראַ שטרענגער דו ביסט! ווי אַ מאָנאַך.

איר שטים האָט אַ כריפּע געטאָן.

אומגעריכט פאַר זיך, כאַפּט זי וואָראָנין אָן פאַר די אַקסלען. נאָר זי רײַסט זיך אַרויס און זאָגט:

— נו, נו, פּאַוואָליע ווי דו פאַרקירעוועסט. איכל זיך קלאָגן צום קאָמענדאַנט.

וואָראָנין זידלט זיך אויס אין דער שטיל און גיט אַ זאָג, ניט אָן אַנטציקונג:

— אוך, ביסטו אַ פאַרשאָלטענע!

— איכל דיר קריגן אַ מיידל, האָב קיין מוירע ניט, — זאָגט אַלבינאַ און פאַרריכט זיך די פריזור, — אַזאַ, אַן עפּעקטנע, וואָס דו האָסט נאָך אַזוינס ניט געזען. פון וועלכער דו ווילסט נאַציאָנאַליטעט. נאָר מיך טשעפּע ניט. פאַר דיר בין איך אַאוסגעשלאָסען!

— גיי דיר צום טײַוול — וואָרטשעט וואָראָנין. רייץ מיך ניט. האָסט מיר דערעסן.

זי שטייט אַ ווײַלע און קוקט ווי ער שפּרייט אויס אויפן דיוואַן דעם שינעל און די בײַקענע קאָלדרע, דערנאָך גיט זי אַ וויג מיטן קאָפּ און רופט זיך אָן מיט פאַראַכטונג:

— זאָל זײַן אַזוי, איכל שוין אַליין אויסבעטן.

נאָר אַנשטאָט זיך צו נעמען אויסבעטן, נעמט זי קלינגען אין טעלעפאָן. זי רעדט אין דײַטש. דערנאָך רופט זי צו וואָראָנינען מיט דער האַנט און גייט אַרויס אויפן באַלקאָן. באַלד פאָרט צו צום הויז אַן אויטאָמאָביל. עס קומען פון אים אַרויס צוויי דײַטשקעס און טראָגן צוויי גרויסע פּעק. דאָרט ליגן, ווי עס ווײַזט זיך שפּעטער אַרויס, קאָלדרעס, קישנס, לײַלעכער, האַנטעכער. איינע פון די דײַטשקעס — אַן עלטערע, אַ דיקע — רעדט צו אַלבינען האַכנאָעדיק, נייגט זיך נידעריק און לייגט צו די הענט צו דער הויכער ברוסט. אַלבינאַ ענטפערט איר קורץ און ניט איבעריק העפלעך.

— גוט, — זאָגט זי עטלעכע מאָל אין דײַטש, נאָר גאַנץ טרוקן.

די צווייטע דײַטשקע, אַ דינסטל מיט אָנגעשפּיצטע אויגן — שטייט בײַ דער וואַנט און קוקט אויף אַלבינען און וואָראָנינען מיט מוירע, אָבער אויך מיט אינטערעס.

אַלבינאַ פירט זיי אַרויס. אירע אויגן זײַנען פול מיט ניצאָכן־פרייד.

— ווי זי לעקט זיך, די אַלטע מאַכשייפע! — זאָגט זי.

— ווער איז זי? — פרעגט וואָראָנין.

— פראַו בעטכער, די באַלעבאָסטע פונעם גאַלאַנטעריי־געשעפט. איך האָב בײַ איר אַמאָל געאַרבעט. די עמעסע קאַנאַליע.

ווען לובענצאָוו לייגט זיך שלאָפן איז שוין צוויי אַזייגער באַנאַכט. ניט אַזוי גיך ווערט ער אײַנגעשלאָפן — פאַר זײַנע פאַרמאַכטע אויגן לויפן אַליץ פּענעמער און לאַנדשאַפטן. און אים דאַכט זיך אַליץ אַז ער פאָרט ערגעץ. אַזוי אָנגעשטרענגט ווי ער לעבט איצט, האָט ער אַפילע אויפן פראָנט, דאַכט זיך ניט געלעבט.

„געפרישטיקט מיט אַ קאַפּיטאַליסט, געמיטיקט מיט אַ גוטבאַזיצערן, וואַרמעס געגעסן מיט אַן ענגלישן באַראָנעט, דעם אָוונט פאַרבראַכט מיט אַן אונטערערדישער קאָמוניסטישער גרופּע — טראַכט ער זיך און שמייכלט —

ווי אין אַן אַוואַנטורע־ראָמאַן. דערציייל עס, וועט מען דיר ניט גלייבן".

ער שלאָפט שלעכט.

אים כאָלעמט זיך, אַז ער קריכט מיט צוויי אויסשפּירער אַף אַ פאַרשנייטן פעלד. זיי זיינען אין ווייסע מאַסקיר־כאַלאַטן. פאַר זיי שוואַרצט זיך אַ פאַסעקל וואַלד, און לינקס צו — אַ דערפל, איינגאַנצן אַ כאָרעוודיקס.

„אין דעם דערפל זיינען דאָ דייטשן" — רופט זיך אָן איינער פון די אויסשפּירערס, און לובענצאָוו דערקענט די שטים פון זיין געוועזענעם אַרדיאַנס טשיבירעוו, וואָס איז אומגעקומען אין דער שטאָט שניידעמיולע. ער וווּנדערט זיך ווי קומט אַהער טשיבירעוו, און עס פרייט אים וואָס טשיבירעוו איז, נאָך אַ לאַנגער אָפּוועזנקייט, צוריקגעקומען, און נישט דערהאַרגעט, ווי מען האָט גערעכנט. און דאָ טאַקע באַשליסט ער אים איבערצולאָזן בא דער קאָמענדאַטור און דערביי וווּנדערט ער זיך גאָרניט, וואָס ער, דער קאָמענדאַנט, קריכט אינעם שניי, ווי אַן אויסשפּירער.

זיי קריכן און פאַרטייען זיך באַלד הינטער אַן עקסטן שטיבל, אַ פאַרלאָזטן, אַ פאַרקוילטן. און זיי זעען ווי איבערן דערפל פאָרן אויטאָמאָבילן, גייען דייטשע זעלנער. נאָר ווען דריי פון די דייטשע זעלנער קומען צו נענטער, כאַפּט זיך לובענצאָוו מיט פאַרוווּנדערונג און שרעק, אַז דאָס זיינען גאָרניט קיין דייטשן, נאָר ענגלענדער, און אייגנטלעך: דער מאַיאָר פרעזער, געוועזענער קאָמענדאַנט פון לויטערבורג, און צוויי ענגלישע אָפיצירן — דער בלויער און דער ברוינער. אַלע זיינען זיי שיקער און פריילעך. מיט זיי איז דאָ די שיינע דייטשקע מיט דער אויפגעשלאָגענער פריזור און מיט דעם באָקאַל אין דער האַנט. לובענצאָוו הערט אָנציען אַ גראַנאַט און זאָגט צו טשיבירעוון:

— וואַרט! דאָס זיינען ניט קיין פאַשיסטן! דאָס זיינען אונדזערע פאַרבינדעטע.

— פאַשיסטן, — שטעלט זיך טשיבירעוו — איך קען ניט קיין פאַרבינדעטע, כאַווער גוואַרדיע־מאַיאָר.

און לובענצאָוו קלערט זיך אין כאָלעם, אַז טשיבירעוו איז גערעכט אין דעם זין, וואָס ער קען בעעמעס ניט קיין פאַרבינדעטע, ווייל ער איז אומגעקומען אין שניידעמילע פאַר דער באַגעגעניש מיט די פאַרבינדעטע. און אויך איצט וווּנדערט ניט לובענצאָוון דאָס וואָס דער אומגעקומענער טשיבירעוו לעבט איצט און איז דאָ מיט אים. ער באַמיט זיך איבערצוציינן טשיבירעוון:

— דו ווייסט ניט, און איך ווייס. דאָס זיינען פאַרבינדעטע, ענגלישע אָפיצירן.

אין האַרצן איז לובענצאָוו מיט אים מאַסקים — ער אַליין פאַרשטייט ניט ווי קומען די פאַרבינדעטע אַהער, אין דעם, דאַכט זיך, ווייסרוסישן דאָרף. ער זאָגט:

— איך פאַרשטיי ניט.

דעמאָלט הייבט טשיבירעוו אויף דעם גראַנאַט. לובענצאָוו כאַפּט אים אָן אַ פאַרצווייפלטער, בא דער האַנט, נאָר דער גראַנאַט פליט שוין, צייכנט אָן אַ פינצטערע שווערע דוהע אין דער לופטן.

נאָך אַנדערע כאָלוימעס כאָלעמען זיך אים. וויזיעס, גאָרניט ענלעכע צו דער וואָר, נאָר מיט איר פאַרבונדן, מיט איין שטריך אָדער מיט אַ צווייטן, און פייניקן אים ביז אין דער פרי.

און פון אין דער פרי הייבט זיך ווידער אָן דאָס וואָרע לעבן, וואָס איז ענלעך צו אַ כאָלעם, אַזוי פרעמד צו סערגיי לובענצאָווס גאַנצן פאַרגאַנגענעם

לעבן. עס הייבן אן פארבייגיין פארביי אים א אומענדלעכע ריי סאכרים, פאבריקאנטן, געוועזענע נאציס, באן־באאמטע, פאסטארן, מענטשן פון אלע אייראפעישע פעלקערשאפטן, צונויפגעטריבענע פון היטלערן קיין דייטשלאנד. זיי בעטן וווינונגען, באהייצונג, ברען־שטאף, שויבן־גלאז, ליצענזיעס אף אויטאמאבילן, פאסיר־שיינען אף אהיימפארן, באפרייונג פון מיליטערישער איינקווארטירונג; קלאגעס אף די ענגלענדער וואס האבן פאר עפעס ניט באצאלט, אף רוסן וואס האבן עפעס צוגענומען, אף אמעריקאנער וואס האבן זיך עפעס צוגעאייגנט, אף עמעצן וואס האט אפגעפריצעוועט די פראנצויזן. רעפאטריאנטן פאדערן גערעכטיקייט בא די דייטשן, דייטשן בא די רעפאטריאנטן; ארבעטער בעטן שוץ קעגן די פאבריקאנטן, פאבריקאנטן בעטן שוץ קעגן די איבערגעטריבענע פאדערונגען פון די ארבעטער. פארכמורעטע און פריילעכע, אויסגעמאטערטע און אנגעפרעסענע, אלטע און יונגע, גייען אויף און אפ באם קאמענדאנטישן טיש. יעדערער מיט זיין זארג, מיט זיין אומגליק, מיט זיין אויפן ריידן, שרעקן זיך, פרייען זיך.

לובענצאוו פארשקעט נאר אפ ווי א שווימער אין א שלעכטן וועטער און הערט ניט אויף אויפעמען מענטשן. אלץ איז אים אינטערעסאנט. נאר נאכן טאג, פארשטייט ער, אז וויטער קען אזוי ניט גיין: ניט ער איז הערשער איבער דער לאגע, נאר איר אויספירער, וואס מוז זיך פארנעמען נאר דערמיט וואס הונדערטער בעטער בינדן אים אן.

זעלענבאך שיקט צו אים יעדן איינעם, אומעקליבן. פונעם ראטהויז צו דער קאמענדאטור, פארביי די הייזער, דערנאך גלייך איבער די כורוועס, ציען זיך מענטשן ווי א קייט, אזוי אז צייטנווייז דערמאנט עס אן אגאנעק נאך ברויט. און פאר דער קאמענדאטור, אפן פלאץ, איז לעבעדיק ווי אף א מארק.

טכילעס לויבט ווארענין דעם בירגערמייסטער: אן אונדז, הייסט עס, באשליסט ער ניט קיין זאך, ער פלייסט זיך. נאר וואס לענגער דאס דויערט, ווערט לובענצאוו אלץ טרויעריקער ווען ער הערט ווארענינען אזוי ריידן. איינמאל, בעיים דער קורצער האפסאקע, וואס ער שניידט פאר זיך אויס אף ווארעמעס עסן, האלט ער ניט אויס:

— כ'האב מוירע — זאגט ער — אז זעלענבאך נעמט אונדז אפן זיכער. ער ווארפט אלץ ארויף אף מיר. איך ווייס פאשעט ניט וואס צו טאן. וואלטן כאטש וואס גיכער די אפיצירן אנגעקומען. איינער אליין וועל איך דא אונטערגיין.

אלבינא לאכט שפאטיש און גיט אים אן אייצע:

— באשטימט אויפנאם־שאען.

דער אויסגאנג פון דער לאגע איז א גאנץ פאשעטער, נאר פאר לובענצאוו, וואס איז ביז איצט קיינמאל קיין ביוראקראט ניט געווען, איז ער מאמעש געניאל. ער האט באקומען פרייע צייט אף באקענען זיך מיט זיין ראיאן און אף שמועסן מיט די מיט וועמען עס איז בעעמעס נייטיק צו שמועסן. אפן צווייטן פרימארגן רופט ער צו זיך ארויס די פירער פון די פיר פאליטישע פארטייען. וואס זיינען דערלויבט פון דער אליירטער קאמאנדירונג. די קאמפארטיי איז אף דער בעראטונג פארטראטן פון קורט לערכע, וואס לובענצאוו קען אים שוין פון דער אייערנעכטיקער באגעגעניש. פאר די צוויי טעג איז לערכע ווי אן אנדערער געווארן. דאס פאנעם איז בא אים, ווי פריער, בלייך און אין זיך פארשלאסן; ווי פריער איז זיין קליידונג אן אפגעטראגענע — א קורץ פידזשאקל און הויזן פון אומבאשטימטן קאליר, מיט שטארק צעדריוולטע פאלבן בא די ארבל און קאלאשעס, א סוועדערל, פארלאטעט פון א ניט־געניטער האנט, נאר אין זיין שטים האבן זיך באוויזן מע־

טאלענט טענער, זײַנע זשעסטן זײַנען געווארן זיכערער, די פארטרעטער פון די אנדערע פארטייען, וואס זײַנען מיט אים צוזאמען געקומען, שרעקן זיך פאר אים גאנץ אפן — ביפראט פראנץ יאסט, דער פירער פון דער סאציאל־דעמאקראטישער ארגאניזאציע. לערכע באציט זיך צום סאציאל־דעמאקראט מיט אפענער סינע און האט שוין עטלעכע מאל גערעדט דראענדיק וועגן „די פארטרעטער וואס האבן היטלערן געבראכט צו דער מאכט". אט די שרעקלעכע ווערטער ווענדט ער דירעקט צו יאסטן, וואס פילט זיך דערבײַ שלעכט, דרייט זיך די גאנצע צײַט אף זײַן שטול, קארטשעט זיך און קוקט אף לובענצאוון מיט זײַנע שיינע קאשטנקאלירטע אויגן.

לערכעס פײַנטשאפט געפינט א לעבעדיקן אפקלאנג אינעם הארצן בא לובענצאוון, וואס ער אליין ווי א קאמוניסט, פילט א טיפע סינע צו די דײַטשע סאציאלדעמאקראטן. נאר ער באמיט זיך צו פארבלײַבן רויִק און אביעקטיוו; ער געדענקט, אז ער איז א קאמענדאנט, דאס הייסט, אן אפיציעלע פערזאן און ניט דער פארטרעטער פון דער גרעסטער קאמפארטיי אין דער וועלט. לובענצאוו באציט זיך דערום צו אלע ארײַנגעקומענע גלײַך, ער דריקט אלע פיר די הענט.

דעם קריסטלעך־דעמאקראטישן פארבאנד שטעלט פאר דער וועטערינאר עריך גרעלמאן — א הויכער שווערער זאקן מיט לאנגע גרויע האר, די ליבעראל־דעמאקראטישע פארטיי שטעלט פאר דעם שוטעף פון דער גרויסער שנײַדער־פירמע „מיולער און מאוריציוס", הוגא מאוריציוס, אן עלעגאנטער יונג אויסזעענדיקער מענטש פון א יאר פופציק, א שנײַדער מיט א פנעם פון אן אריסטאקראט.

XIV

לובענצאוו באזעצט די פארטרעטער אין פאטעלן, באקענט זיך מיט זיי,ווארפט זיך דורך מיט עטלעכע ווערטער און טראכט זיך: „און וואס ווײַטער?" ער פילט זײַן פולשטענדיקע ניט־צוגעגרייטקייט צו דער איצטיקער מעסובע. ער איז ניט באקאנט מיט די פראגראמען פון די פארטייען, מיט זייערע צווישן־באציונגען, און ווײַל בא זיך אין דער היים איז ער צוגעוווינט צום סיסטעם פון איין איינציקער פארטיי, קען ער ניט פארשטיין צו וואס מען דארף האבן אזוי פיל פארטייען, דעמאלט ווען אלע דארפן האבן איין אויפגאבע: איבערבויען דײַטשלאנד אף נײַע יעסוידעס, אויסווארצלען פון איר באוווסטזײַן דעם נאציזם און די אגרעסיווקייט.

די געסט אליין ראטעווען אים ארויס. זיי בעטן דערלויבעניש אויסצולייגן זייערע באדערפענישן און זייערע ביטעס. און ווײַל זיי רעכענען אז דער קאמענדאנט איז א קאמוניסט, לייגן זיי פאר לערכען ער זאל זיך ארויסזאגן דער ערשטער.

לערכע ווידער, פאלט אן באלד פון אנהויב, אף זעלענבאכן, אף די פירונגען וואס הערשן אינעם מאגיסטראט, ער באקלאגט זיך אף דער שווערער לאגע, אין וועלכער עס האבן אוועקגעשטעלט די קאמפארטיי „די אלע הערן", וואס האבן זיך געפונען אונטער אמעריקאנישער שוץ און דערנאך פון דער ענגלישער קאמענדאטור. ער זאגט זייער גערעכטע זאכן, נאר לובענצאוון שאקירט עפעס אין זײַנע ווערטער. ערשטנס, איז ניט טאקטיש און ניט קלוג איבערצוכאזערן די גאנצע צײַט, אז איצט, הייסט עס, וועלן מיר אײַך ווײַזן, וועלן מיר אײַך אנלערנען", דאס הייסט, אן אויפהער אונטערשטרײַכן, אז די סאוועטישע מאכט וועט אפן ערשטן פלאן שיצן די קאמוניסטישע פארטיי.

דערצו דריקט זיך לערכע אויס צו יובלדיק מיט אַזוינע אויסדרוקן ווי „הימלשרײַענדיקע פֿאַקטן", „דער גורל איז געוואָרפֿן" און דאָס גלײַכן.

קעדיי צו ווײַזן די איבעריקע זײַן נאָנטקייט מיט דעם קאָמענדאַנט, זאָגט אים לערכע צווישן אַנדערן, פֿאַרבײַגייענדיק, אַז קאַרלען (אַזוי רופֿט ער וואַנדערגאַסטן) און די „מוטטי" האָט מען אַרויסגערופֿן קיין האַלע און זיי וועלן, וואַרשײַנלעך, אַרבעטן אין דער פּראָווינץ־רעגירונג.

נישט געקוקט אַף לערכעס גאַנצער בייזקייט און נערוועזשקייט, דערשפּירט פּלוצעם לובענצאָוו אין זײַן באַנעמונג עפּעס קינדישעס און נעבעכדיקס. ווער קען דען פֿאַרורטיילן זײַן אומשולדיקן כיישעק, נאָך אַזוי פֿיל יאָרן דערנידערונג, צו ווײַזן „אַט די הערן" זײַן יובל, נו יובלט ער. אין זײַנע שמאַטעס האַלט ער זיך ווי ער וואָלט געטראָגן אַ מאַנטיע, און, ווי מאָדנע, די קינדישע שטריכן, אומגעריכטע באַ אָט דעם בייזן און גאַליקן מענטשן, מאַכן אים נאָענט לובענצאָוון.

דערנאָך רעדט גרעלמאַן און נעמט אונטער זײַן שוץ זעלענבאַכן. ער זאָגט, אַז ער האָט זיך באַטייליקט אינעם קאָמפּלאָט פֿונעם „20טן יולי"; זײַנע אַ קרויווע האָט אויסבאַהאַלטן אַן אַמעריקאַנישן פּליִער אין דעסוי; זעלענבאַך האָט טאַקע ניט געגעבן קיין דירע דער קאָמפּאַרטיי אאַ"וו, נאָר אַזאַ איז געווען די אָנווײַזונג פֿון די קאָמענדאַטורן, פֿון „יענע קאָמענדאַטורן, וואָס זײַנען דאָ געווען פֿאַר אײַער קומען", — זאָגט ער זייער פֿאַרזיכטיק.

מאַוריציוס קומט אָפּ מיט שפּאַסערײַ. יאָסט שווײַגט. אַלע וואַרטן וואָס דער קאָמענדאַנט וועט זאָגן. לובענצאָוו זאָגט, אַז די מאַטעריעלע לאַגע אין שטאָט און אינעם ראַיאָן איז זייער אַ שווערע, די באַפֿעלקערונג האָט ניט קיין הייצונג, אַ סאַך וווינען אין כורוועס. די אַרבעט פֿון אָפּראַמען די גאַסן פֿירט זיך שלאַבעריק. אין דער באַפֿעלקערונג הערשט פֿאַרלוירנקייט, אומפֿאַרשטענדעניש, טיפֿע דערשלאָגנקייט. אַלע פֿיר פּאַרטייען מוזן צוזאַמענאַרבעטן, קעדיי צו פֿאַרבעסערן די לאַגע, אויפֿצולעבן די אַנטיפֿאַשיסטישע קויכעס.

וואָס שאַיעך דעם בירגערמײַסטער, זאָגט לובענצאָוו, גייט עס ניט אין דעם צי ער איז פֿריִער געווען גוט, נאָר צי וועט ער זיך קענען ספּראַווען מיט דער אַרבעט אַף ווײַטער. לובענצאָוו לייגט פֿאָר צוזאַמענרופֿן אַן אַנטיפֿאַשיסטן־פֿאַרזאַמלונג און לייזן די פֿראַגע. עפּשער איז צוועקמעסיק אָוועקצושטעלן פֿאַר בירגערמײַסטער אַ יִינגערן, אַ מער רירעוודיקן מענטשן ווי הער זעלענבאַך, וואָס לובענצאָוו האָט קעגן אים פּערזענלעך גאָרניט.

„איך ווער אַ דיפּלאָמאַט" — טראַכט ער זיך אַ צופֿרידענער מיט זיך, נאָר מיט דעם טרויעריקן געפֿיל מיט וועלכן מען טראַכט זיך: „איך ווער אַלט".

לובענצאָוו וואַרט אָפּ ביז אַלבינאַ וועט איבערזעצן זײַנע ווערטער און זאָגט צום לעצט, אַז די נאַציס און די וואָס האָבן זיי געהאָלפֿן, וועלן האָבן האַרבע שטראָף.

דער קאָמענדאַנט הייבט זיך אויף און גיט דערמיט אָנצוהערן, אַז די זיצונג איז געשלאָסן. נאָך אים שטייען אַלע אויף, נאָר איין יאָסט בלײַבט זיצן אינעם פֿאָטעל. ניט אָן גרונד דערצו, נעמט ער דעם קאָמענדאַנטס לעצטע ווערטער אַף זײַן כעשבן, ער ווערט מיט אַ מאָל רויט און רופֿט זיך אָן אַ צערודערטער:

— איר האָט זייער ריכטיק געזאָגט. אַלע אַנטיפֿאַשיסטן מוזן זיך איצט פֿאַראייניקן. ביפֿראַט מיר, די אַרבעטער־פּאַרטייען. די קאַרבאָנעס פֿונעם טעראָר.

צוליב דעם וואָס לובענצאָוו הערט אים ניט, — ער הערט אים ניט אויס

אַנטיפּאַטיע — שטעלט זיך יאָסט אויף און נעמט עפּעס אויפגערעגט מורמלען אַלבינען אַפן אויער. לובענצאָוו געזעגנט זיך דערווײַל מיט די איבעריקע. שוין בײַ דער טיר, פרעגט ער אַלבינען:

— וואָס... כאַפּעט ער זיך אַזוי צו אײַך?

זי ענטפערט אים אויך אין רוסיש:

— ער קלאָגט זיך אַף אַט דעם... — ווײַזט זי אומבאַמערקט מיטן קאָפּ אַף לערכען. — ער זאָגט, אַז ער איז אויך געווען אינעם קאָנצענטראַציע־לאַגער.

לובענצאָוו קוקט אומצוטרוילעך אַף לערכען. און לערכע רופט זיך אָן בייז:

— יאָ, יאָ, יאָ, נאָר ווען ניט זיי וואָלט אין דײַטשלאַנד ביכלאַל קיין קאָנצענטראַציע־לאַגערן ניט געווען.

„אַ האַרט ניסל" — טראַכט זיך לובענצאָוו. ער גייט אַרויס אינאיינעם מיט אַלעמען און בײַם לעצטן געזעגענען זיך ווענדט ער זיך פּלוצעם צו מאַוריציוסן:

— ווי איך זע, האָט מאַוריציוס קוקט איר אַף דעם האָר לערכע מיט אַ געוויסן אינטערעס. און ניט אומזיסט, מיין איך, ס'איז אַ פּראָפעסיאָנעלער אינטערעס. מיסטאַמע ווילט איר אים אויפנייען אַן אָנצוג. און איך בעט אײַך מיט אַן עמעס, באַקליידן די נויטבאַדערפטיקע אַנטיפאַשיסטן ווי בעסער און וואָס גיכער.

עס וועט זײַן געמאַכט, — זאָגט ער.

נאָך דער אויפנאַמע, פאָרט לובענצאָוו אַרויס איבערן ראַיאָן. דאָס איז אַ געדיכט באַפעלקערט, פון דער מילכאָמע ניט געליטן — אַ כוץ דער שטאָט גופע — געבענטשט שטיק ערד. זײַן מײַרעוודיקע טייל ליגט אין די בערג, באַוואַקסענע מיט יאָדלע־וואַלד, די מיזרעכדיקע פלאַכלאַנד־טייל איז באַדעקט מיט ווערבעס, מיט גרינסגערטנער און פרוכטגערטנער.

דרײַ טעג נאָכאַנאַנד פאָרט לובענצאָוו אַרויס יעדן פרימאָרגן פון דער שטאָט, דאָ מיט איין וועג, דאָ מיט אַ צווייטן און קומט אַהיים שפּעט אין אָוונט. ער שטעלט זיך אָפּ אין די הינטער־שטעטלעך, אַף די מינען, באַקוקט די אונטערנעמונגען, טרינקט ביר אין דאָרפישע „גאַסטהאָפס", ווו עס קומען זיך צונויף אין אָוונט די פויערים. ער שמועסט מיט די דאָרפישע בירגער־מײַסטערס און פּאַרטיי־פירערס און אַלץ וואָס ער דערוויסט זיך פאַרשרײַבט ער אין זײַן נאָטיץ־ביכל, וואָס ווערט גיך פאַרוואַנדלט אין אַן אייגנאַרטיקן האַנטבוך איבער אַלע איניאָנים און נויטן פונעם לויטערבורגער ראַיאָן.

שפּעטער לויבט מען אים פאַר אָט די אומויפהערלעכע רײַזעס, באַגעגעענישן און קאָנטשאַפטן, פאַר זײַן דראַנג אַלץ צו זען מיט די אייגענע אויגן, אין אַלץ „זיך פונאַנדערצוקלײַבן אַפן אָרט", און דאָס אַלץ רופט מען אָן „ריכטיקער סטיל פון אַרבעט". נאָר דער „סטיל" באַקומט זיך פון זיך — ער איז דער רעזולטאַט פון אַ שטענדיקן זשעדנעם אינטערעס צום לעבן, וואָס לובענצאָוו איז מיט אים איבערגעפולט, אַליין דערפון ניט ווייסנדיק. אין די פּלענער, וואָס ער שטעלט פאַר זיך אויס יעדן טאָג, פאַרנעמט דעם ערשטן אָרט דער ווערב „באַקענען זיך". נאָר בעייסן באַקענען זיך, מישט ער זיך אַרײַן אין אַלץ וואָס פאָדערט אַרײַנמישונג.

ווען ער קומט אין אָוונט אין דער קאָמענדאַטור, פרעגט ער פאַר אַלעמען בײַ וואָראָנינען צי זײַנען שוין אָנגעקומען די אָפיצירן, וואָס דער גענעראַל קופּריאַנאָוו האָט זיי אים צוגעזאָגט נאָך מיט אַ וואָך צוריק. די אָפיצירן קומען ניט, און לובענצאָוו רעדט אַלץ קיין אַלטשטאַט.

און אַט, ווען ער קומט צוריק אַפֿן דריטן טאָג אין דער קאָמענדאַטור, טרעפֿט ער וואָראָנינען אַפֿן גאַניק. וואָראָנין וואַרט אַף אים.

— מאָרגן קומען זיי, — זאָגט ער.

— ריכטיק אַז זיי קומען?

— ריכטיק אַז זיי קומען. גענעראַל קופּריאַנאָוו אַליין האָט אָנגעקלונגען.

אַף די טרעפּ אַרויפֿגייענדיק, פֿרעגט ער וואָראָנינען וועגן אַלץ וואָס אין דעם טאָג איז געשען. וואָראָנין לייענט אים דאָס צעטל פֿון די וואָס זײַנען געקומען און פֿון די וואָס האָבן אָנגעקלונגען טעלעפֿאָניש.

— לערכע איז געקומען (אין אַ נײַעם אָנצוג — מערקט אָן וואָראָנין). געבעטן האָט אַן אויפֿנאַמע דער סופּעראינטענדענט קלאַוסטאַל — דער קאָפּ פֿון די אָ־טיקע לוטעראַנער; דרײַ מאָל איז געקומען צו לויפֿן דער באַלעבאָס פֿונעם קינעמאַטאָגראַף מיט אַ צעטל קינאָ־בילדער, וואָס ער בעט דורכקוקן און דערלויבן זיי צו ווײַזן. געקומען איז אַן אַרבעטער־דעלעגאַציע פֿון דער מאָטאָרן־פֿאַבריק. געקומען איז צו פֿאָרן דער פּאָלקאָווניק סאָקאָלאָוו — דער קאָמאַנדיר פֿונעם רעגימענט וואָס שטייט אַרויס דער שטאָט (באַ אים נעמט וואָראָנין זעלנער פֿאַר די וואַכפּאָסטנס) — ער וויל זיך באַקענען מיט דעם קאָמענדאַנט.

— צוליב וואָס איז געקומען לערכע, ווייסטו נית?

— זיי האָבן אַראָפּגעזעצט דעם בירגערמײַסטער. זיי בעטן באַשטעטיקן פֿאַר בירגערמײַסטער פֿאָרלענדערן — איר געדענקט, יענעם, דעם לאַנגן?

לובענצאָוו דרייט זיך אום צו אַלבינען, וואָס גייט אים נאָך פֿון הינטן:

— מען דאַרף זיי איבערגעבן — זאָגט ער — אַז פֿאָרלענדער איז באַשטעטיקט.

— פֿאַראַן, — ענטפֿערט קורץ און צו דער זאַך, אַלבינאַ.

זיי גייען אַרײַן אַלע דרײַ אינעם קאַבינעט. אַלבינאַ טוט באַלד אויס איר היטעלע, זעצט זיך אַוועק אַף אַ שטול אין אַ ווײַטן ווינקל, נעמט אַרויס פֿון איר זעקל אַ נאָטיץ־ביכל, לייגט עס אַוועק אַפֿן פֿענצטער־אַ׳לען און נעמט שנעל שרײַבן — מיסטאָמע די פֿאַראָרדענונג וועגן דער באַשטעטיקונג פֿונעם נײַעם בירגערמײַסטער.

לובענצאָוו קוקט דורך דאָס צעטל וויזיטאַנטן און פֿרעגט:

— וואָס־זשע האָסטו זיי אַלעמען געזאָגט?

— ווי ווען, — שמייכלט וואָראָנין. — די אַרבעטער, זאָלן קומען אין אָוונט, די קאַפּיטאַליסטן, אַז איר וועט אין די נאָנטסטע טעג ניט זײַן, דעם פּאָלקאָווניק סאָקאָלאָוו, אַז איר וועט צו אים צופֿאָרן, דעם גאַלעך — ער זאָל אָנקלינגען אין טעלעפֿאָן.

— ווער־זשע האָט איבערגעזעצט?

וואָראָנין ווערט אַביסל צעטומלט און איז זיך מודה אַ פֿאַרשולדיקטער:

— איך האָב געמוזט רופֿן דעם אַלטיטשקן קראַנץ.

לובענצאָוו איז אָנגעכמורעט.

— מער זאָל דאָס ניט זײַן — זאָגט ער. ער שווײַגט אַ ווײַלע און פֿרעגט:

— ווי איז מיט אָפּראַמען די גאַסן?

— מען ראַמט, נאָר קיין באַזונדערן ענטוזיאַזם זעט מען ניט. קוים מען רירט זיך. אַלבינאַ זיצט אין ווינקל און קוקט אַף לובענצאָוון מיט פֿאַרליבטע אויגן. אַט דאָס מין קוקן, וואָס האָט זיך באַ איר אָנגעהויבן פֿון זינט זיי פֿאָרן איבערן ראַיאָן, באַאומרויִקט לובענצאָוון. ער פֿילט זיך אומבאַקוועם פֿון דעם עלאָקווענטן און ניט באַשיידענעם בליק. כאָטש דער בליק

איז צו עלאָקוועגט אַף צו זײַן אַן עמעם פֿאַרליבטער, נעמט אים אָן לובענצאָוו — אַ ניט געניטער אין אַזעלכע זאַכן — פֿאַר גוט געלט און פֿילט אַ אומקלאָרע שרעק. ער פֿילט זיך קימאַט שולדיק דערין, וואָס ער האָט קיין רעכט ניט און קען פֿאַשעט ניט ענטפֿערן מיט ליבע אַף אַלבינעס ליבע.

וואָס שאַיעך אַלבינען, וווּנדערט זי זיך שטאַרק אַפֿן קאָמענדאַנטס אָפּגעהאַלטנקייט און אַף זײַן גאַנצער באַנעמונג. זי באַשליסט באַ זיך אַז אים געפֿעלט ניט איר לעבעדיקייט, איר באַריידעוודיקייט, און זי איז די לעצטע טעג שווײַגעדיק, פֿאַרטראַכט, זי באַמיט זיך אירע אויגן זאָלן האָבן אַ טרוימערישן אויסדרוק. נאָר ס'איז ניט צו מערקן די שפּיל זאָל צו עפּעס פֿירן.

אַכוצדעם מערקט זי באַ אים אַ פֿולשטענדיקע און איבעראַשנדיקע אָפּוועזנקייט פֿון אינטערעס צו אַלע טאַנוגים פֿון לעבן, וואָס זי אַליין שאַצט זיי זייער הויך. מען האָט זי מיט אַן עמעם אַוועקגעפֿירט פֿון כאַרקאָוו אינעם 42סטן יאָר, נאָר געפֿאָרן איז זי קימאַט גערן, מיט דער אויסרעכענונג, אַז מיט אַ ביסל פֿעיִקייט, קען מען אין דײַטשלאַנד לעבן בעסער און אינטערעסאַנטער ווי אין דער אָקופּירטער כאַרקאָוו. עמעס, זי האָט זיך אַנטוישט, דאָ איז איר אויסגעפֿאַלן צו פֿאַרזוכן אַ היפּש ביסל נויט. דערפֿאַר, זײַנען אירע געדאַנקען, איצט, נאָך דער באַפֿרײַונג, געווענדט צו איין זאַך, אָנצויאָגן דאָס דורכגעלאָזטע. אין פֿאַרבינדונג מיט דעם שטענדיקן אַרומפֿאָרן, האָט זי איצט קיין צײַט ניט אויסנוצן איר ווירקונג ווי דעם קאָמענדאַנטס איבערזעצערן און פֿאַרטרויענסמענטש. נאָר עפּעס האָט זי באַוויזן. די באַלעבאַטים פֿון פֿאַרשידענע געשעפֿטן שיקן איר אַף אַהיים זאַכן. די וווינונג וואָס זי האָט געדונגען באַ אַ בוכהענדלער, איז באַ די ערשטע יעדיִעס וועגן דעם אַז עס קומט אַהער דאָס סאָוועטישע מיליטער, פֿאַרוואַנדלט געוואָרן שיִר ניט אין אַ קאָמיסיאָנס־געשעפֿט — אַזוי פֿיל קלייניקייטן זײַנען דאָ פֿאַראַן, אַזוי פֿיל מעבל, ראַדיאָ־אַפּאַראַטן און דאָס גלײַכן.

אַלבינען וווּנדערט דעם קאָמענדאַנטס אומאייגננוציקייט; זי האָט שוין געפּרוּווט אַ רעד טאָן וועגן אַ וווינונג פֿאַר אים; איר פֿרייט אַפֿילע דאָס וואָס אים פֿעלט ניט אײַן פֿרעגן פֿון וואַנען נעמט זיך דאָס בעטגעוואַנט אַף וועלכן ער שלאָפֿט אין איינעם פֿון די צימערן אינעם הויז אַפֿן שטאָטפּלאַץ. און איז דאָך אַנטציקט מיט אָט דעם כאַראַקטער־שטריך זײַנעם. ער זעט באַ איר אויס אַ מענטש ניט פֿון דער וועלט. קיינער ווערט ניט אַזוי אַנטציקט פֿון העלדישקייט ווי מענטשן וואָס זײַנען ניט פֿעיִק אַף העלדישקייט; קיינער ווערט ניט אַזוי גערירט פֿון אומאייגננוציקייט ווי זשעדנע מענטשן און האַבונעס. לובענצאָוו וואָס האַלט זיך פֿאַר אַ פֿאַרניפּטיקן ניכטערן מענטשן, אַ דורכויס פּראָזאַיִשן, איז אין אַלבינעס אויגן אַ מאָדנער מענטש, ניט ענלעך אַף קיינעם, אַ פּאָעטישער. דאָס וואָס פֿאַר אים איז ביז גאָר פֿאַרשטענדלעך, איז פֿאַר איר אומפֿאַרשטענדלעך, אומענדלעך ווײַט פֿון דער געוויינלעכקייט. דאָ ווײַזן זיך אַרויס צוויי קעגנגעזעצטע וועלט־אַנשויונגען, און דערין איז לובענצאָוו אַ סאַך ווײַטער פֿון אַלבינען, ווי זי פֿון אַ מענטשן־ענלעכער מאַלפּע, כאָטשביידע וויסן עס ניט.

XV

גאַניץ פֿרי וועקט אויף לובענצאָוון וואָראָנין.

— די אָפֿיצירן זײַנען דאָ.

לובענצאָוו שפּרינגט אויף, טוט זיך אָן און גייט צו זיך אין קאַבינעט, וווּ עס וואַרטן אַף אים די נײַע דינסט־כאַווירים. ער עפֿנט די טיר און פֿונעם

דיוואַן הייבן זיך אויף אַקעגן אים דרײַ מענטשן אין שינעלן. זיי טראָגן צו די רעכטע הענט צו די דאַשקעס פֿון זייערע היטלען און, אַלע מיט אַמאָל, שטעלן זיי זיך פֿאָר.

— ניט מער ווי דריי? — פֿרעגט לובענצאָוו אַף שנעל. — און די איבעריקע קלײַבט מען נאָך אַלץ אונעטר און מען קען זיי בעשום אויפֿן ניט אונטערקלײַבן? טוט אײַך אויס, די שינעלן, כאַווײרים. — ער רופֿט צו וואָראָנינען, מען זאָל עפּעס דערלאַנגען צום פֿרישטיק. ווען די אָפֿיצירן טוען זיך אויס און זעצן זיך ווידער אַוועק אפֿן דיוואַן, רוקט ער צו צו זיי אַ שטול און זעצט זיך זיי אַקעגן. מער ווי אַלץ האָט ער מוירע צו זײַן אָפֿיציעל און וויל זיי זאָלן פֿאַרשטיין, אַז אַלע אינאײנעם זײַנען זיי אַ קליינע סאָוועטישע קאָלאָניע אין אַ דײַטשער שטאָט; מער ווי דינסט־כאַווײרים, זײַנען זיי פֿרײַנט און אידייען־כאַווײרים. דערפֿאַר טאַקע זעצט ער זיך ניט צום טיש און נעמט זיי ניט טייקעף אויספֿרעגן ווו זיי האָבן פֿריִער געאַרבעט און אַזוי ווײַטער זאַכן, וואָס געהער צו פֿרעגן אין אַזעלכע פֿאַלן. ער הייבט אַליין אָן דערציילן: וועגן לויטערבורג און איר ראַיאָן, די סוויווע אַרום דער שטאָט, וועגן אַלערליי דײַטשן, וואָס ער האָט אין די עטלעכע טעג אָנגעטראָפֿן, וועגן די פּראָבלעמען, וואָס שטייען פֿאַר דער קאָמענדאַטור; ער באַהאַלט פֿון זיי אויך ניט אויס דעם אומשטאַנד, אַז די דײַטשן, וואָס האָבן ביכלאַל געוווּג גרונד מוירע צו האָבן פֿאַר די רוסן, זײַנען דאָ, אין די געגנטן באַזונדער אָנגעשראָקן. צום באַדויערן, האָט ניט די לעצטע ראָל געשפּילט דערבײַ די מאָדנע פּראָפּאַגאַנדע וואָס דאָ האָבן געפֿירט די אַלײַירטע אָקופּאַציע־מאַכטן.

בעייסן שמועס, אָבסערווירט ער, נאַטירלעך, זײַנע כאַווײרים, ער שאַצט זיי.

אין זײַן ניט לאַנגן, נאָר מיט אײַנדרוקן רײַכן לעבן, האָט ער זיך אָנגעמערקט, אַז מענטשן קען מען אײַנטיילן, לויט זייער אויסערלעכקייט, אין עטלעכע גרעסערע קאַטעגאָריעס און אַז די אייגנשאַפֿטן פֿון יעדער קאַטעגאָריע זײַנען צווישן זיך אין אַ סאַך פֿראַטים ענלעך.

דער מאַיאָר קאַסאַטקין, וואָס מען האָט אים צוגעשיקט אפֿן אַמט פֿון קאָמענדאַנט־פֿאַרטרעטער, — אַ קורצפּיסיקער, אַ גרויסקאָפּיקער און אַ שווײַגער — איז אַ מענטש באַ די פֿופֿציק. זײַן שיין פּאָנעם מיט רעגולערע שטריכן און רויִקע אויגן אונטער שווערע ווייִעס, שאַפֿט דעם אײַנדרוק פֿון אָרנטלעכקייט, מיט אַ געוויסער טרוקנקייט און גראָדליניקייט. ער שמייכלט ניט אָפֿט, נאָר גוט. אַלנפֿאַלס, איז אין זײַן פֿעסטער פֿיגור פֿאַראַן אַזוינס, וואָס ווייעט אָן צוטרוי.

דער קאַפּיטאַן טשעגאַדאַיעוו איז אַ ריזיק קינד, אַ צו דיקער פֿאַר זײַנע דרײַסיק יאָר, מיט אַ גרויסן פּאָנעם, ווו אַלץ איז קליין: די אייגעלעך, דאָס נעזל און דאָס מײַלכל. ער איז אַ לאַכנדיקער און כאָטש איצט, פֿאַרן נײַעם נאַטשאַלניק, לאַכט ער אײַנגעהאַלטן, איז דאָך ניט שווער צו מערקן, אַז אין אַ געוויינלעכער צײַט, ציטערן די שויבן פֿון זײַן געלעכטער. מען האָט אים געשיקט אפֿן אַמט פֿון אָפֿיציר פֿאַר אַגראַר־ווירטשאַפֿט און מיט געלעכטער דערקלערט ער וועגן דעם לובענצאָוון: מיט געלעכטער, ווײַל ביז דער מילכאָמע האָט ער געאַרבעט ווי אַ פּלאַנירער אַף אונטערנעמונגען. עמעס, די אונטערנעמונג איז געווען אַ זאַוואָד וואָס האָט אויסגעאַרבעט אַגראַר־מאַשינען, און דאָס, זעט אויס, איז געווען די אורזאַך מען זאָל אים באַשטימען אַף דעם אַמט.

דער דריטער אָפֿיציר — עלטערער לייטענאַנט מענשאָוו — איז ביז דער מילכאָמע געווען אַ טוער אינעם דאָרפֿישן ראַיאָן־קאָמיטעט פֿונעם קאָמסאָ־

מאָל, פֿאַר דעם האָט ער געאַרבעט אַלס מעטאַל־טאָקער, און געשיקט האָט מען אים אַהער פֿאַר אָפֿיציר איבער אינדוסטריע. ווידער אַן אָפּענער אַבסורד, וואָרעם די טאָקער־מעלאָכע האָט ער שוין לאַנג פֿאַרגעסן און אין אַגריקולטור קלײַבט ער זיך גוט פֿונאַנדער.

— מיילע, — באַשליסט לובענצאָוו. — מען וועט מוזן טאָן פֿאַרקערט. נאָך הײַנט וועל איך זיך וועגן דעם צוזאַמענריידן מיט דעם גענעראַל.

דערווײַל איז מיטן פֿרישטיק ניט גלאַטיק. וואָראָנין מיט דעם שאָפֿער איוואַן דרייען זיך דעם קאָפּ, לויפֿן אַרום, און צום סאָף רופֿן זיי אַרײַן לובענצאָוון אין דער בײַיִקן צימער און זאָגן אים, אַז ס׳איז נישטאָ וואָס צו עסן. די רעזערוון האָבן זיך אויסגעלאָזט. מען דאַרף צופֿאָרן אין רעגימענט עפּעס באַקומען. דאָ קומט אַרײַן אַלבינאַ, זי דערוויסט זיך אין וואָס עס גייט, און זי רופֿט זיך אָן מיט אַ שיצעדישן שמייכל.

— דאָ אינעם געסל איז פֿאַראַן אַ דײַטשע גאָרקיך. דער באַלעבאָס, הער פֿינגעל, וועט געוויסלעך זײַן אויב ער וועט שפּײַזן די טוער פֿון דער סאָוועטישער קאָמענדאַטור.

אַלבינאַ רופֿט צו מיט אַ פֿינגער איוואַנען און פֿאַרשווינדט אינאיינעם מיט אים. איוואַן קומט אַרײַן מיט אַ יונגעטשקער מיידל אין אַ ווײַסן פֿאַרטעכל. זי טראָגט אַ טאַץ, צוגעדעקט מיט אַ סערוועטקע. געבראַכט האָט זי פּאָרעלן אויף דאַמף, אַן אַרטיקער מײַכל, דער שטאָלץ פֿון דער געגנט, וואָס איז פֿול מיט באַרג־טײַכלעך.

נאָך דער קעלנערקע באַווײַזט זיך אַליין דער רעסטאָראַטאָר הער פֿינגעל — אַ הינקענדיקער דײַטשל. ער שיט מיט ליבענסווירדיקייטן און בעט אויסשטעלן אַ מעניו אויף אַ גאַנצער וואָך, קעדיי ער זאָל וויסן וואָס צוצוגרייטן פֿאַר די אָפֿיצירן פֿון דער סאָוועטישער קאָמענדאַטור. ער רעדט פֿרײַלעך, נודיעט ניט, דאָך פֿאַרגעסט ער ניט בעטן אַ ליצענזיע אויף אַ צוגאָבאײַנקויף פֿון פֿלייש, מילך און ברויט צו שפּײַזן די סאָוועטישע אָפֿיצירן. אַגעוו, איז עס גאַנץ נאַטירלעך.

לובענצאָוו טוט אַ קוק אויף זײַן פּנים און פֿרעגט אים:

— איר זײַט געווען אויפֿן פֿראָנט?

— פֿאַרווונדיקט אויפֿן מיזרעך־פֿראָנט — זאָגט הער פֿינגעל און ציט זיך אויס, מיט אַ געוויסן שטאָלץ. עס קען הייסן, ער לויבט די רוסן פֿאַר זייער בעריעשקייט.

— אין וועלכער אַרמיי זײַנט איר געווען?

— אין דער צווייטער טאַנקן־אַרמיי.

— אַ, בײַ היינץ גודעריאַן!

— ריכטיק.

די צווייטע טאַנקן־אַרמיי פֿונעם אָבערסט־גענעראַל גודעריאַן איז לובענצאָוון גוט באַקאַנט געווען.

איבער דער ראַט־פֿאַרבאַנדישער ערד איז זי דורכגעגאַנגען ביז דער ליניע סמאָלענסק־ראָסלאַוול, איז אַריבער אויף דאָרעם און האָט זיך באַטייליקט אין די שלאַכטן אויף אוקראַיִנע. דערנאָך האָט מען זי איבערגעוואָרפֿן צו אָריאָל און ווײַטער — אויף טולאַ. דאָ האָט זי, אינאיינעם מיט מאַסן טעכניק און מענטשן, פֿאַרלוירן איר אימפּעט, מיט וועלכן עס האָט זיך באַרימט דער „שנעל־לויפֿנדיקער היינץ“. — אַזוי פֿלעגן די טאַנקיסטן רופֿן זייער קאָמאַנדיר. פֿאַר אָפּטרעטן אַן אַ דערלויבעניש, האָט היטלער אַראָפּגעזעצט גודעריאַנען און האָט אים געשיקט אין רעזערוו פֿון דער הויפּט־קאָמאַנדע אי־

בער די יאַבאָשע קויכעס. און דער קלײנינקער הערר פֿינגעל איז פֿאַרוווּנדיקט געוואָרן בײַ טולאַ, האָט אָפּגעפֿרוירן די פֿיס און איז אַרײַן אין שפּיטאָל.

מאָדנע, ווי אַט דאָס מענטשל, וואָס האָט אױף זײַן געוויסן ניט ווייניק מענטשלעכע לעבנס און צעשטערטע הײַזער, שטייט איצט בײַם טיש מיט דער סערוועטקע אין דער האַנט, אַ שטילער, אַ לאָמער, אַ שמייכלדיקער, סימפּאַ־טישער, לעבנספֿריידיקער דײַטשל. דער שמייכל בײַ אים אױפֿן פּאָנעם איז ניט קיין כניפֿעדיקער, נאָר אַ קלוגער פּראָפֿעסיאָנעלער שמייכל פֿון אַ רעסטאָראַ־טאָר, וואָס איז מעכאַבעד זײַנע קליענטן.

נאָך מאָדנער איז וואָס לובענצאָוו פֿילט ניט צו אים קיין סינע. און אָט די גרויסע, שוואַרצע, עטוואָס שטאַרצנדיקע אויגן פֿון דעם דײַטש האָבן דאָך געזען די זעלביקע שטעט און דערפֿער וואָס לובענצאָוו האָט געזען אין יע־נעם יאָר 1941. ער איז געווען אַ שיסער און פֿונעם טורעמל קאַלטבלוטיק אָנגעצילט זײַן קאַנאָן אױף דאָס וואָס איז טײַער געווען לובענצאָוון, אױף לו־בענצאָווס לאַנדסלײַט, וואָס האָבן פֿינגעלן קיין שלעכטס ניט געטאָן. ער האָט זיך גרויס געהאַלטן מיט זײַן לויטערבורג: און אױף די פֿאַרכאַפּטע שטעט מיט זייערע מענטשן געקוקט ווי אױף נישטיקיין.

און איצט האָט מען אָוועקגעשטעלט לובענצאָוון זאָרגן פֿאַרן וווּיל פֿון אָט דעם דײַטש און פֿון אַלע לויטערבורגער שטאָטלײַט. און דאָס אומגע־ווײנלעכסטע איז עפּשער דאָס, וואָס לובענצאָוו טוט עס פּונקט אַזוי סאָליד און פֿלײַסיק ווי ער פֿלעגט מיט עטלעכע כאַדאָשים צוריק האַרגענען די פֿינ־געלס און זייערס גלײַכן.

אויב לובענצאָוו איז נאָכן שמועס מיטן געוועזענעם דײַטשן טאַנקיסט אַפֿילע געריכט געווען, קען מען דאָס ניט זאָגן וועגן דעם מאַיאָר קאַסאַטקין, וואָס הערט אויס דעם גאַנצן געשפּרעך מיט בייז פֿאַרקלעמטע ליפּן. ווען דער דײַטש איז אַוועק, רופֿט זיך אָן קאַסאַטקין מיט אַ בייזן בליק אױף לובענצאָוון:

— איצט זײַנען זיי אַלע גוט.

לובענצאָוו פֿאַרלירט זיך אַ ביסל — ער הערט אין די ווערטער אַ פֿאָר־וווּרף און ער טראַכט זיך, אַז דער פֿאָרוווּרף איז אין אַ געוויסן זין אַ גע־רעכטער, — נישטאָ נאָך דערווײַל קיין גרונד געריכט צו ווערן דערפֿון וואָס דער געוועזענער טאַנקיסט איז מעכאַבעד זײַנע געוועזענע קעגנער מיט פֿיש.

אַלבינאַ איז אין דער צײַט אַרויס פֿונעם צימער און ווען זי קומט צוריק זאָגט זי, אַז אינעם וואָרט־צימער איז דאָ אַ גרויסער אוילעם און אַז אַ גע־וויסע פֿראַו ליטוויץ וויל ריידן מיט דעם קאָמענדאַנט. אַלבינאַ דריקט אָן באַזונדער אױף דער פֿראַו ליטוויץ און בײַ לובענצאָוון שאַפֿט זיך דער אײַנ־דרוק, אַז ער דאַרף זי אויפֿנעמען די ערשטע. ווען פֿראַו ליטוויץ קומט אַרײַן, איז שוין דער פֿרישטיק געענדיקט און וואָראָנין ראַמט אָפּ פֿונעם טיש, דאָס איז די זעלביקע דײַטשקע וואָס האָט זיך אים די טעג געכאָלעמט; ער האָט זי געזען מיט דעם מאַיאָר פּרעזער אינעם גאַסטהויז אין די בערג. זי האָט דע־מאָלט אַרײַנגעוואָרפֿן דעם באָקאַל אינעם אָפּגרונט און האָט אַ כליפּע געטאָן, — מיסטאָמע דערפֿון וואָס די ענגלענדער גייען אַוועק.

איצט איז זי אַביסל צערודערט, אָדער זי באַמיט זיך אַזוי אויסצוזען. זי איז אַ הויכע, אַ שיינע, אַ שטאַלטנע און עלעגאַנט געקליידט. אַ רייעך פֿון פּאַרפֿום פֿילט אָן דאָס צימער. זי זעצט זיך אַוועק און נעמט ריידן שנעל, אומ־געריכט הויך און פֿרײַ, און דערבײַ לייגט זי נאַכלעסיק אַוועק איר גרויסע פֿולע האַנט אױפֿן טיש. זי רעדט און לובענצאָוו און די אַנדערע אָפֿיצירן קוקן אױף דער האַנט — זייער אַ ווײַסע און אויב מען קען זיך אַזוי אויסדריקן וועגן אַ האַנט, אַ שמאַכטנדיקע, דאָס הייסט, אַ ביסל אַ ווייכע, ניט פֿון צע־

קראַנקייט אָדער שוואַכקייט, נאָר פון בעקיוונדיקער פּילזאָגנדיקער אָפּגעבאַ־לעשקייט. זי זיצט אַ פּעסטע און פאַרלייגט איין פוס אויף צווייטן. און כאָטש זי זאָגט עפּעס און לייגט דערין אַרײַן איבערצײַגונג און אַפילו היץ, פילט זיך דאָך, אַז זי ווייס, אַז דער איקער איז ניט דאָס וואָס זי זאָגט, נאָר ווי אַזוי זי זיצט.

קאַסאַטקין פאַרוויכערט און נעמט קוקן אין פענצטער, וואָס דאָס קען מען ניט זאָגן וועגן מענשאָוון און טשעגאַדאַיעוון, וואָס נעמען די אויגן ניט אַראָפּ פון דער פרוי.

לובענצאָוו מוז זיך אָנשטרענגען צו ריידן מיט איר אין אָפיציעלן טאָן. אייגנטלעך פאַרשטייט ער ניט וואָס די פרוי וויל פון אים. אין אַלגעמיין, לאָזט זיך עס אויס דערמיט וואָס זי האָט געבראַכט דעם קאָמענדאַנט די אויסאַרבעטונג פון איר פאַבריק — אַן אַלטע פירמע, וואָס עקזיסטירט שוין אַן ערעך הונדערט יאָר און האָט פאַרדינסטן פאַרן דײַטשן עקספּאָרט. זי האָט דאָס געבראַכט צום „אויספּרובירן“, ווי זי דריקט זיך אויס.

— פון אַ וועלכער פאַבריק? — פרעגט לובענצאָוו בײַ אַלבינען.

זי איז די באַלעבאָסטע פון דער ליקער־פאַבריק, — ענטפערט אַלבינאַ זייער שנעל און צו דער זאַך, און איר פּנים ווערט דערבײַ איבערגעטריבן שטרענג. אינמיטן די רייד גייט זי אַנטקעגן אַן עלטערן דײַטש, וואָס טראָגט אַרײַן אַ שיין קעסטל מיט רויט־גאָלדענע באַנדעראָלן. דער דײַטש, ווײַזט זיך אַרויס, איז ניט קיין אַנדערער ווי קראַנץ. ער איז, דעם עמעס געזאָגט, היפּש צעטומלט, און ווען ער שטעלט אַוועק דאָס קעסטל אויף אַ שטול בײַ דער טיר, פאַרנייגט ער זיך געצוווּנגען, און דרייט זיך מיט אַ מאָל אַוועק, ווי אָנצור־דײַטן, אַז ער איז דערבײַ ניט מער ווי אַן אַרבעטס־קראַפט, און איז ניט מאַס־קים מיט דעם אויפטו פון דער פאַבריקאַנטקע. ער האָט מיט אַן עמעסן, ווי ווײַט ער האָט געקענט, געפּרוּווט אָפּריידן פראַו ליטוויץ פון דעם אייסעק, אויף דעם גרונד, וואָס ער קען אַ ביסל דעם סאָוועטישן קאָמענדאַנט און איז זיכער, אַז דער פּאָדפּאָלקאָווניק וועט בייז ווערן.

לובענצאָוו פאַרשטייט שוין אין וואָס דאָ גייט און ווערט אַזש גרין און געל פון צאָרן, נאָר ער האַלט זיך איין און אָנשטאָט אַן ענטפער, נעמט ער אַרויס זײַן נאָטיץ־ביכל און שטעלט פראַגן. דער פאַבריקאַנטקעס ענטפערס פאַרשרײַבט ער. ער פרעגט וויפל ליטער גיט אַרויס די פאַבריק דורכן מעס־לעס; וויאַזוי באַזאָרגט זי זיך מיט רוישטאָף; אויף וואָסערע פרײַזן פאַרקויפט זי איר אויסאַרבעטונג; וויפל האָט זי אַרבעטער און אָנגעשטעלטע; אויף ווי לאַנג איז זי פאַרזאָרגט מיט שפּירט. נאָכדעם ווי ער פאַרשרײַבט דאָס אַלץ, זאָגט ער איר די פאַבריק זאָל ווײַטער אַרבעטן און ניט פאַרקלענערן די אויסאַר־בעטונג; די אָקופּאַציע־מאַכט וועט מיטהעלפן. — בייזע גוליעס לויפן אים איבער די באַקן. — עס איז ניט אויסגעשלאָסן די מעגלעכקייט, אַז די אָקופּאַציע־מאַכט זאָל שליסן אַ קאָנטראַקט אויף אַ טייל אויסאַרבעטונג פאַר איר צווישן־אַרמייִשן האַנדל, און אין שאַיכעס דערמיט, וועט מען דער פאַבריק אַרויסהעלפן מיט רוישטאָף. וואָס שאַיעך אים, לובענצאָוון און זײַנע כאַ־ווײרים, פאַרשטייען זיי זיך ניט אויף אָט דער אויסאַרבעטונג.

בײַ די לעצטע ווערטער גיט זיך קראַנץ אַן אײַליקן פאַרנייג און פאַר־שווינדט אינאיינעם מיט דעם קעסטל אין דער טיר. פראַו ליטוויץ איז שטאַרק אָנגעשראָקן. אירע לאַנגע וויִעס פינטלען פאַרלוירן און זי איז מיט אַ מאָל יינגער געוואָרן, דערמיט וואָס זי האָט אָנגעוווירן איר זיכערקייט אין זיך און איר גרויסוועלטישן טאָן. זי דענקט, נאַטירלעך, אַז דאָס האָט זיך אַזוי באַקור־מען דערפאַר וואָס לובענצאָוו איז געווען ניט אַליין. זי האָט דאָך צוליב דעם

מיטגענומען קראַנצן, קעדיי צו שמועסן מיט דעם קאָמענדאַנט אויג אָף אויג, אַפילע אָן דער איבערזעצערן. איצט ווייס זי ניט וואָס צו זאָגן און וויאַזוי זיך אַרויסצופּלאָנטערן פֿון דער אומאַנגענעמער לאַגע. זי רופֿט זיך אָן:

די בריטישע קאָמענדאַטור האָט אַזוי איינגעפֿירט. איך האָב קיין פֿאַר־שטעלונג ניט געהאַט... איך בעט אַנטשולדיקונג.

נאַטירלעך, זאָגט זי ניט דעם עמעס. ניט די בריטישע קאָמענדאַטור האָט דאָס איינגעפֿירט, נאָר פֿראַו ליוטוויץ אַליין אין דער צייט ווען דאָ זיינען געווען די אַמעריקאַנער און דערנאָך די ענגלענדער. אַזוי אָדער אַנדערש, האָט זי מיט איר ווייבערישן סייכל פֿאַרשטאַנען, אַז ריכטיקער ווי אַלץ איז אַרויס־צוּוואַרפֿן עס אָף זיי. זי האָט ריכטיק פֿאַרשטאַנען, אַז די רוסן באַציִען זיך מיט כשאַד צו זייערע אַלייִרטע. זי ווייס, אַז זיי האָבן דערויף אַ גרונט. לו־בענצאָוו, וואָס איז נאָך דעם אַלעמען, וואָס ער האָט געזען און געהערט, גרייט כווישעד צו זיין די ענגלענדער אין אַלץ, גלייבט אויפֿריכטיק דער פֿראַו ליוטוויץ.

— נו, עס מאַכט ניט אויס, — זאָגט ער און פֿירט אַפילע צו פֿראַו ליוטוויץ ביז דער טיר. נאָכדעם ווי הינטער איר מאַכט זיך צו די טיר, דרייט ער זיך אויס מיט דעם פּאָנעם צו די אָפֿיצירן און רופֿט זיך אָן: אַ שאָד, דאָס קעסטל מיט גוטן ליקער איז אַוועקגעשווומען. ער וואַרפֿט אַ שעלמישן בליק אָף טשעגאָדאַיעוון, וועלכער צעלאַכט זיך דערביי מיט אָפֿענעם מיטגעפֿיל צו זיין וווּ ווערטער. — דאָ האָט איר אייך די קאַפּיטאַליסטישע אַטמאָספֿער. — לויט אַ געדאַנקען־אַסאָציאַציע, וואָס איז אַלעמען גוט פֿאַרשטענדלעך, פֿרעגט ער: — ווו זיינען אייערע פֿאַמיליעס?

— איך בין אַ באָכער, — זאָגט מענשאָוו.

— מיין פֿרוי איז אין מאָסקווע, — ענטפֿערט טשעגאָדאַיעוו — און קיין קינדער זיינען דערווייל נישטאָ.

— מיין פֿאַמיליע איז אין קאָסטראָמאַ, — זאָגט קאַסאַטקין. — פֿיר קינדער. — ער שטעלט זיך אויף, נעמט אומשפּאַנען הין און צוריק איבערן צימער. — איר האָט, פֿאַרשטייט זיך, ריכטיק געהאַנדלט, — זאָגט ער, — מען טאָר ניט פֿאַרלירן דעם זעלבסטקאָנטראָל. נאָר אָרנטלעך גערעדט, וואָלט איך ניט אויסגעהאַלטן. אָט אַ קאַנאַליע, אַ כאַבאַרל געבראַכט. אַ אומפּאַר־שעמטע פֿרוי. ניין, פֿון דעסטוועגן, האָט מען איר געדאַרפֿט זאָגן.

— רופֿט אַרויס אַהער אייערע פֿאַמיליעס. — זאָגט לובענצאָוו. — איך באַמי זיך אויך וועגן דעם מען זאָל מיין פֿרוי דעמאָביליזירן. מען זאָגט מיר צו.

אַלבינאַ, וואָס איז ביז איצט געשטאַנען און געשוויגן, מיט די הענט אָנגעשפּאַרט אָף אַ שטול־אָנלען, מיט איר געווייגלעכן רעטעניש־שמייכל, הערט אויף שמייכלען און רופֿט זיך אָן גאַנץ פּאָשעט:

— אייך האָבן נאָך ניט דערעסן אייערע ווייבעלעך? מענטשן וואַרטן אויפֿגענומען צו ווערן.

די ווערטער שטעלן אַוועק אומגעריכט לובענצאָוון אין אַ קאָמפּליצירטער לאַגע. וואָלט אים אַלבינאַ דאָס געזאָגט ווען קיינער איז נישטאָ דערביי, וואָלט ער געלאַכט. ער וואָלט געשפּאַסט אָפֿן כעשבן דערפֿון וואָס מיידלעך ביז דער כאַסענע האָבן ניט ליב צו הערן ווען מען רעדט צערטלעך וועגן די אייגענע פֿרויען. — דערנאָך ענדערט זיך דער קוק אָף די זאַכן. נאָר איצט, ווען די ווערטער זיינען אַרויסגעזאָגט געוואָרן פֿאַר אומבאַקאַנטע מענטשן — דערצו זייער שאַרפֿער טאָן — קען מען זיי אָננעמען פֿאַר אַ באַווייז פֿון באַזונדערע באַציִונגען צווישן איר און לובענצאָוון. אַ פּאָשעטע אונטערגעאָרדנטע האָט

נישט געטאָרט און נישט געקענט אַזוי ריידן. דאָס רעגט אים אויף נאָר ער האַלט זיך איַין, ער גיט זיַיטיק אַ קוק אַף קאַסאַטקינען און קומט אַרויס מיט אַ נאַרישן שפּאַס:

— מען וועט איַיך דאַרפן כאַסענע מאַכן, איר זאָלט ניט זיַין בייז אַף דער כאַסענע־געהאַטער טייל מענטשהיַיט.

לובענצאָוו שטייט פאַר אַ ראַיזע קיין פּיכטענראָדע צום מאַיאָר פיגאַראָוו וועגן באַזאָרגן רעגולער מיט בענזין לויטערבורג און איר ראַיאָן. די אויפנאַ־מעם וועט איבערנעמען קאַסאַטקין. אַלבינאַ טוט זיך אָן און גרייט זיך באַ־גלייטן לובענצאָוון, נאָר ער זאָגט איר גאַנץ טרוקן.

— איך וועל פאָרן אַליין. דאָרט נייטיק איך זיך ניט אין קיין איבערזעצ־צער. איר וועט דאָ בלײַבן מיט דעם מאַיאָר קאַסאַטקין.

זי גיט אַ בליץ מיט די אויגן, נאָר זי זאָגט גאָרניט. צום ערשטן מאָל פאַר די לעצטע טעג, זעצט ער זיך אַריַין אינעם אויטאָמאָביל אָן איר.

XVI

ווי שטענדיק, איז איוואַן באַריידעוודיק ווען ער פאָרט מיט לובענצאָוון אַליין. ער לויבט די דיַיטשע וועגן, דערנאָך פרעגט ער ווי פילט זיך דער פּאָדפּאָלקאָווניק און צי געפעלט אים זיַין אַרבעט. לובענצאָוו טראַכט אַ ווײַלע און ענטפערט, אַז זי געפעלט אים.

— און מיר נאָר ווילט זיך אַהיים, — זאָגט איוואַן נאָך אַ וויַילע שוויַיגן.

— עפשער דיר אָן אורלויב געבן? מען דערלויבט איצט אורלויב די זעלנער.

איוואַן קוקט זיך אום מיט אַ ניט געטרויענדיק פּאָנעם. אים גלייבט זיך ניט אַז זעלנער זאָלן באַקומען אורלויב.

— האָסט מיר שוין לאַנג געדאַרפט זאָגן; פאַרוואָס האָסטו מיר ניט געזאָגט?

איוואַן גיט אַ אומבאַשטימטן מרוקע:

— דאָ איז אַלץ געווען מיט איַיך די איבערזעצערן. ס'איז נישט באַקוועם.

זי, זעט איר, וויל ניט אַהיימפאָרן. איר איז דאָ גוט. האָט זיך איַינגעלעבט.

מען זעט שוין אָן פּיכטענראָדע. אַ נישט גרויסע אַלטע שטאָט. זי האָט נישט אַזוי געליטן פון די באָמבאַרדירונגען ווי לויטערבורג, און זעט אויס פאַרפּוצט און לעבעדיק. לובענצאָוו מערקט זיך, מיט אַ געוויסן קינע־געפיל, אַז מיט אָפּראַמען דעם בראָכוואַרג פון די גאַסן גייט עס דאָ בעסער ווי אין לויטערבורג. גאַסן מיט געשטערטן דורכפאָר זעט מען דאָ ניט.

— בראַוואָ, פיגאַרעוו, — זאָגט לובענצאָוו.

די קאָמענדאַטור געפינט זיך דאָ אין אַ גרויס הויז, אין אַ סך אַ גרעסערן ווי דאָס הויז אַפן לויטערבורגער שטאָט־פּלאַץ, און אַלץ איז דאָ, אין דער קאָמענדאַטור, אַ סך פיַיערלעכער, מער איַינגעאָרדנט. אונטן שטייט אַ געוויקסיקער זעלנער אַף דער וואַך, מיט אָן אויטאָמאַטישער ביקס באַם פוס, און מיט אַן אויפגעשטאָכענעם באַגנעט. דער מעלוכע־פלאַג אַפן שטאַנג, איז פון אַ זייער העלן און פעסטן זיַידנס, פיר מאָל גרעסער פונעם לויטער־בורגער. באַם אַריַינגאַנג איז דאָ אַ ביוראָ פאַר פּאַסיר־שיַינען. דיַיטשן קענען דאָ אָן אַ פּאַסיר־שיַין ניט אַריַינגיין אין דער קאָמענדאַטור.

לובענצאָוו גייט אַרויף די טרעפּ און קומט אַריַין אין אַ גרויסן זאַל, אַ באַדעקטן מיט טעפּיכער. אין אַ ווינקל שטייט אַ גרויסער זייגער מיט קו־ראַנטן, וואָס שלאָגט יעדע פערטל שאָ מיט אַ דינעם קלונג, און די איבעריקע

צײַט קלאַפּט ער רויִק און באַרויִקנדיק. דאָס גיט צו דעם צימער אַ אומגע־וויינלעך סאָלידן אויסזען. אין אַ ווײַטן ווינקל באַם פֿענצטער, לעבן אַ טיר אַ באַקלאַפּטער מיט שוואַרצן לעדער, זיצט בײַ אַ טישל אַ סערזשאַנט מיט אַ שיינעם באַנד אויפֿן אַרבל. דער סערזשאַנט טראָגט האָרענע ברילן און דאָס גיט צו דעם צימער און דער גאַנצער קאָמענדאַטור סאָלידקייט און גרינט־לעכקייט.

ווען לובענצאָוו קומט אַרײַן, שטעלט זיך אויף דער סערזשאַנט און פֿרעגט אים וואָס ער דאַרף. דער סערזשאַנט איז אַ יונגער, אַ דאַרער מיט אַ היפּשן גאָרגל־קנאָפּ, זייער אַ ליבלעכער — קענטיק, זייער אַן אינטעליגענ־טער. ער זאָגט:

— איך בעט אײַך זיצן. דער כאַוער מאַיאָר וועט אײַך זיכער אויפֿנע־מען. נאָר איצט איז ער אין דער קאָמענדאַטור נישטאָ, גיכער ווי אַלץ איז ער בײַ זיך צו הויז.

דער סערזשאַנט קלינגט אָן צום מאַיאָר פֿיגאַרעוו „צו הויז", און לו־בענצאָוו דערהערט אינעם טרײַבל פֿיגאַרעווס הילכיקן און פֿריידיקן קאָל שרײַען:

— ברענג אים אהער צו שלעפּן!

פֿיגאַרעוו וווינט אין אַ גרויסן שאַלעט. אויך דאָ שטייט אַ זעלנער אויף דער וואַך מיט אַן אויטאָמאַטישער ביקס, נאָר אָן אַן אויפֿגעשטאָכענעם באַגנעט. דער וואַכמאַן גריסט לובענצאָוון „יעפֿרייטאָריש" און עפֿנט פֿאַר אים אַ שיין אײַזערן געקראַטעוועט טירל, וואָס צאַמט אָפּ אַ נידעריקע אַרקע. דאָס איז דער אַרײַנגאַנג אין הויף. — אַ טיפֿער האַלב־טונקעלער אַרײַנגאַנג, מיט קאַבליעס געפֿלאַסטערט. ער גייט דורך דאָס גאַנצע הויז, די ווענט און געוועלבן זײַנען געדיכט באַוואַקסן מיט האָפּן און מאָך, ענלעך צו אַ גרינער הייל. און פֿון פֿאָרנט איז אַ קאָקעטיש הייפֿל. מיט בלומען־בייטן און אַלטע טאָפּאָלן.

אינעם הייפֿל גייט אַקעגן לובענצאָוו פֿיגאַרעוו, אַ פֿריידיקער, מיט אַ צע־שפּיליעטן רעקל און אין שטעק שיך אויף די באָרוועסע פֿיס. זיי גייען אַרײַן און דורך אַ טירל, טונקל־רויט אָפּגעפֿאַרבט. דאָס טירל טיילט זיך שיין אויס אויף דער גרינער פֿאַרוואַקסנקייט מיט מאָך און האָפּן, וואָס באַדעקט אויך די גאַנצע מײַרעווודיקע וואַנט פֿונעם הויז.

— לעבסט זיך רײַך — שפּאַסט לובענצאָוו. ער קלאַפּט פֿיגאַרעוון אויף דער פּלייצע און קוקט מיט האַרציקער סימפּאַטיע אויף זײַן כאַווערס פּאָשעטן ליבן פּאָנעם מיט דער פֿאַרריסענער נאָז, מיט די כיטרע אייגעלעך און רויט־לעכע האָר, פֿאַרקעמט מיט אַ גלײַכן שרונט.

— איך פֿאַרנעם דאָס הויז ווו עס האָט פֿריִער געוווינט דער אַמעריקאַ־נישער קאָמענדאַנט, — ענטפֿערט פֿיגאַרעוו. — איך האַלט מיך באַם יערושע־געזעץ. דאָס בעסטע הויז אין שטאָט. די דײַטשן האָבן ליב די מאַכט זאָל אויסזען אימפּאָזאַנט.

— שוין צום ווייפֿלטן מאָל הער איך עס! פֿון וואַנען, זאָגט מיר, ווייסט איר עס אַזוי גוט, וואָס די דײַטשן האָבן ליב? איך, ווידער, האָב באַמערקט, אַז דײַטשן האָבן ליב זאַט אָפּצועסן.

זיי גייען אַרויף אין עס־צימער און שמועסן וועגן פֿאַרשידענע זאַכן. די פּיכטענראָדער קאָמענדאַטור האָט שוין דעם פֿולן קאָמפּלעקס אָפּיצירן. לובענ־צאָוו וווּנדערט זיך.

— זייער פּאָשעט, — דערקלערט אים פֿריילעך פֿיגאַרעוו, — איך בין די אַלע טעג געזעסן און קימאַט ניט אַרויסגעפֿאָרן פֿון אַלטשטאַט... איך האָב זיך

באַקענט מיט די אינסטרוקציעס און האָב געפּאָדערט מענטשן. גיט מיר מענטשן, איך וויל פון גאָרניט ניט וויסן! האָט מען געגעבן. ווילע יאַטן, געניטע. אַן אַגראָנאָם אַף אַגראַר־ווירטשאַפט. אַן אינזשעניער אַף אינדוס־טריע. אַ פּראָפּאַגאַנדיסט — אַ גוטער פּאָליטישער אַרבעטער, אַ געוועזענער דאָצענט (אוניווערזיטעט־לעקטאָר). פאַרלאָזט זיך אַף נאַטשאַלסטווע און אַליין לאָזט ניט אַראָפּ די הענט.

— דאָס איז עמעס. — זאָגט לובענצאָוו מיט פאַרדרוס; ווי נאָר אָבער ער פירט אַרויף דעם שמועס אַף בענזין, דערהערט זיך אַ פאַרטויבנדיקער קלינגען אין טעלעפאָן. מען רופט דעם קאָמענדאַנט פון לויטערבורג. מענשאָוו רופט לובענצאָוון צום טעלעפאָן און זאָגט:

כאַווער פּאָדפּאָלקאָווניק, אײַער פרוי איז געקומען.

לובענצאָוו לייגט אַוועק דאָס טרײַבל. פיגאַרעוו מערקט אַף אים אַן אומגעוויינלעכע ענדערונג:

— טאַניאַ איז געקומען, — זאָגט לובענצאָוו. פיגאַרעוו טוט זיך שנעל אָן און זיי גייען אין דער קאָמענדאַטור.

— איך וועל עס טאָן, איך וועל טאָן אַלץ וואָס מען דאַרף מיט דעם בענזין. — זאָגט פיגאַרעוו. — פאָר, פאָר, זאָרג זיך ניט. רוף מיך אַף דער באַסענע, פאַרגעס נאָר ניט. מירן עס באַנעצן. איך האָב געהערט דו האָסט דאָרט בײַ דיר אין לויטערבורג אַ ליקער־פאַבריק. איך וועל דיר געבן בענזין און דו מיר ליקער.

בײַ דער קאָמענדאַטור, שרײַט אַרויף פיגאַרעוו:

— אָרלאָוו! מאַטיושין! בענעוואָליענסקי!

פון דער קאָמענדאַטור קומען אַרויס צוויי אָפיצירן און דער סערזשאַנט מיט די ברילן. פיגאַרעוו באַקענט זיי מיט לובענצאָוון און פרעגט אים:

— דײַן אויטאָמאָביל האָט גענוג גאַזאָלין? טאָמער ניט, וועל איך דיר אַרײַנגיסן. בענעוואָליענסקי! אַ בוקעט! די רעגע, בלומען, רויזן!

לובענצאָוו הערט אויס די אַלע ליבע נאַרישקייטן, ווי זיי וואָלטן זיך ניט אָנגעקערט מיט אים. עס איז אים באַפאַלן אַ מין געפּלעפטקייט. אַזוי פריידיק צעטומלט איז ער פון דער באַגעגעניש וואָס וואַרט אַף אים. עס פרייט אים וואָס פיגאַרעוון איז אײַנגעפאַלן; לובענצאָוו אַליין וואָלט זיך דערצו נישט דערטראַכט. און מיקויעך דער באַסענע איז אויך ריכטיק. מען דאַרף אײַנ־אָרדענען אַ באַסענע.

אין וועג טראַכט ער וועגן דעם ווי זיי וועלן לעבן, ער מיט טאַניען, און ער קען זיך ניט דערטראַכטן צו עפּעס רעכטס, ווײַל אים איז זיך שווער פאָרצושטעלן ווי דאָס וועט זײַן. עס זעט אים אויס מאָדנע וואָס איצט וועלן זיי די גאַנצע צײַט זײַן צוזאַמען. זיי וועלן עסן צוזאַמען, און אָוונט וועלן זיי שפּאַצירן. דאָס איז אַלץ וואָס ער קען צוטראַכטן.

אינעם אויטאָמאָביל שמעקט שטאַרק מיט רויזן. איוואַן ווײַזט אַרויס זײַן טאַקטישקייט און שווײַגט איצט, כאָטש ער מערקט זיך און וווּנדערט זיך ווי דער פּאָדפּאָלקאָווניק שמייכלט פאַר זיך פון צײַט צו צײַט. איוואַן טראַכט זיך ווי מאָדנע דאָס איז וואָס אַזאַ בראַווער, זייער באַטראַכטער און קלוגער מענטש, ווי דער פּאָדפּאָלקאָווניק לובענצאָוו, ווערט אַזוי גערירט און, ווי זאָגט איוואַן פאַר זיך, „צעקוואַשעט" דערפון וואָס ער הערט, אַז טאַטיאַ־נאַ וולאַדימיראָוונע איז געקומען צו פאָרן. ער, איוואַן, האָט אויך ליב זײַן ווײַב, נאָר ער באַמיט זיך שטענדיק דאָס ניט אַרויסצוּווײַזן.

לובענצאָוו גייט אַרויף די טרעפּ אַזוי פאַרגאַפט ווי די גאַנצע צײַט. ער ריכט זיך יעדע מינוט צו דערזען טאַניען, נאָר ווען ער דערזעט זי, דאַכט

זיך אים, אַז דאָס איז אומגעריכט. ער האָט דאָס געפֿיל פֿון אַ מענטשן, וואָס דערזעט צום ערשטן מאָל אַ זאַך, וואָס איז אים גוט באַקאַנט, נאָר פֿון הערן. לאָמיר זאָגן, איינער וואָס קומט צום ערשטן מאָל קיין לענינגראַד, קען אָט אַזוי דערזען דעם קופּערנעם רײַטער. דאָס איבעראַשנדיקסטע דערבײַ איז דאָס וואָס אַלץ איז פּונקט אַזוי ווי ער האָט זיך געריכט. אָט דאָס אייגנטלעך שאַפֿט דעם אומפֿאַרמײַדלעכן אײַנדרוק. נאָר אָט רעדט טאַניאַ אַרויס אירע ערשטע ווערטער:

— אונדזער דיוויזיע שיקט מען צום ראַטנפֿאַרבאַנד.

טכילעס פֿאַרשטייט ער ניט, דערנאָך פֿרעגט ער אומבאַהאָלפֿן:

— וואָס־זשע װעלן מיר טאָן?

— מען האָט מיר געגעבן דרײַ טעג אורלויב. וועלן מיר זיך באַמיִען פֿאַרברענגען די טעג ווי מעגלעך בעסער. דאָס איז אַלץ וואָס מיר קענען טאָן.

די דרײַ טעג גייען שנעל אַריבער. די אָפֿיצירן פֿון דער קאָמענדאַטור באַמיִען זיך פֿאַרבײַטן לובענצאָוון בײַ אַלע אַרבעטן; דאָך קומט אים אויס עטלעכע שעה אין טאָג צו אַרבעטן. אָבער, וואָס ער זאָל ניט טאָן, טראַכט ער אַלץ פֿון טאַניען, וואָס געפֿינט זיך אַזוי נאָענט פֿון אים, ניט ווײַטער ווי דרײַ־פֿיר ווענטלעך פֿון דאַנען. ער טראַכט וועגן איר בעת די וויכטיקע באַראַטונגען מיט די פֿאַרטרעטער פֿון די אַנטיפֿאַשיסטישע פּאַרטייען, אָדער מיט די מאַגיסטראַט־טוער, אָדער מיט די בירגערמײַסטער פֿון די אַרומיקע דערפֿער. אַן אַנדערשמאָל גייט זי אַרײַן צו אים אין קאַבינעט. קיינעם וווּנדערט ניט וואָס אין צימער קומט אַרײַן אַ רוסישע אָפֿיצירשע. ער איינער וווּנדערט זיך: ווי וווּקסיק זי איז, ווי שווײַגנדיק, ווי שיין. זי רעדט, טראַכט ער זיך, קלוג און צום איניען. אַלעמען געפֿעלט זי, און ער וווּנדערט זיך און איז שטאָלץ דערמיט, וואָס דאָס איז זײַן פֿרוי און עס וועט זײַן אַ צײַט, ווען זי — די אײַנגעהאַלטענע, די באַשיידענע, וואָס רופֿט אַרויס בײַ מענטשן, אָן שום מי, באַלדיקע אַכטונג — וועט זײַן אינגאַנצן זײַנע, און ער, סעריאָזשאַ לובענצאָוו — פֿאַר זיך איז ער ווי אַמאָל סעריאָזשאַ לובענצאָוו, דאָס יִינגל פֿונעם טײַגע־דאָרף — וועט זײַן פֿאַר איר אַלץ אין דער וועלט.

אַ פֿאַרגעניגן איז אויך דאָס, וואָס אָט זיצט ער דאָ און איז פֿאַרנומען מיט אַן אַרבעט, און זי איז לעבן אים, ניט ווײַט. ער קען אַ ליאַדע מינוט אַ זאָג טאָן: „מײַנע הערן (אָדער, כאַווײרים), איך בין פֿאַרנומען" — און אוועקגיין צו איר. עמעס, ער טוט עס ניט, ווײַל ער קען ניט אַוועקגיין פֿון דער וויכטיקער באַראַטונג אָדער זיצונג. און אַ שאַרפֿן פֿאַרגעניגן פֿאַרשאַפֿט אים — אָפּלייגן זײַן גליק, זײַן נאָענטקייט מיט טאַניען, נאָר וויסן, אַז די נאָענטקייט קען יעדע מינוט ווערן אַ וואָר.

עס טרעפֿט, ער קען מער ניט אויסהאַלטן. ער רײַסט זיך צו איר מיטן גאַנצן האַרצן, און מיט אַ מאָל ווערט ער צונטער רויט, הייבט זיך אויף, שפּאַנט אום איבערן צימער, מענטשן זאָלן ניט מערקן די אומבאַשיידענע פֿאַררויטלטקייט פֿון דערמאָנען זיך.

צו דעם אַלעמען קומט צו, און ווערט וואָס אַ טאָג אַלץ אומדערטרעגלעכער, דער ווײ פֿון דער נאָענטער שיידונג.

דעם דריטן טאָג אין אָוונט פֿאָרן זיי אַף אַ שפּאַציר אין די בערג. דער אויטאָמאָביל הייבט זיך אַלץ העכער. לובענצאָוו און טאַניאַ שווײַגן, האַלטן זיך בײַ די הענט, ווי קינדער. באַם אויסבויג בעט לובענצאָוו איוואַנען ער זאָל זיך אָפּשטעלן, ער העלפֿט טאַניען אַרויסגיין פֿונעם אויטאָמאָביל. זיי שטייען באַם ראַנד און קוקן אַראָפּ, אַף די פֿאַרשידנפֿאַרביקע שטאָטישע דעכער. דערנאָך גייען זיי אַ ביסל צו פֿוס. רעכטס פֿונעם וועג, דערזעען זיי

דאָס גאַסטהויז פונעם „ווײַסן הירש“, מיט ווײַסע טישלעך אַף דער פרײַער לופט, אונטער גרויסע שירעמס, ווי אַף א פּליאַזש. בא דער זײַט איז א „קעגלבאַן“, קינדער און עלטערע מענטשן שפּילן אין קעגלען.

— ווילסט עפּשער ביר טרינקען? — פרעגט לובענצאָוו.

— ניין, זאָגט טאַניאַ.

א מינוטן פינף קוקן זיי אַף די שפּילער, דערנאָך זעצן זיי זיך ווידער אַרײַן אינעם אויטאָמאָביל.

— זאָל איך דיר ווײַזן די אונטערערדישע פאַבריק? — פרעגט לובענצאָוו.

— ווי דו ווילסט, — זאָגט טאַניאַ.

זיי פאַרנעמען זיך אָן א זײַט און פאָרן אַף א זאַמדיקער סטעזשקע. רעכטס הייבן זיך די בערג. נאַקעטע, גרויע, פאַנטאַסטיש אויסזעענדיק, פעלדזן סטאַרטשען אַרויס אַף די שפּיצן באַרג פונעם סאָסנע־וואַלד. די געלע סאָסנע־שטאַמען, וואָס זײַנען איבערן טאָג אָנגעגליט געוואָרן פון דער זון, דאַכט זיך קערן אום דער וועלט איר היץ, און דערפאַר איז אַזוי וואַרעם, שטיל און רויִק אַרום. פייגל זינגען. באַלד באַווײַזט זיך א ריזיקער אינעם שטיין אויסגעהאַקטער טויער, און נאָך אים א צווייטער.

דאָס איז די אונטערערדישע וואָפן־פאַבריק. לובענצאָוו און טאַניאַ גייען פאַרבײַ א זעלנער אַף דער וואַך, וואָס גריסט זיי מיליטעריש. זיי שטעלן זיך אַוועק באַם אַרײַנגאַנג און באַקוקן דעם קאָלאָסאַלן, אינעם באַרג אויסגעהאַקטן שעטעך, א פולן מיט מאַשינען, וואָס גלאַנצן אין דער האַלב־טונקלקייט.

עס איז שווער צו גלייבן, אַז אויבן, איבער אָט דער פינצטערער ווערק־שטוב, וויגן רויִק זייערע קרוינען אַלטע סאָסנעס און פייגל זינגען.

מען קען זיך בלויז וווּנדערן אַף דעם גוואַלדיקן אָנשטרענג, וואָס דײַטש־לאַנד האָט געמאַכט קעדיי צו פירן די מילכאָמע. נאָר דער אומזין פון דעם אָנשטרענג און דאָס וואָס די פאַבריק אינעם בויך פון די בערג האָבן געבויט ניט די דײַטשן, פאַרגלויבטע, זאָל זײַן טאָעסדיק, אַז זייער מי איז נייטיק דעם פאָטערלאַנד, נאָר אונטערטעניק־געמאַכטע אויסלענדער, וואָס האָבן געלעבט ניט ווײַט אינעם לאַגער — מאַכט צו נישט דעם גאַנצן אײַנדרוק פון דעם אונטערערדישן גיגאַנט, וואָס מענטשן האָבן אויפגעשטעלט צוליב דער פאַר־ניכטונג פון מענטשן.

— מירן זיך די טעג נעמען דעמאָנטירן, — גיט א מורמל לובענצאָוו.

זיי זעצן זיך אַרײַן אינעם אויטאָמאָביל, פאָרן ווײַטער און קומען ווידער אַרויס אַפן אַספאַלט. דער אויטאָמאָביל הייבט זיך אַרויף, דער וועג ווערט אַלץ מעשופּעדיקער. אַרום וואַקסן פאַרשידנערליי ביימער: פויגלביימער, בוכנביי־מער, האַנטוואַרצל און אָלכע. דערנאָך ציִען זיך קעסיידער געדיכטע, מעכטיקע, פילשיכטיקע יאָדלע־וועלדער. גישט געקוקט אַף דער נאַטור־שיינקייט, אַף דער ריינער לופט, אַף דעם פויגל־געזאַנג און דעם געמורמל פון די באַרג־ריטש־קעס, זיצן טאַניאַ מיט לובענצאָוו פאַראומערט. טכילעס פּרוּווט ער עפּעס זאָגן, צעטרײַבן די שווערע שטימונג אירע און זײַנע, נאָר דערנאָך בלײַבט ער שטיל. אויך איוואַן שווײַגט און איז פול מיט מיטגעפיל צו זיי.

זיי פאָרן פאַרבײַ א שיינעם באַרג־דאָרף. דער באַרג־אַרויף ווערט אַלץ שאַרפער מעשופּע.

מירן באַלד אַרויפקומען אַפן בראָקען, — זאָגט לובענצאָוו, — דער בראָקען, ווו עס קלײַבן זיך אויף אין „פאַוסט“ די מאַכשייפעס. דאָ אייגנטלעך איז פאָרגעקומען די וואַלפּורגען־נאַכט. היינעס „רײַזע אין די האַרץ־בערג“ איז אויך וועגן אָט די מעקוימעס.

— יאָ, — זאָגט טאַניאַ, — איך האָב טאַקע אַזוי געטראַכט.

זיי זײַנען איצט אַפּן נאַקעטן שפּיץ פונעם בראָקען. די זון נעמט זיך זעצן. פונעם שפּיץ זעען זיי די גאַנץ האַרץ־געגנט, די באַוואַלדיקטע בערג, די פּרייִלעכע דערפלעך מיט די גלאָקן־טורעמס פון זייערע קלויסטערלעך, ענלעכע אַף נאָדלען. די לופט איז אַזוי דורכזיכטיק, אַז מען זעט אַף הונדערט מײַלן אַרום, אַ מילדע פּורפּערנע סרייפע נעמט אַרום דעם הימל און באַגילדט די סאַמע באַרג־פּאַלדן ביז די טיפסטע אײַנשניטן.

לובענצאָוו קוקט פון דער זײַט אַף טאַניען. איר פּאָנעם איז ערנסט און פול מיט טיפן אומעט. און דערפון וואָס אויך דאָ, אין אָנגעזיכט פון דער גרויסער שיינער וועלט, קען זי ניט פאַרגעסן די שיידונג וואָס דערוואַרט איר, פילט לובענצאָוו ווי בא אים פּלאַצט דאָס האַרץ פון גליק, פון שטאָלץ און פון ווייטיק. נאָר ער רעדט ווײַטער אינעם טאָן, וואָס זעט אים אַליין אויס נאַריש־שפּילעוודיק און באַנאַל:

— דאָ קלײַבן זיי זיך אויף די מאַכשייפעס פון גאַנץ דײַטשלאַנד, יונג און אַלט, אַף אַ בעזים רײַטנדיק אָדער אַזוי זיך פּאָשעט און טאַנצן אַרום דעם צאַפּ. אָט דאָרטן, דו זעסט יענע שטיינער — דעם אַזוי גערופענעם מיז־בייעך פון די מאַכשייפעס... דאָס שטיינערנע שטיבל — צום אָנדענק פון געטעס באַזוך. די אַמעריקאַנער האָבן עס צעשטערט, ווער ווייס פאַרוואָס. דיר איז ניט קאַלט?

— ניין... דאָס שטיבל וואָלט מען געדאַרפט ווידער אויפשטעלן.

— כאַ!... דאָס רעדט דעם קאָמענדאַנטס ווײַב! איך האָב געטראַכט דער־פון. קום אַהער וועל איך דיך אַ קוש טאָן. איך האָב דיך שטאַרק ליב. ווי וועל איך לעבן אָן דיר?

זי וויינט זיך אויס אַ ביסל, און זיי פּאָרן קיין לויטערבורג.

אין דער פרי קומט נאָך טאַניען אַן אויטאָמאָביל פונעם מעדיצינישן־סאַניטאַרן באַטאַליאָן. לובענצאָוו קען אַפילע ניט פּאָרן באַגלייטן טאַניען, ווײַל מען האָט אים אַרויסגערופן אַף אַ באַראַטונג קיין קאַרלסהאָרסט, און צו דער באַראַטונג דאַרף מען זיך צוגרייטן.

בעיים דער אויטאָמאָביל פּאָרט אָפּ, שטייט לובענצאָוו אַ לאַנגע צײַט אַפּן טראָטואַר. עס איז נאָך זייער פרי. די זון איז ערשט אויפגעשטאַנען. ער זעט פּאַר זיך גאָרניט און נאָר ביסלעכווײַז קומען אַרײַן אין זײַן זע־קרײַז די אויסגעפּלאַסטערטע קאַכליענע גאַסן, ראָלאַנדס שטיינערנער פּאָנעם, דער שוואַרצער אײַנבראָך אינעם לינקן פליגל פון דער קאַטעדראַלע, די לאַנגע פרימאָרגנדיקע שאָטנס פון די פאַרבײַגייערס אַף דער אַנדערער זײַט פּלאַץ. און ערשט איצט פאַרשטייט לובענצאָוו מיט אַן עמעס, אַז אים שטייט פּאָר אַ לאַנגע שווערע שיידונג מיט דער פרוי, וואָס איז אים אַף אַן עמעס געוואָרן נאָנט און נייטיק, ווי ברויט. אים איז מיט אַ מאָל דערווידער געוואָרן די שטילע דײַטשע שטאָט; אַלע אירע פּראָבלעמען זעען אים אויס נישטיק, אומ־וויכטיק, אומנייטיק. די גאַנצע לאַנדשאַפט, מיט דעם שלאָס, מיט די בערג, די פּליטקענע טראָטואַרן און די טשערעפּענע שאַרף־שפּיציקע דעכער, די פענעמער פון די דײַטשן און דײַטשקעס, און אַפילע די פענעמער פון זײַנע דינסט־כאַווײַרים זעען אים אויס דערווידער, פרעמד און אָן שום שײַכעס צו אים, צו זײַן האַרצן, צו זײַן אינערלעכן לעבן, צו זײַן הײַנט און צו זײַן מאָרגן.

אין קאַרלסהאָרסט קומט אים אויס אַרויסצוטרעטן אין דער אָנוועזנהײַט פונעם מאַרשאַל זשוקאָוו אַף דער גרויסער באַראַטונג, וואָס איז אָפּגעגעבן דער פראַגע פון דענאַציפיקאַציע. נאָר אַפילע אין די אָנגעשטרענגטע אומשטענדן

טראַכט ער פון דער איינער זאַך און ווען ער ענטפערט אַף די פראַגן פונעם מאַרשאַל און פון צוויי גענעראַלן, טראַכט ער אַלץ וועגן דעם.

דאָך זיינען זיינע ענטפערס געפעלן געוואָרן דעם מאַרשאַל און די גענעראַלן — עפשער דערפאַר וואָס ער האָט געטראַכט וועגן זייטיקע זאַכן און איז פאַרנומען געווען מיט זיינע פערזענלעכע איניאַנים, האָט ער זיך נישט געשראָקן און האָט זיך ניט פאַרלוירן וואָס שאַיעך די דינסט־איניאָנים; איצט איז ער גלייכגילטיק צו אַלץ, אים איז אַפילע אַלצאיינס צי ער געפעלט אָדער ער געפעלט ניט זיינע נאַטשאַלניקעס, כאָטש געוויינטלעך רופט עס בא אים שטענדיק אַרויס אומרו.

XVII

וואָראָנין האָט גאָר אַ באַזונדערן פּאָנעם ווען ער טרעפט אָן, שפּעט אין אָוונט לובענצאָוון אַף דער שוועל פונעם קאָמענדאַנטס קאַבינעט: אַ שעלמישע פרייד שפּאַרט פון אים. און לובענצאָוו פרעגט אים וואָס האָט פּאַסירט.

— אַלבינאַ איז אַנטלאָפן, — זאָגט וואָראָנין אַ צופרידענער.

לובענצאָוו גייט אַריין צו קאַסאַטקינען אין קאַבינעט. די אָפיצירן זיינען פאַרזאַמלט. קאַסאַטקין רעדט:

— איר פאַרשטייט? עס איז נאָך ניט געווען פאַרענדיקט די אויפנאַמע, זאָגט זי מיר: „שוין. ווייטער וועל איך ניט איבערזעצן. איך פאָר אַוועק פון לויטערבורג". סאַראַ מאָדנע אומפאַראַנטוואָרטלעכקייט: ווו איז ערגעץ דער באַפעל־בוך? ווען האָט מען זי פאַררעכנט? אַף אַ וואָסערן געהאַלט? — ער פאַררויכערט נערוועזש. — זי האָט זיך אויפגעפירט גראָב, האָט מיך איבערגעריסן אין מיטן די רייד. איך בין ניט זיכער צי זי האָט גענוי איבערגעזעצט.

— לאָזט אָפּ, איבערגעזעצט האָט זי ריכטיק, — באַמערקט דערויף מענשאָוו. — איך קלייב זיך אַביסל פונאַנדער אין דייטש. אָן איבערזעצערן איז זי אַ גוטע, זי האָט ריכטיק איבערגעגעבן אַלע שאַטירונגען. נאָר עפּעס איז זי אַ צעדרייטע. אַ מאָדנע אַזאַ.

— ווו־זשע איז זי? — פרעגט לובענצאָוו.

וואָראָנין, וואָס שטייט בא דער טיר, רופט זיך אָן:

— ווי זי האָט געזאָגט, אַזוי האָט זי געטאָן. אַוועקגעפאָרן. האָט געדונגען צוויי לאַסט־אויטאָס בא די דייטשן און איז אַוועק אין אַ אומבאַקאַנטער ריכטונג.

— ס'איז אומדערהערט! — וואָרטשעט קאַסאַטקין.

לובענצאָוו זאָגט:

— ביכלאַל האָט זי אַ רעכט געהאַט אַזוי צו טאָן. פאַררעכנט האָט מען זי ניט, קיין באַפעלן ˘ בוך האָב איך נאָך ניט. — מען וועט מוזן איינפירן אַזאַ בוך. — וואָס מיט איר איז געשעען? אומפאַרשטענדלעך! ביז איצט האָט זי זיך אויפגעפירט גאַנץ צופרידנשטעליק. איז געווען דיסציפלינירט. יאָ... האָט זי זיך ניט פאַר עפּעס באַליידיקט?

— וואָס הייסט באַליידיקט! — קאָכט זיך ווייטער קאַסאַטקין. — וואָס פאַר באַליידיקונגען קענען זיין אין אַן אַנשטאַלט, דערצו אַ מיליטערישן!

— זי איז דאָך נישט קיין מיליטערישע! — איז טשעגאָדאַיעוו נאָכגעביק.

לובענצאָוו דרייט זיך אום צו וואָראָנינען:

— מען דאַרף קריגן אַן איבערזעצער. גיי צו אין לאַגער, צום איינפוסיקן, רעד מיט אים איבער, זאָל ער דיר עמעצן רעקאָמענדירן.

גאַנץ פרי, ווען אַלע שלאָפן נאָך, וועקט וואָראָנין אויף איוואַנען און

פאָרט צו צום געוועזענעם רוסישן לאַגער הינטער דער שטאָט. קימאַט קיינער איז דאָרט ניט פאַרבליבן — אַלע זײַנען אַריבער ווײַנען אין לויטערבורג און אין אַנדערע שטעט. די מיידלעך אַרבעטן פאַר קעלנערקעס אין די מיליטערישע טיילן, זײַנען פאַרקויפערנס אין דער מיליטערישער קראָם; די יונגע יאַטן זײַנען מאָביליזירט אין דער אַרמיי.

דער איינפּוסיקער איז נאָך דאָרט. אַזוי פרי, שלאָפט ער שוין ניט. ער זיצט אַף אַ טרעפּל באַם אַרײַנגאַנג אין באַראַק און רויכערט. וואָראָנין שפּרינגט אַרויס ווויליִנגיש פונעם אויטאָמאָביל. ער איז פול באַהאָנגען מיט אָרדנס. דעמאָלט פלעגט מען נאָך טראָגן אַף זיך אַלע אָרדנס — ניט אַזוי פאַר שטאָלץ, ווי פון ניט וויסן ווי זיך צו באַגיין מיט זיי, ווו צו באַהאַלטן, ווו אַוועקצולייגן. און אָרדנס האָט וואָראָ־ין אַ סאַך. דערין אַן אָרדן פון דער רויטער פאָן און צוויי גלאָר־אָרדנס. דער איינפּוסיקער מענטש הייבט זיך אויף פונעם טרעפּל אַף וועלכן ער זיצט, ער זייט אָקעגן וואָראָנינען און קוקט אַף זײַנע אָרדנס. וואָראָנין גריסט זיך מיט אים פרײַנטלעך, נאָר מיט אַ געוויסן געפיל פון העכערקייט, און דערקלערט אים צו וואָס ער איז געקומען.

— קומט אַרײַן, — זאָגט אים דער איינפּוסיקער. זיי גייען אַרײַן אינעם קאָרידאָר, און פון דאָרטן אין אַ הילצערן קעמערל וואָס איז באַקלעפּט מיט דײַטשע צײַטונגען און זשורנאַלן. דער איינפּוסיקער לאָזט דורך וואָראָנינען אַפריִער און רופט: — קסאַנאַ קום אַרויס אַהער צו מיר!

דער איי־פּוסיקער זעצט אַוועק וואָראָנינען צום טיש.

— וועלן מיר פרישטיקן צוזאַמען? — פרעגט ער.

— אייגנטלעך האָב איך שוין געפרישטיקט.

— פאַר אַ זעלנער צוויי מאָל פרישטיקן איז ניט פון די שווערע זאַכן. — ענטפערט דער איינפּוסיקער.

אפן טיש באַווײַזט זיך עפּעס צום עסן און אַ פלעשל רויטער ווײַן. אין אַ צען מינוטן אַרום קומט אַרײַן אין צימערל אַ דאַר ניט געוויקסיק מיידל מיט בייזע גרויע אויגן אונטער שוואַרצע געדיכטע ברעמען, צונויפגעוואַקסענע איבערן נאָז־רוקן. די האָר זײַנען באַ איר צעשויבערט. לאַנגע, שוואַרצע, גרייכן זיי איר קימאַט ביז דער טאַליע. זי איז, קענטיק, ערשט אויפגעשטאַנען.

— ווילסט גיין פאַר אַן איבערזעצערן צום קאָמענדאַנט? — פרעגט דער איינפּוסיקער, — ער האָט אַהערגעשיקט זוכן אַן איבערזעצערן. ער האָט מיר איבערגעגעבן איך זאָל אים אויסזוכן אַ פּאַסיקן מענטשן. אַנשטאָט דער ב... זי איז אַנטלאָפן די ב...

ער רעדט אַרויס דאָס ניט אָנשטענדיקע וואָרט געוויינלעך, אָן באַטאָנונג, ווי יעדער אַנדער וואָרט.

— איך קען גיין, — זאָגט זי און קוקט אומפרײַנטלעך אַף וואָראָנינען.

— וועלן מיר פאָרן, — זאָגט וואָראָנין. ער הייבט זיך אויף, דריקט די האַנט דעם איינפּוסיקן און פרעגט אים: — און איר אַרבעט ניט אין ערגעץ? קומט אַרײַן צו אונדז אין דער קאָמענדאַטור. ביז מען וועט אײַך רעפּאַטריִירן, ביז וואָס ווען... דער קאָמענדאַנט האַלט פון אײַך.

דער איי־פּוסיקער פאַררויטלט זיך, נאָר ער ענטפערט גאָרניט.

וואָראָנין מיט דעם מיידל גייען אַרויס פונעם באַראַק.

— פון וואַנען זײַט איר? — פרעגט וואָראָנין.

— פון לוגאַ, לענינגראַדער קאַנט.

— ווי קומט איר אַהער?

— ווי אַלע.

— ווו האָט איר געאַרבעט דאָרט, אין לוגאַ?
— כ'האָב געלערנט.
— און דאָ?
— אין דער אונטערערדישער פֿאַבריק.
— ווי אַלט זײַט איר?
— איין און צוואַנציק.
— אַ כאַסענע געהאַט?
— ניין.
— ווילסט כאַסענע האָבן?
דאָס מיידל שמייכלט ניט, זי שווײַגט.
— ביסט אַ בייזע.
— דאָ ווערט מען בייז.
— נאַטירלעך. בילדונג?
— צען קלאַסן.
— אַ געבילדעטע. די עלטערן?
— דער פֿאָטער איז אין דער רויטער אַרמיי. איך ווייס נאָך ניט וואָס מיט אים איז. די מוטער איז די באַלעבאָסטע אין שטוב. דאָרט, אין לוגאַ.
— אין אויסלאַנד ביסטו נישט געווען? — וואָראָנין אַליין צעלאַכט זיך פֿון דעם וויץ. — נו, דײַטש קענסטו גוט? ריידן, שרײַבן, לייענען?
— איך קען.
— דערמיט איז די אַנקעטע פֿאַרענדיקט.
דאָס מיידל גיט אַ נישט־פֿרייילעכן שמייכל און זאָגט:
— אַזוי שנעל? איר פֿרעגט גאָרניט די פֿאַמיליע.
— ריכטיק, — איז וואָראָנין צעטומלט.
— קסעניאַ אַנדרייעווונאַ ספּירידאָנאָווואַ.
— דמיטרי יעגאָריטש וואָראָנין, איין טויזנט נײַן הונדערט זעכצן געבוירן, אַ באָכער. — און קוקט אַף איר מיט אַ זײַט: — נאָר אַ קאַלע האָב איך אין דער שטאָט שויאַ, איוואַנאָווער קאַנט.
נאָך אַ קורצן געשפּרעך מיט קסעניאַ ספּירידאָנאָוואַ, פֿאַררעכנט זי קאַסאַטקין אינעם שטאַט און פֿאַרשרײַבט זי אינעם בוך אַף דעם יונגפֿרוילעכן בלאַט פֿונעם קאַנצעליאַרישן בכאָר אין דער לויטערבורגער קאָמענדאַטור.
אַלבינען דערמאָנט לובענצאָוו נאָך איין מאָל אין עטלעכע טעג אַרום. לעבן דער קאָמענדאַטור שטעלט זיך אָפּ אַן אויטאָמאָביל און עס קומען פֿון אים אַרויס צוויי פֿײַן געקליידטע הערן מיט אַ גרויסן פּאַק, איבער וועלכן זיי ציטערן ווי ער וואָלט געווען אַ גלעזערנער.
— ווײַזט זיך אַרויס, אַז דאָס זײַנען שנײַדערס פֿון דער פֿירמע „מיולער אונד מאַוריציוס". זיי ברענגען דעם קאָמענדאַנט אַ ציווילן אַנצוג. וואָראָנין פֿירט זיי אַרײַן צו לובענצאָוו.
— אײַער איבערזעצערן, הער קאָמענדאַנט, — דערקלערט אים דער עלטערער שנײַדער. — זי האָט געבעטן אויפֿנייען דעם אַנצוג אומעמאָסטן, ווײַל איר, הער קאָמענדאַנט, זײַט זייער פֿאַרנומען. דער הער מאַוריציוס פּערזענלעך האָט אָפּן אויג באַשטימט אײַער מאָס. דערלויבט איר אים אוועקצולייגן אָפּן דיוואַן?
— נו, איז דאָס אַ „נעקייוועלע" — שמייכלט פֿאַר זיך וואָראָנין.
— וויפֿל קאָסט ער? — פֿרעגט לובענצאָוו אין פֿאַרלעגנהייט.
די שנײַדער קוקן זיך איבער.
— אונדז האָט מען גאָרניט ניט געזאָגט. — רופֿט זיך אָן דער עלטערער שנײַדער. — איך מיין, אַז מען דאַרף ניט קיין געלט.

— וואָס הייסט מען דאַרף ניט? די מינוט קלינגט אָן און דערוויסט זיך וויפל עס קאָסט.

דער שנײַדער קלינגט אָן מאַוריסיוסן, קלערט אים אויף אין וואָס עס האַנדלט זיך, הערט זיך לאַנג אײַן, קנייטשט זיך, צום לעצט לייגט ער אוועק דאָס טרײַבל און זאָגט די פּרײַז. לובענצאָוו באַצאָלט און די שנײַדערס פאָרן אוועק.

— אַט, א נעקייוועלע! — רופט אויס וואָראָנין.

ער טראַכט א ווײַלע און זאָגט, אַז אין איין פּראַגע איז אַלבינאַ גע־רעכט געווען — א קאָמענדאַנט דאַרף ניט ווינען אין דער קאָמענדאַטור, נאָר ערגעץ ווו באַזונדער. נאָכמער, ווײַזט זיך אַרויס, אַז וואָראָנין האָט שוין אַפּילע עטלעכע שאָלעטן אָפּן אויג.

— איך האָב גערעכנט, אַז טאַטיאַנאַ וולאַדימיראָוונאַ וועט שוין דאָ בלײַבן, האָב איך באַשלאָסן עפּעס פּאַסיקס פאַר אײַך אויסצוזוכן אינעם זין פון ווינפּלאַץ.

— איצט דאַרף מען עס ניט, — זאָגט לובענצאָוו.

וואָראָנין ענטפערט:

— זי וועט דאָך צוריקקומען, כאָטש פּאָדפּאָלקאָווניק, געדענקט וואָס איך זאָג אײַך. איצט וועט מען אין דער אַרמיי ניט אַזוי האַלטן די פרויען. נישט נייטיק. פאַראַן געגוג מענער. טאַטיאַנאַ וולאַדימיראָוונאַ וועט אין גיכן צוריקקומען. אַלבינאַ, מיין איך, איז אויך דערין איבערצײַגט געווען, אַז ניט וואָלט זי ניט אַנטלאָפן, זײַט זיכער.

לובענצאָוו ווײַזט וואָראָנינען א פאַרוואונדערטן פּאָנעם, אים ווילט זיך אין קאַס ווערן, דערנאָך באַטראַכט ער זיך און זאָגט גאָרניט. ביידע גייען זיי אַרויס.

וואָראָנין האָט מיט אַן עמעסן אונטערגעקליבן שאָלעטן, איינער שענער פונעם צווייטן. צוויי פון די — ביידע האָבן זיי פריער אָנגעהערט צו די גרעסטע גווירים — זײַנען מיט גאָרנישט הינטערשטעליק קעגן פּיגאַרעווס שאָלעט אין פיכטענראָדע: פּרעכטיקע ראַכוועסדיקע הײַזער מיט הויכע סופיטן, מיט גרויסע קאַמינען, מיט שיינע אײַזערנע קראַטעס אַרום די גאָרטנס פאַר דער שטוב. נאָר לובענצאָוו וויל זיי בעשום אויפן ניט פאַרנעמען. ער גיט ניט אָן וואָראָנינען די סיבעס, און זאָגט בלויז, אַז ער דאַרף א קליין שטיבל, וואָס באַשיידענער. וואָראָנין איז מאַסקים און נעמט זיך שוין זוכן א פּאַסיקע דירע.

שוין דעם צווייטן פרימאָרגן גייט ער אַרויס פון דער קאָמענדאַטור און באַשליסט ניט צו פאַרציִען דעם איניען אין דער לאַנגער באַנק. באַם לאַמ־טערן לעבן דער קאָמענדאַטור שטייט דער אַלטער קראַניץ. ער זעט אויס הונ־געריק און אומגליקלעך. וואָראָנין הייבט אויף די אויגן צו די פּענצטער פון־נעם הויז, ער וויל זען צי דער קאָמענדאַנט איז נישטאָ, און ווען ער איבער־צײַגט זיך דערין, רופט ער אַרײַן דעם אַלטן צו זיך. ער רעדט מיט אים גאָר־ניט, נאָר ער שנײַדט אָן ברויט מיט כאַזער־פעטס און מאַכט טיי.

זיי זעצן זיך עסן.

— פון וואַנען קענסטו אַזוי גוט רוסיש?

— איך האָב געוווינט אין פּעטערבורג... אַנטשולדיקט, לענינגראַד... ביז דער מילכאָמע.

— וועלכע מילכאָמע?

— ניין, ניין! ביז דער ערשטער וועלט־מילכאָמע.

— אַ...

— קראַנץ דער זייגערמאַכער. בין באַקאַנט געווען אַפֿן וואַסיליעווער אינדזל.

— פֿאַרשטענדלעך.

ווען זיי עסן אָפּ, רופֿט זיך אָן צו אים וואָראָנין:

— קום מיט מיר. מען דאַרף אויסזוכן עפּעס אַ שטיבל, וואָס באַשייּדענער, פֿאַרן קאָמענדאַנט, וועסט מיר צוהעלפֿן.

קראַנץ טראַכט אַ ווײַלע און פֿירט אַוועק וואָראָנינען אויף איינעם פֿון די שמאָלסטע מיטלאַלטערלעכע געסלעך, וווּ אַלע הײַזער זעען אויס ווי קלויסטערלעך, מיט טורעמלעך און בלינדע שטיינערנע פֿאַרקנס.

דאָס שטיבל וואָס קראַנץ האָט באַשלאָסן פֿאַרן קאָמענדאַנט, שטייט אין אַ הויף, ניט ווײַט פֿון אַ צווייִשטאָקיקן שאַלעט, וווּ עס וווינט עפּעס אַ פּראָפֿעסאָר. דאָס שטיבל איז אויך זײַנס, נאָר עס שטייט ליידיק. דער הויף איז באַפֿלאַנצט מיט אַלטע לינדנבוימער און ווערט געהאַלטן אין אָרדענונג. פֿאַראַן דאָ אַ לאַנגע אָראַנזשערייע אונטער אַ גלעזערנעם דאַך. פֿונעם גרויסן הויז טראָגן זיך קלאַנגען פֿון אַ ראָיאַל.

— דאָס שפּילט דעם פּראָפֿעסאָרס טאָכטער, פֿרײַלין עריקאַ, — זאָגט קראַנץ.

אין הויף באַגעגנט זיי אַן אַלטיטשקע מיט ברילן — אַ רייניקע, אַ ווײַסינקע, מיט אַ ווײַסן פֿאַרטעכל, מיט אַ ווײַסער קאָפּיע צוגעשפּיליעט אויף די ווײַסע האָר. זי דערוויסט זיך פֿון קראַנצן אין וואָס עס האַנדלט זיך, און דערשרעקט זיך, ניט דערפֿאַר וואָס דאָרט וועט וווינען דער קאָמענדאַנט, נאָר דערפֿאַר וואָס דאָס שטיבל, דאַכט זיך איר, פּאַסט זיך ניט דערצו, און זי האָט מוירע, עס זאָל קומען דערצו, אַז דער קאָמענדאַנט זאָל פֿאַרנעמען דאָס גרויסע הויז און די באַלעבאַטים אַריבערפֿירן אינעם קליינעם שטיבל. טכּלעס רעכנט זי טאָקע אַז עס רעדט זיך וועגן גרויסן הויז. קראַנץ באַרויִקט זי און זי לאָזט זיך גיין מיט אירע דראָבנע טריטעלעך צו ווײַזן געבן דעם פּראָפֿעסאָר.

וואָראָנין מיינט, אַז ווי אַ פּראָפֿעסאָר מוז ער זײַן אַ דאָקטאָר, און איז צופֿרידן וואָס דער פּאָדפּאָלקאָווניק וועט וווינען בײַ אַ דאָקטאָר: ווען טאַטיאַנאַ וולאַדימיראָוונאַ וועט קומען, וועט זי זיך פֿאַרבינדן מיט דעם קאָלעגע און דאָס וועט איר צונוץ קומען. דערצו איז דאָס הייפֿל אַ זוניקס, אַ פּריוולעכס, און וועגן דעם שטיבל גופֿע, מיינט וואָראָנין, אַז קיין בעסערס קען מען זיך ניט ווינטשן. דאָס האָט דרײַ צימערלעך, אַ קיכל, דאָס נייטיקע מעבל, שטייגלעך מיט פֿייגעלעך אויף אַ באַגלאָזטער טעראַסע און בלומענטעפּ אויף די פֿענצטער.

די אַלטיטשקע מיט די ברילן, וואָס וואָראָנין רופֿט זי מאַמאַשאַ, קומט צודיק, זי רעדט איבער מיט קראַנצן און זאָגט צו אויספּוצן דאָס שטיבל וואָס בעסער, זי וועט אַרײַנשטעלן מעבל, וועט ברענגען טעפּיכער. נאָר וואָראָנין קען זייער גוט זײַן נאַטשאַלניק און איז מאַסקים מיט זײַן קוק אויף די זאַכן, פּראָטעסטירט קעגן דעם קאַטעגאָריש.

— מאַמאַשאַ, — זאָגט ער, — ברענג ניט גאָרניט. — מיר פּראָלעטאַריער דאַרפֿן די אַלע כריינדלעך ניט האָבן, מינימום דאַרפֿן מיר די גאַנצע וועלט.

די „מאַמאַשאַ” שרעקט זיך ניט פֿאַר אָט דעם אַפּעטיט; די גאַנצע וועלט גיט זי גערן אָפּ וואָראָנינען, אַבי דעם פּראָפֿעסאָרס זאַכן זאָלן זײַן גאַנץ. אָט אַזוי ריידן זיי זיך צוזאַמען און לובענצאָוו ציט זיך אַריבער אויף דער נײַער וווינונג.

די געשיכטע וועגן די זעקס זעלנער

— וואָס־זשע דאַרפן מיר איצטער טאָן? — פרעגט און הייבט זיך אויף אַף אַן עלנבויגן קאַראַטיעיעוו.

ניט נאָר אים, נאָר אַלע זעלנער דאַכט זיך, אַז אָט, בוכשטאַבלעך אין אַ מינוט אַרום, וועט די גאַנצע אַרמיי איבערן גאַנצן פראָנט, פונעם באַלטישן יאַם ביזן שוואַרצן, אַ שטראָם טאָן צוריקוועגס, אַהיים. און עס איז גאָרניט לאָגיש, דאַכט זיך, ווײַטער זיך צו רוקן אַף מײַרעוו, אָן שום נויט. אָבער ווערעטעניקאָוו, וואָס טראַכט פונקט אַזוי ווי אַלע אַנדערע, נאָר די אַכראַיעס, וואָס ער טראָגט אַף זיך, צווינגט אים צו זײַן קלוג, רופט זיך אָן צו זיי:

— אונדזער זאַך איז קליין, פּאָשעט, מיר גייען צו אונדזער טייל, און דאָרט, וואָס נאַטשאַלסטווע וועט זאָגן.

די זעלנער הייבן זיך פּאַמעלעך אויף, ווערעטעניקאָוו קוקט אַרײַן אין די לאַסט־אויטאָמאָבילן, גראַנאַטן ליגן דאָרט, שיין אײַנגעפּאַקעוועטע, אין לאַנגע קאַסטנס. פון פאָרנט שטייען לאַסט־אויטאָמאָבילן מיט „קאַטיושעס" — גרינינקע, נײַנקע, אַפן זעלנערס קוק אויסערגעוויינלעך שיינע. ווערעטעניקאָוו עפנט גרויסע קײַלעכדיקע אויגן. צו וואָס ניצט עס? וווּהין פירט מען עס? ווער דאַרף זיי איצט? די לאַדונגען, וואָס האָבן ערשט מיט פופצן מינוט צוריק אויסגעזען דאָס וויכטיקסטע און ווערטפולסטע אין דער וועלט, זײַנען איצט קיינעם נישט נייטיק.

דער גוואַלדיק גרויסער דאַמאָקל־שווערד, וואָס איז געהאַנגען איבערן לאַנד און איבער יעדן סאָוועטישן מענטשן פון קליין ביז גרויס אַזוי באַשטענדיק ווי דער הימל, איז זיך אין איין אויגנבליק צעגאַנגען אין דער לופט.

די אויטאָמאָבילן לאָזן זיך אין וועג אַרײַן. באַלד פאַלט אַף דער ערד די ערשטע פרידלעכע נאַכט, אַן אויסגעשטערנטע. די קאָלאָנע פאָרט אַרײַן אין אַ ריזיקער צעשטערטער שטאָט. ס'איז וואַרשע, נאָר די זעלנער ווייסן עס נישט. די גרויסע שטאָט — מאַרטירערן קוקט מיט די אָפענע לעכער פון אירע פוסטע פענצטער — אויגן, נאָר איבער די פענצטער פלאַטערן שוין יאָנטעוודיקע פענער.

וואַרשע איז שוין הינטער זיי. די אויטאָמאָבילן גייען איינער נאָכן צווייטן, און זייערע פאָרן זײַנען אָנגעצונדן ווי אין פרידנס־צײַט. און ווערעטעניקאָוו טראַכט זיך, אַז ער האָט שוין לאַנג נישט געזען באַנאַכט אויטאָמאָבילן מיט אָנגעצונדענע פאָרן און אַז ס'איז שיין צו קוקן ווי זיי גייען זיך אַזוי איינער נאָכן צווייטן מיט די פּעכערס העלער שײַן.

די אויטאָמאָבילן גייען קיין פּויזן, דאָ דאַרפן זיי זיך פאַרנעמען לינקס. די זעקס זעלנער שפּרינגען אַראָפּ אַפן מײַרעוודיקן ראַנד שטאָט. און אָט דערזעען זיי ווידער דעם ראָזעוון באַגינען. ווי פלעגט מען עס שרײַבן פאַר־צײַטן, די ראָזפינגערדיקע וואָס האָט אירע דלאָניעס אויסגעשפּרייט פון מיזרעך צו מײַרעוו. און דאָס איז מיט אַן עמעסן ענלעך געווען צו גרויסע ליכטיקע הענט, וואָס שפּרייטן זיך מילד און צאַרט אַרויפצו איבערן הימל.

קיין אויטאָמאָבילן וואָס זאָלן גיין מיט דעם וועג זעט מען ניט — זייערע פירער שלאָפן ערגעץ אין אַ פּוילישער שטוב, אַפן הינטערשטן זיץ אין אַ דערבײַיִקן וועלדל, אָדער אונטערן קאַסטן צווישן די רעדער אָן אַ זײַט

באַם וועג. די זעלנער שטייען, וואַרטן און גייען ווײַטער. דאָ דערזעען זיי אַ דאָרף מיט אַ שיינעם צוויי־טורעמדיקן קאַשטשאָל. דער קאַשטשאָל שטראַלט פון ווײַטנס, אין דער שײַן פון דער פרימאָרגנדיקער זון, דאָס דאָרף פרייט דאָס אויג.

נאָר ווען די זעלנער קומען צו נענטער, ווײַזט זיך אַרויס, אַז דאָס דאָרף איז צעשטערט, די שטיבער זײַנען קימאַט אַלע אויפגעריסן, דער קאַשטשאָל האַלב אָפּגעברענט. אַרום איז אַלץ וויסט, מען זעט ניט קיין לעבעדיקן נעפעש. און נאָר לעבן איינעם אַ שטיבל, אָפּגערוקט אָן אַ זײַט, אייסעקט זיך אַ זאָקן אַ כאָלעש, אַ זקיינע אַזאַ ווי ער און צוויי יינגלעך צוועלף־יעריקע. זיי שטעלן ווידער אויף זייער שטוב. די שטוב! זי איז איבערגעקערט אַף דער לינקער זײַט. דער אויוון נאָר, פון רויטע ציגל, איז גאַנץ געבליבן. מען זעט אים אינגאַנצן אַרויס — די פּליטע, די ליעזשאַנקע, דעם קוימען, וואָס איז אויבן שמעלער. אײַנגעהיט זײַנען אויך טייל קראָקוועס און אַ שטיק דאַך פון שיפערשטיין, אַ גאַניקל מיט די טרעפּלעך, נאָר אָן דער טיר.

די זעלנער שטעלן זיך אָפּ קוקן אַף דעם בילד, וואָס זעט זיי אויס טרויעריק און צום באַוווּנדערן. דער אַלטער און די אַלטע אַרבעטן פּאַמעלעך, געמעסיק, זיי שפּאָרן יעדן קער. מיט זייערע פאַרשטײַפטע, דינע און געקאָרטשעטע הענט הייבן זיי אויף אַ ברעט, טראָגן זי צו דער שטוב, און מיט דער הילף פון די יינגלעך, שטעלן זיי זי אַוועק איבער דער וואָס איז שוין צוגעקלאַפּט פונעם פענצטער ביזן גאַניק. דערנאָך שטעלט זיך דער אַלטער אַף די קני, נעמט אַ צוואַק פון אַ לענגלעכן קעסטל און קלאַפּט אים אַרײַן מיט שוואַכע קלעפּ פונעם העמערל. ווען די ברעט איז שוין צוגעקלאַפּט, פאַרהוסט ער זיך, דערנאָך שטייט ער פּאַמעלעך אויף און לאָזט זיך צוגיין אַ מעטער צען ביז די ברעטער. ברעטער זײַנען פאַראַן פאַרשידענע: נײַע און פון דער צײַט גרוי געוואָרענע, מיט פאַרזשאַווערטע לעכלעך, ווו עס זײַנען פריִער געווען צוועקעס אײַנגעקלאַפּט. דאָ, לעבן די ברעטער, באַראָטן זיי זיך וועגן עפּעס, די אַלטע, ריידן שטיל, ווי זיי וואָלטן מוירע געהאַט זיך אײַנצוביינגן פון ריידן הויך.

— אָט אַזוי, וועלן זיי ערשט אין צען יאָר אַרום אויפבויען זייער שטיבל, — רופט זיך אָן קאָראַטייעוו. ער פאַרדרייט אַ ציגאַר מאַכאָרקע און פאַרוויכערט אים ניט, ער לייגט אים אַרײַן צו זיך אין קעשענע. דערנאָך גייט ער צו צום קליינעם וואַרשטעט, נעמט דעם הובעל אין דער האַנט און מיט אַזאַ עלעגאַנץ, וואָס איז זיך ניט צו ריכטן פון אַט דעם ניט זגראַבנעם מענטשן, גיט ער אַ הובלעווע אַף די ברעט. דערנאָך לייגט ער אַוועק דעם הובעל אַף זײַן אָרט און נעמט די זעג, וואָס שטייט אָנגעשפּאַרט באַם וואַרשטעט. ער הייבט זי אויף מיט איין האַנט, האַלט זי אין גלײַכגעוויכט מיט די ציינדלעך אַף אַרויף, זײַן האַנט גיט אַ ציטער און די זעג צעכוואַליעט זיך, בייגט זיך און וויברירט. דערנאָך הייבט ער זי אויף מיט די ציינדלעך פאַר די אויגן און קוקט אַף איר העפט. ער שטעלט זי אַוועק און גייט צוריק צו זײַנע כאַווײרים מיט אַ פאַרטראַכטן געלעכטערל.

— איך בין אויך אַ טעסלער, — רופט זיך אָן זוויעוו.

דערווײַל נעמען אָןביידע אַלטע לײַט אַ ברעט באַ ביידע עקן, טראָגן זי צו צום וואַרשטעט און לייגן זי אַרויף. דער אַלטער נעמט אַרויס אַ מעטאַלענעם מעטער פון דער קעשענע און מעסט אָפּ די ברעט. איינער פון די יינגלעך לייגט צו אַ ווירעלע און צייכנט אָפּ מיט אַ בלײַער. דעמאָלט נעמט דער אַלטער און שטעלט אָן די זעג אָפּן צייכן, און די אַלטע נעמט אָן די זעג באַם צווייטן הענטל און זיי זעגן שרעקלעך פּאַמעלעך.

די זעלנער קוקן מיט אַ ברענגנדיקן בליק אַף ווערעטעניקאָוו, נאָר ווע־

רעטעניקאָוו קוקט אַפֿן וועג, ווו ער זעט אָנקומען אַ קאָלאָנע אויטאָמאָבילן. גיך קומען צו די אויטאָמאָבילן צום אָרט ווו די זעלנער שטייען, נאָר ווערעטעניקאָוו הייבט ניט אויף די האַנט. ווען די אויטאָמאָבילן זײַנען פֿאַרבײַ, רופֿט ער זיך אָן:

— זאָל שוין זײַן.

און ער נעמט אַראָפּוואַרפֿן פֿון זיך דעם שינעל. אין אַ פֿערטל שאָ אַרום ליגט שוין אַף דעם אָרט אַ באַרג מיט שינעלן, מיט רוקזעק און פֿעלד־געצעלטן, און נאָך אַ צווייטן פֿערטל מינוט איז שוין די זעג בײַ קאָראַנטיעיעוון אין די הענט, און די געפּלעפּטע אַלטע לײַט זײַנען אָפּגעשטופּט און אַוועקגעזעצט אַף אַ בענקעלע, וואָס שטייט לעבן דעם פֿאַרלאָשענעם פֿײַערל מיט דעם איבערגעלייגטן אײַזן פֿאַרן קעסעלע. מען האָט זיי דאָ אַוועקגעזעצט און איבערגעלאָזט קוקן ווי עס ווערט געבוירן אַ נײַע לעגענדע וועגן דער פֿרייד פֿון פֿרידלעכער אַרבעט און פֿון פֿעלקער־פֿרײַנטשאַפֿט.

די זעלנער אַרבעטן ווי פֿאַרקישעפֿטע, פֿון צײַט צו צײַט צעזינגען זיי זיך, נאָר זיי רײַסן איבער קעדיי זיך צו בײַטן מיט באַמערקונגען. דער אַלטער פּרוּווט זיך אַרײַנמישן, ער וויל עפּעס צוטראָגן, דערלאַנגען, די הובלקעם אַראָפּשאַרן, נאָר מען שטופּט אים אַוועק, אָפּט מיט בייזן, מען טרײַבט אים צו דער אַלטער און מען שרײַט פֿאָשעט אָן אַף אים:

— זיץ!

די אַלטע שעפּטשעט דעם נאָמען פֿון דער הייליקער מאַריע, גייט ערגעץ ברעגגען מילך פֿאַר די זעלנער און פּרוּווט זיך אַ שמועס טאָן מיט קאָראַטיעיעוון וועגן דעם, אַז זי ווייס ניט מיט וואָס זיי וועלן זיך קענען אָפּצאָלן. אַגעוו, פֿאַרשטייט ער ניט וואָס אַזוינס זי באַלבעט צו אים אַף פּויליש און ער דרייט זיך אַרויס פֿון איר:

— שטער ניט אַרבעטן, באַבעניו!

די יינגלעך, ווײַזט זיך אַרויס, זײַנען אייניקלעך און קלערן אויף די זעלנער, אַז זייערע עלטערן זײַנען אין אַ לאַגער און מען ווייס ניט צי זיי לעבן.

— זיי לעבן, זיי לעבן! — שרײַט זויעוו פֿון אויבן. ער שטייט אַפֿן דאַך מיט דעם העמערל אין די הענט און דאָס מויל איז בײַ אים פֿול מיט צוועקעס.

צו די יינגלעך קומען זייערע כאַוויירים פֿונעם דאָרף, זיי קלעטערן אַף די ווערבעס, וואָס וואַקסן בײַ דער זײַט און קוקן לאַנג אַף די זעלנער פֿון צווישן די בלעטער.

אַזוי גייען אַוועק פֿיר טעג און ווערעטעניקאָוו איז שוין שטאַרק אומרויִק: מען זעט אַלץ ווייניקער אויטאָמאָבילן פֿאַרבײַפֿאָרן; זיי זאָלן ניט אַמאָל בלײַבן שטעקן אַף לאַנג אין פּוילן. די קוויטונג אַפֿן איי, וואָס ליגט בײַ אים אין קעשענע מאַכט אים אומרויִק, די קוויטונג מוז מען איבערגעבן.

און ווען שפּעט אין אָוונט באַווײַזן זיך אַ סאַך אויטאָמאָבילן פֿאָרן אַפֿן וועג, באַפֿעלט דעריבער ווערעטעניקאָוו די זעלנער זיי זאָלן זיך שנעל אָנטאָן און צעכאַפּן די ביקסן. דאָס הויז איז שוין קימאַט פֿאַרטיק. זיי געזעגענען זיך אַף שנעל מיט דעם עלטערן פֿון די צוויי יינגלעך — די אַלטע לײַט און דאָס קלענערע יינגל שלאָפֿן שוין, — זיי רוקן אים אַרײַן אין די הענט אַ זעקעלע מיט צוקער און לויפֿן אַרויס אַפֿן וועג.

די אויטאָמאָבילן בלײַבן שטיין. דער פֿאָדערשטער, ווײַזט זיך אַרויס איז אַ סאַניטאַרער אויטאָבוס, מיט ווייכע לעדערנע זיץ־פּלעצער. די זעלנער זעצן זיך אויף און פֿאָרן קיין בערלין.

XVIII

קאַפּיטאַן טשאַכאָווס ראָטע באַשטייט דער איקער פֿון יונגע זעלנער, וואָס ניט אַלע האָבן באַוויזן אָנטיילצונעמען אין די שלאַכטן.

דער רעגימענט איז אײַנגעקוואַרטירט הינטער דער שטאָט, און די קאַזאַרמעס פֿון אַלטן פּרײַסישן לײַב־גוואַרדיע רעגימענט. די קאַזאַרמעס שטייען אין אַ וואַלד, וואָס זעט אויס ווי אַ פּאַרק. ניט ווײַט פֿון זיי געפֿינען זיך די פּאַלאַצן פֿון פֿרידריך דעם גרויסן.

טשאַכאָוו געפֿינט זיך די גאַנצע צײַט אין אַזאַ צושטאַנד וואָס מען קען אָנרופֿן: „אײַנגעהאַלטן גליקלעך". ער פֿאַרברענגט דעם גאַנצן טאָג מיט די זעלנער. אָפֿט בלײַבט ער נעכטיקן אין קאַזאַרמע — ניט אַזוי דערפֿאַר וואָס אים ווילט זיך ניט אָדער ער פֿוילט זיך גיין צו זיך אַף דער קאָלעקטיווער וווינונג, ווי דערפֿאַר וואָס ער טראָגט אַף זיך פֿיר און צוואַנציק שאָ אין מעסלעם די זאָרג וועגן זײַן ראָטע. דאָס מיינט ניט, אַז ער געטרויט ניט זײַנע אָפּטיילונגס־קאָמאַנדירן. פֿאַרקערט, אַלע דרײַ זײַנען זיי געניטע מענטשן, דיסציפּלינירטע און פּינקטלעכע לייטענאַנטן. און דער סטאַרשינאַ פֿון דער ראָטע, דער מאַריופּאָלער אַרבעטער סאַקוניענקאָ, איז אַ קלוגער און טיכטיקער דינסט־מענטש, ווי די מערסטע סטאַרשינעס־אוקראַינער. און דאָך לעבט טשאַכאָוו די גאַנצע צײַט אין דער מוירע, אַז אָן אים קען פּאַסירן עפּעס אַ ניט אָנגענעמע זאַך, וואָס זאָל וואַרפֿן אַ שאָטן אַף זײַן ראָטע. ער ברענט די גאַנצע צײַט מיט דינסט־אייפֿער, מיט אַ מין יונגלשן דראַנג דורכצופֿירן זײַן ראָטע אָן וועלכער עס איז שטרויכלונג דורך די אָן שיר ניסיוינעס, וואָס לויערן, ווי טשאַכאָוון דאַכט זיך, פֿון אַלע זײַטן אַף זײַנע זעלנער.

טשאַפּאָווס גרעסטע סאָנים זײַנען ווײַן און פֿרויען. פֿאַר די צוויי ניסיוינעס האָט ער מוירע מער ווי פֿאַר אַלץ אין דער וועלט. פֿאַרשטייט זיך, אַז ניט פֿאַר זיך, נאָר פֿאַר די זעלנער. פֿאַר זיך איז ער זיכער.

בעיים די טאַקטישע און פֿראָנט־געניטונגען קוקן די דײַטשקעס פֿון די אָרומיקע שטיבלעך אַף די זעלנער און פֿרעסן זיי מיט די אויגן. זיי קוקן שוין אָן מוירע, נאָר מיט אָפֿענעם פֿרויִשן אינטערעס צו יונגע געזונטע מענער אין מיליטערישער קליידונג. מיליטערישע קליידונג ווירקט אַף טייל פֿרויען, ביפֿראַט אַף אײַנזאַמע, און אומאָפּהענגיק פֿון זייער נאַציאָנאַליטעט: זי שאַפֿט אַ בראַוון אויסזען און איז, לויט דער טראַדיציע, אַ באַווײַז פֿון מוט און העלדישקייט, און גלאַט אַזוי, האָבן ניט מיליטערלײַט קיין פֿרויען, אָדער — וואָס דאָס איז טיילמאָל אַלצאיינס — זײַנען ווײַט פֿון זיי.

אָט דער אינטערעס באַווײַזט, אַז ביסלעכווײַז — און ווי שנעל! — ווערט פֿאַרגעסן די גרויסע און, ווי עס האָט זיך געדאַכט, אייביקע סינע צווישן די צוויי פֿעלקער, און אַף איר אָרט קומען נאַטירלעכע, גאַנץ מענטשלעכע קעגנזײַטיקע באַציִונגען. נאָר אָט דער אומשטאַנד באַרויִקט ניט טשאַכאָוון, נאָר פֿאַרקערט, פֿילט אים אָן מיט נײַער זאָרג. ער האָט פֿײַנט באַקומען די דײַטשקעס מיט אַן איבערגעטריבענער סינע. ער דענקט, אַז מען קען זיך אַף זיי ריכטן אַלץ. גערעכט איז ער אין דעם זין, וואָס דײַטשקעס האַלטן ניט די פֿרײַנטשאַפֿט מיט רוסישע זעלנער פֿאַר קיין נאַציאָנאַלן פֿאַרראַט. אַכוץ דעם, — און דאָס איז מיט אַן עמעסן געפֿערלעך — האָט זיך דעמאָלט אין דײַטשלאַנד שטאַרק צעוואַקסן די פּראָסטיטוציע, אַ געוויינלעכער רעזולטאַט פֿון מיליטערישער דעזאָרגאַניזאַציע. ניט ווײַט פֿון דער קאַזאַרמע גייען פֿאַרבײַ יעדן אָוונט יונגע פֿרויען מיט אַ גאַנץ באַשטימטער אויסערלעכ־

קייט. די בורזשואזע אייראפע, א רויִנירטע פון דער מילכאמע, ווייזט איר אויסגעמארכעוועטן, אפשטויסנדיקן פארצעף. אין פאטסדאם, ווי איבער גאנץ דייטשלאנד, זיינען אויך פאראן לעגאלע שאנד־הייזער. ווען טשאכאוו דערוויסט זיך דערפון, שטוינט ער. ער האט פריער געמיינט, אז בא די ציוויליזירטע פעלקער איז שוין זייט אלטע צייטן אזוינס נישטא.

און אט די שטענדיקע מוירע פאר אומגעוויינלעכע פאסירונגען צווינגט טשאכאוון פארברענגען אין קאזארמע דעם גאנצן טאג. צו דעם אלעמען, פילט ער זיך דארט גוט. זיין איבערטראכטן, אז ארמיי־דינסט אין פרידנס־צייט קען זיך ארויסווייזן אפגעשמאקט און איינטאניק, איז, ווי עס שטעלט זיך ארויס, גרונדלאז. נאטירלעך, איז ניט אלץ ווי אין מילכאמע־צייט. נישט אלץ איז אזוי, זי איז אבער ניט ווייניקער פארכאפנדיק. אים לאקט דער פינקטלעכער מיליטערישער רעגלאמענט, דאס פונאנדערפירן די וואך אונטער די קלאנגען פון אן עכטן מיליטערישן בלאז־ארקעסטער, דאס שאלן פונעם קלארנעט, די שטייפע וואך־זעלנער בא דער רעגימענט־פאן, די קאמאנדיר־געניטונג אף דער מאפע און אפן פעלד, ביפראט די שיס־פראקטיק, וואס אלע אפיצירן גרייטן זיך צו איר מיט א ציטער אין הארצן. אים קומט איצטער אויס שיר ניט לעקציעס צו לייענען זיינע זעלנער. ער גייט איצט דורך מיט די זעלנער דעם מאטעריעלן טייל פון פוסגייערישן געווער, וועגן שלאכט־דינסט און פראנט־דינסט, וועגן דיסציפלינערן דינסט און וועגן אינערלעכן. ער איז דערום אליין פארכאפט פון די סטאטוטן און געפינט אויס אין זייער קורצקייט און באשטימטקייט א סאך דערפון וואס שטימט מיט זיין כאראקטער. די אומדערבארעמלעכע רעגלאמענטירטקייט אין אלע לעבנס־פאלן קען זיך אים ניט פארשטעלן ווי אבסאלוט דורכפירלעך, — ער איז דאך געוועזן אין דער מילכאמע און ער ווייס ווי אפט אין מילכאמע קומט אויס אפצוטרעטן פונעם סטאטוט. זי איז אבער דער אידעאל צו וועלכן מען דארף שטרעבן, און, ווי יעדער אידעאל, האט זי אין זיך עפעס פון פאעטישן — אלנפאלס פאר טשאכאוון.

וואס שאיעך די זעלנער, גיט זיך איבער אויך זיי זיין באציִונג צו דער זאך. עמעס, מער ווי אלץ פאראינטערעסירט זיי דער קאמאנדיר דעמאלט ווען ער דערציילט זיי אין די אוונטן, מיט א געמאסטענער רויִקער שטים און מיט אן ערנסטן קימאט טרויעריקן פאנעם, וועגן די מילכאמע־אפעראציעס אפן קארעלישן און אפן ערשטן ווייסרוסישן פראנט, וועגן דעם מעכטיקן דורכברעכן דעם סוינעס באפעסטיקונגען, וועגן די ריידן אינעם סוינעס הינטערלאנד, וועגן די פאלן וואס האבן פאסירט מיט אים און מיט זיינע רעגימענט־כאווייריִם. ער דערציילט זיי וועגן אויסשפירער, דעריין, וועגן א געוויסן גווארדיע־מאיאר לובענצאוו, וואס האט געדינט אין איין דיוויזיע מיט טשאכאוון. ער ווייזט זיי דעם גאנג פון די שלאכטן פאר דער שטאט, וווּ זיי געפינען זיך איצט, אדער ווי ער דריקט זיך אויס, „וווּ זיי שטייען איצט אף דער וואך פון די מעלוכע־אינטערעסן פונעם ראטנפארבאנד“. ער באזערט אפט איבער אט די ווערטער, ווייל זיי מאכן אט דאס אין פלוג אומזיניקע אויפהאלטן דעם גארניזאן אין א פרעמדן לאנד פאר א זייער וויכטיקער שלאכט־אויפגאבע.

צו זיך אף דער קאלעקטיווער וווינונג גייט טשאכאוו וואס ווייטער אלץ זעלטענער.

איין מאל אין אן אוונט גייט ער אהין אוועק, און ווי ער קומט אריין צו זיך אין צימער, דערפילט ער, אז עמעצער איז דארט פאראן. ער דרייט אויף די עלעקטריע און דערזעט ווארעביצעוון א שלאפנדיקן אינעם אנטאן

און אין די שטיוול, באַ זיך אויפֿן בעטל. איינער אויפֿן צווייטן אָנגעשטעלט, פֿאַרנעמען דעם צימער גאַנצע פֿינף וואַליזעס. טשאַכאָוו שפּאַרט זיך דורך צו זײַן געלעגער. וואָראָבייצעוו דערהערט דעם געשאָרך און כאַפּט זיך אויף, ער קוקט אויף טשאַכאָוון מיט ניט פֿאַרשטייענדיקע אויגן, דערנאָך זעצט ער זיך אויף אויפֿן בעטל און רופֿט זיך אָן:

— ביסט אינגאַנצן אָפּגעברענט. שוואַרץ געוואָרן. ס'איז דיר ניט צו דערקענען. שפּאַנסט אַלץ... טאַקטישע געניטונגען?... פֿראָנטישע?... קלאַפּסט אין קעסעלע?...

— יאָ, — זאָגט טשאַכאָוו, דערנאָך קוקט ער אויף די וואַליזעס, אויף וואָראָבייצעוון און פֿרעגט: — מען האָט דיר געגעבן דעם וועג?

— יאָ, געגעבן דעם וועג, אויב דיר געפֿעלט אָט דאָס ווערטעלע. אַ אויסדרוקפֿול ווערטעלע. צוויי פּאָלקאָווניקעס זײַנען געקומען, מיט זעלנער און אויטאָמאָבילן, האָבן מיך געבעטן... ניט נאָר מיך, דאַרפֿסטו וויסן, דעם גאַנצן קוואַרטאַל האָט מען אַרויסגעבעטן. אין איין שאָ זאָלן אַלע אַרויספֿאָרן. אַ באַפֿעל. אונדזערע הײַזקעס, מיסטאָמע, זײַנען געפֿעלן געוואָרן נאַטשאַלסטווע.

ניט געקוקט אויף זײַן געוויינלעכן ווויליינגישן טאָן, איז קענטיק, אַז ער איז צערודערט, אָנגעשראָקן. די סצענע פֿון אַרויסזעצן זיי, איז, קענטיק, ניט געווען אַזאַ גלאַטיקע, ווי זיי שטעלן זיך איצט פֿאָר, און געזאָגט האָט מען אים דאָרט עפּעס זייער האַרבס.

— וואָלסט דאָך געקענט פֿאָדערן דײַן מעבל, — זאָגט טשאַכאָוו, — דעם ראָיאַל.

— ווייסעך וואָס! — גיט וואָראָבייצעוו אַ מאַך מיט דער האַנט. — פֿאָדער באַ אונדזערע!

עפּעס דריקט אים. די גאַנצע נאַכט דרייט ער זיך אויף זײַן געלעגער, ער גייט אַרויס וואַסער טרינקען, אַ ניט געוויינלעכע זאַך באַ אים. אין דער פֿרי גייט ער אינאיינעם מיט טשאַכאָוון צו די קאַזאַרמעס. טשאַכאָוו וווּנדערט זיך וואָס ער שווײַגט. אין דער אָפֿיצירישער גאָרקיך קריגט פֿאַר אים אַרויס טשאַכאָוו אַ טאַלאָן אויף עסן. דער פֿרישטיק געפֿעלט אים ניט, זעט אויס, צו פּאַסעט פֿאַר זײַנע איצטיקע געוווינהײַטן. נאָכן פֿרישטיק וואַרט ער אָפּ טשאַכאָוון באַם טויער און גייט מיט אים הינטער דער ראָטע אויף געניטונגען.

אַ שיין יולי־וועטער שטייט איצט, אַ ווייכער און ניט הייסער. אַלץ אַרום איז ווי אויף בילד. הונדערט־יאָריקע לינדנביימער און דעמבעס זײַנען זיך ברייט און שטורמיש צעוואַקסן; די בוכנביימער, פֿאַרקערט, זײַנען פֿאַרבליבן, ניט געקוקט אויף זייער עלטער, געשטרעקט און דין. די זון־שטראַלן רײַסן זיך אַדורך די ביימער־קרוינען און פֿאַלן ווי אַ נעץ אויפֿן ווײַסן וועג און אויף די גרינע זעלנערישע קאַסקן; די זעלנער גייען אין דרײַ קוואַדראַטן, אָפּטיילונגען־ווײַז און זינגען. זיי זינגען אַן אַלט סאָוועטיש ליד, וואָס איז פֿאַרפֿאַסט געוואָרן נאָך פֿאַר דער מילכאָמע, מיט ניט גאָר פֿאַרשטענדלעכע ווערטער, נאָר מיט אַ מעלאָדישער מוזיק, וואָס טויג צום מאַרשירן. דער פֿאַרזינגער, וואָס געפֿינט זיך אין דער צווייטער אָפּטיילונג — אַ ניט אָנזעעוודיקער, אַ דאַר באָכערל, זינגט אויס, מיט אַן אומגעריכט הויכער און שטאַרקער שטים, די גרונטיקע סטראָפֿע, און נאָך אים טרעט אַרײַן די גאַנצע ראָטע, אין צוויי שטימען אײַנגעטיילט. די צוויי־שטימיקייט גיט צו דעם ליד אַ מינאָר־טאָן.

ווײַסרוסלאַנד לײַבלעכע,
אוקראַינע גאָלדענע,
אײַער יונגן גליק וועלן מיר
מיט באַגנעטן, מיט באַגנעטן פֿאַרהיטן...

עפּשער שפּילן דאָ אַ ראָל אויך די ווערטער. די זעלנער, נאַטירלעך, הערן זיך ניט אַזוי צו צום זין פֿון די ווערטער, נאָר עפּעס טרויעריקס איז פֿאַראַן דערין וואָס מען מוז נאָך „מיט באַגנעטן, מיט באַגנעטן" פֿאַרהיטן זייער „יונגן גליק". און ווי אַ באַווײַז דערצו טראָגן הינטער זיך די זעלנער פֿאַנירע:ע צילברעטער, וואָס שטעלן מיט זיך פֿאָר פֿינצטערע פֿיגורן פֿונעם קאָנווענציאָנעלן סוינע, און בויגנס פּאַפּיר אַף ברעטלעך אויפֿגעקלעפּט מיט קאָנצע:טרישע קרײַזן.

הײַנט וועט פֿאָרקומען שיס־פּראַקטיק און שיס־פּראַקטיק איז פֿאַר אָפֿיצירן אַן ערנסטער פּרוּוו, פֿאַר זעלנער איז עס אַ באַליבטע פֿאַרנעמעניש. ס'איז אַן איניען וואָס פֿאָדערט קענטעניש, דערצו נאָך ווערט עס באַטראַכט פֿאַר אַ מין אָפּרו, ווײַל אין דער צײַט ווען איין טייל שיסט, זיצט די אַנדערע אַפֿן גראָז און קלוימערשט זיי כאַזערן זיך די שיס־קלאָלים, רוען זיי אָפּ, פֿאַרטראַכטן זיך, קוקן אַף די פֿעדערדיקע וואָלקנדלעך אינעם לויטערן הימל.

נאָר טשאָכאָוו איז ניט פֿון יענע קאָמאַנדירן וואָס לאָזן די זעלנער רוען בעיסן לערנען. ביז מען שטעלט אײַן די צילברעטער אין ספּעציעל־אויסגעגראָבענע קאַנאַוועס, ביז דער סטאַרשינאַ באַקומט די שלאַכט־קוילן. ביז די זעלנער וואָס זײַנען באַשטימט אַלס קייט אַרום דער שיס־פּלאַץ, וועלן פֿאַרנעמען זייערע ערטער בײַ די נאָענטע און ווײַטערע ראַנדן וואַלד, באַפֿעלט טשאָכאָוו לערנען די זעלנער מאַרשירן, זיך פֿורעמען אין די ביקס־פּראָצעדורן.

די זעלנער מאַרשירן אַף דער גרינער לאָנקע, אײַנגעטיילטע אין אונטעראָפּטיילונגען, אונטער דער אָנפֿירונג פֿון סערזשאַנטן. זיי שפּאַ:ען און שטעלן זיך אַף באַפֿעל, פֿון שפּאַנען גייט מען איבער אַף לויפֿן, פֿון לויפֿן אַף שפּאַנען, מען טרעט צו מיט אַ קלוימערשטן ראַפּאָרט צום סערזשאַנט, מען טרעט אָפּ לויט אַלע קלאָלים פֿון מיליטערישער אָרדענונג. דאָ און דאָרט הערט מען קאָמאַנדע־ווערטער, דער אײַנשטימיקער טראָט טרייסלט אויף דאָס פֿעלד. דער געדריי פֿון די מענטשן־גרופּעס, וואָס אָט גייען זיי זיך איינער קעגן צווייטן און אָט גייען זיי זיך פֿונאַנדער אין פֿאַרשידענע זײַטן, זעט אויס פֿון ווײַטן אומזיניק, נאָר שיין.

טשאָכאָוו רוט ניט קיין איין מינוט און שפּאַנט פֿון איין גרופּע צו דער צווייטער, מיט נישט געאײַלטן נאָר ריטמישן טראָט. וואָראָבייצעוו גייט אים נאָך און רויכערט איין ציגאַרעט נאָכן צווייטן. כאָטש די אַלע עקזערצירונגען אינטערעסירן אים גאָר ווייניק, פֿילט ער זיך איבערפֿולט מיט אַכטונג צו טשאָכאָוון, און באַמערקט דערבײַ, אַז ער פֿילט זיך דאָ ווי אַ פֿיש אין וואַסער. פֿון צײַט צו צײַט קומט צו טשאָכאָוו צו איינער פֿון די אונטעראָפּטיילונגען, קוקט זיך צו אַ מינוט צו די באַוועגונגען פֿון די זעלנער, און אַז ער איז מיט עפּעס ניט צופֿרידן, ליאַרמט ער ניט, שרײַט ניט אַפֿן סערזשאַנט, נאָר ער נעמט זיך אַליין באַווײַזן ווי מען דאַרף עס טאָן. ער ווײַזט עס מוסטערדיק. ער באַוועגט זיך שיר ניט ווי אַ באַלעט־טענצערן, גלאַט, נאָר דײַטלעך. זײַנע באַוועגונגען, פֿון די הענט, פֿון די פֿיס, פֿונעם קאָפּ, פֿון די אַקסלען, זײַנען האַרמאָניש, ביז פֿיליגראַנישקייט, צום פֿאַרקוקן זיך אַף זיי. זײַן פּנים בלײַבט דערבײַ אומדורכדרינגלעך און שטרענג, און די פֿרייד פֿון הערשן איבערן אייגענעם קערפּער, דריקט זיך אויס נאָר מיט באַוועגונג.

דאָס זײַנען אין זיך זיכערע, בראַווע נאָר באַשיידענע באַוועגונגען, אין זיי ווײַזט זיך אַרויס זײַן גאַנצער כאַראַקטער. וואָראָבייצעוו טאַפּט עס מאַמעש אָן.

וואָראָבייצעוו מידט זיך גיך אײַן פון דעם אומגיין אָן אַן עק. ער לייגט זיך צו אונטער אַ בוים און רויכערט ווײַטער איין ציגאַרעט נאָכן צווייטן. ווען עס ווערט אויסגערופן אַן איבעררײַס, קומען צו אים צו טשאָכאָוו און די לייטענאַנטן — די קאָמאַנדירן פון די אָפּטיילונגען. עס ווערט שטיל. אַלץ איז שוין גרייט צו דער שיס־פּראַקטיק. פון ווײַטנס זעט מען די צילברעטער, אויפגעשטעלטע איבערן ברוסטווער; די נענטערע — צום שיסן פון ביקסן, און די ווײַטערע, קוים מען זעט זיי פון אַכט הונדערט מעטער די ווײַט, צום שיסן פון קוילנוואַרפערס.

די זעלנער שטעלן זיך אויס. דער סטאַרשינאַ טיילט אויס צו דרײַ קוילן און ציילט זיי אָפּ יעדן איינעם אין דער דלאָניע. קוילן זײַנען איצט אונטער שטרענגן קאָנטראָל, און טשאָכאָוו שמייכלט אַ פאַרטראַכטער, ווען ער זעט ווי קאַרג עס איז דער סטאַרשינאַ, און דערמאָנט זיך ווי ערשט מיט איבער צוויי כאַדאָשים צוריק האָט מען אויסגעטיילט קוילן אָן כעשבן — נעם וויפל דו ווילסט, און שיס אַ גאַנצן טאָג, אַ וואָך אַפילע. ער קען זיך אויך ניט פאַרגעסן וועגן דעם, אַז אין די אַלע פיר יאָר מילכאָמע, ווען מענטשן זײַנען געווען אונטער עמעסער געפאַר, האָט ער און זײַנע זעלנער נישט געהאַט קיין קאַסקן, אָדער האָבן זיי, אַלנפאַלס, נישט געטראָגן, און איצט, ווען עס איז נישטאָ קיין געפאַר, טראָגן אַלע שטאָלענע קאַסקן.

די אָפּטיילונגען, שוין ניט קיין צעטיילטע, פאַרנעמען די פײַערליניע, די סיגנאַליסטן פאָכען מיט די פענדלעך. דאָס שאַלן פונעם קלאַרנעט טראָגט זיך איבער וועלדער און וועלדלעך. עס דערהערן זיך די ערשטע זאַלפּן. באַ טשאָכאָוון איז דאָס האַרץ צעשפּילט. און מיט אַ מאָל, טיילט זיך אָפּ פון אַ גרופּע אָפיצירן, וואָס שטייען אַ האַלבן קילאָמעטער ווײַט לינקס, אַ מענטש, און ער מאַכט מיט די הענט און לאָזט זיך לויפן צו טשאָכאָוון.

— אָפּשטעלן! — הערט זיך שוין זײַן געשריי ווען ער איז שוין נענטער.

— אָפּשטעלן! — באַפעלט טשאָכאָוו, כאָטש ער ווייס נאָך ניט אין וואָס עס האַנדלט זיך, נאָר ער האָט מוירע צי האָט ניט געטראָפן עפּעס אַן אומגליק.

די זעלנער קוקן זיך איבער מיט שטוינען און הייבן זיך אויף אומ־אַנטשלאָסן, נאָר זיי לאָזן ליגן זייערע ביקסן אַפן גראָז.

דער צוגעלאָפענער קאָמאַנדיר פונעם באַטאַליאָן באַפעלט אַ פאַרסאָ־פּעטער:

— אָפּשטעלן. קיין שיס־פּראַקטיק וועט ניט זײַן. צוריקגיין אין די קאַ־זאַרמעס און וואַרטן אַף אָנווײַזונגען.

טשאָכאָוו פרעגט ניט גאָרניט, ער באַפעלט צוזאַמענעמען די צילברע־טער און זיך אויסשטעלן. ער איז צעטומלט און פאַרוווּנדערט, נאָר ער ווײַזט עס ניט אַרויס. אין זײַן פאַרשטעלונג, וואָס איז נאָך ניט אָפּגעקילט נאָך די לאַנגע יאָרן קריג, זעט ער פאַרשידנערליי קאָמפּליקאַציעס. צי איז ניט ערגעץ ווידער אַרויפגעשוווּמען היטלער, וואָס זײַן גוידל איז נאָך ניט קלאָר, און האָט אויפגעהויבן די דײַטשן. צי האָבן ניט די אַמעריקאַנער און ענגלישע בורזשויען באַשלאָסן אָנצופאַלן אַף דער רויטער אַרמיי אין דײַטש־לאַנד אא״וו. ער איז אַזוי צעטומלט, אַז ער זעט אַפילע ניט ווי וואָראָבייצעוו איז פאַרשוווּנדן.

אין אָוונט ווערט באַקאַנט אַז קיין בערלין, און שיר ניט אַהער קיין

פּאָטסדאַם, זײַנען אָנגעקומען סטאַלין מיט מאָלאָטאָוון. קיינער ווייס נישט צוליב וואָס זיי זײַנען געקומען. אַלע גייען אום פֿאַרשמאַכט צערודערט און וואַרטן אַף וויכטיקע געשעענישן.

אין פּאָטסדאַם ווערט מיט אַ מאָל אויסערגעוויינלעך גרויס דער פֿאַרקער פֿון די לײַכטע אויטאָמאָבילן און וואָפֿנפֿירערס; עס מערן זיך אין גאַס גענעראַלן און פּאָלקאָווניקעס. אויך דער הימל איבער דער שטאָט ווערט באַלעבט. קימאַט דעם גאַנצן טאָג הערן ניט אויף פֿליען די עראָפּלאַנען.

אַפֿן צווייטן טאָג, דערציילן די אָפֿיצירן וואָס קומען פֿון בערלין, אַז אויסטין טשערטשיל און פּרעזידענט טרומען זײַנען געקומען צו פֿליען. מען דערציילט, אַז טשערטשלען האָט אויפֿגענומען דער גוואַרדייִשער בלאָז־אָרקעסטער אין לעמפּערט־פּעלן.

עס האַנדלט זיך קענטעק פֿון דער דרײַ־מעלוכעס־קאָנפֿערענץ.

שפּעט אין אָוונט רופֿט אַרויס דער דעזשורנער טשאַכאָוון צום טויער. אינעם וואַך־שטיבל וואַרט אַף אים וואָראָבייצעוו. ער איז שטאַרק אויסגעטרונקען. ער צעשמייכלט זיך אין זיך און צעלאַכט זיך און צום לעצט שעפּטשעט ער אַרײַן טשאַכאָוון אַפֿן אויער:

— ווייסטו שוין פֿאַרוואָס מען האָט מיך אַרויסגעוואָרפֿן? ווייסטו ווער עס וועט וווינען אין מײַן שטוב? טרומען! פּרעזידענט פֿון די צאָפֿן־אַמעריקאַנישע פֿאַראייניקטע שטאַטן. און דו זאָגסט — דעם וועג געגעבן.

XIX

די הײַזער וווּ עס וווינען די אַמעריקאַנער דעלעגאַטן ווערן באַוואַכט פֿון הויכע יונגען. מיט גרויסע פּיסטוילן אונטערגעבונדענע אונטער דער גאָמבע. ווען זיי פֿאַרענדיקן זייער באַטאָגיקע דינסט, פֿאָרן זיי אַוועק אַף „דזשיפּן" קיין בערלין, וווּ יעדער איינער זייערער מאַכט זײַנע קליינע ביזנעס. האַנדלט מיט סיגאַרעטן „טשעסטערפֿיעלד" און „קעמעל", מיט פּליטקעס שאָקאָלאַד און קאָנסערוון. ווען זיי פֿאָרן פֿאַרבײַ די סאָוועטישע זעלנער, שטעלן זיי זיך אָפּ און פֿאַרקאַשערן די אַרבל ביז איבער די עלנבויגנס. אַף זייערע נאַקעטע הענט זײַנען אָנגעטאָן האַנט־זייגערס, טיילמאָל צו פֿופֿצן אַף יעדער האַנט. זיי שאַצן זייער הויך די אָקופּאַציע־מאַרקן, ווײַל זיי האָבן אַ מעגלעכקייט זיי אויסצובײַטן אַף דאָלאַרן.

ניט געקוקט אַף דער גאַנצער אַכטונג און אַפֿילו באַזונדערער זעלנערישער גערירטקייט לגבי די קעמפֿער פֿון דער אַלײַירטער אַרמיי, קוקן סאָוועטישע מענטשן מיט שטוינען און סינע אַף דער אויפֿפֿירונג פֿון די אַמעריקאַנער זעלנער. די בערלינער אַלטוואַרג־מאַרק זײַנען פֿול מיט אַמעריקאַנער, וואָס זעען אויס ווי קליינהענדלער, וועלכע רופֿן געשמײַעדיק אַרײַן די קונים.

פֿאַראַן, פֿון דעסטוועגן, צווישן סאָוועטישע מענטשן אויך אַזעלכע, וואָס זיי געפֿעלט גראָד דער וווילײַנגעשער טאָן פֿון די „אַמי", זייער ציוויליע האַלטונג, זייער אונטערגעשטראָכענע אומאַכטונג צו דער מיליטערישער דיסציפּלין, זייער באַצויבערנדיקע היימישקייט צווישן זיך, אַפֿילו מיט עלטערע אָפֿיצירן, און דער אָפֿענער געיעג רײַך צו ווערן.

די אַלע שטריכן מאַכן אַ באַזונדערן קישעפֿדיקן אײַנדרוק אַף מענטשן, וואָס דאָס קאַפּיטאַליסטישע פּריוואַט־אייגנטום איז אין געהיים זייער פֿאַרבאָטענער נאָר לאָקנדיקער טרוים. אַזעלכע מענטשן זײַנען בײַ אונדז פֿאַראַן

ניט אַזוי ווייניק ווי עס איז אָנגענומען צו דענקען; זיי זײַנען געוויינט אויסצובאַהאַלטן זייערע אַפּעטיטן אין דעם לאַנד, ווו פּריוואַט־אייגנטום איז אָפּגעשאַפֿט און איז אַלגעמיין פֿאַרהאַסט, נאָר די אַפּעטיטן ווערן דערפֿון ניט קלענער. און כאָטש מיטן מויל זײַנען זיי זייער פֿרום, בענקען זיי טיף אין האַרצן נאָכן אַלטן. ווי בײַ אַלע קליינבירגער אין דער וועלט, איז בײַ זיי דאָס איצטיקע שלעכט שוין דערמיט וואָס דאָס איז איצטיקס און דאָס געוועזענע איז גוט שוין דערמיט וואָס דאָס איז געוועזן.

די אָנמערקונג פֿונעם „קאָמוניסטישן מאַניפֿעסט", אַז די פֿראַגע פֿון אייגנטום איז די צענטראַלע פֿראַגע אין דער פּאַרטיי־טעטיקייט, בלײַבט אין קראַפֿט אויך בײַ הײַנטיקן טאָג. נאָך אַלעמען, גייט די וואַסערן־צעטיילונג פֿון די אידעאָלאָגיעס אויף דער ליניע פֿון באַציִונג צו אייגנטום, און ניט אויף דער ליניע פֿון די מעלוכע־גרענעצן. איך מיין, אַז אַ קאַרגער מענטש, אַ זשעדנער, אַ געלט־גײַציקער, קען ניט זײַן קיין סאָציאַליסט, ווי שיין ער זאָל ניט ריידן אויף אַ פֿאַרזאַמלונג. געלט־גײַציקייט אינעם פּערזענלעכן לעבן, איז שיר ניט דאָס אייגענע וואָס קאַפּיטאַליזם אינעם געזעלשאַפֿטלעכן.

דעם קאַפּיטאַן וואָראָבייצעוו זײַנען די אַמעריקאַנער זעלנער געפֿעלן. זיי יאָגן זיך נאָך געלט, נאָר זיי באַהאַלטן עס ניט אויס. זיי ווילן פֿאַרדינען וואָס מער, נאָר זיי מאַכן דערפֿון ניט קיין סאָד. בײַ זיך אין דער היים, אין זײַן פֿאַמיליע, איז וואָראָבייצעוו אַרומגערינגלט מיט מענטשן וואָס שטרעבן צו דעם זעלביקן. נאָר אָפֿן זאָגן זיי עס קיינמאָל ניט. דאָס אייגענע ער, ער האָט ליב דזשאַז, נאָר אַלעמען זאָגט ער, אַז ער האָט ליב טשײַקאָווסקין. ער האָט ליב קאָרטן־שפּיל, נאָר זאָגן זאָגט ער, אַז ער האָט ליב שאַך־שפּילן. ער גלייבט ניט קיינעם, ווײַל ער ווייס, אַז ער פֿאַרדינט ניט קיין גלייבן.

דאָס אַלץ איז נאַטירלעך, דער פֿאַרווּסגייענדיקער געדאַנק, וואָס איז געוואָרן די פֿאָן פֿון דער גרויסער מעלוכע, קען ניט אין אַ קורצער צײַט גוווער זײַן אַלע רעשטן פֿונעם אַלטן; אָפּגעשטאַנענע מענטשן, וואָס זײַנען געצוווּנגען אָפֿן צו אָנערקענען דעם געדאַנק, נאָר אין געהיים זײַנען זיי קעגן אים אָדער זײַנען צו אים גלײַכגילטיק, געוויינען זיך צו צוויִעס און צו ביטרעוועז. נאָר באַרויִקן זיך אויף דער קאָנסטאַטיר, קענען מיר ניט. עפּעס דערפֿון הענגט אָפּ אויך פֿון אונדז, וואָרעם דאָס מערן זיך פֿון דעם מין צוויִעס נעמט זיך פֿון שאַצן צו הויך דעם צוואַנג און פֿון ניט דערשאַצן די דערציִונג. און וואָס אַזוינס איז דערציִונג? דערציִונג מיינט זאָגן צו מענטשן דעם עמעס וועגן זייער לעבן פֿון דער גאַנצער וועלט. דאָס לערנט אונדז לענין, דאָס לערנט אונדז אונדזער פּאַרטיי. אַלע די וואָס פֿאַרנעמען זיך מיט דערציִונג, מוזן דאָס געדענקען און אַזוי טאָן.

נאָר לאָמיר צוריקגיין צו אונדזער דערציילונג.

וואָראָבייצעוו בלאָנקעט אום איבער באַבעלסבערג אַרום זײַן געוועזענער וווינונג, ווו עס האָט זיך באַזעצט, ווי עס האָט זיך באַלד אַרויסגעוויזן, ניט פּרעזידענט טרומען, נאָר איינער פֿון די מיטגלידער פֿון דער אַמעריקאַנער דעלעגאַציע, דער וויצע־אַדמיראַל עמאָרי לענד. אויב די אַמעריקאַנער זעלנער פֿאַרנעמען זיך מיט זייערע קליינע און גראָבע ביזנעס, טוט דאָס דער אַדמיראַל עמאָרי לענד אין אַ סאַך גרעסערע מאַסשטאַבן. מען פֿירט צו אים דײַטשע מעקלערס און אַגענטן. פֿאַר זײַן שאַלעט שטעלן זיך אָפּ לאַסט־אויטאָמאָבילן מיט אָפּצייכענונגען פֿון דער אַמעריקאַנער אַרמיי און מען לאָדט אויף זיי באַלנס מיט סכוירעס.

וואָראָבייצעוו דרייט זיך אַרום דעם קוואַרטאַל, ער קויפֿט אויף בײַ די אַמעריקאַנער זייגערס, עלעקטרישע ראַזירערס, סיגאַרעטן, קײַ־גומי און סול־

פּידן. צוויי אַמעריקאַנער פֿון דער באַוואַכונג רופֿן זיך פּעטרענקאָ און קאַפּלאַן. זיי זײַנען זין פֿון אוקראַיִנער עמיגראַנטן און זיי קענען זיך צוזאַמענריידן אין רוסיש. אַגעוו, זײַנען זיי פּונקט אַזעלכע געביפּטע יאַטן ווי די געבירטיקע אַמעריקאַנער, נאָר געבליבן איז בײַ זיי אַ טיפֿע אַכטונג צו זייער אַלטער היים און אַ סענטימענטאַלע ליבע צו איר. דער ערשטער רעדט וועגן פּאָלטאַווע און דער צווייטער וועגן אָדעס קימאַט מיט טרערן אין די אויגן, כאָטש זיי זײַנען דאָרט קיינמאָל ניט געווען. וואָראָבייצעוו ווערט גוטברודער מיט זיי. זיי פּאַטשן אים אין פּלייצע און זאָגן, אַז די קאָנפֿערענץ וועט זיך גיך פֿאַרענדיקן און ער וועט ווידער קענען פֿאַרנעמען דעם שאַלעט, און זיי וועלן זיך באַמיִען, אַז אַלץ אינעם שאַלעט זאָל בלײַבן גאַנץ. זיי זײַנען אַנטציקט מיט דער העלדישקייט פֿון דער רויטער אַרמיי און עס טוט זיי וויי די פֿאַרוויסטונג פֿון פּאָלטאַווע און אָדעס דורך די דײַטשן.

זיי באַקענען וואָראָבייצעוון מיט אַן אַמעריקאַנער לייטענאַנט מיטן נאָמען אואײַט. אויך אואײַט קען רוסיש. ער איז אַ דאַרער יונג, נאָר זייער אַ הויכער, וואָס זײַן שטענדיקע פֿריילעכקייט בײַט זיך מיט אַ פֿאַרטראַכטקייט, וואָס גרענעצט מיט אידיאָטישקייט. אין אַזוינע מינוטן זיצט ער אַ שטײַפֿער, מיט ברייט־צעעפֿנטע בלויע אויגן, אָנגעשטעלט אויף איין פּינטל, און מורמלט עפּעס מיט זײַנע דינע ליפּן — עפּשער אַ טפֿילע. דײַטשן האָט ער פֿײַנט, ענגלענדער רופֿט ער ניט אַנדערש ווי „טיפּשים", פֿראַנצויזן רופֿט ער „שמאַטעס". אַכטונג האָט ער נאָר צו רוסן, און ניט דערפֿאַר זאָגט ער עס וואָס וואָראָבייצעוו איז דאָ דערבײַ, ער איז מיט אַן עמעס באַגײַסטערט פֿון די רוסן און זאָגט, אַז נאָר זיי און די אַמעריקאַנער האָבן עפּעס אַ ווערט, און אַז ער, אואײַט, שפּײַט אויף אַלץ, נאָר מיט די רוסן וואָלט ער זיך ניט וועלן שלאָגן, ער מיינט מילכאָמע האַלטן.

וואָראָבייצעוון פֿאַלט אײַן אים צו באַקענען מיט טשאַכאָוון. וואָראָבייצעוו גיט זיך אַליין קיין רעכענונג ניט וועגן זײַנע געפֿילן צו טשאַכאָוון. דאָס קען עפּשער אויסזען מאָדנע, נאָר וואָראָבייצעוו, וואָס וויל לעבן ווי די אַמעריקאַנער און זיך פֿירן ווי זיי, וויל אויך לעבן ווי טשאַכאָוו און זיך פֿירן ווי ער. און כאָטש איינס שליסט אויס דאָס אַנדערע — און ער פֿאַרשטייט עס גאַנץ גוט — ווילט זיך אים אַזוי. דאָס וועלן באַקענען טשאַכאָוון מיט די אַמעריקאַנער, איז בײַ אים עפּשער, אומבאַוווּסטזיניק, אַ פּרוּוו צו לייזן אַט די פֿראַגע. נאָר איך זאָג עס נאָכאַמאָל, אויב ער דענקט אַזוי, איז עס גאַנץ אומזיכער.

נאָכדעם ווי ער רעדט אָפּ מיט טשאַכאָוון וועגן דער באַגעגעניש און טרעפֿט זיך מיט אים, לויבט ער פֿאַר אים אויס זײַנע נײַע באַקאַנטע, ער באַהאַלט פֿאַר אים ניט אויס זײַן באַגײַסטערונג מיט זייער שטייגער אויפֿפֿירן זיך, מיט דער לײַכטקייט און פֿרײַקייט וואָס זיי פֿאַרמאָגן, ווי ער מיינט, אין זייער באַציִונג מיט מענטשן און צווישן זיך, ווי מיט דעם הויכן לעבנס־ניוואָ פֿון די אַמעריקאַנער. עס געפֿעלן אים אַ סך זאַכן, מיט וועלכע ער איז אַרומגערינגלט, און אַפֿילע ווי די זאַכן זײַנען אויסגעפֿורעמט, שיין און פֿעסט געמאַכט. דאָס אַלץ ברענגט ער אַרויס פֿאַר טשאַכאָוון אין דער קאַזאַרמע אַרײַנצולייגן דערין אַ פּאָליטישן זין. טשאַכאָוו, פֿון זײַן זײַט, באַציט זיך צו די אַמעריקאַנער מיט דער נאַטירלעכער סימפּאַטיע ווי מען באַציט זיך צו אַלײַרטע. ער שטימט דערום אײַן, כאָטש אין באַזונדערן בײַשעק, ווײַל ער וויל ניט אַוועקגיין פֿון דער קאַזאַרמע, זיך צו באַקענען מיט די אַמעריקאַנער מיליטער־לײַט.

זיי גייען אַוועק אין אַ הויז, וווּ עס געפֿינט זיך אַ „קעמפּ" פֿון אַמע־

ריקאַנער אָפיצירן. דאָרט באַגעגנט זיי אואַיַט. זיי טרינקען אויס אַ וויסקי מיט סאָדע און גייען פון דאָרט אין אַ צווייטן הויז, וווּ עס וואַרטן אַף זיי פּעטרענקאָ און קאַפּלאַן. טכּילעס וווּנדערט זיך טשאָכאָוו וואָס די דרײַ אַמע־ריקאַנער ריידן נישטקאָשעדיק רוסיש, כאָטש זיי מישן דורך זייער רוסיש מיט ספּעציפיש אַמעריקאַנישע ווערטלעך, אַזוי אַז די שפּראַך ווערט אינגאַנ־צן אומפאַרשטענדלעך.

טשאָכאָוו איז רויִק, ער טרינקט ווייניק, רעדט ווייניק. זיי רעגן אים אויף ערשט דעמאָלט ווען זיי נעמען ריידן מיט אים וועגן זייער האַנדל און זייערע פאַרדינסטלעך אין דער מילכאָמע. דעמאָלט דערפילט ער צו זיי אַ מין אומגעווייטלעכע פרעמדקייט. דערנאָך לאָזן זיי זיך אַוועק אין אַ וווּליִיִנגישן טאַנצן, באַגלייט מיט אַ ריטמישן לידל, נאָר אָן שום מעלאָדיע. וואָראָביי־צעוו, ווײַזט זיך אַרויס, קען שוין דאָס לידל און זינגט עס פאַלש נאָך. זיי נעמען דערנאָך אַרויפשטעלן פּלאַטן אַף אַ גרויסער ראַדיאָלע. אויך די פּלאַטן זײַנען גרויסע, אַזוי אַז אַף יעדער איינער פון זיי זײַנען אָפּגעפּרעסט ביז צען לידלעך, ריטמישע נאָך אָן מעלאָדיעס, צעהאַרגעטע, צעדריוולטע. די פּרויען־שטים, וואָס זינגט טייל פון די לידלעך, איז אַן אויסגעלאַסענע, עס פילט זיך ווי די זינגערן ברעכט זיך און דרייט זיך ווי זי וואָלט געהאַט קאָנווולסן. טשאָכאָוון דאַכט זיך ער זעט די פרוי, — זי איז דאַר, אומגעלומ־פּערט און אויסגעמאַטערט.

קאַפּלאַן פאַרשווינדט ערגעץ און קומט צוריק מיט דרײַ מיידלעך. ער גייט צו צו טשאָכאָוון, צעשויבערט אים די האָר, און ווי צו טרייסטן און באַרויִקן, זאָגט ער אים, אַז מיידלעך זײַנען פאַראַן ניט מער ווי דרײַ, נאָר דאָס מאַכט ניט אויס — „מירן זיך בײַטן". און ער פרעגט טשאָכאָוון וועל־כע געפעלט אים, זאָל ער זי נעמען, ווי אַ גאַסט און ווי אַ רוסישער אָפיציר. „טײַערער פרײַנט", זאָגט ער און גלעט טשאָכאָוון איבערן קאָפּ, ווי מען גלעט אַ קינד.

טשאָכאָוו פילט זיך פאַרלוירן. ער קוקט אַף די פרויען. איינע איז אַ יונגינקע, אַ יאָר זעכצן אַלט, מיט אַ גרויסן פאַרדרייטן לאָק פון פאָרנט און אַ פאַרביק וואָלן טיכל אַראָפּגערוקט אַפן נאַקן. קענטיק, עס איז איר קאַלט און שרעקלעך, און זי פּלײַסט זיך אויסצוזען פריילעך און זיך האַלטן פרײַ. באַזונדער נעבעכדיק איז איר שיין שאַרף נעזל.

עס איז נישט דערפאַר וואָס טשאָכאָוו, ווי עס שרײַבט זיך אין די ביי־כער, האָט זיך דערמאָנט אין זײַן שוועסטערל — טשאָכאָוו האָט ניט קיין שוועסטער. און בכּלאַל, דערמאָנט זיך אים עפּשער גאָרניט אין דער מינוט. נאָר עס ווערט אים טרויעריק, קאָמיש און שרעקלעך צו קוקן אַף דעם מיידל און ווי זי שטעלט זיך אויס אַלס פרוי.

— גיי, גיי אַהיים — גייט טשאָכאָוו צו האַרט צו איר. — גיי. גיי. — ער זאָגט עס פעסט, ניט בייז, נאָר שטרענג און מיט ווייטיק, און זי דער־פילט עס. ער שטופּט זי צו דער טיר, און באַמיט זיך דאָס צו טאָן אומבאַ־מערקט, — ניט דערפאַר וואָס ער שעמט זיך פאַר די איבעריקע מיט אָט דעם אימפּולס, ניין, אים איז ניט באַקוועם דערפון וואָס די אַנדערע קענען זיך נע־מען שעמען פאַר זיך אַליין.

אואַיַט קוקט אים נאָך מיט זײַן שטײַפן בליק, דערנאָך קומט ער אויך צו און נעמט זי טרײַבן צו דער טיר אין דרײַ שפּראַכן:

— גאָו־גאָו. שנעל נאָך האַוז. אידי קטשאָרטו.

ווען זי איז שוין אַף יענער זײַט שוועל, פאַרמאַכט ער הינטער איר די טיר, דרייט זיך אום און גייט פאַרבײַ טשאָכאָוון צו זיך אַף זײַן אָרט. דאָ

בלײַבט ער שטיין אַ פֿאַרגליווערטער אין אַ מאָדנע ווייטיקלעכער פּאָזע. דערנאָך רופֿט ער זיך אָן:

— זי האָט ניט קיין געלט. איצט וועט זי שטאַרבן פֿון הונגער.

טכילעס פֿאַרשטייט ניט טשאָכאָוו, אַז דאָס רעדט זיך וועגן דעם מיידל, דערנאָך כאַפּט ער זיך, נעמט זײַן היטל און גייט פּלוצעם אַרויס.

וואָראָבייצעוו זוכט אים דערנאָך אַרום איבערן גאַנצן הויז און אַרום דעם. די אַמעריקאַנער זײַנען פֿאַרצווייפֿלט. טשאָכאָוו איז זיי געפֿעלן, און זיי קענען בעשום אויפֿן ניט פֿאַרשטיין פֿאַרוואָס ער איז אַוועק, ווען אַלץ איז אַזוי פֿריילעך.

וואָס שאַיעך וואָראָבייצעוון, קען ער אויך ניט פֿאַרשטיין פֿאַרוואָס טשאָכאָוו איז אַוועק און שפּעטער וואַרפֿט ער אים אַפֿילע פֿיר פֿאַרוואָס ער איז אַוועק איינער אַליין און האָט אים ניט גערופֿן.

XX

אין אַן אָוונט פֿאַרבעט אואַיִט וואָראָבייצעוון אַף אַ שפּאַציר מיט אַ „דזשיפּ" איבער דער אומגעגנט פֿון בערלין. צוערשט פֿאָרן זיי אַרום איבער דער גאַנצער שטאָט, דערנאָך פֿאָרן זיי אַרויס דער שטאָט און קומען אַרײַן אין דער בײַשטאָט האַפּענפּעלד. אין איינעם פֿון די קליינע שטיבלעך, וואָס שטייען בײַ דער אָזערע, וואַרטן אַף זיי אומבאַקאַנטע וואָראָבייצעוון אַמעריקאַנער. מען לאָזט זיך ווילגיין אַף וואָס די וועלט שטייט, וואָראָבייצעוו איז שוין רעכט שיקער. אַ שפּראָץ אַף טאָג פֿאַרשווינדן די אַמעריקאַנער, נאָר באַלד קומען זיי צוריק מיט אַ פֿולן רוקזאַק גאָלד־זאַכן. צו דער צײַט איז שוין וואָראָבייצעוו אויסגעניכטערט. די אַמעריקאַנער זײַנען ברויגעז אַף אים, ווי עס ווײַזט זיך אַרויס, האָט ער זיך איין מאָל פֿאַר אַלע מאָל אָפּגעזאָגט צו גיין מיט זיי „אַף דער יאַגד" נאָך טאָרינגען צו אַ געוויסן יוועליר. דאָך, גיבן זיי וואָראָבייצעוון אַ צענדליגג רינגלעך און אַ גאָלדענעם בראַסלעט.

וואָראָבייצעוו קוקט אַף דער בלוקע מיט אַ געוויסער שרעק. ער ערגערט זיך. דאָס איז דאָך ענלעך אַף אַ רויב־איבערפֿאַל, און ער, אַ קאַפּיטאַן פֿון דער רויטער אַרמיי, איז אין איר פֿאַרמישט. ער נעמט זיי אַפֿילע פֿירוואַרפֿן, אַז זיי האָבן אים אַבסאָלוט ניט פֿאַרשטאַנען. אואַיִט לאַכט דערבײַ און וואַרפֿט אים צו נאָך פֿינף רינגלעך. דערווײַל ווערט טאָג. זיי זעצן זיך אַרײַן אינעם „דזשיפּ" און פֿאָרן מעשוגענערווײַז־שנעל קיין פּאָטסדאַם.

די קאָנפֿערענץ האָט זיך פֿאַרענדיקט דעם 2טן אויגוסט. דעם 3טן, אינדערפֿרי, קומט וואָראָבייצעוו קיין וואַוועלסבערג און טרעפֿט די גאַסן פּוסט. אָן אַ וואַך, אָן פּאַטרולן. די טירן און פֿענצטער פֿון אַלע שטיבער שטייען אָפֿן. דער שאַלעט, וואָס וואָראָבייצעוו באַטראַכט אים פֿאַר זײַן וווינונג, איז ליידיק, נאַקעט. זיי האָבן אַפֿילע דעם ווײַסן ראָיאַל אַרויסגעפֿירט. אױפֿן פּאָל וואַלגערן זיך אַרומגעגריזשעטע עפּל, ציגאַרן־שניצלעך, ליידיקע שאַכטלען פֿון ציגאַרעטן און קאָנסערוון, מאַראַנצן־שאָלעכץ. דאָ ליגט אויך אַ גרויסער „באָקסער" אַ ריזיקער גאַוועדיקער הונט, וואָס די באַלעבאַטים האָבן אים איבערגעלאָזט אין אײַלעניש, אָדער ווײַל ער האָט זיי דערעסן.

אַפֿילע וואָראָבייצעווס נעבעכדיקן אויטאָמאָביל, דעם מיעסן „שטײַר", האָבן זיי צוגענומען, און דאָס פֿאַרדריסט וואָראָבייצעוון מער ווי אַלץ.

וואָראָבייצעוו האָט מוירע פֿאַר הינט, און דער „באָקסער" דערצו נאָך, וואַרפֿט אַף אים אָן עמעסן פּאַכאַד.

— פּאַרנעם זיך פון דאַנען, — איז וואָראָבייצעוו בייז.

דער הונט לויפט אַרויס, נאָר אין אַ מינוט אַרום איז ער ווידער דאָ און זעצט זיך אַוועק אינעם ווינקל, מיט גרויסע אויגן אויסגעשטאַרצט אויף וואָראָבייצעוון. וואָראָבייצעוו דערפילט זיך אין אַ פאַרלעגנהייט און לאָזט זיך גיין צו דער קאָלעקטיוועה ווירטשאַפט. דער הונט קלעפּט צו אים. פאַרביי־גייער קוקן אויפן הונט מיט דערעכבערעץ און מיט שרעק. צוויי מאַיאָרן, וואָראָבייצעווס באַקאַנטע, שטעלן זיך אָפּ. איינער פרעגט:

— אייערער? נו, אַ הונט! ער, אַז ער כאַפּט אָן, איז גאָרניט פריילעך.

— מיינער, — זאָגט מיט כשיוועס וואָראָבייצעוו, כאָטש ער האָט ערשט מיט אַ האַלבער מינוט צוריק געטראַכט ווי פּאָטער צו ווערן פון דעם הונט. ער פילט, אַז דער דערעכבערעץ פון די מענטשן צום הונט טראָגט זיך אַריבער, אין אַ געוויסער מאָס, אויך אויף אים אליין.

— גיי דיר, פריינטעלע, — רעדט ער צערטלעך צום הונט.

דער הונט נעמט דרייען מיט זיין שטיקל עק. און אַזוי קומען זיי ביידע צו צו דער קאָלעקטיווער ווירטשאַפט. דאָ באַקומט אַרויס וואָראָבייצעוו אַ פּאָר שטיקלעך צוקער פון דער וואַליזע און וואַרפט איינס צו דעם הונט. ער עסט עס אויף. דאָס צווייטע שטיקל אַנטשליפט זיך וואָראָבייצעוו אים אַליין צו־טראָגן צום פּיסק. ער נעמט דאָס שטיקל צוקער זייער איידל, ער רירט זיך אַפילע ניט צו מיט די ציין צו דער האַנט.

— פּי־פּו — בלאָזט ער פון זיך אַרויס. — וועלן מיר, הייסט עס, זיין גוט־ברודער? נאָר פאָלגן! דו הערסט?

דער הונט הערט זיך איין אין דער שטים, ער דערשפּירט אין איר אַ שאָטן דראָונג און לאָזט אומעטיק אַראָפּ דעם קאָפּ און דעם עק.

— בראַוואָ, בראַוואָ! ביסט אַ גוטער! וואָס ביסטו, אַ זאָכער צי אַ נע־קייווע, אַ זאָכער. ווי־זשע רופט מען דיך?

דער הונט נעמט פריילעך דרייען מיטן עק.

— פאַרשטייסט רוסיש? — צעלאַכט זיך וואָראָבייצעוו. — בראַוואָ.

ער לאָזט איבער דעם הונט בא זיך און לאָזט זיך גיין צו טשאַכאָוון.

אויף איינער פון די פּאָסטדאַמער גאַסן שטעלט אים אָפּ אַן אָפיצירישער פּאַטרול פון דער קאָמענדאַטור. דער פירער, אַ יונגער מאַיאָר מיט אַ שטאָלץ פון אַ גוואַר, באַמערקט פון ווייטנס וואָראָבייצעוון און רופט אים הילכיק אָפּ:

— כאַווער קאַפּיטאַן! אויף איין מינוט.

וואָראָבייצעווס געדאַנקען זיינען ערגעץ ווייט. ער האָט אין די לעצטע עטלעכע טעג זיך קימאַט פאַרגעסן, אַז ער דינט אין דער אַרמיי. ער גיט אַ ציטער און בלייבט שטיין. דער מאַיאָר גייט צו צו אים און גיט אַ וויג דעם קאָפּ מיט פאָרוואורף:

— איר האָט שוין לאַנג ניט געקוקט אויף זיך אין שפּיגל, קאַפּיטאַן. קומט מיט מיר. בא אונדז אין דער קאָמענדאַטור איז פאַראַן אַ פּאַסיקער שפּיגל פאַר אייך.

וואָראָבייצעוו קוקט אויף אים מיט צעצונדענע שטויענדיק אויגן, דער־נאָך כאַפּט ער אַ קוק אויף זיך, אויף זיין טוזשורקע, אויף די הויזן און אויף די שטיוול. דער קאָלנער בא דער טוזשורקע איז צעשפּיליעט, די ספּראָנזשקע פון־נעם פּאַס איז פאַררוקט אויף אַ זייט.

אין דער קאָמענדאַטור איז מיט אַן עמעסן פאַראַן אַ שפּיגל און וואָראָ־בייצעוו דערזעט אין אים זיין פּאָנעם צום ערשטן מאָל נאָך עטלעכע טעג ניט

זען עס: אַ צעקנייטשט, פֿאַרשיקערט פּנים מיט צעשויבערטע האָר, אַזאַ ניט אָנגענעם פּנים, אַז וואָראָבייצעוו אַליין איז עס מוידע.

ער באַקומט דעם לוין אפֿן אָרט. אינעם הויף פֿון דער קאָמענדאַטור שטעלט מען אויס די שטראָפֿירטע אָפֿיצירן אין איין ריי. טיף אין הויז זײַנען אויך אַזוי אויסגעשטעלט די שטראָפֿירטע זעלנער. צו די אָפֿיצירן גייט אַרויס אַ יונגינקער צווייטער לייטענאַנט, אַ פֿאַררויטלטער, אַ ווײַסער, אָנגעטאָן ווי אַף די אילוסטראַציעס פֿון אַ רויט־אַרמייִשן זשורנאַל — די פֿאַרקערפּערונג פֿונעם פֿראָנט־רעגלאַמענט, און עס גייט אַוועק אַ סעדרע. מען טרײַבט זיי פֿיר שאַ צײַט איבערן הויף, מיט צוויי פּופּצן־מינוטיקע איבעררײַסן. טראָט. פֿראָנט־טראָט. געלויף. די באַפֿעלן „זיך לייגן" און „אויפֿשטיין" בײַטן זיך קעסיידער.

אין דער ערשטער שאָ איז דער, יענער, בייז — וואָראָבייצעוו אויך נאַטירלעך — אַף דעם יונגן לייטענאַנט. מען לויפֿט נאַכלעסיק, מען לייגט זיך און מען שטייט אויף פּאַמעלעך. וואָראָבייצעוון ערגערט ניט אַזוי דער יונגער לייטענאַנט, ווי דער דיקער מאַיאָר, אויך אַ שטראָפֿירטער, וואָס גייט פֿאַר אים, און פֿילט אויס פֿלײַסיק אַלע באַפֿעלן פֿונעם יונגן לייטענאַנט, און קוקט צו אים כניפֿעדיק, נאָר אַזוי ווי ער איז אַ ביסל טויב, פֿרעגט ער איבער בײַ וואָראָבייצעוון:

— וואָס זאָגט ער?

נאָך דער ערשטער שאָ קומט אַרויס אפֿן הויף אַ פּאָלקאָווניק. ער זעצט זיך אַוועק בײַ אַ טישל אין מיטן הויף און קוקט זיך אײַן מיט אַ רויִקן אויפֿמערקזאַמען אויג צום געדריי פֿון די אָפֿיצירן. דאָ גייט שוין ניט אָן קיין שום שפּאַס און קיין קריגן זיך. דעם פּאָלקאָווניקס בליק שטעלט זיך אָפּט אָפּ אַף וואָראָבייצעוון, און אונטער דעם בליק, לייגט ער זיך און שפּרינגט אויף ווי אונטער קוילן. דער שווייס קייקלט זיך אים ווי האָגל פֿונעם פּנים. די פֿיס ווערן אים אָפּגעשוואַכט. דאָס רופֿן זיך אָפּ די שלאָפֿלאָזע נעכט און דאָס צו פֿיל בראָנפֿן טרינקען. דערפֿאַר גייט דורך גרינגער די דריטע שאָ. צו אַלץ ווערט מען צוגעוווינט. דער דיקער מאַיאָר אַפֿילע איז דאַרער געוואָרן און סאָפּעט ניט אַזוי שווער.

ווען אַלץ איז פֿאַרענדיקט, שטעלן זיך די אָפֿיצירן אויס אין אַ זײַט טישל, ווו עס ליגן אין אַ סטויס די פֿריִער אָפּגענומענע דאָקומענטן. דער פּאָלקאָווניק אַליין גיט אַרויס די דאָקומענטן און זאָגט דערבײַ עטלעכע ווערטער.

— איך האָף — זאָגט ער וואָראָבייצעוון — אַז די לעקציע וועט אײַך זײַן צום נוצן. גוט וועט זײַן איר זאָלט פֿאַרשטיין, אַז מיט אײַער אויסזען און אויפֿפֿירונג אַף דער גאַס פֿון אַ פֿרעמד לאַנד מאַכט איר צו שאַנד דעם קאָוועד פֿונעם סאָוועטישן מונדיר. אַכוצדעם וועל איך געצוווּנגען זײַן צו וויסן געבן אינעם קאַדרן־אָפּטייל פֿון דער גרופּע סאָוועטיש אָקופּאַציע־מיליטער אין דײַטשלאַנד, ווו איר געפֿינט זיך איצט אין רעזערוו, וועגן דעם, אַז די רעזערוו־אָפֿיצירן — איר זײַט ניט דער ערשטער פֿאַל — נייטיקן זיך אין אַ מער ערנסטער דערציִונגס־אַרבעט. פֿאַרשטאַנען?

— פֿאַרשטאַנען, — זאָגט וואָראָבייצעוו. ער נעמט זײַנע דאָקומענטן און גייט אָפּ פֿונעם טישל.

אין דער רעגע רופֿט דער פּאָלקאָווניק צוריק און שרײַט אַף אים:

— וויאַזוי טרעט איר אָפּ פֿון אַן עלטערן נאַטשאַלניק? גיט אַהער די באַשטעטיקונג. נעמט אײַער באַשטעטיקונג.

— דערלויבט איר גיין? — שרײַט אויס וואָראָבייציעוו א דערפירטער ביז פאַרצווייפלונג.

— גייט, — זאָגט דער פּאָלקאָווניק.

וואָראָבייציעוו טראָגט צו די האַנט צום דאַשעק, דרייט זיך אויס אַף די קנאַפּל לויט אַלע קלאָלים, און שפּאַנט אַוועק מיט א פראָנט־טראָט. ער הייבט דערבײַ צו הויך די פיס, קעדיי כאָטש דערמיט אויסצודריקן זײַן פּראָ־טעסט. ער גייט און האָט מוירע מען זאָל אים ווידער אומקערן, נאָר צום גליק גייט עס אַראָפּ גלאַט.

עס ווערט נאַכט. ניט געקוקט דערויף וואָס וואָראָבייציעוו איז מיד, שלעפּט ער זיך שוין ניט ווי פריער; אוים מוירע ניט אַרײַנצופאַלן ווידער צו א קאָמענדאַנטישן פּאַטרול, שפּאַנט ער איצט מיט א דײַטלעכן טראָט. צו טשאַכאָוון קומט ער שפּעט, אַרום עלף. ער מערקט באַלד בא די קאַזאַרמעס א באַזונדער אויפגעלעבטקייט. זעלנער לויפן ווי די מעשוגאָים, רופן זיך אײַ־בער הילכיקער ווי געוויינלעך. אין דער נאַכט־שטוב פרעגט מען ניט בא וואָ־ראָבייציעוון אַף קיין דאָקומענטן. ער גייט דורך דעם ברוקירטן הויף צום איינשטאָקיקן ציגלענעם באַראַק, ווו עס שטייט אײַן טשאַכאָווס ראָטע, און ווען ער גייט אַדורך דעם באַראַק, בלײַבט ער שטיין פאַר א צימערל, אַן אַרומ־געצוימטן מיט ברעטער, ווו עס קומען זיך געוויינלעך צונויף די אָפיצירן. בא א טישל זיצט דאָ טשאָכאָוו מיט דעם סטאַרשינאַ סאַקוניענקאָ. פאַרן סטאַרשינאַ ליגט א גרויסער צעווירעטער בויגן פּאַפּיר.

טשאָכאָוו ווינקט אָן צו וואָראָבייציעוון. ער זעצט זיך אַוועק אַף א באַנק און פאַרדריכערט ווי שטענדיק.

טשאָכאָוו רופט זיך אָן:

— מען האָט פונאַנדערגענומען אונדזער טייל.

זײַן שטים גיט ניט קיין ציטער, נאָר וואָראָבייציעוו פאַרשטייט טשאָ־כאָווס לאַגע און גיט א דריי מיטן קאָפּ. טשאָכאָוו גיט אָן א טערעץ, אַז ער האָט וואָס צו טאָן און גייט אַרוים. ער וויל זײַן מיט זיך. דעם באַפעל פונאַנ־דערצולאָזן די טייל, נעמט ער אויף ווי אַן אומגליק, וואָס איז אים אַפן קאָפּ אַרויפגעפאַלן. אים דאַכט זיך, אַז א בייזער גוירל פאַרפאָלגט אים, און אין וועלכער טייל ער זאָל ניט אָנקומען, מוז מען זי פונאַנדערלאָזן, און טשאָ־כאָוו פאַרבלײַבט ווידער צווישן הימל און ערד, קיינעם ניט נייטיק און איינזאַם.

ווידער פאַרגאַנוועט זיך צו טשאָכאָוון אין האַרצן די אומאַנגענעמע דערנידערנדיקע מוירע, וואָס האָט זיך צום ערשטן מאָל בא אים באַוויזן ווען מען האָט פונאַנדערגעלאָזט די דיוויזיע פונעם גענעראַל סערעדאַ. — א מוי־רע פאַר א צוקונפט אויסער דער אַרמיי, און ווי דעמאָלט, עפּשער נאָך אין א גרעסערער מאָס, דערפילט ער, אַז ער קען ניט לעבן אָן דער אַרמיי, און אַז ער האָט ליב זײַנע זעלנער ניט נאָר ווי מענטשן, נאָר גראַד אַלס זעלנער; נאָר פאַר דער שיידונג, דערפילט ער, פונקט ווי דעמאָלט, אַז ער האָט זיי ליב ניט נאָר ווי זעלנער, נאָר אויך ווי מענטשן.

ער דערמאָנט זיך, אַז בא אים זיצט וואָראָבייציעוו, און ער גייט צוריק אין קאַזאַרמע.

וואָראָבייציעוו ליגט, רויכערט און לאָזט רינגעלעך רויך צו דער טונקע־לער סטעליע. בא דער זײַט אַף דער באַנק זיצט דער סטאַרשינאַ סאַקוניענקאָ און זיי שמועסן צווישן זיך שטיל וועגן פאַרשידענע זאַכן, דער איקער, וועגן

דער דרײַ־מעלוכע־קאָנפֿערענץ, וואָס אירע באַשלוסן זײַנען נאָך נישטאָ אין דער עפֿנטלעכקייט.

— איך מיין, אַז האָט מען נאָר גענומען אָט די גערמאַניע צום נאַגל, איז עס אַף גאַנץ לאַנג. פֿון דער אַנדער זײַט רעכן איך, אַז אונדזערע זייער באַשעווע אַלײַרטע, וועלן זוכן, ווי זאָגט מען עס, געווינען אויטאָריטעט בײַ די דײַטשן — און וועלן אונדז דערמיט שטורכען.

ער רעדט לאַנג און פֿאַמעלעך, אַ טיף פֿאַרטראַכטער. וואָראָבייצעוו שווײַגט און לאָזט רינגען רויך צו דער סטעליע. ווען טשאָכאָוו קומט אַרײַן, רופֿט ער זיך אָן:

— דײַן סטאַרשינאַ דאַרף מען שיקן אינעם אויסערן־מיניסטעריום. שוין אַ שאָ צײַט אַז ער קלאַפּט מיר אין קאָפּ וועגן דער אינטערנאַציאָנאַלער לאַגע.

— און אײַך וואָהין? — גיט פֿאַרדראָסיק אַ שמייכל דער סטאַרשינאַ.

— מיך? וואָראָבייצעוו פֿאַרטראַכט זיך. — איך וואָלט אײַנגעשטימט איבערצונעמען דעם אַמט פֿון קאָמענדאַנט פֿון דער שטאָט פּאָטסדאַם. איר וואָלט בײַ מיר אַלע דעמאָלט געגאַנגען מיט שלאַכט־טראָט, אָדער איר וואָלט בײַ מיר גאָרניט געגאַנגען, נאָר געלאָפֿן, ווי די יאַפּאָנישע זעלנער.

— אַ שטויסיקער קו גיט גאָט ניט קיין הערנער, — זאָגט דער סטאַרשינאַ.

— איבעריקנס, איז שוין די קאָנפֿערענץ פֿונעם גרויסן דרײַטל פֿאַרענדיקט — זאָגט וואָראָבייצעוו. — מײַן שאַלעטל האָט מען אָפּגעלייִדיקט. מען האָט דאָס גאַנצע מעכל צוגעלאַקכנט. ניט אין דעם גייט עס. ווילסט זיך אַריבערציִען צו מיר, טשאָכאָוו? וועסט זיך ווידער אַרומדרייען אינעם קאַדרן־אָפּטייל? מיר איז שוין אויך, דאַכט זיך צײַט זיך צוצוטוליען ערגעץ. מען וועט בײַ אונדז אַזוי צושרויפֿן די הײַקע, אַז אַף דער פֿרײַ זיך דורכצולעבן וועט מען ניט קענען. — ער קוקט זיך אײַן אין טשאָכאָווס פֿינצטערן פּאָנעם און רופֿט זיך אָן מיט אַ זיפֿץ: — מען דאַרף ניט קלאָגן, טשאָכאָוו. וועסט באַקומען אַ באַשטימונג, ניט געדײַגעט.

XXI

וואָראָבייצעוו האָט אַלץ אײַנגעאָרדנט. ער האָט איבערגערעדט מיט דעם מאַיאָר כליאַבין אינעם קאַדרן־אָפּטייל און מיט אַנדערע זײַנע באַקאַנטע מענטשן. ער האָט זיך די גאַנצע צײַט געהיט ניט צו דערציילן טשאָכאָוון וועגן זײַנע שטאַדלאָנעסן, ווײַל ער קען שוין דעם קאַפּיטאַן זייער גוט. ווען ער האָט זיך שוין וועגן אַלץ צוזאַמענגערעדט, קומט ער אין דער קאָלעקטיווער וווינונג, וווּ טשאָכאָוו לעבט כווישעכדיק אַפּ זײַנע טעג, און זאָגט אים:

— אַלץ איז פֿאַרטיק. דיך האָט מען איבערגעגעבן אין רעשום פֿון דער סאָוועטישער מיליטערישער פֿאַרוואַלטונג, און אין שײַכעם דערמיט דאַרפֿסטו קומען אין אָפּטייל און באַקומען דײַנע פּאַפּירן.

טשאָכאָוו זיצט דעמאָלט בײַם טיש מיטן רוקן צו וואָראָבייצעוון און שרײַבט עפּעס שנעל. צי האָט ער געהערט אָדער ניט געהערט אַז הינטער אים שטייט וואָראָבייצעוו, נאָר ערשט אין צוויי מינוט אַרום דרייט ער זיך אויס צו אים. וואָראָבייצעוו וווּנדערט זיך וואָס ער זעט אַ פֿריידיקן אויסדרוק בײַ טשאָכאָוון אַפֿן פּנים. טשאָכאָוו רופֿט זיך אָן:

— האָסט געהערט דעם ראַדיאָ?
— וואָס איז דען?
— מיר האָבן דערקלערט מילכאָמע יאַפּאַן.

ער דערלאַנגט וואָראָבייצעוון דעם בויגן פּאַפּיר, אַף וועלכן ער האָט אָנגעשריבן אַ ראַפּאָרט מיט דער ביטע אים, טשאָכאָוון, צו שיקן אינעם מיליטער פונעם ווײַט־מיזרעכדיקן פראָנט. וואָראָבייצעוו לייענט איבער דעם ראַפּאָרט, מאַכט אַ קרומע מינע און זאָגט:

— לאָז זיך אָפּ דערפון. סאַר אַ מאָדנער מענטש דו ביסט! האָסט זיך פאַרבענקט נאָך די באָמבאַרדירונגען? זאָלן שוין אַנדערע גיין אין מילכאָמע. איך וויים. שוין פיר יאָר, אַז דאָרט שטייט מיליטער אַף דער גרעניץ און וואַרט. ביסט אַן אויפּעלע, כ'לעבן, טשאָכאָוו.

טשאָכאָוו וויל אים ניט אויסהערן און גייט אַוועק אין קאַדרן־אָפּטייל איבערגעבן דעם ראַפּאָרט. דעם ראַפּאָרט נעמט מען בײַ אים צו און מען זאָגט אים, אַז אין דער געהעריקער צײַט וועט מען אים רופן.

דעם גאַנצן טאָג זיצט טשאָכאָוו בײַם ראַדיאָ־אויפנעמער און הערט מאָסקווע. אין דער פרי דערוואַרט ער זיך די ערשטע ידיִעס פונעם ווײַטמיזרעכדיקן פראָנט און די ווערטער פון דער ידיִעס ווירקן אַף אים ווי אַ טרומפּייט אַף אַ שלאַכט־פערד.

די שטים פונעם ספּיקער מעלדעט:

„אַפן ווײַטן מיזרעך האָבן די סאָוועטישע מיליטערישע קויכעס אין דער פרי דעם 9טן אויגוסט, לויט דער ווײַט־מיזרעכדיקער צײַט, איבערגעהאַקט אַף אַ ברייטן פראָנט די מאַנטשוריער גרענעץ אין פּרימאָריע, אינעם ריַיאָן פון כאַבאַראָווסק און טראַנסבײַקאַל. אין פּרימאָריע האָבן אונדזערע קויכעס געבראָכן דעם שטאַרקן ווידערשטאַנד פונעם סוינע און האָבן דורכגעריסן דעם אײַזן־בעטאָנענעם פּאַרטיידיקונגס־פּאַס פון די יאַפּאַנער און אין פאַרלויף פונעם 9טן אויגוסט זיך פּאָרויסגערוקט פופצן קילאָמעטער. אינעם כאַבאַראָווסקער ראַיאָן האָט אונדזער מיליטער אין אַ ריי באַצירקן מיט שלאַכטן פאָרסירט די טײַכן אַמור און אוסורי, און האָט דערבײַ פאַרנומען די שטאָט פוּאַן און עטלעכע אַנדערע באַפעלקערטע פּונקטן. אין טראַנסבײַקאַל האָט אונדזער מיליטער געבראָכן דעם פאַרצווייפלטן ווידערשטאַנד פונעם סוינע און האָט מיט שטורעם פאַרכאַפּט דעם מאַנטשזשוריש־דזשאַלײַנורסקער ראַיאָן פון די יאַפּאַנער און פאַרנומען שטעט און באַן־סטאַנציעס אין מאַנטשזשוריע און אין דזשאַלײַנור. אינעם ראַיאָן פון דער אָזערע בויִר נור האָט אונדזער מיליטער פאַר:ומען די באַפעלקערטע פּונקטן דזשינדזשין סומע און כאַשו סומע, אָן אַ באַזונדערן ווידערשטאַנד פונעם סוינע. אין אַלגעמיין האָבן אונדזערע קויכעס זיך פּאָרויסגערוקט פון פופצן ביז צוויי און צוואַנציק קילאָמעטערם. אונדזער אַוויאַציע האָט געקלאַפּט איבער די גרונטיקע אײַזנבאַן־קנופּן פון מאַנטשזשוריע — כאַרבין, טשאַנטשון, גירין,
— און איבער די האַפנס סעיסין און ראַסין".

ניט געקוקט דערויף וואָס די נעמען פון די ייִשוּווים קלינגען פרעמד פאַר טשאָכאָווס אויער, אַ געוויינטן צו דער אייראָפּעיִשער מילכאָמע־אַרענע, זעט אים אויס אַלץ דאָס איבעריקע אין דער ידיִע באַקאַנט און געווונטשן. מען קען דרייסט זאָגן, אַז אויב ערגעץ אַף דער וועלט איז פאַראַן אַן אָרט, וווּהין טשאָכאָוון ציט איצט, איז עס מאַנטשזשוריע.

ער זיצט גאַנצע טעג אינעם קאַדרן־אָפּטייל און ער, דער שטענדיק אומדרייסטער מיט נאַטשאַלסטווע, וואָס האָט ניט ליב צו דערמאָנען

װעגן זיך, נעמט זיך איצט אָן מיט מוט און פֿרעגט זיך עטלעכע מאָל אין טאָג, אַף זײַן כּמורנעם און שטאָלצן שטייגער, װעגן דעם גורל פֿון זײַן ראַפּאָרט.

לאַנג דויערט עס ניט, װאָרעם שױן אין פֿיר טעג אַרום לאָזט אַרויס יאַ־פּאַן א דעקלאַראַציע װעגן איר קאַפּיטולאַציע אָן באַדינגונגען. אַפֿן צװייטן טאָג ברענגט דער ראַדיאָ אַ ידיעה, אַז דער יאַפּאַנישער קריגס־מיניסטער קאָרעציקאַ אַנאַמי איז באַגאַנגען זעלבסטמאָרד. די יאַפּאַנער גיבן זיך איבער געפֿאַנגען אין די צענדליקער טויזנטער.

אומענדלעכע שטאָכים טײלן אַף טשאַכאָװן פֿון מאַנטזשוריע, נאָר אים דאַכט זיך, אַז ער הערט מיט די אייגענע אויערן די שטילװערנדיקע אָפּשטאַר־בנדיקע שיסערײַ און זעט װי די אַרמײ באַװעגט זיך אַלץ לאַנגזאַמער און לאַנגזאַמער.

אַזוי אַרום, קומט ניט קיין ענטפֿער אַפֿן ראַפּאָרט. טשאַכאָװ באַקומט זײַנע דאָקומענטן, ער נעמט זײַן פֿאַניערענע װאַליזקע און גייט צום דאָרעם־מיזרעכדיקן עק בערלין, קיין קאַלסהאָרסט, זיך שטעלן אין רעשוס פֿון „סוואַג" — די סאָװעטישע מיליטערישע פֿאַרװאַלטונג אין דײַטשלאַנד.

צװישן די עטלעכע צענדליגער אָפֿיצירן, װאָס זײַנען, װי ער, געקומען קיין קאַרלסהאָרסט נאָך אַ באַשטימונג, איז אויך דאָ װאָראָבײ־צעװ. ער איז פֿריילעך, גוט געקליידט, ער לאַכט אַ סאַך. זײַן זעלבסט־זיכערקייט װירקט אויך אַף די נאַטשאַלניקעס, און ער װערט באַשטימט פֿאַר פֿירער פֿון דער גרופּע אָפֿיצירן, װאָס דאַרפֿן אָפּפֿאָרן אין דער שטאָט האַללע. ער פֿירט אָן מיט זײַנע צײַטװײַליקע אונטערגעאָרדנטע אַף זײַן אויפֿן. װען זײ באַקו־מען די גאַנצע פּאַשעטע אינסטרוקציעס און לאָזן זיך אַרויס אַף דער גאַס, הייבט ער אויף די האַנט. גיט אַ װוּנק צו אַלעמען און זאָגט:

— איר זײַט שױן דערװאַקסענע קינדער און מיט אָפֿיצירישע ראַנגען. דערקלײַבט זיך אַליין, װי איינער װיל. זעלבסטשטענדיקייט איז די מוטער פֿון פֿאַרגעניגן. נאַטירלעך, בעט איך אײַך קומען אָרט אָן פֿאַרשפּעטי־קונג, מיך ניט צו שטעלן אין פֿאַרלעגנהײַט און ניט צו באַשטעטיקן דעם אַלטן קלאַל, אַז פֿאַר גוטע מײַסים, קומט אויס זיך צעצאָלן מיט דער אייגע־נער פֿעל. זײַט גרייט!

די אָפֿיצירן צעלאַכן זיך און גייען זיך פֿונאַנדער פֿאַרװײַלן, אין דרײַען, און לאָזן איבער װאָראָבייצעװן און טשאַכאָװן אַליין.

— דיר האָט דערעסן צו זײַן אין רעזערװ, װאָס? — פֿרעגט טשאַכאָװ און קוקט מיט אַ זײַט אַף װאָראָבייצעװס מידן און אומצופֿרידענעם פּאָנעם.

— מען דאַרף פֿילן דעם צײַט־גײַסט, — העדט װאָראָבייצעװ באָמבאַס־טיש. — איצט איז אָן אַנדער צײַט. אַלץ באַקומט אַ רעגלאַמענטירטע פֿאָרם. אַ קאַפּיטאַן קען לאַנג אין אַ שאַלעט ניט װוינען. איך האָב דאָס אַלץ באַ־גריפֿן לעצטנס, װען מען האָט מיך אין דער קאָמענדאַטור געטריבן. פֿראָנט־עקזערצירונג איז זייער ניצלעך פֿאַר אָן עלאַסטישן מויעך.

ער פֿאַרקירעװעט אין אַ געסל און רופֿט מיט זיך טשאַכאָװן. אינעם שאָטן פֿון לינדנביימער שטייט דאָרט אָן אויטאָמאָביל. ניט יענער הויקערדי־קער „שטײַר", װאָס װאָראָבייצעװ האָט פֿריער געהאַט, נאָר אַ נײַער.

אינעם אויטאָמאָביל זיצט דער „באָקסער" מיט אַ האַלדזבאַנד אַ באַ־שלאָגענעם מיט זילבער. װאָראָבייצעװ קוקט מיט אַ זײַט אַף טשאַכאָװן, ער װיל זען דעם אײַנדרוק װאָס דער הונט מאַכט אַף אים, נאָר טשאַכאָװ

קוקט זיך ניט אום אפן הונט, ער גלעט אים נאָר צעשטרייט איבערן קאָפּ, ווי ער וואָלט אים געקענט פון קינדווייז.

— ביטע, — עפנט וואָראָבייצעוו דאָס טירל. — דעם אויטאָמאָביל האָב איך געקויפט. דאָס איז אן „אָפּעל־קאַפּיטאַן”. מיר פאָרן מיט קאָמ־פאָרט. א געקייזטע רעטעניש: א קאַפּיטאַן זיצט אף א קאַפּיטאַן און טרייבט אָן מיט א קאַפּיטאַן.

טשאָכאָוו הערט זיך ניט איין צו וואָראָבייצעווס מאָדנער און מידער פּאַיאַצערײַ און קוקט אף די בערלינער גאַסן, וואָס זיי פאָרן פאַרביי. כאָטש די גאַסן זיינען שוין אָפּגערייניקט און אויפגעראַמט, איז זיך נאָך שווער פאָרצושטעלן ווו און וויאַזוי לעבן אָט די מאַסן בערלינער, וואָס גייען אין אלע זייטן צווישן די שטאָטישע כורועס.

וואָראָבייצעוו שטעלט זיך עטלעכע מאָל אָפּ פרעגן דעם וועג. זיי פאָרן אַרויף אפן אַלעקסאַנדער־פּלאַץ — א ריזיקער פּלאַץ מיט סקעלעטן פון פיל־שטאָקיקע הייזער אַרום. פון דאָרט פאָרן זיי גלייך אף מיזרעוו, פאַרביי ער־טער ווו עס זיינען פאָרגעקומען היסטאָרישע שלאַכטן. זיי פאָרן פאַרביי דעם רייכסטאַג, ווו דערנעבן איז פאַראַן אן אַלטוואַרג־מאַרק. דאָ איז פול מיט אַמעריקאַנישע און פראַנצויזישע אָפיצירן, מיט נעגערס און דייטשן.

אין פּאָטסדאַם פאָרט צו וואָראָבייצעוו צום „וואָיענטאָרג” (סאָוועטישע מיליטערישע קראָם), ווו עס א בעטן, ווייזט זיך אַרויס, באַקאַנטע. ער טראָגט פון דאָרט אַרויס א בינטל און לייגט עס פאַרזיכטיק אַוועק אפן הינ־טערשטן זיץ. צום סוף קערן זיי אויף, אין דער קאָלעקטיווער ווױנונג, וואָראָ־בייצעווס זאַכן. וואָראָבייצעוו לייגט פאַר טשאָכאָוון זיצן א ביסל פאָרן אַרויס־פאָר. א מינוט צוויי זיצן זיי און שווייגן. פּלוצעם, ווער ווייס פון וואָס, פאַלט וואָראָבייצעוו אַריין אין א פּייניקלעך־מעלאַנכאָלישער שטימונג און ווערט א לענגערע צייט שווייגנדיק.

זיי פאָרן אַדורך בעליץ, דערנאָך די טשאָכאָוון באַקאַנטע וויטענבערג, און איבער דער בריק פאָרן זיי אַריבער דעם טייך עלבע. דער וועג איז באַ־פלאַנצט פון ביידע זייטן מיט טאָפּאָלן. זיי פאָרן אָפּ א צוויי קילאָמעטער, און דאָ פאַרשטעלט זיי דעם וועג א גרויסער האַמוין מענטשן, וואָס דרענ־גען זיך שרייען און מאַכן מיט די הענט.

וואָראָבייצעוו שטעלט אָפּ דעם אויטאָמאָביל און גייט צו מיט א פּאָנעם פון א נאַטשאַלניק. טשאָכאָוו גייט אים נאָך, און זיי זיינען איידעס פון א שרעקלעכער און אומפאַרשטענדלעכער סצענע. א גרויסע צאָל מענטשן — אָן שום ספק רוסן — צווישן זיי אויך פרויען און קינדער, שלאָגן איינעם א מענטשן. זיי שלאָגן אים מיט די הענט, מיט שטעקנס, מיט וואָס עס קומט זיי צו דער האַנט. יעדערער פלייסט זיך אים צו דערלאַנגען דעם טויט־קלאַפּ. דערפאַר וואָס זיי זיינען א סך, שטערט איינער דעם צווייטן, און אים גע־לינגט אַרויסצודרייען זיך פון די טויט־קלעפּ. ער שטייט, דער קאָפּ, דאָס פּאָ־נעם, די שוואַרצע באָרד זיינען פאַרבלוטיקט, און דאָס בלוט רינט אים אַי־בערן צעריסענעם העמד. דער מענטש איז א געוויקסיקער, א דאַרער. די אויגן, ברייט צעעפנטע, קוקן אָן זינען, דאָ אין איין זייט דאָ אין א צווייטער. ער טראָגט א ווייס העמד און בלויע דיאַגאָנאַלע הויזן. באָרוועס. די הענט — דאַרע און פאַרברוינטע — האָט ער אויסגעשטרעקט פאַר זיך, ווי ער וואָלט געזוכט, ווי א בלינדער, אן אויסגאַנג. נאָר ער פאַרטיידיקט זיך ניט. ער פאַלט פּאַשעט אום, ווען א קלאַפּ וואַרפט אים אום. ער הייבט זיך אויף און גייט ערגעץ, און שטייט אף איין אָרט, ביז א צווייטער קלאַפּ וואַרפט אים

אַפ אין אַ צווייטער זײַט און דעמאָלט דרייט ער זיך אויס און באַקומט אַ ווײַטערדיקן קלאַפ. מען האַרגעט אים, מען ווייס, אַז מען האַרגעט אים און מען טוט עס מיט ווילדן צאָרן, נאָר ניט געניט.

וואָראָבייצעוו, בלײַך ווי דער טויט, גייט צו צו איינעם פון דער מאַסע און פרעגט:

— וואָס איז דאָ? וואָס קומט דאָ פאָר? — נאָר דער טאָן קומט בײַ אים אַרויס ניט ווי פון אַ נאַטשאַלניק, ווי אים ווילט זיך, נאָר גיכער אַ דערשראָקענער, אַ ניט דרייסטער.

דער געפרעגטער דערזעט אַ סאָוועטישן מונדיר, ענטפערט ער:

— אַ פאַררעטער פונעם פאָטערלאַנד. אַ פאָליצײַ געווען אין לאַגער בײַ די דײַטשן. האָט זיך פאַרלאָזט אַ באָרד, מען זאָל אים ניט דערקענען. נאָר מען האָט אים דערקענט.

ווי דער מענטש זאָגט עס, גיט ער זיך אַ וואָרף אַף יענעם און דערלאַנגט אים מיט עפּעס אַ שאַרפער זאַך אין דער זײַט. דאָס העמד ווערט אַף דעם אָרט מיט אַ מאָל טונקל־רויט, קימאַט שוואַרץ.

ער שפרינגט אָפ פונעם פאַררעטער אַזוי שנעל ווי ער האָט זיך אַף אים געוואָרפן און דרייט זיך ווידער אום צו וואָראָבייצעוון:

אַ קאַנאַליע... וויפל אונדזערע ער האָט פאַרמאַטערט...

— עפשער... גלײַכער צום געריכט שטעלן. גיט אים איבער דער מאַכט־אַזוי טויג ניט. צו וואָס אַזוי?

דער מענטש ענטפערט ניט. ער וואַרפט זיך ווידער אַף יענעם. נאָר מען שטערט אים דערלאַנגען דעם קלאַפ. אַן אַלטע פרוי פעדערט זיך פאַר אים און שרײַט: „דאָס האָסטו דיר פאַר מיטקען". — זי גיט אויך אַ קלאַפ דעם פאַררעטער. זי שלאָגט שוואַך, ניט געניט, נאָר מיט אַזאַ סינע, אַז וואָראָבייצעוו שוידערט אויף. ער טרעט אָפ עטלעכע טריט און רופט זיך שטיל אָן צו טשאַכאָוו: אַ פאַררעטער פונעם פאָטערלאַנד... מען האָט אים דערקענט...

טשאַכאָוו קוקט אַ מינוט צײַט מיט קאַלטע אויגן ווי מען האַרגעט דעם פאַררעטער. איינער באַמערקט אים און אויך זײַן בליק און טרעט אָפ פאַר אים עפשער וויל ער זיך אויך באַטייליקן אין דער האַריגע, אָדער, פאַרקערט, וויל זי אָפשטעלן און איבערגעבן דעם פאַרברעכער צום געזעץ. נאָר טשאַכאָוו רירט זיך ניט פון אָרט און רירט ניט מיט קיין מוסקול פונעם פּאָנעם; דערנאָך דרייט ער זיך האַסטיק אויס און גייט צום אויטאָמאָביל.

— ווען איך וואָלט ניט געהאַט אַף מיר דעם מיליטערישן מונדיר, — זאָגט ער און זעצט זיך אַרײַן לעבן וואָראָבייצעוון, — וואָלט איך אים...

אַ טייל וועג ווערט פרײַ און זיי פאָרן ווײַטער און שווײַגן.

XXII

אין דער שטאָט האַללע, אין אַ גרויסן ניט שיינעם הויז אַפן שטיינטאָר־פלאַץ, וווּ עס איז אײַנגעשטעלט אין יענער צײַט די סאָוועטישע מיליטערישע פאַרוואַלטונג פון דער פראָווינץ זאַקסן־אַנהאַלט, טרעפן טשאַכאָוו און וואָראָבייצעוו אייניקע אָפיצירן, וואָס זײַנען אין איין צײַט מיט זיי אַרויסגעפאָרן פון קאַרלסהאָרסט. פאַר אַלעמען גייען זיי אַלע אין דער גאָרקיך, וואָס רופט זיך דאָ אין דײַטש „קאַנטינע". דערנאָך גייען זיי באַקוקן די שטאָט.

דאָס איז אַן אינדוסטריעלע און אוניווערזיטעט־שטאָט. אַפן מאַרקפלאַץ

שטייט אַ דענקמאָל דעם קאָמפּאָזיטאָר הענדעל, אַ געבוירענער אין האַללע, אַ פֿינצטערע קאַטעדראַלע און אַ פּאַרצײַטיק ראַטהויז, וואָס האָט שטאַרק געליטן פֿון דער באָמבאַרדירונג.

ווען זיי קומען צוריק אין „סוואַג", וואַרטן זיי אַביסל, ביז דער פּאָלקאָווניק רופֿט זיי אַרײַן, און נאָך אַ קורצן שמועס, צעטיילט מען זיי איבער דער פּראָווינץ. טשאַכאָוו, וואָראָבייצאָוו און נאָך אַנדערע אָפֿיצירן פֿאָלט אויס די שטאָט אַלטשטאַט.

זיי פֿאָטערן נישט קיין צײַט, פֿאָרן טיקעף אַרויס און זײַנען שוין אָפֿן אָרט.

באַם גענעראַל קופּריאַנאָוו קומט דעמאָלט פֿאָר אַ וויכטיקע באַראַטונג און זיי קומט אויס דאָרט צו וואַרטן.

די נײַע זעצן זיך אויס אָף דיוואַנען אינעם וועסטיביול פֿונעם צווייטן שטאָק. ענדלעך צעעפֿנט זיך אַ טיר און עס לאָזן זיך אַרויס פֿון דאָרט אָפֿיצירן איינציקווײַז און גרופּעסווײַז. עס לײַבט זיך אָן אַ מאָן פּעריציק. אין אַ מינוט אַרום קומט נאָך זיי אַרויס דער גענעראַל. טשאַכאָוו און אַלע זײַנע מיטרײַזנדיקע שטעלן זיך אויף.

— נײַע, וואָס, זײַנען אָנגעקומען? — פֿרעגט דער גענעראַל.

— ריכטיק, כאַוועך גענעראַל — ענטפֿערט פֿאַר זיי אַלעמען וואָראָבייצעוו און טראָגט צו די האַנט צום היטל.

— גוט, גוט, — לויבט דער גענעראַל, מען וויים ניט וועמען און פֿאַר וואָס — איכ'ל זיך באַלד פֿאַרנעמען מיט אײַך.

ער גייט צוריק אַרײַן און לאָזט איבער די אָפֿיצירן צופֿרידן מיט אים און מיט זיך, און זיי וויסן אויך ניט פֿאַרוואָס. עפּשער דערפֿאַר, וואָס אינעם גענעראַלס שטימע און אין דער אַטמאָספֿער וואָס הערשט דאָ פֿילט זיך ניט קיין איבעריקע אָפֿיציעלע אָנגעצויגנקייט, וואָס הערשט אָפֿט (אָן שום נייטיקייט) אין אונדזערע מיליטערישע אַנשטאַלטן.

מיט אַ מאָל באַמערקט טשאַכאָוו, צווישן אַ גרופּע אָפֿיצירן וואָס שטייען און רויכערן ניט ווײַט פֿון אים, אַ באַקאַנטן בלאָנדן נאַקן. ער איז שוין גרייט זיך אַ לאָז טאָן צו אים, נאָר ער האַלט זיך אָפּ, ער האָט מוירע אַ טאָעס צו מאַכן. נאָר ניין, דאָס איז דער גוואַרדיע־מאַיאָר לובענצאָוו. קיינער קען ניט האָבן אַזאַ נאַקן, אַזעלכע פּלייצעס און דער איקער — אַזאַ מאַך מיט דער רעכטער האַנט בעיים ער רעדט — אַ פֿרײַען און איינציײַטיק אײַנגעהאַלטענעם, אַ שנעלן נאָר אַ גרינטלעכן. דער בלאָנדער צעלאַכט זיך, מיט אַ וואָרף דעם קאָפּ אָף הינטן, און דאָ פֿאַלן אוועק בא טשאַכאָוון אַלע זײַנע ספֿייקעס. דאָך, גייט ער ניט צו צו לובענצאָוו, געטרײַ זײַן געוווינהייט ניט אָנצוּוואַרפֿן זיך. לובענצעוו דרייט זיך צופֿעליק אויס צו אים אינמיטן דעם געשפּרעך. זיי טרעפֿן זיך אָן מיט די אויגן און זײַן פּאָנעם צעשײַנט זיך.

— טשאַכאָוו, — זאָגט ער אַ ניט זיכערער און גייט אַקעגן דעם קאַפּיטאַן. זיי שטייען אַ רעגע איינער קעגן צווייטן, דערנאָך קומט לובענצאָוו צו נעענטער און נעמט אים אַרום מיט אַ שנעלן און פֿעסטן דריק צו זיך.

— אויך אין דער קאָמענדאַטור? — פֿרעגט ער.

— יאָ, כאַוועך גוואַרדיע־מאַיאָר, — ענטפֿערט טשאַכאָוו אַ צעטומלטער, סײַ פֿון דעם אַרומנעמען און סײַ דערפֿון וואָס לובענצאָוו האָט דאָס לעצטע וואָרט אַרויסגערעדט שפּאַטיש, — ווי טשאַכאָוון האָט זיך געדאַכט

— און צום סאָף אויך דערמיט וואָס לובענצאָוו איז שוין אַ פּאָדפּאָלקאָווניק און טשאָכאָוו האָט אים אָנגערופֿן ווי אַמאָל.

— נו, גוט — זאָגט לובענצאָוו און פֿאַרטראַכט זיך אַ רעגע, דערנאָך גיט ער אים אַ שנעלן און פֿעסטן קלאַפּ איבער דער פּלייצע. — איר וועט פֿאָרן צו מיר. איך האָב אַ וואַקאַנט אָרט. איכ׳ל זיך באַלד צונויפֿרעדן. ווײַזט ווי זײַנען אײַערע וואַליזעס, סאַקוואַיאַזשן, באַולן אָדער וואָס איר האָט דאָרטן.

לובענצאָוו נעמט פֿעסט אָן טשאָכאָוון פֿאַרן עלנבויגן און קלײַבט זיך שוין ערגעץ גיין מיט אים. אין דער רעגע שטרעקט זיך אויס צו אים אַ לאַנגע האַנט און עמעצנס אַ שטים רעדט אַרויס אויך אַזוי שנעל און ענער־גיש ווי ערשט לובענצאָוו

— איר דערקענט ניט, כאַווער פּאָדפּאָלקאָווניק? קאַפּיטאַן וואָראָביי־צעוו פֿון דער אָפּעראַטיווער אָפּטיילונג. אַ גרוס אײַך פֿונעם גענעראַל סער־רעדאַ. איך האָב אים די טעג געזען אין בערלין. ער קערט זיך אום אַהיים. וועט אָנפֿירן, זאָגט מען, מיט אַ קאָרפּוס. ער האָט זיך אינטערעסירט מיט אײַך, געפֿרעגט ווו איר געפֿינט זיך. איך האָב געזאָגט, אַז מען האָט אײַך באַשטימט פֿאַר קאָמענדאַנט.

וואָראָבייצעוו ווייס וואָס צו זאָגן. כאָטש ער האָט זיך מיט סערעדאַן ניט געטראָפֿן און האָט נאָר פֿאַרבײַגייענדיק געהערט אינעם קאַדרן־אָפּטייל, אַז דער גענעראַל קלײַבט זיך אָדער איז שוין צוריקגעפֿאָרן אַהיים, האַלט ער, פֿון דעסטוועגן, פֿאַר ניצלעך איבערצוגעבן פֿון אים אַ גרוס.

— סיזאָקרילאָוון האָט מען אַרויסגערופֿן קיין מאָסקווע — דערציילט ווײַטער וואָראָבייצעוו. — מען זאָגט, ער וועט זײַן פֿאַרטרעטער פֿונעם פֿאָר־זיצער פֿון סאָוונאַרקאָם (ראַט פֿון די פֿאָלקס־קאָמיסאַרן) פֿון סססר. אָט אַ מענטש, האַ? טאַראַס פּעטראָוויטש האָט מיר וועגן אים דערציילט.

דער אײַנציקער פֿעלער, עפּשער, וואָס וואָראָבייצעוו באַגייט, באַ־שטייט דערין וואָס ער זאָגט דאָס אַלץ צו הויך. אַזוי אָדער אַנדערש, הערט לובענצאָוו אויס וואָס וואָראָבייצעוו דערציילט אים, זייער אויפֿמערקזאַם, און שמייכלט דערבײַ פֿריידיק צו אַלץ וואָס ער געדענקט פֿון זײַנע פֿאַרבינ־דונגען מיט סערעדאַן און סיזשאָקרילאָוון. ער לאָזט דערבײַ ניט אָפּ טשאָ־כאָווס עלנבויגן און ווען וואָראָבייצעוו פֿאַרענדיקט ווענדט ער זיך צו טשאָכאָוון:

— קומט.

טשאָכאָוו קוקט אומאַנטשלאָסן צו וואָראָבייצעוון. אים איז ניט באַ־קוועם וואָס לובענצאָוו רופֿט נאָר אים און ווײַזט ניט אַרויס קיין כיישעק צו נעמען מיט זיך אויך וואָראָבייצעוון. דאָך גייט ער מיט לובענצאָוון איבערן לאַנגן קאָרידאָר און ערשט אין אַ מינוט אַרום רופֿט ער זיך אָן אומדרייסט:

— קען מען ניט נעמען צו אײַך אין דער קאָמענדאַטור דעם קאַפּיטאַן וואָראָבייצעוו?

— וואָראָבייצעוון? אַך, אָט דעם קאַפּיטאַן!... עפּעס געדענק איך אים ניט אַזוי גוט, מירן באַלד קלאָר מאַכן.

זיי גייען אַרײַן אין איינעם פֿון די צימערן. דאָ רעדט זיך לובענצאָוו שנעל צונויף וועגן באַשטימען טשאָכאָוון פֿאַר איינעם פֿון די דעזשורנע גע־הילפֿן דעם קאָמענדאַנט פֿון לויטערבורג, און ער לאָזט זיך אַרויסגיין. און דעמאָלט זאָגט אים טשאָכאָוו נאָך אומדרייסטער:

— און ווי איז מיט וואָראָבייצעוון?

— יאָ, יאָ, — זאָלט לובענצאָוו אַ צעשטרײַטער און בעט וואָראָבייצעווס פּערזענלעכע טעקע.

זיי זעצן זיך אַוועק איינער לעבן צווייטן אויף אַ דיוואַן. לובענצאָוו נעמט מישן די טעקע, דערנאָך רופט ער זיך אָן:

— נו, קענטיק, אַ נישקאָשעדיקער מענטש. די רעפערענצן זײַנען גוטע: „אַקטיוו", „ענערגיש"... „איבערגעגעבן אונדזער זאַך"... געבוירן אין מאָס־קווע. „האָט אייגנליבע"? ניט קיין אומגליק. דער פאָטער, די מוטער... אין אָרדענונג. אַ גרויסע זאַך די אַנקעטע! אַלץ איז ווי אויף דער האַנט!

טשאַכאָוו גייט שנעל אַרויס צוריק אין וועסטיביול. וואָראָבייצעוו שטייט פאַרדײַגעט באַם פענצטער און רויכערט. ער דערזעט טשאַכאָוון, קערט ער זיך אַוועק און נעמט זיך אײַנקוקן צו עפּעס אין דרויסן.

— מיר זײַנען ביידע צוגעשריבן צו דער לויטערבורגער קאָמענדאַטור — זאָגט טשאַכאָוו. — מירן באַלד אַרויספאָרן.

וואָראָבייצעוו באַהאַלט ניט אויס זײַן פרייד און, ווי פריער לובענצאָוו, גיט ער טשאַכאָוון אַ פּאַטש אין פּלייצע און רעדט צו אים שטיל:

— נו, פאַרשטייט זיך, איך בין זייער צופרידן. עס גייט ניט אינעם אמת — מיר איז אַלצאיינס ווו איך זאָל ניט אַרבעטן. דאָך, איז אָנגענעם מיט אָפיצירן פון איין דיוויזיע. לובענצאָוו איז אַן ערשטקלאַסיקער יאַט. אַ דאַנק דיר, וואַסיאַ, האָסט מיר געטאָן אַ טויווע. ס'איז אַ גוט אָרט, דערצו. איך האָב מיך דערוווּסט, די האַרץ־בערג! געהערט אַמאָל? ביכלאַל בערג און אַלערליי שיינקייטן! ווען די האַרץ־בערג האָט מען לידער געשריבן.

טשאַכאָוו פילט זיך שרעקלעך אומבאַקוועם. אים פאַרדריסט אויף וואָראָ־בייצעוון, וואָס האָט אים, טשאַכאָוון, אַוועקגעשטעלט אין דער דערנידערנ־דיקער לאַגע פון אַ שטאַדלען. ער איז אויך ברוגז אויף זיך אַליין, אויף זײַן פאַרשאָלטענעם כאַראַקטער, וואָס האָט אים געצוווּנגען בעטן פאַר אַ מענ־טשן, וואָס איז אים, דעם עמעס געזאָגט, ניט צום האַרצן און ער האַלט אים ניט פאַר קיין נאָענטן מענטשן. אָט די געצוווּנגענע ליבע וואָס פאַרוויקלט אים, שטערט זײַן גאַנצן פאַרגעניגן פון דער באַגעגעניש מיט דעם עמעסן פרײַנט, דער איינציקער עפּשער אין דער וועלט, וועמען ער האָט ליב און באַגערט צו אים ענלעך צו זײַן.

דאָך, ווען לובענצאָוו באַווײַזט זיך, נאָך עטלעכע מינוט, איז שוין טשאַכאָוו באַרויִקט. סאַפּ קאָל סאָף, איז עס דאָך ניט קיין אומגליק, וואָס וואָראָבייצעוו וועט דינען אינאיינעם מיט אים.

לובענצאָוו קומט צו צו זיי ניט אַליין. מיט אים גייט אַ יונגער דיקער קאַפּיטאַן מיט רויטע באַקן, אין ברילן. פון הינטער די ברילן קוקן אַפּיר גרויסע בלוילעכע אויגן פון אַ קינד וואָס איז צופרידן מיט זיך און מיט די מענטשן.

— באַקענט אײַך, — זאָגט לובענצאָוו און קוקט אויף דעם קאַפּיטאַן אין ברילן מיט צערטלעכקייט, אין דער עמעסן, ווי מען קוקט אויף אַ געראָטע־נעם קלוגן קינד. — אַ נײַער אָפיציר פון אונדזער קאָמענדאַטור, קאַפּיטאַן יאַוואָרסקי וועט זיך פאַרנעמען מיט פּראָפּאַגאַנדע. קאַנדידאַט פון פילאָלאָגי־שער וויסנשאַפט. און דאָס זײַנען: אונדזערע נײַע דעזשורנע געהילפן. ניט קיין קאַנדידאַטן פון וויסנשאַפט, נאָר גוטע יאַטן, קעמפערישע. איך זאָג אײַך אַלעמען מיט די ווערטער פון דער עוואַנגעליע: האָט זיך ליב איינער דעם צווייטן.

אין פֿירן גייען זיי אַרויס אויף דער גאַס. לובענצאָוו דערוויסט זיך, אַז וואָראָבייצעוו האָט אַן אויטאָמאָביל, גיט ער אַ שמייכל:

— איך זע, — זאָגט ער — אַז איר האָט דאָרטן ניט געגענצט.

זיי באַשליסן, יאַוואָרסקי זאָל פֿאָרן מיט וואָראָבייצעוון און טשאָכאָוו מיט לובענצאָוון.

אין וועג נעמט לובענצאָוו דערציילן וועגן זײַן ראַיאָן. טשאָכאָוון ווילט זיך ריידן וועגן דער פֿאַרענדיקטער מילכאָמע, וועגן שלאַכט־אַקציעס, וועגן דער באַלאַגערונג פֿון שנײַדעמיולע און וועגן די שלאַכטן פֿאַר פּאָטסדאַם. נאָר לובענצאָוו, קענטיק, איז שוין זייער ווײַט פֿון דעם אַלעמען.

— די קאָמוניסטן און די סאָציאַל־דעמאָקראַטן — זאָגט ער — האָבן די טעג פֿאַרגעלייגט דורכצופֿירן אַ דעמאָקראַטישע אַגראַר־רעפֿאָרם. דאָס וועט איצט זײַן די וויכטיקסטע פֿראַגע אינעם דײַטשן לעבן. דירעקט וועלן מיר זיך ניט מישן, ווײַל דאָס איז אַן אינעווייניקסטער דײַטשער איניען. עס וואָלט געווען זייער געפֿערלעך און אומבאַטראַכט ווען מיר זאָלן דורכפֿירן די רעפֿאָרם, אַזוי צו זאָגן, מיט דעם קויעך פֿונעם באַגנעט. די רעפֿאָרם איז שוין לאַנג אָנגעצײַטיקט. זי איז געשטאַנען אויפֿן טאָג־אָרדענונג פֿון דער דעמאָקראַטישער רעוואָלוציע נאָך מיט הונדערט יאָר צוריק. מען מוז ליקווידירן דעם גרויסן ערד־באַזיץ אין דײַטשלאַנד — ער ברענגט מיט זיך דעם אימפּעריאַליזם. — לובענצאָוו קוקט זיך שאַרף אײַן אין טשאָכאָוון. — איר וועט מוזן עפּעס לייענען וועגן דײַטשלאַנד. איך האָב באַוויזן אָנצוקלײַבן אַ גאַנץ היפּשע ביבליאָטעק איבער דער דײַטשער פֿראַגע. מען וועט מוזן שטודירן די דײַטשע שפּראַך. איך ראָט אײַך אויך אַזוי צו טאָן. איך באַמי זיך צו טאָן אַלץ ווי מעגלעך גרינטלעכער, אויב דער בייזער גורל און די מיליטערישע קאָמאַנדירונג האָבן מיך שוין געצוווּנגען צו ווערן אַ קאָמענדאַנט איבער אַ דײַטשן ראַיאָן.

— גוט אַרבעטן, וועל איך מיסטאָמע ניט קענען — רופֿט זיך אָן טשאָכאָוו נאָך אַ צײַט שווײַגן. — אַ ראָטע פֿירן, דאָס קען איך.

— ס'איז גאָרניט, איר וועט זיך אויסלערנען. סאָף־קאָל־סאָף, איז דער איקער אָרנטלעך זײַן. אָרנטלעך! ווי פּאָשעט דאָס איז און ווי שווער. ביפֿראַט בײַ אַזאַ לאַגע ווען דו האָסט די מאַכט, ווען דײַן יעדער וואָרט איז קימאַט אַ געזעץ. אויב אַ מענטש איז ניט עפּעס אַ קרעטין, אויב ער האָט, ווי זאָל איך עס אײַך דערקלערן, ליב מענטשן, איז גענוג ער זאָל זײַן אָרנטלעך. איר האָט ליב מענטשן, טשאָכאָוו? — פֿרעגט פּלוצעם לובענצאָוו און צעלאַכט זיך.

— איך ווייס ניט, — איז טשאָכאָוו צעטומלט. — איך האָב ניט געטראַכט דערפֿון.

זיי שווײַגן. דערנאָך רופֿט זיך אָן טשאָכאָוו:

— איך האָב צוגעשטעלט אַ ראַפּאָרט מען זאָל מיך שיקן אויפֿן ווײַטן מיזרעך זיך שלאָגן. נאָר די מאָלכאָמע האָט זיך דאָרט שנעל פֿאַרענדיקט.

— איז דאָך גוט, — זאָגט לובענצאָוו. — האָט איר געהאַט מילכאָמע! — ער פֿאַרטראַכט זיך, דערנאָך רופֿט ער זיך אָן: — און טאַטיאַנאַ וולאַדימיראָוונאַ האָט זיך ניט געבעטן. מען האָט זי אָן ביטעס אַהין געשיקט. זי איז איצט אין מוקדען. גאַנץ אומגעריכט האָט מען וואָראָביאָווס דיוויזיע אַרײַנגעזעצט אין עשעלאָנען און דורכגעפֿירט גאַנץ רוסלאַנד. איך וואָלט, עפּשער וועט זיך טאַניאַ איצט קענען דעמאָביליזירן. עס איז ניט שווער זיך

צו באַגיין אַן אַ פרוי ווען מען איז אַ באָכער, נאָר אַז מען איז אַ באַווײַבטער, זעסטו, איז, ערן־וואָרט, אַז איך האָב מער קיין קויעך ניט.

מען זעט שוין אַן לוויטערבורג. זיי פאָרן צו צו דער קאָמענדאַטור. עס גייט זיי אַרויס אַקעגן וואָראָנין, וואָס דערקענט טשאַכאָוון און דערפרייט זיך מיט אים. טשאַכאָוו קוקט אַפן הויז פון דער קאָמענדאַטור. דאָס הויז האָט אַ דורכויס אָפיציעלן פּאָנעם און דערמאָנט קוים יענע געווײַנלעכע בירגער־לעך אויסזעענדיקע הויז, וואָס איז מיט דער מי פון לובענצאָוון, וואָראָנינען און אַלבינען, פאַרוואַנדלט געוואָרן אין דער קאָמענדאַטור.

הײַנט איז אַלץ אַנדערש. אפילע די פּרויען־קאַריאַטידן האָבן נישט מער זייער לײַכטזיניקן אויסזען, ווען עס שטייט לעבן זיי אַף דער וואַך אַ רוסישער זעלנער מיט אַן אויטאָמאַטישער ביקס, און קאָנקורירט שיר ניט אין פּאָנעם־שטרענגקייט מיט דעם פּאָנעם פון דער אַלטער, ווי אייראָפּע אַליין, סטאַטוע פונעם ריטער ראָלאַנד.

אַפן פלאַגשטאָק פלאַטערט אַ סאָוועטישע מעלוכע־פאָן.

די געשיכטע וועגן די זעקס זעלנער

זיי פאָרן אַריבער דעם אָדער איבער אַ פּאָנטאָן־בריק וואָס איז פאַר־בליבן נאָך דער מילכאָמע. אַף בײדע זײַטן טײַך וואַלגערן זיך צעבראָכענע קאַנאָנען. די ברעגעס זײַנען צעגראָבן מיט טראַנשייען און קאָנאָוועס, וואָס גרינען שוין מיט יונגן גראָז, ביימער צעשאָסענע פון גראַנאַטן, זײַנען שוין ווו ניט ווו באַוואַקסן מיט נײַע צווײַגלעך.

דער אויטאָמאָביל בלײַבט שטיין אַפן מײַרעוודיקן ברעג. די זעלנער טוען זיך אויס און קריכן אַרײַן אין וואַסער. ניעבאַבאַ שווימט אַוועק און ווען ער קומט צוריק, קריכט ער אַרויס אַפן ברעג און זאָגט:

— אַפן גרונט, זײַנען דאָרט פאַראַן אויטאָמאָבילן. — און שטילער גיט ער צו: — און מענטשן.

דער שאָפער פונעם סאָ:יטאַרן אויטאָבוס קומט צו.

— ווהין וועט איר פאָרן, פּעטערלעך? — פרעגט ער. — דאָ האָבן מיר באַשלאָסן פאַרקירעווען שאַרף אַף צאָפן. אונדזער טייל געפינט זיך אין צאָפן.

— און דורך בערלין פאָרט איר ניט?

— ניין, דאָרט ווילדעווען אונדזערע פּאַטרולן. אונדז אינטערעסירט מער פאָרן מיט די קליינע שטעטלעך.

— און מיר גייען קיין בערלין. דאָרט ווען מיר זיך דערוויסן ווו אונד־זער טייל איז, — זאָגט ווערעטעניקאָוו.

— צו וואָס טויג אײַך אײַער טייל? — פרעגט דער שאָפער. — פאָרט מיט אונדז. אונדזער בריגאַדע שטייט באַם סאַמע יאַם. מעוועס פּליען, פּאַ־ראַן פיש אַ סאַך. אַ שיינקייט אַרום. איר וועט זיך דאָרטן צושטעלן, וועט מען אײַך גיך אַהיימלאָזן. איר זײַט דאָך עלעהיי רײַזנדערס. וואָלט איך ניט געהאַט אַף מיר דעם אויטאָמאָביל און די קאָמאַנדיראָווקע, וואָלט איך זיך שוין דורכגעפאָרן איבער אייראָפּע!

— ניין. — זאָגט ווערעטעניקאָוו. — ווען עס איז אַן אַנדערש מאָל.

דער שאָפֿער צעלאַכט זיך און גייט אַוועק צום אויטאָבוס, און די זעלנער לאָזן זיך גיין ווײַטער צו פֿוס. אויטאָמאָבילן יאָגן זיי אַריבער, נאָר די זעלנער האָט פֿאַרשמעקט דאָס צופֿוס גיין.

זיי גייען פֿאַרבײַ אומפֿאַרזייטע כמאַרנע פֿעלדער, און קראָען דרייען זיך איבער זיי אין דער לופֿטן און שרײַען היסטעריש, פֿון שטוינען, מיסטאָמע, איבער דער אומפּראָדוקטיקייט פֿון די אַמאָל פֿעטע לאַנקעס. די דערפֿער און שטעטלעך אַפֿן וועג זײַנען צעשטערט.

די זעלנער ריידן צווישן זיך ווייניק, מערער קוקן זיי. נאָר פּעטוכאָוו, געוויינלעך דער גרעסטער שווײַגער, קען זיך איצט ניט באַרויִקן:

— אַך, דו, גאָט מײַנער, ווי אַזוי־זשע האָב איך דאָס פֿאַרשלאָפֿן וואַרשע! כ'האָב דורכגעלאָזט וואַרשע, דער טײַוול זאָל עס נעמען! אינעם צוואַנציקסטן יאָר האָב איך אַף די רויט־אַרמייִשע מיטינגען זיך דעם גאָרגל געריסן: „דאַיאָש וואַרשאַווו״ (גיב וואַרשע!) און איצט, איז זי, די וואַרשע, לעבן דיר, און דו האָסט זי, די וואַרשע, אַפֿילע נישט געמערקט. וועסט נאָך בערלין אויך אַזוי פֿאַרשלאָפֿן.

נאָר אָט מערקן איין מאָל די זעלנער, אַז זיי קומען צו צו אַ גרויסער שטאָט. פֿון אַלע זײַטן ציִען זיך סלופּעס פֿון הויך־וואָלטיקע טראַנסמיסיעס, מען טרעפֿט אָן פֿיל־שטאָקיקע הײַזער מיט אַפּישן פֿון שוין ניט עקזיסטירנדיקע פֿירמעס און פֿאַרבאָטענע צײַטונגען. איינע נאָך איינער באַווײַזן בײַשטאָטישע וואָקזאַלן אַף הויכע דאַטשע־סעזאָנען. בײַשטעט ציִען זיך קעסיידער איינע נאָך איינער. הײַזער קימאַט ניט געשעדיקטע. די קאָמפּאַרטנע שטעטלעך פֿרייען דאָס אויג. די זעלנער שפּאַנען איבער די שטעטלעך און קוקן זיך נײַגעריק אום אַף די באַוווינער, וואָס מען באַגעגנט אַלץ מער, און זיי וווּנדערן זיך וואָס אין דײַטשלאַנד זײַנען, נאָך אַלעמען, פֿאַרבליבן אַ היפּש ביסל דײַטשן.

אַפֿן מײַרעוודיקן האָריזאָנט צינדט זיך אָן דער זון־פֿאַרגאַנג — שוין דעם וויפֿלטן זון־פֿאַרגאַנג זעען זיי אַף זייער וועג, נאָר דער, דאַכט זיך די זעלנער, איז גאָר אַן אַנדערער, ער באַלײַכט אַ גרויסע שטאָט, אַזאַ פֿרעמדלענדישע, אַזאַ פֿרעמדוועלטיקע! נאָר לאַנג זיך שפּיגלען אין דעם זון־פֿאַרגאַנג לאָזט זיי ניט אַ סאָוועטישער מיליטערישער פּאַטרול, וואָס רופֿט זיי שטרענג אָפּ און פֿירט זיי טײַקעף אָפּ אין דער קאָמענדאַטור. צוגעוויינטע צום רויִקן באַוועגן זיך און צום לאַנגזאַמען בײַט פֿון די אײַנדרוקן, זײַנען זיי טכילעס געפּלעפֿט מיט דעם פּלוצעמדיקן איבערבײַט פֿונעם לעבנס־טעמפּ, מיט דער שנעלקייט ווי מען שליסט זיי אײַן אינעם אַלגעמיינעם אַרמיי־לעבן. פֿאַר אַלעמען, שיקט מען זיי, אינאיינעם מיט נאָך צוויי מיעס זעלנער אַפֿן אַעראָדראָם, וווּ זיי נעמען אָפּרייניקן פֿון אַעראָפּלאַנען־בראָך די אַרויפֿפֿליסטעזשקעס, און ווידער אויפֿשטעלן די אַנגאַרן, וואָס זײַנען צעשטערט געוואָרן פֿון די באָמבאַרדירונגען. מיט צוויי וואָכן שפּעטער, פֿירט מען זיי אַף לאַסט־אויטאָמאָבילן פֿאַרריכטן די בריק אַפֿן שפּרעע אינעם צענטער פֿון בערלין. אויב זיי דערמאָנען איצט זייער רײַזע צוזאַמען, איז עס ווי אַ ווײַטע פֿאַרגאַנגענהײַט. באַם פֿאַרריכטן אינמיטן דער אַרבעט אָדער פֿאַרן שלאָפֿן גיין פֿרעגט ווער פֿון זיי — אָפּטער ווי אַלע אַנדערע ניעבאַבאַ — דאָ דעם, דאָ יענעם:

— געדענקסט יענעם פּאָלאַק?

אָדער:

— געדענקסט יענעם שאָפער?

און אזוי ווײַטער.

און די זעלנער שמייכלען.

ווערעטעניקאָוו נאָר קען זיך ניט באַרויִקן. אים לאָזט ניט רוען דער געדאַנק, אַז די דיוויזיע־פירער זוכן מיסטאָמע אַרום די זעלנער, מיט דעם היי, זײַנען אויפגעבראַכט אַף ווערעטעניקאָוון און האַלטן אים פאַר אַ מענטשן, וואָס פאַרדינט ניט קיין צוטרוי. אין שײַכעס מיט די געדאַנקען, באַשליסט ער איין מאָל צוגיין צום פּאָדפּאָלקאָווניק, וואָס איז געקומען קאָנטראָלירן די אַרבעט. דער פּאָדפּאָלקאָווניק, אַ צערייצטער, אַ שרײַער, הערט אים אַפילו ניט אויס, און וואַרפט זיך טייקעף אַרויף אַף דעם לייטענאַנטס אַרבעטס־אויספירער:

— וואָס־זשע האַלט איר זיי? זאָלן זיי גיין צו זייער מיליטערישער טייל.

און אומגעריכטערהייט זײַנען די זעקס זעלנער ווידער צוזאַמען און ווידער אַ באַזונדערע מאַנשאַפט.

זיי לאָזן איבער בערלין און לאָזן זיך ווײַטער אַף מײַרעוו, צו דעם שטעטל, וווּ עס געפינט זיך, לויט די ידיעות, וואָס ווערעטעניקאָוו האָט באַקומען אין דער בערלינער קאָמענדאַטור, זייער דיוויזיע. וואָס נענטער די זעלנער קומען צו דעם שטעטל, אַלץ שווײַגנדיקער און שטרענגער ווערט ווערעטעניקאָוו. טיילמאָל וואַרפט ער אומרויִקע בליקן אַף פּיעטוכאָוון. יענער פאַרשטייט ניט טכילעס וואָס ער מיינט מיט די בליקן, נאָר דערנאָך דערמאָנט ער זיך אין וואָס ער האַנדלט זיך. ווערעטעניקאָוו איז אומרויִק פון דער קוויטונג וועגן דעם היי. אין דער קוויטונג איז אָנגעגעבן אַ קלענערער סכום היי ווי די זעלנער האָבן באַקומען צום הימן. פּיעטוכאָוון קימערט די פראַגע ווייניקער: אַ טאָעס — און גאָר! נאָר ביסלעכווײַז גייט איבער ווערעטעניקאָווס אומרו אויך צו אים. ער זיפצט און גלעט זיך פאַרלוירן די וואָנצעס.

ענדלעך קומען זיי אָן. דאָס שטעטל שטייט באַם טײַך עלבע — אַ ריינס ווי פון אַ מאַבל אָפּגעוואַשן. אויך די מענטשן דאָ זײַנען ווי אָפּגעוואַשענע, העפלעכע, ביפראַט די קינדער. אין דער צײַט וואָס ווערעטעניקאָוו גייט אין דער קאָמענדאַטור פרעגן, זיצן די זעלנער מיט די דײַטשע קינדער אינעם סקווערל און ריידן מיט זיי, מיט דער הילף פון די הענט און פון עטלעכע דײַטשע ווערטער. די קינדער פאַרשטייען שוין אַפילו אַ סאַך רוסישע ווערטער. זויעוו טיילט זיי יעדן אײַן אַ סעכער און אַ שטיקל צוקער, נאָר די קינדער נעמען זיי ניט באַלד עסן, זיי לייגן דאָס אַרײַן אין קעשענע און דאַנקען העפלעך, זיי זאָגן דערבײַ, אַז זיי וועלן די מאַטאָנעס אָפּגעבן די מוטערס. און די זעלנער געפעלט עס.

ווערעטעניקאָוו דערוויסט זיך, אַז די דיוויזיע איז צוריק מיט אַ וואָך אַריבער די עלבע, וווּ זי פאַרבײַט איצט די נ. אַמעריקאַנישע טיילן. ער קומט צוריק צו די זעלנער, גיט זיי איבער דאָס נײַס און זיי גייען ווײַטער.

זיי גייען אַריבער די עלבע איבער דער בריק. פאַר זייערע אויגן שפּרייט זיך אַ פּרוכטיקער טאָל, פול מיט סעדער און גרינסגערטענער. עס איז וואַרעם און זוניק. איבערן וועג גייט אַ לעבעדיקער פּאַרקער — אויטאָמאָבילן, מיליטערישע און דײַטשע, לויפן מיט גרויס שנעלקייט פון מיזרעך אַף מײַרעוו און פון מײַרעוו אַף מיזרעך.

— ווועלן מיר פֿאָרן אָדער גיין? — פּרעגט ווערעטעניקאָוו.

— מען קען פֿאָרן, — זאָגט קאַראַטיעיעוו, וואָס הערט אינעם לעצטנס פּראַגע אַ באַזונדערן דינסט־אײַפֿער: די דיוויזיע איז שוין נאָנט.

— אַף אַ אונדזערן צי אַף אַ דײַטשן?

— לאָמיר פּרוּוון אַף אַ דײַטשן.

ווערעטעניקאָוו הייבט אויף די האַנט. דער דײַטשער לאַסט־אויטאָמאָביל בלײַבט שטיין. ער פֿאָרט אײַגנטלעך אַהין וווּהין זיי דאַרפֿן, און אין צוויי שאָ אַרום זײַנען זיי שוין אפֿן אָרט. זיי טרעפֿן אָן אַ סערזשאַנט און ער ווײַזט זיי אָן דאָס מיליטערישע שטעטל וואָס ליגט הינטער דער שטאָט. נאָר דאָס שטעטל איז פּוסט. די אָפּ:עלײדיקטע ציגלנע קאַזאַרמעס וואַרעמען זיך פּוסטע אַף דער זון. אינעם גאַנצן שטעטל זײַנען פֿאַרבליבן בלויז צוויי לייטענאַנטן און אַ סטאַרשינאַ. זיי טרייסלען זיך אָפּ פֿאַרדראָסיק פֿון די זעלנער, זיי ווילן ניט וויסן און ווילן ניט קוקן אין קיין דאָקומענטן מיט קוויטונגען און זײַנען בכלל שטאַרק אונטערן גלעזל. זיי זאָגן, אַז די דיוויזיע איז אויפֿגעלייזט, קורץ געזאָגט — נישטאָ שוין אַזאַ דיוויזיע. זיי זײַנען מעכאַבעד די זעלנער מיט ווײַן, גיבן זיי ברויט און קאָנסערוון וויפֿל זיי קענען נאָר פֿאַרטראָ:ן און פּרוּוון זיך אַפֿילע אַרײַנשטופּן זיי אַ קופּע מיט אַלטע וואַטאָווע רעקלעך, וואָס מען האָט פֿאַרגעסן אָפּצושרײַבן און עס איז נישטאָ ווּ זיי אַהינצוטאָן. צום סאָף ראָטן זיי ווערעטענאָקוון צוריקגיין אין שטאָט, דאָרט שטייט אַ רעזערוו־רעגימענט.

די זעלנער זיצן אַזוי לאַנג ביז זיי הייבן זיך אויף און גייען צום רעגימענט.

פֿאַר אַלעמען ווײַזט זיך דאָ אַרויס, אַז שוין צוויי וואָכן ווי פּיעטוכאָוו, קאַראַטיעיעוו און אַטאַבעקאָוו זײַנען קיין זעלנער ניט: זיי זײַנען אונטערגעוואָרפֿן דער דעמאָביליזאַציע מאַכמעס זייער עלטער. דאָ טאַקע שרײַבט מען זיי אויס דאָקומענטן און אפֿן צווייטן טאָג שיקט מען זיי אַהיים, קיין רוסלאַנד.

ווערעטעניקאָוו, זויעוו און ניעבאַבאַ בלײַבן אינעם רעגימענט, און אין אַ שטיקל צײַט אַרום, זעצט מען זיי אויף מיט נאָך פֿופֿצן זעלנער און אַ יונגן לייטענאַנט אַף אויטאָמאָבילן און מען שיקט זיי אין אַ גרויסער שטאָט, דאָרט גיט מען זיי צו וויסן, אַז זיי זײַנען באַשטימט אַף דינען אין אַ דײַטשיש שטעטל מיט אַ נאָמען וואָס זיי איז שווער אַרויסצורייִדן, אַלס קאָמענדאַנטישע אָפּטיילונג.

עס דויערט ניט לאַנג און זיי פֿאָרן אַהין אַרויס. ווערעטעניקאָוון, זויעוון און ניעבאַבאַן איז אומעטיק נאָך דער שיידונג מיט די דרײַ כאַווײרים, זיצן זיי אפֿן לאַסט־אויטאָמאָביל און קוקן אַף ביידע זײַטן וועג. דער וועג לויפֿט צוערשט איבער פֿלאַכלאַנד, דערנאָך נעמט זיך דאָס פֿלאַכלאַנד פֿאַלדעווען. וואָס ווײַטער זײַנען די פֿאַלדן העכער און געדיכטער. זיי הייבן זיך ווי טעראַסעס, דרײַ אָדער פֿיר איינע איבער דער אַנדערער. די אונטערשטע באַשטייט אינגאַנצן פֿון פֿעלדער מיט בוריקעס, מיט קרויט און קאַרטאָפֿל, באַזוימטע מיט רייעןביימער. דערנאָך גייט אַ העכערע טעראַסע מיט בערגלעך פֿאַרזייטע מיט קאָרן און האָבער. אַ דריטע טעראַסע איז באַדעקט טיילווײַז מיט נידעריקע געדיכטע ווײַנשל־גערטענער, מיט פֿעלדער ווײַסן מאָן אָדער מיט אַזעלכע געלע בלימלעך, וואָס זײַנען די זעלנער אומבאַקאַנט, און נאָך ווײַטער, אַף דער העכסטער טעראַסע, טונקלען זיך יאָדלע־וועלדער.

דאָ הייבן זיך אָן די האַרץ־בערג. רו און שטילקייט הערשט אַרום. אַף די ביימער זינגען פֿייגל, אונטן מורמלען טײַכלעך. באַרגשטיינער וואַלגערן זיך צווישן די ביימער. דער וועג לאָזט זיך אַרונטער און פֿאַר די זעלנער אַנטפּלעקט זיך די פּאַנאָראַמע פֿון דער שטאָט.

— דאָס איז זי? — פֿרעגן די זעלנער איינער באַם צווייטן.

— קענטיק, אַז זי איז עס.

אַלע לעבן אויף.

דער אויטאָמאָביל בלײַבט שטיין אַפֿן פּלאַץ לעבן אַ הויז מיט אַ סאָוועטישער פֿאָן. אַקעגן דעם הויז שטייט אַ ריזיקע קאַטעדראַלע, אַ צעשעדיקטע פֿון אַ פֿײַנטלעכער באָמבע. אין מיטן פּלאַץ איז פֿאַראַן אַ סקווער מיט גרויסע אַלטע ביימער.

די זעלנער שפּרינגען אַראָפּ פֿון די לאַסט־אויטאָמאָבילן, ציִען אויס די פֿאַרטעמפּטע הענט און פֿיס, און שטעלן זיך אָן באַם אַרײַנגאַנג, ווו עס שטייט אַ זעלנער אַף דער וואַך. אינעם הויז צעעפֿענען זיך די פֿענצטער, עס דערהערן זיך פֿריידיקע קולעס און אין אַ מינוט אַרום קומט אַרויס פֿונעם הויז אַ יונגער פּאָדפּאָלקאָווניק. אַ בלוי־אייגיקער, אַ פֿריילעכער, אַ רירעוודיקער און הינטער אים נאָך עטלעכע אָפֿיצירן און אַ ציווילע מיידל.

— פֿרײַ שטיין, — זאָגט דער פּאָדפּאָלקאָווניק. ער רײַבט זיך די הענט און זעט אויס צופֿרידן. — נו, גוט וואָס איר זײַט געקומען. — ער פֿירט איבער אַ פֿאַרשידיקן בליק פֿון איין זעלנער אַפֿן צווייטן. ווערעטעניקאָוו טרעפֿט זיך אָן מיט זײַן בליק און זיי שמייכלען איינער צום צווייטן. — דאָס איז אונדזער הויז, — רעדט ווײַטער דער פּאָדפּאָלקאָווניק און קוקט שוין בלויז אַף ווערעטעניקאָוון, — דער גאַנצער אונטערשטער שטאָק וועט זײַן אײַער קאַזאַרמע, אײַער עס־צימער און אײַער קלוב. אָרט איז פֿאַראַן גענוג. ער ווענדט זיך צו אַ הויכן פּאָלקאָווניק, וואָס קומט אין דער מינוט אַרויס פֿון דער קאָמענדאַטור. — אָט, כאָווער סאָקאָלאָוו, איז שוין דאָ מײַן אָפּטיילונג. אײַערע זעלנער וועלן, אַזוי אַרום, פֿרײַ זײַן פֿון קאָמענדאַנטישן דינסט. איך האָב אײַך שוין אָוואַדע שטאַרק דערעסן. — דער פּאָלקאָווניק שמייכלט און דער פּאָדפּאָלקאָווניק (ער, קענטיק, איז דער קאָמענדאַנט) רעדט ווײַטער, און ווענדט זיך ווידער צו די זעלנער, נאָר איצט שוין ערנסט און דורכגעדרונגען: — אַף אײַך ליגט אַ אומגעוויינלעך וויכטיקע אויפֿגאַבע — פֿאַרשטעלן מיט זיך דעם ראַטנפֿאַרבאַנד. וואָס דאָס מיינט, איז אײַך קלאָר. מירן אַרבעטן צוזאַמען, זיך אַרויסהעלפֿן איינער דעם צווייטן. יעדערער פֿון אײַך האָט אַ סאַך געזען, אַ סאַך איבערגעלעבט. איר זײַט יונגע מענטשן, נאָר אַלטע זעלנער, און איך דאַרף אײַך קיין סאַך ניט אויפֿקלערן. עס וועט אונדז אַלעמען זײַן שווער, ווײַט פֿונעם פֿאָטערלאַנד, און דאָס דינסט־ביכלאַל, דערצו אין אַזעלכע אומגעוויינלעכע באַדינגונגען, איז ניט שטענדיק אַזאַ גרינגע זאַך. נאָר אויב מיר וועלן לעבן אין פֿרײַנטשאַפֿט, זיך טיילן מיט אונדזערע לײַדן און פֿריידן, שטענדיק געדענקען וועגן אונדזער פֿליכט, וועט אונדז זײַן גרינגער. מיט דעם קאָמאַנדיר פֿון דער אָפּטיילונג זײַט איר באַקאַנט, ער איז געקומען אינאיינעם מיט אײַך. אָט דער סטאַרשינאַ, דער כאַווער וואָראָנין, איז באַשטימט פֿאַר זײַן געהילף. סערזשאַנטן זײַנען צווישן אײַך פֿאַראַן — וועלן זיי אָנפֿירן מיט די אונטעראָפּטיילונגען.

פֿון דער רעדע ווערט ווערעטעניקאָוון גוט אַפֿן האַרצן. דער קאָמענדאַנט געפֿעלט אויך די איבעריקע זעלנער. די אָפּטיילונג קלײַבט זיך שוין אַרײַ

גיין, ווי עס קומט צו אַ דײַטשקע מיט אַ קאַרטאָפליע־נאָז און אַ גרויסער בראָדעווקע אַף דער באַק, אין אַ רויטן סוועדער און אַ געקעסטלטן פאַרטעך. זי שמייכלט אַ צעטומלטע, אַף דער גאַנצער ברייט פון איר צעוואַקסענעם פּאָנעם און גייט צו צום קאָמענדאַנט. זי רעדט צו אים דײַטש און דערלאַנגט אים עפּעס אַ פּאַפּיר.

דאָס טונקעלע ערנסטע מיידל וואָס שטייט לעבן דעם קאָמענדאַנט, נעמט איבערזעצן:

— זי פרעגט צי איר געדענקט זי, צי האָט איר זי ניט פאַרגעסן.

— איך געדענק, פאַרוואָס זאָל איך ניט געדענקען, — צעלאַכט זיך דער קאָמענדאַנט. — מיר האָבן זיך באַקענט דעם ערשטן טאָג פון מ..ן קומען אַהער.

דאָס מיידל זעצט איבער זײַנע ווערטער דער דײַטשקע און זי " שאָקלט פריידיק מיטן קאָפּ און צערעדט זיך שנעל און הויך.

— זי זאָגט — זעצט איבער דאָס מיידל — אַז אַלע באַוווינער פון איר הויז אַכטן אײַך זייער און אַז זי איז געקומען זיך קלאָגן אַפן שטאַטראַט. דער שטאַטראַט דאַרף רעמאָנטירן איר הויז, נאָר ביז איצט זאָגט ער צו און טוט גאָרניט. און ווײַל זיי ווייסן, אַז דער הער קאָמענדאַנט העלפט גערן פּאָשעטע מענטשן, האָבן זיי זי געשיקט, ווי דעם קאָמענדאַנטס אַ באַקאַנטע, זיך קלאָגן אַפן שטאַטראַט.

דער קאָמענדאַנט לאַכט ווידער און זאָגט, אַז ער וועט טאָן וואָס ער קען. דערנאָך גיט ער צו:

— זאָגט איר, אַז זי האָט ריכטיק געטאָן וואָס זי איז געקומען. קריטי־קירן פעלערן איז אַ נייטיקע זאַך. זאָל זי וועגן די פעלערן אָנשרײַבן אין אַ צײַטונג, אין דער „פאָלקסצײַטונג" * לעמאָשל.

ווען דאָס מיידל זעצט איבער דער דײַטשקע דעם קאָמענדאַנטס ווער־טער, צעעפנט די פרוי ברייט די אויגן און צעקײַכט זיך פון געלעכטער. זי גיט אַ פּאַטש מיט די הענט און דערבײַ אויך אַ פּאַטש מיט די ליפּן, ווי זי וואָלט געזאָגט „פו" אָדער „פּאַ" און נעמט ריידן נאָך שנעלער.

— בין איך דען אַ שרײַבער? — שרײַט זי אויס. — וואָס פאַר אַ שרײַ־בער בין איך? איך בין אַ שטוב־ווירטן, איך האָב פיר קינדער, נאָר איך האָב ניט ליב קיין סקאַנדאַלן, איך האָב פײַנט ווען מען זאָגט צו און מען טוט ניט, ווען מען פּלוידערט „פּאָלק, פּאָלק" און וועגן דעם פּאָלק זאָרגט מען זיך ניט. — די דײַטשקע שווײַגט אַ ווײַלע און גיט דערנאָך צו שטילער: — און מײַן מאַן איז אומגעקומען אין דער מילכאָמע... וואָלט ער כאָטש אומגעקו־מען פאַר עפּעס רעכטס! — זי נעמט אַרויס אַ טיכל און צעשמירט איבער איר ברייטן פּאָנעם די טרערן וואָס האָבן איר פּלוצים אַ פּלייץ געטאָן פון די אויגן.

עס ווערט שטיל. די איבערזעצערן רעדט אַרויס די ווערטער אין רוסיש אָפּגעצייילט און דײַטלעך, אַלע זײַנען ערנסט. דערנאָך באַפעלט ״זטיל דער קאָמענדאַנט מען זאָל זיך צעגיין, און די זעלנער גייען שטיל אַרײַן איינער נאָכן צווייטן אין דער אָפן שטייענדיקער טיר.

---

* „פאָלקסצײַטונג" איז דעמאָלט געווען דער אָרגאַן פון דער קאָמו־ניסטישער אָרגאַניזאַציע אין דער פּראָווינץ זאַקסן־אַנהאַלט.

ע ר ד

צ ו װ י י ט ע ט ײ ל

I

די שטאָט לויטערבורג האַלט אַ וואָך אויג אַף דער קאָמענדאַטור.

די קאָמענדאַטור, וואָס איז אָפן פאַר יעדן, וואָס קומט צו איר מיט אַ ביטע, מיט אַן אָנפראַגע, מיט אַ קלאַגע, פירט, פון דעסטוועגן, איר אייגן, אײַנגעשלאָסן, אַ ביסל פאַרהוילן לעבן. דורך טעלעפאָן־דראָטן און ראַדיאָ איז זי פאַרבונדן מיט אַלשטאַט, מיט האַללע, מיט בערלין און, קענטיק, מיט מאָסקווע. שטאַפעטן קומען אַהער צו פאָרן אַף סאָוועטישע מיליטערי־שע אויטאָמאָבילן, גיבן איבער פּאַקעטן און שיפרירטע ידיעות.

דער בלוי־אויגיקער פּאָדפּאָלקאָווניק, קענטיק, זייער אַ יונגער, נאָר אַ קלוגער און אַ טיכטיקער, וואָס קען גוט די דײַטשע שפּראַך, נאָר מאַכט זיך, אַז ער קען ניט (דאָס האָט מען ניט איין מאָל באַמערקט), וואָס באַזיצט אויך די ענגלישע שפּראַך, נאָר מאַכט זיך, אַז ער פאַרשטייט אויך ניט קיין ענגליש (דעם קלאַנג האָט פאַרשפּרייט דער אַלטער קראַנץ) — דער קאָמענדאַנט פאָרט אָפּט אַרויס אינעם אויטאָמאָביל, פאָרט איבערן ראַיאָן, באַווײַזט זיך אָט דאָ, אָט דאָרט. דאַכט זיך, ער שלאָפט גאָר קיינמאָל ניט. זײַן אַרבעטס־פעיִקייט דערשטוינט אַלעמען. ער האָט געקויפט אין אַ דײַטשער קראָם „האַנס מינדען", אַ סאַך דײַטשע ביכער, און די ערשטע צײַט, האָט מען באַ־מערקט, פלעגט ער קויפן לערביכלעך, לייען־ביכער פאַר שול־קינדער, דער־נאָך דעטעקטיוו־ראָמאַנען, צום לעצט איז ער אַריבער צו דער קלאַסיק, — איין מאָל האָט ער אײַנגעהאַנדלט גאַנץ געטע, שילער, לעסינג און אולאַנד. טייל מאָל פאָרט ער אום אָדער ער גייט אום צופוס באַנאַכט איבער דער שטאָט, דאַ טרעפט מען אים אין אַ רעסטאָראַן, אין אַ האָטעל, אין קינאָ־טעאַטער; ער האָט באַקוקט די קאַטעדראַלע און דעם שלאָס, האָט פאָרגע־שלאָגן דעם מאַגיסטראַט ביידן צו פאַרריכטן ווי אַלטע דענקמעלער, און האָט אַרויסגעגעבן צוליב דעם דערלויבעניש אַף בוי־מאַטעריאַלן; ער האָט באַפוילן צו פאַרריכטן ביז אַ טערמין די האַלב־כאָרעווע הײַזער אא"וו.

מען האָט אים דאָ אַ נאָמען געגעבן „אָבערסטלייטענאַנט דאַוואַי", דער־פאַר וואָס אַז ער גיט אַרויס עפּעס אַ פאַראָרדענונג, אַ גאַס אָפּצורייניקן פון נעם בראָכוואַרג, אַן אויטאָמאָביל פאַרריכטן, אָדער אַן אונטערנעמונג אין גאַנג צו לאָזן, אַ קראָם צו עפענען, — קורץ, וואָס ניט איז טאָן — פאַר־ענדיקט ער זי מיט אָט דעם מאָדנעם רוסישן וואָרט, וואָס מען ווייס ניט וואָס דאָס באַטײַט, נאָר דאָס הערט זיך ווי אַ באַפעל און אײַנצײַטיק ווי אַ בענטשונג. פאַראַן איז אין דעם צונאָמען אַ שאָטן פון כוויזעק איבער אַ

מענטשן וואָס איז אײַנגעליבט אין עפּעס אַ ווערטעלע און אײַנציַיטיק דער־מיט גיט־ער צו דעם קאָמענדאַנטס ענערגיע, אַן ענערגיע וואָס דריקט זיך גוט אויס אין דעם וואָרט.

ער האָט אַזאַ לײַדנשאַפט, אָט דער יונגער מענטש, אַלעמען צווינגען אַרבעטן. ער פֿילט זיך האַלב־קינדיש באַליידיקט ווען ער טרעפֿט אָן אַ לייִ־דיקגייער אָדער ער זעט עמעצן טאָן זײַן פֿליכט ניט ווי געהעריק. זײַן שטים, וואָס געוויינלעך איז זי אַ גאַנץ הויכע, לאָזט זיך דעמאָלט אַראָפּ, ווערט אַפֿילע באַסאָווע, און מיט אָט דער שטים, וואַרפֿט ער ווערטער, אַ באַליידיק־טער, אַ בייזער, אַ צעוואָרפֿענער:

— נו, ווי קומט עס? קען מען דען אַזוי? אַך, ווי ניט גוט, פֿאַשעט פֿון די הענט אַרויסגעלאָזט. — דערנאָך ווערט זײַן שטים די זעלביקע ווי פֿריער און די רייד שנעלע, זיכערע, און ער וואַרפֿט אָט די רוסישע ווערטער, וואָס זײַנען שוין צווישן די דײַטשן געוואָרן ווי אַ ווערטל: — אַרבעטן דאַרף מען. דאַוואַי, דאַוואַי.

די קאָמענדאַטור אינגאַנצן האָט מען אויך ניט געלאָזט אָן אַ צונאָמען. מען רופֿט זי פֿאַשעט „דאָס הויז אַפֿן שטאָטפּלאַץ" („דאַס האַוז אַם פּלאַץ"). דעם צונאָמען — דאָס הויז אַפֿן שטאָט־פּלאַץ — רעדט מען אַרויס פֿאַר־שידן: טייל מיט שרעק, אַנדערע מיט אַכטונג, נאָך אַנדערע מיט סינע, אַנ־דערע ווידער מיט צוטרוי. טייל רופֿן אַזוי די קאָמענדאַטור קעדיי ניט אַרויס־צורײדן איר ריכטיקן נאָמען, ווי מען היט זיך בײַ קריסטן ניט אָנצורופֿן דעם טײַוול און מען זאָגט „דער נישט־גוטער" אאַ"וו. בײַ אַנדערע קלינגט ער פֿרײַנטלעך, אַפֿילע צערטלעך· אַזוי אָדער אַנדערש, איז דאָס הויז אַפֿן שטאָט־פּלאַץ מעכטיק אַרײַן אינעם לעבן פֿון דער שטאָט און פֿונעם לויטערבורגער ראַיאָן. וועגן דער טעטיקייט פֿון דעם הויז רעדט מען פֿאַרשידן, נאָר קיינער לייקנט ניט, אַז דאָס הויז אַפֿן שטאָטפּלאַץ באַמיט זיך אײַנצורעגולירן דאָס לעבן פֿון די בירגער, אַרויפֿצופֿירן אויף אַ וועג די אינדוסטריע און דעם האַנדל. עמעס, ניט שטענדיק גיט זיך עס אײַן. צוזאַמען דערמיט פֿירט עס אויס אָן שום אײַנזעעניש אַלץ וואָס איז באַשטימט געוואָרן אויף דער פּאָטס־דאַמער קאָנפֿערענץ: דאָס הויז דעמאָנטירט די מיליטערישע פֿאַבריקן, זוכט אויס די מיליטערישע פֿאַרברעכער, נעמט אַראָפּ פֿון די אַמטן, דערין אויך אין די פּריוואַטע אונטערנעמונגען, די מענטשן, וואָס זײַנען געווען אַקטיווע אָנגעשטעלטע פֿון דער נאַצישער פּאַרטיי.

וועגן דעם וואָס עס טוט זיך אינעווייניק אין דער קאָמענדאַטור, האַלט מען פֿאַר גלײַכער צו ריידן שטיל: „עמעצער איז געקומען צום הויז אַפֿן שטאָטפּלאַץ"; „אינעם הויז אַפֿן שטאָטפּלאַץ איז פֿאָרגעקומען אַ וויכטיקע באַראַטונג מיט דער אָנוועזנקייט פֿון אַ גענעראַל"; „דאָס הויז אַפֿן שטאָט־פּלאַץ האָט פֿאַרטראַכט עפּעס אויפֿצוטאָן, מען פֿירט דאָרט באַראַטונגען"; „דאָס הויז אַפֿן שטאָטפּלאַץ וועט עס אונדז ניט דערלויבן"; „דאָס הויז אַפֿן שטאָטפּלאַץ זאָל זיך נאָר ניט אַרײַנמישן"; „מען וועט מוזן בעטן דאָס הויז אַפֿן שטאָטפּלאַץ זאָל זיך אַרײַנמישן".

די לויטערבורגער, ווײַזט זיך אַרויס, זײַנען ניט קיין שפּעטנע פּסיכאָ־לאָגן און האָבן זייער גיך אויסגעשטודירט דעם כאַראַקטער פֿון אַלע אײַנ־וווינער אינעם הויז אַפֿן שטאָטפּלאַץ. פֿון קאַסאַטקינען האַלטן זיי ניט: ער איז אַפֿילע אַ גערעכטער מענטש, נאָר זייער אַ שטרענגער. דײַטשן, ווײַזט אויס, זײַנען נאָך בײַ אים ניט קיין מענטשן, נאָר אָביעקטן פֿאַר דער אַרבעט פֿון דער קאָמענדאַטור. דער קאַפּיטאַן טשעגאַדאַיעוו איז אַ היציקער, נאָר

ניט קיין שלעכטער. ער צעשרײַט זיך, מאַכט אַ טומל, נאָר ער באַרויִקט זיך טײַקעף, קלײַבט זיך פֿונאַנדער און וועט אַלץ באַשליסן ריכטיק: דער סאָוועטישער מאַכט צום נוצן און די דײַטשן ניט צום שאָדן. צו אַרבעטער איז ער שטענדיק ווייך, כאָטש ליב האָט ער זיי פֿירצוואַרפֿן, אַז בײַ היטלערן האָבן זיי זיך אויפֿגעפֿירט צו שטיל, האָבן ניט געפֿירט קיין שטרײַקן און האָבן ניט געמאַכט קיין אויפֿשטאַנדן.

דעם קאַפּיטאַן יאַוואָרסקי שעצן זיי פֿאַר זײַן גלענצנדיקער קענטשאַפֿט פֿון דער דײַטשער שפּראַך, פֿאַר זײַן אינטעליגענץ און גוטסקייט, וואָס ווער עס איז ניצט עס אויס פֿאַר זײַנע אינטערעסן. איין כיסאָרן האָט ער, ער איז ניט זעלבשטענדיק און קימאַט שטענדיק פֿאַרענדיקט ער זײַנע קלוגע און זאַכלעכע רייד, זײַנע באַמערקונגען און אייצעס, מיט די ווערטער: „בכלל וועל איך זיך באַקענען מיט דער מיינונג פֿונעם קאָמענדאַנט".

דעם קאַפּיטאַן וואָראָבייצעוו האָבן די לויטערבורגער ניט ליב. מען קען קיינמאָל ניט זיכער זײַן וואָס אים וועט געפֿעלן און וואָס אים וועט פֿאַרדריסן. אויך ער באַציִט זיך גוט צו פּאָשעטע מענטשן, מיט אונטערנעמער, פֿאַרקערט, — מיט גרויסע ווי מיט קליינע — רעדט ער שטרענג, מיט כווּזעק. נאָר גיך דערוויסן זיך די באַלעבאַטים פֿון טייל פֿאַבריקן און פֿאַבריקלעך, פֿון שנײַדערע־געשעפֿטן און שוך־געשעפֿטן, אַז דעם קאַפּיטאַן זײַנען נישט אַזוי פֿרעמד די מאַטעריעלע אינטערעסן, אַז ער האָט ליב אַ לעב צו טאָן. דעם סאָד האַלט יעדערער פֿון זיי פֿאַר זיך, נאָר זיי ניצן אים אויס ווי נאָר זיי קענען. פֿון דעסטוועגן, האָבן זיי פֿאַר אים מוירע עפּשער מער ווי פֿאַר אַנדערע קאָמענדאַטור־אָפֿיצירן, ווײַל ער איז אומגעצוימט און גיפֿטיק, ער קען זייערע סאָכרישע גענג אָפּ דורך און כאַפּט אויף יעדע זינד קעגן די געזעצן פֿונעם קאָנטראָל־ראַט און קעגן די פֿאַראָרדענונגען פֿון דער פֿאַרוואַלטונג.

מיט דעם קאַפּיטאַן טשאַכאָוו און מיט דעם עלטערן לייטענאַנט מענשאָוו האָבן די דײַטשן ווייניק באַדיר, מאַכמעס דער ערשטער פֿאַרנעמט זיך דער איקער מיט די סאָוועטישע מיליטער־לײַט, וואָס קומען אָן אָדער פֿאָרן אַרויס, מיט זייער אײַנקוואַרטירונג, באַזאָרגונג, אויפֿפֿירונג; דער צווייטער, מענשאָוו, ווערט מעסטנס ערגעץ פֿאַרלוירן, אין די קלענערע אָדער גרעסערע דערפֿער.

וואָס שייך דעם קאָמענדאַנט גופֿע, שטעלן זיך גיך אײַן צווישן אים און דער שטאָטישער באַפֿעלקערונג מאָדנע און קאָמפּליצירטע באַציִונגען. כאָטש ער פֿירט שטרענג דורך — ווי עס איז אויף אים אַרויפֿגעלייגט — די באַשטימטע מאָסמיטלען צום ליקווידירן די מיליטערישע פֿאַטענץ, כאָטש ער באַשטראָפֿט שטרענג פֿאַר איוועער זײַן די אײַנגעשטעלטע געזעצן, איז דאָך נישטאָ אין שטאָט קיין איין באַוווינער וואָס זאָל ניט האָבן פֿאַרן פֿאָדפּאָלקאָווניק אײַנגעהאַלטענע, נאָר פֿרײַנטלעכע געפֿילן. די זאַך איז, וואָס אַלץ וואָס ער טוט, איז עס ניט בלויז מאַכמעס דעם וואָס ער האַלט עס פֿאַר נייטיק, דאָס הייסט, ער ליגט אין דעם אַרײַן אַ מענטשלעך געפֿיל, די אייגענע איבערצײַגונג, ער ווײַזט אַרויס אַ זאָרג פֿאַר די שולן, פֿאַר די אונטערנעמונגען, פֿאַר די קינדער־גערטענער, פֿאַר דער קוואַליטעט פֿון דער פּראָדוקציע, פֿאַרן פּאַרזיי־מאַטעריאַל, פֿאַר בענזין, קוילן אאַ"וו. ניט מאַכמעס ער איז מעכוייעוו דאָס צו טאָן, נאָר אויס מענטשלעכקייט, מיט דער פֿולער און הייסער איבערצײַגונג, אַז מענטשן נייטיקן זיך דערין, און אַז אָן דעם וועט זײַן ערגער. מענטשן דערשפּירן באַלד אַזאַ באַציִונג צו זיי און האָבן קיין טאָעס

ניט. אויב אין לאַסאַטקינען פּילט זיך, אַז זײַן זאָרג פֿאַרן ווויל־
זײַן פֿון דער באַפֿעלקערונג, איז אַ דינסט־זאָרג, אַ באַווײַז פֿון אָרנט־
לעכקייט, נאָר ניט פֿון געפֿיל; אויב יאַוואָרסקי באַציט זיך צו זײַן אַרבעט
ביז אַ געוויסן גראַד אַבסטראַקט, ווי צו דער לייזונג פֿון אַן אינטערעסאַנטער
מאַטעמאַטישער אָדער שאַך־אויפֿגאַבע; אויב אין דער באַציִונג פֿון טשעגאַ־
דאַיעוון, מענשאָוון און טיילווײַז פֿון וואָראָבייצעוון, איז פֿאַראַן אַ שיין יו־
גנטלעכע גײַווע, אַ שטאָלץ מיט זייער ווירקונג אויפֿן לעבן פֿון אַ סאַך מענטשן,
איז עס בײַ לובענצאָוון אינגאַנצן ניט פֿאַראַן. דינסט־פֿליכט און מענטשלעך
געפֿיל זײַנען בײַ אים צוזאַמענגעוואַקסן און לעבן אין אים אומצעטיילטערהייט.

ער זוכט קיינמאָל נישט צו פֿאַרהוילן פֿון די דײַטשן דעם ביטערן עמעס.
וואָס שאַרף דעם, איז ער אַפֿילו אונטערגעשטראָכן פּעדאַנטיש און בײַ יע־
דער מעגלעכקייט דערמאָנט ער זיי זייער היסטאָרישע שולד פֿאַרן סאָוועט־
טישן פֿאָלק און וועגן דעם, אַז זיי דאַרפֿן אויסקויפֿן און וועלן אויסקויפֿן
זייער שולד. דער קעסיידערדיקער פֿאַרקער מיט די געוועזענע סאָנים, סײַ אין־
גאַנצן און אינעם גענווײַנלעכן לעבן מאַכט אים געניטיגט צו פֿאַרגעסן זיי־
ערע אַלטע זינד. מענטשן זײַנען אומעטום מענטשן: אין לויטערבורג לאַכט
מען פֿון די זעלביקע וויצן ווי אין טאַמבאָוו, מען וויינט פֿון די זעלביקע באַ־
ליידיקונגען ווי אין כאַבאַראָווסק. מען רויטלט זיך פֿונעם זעלביקן ניבל־פּע
און מען ווערט בלייך פֿון די זעלביקע ביזיוינעס. און אָט די קליינע נאָר
גרויסע צאָל ענלעכקייטן אינעם מענטשלעכן לעבן פֿירן, און מוז פֿירן צו
דערנענטערונג צווישן די רוסישע און דײַטשע מענטשן. לובענצאָוו פֿאַר־
שטייט דאָס, און ניט דאָס איז אים אינערלעך דערווידער, — ניין, אים איז
דערווידער ווען מען פֿאַרגעסט דאָס אַלץ וואָס איז געשען און וואָס מען מוז
עס געדענקען אומבאַדינגט, וואָרעם נאָר דאָס באַרעכטיקט דאָס וואָס ער און
זײַנע כאַווײרים געפֿינען זיך דאָ. באַרעכטיקט די באַשרענקונג פֿון די דײַטשע
רעכטן, וואָס אָן דעם וואָלטן זיי נישט געטאָרט אַרײַנטרעטן אין דער מיש־
פּאָכע פֿון די פֿרײַע פֿעלקער.

דערפֿאַר הערט ער ניט אויף ריידן ווי נאָר ער קען, אַפֿילו ווען ער רי־
זיקירט אויסצוזען דערמיט עטוואָס לעכערלעך אין יענעמס אויגן, וועגן דער
שולד פֿון די דײַטשן, וואָס האָבן זיך אונטערגעגעבן דעם היפּנאָז פֿון היט־
לערס וווּלגאַר־פּאַטעטישע פֿראַזן און האָבן אויסגעקליבן דעם גרינגן און
שרעקלעכן גורל — צו באַגיין ווילדע רישעס צוליב זייער אייגענער פּעל.

לובענצאָוו נעמט אויף בײַ זיך אינעם קאַבינעט — אַ גרויסער ליכטי־
קער צימער. דאָ עס פֿלעגט אַמאָל אָפּהאַלטן זײַנע זיצונגען דער אויפֿזיכטס־
ראַט פֿון דער געוועזענער אַקציען־געזעלשאַפֿט „לויטערבורגער אַג". דאָ
שטייט אַ טיש, באַדעקט מיט אַ גרינעם האַריקן געוואַנט, אַ פֿײַער־קאַסע, אַ
צווייטער טיש — פֿאַר זיצונגען, אַ צוגעשטעלטער צום שרײַב־טיש, אַזוי אַז
עס זאָל זיך באַקומען די פֿאָרם פֿון אַ "T", וואָס געפֿעלט אַזוי די ביוראָ־
קראַטן. דער צווייטער טיש איז פֿאַרשפּרייט מיט אַ גרינעם טישטעך, אינעם
טאָן פֿונעם שרײַב־טיש. ווען וואָראָנין האָט אויסגעפֿונען דעם טישטעך, איז
ער זייער שטאָלץ געווען מיט זײַן עלעגאַנטן געשמאַק. די בילדער פֿון לענין
און סטאַלין הענגען אויף דער וואַנט לינקס. רעכטס זײַנען פֿאַראַן פֿענצטער.
שפּעטער ברענגט וואָראָנין פֿונעם פּאָליט־אָפּטייל אינעם „סוואַ" די בילדער
פֿון מאַרקס און ענגעלס. ער האַלט אַז באַם סאָוועטישן קאָמענדאַנט אין
קאַבינעט איז אין פּלאַץ אויפֿצוהענגען די בילדער פֿון די צוויי גרויסע

דײַטשן, וואָס שאַפן אַ מין פאַרבינדונגס־רינג אינעם אידייען־לעבן פון ביידע לענדער.

אונטער די בילדער הענגט אַ לאַנד־קאַרטע פונעם גאַנצן ראַיאָן און אַן אַרטיקער מאָלער האָט, אויף לובענצאָווס ביטע, אויסגעמאָלט אויף איר קאָנווענציאָנעלע בילדעלעך, וואָס באַצייכענען די געגנטלעכע רײַכקייטן: בערגעלעך קוילן־בריקעטן, פיש, אַ פערד, אַ כאַזער, אַ קאָרן־זאַנג, אַ מייערל, פאַבריקעלעך מיט הויכע קוימענס אאַ״וו.

אין אַ באַגלאָזטן ביכער־שאַנק שטייען די דײַטשע ביכער, וואָס לובענצאָוו האָט צוזאַמענגענומען, ביכער איבער דער ווירטשאַפט און געשיכטע פון דער געגנט. בראָשורן פון געגנט־קענטעניש, סאָלידע אויסגאַבעס, וועגווײַזערס, גראַמאַטיקעס און ווערטער־ביכער.

אין דעם שאַנק האָט לובענצאָוו אויך אײַנגעפירט אַ קאַרטאָטעקע, וווּ ער שרײַבט אַרײַן אַלץ וואָס ער דערוויסט זיך וועגן די יישובֿים אין דער געגנט, ניט אויסגעלאָזט די מינדסטע דערפלעך. די קאַרטאָטעקע פירט לובענצאָוו אַליין. שטײַער־אַרײַנקום, טוווע־פאַרגרייטונגען, געהילץ־פאַרגרייטונג, צוווּקס פון די קעפּ האָרנפיך און שאָף, פישפאַנג, כאַראַקטעריסטיק פון די בירגערמײַסטערס, לערערס, אַדוואָקאַטן, פאַרטיי־טוער, פּלאַן־אויספירונג פון אַלע אונטערנעמונגען — דאָס אַלץ ווערט אַרײַנגעשריבן אין באַזונדערע קאַרטלעך.

די ידיעות וועגן דער קאַרטאָטעקע דערגייען צו דער שטאָט. וועגן איר פאַרשפּרייטן זיך פאַרשידענע געהיימע קלאַנגען, דאָרט זאָלן קלוימערשט זײַן אַרײַנגעשריבן די ביאָגראַפיעס פון אַלע אײַנוווינער ביזן דריטן דאָר.

אין דער לעצטער צײַט קען ניט פאַרבײַגיין אומבאַמערקט פאַר די שטאָטישע אײַנוווינער, אַז דאָס הויז אויפן שטאָטפּלאַץ פיבערט, אַז דאָרט קומען פאָר אומויפהערלעכע באַראַטונגען, וואָס פאַרציִען זיך אַמאָל ביז שפּעט אין דער נאַכט און אַפילע ביז אין דער פרי. עס קומען אַהין די דאָרפישע בירגערמײַסטערס און פויערים. צוויי מאָל האָט מען דאָרט אויפגענומען איבערוואַנדערער פון שלעזיע, פון דער סודעטישער געגנט און מיזרעך־פרײַסן. באַם צופאָר שטעלן זיך אויף פאַרשטויבטע אויטאָמאָבילן.

מען גרייט די אַגראַר־רעפאָרם. די ערשטע נאָך ניט קלאָרע ידיעות וועגן דער רעפאָרם, זײַנען די דאָרפישע מיטינגען. פעלד־אַרבעטער און אָרעמע פויערים ווענדן זיך צו דער סאָוועטישער פאַרוואַלטונג מיט אַ ביטע וועגן אויסטיילן זיי גוטבאַזיצערישע ערד. באַזונדער שטורמיש זײַנען די מיטינגען פון די איבערוואַנדערער. די מענטשן, וואָס האָבן ניט קיין דאַך איבערן קאָפּ און לעבן אין גרויסע לאַגערן, בעטן מען זאָל זיי אײַנאָרדענען, מען זאָל זיי צושנײַדן ערד, וואָס זיי זאָלן קענען באַאַרבעטן.

די רעזאָלוציעס פון די מיטינגען דרוקן זיך אין דער קאָמוניסטישער „פאָלקסצײַטונג" און אינעם סאָציאַל־דעמאָקראַטישן „פאָלקסבלאַט". אין אַ שטיקל צײַט אַרום קומען פאָר באַראַטונגען פונעם דעמאָקראַטישן פאַרטייען־בלאָק, וווּ די פאָרשטייער פון דער קאָמפּאַרטיי דרוקן אויף צום ערשטן מאָל דעם רעפאָרם־פּראָיעקט. דאָרט זאָגט זיך, אַז עס דאַרפן צעטיילט ווערן אַלע גיטער מיט אַן ערד־שעטעך פון העכער הונדערט העקטאַר. וואָס שײַעך די גיטער פון די מילכאָמע־פאַרברעכער, דאַרפן זיי אין גאַנצן קאָנפיסקירט ווערן — אויך די וואָס האָבן ווייניקער פון הונדערט העקטאַר. אַקער־ערד, וואַלד־גיטער און פאַשע־פעלד ווערט פאָרגעשלאָגן אויסצוטיילן פאַר פויערים, דער איקער פאַר פעלד־אַרבעטער, איבערוואַנדערער און אָרעמשאַפט.

II

מאַכמעס דעם וואָס לויטערבורג איז, אַף דער פֿאַראָרדענונג פֿון „סוואַ" (סאָוועטישע מיליטערישע פֿאַרוואַלטונג), געוואָרן דער צענטער פֿונעם „קרײַס" (ראַיאָן) מוז מען דאָ שאַפֿן אַ געגנטלעכע זעלבסטפֿאַרוואַלטונג. דער גענעראַל קופּריאַנאָוו ראָט לובענצאָוון ער זאָל באַשטימען פֿאַר לאַנדראַט (שעף פֿון דער זעלבסטפֿאַרוואַלטונג) אַ אומפּאַרטייִשן מענטשן, מיט אָנזען בא אַלע טיילן באַפֿעלקערונג. לערכע, דער נײַער בירגערמײַסטער פֿאַרלענדער און דער פּאָליציי שעף יאָסט לייגן פֿאָר אַף דעם אַמט אַ געוויסן פּראָפֿעסאָר מעבאַסטיאַן. די קאַנדידאַטור פֿונעם פּראָפֿעסאָר שטיצן אויך גרעלמאַן און מאַוריציוס. לובענצאָוו שיקט זיי איבעררײדן מיט דעם פּראָפֿעסאָר, נאָר פֿו־נעם שמועס מיט אים איז גאָרנישט אַרויסגעקומען: דער פּראָפֿעסאָר זאָגט זיך אָפּ פֿון דעם קאָוועד צו זײַן לאַנדראַט.

— וואָס הייסט ער זאָגט זיך אָפּ? — איז לובענצאָוו אויפֿגעבראַכט. — מיסטאָמע האָט איר מיט אים ניט גערעדט ווי עס דאַרף צו זײַן. וואָס איז ער פֿאַר אַ פֿויגל, דער פּראָפֿעסאָר? אַן אָרנטלעכער מענטש? ווי־זשע קען אַן אָרנטלעכער מענטש זיך אָפּזאָגן פֿון דער אַרבעט אין אַזאַ ערנסטן מאָמענט? ווּ וווינט ער? איך וועל אַליין צופֿאָרן צו אים.

— איר וווינט דאָך בא אים אין שטוב, — זאָגט יאָסט און שטעלט אַן גרויסע אויגן.

לובנעצאָוו איז נאָכמער פֿאַרוווּנדערט פֿון יאָסטן.

— איז ער, הייסט עס, מײַן הויזווירט! — וווּנדערט ער זיך. — אַן אײַנ־געשלאָסענער הער. איך האָב אים נאָך קיין איין מאָל ניט געזען. קיינער איז דערין ניט שולדיק, איך אַליין בין שולדיק.

דעם זעלביקן אָוונט רופֿט ער צו זיך אַהיים קסעניען. ביז די איבערזע־צערן וועט קומען, גייט ער אַרויס אין גאָרטן און ערשט איצט, צום ערשטן מאָל, באַטראַכט ער אים. עס הערשט דאָ אַ מוסטערהאַפֿטיקע אָרדענונג. הינ־טער די שויבן פֿון אַ קליינער אָראַנזשערייע שטייען טעפּ מיט ערשטלינג־פֿלאַנצן און עס וואַקסן טשיקאַווע בלומען. הינטער דער שטוב איז פֿאַראַן אַ פֿאָנטאַן און אין דער מיט, אַ ווײַס־שטיינערן ייִנגעלע מיט אַ פֿאַרבלאָזע־נעם פּאָנעם, וואָס האַלט אַ פֿײַלנבויגן אין די הענט.

פֿון דער שטוב טראָגן זיך ראָיאַל־קלאַנגען. „דער אײַנגעשלאָסענער פּראָפֿעסאָר האָט ליב מוזיק", — שמייכלט לובענצאָוו און הייבט אויף די אויגן צום פֿענצטער פֿון צווייטן שטאָק. מיט אַמאָל הערט אויף די מוזיק און אַפֿן באַלקאָן באַווײַזט זיך אַ מיידל אין אַ ווײַס קלייד.

עס איז שוין פֿינצטער און לובענצאָוו קען ניט זען די פּאָנעם־שטריכן פֿון דער פֿרוי. זי דערהערט דעם שאָרך פֿון אונטן און פֿרעגט מיט אַ מעלאָ־דישער שטים: „ווער דאָ?" ווען זי באַקומט ניט קיין ענטפֿער, בייגט זי זיך אַריבער איבערן באַלקאָן און קוקט זיך אײַן. מיט אַ פֿאַרוווּנדערטן אויסרוף פֿאַרשווינדט זי צוריק אין שטוב.

אַ סקריפּע פֿון דער פֿערטקע דערהערט זיך. קסעניע איז געקומען. זיי גייען אַרויף איבער פֿינצטערע טרעפּ. לובענצאָוו באַטראַכט זיך, אַז ער וואָלט פֿריער געדאַרפֿט ריידן אין טעלעפֿאָן, און ניט גלײַך אַזוי — גענומען און געקומען, ניט געבעטענערהייט. נאָר עס איז שוין שפּעט. פֿון אויבן עפֿנט זיך די טיר. עס ווערט ליכטיק. אַן אַלטיטשקע אין אַ ווײַסן פֿאַרטעך מיט אַ ווײַ־סער קאָפּיע אַפֿן קאָפּ — לובענצאָוו דערמאָנט זיך, אַז ער האָט זי שוין ווי

געזען, זי ראַמט, דאַכט זיך, אויף אין די פרימאָרגנס באַ אים אינעם שטיבל — קוקט זיך אײַן אין לובענצאָוון און האַלב־פאַרווונדערט, האַלב־דערשראָקן, רעדט זי אַרויס:

— הער קאָמענדאַנט...

קסעניאַ בעט זי צו וויסן געבן דעם פּראָפעסאָר, אַז דער קאָמענדאַנט וויל אים זען צוליב אַ וויכטיקן איניען. זיי גייען איר נאָך אין צימער. לובענצאָוו בעט קסעניען זאָגן, אַז ער אַנטשולדיקט זיך פאַר דעם אומגעבעטענעם אַרײַנרײַסן זיך, נאָר אַזוי ווי עס האַנדלט זיך וועגן אַ וויכטיקן איניען און עס איז שוין לאַנג צײַט געווען זיך צו באַקענען מיט זײַן הויזווירט און אים דאַנקען פאַר גאַסטפרײַנטשאַפט, האָט ער זיך דערלויבט אַרײַנקומען אַזוי אים דאַנקען פאַר גאַסטפרײַנטשאַפט... די אַלטיטשקע גייט אַוועק און אין אַ מינוט אַרום קומט פּאַמעלעכן אַרײַן אין צימער אַ הויכער מענטש מיט אַ יונגן פּאָנעם, אין אַ טונקעלן אָנצוג, און דער קאָפּ אינגאַנצן אַ ווײַסער. אין דער האַנט האַלט ער ברילן, וואָס ער שטעלט זיי צו צו די אויגן, ווי אַ לאָרנעט ווען ער קומט אַרײַן, נאָר טייקעף לאָזט ער זיי אַראָפּ.

נאָך די געוויינלעכע העפלעכקייטן, זעצן זיי זיך אַוועק באַ אַ קײַלעכדיקן טיש. לובענצאָוו לייגט פאַר דעם פּראָפעסאָר אַ סיגאַרעט און ער נעמט אים גערן אָן. ביידע פאַררויכערן, און לובענצאָוו טרעט צו גלײַך צום איניען.

סעבאַסטיאַן הערט אים אויס מיט שווײַגן און רײַסט אים ניט איבער, דערנאָך זאָגט ער, אַז ער מוז זיך אָפּזאָגן פון דעם בעקאָוועדיקן פאָרשלאָג, ווײַל ער פילט זיך ניט באַם פולן געזונט און, אַכוצדעם, גלייבט ער ניט ער זאָל פעיִק זײַן אויסצופילן בעקאָוועדיק אַזעלכע אַכראַיעסדיקע פליכטן. ער איז ניט קיין פאַרוואַלטער, נאָר אַ וויסנשאַפטס־מענטש, לויט דער פּראָפעסיע אַ כעמיקער, און אויב אַ מענטש דאַרף האָבן אַ ציל אין לעבן, איז זײַן ציל, דעם פּראָפעסאָר סעבאַסטיאַנס, פאַרענדיקן זײַנס אַ גרויס ווערק איבער קאָלאָידישער כעמיע, אַ ווערק, וואָס ער האָט עס שוין לאַנג אָנגעהויבן.

דערויף ענטפערט אים לובענצאָוו, אַז ער פאַרשטייט די מענטשלעכע שטרעבונג צו רויִקער וויסנשאַפטלעכער אַרבעט, צו דאָס וואָס „באַ אונדז, מענטשן פון טאַט, רופט מען עס גרינגשעצעדיק זיצנדיק לעבן", נאָר ער קען ניט מאַסקים זײַן, אַז צוליב דער וויסנשאַפט, וואָס ווערט געשאַפן לעטוויוועס דער מענטשהייט, זאָל די מענטשהייט ווערן פאַרגעסן. איצט ביפראַט, ווען די דײַטשן לעבן איבער אַזאַ ערנסטע און שווערע צײַט, איז עס דער כויוו פון יעדן איינעם, דערין אויך פונעם וויסנשאַפטס־מענטשן, צו העלפן דעם פאָלק זיך שטעלן אַף די פיס.

— אײַך זעט עפשער אויס מאָדנע און קאָמיש — זאָגט ווײַטער לובענצאָוו — וואָס איך, אַן אָפיציר פונעם אָקופּאַציע־מיליטער, רעד אײַך אײַן, אַ דײַטשן פּראָפעסאָר, זיך צו זאָרגן פאַרן דײַטשן פאָלק. מיט דרײַ כאָדאָשים צוריק וואָלט עס מיר אויסגעזען עפשער נאָך מאָדנער.

סעבאַסטיאַן צעלאַכט זיך.

— יאָ, — זאָגט ער, — איר האָט עס זייער שאַרפזיניק אָנגעמערקט.

לובענצאָוו רעדט ווײַטער:

— איך, ווי אַ פאָרשטייער פון דער אָקופּאַציע־מאַכט, בין פאַראינטערעסירט, אַז דאָ אין דײַטשלאַנד, זאָל אײַנגעשטעלט ווערן אַ פעסטע דעמאָקראַטישע אָרדענונג. און מיר ווען דאָס ניט באַווײַזן אָן דער זעלבסטטעטיקייט פון די דײַטשע בירגער גופע, באַזונדער פון זייער פאָרגעשריטענער

טייל — פון די געלערנטע, פון דער אינטעליגענץ, וואָס מוז באַזונדער שאַרף פילן די געשעפענע לאַגע.

— פאַרוואָס־זשע אָבער ווענדט איר זיך גראָד צו מיר? — פרעגט סעבאַסטיאַן.

— דערפאַר וואָס מען האָט מיר אָנגעוויזן אַף אײַך ווי אַף דעם אָנגעזעענסטן פאָרשטייער פון דער דײַטשער אינטעליגענץ דאָ אין שטאָט.

— אײַך דאַכט זיך, הייסט עס, אַז אויב איך אָדער אַן אַנדערער אַזאַ ווי איך, וועט שטיין בעראָש פון דער פאַרוואַלטונג, וועט אײַך גרינגער זײַן צו דערגרייכן אײַערע צילן? — סעבאַסטיאַן פאַרהאַקט זיך ווען ער רעדט אַרוים די ווערטער אין אַן עטוואָס פּראָוואָצירנדיקן טאָן און פייקלט מיט די פינגער אָפּן טיש. קענטיק, אים טוט באַנג זײַן אומפאָרזיכטיקייט, דאָר וואָס ער האָט זיך אַזוי אָפּן אַרויסגעזאָגט. ער האָט גאָר פריִער ניט גערעכנט דאָס צו זאָגן — פאַרקערט, ער האָט געוואָלט זײַן וואָס אײַנגעהאַלטענער און ניט דערלאָזן דער קאָמענדאַנט זאָל אַף אים עפעס אַזוינס מערקן.

— יאָ, יאָ, יאָ! — רופט אוים לובענצאָוו. — פּולקאָם ריכטיק! מיר וועלן אײַך באַשטימען, קעדיי אויסצונוצן אײַער אויטאָריטעט און דערגרייכן אונדזערע צילן. צי גייען זיי זיך צונויף מיט אײַערע צילן. מיט וואָס גייען זיי זיך פונאַנדער. אָט דאָס איז די פראַגע!

ער שטעלט זיך אויף און מיט אַ ניצאָכנדיקן בליק אָפּן פּראָפעסאָר, גייט ער ווײַטער אָן מיט זײַן מאָנאָלאָג.

— איר האַסט די נאַצים — מיר האַסן זיי אויך. — איר זײַט קעגן מילכאָמע — מיר זײַנען אויך קעגן מילכאָמע. איר זײַט פאַר אַ שטאַרקער, פרײַער, נאָר שאָלעם־ליבנדיקער דײַטשלאַנד — מיר אויך. איר קענט בעסער פון אונדז די אָרטיקע באַדינגונגען, טראַדיציעס, קעגנזײַטיקע באַציִונגען, — דערפאַר דאַרפט איר אונדז העלפן, אונדז פאַרריכטן, אויב מיר וועלן טאָן עפעס אומבאַטראַכט אָדער נאַריש. נעמט אָן אונדזער פאָרשלאַג, וועט איר האָבן אַ מאַסע מעגלעכקייטן צו העלפן אונדז טאָן אונדזער זאַך אַ סאַך בעסער און ריכטיקער. מיר וועלן זיך מיט אײַך קריגן, דערווײַזן אונדזער גערעכטיקייט — איר וועט דערווײַזן אײַערע. דער ציל איז איינער. — העלפט אונדז אויסקלײַבן בעסערע מיטלען. — ער זעצט זיך אַוועק ווי ער וואָלט וואַרטן אַף ענטפער. אַזוי ווי דער פּראָפעסאָר שווײַגט, נעמט לובענצאָוו ווידער ריידן, נאָר שוין רויִק: — איך האָב די טעג איבערגעלייענט אַ בוך, וואָס האָט אַף מיר געמאַכט אַ שטאַרקן אײַנדרוק. אַ דײַטשיש בוך, זייער אַ באַרימטס. ס'איז מיר אַ ביזאָיען צו זאָגן, אַז איך האָב עס דאָ געלייענט צום ערשטן מאָל אין מײַן לעבן, כאָטש געהערט האָב איך וועגן דעם נאָך פריִער, נאָך אין שול. דאָס איז געטעס „פאוסט". די צווייטע טייל האָב איך זיך ניט אונטערגענומען לייענען — דאָס האָט מיר אויסגעזען אַ צו שווערער אײַניען, און איך בין זייער פאַרנומען און האָב קיין צײַט ניט צו זיצן און לייענען וויפל מיר וואָלט זיך וועלן. איר, פאַרשטייט זיך, האָט דאָס בוך געלייענט. דערציילט זיך דאָרט, ווי אַזוי איינער אַ גרויסער געלערנטער — אַ געלערנטער, פאַרשטייט זיך, לויט יענער צײַט — נאָכדעם ווי ער האָט אויסגעלערנט אַלע וויסנשאַפטן, קומט ער מיט אַמאָל צום אויספיר — אײַגנטלעך, ניט מיט אַ מאָל, נאָר נאָך לאַנגע קלערענישן — אַז דאָס איז פאַר אים ווייניק, אַז ער מוז זיך אַרײַנוואַרפן ביז איבערן קאָפּ אינעם לעבעדיקן מענטשלעכן לעבן, אָנטיילנעמען דערין, ווי ווײַט עס טראָגן אים די קויכעס. דער איקער געדאַנק געפינט זיך אין דער צווייטער טייל וואָס איך האָב נישט

באַוויזן אין איר זיך אײַנצובײַסן. — דער פּראָפעסאָר צעשמייכלט זיך. — דער דאָזיקער געלערנטער באַגרײַפט סאָף־קאָל־סאָף, נאָך לאַנגע זוכענישן, אַז דער זין פונעם לעבן באַשטייט פון נוצן ברענגען זײַן פאָלק און, נאַטירלעך, דער גאַנצער מענטשהייט. מיינט איר ניט, אַז אַט דער ריכטיקער געדאַנק באַצייַט זיך אויך צו אײַך? איך בין ניט אָרעוו, אַז איך האָב פאַרשטאַנען אַלץ וואָס אין דעם בוך שרײַבט זיך, נאָר אַז איך האָב פאַרשטאַנען זײַן גרונט־געדאַנק, דערין בין איך זיכער.

— איר האָט ריכטיק פאַרשטאַנען. — רופט זיך שטיל אָן דערויף סעבאַסטיאַן.

דאָ הייבט לובענצאָוו אויף די אויגן און דערזעט דאָס מיידל אײ״עם ווײַסן קלייד שטיין בײַ דער טיר — קענטיק, די זעלביקע וואָס איז אַרויסגעקומען אַפן באַלקאָן. לובענצאָוו שטעלט זיך אויף. אויך סעבאַסטיאַן שטעלט זיך אויף און זאָגט:

— באַקענט זיך. דאָס איז מײַן טאָכטער עריקאַ.

לובענצאָוו רופט אָן זײַן פאַמיליען־נאָמען.

זי גיט זײַטיק אַ קוק אַף אים, דערנאָך זעעט זי זיך אוועק לעבן פאָטעס אַפן אָנלען פונעם פאָטעל. איר בליק איז אָנגעשפּיצט, אַפילע עטוואָס פײַנטלעך.

— טראַכט עס אַרום. — זאָגט לובענצאָוו.

— גוט, — ענטפערט סעבאַסטיאַן, — איך וועל אַלץ אַרומטראַכטן. איך קען אײַך שוין איצטער זאָגן, אַז איר זײַט אין אַ סאַך זאַכן גערעכט און אַז איך וועל מעגלעך אָננעמען אײַער פאָרשלאַג.

לובענצאָוו ווערט אַזש רויט פון פאַרגעניגן.

— מיט אײַער דערלויבעניש, וועל איך מאָרגן ווידער אַרײַנקומען צו אײַך. — זאָגט ער.

— ביטע. עס וועט מיך פרייען. ס'איז מיר אָנגענעם געווען מיט אײַך צו שמועסן.

פּלוצעם מישט זיך אַרײַן אינעם שמועס דעם פּראָפעסאָרס טאָכטער. זי קוקט אים גלײַך אין די אויגן מיט אירע גרויסע בייזע אויגן, און זאָגט:

—נעכטן זײַנען אַהער אַרײַן צוויי רוסישע זעלנער. זיי זײַנען געווען שיקער. מיר האָבן זיי קוים אַרויסגעפּאַטערט פון דאַנען, און דאָס ערשט דעמאָלט ווען מיר האָבן זיי געזאָגט, אַז דאָ וווינט דער סאָוועטישער קאָמענדאַנט.

— איך האָף, אַז זיי האָבן אײַך קיין שאָדן נישט אָנגעטאָן? — איז לובענצאָוו צעמישט.

סעבאַסטיאַן ענטפערט שטיל:

— ניט קיין איבעריקן שאָדן.

— זיי האָבן אונדזער אויטאָמאָביל אוועקגעפירט, — זאָגט עריקאַ.

— אײַ, ווי ניט גוט! — שרײַט אויס לובענצאָוו און וויגט דעם קאָפּ מיט פאַרצווייפלונג. — מירן אים געפינען. מירן אים אומבאַדינגט געפינען. זאָגט מיר וואָס איז עס פאַר אַן אויטאָמאָביל, פון וועלכער מאַרקע און אַזוי ווײַטער. קסעניאַ אַנדרייעווונאַ, זײַט אַזוי גוט, פאַרשרײַבט.

— אַכוצדעם — זאָגט ווײַטער עריקאַ סעבאַסטיאַן, מיט אַ ניט־געביטענער שטים — האָבן זיי געפּרוווט מיר אַרויסווײַזן צו פיל אויפמערקזאַם אַלס דאַמע.

לובענצאָוו ווערט רויט ביז די האָר־וואָרצלען. דער פּראָפּעסאָר גלעט די טאָכטער אָף דער פּלייצע און באַרויִקט זי:

— איך וועל אײַך זאָגן דעם עמעס, העט פּאָדפּאָלקאָווניק. איר האָט סימפּאַטישע זעלנער, אַ ווילער און רויִקער אוילעם. אָף מײַנע שפּאַצירן קוק איך זיך צו צו זיי. נאָר אײַערער אַ שיקערער זעלנער, דאָס איז אַ שרעק. אַנטשולדיקט, עפּשער דריק איך זיך אויס צו אָפן...

לובענצאָוו טוט אַ געצווונגענעם שמייכל. יאָ, אים איז ניט שטאַרק צום האַרצן דעם פּראָפּעסאָרס אָפנהאַרציקייט. נאָר ער צווינגט זיך צו זאָגן:

— וואָס קען איך זאָגן, איר זײַט גערעכט. — ער טראַכט אַ ווײַלע און גיט צו: אַ שיקערער מענטש איז ביכלאַל דערווידער. נאָר אַ שיקערער רוסישער זעלנער איז קימאַט אַזוי שלעכט ווי אַ דײַטשער ניכטערער זעלנער.

— ריכטיק! — רופט אויס סעבאַסטיאַן, צופרידן דערמיט וואָס ער קען מאַסקים זײַן מיט דעם קאָמענדאַנט אָן שום צווײַעס פון זײַן זײַט. — איר זײַט פולשטענדיק גערעכט. נישטאָ נאָך אַזאַ דערווידערדיקע זאַך ווי אַ ניכטערער דײַטשער זעלנער, וואָס פילט אויס, ווי זאָגט מען באַ אײַך, זײַן כויוו. ער איז מעטאָדיש גרויזאַם, אַן אויסגערעכנטער בלוט־הונט, עס זעט אויס ווי ער וואָלט אָפּגעגעבן זײַן געווויסן אָף „בעוואַהרונג" אין דער רעגימענט־קאַסע, קעדיי דערנאָך אים צוריקצובאַקומען. יאָ, הער פּאָדפּאָלקאָווניק, ניט אומזיסט האָט זיך אונדזער זעלנער דערמיט באַרימט געמאַכט. אונדזערע מאַכטן, די קליינע ווי די גרויסע, האָבן אַ סאַך געטאָן דערצו אים אַרײַנצובלאָזן אַ נעשאָמע פון אַ מערסענאַריער. נישטאָ קיין איין אומגערעכטע זאַך, וואָס דער דײַטשער זעלנער זאָל זיך ניט האָבן געשלאָגן פאַר איר. ער האָט פּאַרטיידיקט דאָס רעכט פון דער ענגלישער קרוין אין אַמעריקע; ער האָט זיך געשלאָגן אָף דער זײַט פון די שוועדישע פּראָטעסטאַנטן קעגן דעם אימפּעראַטאָר, ער האָט פּאַרטיידיקט דעם אימפּעראַטאָר קעגן די פּראָטעסטאַנטן, די הוגענאָטן קעגן דעם פראַנצויזישן קעניג און דעם פראַנצויזישן קעניג קעגן די הוגענאָטן...

— אין דער לעצטער מילכאָמע — זאָגט לובענצאָוו — האָט ער זיך געשלאָגן פאַר די אינטערעסן פון די דײַטשע קאַפּיטאַליסטן און גוטבאַזיצערס קעגן אַלע פעלקער און קעגן דעם דײַטשן פאָלק.

— מעגלעך, כאָטש די פראַגע איז נאָך פאַר מיר ניט קלאָר.

זיי געזעגענען זיך צופרידענע איינער פונעם צווייטן.

III

— „מערסעדעס־בענץ, אַ זעקס־צילינדערדיקער, בלוי געפאַרבט, מיט איין טירל, מיט אַן אָפּגעלייגטן דעכל, מאָטאָר נומער דער און דער, אָפּן פאָדערשטן באַשלאָג אַ שפּאַלט, דער זיץ פון שוואַרצן לעדער".

לובענצאָוו גיט אָן די דאַטן וואָראַבייצעוון, ער זאָל טייקעף אָננעמען די גייטיקע זוך־מיטלען און הייסט זיך צוברענגען זײַן אויטאָמאָביל. נאָר וואָראַבייצעוו דרייט מיטן קאָפּ.

— טישטשענקאָ איז אָפּגעפאָרן אין אורלויב, כאָווער פּאָדפּאָלקאָווניק.

מען מוז צוזוכן אַ שאָפער צווישן די דײַטשן. וואָראָנין נעמט דעם איגיען אָף זיך. ער גייט אַרויס אין גאַס און טרעפט טייקעף אַ קראַנצן ניט

וויַיט פון דער קאָמענדאַטור באַם לאָמטערן, ווי געווייַנלעך, ער רוקט אים אַריַין אַ שאַכטל קאָנסערוון אין קעשענע און זאָגט:
— מען מוז שנעל האָבן אַ שאָפער.
קראַנץ גיט אַ טראַכט און זאָגט:
— קומט מיט מיר.
זיי גייען ביידע אַוועק.
— ביסט אַ כאַסענע געהאַטער? — פרעגט אים וואָראָנין.
— איך בין... כ׳האָב פאַרגעסן ווי מען רופט עס. דאָס וויַיב איז געשטאָרבן.
— אַן אַלמען?
— אָט, דאָס מיין איך! אַן אַלמען! — ער שוויַיגט אַ וויַילע און זאָגט: מיַין וויַיב איז געווען אַ רוסישע פרוי.
— טאַקע? — וווּנדערט זיך וואָראָנין.
— יאָ, עליזאַבעט. יעליזאַוועטאַ ניקאָלאַיעוונאַ. נישטאָ קיין בעסערע פרוי ווי אַ רוסישע.
— דאָס איז ריכטיק, — זאָגט וואָראָנין.
— זי איז געשטאָרבן, — רעדט וויַיטער קראַנץ. — אַ טרויער לייגט זיך אים אָפן פּנים. — און אַן איר בין איך אַ אומגליקלעכער. כ׳האָב ניט געדאַרפט אַוועק פון רוסלאַנד. דאָ האָט זי ניט געקענט. זי האָט געוואָלט צוריק, צו זיך אינעם פאָטערלאַנד. — נאָך אַ וויַילע שוויַיגן, פרעגט ער: — וועט איר מיר דערלויבן, הער פעלדפעבעל, איַיך שטעלן אַ פראַגע?
— ביטע, פרעג.
— איז עס עמעס, אַז מען וועט פאַרניכטן די גוטבאַזיצערס?
— וואָס מיינט איר — פאַרניכטן? קיין שום פאַרניכטונג. די ערד וועט מען בא זיי צונעמען, דעם פאָלק אָפּגעבן. ווי דען? די פּויערים אַליין, מיין איך, ווילן עס. ס׳איז דירעקט זיי צום נוצן.
— זיי ווילן ניט, — זאָגט קראַנץ.
— וואָס מיינט איר — זיי ווילן ניט?
— ניין, זיי ווילן, נאָר זיי האָבן מוירע. שרעק האָבן זיי.
— וואָס איז דאָ מוירע צו האָבן? מען דאַרף זיי אויפקלערן. פירן אַן אויפקלערונגס־אַרבעט מיט די וואָס האָבן מוירע. פאַרוואָס מוירע האָבן?
— פאַר דער נעקאָמע פון די גוטבאַזיצערס. איר פאַרשטייט — נעקאָמע.
— וואָס־זשע? זיי דראָען, די גוטבאַזיצערס?
— יאָ, — זאָגט קראַנץ.
וואָראָנין גיט אַ פיַיף און דרייט מיטן קאָפּ.
וויַיטער גייען זיי און שוויַיגן. קראַנץ בליַיבט שטיין לעבן אַ פירשטאָקיק הויז מיט אָפּגעלופּעטער שטוקאַטורקע, אין אַ גאַס פול מיט לינדנביימער. זיי גייען אַריַין. קראַנץ קלאַפּט אָן אין אַ טיר פון פערטן שטאָק. עס ווערט ליכטיק, די טיר עפנט זיך. פאַר זיי שטייט אַ יונגער מענטש מיט אַ פלאַכן פּנים, מיט אַ פליך, אין אַ פּיזשאַמע. ער קוקט אָף וואָראָנינען, וואָראָנין אָף אים, ביידע פּנעמער זיַינען פאַרוווּנדערט, דערנאָך צעגיסן זיי זיך אין אַ שמייכל. וואָראָנין שריַיט אויס:
— וואַרט, וואַרט. וו־זשע האָב איך עס דיך!...
דער מענטש אינעם פּיזשאַמע שריַיט אויס:

— אָ־אָ! און ער נעמט פּלוצים ריידן רוסיש: — איבערן טײַכל!... איבערן אָדער! איינס, צוויי, דרײַ — פֿאַרטיק!

יאָ, ער איז דעם סטאַרשינאַ וואָראָנינס אַן אַלטער באַקאַנטער — פֿריץ אַרמוט, געוועזענער שטאַב־פֿעלדפֿעבעל פֿון דער דײַטשער אַרמיי, וואָס איז די טעג צוריקגעקומען פֿון רוסישער געפֿאַנגענשאַפֿט. וואָראָנין און אַנדערע אויספֿירער האָבן אים אָוועקגעשלעפּט פֿאַר אַ „צונג" פֿון דער דײַטשער פֿראָנט־באַוואַכונג אַפּריל הײַנטיקס יאָר. כאַפּט עס דער טײַוול! דאָס דאַכט זיך איצט ווי אַ געשעעניש פֿון דער אַלטער פֿאַרגאַנגענהײַט. אַרמוט פֿאַרלויפֿט וואָראָנינען, עפֿנט אים די טיר און איז שרעקלעך צופֿרידן, ווי ער וואָלט אַן אייגענעם ברודער אָנגעטראָפֿן. ער באַקענט אים מיט דער פֿרוי און מיט די קינדער און רעדט די גאַנצע צײַט אין דײַטש פֿאַר די אייגענע, און אין רוסיש פֿאַר וואָראָנינען.

נאָכדעם ווי וואָראָנין האָט אים פֿאַרן קאָלנער אַרויסגעשלעפּט פֿון דער מילכאָמע, איז אַרמוט אַרײַנגעפֿאַלן אין אַ סאָוועטישן געפֿאַנגענען־לאַגער אין אוקראַיִנע. דאָרט האָט מען אויסגענוצט די געפֿאַנגענע אויף געהילף־פֿאַרגרייט. באַצויגן האָט מען זיך צו זיי גוט. געלעבט האָבן זיי צו דערלײַדן. דערנאָך איז ער קראַנק געוואָרן און מען האָט אים, מיט נאָך אַנדערע קראַנקע און שוואַכע אין געזונט, אויפֿגעלאָדן אין עשאַלאָנען און אָפּגעשיקט קיין דײַטשלאַנד. ווען אַרמוט דערציילט עס וואָראָנינען, דרייט ער זיך דערנאָך אויס צו ווײַב און נעמט איר דערציילן — שוין אין דײַטש — ווי פֿלינק אָט דער „פֿעלדפֿעבעל" מיט עטלעכע אויספֿירער האָבן אים אָוועקגעשלעפּט פֿון אונטער דער נאָז בײַ דער דײַטשער אַרמיי, פּונקט אין דעם מאָמענט ווען צו זיי אין דער דיוויזיע איז געקומען צו פֿאָרן דער רײַכסמיניסטער פֿאָן ריבענטראָפּ. אַרמוט מישט די דײַטשע ווערטער, בעייסן דערציילן, מיט אַן אויסדרוק, וואָס ער האָט זיך אויסגעלערנט אין רוסלאַנד און די דײַטשן פֿאַרשטייען אים ניט:

— עך יאָלקי־פּאַלקי!

די ווערטער, און ווי אַרמוט רעדט זיי אַרויס, מיט דעם ווייכן לאַמעד, רופֿן אַרויס בײַ וואָראָנינען אויפֿן פּנים אַ ברייטן שמייכל.

— עך, יאָלקי־פּאַלקי, קאַראַשאָ!

אַרמוט נעמט שנעל גרייטן צום טיש.

— זאַקוסקאַ ניעט, — זאָגט ער, — וואָדקאַ ניעט. אַ ביסל ספּירט נאָר, יאָלקי־פּאַלקי!

נאָר וואָראָנין זאָגט זיך אָפּ דערפֿון — מען דאַרף שוין האָבן דעם שאָפֿער, און זיי גייען שוין צו דער קאָמענדאַטור.

— כ'האָב געבראַכט אַן אַלטן באַקאַנטן, מען קען זאָגן, אַ פֿרײַנטעלע, — צעעפֿנט וואָראָנין ברייט די טיר פֿונעם קאָמענדאַנטס קאַבינעט.

לובענצאָוו קוקט אויף אַרמוטן און אויך ער דערמאָנט זיך דעם קונציקן און געוואַגטן אויספֿיר איבערן אָדער, פֿאַר וועלכן ער האָט באַקומען דעם אָרדן פֿון אַלעקסאַנדער ניעווסקי.

ווען אַרמוט גייט אַוועק זיך פֿאַרנעמען מיטן אויטאָמאָביל, גיט וואָראָנין איבער לובענצאָוון די פֿילזאָגנדיקע רייד פֿון איינעם אַן אַלטן דײַטש וועגן דעם וואָס די גוט־באַזיצערס שרעקן די פּויערים.

— ווײַבערישע פּליאָטקעס! — איז לובענצאָוו אויפֿגעבראַכט. — ווי קענען זיי שרעקן? מיט וואָס?... ווען דאָס זאָל אַפֿילע אַזוי זײַן, וואָלט איך שוין לאַנג געוווּסט דערפֿון. עפּעס האָסטו זיך מיר צופֿיל פֿאַרבונדן מיט די

דײַטשן, דמיטרי יעגאָריטש! און וויאַזוי, זאָג מיר, האָט ער עס דיר געקענט דערציילן, אַז דו פֿאַרשטייסט קוים ווען מען רעדט דײַטש?

— דער דײַטש — זאָגט וואָראָנין און ווערט דערבײַ רויטלעך — רעדט רוסיש. ס'איז קראַנץ.

— ווידער קראַנץ! וויפֿל מאָל האָב איך אײַך געבעטן, כאַווער סטאַרשינאַ, איר זאָלט מיט אָט דעם אונטערלעקער פֿונעם באַראָנעט פּרעזער קיין מאַכזאָקעס ניט האָבן. גייט!

שוין אין אַ צוויי טעג אַרום האָט לובענצאָוו כאַראַקטע געהאַט אַף דעם געשפּרעך. קראַנצעס יעדיעס האָבן זיך באַשטעטיקט. קיין פֿינקענדאָרף איז אין אַ באַנאַכט אָנגעקומען אַ מענטש פֿונעם מײַרעוו און האָט מיט זיך געבראַכט אַ בריוו צו די פּויערים, פֿונעם גוטבאַזיצער, גראַף פֿאָן באָרן, וואָס איז אַנטלאָפֿן איידער דאָס סאָוועטישע מיליטער איז אַרײַנגעקומען. פֿאָן באָרן איז איינער פֿון די רײַכסטע גוטבאַזיצערס אין דער פּראָווינץ. אין דער היטלער־צײַט האָט ער אַפּילע קיין אָפֿיציעלע אַמטן ניט פֿאַרנומען, דאָך איז ער פֿאַרבונדן געווען סײַ קרויוויש און סײַ דורך קאָנטשאַפֿט מיט די העכערע טוער פֿון דער נאַצי־פּאַרטיי. זײַן זון האָט געדינט אַלס שטאַב־שעף פֿון אַן עס־עסישער טאַנקען־דיוויזיע. ביכלאַל זײַנען געווען אַ סאַך פֿאָן באָרנס אין דער „וועדמאַכט”.

דער גוטבאַזיצער דראָעט אינעם בריוו, אַז ווער נאָר עס וועט זיך דערוועגן ניצן מיט זײַן פֿאַרמעג, וועט דערקלערט ווערן אויסערן געזעץ. ער וואָרנט זײַנע פּויערים, אַז אין אָנדערהאַלבן יאָר אַרום, ווען די רוסן, לויט נעהיימע באַשלוסן פֿונעם „גרויסן דרײַטל” פֿאַרלאָזן די געגנטן און דעמאָלט וועט ער, אַפֿן געזעצלעכן גרונד, אויפֿמאָנען בײַ די פּויערים, און זיי, מענטשן וואָס האָבן זיך געקוואַפּעט אַף פֿרעמדס, וועלן באַטראַכט ווערן ווי גאַנאָווים און רויבער און ווי אַזעלכע געמישפּעט ווערן.

דער בריוו האָט געמאַכט אַף די פּויערים אַ שטאַרקן אײַנדרוק.

כאָטש די פֿינקענדאָרפֿער געמיינדע איז צווישן די איניציאַטאָרס פֿון דער ערד־רעפֿאָרם — נאָך צוריק מיט צען טעג האָט אַן אַלגעמיינע פּויערים פֿאַרזאַמלונג אַרויסגעטראָגן אַ באַשלוס וועגן דער פֿראַגע — דערמאָנען שוין איצט ניט וועגן דער אונטערגענומענער רעפֿאָרם אַפּילע די אַקטיווסטע טוער פֿון דער געמיינדע־פֿאַרוואַלטונג, גלײַך עס וואָלט דערפֿון גאָר קיין רייד ניט געווען. „ערד”, „רעפֿאָרם” זײַנען איצט פֿאַרבאָטענע ווערטער.

לובענצאָוו דערוויסט זיך דערפֿון און פֿאָרט אַרויס אין אָוונט קיין פֿינקענדאָרף. ער בלײַבט שטיין מיט זײַן אויטאָמאָביל באַם בירשענק און דורך די טונקל־באַלויכטענע פֿענצטער דערזעט ער אַ פֿולן שענק מיט מענטשן. ער גייט אַרײַן אינאיינעם מיט קסעניען. די מענטשן זיצן אַרום טישלעך, שפּילן אין דאָמינאָ אָדער אין קאָרטן און זופּן ביר פֿון די קוואָרטן. לובענצאָוו דערזעט באַלד צווישן זיי דעם בירגערמײַסטער לאַנגהיינריך. דער בירגערמײַסטער גייט אַקעגן דעם קאָמענדאַנט אַ צערודערטער. מען ליידיקט באַלד אָפּ צוויי ערטער לעבן אים און לובענצאָוו מיט דער איבערזעצערן זעצן זיך אַוועק באַם טישל. לאַנגהיינריך באַשטעלט צוויי קוואָרט ביר. דער געשפּרעך אין שענק ווערט טייקעף אײַנגעשטילט, מען הערט נאָר די ביינדלעך קלאַפּן.

— ווי גייט עס? — פֿרעגט לובענצאָוו, — עפּעס גייט בײַ אײַך צו שווער דער איניען פֿאַרגרייט, און איך פֿאַרלאָז זיך שטענדיק אַף אײַך, לאַנגהיינריך, מער ווי אַף אַ סאַך אַנדערע בירגערמײַסטערס. איר זײַט דאָך, נאָך אַלעמען, אַ מיטגליד פֿון דער קאָמפּאַרטיי, אַן אַלטער אַנטיפֿאַשיסט.

— אַלץ וועט זײַן געמאַכט, — זאָגט לאַנגהיינריך דער פּאָדפּאָלקאָווניק, און מיט אַ קנאַפּן שמייכל גיט ער צו: — איר יאָגט אַלץ, הער פּאָדפּאָלקאָווניק, און פּויערים זײַנען לאַנגזאַמע מענטשן.

— דאָס איז ריכטיק — שמייכלט אויך לובענצאָוו.

— איר בלײַבט בײַ אונדז נעכטיקן אָדער איר פֿאָרט ווײַטער? — אינטערעסירט זיך לאַנגהיינריך.

— מעגלעך איך זאָל בײַ אײַך בלײַבן. וועט איר מיר שאַפֿן אַ נאַכט־לעגער?

— מירן אײַך שאַפֿן.

לאַנגהיינריך הייבט זיך אויף, וואַרפֿט צו דעם שענקער אין מיטן גאַנג: „פֿאַרשרײַבט אַף מיר", און גייט אַרויס אַף דער גאַס אינאיינעם מיט לובענצאָוון און קסעניען. דאָ באַם אויטאָמאָביל, אַרום פֿריץ אַרמוטן, שטייען אַ מאַן זעקס פּויערים. ער דערציילט זיי עפּעס לעבעדיק און אַפֿן הויכן קאָל. ער דערזעט לובענצאָוון, בלײַבט ער שטיל. אַלע טרעטן אים אָפּ דעם וועג.

— מיר גיין צופֿוס, — זאָגט לובענצאָוו צו קסעניען, — זאָל ער צופֿאָרן צום בירגערמײַסטערס שטוב. איז אָט, — רופֿט זיך אָן לובענצאָוו צו לאַנגהיינריכן, וואָס שפּאַנט פֿאַמעלעך. בײַ זײַן זײַט, — וואָס פֿאַר אַ בריוול האָט איר באַקומען? און די יעדיע וועגן דעם בריוו דערגייט צו מיר ניט דורך אײַך. עס טויג ניט. דאָס הייסט פּאַשעט פֿון די הענט אַרויסלאָזן. אַ בירגערמײַסטער איז אַלנפֿאַלס מעכויעוו צו אינפֿאָרמירן דעם קאָמענדאַנט וואָס עס קומט פֿאָר.

לאַנגהיינריך קראַצט זיך אין קאַרק.

— אַ פּאַכדאָנישער אוילעם בײַ אונדז, אָט וואָס איך וויל אײַך זאָגן, הער קאָמענדאַנט. טויגעניכטסן, האָבן מוירע פֿאַרן אייגענעם שאָטן.

— און צו וואָס ניצט דער בירגערמײַסטער? און נאָך אַ קאָמוניסט? פֿאַרוואָס קלערט איר ניט אויף די פּויערים די לאַגע? מיילע, וואָלט איר כאָטש באַצײַטנס צו וויסן געגעבן. — לובענצאָוו גיט פֿאַרדראָסיק אַ מאַך מיט דער האַנט.

— איר פֿאַרשטייט, — נעמט זיך לאַנגהיינריך פֿאַרענטפֿערן, נאָר לובענצאָוו וויל אים ניט הערן.

— איר האָט בײַ אײַך אַ טעלעפֿאָן אין שטוב? — פֿרעגט ער. — ניין? קומט־זשע אַרײַן צו אײַך אין ביוראָ.

זיי גייען אַרײַן אינעם ניט־באַלויכטענעם קליינעם ראָטהויז. קסעניאַ פֿאַרבינדט לובענצאָוון מיט לויטערבורג. באַם טעלעפֿאָן שטייט טשאָכאָוו, וואָס איז גראָד דעזשורנע איבער דער קאָמענדאַטור. לובענצאָוו פֿרעגט אים:

— נישטאָ קיין נײַעס? סעבאַסטיאַנס אויטאָמאָביל האָט מען געפֿונען?

— מען זוכט, כאַווער פּאָדפּאָלקאָווניק, — ענטפֿערט טשאָכאָוו. — אין דער אײַך אָנגעטרויטער קאָמענדאַטור און אינעם ראַיאָן זײַנען קיין באַזונדערע געשעענישן נישטאָ.

לובענצאָוו שמייכלט און לייגט אַוועק דאָס טרײַבל.

זיי גייען אַרויס פֿונעם ראָטהויז און קומען צו צו אַ גרויסן גוטבאַזיצערישן הויז.

— עפּשער וועט איר דאָ איבערנעכטיקן? — פֿרעגט לאַנגהיינריך. — די צימערן זײַנען גרויסע, גוטע.

— וואָס־זשע, דאָס הויז שטייט ליידיק? — ווערט לובענצאָוו אויפֿגערייסלט. — ווי קומט עס? ווייסט איר, לאַנגהיינריך, אַז איר הייבט מיך אָן

אַרויסבּרענגען פון געדולד. מען האָט דאָך אָפּגערעדט נאָך יענע וואָך, אַז מען זעצט דאָ אַריין די איבערגעוואַנדערטע... איך וויל ניט הערן קיין טערוצים! פאַרוואָס האָבן זיי זיך ניט אַריינגעצויגן?

לאַנגהיינריך שווייגט.

— און איר זאָגט נאָך אַז דער אוילעם איז בּאַ אייַך אַ פּאַכדאָנישער. ווי דער פּאַסטאָר אַזאַ איידע. איר האָט מוירע פאַר ריכאַרד פאָן באָרן, לאַנגהיינריך? איר האָט מוירע פאַר יעדן. איר האָט מוירע געהאַט פאַר היטלערן. איצט האָט איר מוירע פאַר פאָן באָרנען. נאָר פאַר מיר האָט איר קיין מוירע ניט. אַ שאָד!

— זאָל איך עס איבערזעצן? — פרעגט קסעניאַ.

— יאָ, יאָ, זעצט עס איבער און ווי מעגלעך גענויער. און גיט מיר ניט קיין אייצעס וואָס צו זאָגן און וואָס ניט צו זאָגן, כאַווערטע ספּירידאָנאָווא.

— איך האָב ניט מוירע — ענטפערט פעסט לאַנגהיינריך. — כ'האָב ניט מוירע. נאָר איך ווייס די שטימונג פון די פּויערים און...

— און איר שלעפּט זיך אינעם עק פון די אָפּגעשטאַנענע שטימונגען!

זיי קומען צו לאַנגהיינריכס שטוב. אַלע זייַנען זיי אָנגעכמורעט און ניט צופרידן איינער מיט דעם צווייטן און זיי לייגן זיך שלאָפן.

לובענצאָוון שלאָפט זיך ניט אויף דעם שמאָלן און האַרטן בעטל. „זיך צוגעוויינט צום רייַכן לעבן, — טראַכט ער זיך — דאָס פּאָשעטע דאָרפישע בעט איז שוין ניט פאַר מיר". ער טראַכט זיך אַז ווייַטער וועט ער אויף זייַנע רייַזעס נעכטיקן נאָר בּאַ אַרבעטער און פּויערים און וואָס אָרעמער דאָס נאַכטלעגער אַלץ בעסער. די אָקופּאַנטן באַקענען זיך אַזוי שוואַך מיטן לאַנד, ווייַל זיי האָבן, ווי מאַכטהאָבנדיקע, די מעגלעכקייט אייַנצושטיין און לעבן, נעכטיקן און עסן בּאַ די רייַכע. זיי ריזיקירן דעריבער צו באַקומען אַ פאַרקריפּלטע פאָרשטעלונג וועגן דעם רעאַלן לעבן אינעם לאַנד. זיי דאַכט זיך, אַז דאָס גאַנצע לאַנד באַשטייט נאָר פון רייַכע הייַזער און ווייכע בעטן, און אַז דאָ עסט מען נאָר כאַזער־פלייש און מען פאַרטרינקט מיט ווייַן. פאַר די סאָוועטישע אָקופּאַנטן טויג עס ניט. „שלאָף, שלאָף — רעדט ער צו זיך און דרייט זיך פון איין זייַט אויף דער צווייטער. — לעב אַזוי ווי עס לעבן די אָרעמעלייַט, וועסטו דעמאָלט פאַרשטיין וואָס זיי דאַרפן, וועגן וואָס זיי טראַכטן און וואָס זיי ווילן".

„יאָ — כאַפּט ער זיך טייקעף — נאָר אָט לעבן דאָך אין דעם דאָרף אָרעמעלייַט, וואָס ווייסן אַליין ניט וואָס זיי ווילן. אָדער זיי ווייסן עפּשער, נאָר האָבן מוירע צו וועלן. די פאַרגאַנגענהייַט האַלט זיי בּאַ די פּיס און לאָזט זיי ניט גיין פאָרויס".

אויך לאַנגהיינריך שלאָפט ניט. לובענצאָוו הערט פון דער אַנדער זייַט וואַנט ווי ער שפּאַנט אום פּאַמעלעך, ווי ער זיפצט, ער הערט דעם צינדער אַ קנאַק טאָן און דעם שווערן טאַבאַק־רייעך. לובענצאָוו פאַרשטייט זייער גוט די קאָמפּליצירטע לאַגע אין וועלכער עס געפינט זיך דער בירגערמייַסטער, וואָס פילט דעם אָנדרוק מיצאַד לובענצאָוון און אייַנצייַטיק די שטאַרקע ווירקונג פון דער קליינער דאָרפישער געזעלשאַפטלעכער מיינונג, וואָס איז גאָרניט אַזאַ קלייניקייט.

לובענצאָוו שלאָפט דאָך איַין, נאָר טייקעף כאַפּט ער זיך אויף און גיט אַ קוק אויפן זייגער. ס'איז שוין פינף. פּונקט די צייַט אויפצושטיין פאַר אַ פּויער. ער טוט זיך שנעל אָן. די טיר אין צימער עפנט זיך, לאַנגהיינריך

קומט אַרײַן, אויך אַן אָנגעטאָענער, מיט אַ שיסל וואַסער אין די הענט פֿאַר לובענצאָוון צום אײַנוואַשן זיך. ער וואַשט זיך שווײַגנדיקערהייט, דערנאָך גייט ער נאָך דעם בירגערמײַסטער אין צווייטן צימער. מאַרטאַ לאַנגהיינריך, דעם בירגערמײַסטערס ווײַב, גרייט שטיל צום טיש. דאָס געשיר קלימפּערט שטיל. עס שמעקט מיט ראָשטשענע. טייקעף קומט אַרײַן קסעניאַ. די פּאַר־טאָגיקע טונקלקייט נייגט צום שווײַגן. עס ווילט זיך ניט ריידן, טראַכטן, דיסקוטירן, כאָטש פֿאַראַן פֿון וואָס צו ריידן און אויך צו דיסקוטירן.

— וואָס־זשע וועט זײַן? — שטאַרקט זיך ענדלעך לובענצאָוו, — וואָס רעכנט איר הײַנט טאָן?

לאַנגהיינריך ענטפֿערט:

— הײַנט וועל איך אַריבערפֿירן די פּליטים אינעם גוטבאַזיצערס הויז. זאָל מען מיך דערהאַרגענען, אויב איך וועל עס ניט טאָן.

ער רעדט בייז נאָר אַנטשלאָסן. לובענצאָווס פּאָנעם צעשײַנט זיך:

— דאָס וועט זײַן דער איינציק ווירדיקער ענטפֿער דעם הער פֿאָן באָרן, — זאָגט ער. — און גענוג עלאָקווענטער. הײַנט אין אָוונט, ווען די פּויערים וועלן אַהיימקומען פֿון דער פֿעלדאַרבעט, רופֿט אַ פֿאַרזאַמלונג. מיט זיי דאַרף מען ריידן אָפֿן און ניט שפּילן זיך אין באַהעלטעניש. צושיקן אײַך אַ רעפֿע־רענט אָדער איר וועט זיך באַגיין אַליין?

— מירן זיך באַגיין, — גיט לאַנגהיינריך אַ מרוקע.

מאַרטאַ קוקט שאַרף דעם מאַן אין פּאָנעם. בײַ די לעצטע ווערטער דרייט זי מיטן קאָפּ.

— זאָל בעסער עמעצער קומען, — זאָגט זי.

— באַטראַכט זיך. — שפּיצט צו לובענצאָוו די אויגן, — עפּשער, מיט אַן עמעצן...

— מירן זיך באַגיין — זאָגט ווידער לאַנגהיינריך.

זיי הייבן זיך אויף פֿונעם טיש. מאַרטאַ באַגלייט זיי אַרויס. לאַנגהיינריך קוקט זיך ניט אום צו איר און גייט מיט קסעניען אַפֿריִער, לובענצאָוו בלײַבט פֿון הינטן, ער דריקט מאַרטען די האַנט און צום געזעגענען זיך זאָגט ער אין דײַטש:

— האָבען זי קיינע אַנגסט (האָט קיין מוירע ניט).

זי גיט צו אים אַ שולדיקן שמייכל.

דאָס דאָרף לעבט אויף. איבער דער גאַס ציִען זיך פּויערים און פּויער־טעס. לובענצאָוו יאָגט אָן לאַנגהיינריכן און קסעניען און שפּאַנט גלײַך מיט זיי. דער אויטאָמאָביל שטייט שוין לעבן ראָטהויז. אַרמוט וואַרט שוין אַף זיי לעבן דעם אויטאָמאָביל. ביסלעכווײַז ווערט ליכטיקער. דער הימל אין מיזרעך צינדט זיך פּלאָמיק רויט.

IV

זיי פֿאָרן ווײַטער. קסעניאַ שווײַגט. ביכלאַל באַמיט זי זיך, לעהייפּעך צו אַלבינען, מען זאָל זי וואָס ווייניקער אַרויסזען. זי זעצט איבער ניט אַזוי פּיפּיק ווי אַלבינאַ, — זי טרעפֿט ניט אַפֿריִער וואָס לובענצאָוו וויל זאָגן און טיילמאָל כאַפּט זי ניט טייקעף דאָס נייטיקע וואָרט, — נאָר זי איז פֿלײַסיק און פּינקטלעך. זי ווײַזט ניט אַרויס אַף קיין אויפֿן איר באַציִונג צו דעם וואָס לובענצאָוו זאָגט און ניט צו דעם וואָס ער טוט. און אַז לובענצאָוו

פרעגט זי ווען ניט ווען אירע אַ מיינונג וועגן עפּעס אָדער אַפילו וועגן דעם צי האָט ער עפּעס ריכטיק געטאָן, ענטפערט זי אומגעוואַקלט:

— איך בין ניט קלאָר דערין.

אָדער:

— אײַך איז עס קלאָרער.

אויב טכילעס פלעגן דער מין ענטפערס אַרויסרופן אַ געוויסן פאַרדראָס בײַ לובענצאָוו, האָט ער זיך דערנאָך צוגעוווינט צו דער באַשיידנקייט און שווײַגן פון זײַן נײַער איבערזעצערן. ער פילט אַפילו אַ מין אומדרייסטקייט לעגאַבע איר — אַלנפאַלס, קען ער זיך ניט באַפרײַען פון דעם געפיל, אַז זי אורטיילט אַלע זײַנע מאַיסים, אַז זי וועגט אויף אירע אַן אייגענער וואָגשאָל אַלע פאַר־און קעגנס; אין אירע גרויסע עטוואָס כמורנע גרויע אויגן איז שטענדיק פאַראַן עפּעס שאַצנדיקס.

לובענצאָוו פרעגט:

— ווי מיינט איר, וועט דאָס לאַנגהיינריך דורכפירן? וועט ער זיך ניט אויף לעצט דערשרעקן?

— אײַך איז עס קלאָרער, — זאָגט קסעניאַ. — איר קענט אים לענגער. איך זע אים דעם ערשטן מאָל.

זי איז גערעכט. לובענצאָוו קען קענן דעם גאָרניט האָבן.

— ווי שטענדיק, זײַט איר גערעכט, — צעלאַכט זיך לובענצאָוו, און מער קיין געשפּרעכן פאַרפירט ער ניט מיט איר.

פונעם שכייניסדיקן גרויסן דאָרף, וווּ ער באַשליסט זיך אָפּצושטעלן, הייסט ער קסעניען אָנקלינגען קיין פינקענדאָרף און פרעגן בײַ לאַנגהיינריכן צי האָט ער שוין אָנגעהויבן איבערפירן די פּליטים.

לאַנגהיינריך ענטפערט, אַז דאָס איבערפירן וועט זיך אָנהייבן אין אַ שאָ אַרום און די פּליטים האָט מען שוין צו וויסן געגעבן. עמעס, ניט אַלע ווילן זיך איבערציִען.

— אויך זיי האָט מען אָנגעשראָקן?! — איז לובענצאָוו אויפגעבראַכט און זאָגט: — גיט אים איבער, אַז אויפן וועג צוריק וועל איך אַרײַנפאָרן און איבערקוקן.

לאַנגהיינריך ענטפערט ניט דערויף. דערנאָך זאָגט ער, אַז פון דער קאָמענדאַטור האָט מען גערעדט, מען זוכט אַרום דעם הער קאָמענדאַנט.

קסעניאַ פאַרבינדט זיך מיט דער קאָמענדאַטור. קאַסאַטקין דערהערט איר שטים, שרײַט ער צו איר:

— וווּ איז דער כאַווער פּאָדפּאָלקאָווניק? גיט אים איבער ער זאָל טייקעף קומען קיין לויטערבורג. אַ דרינגלעכער איניען, לײַדט ניט קיין אָפּלייגעניש.

— וואָס איז דאָרט בײַ זיי געשען? — וווּנדערט זיך לובענצאָוו, נאָר אַזוי ווי עס איז אָנגענומען טעלעפאָניש וועגן אַזוינע זאַכן ניט צו פרעגן, הייסט ער איבערגעבן, אַז אין אַ שאָ אַרום פאָרט ער אַרויס.

דאָס דאָרף פון וואַנען זיי רעדן טעלעפאָניש, איז דאָס זעלביקע, וווּ לובענצאָוו מיט וואָראָנינען האָבן זיך געהאַט אָפּגעשטעלט אויף נאַכטלעגער אויפן וועג קיין לויטערבורג. דאָ וווינט די גוטבאַזיצערן ליזעלאָט פאָן מעלכיאָר.

ער שמייכלט ווען ער דערמאָנט זיך וועגן וואָס זי האָט גערעדט בײַם טיש און האָט געמיינט, אַז ער פאַרשטייט ניט. זי האָט מוירע געהאַט די אומגעבעטענע געסט — דער קאָמענדאַנט און די זעלנער וואָס באַגלייטן אים

— זאָלן עפּעס ניט אוועקטראָגן פֿונעם גוטבאַזיצערישן הויז. איצט וועט מען בא איר צונעמען דאָס גאַנצע הויז און די גאַנצע ערד, און זי פֿאַרמאָגט אַן ערעך הונדערט העקטאַר. און אויב דעמאָלט ווען זי האָט געזאָגט אידע באַליידיקנדיקע ווערטער, האָבן זיי לובענצאָוון ניט אָנגערירט, דערמאָנט ער זיך איצט אָן זיי מיט אומגעריכטער פֿאַראַכטונג. זי האָט אים כּוישעד געווען אין זשעדנעקייט און האָט מוירע געהאַט ער זאָל בא איר צונעמען אַ פּאָר נישטיקע זאַכן. נאָר ער איז ניט זשעדנע. ער וועט בא איר צונעמען אַלץ, נאָר ניט פֿאַר זיך. ער דאַרף גאָרניט.

בא דער קיילעכדיקער סאַזשעלקע אין מיטן דאָרף, שטעלט זיך אָפּ לו־בענצאָווס אויטאָמאָביל, און ווי נאָר ער קומט אַרויס דערזעט ער יענעם דויטהאָריקן פּאָליט, וואָס ער האָט דאָרט דעמאָלט אָנגעטראָפֿן. ער האָט דע־מאָלט געשלאָגן זיין טעכטערל. אויך דער פּאָליט דערקענט לובענצאָוון און ער לאָזט אַראָפּ דעם קאָפּ. לובענצאָוו גייט אים אַקעגן, גריסט אים און פֿרעגט אים ווי ער הייסט. דער דייטש ענטפֿערט, אַז מען רופֿט אים האַנס קוואַ־פּענבערג.

— וואָס מאַכט אייער טעכטערל? — פֿרעגט אים לובענצאָוו מיט אַ ניט דורכדרינגלעכן פּנים.

— גוט, — ענטפֿערט קוואַפּענבערג אַ צעטומלטער.

— אַ וווינונג האָט מען אייך געגעבן?

קוואַפּענבערג צענעמט זיינע גרויסע גראָבע הענט.

— מיר לעבן אין אַ שטאַל, — זאָגט ער.

— איר באַטראַקעוועט?

— יאָ.

— לעבט איר, הייסט עס, אין אַ שטאַל? און ווינטער וואָס וועט זיין?

קוואַפּענבערג קוקט פֿאַרשנדיק אויפֿן קאָמענדאַנט און ענטפֿערט ניט דרייסט:

— מען זאָגט... אַן ערד־רעפֿאָרם וועט זיין.

— מען זאָגט, — איז פֿריילעך מאַסקים לובענצאָוו.

אַ גרופּע מענטשן קומען צו. לובענצאָוו דערקענט דעם אָרטיקן ביר־גערמייסטער און עטלעכע באַקאַנטע פּויערים און באַטראַקעס. לובענצאָוו גריסט זיי און שמייכלט צום יונגן ליבן יאָט העלמוט ריניקע. ער איז אַ באַטראַק, אַן אַקטיוויסט און איז די טעג אַריינגעטראָטן אין דער קאָמוניס־טישער פּאַרטיי. אַ בלאָנדער, אַ פֿאַררויטלטער, אַ ביסל אַ שעמעוודיקער, פֿול מיט יוגנטלעכן רייץ, רופֿט ער שטענדיק אַרויס בא לובענצאָוון אַ געפֿיל פֿון פֿריינטלעכער סימפּאַטיע.

— מירן אייך באַזאָרגן מיט אַ וווינונג, אומבאַדינגט באַזאָרגן. — ווענדט ער זיך צו קוואַפּענבערגן. — איר קענט עס אַזוי איבערגעבן אייער ווייב און אייער טאָכטער. איך בין דאָך מיט זיי באַקאַנט.

— יאָ, — זאָגט קוואַפּענבערג.

לובענצאָוו דרייט זיך אום צום בירגערמייסטער און פֿרעגט אים ווי עס גייט מיט דעם אַראָפּנעם און מיט דעם פֿאַרגרייט.

דער בירגערמייסטער — וועלכער רופֿט מען אים און איז גאָרנישט ענלעך אויף קיין פּויער, — אַ דאַרער מענטש מיט אַ שאַרפֿן פּנים, אין ברילן, ראַפּאָרטירט. ריניקע שטעלט אַריין פֿון צייט צו צייט אַ פֿראַזע. זיי שפּאַנען פּאַמעלעך לענגאויס דער סאַזשעלקע. לובענצאָוו פֿאַרצייכנט אין מיטן גאַנג

עפּעס צו זיך אין אַ בלאַקנאָט דערפון וואָס וועללער זאָגט אים און פּאָטאַ־קעוועט דערביי: אַזוי, אַזוי, יאָ, יאָ.

ווען ער הייבט אויף דעם קאָפּ פונעם בלאַקנאָט, מערקט ער ווי די פּויערים קוקן ערגעץ לינקס. ער גיט אויך אַ קוק. איבער דער גאַס גייט די גוטבאַזיצערן. איר עלעגאַנט און שלאַנק פיגורל באַוועגט זיך שנעל, אַפּן ווינט פלאַטערט דער לאַנגער שאַל, וואָס איז איר אַפּן האַלדז אַרויפגעוואָרפן.

וואָס נענטער זי קומט אַלץ מערקלעכער איז דער אויסדרוק אַף איר פּאָנעם. אַזוי לויפט מען זיך טרינקען.

— איך דאַרף מיט אייַך ריידן, — זאָגט זי.

— ביטע, — ענטפערט לובענצאָוו.

— אָן אײדעס.

— די פּויערים טרעטן אָפּ אַן אַ זייַט.

— מיר קענען שמועסן אָן אַן איבערזעצער, — רעדט זי שאַרף אַרויס.

— מיר קענען שמועסן אָן אַן איבערזעצער, — זעצט איבער קסעניאַ וואָרט אין וואָרט, אָן שום אויסדרוק און גיט דערביי מיט אַן אויג ניט אַ פּינטל.

— איך ווייס גאַנץ גוט, אַז איר באַזיצט די דייַטשע שפּראַך, און אַלע ווייסן עס. איך וואָלט אייַך זייער געבעטן איר זאָלט מיר צוטיילן עטלעכע מינוט אָן אײדעס.

— זאָגט איר, — זאָגט לובענצאָוו, — אַז זי האָט טאָעסדיקע יעדיִעס. איך פאַרשטיי בעעמעס אַ סאַך, נאָר ריידן קען איך ניט. אויב זי וויל הערן מייַן ענטפער, מוז זי שאָלעם מאַכן מיט דער אַנוועזנקייט פון דער איבער־זעצערן.

די גוטבאַזיצערן שווייַגט אַ ווייַלע ווען קסעניאַ זעצט איר איבער, און זאָגט:

— זאָל זייַן אַזוי. זעצט איבער. מיר איז באַקאַנט, אַז די סאָוועטישע מיליטערישע פאַרוואַלטונג קלייַבט זיך דורכפירן אַן אַזוי־גערופענע ערד־רע־פאָרם. פּרווט מיך ניט איבערצייַגן פאַרקערט, איך ווייס עס ריכטיק. נאָר איז אייַך באַקאַנט, אַז מייַן פאַרשטאָרבענעם מאַן, דעם אָבערסט פאָן מעל־כיאָר האָט מען דערשאָסן אַלס אַנטיפאַשיסט?

— יאָ. ער איז געווען באַטייליקט אין דער מיליטערישער פאַרשווערונג קעגן היטלערן. דאָס איז מיר באַקאַנט.

— איך בעט אייַך ווענן דעם באַקאַנט צו מאַכן אייַערע שעפן.

— גוט.

— איך בעט אייַך זיך אָפּגעבן רעכענונג, אַז אַן אַטענטאַט אַף דעם פאַרמעג פון אַ סוינע דעם היטלער־רעזשים קען ניט צוגעבן קיין פּאָפּולאַרי־טעט דער סאָוועטישער פאַרוואַלטונג אין לאַנד.

— צי דען פאַרשטייט איר ניט, מאַדאַם פאָן מעלכיאָר, אַז ניט די פאַר־וואַלטונג איז די איניציאַטאָרן פון דער ערד־רעפאָרם, נאָר די פּויערים אַליין, וואָס בענקען נאָך ערד.

— פּויערים זייַנען שטענדיק גרייט זיך צו ניצן מיט פרעמדן גוטס. נאָר איר, פאַרשטייער פון דער אָקופּאַציע־מאַכט, קענט ניט האָבן קיין אייַנזען מיט אָט די נייגונגען, וואָס וועלן ברענגען צו אומאָרדענונג און אַנאַרכיע אין לאַנד.

— פאַרקערט, מיר שטיצן אָט דעם גערעכטן פאַרלאַנג פון די פּויערים, ווייַל זי איז אין העסקעם מיט די אָפּמאַכן פון דער פּאָטסדאַמער קאָנפע־

רענץ וועגן דער דעמאָקראַטיזירונג פֿון דײַטשלאַנד. איבערגעבן די ערד די פּויערים, איז דעמאָקראַטיזאַציע, אַלנפֿאַלס, זייער אַ וויכטיקע טייל פֿון דער דעמאָקראַטיזאַציע.

— אומזיסט פֿאַררופֿט איר זיך אויף דער פּאָטסדאַמער קאָנפֿערענץ. אײַערע פֿאַרבינדעטע פֿירן דאָך ניט דורך קיין שום רעפֿאָרמען אין זייערע זאָנעס. מיר איז באַקאַנט — איך האָב די טעג באַקומען אַ בריוו פֿון מײַן שוועסטער אין בײַערן, — אַז דאָרט קומט ניט פֿאָר קיין שום ענלעכעס... איך ווייס ניט, אויך דאָרט, מעגלעך, וואָלטן פּויערים וועלן פֿאַרכאַפּן פֿרעמדס, נאָר מען דערלויבט זיי ניט.

— אויף דעם קען איך אײַך גאָרניט זאָגן. פֿערזענלעך, האָף איך, אַז אויך דאָרט וועט די רעפֿאָרם דורכגעפֿירט ווערן.

זיי גייען צו צום אויטאָמאָביל און די גוטבאַזיצערן, מיט אַ מאָל, אַן אָפּגעשוואַכטע, שפּאַרט זיך צו צום פֿליגל פֿונעם אויטאָ. זי קוקט ערגעץ אין דער ווײַט, אינעם אָפֿענעם שטעטך צווישן לובענצאָוו און קסעניען. דערנאָך גיסן זיך אויס עטלעכע טרערן בײַ איר פֿון די אויגן און זי זאָגט:

— כ'האָב דאָך ניט אויסגעהאַלטן. דאָס מיעסטע בײַ דער פֿרוי איז איר שוואַכקייט.

לובענצאָוו איז אין געדאַנק מיט איר ניט מאַסכים. זי האָט אין דעם מאָמענט גראַד אויסגעזעען זייער שיין.

— אײַך פֿערזענלעך באַשולדיק איך ניט, — זאָגט זי, — איר פֿילט אויס די באַפֿעלן פֿון אַ בלינדער קראַפֿט, איר זײַט אַ טיילכל פֿון אַ גרויסער מאַשין. איך בין טיף איבערצײַגט, אַז איר קענט ניט ווינטשן מענטשן שלעכטס, אַפֿילו ווען זיי זײַנען גוטבאַזיצערס.

לובענצאָווס פּנים ווערט ערנסט ביז בייזקייט.

— אַ וואָס בין איך? — זאָגט ער. — איך בין בעעמעס, ווי איר האָט ריכטיק אָנגעמערקט, אַ קליין טײַלכל... אָבער אַ דענקענדיק טיילכל. אויב איר ווילט וויסן מײַן מיינונג, קען איך אײַך זאָגן, אַז איך ווינטש דאָס גליק פֿון אַלע מענטשן, אַפֿילו ווען זיי זײַנען באַטראַקעס.

זי זאָגט „אַדיע", און גייט פֿאַמעלעכן צוריק. לובענצאָוו און קסעניאַ זעצן זיך אַרײַן אינעם אויטאָמאָביל און פֿאָרן צוריק אין שטאָט. נאָך אַ היפּשער ווײַלע שווײַגן, רופֿט זיך אָן לובענצאָוו:

— איר האָט ניט געקענט איבערזעצן דאָס וואָרט „טאַסקאַ" (בענקשאַפֿט).

— איך האָב עס קיינמאָל ניט געהערט אין דײַטש.

— „טאַסקאַ" איז אין דײַטש „זענזוכט".

— איך האָב דאָס וואָרט ניט געוווּסט.

— מען דאַרף לייענען ביכער. איר לייענט דײַטשע ביכער?

— ניין.

— מען דאַרף לייענען. אין די דײַטשע לידער איז פֿאַראַן אַ גאַנצע „קופּע" מיט „זענזוכטס". מיינט ניט, אַז איך בין מיט אײַך ניט צופֿרידן. ביכלאַל, זעצט איר איבער ניט שלעכט. נאָר אײַך פֿעלן ווערטער. מען דאַרף לייענען.

— גוט.

V

לובענצאָוו טרעפט אַלע אָפיצירן בא קאַסאַטקינען.

— וואָס האָט דאָ געטראָפן? — זעצט זיך לובענצאָוו אַוועק אַף אַ שטול אַזוי ווי ער שטייט און גייט, אינעם וועג־מאַנטל מיט דעם היטל.

קאַסאַטקין מעלדעט, אַ צערודערטער, אַז נעכטן אין אָוונט זיינען פון בערלין געקומען דאָקטאָר שניידער און דאָקטער שערנער — מיטגלידער פונעם קריסטלעך־דעמאָקראַטישן פאַרבאַנד פון דער סאָוועטישער זאָנע. זיי האָבן דורכגעפירט אַ מיטינג, וווּ עס זיינען בייגעווען העכער זיבן הונדערט מענטשן, און האָבן זיך דאָרט אָפן אַרויסגעזאָגט קעגן דער פירגענומענער ערד־רעפאָרם, וואָס וועט פירן, זאָגן זיי צום כורבן פון דער דאָרפישער ווירטשאַפט. די קאָמוניסטן מיט די סאָציאַל־דעמאָקראַטן האָבן זיך, קענטיק, ניט געריכט דערויף, אַלנפאַלס, איז קיינער פון זיי ניט אַרויסגעקומען מיט אַן ענטפער די בערלינער פּאָליטיקער. די גאַנצע שטאָט איז צערודערט. פאַראַן אַזעלכע וואָס אַגיטירן אָפן קעגן דער ערד־רעפאָרם. באַזונדער צייכנט אויס דערין גרעלמאַן. ער איז אַפילע אַפן מיטינג אַליין ניט אַרויסגעטראָטן און האַלט זיך גענוג פאָרזיכטיק, נאָר קלאָר איז, אַז ער איז איינער פון די הייסטע קעגנער פון דער רעפאָרם.

— מירן שוין אַריינכאַפּן פונעם גענעראַל קופּריאַנאָוו, — זאָגט לובענצאָוו. — איר האָט אים צו וויסן געגעבן?

— יאָ.

— וואָס האָט ער געזאָגט?

— ער האָט מיך אָנגערופן שמאַטע. — בא קאַסאַטקינען ווערט דאָס פּאָנעם פאַרפינצטערט· — ער האָט אויך געזאָגט, אַז ווען איר זייט דאָ, וואָלט עס ניט געשען.

לובענצאָוו הייבט אויף אַף זיין פאַרטרעטער אַ בליק פון מיטגעפיל.

— דער גענעראַל האָט אַ טאָעס, — זאָגט ער. — מיר האָט פּאַשעט אָפּגעגליקט וואָס איך בין דאָ ניט געווען. וואָס וואָלט איך געטאָן? פירער פון איינער פון די דעמאָקראַטישע פאַרטייען קומען און ווילן אַרויסטרעטן אַף אַ מיטינג. ווי קען מען זיין קעגן? ניין, ניין, איוואַן אַפאַנאַסיעוויטש, אייך באַשולדיק איך ניט. אָט, איר, כאַוער, יאַוואָרסקי, זייט אַ סאַך מער שולדיק.

— יאָ, איך בין שולדיק, — זאָגט יאַוואָרסקי. — מיינער אַ פאַרזען. איך האָב אַפילע ניט געוווּסט פון זייער קומען אַהער.

— אַזוי טויג ניט. איר מוזט וויסן פון אַלץ וואָס עס קומט פאָר.

— היינט האָבן זיי געהאַט די כוצפע צו בעטן אַ דערלויבעניש אַף אַ צווייטן מיטינג, דאָס מאָל, אין דער מאָטאָר־עלעקטרישער פאַבריק.

— און איר?

— פאַרבאָטן, נאַטירלעך, — ענטפערט קאַסאַטקין פאַר יאַוואָרסקין.

לובענצאָוו זאָגט:

— נו, דאָס, זעט איר, איז דאָס גרינגסטע. רעדט זיך דורך, יאַוואָרסקי, מיט די כאַווירים פון דער קאָמוניסטישער און סאָציאַל־דעמאָקראַטישער פאַרטיי. זיי האָבן שטאַרקע קעמערלעך אין דער פאַבריק. צי דען קענען קאָמוניסטן און סאָציאַל־דעמאָקראַטן רעזיגנירן פאַר די צוויי „דאָקטוירים”?

ער פאַרבינדט זיך מיט קופּריאַנאָוון און לייגט אויס פאַרן גענעראַל וואָס

ער דענקט וועגן דעם, און נאָך אַ קורצן יִישעוו, איז דער גענעראַל מאַסקים מיט אים.

שפּעטער אַביסל קומען שנײַדער מיט שערנערן אין דער קאָמענדאַטור. ביידע זײַנען זיי אַלטע לײַט. שנײַדער איז ביז דער פאַשיסטישער איבערקערעניש געווען אַ פּרײַסישער מיניסטער און רײַכסטאָג־מיטגליד. ער האַלט הויך זײַן גרויסן נאַקעטן קאָפּ, קימאַט מאַיעסטעטיש. שערנער, פאַרקערט, איז אַ קליינער פלינקער זאָקן, אַ כיטרער און אַ שאַרפזיניקער. ער האָט אַ גרויסע נאָז, אַ מעשונעדיקע, אָן אַ נאָז־רוקן, אַזוי אַז זי הייבט זיך אָן, דאַכט זיך, בײַ סאַמע שרונט און לאָזט זיך אויס בײַם סאַמע קין. דאָס איז נישט קיין פּאָנעם, נאָר אַ נאָז, וואָס קאָרטשעט זיך, פאַלדעוועט זיך, רעדט שנעל, סאָפּעט הויך און קוקט פאַראַכטלעך אַף די אַרומיקע קליינע נעז.

ביידע דאָקטוירים זײַנען געקומען דאַנקען דעם קאָמענדאַנט פאַר דער דערלויבעניש דורכצופירן דעם צווייטן מיטינג. שנײַדער דערקלערט יובלדיק, אַז זיי פירן דורך אַ טור איבער דער גאַנצער סאָוועטישער זאָנע און זיי האָבן דערצו די דערלויבעניש פון דער סאָוועטישער מיליטערישער פאַרוואַלטונג. זיי ווילן וויסן צי האָט דער קאָמענדאַנט זיך פאַרבונדן מיט בערלין וועגן דער דערלויבעניש אַפן צווייטן מיטינג, אָדער ער האָט אַף זײַן אייגענער איניציאַטיוו צוריקגעצויגן דעם באַפעל פון זײַן פאַרטרעטער.

לובענצאָוו איז זייער ליבלעך און שלעפּערט אײַן דעם כשאַד פון די בערלינער מיט זײַן גוט־אָנגעשטעלטער גלײַכגילטיקייט צום אינהאַלט פון זייערע נעכטיקע רעדעס, ווי צום אינהאַלט פון די ווײַטערדיקע. ער נעמט זיך דאָס פאַרגעניגן צו זאָגן זײַנע מיטשמועסער, אַז ער וואָלט זיי גערן געגאַנגען הערן ריידן, נאָר צום באַדויערן, וועט ער ניט קענען זײַן, ווײַל ער איז פאַרנומען מיט אַנדערע איניאָנים. ער טראָגט אַפילע צו די האַנט צום מויל, קלוימערשט העפלעך צו פאַרשטעלן אַ גענעץ. קורץ, די גאַנצע אַטמאָספער אין דער קאָמענדאַטור איז אַזאַ רויִקע, אַז דאָס איבערראַשט מאַמעש די קריסטלעך־דעמאָקראַטישע פירער, וואָס האָבן געמיינט, אַז נאָך זייער נעכטיקן אַרויסטריט, איז מען דאָ ביז גאָר אַלאַרמירט.

לובענצאָוו באַגלייט זיי ניט נאָר ביז דער טיר, נאָר אַפילע אַפן גאַניק. זיי זעצן זיך אַרײַן אינעם אויטאָמאָביל, ווו עס וואַרט אַף זיי גרעלמאַן. דער אויטאָמאָביל איז אַן אָפּענער — אַ גרויסער „מערסעדעס". שנײַדערס פּליך גלאַנצט אַף דער זון. ער שטייט אינעם אויטאָמאָביל לעבן דעם שאָפער און האַלט זיך מיט איין האַנט בײַ דער לופט־שויב און מיט דער צווייטער פאָכעט ער צו לובענצאָוון. לובענצאָוו דערמאָנט זיך, אַז אין אַזאַ פּאָזע פלעגט היטלער אַרומפאָרן איבער די דײַטשע שטעט.

ווען דער אויטאָמאָביל פאָרט אָפּ, זעצט זיך שנײַדער אַוועק און טוט אָן דעם הוט. דאָס אייגענע טוט שערנער אַפן הינטערשטן זיץ.

לובענצאָוו צעלאַכט זיך און גייט אַרײַן צוריק צו זיך. זײַן גוטע שטימונג ווערט נאָך בעסער, ווען יאַוואָרסקי גיט אים איבער, אַז פּראָפעסאָר סעבאַסטיאַן האָט נעכטן אין אָוונט געגעבן זײַן העסקעם אָנצונעמען דעם אַמט פון לאַנדראַט, זיך שטעלן בעראָש פון דער דײַטשער געגנטלעכער זעלבסטפאַרוואַלטונג.

אין שאַיכעם דערמיט דערמאָנט זיך לובענצאָוו וועגן דעם פּראָפעסאָרס פאַרפאַלן געוואָרענעם אויטאָמאָביל און ער רופט אַרויס צו זיך וואָראָבייצעוון.

וואָראָבייצעוו קומט אַרײַן און בלײַבט שטיין בײַ דער טיר. דאָרט שטייט ער די גאַנצע צײַט פּונעם געשפּרעך. לובענצאָוו לייגט דערויף קיין אַכט

ניט. די מײַסע איז וואָס וואָראָבייצעוו האָט פּאָשעט מוירע צוצוקומען נענטער, ער האָט אין דער פֿרי אויסגעטרונקען און דער רײַעך קען אים אויסגעבן.

— ווי האַלט עס מיט סעבאַסטיאַנס אויטאָמאָביל? — פֿרעגט לובענצאָוו. — דער אינזשעניער איז זייער אַ וויכטיקער, איך האָב אים אײַך איבערגעגעבן, ווײַל איך האַלט אײַך פֿאַר אַ רירעוודיקן מענטשן, און איר האָט נאָך ביז איצט גאָרניט ניט געטאָן.

— איך נעם אָן אַלע מיטלען, — ראַפּאָרטירט וואָראָבייצעוו. — איך בין אַליין געגאַנגען אין אַלע מיליטער־טיילן וואָס שטייען בײַשכיינעס מיט דער שטאָט. די קאָמאַנדירן פֿון די טיילן פֿאַרנעמען זיך דערמיט.

— און מיט דער דײַטשער פּאָליציי האָט איר זיך פֿאַרבונדן? אַ שאָד. פֿאַרבינדט זיך מיט דעם פּאָליציימייסטער יאָסט. ער איז אַ טיכטיקער יאַט, כאָטש אַ סאָציאַל־דעמאָקראַט. דער אויטאָמאָביל, מעגלעך, שטייט ערגעץ בײַ אַ דײַטש אין הויף אָדער אין גאַראַזש. פּאָליציי וועט דאָס גיכער אויסגעפֿינען ווי איר.

— פֿאַראַן! שוין שטעל איך זיך אין פֿאַרבינדונג.

וואָראָבייצעוו גייט אַרויס פֿונעם קאַבינעט מיט אַ פּלוצעמדיק אויפֿגעקומענעם פֿאַרדראָס אויף לובענצאָוון. דער פֿאַרדראָס נעמט זיך בײַ אים דערפֿון וואָס לובענצאָוו איז גערעכט: וואָראָבייצעוו האָט טאַקע פֿאַר אַלעמען זיך געדאַרפֿט פֿאַרבינדן מיט דער פּאָליציי, און דאָס האָט ער ניט געטאָן. אַכוצדעם אייפֿערט ער לובענצאָוון פֿאַר טשאַכאָוון. נאָך אַלעמען, איז דער פֿאַרדראָס בײַ אים אָן אַנגעזאַמלטער צוליב דער סיבע, וואָס האָט קיין אויסגאַנג ניט: שווער איז אים אויסצוגעפֿינען אַ שוואַך אָרט צו קענען לאַכן פֿון אים — ווען אַפֿילע אין זיך — אָדער מיט וועמען עס איז כוויזעקן פֿון אים. דער לובענצאָוו איז אין גאַנצן אַרײַנגעטאָן אין זײַן אַרבעט, נאָר מיט איר לעבט ער. און דאָך בלײַבט ער טײַוולאָנישער!

פֿון לובענצאָווס קאַבינעט גייט וואָראָבייצעוו גלײַך צום פּאָליצמייסטער יאָסט און גיט אים איבער דעם קאָמענדאַנטס באַפֿעל אָנצונעמען אַלע מיטלען און אויסגעפֿינען דעם נײַעם לאַנדראַטס אויטאָמאָביל.

די באַשטימונג פֿון יאָסטן אויפֿן אַמט פֿון פּאָליצמייסטער איז צוגעגאַנגען ניט גאָר גרינג, ווײַל לערכע האָט זיך קאַטעגאָריש אַקעגנגעשטעלט דער קאַנדידאַטור פֿון אַ סאָציאַל־דעמאָקראַט. זײַן אַלטע גערעכטע סינע צו די אָפּאָרטוניסטן — צו אַזעלכע ווי שיידעמאַן, נאָסקע, מיולער, וועלס, — טראָגט לערכע אַריבער אויף אַלע סאָציאַל־דעמאָקראַטן אין קלאַל. די באַשטימונג פֿון אַ סאָציאַל־דעמאָקראַט אויף אַ ליאַדע אַמט שטויסט זיך אומפֿאַרמײַדלעך אָן אויף זײַן אַנטשידענעם און שטורמישן ווידערשטאַנד.

דער קאָנזיסטיקער אומצוטרוי פֿון די צוויי אַרבעטער־פּאַרטייען רופֿט אָפּט אַרויס אַ פּלאָנטער. נישט נייטיקע רײַבונגען, דיסאָנאַנצן, דיסקאָרדאַנצן. און פֿאָדערט גרויס פֿאָרזיכטיקייט, געדולד און טאַקט, אויף אויסצוגלײַכן קאָנפֿליקטן, אײַנצונעמען לערכעס בריקען זיך. „בעסער אַ סוינע אײדער אַ פֿאַררעטער", — ענטפֿערט לערכע אויף לובענצאָווס אָדער יאַוואָרסקיס ווייכע פֿאָרוואַרפֿן אָדער אויף די פּראָטעסטן פֿון זײַנע אייגענע כאַוויירים־קאָמוניסטן, באַזונדער, פֿון פֿאַרלענדערן.

ער איז גראָדליניק, דער לערכע, טיף אָרנטלעך און אומפֿאַרמאַטערלעך. אומעטום טרעפֿט מען אים. אומעטום וויל ער אַליין זײַן, ער געטרויט ניט קיינעם. נישטאָ דער טאָג ער זאָל ניט אַרויסטרעטן אויף צוויי אָדער דרײַ

פאַרזאַמלונגען. ער רעדט באַגײַסטערט, נאָר אַלע בײַשפּילן נעמט ער פון אַמאָל, ביז 1933, און וועגן דעם אַמאָל רעדט ער ענטוזיאַסטיש, מיט קימאַט נעוויִישער לײַדנשאַפט. ריכטיקער, מען וואָלט עס געקענט אָנרופן נעוויִיש ווען עס וואָלט זיך גערעדט וועגן צוקונפטיקן און ניט וועגן פאַרגאַנגענעם. און כאָטש די אַלע דערמאָנונגען זײַנען נוצלעך פאַר יונגע דײַטשן, וואָס יענע צײַט זעט בײַ זיי אויס ווי פון אַלטן פאַרצײַטן, איז אָבער די צאָרע, וואָס לערכע גופא לעבט מיט פאַרגאַנגענע אינטערעסן.

לערכע האַלט פאַר טאָעסדיק דאָס וואָס די סאָוועטישע מיליטערישע פאַרוואַלטונג האָט דערלויבט די סאָציאַל־דעמאָקראַטישע פּאַרטיי אין דער סאָוועטישער זאָנע. מיט ווייטיק נעמט ער אויף דעם אָביעקטיוון צוגאַנג פונעם לויטערבורגער קאָמענדאַנט צו בײדע פּאַרטייען און לעבט שווער איבער יעדע באַשטימונג פון אַ סאָציאַל־דעמאָקראַט אַף וועלכן עס איז אַמט.

VI

אויסגעפינען אַן אויטאָמאָביל אַפילע אין אַ קליינער שטאָט, איז פונקט דאָס אייגענע ווי זוכן אַ נאָדל אין אַ סטויג היי. פאַר אַלעמען, איז מען ניט זיכער, אַז דער אויטאָמאָביל געפינט זיך דאָ. און אַפילע ער איז דאָ, איז אים גאָרניט אַזוי גרינג צו געפינען צווישן אַזאַ מאַסע כורוועס, הינטער־הייף, גאַראַזשן, סאַראַיען און פאַרשטעקטע ווינקעלעך.

נאָר דעם קאַטעגאָרישן באַפעל פונעם קאָמענדאַנט מוז מען אויספילן. יאָסט טיילט אויס אַ פאַראָרדענונג צו אַלע פּאָליציילײַט געוויסנהאַפטיק דורכצוקעמען אַלע הייף און ער אַליין לאָזט זיך אויך אַרויס זוכן אינאיינעם מיט וואָראָבייצעוון. זיי פאָרן פון איין הויף אין צווייטן, זיי עפענען טויערן און טירן פון אַלערליי ביניאָנים, און אַז די טירן זײַנען געשלאָסן, רופן זיי אַרויס די אײַנוווינער אין דרויסן. וואָראָבייצעוון גייען יענעם טאָג דורך פאַר די אויגן אַ מייע הייף און הונדערטער אויטאָמאָבילן. אַ סאַך שטייען אין די גאַראַזשן אָן גומי, אַף ברעטער אָדער אַף קלעצער — „אָפּעלס" און „מערסעדעסעס", „בע־עם־בע", „וואַנדערערס" און „מײַבאַכס".

וואָראָבייצעוו איז זיכער, אַז דעם פּראָפעסאָרס אויטאָמאָביל וועט ער שוין ניט געפינען, נאָר ער זוכט ווײַטער: אים איז געפעלן דאָס אַרײַנגיין אין פרעמדע הייף און שיר ניט אַרײַנרײַסן זיך אין פרעמדע וווינונגען, זיך איבערוווערטלען מיט יונגע דײַטשקעס, שיצעריש קלאַפּן אין פּלייצע די אַלטע דײַטשן. אַכוצדעם באַקענט ער זיך מיט דער מעגלעכקייט צו באַקומען פאַר זיך אויטאָמאָבילן. אַרײַנרוקן דער מאַכט אַ קלאַסישן אויטאָמאָביל צו דער געהעריקער צײַט, קלערט זיך וואָראָבייצעוו, מיינט פאַרדינען אַ דאַנק און גוטע באַציִונג, וואָס קאָן צונוץ קומען אין יעדן מאָמענט.

אין אַ הויף אַף דער מאָלטקע שטראַססע קומט צו זיי אַרויס פון אַן אַלטן אָפּגעריסענעם הויז אַ מיידל מיט גאַראַזש־שליסלען, — אַ הויכע בראַווע דײַטשקע מיט אַ היפּשן קאָפּ רויטע האָר, ניט לויט די יאָרן דיק. איר נאַקעטע דיקע און ווײַסע הענט מאַכן אַף וואָראָבייצעוון אַ שטאַרקן אײַנדרוק. אין דער צײַט וואָס יאָסט קוקט דורך דעם גאַראַזש, שמועסט וואָראָבייצעוו מיט דעם פרײַלן. מען רופט זי אינגעבאָרג און, פאַרקירצט אינגאַ. וואָקאַבולאַר פון אַזעלכע הונדערט און פופציק ווערטער, און ער קען זיך שוין, מיט זייער הילף, דורכשמועסן, ביפראַט ווען זײַנע שמועסן זײַנען

וואראבייצעוו רעדט שוין צו דערלייַדן דייַטש. אלנפאלס, האט ער שוין א ווייַט ניט אף קיין פילאזאפישע אדער וויסנשאפטלעכע טעמעס.

זיי גייען אַרייַן אינעם גאראזש נאך יאסטן, און צווישן א צענדליקער אויטאמאבילן געפינען זיי דעם פראפעסאר סעבאסטיאנס „מערסעדעס בענץ".

יאסט שטעלט אן זייַן טאשן־לאמטערן, לויפט ארום א דערפרייטער ארום די אויטאמאבילן, פארגלייַכט איין מאל און א צווייטן מאל די נומערן און אף לעצט פרעגט ער אינגען ווי עס קומט צו איר דער אויטאמאביל. זי ענטפערט, אז דעם „מערסעדעס" האבן צוגעבראכט צוויי רוסישע זעלנער; זיי האבן איר אנגעזאגט אים אפצוהיטן און קיינעם ניט ארויסצוגעבן, ווייַל דער אויטאמאביל געהער צו דער „געפעו".

ווי מאדנע דאס זאל ניט זייַן, איז דאס ווארט „געפעו" באקאנט אלע דייַטשן, כאטש אינעם ראטנפארבאנד קען מען דאס ווארט געפינען סייַדן אין א לער־בוך פון געשיכטע. נאר אין דייַטשלאנד און אין אנדערע מייַרעוודיקע לענדער באמיט זיך די פאשיסטישע און אנדערע פראפאגאנדע אייַנצושרעקן דעם אוילעם מיט דעם געהיימניספולן און אומפארשטענדלעכן ווארט.

— טשעפוכא! — צעלאכט זיך וואראבייצעוו.

נאר ווען יאסט פירט ארום דעם קאטש פונעם גאראזש, פראטעסטירט פון דעסטוועגן אינגא, מיט טרערן אין די אויגן, אז זי האט מוירע פאר יענע צוויי, זיי וועלן זיך אן איר נויקעם זייַן דערפאר וואס זי האט ניט אייַנגעהיט דעם אויטאמאביל.

— נארעלע, — לאכט וואראבייצעוו און גלעט אינגעם דיקע האנט. — אזא זאך ווי ,געפעו" איז גאר אף דער וועלט נישטא און די צוויי יונגען וועלן מיר ארעסטירן. נאכדעם ווי מיר וועלן אפפירן דעם אויטאמאביל, וועל איך אהערקומען און דא זיי אפווארטן. מירן זיי דא כאפן. וויאזוי וויינסטו דא, באזונדער? מיט קרויוים? מיט קרויוים? הם... דו פארהאלט זיי דא, די צוויי, טאמער קומען זיי פריער.

מיט די ווערטער זעצט זיך וואראבייצעוו באם רעדל און פארט ארויס פונעם הויף. יאסט זעצט זיך אַרייַן אין זייַן אויטאמאביל. ער וויל צופארן מיט וואראבייצעוון צו סעבאסטיאנען און אים איבערגעבן דעם אויטאמאביל, נאר וואראבייצעוו טראכט זיך, אז גלייַכער וועט זייַן ער זאל אים אליין איבערגעבן, קעדיי לובענצאוו זאל מיינען, אז געפונען האט אים וואראבייצעוו. ער הייסט דעריבער יאסטן פארן צו זייַנע געשעפטן.

פארן פראפעסאר סעבאסטיאנס הויז נעמט ער פייַפן אזוי הויך, אז פון אלע אלטע הייַזער ארום נעמען ארויסשטעקן נייַגעריקע פענעמער. די אלטע מיט דער ווייַסער קאפיע אפן קאפ גייט ארויס צום טויער, קוקט זיך אייַן דורך די גראטעס, גיט פריילעך א פאטש מיט די הענט און צעעפנט דעם טויער. וואראבייצעוו פארט איבער דער אספאלטירטער סטעזשקע פארבייַ דעם הויז צום קליינעם ציגלנעם גאראזש. דא שטעלט ער אפ דעם אויטאמאביל, קריכט ארויס און שרייַט:

— היי, ווער איז דארט! נעמט אייַך אייַער אויטאמאביל!

עס קומט ארויס צו אים א מיידל — אזא כיינעוודיקע, אזא שלאנקע, מיט אזעלכע דינע, נאר שיין געפורעמטע הענט, נאקעטע און טונקעלע. אז וואראבייצעוו פארגעסט זיך אף אינגען מיט אירע ווייַסע דיקע הענט. ער נייגט זיך פאר דער טאכטער פונעם פראפעסאר סעבאסטיאן. זי פרעגט:

— האט דעם אויטאמאביל צוגעשיקט דער הער לובענצאוו?

וואראבייצעוו גיט א קרומען שמייכל און ענטפערט:

— פארוואס עפעס דער הער לובענצאוו? איך אליין האב אים אויסגעפונען.

— א דאנק — זאגט זי, און באקוקט דעם אויטאמאביל, עפנט איין טירל, דאס צווייטע. זי טוט עס מיט אזא ערנסט-באלעבאטישן פנים, און איר דאנק-אויסדרוק איז אזא איינגעהאלטענער, אז וואראבייצעוו פילט זיך באליידיקט. ער האט זיך גערעכט, אז דאס אומקערן דעם צוגעגנוועטן אויטאמאביל, וועט ארויסרופן א גאנצן ברויז פון געפילן. ער גייט איבער אין א געשעפטלעכן טאן און פרעגט צי איז דער אויטאמאביל אין ארדענונג, צי איז ער נישט געשעדיקט.

— אלץ איז אין ארדענונג — זאגט דאס מיידל. אזוי ווי ער גייט נישט אוועק, נאר ער רויכערט זיין ציגארעט און באקוקט דאס גערטל, פארבעט זי אים אריינגיין. ער זעצט זיך אוועק און נעמט קלערן פון וועלכער זייט אנצוהייבן דעם געשפרעך. ער זאגט עטלעכע ליבלעכקייטן, וואס זי נעמט זיי אויף זייער רויק. אירע אויגן, בלוי נישט בלוי, גרוי נישט גרוי, קוקן אף אים קאלט.

— צום באדויערן, קען איך אייך מיט גארנישט מעכאבער זיין — זאגט זי. — איר ווייסט מיסטאמע, אז אונדז לעבט זיך שווער.

— מאדנע, — זאגט ער, — בא אייך וווינט דער קאמענדאנט. ער קען, ווען ער וויל... איך בין נאר זיין געהילף, נאר דער ווירט פון מיין ווינונג באקלאגט זיך נישט אף מיר.

ער קען נישט גענוי אויסדריקן זיינע געדאנקען אין דייטש, און זי שמייכלט ווען ער נעמט ריידן מיט הוילע זאכווערטער, אן בייגונגען און אן בינדווערטער; ווערבן רעדט ער ארויס בלויז אין אומבאשטימטן שטייגער. אף איר שמייכל ענטפערט ער מיט געלעכטערס.

— איר זייט א קאמוניסט? — פרעגט זי אים פלוצעם.

— ניין, — זאגט ער, און וווּנדערט זיך אף איר אומגעריכטער פראגע. זי קוקט אף אים מיט א לייכטן ספק אין די אויגן.

— עמעס, עמעס, — פארזיכערט ער איר. — סאוועטרוסלאנד אליינס קאמוניסט — נישט קאמוניסט. סאוועטרוסלאנד אלע האבן גלייכע רעכטן, — אזוי וואלטן זיינע ווערטער געקלינגען ווען מען זאל זיי גענוי איבערזעצן אין רוסיש.

זי פרעגט צי איז ריכטיק, אז לערנען אין די העכערע שולן דערלויבט מען נאר קאמוניסטן. טכילעס פארשטייט ער זי נישט, און ווען ער פארשטייט שוין, צעלאכט ער זיך הילכיק און זאגט אין רוסיש:

— טשעפוכא! — און אין דייטש: — דום (נאריש).

זיין געלעכטער און זיינע גרימאסן זיינען גענוג אויפריכטיק אף צו איבערצייגן עריקא סעבאסטיאן אין זייער ריכטיקייט.

דא קומט אריין אינעם גאסטצימער דער פראפעסאר אליין. ער דאנקט הארציק וואראבייצעוון. וואראבייצעוו באקומט א פארבעטונג אריינצוקומען צו די סעבאסטיאנס, נייגט זיך פונאנדער און גייט צו דער קאמענדאטור.

איבער דער שטאט פאלן שוין געדיכטע די אוונט-שאטנס. פענצטער ווערן שוין באלויכטן אין די הייזער, און וואראבייצעוון וווּנדערט עס. ער גייט פארביי דעם וואך-זעלנער און גייט ארויף. אינעם אויפנאם-צימער זיצט לובענצאוו, אן אנגעטאנענער, אינעם ווענ-מאנטל מיט דעם היטל, ווי ער וואלט זיך נאך נישט געהאט אויסגעטאן זינט דער מינוט ווען ער איז געקומען צו פארן אין שטאט. די איבעריקע אפיצירן זיינען אויך דא. איינער זיצט, א

צווייטער שפּאַנט אום איבערן צימער, אַ דריטער שטייט, מיט די עלנבויגנס אױף אַ שטול אָנגעשפּאַרט.

וואָראָבייצעוו ראַפּאָרטירט אָפּ לובענצאָוון מיקויעך דעם אויטאָמאָביל. לובענצאָוו זאָגט:

— גוט, זיצט.

וואָראָבייצעוו זעצט זיך אַוועק און פאַרשטייט ניט פאַרוואָס דאָ הערשט אַזאַ געשפּאַנטע שטימונג. די עלעקטריע איז ניט אָנגעצונדן, יאַוואָרסקי שפּאַנט אום פון איין ווינקל צום צווייטן. פון די פראַזן וואָס לובענצאָוו מיט קאַסאַטקינען און יאַוואָרסקין ווארפן זיך איבער, פאַרשטייט וואָראָבייצעוו, אַז זיי זײַנען אַלע צערודערט צוליבן מיטינג, וואָס האָט זיך ערשט אָנגעהויבן אױף דער פאַבריק. דער מיטינג דאַרף ווײַזן די רײנקייט פון די צוויי אַרבעטער־פּאַרטייען, זייער פעיִקייט אַקעגנצושטעלן דער דעמאַגאָגיע פון די בורזשואַזע פּאָליטיקער זייער דעמאָקראַטישע ליניע, וואָס פון איר איז אָפּהענגיק די צוקונפט פון דײַטשלאַנד.

וואָראָבייצעוו זעצט זיך צו צו טשאַכאָוון, וואָס זיצט באַם פענצטער. טשאַכאָוו ווי וואָראָבייצעוו אין אַ געוויסער מאָס, פאַרשטייען ניט פאַרוואָס לובענצאָוו איז אַזוי צערודערט. סאָף־קאָל־סאָף וועט זײַן אַזוי ווי עס וועט זאָגן די סאָוועטישע קאָמענדאַטור. די קאָמענדאַטור איז פאַר דער ערד־רעפאָרם, וועט, הייסט עס, זײַן ערד־רעפאָרם. אַנטשיידן ווערט פון דער רעאַלער מאַכט און ניט פון אַ מיטינג און ניט פון אַראַטאָרישע דריידלעך. ער קוקט דערום נאָך לובענצאָוון אַ פאַרוווּנדערטער, ווי ער רויכערט איין ציגאַר נאָכן צווייטן, כאָטש געוויינטלעך רויכערט ער ווייניק, און ניט ווייניק פאַר־ווּנדערט שמייכלט ער ווען גענעראַל קופּריאַנאָוו קלינגט אָן — און ער האָט שוין דרײַ מאָל אָנגעקלונגען און פרעגט ווי עס גייט דער מיטינג.

וואָראָבייצעוו הייבט די אַקסלען און זאָגט:

— כאַווער פּאָדפּאָלקאָווניק! מײַנעטוועגן וואָלט עמעצער פון אונדז געדאַרפט אַהין צופאָרן, זײַן דאָרטן. זאָלן זיי זען, אַז מען גיט אױף זיי אַכטונג.

לובענצאָוו דרייט אום דאָס פּאָנעם צו וואָראָבייצעוון און זאָגט ניט הויך:

— מיר האָבן שוין די פראַגע אַרומגערעדט און מיר האָבן באַשלאָסן, אַז גלײַכער וועט זײַן מיר זאָלן אַהין ניט פאָרן.

— און איך האַלט זיך באַם פריערדיקן — מישט זיך אַרײַן מענשאָוו פון אַ ווײַטן ווינקל אין צימער, וווּ ער שטייט מיט די הענט פאַרלייגט אױף הינטן באַ דער וואַנט, — אַז נישטאָ וואָס צו גיין מיט זיי איידל, די פראַגע איז אַן ערנסטע...

— אַן ערנסטע! אַן ערנסטע! — זאָגט קאַסאַטקין און בלײַבט שטיין אין מיטן צימער. דערפאַר טאַקע האָבן מיר אַזוי באַשלאָסן, וואָס זי איז ערנסט. סערגיי פּלאַטאָנאָוויטש האָט שוין עקספּאָנירט אונדזער שטאַנדפּונקט. די דײַטשן אַליין זײַנען פאַראינטערעסירט אין דער רעפאָרם, זאָלן זיי זי אַליין פאַרטיידיקן קעגן די אָנפאַלן. נאָך אַלעמען, איז עס אַ ריין דײַטשער איניען. גרינגער ווי אַלץ איז, נאַטירלעך, אַרויסגעבן באַפעלן.. דערנאָך וועלן זיי זיך פאַררופן: מען האָט אונדז באַפוילן... מיר ווייסן פון גאָרנישט.

דער טעלעפאָן קלינגט. יאַוואָרסקי כאַפּט דאָס טרײַבל.

— גוט, — שרײַט ער אין דײַטש, — פאַרשטענדליך. גוט.

ער לייגט אַוועק דאָס טרײַבל און זאָגט:

— שנײַדער האָט פֿאַרענדיקט ריידן. פֿולשטענדיקער שווײַגן. קיין איין אַפּלאָדיסמענט.

לובענצאָוו זאָגט דערויף גאָרניט, ער פֿאַררויכערט בלויז נאָך איין ציגאַרעט.

— זיי וועלן זיי לייגן אַף די קוילן — צעלאַכט זיך טשעגאָדאַיעוו. — אַרבעטער זײַנען אַרבעטער, אַפּילע דײַטשע. ניין, באַשטימט. איך דענק, אַז אַלץ וועט גוט זײַן. איך קען די פֿאַבריק! פֿאַראַן דאָרט יאַטן, אויסגעצייכנטע.

— מעגלעך, נאַטירלעך, — ענטפֿערט מענשאָוו און זעצט זיך אַיועק באַ אַן עק טיש. — נאָר, ווי זאָגט מען עס, אַף גאָט דאַרף מען האָפֿן און אַליין אויך ניט שלאָפֿן.

— וואָס־זשע, מיר שלאָפֿן דען? — ווישט זיך יאַוואָרסקי די ברילן.

— מיר טוען דען ניט וואָס מען דאַרף, אַז זיי זאָלן פֿאַרשטיין? זיצן מיר דען די גאַנצע צײַט מיט פֿאַרלייגטע הענט? ניט אַזוי דאַרף מען עס זאָגן. דאָס שפּריכוואָרט גייט ניט אַף אונדז, נאָר אַף זיי: אַף דער קאָמענדאַטור דאַרף מען האָפֿן און אַליין ניט שלאָפֿן.

— אַף אונדזער טעריטאָריע האָבן זיי זיך ניט געצערעמאָניעט, — רופֿט זיך שטיל אָן וואָראָבייציעוו.

— זײַנען עס דאָך זיי! — גיט טשעגאָדאַיעוו אַ קלאַפּ מיט אַ גרויסן פּויסט אַ זײַן קני. ף

— ע, גיי שוין, — גיט אַ מאַך אַף אים מיט דער האַנט וואָראָבייציעוו און דרייט זיך אום צו טשאָבאָוון.

הינטער דעם „ע, גיי שוין" ליגט אַ געדאַנקעלע, וואָס מען קען אויס־דריקן מיט די ווערטער: „אַלע זײַנען מיר מיט איין זאַלב געשמירט". — און מען מוז זאָגן, אַז וואָראָבייציעוו דענקט טאַקע אַזוי. אידייען־פֿראַגן באַרירן אים ניט — און ניט דערפֿאַר וואָס ער האַלט, אַז אַלע מענטשן זײַנען ברי־דער, נאָר דערפֿאַר וואָס ער האַלט, אַז אַלע מענטשן זײַנען בעסטיעס. ווי דאָס זאָל ניט זײַן, דרייט ער זיך אַוועק און דריקט דערמיט אויס זײַן גלײַכגילטיקייט צום ווײַטערדיקן געשפּרעך, ער טראַכט גאָר וועגן עריקאַ סעבאַסטיאַן און אירע דינע מיידלשע הענט. דערנאָך דערמאָנט ער זיך אַף איינגען, און אַז ער דאַרף גאָר גיין כאַפּן די צוויי געזעץ־ברעכער. דער אײַ־קער ווילט זיך אַרויסגיין פֿון דער קאָמענדאַטור, ווײַל דער מיטינג אינטערע־סירט אים ניט שטאַרק, אַלנפֿאַלס, גיט ער אים ניט צו די וויכטיקייט וואָס אים גיבן צו די איבעריקע.

ער שטעלט זיך ווידער אויף און ראַפּאָרטירט דעם קאָמענדאַנט, אַז ער האַלט פֿאַר נייטיק צוגיין צו דעם גאַראַזש, וווּ עס האָט זיך געפֿונען דער געגאַנוועטער אויטאָמאָביל, קעדיי צו אַרעסטירן די פֿאַרשוינען, וואָס זײַנען באַגאַנגען דעם פֿאַרברעכן.

לובענצאָוו דערלויבט אים גיין. וואָראָבייציעוו, וואָס וואָלט וועלן, מיט אַ ביטערע הינטערמיין, אַז נאָך עמעצער פֿון די כאַווירים, זאָל מיט אים טיילן דעם אַנגענעמען אָוונט, וואָס שטעלט זיך אים פֿאָר, רופֿט זיך אָן:

— אַליין וועל איך זיך מיט דעם איניען ניט ספּראַווען. זיי זײַנען צווייען.

— נעמט מיט זיך אַ זעלנער מיט אַן אויטאָמאַט, — זאָגט אים לובענ־צאָוו צעשטרײַטערהייט.

— עפשער זאָל קאַפּיטאַן טשאַכאָוו מיט מיר גיין?
— זאָל ער, — זאָגט אים אויך אַזוי צעשטרייט לובענצאָוו. — דאַוואַי.
און וואָראָבייצעוו מיט טשאַכאָוון גייען אַרויס פון דער קאָמענדאַטור.

VII

האָסט מיך איינגאַנצן פאַרגעסן, — זאָגט וואָראָבייצעוו ווען זיי קומען אַרויס פון דער קאָמענדאַטור — ביסט נאָך קיין איין מאָל ניט געווען בא מיר. קענסט זיך נאָך אַלץ זאַט ניט אָנקוקן אַף דיין לובענצאָוון. איז דיר טאַקע אַזוי אינטערעסאַנט מיט אים? פון עפּעס אַנדערש רעדט ער ניט, ווי נאָר פון ערד־רעפאָרם, פאַרגרייט, רעפּאַראַציעס, דעמאָנטאַזש, די שולד פון־נעם דייטשן פאָלק... ער איז גאָר ניט קיין מענטש, נאָר אַ גייענדיקע צייטונג. ווו וווינסטו?
— אין דער קאָמענדאַטור, אינאיינעם מיט דעם קאָמאַנדיר פון דער אָפּטיילונג.
— דאָס האָט דיין פּאָנעם. דיין אידעאַל איז די קאַזאַרמע. איך וווין אָט־דאָ אַרונטער, קום אַריין אַף אַ מינוט צו מיר.
וואָראָבייצעווס וווינונג אין לויטערבורג איז ווייט ניט אַזאַ עלעגאַנטע ווי אין באַבעלסבערג. וואָראָבייצעוו איז איצט געהיטער. ער פאַרנעמט איצט צוויי צימערן אין אַן אייבערשטן שטאָק. עמעס, די צימערן זיינען גרויסע מיט ברייטע באַלקאָנען און מיט באַזונדערע טרעפּ אין הויף אַריין. די ווענט זיינען באַהאַנגען מיט בילדער, דער פּאָל איז באַדעקט מיט טעפּעכער. פריער האָט דאָ געוווינט אַלבינאַ טערעשטשענקאָ.
מיין הויזווירט איז אַ בוכהענדלער — זאָגט וואָראָבייצעוו, — אַגעוו, קען ער זיך אויך ניט אָפּליבן פון דיין לובענצאָוון. ער איז בא אים געווואָרן אַ שטענדיקער קונד. — ער זאָגט עס מיט כויזעק, כאָטש ער איז מוידע, אַז ער האָט קיין שום גרונד נישט פאַר כויזעק, און אַז דער פאַקט פון ביכער לייענען קען ניט פאַרשווארצן לובענצאָווס פּאָנעם אין טשאַכאָווס אויגן, גיכער פאַרקערט. נאָר כאָטש ער איז עס מוידע און פילט אַליין ניט קיין באַגער צו לאַכן פון לובענצאָוון, קומט בא אים אַרויס אַלץ וואָס ער רעדט וועגן לובענצאָוון אין אַ כויזעק־טאָן. ער רופט אים „אונדזערער" און גיט אָפּט צו אַן „אָט": „און אונדזערער־אָט איז ווידער אַרויסגעפאָרן אין דאָרף", „אונדזערער־אָט האָט היפּש דורכגעלייזמערט קאַסאַטקינען", „אונדזערער־אָט לייענט די דייטשע קלאַסיק", און אַזוי ווייטער. און מיט דעם אומבאַשטימט־גיפּטיקן אויפן ריידן זוכט ער אָנצושטימען זיך און טשאַכאָוון קעגן לובענצאָוון, כאָטש ער גיט זיך אַליין קיין כעשבן ניט צוליב וואָס ער דאַרף עס.
היינט, נאָך זיין וויזיט באַם פּראָפעסאָר סעבאַסטיאַן אין הויז, באַשליסט ער אַרויסצולאָזן אַ שטיקל קלאַנג, און וועלכן ער אַליין גלייבט ניט.
— אונדזערער־אָט האָט געוווּסט ווו זיך אַריינצוציִען. פאַראַן דאָרט אַ מיידעלע — דעם פּראָפעסאָרס טאָכטער! אַן עפּעלע.
— גענוג שוין, קום, — זאָגט טשאַכאָוו.
— זיי גייען איבער שוואַך־באַלויכטענע גאַסן, פאַרביי עטלעכע בלאָקן הוילע כורוועס. די גאַסן זיינען שוין ריין פון בראָכוואַרג, און זייער גלאַטער אַספאַלט מיט די גלייכע טראָטוארן שרעקן מיט זייער קאָנטראַסט צו די

קופּעס ציגל־בראָך, וואָס קוקן אַרויס פֿון די פֿענצטער־ראַמען, און צו אײַערע בעליקעס, וואָס שטעקן פֿון זיי אַרויס.

אינגאַ דערפֿרייט זיך שטאַרק מיט וואָראָבייצעוון, ווײַל זי איז דעם גאַנצן אָוונט געווען אין הוילע שרעק, אַז אָט קומען די „באַלעבאַטים" פֿור־נעם אויטאָמאָביל. זי פֿירט זיי איבער פֿינצטערע קרומע הילצערנע טרעפּ צו אַ בוידעם־וווינונג, וווּ עס וווינען אין שטײַגלעך הינטער נידעריקע טיר־לעך אַן אַ שיר מענטשן. דאָ באַקענט אינגאַ די רוסישע אָפֿיצירן מיט איר פֿאָטער, אַ גרוי־וואָנציקער באַן־אַרבעטער. דאָ אויך אין אַ ווינקל אויף אַ קאַסטן, שלאָפֿט אַ צוויי־יאָריק קינד.

— וועמענס איז עס? — פֿרעגט וואָראָבייצעוו.

— מײַנס, — ענטפֿערט אינגאַ.

וואָראָבייצעוו גיט פֿאַרוווּנדערט אַ פֿײַף: אינגאַ איז אינגאַנצן זיבעצן יאָר אַלט.

— און דער מאַן וווּ איז? — פֿרעגט ער.

זי ענטפֿערט ניט.

— וואָס נעמסטו זי אויפֿן פֿאַרהער? — פֿרעגט טשאָכאָוו. — קריכסט שטענדיק ניט אין דײַנע געשעפֿטן.

זיי זעצן זיך צו צום טיש. וואָראָבייצעוו, אַ באַוואָרנטער מענטש, נעמט אַרויס פֿונעם פֿעלד־טאַש אַ פֿלעשל מיט פֿאַרבײַסן. אינגעס פֿאָטער גיט אַ קנאַק מיט דער צונג.

— שוין לאַנג ניט פֿאַרזוכט, — ס'איז ניט צו קריגן. ס'הייסט קריגן קען מען, נאָר טײַער.

נאָכן עסן, רופֿט וואָראָבייצעוו צו צו זיך אינגען:

— קום אַ קוק טאָן... עפּשער זײַנען זיי שוין דאָ.

אינגאַ האָט קיין חשק ניט צו גיין מיט וואָראָבייצעוון. זי פֿאַרהאַקט זיך:

— אויב זיי וועלן קומען, וועלן זיי זיכער אַרויפֿקומען נאָך די שליסלען.

וואָראָבייצעוו איז באַליידיקט, אויפֿגעבראַכט און נעמט זי אײַנריידן. זי קאָרטשעט זיך און גייט אַרויס מיט אים.

טשאָכאָוו איז מעכאַבעד אינגעס פֿאָטער מיט אַ ציגאַרעט און יענע לאַכט גליקזעליק, ער לאָזט זײַלן רויך פֿונעם מויל און זאָגט:

— דאַנקע, דאַנקע העדר אָפֿיציר.

ער איז, קענטיק, מיט דעם ציגאַרעט צופֿרידענער ווי מיט דעם ווײַן און פֿאַרבײַסן. ער ווײַזט טשאָכאָוון אַ קאָלעקציע פּײַקעס פֿון פֿאַרשידענע גרייס און פֿאָרם. נאָר אין קיין איינער פֿון די פּײַקעס איז קיין בראָקן טאַבאַק נישטאָ. טשאָכאָוו וויל זאָגן דעם דײַטש, אַז מילכאָמע־צײַט אין רוסלאַנד האָבן פּויערים און שטאָטישע מענטשן אַליין געפֿלאַנצט טאַבאַק, נאָר ער ווייס ניט וויאַזוי דאָס צו זאָגן אין דײַטש און ער זיצט דערום און שווײַגט, רויכערט און טראַכט. דער דײַטש איז שיקערלעך און נעמט דערציילן טשאָ־כאָוון וועגן זײַנע זאַכן. און כאָטש ער זעט, אַז טשאָכאָוו פֿאַרשטייט ווייניק וואָס, גיט ער אים גאַנץ פֿלײַסיק צו פֿאַרשטיין און כאַזערט איבער די פֿראַזן עטלעכע מאָל. עס ווילט זיך אים דער רוסישער אָפֿיציר זאָל פֿאַרשטיין. ער זאָגט, אַז עלטערע מענטשן, אַזעלכע ווי ער, האָבן שטענדיק געוווּסט וואָס היטלער איז, זיי האָבן געפֿילט וווּהין היטלער פֿירט דײַטשלאַנד, און האָבן אים געהאַסט און פֿאַראַכט. ער קלאָגט זיך אויף דער יוגנט, וואָס היטלערן

האָט זיך איַינגעגעבן צו פאַרפירן און צעהעפקערן. אינגאַ איז געווען אַ מיטגליד אינעם „בע־דע־עם" (בונד פון דיַיטשע מיידלעך — איינע פון דער גרויסער צאָל היטלערס מאַסן־אָרגאַניזאַציעס). זי האָט געשריגן „הייל היט־לער" ביז טעמפּ ווערן. זומער, פלעגט זי, ווי אַנדערע מיידלעך, אַרויספאָרן אין אַ לאַגער. דאָרט אויך האָט זי פאַרשוואַנגערט. ווען דער פאָטער האָט עס איר פירגעוואָרפן, האָט זי אים געדראָט, אַז זי וועט אים פאַרמאַסערן אין איר אָרגאַניזאַציע, און ער האָט דאָס אַלץ געמוזט איבערלעבן — די גאַנצע כאַרפּע, וואָס אינגאַ האָט עס פאַר קיין כאַרפּע ניט געהאַלטן, וויַיל אין די „בע־דע־עם"־לאַגערן האָט מען די זאַכן דערמוטיקט, און דאָס קינד וואָס איז אַף אַזאַ אויפן געבוירן געוואָרן האָט געהייסן „קינד פיר פירער".

טשאָכאָוו פאַרשטייט קימאַט ניט, נאָר ער שאָקלט צו מיטן קאָפּ.

וואָראָבייצעוו מיט אינגען קומען צוריק. זי איז פינצטער, ער איז בייז. ער שלאָגט איבער דעם אַלטן אינמיטן ריידן און רופט זיך אָן צו טשאָכאָוון:

— נו, גענוג וואַרטן באַם יאַם אַף אַ שיין וועטער, עפּשער וועלן מיר

זיי קליַיבן זיך שוין אַוועקצוגיין, ווען עס דערהערט זיך אַ הילכיקער קלאַפּ אין טיר און אַ נידעריקע מענער־שטים אין רוסיש:

— היי, איר דאָרטן, דעם שליסל גיט אַהער!

וואָראָבייצעוו שפּרינגט אַרויס אַף פאָרנט, צעעפנט שנעל די טיר און שלעפּט אַריַין אין צימער אַן איבערראַשטן און באַלד דערויף אַ טויט־דער־שראָקענעם סערזשאַנט. דער סערזשאַנט איז אַ יונגערמאַן פון אַ יאָר פינף און צוואַנציק, אַ בלאָנדער יאַט מיט אַ מיליטערישן ווינטער־היטל אָנגערוקט איבער די אויגן. ווען ער דערזעט די צוויי אָפיצירן, נעמט ער פינטלען מיט די אויגן, נאָר דאָ פאַלט זיַין בליק אַפן ליידיקן פלעשל, וואָס שטייט אַפן טיש, און ער ווערט מיט אַ מאָל אויפגעלעבט.

— וואָס האַלט איר מיך צו, כאַווער קאַפּיטאַן? — פרעגט ער אַ באַ־ליידיקטער. — איך וואָלט אַליין אַריַינגעגאַנגען. גיב אַהער די שליסלען, — דרייט ער זיך אויס צו אינגען.

— די שליסלען? — פרעגט איבער מיט כויזעק וואָראָבייצעוו, — היידאַ, אין דער קאָמענדאַטור, דאָרט וועט מען דיר געבן די שליסלען, פונעם גאַ־ניידן, וועסטו זיַין ווי דער הייליקער פעטער. האָסט אַ מאָל געהערט וועגן אים?

— פאַרוואָס באַגייט איר זיך אַזוי מיט מיר?... — טיַינעט דער סער־זשאַנט דאָס זיַיניקע און דערביַי קוקט ער מיט אַ זיַיט צו דער טיר. — אויב איך בין אַ סערזשאַנט און איר אַן אָפיציר... איך בין דאָ אויך מיט אַן אויפגאָב.

— מיט אַן אויפגאָב? — איז וואָראָבייצעוו נאָך אַלץ גיפטיק. — מיט אַן אויפגאָב פונעם שעף איבער דער מאַראָדערן־קאָמאַנדע?

טשאָכאָוון דערעסט דאָס איבערווערטלען זיך, און ער זאָגט:

— איַיער דערלויבעניש־צעטל. מיט איַיך ריידן אָפיצירן פון דער סאָ־וועטישער קאָמענדאַטור. מאַכט צורעכט אַף זיך דאָס היטל. שטעלט זיך ווי געהעריק. איר האָט אַ דערלויבעניש־צעטל?

דער סערזשאַנט גיט אַ קוק אַף טשאָכאָוון און כאַפּט זיך טייקעף, אַז ס'איז ניט קיין געלעכטער. וואָראָבייצעוו גופע גיט זיך אונטער דעם שטרענ־גן איבערציַיגנדיקן טאָן, און הערט אויף שפּאַסן אַף זיַין אויפן. ער פאַרריכט אַף זיך דעם פּאַסעק, ווערט טרוקן און ערנסט.

קיין דערלויבעניש־צעטל האָט ניט דער סערזשאַנט. אַנטלויפֿן קען ער ניט. שלינגט ער עטלעכע מאָל איַין די שפּיַיעכץ און נעמט זיך בעטן:

— כאַווירים אָפיצירן, איך קער זיך דערמיט גאָרניט אָן... מען האָט מיך געשיקט. איך האָב קיין שלעכטס ניט געמיינט. ס'איז ריכטיק, מיר האָבן גענומען דעם אויטאָמאָביל. זיי האָבן אַ סאַך. מיר וואָלטן זיך דורכגעפאָרן און איבערגעלאָזט. אַ שטיפעריַי, ניט מער.

באַ די ווערטער קען ניט וואָראָבייצעוו זיך ניט דערמאָנען וועגן דעם וויאַזוי ער האָט באַקומען זיַין „אָפּעל־קאַפּיטאַן", ער האָט אים אויך, מער ווייניקער, אַזוי גענומען, ווי דער זעלנער דעם פּראָפעסאָר סעבאַסטיאַנס „מערסעדעס"; ווען מען אַרעסטירט דערביַי וואָראָבייצעוון, און מען ברענגט אים אין דער קאָמענדאַטור, וואָלט ער אויך אַזוי געזאָגט, וואָרעם אויך ער האָט עס געהאַלטן פאַר אַ קלייניקייט, פאַר אַ גאַנץ אומשולדיקער אָקופּאַנטישער שטיפעריַי, ווי דער סערזשאַנט זאָגט, אַ שפּיצל אָפּגעטאָן. נאָר ניט געקוקט אַף זיַינע געדאַנקען, און עפּשער דערפאַר טאַקע, קוקט ער אױפֿן סערזשאַנט פּיַינטלעך און בייז, און באַ אים אין די אויגן זעט דער סערזשאַנט דעם גלאַנץ פון אַ שטרענג אויסגעפּולטער פליכט — שיר ניט די שיַין פון דער אומשולד וואָס טריומפירט איבער דער זינד.

וואָס שאַיעך טשאָכאָוון, האָט ער בעעמעס ראַכמאָנעס אױפֿן סערזשאַנט, כאָטש ער וואָלט קיינמאָל ניט געקענט באַגיין אַזאַ פעלער, ווי עס איז באַגאַנגען דער סערזשאַנט. און ראַכמאָנעס האָט ער אַף אים דערפאַר וואָס נאָך אַלעמען איז ער אַ רוסישער מענטש, וואָס האָט מיסטאָמע פאַרבראַכט פיר יאָר מילכאָמע אין אומדערטרעגלעכע באַדינגונגען, וואָס האָט מיסטאָמע געטאָן זיַין זאַך אָרנטלעך און מיט מעסירעס נעפעש, און זיַין פעלער איז ער מיסטאָמע באַגאַנגען אומבאַוווסטזיניק, האָט זיך אונטערגעגעבן דער אַטמאָספער פון ליַיכטזין און זאָרגלאָזיקייט, וואָס הערשט די ערשטע ציַיט צווישן מיליטער אין אַ באַזיגטן לאַנד, און נאָך אַלעמען, דענקט טשאָכאָוו מיט אַ געוויסן פאַרדראָס אַף די דיַיטשן, און צווישן זיי, אַפילע אַף אָט דער גוטהאַרציקער אינגאַ און איר ווילן פאָטער, די דיַיטשן האָבן ניט ווייניק אָנגעראַבעוועט אין אונדזערע לענדער: ס'איז קיין בייז ניט, זאָלן זיי פאַרזוכן כאָטש אַ הונדערט־טייל דערפון וואָס די רוסן, פּאָלאַקן, טשעכן און פראַנצויזן האָבן פאַרזוכט. און אַפילע ווען טשאָכאָוו דערמאָנט זיך אַז זיַין פריַינט לובענצאָוו, וואָרפט ער אים פיר, אין זיך, זיַין איבערטריבענע, אַזוי צו זאָגן, איינזיַיטיקייט צו די דיַיטשן און אויך איבערגעטריבענע שטרענגקייט צו די אייגענע.

ניט געקוקט אַף די אַלע געדאַנקען, קען טשאָכאָוון אַפילע אױפֿן געדאַנק ניט קומען אָפּצולאָזן דעם סערזשאַנט ער זאָל זיך גיין ווהין די אויגן טראָגן אים. טשאָכאָוון האָט אַהער געשיקט זיַין נאַטשאַלניק, און ער מוז דעם געזעצברעכער אַרעסטירן, אַפילע עס זאָל דערביַי קומען צו אַן איבערשיסונג. ער טוט דערום אָן דאָס היטל, גיט אַ בליק צו אינגען און איר פאָטער און גייט צו צום סערזשאַנט.

— געגאַנגען, — זאָגט ער.

דער סערזשאַנט דרייט זיך אויס אַ נאָכגעביקער און גייט אַרויס.

שוויַיגנדיק שפּאַנען זיי פאָרויס איבער דער נאַכטיקער שטאָט, ווו אַלץ איז שוין איַינגעשטילט. דער סערזשאַנט גייט מיט אַן אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ. ערשט ווען עס באַוויַיזט זיך די קאָמענדאַטור, אַ שוואַך־באַלויכטענע מיט פיר לאַמטערנס, וואָס אין זייער שיַין העלט זיך רויט און ציטערט די פאָן

אויפֿן גאַניק, האַלט אײַן דער סערזשאַנט די טריט און דרייט זיך האַלב אויס צו טשאַכאַוון.

— כּאָוועד קאַפּיטאַן, — זאָגט ער. אָפֿ·וואָראָבייצעוון קוקט ער אַפֿילע ניט. — איך בין שולדיק, כּאָוועד קאַפּיטאַן.

— גענוג, גיי, ניט גערעדט, — האַקט אים אָפּ וואָראָבייצעוו, געטראָפֿן דערפֿון וואָס יענער האַלט טשאַכאָוון פֿאַר אַ וויכטיקערן פֿון אים, וואָראָבייצעוון. — מ׳עט שוין דאָרטן זען.

צווישן די שמאָלע שפּאַלטן אין די שווערע פֿענצטער־שטאָרעס פֿונעם צווייטן שטאָק, ווערט ליכטיק. אין דער קאָמענדאַטור שלאָפֿט מען ניט.

זיי גייען אַרויף אַלע דרײַ די טרעפּ און קומען אַרײַן אין אויפֿנאַם־צימער. דאָס צימער איז העל־באַלויכטן, נאָר קיינער איז דאָרט נישטאָ. דער פֿאַר טראָגט זיך אַ הויכער געשפּרעך פֿונעם קאַבינעט. וואָראָבייצעוו שפּאַרט אָפּ די טיר און ווערט געפּלעפֿט פֿון אומגעריכטקייט: דער קאַבינעט איז פֿול מיט מענטשן. אויפֿן דיוואַן זיצט. נאָך אַלץ אינעם מאַנטל און היטל לובענצאָוו. די איבעריקע קאָמענדאַטור־אָפֿיצירן זיצן ווער וווּ. פֿאַראַן זײַנען דאָ וואָראָבייצעווס אומבאַקאַנטע אָפֿיצירן — קענטיק פֿון אַלטשטאָט און אַנדערע צוויי שכייניש׳ע קאָמענדאַנטן. — לעאָנאָוו און פֿיגאַרעוו. קאָמיש, אַלע זיצן זיי אָן די שינעלן און אָן די היטלען, אַכוץ דעם „באַלעבאָס״ גופֿא.

— גענעראַל קופּריאַנאָוו באָם טעלעפֿאָן — זאָגט מענשאָוו און דערלאַנגט דאָס טרײַבל לובענצאָוון.

— יאָ, כּאָוועד גענעראַל. יאָ, אַלץ איז פֿאַרענדיקט. איר ווייסט שוין? איך זע, איר האָט אינפֿאָרמאַציע ניט בלויז פֿון איין קוואַל. — לובענצאָוו הערט זיך אײַן, צעלאַכט זיך קורץ און רעדט ווײַטער: — דער מיטינג איז דורכגעגאַנגען אונטערן לאָזונג „די רעאַקציע הייבט אויף דעם קאָפּ״. די אַרבעטער האָבן זיך אַרויסגעוויזן פֿון זייער בעסטער זײַט. אַ פּראָטימדיקן באַריכט וועל איך אַרויסשיקן אין דער פֿרי. אַלנפֿאַלס, איז שנײַדער דורכגעפֿאַלן ביז אַראָפּ. ער איז אַנטלאָפֿן, האָט דעם ראָק איבערגעלאָזט, און די אַרבעטער האָבן דערנאָך דעם ראָק אָפּ אַ שטעקן אויפֿגעהויבן און אים נאָכגעטראָגן נאָכן אויטאָמאָביל. ניין, קיין באַזונדערע עקסצעסן זײַנען נישט פֿאָרגעקומען. געשלאָגן האָט מען אים ניט. דאָס איז ניט עמעס. אַרויסגעטראָטן זײַנען נײַן אַרבעטער. איין אינזשעניער. די פֿירער גופֿא פֿון די דעמאָקראַטישע פּאַרטייען האָבן שוין ניט געקענט אַרויסטרעטן... דער אינזשעניער און צוויי אַרבעטער זײַנען געווען ניט צוגעגרייט. זיי זײַנען אַרויסגעטראָטן סטיכייִש, דערפֿאַר שטאַרק. יאָ, יאָ, אַזוי, באָלשעוויסטיש. איין אַרבעטער, שולץ — איך קען אים — אַ רויִקער אַזאַ, אַ פֿאַמעלעכדיקער — איז אַרויף אָפּ דער טריבונע און פֿרעגט: „צי איז ניט דער טירינגער גוטבאַזיצער שנײַדער אײַערער אַ קאָרעוו? צי ניט פֿאַר זײַן ערד נעמט איר זיך אָן אַזוי אײפֿעריק, הער שנײַדער?״ די פֿראַגע האָט געטראָפֿן אין סאַמע פּינטל. עפּשער איז ער טאַקע זײַנער אַ קאָרעוו, איך ווייס ניט. אַלנפֿאַלס, אַ פֿולער כּורבן. דער אַרבעטער־קאָלעקטיוו האָט זיך באַשטימט אַרויסגעזאָגט פֿאַר דער ערד־רעפֿאָרם, פֿאַר דער דעמאָקראַטיזאַציע. און די פֿאַבריק איז די גרעסטע אונטערנעמונג אין דער געגנט... גוט. פֿאַראַן. כ׳וועל אַרויספֿאָרן.

VIII

— כאַוועך פּאָדפּאָלקאָווניק — מעלדעט וואָראָבייצעוו און טראָגט צו די האַנט צום דאַשעק. — איינער פֿון די מאַראָדערן, וואָס האָבן צוגענומען דעם אויטאָמאָביל באַם פּראָפֿעסאָר סעבאַסטיאַן איז אַרעסטירט.

לובענצאָוו דרייט אום דעם קאָפּ צו וואָראָבייצעוון. אַפֿן פּאָנעם באַ אים שטייט פֿאַרגליווערט אַ גרימאַסע פֿון שטוינען, ווי עפּעס געדענקט זיך אים און ער קען זיך ניט דערמאָנען. אַף לעצט, זאָגט ער:

— אַך, יאָ — ער שווײַגט אַ ווײַלע. — נו, פֿירט אים אַרײַן.

עס קומען אַרײַן טשאָכאָוו מיט דעם סערזשאַנט. דער סערזשאַנט בלײַבט שטיין אַ פֿאַרגליווערטער אין מיטן צימער מיט אַן אויסדרוק פֿון מידקייט אָן אַ ברעג אַף זײַן יונגן געשפּרענקלטן פּאָנעם. עטלעכע אויגנבליקן קוקט ער אַף אַראָפּ, אַפֿן פֿאַרקעטן פּאָל, דערנאָך הייבט ער אויף די אויגן און קוקט אַפֿן פּאָדפּאָלקאָווניק לעאָנאָוו, ווײַל ער מיינט, אַז ער איז דער הויפּט־נאַטשאַלניק. דאָ נעמט ריידן לובענצאָוו, נאָר דער סערזשאַנט וואַרפֿט אַף אים אַ פֿאַרבײַלויפֿיקן בליק און נעמט ווײַטער קוקן אַף לעאָנאָוון, מאַכ־מעס דעם וואָס לובענצאָוו איז געווען אָנגעטאָן און זעט גיכער אויס ווי אַ גאַסט.

— פֿאַרוואָס־זשע שטעלט איר זיך ניט פֿאָר? — פֿרעגט לובענצאָוו.

— אײַער פֿאַמיליען־נאָמען, ראַנג, פֿון וועלכער טייל?

— סערזשאַנט ביעלעצקי, פֿונעם באַזונדערן אַנטיטאַנקען־דיוויזיאָן.

— איר דינט באַם פּאָלקאָווניק סאָקאָלאָוו?

— ריכטיק, — ענטפֿערט דער סערזשאַנט אַ פֿאַרציטערטער און קוקט נאָך אַלץ אַף דעם פּאָדפּאָלקאָווניק לעאָנאָוו.

— ווער האָט אײַך דערלויבט אַרויסגיין אָן אַ דערלויבעניש־צעטל?

— אַליין.. אָן אַ דערלויבעניש, — קוועטשט פֿון זיך אַרויס דער סער־זשאַנט.

— נו, גוט, — איז לובענצאָוו אומגעדולדיק. — און דעם אויטאָמאָ־ביל? פֿאַר וועמען האָט איר אים גענומען? צו וואָס האָט אײַך געטויגט דער אויטאָמאָביל? וואָס האָט איר געדאַרפֿט פֿירן אַף דעם אויטאָמאָביל? ענט־פֿערט, דערקלערט מיר.

מאַכמעס דער סערזשאַנט שווײַגט, הערט אויף ריידן אויך לובענצאָוו.

— כ'בין שולדיק, כאַוועך קאָמענדאַנט, — רופֿט זיך אָן דער סער־זשאַנט. — אַ שטיפֿערײַ. בלויזע שטיפֿערײַ. — דאָס וואָרט כאַזערט ער אי־בער נאָך עטלעכע מאָל און טראָגט אַריבער דעם בליק פֿון לעאָנאָוון אַף לובענצאָוון און צוריק, אַ פֿאַרלוירענער, דאַכט זיך, ניט דערפֿאַר וואָס ער איז באַגאַנגען אַ פֿעלער און וועט פֿאַר אים באַשטראָפֿט ווערן, נאָר דערפֿון וואָס ער קען בעשום אויפֿן ניט פֿאַרשטיין ווער דאָ איז דער הויפּט און צו וועמען, אייגנטלעך דאַרף ער זיך ווענדן.

— פֿון וואַנען זײַט איר אַ געבוירענער? — פֿרעגט אים פּלוצעם לו־בענצאָוו. די ווערטער קלינגען אַפּ קימאַט צערטלעך אין מיטן דעם שווערן שווײַגן פֿון די אַלע מענטשן.

— איך בין פֿון סאַראַטאָוו, פֿון סאַראַטאָוו בין איך. — צערעדט זיך שנעל דער סערזשאַנט מיט אַזאַ טאָן, גלײַך דאָס וואָס ער איז אַ דאָרטיקער קען זײַן פֿאַר אים אַ רעטונג. — מײַנע עלטערן זײַנען סאַראַטאָווער. און איך אַליין האָב געוווינט ביזן צוועלפֿטן נאָוועמבער פֿונעם איין און פֿער־

ציקסטן יאָר אין סאַראַטאָוו, און דעם צוועלפטן האָט מען מיך גערופן אין דער אַפּערירנדיקער אַרמיי.

אָט די פּאָשעטע ווערטער אַרויסגערעדטע אין אַ טאָן פון טיפסטער ווידע, רירן דאַכט זיך קיינעם ניט און אַלע קוקן ווײַטער שטרענג אַף דעם סערזשאַנט. נאָר טשאַכאָווס פּאָנעם ווערט אומגעוויינלעך טרויעריק, ער שטייט אָבער הינטערן זעלנער און דער קען אים ניט זען.

נאָר אויב דער סערזשאַנט מיינט, אַז די אַלע אָפיצירן זײַנען צו זײַן גוירל גלײַכגילטיק, האָט ער אַ טאָעס. כאָטש לובענצאָוו קוקט אַף אים מיט אַ שטרענגקייט וואָס פּאַסט זיך אין דעם פּאַל, איז אים, פון דעסטוועגן, אַ שאָד דער סערזשאַנט, און געהיימערהייט איז ער בייז אַף טשאַכאָוון און וואָראָבייצעוון פּאַרוואָס זיי האָבן אַרעסטירט דעם מענטשן, כאָטש דער אויטאָמאָביל איז שוין געפונען געוואָרן און דאָס וויכטיקסטע איז שוין אָפּגעטאָן. אין געדאַנק זעט ער דאָס היימלעכע גערטל פונעם פּראָפּעסאָר סעבאַסטיאַן, דעם פּאָנטאַן מיט דעם אַמורל אין מיטן, און ער טראַכט זיך מיט פּאַרדראָס, וואָס אָט דעם יאָט איז באַשערט געווען מען זאָל אים רופן אין נאָוועמבער 1941 אין דער אָפּערירנדיקער אַרמיי און אין פיר יאָר אַרום זאָל ער אַרײַנפּאַלן אַהער אין דער ווײַטער און פרעמדער לויטערבורג, און דאָ אַרײַנגיין אין אַ געווויסן הויז מיט אַ גערטל, ווו עס וווינט דער פּראָפּעסאָר סעבאַסטיאַן און זײַן טאָכטער. און כאָטש זיי זײַנען אומדירעקט ניט שולדיק וואָס אַהער זײַנען געקומען פון סאַראַטאָוו און פון אַנדערע שטעט רוסישע מענטשן, וואָס האָבן זיך געפילט גוט אין יענע שטעט, נאָר אַ טייל פון דער שולד פּאַלט דאָך אַף זיי. און, דאָך, ניט געקוקט דערויף, מוז לובענצאָוו איבערגעבן דעם סערזשאַנט ביעליעצקי צום מיליטערישן געריכט אַ באַשולדיקטן אין מאַראָדערישער טאַט. דאָס איז ניט נאָר זײַן פליכט, דאָס איז אויך נוצלעך, נויטווענדיק, סײַ צוליב אײַנשטעלן ריכטיקע, געזונטע באַציִונגען צו דער אָרטיקער באַפעלקערונג, ווי צוליב שטאַרקן די דיסציפּלין אין די רייען פונעם אָקופּאַציע־מיליטער.

ער הייבט זיך אויף, גייט צו צום טיש, שרײַבט אָן אַ „צעטל וועגן אַרעסט און דערלאַנגט עס וואָראָבייצעוון.

— זעצט אים דערווײַל אַוועק אינעם וואַכט־הויז, — זאָגט ער און קוקט ניט צום סערזשאַנט. — מעלדעט דעם פּאָלקאָווניק סאָקאָלאָוו און גרייט צו דעם מאַטעריאַל אַף איבערצוגעבן דעם איניען צום מיליטערישן געריכט.

וואָראָבייצעוו גיט אַ קלאַפּ צו מיט די קנאַפּל און גייט אַרויס מיטן סערזשאַנט פונעם קאַבינעט.

— אַ שאָד דער באָכער, — גיט אַ ברומקע דער פּאָדפּאָלקאָווניק לעאָנאָוו.

לובענצאָוו ענטפערט דערויף גאָרניט.

— ער איז בלויז געווען דער אויספירער, — זאָגט טשאַכאָוו. — ער האָט זיך ערלעך געשלאָגן אין דער גאַנצער מילכאָמע־צײַט. וואָס איז ער? אַ זעלנער! מען האָט אים געזאָגט: גיי קריג אַן אויטאָמאָביל, איז ער געגאַנגען און געקראָגן.

לובענצאָוו ענטפערט אויך דערויף גאָרניט און נעמט זיך אַרײַנלייגן די פּאַפּירן פונעם טיש אין דער טעקע אַרײַן. לעאָנאָוו און פיגאַרעוו טוען אָן די היטלען. עס קומט אַרײַן דער געהילף פונעם דעזשורנע, דער סערזשאַנט ווערעטעניקאָוו און זאָגט, אַז דער אויטאָמאָביל איז גרייט.

לובענצאוו און די אנדערע צוויי קאמענדאנטן אינאיינעם מיט די דריי אלטשטאטער אפיצירן פון דער „סווא” גייען ארויס פונעם קאבינעט, לאזן זיך ארונטער איבער די טרעפ און זעצן זיך אריין אין זייערע אויטאמא־בילן. אויטאמאבילן זיינען פאראן דריי. לובענצאוו זעצט זיך אריין מיט לעא־נאוון, מיט וועלכן ער האט זיך באקענט נאך אין אלטשטאט באם ארכי־טעקטאר אוער, זיך איינער דעם צווייטן ליב באקומען. ניט געקוקט דערויף וואס לעאנאוו איז א סאך עלטער פון לובענצאוון — ער איז פערציק יאר אלט — פילט ער זיך מיט לובענצאוון ווי מיט א גלייכן. בעיס זייערע קורצע באגעגענישן און שנעלן אויסטויש מיט איינדרוקן און מיינונגען אף די אדער אנדערע קאמענדאנטישע איניאנים, האט לעאנאוו דערפילט בא לובענצאוון יענעם שיינעם געמיש פון פאשעטער הארציקייט און סייכל, וואס רופט זיך צויבער. לעאנאוו איז א סאך געניטער פון לובענצאוון — ער האלט זיך פאר א באטייליקטן אין א געוויסער מאס אינעם בירגער־קריג, אלס פארוואלאזטער האט אים אויפגעקליבן די באטארייע ארטילעריע בא דער באריממטער 25טער טשאפאיעוו־דיוויזיע. א זעכצניאריקער — אין 1921 — איז ער שוין געווען סעקרעטאר פונעם קאמסאמאלישן „אוקאם” אפן אוראל. ווי א קיילעכדיקער יאסעם, איז ער פון קינדוויייז געוויינט צו בא־טראכטן פאר זיין טאטע־מאמע די ראטנמאכט, און ניט גלאט אזוי, איז ער, ווי א סאך אנדערע, אן אנהענגער פון דער סאוועטישער ארדענונג, — ער האט אט די ארדענונג און דעם גאנצן סאוועטישן לעבנס־שטייגער ליב מיט א הייסער און אינטימער ליבע, וואס ער רעדט וועגן איר קיינמאל ניט, נאר אלע פילן זי אין אים.

מאכמעס דעם וואס באם רעדל זיצט א דייטש, רעדט מען וועגן גלייכ־גילטיקע זאכן. דאך, איז אינעם אויטאמאביל, אומגעזען, פאראן דער רויט־לעכער סערזשאנט ביעליעצקי, און ביידע קאמענדאנטן טראכטן פון אים. זיי דאכט זיך, אז זיי זעען אים, ווי ער שטייט אן אומבאהאלפענער אין מיטן דעם גרויסן צימער, א געהויקערטער און ווי ער פארדריקט די פינגער פון די הענט און צענעמט זיי.

לובענצאוו רופט זיך אן:

— פרינציפיעל באשטייט די וויכטיקייט פון דעם מיטינג דערין וואס די דייטשן גופע זאגן זייערווארט. איך פערזענלעך האב זיך אין שאיכעס דערמיט איבערצייגט אין דער לעבנסוויכטיקייט פון דער רעפארם... קיין שום ארמיי קען ניט ברענגען די פרייהייט אין א באזיגטן לאנד, ווען דאס פאלק פון דעם לאנד באגערט ניט די פרייהייט. מיר קענען נאר געבן דעם ערשטן שטויס.

— דאס איז א טיפער געדאנק, — זאגט לעאנאוו. — ביסט גערעכט. נאר מען מוז אין אכט נעמען, אז דער געוויינלעכער מענטש ווייס אפט ניט ווו עס איז דער נוצן און ווו עס איז דער שאדן. מען מוז אים אנווייזן אף דער ריכטיקער לייזונג פון דער פראגע. דערום איז אט דאס וואס דו רופסט אן ערשטער שטויס — אן איידעלער און לאנגזאמער איניען.

„דער סערזשאנט ביעליעצקי זיצט איצט אינעם וואכט־הויז און ווארט זיין גוירל זאל אנטשידן ווערן, — טראכט זיך לובענצאוו — און דאס אלץ גייט אריין אינעם קאמפלעקס פונעם „ערשטן שטויס”, פון דער סאוועטישער פאליטיק, וואס מיר פירן דורך אין דייטשלאנד. און כאטש מיר איז דער סערזשאנט טייערער פון צען דייטשע פראפעסארן — נייטראלן, וועלכע וויסן

נאָך הײַנט ניט וואָס זיי ווע‏לן זאָגן מאָרגן, בין איך געצוווּנגען אים איבערצוגעבן צום געריכט".

— אָט דער נײַער לאַנדראַט אײַערער, — זאָגט לעאָנאָוו, — וואָס פאַר אַ מענטש איז ער?

— אַ טעאָרעטיקער, — ענטפערט לובענצאָוו. — אַ מעכאַבער פון אַ סאַך וויסנשאַפטלעכע ווערק.

— באַ זיי זײַנען טעאָריע און פּראַקטיק אין דער כעמישער אינדוסטריע געווען ענג צוזאַמענגעבונדן. פּראָפעסאָר באָש — דער אָנפירער פון דער „איג פאַרבענאינדוסטריע" — דער גרעסטער פון די דײַטשע כעמישע קאָנצערנען — איז אײנציײַטיק געווען אַן אָנגעזעענער כעמיקער — געלערנטער. דאָקטאָר דויסבורג — דאָס אייגענע. שמועס זיך דורך מיט דעם סעבאַסטיאַנען, ער וועט דיר עפּשער אַ סאַך אינטערעסאַנטע זאַכן דערציילן וועגן דער דײַטשער כעמישער אינדוסטריע... אַגעוו, איז באַ דיר אין ראַיאָן פאַראַן אַ כעמישע פאַבריק, וואָס גייט אַרײַן אין דער „איג פאַרבענאינדוסטריע".

— יאָ. מיר וועלן זי די טעג נעמען דעמאָנטירן.

— מיר דאַכט זיך, אַז דו וואָלסט באַדאַרפט אָוועקשטעלן די פראַגע פון אָפּשטעלן דעם דעמאָנטאַזש. נאָך דער ערד־רעפאָרם וועט נייטיק זײַן, ווען אַפילו בלויז קעדיי צו דערווײַזן איר אײנטרעגלעכקייט, אַ סאַך כעמישע באַמיסטיקונג. ווו וועלן מיר זיי נעמען? פון רוסלאַנד אַרויספירן, וואָס? עס לוינט זיך ניט! ס'איז נאַריש! אויפרײַס־מאַטעריאַלן און מינעראַלע באַמיסטיקונג נעמט מען דאָך פון דעם זעלביקן שטאָף — פון שטיינקוילן. מען דאַרף נאָר עפּעס אַראָפּנעמען אָדער עפּעס צוגעבן. דערוויס זיך וועגן דעם. גרינגער ווי אַלץ איז פונאַנדערנעמען מאַשינען און ערגעץ זיי אָוועקשיקן, אײַנפּאַקעווען די לאַבאָראַטאָריע־מאַכשירים און אויפלאָדן אין וואַגאָנען... דערנאָך וואָס? צוריקפירן?

די אויטאָמאָבילן פאָרן אַרײַן קיין אַלטשטאַט. זיי שטעלן זיך אָפּ באַ דער קאָמענדאַטור־געבײַדע. עס שטייען דאָ נאָך אַ פּאָר צענדליקער אויטאָמאָבילן. עס זײַנען זיך, קענטיק, צונויפגעפאָרן אַלע אָדער קימאַט אַלע קרײַזקאָמענדאַנטן.

די באַראַטונג האָט געדויערט ניט מער ווי איין שאָ. דער גענעראַל קופּריאַנאָוו האָט ניט ליב קיין לאַנגע געשפּרעכן. ער הערט אויס די באַריכטן פון דרײַ קאָמענדאַנטן, גיט אַן אָפּשאַצונג פון זייער אַרבעט, דערנאָך טרעט אַרויס דער פּאָדפּאָלקאָווניק גאַרבענקאָ. ער מעלדעט, אַז דער רעזאָלוציע־פּראָיעקט וועגן דער ערד־רעפאָרם איז אָנגענומען געוואָרן מיצאַד די דײַטשע פּאַרטייען און וועט די טעג אונטערגעשריבן ווערן פון דער פּראָווינץ־רעגירונג. צום סאָף זאָגט קופּריאַנאָוו עטלעכע געזעגענונגס־ווערטער:

— עס וועט זיך אָנהייבן די קאָנפיסקאַציע פון גוטבאַזיצערישע לענדערײַען און גרויסע באַלעגופישע ווירטשאַפטן, די ערד־פאַרטיילונג צווישן די פּויערים. דאָס איז זייער אַן אַכראַיעסדיקער מאָמענט און עס הענגט פון אים אָפּ זייער אַ סאַך. האַלט וואַך דעם געהער! אונטער אײַער השגאָכע וועט דורכגיין אַ ריזיקער מיטל — יאָ, אַ ריזיקער, און מען דאַרף אים ניט מינימיזירן, — וואָס וועט ענדלעך פירן צו דער רעאַליזירונג פון אַן אַלטן טרוים באַ די דײַטשע פּויערים, אַ טרוים, פאַר וועלכן עס האָט זײַן לעבן אָוועקגעגעבן דער פירער פון דער פּויערים־רעוואָלוציע טאָמאַס מינצער מיט פיר הונדערט יאָר צוריק... די רעזולטאַטן פון דער רעפאָרם זײַנען ניט צום אויסרעכענען. איר דורכפאַל וועט די געשיכטע אונדז ניט מויכל זײַן.

דער גענעראַל קופּריאַנאָוו האַלט ניט פֿון קיין הויכקלינגענדיקע ווער־טער, און אויב ער זאָגט זיי איצט אַרויס, איז עס צוליב דעם, אַז די קאָ־מענדאַנטן זאָלן, אינעם גאַנג פֿון די קליינע טאָגטעגלעכע איניאַנים, ניט פֿאַרגעסן אַן דער באַדײַטונג וואָס זייער אַרבעט האָט פֿאַר דער געשיכטע פֿון אייראָפּע, און ניט בלויז זייער אויפֿשטייַ־בויען.

נאָך דער באַראַטונג, ווען אַלע קאָמענדאַנטן נעמען אַרויסגיין פֿאַרווײַז אָדער צו דרײַ מיט אַ מאָל פֿונעם קאַבינעט, רופֿט קופּריאַנאָוו אָפּ לו־בענצאָוון:

— איר האָט געגעסן נאַכטמאָל? — פֿרעגט ער. — נאָך ניט? טאָ נעמט לעאַנאָוון און קומט צו מיר.

פֿיגאַרעוו וואַרט אַף לובענצאָוו אונטן, נאָר באַלד באַמערקט ער, אַז דער גענעראַל האָט עטלעכע קאָמענדאַנטן, און צווישן זיי לובענצאָוון, אויסגע־טיילט און פֿאַרבעטן צו זיך, און ער פֿילט זיך באַליידיקט, קוקט זיי אייפֿער־זיכטיק נאָך, און פֿאָרט אַוועק אַ פֿאַרכמורעטער.

לובענצאָוו און נאָך עטלעכע קאָמענדאַנטן גייען מיט דעם גענעראַל צו־פֿוס איבער דער שלאָפֿנדיקער שטאָט.

אַפֿן וועג זאָגט לובענצאָוו קופּריאַנאָוון וועגן דער כעמישער פֿאַבריק. דער גענעראַל פֿאַרטראַכט זיך.

— מעגלעך, ריכטיק. — זאָגט ער אַף לעצט. — דעם דעמאָנטאַזש וועלן מיר דערווײַל אָפּשטעלן. איך וועל זיך פֿאַרבינדן מיטן שטאַב פֿון דער „סוואַ". וועלן מיר הערן וואָס ער וועט זאָגן.

זיי קומען צו צום הויז וווּ דער גענעראַל וווינט.

— שטילער, — וואָרנט קופּריאַנאָוו די איבעריקע, און עפֿנט די טיר. אַף די שפּיץ פֿינגער גייען זיי אַרײַן אין שטוב. אין אַ גרויסן צימער, אַ באַ־לויכטנס בלויז מיט דער שײַן וואָס קומט אַרײַן פֿונעם גאַסן־לאַמטערן, זאָגט זיי דער גענעראַל שטילינקערהייט:

— זעצט זיך אויס. נאָר שטילער. מײַן פֿרוי איז געקומען, שלאָפֿט, אַ מידע פֿונעם וועג. איז אויפֿגערעגט: כ'האָב ניט באַוויזן קומען זי אָפּ־נעמען באַם וואָקזאַל, כ'האָב זיך פֿאַרשפּעטיקט אַף אַ זיצונג מיט די דײַטשן.

ער צעגעמט קאָמיש די הענט, מאַכט ליכטיק, עפֿנט דעם בופֿעט און שטעלט אַוועק אַפֿן טיש בלויע באַנקעס מיט איקרע און צוויי פֿלעשלעך בראָנפֿן, — ניט אַבי וועלכן, נאָר „באַזונדערע מאָסקווער וואָדקע", וואָס די קאָמענדאַנטישע הערצער בענקען אַזוי נאָך איר און קענען זי ניט פֿאַר־בײַטן מיט די אַלערליי היגע שנאַפּסן און ליקערס, ווי גוט זיי זאָלן ניט זײַן.

— אַלץ פֿאַטערלענדישעס, — זאָגט דער גענעראַל און שמייכלט היפּש.

אַזוי ווי לובענצאָוון קען אַלץ פֿונעם קאָפּ ניט אַרויס יענער סערזשאַנט, נעמט ער, נאָך אַ היפּשן יִישעוו מיט זיך, דערציילן קופּריאַנאָוון די גאַנצע געשיכטע. קופּריאַנאָוו, קענטיק, האָט אָנגעכאַפּט אינעם טאָן ווי לובענצאָוו האָט עס דערציילט, די ספּייקעס וואָס ער האָט מיקויעך דעם, נאָר דער גענע־ראַל זאָגט גאָרניט, ער צעגעמט נאָר די הענט און נעמט ריידן וועגן עפּעס אַנדערש.

— מיט דעם שנײַדערן האָט זיך עס גוט אויסגעלאָזט, — זאָגט ער.

— איר פֿאַרשטייט, מיר האָבן באַקומען אַ קאָנקרעטע צילברעט. די דעמאָ־קראַטישע פּאַרטייען, — דערין אויך די אָרנטלעכע מענטשן פֿון שנײַדערס פּאַרטיי גופֿא — האָבן אַ קאָנקרעטן אָביעקט פֿאַר זייער קאַמף. אַז ער און די גרופּע וואָס שטיצט אים, זײַנען קעגן דער ערד־רעפֿאָרם, האָבן מיר גע־

ווּסט. נאָר דערמיט וואָס זיי האָבן זיך אַרויסגעזאָגט אָפן, האָבן זיי זיך אויפגעדעקט, זייער אידעאָלאָגיע באַוויזן. דאָס דאַרף מען. מען קען זיך ניט שלאָגן אין דער פינצטער. — ער צעלאַכט זיך שטיל. — דאָס וואָס ער האָט זײַן פּאַלטנדל פאַרגעסן, איז אויך גוט. סימוואָליש. דאָס פּאַלטנדל, אגעוו, האָט מען אַהער צוגעשיקט. אַ גוט פּאַלטנדל, אַ דראַפּנס. מאָרגן וועט מען עס אים אָפּגעבן. אַן אָנגענעמע פּראָצעדור.

נאָכן עסן רוקט אַרײַן קופּריאַנאָוו לובענצאָוון און לעאָנאָוון צו פּלעש־לעך וואָדקע און שאַכטלעך איקרע.

— איך זײַט ווײַט פון דאַנען, — זאָגט ער — דער וואָיענטאָרג דאַר־פירט ניט צו אײַך גאָרניט, אַלץ בלײַבט שטעקן אין וועג. נעמט, נעמט...

IX

צווישן דער גרויסער צאָל רעזולטאַטן פונעם מיטינג אין דער גרויסער פאַבריק „לויטערבורג אג" צייכנט זיך אויס אויך דער רעזולטאַט, וואָס לו־בענצאָוו פאַראינטערעסירט זיך באַזונדער מיט איר, מיט אירע אַרבעטער און אינזשעניערן, מיט זייער מאַטעריעלער לאַגע, מיט זייערע שטימונגען. באַלד אָפן צווייטן טאָג פאָרט ער אַרויס צו דער פאַבריק און ער דערקענט זי ניט, אַזוי געביטן האָט זיך דאָ אַלץ אין פאַרגלײַך דערמיט וואָס לובענצאָוו האָט דאָ געטראָפן ווען ער איז דעם ערשטן מאָל געקומען קיין לויטערבורג. ער קען ניט אויפהערן זיך צו וווּנדערן, ווי די אַלע דעפּאָ־הײַזער, הייף, גרויסע פון רויטע ציגל געבויטע וואַרשטאַטן, שמאָלע באַן־ליניעס ווערן נישט צום דערקענען, ווען עס באַווײַזט זיך דער מענטש און ווען די גאַנצע אָנהויפּעניגג פון ביניאָנים, מעטאַלן, שטיינער באַקומט אַ זין.

„אַרבעטער זײַנען שטענדיק אַרבעטער, אַפילו דײַטשע", — דערמאָנט ער זיך טשעגאַדאַיעווס אַן אויסדרוק און איז פולקאָם מאַסקים מיט אים, ווען ער דערזעט די מענטשן אין די אַרבעט־הויזן, וואָס שטייען בײַ די מאַשינען, וואָס שטופּן די וואַגאָנעטקעס איבער די ריזיקע הייף. דאָס שוואַרצע פּאָנעם פונעם לאָקאָמאָטיוו־פירער, וואָס קוקט אַרויס פונעם פענצטערל; די געשריי־ען פון די מענטשן אַף די הייבערס, וואָס קוקן אַראָפּ פון זייערע צום הימל אויפגעהויבענע שטייגלעך אַף דער רויכיקער באַשעפּטיקטער וועלט; די מײַס־טערס אין בלויע רעקלעך, מיט די צונויפגעלייגטע מעטאַלענע מעטערס, וואָס שטעקן בײַ זיי פון די קעשענעס; דער רייעך פון מעטאַלענע הובלקעס און מאַשין־אייל אינעם מעכאַנישן וואַרשטאַט, — דאָס גאַנצע בילד פון אַן אינדוסטריעלער אונטערנעמונג מאַכט אַף לובענצאָוון דעם אײַנדרוק פון קראַפט און ציל־געשטרעקטקייט, וואָס דאָס בילד פון אַ פאַבריק מאַכט אַף יעדן זײַטיקן מענטשן.

אין דעם פאַל אָבער אינטערעסירט לובענצאָוון ניט די פאַבריק פאַר זיך, נאָר ווי זי פּילט אויס דעם פּלאַן. אים אינטערעסירן די הינגע מענטשן, צו וועלכע ער האָט איצט, נאָך דעם נעכטיקן מיטינג, אַ געפיל, ענלעך צו צערטלעכקייט.

צי פאַרנעמט אויך ער, דאָס הייסט, ניט ער פּערזענלעך, נאָר דאָס וואָס ער שטעלט מיט זיך פאָר דאָ אין שטאָט, אַן אָרט אין זייערע הערצער? פאַר־שטייען זיי די ריינקייט פון זײַנע קאַוואָנעס, זײַן שטרעבן צוזאַמענצופּאָרן די מעלוכישע אינטערעסן פונעם ראַטנפאַרבאַנד מיט די אינטערעסן פון די

דײַטשע אַרבעטער, — און ער איז איבערצײַגט אַז זייערע אינטערעסן פֿאַלן זיך צוזאַמען? לובענצאָוו שפּאַנט דורך פּאַמעלעך דעם שעטעך פֿון דער פֿאַבריק, באַגלייט פֿונעם אינזשעניער מאַרקס און קוקט זיך אײַן אין די פּענעמער. די אַרבעטער, ווידער, קוקן מיט אינטערעס אַפֿן קאָמענדאַנט, און ווען ער גייט פֿאַרבײַ באַגלייטן זיי אים מיט די בליקן.

צוליבן עמעס מוז מען זאָגן, אַז די אַרבעטער האָבן זיך נאָך אין יענער צײַט באַצויגן צו דער סאָוועטישער מיליטערישער אָרגאַניזאַציע, פֿאָרזיכטיק. אַ סך איז זיי ניט קלאָר און מען קען ניט זאָגן אַף זיכער, אַז אין זייער באַוווּסטזײַן איז טיף אײַנגעוואָרצלט דער שולדיקייט־געפֿיל פֿאַר דער ניט לאַנג פֿאַרענדיקטער מילכאָמע. דער שולד־געפֿיל איז פֿאַראַן, נאָר ער ווערט לײַכט פֿאַרגעסן, וואָס דאָס איז אייגן בײַ מענטשן אין אַזעלכע באַדינגונגען. און ווײַל ער ווערט פֿאַרגעסן, רײַסט זיך דורך בײַ אַ סך אַרבעטער — און ניט בײַ די ערגסטע, נאָר בײַ די בעסטע, אַ שטוינען, פֿאַרוואָס לייגט אַרויף דער ראַטנפֿאַרבאַנד, אין אַרבעטער־מעלוכע, גרויסע רעפּאַראַציעס אַף דײַטשלאַנד, דעמאָנטירט זאַוואָדן און פֿאַבריקן, און ברענגט דערמיט שאָדן ניט דײַטשלאַנדס געוועזענע רעגירער, וואָס ליגן איצט אינעם שאָטן, נאָר דער דײַטשער באַפֿעלקערונג. פֿאַרשטענדלעך איז עס ווען דאָס טוען די אַמעריקאַנער און די ענגלענדער, נאָר ניט צום פֿאַרשטיין איז ווען דאָס זעלביקע אָדער קימאַט דאָס זעלביקע טוען סאָוועטישע מענטשן. און נישט געקוקט דערויף וואָס די דײַטשע אַרבעטער ווייסן — און ניט וויסן קענען זיי ניט — וועגן די קאָלאָסאַלע אָווידעס, וואָס די דײַטשע אַרמייען האָבן פֿאַרשאַפֿט דעם ראַטנפֿאַרבאַנד און אָט די סאָוועטישע מענטשן, מאַכן זיי, די דײַטשע אַרבעטער — גאָרניט מענטשלעך — אַ סך גרינגער שאָלעם מיט יענעמס אומגליק, איידער מיט זייערן.

און דאָך, טראָץ אַלע קאָמפּליקאַציעס און ווידערשפּרוכן אינעם באַוווּסטזײַן פֿון די אַרבעטער, זײַנען זיי אַרבעטער! און אינעם אַנטשיידענעם מאָמענט זאָגן זיי זיך אַרויס פֿאַר דער דעמאָקראַטישער רעפֿאָרם. די אַרבעטער וואָלטן זיך בעעמעס געוווּנדערט ווען זיי דערוויסן זיך ווי באַגײַסטערט זיי האָבן דעם סאָוועטישן קאָמענדאַנט.

לובענצאָוו איז אַוועק אינעם לאַנדסראַטאַמט, צום פּראָפֿעסאָר סעבאַסטיאַן, קעדיי אײַנאיינעם מיט אים אַרויסצופֿאָרן איבער די דערפֿער.

דער פּראָפֿעסאָר איז אין דער היים נישט געווען, ער איז אַוועקגעפֿאָרן קיין האַללע, וווּהין עס האָט אים פֿאַרבעטן דער פֿאָרזיצער פֿון דער פּראָווינץ, דער אַלטיטשקער פּראָפֿעסאָר ריודיגער.

פֿון ריודיגערן איז סעבאַסטיאַן אַהיימגעקומען אין אָוונט, זייער אַ צערודערטער. ריודיגער האָט אים באַקענט מיט דעם רעפֿאָרם־פּראָיעקט, וואָס דער פּרעזידענט דאַרף אים אונטערשרײַבן און ער וויל עס ניט טאָן. ער האָט גערופֿן צו זיך זײַן אַלטן פֿרײַנט, קעדיי זיך מיט אים צו באַראַטן. דער פּראָפֿעסאָר סעבאַסטיאַן האָט זיך באַקענט מיט דעם פּראָיעקט און האָט זיך דערשראָקן, האָט אַפֿילע ניט געוואָלט הערן וועגן דער רעפֿאָרם, אָדער, אַלנפֿאַלס, וועגן זײַן שאַיכעס צו איר דורכפֿירונג. דערנאָך איז ער בײַגעווען ריודיגערס געשפּרעך מיט זײַן פּאַרטרעטער, דעם קאָמוניסט קאַרל וואַנדערגאַסט. וואַנדערגאַסט האָט זיך געפּלייסט איבערצײַגן דעם פּרעזידענט אין דער נויטווענדיקייט פֿון דער רעפֿאָרם. ער קען גוט די געשיכטע פֿון דײַטשלאַנד אין די לעצטע צענדליקער יאָרן און ער באַגרינדעט זײַן שטאַנדפּונקט מיט אַ

מאָסע פאַקטן און פּערזענלעכע דערמאָנונגען. ער זאָגט אים איבערצײַגט און לײַדנשאַפטלעך:

ווי פאַרשטייט איר דאָס ניט! דאָס איז יונקערטום, דאָס איז מילכאָמע. ווײַל מען ניט דעם רײַכסווער, מוז מען זאָרגן פאַר ליקווידירן די גוטבאַזיצער. אין דער לעצטער שורע — ווײַל מען ניט דעם פאַשיזם, מוז מען ליקווידירן דעם קלאַס פון די גוטבאַזיצער.

ער טרייסלט מיט זײַן רעכטער האַנט, אַ צעקאַליעטשעטע פון די הענקער אינעם מויטהויזענער קאָנצלאַגער. דאָס איז עלאָקווענטער פון ווערטער.

דערנאָך איז צו ריודיגערן געקומען דער סאָוועטישער גענעראַל, דער שעף פון דער „סוואַ", אַ קלוגער און גלענצנדיקער פּאָליטיקער, וואָס ריודיגער שאַצט אים זייער הויך און האַלט אים פאַר אַן אויפריכטיקן פרײַנט פונעם דײַטשן פאָלק. דער גענעראַל איז קלוימערשט געקומען צוליב אַן אַנדער איניען, נאָר אין פינף מינוט אַרום גייט נאַטירלעך דער געשפּרעך אַריבער אַפן פּראָיעקט פון דער ערד־רעפאָרם. דער גענעראַל רעדט ווייך, שמייכלט, גלײַך אים וואָלט ניט שטאַרק געקימערט דער גורל פון דער רעפאָרם.

— מיינט איר טאַקע, — פרעגט ער — אַז מיר זײַנען פאַר דער רעפאָרם צוליב דאָקטרינערע טײַמים, צוליב אײַנפירן אין לעבן אַ געוויסע — זאָל זײַן ריכטיקע — טעאָריע? האַלט איר אונדז טאַקע פאַר אַזעלכע שמאָלקעפיקע מענטשן? די ערד־רעפאָרם איז אַ נויטווענדיקייט. דאָס איז אַ נאָרמאַלע דעמאָקראַטישע רעפאָרם, וואָס די בורזשואַזע רעוואָלוציע האָט ניט פאַרענדיקט דורכפירן.

ווען סעבאַסטיאַן קומט צוריק קיין לויטערבורג אַף זײַן „מערסעדעס", דערוויסט ער זיך אינעם לאַנדסראַטאַמט, אַז דער קאָמענדאַנט זוכט אים אַרום. באַ די אומשטענדן ווײַל ער זיך ניט טרעפן מיט לובענצאָוון און ווידער אויסהערן די איבערצײַגונגען, וואָס זײַנען אים שוין באַקאַנט, און די מאָטיוון, וואָס ער קען זיי שוין אַף אויסנווייניק. ער זעצט זיך אַוועק באַ זיך אינעם קאַבינעט און הייסט ענטפערן יעדן, ווער עס וועט אָנקלינגען צו אים, אַז ער איז נאָך נישט צוריקגעקומען.

ס'איז קלאָר, אַז ריודיגער וועט דעם געזעץ וועגן דער ערד־רעפאָרם אונטערשרײַבן. סעבאַסטיאַן קען גוט דעם אַלטן. אין לעצטן פאַל וועט ער זיך אָנגעבן אין דעמיסיע, וואָס די רוסן, נאַטירלעך, לוינט עס ניט. וואָס־זשע דאַרף ער, סעבאַסטיאַן טאָן? אויך אונטערשרײַבן? די פראַגע איז צי קען ער עס טאָן מיט אַ ריינעם געוויסן. ער איז קעגן דער ערד־רעפאָרם. ער איז בכלל קעגן יעדער רעפאָרם. פאַרוואָס? מיט דער געדאַנקען־קלאָרקייט וואָס איז אים אייגן, טראַכט ער זיך גאַנץ אָפן, אַז ער איז קעגן דער רעפאָרם דערפאַר וואָס קעגן איר זײַנען זײַנע אַ צאָל פרײַנט, קרויווים, און נאָך אַלעמען, זײַנע אייגענע פאָרשטעלונגען און אָנשוייונגען. ער האַלט, אַז פּרינציפּיעל איז עס אומגעזעצלעך אַוועקצונעמען באַ עמעצן זײַן פאַרמעג. נאָר ניט בלויז דערין גייט עס. עס גייט דערין, וואָס אָט דער פאַרמעג געהער צו זײַנע פרײַנט, צו זײַנע באַקאַנטע, צו זײַן קרײַז. ער איז מאַסקים מיט די אַרגומענטן פון די קאָמוניסטן, אַז דער גוטבאַזיצערישער ערד־באַזיץ אין דײַטשלאַנד, האָט אין דער פאַרגאַנגענהייט געבראַכט מיט זיך אַ סאַך מיִעסע פאָלגן, אַז די גוטבאַזיצערישע מאַיאָנטקעס זײַנען געווען נעסטן פון רעאַקציאָנערן אָפּיצירנטום, וואָס איז דערנאָך אַוועק אַף דינסט צו היטלערן. נאָר דערפון גימט ער צום אויספיר, אַז מען דאַרף קאָנפיסקירן די פאַרמעגנס פון די קריגספאַרברעכער און נאַצישע פירער, וואָס ער האָסט זיי און פאַראַכט זיי פון

גאנצן הארצן. ער קען אבער ניט מאסקים זיין מען זאל קאנפיסקירן אין קלאל אלע מאיאנטקעס דערפאר וואס זיי זיינען גרוים.

און צי וועלן מענטשן גליקלעך זיין מיט זייערע קליינע ווירטשאפטן? און צי קען ביכלאל א מענטש גליקלעך זיין? דער וועכטער הייצט אונטער דעם קאמין, און דער פראפעסאר קוקט אפן פייער, רייכערט זיין ציגארעט און פרעגט זיך ווידער אמאל: „צי קען ביכלאל א מענטש זיין גליקלעך?" נאר דאס לעבן פאדערט א לייזונג, און ניט־ווילנדיק קערט זיך סעבאסטיאן אום צו דער טאג־פראגע: פאר זיינע אויגן גייען דורך די פענעמער פון ריודיגערן, פון וואנדערגאסטן, פונעם גענעראל, פון שניידערן, פון לערכען, צום סאף — די לעבעדיקע בלויע אויגן פונעם יונגן קאמענדאנט.

צווישן די סאוועטישע אפיצירן הערשט א טיפע איבערצייגטקייט. זייער האס צו די גוט־באזיצערס איז סעבאסטיאנען פארשטענדלעך. צו די רוסישע גוטבאזיצער. סעבאסטיאן פארשטייט די נאטור פון זייער האס און ער רעספעקטירט אים. ער קען אבער ניט אף דעם גרונד פיינט האבן די דייטשע גוטבאזיצערס. ארנטלעך גערעדט, האלט ער, אז די דייטשע גוטבאזיצערס זיינען א סאך פיינער, אנשטענדיקער, סימפאטישער און קלוגער איידער די רוסישע גוטבאזיצערס. נאר האט ער דען ניט אמאל אפן גרונט פון אזעלכע וואקלדיקע יעסוידעס געהאלטן ווילהעלם דעם צווייטן פאר א סאך א פיינערן, סימפאטישערן און קלוגערן מענטשן איידער ניקאליי דעם צווייטן? אין 1917, ווען די רוסן האבן אראפגעזעצט דעם צאר ניקאליי דעם צווייטן, האט סעבאסטיאן דאס אויפגענומען ווי א גאנץ נאטירלעכע, גערעכטע און קלוגע זאך. נאר אפילע דעמאלט, פעברואר 1917, האט ער ניט צוגעלאזט דעם געדאנק, אז דאס אייגענע קען מען טאן מיט דעם אימפעראטאר ווילהעלם דעם צווייטן. און ווען דאס איז געשען אין א יאר ארום, האט די אראפזעצונג פונעם קייזער געמאכט אף סעבאסטיאנען דעם איינדרוק פון א אומפארריכטלעכער קאטאסטראפע. נאר קורץ נאך דעם, האט סעבאסטיאן ניט נאר שפעטער געמאכט דערמיט, נייערט, ער האט דאס באטראכט פאר א גאנץ קלוגער און גערעכטער טאט, וואס איז אין העסקעם מיט די וויטאלע אינטערעסן פונעם דייטשן פאלק.

„יא, מיר דייטשן, — טראכט ער זיך, — זיינען קאנסערוואטארס און פיליסטערס. מיר האבן מוירע פאר ענדערונגען, פאר איבערקערענישן. מיר האבן אזוי מוירע פאר איבערקערענישן, אז מיר האבן דערלאזט היטלערן דורכפירן די איבערקערעניש, וואס האט אונדז אין דער לעצטער שורע, דערפירט צו דער איצטיקער לאגע. און צי האט מען ניט היטלערן געלאזט דורכפירן די איבערקערעניש, דערפאר וואס ער האט פארזיכערט די גוט־באזיצערס און קאפיטאליסטן די אומגעוואקלטע פעסטקייט פון זייער פריוואטן אייגנטום?"

וועט ער ניט אונטערשרייבן דעם געזעץ, וועט מען אים מיסטאמע באזייטיקן פון זיין אמט, און דאס וועט זיין זייער גוט, ווארעם עס זיינען שוין אזוי אויך צו אים דערגאנגען די זויערע אפרופן פון פריינט דערויף וואס ער איז איינגעגאנגען אף מיטארבעטן מיט די רוסן. אונטערשרייבן דעם געזעץ? דאס וועט אויפרעגן זיינע פריינט איןביידע טיילן דייטשלאנד, דאס וועט אים אוועקשטעלן אין דער לאגע פון א פאררעטער צו די אינטערעסן פון די מענטשן, וואס זייער מיינונג וועגן אים איז אים טייער. מען קען, פארשטייט זיך, ארויסלאזן א קלאנג, אז מען האט אים געצוווּנגען. דאס וועט אפילע אין א געוויסער מאס זיין גערעכט. די מענטשהייט האט זיך צוגע-

וויינט אין דער לעצטער צייט צו גוואלדטאט און בייגט פאר איר דעם קאפ; קיינער פארורטיילט שוין ניט די נידעריקייטן וואס ווערן באגאנגען איבער גוואלד.

דאס אלץ וואלט ניט געווען אזוי קאמפליצירט, ווען סעבאסטיאנען וואלט בלויז טייער געווען די מיינונג פון זיינע אלטע פריינט. נאר ער האט שוין נייע. דאס זיינען די לויטערבורגער אנטיפאשיסטן, די ארבעטער און די פויערים. זיי באציען זיך צום פראפעסאר, וואס איז געווארן לאנדראט, מיט רירנדיקן צוטרוי און רעספעקט; זיי האלטן אים פאר זייערן א מענטש, טיילן מיט אים זייערע ליידן און ספייקעס. א סאך זייערע פארנעמען פאסטנס אינעם לאנדסראטסאמט און טוען זייער פליכט מיט ברען, מיט געזונטן געדאנק און מיט דער זארגעוודיקייט פון ווירטן. אפילו דער שטעכיקער און פארדעכטיקער לערכע, אויך ער געטרויט סעבאסטיאנען אומדערווידערלעך און רופט זיך אפ וועגן אים מיט גרויס פריינטשאפט.

יא, פראפעסאר סעבאסטיאן האט מוירע אפצונארן דעם צוטרוי פון אט די מענטשן. זיי האלטן אים פאר אן אנטיפאשיסט און פאר א טוער פון דער נייער דייטשלאנד, וואס זיי ווילן אויפבויען, און זייערע געפילן פארפליכטן אים.

עמעס, ער האט נישט געקעמפט קעגן היטלערן, ער האט זיך אבער אויך ניט נאכגעגעבן זיינע פארפירערישע פרוון. ער האט זיך אפגעזאגט פון דער בעסט־באצאלטער פראקטישער ארבעט אין דער כעמישער אינדוסטריע און האט זיך אפגעזונדערט און גענומען שרייבן א טעארעטישן קורס, וואס ער האט אין יענער צייט געלייענט אינעם האללער אוניווערזיטעט. מען פלעגט אים אונטערשיקן הויכגעשטעלטע אגיטאטארן; איין מאל האט ער באקומען א בריוו פונעם מיניסטער פונק אליין, נאר סעבאסטיאן האט זיך ווייטער געהאלטן אף זיין אומאפהענגיקער פאזיציע. ער האט אומגעדולדיק געווארט אף היטלערס מאפאלע און איז אין דער מאפאלע זיכער געווען אפילו בעיים די גרעסטע דערגרייכונגען פון דער נאצישער מאכט. אט האט ער זיך דערווארט, און איצט, ווייס ער ניט וואס ער וויל.

אין מיטן אט די טראכטענישן, האט זיך פאר סעבאסטיאנען אומגעריכט געעפנט א דריטער וועג. שפעט אין אוונט קלינגט אן צו אים אומגעריכט עריקא און בעט אים טייקעף אהיימצוקומען. אין דער היים טרעפט ער זיין זון וואלטער, וואס ביז איצט ווייס ער ניט וואס מיט אים איז געשען. וואלטער איז געקומען פון פראנקפורט אם מיין און האט א פאסיר־שיין, ארויסגעגעבן פון דער אמעריקאנישער קאמאנדירונג. געפארן איז ער אין דער אמעריקאנישער זאנע פון בערלין, נאר אפן וועג האט ער זיך פארנומען אן א זייט פונעם אנגעצייכנטן מארשרוט, און איז פאר אלעמען פארפארן קיין לויטערבורג.

X

וואלטער סעבאסטיאן איז געקומען קיין לויטערבורג ניט אליין. מיט אים איז געקומען צו פארן א קורצפיסיקער און ניט מיליטעריש־אויסזעענדיקער אמעריקאנער מאיאר. אלץ וואס אט דער אמעריקאנער זעט, מוז ער טייקעף באטאפן. אויב די זאך, וואס אינטערעסירט אים ליגט ווייטער פון אים, געפינט ער אויס א פארטל ווי צוצוקומען און לייגט טייקעף ארויף אף איר זיין שמאלע האריקע האנט — מעג די זאך זיין א וואזע, א פארהענגל,

א בוך אָדער א בלאָנקנאָט. זײַן האַנט גלעט צערטלעך די זאַך און ווען ער לאָזט זי שוין אָפּ, בלײַבט זי אַלץ ניט רויִק: מיט דעם גראָבן פֿינגער טאַפּט ער זײַנע אַנדערע פֿינגער און דאָס דענערווירט דעם מאַיאָרס מיטזיצער, שאַפֿט אַן אַטמאָספֿער פֿון נערוועזער אַנגעצויגנקייט, כאָטש דעם אַמעריקאַנערס פּנים בלײַבט דערבײַ אַבסאָלוט רויִק.

דער אַלטער סעבאַסטיאַן איז זיכער געווען, אַז זײַן זון געפֿינט זיך בײַ די אַמעריקאַנער ערגעץ אין א קאָנצענטראַציע־לאַגער אָדער אין א טורמע, צוליב דעם וואָס בײַ היטלערן האָט ער פֿאַרנומען גאַנץ אָנגעזעענע פּאָסטנס אין דער כעמישער אינדוסטריע. טכּלעס, ווען דער פּראָפֿעסאָר דערזעט דעם אַמעריקאַנער, פֿאַלט אים אײַן, אַז דער זון געפֿינט זיך אונטער אַרעסט. נאָר באַלד, אין עטלעכע מינוט אַרום, ווערט קלאָר, אַז וואַלטער איז אין אָרדע־נונג און אַז ער דינט דעם אַמעריקאַנער ווי א מין באַל־יוויעץ.

וואַלטער איז שטאַרק פֿאַרעלטערט און בײַ זײַנע זיבן און דרײַסיק יאָר זעט ער אויס א פֿופֿציק־יאָריקער, און א לאָק ווײַכע העל־בלאָנדע האָר דעקט אים קוים צו דעם גניק, א ווײַטער זייכער פֿון דער מעכטיקער בלאָנדער גריווע וואָס האָט אַזאַ שטאַרקן אײַנדרוק געמאַכט אַף פֿרויען. קורץ, דער פּראָפֿעסאָר דערקענט קוים זײַן זון אין דעם דיקן באַיאָרטן מענטשן מיט דעם שווערן בליק און מידע אַראָפּגעלאָזטע מויל־ווינקלען. שוין פֿיר יאָר, אַז זיי זעען זיך ניט, — וואַלטער האָט אין די אַלע מילכאָמע־יאָרן געאַרבעט אינעם סאַאַר־געביט.

וואַלטער גייט גלײַך צו צום איניען און לייגט פֿאַר דעם פֿאָטער אַרי־בערצופֿאָרן אין דער אַמעריקאַנישער זאָנע. ער זאָגט אים אַז אַלץ איז צוגע־גרייט צום אַריבערפֿאָרן, אַז דער פּראָפֿעסאָר סעבאַסטיאַן וועט גוט אויפֿגע־נומען ווערן און וועט באַשטימט ווערן אפֿן ערשטן בעסטן פּאָסטן אין דער כעמישער אינדוסטריע. ער זאָגט, אַז הערמאַן שמיץ בעט פּערזענלעך איבער־צוגעבן סעבאַסטיאַנען זײַן ווונטש זיך צו זען מיט אים.

— דער הער שמיץ זיצט דען ניט אין טורמע? — וווּנדערט זיך סע־באַסטיאַן.

— יאָ, אין טורמע — ענטפֿערט וואַלטער צעשטרייט. — נאָר ער האָט באַקומען א כוידעש אורלויב צו זײַן פֿאַמיליע אַף דערהאָלונג.

סעבאַסטיאַן וווּנדערט זיך נאָר ער שווײַגט. דערווײַל גרייט עריקאַ צום טיש. די זקיינע וועבער האָט מען געגעבן א פֿרײַען אָוונט, ווײַל זיי האָבן נישט געוואָלט האָבן קיין זײַטיקע מענטשן אין שטוב.

— איר לעבט זיך שלעכט, — רופֿט זיך אָן וואַלטער און וואַרפֿט א בליק אַף דער מאָגערער סודע.

עריקאַ צעבייזערט זיך פּלוצעם און זאָגט:

— מיר לעבן, גלײַך מיט אַלעמען.

וואַלטער הייבט אויף אַף איר זײַנע שווערע אויגן און אַף א סעקונדע לויפֿט אין זיי טיף דורך א צאַרטער און לײַדנפֿולער אויסדרוק. נאָר ער זאָגט גאָרניט און ווענדט זיך צום פֿאָטער:

— דו וועסט באַקומען אַן אַמעריקאַנישע אָפֿיצירישע שפּײַז־פּאָרציע און געהאַלט אין דאָלאַרן. וועסט האָבן צו דינסט די ערשטע בעסטע לאַבאָ־ראַטאָריע.

דער אַלטער קוקט נייגעריק אפֿן זון.

— איך בין דאָך איצט ניט קיין פּריוואַטער מענטש, וואַלטער, —

שמייכלט ער, — איך בין דער היגער לאַנדראַט, דער פירער פון דער זעלבסט־פאַרוואַלטונג. איך קען ניט פּלוצעם זיך אויפהייבן און אַוועקפאָרן.

— דײַן נאַיִוויקייט רירט מיך פּאַשעט. — רופט זיך שאַרף אָן וואַלטער; זײַן פּנים דריקט בעשום אויפן ניט אויס קיין גערירטקייט. — צי דען ווייסטו ניט, אַז די זעלבסטפאַרוואַלטונג איז בלויז אַ שירמע פאַרן ווילקיר פון דער אָקופּאַציע־מאַכט? ניט נאָר דאָ, נאָר אין אַלע זאָנעס.

סעבאַסטיאַן גיט זײַטיק אַ קוק אַף דעם אַמעריקאַנער, נאָר דאָס פּנים פונעם מאַיאָר קאָללינס בלײַבט אומבאַוועגט. עפּשער פאַרשטייט ער ניט קיין דײַטש? נאָר אין אַ פּאָר מינוטן אַרום נעמט ער ריידן דײַטש און רעדט זייער גוט, קימאַט אָן אַ פרעמדן אַקצענט. דעם סאָף פון די פראַזן, נאָר, רעדט ער אַרויס מיט אַ צוזונג, אַפן אַמעריקאַנישן שטייגער. ער זאָגט עט־לעכע אָנגענעמע ווערטער עריקען, — עפּעס אין דעם ערעך ווי, אַז איר פּאַסט דאָס פירן די ווירטשאַפט באַם טיש. כאָטש דער אַמעריקאַנער זאָגט קיין וואָרט ניט אין שאַיכעס מיט וואַלטערס פאָרשלאַג, פאַרשטייט דער פּראָ־פעסאָר, אַז וואַלטער רעדט אין ביידנס נאָמען, און ניט נאָר אין ביידנס, נאָר אין נאָמען פון מער העכערגעשטעלטע מענטשן ווי דער מאַיאָר קאָללינס. און דאָס, דענערווירט סעבאַסטיאַנען, ווער ווייס פאַרוואָס, אים דאַכט זיך אַלץ, אַז אָט וועט דער אַמעריקאַנער אַרויפלייגן זײַן שמאָלע האָריקע האַנט אַף אים, אַפן פּראָפעסאָר סעבאַסטיאַן, און וועט אים צערטלעך גלעטן, ווי ער גלעט די זאַכן.

— גוט, איך וועל דאָס אַלץ באַטראַכטן, — זאָגט סעבאַסטיאַן און, ער האַלט ניט אויס און באַקלאָגט זיך: — איך באַדויער זייער וואָס איך האָב אַף מיר גענומען די פליכטן פון לאַנדראַט. דאָס ווײַזט זיך אַרויס אַ סאַך קאָמפּליצירטער ווי איך האָב גערעכנט.

— דאָס איז ערשט דער אָנהייב, — שטעלט זיך וואַלטער אויף אַ פאַרכמורעטער, — דאַרפסט נאָר אַ פינגער אַרײַנלייגן אין דעם שרעקלעכן מעגושעמדיקן מעכאַניזם, וועלן זיי דיר באַווײַזן וואָס אַזוינס איז דעמאָקראַ־טיע און זעלבסטפאַרוואַלטונג.

כאָטש סעבאַסטיאַן טראַכט עפּעס ענלעכס דערצו, נאָר די ווערטער רעגן אים אויף. ער ווערט רויט און פרעגט אַרויסרופעריש:

— וועמען מיינסטו דאָס זיי? די פאַרבינדעטע פונעם הער קאָללינס?

דער הער קאָללינס פאַרמעסט זיך אין דער צײַט מיט אַ לאַנגן בליק צום קאַפּע־קאָכער וואָס שטייט אַפן צווייטן עק טיש, און באַם פּראָפעסאָרס לעצ־טער פראַגע, שטרעקט ער ענדלעך אויס די האַנט און גלעט דעם קאַפּע־קאָ־כער מיט אַ שנעלן און צאַרטן באַריר פון אַלע פינגער.

— יאָ, — זאָגט ער, און הערט ניט אויף גלעטן דעם קאַפּע־קאָכער, — הערר וואַלטער, דאַכט זיך, גיט אָנצוהערן אייגנטלעך אַף זיי. — דעם נאָמען „וואַלטער" רעדט ער אַרויס אַף ענגליש: „אואָלטער".

ווען וואַלטער באַקומט די באַשטעטיקונג מיצאַד דער דאָזיקער אָפיציע־לער פּערזענלעכקייט, נעמט ער ווײַטער ריידן. ער רעדט וועגן דעם, אַז די וועלט איז צעשפּאַלטן און אויב די רוסן האָבן פריִער, אַ דאַנק היטלערס נאַרישער פּאָליטיק, געפונען אַ געמיינזאַמע שפּראַך מיט דער אַנגלאָזאַקסי־שער, האָט זיך איצט אַלץ ראַדיקאַל געענדערט.

— קומט עס אויס, אַז דער גדאַנק פונעם הערר רודאָלף העסס איז נאָענט צו זײַן פאַרווירקלעכונג? — פרעגט סעבאַסטיאַן.

— אַך, וואָס קער זיך אַהער אַן רודאָלף העסס! — רופט אויס וואַלטער מיט פאַרדראָס. אים וווּנדערט וואָס ער טרעפט אָן אַ ווידערשטאַנד מיצד דעם פאָטער.

אין דעם מאָמענט דערהערט זיך אַ שאַרפער קלונג. עריקאַ גייט אַראָפּ עפענען.

צום גרויסן שטוינען און פאַרלירן זיך פונעם פּראָפעסאָר, קומט אַריַין אין צימער דער סאָוועטישער קאָמענדאַנט. אַלע שטעלן זיך אויף. סעבאַסטיאַן ווייס אַליין ניט פאַרוואָס ער איז רויט געוואָרן און צעטומלט און שטעלט פאָר פאַר לובענצאָוון זײַן זון און דעם אַמעריקאַנער. לובענצאָוו דריקט זיי די הענט, זעצט זיך צום טיש און פאַרשטייט ניט, נאָר ער פילט אין דער אַטמאָספער פון דעם גרויסן צימער עפּעס זייער אָנגעצויגנס, צווייַדייטיקס, וואָס איז פול מיט נישט דערזאָגטן און איַינגעריסענעם און ווירקט, ניט אַזוי אויף לובענצאָווס ריַע און גהער, ווי אויף אַ מין זעקסטן כוש, וואָס מען וואָלט געקענט באַצייכענען ווי דינסט־אייפער. פון טויזנטער מינדסטע שאָטירונגען אין דער האַלטונג, פון די ניט ריכטיקע, פאַלשע טענער אינעם געשפּרעך, פונעם פאַררעטערישן פינטלען מיט די וויִעם, אַפילע פונעם טרוקענעם קלאַפּ פונעם לופטשיק, וואָס דער ווינט עפנט עס און פאַרמאַכט עס, פורעמט זיך אויס בײַ אים אַ אומקלאָרער פאַרדאַכט. אַלץ דויערט, מעגלעך, נישט מער ווי אַן אויגנבליק און איז צו אומבאַשטימט, צו אוממאַטעריעל, אַז אַזאַ ניכטער דענקענדיקן מענטשן ווי לובענצאָוון, וואָס איז דערצויגן אין טיפן אומצוטרוי צו אַלץ וואָס דאַכט זיך, וואָס פינקלט אין דער טיפעניש פונעם באַוווּסטזײַן, זאָל עס קענען אויסזען ווויכטיק און איבערצײַגנדיק.

מאַכמעס דעם וואָס לובענצאָוו האָט מיט זיך נישט די איבערזעצערן, נעמט ער ריידן אין דײַטש זעלבשטענדיק — צום אָנהייב אומדרייסט, נישט גלאַט, דערנאָך אַלץ געוואַגטער און פרײַער, און דאָס פאַרשאַפט אים אַ אומגעריכטן פאַרגעניגן. אָט ווו עס ווײַזן זיך אַרויס די לאַנגע מאָנאָלאָגן אין דײַטש, וואָס לובענצאָוו האַלט פאַרן שלאָף ווען ער בלײַבט אַליין.

ער פרעגט צי קען ניט פּראָפעסאָר סעבאַסטיאַן מיטפאָרן מיט אים מאָרגן פרי אויף אַ רײַזע איבער אייניקע דערפער. סעבאַסטיאַן ענטפערט, אַז ער קען. לובענצאָוו פרעגט צי וועט דאָס ניט פאַרשאַפן קיין אומבאַקוועמלעכקייטן פאַרן פּראָפעסאָר, און אַכט נעמענדיק, אַז ער האָט געסט. ער וואַרט ניט אויף ענטפער און בעט אַנטשולדיקונג בײַ וואַלטערן און בײַם אַמעריקאַנער און פאַרזיכערט, אַז ער וועט דעם פּראָפעסאָר לאַנג ניט פאַרהאַלטן און אַז צום מיטאָג וועלן זיי אומבאַדינגט זײַן צוריק. ער טראַכט אַן אויגנבליק און פאַרבעט זיי אַלע צו זיך אויף מיטאָג.

— ווי נאָר מירן צוריקקומען — זאָגט ער — בעט איך צו מיר. איך וועל זיך באַמיִען אײַך מעכאַבעד צו זײַן וואָס בעסער. איך האָב מיט זיך אַזוינס וואָס איז באַליבט אַפילע בײַ אַזעלכע וואָס האָבן ניט ליב די רוסן, אייגנטלעך: רוסישע וואָדקע און רוסישע איקרע. נעכטן אין אָוונט האָט מיר אַ פרײַנט געשענקט די קליינע מאַטאָנע, איך וועל זי מיט פאַרגעניגן טיילן מיט אײַך, הער פּראָפעסאָר, און מיט אײַערע פרײַנט.

— פאַרוואָס דערלאַנגסטו ניט קיין קאַפע, עריקאַ? — פרעגט דער פּראָפעסאָר. — דער שטערן נעמט בײַ אים שוויצן.

— ניין, אַ דאַנק, — ענטפערט לובענצאָוו. — איך האָב ערשט נע־

טרונקען קאַפּע, — ער דרייט זיך אום צום אַמעריקאַנער. — איר רעדט דײַטש?

— יאָ, — ענטפֿערט קאָללינס, און גיט ליבלעך צו: — איך וווּנדער מיך ווי גוט איר רעדט.

„געדאַרפֿט וואָלט איך זאָגן: „איר כאַנפּעט מיך", — טראַכט זיך לובענצאָוו, נאָר ער קען זיך ניט דערמאָנען די ווערטער און ער זאָגט:

— איך לערן זיך. דאָס איז ניט זייער שווער אין אַ לאַנד, וווּ אַפֿילע קליינע קינדער ריידן דײַטש. איר זײַט אַף לאַנג דאָ צו גאַסט? — פֿרעגט ער, און טייקעף גיט ער צו באַרויִקנדיק: — איך פֿרעג עס ניט אַמטלעך. גענוג איז צו זײַן אַ פֿרײַנט פֿון פּראָפֿעסאָר סעבאַסטיאַן, מען זאָל ניט אַרויסרופֿן קיין שום כשאַד בײַ דער קאָמענדאַטור.

— אַף צוויי אָדער דרײַ טעג, — זאָגט וואָלטער.

— דערנאָך ווײַטער, קיין בערלין? — פֿרעגט לובענצאָוו. ווי אַן ענטפֿער אַף וואָלטערס שנעלן פֿרעגנדיקן בליק, צעלאַכט ער זיך קורץ און קלערט אים אויף: — זאָל אײַך ניט וווּנדערן וואָס איך בין אַזוי אינפֿאָרמירט. דאָס איז זייער פּאָשעט — אונטן אינעם אויטאָמאָביל דרעמלט אײַער נעגער — שאָפֿער. איך האָב זיך נאַטירלעך פֿאַראינטערעסירט מיט דעם פֿרעמדן אויטאָמאָביל מיט די אַמעריקאַנישע מיליטערישע נומערן און האָב מיר דערלויבט אים אויפֿצוּוועקן און פֿרעגן וווּהין ער פֿאָרט.

— פֿאַרוואָס גיסטו ניט אָן קיין קאַפּע, עריקאַ? — פֿרעגט דער פּראָפֿעסאָר, וואָס האָט פֿאַרגעסן, אַז ער האָט דאָס שוין איין מאָל געפֿרעגט.

— איך דאַנק, איך האָב ערשט געטרונקען קאַפּע. — זאָגט ווידער אַ מאָל לובענצאָוו.

ער געזעגנט זיך און גייט אַוועק. קאָללינס באַשליסט אויך שלאָפֿן גיין, און וואָלטער פֿירט אים אין דעם צימער וואָס מען האָט פֿאַר אים אָפּגעגעבן.

— אַ יונגער נאַכאַל, דער רוס, — זאָגט וואָלטער ווען ער קומט צוריק.

— ער פֿירט זיך אויף ווי אַ דעראָבערער.

— און ער איז אַ דעראָבערער, — ענטפֿערט סעבאַסטיאַן.

— און ווי פֿירט זיך מיסטער קאָללינס? — פֿרעגט אַרויסרופֿעריש עריקאַ. — ער כאַפּט די זאַכן מיט די הענט ווי אַף אַן אויקציע. — זי זעט אויס צופֿרידן דערמיט וואָס לובענצאָוו האָט צוגעשעמט וואָלטערן און דעם אַמעריקאַנער, וואָס זײַנען אין זײַן אַנוועזנהײַט געוואָרן שטילינקע. — איך מיין, אַז אונדזערער איז אַ ביסל בעסער און קליגער פֿון דײַנעם. ער באַציט זיך צום פֿאָטער מיט גרויס רעספּעקט.

סעבאַסטיאַן רופֿט זיך אָן:

— אויב אַפֿילע דו האַלטסט די רוסן פֿאַר אונדזערע סאָנים, וואָלטער, מוז איך דיר זאָגן, אַז ניט דערשאַצן די סאָנים איז נאַריש. אָט דער יונגער קאָמענדאַנט האָט אַ גרויסן אָנזען אַפֿילע בײַ אונדזערע פּרעטענציעזע לויטערבורגער. ער אַרבעט צוואַנציק שאָ אין מעסלעס און קיינער ווייס ניט ווען ער שלאָפֿט. די לאַגע בײַ אונדז אינעם ראַיאָן איז אים באַקאַנט ביז די קלענצטע פּראָטים, ווי ער וואָלט דאָ געבוירן געוואָרן און אויסגעוואַקסן. דערצו נאָך געפֿינט ער צײַט אַף לייענען אַ סאַך, און אַלע אײַנוווינער קענען דיר אויסרעכענען אַלע ביכער וואָס ער האָט אין דער לעצטער צײַט איבערגעלייענט. דער פּאַסטאָר קלויסטאַל האָט מיר דערציילט אַ וויץ וואָס גייט דאָ אום וועגן דעם יונגן מענטשן. עמעצער האָ פֿאַראָדירט די ערשטע שור-

רעם פון דער ביבל און האָט געלאָזט אין גאַנג וועגן אים אַזאַ שפּאַס: „און די ערד איז געווען אומגעזען און פּוסט, און פינצטער איז געווען איבער דעם אָפּגרונט, און דער גײַסט פונעם הער קאָמענדאַנט האָט געשוועבט איבער די וואַסערן. און דער הער קאָמענדאַנט האָט געזאָגט: ליכטיק זאָל ווערן און עס איז געוואָרן ליכטיק. און דער הער קאָמענדאַנט האָט געזען אַז דאָס ליכט איז גוט, און ער האָט געזאָגט: „דאַוואַי, דאַוואַי".

— עס גייט דערין וואָס ער האָט געצוווּנגען דעם הער זעלענבאַך ווי־דערצושטעלן די עלעקטרישע באַלײַכטונג אין שטאָט — קלערט אים אויף עריקאַ, און פאַרקײַכט זיך פון געלעכטער.

— ווי דאָס געפעלט אײַך אַזוי! — זאָגט דערויף וואַלטער אַ מידער. — נאָך אַלעמען גייט עס דאָך ניט דערין צי עס זײַנען פאַראַן צווישן די רוסן סימפּאַטישע מענטשן. עס גייט אינעם עצעם פון דער פראַגע, אין דער פּאָליטיק וואָס די רוסן פירן דורך בײַ אונדז אין לאַנד. — ער שווײַגט אַ מי־נוט צײַט. — שטעלט מיך כאָטש ניט אַוועק אין אַ אומבאַקוועמער לאַגע פאַרן אַמעריקאַנער, — זאָגט ער. — דער קאַללינס איז אַן אָפיציר מיט אײַנ־פלוס אינעם עקאָנאָמישן אָפּטייל פון דער אַמעריקאַנישער אַדמיניסטראַציע. ער איז איינער פון די אָנגעזעענסטע מיטאַרבעטער פון דער פירמע „דיופּאָן דע נעמור". איצט נעמט ער פונאַנדער די אַרכיוון פון דער „איג פאַרבענאינ־דוסטריע". פון אים איז אַ סך אָפּהענגיק די צוקונפט פון אונדזער כעמישער אינדוסטריע.

סעבאַסטיאַן קוקט פאַרשנדיק אַרײַן אינעם זונס אויגן.

— איך האָף אַז „איג פאַרבען" וועט אָפּגעשאַפט ווערן אינעם גײַסט און לויטן בוכשטאַב פון די פּאָטסדאַמער באַשלוסן.

— מען קען ניט וויסן, מען קען ניט וויסן, — ענטפערט וואַלטער. — מיר דאַכט זיך, אַז צווישן די אַמעריקאַנישע אָפיצירן זײַנען פאַראַן וועגן דעם פאַרשידענע מיינונגען.

— איך וועל דאָס אַלץ אַרומטראַכטן, אַלץ אַרומטראַכטן, — מורמלט סעבאַסטיאַן.

עריקאַ פירט אַוועק וואַלטערן אין דעם צימער וואָס איז פאַר אים באַ־שטימט און קומט צוריק. זי לעשט אויס די אייבערשטע עלעקטריע, און לאָזט ברענען אין אַ ווינקל אַ בלוי טיש־לעמפּל, וואָס קאַללינס האָט עס דעם גאַנצן אָוונט געגלעט. צוליב דעם וואָס איר ווילט זיך ניט שלאָפן. — זי איז צו אויפגערעגט פון די געשעענישן אין דעם אָוונט. — זעצט זיך עריקאַ אַוועק מיט די פיס אױפֿן דיוואַן און קוקט פאַרשנדיק אויפן פאָטער.

— אומעטום פּאָליטיק, פּאָליטיק! — זאָגט סעבאַסטיאַן. — זי פאַר־פאָלגט דיר ווי אַ קאָשמאַר. ניטאָ קיין היים, ניטאָ קיין פאַמיליען־אינטערעסן. דאָס אַלץ פאַרשלינגט די שרעקלעכע כאַיע־פּאָליטיק! זי בליקט אַרײַן אין די פענצטער און אין האַרצן. דו יאָגסט זי דורך דער טיר, קריכט זי אין פענצ־טער און פרעגט דיך קאַלטבלוטיק מײַסע באַלעבאָס: מיט וועמען ביסטו? „רעדט זיך ניט אײַן, אַז ניט באַטייליקן זיך אין פּאָליטיק, וועט אײַך אויס־היטן פון אירע פאָלגן". דאָס האָט נאָך ביסמאַרק געזאָגט. נאָר וואָס האָט ער געוווּסט? געווען זײַנען עס קינדערישע צײַטן! עס איז אַוועק יענע צײַט ווען יעדער איינער איז געווען פאַר זיך. יאָ, עריקאַ. דער צוזאַמענשטויס פון גרויסע מאַסן — אָט וואָס עס איז דער צוואַנציקסטער יאָרהונדערט. באַם הימלשן קרופּיע אויפן שפּילטיש ליגט דער גורל פון פעלקער, און ניט פון

איינצעלנע מענטשן. די הייליקע קלאַוס ברענגט מאַטאַנעס ניט די קינדער מיט גוטער אויפפירונג, נאָר די מאַזלדיקע פעלקער... מיט וועמען ביסטו? — פרעגט די פּאָליטיק. „ביסט מײַנער" — זאָגט איין צאַד, מערק דיר, ניט דער מענטש, ניט וואָלטער, ניט דאָקטאָר שנײַדער, ניט פּראָפעסאָר ריודיגער, נאָר דער צאַד — דער ריזיקער לאַגער. „ביסט מײַנער", — זאָגט דער צווייטער צאַד, אָט אַ שטייגער דער הער לובענצאָוו און ווידער ניט ער איינער, נאָר דער ריזיקער לאַגער, וואָס שטייט הינטער אים. און דו קענסט דערפון ניט אַוועקגיין מיט אַן אַלפּן־שטאָק אויף די האַרץ־בערג, ניט אַפילו אין דער אייגענער וווינונג זיך פאַרקלײַבן, און ניט אין אַ הייל...

XI

באַקומען האָט זיך אַזוי, אַז אין די טעג באַלד נאָכן באַשריבענעם אָוונט, זאָל סעבאַסטיאַן זײַן אינאיינעם מיט לובענצאָוון. דערנאָך האָט מען דערפאַר שטאַרק געלויבט לובענצאָוון, מען האָט געהאַלטן, אַז ער האָט דערמיט אַרויסגעוויזן אַ אומגעוויינלעכן פאַרויסזען, ווען ער האָט דערפילט, אַז דעם פּראָפעסאָרס געסט קענען אויף אים ווירקן אין אַ אַנדער ריכטונג. נאָר אין דער עמעסן איז עס געווען אַנדערש. ער האָט פּאַשעט באַשלאָסן, אַז עס האָט אָנגעצײַטיקט די נייטיקייט קלאָר און אומצווייידײַטיק אויפקלערן סעבאַסטיאַנען דעם מעהוס פון דער ערד־רעפאָרם, אים ווײַזן דאָס לעבן פון די פּויערים, דערזין אויך פון די פּליטים, אָדער ווי מען רופט זיי העפלעך, איבערוואַנדערער קעדיי דער פּראָפעסאָר זאָל זיך מיט זײַנע אייגענע אויגן איבערצײַגן אין דער נייטיקייט פון אַוועקנעמען ערד בײַ די גוטבאַזיצערס לעטוווען די וואָס באַאַרבעטן די ערד. לובענצאָוו האָלט דעם פּראָפעסאָר סעבאַסטיאַן פאַר זייער אַן אָרנטלעכן מענטשן, וואָס די פאַרורטיילן וועלן אים ניט שטערן זען די זאַכן אַזוי ווי זיי זײַנען אין דער עמעסן.

זיי פאָרן פון דאָרף צו דאָרף. מיט אַ געוויסער באַוווּנדערונג מערקט זיך סעבאַסטיאַן, ווי גוט דער קאָמענדאַנט ווייס אַלץ וואָס עס טוט זיך אין די דערפער, ווי ער גדעדענקט די פאַמיליען־נעמען און די לעבנס־באַדינגונגען פון אַ גרויסער צאָל פּויערים און איבערוואַנדערער. קעגן דעם געוויינלעכן אײַנפיר, זײַנען זיי ניט פאַרפאָרן צום ראַטהויז, צו די בירגערמײַסטערס און ביכלאַל צו נאַטשאַלסטווע, נאָר אָפּגעשטעלט זיך ווו ניט איז אין אַ שטוב וואָס אָרעמער, פאַרפירט שמועסן מיט פּויערים און פּויערטעס. דער געשפּרעך פירט זיך מערסטנס צווישן די פּויערים מיט דעם לאַנדראַט, און דער קאָמענדאַנט גיט נאָר די ריכטונג דעם געשפּרעך, פאַרגיט פראַגן, מאַכט פון צײַט צו צײַט אַ באַמערקונג, און סעבאַסטיאַן איז גערירט פון דעם געזונדטן פאַרשטאַנד בײַ זײַנע לאַנדסלײַט, ווי מוטיק זיי ריידן מיט דעם סאָוועטישן קאָמענדאַנט און באַהאַלטן פון אים ניט אויס קיין זאַך אָדער קימאַט קיין זאַך, ווי זיי ריידן זיך אויס מיט אים וועגן זייערע ספּייקעס, אַזוי, גלײַך ער וואָלט זײַן איינער פון זיי.

פון דער אַנדער זײַט, שאַצט אָפּ סעבאַסטיאַן דעם ריכטיקן טאָן פונעם יונגן קאָמענדאַנט, זײַן באַגײַסטערטע אַקשאָנעס צו דערגרייכן דעם ציל.

— די גוטבאַזיצערשע ערד מוז מען קאָנפיסקירן, — כאַזערט דאָס איבער דער קאָמענדאַנט אויף אַלערליי אויפאַנים און דערווײַזט דאָס מיט הונדערטערליי אַרגומענטן, דער איקער מיט פאַקטן. ער לאָזט זיך ניט אַרײַן אין

קיין היסטאָרישע אַרגומענטאַציעס, וואָס מען הערט געוויינלעך פֿון די דײַטשע קאָמוניסטן און סאָציאַל־דעמאָקראַטן. ער ווייס, אַז אין דײַטשער געשיכטע איז סעבאַסטיאַן שטאַרקער פֿון אים. ער ווײַזט דעם פּראָפֿעסאָר די איבערוואַנדערער־מישפּאָכעס, וואָס טוליען זיך אין די שטאַלן און סאַראַיען, אין די באָרעווע פֿליגל־שטיבלעך אָדער פּאָשעט אונטערן אָפֿענעם הימל. ער צווינגט די ערדלאָזע פּויערים אַרויסצוברענגען זייערע נויטן, אויסדערציילן ווי זיי לעבן. טיילמאָל, פֿאָרט ער אַרײַן אַף אַ ווײַלע, נאָכדעם ווי זיי זײַנען געוועזן אין אַן אָרעמען שטיבל, אין אַ גרויסן שטילן גוטבאַזיצערישן הויז, ווו עס באַגעגענען זיי, היפּש איבערגעשראָקענע, דער גוטבאַזיצער מיט דער גוטבאַזיצערן. נאָכדעם וואָס דער פּראָפֿעסאָר האָט געזען דאָרטן, מאַכט אויפֿן פּראָפֿעסאָר אַ שווערן אײַנדרוק דאָס לעבן דאָ, די ראַכוועס פֿון די גרויסע צימערן און קאָלאָסאַלע ווירטשאַפֿטלעכע בינינים. ווען ער בלײַבט אַליין מיט וועמען פֿון די באַקאַנטע גוטבאַזיצער, רעדט ער צו זיי מיט אַראָפּגעלאָזטע אויגן:

— מען מוז זיך אַביסל אײַנשרומפּן... מען מוז עפּעס נאָכלאָזן. מען קען ניט אין אַ צײַט פֿון אַזאַ שרעקלעכער פּאַראָרעמונג פֿון אונדזער גאַנצן פֿאָטערלאַנד לעבן ווי פֿריער...

לובענצאָוו וווּנדערט זיך פֿון טיפֿן האַרצן ווי ניט פֿעסט דער פּראָפֿעסאָר איז אין זײַנע מיינונגען. סעבאַסטיאַן וואַקלט זיך, רעדט וועגן דער ניט אײַנטרעגלעכקייט פֿון דער קליינער פּויערים־ווירטשאַפֿט, וועגן דעם, אַז די נײַע פּויערים, אַ סך פֿון זיי ניט געוווינטע צו דאָרף־ווירטשאַפֿטלעכער אַרבעט, וועלן ניט קענען אַרויסגעבן אַ געהעריקן סכום פּראָדוקטן; אַז צווישן די גוטבאַזיצער זײַנען פֿאַראַן העכסט אָנשטענדיקע מענטשן, וואָס זײַנען גרייט צו יעדער מיטאַרבעט מיט די אַנטיפֿאַשיסטישע פּאַרטייען, אַזעלכע מענטשן האָט קיין זין ניט אַראָפּצוטרײַבן פֿון זייערע ערדן. פֿאַרקערט אָבער, נאָך די שמועסן מיט די אָרעמע פּויערים און איבערוואַנדערער, נאָך די בילדער פֿון אויסערגעוויינלעכער נויט, רעדט סעבאַסטיאַן עפּעס פּונקט דאָס פֿאַרקערטע, ער קלאָגט זיך אַף דער אומרעכטיקייט דערפֿון ווי עס זײַנען אײַנגעשטעלט די געזעלשאַפֿטלעכע באַציִונגען „אַף אונדזער זינדיקער ערד" און מורמלט:

— איר זײַט גערעכט, אין אַ סך זאַכן גערעכט.

אויפֿן צווייטן טאָג נאָך וואַלטערס אָנקומען קומען לובענצאָוו און סעבאַסטיאַן צוריק אַרום פֿינף אין אָוונט. לובענצאָוו לויפֿט אַרײַן צו זיך געוואָר ווערן ווי עס האַלט מיטן מיטאָג. דער מיטאָג איז גרייט. דער קיכער פֿון דער זעלנער־אָפּטיילונג, ניעבאַבאַ, שטייט מיט אַ רויטן גלאַנציקן פּאָנעם בײַ דער קאַכלענער פּליטע, מיט די הענט אין די קלובעם אָנגעשפּאַרט, און קוקט ווי די אַלטע וועבער און איינע אַ מיידל וואָס מען האָט איר צו הילף גענומען, ווישן איבער דאָס געשיר. פֿאַראַן איז דאָ אויך קסעניאַ. אינעם עס־צימער, אויפֿן לײַדיקן, נאָר מיט אַ ווײַסן טישטעך פֿאַרשפּרייטן טיש, פֿרייט דאָס אויג אַ פֿלעשל מאָסקווער וואָדקאַ און אַ שאַכטל קערנערדיקע איקרע.

לובענצאָוו שיקט קסעניען רופֿן צום טיש, און אין אַ פּופֿצן מינוט אַרום קומען אַרײַן אַלע פֿיר — דער אַמעריקאַנער, סעבאַסטיאַן, זײַן זון און זײַן טאָכטער. פֿון די רוסן זײַנען דאָ אַחוץ לובענצאָוו, קאַסאַטקין, יאַוואָרסקי און קסעניאַ. קאַסאַטקין האָט טכילעס ניט געוואָלט אָנטיילנעמען אין דער אויפֿנאַמע, וואָס אירע צילן זענען אים אויס פֿאַרנעפּלט און איר נויטווענדיקייט איז אים ניט פֿאַרשטענדלעך. נאָר לובענצאָוו איז צוגעשטאַנען.

די וואָדקאַ געפעלט זייער סיי די דײַטשן און סיי דעם אַמעריקאַנער, וואָס האָט פון זײַן זײַט געבראַכט אַ פלאַש וויסקי, וואָס שמעקט מיט רויך און מיט עפּעס ענלעכס אויף לעדער.

לובענצאָוו האַלט אַ סאַך טאָסטן, אויפן רוסישן שטייגער — לויט דער ריי פאַר אַלע אָנוועזנדיקע, דערנאָך פאַרן דײַטשן פאָלק, פאַר דער אַמעריקאַנישער אַרמיי און, צום סוף פאַר דעם געניוען אויספילן די באַשלוסן פון דער פּאָטס־דאַמער קאָנפערענץ.

ער פילט זיך זייער מיד און אַנשטאָט שמועסן, וואָלט ער מיט דעם גרעסטן פאַרגעניגן זיך געלייגט שלאָפן; קיין זאַך מידט ניט אַזוי אײַן ווי אַרויסווײַזן פרײַלעכקייט. מען מוז אָבער ריידן, לאַכן, יעדן איינעם באַזונדער היימיש מאַכן, קיינעם אויף לאַנג ניט פאַרגעסן. ער רעדט אין דײַטש, און ווען אים פעלן אויס ווערטער, גייט ער איבער אויף רוסיש, און דעמאָלט נעמען אי־בערזעצן שטיל יאַוואָרסקי און קסעניאַ אויףביידע זײַטן טיש: יאַוואָרסקי — פרײַנטלעך און מיט אַ דעזשורנעם נאָר ליבלעכן שמייכל אויף די דיקע גוט־מוטיקע ליפּן, און קסעניאַ — גלײַכגילטיק און מיט אַ שטיינערנעם פּנים.

אויפן קומט אונטער איינעם געשפּרעך יאַוואָרסקי פאַר זיך, און לובענצאָוו איז אים דאַנקבאַר דערפאַר. יאַוואָרסקי דערציילט וועגן דעם מאָסקווער קונסט־טעאַטער, וועגן סאָוועטישן באַלעט, מוזיק און קינאָ, אַגעוו, וואַרפט ער אַרײַן אַ וואָרט, אַז די דײַטשע באַמבעס האָבן אַרײַנגעטראָפן אין צוויי מאָסקווער טעאַטערס. ער דערציילט אינטערעסאַנט, און לובענצאָוו קוקט דעמאָלט מיט שטאָלץ אויף זײַנע געסט: זעט, הייסט עס, סאַר אַ יאַטן מיר האָבן.

נאָכן מיטאָג פאַרבעט לובענצאָוו זײַנע געסט אויף אַ קינאָ־סעאַנס אין לאָקאַל פון דער קאָמענדאַנטישער זעלנער־אָפּטיילונג. מען ווײַזט דאָרט אָן ערשט באַקומען סאָוועטיש קינאָ־בילד.

די געסט זעצן זיך אויס צווישן די רוסישע זעלנער. די זעלנער וואַרפן בליקן אויף עריקאַ. פון די בליקן פאַרשטייט לובענצאָוו צום ערשטן מאָל, אַז זי איז זייער אַ שיין מיידל. אירע אויגן גלאַנצן מיט אַ טיפן און פײַכטן גלאַנץ.

מען ווײַזט „מאַקסימס יוגנט". דאָס בילד רירט זיי, אַפילו דעם אַמע־ריקאַנער. ווען עס ווערט ליכטיק, טרייסלט ער לאַנג לובענצאָוון די האַנט, ווי לובענצאָוו וואָלט געווען דער העלד אָדער דער פאַרפאַסער פון דעם בילד. די זעלנער קוקן ווידער אויף עריקאַ.

ווען די גאַנצע קאָמפּאַניע גייט צוריק, צו סעבאַסטיאַנען אין הויז, איז שוין פינצטער. די לעוואָנע שײַנט. בלומען שמעקן און פאַרדרייען דעם קאָפּ. דער אַמעריקאַנער באַטאַפּט זיי מיט די פינגער, און עריקאַ קוקט אויף אים מיט סינע.

לובענצאָוו געזעגנט זיך און וויל אַהיימגיין. אין דעם אויגנבליק גיט עריקאַ שנעל אַ מורמל דעם פאָטער אויפן אויער, און סעבאַסטיאַן פאַרבעט אַלעמען אויף אַ יאַנטעוו אין אַ וואָך אַרום לעקאָוועד עריקעס געבוירנטאָג. לובענצאָוו באַמערקט, ווי וואָלטער גיט דערבײַ אַ הייב מיט די אַקסלען.

דעם צווייטן טאָג פאָרן ווידער אַרויס לובענצאָוו און סעבאַסטיאַן אי־בער די דערפער — דאָס מאָל ניט אין די בערג, ווי נעכטן, נאָר אויפן פלאַכ־לאַנד פון דער נעגנט, אויף מיזרעך. אין וועג צערעדט זיך לובענצאָוו צום ערשטן מאָל מיט סעבאַסטיאַנען וועגן זײַן זון. ער פרעגט אים מיט וואָס האָט זיך וואָלטער באַשעפטיקט פריִער און וואָס טוט ער איצט.

— ער איז אַן אינזשעניער, — ענטפֿערט סעבאַסטיאַן.
— אויך אַ כעמיקער?
— יאָ.
— אַ היפּשער ספּעציאַליסט, קענטיק?
— יאָ... זייער אַ פֿעיִקער אינזשעניער.
— ער געפֿינט זיך אין אַמעריקאַנישן דינסט?
— גענוי ווייס איך נישט. קענטיק. — אין אַ מינוט אַרום גיט ער צו:
— ער העלפֿט פֿונאַנדערקלײַבן אַרכיוון...
— איך רעכן, איר וועט מיר אַנטשולדיקן וואָס איך גיב אײַך נישט די מעגלעכקייט לענגער צו זײַן מיט אײַער זון, נאָך אַזאַ לאַנגער שיידונג. בײַ אונדז איז אָנגעקומען, אַז פֿאַר אַלעמען איז די אַרבעט. די אַלגעמיינע אַרבעט, גאַטירלעך.
— דאָס האָב איך געמערקט, — זאָגט סעבאַסטיאַן.
— און איצט איז גראָד אַזאַ ערנסטער מאָמענט, אַזויפֿיל וויכטיקע פֿראַגן ווערן געלייזט. איך מיין, אַז עס ווערט געלייזט דער גורל פֿון דײַטשלאַנד אויף אַ סאַך יאָרן פֿאָרויס.
— גאַנץ מעגלעך, — זאָגט סעבאַסטיאַן.

דער אויטאָמאָביל פֿאָרט אַרײַן אין אַ גרויס דאָרף, וואָס איז לובענצאָוון גוט באַקאַנט: אָט איז די סאָזשעלקע אינמיטן דעם דאָרף, דאָס קליינע ראַט־הויז און די קליינע קירכע, און ווײַט, לינקס, זעען זיך אָן די שפּיצן פֿאַרק־ביימער פֿון דער מאַדאַם פֿאָן מעלכיאָר.

לעבן דעם סאַראַי, צווישן די גרינסגערטענער, ברענט אַ קליינער פֿײַער, אויף וועלכן אייניקע פֿרויען קאָכן. אַ דאַר, בלענדיק בלאָנד מיידעלע פֿון אַ יאָר צען, דערזעט די צוקומענדיקע מענטשן און שרײַט, קענטיק, עמעצן צו וואָרענען:

— דער רוסישע אָבערסט מיט דעם בלאָוען אויגן איסט שאָן ווידער דאַ!
סעבאַסטיאַן צעלאַכט זיך.
— מען קען אײַך דאָ, — זאָגט ער.
לובענצאָוו איז מאַסקים אַ צערודערטער:
— יאָ, איך בין דאָ אָפֿט געווען.

פֿונעם סאַראַי קומען אַרויס צוויי מענער — אַ זאָקן, אין טיפֿן עלטער, און אַ רויטער ווערגעלעך מיט אַ פֿאַרבונדענער האַנט.

—אַ קוואָפּענבערג, — דערקענט אים לובענצאָוו. — וואָס איז אײַך געשען?
— די האַנט צעקלאַפּט.

אינאיינעם מיט סעבאַסטיאַנען גייט לובענצאָוו אַרײַן אינעם סאַראַי און ווײַזט מיט אַ ברייטן זשעסט אויפֿן שטרויענעם געלעגער און אויף די קינדער, וואָס גריבלען זיך אין אַ ווינקל. דערנאָך גייט ער אַרויס, אויך אַזוי שווײַגנדיק, פֿונעם סאַראַי, און סעבאַסטיאַן שלעפּט זיך אים נאָך.

— זיצט דאָ אַביסל, שמועסט אַ ווײַלע מיט דעם אינטערעסאַנטן זאָקן און מיט קוואָפּענבערגן, — זאָגט לובענצאָוו. — און איך וועל צוגיין — איך דאַרף רײדן מיט דעם בירגערמײַסטער. מיר האָבן דאָס פֿריערדיקע מאָל געהאַט אָפּגערעדט, אַז ער וועט די מענטשן באַזעצן אין די בעסערע הײַזער, נאָר זיי זײַנען נאָך אַלץ דאָ. אָט גייט ער.

עס גייט צו צו זיי דער בירגערמײַסטער וועללער. פֿון ווײַטנס נאָך שרײַט ער:

— זיי ווילן ניט, זיי ווילן אַליין ניט, הער קאָמענדאַנט!

— ווער וויל ניט? די איבערוואַנדערער ווילן ניט?

— אַזוי איז עס. זיי אַליין. — ער קומט צו נענטער. מיט אים גייט העל־מוט רעיניקע, וואָס זײַן יונג, פֿאַררויטלט פּנים דריקט אויס אַ נאַיִוון פֿאַר־דראָס. דערמיט וואָס מיט דער באַזעצונג קומט גאָרניט אַרויס.

לובענצאָוו דרייט זיך אום צו קוואַפּענבערגן און פֿרעגט אים:

— איז עס עמעס וואָס זיי זאָגן?

— וווּהין וועלן מיר גיין? — פֿרעגט קוואַפּענבערג און זיפֿצט אָפּ. — מען לאָזט אונדז אין ערגעץ ניט אַרײַן. מיך האָט מען באַשטימט זיך אַרײַנ־צוציען צו ביבערן. ער אַליין איז אַן אָרעמאַן, זײַן שטיבל איז אַ קליינס... פֿאַרשטייט זיך, אַז ער לאָזט ניט.

— צו ביבערן? — פֿרעגט לובענצאָוו און דרייט זיך אויס צום בירגער־מײַסטער. — פֿאַרוואָס צו ביבערן? ער האָט דאָך זיבן קינדער. עס רעדט זיך וועגן פֿאַרמעגלעכע הײַזער, מיט אַ סך צימערן און בעערעך קליינע פֿאַמי־ליעס. דאָס איז בלויז צײַטווײַליק. מירן בויען! צו פֿלעדערן, לעמאָשל, האָט מען וועמען אַרײַנגעזעצט?

— יאָ! פֿלעדער אַליין האָט געבעטן צו זיך איבערוואַנדערער, — זאָגט וועללער און נעמט אויפֿקלערן סעבאַסטיאַנען: — ער האָט אַ גרויס הויז, הער לאַנדראַט. און בכלל איז ער אַ מענטש אַ נאָכגעביקער, אַ מילדער, נאָר די איבעריקע ווילן ניט האָבן קיין קוואַרטיראַנטן. גינטער האָט געדראָט, אַז ער וועט זײַן אייגן הויז אונטערצינדן, אויב מען וועט צו אים אַרײַנזעצן פֿרעמדע.

לובענצאָוו גייט אַרײַן מיט וועללערן און רעיניקען אין דאָרף. אויף דער צווייטער זײַט סאַזשעלקע גייט זיי אַקעגן פֿון אַ גרויסן הויז האַנס פֿלעדער — אַ הויכער ברייטפּלייציקער מענטש פֿון אַ יאָר פֿינף און פֿערציק, מיט וואָנציע־לעך, אין אַ גרינעם הוט. ער דריקט לובענצאָוון די האַנט, שפּאַנט בײַ זײַן זײַט און פֿרעגט זיך אויף זײַן געזונט.

— איר זײַט שטאַרק אַראָפּ פֿונעם פּנים, הער קאָמענדאַנט, — וויגט ער מיטן קאָפּ; אין זײַן שטים און אויף זײַן פּנים איז קיין שאָטן נישטאָ פֿון געמאַכטקייט; דעם קאָמענדאַנטס געזונט, זעט אויס, באַאומרויִקט אים טיף און גאַנץ אויפֿריכטיק. — איר זײַט צופֿיל באַשעפֿטיקט. געשעפֿטן, נאַטיר־לעך, איז אַ וויכטיקער איניען, נאָר אָן אָפּרו קען מען ניט. נו, און ווער עס זאָל פֿאַר אײַך ווי געהעריק זאָרגן, איז נישטאָ. אַ מענטש איינער אַליין, און אַ דינער — וואָס קען ער? אַ זופּ אָפּקאָכן און אַ געצעלט אויפֿשטעלן... איך אַליין בין מילכאָמע־צײַט אַמאָל געווען אַ דינער בײַ אַן אָבערשט, ווייס איך... קומט זיך דורך אַמאָל אַהער, צו מיר. אין איין וואָך, וועט מען אײַך ניט דער־קענען. — צוליב דעם וואָס לובענצאָוו שווײַגט, גייט פֿלעדער איבער אויף אַ געשעפֿטלעכן טאָן: — ניט גוט פֿירן זיך אונדזערע פּויערים. זיי האָבן פֿאַר־געסן וואָס דאָס הייסט מענטשלעכקייט. גייען אין קירכע, לייענען די ביבל, נאָר באַגייען זיך ווי בעסטיעס. איך, הער קאָמענדאַנט, האָב צו מיר אַרײַנ־גענומען פֿיר איבערוואַנדערער־פֿאַמיליעס. וועט מען דאַרפֿן, וועל איך אַרײַנ־לאָזן נאָך צוויי אָדער דרײַ. אין אַזאַ צײַט מוז מען זיך אַ ביסל ענגער מאַכן.

— אַרום זיי האָט זיך אָנגעקליבן אַן עולם. — יאָ, יאָ, גינטער, —

וווענדט זיך פֿלעדער צו אַן אײַנגעשרומפּענעם לאָמען מענטשן מיט אַ שטעקן אין דער האַנט, — דו באַגייסט זיך נישט גוט. דו דאַרפֿסט ניט אויסגיסן דײַנע מערידן אַף אומשולדיקע מענטשן. — אַלע צעלאַכן זיך אײַנגעהאַלטן.
— פֿרעג באַם הער קאָמענדאַנט, וועט ער דיר אויך זאָגן.

— איר זײַט אַ גרויסער מײַדים אַף ריידן, דאָס ווייס מען, — בורטשעט הינטער. — אײַך איז גוט, איר האָט אַ שטוב, ווי אַ פּאַלאַץ.

— נו און דײַנע? איז אַ הײַזקע? האָט אויך זעקס צימערן. קענסט אָפּטרעטן איינעם... אַגעוו, הער קאָמענדאַנט, האָב איך פֿאַרטראַכט אַזאַ מין איניען. אַ סטאַדיאָן פֿאַר אונדזער יוגנט... איך האָב דערויף געשענקט אַן ערעך צוואַנציק קובישע מעטערס ברעטער. מײַנע, אייגענע. אַלץ וועט זײַן, ווי אין שטאָט.

רעיניקע שמייכלט פֿאַרלעגן.

— איך גרייט צוויי פֿוטבאָל־מאַנשאַפֿטן. — זאָגט ער. — מירן אין גיכן ארויסרופֿן אַף אַ געוועט לויטערבורג.

פֿלעדער פֿאַרנייגט זיך און גייט ריידן מיט דעם לאַנדראַט, וועלכן ער האָט דערזען אַף דער צווייטער זײַט סאַזשעלקע.

ווען לובענצאָוו פֿאַרענדיקט זײַנע איניאַנים אין דאָרף און קומט צוריק צום סאַראַי פֿון די איבערוואַנדערער, טרעפֿט ער דאָרט ניט סעבאַסטיאַנען. אַרמוט לויפֿט אַוועק צו פֿלעדערן און רופֿט פֿון דאָרט אַרויס דעם פּראָפֿעסאָר.

זיי פֿאָרן ווײַטער.

— אַ גוטער מענטש, — זאָגט סעבאַסטיאַן וועגן פֿלעדערן. — אַ ריכטיקער ווירט און דערצו אַ ברייטע נאַטור, אַ מענטשנפֿרײַנט.

אינעם שכײנעסדיקן דאָרף שטעלט אָפּ לובענצאָוו זײַן אויטאָמאָביל באַם גוטבאַזיצערישן הויז. אינעם הויז וווינען איבערוואַנדערער. ער כמיקעט צופֿרידן.

— איר זעט? — פֿרעגט ער. — דאָס איז שוין אין אַ געוויסער מאָס די לייזונג פֿון דער פֿראַגע.

— און ווו איז פֿאָן באָרן? — פֿרעגט סעבאַסטיאַן, וואָס קען דאָס דאָרף און איז פּערזענלעך באַקאַנט מיט דעם גוטבאַזיצער.

— אין מײַרעוו. שרײַבט פֿון דאָרטן דראָונגס־בריוו.

— ער איז אַ העסלעכער מענטש. איך קען אים. איינער פֿון די אומאָנגענעמסטע גוטבאַזיצערס.

— און די איבעריקע זײַנען בעסער?

— פֿאַראַן זייער ליבע און געבילדעטע מענטשן.

— ליבע און געבילדעטע? — פֿרעגט איבער לובענצאָוו. — גיט זיי נאָר אַ מעגלעכקייט, וועלן אײַך אָט די ליבע און געבילדעטע אויפֿעסן מיט די פּאָטרעכעס. דאָס זײַנען פֿלינקע, זשעדנע מענטשן, וואָס ווייסן ווי אייגנצוהיטן זייער ווערט, זייער מאַכט און אײַנגנס באַ אַלע אומשטענדן, אין אַלע צײַטן. זיי האָבן אַרויסגעבראַכט דאָס ווײַס־גוואַרדייִשע אָפֿיצירן־געזינדל, וואָס האָט אומגעבראַכט די דײַטשע רעוואָלוציאָנערן פֿונעם אַכצנטן און פֿונעם דרײַ און צוואַנציקסטן. אָט דאָס געזינדל האָט געשטיצט היטלערן. וואָס וועט איר מיר זאָגן וועגן די שטאָט־גיטער? איך פֿאַרשטיי ניט ווי קען מען יאַרשענען אַ גרויסן אומגערעכט אָנגעזאַמלטן פֿאַרמעג און זיך באַטראַכטן פֿאַר אַן אָרנטלעכן מענטשן און נאָך פֿאַר אַ ליבן און געבילדעטן.

אינעם ברייט־צעעפֿנטן טויער פֿונעם גוטבאַזיצערישן הויף גייען אַרײַן

אַ סאַך קליינע קינדער מיט גרויסע גראַבליעס, רידלען און סאַפּעס אין די הענט, און דאָס בילד רירט סעבאַסטיאַנען. ער לייגט אַרויף די האַנט לובענצאָוון אַפן אַקסל און רופט זיך אָן מיט אַ ציטערדיקן קאָל פון גערירטקייט:

— מיינט ניט אַז איך בין אַ האַרצלאָזער מענטש. איך שווער אײַך באַ גאָט, איך בין גרייט מיט די אייגענע הענט צו דערשיסן אַ צענדליק גוטבאַזיצערס, קעדיי אָט די קינדער זאָלן זײַן צופרידן און גליקלעך.

זיי שווײַגן. שווײַגנדיק גייען זיי אויך צום אויטאָמאָביל. דאָ באַגעגנט זיי דער בירגערמײַסטער לאַנגהיינריך.

— מאַלאָדיעץ, — זאָגט אים לובענצאָוו אין רוסיש, און לאַנגהיינריך, וואָס קען שוין דאָס וואָרט, שמייכלט.

אין דרײַען זיצן זיי באַ לאַנגהיינריכן אין שטוב, עסן ברויט מיט מילך און ריידן. דערנאָך זאָגט סעבאַסטיאַן וועגן דעם בירגערמײַסטער:

אַ גוטער מענטש! ער האָט אין זיך דעם פּרעכטיקן שמעלץ פון פּויערישער אָרנטלעכקייט און ברייטקייט פון זען זאַכן.

XII

„צו וואָס דאַרף איך זיך אייסעקן מיט דעם פּראָפעסאָר, געווינען אים, ניאַנטשען זיך מיט אים? — פרעגט זיך אין די טעג לובענצאָוו און האַלט קוים אײַן טיילמאָל דעם פאַרדראָס וואָס האָט באַ אים אַפן האַרצן אָנגעזאָמלט.

— נאָך אַלעמען בין איך דאָך אַ פאַרטרעטער פון דער מיליטערישער מאַכט און עפּשער איז קאַסאַטקין גערעכט דערמיט וואָס ער באַשולדיקט מיך אין אַ געוויסן ליבעראַליזם.

אָרנטלעך גערעדט, איז עס לובענצאָוון ניט גאָר פאַרשטענדלעך, וואָס איז די סיבע דערפון וואָס סעבאַסטיאַן האָט אַזאַ אָנזען צווישן די דײַטשן, באַ זײַן ווייכלײַביקייט און האַלבקייט. ער איז אַ קלוגער און ליבער מענטש, מיט אימפּעט, אַ ביסל אַ מאָדנער, ער האָט ניט אין זיך די שווערוואָגיקע סאָלידקייט וואָס איז אייגן אַ סאַך דײַטשן פון זײַן עלטער און לאַגע. לובענצאָוון געפעלט דאָס. ביכלאַל, וואָלט ער, ווען ניט די קאָמפּליצירטע אַמטלעכע באַציִונגען, וואָס פאַרבינדן אים מיט סעבאַסטיאַנען, מיט אַ סאַך מער פאַרגעניגן געשטאַנען מיט אים אין באַציִונגען, און וואָלט מיסטאָמע אויך שטאָלץ געווען אַף זײַן פרײַנטשאַפט און צוגעבונדנקייט.

לובענצאָוון פאַרדריסט אָפט אַף סעבאַסטיאַנען, און דאָך פילט ער, און לעצטנס פאַרשטייט ער אויך, אין וואָס עס באַשטייט דער סאָד פונעם פּראָפעסאָרס אײַנפלוס אַף מענטשן. סעבאַסטיאַן איז בעעמעס ניט קיין קעמפער, ער איז גענייגט צו ווייכקייטן, צו פאַרגעבן אַלעמען, צו אומפּרוכטיקן רעזאָנירן, ער איז אָבער אַ מענטש מיט הויכער און ביז גאָר שפּירעוודיקער אָרנטלעכקייט. אָט די אָרנטלעכקייט, וואָס איז געוואָרן אַ כאַראַקטערשטריך, ציט צו אים צו מענטשלעכע הערצער, זי האָט אויך צוגעצויגן צו אים לובענצאָוון. אַ מענטש וואָס איז אָרנטלעך פאַר זיך און פאַר מענטשן, איז קימאַט אַ קעמפער; אין דער היטלעריסטישער דײַטשלאַנד, ווו עס זײַנען אָפּגעשאַפט געווען אַלע מאָראַלישע באַגריפן, האָט זיך דאָס מיט אַ באַזונדערער קראַפט באַשטעטיקט.

לובענצאָוו איז אויך זייער אַן אָרנטלעכער מענטש, נאָר דערצו איז ער נאָך אַ מענטש פון טאַט; ניט נאָר נעמט ער אויף, אין אונטערשייד פון סע־

באַסטיאַנען, טיף און אויפריכטיק די אָדער יענע לעבנס־דערשיינונגען, ער זוכט אויך טייקעף די מיטלען, די דערשיינונגען צו שטאַרקן, אַנדערע גוווער צו זײַן, ברעכן זיי. ווי סעבאַסטיאַן, צווייפלט ער, טראַכט איבער, נאָר ער טוט דאָס ניט אָפּן, ווי סעבאַסטיאַן, נאָר פאַר זיך; ער קען זיך ניט דערלויבן, ווי סעבאַסטיאַן, אָפּצולייגן די באַשלוסן אָנצונעמען, אַפילע ווען זיי זײַנען נאָך ניט אינגאַנצן אויסגעצײַטיקט. די אומגעדולד איז אייגנטלעך די הויפּט־סיבע פון זײַנע קאָנפליקטן מיט סעבאַסטיאַנען און פון דער אויפרעגונג, וואָס דער פּראָפעסאָר רופט בײַ אים אָפּט אַרויס.

טרעפט, אַז ער האָט כאַראָטע, וואָס ער האָט אײַנגערעדט סעבאַסטיאַנען צו ווערן לאַנדראַט, און ניט זעלטן, ווען דעם אַלטנס וואַקלונגען ברענגען אים אַרײַן אין פאַרצווייפלונג, איז ער גרייט מוידע צו זײַן, אַז אָרנטלעכקייט איז גאָרניט אַזאַ באַקוועמער כייפעץ בעיסן באַשליסן וויכטיקע פראַגן וואָס דולדן ניט קיין אָפּלייקענונגען.

דאָך, ניט געקוקט אַף אַט די גערדאַנקען, הערט לובענצאָוו ניט אויף צו „דערציִען דעם פּראָפעסאָר סעבאַסטיאַן אינעם גײַסט פון קאָמוניזם", ווי עס שפּאַסט אַמאָל דער קאַפּיטאַן יאַוואָרסקי. זיי פאָרן ווײַטער איבער די דערפער, פאַבריקן און מינען, פאַרברענגען די אָוונטן אין געשפּרעכן איבער אַלץ אין דער וועלט.

וואַלטער האָט פאַרבראַכט אין לויטערבורג פיר טעג. פאַר די טעג האָט ער טיף פײַנט באַקומען דעם סאָוועטישן קאָמענדאַנט: דער איז די גאַנצע צײַט מיט דעם אַלטן; זיי פאָרן אין צווייען אַרויס, עסן נאַכטמאָל צוזאַמען, טיילמאָל גרייט פאַר זיי עריקאַ דעם טיש אין אַ באַזונדערן צימער; זיי אַנטשולדיקן זיך און זונדערן זיך אָפּ מיט דעם אויסרייד פון אַמטלעכע געשפּרעכן; אָן אויפהער קלינגט מען אין דער אַרײַנגאַנג־טיר, דאָס קומען די אַרויסגערופענע אָנגעשטעלטע פונעם לאַנדראַטסאַמט, אָפיצירן פון דער קאָמענדאַטור אָדער פירערס פון די דעמאָקראַטישע פאַרטייען.

וואַלטער און קאָללינס זיצן אין דער איינזאַמקייט און רויכערן אויפגערעגטע. עס געלינגט זיי ניט קיין איין מאָל ווי געהעריק זיך דורכצורײדן מיט דעם פּראָפעסאָר, ביז זיי מעלדן אַז זיי פאָרן אָפּ.

— איר פאָרט אַוועק? — איז סעבאַסטיאַן צעטומלט. ער שעמט זיך וואָס ער האָט זיך אַזוי זעלטן געזען מיט דעם זון; און אייגנצײַטיק דערמיט פילט ער אַ מין דערלײַכטערונג דערפון וואָס דער זון און קאָללינס פאָרן אַוועק. פאַרן אָפּפאָרן געלינגט עס דעם זון אַ שמועס צו טאָן מיט דעם פאָטער באַזונדער. נאָכן געשפּרעך, וואָס האָט געדויערט העכער אַ שעה, גייען זיי ביידע אַרויס פאַרכמורעטע און צעדרודערטע.

נאָכדעם ווי סעבאַסטיאַן באַגלייט וואַלטערן און קאָללינסן צום אויטאָמאָביל, גייט ער צוריק אַ פאַרטראַכטער און אַ צעשטורעמטער פון די וואַקלעניש מער ווי ווען עס איז. געבליבן איז צווישן אים מיט וואַלטערן, אַז אַפן וועג צוריק פון בערלין, וועט ער אַרײַנפאָרן קיין לויטערבורג, און אין דער צײַט זאָל דער פּראָפעסאָר אַלץ אַרומטראַכטן און באַשליסן.

נאָר ווען פּראָפעסאָר סעבאַסטיאַן קומט צוריק אַרײַן אין שטוב, ווערט ער ווידער אַרײַנגעצויגן אינעם ווירבל פון די געשעענישן. פון האַללע קלינגט צו אים אַן אויסערגעוויינלעך צעדרודערטער, דער אַלטער ריודיגער; ער גיט אים צו וויסן, אַז ער האָט ענדגילטיק און אומווידעררופלעך אונטערגעשריבן דאָס געזעץ וועגן דער ערד־רעפאָרם. דערנאָך קומען צו גיין מענשאָוו,

לערכע, יאַסט און פּאַרלענדער. זיי רופֿן זײַן אויפֿמערק דערויף וואָס אײַ־נעם ערד־אָפּטייל ווערן געפֿירט מאַכינאַציעס מיט גוטבאַזיצערישער ערד, — זי ווערט איבערגעגעבן מיט אַ פֿריערדיקער דאַטע צו מאַנאַסטירן און ווילטעטיקע געזעלשאַפֿטן; אינעם לאַנדבוך * זײַנען געמאַכט געוואָרן ווײַ־ניקסטנס צען שטרײַכונגען. די קאָמוניסטן און סאָציאַל־דעמאָקראַטן פֿאָדערן צו באַזײַטיקן דעם אָנפֿירער פֿונעם קאַטאַסטער־אַמט ** און אים פֿאַרבײַטן מיט אַן אָנהענגער פֿון דער ערד־רעפֿאָרם.

דערנאָך ווען אַלע גייען אַוועק, קומט דער קאָמענדאַנט אַליין. ער באַ־גריסט סעבאַסטיאַנען מיט אָנגעמען דעם געזעץ וועגן דער ערד־רעפֿאָרם און מעלדעט אים, אַז די סאָוועטישע מיליטערישע אַדמיניסטראַציע אין דײַטש־לאַנד האָט באַשלאָסן ניט צו דעמאָנטירן די כעמישע פֿאַבריק, נאָר זי זאָל איבערגיין אויף דער אויסאַרבעטונג פֿון כעמישער באַמיסטיקונג. די פֿאַבריק האָט פֿריער געהערט צו דער „איג־פֿאַרבענאינדוסטריע” און האָט אויסגעאַר־בעט אויפֿרײַס־מאַטעריאַלן, און איצט, ביז עס איז באַשטימט געוואָרן איר גורל, לאָזט ער אַרויס גלוססאַנטין, דאָס הייסט אַנטיפֿריז, אַ פֿליסיקייט וואָס ווערט באַנוצט אויף צו פֿאַרהיטן די אויטאָמאָביל־ראַדיאַטאָרס פֿון געפֿרווירן־ווערן.

— ווי מיינט איר, — פֿרעגט לובענצאָוו, — וועט שווער זײַן צו ריכטן די פֿאַבריק צום אויסאַרבעטן באַמיסטיקונג?

— ניין, ס'איז ניט שווער, — זאָגט סעבאַסטיאַן.

— קענט איר צופֿאָרן אויף דער פֿאַבריק און צוזאַמענשטעלן אַ פּראָטימ־דיקן מעמאָראַנדום וועגן דעם?

— איך קען.

דער קאָמענדאַנט זעט אויס מיד און גליקלעך. ווען עריקאַ קומט אַרײַן, רופֿט ער אויס:

— איר ווייסט שוין? דאָס געזעץ וועגן דער ערד־רעפֿאָרם איז שוין אָנגענומען!

— איך ווייס, — שמייכלט עריקאַ.

— נו, איז ווי־זשע, זײַט איר צופֿרידן, עמעס?

ער שטראַלט מיט גוטסקייט און פֿרייד.

— בלײַבט בײַ אונדז אויף מיטאָג, — זאָגט עריקאַ.

— איך קען ניט. איך האָב אַ סך וואָס צו טאָן. איך וועל אויך דעם הער סעבאַסטיאַן מיטנעמען מיט אײַער דערלויבעניש.

— ווידער! וווּהין זשע?...

— ער דאַרף זײַן אויף דער כעמישער פֿאַבריק.

— אָט אַזוי, טייקעף? — פּראָטעסטירט שוואַך סעבאַסטיאַן.

— פֿאַרשטייט זיך, אַז טייקעף. — ער זאָגט שיר ניט אויף רוסיש „דאַוואַי, דאַוואַי”, נאָר אַזוי ווי ער ווייס שוין, אַז דאָס ווערטעלע איז בײַ די דײַטשן פֿאַרשמיסן, פֿאַרכאַפּט ער זיך באַצײַטנס. — מירן ערגעץ צוזאַמען מיטאָגן. איך בעט אײַך זייער, לאָמיר צופֿאָרן, לאָמיר ניט אָפּלייגן די וויכטיקע זאַך.

— פֿאָרן איז געפֿאָרן, — זיפֿצט אויף סעבאַסטיאַן; ער זיפֿצט, אָגעוו,

---

* ערד־בוך.

** אָפּטייל פֿאַר ערד־רעגיסטראַציע.

אַביסל געמאַכט, וואָרעם אין דער עמעסן איז ער צופרידן דערמיט וואָס מענטשן נייטיקן זיך אין אים און אַז אים קען מען זיך ניט באַגיין.

פון דער מינוט אָן ווי, עס איז אַרײַן אין קראַפט דאָס געזעץ וועגן דער ערד־רעפאָרם, הייבן זיך אָן פאַר דער דײַטשער זעלבסטפאַרוואַלטונג און פראַ דער קאָמענדאַטור באַזונדערס אָנגעשטרענגטע טעג. דאָס וואָס לובענצאָוו האָט עס געהאַלטן פאַר אַ פּאָשעטער און קלאָרער זאַך, ווײַזט זיך אַרויס אין דער פּראַקטיק אומגעווײנלעך קאָמפּליצירט.

פאַר אַלעמען מוז מען פעסטשטעלן דעם ריכטיקן סכום ערד אינעם גאַנצן ראַיאָן און אין יעדער ווירטשאַפט באַזונדער. די דאַטן פונעם ערד־אָפּטייל זײַנען פאַרעלטערט. יעדן טאָג טרעפט אַ אומגעריכטער פאַל, ווי לעמאָשל, אַ פונאַנדערטיילונג פון דער ערד, מיט צוריקגערוקטער דאַטע, צווישן דעם פאָטער מיט די זין, אומגעריכטע גטן צווישן מאַן און ווײַב; באַלעגופים מאַכן קאָפּברעכערישע קאָמבינאַציעס, קעדיי עס זאָל אויסקומען, אַז זיי האָבן ווייניקער פון הונדערט העקטאַרן ערד.

בירגערמײַסטערס און פויערים־קאָמיסיעס פאַלן אָפּט אַרײַן אין פאַרצווייפלונג, פון דעם כיטרע־געפּלאָנטענעם קאַמף מיצאַד דער רײַכער מינדערהייט מיט דער גרויסער מערהײַט פויערים וואָס נייטיקן זיך אין דער רעפאָרם.

איינמאָל קומט האַנס פלעדער צו לובענצאָוון. ער באַקוקט נישט געאיילט דעם קאָמענדאַנטס קאַבינעט, ער שטעלט זיך אָפּ מיט אַן ערפורכטיקן בליק בײַ די בילדער, דערנאָך ווענדט ער זיך צו לובענצאָוון און פרעגט אים אָפּן געזונט. לובענצאָוו ענטפערט אים אַז ער איז געזונט.

— דאָס איז גוט — זאָגט פלעדער. — דאָס געזונט איז דער איקער אין אַ מענטשנס לעבן, ביפּראַט פון אַזאַ מענטשן ווי איר, וואָס טראָגט אָף זיך אַזעלכע פאַראַנטוואָרטלעכלע פליכטן פאַר אײַנאָרדענען דאָס לעבן פון אַ סאַך מענטשן. נאָר זעט, נעמט ניט קיין אויפרעגנדיקע פּראָשקעס, זיי האַלטן אויף די אַרבעטספעיִקייט, נאָר צום באַדויערן, ניט אָף לאַנג...

לובענצאָוו נעמט אומגעדולדיק קלאַפּן מיט די פינגער איבערן טיש און איינצײַטיק מוז ער מוידע זײַן, אַז פלעדערס רויִקער, זאָרגעוודיקער טאָן אַנטוואָפנט אים. פלעדער איז עפּשער דער איינציקער מענטש אינעם לויטערורגער ראַיאָן, וואָס רעדט מיט דעם קאָמענדאַנט אין אַזאַ טאָן — אייגנטלעך ניט ווי אַן אײַנוווינער רעדט מיט אַ מיליטערישן קאָמענדאַנט, נאָר ווי אַן עלטערער לעבנס־געניטער מענטש רעדט מיט אַ יינגערן, אַ ווייניקער געניטן.

— איך בין צו אײַך געקומען — רעדט ווײַטער פלעדער, — קעגן מײַן ווילן, ווײַל איך ווייס אַז איר האָט גענוג דײַגעס אָן מיר. נאָר די אומשטענדן צווינגען מיך. די קאָמיסיע פאַר דורכפירן די ערד־רעפאָרם קלײַבט זיך קאָנפיסקירן מײַן ערד, ניט געקוקט דערויף וואָס איך האָב ניט מער ווי זיבעציק העקטאַרן. דאָס איז ניט געזעצלעך און ניט גערעכטיק. נעמט עס אין אַכט.

ער זיצט אַ רויִקער און אַפילע אַ פריילעכער, אין זײַן שטים הערט זיך קימאַט אַ מיטגעפיל, ווי עס וואָלט אים אַ שאַד געווען די צײַט פון אַזאַ ליבן מענטשן ווי עס איז דער רוסישער קאָמענדאַנט. לובענצאָוו קלינגט אין דאָרף, צום בירגערמײַסטער וועללער. דער בירגערמײַסטער באַשטעטיקט, אַז פלעדער זאָגט דעם עמעס. ער האָט בעעמעס בלויז צוויי און זיבעציק העקטאַר, ווי דאָס איז פעסטגעשטעלט מיט אַ ספּעציעלער אויסמעסטונג, וואָס איז דורכגעפירט געוואָרן אָף דער אָנווײַזונג פונעם לאַנדראַט, דעם פּראָפעסאָר סעבאַסטיאַן גופּע.

— גוט, איך וועל זיך פונאַנדערקלײַבן. — זאָגט לובענצאָוו.

פלעדער הייבט זיך אויף, פאַרנייגט זיך און גייט אַרויס.

אין אַ מינוט אַרום רײַסט זיך אַרײַן אין קאַבינעט סעבאַסטיאַן. ער וואַרפט זיך אַרויף אַף לובענצאָוון און זאָגט, אַז לערכע און ביכלאַל די קאָמוניסטן, טוען אַלץ וואָס נאָר זיי פאַלט אײַן, אַט האָבן זיי באַשלאָסן אָפּצונעמען די ערד בײַ דעם מוסטערהאַפּטיקן ווירט און אָרנטלעכן מענטשן פלעדער, כאָטש זיי האָבן דערצו קיין רעכט ניט.

— און איר שטיצט זיי שטענדיק, — בייזערט זיך סעבאַסטיאַן. — איר טײַטשט שטענדיק דאָס געזעץ אַזוי, אַז ער ווערט אַ שאַרף פון אַ מעסער פאַר דער פּערזענלעכקייט.

לובענצאָוו ענטפערט גאָרניט, נאָר ער רופט אַרויס לערכען.

— וואָס איז מיט פלעדערן? מען מוז זיך האַלטן באַם געזעץ, — זאָגט ער.

— דאָס געזעץ! — שרײַט לערכע מיט זײַן כאַראַקטעריסטישער פּאַפּשעטקייט. — איך האַלט ביכלאַל, אַז הונדערט העקטאַר איז צו פיל.

— זעט איר שוין? — צינדט זיך אָן סעבאַסטיאַן. — אַט ווי זיי לייזן פּראַגן. איך גיב זיך אָן אין דעמיסיע. טוט ווי איר ווילט, נאָר מיך זאָלט איר ניט אַרײַנמישן. איך האָס אומגערעכטיקייט.

לערכע ווערט בלייך.

— איר זײַט שטענדיק גערן צו אַנטלויפן אין די שטרויזן! — זאָגט ער. — יעדעס מאָל דראָעט איר מיט דעמיסיע! דאָס ווערט, סאָף קאָל סאָף, אומדערטרעגלעך! — ער דרייט זיך אום צו לובענצאָוון. — איך בין אַליין געווען אין דאָרף! אײַער פלעדער זאָגט ליגן! איך גלייב ניט, אַז ער האָט ניט מער ווי זיבעציק העקטאַר. זײַן טאָכטער האָט זיך אַרויסגערעדט, אַז ער פאַרמאָגט ערד לעבן פּיכטענראָדע! אַט האָט איר אײַך דעם עמעס! אַט האָט איר די גערעכטיקייט!

— ס'איז אַ ליגן! — שרײַט אויס סעבאַסטיאַן. — פלעדער איז אַן אָרנטלעכער מענטש. איר האָט פײַנט מענטשן און איר גלייבט ניט אין זייער אויפריכטיקייט.

— איך האָב פײַנט גווירים און איך גלייב ניט דער גווירישער אויפריכטיקייט! און דאָס פאָלק איז מאַסקים מיט מיר, און ניט מיט אײַך, הער פּראָפעסאָר!

— וואָס וועט איר דערויף זאָגן? — ווענדט זיך סעבאַסטיאַן צו לובענצאָוון. זײַן שטים ציטערט.

— איך האָב מוירע, אַז לערכע איז גערעכט. — ענטפערט רויִק לובענצאָוו. — פלעדער איז זייער אַ רײַכער מענטש.

סעבאַסטיאַן שטייט אַ ווײַלע נישט גערירט פונעם אָרט, דערנאָך גייט ער אַרויס און גיט אַ קלאַפּ מיט דער טיר.

לובענצאָוו דרייט מיטן קאָפּ.

— מען דאַרף זיך אַזוי ניט היצן, — וואַרפט ער פיר לערכען. — פאַרשט אויס דעם איניען. שיקט צו מענטשן קיין פּירכטענראָדע, זאָלן זיי דאָרט געוואָר ווערן.

אינעם זעלביקן טאָג פאָרן אַרויס קיין פּיכטענראָדע צוויי מיטגלידער פון דער געגנטלעכער קאָמיסיע פאַר דער רעפאָרם און דער יונגער פעלדאַרבעטער רעיניקע, וואָר לערכע באַשטימט אים פאַר פאָרזיצער פון דער דאָרפישער

קאָמיסיע פאַר דורכפירן די רעפאָרם. מען רעדט אָפּ, אַז ווי נאָר זיי וועלן צוריקקומען זאָלן זיי טייקעף קומען אין דער קאָמענדאַטור באַריכטן.

די קאָמענדאַטור בלײַבט לײדיק. אונטן נאָר הערט מען דעם אַקאָרדעאָן שפּילן און דאָס האַרמאָנישע מיטזינגען פון די זעלנער. לובענצאָוו, מענשאָוו, לערכע און יאָסט זיצן אינעם קאָמענדאַנטישן קאַבינעט, טרינקען טיי און וואַרטן.

די שעליכים קומען צוריק איינס אַזייגער באַנאַכט. זיי באַדיכטן, אַז אַף פּלעדערן איז אינעם פּיכטענראַדער געגנט ניט פאַראַן קיין שום ערד.

אין די נאָענטסטע טעג ווערט די געשיכטע מיט פּלעדערן ברייט באַקאַנט. עס ריידן וועגן איר די צײַטונגען אין די מײַרעוודיקע זאָנעס. לובענצאָוו דערזעט צום ערשטן מאָל אין לעבן זײַן נאָמען אין די צײַטונגען. מען שרײַבט וועגן אים מיט איראָנישן רעספּעקט. מען רופט אים אָן „אויסגעצייכנטער ענטוזיאַסט און איינער פון די טיכטיקסטע און אויפריכטיקסטע אָנהענגער פון ליקווידירן דעם ווילזײַן פונעם דײַטשן פויערטום.”

זינט דעם סקאַנדאַל מיט לערכען קומט ניט סעבאַסטיאַן צו לובענצאָוון און קלינגט ניט צו אים טעלעפאָניש.

פון אַלטשטאָט פרעגט מען אַלץ אָן לובענצאָוו מיקויעך דעם „איניען פּלעדער” און מען טאַדלט אים אין צופיל פלייס”. אָט דער איניען האָט אים אינגאַנצן פאַרמאַטערט. ער פאַררופט אַ באַראַטונג פון די קאָמענדאַטור־אָפיצירן און אַליין מאַכט ער אַ פאָרוואורף מענשאָוון; ער זאָגט, אַז מענשאָוו האָט מיט זײַן צופיל פלייס ניט גענומען אין אַכט, אַז די קאָמענדאַטור טוט איר אַרבעט אָפּן פאַר אַלעמענס אויגן. נאָר דעם פאָרשלאַג צו פאַרבײַטן לערכען אין דער רעפאָרם־קאָמיסיע מיט אַ צווייטן קאָמוניסט, זאָל זײַן אַפילע מיט פאָרלענדערן, שטעלט זיך לובענצאָוו קאַטעגאָריש קעגן.

XIII

בעיס דער באַראַטונג מערקט אָן לובענצאָוו וועגן דעם, אַז עפּעס זעט מען דאָ ניט וואָראָבייצעוון מיט טשאָכאָוון.

— עפּשער האָט איר זיי ערגעץ געשיקט? — פרעגט לובענצאָוו בא קאַסאַטקינען. נאָר עס ווײַזט זיך אַרויס, אַז ניט טשאָכאָוו און ניט וואָראָבייצעוו האָבן באַקומען וועלכן עס איז אויפגאַב.

— זיך צעהעפּקערט, דאָס גאָר, — זאָגט קאַסאַטקין.

לובענצאָוו דרייט מיטן קאָפּ. בא יעדן גערויש הינטער דער טיר הייבט ער אויף דעם קאָפּ און קוקט אומרויִק צו דער טיר: עפּשער קומט אַרײַן טשאָכאָוו. נאָר ער קומט אַלץ ניט ביז סאָף באַראַטונג.

נאָך דער באַראַטונג דערמאָנט זיך ווידער לובענצאָוו אַף טשאָכאָוון. ער מאַכט זיך אַליין אַ פאָרוואורף פאַרוואָס ער זעט זיך אַזוי זעלטן מיט טשאָכאָוון און לאָזט איבער דעם כאַווער אַליין און צו דער פרײַנטשאַפט מיט וואָראָבייצעוון, וועלכן ער האָט ניט שטאַרק ליב.

ער גייט אום איבער די קאַבינעטן. ער באַקוקט אַ ביסל פאַרכידעשט די קאָמענדאַטור, וואָס איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ ריכטיקן אַנשטאַלט. די אָפיצירן זיצן בא די טישן, נעמען אויף דײַטשן, שרײַבן, באַראָטן זיך, קלינגען אָן טעלעפאָניש. יאַוואָרסקי שמועסט מיט דעם באַלעבאָס פון אַ קינאָ־טעאַטער, דערלויבט אים ווײַזן טייל קינאָ־בילדער און אַנדערע פאַרבאָט

ער. יאַוואָרסקי דערזעט לובענצאָוון, גייט ער אים אַקעגן מיט אַ צעטל איבערגעביטענע נעמען פון גאַסן און שטאָט־פּלעצער, וואָס דער שטאָטראַט לייגט פאָר. דעם שטאָט־פּלאַץ אַדאָלף היטלער לייגט פאָר דער שטאָטראַט אַ נאָמען צו געבן קאַרל מאַרקס. לובענצאָוון זעט עס אויס אומטאַקטיש אַקעגנצושטעלן די צוויי צווישן זיך ניט גלײַכע נעמען אַפילע אין דעם פּאַל, און אינאיינעם מיט יאַוואָרסקין באַשליסן זיי אַ נאָמען צו געבן דעם פּלאַץ פרידריך שילער.

אינעם שכײנעסדיקן קאַבינעט אַרבעט טשעגאָדאַיעוו. דאָרט איז רוישיק און אָנגערויכערט. אַרבעטער — מיטגלידער פון די פּראָדוקציע־סאָוועטן, סאָוועטישע מיליטערישע אינזשעניערן — מיליטערישע פאַרטרעטער, פירער פון די פּראָפעסיאָנעלע פאַראיינען, קומען אַהער מיט זייערע ביטעס און פאָדערונגען.

איבערן גאַנצן קאָרידאָר הערט מען טשעגאָדאַיעווס הילכיקע שטים און זײַן געלעכטער. ווען לובענצאָוו קומט אַרײַן, שפּרינגט אויף טשעגאָדאַיעוו אַ פײַערלעכער און ראַפּאָרטירט:

— כאַווער פּאָדפּאָלקאָווניק, דער אינדוסטריע־אָפּטייל אַרבעט איצט אויס דעם פּלאַן פון אינדוסטריעלער פּראָדוקציע אָפּן קומענדיקן יאָר נײַנצן זעקס און פערציק. דעם רעפעראַט לייענט דער קאַפּיטאַן טשעגאָדאַיעוו.

— פרײַ שטיין, — זאָגט לובענצאָוו.

— כאַווער פּאָדפּאָלקאָווניק, — גייט טשעגאָדאַיעוו איבער אָף אַ געוויינלעכן טאָן, — די אַרבעטער פון דער קופּער־מינע מעלדן, אַז דער באַלעבאָס איז באַנאַכט אַנטלאָפן. וואָס זאָל מען טאָן? איך מיין, אַז די אַרבעטער דאַרפן איבערנעמען די אויסאַרבעטונג אונטער זייער קאָנטראָל...

— אַזוי מיין איך. פרעגט אָן אַלטשטאַט.

אויך מענשאָווס קאַבינעט איז פול מיט מענטשן. פאַראַן דאָ אַ פּויערים־דעפּוטאַציע. מענשאָוו מעלדעט שטיל, אַז די פינקענדאָרפער געמיינדע בעט ניט צעטיילן די פּויערים די ערד פונעם גראַף פאָן באָרן.

— וואָס הייסט ניט צעטיילן?

— זיי זאָגן, אַז פאָן באָרנס ווירטשאַפט גיט זיך אָפּ מיט זריע־פאַרגרייט און עס לוינט זיך איבערצולאָזן זי אין דער פריערדיקער גרייס, קעדיי צו מאַכן פון איר אָן אַגראַר־קאָאָפּעראַטיוו אָדער אַ „פּראָווינץ־מאַיאָנטעק“, אַ מין סאָווכאָז. זיי האַלטן אַז אַזוי האָט עס מער זינען. די קאָמוניסטן און סאָציאַל־דעמאָקראַטן שטיצן דערין די פּויערים. דאָס איז לאַנגהיינריכס אָן איניציאַטיוו.

— זייער גוט. ס׳איז אַ געזונטער געדאַנק, מיין איך. אונדזער מאַכט, קענטיק, וועט זיי אויך שטיצן.

לובענצאָוו גייט דורך אַלע צימערן. טשאָכאָוו און וואָראָבייצעוו זײַנען ווי אין וואַסער אַרײַן. ער גייט אַראָפּ אונטן. דאָרט איז קיינער נישטאָ — די מערסטע זעלנער זײַנען אָף די וואַכפּאָסטנס. ניעבאַבאַ בלויז, דער קוכער, רויט ווי אַ ראַק, אייסעקט זיך באַ דער פּליטע. וואָראָנין זיצט אינעם אָפּגעצוימטן ווינקל און שרײַבט עפּעס.

— דמיטרי יעגאָריטש, — זאָגט לובענצאָוו. — טו מיר אַ געפעליקייט, גיי זוך מיר אויס טשאָכאָוון. ער איז ערגעץ פאַרשווונדן אינאיינעם מיט וואָראָבייצעוון, און גאָר!

וואָראָנין שאָקלט צו מיטן קאָפּ און הייבט זיך אויף.

— שוין לאַנג דיך נישט געזען, — זאָגט לובענצאָוו — אַלץ פאַרטאַראַ־ראַמעט מיט דער רעפאָרם. ביסט צופרידן מיט דיַין אַרבעט?

— פאַרוואָס זאָל איך ניט זיַין צופרידן? איך בין צופרידן.

— די זעלנער? נישקאָשעדיקע זעלנער אונטערגעקליבן?

— גוטע, און סערזשאַנטן געניטע, באַזונדער ווערעטעניקאָוו. אַ פאַר־טיקער געהילף פאַרן קאָמאַנדיר פון דער אָפּטיילונג.

— איך וואָלט געדאַרפט וואָס אָפטער אַריַינקומען אַהער, — פילט זיך לובענצאָוו שולדיק. — דאָ באַ איַיך איז ווי אין רוסלאַנד. עס אָטעמט זיך גרינגער. און דאָרט, — ער וויַיזט אַף אַרויף, — דאָרט איז איצטער שווער. אַ קאָמפּליצירטער געפלעכט.

— יאָ, — איז וואָראָנין מאַסקים.

— גיב־זשע מיר אַ זוך, בעט איך דיך, טשאַכאָוון.

— איך וועל אַ זוך טאָן.

לובענצאָוו גייט אַרויס פונעם אָפּגעצוימטן ווינקל, גייט דורך דאָס גרויסע צימער, וואָס איז באַהאַנגען מיט סאָוועטישע פּלאַקאַטן און פּאָרטרעטן.

— דאָס צימער דינט פאַר אַ רויטן ווינקל, — און ער גייט ווידער אַרויף.

דער אויפנעם הייבט זיך אָן.

קסעניאַ פירט אַריַין די מענטשן איינעם נאָכן צווייטן. דעם ערשטן פירט זי אַריַין אַ דאַרן מענטשן אין אַן אַלטמאָדישן שוואַרצן סערדעט. דאָס איז דער פּאַסטאָר קלאַוסטאַל, דער סופּעראינטענדענט, דאָס הייסט, דער פירער פון די לוטעראַנישע קלויסטערס אין דער געגנט. קלאַוסטאַל גיט איבער, אַז די קאַטעדראַלע איז אינעם גרונט רעמאָנטירט און ער בעט דעם קאָמענדאַנט קומען אַ קוק טאָן אַף דער אַרבעט. לובענצאָוו זאָגט צו אַריַינקומען, נאָר קלאַוסטאַל גייט ניט אַוועק, ער בליַיבט זיצן, עטוואָס איַינגעבויגן, אינעם גרויסן פאָטעל, ווו מען וואָלט געקענט אַריַינזעצן פיר אַזעלכע דאַרע פּאַס־טאָרס, לובענצאָוו שוויַיגט און וואַרט וואָס דער פּאַסטאָר וויל זאָגן. צום סאָף רופט זיך אָן קלאַוסטאַל:

— מיר ווילט זיך איַיך פרעגן. — לובענצאָוו שאָקלט צו מיטן קאָפּ. — וואָס איז, לויט איַיער מיינונג, די ראָל פון דער קירך באַ דער געשאַפענער לאַגע?

לובענצאָוו איז עטוואָס צעטומלט, מאַכמעס דעם וואָס די פראַגע איז פאַר אים געקומען אומגעריכט, און ער ווייס בעעמעס ניט וואָס אים צו ענטפערן. ער דערמאָנט זיך, אַז צווישן די ביכער וואָס ער האָט איַינגעקויפט, איז פאַראַן אַ באַנד „געשיכטע פון די קירכן אין דיַיטשלאַנד“ און ער באַ־דויערט וואָס ער האָט נישט באַוויזן דורכצוקוקן דאָס בוך.

— איר פאַרשטייט, — זאָגט וויַיטער דער פּאַסטאָר, — אין שיַיכעס מיט דער ערד־רעפאָרם קומט פאַר אין אונדזערע פּאַראַכוועס אַ געוויסע דיסקוסיע. אויב מען זאָל קוקן פונעם קריסטלעכן שטאַנדפּונקט, איז די ערד־רעפאָרם אַ בראָכע, וויַיל זי ווערט דורכגעפירט אינעם אינטערעס פון די אָרעמעליַיט...

מיקויעך דער רעפאָרם קען לובענצאָוו ריידן אַ גאַנצן טאָג. ער שאָקלט מיטן קאָפּ.

— דאָ גייען מיר זיך צוזאַמען, — זאָגט ער.

— פון דער אַנדערער זיַיט, — זאָגט וויַיטער דער פּאַסטאָר, — זיַינען

אַ סאַך גוטבאַזיצער און רײַכע פּויערים זייער פֿײַנע מענטשן, וואָס באַציִען זיך מיט גרויס טאָלעראַנץ צו די פֿעלד־אַרבעטער פֿון רוסלאַנד און פֿון אַנדערע לענדער... און האָבן ביכלאַל די סימפּאַטיע און דעם צוטרוי מיצאַד די פּאַראַכוויע־מיטגלידער. דאַכט זיך אײַך ניט, הער קאָמענדאַנט, אַז צו אַזעלכע מענטשן דאַרף מען אַרויסווײַזן באַרעמהאַרציקייט?

— אַך, וועגן דעם, הייסט עס! — כמורעט זיך לובענצאָוו. — וועגן דעם האָבן מיר אַזאַ מיינונג. אין דער שווערער לאַגע אין וועלכער דײַטשלאַנד געפֿינט זיך איצט, זײַנען מער ווי אַלץ שולדיק גראָד אָט די סימפּאַטישע און פֿײַנע מענטשן, ווי איר באַוויליקט זיי אָנצורופֿן. זיי האָבן געשאַפֿן די דײַטשע מיליטערישע קאַסטע. אין אָט די גרויסע און קליינע הײַזער, וואָס זײַנען באַהאַנגען מיט הירשן־הערנער, זײַנען געבוירן געוואָרן און געוואַקסן די ווערמאַכט־אָפֿיצירן. און כאָטש זיי זײַנען שטאָלץ געווען מיט זייער ייִכעס, האָבן זיי זיך, צוליב זייער ווויל וועגן, זיך אַליין אונטערגעגעבן דער מאַכט פֿון אָט דעם שטאַמלאָזן עסטרײַכישן יעפֿרייטער. דאָס האָט זיי געלוינט — אָט וואָס. ניין, הער קלאָוסטאַל, דערין וועלן מיר זיך קיינמאָל ניט צוזאַמענקומען, און איך זאָג עס אײַך אָרנטלעך, וואָרעם איך בין ניט קיין דיפּלאָמאַט און נאָר אַ זעלנער. און עס גייט אויך ניט אין אומברענגען מענטשן, נאָר וועגן אומברענגען אַ קלאַס. דײַטשלאַנד אָן היטלערן איז די זעלביקע דײַטשלאַנד; דײַטשלאַנד אָן די גוטבאַזיצער, איז שוין גאָר אַן אַנדערע, אַ נײַ לאַנד, ווו עס איז קיין באָדן נישטאָ פֿאַר היטלערן. וואָס איז דאָ, אַגעוו, צו ריידן? דאָס געזעץ איז אָנגענומען געוואָרן, און דאָס געזעץ וועט אויסגעפֿירט ווערן. און איר וועט קענען העלפֿן אײַער פֿאָלק, אויב איר וועט שטיין, ווי עס געהער צו אײַך, אַף דער זײַט פֿון די אָרעמע און אומפּאַרמעגלעכע... אָנקוקן די קאַטעדראַלע וועל איך קומען, איך וועל זיך באַמיִען הײַנט קומען.

קלאָוסטאַל גייט אַרויס פֿונעם צימער, לובענצאָוו זאָגט צו קסעניען:

— דער ווײַטערדיקער!

און ער רופֿט אויס: אַך! — דער „ווײַטערדיקער” איז עריקאַ סעבאַסטיאַן. זי גייט פּאַמעלעך און אומאַנטשלאָסן און קוקט אַף לובענצאָוון מיט אַ שטאַרק אָנגעשפּאַנטן בליק.

— זיצט, — זאָגט לובענצאָוו.

זי רופֿט זיך אָן:

— איך בין צו אײַך געקומען צוליב אָט וואָס. מען האָט מיר צו וויסן געגעבן, אַז מען האָט אַרעסטירט איינעם פֿון די זעלנער, וואָס האָבן באַ אונדז צוגענומען דעם אויטאָמאָביל, און אַז אים דראָעט אַ מיליטערישער פֿעלד־געריכט. בעט איך אײַך... זיי האָבן זיך דעמאָלט אויפֿגעפֿירט גאַנץ אָנשטענדיק. זיי האָבן געזאָגט, אַז זיי נעמען דעם אויטאָמאָביל אַף עטלעכע טעג. זיי וואָלטן אים עפּשער טאַקע צוריקגעבראַכט... און וועגן זייער... שמועסן מיט מיר... גאָט מײַנער, צי דען טאָרן ניט זעלנער קאָרטעזשירן אַ יונגע און ניט מיִעסע פֿרוי?

„אַרום און אַרום קריסטן, ס'איז זיך ניט אויסצוהיטן פֿון זיי”, — טראַכט זיך לובענצאָוו. — ער דערזעט פֿאַר זיך פּלוצים דאָס פּאָנעם פֿונעם סערזשאַנט ביעליעצקי. לובענצאָוו זאָגט איר טרוקן:

— דער זעלנער האָט געבראָכן די מיליטערישע דיסציפּלין. צו אײַך האָט עס קיין שײַכעס ניט. דאָס איז אַן אינעווייניקסטער איניען פֿון אונדזער מיליטער.

זי ווערט בלייך און זאָגט: „קלאָר״, — און דרייט זיך אוים אַף אַרויסגיין. ער באַקומט פּלוצעם ראַכמאָנעס אַף איר, נאָר ער דערשטיקט אין זיך דאָס געפּיל און גיט בלויז צו:

— איר קענט אָנשרײַבן אײַער אײדעס־זאָגן און צושיקן אַהער. איך קען אײַך בלויז צוזאָגן איבערצושיקן אײַער בריוו ווו עס געהער.

נאָכדעם ווי זי גייט אַוועק און ער נעמט אויף אַלץ נײַע מענטשן, טראַכט אַלץ לובענצאָוו וועגן איר און טרײַבט פון זיך די געדאַנקען און איז בייז אַף זיך פאַרוואָס ער טראַכט וועגן עמעצן, וואָס איז ניט טאַניע, און באַשולדיקט זיך דערפאַר אין ווילנס־שוואַכקייט און אין גענייגט זײַן צו ניט גוטן.

שוין צו ענדע טאָג קומט צו פאָרן פּראָפעסאָר סעבאַסטיאָן. שוין עטלעבע טעג, אַז ער האָט זיך ניט געזען מיט לובענצאָוון און זיי באַגעגענען זיך זייער טרוקן, כאָטש פון צײַט צו צײַט וואַרפן זיי איינער אַפן צווייטן זײַטיקע נײַגעריקע בליקן. אָן אַ וואָרט צו ריידן דערלאַנגט סעבאַסטיאָן לובענצאָוון אַ באַריכט, געשריבן אַף אַ מאַשינקע.

„אַ ביטע וועגן דעמיסיע״, — לויפט דורך אין קאָפּ לובענצאָוון, און ער גרייט זיך צו אַ שווערן שמועס. נאָר ווען ער גיט אַ קוק אַפן פּאַפּיר, צעשײַנט זיך אים דאָס פּאָנעם. ס׳איז אַ באַריכט מיקויעך דער כעמישער פאַבריק. סעבאַסטיאָן לייגט אין אים אוים די רעזולטאַטן פון זײַן אויספאָרשונג, ער רעכנט אוים די נייטיקע מיטלען צום איבערפירן די פאַבריק אַף אַ נײַער אויסאַרבעטונג.

לובענצאָוו קלינגט אָן קיין אַלטשטאַט, דער גענעראַל קופּריאַנאָוו זאָגט, אַז עס וואָלט גוט געווען סעבאַסטיאָן זאָל צופאָרן אין דער סאָוועטישער מיליטערישער פאַרוואַלטונג און פערזענלעך באַריכטן וועגן דעם זייער וויכטיקן איניען מיט וועלכן עס אינטערעסירט זיך דער מאַרשאַל זשוקאָוו. לובענצאָוו לייגט אַוועק דאָס טרייבל און גיט איבער דעם גענעראַלס ווערטער סעבאַסטיאַנען.

כאָטש דאָס שמייכלט סעבאַסטיאַנען, ווײַזט ער עס ניט אַרוים לובענצאָוון. ער זאָגט אונטערגעשטראָכן אָפיציעל, אַז ער דאַנקט פאַר דער פאַרבעטונג און מאָרגן אין דער פרי וועט ער אַרויספאָרן, דערנאָך נייגט ער זיך און גייט אַוועק.

— איז נאָך פאַראַן ווער צום אויפנעמען? — פרעגט לובענצאָוו באַ קסעניען.

— אַ דעפּוטאַציע פון פּעלד־אַרבעטער.

— רופט זיי אַרײַן.

אין קאַבינעט קומען אַרײַן דרײַ מענטשן; צווישן זיי דערזעט לובענצאָוו מיט פאַרגעניגן העלמוט רעיניקע. ער גייט צו צום יונגן באַטראַק, דריקט אים די האַנט און זעצט אים אַוועק צוערשט, דערנאָך די איבעריקע און פרעגט פרײַנטלעך:

— נו, וואָס הערט זיך באַ אײַך, באַוויירים?

דער עלטערער פון אַלע באַטראַקעס, אַ לאַנגער מענטש מיט אַ קליינעם געקנייטשטן פּאָנעם, נעמט ריידן שעמעוודיק און געפּלאָנטערט:

— הער קאָמענדאַנט. מיר זײַנען געקומען אינעם נאָמען פון אַ גרופּע פּעלד־אַרבעטער ריידן מיט אײַך וועגן דעם הער פלעדער. — לובענצאָוו ווערט אָנגעשפּיצט. — הער קאָמענדאַנט, הער פלעדער איז אַ גוטער מענטש, ער זאָרגט פאַר זײַנע אַרבעטער, הער קאָמענדאַנט, הער פלעדער האָדעוועט

גוט זײַנע אַרבעטער, העכערט זייער קולטורעלקייט, שרײַבט אויס פאַר זיי צײַטונגען, קאָמוניסטישע און סאָציאַל־דעמאָקראַטישע. הער קאָמענדאַנט, הער פלעדער האָט אויפגעבויט, פאַר זײַן געלט, אַ ספּאָרטפּלאַץ פאַר די פּויערים, פאַר זײַן געלט, און זײַן געהילץ געגעבן אַף דער זאַך און אויך מאַטאָנעם די קינדער פון די פעלדאַרבעטער גרייט ער צו ווײַנאַכט, גרייט רײַכע מאַטאָנעם, יאָ.

— וואָס־זשע ווילט איר? — פרעגט לובענצאָוו. דאָס פּאָנעם ווערט באַ אים גרוי. — די רעפאָרם אָפּשאַפן, וואָס? לעבן, ווי פריִער, ווי באַטראַקעם, און באַקומען מאַטאָנעם אַף ווײַנאַכט? אָט דאָס ווילט איר?

— ניין, הער קאָמענדאַנט, צו וואָס, הער קאָמענדאַנט, — רופט זיך אָן אַ צווייטער. — ניין, מיר זײַנען פאַר... מיר ווילן אַלע מאַיאָנטקעס פאַרנעמען, צעטיילן, אַ קאָמונע מאַכן. אָט וואָס מיר ווילן. — ער שמייכלט אַ צעטומלטער. — נאָר מיר בעטן, אַז דעם הער פלעדער... ער האָט ניט קיין סאַך ערד.

— און דו בעטסט אויך וועגן דעם, רעיניקע, — שטעלט לובענצאָוו אָן די אויגן אַף דעם יונגן באָכער, וואָס ווערט רויט ווי צונטער.

לובענצאָוו שווײַגט לאַנג און ווען ער אַליין האַלט שוין ניט אויס, רופט ער זיך אָן:

— אויב פלעדער האָט ווייניק ערד, וועט מען אים ניט טשעפּען. דאָס געזעץ איז דאָך קלאָר... נו, נו, אַ צאָרע מיט אײַך, דײַטשן! ווען וועט איר שוין פאַרשטיין אַז מען קען לעבן אָן די באַלעבאַטים, אַליין צו זײַן באַלעבאַטים...

— הער קאָמענדאַנט, — מישט זיך אַרײַן רעיניקע. ער איז נאָך אַלץ צונטער רויט און ווײנט שיִר ניט. — פאַרשטייט אונדז נישט פאַלש... מיר פאַרשטייען. דאָס גאַנצע לעבן אונדזערס איז די ערד־רעפאָרם. מער ניט... מיר...

לובענצאָוו שמייכלט טרויעריק.

— דאָס אַלץ, — זאָגט ער, — אײַער ביטע וועלן מיר אין אַכט נעמען, נאַטירלעך.

זיי גייען אַרויס פונעם קאַבינעט שווײַגנדיק און אײַלנדיק.

דערמיט ענדיקט זיך דער אויפנעם. לובענצאָוו שיקט אַוועק קסעניען, זיצט אַ ווײַלע איינער אַליין, דערנאָך דערמאָנט ער זיך אַף טשאָכאָוון און הייסט דערוויסן זיך וועגן אים. טשאָכאָוו איז נאָך אַלץ נישטאָ.

לובענצאָוו גייט אין ראָטהויז, וווּ עס אַרבעט די געגנטלעכע קאָמיסיע פאַר דער ערד־רעפאָרם, און הייבט זיך אַרויף, צו לערכען. יענער ווייס שוין וועגן דער דעפּוטאַציע פון די פעלד־אַרבעטער.

— רעיניקען וועלן מיר אויסשליסן פון דער פּאַרטיי! — שרײַט ער אויס.

— עס איז נישטאָ פאַרוואָס. מען דאַרף אים דערציִען און נישט אויסשליסן. ער אַליין, דאַכט זיך, באַדויערט שטאַרק דאָס וואָס ער האָט געטאָן. לאָזט עס אָפּ. קומט אַ קוק טאָן אַף דער קאַטעדראַלע — איך האָב עס צוגעזאָגט קלאָוסטאַלן. נאָר נעמט מיט פאָרלענדערן.

לערכע דרייט אומצופרידן מיטן קאָפּ. עס געפעלט אים ניט דאָס נאָכגעבן דער קירך, ווי ביכלאַל דאָס אָפּטרעטן פון דער גלײַכער קאָנסעקווענטער ליניע, וועלכע שטעלט זיך אים אָפּט פאָר אין דער פאָרם פון אַ גלײַכן, אײַזקאַסטן און אומהיימלעכן, נאָר קלאָרן וועג.

אין דרײַען גייען זיי צו דער קאַטעדראַלע.

דער גוואַלדיקער שפּאַלט אין דער לינקער זײַט איז קונציק פֿאַרארבעט, אַזוי אַז מען מערקט ניט ווו ער איז געווען. די קאַטעדראַלע איז ליידיק, אַ שטילער מורמל קלינגט דאָ אָפּ מיט אַ הילכיקן ווידערקאָל. דער אַלטיטשקער וועכטער לויפֿט רופֿן קלאַוסטאַלן, און דער פּאַסטאָר קומט טייקעף צו גיין. ער ווײַזט זיי דעם קיוועער פֿון איינעם פֿון די דײַטשע קיסרים פֿונעם דרײַצנטן יאָרהונדערט און פֿון זײַן פֿרוי. די שטיינערנע פֿיגורן פֿון דעם קייסער מיט דער קייסעריניע אין דער פֿולער הייך ליגן זײַט בײַ זײַט, אָפּגעטיילט מיט אײַזערנע גראַטעס. דער אָרגל, וואָס האָט פֿון דער באָמבאַרדירונג ניט געליטן, אַ העל אויסגעשײַערטער, גלאַנצט איבער דער גאַנצער וואַנט.

— נו, — זאָגט לובענצאָוו, — דאַכט זיך, אַלץ איז אין אָרדענונג?

זײַן שטים הילכט אָפּ אין דער קאַטעדראַלע מעכטיק און צעדונערט.

— בענק, הער קאָמענדאַנט, — זאָגט קלאַוסטאַל. — קימאַט אַלע בענק זײַנען פֿאַרברענט געוואָרן, אַ טייל האָט מען צעשלעפּט...

— נו, דאַרף מען באַשטעלן. גיט זיי האָלץ. פֿאַראַן דאָ, מיין איך, גוטע סטאָליאַרעס? איז גוט. — ער קוקט אויף לערכעס פֿינצטערן פּאָנעם, און עס גלוסט זיך אים לאַכן. נאָר ער האַלט זיך אײַן און טראַכט זיך, אַז לערכע איז אַ ליבער, אָרנטלעכער און גוטער מענטש, נאָר אַ באַגרענעצטער און, עפּשער אין אַ געוויסער מאָס נענטער צו די מיטלאַלטערלעכע מאָנאַכן, וואָס האָבן אינספּירירט דעם אויפֿבוי פֿון דער קאַטעדראַלע, איידער צו די הומאַניסטן, וואָס האָבן קעגן זיי געקעמפֿט.

ווען לובענצאָוו קומט צוריק אין דער קאָמענדאַטור, גייט ער ווידער אַרײַן צו קאַסאַטקינען.

— טשאָכאָוון האָט מען געפֿונען? — פֿרעגט ער.

— ניין.

— וואָראָנין איז נאָך ניט צוריקגעקומען?

— ניין.

וואָראָנין קומט צוריק אין אָוונט און זאָגט, אַז ער האָט אין ערגעץ ניט געקענט געפֿינען טשאָכאָוון, און אַז נאָך וועטשערע וועט ער ווידער גיין זוכן.

— מען דאַרף ניט, גענוג, — זאָגט לובענצאָוו אַ פֿאַרכמורעטער. — נישטאָ דאָ קיין ניאַנקעס פֿאַר אים. מען וועט זיי מוזן שטרענג באַשטראָפֿן.

נאָר וואָראָנין, וואָס האָט ליב טשאָכאָוון און וויל אים אויסמײַדן אומאָנגענעמקייטן, עסט אָפּ אויף שנעל און גייט אים ווידער זוכן. אונטן, לעבן דער קאָמענדאַטור, וואַרט אויף אים קראַנץ.

— קומט, — זאָגט וואָראָנין און שטעקט אים אַרײַן אין דער האַנט אַ פּײַדע ברויט אײַנגעוויקלט אין אַ צײַטונג. — וווּהין־זשע גייען מיר?

קראַנץ באַטראַכט זיך און רופֿט זיך אָן האַלב פֿרעגנדיק:

— אויף קלײַן־פּעטערשטראַססע?

— וואָס איז דאָס פֿאַר אַ שטראַססאַ?

— דאָס איז... — קראַנץ פֿאַרהאַקט זיך. — דאָס איז אַ גאַס, ווו די פֿריילעכע הײַזלעך זײַנען.

— נו, ניין, — זאָגט וואָראָנין. — עס קען ניט זײַן, אַז קאַפּיטאַן טשאָכאָוו... מיילע, קומט.

קליין־פּעטערשטראַססע איז אַ אוממעגלעך שמאָלע גאַס, ווו אַן אויטאָ־

מאביל וואָלט דאָרט ניט געקענט אדורך. די הײַזער דאָ זײַנען דרײַ און פיר־גאָרנדיקע, צוגעקלעפּטע איינס צום צווייטן, נאָר ביכלאַל צייכנט זיך די גאַס ניט אויס פון די אַנדערע און ווײַזט מיט גאָרניט אַרויס צו וואָס זי דינט. עמעס, אין טייל אָפּן שטייענדיקע פענצטער זעט מען אויפגעשויבערטע פּרויען־קעפּ. עפּשער רופן די פרויען אַרײַן די פאַרבײַגייער דורך די פענצטער, נאָר איצט טוען זיי עס ניט, מיסטאָמע צוליב דעם רויטן באַנד בײַ וואָראָנינען אפן אָרבל — דער סימען פון קאָמענדאַנטישן פּאַטרול. ווי נאָר אָבער וואָראָנין מיט קראַנצן גייען אַרײַן אינעם ערשטן הויז, וואָס קומט זיי צו דער האַנט, ווי עס ווערט אַלץ קלאָר ביז איבל. די גאַנצע גאַס באַשטייט פון „הײַזלעך". אין יעדער געבײַדע — פון זעקס ביז אַכט „הײַזלעך" יעדער איינציקס מיט זײַן באַלעבאָסטע און מיט זײַנע „באַרישניעס" (ווי קראַנץ רופט זיי אויף רוסיש). די אָרעמע אויסשטאַטונג פון די קליינע צימערלעך, וואָס באַשטייט פון אַן אײַזערן בעטל, איין שטול און די אומבאַדינגטע וואַש־טאַץ, דערשראָקענע און דערווידערדיקע פּנעמער פון די „באַרישניעס", די מערסטע האַלב־נאַקעטע, — דאָס אַלץ ווארפט אַן אַ שרעק אַפילע אויף וואָראָנינען, וואָס האָט שוין אויף זײַן לעבן אַ סאַך זאַכן געזען.

— נו, נו, — זאָגט ער און קוקט פאַרורטיילנדיק אויף קראַנצן, ווי קראַנץ וואָלט אין דעם אַלעמען שולדיק געווען.

דאָך עפּעס וואָראָנין טיר נאָך טיר מיט אַ שטיינערנעם פּאָנעם און קוקט אַרײַן אין די קעמערלעך; דערבײַ טראַכט ער זיך, אַז נאָכדעם וואָס ער זעט דאָ, קען ער ביכלאַל פאַרלירן יעדן אינטערעס צו פרויען.

ווען וואָראָנין קומט ענדלעך אַרויס פון דאָרט, בלײַבט ער שטיין אויפן ראָג גאַס אונטער דער טונקלער שײַן פונעם לאַמטערן, זיפצט אָפּ און שפײַט אויס:

— פאַרשאָלטן זאָלט איר ווערן.

טשאָכאָוו, הייסט עס, איז נישטאָ אויף קליין־פּעטערשטראַססע. וואָראָנין געזעגנט זיך מיט קראַנצן און גייט אַהיים מעלדן לובענצאָוון, אַז ער האָט דעם קאַפּיטאַן טשאָכאָוו ניט געפונען.

אין דער היים, זעצט זיך וואָראָנין אוועק פאַרענדיקן זײַן בריוו צו דער קאַלע אין דער שטאָט שויאַ.

— „מײַן טײַערע קאַטיאַ, — שרײַבט ער איר, — איך בענק שטאַרק נאָך דיר. לויטערבורג איז אַ ביסל שענער פון שויאַ, נאָר מיר ווילט זיך אַהיים. מיר האָבן דערעסן די לויטערבורגער ביז צום איבלען, ערן וואָרט. קענסט דאָ אַמאָל זען אַזוינס, וואָס איך זאָל עס דאָרט בײַ אונדז דערציילן, וועט מיר קיינער ניט גלייבן. איך נעם דיך אָרום און קוש דיך הונדערט מאָל און עס פרייט מיך פון האַרצן וואָס איך האָב דיך און וואָס דו לעבסט אין אונדזער לייבלעכער און פּאַשעטער שויאַ, און ניט דאָ, אַ שטייגער, אין דער שיינער לויטערבורג".

XIV

טשאָכאָוו געפינט זיך אין דער צײַט אין אַ דאָרף, פופצן קילאָמעטער ווײַט פון לויטערבורג. נעכטן אין אָוונט איז ער געווען צו גאַסט בײַ וואָראָבייצעוון און איז געבליבן בײַ אים נעכטיקן, און קאַיאָר האָט אים וואָראָבייצעוו אויפגעוועקט.

— מירן ארויסגיין אף געיעג, — זאגט וואראביייצעוו. — פאראן דא בא א דייטש א גוטער מוסטער־הונט. ביקסן און קוילן האב איך פארגרייט און ארום צען וועלן מיר שוין זיין ווי די באגנעטן אין דער קאמענדאטור. האזן זיינען דא פאראן מאסן.

אין דייטשלאנד האבן זיך דעמאלט מיט אן עמעסן באוויזן א סאך האזן, מאכמעס מען האט דעמאלט ניט דערלויבט די דייטשן זיך נוצן מיט געיעג־ביקסן און ביכלאל ניט מיט געווער. דאס האט זיך בא זיי אזוי איינגעלעבט, אז דער יונגער באכער וואס איז מיטגעגאנגען מיט טשאכאוון און וואראבייצעוון, האט אפילע ניט געוואלט נעמען קיין ביקס אין די הענט. ער גייט בלויז מיט זיי און ווייזט זיי אן גוטע ערטער פאר געיעג. דער שטיפערישער ברוינער הונט מיט די לאנגע אויערן, מיט דעם צונאמען „עלבא", לויפט פאר די יעגערס און „ווארפט שיפלעך", דא אריין, דא ארויס אינעם הויכן גראז, ציטערט פון אויפגעהייטערטקייט און דרייט ווען ניט ווען אויס צו די יעגערס זיין צעעפנטן צעשמייכלטן פיסק, ווי ער וואלט זיי גערופן מיטלויפן און זיי צוגעזאגט אן שיר פארגעניגן.

טשאכאוו איז נאך קיינמאל ביז איצט אף געיעג ניט געגאנגען, נאר טייקעף ווערט ער פארכאפט פון יעגערישן רייץ, ביפראט נאכדעם ווי מען האט דערשאסן דעם ערשטן האז, וואס איז מאמעש פון צווישן די פיס ארויסגעלאפן. דעם האז האט דערשאסן וואראבייצעוו, און אויב פריער איז ער געווען איינגעהאלטן און אין זיך אריינגעטאן, איז ער איצט ווילד בארימעריש און נעמט דערציילן וועגן זיין גרויסער צאל געיעגן און ווי אזוי אין דער רעזערוו־טייל, וואס איז געשטאנען הינטער מאסקווע, האט ער אין הארבסט 1943 באזארגט די גאנצע אפיצירישע קיך מיט האזן און פייגל־געפאנג, דערפאר האט מען אים ניט געוואלט לאזן גיין אפן פראנט, און ער איז דערפאר פארבליבן קימאט א יאר צייט אין דער רעזערוו־טייל.

נאך וואראבייצעווס געלונגענעם שאס, ווערט טשאכאוו אויפמערקזאמער און גרייטער, ווייל דער האז איז געווען זיינער, טשאכאווס, און נאר דערפאר וואס ער האט ניט די יעגערישע געוויינשאפט, האט ער פארשפעטיקט מיט דעם שאס.

דאך, האט ער אויך דעם צווייטן האז פארפעלט, כאטש דערזען האט ער אים דער ערשטער, פאשעט, אינעם לעצטן אויגנבליק פארן שאס, האט ער זיך דערשראקן, ווייל ער איז זיכער געווען, אז דאס איז דער הונט, אז דאס שאטנדל וואס פליט פייל אויסן בויגן צווישן גראז, איז דעם הונטס שאטן. אויך וואראבייצעוו האט ניט אויסגעשאסן, ווייל פונקט דעמאלט האט ער געשפאנט מיט זיינע לאנגע פיס מיט פופצן מעטער רעכטס און האט ניט אויפגעהערט ריידן וועגן זיינע אמאליקע יעגערישע ניצכוינעס. און ווען דער האז איז פארביי־געלאפן אים פאר דער נאז און איז פארשווונדן אינעם וועלדל, איז ער אנגעפאלן אף טשאכאוון מיט פארווורפן. טשאכאוו שוויַגט, ווייל ער האלט זיך פאר שולדיק. נאר באלד רופט זיך אן וואראבייצעוו, אז ס'איז צייט אפצורוען און אויסטרינקען עפעס, און אז אן דעם אויסטרינקעכץ איז קיין געיעג נישטא, און אז אין עצעם איז געיעג נאר אן אויסרייד פאר אויסטרינקען אפן שוים פון דער נאטור, און זאל טשאכאוו ניט זיין אזוי פארכמורעט, ווארעם האזן זיינען פאראן א סאך אף דער וועלט, און אלעמען זיי אויסשיסן קען מען ניט. דער יאט, וואס האט אף זיך געטראגן דעם דערשאסענעם האז און א פולן רוקזאק מיט פראוויזיע, האט אף וואראבייצעוו א צייכן אויסגעשפרייט אפן גראז א מין פלעד, האט אפן פלעד אוועקגעלייגט

דעם רוקזאַק, און אַליין איז ער אָפּגעטראָטן אָן אַ זײַט און האָט זיך צוגעזעצט אַף די שפּיץ פינגער. דעם הונט האָט ער גענומען אַפן ציימל און האָט אים צוגעבונדן צו אַ יאָדלע־ביימל.

וואָראָבייצעוו לייגט שנעל אויס דאָס עסן, עפנט אַ פלעשל, זיי טרינקען אויס צו גלעזלעך, און טשאָכאָוו זאָגט:

— רוף צו דעם דײַטש.

וואָראָבייצעוו לאָזט פאַרבײַ טשאָכאָווס ווערטער. ער טרינקט אויס נאָך איין גלעזל. עס ווערט אַלץ וואַרעמער. די זון הייבט זיך העכער. טשאָכאָוו קוקט אומרויִק אַפן זייגער. ער געדענקט די גאַנצע צײַט, אַז זיי טאָרן נישט פאַרשפּעטיקן אין דער קאָמענדאַטור, נאָר נאָכן פערטן אָדער פינפטן גלעזל, שטעלט ער זיך גאָר פאָר, אַז הײַנט איז זונטיק, און אײַלן זיך איז ניטאָ צוליב וואָס. ער לייגט זיך אַוועק אַפן רוקן, הערט ניט וואָס וואָראָבייצעוו זאָגט אים און קוקט אינעם טיפן הימל. וועגן דעם דײַטש האָט ער אויך פאַרגעסן און האָט אַפילע פאַרגעסן, אַז ער געפינט זיך אין דײַטשלאַנד. דער הימל, אַ לויטערער, אַ פרימאָרגנדיקער, א קילבלעכער, איז פּונקט אַזאַ ווי אין נאָווגאָראָד. ווען וואָראָבייצעוו נעמט אים טרייסלען, שטייט ער אויף. ער געדענקט שוין רעכט ניט וואָס ער טוט דאָ, און שפּאַנט מיט ניט זיכערע טריט פאָרויס און קוקט מיט מוטנע אויגן אַפן הונט וואָס לויפט הין און צוריק. עס דערהערט זיך אַ שאָס, נאָך איינער, טשאָכאָוו גייט אַלץ פאָרויס, און אַזוי ווי אים איז אַלצאיינס וווּהין ער גייט, דערזעט ער זיך פּלוצעם אין אַ געדיכטן נוס־וועלדל און זעט ניט אַרום זיך וואָראָבייצעוון מיט דעם דײַטשן יִינגל. מיט מי קומט ער אַרויס פונעם וועלדל אַף אַ לאָנקע. פון צווישן די פיס בא אים איז אַרויס אַ גאַנץ געזינדל קוראָפּאַטוועס.

ער שפּאַנט ווײַטער. צוויי האָזן, וואָס האָבן דערקענט אַף אים, אַז ער איז פאַר קיינעם ניט געפערלעך, לויפן אים פאַרבײַ איינער נאָכן צווייטן. טשאָכאָוון פאַרדריסט וואָס זיי לויפן אַזוי פאַרבײַ אים אָן מוירע, כּמורעט ער זיך אָן און בלײַבט שטיין. אומקלאָר טראַכט ער, אַז צוליב די האָזן איינגנטלעך געפינט ער זיך דאָ, נאָר ווי־אַזוי זיי צו באַקומען ווייס ער ניט, און וועגן דער ביקס וואָס הענגט בא אים אַפן אַקסל, האָט ער גאָר פאַרגעסן. ער שטעלט זיך אַוועק „סמירנאָ" און גיט העראָיִש אַ געשריי אַפן קאָמאַנדירישן שטייגער:

— האָזן אַהער!

ער שטייט אַזוי אַ מינוט פינף, נאָר אַזוי ווי קיינער גייט ניט צו — דערין אויך ניט וואָראָבייצעוו — נעמט ער שווער און אײַנגעשפּאַרט טראַכטן פון עפּעס. דאָ פאַלט זײַן אויג אַף אַ גאַנצן אויסשיט פון ווײַסע שוואָמען, וואָס שטאַרצן לעבן אים בא די פיס.

— שוואָמען אַהער! — זאָגט טשאָכאָוו און פאַרטראַכט זיך ווידער.

אַף לעצט באַשליסט ער „אַהיימצוגיין", ער גיט זיך אַ דריי אויס „קרוגאָם" אַף לינקס און לאָזט זיך גיין. ער גייט אין גאָר אַן אַנדער ריכטונג און קומט אַרויס אַף אַ גרויס פעלד, וווּ דײַטשע פּויערים הויפּענען ווייץ. ער בלײַבט שטיין און קוקט לאַנג אַף זיי. אַ טיף זיכערער, אַז ער איז אין דער היים, פרייט אים שטאַרק ווען ער דערזעט די פּויערים.

— קאָלכאָזניקעס אַהער! — בעלעמעטשעט ער, און אַזוי ווי ער דערזעט לעבן זיך אַ גרויסע קופּע שטרוי, זעצט ער זיך לעבן איר אַוועק און ווערט אַנטשלאָפן. דאָ געפינט אים וואָראָבייצעוו, וואָס האָט זיך די פיס אָפּגעשלאָגן זוכנדיק אים. ער האָט געשאָסן אין דער לופטן, געשריגן, נאָר אום־

זיסט. ביז ער האָט געטראָפן אַ דײַטשן פּויער און דער האָט אים געזאָגט, אַז עפּעס אַ „רוסישער זעלנער" שלאָפֿט דאָ ניט ווײַט.

דער יונגער דײַטש, וואָס איז געגאַנגען מיט וואָראָבייצעוו, שלעפּט זיך קוים, אַ באַלאָדענער מיט האָזן.

וואָראָבייצעוו וועקט אויף טשאָכאָוון, וואָס דער שלאָף האָט אים אַביסל אויסגעניכטערט.

— וואָס פֿאַר אַ פּאַסקוטסטווע האָבן מיר געטרונקען? — פֿרעגט ער.

וואָראָבייצעוו זאָגט אים, אַז מען דאַרף זיך אויסניכטערן און אויב ער וועט אויסטרינקען אַ פּאָר גלעזעלעך, „וועט ער ווערן מונטער". דאָס ייִנגל שפּרייט ווידער אויס דעם פּלעד, באַווײַזן האָט זיך אַף דער ליכטיקער וועלט נאָך איין פּלעשל.

— קום אַהער, — רופֿט טשאָכאָוו צו דעם דײַטש. דער דײַטש קומט און זעצט זיך אַוועק לעבן אים. טשאָכאָוו טרינקט אויס אַ גלעזל און זיי גייען ווײַטער. דאָ גליקט עס אָפּ טשאָכאָוון, ער שיסט אונטער אַ האָז און דער דײַטש דערענדיקט אים מיט דעם מעסער. טשאָכאָוו איז אַן ערשטקלאַסיקער שיסער און ער באַווײַזט עס טייקעף, ווען וואָראָבייצעוו פֿאַלט אײַן אַפֿן אָרט צו מאַכן שיס־געניטונגען, ער וואַרפֿט דאָס ליידיקע פּלעשל אַף אַרויף ווי אַ באַוועגלעכן ציל־ברעט.

טשאָכאָוון האָט זיך אַזוי אײַנגעדאָלבעט אין קאָפּ אַז הײַנט איז זונטיק, אַז ער איז אינגאַנצן רויִק און פֿאַרברענגט דעם גאַנצן טאָג אין וואַלד, אַ פֿאַרכאַפּטער פֿון דער יעגערײַ. ווען עס נעמט שוין טונקל ווערן, קערן זיי זיך אום אין דאָרף צום איבערגעלאָזטן אויטאָמאָביל.

— ווו קען מען דאָ ערגעץ אָפּבראָטן אַ האָזל? — פֿרעגט וואָראָבייצעוו באַם ייִנגל, און יענער ווײַזט אים אַף דעם גוטבאַזיצערס הויף. זיי פֿאָרן אַרײַן אין אַ ברייטן טויער. פֿון ווײַטן זעט מען דאָס ניט באַלויכטענע הויז. וואָראָבייצעוו לאָזט איבער טשאָכאָוון באַם אויטאָמאָביל און גייט אַליין אַרײַן אין הויז. ער קומט טייקעף צוריק אַן אויפֿגעהייטערטער, אַ צעטראָגע־נער. איין וואָרט נאָר זאָגט ער: „קום", און לאָזט זיך גיין אַפֿריִער. פֿון צײַט צו צײַט נאָר קוקט ער זיך אום צו טשאָכאָוון, אַף זײַן אָנגעשטרענגטן און קרעפּטיק שמייכלענדיקן פּאָנעם, ווי אַ הונט אַף דער יאַגד.

זיי געפֿינען זיך אין אַ גרויסן זאַל, ווו עס שטייט אין מיטן אַן אויס־געשטאָפּטער בעהעמאָט. די ווענט זײַנען באַהאַנגען מיט בילדלעך און פֿאָטאָ־גראַפֿיעס פֿון נאַקעטע, האַלב־נאַקעטע נעגערס און נעגער־פֿרויען מיט רינגען אין די נעזער און אויערן. פֿון הינטערן בעהעמאָט באַווײַזט זיך אַ נידעריק־געוואַקסענער יונגערמאַן אין אַ קורטקעלע געשפּיליעט מיט בליץ־שלעסער. ער מאַכט אַפֿן פּאָנעם אַ גאַסטפֿרײַנטלעכן שמייכל און פֿירט אַרײַן ביידע אָפֿיצירן אין ווײַטערדיקן צימער — אינעם עס־צימער. דערנאָך גייט ער אַוועק מיט וואָראָבייצעוון דורך אַ זײַטיקער טיר.

טשאָכאָוו גייט צו צום פֿענצטער. עס איז שוין אין גאַנצן פֿינצטער. אַן עטוואָס טוכלער רייעך פֿון אָפּבליִענדיקע רויזן טראָגט זיך דורכן פֿענצטער. שוואַך באַלויכטן מיט דער פֿענצטער־שײַן, וויגן זיך די קופּערנע בלעטער אַף די ביימער.

טשאָכאָוו דערהערט טריט, דרייט ער אום דעם קאָפּ. אין עס־צימער קו־מען ווידער אַרײַן וואָראָבייצעוו מיט דעם יונגנמאַן. מיט זיי איז פֿאַראַן אַ פֿרוי, אין אַ פֿאַרמאַכטן שוואַרצן קלייד. זי גייט צו צו טשאָכאָוון, דערלאַנגט אים די האַנט, שמייכלט צו אים און שטעלט זיך פֿאָר:

— ליזעלאָטע מעלכיאָר.

דעם צוגאָב „פּאָן” האָט זי אַדורכגעלאָזט.

טשאָכאָוו מורמלט אַרויס זײַן פֿאַמיליען־נאָמען און הייבט אויף די אויגן צו וואָראָבייצעוון. וואָראָבייצעוו איז בלייך און ערנסט.

אַן אַלטע דינסט דעקט דעם טיש. אַלע זעצן זיך צום טיש. דער געשפּרעך קלעפּט זיך ניט. טשאָכאָוו וווּנדערט זיך אַף וואָראָבייצעווס שווײַגן און געשפּאַנטקייט. נאָכן אויסטרינקען, פֿון דעסוועגן, צערעדט ער זיך. ער פּלוידערט דײַטש אַזש עס גייט אַ רויך, ער רײַסט זיך אומדערשראָקן דורך די בײַזאַצן, שלײַדערט ווי עס מאַכט זיך די גראַמאַטיקע קלאָלים. ער זיצט לעבן דער פֿרוי, גיסט איר אונטער ווײַן און קוקט אַף איר מיט קימאַט שרעקלעכע אויגן פֿון פֿאַרבאָרגענער לײַדנשאַפֿט.

די פֿרוי שווײַגט טכילעס, קוקט אַפּן טישטעך. דערנאָך ווערט זי אויך אויפֿגעלעבט, נעמט קוקן אַף וואָראָבייצעוון מיט קוים צוגעזשמורעטע קאַלטע אויגן, און צום לעצט צערעדט זי זיך. זי זאָגט, אַז איר פֿאָטער האָט געהאַט אַ גרויס גוט אין אַפֿריקע, אין קאַמערון, נאָך פֿאַר דער ערשטער וועלטמילכאָמע; זי האָט דאָרט אין די יונגע יאָרן פֿאַרבראַכט עטלעכע כאָדאָשים. געווען איז עס אַ סאַך אַ גרעסערער און רײַכערער גוט ווי דער, דער דײַטשער, אַלנפֿאַלס, איז שוין אויך דער דאָזיקער גוט ניט אירער, זאָגט זי, נאָכדעם ווי זי שווײַגט אַ ווײַלע. ביז ער וועט צעטיילט ווערן, געפֿינט ער זיך אינעם רעשוס פֿונעם לאַנדסראַטאַמט. ניט געקוקט אַף איר גאַנצן אויסדויער, קען די גוטבאַזיצערן ניט אײַנהאַלטן איר צערודערונג און די אויגן פֿינקלען איר.

— נאַטירלעך, ניט אין רײַכקייט באַשטייט דאָס גליק, — זאָגט זי און שמייכלט צו וואָראָבייצעוון.

זי נעמט לאַכן מיט אַן אָנגענעמען, רייצנדיקן געלעכטער און קוקט אַלץ אַף וואָראָבייצעוון, און ער אויך אַף איר און נעמט פֿון איר די אויגן ניט אַראָפּ.

— איך דאַרף קיין סאַך ניט האָבן — רעדט זי ווײַטער און וואַרפֿט אַף וואָראָבייצעוון אַ פֿאָרשנדיקן און געיאָגטן בליק. — מען זאָל מיר נאָר איבערלאָזן דאָס הויז און עטלעכע העקטאַרן ערד...

וואָראָבייצעווס אויגן שטעכן זי דורך, נאָר ווען ער דערהערט אירע לעצטע ווערטער, נעמט ער פּלוצעם אָן אַ טרוקענעם געשעפֿטלעכן טאָן און זאָגט:

— נאַטירלעך... ריכטיק... מ־מ־מ... דאָס איז אַ ריכטיקער געדאַנק. באַ געוויסע באַדינגונגען...

טשאָכאָוו פֿאַרשטייט קימאַט אַ וואָרט ניט פֿון דעם געשפּרעך, נאָר ער פֿילט זיך דאָ ניט אָנגענעם, און טראַכט זיך אַז אַ שאָד וואָס זיי זײַנען אַהער פֿאַרפֿאָרן. ער זאָגט עס וואָראָבייצעוון, און יענער ענטפֿערט אים אַן אויפֿגערעגטער:

אונדזער האָז, אייגנטלעך, האָבן מיר דאָך אַ רעכט אויפֿצועסן, צי ניין? מירן איבערנעכטיקן און אַהיימפֿאָרן.

באַלד ברענגט מען דעם האָז. ער שווימט אין פֿעטס און טשאָכאָוו טראַכט זיך, אַז די גוטבאַזיצערס לעבט זיך גוט אויך נאָך דער רעפֿאָרם. וואָראָבייצעוו רירט זיך ניט צו צום האָז; ער בייגט זיך צו צו דער פֿרוי און זאָגט איר עפּעס. דערנאָך שטעלט ער זיך אויף און רעדט שנעל אַרויס, קימאַט אַ פֿאַרכלינעטער:

— שוין שפּעט, צײַט שלאָפֿן. אַ, וואָסיאַ? צײַט שלאָפֿן גיין, אַ?

טשאָכאָוו הייבט זיך אויף און גייט אַרויס, אינאיינעם מיט וואָראָבייצעוון און מיט דעם יונגערמאַן פֿון די בליץ־שלעסער, אין דעם זאַל מיט דעם

בעהעמאָט. דער יונגערמאַן פֿירט זיי איבער טרעפּ אַרויף. וואָראָבייצעוו שפּרינגט איבער דרײַ טרעפּ און קוקט אַלץ אַף הינטן צו טשאָכאָוון.

אין אַ האַלב פֿינצטערן צימער לייגט זיך טשאָכאָוו אַרײַן אין אַ בעט פֿאַר צווייען, אַ צוגעדעקטס מיט פֿערענעם אָנשטאָט מיט קאָלדרעס. וואָראָבייצעוו אײַלט זיך ניט, ער רויכערט, דערנאָך קוקט ער אַרײַן טשאָכאָוון אין פּנים, זעצט זיך ווידער אויף, רויכערט, שטייט אויף און גייט אַרויס. טשאָכאָוו שלאָפֿט באַלד אײַן. גאַנץ פֿרי וועקט זיך אויף וואָראָבייצעוו, שוין אָן אָנגעטועטער. אין דער גרויער שײַן פֿון אָנקומענדיקן טאָג, איז וואָראָבייצעוו שטאַרק בלייך. ער אײַלט טשאָכאָוון.

— מען דאַרף פֿאָרן, מען דאַרף פֿאָרן, — איז ער אומרויִק.

טשאָכאָוו טוט זיך שנעל אָן און זיי גייען אַרויס. דאָס ייִנגל מיט דעם הונט זײַנען שוין באַם אויטאָמאָביל.

— מען דאַרף פֿאָרן — כאַזערט אַלץ וואָראָבייצעוו און קוקט נישט אַפֿן גוטבאַזיצערישן הויז.

ווען זיי זײַנען שוין אַף דער אַנדער זײַט טויער, צעלאַכט זיך פּלוצעם וואָראָבייצעוו, ער גיט אַ קנאַק מיט דער צונג און מיט אַ זײַטיקן קוק צו טשאָכאָוון, זאָגט ער:

— ניט קיין שלעכטער האָז געווען...

ער צעלאַכט זיך ווידער און אין דעם אויגנבליק קלאַפּט ער אָן דעם אויטאָמאָביל, באַם פֿאַרקירעווען, אינעם ראָג פֿון אַ הויז. דער קלאַפּ פֿאַרטויבט אַ ווײַלע טשאָכאָוון. ער קריכט קוים אַרויס פֿונעם אויטאָמאָביל. אַלע זײַנען אָפּגעקומען מיט בלויזער שרעק. דער ראַדיאַטאָר און דער רעכטער פֿליגל זײַנען צעשעדיקט. דער הונט שפּרינגט אַרויס, ציט אַרײַן דעם קאָפּ אינעם רוקן און פֿאַלט צו צו דער ערד. דאָס ייִנגל קען פֿון שרעק צו זיך ניט קומען און יאָמערט אַלץ אין איין טאָן.

— נו, גענוג, פֿאַרשטעק זיך! — שרײַט אַף אים אָן וואָראָבייצעוו.

פֿונעם צעשעדיקטן הויז לויפֿן אַרויס מענטשן. וויפֿל מענטשן עס וווינען דאָ אין דעם קליינעם הויז, דערוואַקסענע און קינדער. אָן ערעך אַכט קינדער. צוויי גרויסע מישפּאָכעס וווינען דאָ. דער פּויער האָט צו זיך אַרײַנגעלאָזט אַ מישפּאָכע איבערוואַנדערער.

באַ דער זײַט איז פֿאַראַן אַ װערקשטאַט פֿון אויטאָמאָביל־רעמאָנט. מען שטופּט אַהין צו דעם אויטאָמאָביל, און טשאָכאָוו מיט וואָראָבייצעוון, מיט דעם ייִנגל און דעם הונט מיט די געשאָסענע האָזן בלײַבן שטיין און ליגן אין מיטן גאַס. וואָראָבייצעוו זידלט זיך שטיל. טשאָכאָוו שווײַגט.

זיי גייען צו צום דאָרפֿישן גאַסטהויז, — אַ צוויי־שטאָקיק הויז, מיט אַ בירשענק אונטן. דאָ זעצן זיי זיך אַוועק באַ אַ טישל. וואָראָבייצעוו לויפֿט אַלץ צום װערקשטאַט. צום סאָף קומט ער צו לויפֿן אין גאַנצן אַ פֿינצטערער און זאָגט טשאָכאָוון, אַז דעם אויטאָמאָביל וועט מען מאָרגן מוזן צופֿירן אַ צוגעטשעפּעטן אין שטאָט אַרײַן, ווײַל עס פֿאָדערט זיך אַן ערנסטער רעמאָנט.

— אונדזערער־אָט וועט זיך בייזערן, — זאָגט וואָראָבייצעוו און זעצט זיך צו צום טישל. — מירן באַקומען פֿון אים אַ היפּשע גאָב.

טכילעס הערט זיך טשאָכאָוו ניט אײַן, נאָר דערנאָך שטעלט ער אָן די אויגן אַף וואָראָבייצעוון, שטעלט זיך אויף, גייט זיך דורך איבערן ליידיקן צימער הין און צוריק און פֿרעגט:

— וואָס האָבן מיר הײַנט?

— שאַבעס, — זאָגט וואָראָבייצעוו.

— ניט געשפאסט, — בלייבט טשאכאוו שטיין לעבן וואראבייצעוון. — דו לאז זיך אפ פונעם שפאס. וואס הייסט שאבעס? ווייסטו וואס דו זאגסט? פארשטייסטו וואס דו האסט געטאן?

וואראבייצעוו רוקט זיך עטוואס אפ פון אים.

— ערשטנס, ניט „דו האסט געטאן", נאר מיר האבן געטאן, — זאגט ער און הייבט זיך שנעל אויף און גייט צו ביזן ווינקל צימער. — וואס קנייטשטו פון זיך א פיאנערל? ווילסט אלץ אף מיר ארויפווארפן? ווילסט בראנפן טרינקען און פארבלייבן לובענצאוום ליבלינג?

טשאכאוו קוקט זיך אום אפן דייטשן יינגל, וואס זיצט אין א ווינקל צווישן די ביקסן, די רוקזעק און די געשאסענע האזן, און ער שווייגט אים אפ.

— אומזיסט קאכסטו זיך, — רעדט שוין וואראבייצעוו פרידלעך און גייט צו נענטער צו טשאכאוון. — ס'איז ניט אזוי שרעקלעך. קיין פרייע טעג האבן מיר ניט. איז וואס־זשע האבן מיר געזינדיקט? אן אומגליק איז געשען — דער אויטאמאביל האט זיך צעבראכן. דאס קען טרעפן מיט יעדן איינעם. אפילע מיט דיין לובענצאוון. מען איז קאיאר ארויסגעפארן אף געיעג, און צוריקוועגס האט זיך דער אויטאמאביל צעבראכן. נו, זיינען מיר געבליבן שטעקן אין וועג. אויך א טראגעדיע. „אטעלא, אדער דער מאר פון ווענעדיק!"

טשאכאוו גייט ארויס אין גאס און שטעלט זיך אוועק פאר דער טיר פונעם ביר־שענק מיט אן אראפגעלאזטן קאפ. ער שעמט זיך פאר די פויערים, וואס גייען פון דער פעלד־ארבעט. עס דאכט זיך אים, אז זיי ווייסן, אז ער איז א פוסטעפאסניק און א דיסציפלין־ברעכער, און קוקן אף אים ווי ארבעטער קוקן אף פוסטעפאסטיקעס. פונעם ביר־שענק קומט ארויס וואראבייצעוו.

— וואסיא, א, וואסיא — זאגט ער — זאג מיר, וואס האסטו אזוי מוירע פאר נאטשאלסטווע? נו, ריכטיק, מיר זיינען שולדיק, און איך בין שולדיק מער פון דיר. דאס האב איך דיר אריינגעצויגן אין דעם איניען. ס'איז גארניט, מירן ווי עס איז פארלייגן א טערעץ. מירן זיך מיען מער אזוינס ניט צו טאן.

טשאכאוון טרעט פון אים אפ אפן מיטן גאס. אין דארף איז שטיל. די הענער קרייען, רייסן זיך די גארגלען. דערנאך קומען ארויס קינדער, שלעפעריקע, האלב נאקעטע, גענעצן מיטן פולן מויל. לאנגע שאטנס ציען זיך פון זיי קווער אריבער דער גאס.

פון דער ביר־שענק־טיר קומט אויך ארויס דאס יינגל מיט דעם הונט און מיט די געשאסענע האזן. טשאכאוו שטעט, קוקט לינקס, פון וואנען די אויטאמאבילן דארפן אנקומען, אפן וועג אין שטאט אריין. דאס גאסטהויז שטייט אף א העכערן ארט און די גאנצע דארף־גאס, וואס ווערט מיט אן ערעך א קילאמעטער ווייטער פארוואנדלט אינעם שליאך, שטייט אים פאר די אויגן. אף רעכטס קוקט ער ניט, און גראד פון דארטן קומען אן אין פינף מינוט ארום צוויי פאסאזשיר־אויטאמאבילן, וואס בלייבן שטיין, האסטיק פארהאמעטעוועטע פארן גאסטהויז.

טשאכאוו קוקט זיך אום. פונעם פאדערשטן אויטאמאביל שפרינגט ארויס לובענצאוו. פאמעלעך גייט ער ארום דעם קאטש און פאמעלעך שפאנט ער צום ביר־שענק.

טשאכאוו באמיט זיך ניט צו קוקן אף אים. ער קוקט אף די אויטאמאבילן. הינטער די שויבן פונעם ערשטן דערזעט ער קסעניען און מענשאוון. אינעם צווייטן זיצן לערכע מיט צוויי אומבאקאנטע דייטשן.

לובענצאָװ גײט צו צו דער טיר פונעם ביר־שענק, קוקט זיך אײַן אין װאָראָבײצעװן, דערנאָך אויך אין די האָזן מיט דעם הונט, דערנאָך הײבט ער אויף די אויגן אַף טשאַכאָװן.

— פלײש־פאַרגרײט? — פרעגט ער.

— דער אויטאָמאָביל האָט זיך צעבראָכן, — מורמלט װאָראָבײצעװ.

— אַ כּוח די האָזן, זײַנען אַלע אַרויס לעבעדיק, — זאָגט לובענצאָװ.

— װאָס־זשע שטײט איר? זעצט זיך אַרײַן אין די אויטאָמאָבילן. דאָס יִינגל װעט שוין מוזן אַהײמגײן צופוס.

װאָראָבײצעװ זעצט זיך אַרײַן צו לובענצאָװן אינעם אויטאָמאָביל, און טשאַכאָװן קומט שוין אויס אַרײַנזעצן זיך צו די דײַטשן. די אויטאָמאָבילן פאָרן אָפּ.

XV

זײ פאַרנעמען זיך רעכטס, אַף אַ צװײטער, אַ קלענערער דאָרפישער גאַס, און בלײַבן שטײן בײַ אײנעם פון די הײַזער. אַלע גײען אַרויס פון די אויטאָמאָבילן. פאַמעלעך קריכן אַרויס אויך טשאַכאָװ און װאָראָבײצעװ. לערכע קלאַפּט אַן אַן אַ פערטקע און באַלד קומט אַרויס אַ יונגע פרוי.

— װוּ איז װעללער? — פרעגט לערכע.

— ער שלאָפט נאָך, — ענטפערט זי. זי קוקט אַף אַלעמען מיט נײַגער.

— װעקט אים אויף, — זאָגט לערכע.

אין דער צײַט װאָס זי װעקט װעללערן שװײַגן אַלע. װאָראָבײצעװ רויכערט אײן ציגאַרעט נאָכן צװײטן. מענשאָװ רופט אָפּ טשאַכאָװן און פרעגט אים שטיל:

— װוּ ביסטו פאַרפאַלן געװאָרן?

טשאַכאָװ ענטפערט אים נישט.

װעללער קומט אַרויס. ער גריסט זיך מיט אַלעמען בײַ די הענט און װאַרט װאָס מען װעט אים זאָגן.

— רופט אַהער רעיניקען — זאָגט לערכע.

די יונגע פרוי גײט שנעל אַװעק מיט דער גאַס און קומט באַלד צוריק מיט דעם יונגן העל־בלאָנדן באַכער.

אַלע גײען אַרײַן אין הויף, אויך טשאַכאָװ און װאָראָבײצעװ. װאָראָבײצעװ ציט אַף זיך אַ פאַרכמורעטן, באַשעפּטיקטן פּנים; די יונגע פרוי קוקט אַף אים מיט אַ געװיסער מוירע.

זײ גײען אַרײַן אין גרויסן צימער, אַ פולן מיט מעבל, אַזוי אַז עס נישטאָ װוּ צו שטײן. אַלע זעצן זיך און לובענצאָװ נעמט רײדן מיט װעללערן און רעיניקען. ער רעדט צו זײ אין דײַטש, און טשאַכאָװ פאַרשטײט קימאַט גאָרנית, ער זעט אָבער װי לובענצאָװ בײזערט זיך. רעיניקע איז צעטומלט, צענעמט פאַרלױרן די הענט. װעללער זיצט אַ פינצטערער.

מאַכמעס דעם װאָס לובענצאָװ װיל זיך נית ניצן מיט דער איבערזעצונג און רעדט אַלײן אין דײַטש, גײט קסעניע צו צום פענצטער און קוקט אין הויף אַרײַן. טשאַכאָװ קוקט אַ צעטראָגענער אַף איר פּראָפיל — אַ שטרענגער, אַ סימעטרישער און שטאַרק רוסישער. דער קאָפּ אירער, מיט די שװערע צעפּ, איז פאַרבונדן מיט אַ בלויען סאַטינענעם טיכל. די עקן פונעם טיכל זײַנען פאַרבונדן אַף הינטן — אַזוי פאַרבינדט קײנער נית אין דײַטשלאַנד דאָס טיכל אַפן קאָפּ. הינטערן פענצטער געלט זיך אַ גרויסער קליאָן־

בוים. קסעניאַ קוקט זיך איין מאָל אום און באַמערקט טשאָכאָווס בליק.ביידע צעטומלען זיך, און קסעניאַ דרייט זיך ווידער אום צום פענצטער.

אין שטיל־געוואָרענעם צימער הערט זיך לובענצאָווס קאָל, אָט שטרענג און אָט מיט כויזעק. ווען ניט ווען שטעלט ער זיך אָפּ און פרעגט בײַ קסעניען:

— ווי קען עס הייסן אין דײַטש — „פּאָדקולאַטשניק"? (באַלעגופּישער אונטערשטופּער).

אָדער:

— ווי זאָגט מען אין דײַטש — „איר האָט אײַך אויפגעדעקט", אָבער אזוי, וואָס האַרבער.

קסעניאַ ענטפערט גאַנץ שנעל, נאָר ווען זי ווייס ניט די גענויע איבער־זעצונג פונעם וואָרט, זאָגט זי:

— דאָס קען מען דערקלערן אזוי...

דערנאָך נעמט לובענצאָוו ריידן מיט רעיניקען. אין קאָל בײַ אים הערט זיך פאַרביטערונג. ער רעדט מער מיט טאַדלונג איידער בייז.

— ווי וועט זײַן אַף זייער לאָשן — „איר האָט זיך געלאָזט אַרומדרייען אַרום פינגער"? — פרעגט ער בײַ קסעניען און נאָכדעם ווי זי ענטפערט, זאָגט ער: — דאָס ניט ניט איבער גענוי.

זי לייגט פאָר אַ צווייטע פראַזע.

— אזוי איז בעסער, — זאָגט ער און רעדט ווײַטער אין דײַטש.

דערנאָך פאָרט מען איבער די פעלדער און מען קוקט ווי די פּויערים נעמען אַראָפּ דעם שניט, זיי באַקוקן די מיל, וואָס נייטיקט זיך אין אַ רע־מאָנט, און ווען זיי קומען אַרײַן צוריק אין דאָרף, שטעלן זיי זיך אָפּ לעבן דעם שטיבל וווּ רעיניקע וווינט. דאָ שטעלן זיך אָפּ לובענצאָוו מיט לערכען ריידן מיט רעיניקען, דערנאָך לאָזן זיך די אויטאָמאָבילן צוריק אין שטאָט אַרײַן.

וואָס נענטער זיי קומען אין שטאָט, אַלץ שטאַרקער איז טשאָכאָווס צע־טומלונג און כאַראָטע.

און אָט זײַנען זיי שוין בײַ דער קאָמענדאַטור. טשאָכאָוו קריכט אַרויס פונעם דײַטשן אויטאָמאָביל, וואָס לאָזט זיך באַלד ווײַטער פאָרן, און אין פינף מינוט אַרום איז ער שוין — אינאיינעם מיט וואָראָבייצעוון — בײַ לובענצאָוון אינעם קאַבינעט.

— דאָ האָט איר פּאַפּיר, שרײַבט אָן אן אויפקלערונג, — זאָגט לו־בענצאָוו.

פאַראַן עפּעס דערנידעריקנס דערין וואָס מען זעצט זיי אַוועק, ווי פאַר־שולדיקטע שול־ייִנגלעך, אַף ביידע זײַטן טיש, מען גיט זיי יעדן אַ פען אין דער האַנט און אַ בלעטל פּאַפּיר און מען הייסט זיי שרײַבן.

נאָר ניט דאָס איז דער איקער. דער איקער איז דאָס וואָס טשאָכאָוו ווייס ניט וואָס צו שרײַבן. צי דאַרף ער שרײַבן דעם עמעס, אָדער אָנשרײַבן דאָס וועגן וואָס וואָראָבייצעוו האָט גערעדט — דאָס הייסט, אַז זיי האָט גע־שטערט צוריקצוקומען באַצײַטנס די צעשעדיקונג פונעם אויטאָמאָביל, וואָס איז, לויט דעם וואַריאַנט, פאָרגעקומען ניט הײַנט אין דער פרי, נאָר נעכטן אין דער פרי. אויב אַזוי קען זיי לובענצאָוו שטעלן אַ געזעצלעכע פראַגע, פאַרוואָס זײַנען זיי ניט צוריקגעקומען אין שטאָט אַרײַן מיט אַן איבערגע־כאַפּטן אויטאָמאָביל, פאַרוואָס האָבן זיי ניט טעלעפאָנירט פונעם דאָרף מען זאָל שיקן נאָך זיי אַן אויטאָמאָביל, אָדער פאַרוואָס האָבן זיי, ווייניקסטנס, ניט צו וויסן געגעבן וועגן דער צעשעדיקונג.

פון דער אַנדערער זײַט, וויל ניט טשאָכאָוו, ניט געקוקט אַף דעם פאַר־

דראָס וואָס ער טראָגט אַף וואָראָבייציעוון, אים שטעלן אין אַן אויסשליסלעך
שווערער לאַגע מיט זײַן אָפּענעם לייקענען דאָס וואָס וואָראָבייציעוו וועט
אָנשרײַבן. ער פאַרשטייט, אַז פאַר וואָראָבייציעוון קען דאָס האָבן זייע־
ערנסטע קאָנסעקווענצן, מאַכמעס דער באַשײַנפּערלעכער ליגן וועט אַף לור־
בענצאָוון און קאַסאַטקינען מאַכן אַ זייער ניט לוינעוודיקן אײַנדרוק.
וואָראָבייציעוו פאַרשטייט וואָס עס טוט זיך בײַ טשאָכאָוון אַפן האַרצן
און ער באַמיט זיך אַלץ מיט אים זיך איבערצוקוקן, איבעררייִדן זיך מיט
אים, עפּעס אַ מורמל טאָן. נאָר דאָס איז אוממעגלעך: וואָראָבייציעוו ווייס,
אַז דער געוועזענער אויספּירער איז ניט אַזאַ טאַם, — ער זיצט אַף זײַן
שטול, קוקט אַרײַן אין זײַנע פּאַפּירן, נאָר אַלץ זעט ער. דעמאָלט אַנטשליסט
זיך וואָראָבייציעוו און נעמט שרײַבן זײַנע דערקלערונגען אַזוי ווי ער האָט
פאַרגעלייגט טשאָכאָוון, דאָס הייסט, אַז זיי זײַנען געווען אַף געיעג; אַז אַפן
וועג אין שטאָט אַרײַן האָט זיך דער אויטאָמאָביל צעבראָכן; אַז ביז ער האָט
אים אַרײַנגעפירט אינעם ווערקשטאַט צום רעמאָנטירן און האָט געפּרוּווט
אינאיינעם מיט די דײַטשע מײַסטערס אים צו פאַרריכטן, איז אַדורך אַ סאַך
צײַט; אַז די דײַטשע מײַסטערס האָבן צוגעזאָגט באַלד פאַרריכטן און ער
האָט גערעכנט, אַז זיי וועלן מיט אַן עמעסן פאַרריכטן און ער וועט קענען,
אויב ניט באַצײַטנס, איז מיט אַ קליינער פאַרשפּעטיקונג קומען קיין לור־
טערבורג, נאָר ער האָט זיך דערנאָך, געכאַפּט אַז עס איז שוין שפּעט און זיי
האָבן באַשלאָסן איבערנעכטיקן אין דאָרף; דאָך האָט ער מיט אַ פאַרבײַגע־
פאָרענעם אויטאָמאָביל איבערגעשיקט אַ צעטעלע צו דער קאָמענדאַטור און
די דײַטשן האָבן עס, קענטיק, ניט איבערגעגעבן; ער האָט אַפילע ניט גע־
זאָגט וועגן דעם טשאָכאָוון, ווײַל ער האָט זיך שטאַרק געערגערט פון דער
פאַרשפּעטיקונג און האָט זיך צעקריגט דערפאַר מיט וואָראָבייציעוון; און ער
זאָגט צו אויסצוגעפינען דעם דײַטשן אויטאָמאָביל, ווײַל ער געדענקט דעם
נומער, און וועט דערווײַזן, אַז ער האָט געטאָן אַלץ וואָס מען האָט באַדאַרפט
טאָן; אַ כוצדעם, זאָגט ער צו, אַז מער וועט זיך אַזוינס ניט איבערכאַזערן.
אין דער צײַט ווי ער שרײַבט דאָס אַלץ, קוקט ער פּילבאַטײַטיק אַף
טשאָכאָוון און באַמיט זיך כאָטש מיט אַ בליק אָנשטעקן דעם כאַווער מיט
זײַן זעלבסטזיכערקייט. נאָר טשאָכאָוו קוקט ניט אַף וואָראָבייציעוון. ער
שרײַבט אויך גאָרניט. נאָך אַ האַלבער שאָ צײַט, ווען לובענצאָוו הייבט אַף
זיי אויף די אויגן, שפּרינגט וואָראָבייציעוו אויף און דערלאַנגט אים זײַן גע־
שריבענץ. טשאָכאָוו בלײַבט זיצן אַפן אָרט. ווען לובענצאָוו גיט אַף אים אַ
פאָרשנדיקן בליק, רופט ער זיך אָן אַ פינצטערער:
— איך וועל גאָרניט נישט שרײַבן. איך בין שולדיק, און גאָר.
— וואָס הייסט איר וועט ניט שרײַבן? — פרעגט לובענצאָוו מיט אַ
שאָטן הומאָר אין דער שטים. — איר האָט דאָך באַקומען אַ באַפעל צו
שרײַבן.
טשאָכאָוו שווײַגט.
— זאָל זײַן אַזוי, גייט, — זאָגט לובענצאָוו, און ביידע גייען זיי אַרויס.
אַפן צווייטן טאָג אין דער פרי קומט אַרײַן צו טשאָכאָוון אַ זעלנער
מיט אַ באַפעל ער זאָל אַרײַנגיין צום קאָמענדאַנט אין קאַבינעט.
לובענצאָוו אײַלט זיך צוליב אַ וויכטיקן איניען קיין פיכטענראַדע. דער־
צו אויך איז אים דערווידער דאָס לייענען נאָטאַציעס. נאָר מען מוז אַלץ
אַרויסזאָגן טשאָכאָוון. קיין אַנדער אויסוועג איז נישטאָ און ער נעמט רייִדן.
מיט אַן איראָניע אַף זיך אַליין, מערקט ער זיך, אַז אַלץ וואָס ער זאָגט איז
איבערצײַגנדיק און צו דער זאַך, — מיט איראָניע, וואָרעם אָט די קענטעניש

צו ליִיענען נאָטאַציעס און ביכלאַל צו ריידן גלאַטיק, האָט ער זיך אויסגעלערנט דאָ, אין דײַטשלאַנד, מאַכמעס ריידן איז איינע פונעם קאָמענדאַנטס וויכטיקסטע פליכטן. ער האָט זיך דאָ אײַנגעריבן, געוואָרן, ווי זאָגט מען עס גראָב, „אַ געשלאָגענער הונט”, אַזוי ווײַט, אַז ער קען האַלטן אַ גאַנצע רעדע ניט צוגעגרייטערהייט און ניט שרעקן זיך, — ניט אַזוי ווי פריער.

נאָר ווי קאָמיש לובענצאָוו זאָל ניט זײַן אָט דאָס מין נאָכשפּירן זיך אַליין, ווי אַ זײַטיקער, — ווי ער זאָל זיך אַליין ניט וווּנדערן אַף דער גלאַטיקייט פון זײַן ריידן, רעדט ער ערנסט און באַטראַכט.

ער הייבט אָן דערפון וואָס ער וואַרפט אוועק אַפן טיש וואָראָבייעצעווס דערקלערונגס־שריפט און רופט זיך אָן מיט ביטערניש:

— נאָט, שפּיגלט זיך, כאַווער טשאָכאָוו, קאַפּיטאַן וואָראָבייעצעווס דערקלערונגען. שרײַבן ריכטיק האָט ער זיך אַפילע ניט אויסגעלערנט. שרײַבט „טאָוואַרישטש” מיט אַ ווייכן צייכן צום סאָף. „פּריוואָסכאָדנאָ” אָנשטאָט „פּרעוואָסכאָדנאָ”. און ער האָט דאָך אַ שול געענדיקט, צוויי יאָר אין אַ העכערער שול געלערנט. עס גייט ניט אין דער אָרטאָגראַפיע. עס גייט דערין וואָס אַ סאַך מענטשן אונדזערע — איך האָב מוירע אַז אויך איר — האָבן זיך צוגעוווינט לעבן ווי אָנלייגערס באַ דער מעלוכע, איר שטרעבט ניט זעלבשטענדיק צו אַרבעטן, זעלבשטענדיק צו לערנען זיך. איר שטעלט זיך פאָר די סאָוועטישע רעגירונג ווי דעם גאַלעכס מעשאָרעס, וואָס קאָכט אײַך אָפּ דאָס אייעלע און שיילט עס אײַך אויך אָפּ. דאָס איז ריכטיק, אַז אונדזער מעלוכע, אין אונטערשיד פון אַנדערע מעלוכעס, איז בלוטיק פאַראינטערעסירט, אַז יעדער בירגער זאָל זײַן אַ געבילדעטער און הויך־קולטורעלער מענטש. נאָר דאָס קען דאָך דערגרייכט ווערן נאָר באַ דעם באַדינג, אַז יעדער זאָל דערין העלפן דער רעגירונג, ער זאָל אַליין דערצו שטרעבן, זיך רײַסן פאָרויס, באַהערשן די קולטור. און פאַקטיש באַקומט זיך, אַז אַזעלכע יונגע לײַט ווי איר, צום בײַשפּיל, קאַפּיטאַן טשאָכאָוו, ווייסן אַ סאַך ווייניקער ווי זייערע עלטערן, וואָס האָבן פאַר קופּערנע גראָשנס געענדיקט די אָנפאַנגשול באַם קלויסטער... און אין יענער צײַט האָט זיי דאָך די מעלוכע געשטערט, דעם וועג פאַרשטעלט... אַך ווי דערווידער זיי זײַנען מיר, די האַלבע אינטעליגענטן, מיט זייער אייבערפלעכלעכן וויסן, מיט זייער פולן הויל זײַן פון וויסנגיריקייט, מיט זייער שטענדיקן לעבן אַפן כעשבן פון דער נאַבלסטער מעלוכע אין דער וועלט! אַך, ווי איך האָב זיי פײַנט, די טאַטנס זינדלעך, וואָס האָבן זיך פונעם פּאַשעטן פאָלק אָפּגעריסן און זײַנען אין דער אינטעליגענץ ניט אַרײַן! און אָן אָפּיציר איז דאָך דער טיפּישער פאָרשטייער פון אינטעליגענטער אַרבעט. פאַרוואָס לייענט איר ניט, טשאָכאָוו, קיין ביכער? פאַרוואָס לערנט איר זיך ניט די דײַטשע שפּראַך, אין וועלכער עס זײַנען אָנגעשריבן גרויסע ווערק. פאַרוואָס דרינגט איר ניט אַרײַן ערנסט אין דער זאַך? ניט שוין־זשע געהערט איר אויך צו דער קאַטעגאָריע מענטשן, וואָס כאַטש זיי פילן אַף זיך פון קינדווײַז אָן די זאָרג פון דער געזעלשאַפט, האָבן זיי דאָך אַזוי אָדער אַנדערש פאַרגעסן וועגן זייער כויוו צו זיך און צו דער געזעלשאַפט? קאַפּיטאַן טשאָכאָוו, איר פילט שלעכט אויס אײַערע היסכײַוועסן.

לובענצאָוו איז פול מיט ראַכמאָנעס און ליבשאַפט בעיס ער רעדט דאָס און קוקט ווי טשאָכאָווס פּאָנעם ווערט אַלץ פינצטערער דערבײַ.

אַ לאַנגער שווערער שווײַגן הערשט. דערנאָך הייבט טשאָכאָוו אויף צום ערשטן מאָל די אויגן אַף לובענצאָוון און זאָגט:

— אַלץ וואָס איר האָט געזאָגט איז ריכטיק. איך וועל זיך פּליסן. איך טויג זיך פּאַשעט ניט אויס צו דעם אַמט. איך האָב אײַך באַלד געזאָגט.

— וואַסילי מאַקסימיטש! ליבינקער! — רופט אויס לובענצאָוו און גייט צו צו טשאַכאָוון און נעמט אים אַרום. — דו טויגסט! אַוואָדע טויגסטו! דו באַנעם נאָר אַלץ. — בעיים לובענצאָוו זאָגט דאָס, טראַכט ער זיך, אַז אומזיסט איז ער אַזוי שנעל סענטימענטאַל געוואָרן, און אַז דאָס איז עפּשער ניט פּעדאַגאָגיש און נאַריש, גלײַכער איז אַ פּאָר טעג בלאָזן זיך, קעדיי טשאַכאָוו זאָל טיפער דערפילן זײַן שולדיקייט. אַזוי וואָלטן געהאַנדלט אַ סאַך קלוגע נאַטשאַלניקעס. און דאָך האָט ער געפילט, אַז ער האַנדלט ריכטיק, וואָרעם טשאַכאָוו געהער צו יענע נאַטורן, וואָס זיי איז זייער שווער מוידע צו זײַן זייער שולדיקייט, אַז דאָס זאָל קענען זײַן אויפריכטיק אָדער שנעל פּאַראיבערגייענדיק.

XVI

ווען טשאַכאָוו איז אַרויסגעגאַנגען פונעם קאַבינעט, פרעגט לובענצאָוו באַם דעזשורנע אָפיציר צי איז געקומען דער בירגערמײַסטער וועללער. דער בירגערמײַסטער איז דאָ. לובענצאָוו טוט אָן דאָס היטל און זעצט זיך אַרײַן אינאיינעם מיט וועללערן אינעם אויטאָמאָביל.

דער „איניען פלעדער" איז נאָך ניט פאַרענדיקט און לובענצאָוו באַשליסט אַליין צו ליזן דעם פאַרפלאָנטערטן איניען.

נישט געקוקט וואָס הײַנט איז זונטיק, הערשט אין דער פיכטענראַדער קאָמענדאַטור אַזאַ טומל פונקט ווי אין דער לויטערבורגער. אויך דאָ פאַלן מענטשן פון די פיס. פיגאַרעוו, פון דעסט וועגן, איז אין דער היים. לובענצאָוו לאָזט איבער וועללערן אינעם אויטאָמאָביל און לאָזט זיך גיין צו פיגאַרעוון. ער גייט דורך דעם געוועלב, אַ פאַרוועבטן מיט פלישטש, געפינט זיך שוין אינעם קליינעם הייפל און גייט אַרײַן אין דעם שמאָלן טירל, וואָס איז באַפאַרבט מיט אַ העלער פאַרב, וואָס מען קאָן אָנרופן טראַמוויי־פאַרב. אומעטום איז שטיל. ער עפנט די צווייטע טיר און דערזעט פיגאַרעוון, ווי ער זיצט באַם טיש אין די איינע הויזן און אין אַ הינטערשטן העמד. און לעבן אים, באַם זעלביקן טיש, זיצט — ריכטיקער, שטייט מיט די קניען אַפן שטול, מיט די עלנבויגנס אַפן טיש אָנגעשפאַרט און קוקט אַריבער פיגאַרעווס אַקסל אין די פאַפּירן וואָס ער קוקט פונאַנדער, — אַלבינאַ טערעשטשענקאָ.

לובענצאָוו גלייבט זיך ניט זײַנע אויגן, אַזוי אומגעריכט איז עס פאַר אים. ער מאַכט אַפילע אַ טראָט צוריק צום אַוועקגיין; נאָר פיגאַרעוו קוקט זיך אום, ווערט אַ ביסל צעטומלט, נאָר דאָך, גיט ער אַף זײַן אויפן אַ רוף אויס, הויך און פריילעך:

— אַ, סערגיי פלאַטאָנאָוויטש! קאָלעגע! קום אַרײַן, קום אַרײַן.

אַלבינאַ לאָזט פויל אַראָפ די פיס פונעם שטול — ווײַזט זיך אַרויס, אַז זי טראָגט פיזשאַמע־הויזן. זי הערשט איבער זיך, בעעמעס מײַסטערהאַפטיק און איר צעטומלטקייט וואָלט נישט דערקענט אַפילע אַ מער־אויפמערקזאַמער באַאָבאַכטער, ווי לובענצאָוו.

— קום אַרײַן, קום אַרײַן, — זאָגט פיגאַרעוו און קלאַפט לובענצאָוון איבערן אַקסל. — שוין לאַנג זיך נישט געזען. ער פאַרשטייט, אַז אַוועקגיין טאָר מען ניט, אַז דאָס יונגע פאָר־פאָלק וועט זיך זיכער באַליידיקן: פיגאַרעוו וועט נאָך איבערקלערן, אַז ער האַלט זײַן באַסענע פאַר אַ כאַרפּעדיקן און געמיינעם אויפטו, דאָס הייסט, פאַר אַזעלכן, ווי פיגאַרעוו גופא האַלט

אים טיף אין הארצן; אלבינא וועט זיך באליידיקן פארוואס לובענצאוו איז ניט מאסקים מיט זיין כאוועער און קוקט גרינגשעציק אף אלבינען צוליב דעם וואס זי איז שוין עטלעכע יאר אין דייטשלאנד און איין גאט ווייס וואס זי האט דא געטאן. דאס אלץ שאפט א גאנץ קאמפליצירטן איבערגעפלעכט פון אנצוהערעניש, פון געטראפענער אייגנליבע און אנגעצויגענעם אויפמערק פון איינעם צום צווייטן, וואס זיינען פאר לובענצאוון העכסט פיינלעך, שוין אפגערעדט וואס ער וויל ניט פאטערן זיין טייערע צייט אף דער ביכלאל גערעדט עמעסער נארישקייט.

בעייסן פארבייסן און דורכווארפן זיך מיט אומבאטייטנדיקע פראזן, דא מיט אלבינען און דא מיט פיגארעוון, טראכט זיך לובענצאוו, אז פיגארעוו האט דאכט זיך א ווייב, און אז פיגארעוו האט אפילע מיסטאמע ניט געמאלדן יענעם ווייב וועגן דעך. און לובענצאוו איז אינגאנצן אפן צאד פון יענער פרוי, ניט דערפאר וואס ער איז ביכלאל אזא קעגנער פון געטן אום יעדן פרייז, נאר מאכמעס דעם וואס דאס נייע ווייב איז אלבינא, וואס ביכלאל האט ער קעגן איר גארניט, און ביכלאל האט ער קעגן איר גארניט וואס אויסצוזעצן אינעם איקער, און קען וועגן איר קיין שום שלעכטס ניט זאגן, אכוץ דעם וואס זי איז אזא ווי זי איז.

צו דעם אלעמען, באמערקט ער באלד, אז אלבינע — מעגלעך אונטער דער ווירקונג פונעם אויסגעטרונקענעם ויין, — קוקט אף אים ווידער אזוי ווי זי האט אף אים אמאל געקוקט ווען זי איז געווען בא אים אלס איבערזעצערן אין לויטערבורג, און אז זי רעדט צו אים ווידער מיט דעם נידעריקן איינהילנדיקן קאנטראלטא, וואס צווינגט צו דענקען, אז הינטער די ארויסגערעדטע ווערטער שטייען אנדערע — א סאך מער באטייטנדיקע און אינטימערע.

ווען אין שכיינעסדיקן צימער צעקלינגט זיך דער טעלעפאן און פיגארעוו גייט ארויס נעמען דאס טרייבל, רוקט צו אלבינא נענטער איר פאנעם צו לובענצאווס פאנעם און פרעגט אים:

— טוט אייך ניט באנג וואס איך בין אוועקגעגאנגען?

לובענצאוו דרייט זיך ארויס מיט א שפאס:

— פארקערט. א ווייב צו זיין איז דאך בעסער ווי צו זיין אן איבערזעצערן.

— דאס קען מען צוזאמענפארן, — זאגט אלבינא, און שטילער און אייצייטיק ארויסרופעריש, גיט זי צו: — איך האב פון אייך נישט געוואלט אוועקגיין: איך טראכט פון אייך. זייער אפט.

דער אריינגעקומענער פיגארעוו גיט פארדעכטיק א קוק אף זיי און זאגט:

— נו, גוט, צייט גיין אין דער קאמענדאטור.

ער טוט זיך שנעל אן און גייט ארויס אינאיינעם מיט לובענצאוון.

— אט וואס — זאגט פיגארעוו און מיט א מאל גיט ער אים גלייך א פרעג: — איך זע דו ביסט מיט עפעס ניט צופרידן? טייטלסט מיך? — ווען ער באקומט נישט קיין ענטפער, רעדט ער ווייטער: — איך האב געגוג ריכטער אן דיר. מען האט מיך ארויסגערופן צום פאליטישן אפטייל... איך האב זי ליב, און שוין, און קיינער וועט מיר ניט אנווייזן. און וואס שאיעך ווארען, בין איך מיט איר אפילע ניט צעשריבן. און מען דארף מיר ניט דרייען א קאפ.

— דערצו נאך איז זי ווייט, און די איז בא דער זייט — גיט אים לובענצאוו א שטאך, נאר, ווייל ער וויל ניט אריין אין קיין פרוכטלאזן ווי־

קואַך, גיט ער שנעל צו: — ס׳איז, נאַטירלעך, דײַן זאַך. און גענוג דערפֿון צו ריידן.

— ניין, ס׳איז ניט גענוג, ניט גענוג, — בייזערט זיך פֿיגאַרעוו. — אָט ביסטו מײַן כאַווער. איך האָב דיך ליב, און דו טײַטלסט מיך אויך. ניין, איך זע דו פֿאַראורטיילסט מיך! און פֿאַרוואָס, וועסטו מיר ניט קענען דערקלערן...

— ער גיט אַ קרומען שמייכל. — און אַלבינאַ האָט וועגן דיר אַ גוטע מיינונג. לויבט דיך. זי זאָגט אַז ווי אַ קאָמענדאַנט, ביסטו אַ בעסערער פֿון מיר...

זיי קומען צו צו דער קאָמענדאַטור און פֿיגאַרעוו מוז אויפֿהערן דעם געשפּרעך. דער וואַך־זעלנער שטעלט זיך אין פֿראָנט פֿאַר זיי. אַ קאַפּיטאַן אינעם ברייטן וועסטיביול ראַפּאָרטירט. זיי הייבן זיך אַרויף די טרעפּ און קומען אַרײַן אינעם קאַבינעט. פֿיגאַרעוו דריקט אָן דאָס עלעקטרישע גלעקל און אייניציײַטיק רופֿט ער:

— בענעוואָלענסקי!

עס קומט אַרײַן אַ סערזשאַנט איןברילן.

— פּעטראָוון רופֿט אַרײַן. טייקעף אַרויסרופֿן דעם לאַנדראַט.

פּעטראָוו — דער אָפֿיציר פֿון דער קאָמענדאַטור איבער דאָרפֿס־ווירטשאַפֿט — הערט אויס לובענצאָווס איניען און ענטפֿערט קורץ:

— מירן אויספֿאָרשן.

אין פֿינף מינוט אַרום באַווײַזט זיך דער דיקער גוטמוטיקער לאַנדראַט. פֿיגאַרעוו רעדט מיט אָפּגעריסענע פֿראַזן און באַפֿעלעריש, און עס איז קע־טיק, אַז דער לאַנדראַט האָט פֿאַר אים מוירע. לובענצאָוו טראַכט זיך: „אָט דער לאַנדראַט וואָלט זיך ניט דערוועגט שרײַען אויף פֿיגאַרעוון, ווי סעבאַסטיאַן אויף מיר. איך בין, קענטיק, מיט אַן עמעסן ליבעראַל.

זיי פֿאָרן צו צום לאַנדסראַטאַמט און גריבלען זיך דאָרט אַ פּאָר שעה אין „גרונדבוך". זיי געפֿינען דאָרט גאָרניט. דער באַאַמטער וואָס פֿאַרנעמט זיך מיט די איניאָנים, איז גליטשיק־דינסטגרייט, נאָר ניט צו אייפֿערדיק. פֿיגאַרעוו שרײַט אויף אים, יענער פֿינטלט מיט די אויגן און זאָגט אַלץ דאָס אייגענע:

— ער פֿיגורירט ניט, הער קאָמענדאַנט.

דאָ מישט זיך אַרײַן קאַפּיטאַן פּעטראָוו:

— וואָס הייסט ער פֿיגורירט ניט? מיר האָבן דאָך מיט אײַך אַ מאָל גערעדט וועגן איינער אַ ווירטשאַפֿט... פֿליודער אָדער פֿליאַדער... אַ פֿרוי, איר געדענקט? אַ דיקע. אינעם דאָרף בירקענהויזן.

— לאָמיר צופֿאָרן קיין בירקיינהויזן, — זאָגט לובענצאָוו.

אין בירקענהויזן ווערט די זאַך אויפֿגעקלערט אַזוי שנעל, אַז לובענצאָוו וווּנדערט זיך. דאָס וואָס פֿון ווײַטן, און נאָך אומדירעקט, האָט אויסגעזען אומגעווײנלעך פֿאַרפּלאָנטערט, ווײַזט זיך דאָ אַרויס פּאָשעטער ווי פּאָשעט. דער גוט פֿון אַכציק העקטאַר, יאַטירלעך, איז פֿלעדערס. דאָס גאַנצע דאָרף ווייס דערפֿון. פֿרוי מאַלדער, אַ שוועסטער פֿון פֿלעדערס שנור, פֿרוּווט זיך גאָרניט אויסבאַהאַלטן עס. אַ פֿריילעכע, אַ דיקע, אַ פּיפּיקע, באַגעגנט זי גאַסטפֿרײַנטלעך די סאָוועטישע אָפֿיצירן און די באַאַמטע פֿון דער זעלבסט־פֿאַרוואַלטונג און זיט זיי אָנווײַזונגען מיט אַ געווּיסער צופֿרידנקייט, ווײַל זי האָט באַשײַנפּערלעך ניט שטאַרק ליב איר באַלעבאָס.

זי זאָגט, אַז פֿלעדער האָט אויך אַ גרויסן וואַלד אין מעקלענבורג, אינעם ראַיאָן פֿון דער שטאָט גרײַפֿסוואַלד.

לובענצאָוו צענעמט די הענט. ער טעלעפֿאָנירט קאַסאַטקינען, אַז ער

וועט קומען מאָרגן, און אַליין טראַכט ער ניט לאַנג און פאָרט אַוועק אינאיינעם מיט וועללערן קיין גרײַפסוואַלד. ער שמייכלט פריילעך און בייזוויליק ווען ער שטעלט זיך פאָר וואָס דער אַלטער סעבאַסטיאַן וועט דערויף זאָגן.

דער וועג איז אַ לאַנגער. אין אַלגעמיין גערעדט, וואָלט ער אַף דער רײַזע געדאַרפט בעטן אַ דערלויבעניש אין דער „סוואַ", נאָר לובענצאָוו באַשליסט ניט צו פאַטערן קיין צײַט אומזיסט. אַרמוט דריקט אַפן אַקצעלעראַטאָר ביז אַרויף. די וועגן זײַנען פרעכטיקע. דער אויטאָמאָביל לויפט הונדערט קילאָמעטער אַ שאָ.

פון בײדע זײַטן וועגן שווינדן הוילע פעלדער, וועלדלעך און דערפלעך. אין וועג לויפן זיי אַקעגן אויטאָמאָבילן און הויכע וועגענער. לובענצאָוו קוקט אַרײַן פון צײַט צו צײַט אין זײַן לאַנדקאַרטע. דער אינסטינקט פון ריכטיקן אויסוויילן דעם וועג, וואָס האָט זיך באַ אים אַנטוויקלט מילכאָמע־צײַט, פירט דעם אויטאָמאָביל אין דער נייטיקער ריכטונג. זיי פאָרן אַף צאָפן־מיזרעך. דער ברייטער טאָל וואַרעמט זיך אין די שטראַלן פון דער וואַרעמער האַרבסטזון. ביסלעכווײַז ווערט לובענצאָווס האַרץ באַהערשט פון דעם פריידיקן און רויקן געפיל פון דער לאַנגער רײַזע. און אונטער דער שטימונג טראַכט ער וועגן די אַלע איניאַנים, ביפראַט וועגן דעם ווי גוצלעך דאָס איז פאַר די פויערים און באַטראַקעס, וואָס אָט דער פעלדער, דער זיס־ריידנדיקער און ווייך־גלעטנדיקער באַלגוף, וועלכער מאַסקירט זיך אַזוי קונציק פאַר אַ גוטווינטשנדיקן און פריילעכן פרײַנט פונעם פאָלק, וועט דעמאַסקירט ווערן אַלס געוויינלעכער שווינדלער. טיילמאָל ווערט לובענצאָווס געוויינלעכער געדאַנקענגאַנג איבערגעריסן מיט טראַכטענישן וועגן טאַניען און אָט די טראַכטענישן און דערמאָנונגען, זיסע און ביטערע אין דער זעלביקער צײַט, ווערן אַלץ איבערגעהאַקט מיט די מער קאָנקרעטע און דערפאַר מער געפערלעכע געדאַנקען, וואָס זײַנען פאַרבונדן מיט דעם איידעלן פאָנעם, געשטרעקטער פיגור און העלע האָר פון עריקאַ סעבאַסטיאַן.

לובענצאָוו כמורעט זיך פון אָט די געדאַנקען, און קעדיי זיי צו צעטרײַבן, נעמט ער שמועסן מער ווייניקער לעבהאַפטיק מיט אַרמוטן און מיט וועללערן. דערנאָך שווײַגט ער ווידער און ווידער פלאָנטערן זיך אים אין קאָפ אַלערליי געדאַנקען, און די בילדער פון פאַרשידענע מענטשן לויפן דורך פאַר אים אונטערן גערויש פונעם מאָטאָר און גלאַטן געוויג פונעם אויטאָמאָביל:

ווען ער קוקט אַף אַרמוטן, דערמאָנט ער זיך אָן איוואַנען, וואָס ער וועט אים שוין מיסטאָמע מער קיינמאָל ניט זען, מאַכמעס איוואַן פאַלט אַרונטער אונטערן נײַעם דעמאָביליזאַציע־געזעץ, וואָס דער העכסטער ראַט פון דער סאָוועטן־מאַכט האָט די טעג אָנגענומען.

וועללער מערקט דעם קאָמענדאַנטס שווײַגן, שווײַגט ער אויך. ביפראַט אַז ער פילט זיך אַ ביסל שולדיק אין דער געשיכטע מיט פלעדערן. ער איז זיך מוידע, אַז ער האָט אַרויסגעוויזן נישט צײַטמעסיקן און נאַרישן צוטרוי; אָרנטלעך גערעדט, איז ער ביז די איצטיקע אויפדעקונגען אַנטציקט געווען מיט פלעדערן און האָט אים געהאַלטן פאַר זײַן נאָנטסטן אַרויסהעלפער באַם דורכפירן די רעפאָרם, מאַכמעס פלעדער האָט געהאַט אײַנפלוס צווישן די פויערים און האָט זיך קונציק פאַרשטעלט פאַר אַ הייסן אָנהענגער פון דעמאָקראַטישע ענדערונגען. איצט איז וועללער אַנטציקט מיט דעם קאָמענדאַנטס צודרינגלעכקייט און דורכדרינגלעכקייט און מיט לערכעס ריכטיקן כוש און ער זאָגט זיך צו זיי נאָכצוטאָן און באַ זיי זיך צו לערנען.

אַרמוט שווײַגט די גאַנצע צײַט, ווי שטענדיק בעיים ער פאָרט, און הערט זיך אײַן צום מאָטאָר, צו דער טראַנסמיסיע, צום געשווינדקייט־קאַסטן,

צום קאָרדאָנוואַל און צו דער גומי. ער האָט דעם פּולן באַוווּסטזײַן פֿון זײַן פֿאַראַנטוואָרטלעכקייט פֿאַרן לעבן פֿונעם סאָוועטישן קאָמענדאַנט און פֿאַרן דערפֿאָלג פֿון זײַן רײַזע, וואָס ער גייט ניט אַרײַן אין איר עצעם, נאָר ער האַלט זי פֿאַר אַ וויכטיקן איניען, אויב זי איז אַזוי וויכטיק דעם קאָמענדאַנט. דערצו איז ער אַ ביסל טרויעריק דערפֿון וואָס ער רעכנט, אַז ער אַרבעט אַף דעם קאָמענדאַנטס אויטאָמאָביל צײַטווײַליק, ווײַל ער ווייס נאָך ניט, אַז איוואַן וועט ניט צוריקקומען.

אַזוי פֿאָרן זיי יעדערער מיט זײַנע געדאַנקען, נאָר אַלע דרײַ ענג פֿאַרבונדן צווישן זיך, ניט נאָר דערמיט וואָס זיי געפֿינען זיך אין איין אויטאָמאָביל, נאָר מיט נאָך אַ סאַך פֿעדעם, מיט געפֿילן און אינטערעסן.

אין אַן ערעך דרײַ ,שאָ אַרום דערפֿילט לובענצאָוו הונגער, און עס פֿאַרדריסט אים וואָס ער האָט מיט זיך ניט גענומען עפּעס צום עסן. אין עטלעכע מינוט אַרום דערטראָגט זיך צו אים אַ רייעך פֿון געבראָטן פֿלייש. ער קוקט זיך אום צו וועללערן. וועללער שלעפּט אַרויס פֿון דער מאַנטל־קעשענע אַ פּעקעלע אין אַ צײַטונג אײַנגעוויקלט, נעמט אַרויס פֿון דאָרט אַ סענדוויטש מיט פֿלייש, דערנאָך וויקלט ער ווידער אײַן דאָס פּעקעלע און באַהאַלט עס אין קעשענע, און דעם סענדוויטש נעמט ער פֿאַמעלעכן עסן. אויפֿגעגעסן דעם סענדוויטש, שפּאַרט ער זיך אָפּ אַפֿן פֿאָרענטש פֿונעם זיץ און דרעמלט אײַן. דער הונגער לאָזט זיך אַלץ מער פֿילן. לובענצאָוו כמורעט זיך אַלץ און, צי ער וויל, צי ער וויל ניט, קומען די געדאַנקען צוריק צום פּינקטלעך אײַנגעוויקלטן פּעקעלע בײַ וועללערן אין קעשענע. וועללער ווידער איז קיין זאַך נישט כווישעד, זיצט ער, דרעמלט, כאַפּט זיך אויף, גענעצט, קוקט אין פֿענצטער. עס גייען איבער נאָך אַנדערהאַלבן שאָ, נעמט ער ווידער אַרויס דאָס פּעקעלע. לובענצאָוו דערפֿילט עס מיט דעם רוקן — כ׳לעבן מיט דעם רוקן — און נעמט אָנגעשטרענגט וואַרטן, וואָס וועט ווײַטער זײַן. וועללער נעמט אַרויס פֿונעם פּעקעלע נאָך איין סענדוויטש, שוין מיט אַ גרויסן, אַף צווייען צעשניטענעם וואָרשטל. ווידער פֿאַרוויקלט ער פּינקטלעך דאָס פּעקעלע און באַהאַלט עס אין קעשענע, דערנאָך עסט ער אויף דעם סענדוויטש און נעמט קוקן דורכן פֿענצטער.

לובענצאָוו שפּירט מיט דעם רוקן וועללערס יעדן קער, און וועללערס יעדער קער רופֿט אַרויס בײַ לובענצאָוון עפּעס ענלעכס צו סינע.

באַלד פֿאָרט דער אויטאָמאָביל אַרײַן אין אַ גאַנץ היפּשער שטאָט. לובענצאָוו פֿרעגט בײַ אַ פֿאַרבײַגייער ווו ערגעץ איז די סאָוועטישע קאָמענדאַטור, און זיי פֿאָרן צו אַהינצו. דער דעזשורנער לייטענאַנט גיט לובענצאָוון אַ צעטל צו דער אָפֿיצירישער גאָרקיך און שיקט מיט אים אַ יונגן זעלנער אַלס באַגלייטער. אינאיינעם מיט וועללערן און אַרמוטן גייט ער אַרײַן אין דער גאָרקיך. אַ רוסישע מיידל־קעלנערקע דערלאַנגט זיי באָרשטש, קאָטלעטן מיט גרעטשענער קאַשע און הייסן קאָמפּאָט — אַלץ צוזאַמען. לובענצאָוו איז מעכאַבעד וועללערן מיט אונטערגעשטראָכענער גאַסטפֿרײַנטלעכקייט, רוקט אים אונטער ברויט, אונגערקעס און פּאָמידאָרן. דער סינע־געפֿיל צו וועללערן פֿאַרשווינדט בײַ אים און זײַן אָרט פֿאַרנעמט אַ זייער אָנגענעמער פֿאַר זײַן אייגנליבע געפֿיל פֿון קוים־קוים פֿאַראַכטלעכער העכערקייט, געמישט מיט שפּאָטישער פֿאַרוווּנדערונג. אין האַרצן שפּעט ער פֿון וועללערן און טראַכט זיך, אַז מיט דעם זאַטן מיטיק האָט ער אים געגעבן אַ זאַכלעכע לעקציע וועגן כאַוועורישקייט.

לובענצאָוו באַצאָלט פֿאַרן מיטיק און גייט אַרויס אינאיינעם מיט וועללערן און אַרמוטן אַף דער גאַס. אַרמוט נעמט אַרויס פֿונעם באַגאַזש־קאַסטן

אַ בלעך בענזין און גיסט אָן אינעם באַק. דערנאָך זעצן זיך אַלע אַרײַן און מען פֿאָרט ווײַטער. דאָס שטעטל איז שוין הינטער זיי, און ווידער שווינדלען פֿאַרבײַ פֿעלדער און וועלדלעך, קאַכליענע דעכער פֿון די דערפֿלעך, פּאַשע־פֿעלדער מיט סטאַדעס קי און שעפּסן. לובענצאָוו קוקט אומרויִק אַרײַן אין דער לאַנדקאַרטע. ביז גרײַפֿסוואַלד זײַנען נאָך פֿאַראַן צוויי הונדערט קילאָ־מעטער. ניט געקוקט אַף דעם שנעלן פֿאָרן זײַנען זיי אין דורכשניט אײַנגע־פֿאָרן ניט מער ווי זעכציק ־ זיבעציק קילאָמעטער אַ שעה, נישט גערעכנט די אַלע אָפּשטעלן, פֿאַרהאַלטונגען, דאָס לאַנגזאַמע פֿאָרן דורך די יִישובֿים און אַזוי ווײַטער. אַזוי אַרום וועלן זיי אָנקומען קיין גרײַפֿסוואַלד, אויב מען זאָל אויסשליסן די מעגלעכקייט פֿון אומגעריכטע טרעפֿענישן, ערשט אין אָוונט. זיך פֿאַרנעמען מיט דעם איניען צוליב וועלכן זיי פֿאָרן, וועלן זיי קענען ערשט מאָרגן, און מען קען נאָך נישט וויסן וויפֿל צײַט דאָס קען פֿאַרנעמען.

— דאַוואַי, דאַוואַי, — אײַלט לובענצאָוו אַרמוטן.

דער אָוונט פֿאַלט שוין צו. די סטאַדעס ציִען זיך שוין פֿון דער פּאַשע. קי און שעפּסן, פֿערד און ציגן צוימען אָפּ דעם וועג, און דער אויטאָמאָביל ריַרט זיך דעריבער פּאַמעלעך. אַרמוט דריקט ווי ווײַט ער קען אָפּן פֿײַפֿער, נאָר דאָס העלפֿט ניט.

עס איז שוין פֿינצטער. אַרמוט שליסט אויף די פֿאַרן. באַלד מוז ער זיך אָפּשטעלן — אַ הינטערשטע ראָד האָט נאָכגעלאָזט. אַרמוט בײַט זי אום מיט דער רעזערוונער, פֿאַראייִם גיסט ער אָן בענזין און אייל, און זיי פֿאָרן ווײַטער. אין עטלעכע מינוט אַרום הערט לובענצאָוו ווידער הינטער זיך דאָס שאָרשקען פֿונעם פּאַפּיר. וועללער וויקלט אויף זײַן פּעקל, באַקומט פֿון דאָרט אַרויס אַ סענדוויטש, דעם רעשט וויקלט ער ווידער אײַן און נעמט זיך פּאַ־מעלעכן קײַען.

לובענצאָוו צעשמייכלט זיך מיט אַ קרומען שמייכל און פּײַקלט בייז מיט די פֿינגער אָפּן אָנלען. עס הייבט אים פֿונעם אָרט מיט עפּעס צוצושעמען וועללערן. עס ווילט זיך אים אַרויסרײַסן בײַ וועללערן פֿון דער האַנט דעם סענדוויטש און אַרויסוואַרפֿן דורכן פֿענצטער דאָס שטיקל ברויט מיט פֿלייש. נאָר ער האַלט זיך אײַן. ביז גרײַפֿסוואַלד זאָגט ער אים אַ וואָרט ניט.

גרײַפֿסוואַלד, ווײַזט זיך אַרויס, איז אַ שיין אַלט שטעטל בײַם יאַם, וואָס האָט אַבסאָלוט ניט געליטן פֿונעם קריג. פֿאַראַן דאָ אַ סך אַרכיטעקט־טאָניש זעלטענע בנינים, היימלעכע שטאָטפּלעצער און שאָטנדיקע גאַסן. אַ קילער יאַם־ווינט שאַרשקעט צווישן די ביימער־קרוינען. דאָך, אַף באַקוקן די שטאָט האָט לובענצאָוו קיין צײַט ניט. דער פּאָלקאָווניק — קאָמענדאַנט פֿון דער שטאָט, ווען ער דערוויסט זיך צוליב וואָס לובענצאָוו איז אַהער געקו־מען, נעמט ער זיך טייקעף צום איניען. ער אַליין פֿאַראינטערעסירט זיך דער־מיט, מאַכמעס די ערד וואָס געהער צו פֿלעדערן, פֿיגורירט דאָ אַף אַ צווייטנס נאָמען. ניט געקוקט וואָס עס איז שוין שפּעט, רופֿט דער פּאָלקאָווניק אַרויס צו זיך דעם פֿאַרוואַלטער מיט דעם קאָטאַסטער־אַמט, אַ יונגן ענערגישן מענטשן אַ געוועזענעם פּליער, אַ מיטגליד פֿון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי, וואָס ליגט ניט אָפּ דעם איניען אין דער לאַנגער באַנק, און לייגט פֿאָר לובענצאָוון שוין צופֿאָרן אַף יענעם אָרט.

זיי עסן אָפּ אַף שנעל אין אַ קליינעם רעסטאָראַנדל קעגנאיבער דער קאָמענדאַטור, וווּ עס עסן די אָפֿיצירן פֿון דער סאָוועטישער מיליטערישער טייל, וואָס שטייט אין דער שטאָט. לובענצאָוו איז ווידער מעכאַבעד וועללערן, ווי באַם מיטיק.

— עסט, וועללער, — זאָגט ער. — וואָרעם מירן נאָך פֿון הונגער אומקומען אין וועג.

וועללער דאַנקט פֿאַרגעניגנדיק און עסט פּאָר צווייען.

לובענצאָוו באַצאָלט פֿאַרן נאַכטמאָל און זיי פֿאָרן ארויס הינטער דער שטאָט, צו די וואַלד־גיטער פֿונעם הער פֿלעדער.

ווי עס איז געווען צו דערוואַרטן, ווייַזט זיך ארויס, אַז דער אַלטיטשקער, וואָס פֿירט אָן מיט די דאָזיקע גיטער, איז עס דער אונטערגעשטעלטער פֿאַרשוין, און אַ צונעשפּאַרטער צו דער וואַנט דורך דעם רוסישן אָפֿיציר וואָס איז געקומען פֿון דעם האַרץ־געביט און דורך פֿלעדערס לאַנדסמאַן, מוז ער מוידע זײַן מיט וועמעס פֿאַרמעג ער פֿירט אָן.

אויפֿן צווייטן טאָג אין דער פֿרי, ווי נאָר לובענצאָוו באַקומט אינעם ערד־אָפּטייל די נייטיקע דאָקומענטן, פֿאָרט ער ארויס צוריק. דאָס מאָל נעמט ער מיט זיך עסן פֿאַר דרײַען אויפֿן גאַנצן וועג.

ווען זיי זײַנען שוין נאָנט, בײַ די פֿאָרבערג פֿון דעם האַרץ־געביט, דרייט זיך לובענצאָוו אויס מיט דעם גאַנצן קערפּער צו וועללערן און זאָגט:

— אַנטשולדיקט מיר, וועללער, איך בין אַן אויסלענדער, און ווי דאָס טרעפֿט, בין איך ניט אַזוי געניט אין די מינהאָגים פֿונעם פֿרעמדן לאַנד. זאָגט מיר, איז עס בײַ אײַך אַזוי אײַנגעפֿירט, ניט צו טיילן דאָס עסן מיט רײַזע־כאַווירים, וואָס פֿאַרגעסן מיטצונעמען עסן אויפֿן וועג?

וועללער איז שרעקלעך צעטומלט, ער איז רויט געוואָרן און זאָגט אַז מען קען ניט זאָגן דאָס זאָל זײַן אַזוי אײַנגעפֿירט אָדער אַזאַ מינהג, דאָס וואָלט געווען ניט ריכטיק; נאָר אַזוי עפּעס פֿירט זיך עס; טרעפֿט, אַז מען גייט צו גאַסט מיט דער אייגענער פּראָוויזיע, און אַז מען פֿאָרט אויף עטלעכע טעג, זאָגן מיר, אין געסט צו די עלטערן, שיקט מען זיי ארויס אַפֿריער געלט אויף די עטלעכע טעג, אַזוי פֿיל און אַזוי־פֿיל מאַרק אַ טאָג; אַזוי איז אויך געווען אין די גוטע צײַטן; ס'איז פּינקטלעכקייט, — כיכיקעט ער ניט אויפֿריכטיק, — אַ נאַציאָנאַלער דײַטשער שטריך.

— אַ דײַטשער? — פֿרעגט איבער לובענצאָוו. — איז עס ריכטיק? איז עס ניט דער שטריך פֿון אַלע קליינבירגער?... ניין, ניין,,, וועללער. איך בין אויף אײַך נישט בערויגעז, איך דענק פּאָשעט אויפֿן קאָל.

XVII

לובענצאָוו פֿאַלט ארײַן צו זיך אין דער קאָמענדאַטור אַ פֿרייִלעכער און אַ מידער. שוין טאַקע רופֿט ער ארויס קאַסאַטקינען און מענשאָוון און גיט זיי איבער וועגן די רעזולטאַטן פֿון זײַן רײַזע. זיי דערפֿרייען זיך. מענשאָוו פֿלאַמט פֿון צופֿרידנקייט.

— ווו איז טשאָכאָוו? — פֿרעגט פּלוצעם לובענצאָוו.

— ער איז דאָ, — ענטפֿערט קאַסאַטקין, — בײַ זיך.

— און ווי איז מיט וואָראָבייצעוון?

— דערווײַל איז אַלץ גוט, פֿלײַסן זיך.

— רופֿט ארײַן צו מיר טשאָכאָוון.

ווען טשאָכאָוו קומט ארײַן, זאָגט אים לובענצאָוו:

— וואַסילי מאַקסימאָוויטש, קומט ארײַן צו מיר, וועלן מיר עסן צוזאַמען. נעמט מיט זיך וואָראָנינען, אויב ער איז פֿרײַ. זיצט אַביסל, מירן דערמאָנען דעם גענעראַל סערעדאַ און אונדזער לעבן אין דער דיוויזיע.

נאָר ווען ער קומט אַהיים מיט טשאָכאָוון, שטויסט ער זיך אָן בײַ דער טיר מיט סעבאַסטיאַנען.

— איך גיי צו אײַך, — זאָגט סעבאַסטיאַן.

— ביטע.

סעבאַסטיאַן קומט אַרײַן, און צו זײַן פֿאַרוווּנדערונג, דערזעט אים לובענצאָוו אין זײַן פּאַראַדנעם אָנצוג — אין אַ לאַנגן סערדעט, מיט אַן אָנגעקראַכמאַלעטער שניי־ווײַסער מאַנישקע און לאַקירטע שיך. וואָראָנין גיט אַזש שטיל אַ פֿײַף.

— איך בין אַף אײַך בערויגעז און איך וואָלט צו אײַך נישט געקומען, — איז סעבאַסטיאַן גאַנץ אָפּנהאַרציק, — נאָר געצוווּנגען האָט מיך דערצו מײַן טאָכטער. בײַ איר איז געבוירנטאָג און איר זײַט שוין לאַנג פֿאַרבעטן.

— פֿאַרוואָס־זשע זײַט איר בערויגעז אַף מיר? — פֿרעגט כיטרע לובענצאָוו. — איר האָט קיין שום גרונד נישט און איך בין גרייט...

סעבאַסטיאַן הייבט אויף די הענט:

— איך בעט אײַך, לאָמיר הײַנט ניט ריידן וועגן געשעפֿטלעכע איניאַנים. מיר דערקלערן אַף איין אָוונט וואָפֿנשטילשטאַנד. הייסט עס, וואַרטן מיר אַף אײַך.

מיט די ווערטער גייט דער פּראָפֿעסאָר אַרויס.

— וואָס טוט מען? — איז לובענצאָוו אומבאַהאָלפֿן. — איינמאָל אין אַ יויוול זיך אויסגעקליבן זיצן מיט אײַך, איז אָט האָט איר אײַך! מ'עט מוזן גיין. עך, דו אַלטער! ער וויל מיט מיר ניט ריידן געשעפֿטלעך און ער פֿאַרשטייט ניט, אַז גיין צו זײַן טאָכטערס געבוירנטאָג, איז פֿאַר מיר גאָרניט קיין פֿאַרגעניגן, נאָר אויך אַ געשעפֿטלעכער איניען און ניט פֿון די לײַכטע! און נאָך אין אַזאַ ברענענדיקער צײַט, ווען דער לאַנדראַט וואָלט זיך געדאַרפֿט פֿאַרנעמען מיט וויכטיקע פֿראַגן...

— און ווי איז מיט אַ מאַטאָנע? — שטעלט אַרײַן וואָראָנין.

— אָך!... אַ מאַטאָנע!... טפֿוי!

— מירן עס מאַכן, — זאָגט וואָראָנין און ער לויפֿט אויפֿזוכן קראַנצן.

— אָנטאָן אַ ציווילן אָנצוג? — פֿרעגט לובענצאָוו בײַ טשאָכאָוון.

טשאָכאָוון איז אַפֿילע שווער זיך פֿאָרצושטעלן לובענצאָוון אין אַ ציווילן אָנצוג. אַ ציווילער אָנצוג זעט אויס טשאָכאָוון אומגעלומפּערט. נאָר, ער טראַכט זיך אײַן, און רופֿט זיך אָן צום סאָף, אַז עס איז מיט אַן עמעסן גלײַכער לובענצאָוו זאָל זיך אָנטאָן ציוויל, ווי צו דעמאָנסטרירן, אַז ער איז אין דעם פֿאַל אַ פּריוואַטע פּערזאָן.

לובענצאָוו נעמט אַרויס פֿון דער שאַפֿע זײַן אָנצוג.

— אַ דאַנק אַלבינען. — זאָגט ער.

טשאָכאָוו דערקענט אים קוים ווען ער טוט זיך אָן, אַזוי ניט ענלעך איז דער געשטרעקטער בלאָנדער יונגערמאַן אָפּן פּאָדפּאָלקאָווניק לובענצאָוו. דאָך, מוז טשאָכאָוו מוידע זײַן, אַז דער ציווילער אָנצוג קליידט לובענצאָוון צום פּאָנעם. מען דאַרף נאָר אַ ביסל צופּרעסן דעם פּידזשאַק. זיי געפֿינען אויס אַן עלעקטרישן פּרעסל, און טשאָכאָוו נעמט אַף זיך די אַרבעט צו ברענגען דעם פּידזשאַק אין אָרדענונג. נאָר דאָ שטעלט זיך אַרויס, אַז לובענצאָוו האָט קיין שיך ניט, און די שטיוול אָנטאָן אונטער די הויזן, איז, קענטיק, ניט אָנשטענדיק. טשאָכאָוו האָט שיך, ווײַל ער פֿלעגט אַמאָל טראָגן די מיליטערישע הויזן איבער די שיך, און ער לויפֿט זיי ברענגען. ווען ער קומט צוריק, קומט אויף די פֿראַגע וועגן אַ שניפּס. לובענצאָוו איז זיך מוידע, אַז ער האָט אַף

זײַן לעבן קיין שניפּס ניט געטראָגן. נאָר אין דעם אומגליק האָט אַרויסגעהאָלפֿן וואָראָנין, וואָס איז באַלד געקומען מיט פּעקלעך אין די הענט.

טשאָכאָוו שליסט אָפּ דאָס פּרעסל און קומט צו אַ קוק טאָן אָף די מאַטאָנעס, וואָס וואָראָנין האָט אײַנגעהאַנדלט פֿאַר עריקאַ סעבאַסטיאַן.

— וואָס האָסטו דאָרט? — פֿרעגט לובענצאָוו.

וואָראָנין צעוויקלט דעם אײַנקויף. פֿאַראַן איז דאָרט אַלץ צו דרײַ: דרײַ פּאָר זאָקן אין שיינע צעלאָפֿאַנענע זעקעלעך; דרײַ פֿלעשעלעך אָדעקאָלאָן, „פֿראַנצויזישן, פֿון דער העכסטער מאַרקע", — פֿאַרזיכערט וואָראָנין; דרײַ פֿלאַש ליקער — „היגער, לויטערבורגער, — מערקט אָן וואָראָנין. — צי עפּשער איז עס ניט באַקוועם?"

— קאָנסערוון וואָלט מען זיי באַדאַרפֿט שענקען, — מורמלט אַרויס לובענצאָוו. — זיי לעבן אָרעם. אונדזער לאַנדראַט, מוז מען זײַן גערעכט צו אים, איז ניט פֿון די אַרײַנכאַפּערס.

די זאָקן בראַקעוועט אויס לובענצאָוו דאָס ערשטע. אַזאַ מאַטאָנע, זעט אים אויס, פּאַסט ניט אָנשטענדיק, שיר ניט אַן אומבאַשיידענע אָנצוהערעניש.

— וואָלסט נאָך באַדאַרפֿט ברענגען זאָקנבענדלעך. — מרוקעט ער.

אָפּגעשטעלט האָבן זיי זיך אַפֿן אָדעקאָלאָן. דעם ליקער, באַשליסט לובענצאָוו, נאָך אַ ווײַל נאָכדענקען, וועט מען נעמען מיט זיך און אומבאַמערקט אָפּגעבן דער פֿרוי וועבער אינעם פֿאָרהויז.

— בלומען וואָלט גוט געווען, — לייגט פֿאָר טשאָכאָוו.

— בלומען האָבן זיי גענוג, — ענטפֿערט אָפּ וואָראָנין. — און וואָס טויג עס? זיי וועלן פֿאַרוועלקן, וועט מען זיי אַרויסוואַרפֿן.

לובענצאָוו פֿרעגט אַ צעשטרײַטער:

— און ווי וועט זײַן מיט דעם שניפּס?

— מיט דעם שניפּס? איין מינוטקעלע, — זאָגט וואָראָנין און לויפֿט אַרויס אָף דער גאַס און מיט דעם לאָמטערנדל באַלײַכט ער דעם אין דער פֿינצטער שטייענדיקן קראַנצן מיט זײַן שניפּס.

— נישט קיין וואָזשנע קראַוואַט, — זאָגט ער.

— איך קען ברענגען אַן אַנדערן, — לייגט פֿאָר קראַנץ.

— ס'איז לאַנג צו וואַרטן.

קראַנץ נעמט אַרונטער זײַן קראַוואַט און גיט אים איבער וואָראָנינען.

— איכל דיר מאָרגן אָפּגעבן — זאָגט וואָראָנין. די זאָקן נעם צוריק. נישט דורכגעגאַנגען.

קראַנץ שטעלט זיך קעגן, ער זאָגט, אַז דאָס איז גאַנץ אָנשטענדיק — שענקען זאָקן, און אַז מיט זאָקן האַלט עס איצט זייער שלעכט, אַזוי אַז זאָקן זײַנען איצט די בעסטע מאַטאָנע פֿאַר אַ דאַמע.

— ער וויל ניט, — זאָגט וואָראָנין. — וואַרט אויס, איכל דיר באַלד אַרויסברענגען דאָס געלט פֿאַרן ליקער און פֿאַרן פּאַרפֿום.

ער גייט אַרײַן אין שטוב, בינדט שנעל אויס לובענצאָוון דעם שניפּס. דערנאָך זאָגט ער:

— געלט.

לובענצאָוו גיט אים דאָס געלט און גייט אין גרויסן הויז אַרײַן. אַזוי ווי עס נעמט טרעפֿן אַ רעגנדל, באַמיט ער זיך דעם שעטעך ביזן גרויסן הויז דורכצולויפֿן, — קיין ציווילן מאַנטל האָט ער ניט. ער שילט אין געדאַנק די גאַנצע געשיכטע און דריקט אָן דאָס גלעקל.

געסט זײַנען פֿאַראַן אַ מאָן דרײַסיק. נאָכדעם ווי לובענצאָוו רוקט אַרײַן

אין די הענט פון פרוי וועבער די מאַטאַנעס, גייט ער אַרײַן אין גרויסן אויפנאַם צימער. קיינער קוקט זיך אַף אים ניט אום, ווײַל אַלע, אין די פאָטעלן, אַף די שטולן און אַף די דיוואַנען הערן אַ מיידל שפּילן אַפן ראָיאַל. אַ סך פון די געסט, קענען דערצו ניט לובענצאָוון, און די וואָס קענען אים, האָבן אים ניט דערקענט אינעם ציווילן אָנצוג. עריקאַ, דרייט זיך אום צו אים און קוקט זיך איין עפּשער אַ האַלבע מינוט צײַט, און ערשט דערנאָך לײַכט זי אויף מיט אַ מאָל, זי הייבט זיך שטיל אויף פון איר אָרט, גייט צו צו אים און דריקט אים פעסט די האַנט. דאָס מיידל שפּילט אַלץ אַפן ראָיאַל. עריקאַ שטייט לעבן לובענצאָוון און קוקט אַף אים שווײַגנדיק. ער דערפילט זיך אומ־באַקוועם און גיט אַ מורמל:

— איך באַגריס.

— איך האָב אײַך ניט דערקענט, — מורמלט זי אַלס ענטפער.

דאָס מיידל ענדיקט שפּילן, אַלע אַפּלאָדירן און מען בעט זי נאָך שפּילן. און עריקאַ שטייט אַלץ לעבן לובענצאָוון. דערנאָך רופט זי עמעצער, זי טרעט אָפּ פון אים נישט גערן און גייט אַרײַן אין צווייטן צימער.

לובענצאָוו זעצט זיך אַוועק אַ דערלײַכטערטער, אַף אַ ליידיקן שטול און נעמט זיך אײַנקוקן אין מענטשן.

ער דערקענט דעם פּרעזידענט ריודיגער, וואָס זיצט אין אַ פאָטעל מיט זײַן פרוי בא דער זײַט — אַ גרויסע בייזע זקנה, וואָס איז מאָדנע ענלעך אַף איר מאַן. לעבן זיי זיצט פון איין זײַט סעבאַסטיאַן, פון דער אַנדערער זײַט — דער טרוקענער פאַרטראַכטער קלאַוסטאַל, און לעבן דעם פאַסטאָר אַן אומבאַקאַנטער פאַר לובענצאָוון פאַרשוין אין אַן עלעגאַנטן שוואַרצן אָנ־צוג, מיט אַ פּליך וואָס גלאַנצט אין דער שײַן פונעם הענגלײַכטער. רעכטס, אַפן דיוואַן, זײַנען אויסגעזעצט דרײַ גרויע זקנים פון שטאַרק געלערנטן אויס־זען. לינקס פון סעבאַסטיאַנען שטייט דער געוועזענער בירגערמײַסטער זע־לענבאַך, וואָס איז מיט זײַנע גרויסע שוואַרצע ברילן ענלעך אַף אַ שפּאַרבער. ער שפּאַרט זיך אָן מיט דער האַנט אַף אַן אָטאָמאַנקע, אין וועלכער עס האָבן זיך אַרײַנגעזעצט זײַן דיקע פרוי און זייערע צוויי טעכטער. דער באַלעבאָס פונעם ביכער־געשעפט מינדען, אַ קאַלירלאָזער מענטש אין דאָפּלטע צילינדער־ברילן, האָט זיך אַן אָרט געפונען אין אַ ווינקעלע, באַם סאַמע ראָיאַל, און לעבן אים שטייט דער עלעגאַנטער הוגאָ מאָוריציוס מיט אַ קליינינקער קרענק־לעך־אויסזעענדיקער בלאָנדינקע — זײַן ווײַב.

הינטער דער גאַנצער גרופּע, אַף אַ קליינינקן דיוואַן, זיצט האַלב צעלייגט און רויכערט אַ סיגאַרעט פרוי ליוטוויץ, און לעבן איר זיצן צוויי לובענצאָוון אומבאַקאַנטע דיקע מענטשן אין פראַקן.

אַלע קוקן זיי אין דער ווײַט מיט אַזעלכע פּנעמער ווי זיי וואָלטן גע־קוקט אַף עפּעס זייער אינטערעסאַנטס, נאָר מאַכמעס דאָס איז פאַרשטעלט פון זיי מיט אַנדערע קעפּ און קענען זיך דערצו גאָרניט העלפן, מוזן זיי רויִק וואַרטן ביז די פאָדערשטע וועלן זיך זאַט אָנקוקן. דאָס הערן זיי מוזיק.

לובענצאָוו קוקט זיך אײַן אין סעבאַסטיאַנען. דער פּראָפעסאָר איז שיין אין זײַן שוואַרצן אָנצוג. זײַנע גרויסע טונקעלע אויגן זעען איצט אויס — מעגלעך אַ דאַנק דער מוזיק — טרויעריק, די גלײַכע גרויע האָר זײַנען צע־שויבערט, און אָט די נאַכלעסיקייט — ביפראַט צווישן די אַרומיקע צוגע־גלעטע און צוגעשמירטע קעפּ פון די איבעריקע מענער — צווינגט לובענצאָוון פרײַנטלעך צו שמייכלען. ער קוקט איצט צום ערשטן מאָל אַף סעבאַסטיאַנען ניט ווי אַף אַ לאַנדראַט און ניט ווי אַף אַ פּראָפעסאָר, נאָר ווי אַף אַ מענטשן

צווישן אַנדערע מענטשן. און לובענצאָוו קומט צום שלום, אַז סעבאַסטיאַן איז אַ שיינער, אַן אָנגענעמער און, אָן ספֿעק, באַטײַטנדיקער מענטש.

נאָכדעם ווי ער קומט צו דעם שלום, דרייט ער אויס דעם קאָפּ לינקס, צו אַן אַנדער גרופּע מענטשן, וואָס זיצן לינקס פֿונעם ראָיאַל.

דאָ איז פֿאַראַן מער יונגוואַרג: די אָנשטענדיק און טיכטיק געקליידטע יונגעלײַט, גלאַט פֿאַרקעמטע און אין שמאָלע פּידזשאַקלעך און די מיידלעך, אײַנגעהאַלטן אויפֿגעדודערטע, פּאַדרויטלטע, וואָס צווינגען זיך זיצן אומבאַוועגט. צווישן זיי געפֿינט זיך בלויז איינער אַ באַיאָרטער מענטש — עריק גרעלמאַן. ער טראָגט אַ ברוינעם לויזן אָנצוג. ער אינטערעסירט זיך, קענטיק, ניט מיט מוזיק און סוידעט זיך די גאַנצע צײַט מיט אַ דאַמע אין אַ לאַנגן קלייד פֿון ווײַנשל־קאָליר, וואָס לובענצאָוו דערקענט אין איר, אַ פֿאַרוווּנדערטער, די גוטבאַזיצערן פֿאָן מעלכיאָר. צום סאָף, נאָך לינקער, באַם פֿענצטער, שטייען און זיצן נאָך אייניקע מענטשן, צווישן זיי פֿאָרלענדער, יאָסט און דער אַרבעטער און קאָמוניסט וויזעצקי, וואָס פֿירט אָן אינעם לאַנדסראַטאַמט מיט די אַרבעטס־פֿראַגן. לובענצאָוו דערקענט זיי און פֿאַרוווּנדערט זיך אָנגענעם, און רופֿט זיי און געדאַנק די „לינקע בענק", ווי דאָס איז אָנגענומען אין די פּאַרלאַמענטן און אין די באַציִונגען פֿון די לינקע פּאַרטייען.

וויזעצקי איז דאָ מיט דער פֿרוי — אַ יונגע אַרבעטערן — ציכטיק, נאָר אָרעם געקליידט. זי זוקט אָף דער פֿאַרזאַמלטער געזעלשאַפֿט מיט אַ ניט־באַהאַלטענעם כויזעק־שמייכל. אירע בלויע שאַרפֿע אויגן לאַכן. דער דאָזיקער בליק איז לובענצאָוון צום האַרצן. אים געפֿעלט ווי די אַרבעטערן, וואָס געפֿינט זיך אין דער „העכערער געזעלשאַפֿט", איז ניט געפֿאַלן באַ זיך, ווײַל זיך ניט צופּאַסן; איז געקומען אַזאַ ווי זי איז. און לובענצאָוו טראַכט זיך, אַז ווען די אַרבעטער וועלן קומען צו דער מאַכט דאָ אין לאַנד, וועט אָט די פֿרוי, אויב איר וועט אויסקומען אויפֿצונעמען באַ זיך געסט, די העכסטע, וועט זי דאָס טאָן מיט רויִקער ווערדע, פֿריילעך און אומגעצוווּנגען. ער נעמט שיר ניט אַרויס פֿון דער קעשענע דאָס נאָטיץ־ביכל, קעדיי צו פֿאַרצייכענען, ווי זײַן געוווּנשאַפֿט איז, דעם נאָמען פֿון דער פֿרוי וויזעצקי, נאָר ער האַלט זיך באַצײַטנס אײַן.

אין דער זעלביקער צײַט פֿרייט עס לובענצאָוון, וואָס סעבאַסטיאַן האָט געפֿונען פֿאַר נייטיק, כאָטש ער האָט פֿאַרבעטן, ווי ער פֿלעגט דאָס מיסטאָמע שטענדיק טאָן, די לויטערבורגער „העכערע געזעלשאַפֿט", — אויך זײַנע נײַע פֿרײַנט און מיטאַרבעטער אינעם אַמט. דאָס איז שוין אַ פּראָגרעס, כאָטש ער האָט זיך נאָך ניט אָפּגעזאָגט פֿון דער פּאָזע „צווישן צוויי שטולן", ווי פֿײַנלעך זי זאָל פֿאַר אים ניט זײַן.

לובענצאָוו גיט אַ קוק אָף סעבאַסטיאַנען און באַהאַלט קוים אויס דעם פֿריילעכן שמייכל, ווען ער דערמאָנט זיך וועגן זײַן רײַזע. עס ווילט זיך אים מיט אַ מאָל פּלעפֿן דעם פּראָפֿעסאָר מיט דעם רעזולטאַט פֿון זײַן רײַזע, אים דערציילן וועגן די ערדן פֿונעם „אָרנטלעכן פֿלעדער" אין בירקענהויזן און הינטער גרײַפֿסוואַלד. און מיטאַמאָל פֿאַלט לובענצאָווס בליק אָף דעם הער וואָס מיט דעם גלאַנציקן פּליך, וואָס זיצט לעבן קלאַוסטאַלן, און ער דערקענט אין אים פֿלעדערן. יאָ, דאָס איז פֿלעדער אַליין; לובענצאָוו האָט אים, קענטיק. פֿריער נישט דערקענט, דערפֿאַר וואָס ער האָט זיך אים נישט געקענט פֿאָרשטעלן אין אַ פֿראַק און דערצו אויך האָט ער נישט געוווּסט, אַז פֿלעדער האָט אַ פּליך, ווײַל ער האָט אים קיינמאָל נישט געזען אָן אַ הוט.

„ע־ע, דאָ געפֿינט זיך דער גאַנצער לויטערבורגער ראַיאָן אינעם קווער־

שניט" — טראַכט זיך לובענצאָוו, און בייזע גוליעס הייבן אים אָן לויפֿן איבערן פּאָנעם.

דער „אָרנטלעכער פֿלעדער" פֿילט זיך אַ ביסל געענגט אין דער הויכער געזעלשאַפֿט. ער דרייט זיך דעריבער אַף זײַן שטול און כאַפּט אַ גנייווישן קוק אַף סעבאַסטיאַנען און ריודיגערן, די מוזיק הערט ער ניט באַשײַנפּערלעך און היט קוים אײַן דעם פֿאַרטראַכטן פּאָנעם, וואָס פּאַסט פֿאַר אַ מענטשן וואָס הערט מוזיק: ער וואָלט וועלן ענלעך זײַן אַף די פּראָפֿעסאָרן און שטאָטישע דרייערס.

דערווײַל האָט דאָס מיידל פֿאַרענדיקט שפּילן. די געזעלשאַפֿט צעטיילט זיך אַף גרופּקעס און קרײַזלעך. אין אַלע ווינקלען פֿאַרבינדט זיך אַ לעבעדיקער שמועס. עריקאַ, וואָס איז צוריקגעקומען אין זאַל, גייט צו דאָ צו איין קרײַזל דאָ צו אַ צווייטן. איר געלעכטער קלינגט דאָ אין איין ווינקל, דאָ אין אַ צווייטן. לובענצאָוו קוקט איר נאָך פֿון אַ זײַט.

אַ סאַך האָבן שוין דערקענט דעם קאָמענדאַנט און, מיסטאָמע, פֿאַרשפּרייט דאָס נײַעס וועגן זײַן קומען אַפֿן אָוונט. נאָר לובענצאָוו מערקט זיך, אַז אַלע אָן אויסנאַם באַציִען זיך צו דעם פֿאַקט אויסערלעך גלײַכגילטיק, אַזוי, גלײַך עס וואָלט קיין שום באַזונדערס ניט געשען. בעיִס זיי גייען פֿאַרבײַ נייגן זיי העפֿלעך די קעפּ און גייען ווײַטער אָן מיט זייער שמועס צווישן זיך. אים פֿרייט עס, ווײַל זייער טאַקט באַפֿרײַט אים פֿון זײַן דער צענטער פֿון דער אויפֿמערקזאַמקייט, פֿון אויפֿקלערן און אַגיטירן. פֿון דער אַנדער זײַט, קען ער ניט לייקענען, אַז זייער אָפּהאַלטן זיך, באַרירט אים אין אַ געוויסער מאָס, טאַקע דערפֿאַר וואָס ער איז געוווינט צו זײַן אינעם צענטער פֿון דער אויפֿמערקזאַמקייט און טיף אין זיך איז ער זיכער געווען, אַז זײַן קומען וועט אַרויסרופֿן אַ סענסאַציע. צו זײַנע סטירעדיקע געפֿילן באַציט ער זיך מיט הומאָר.

ער שפּירט אַלץ נאָך עריקען און ער באַמערקט, אַז אויך זי שפּירט אים נאָך. אַ פּאָר מאָל באַגעגענען זיך זייערע בליקן און ער דרייט זיך טייקעף אַוועק.

פֿלעדער שמועסט די גאַנצע צײַט מיט ריודיגערן און סעבאַסטיאַנען. סעבאַסטיאַן פּאַטשט אים איבער דער פּלייצע, ער לויבט אַוודאי דעם „אָרנטלעכן פֿלעדער" פֿאַר זײַנע פֿילאַנטראָפּישע איניציאַטיוון. לובענצאָוו טוט אַ שמייכל, הייבט זיך אויף און גייט זיך דורך איבערן זאַל:

ער גייט פֿון איין קרײַזל צום צווייטן, כאַפּט אויף אָפּגעריסענע פֿראַזן. און וואָס מער ער הערט וועגן וואָס מען רעדט, אַלץ מער וווּנדערט ער זיך· וועגן די גרויס וויכטיקע פּאָליטישע געשעענישן וואָס קומען איצט פֿאָר אין דײַטשלאַנד, ווערט דאָ אַפֿילע ניט דערמאָנט, גלײַך זיי וואָלטן גאָרנישט עקזיסטירט.

אין איין קרײַזל רעדט מען וועגן רעליגיע.

— דער פּראָטעסטאַנטיזם איז דער סוינע פֿון דער גאָט־אידייע גופֿע, — ציט די ווערטער, און דאָך מיט אינערלעכער לײַדנשאַפֿט, אַן אַלטיטשקער, וועלכן מען האָט פֿאָרגעשטעלט לובענצאָוון אַלס „פּראָפֿעסאָר דאָקטאָר". — דערמיט וואָס ליוטער האָט געמאַכט די ביבל פֿאַר דעם איקער פֿונעם גלויבן, האָט ער פֿאַרוואַנדלט די גאָט־אידייע אין דער בוך־אידייע. די מעגושעמדיקע לעגענדעס פֿון דעם פּאַסטעכער־שיייוועט האָבן ווילנדיק־ניט ווילנדיק אַ קלאַפּ געטאָן אַף דער אַנטפּלעקונגס אידייע, וואָס נייטיקט זיך ניט אין באַווײַזן...

אין אַ צווייטן ווינקל רעדט די יוגנט באַגײַסטערט וועגן ספּאָרט. איין יונגערמאַן דערמאָנט זײַנע אַ פֿאַרמילכאָמעדיקע רײַזע קיין סקאַנדינאַוויע און

ווי ער האָט דאָרט געזען אַ געווענט אין גליטשען זיך אויפֿן אײַז. אַ דיק מיידל רעדט מיט פֿאַרגלאָצטע גרויסע בלויע אויגן ווי די שעלעכלעך, און דערציילט מיט אַ פֿאַרכאַפּטן קאָל וועגן סלאַלאָם. (מיט סקי פֿון אַ באַרג איבער שטערונגען).

אין אַ דריטן קרײַז, וואָס זײַן צענטער איז פֿרוי ליוטוויץ, רעדט מען וועגן מאָדעס, באַזונדער וועגן די נײַע אַמעריקאַנער מאָדע־זשורנאַלן, וואָס אירער אַ באַקאַנטער האָט איר צוגעשיקט פֿון מײַרעוו.

לובענצאָוו הערט די אַלע געשפּרעכן מיט שטוינען און פֿאַרדראָס. וואָס איז עס? גלײַכגילטיקייט אָדער פֿאַרמאַטערטקייט? אַפּאַטיע אָדער באַהאַלטענע סינע? אָדער ווילן זיי זיך פּאָשעט פֿאַרגעסן, ניט טראַכטן וועגן דעם סאַמע וויכטיקסטן, פֿון וועלכן עס הענגט אָפּ זייער לעבן? אָדער האַלטן זיי אַז עמעצער אַנדערש דאַרף פֿאַר זיי טראַכטן?

יאָ, הער לובענצאָוו איז געצוווּנגען צו טראַכטן ניט וועגן דער „אַנטפּלעקונגס־אידייע,” נאָר וועגן אַ סאַך נענטערע און וויכטיקערע פֿראַגן — לעמאָשל וועגן אויסבעסערן די שפּײַז־באַזאָרגונג פֿון די דײַטשן, וועגן פֿאַרגרעסערן זייערע ראַציעס ברויט און פֿלייש, וועגן דער באַמיסטיקונג פֿון זייערע פֿעלדער און קערנער־פֿאַרגרייט, וועגן לאָזן גיין די פֿאַבריקן און וועגן דער גערעכטער ערד־פֿאַרטיילונג.

ער האַסט די פּוסטעפּאַסנע ליידיקגייער, די מענטשן וואָס שטרעבן שטענדיק צו זײַן אײדעס, „נייטראַלן”, ווי ער רופֿט זיי אָן מיט פֿאַראַכטונג. און אין דער זעלביקער צײַט האָט ער ראַכמאָנעס אויף די אַלטע און יונגע לײַט — די ליוטוויצעס און פֿלעדערס, נאַטירלעך, גייען ניט אַרײַן אין דעם קלאַל — וואָס זײַנען אַזוי צוגעבונדן צום אַלטן, וואָס שפּירן אַזוי שוואַך דאָס נײַע. און צו דעם געפֿיל פֿון סינע און מיטלייד קומט אויך צו דאָס וווּנדערן זיך. לובענצאָוו וווּנדערט זיך וואָס די גרויסע וועלט־געשעענישן און דערשײַנונגען, וואָס ווען זיי פֿאַרזינקען אין דער אייביקייט, זעען זיי אויס די שפּעטערדיקע דורות ווי געשעענישן און דערשײַנונגען, וואָס האָבן פֿאַרכאַפּט אַלע מיטצײַטלער, פֿאַרכאַפּן אין דער עמעסן ניט אַלעמען. אין דער צײַט פֿון אָט די געשעענישן לעבן אַ סאַך מענטשן אײַנגעפּלאָנטערט אין זייערע קליינע מאַכשאָווועלעך און געשעפֿטעלעך. און צי באַשטייט ניט איינע פֿון די וויכטיקסטע פּראָבלעמען פֿונעם יאָרהונדערט דערין וואָס צוויי קעגנגעזעצטע לאַגערן שלאָגן זיך פֿאַר די נעשאָמעס פֿון די קליינע מענטשעלעך, באַווינער פֿון דעם ריזיקן אַלוועלטלעכן „זומפּ”, וואָס זייער נאָמען איז לעגיאָן. אָט דער קאַמף איז שווער דערמיט, וואָס דער קליינבירגער ציט זיך, לויט זײַן מעהוס, צום קאַפּיטאַליזם.

נאָר צי איז עס דען אַזוי? — טראַכט זיך לובענצאָוו און קוקט זיך אײַן זשעדנע נײַגעריק אין די פּענעמער פֿון די מענטשן. — צי קען מען דען ניט, מיט אַ ריכטיקער און קלוגער פּאָליטיק זיי איבערצײַגן אין די מײַלעס פֿונעם נײַעם לעבנס־שטייגער און נײַעם אויפֿן פֿירן די ווירטשאַפֿט, פֿון די נײַע קעגנזײַטיקע מענטשלעכע באַציִונגען איבער די אַלטע, איבער די אָפּגעלעבטע? און ער ענטפֿערט זיך רויִק און איבערגעצײַגט: „דאָס איז שווער, נאָר מעגלעך”.

ער לאָזט זיך צוגיין צו די „לינקע בענק”.

XVIII

דאָ הערשט גאָר אַן אַנדער אַטמאָספער. פֿאַרלענדער רעדט מיט יאָסטן וועגן פֿאַראייניקן אַלע אַרבעטער־פּאַרטייען אין איינער אַ גרויסער, אַ שטאַרקער מאַרקסיסטישער פּאַרטיי. ביידע זײַנען מסכּים אַז די פֿראַגע איז אַן אָנגעצײַטיקטע. וויזעצקי שמייכלט אַ פֿאַרטראַכטער און דערנאָך רופֿט ער זיך אָן:

— אונדזער לערכע וועט זיך בונטעווען.

די ווערטער „אונדזער לערכע" רעדט ער אַרויס צערטלעך, און דאָס וואָרט „בונטעווען" מיט אַ שאָטן פֿון איראָניע.

— אײַך האָט נאָך דאָ ניט דערעסן? — פֿרעגט פֿרוי וויזעצקי בײַ לובענצאָוון.

— עס איז נישט באַקוועם מיט אַ מאָל אַזוי אָוועקצוגיין, — ענטפֿערט לובענצאָוו, — און בכלל איז דאָ פֿאַראַן פֿאַר מיר אַ סך אינטערעסאַנטס.

— אָ, אינטערעסאַנטס איז דאָ פֿאַראַן אַ סך, — צעלאַכט זיך פֿרוי וויזעצקי. — עס זעצט דאָ מאַמעש אין דער נאָז אַרײַן מיט פֿאַרגאַנגענעם יאָרהונדערט. מײַנעט וועגן, האָבן מיר די הערן דערעסן מיט זייער אויסערלעכן גלאַנץ און אינעווייניקסטער פּוסטקייט. קום, גייסט, רייגאָלד? — ווענדט זי זיך צו וויזעצקין.

— גייט ניט אַוועק, — בעט זי לובענצאָוו פֿון גאַנצן האַרצן. — אָן אײַך וועט דאָ אין גאַנצן אומעטיק ווערן.

הינטער אים דערהערן זיך שיטערע אַפּלאָדיסמענטן. די גוטבאַזיצערן פֿאָן מעלכיאָר גייט צו צום ראָיאַל. „אונדזער פּראָפֿעסאָר איז אַן אַלץ־עסער", — טראַכט זיך לובענצאָוו וועגן סעבאַסטיאַנען מיט אַ פֿאַרבײַלויפֿנדיקן פֿאָרוווּרף. מעלכיאָר נעמט שפּילן, און לובענצאָוו הייבט זיך אָן אײַנהערן צו דער מוזיק, צוערשט אַ צעשטרײַטער, דערנאָך אַלץ אויפֿמערקזאַמער.

דאָס שפּילן ראָיאַל ווייעט אַף אים שטענדיק אָן אַ טרויער, אַ צעשטרייטן שטילן אומעט און רופֿט בײַ אים אַרויס זיכרונות וועגן וואַלד־לאָנקעס, וועגן ברעגעס פֿון אָזערעס און טײַכן, וועגן ליבע און נאָנטע מענטשן, וואָס ער האָט ווען געזען. מאַדאַם מעלכיאָר שפּילט, קענטיק, זייער גוט, — אַלנפֿאַלס זײַנען אַלע שטיל געבליבן און, דאַכט זיך, פֿאַרכאַפּט געוואָרן פֿונעם שפּילן. פֿלעדער נאָר דרייט זיך אויפֿן שטול און קוקט זיך אַלץ אַרום. די גוטבאַזיצערן שפּילט עפּעס אומעטיקס, צאַרטעס, ענלעך, מיט די אומגעריכטע און אוממיטלבאַרע ווענדונגען, אַף אַן אימפּראָוויזאַציע. אונטער אַזאַ מוזיק, דאַכט זיך לובענצאָוון, קען מען קיין שלעכטע מעשׂים ניט באַגיין און קיין שלעכטע מחשבֿות ניט האָבן. ער בלאָנדזשעט מיט די אויגן איבער די צוהערער און מיט אַ פּלוצעמדיקן נאַיִוון פֿאַרדראָס איבערצײַגט ער זיך, אַז מיט מוזיק קען מען קיין מענטשן ניט איבערמאַכן: פֿלעדער בלײַבט פֿלעדער, פֿרוי ליוטוויץ בלײַבט אַ גײַציקע פֿאַבריקאַנטקע, זעלענבאַך בלײַבט אַ קויעמער, און מעלכיאָר גופֿא, וואָס שפּילט אַזוי וווּנדערלעך, האַלט זיך מיט דער אַקשאָנעס פֿון אַ בולדאָג בײַ איר אומגערעכט באַקומענעם פֿאַרמעג.

דערנאָך פֿאַלט זײַן בליק אַף עריקען, וואָס זיצט ווײַט, אין צווייטן עק צימער. זי קוקט אַף אים, ס'איז גאָר קיין ספֿק ניט. זי קוקט גלײַך אַף אים, און ווען זייערע בליקן באַגעגענען זיך, קערט זי זיך ניט אָפּ, נאָר זי קוקט פֿאַראַקשנט ווײַטער. עס גייט אים איבער אַ קילקייט איבערן רוקן.

מעלכיאָר פֿאַרענדיקט שפּילן, און אַלע גייען אַרײַן אין עס־צימער. אויך לובענצאָוו גייט אַהין אַרײַן, נאָר פּלוצעם קומט צו צו אים עריקאַ און בעט

אים נאָכגיין איר אין צווייטן צימער. ער ווערט רויט ביז די האָר־וואָרצלען, נאָר ער גייט איר נאָך. אין אַ קליינעם האַלב־טונקעלן צימער וואַרט אויף אים מאַדאַם מעלכיאָר.

— איר, זייט שוין דאַכט זיך באַקאַנט, — זאָגט עריקאַ און שמייכלט אָנגעשטרענגט. — אַנטשולדיקט וואָס איך האָב אײַך אָפּגעריסן פֿון דער געזעלשאַפֿט. מאַדאַם פֿאָן מעלכיאָר האָט מיך געבעטן...

זי גייט שנעל אַרויס פֿונעם צימער.

מאַדאַם פֿאָן מעלכיאָר, אַ בלייכע און זייער אַ שיינע אין איר ווײַנשל־קאָלירטן קלייד, שטייט אַ ווײַלע און ווייס ניט פֿון וואָס אָנצוהייבן. דערנאָך זאָגט זי:

— איך האָב אײַך פֿון אָנהייב ניט דערקענט, הער לובענצאָוו, און ווען איך האָב אײַך דערקענט, האָב איך געבעטן פֿרײַלן עריקאַ.. אײַער געהילף האָט ניט גערעדט מיט אײַך... וועגן מיר?

— וועלכער געהילף? — וווּנדערט זיך לובענצאָוו.

די אויגן בײַ איר ווערן גרויס, דערנאָך שמעלער, און מיט אַ געפּאַלעטנעם קאָל זאָגט זי:

— ניט גערעדט, הייסט עס?...

— וועגן וואָס אייגנטלעך?

— דער איניען איז, — נעמט זי ריידן נאָך אַ לענגערער ווײַלע שווײַגן, און פֿאַרהאַקט זיך, — וואָס איך האָב געבעטן מיר איבערלאָזן בלויז דאָס הויז און כאָטש פֿינף העקטאַר ערד... ווי אַלע פּויערים... איך וועל אַרבעטן... ווי אַלע פּויערים... איך קען, איך וועל זיך אויסלערנען.

— פֿרוי מעלכיאָר, — זאָגט לובענצאָוו — דאָס איז אוממעגלעך, אוממעגלעך צוליב אַ סאַך סיבעס. אַפֿילע בלויז דערפֿאַר וואָס מיר קענען ניט מאַכן קיין אויסנאַם פֿאַר קיינעם, פֿאַרשטייט עס. איך קען אײַך אַפֿילע ניט מיטפֿילן, ווײַל איך בין טיף איבערצײַגט אין דער ריכטיקייט פֿון די דורכגעפֿירטע מאָסמיטלען.

זיי שטייען אַ ווײַל און שווײַגן.

— איר רעדט גוט דײַטש, — זאָגט זי צום לעצט, און אירע פֿאַרקלעמטע הענט צעקלעמען זיך.

— איך וועל אײַך ענטפֿערן מיט אַ מער גרינגלעכן קאָמפּלימענט, — זאָגט לובענצאָוו. — איר שפּילט אויסגעצייכנט. — מיט אַזאַ טאַלאַנט האָט עס קיין זין ניט זיך צו שרעקן פֿאַר דער צוקונפֿט און טרוימען פֿון פֿינף העקטאַר... זאָלן מיר צוגיין צום איבעריקן עולם?

— גייט, הער לובענצאָוו. איך וועל אַביסל זיצן אַליין.

ער גייט אַרויס פֿונעם צימער. דער אויפֿנאַם־זאַל איז ליידיק. „עפּשער נאָר אומבאַמערקט אַהיימגיין?” — טראַכט ער און קלײַבט זיך טאַקע אַרויסגיין, ווי אויף דער טיר באַווײַזט זיך קאַפּיטאַן וואָראָבייצעוו אין דער סאָוועטישער מיליטערישער פֿאָרם מיט מעדאַלן אויף דער ברוסט, אין ברייטע בלויע גאַליפֿע־הויזן. אין דער האַנט טראָגט ער אַ בוקעט בלומען און אַ פּעקעלע. ער גיט צעטראָגן אַ קוק אויף לובענצאָוון, נאָר ער דערקענט אים ניט אין דער ציווילער קליידונג. עס צעעפֿנט זיך אַ צווייטע טיר, צום עס־צימער, און פֿון דאָרטן קומט אַרויס די אַלטע וועבער. זי בעט וואָראָבייצעוון אַרײַנגיין און ער פֿאַרשווינדט נאָך איר אינעם עס־צימער. קימאַט טייקעף נאָכדעם קומט אַרויס פֿונעם עס־צימער סעבאַסטיאַן.

— אַ, זײַט איר נאָר דאָ, — זאָגט ער צו לובענצאָוון. — ביטע, ביטע.

— הער פראָפעסאָר, — זאָגט דערויף לובענצאָוו, — צום באַדויערן, דינסט־פליכטן... איך וועל שוין גיין.

— ניין, ניין, — פראָטעסטירט סעבאַסטיאַן. — עריקאַ וועט זיך ערגערן. און די געסט... — שמייכלט ער כיטרע. — זיי זײַנען געשמייכלט מיט אײַער קומען צום באַשיידענעם יאָנטעוו פון דעם דײַטשן פראָפעסאָר. דאָס איז אויך נוצלעך פאַר די אַמט־איניאָנים, אַ, ווי מיינט איר?

לובענצאָוו כמורעט זיך, נאָר ער גייט געהאָרכיק אַרײַן מיט דעם פראָפעסאָר אינעם עס־צימער.

די געסט האָבן שוין אויסגעטרונקען. אינעם עס־צימער איז רוישיק. דער געזשום פון די שטימען ווערט אַלץ העכער. לובענצאָוו זעצט זיך אוועק אויפן באַשטימטן אָרט פאַר אים צווישן ריודיגערס ווײַב און פאַרלענדערן. ער זוכט מיט די אויגן וואָראָביִיצעוון. יענער זיצט, זייער אַ וואַזשנער, צווישן די יונגע מיידלעך באַם צווייטן עק טיש, און זײַן בליק לויפט אָן שום צערעמאָניעס איבער די פענעמער פון די געסט.

באַלד האָט זיך די טיר שטיל געעפנט און אַרײַנגעלאָזט מאַדאַם מעלכיאָר. פון דער שוועל נאָך דערזעט זי וואָראָבייצעוון, און איר פּאָנעם פאַרקרימט זיך. עריקאַ קומט צו צו איר, זיי סוידען זיך איבער און גייען אַרויס. אין אַ פּאָר מינוט אַרום קומט עריקאַ אַרײַן איינע אַליין. זי קוקט אויף לובענצאָוון מיט אַ לאַנגן שטײַפן בליק און זעצט זיך אויף איר אָרט. די גוטבאַזיצערן באַווײַזט זיך ניט מער.

פלעדער האָט היפּש אויסגעטרונקען און נעמט ריידן הויך און אומגעצוימט. פון צײַט צו צײַט ווענדט ער זיך איבערן טיש צו לובענצאָוון, פאַרבעט אים צו זיך אין דאָרף אויף אָפּרו און באַרימט זיך מיט זײַן סמעטענע, מיט זײַן כאַזער־פלייש און זײַנע באַרן.

— פאַר אײַער געזונט, הער קאָמענדאַנט, — רופט ער אויס.

דער אויסרוף דערגייט צו וואָראָבייצעווס אויער, וואָס וואַרפט דערבײַ אַראָפּ די וויכטיקייט וואָס ער האָט אויף זיך געהאַט אָנגעצויגן, און מורמלט עפּעס צו די מיידלעך. ער ווערט פּלוצעם שטיל, קוקט זיך שטײַף אײַן אין לובענצאָוון, דערקענט אים און גיט אַ שטילן פײַף. ער מאַכט אויף זיך צו רעכט דעם מונדיר און לאָזט זיך פּאַמעלעך צוגיין צו לובענצאָוון.

ער מאַכט זיך אַ וועג דורך די געסט און שטייט שוין לעבן דעם שטול ווו לובענצאָוו זיצט און מורמלט צו אים:

— כאַווער פּאָדפּאָלקאָווניק, מען האָט מיך פאַרבעטן, און מיר איז ניט באַקוועם געווען אָפּצוזאָגן.

לובענצאָוו זעט קיין בייז ניט דערין וואָס וואָראָבייצעוו האָט אָנגענומען די פאַרבעטונג; די קאָמענדאַטור־אָפיצירן זײַנען געצוווּנגען די גאַנצע צײַט צו שטיין אין פאַרבינדונג מיט דײַטשן און באַגרענעצן די באַציִונג איז ניט סייכלדיק און אויך ניט מעגלעך. נאָר אַנדערע נאַטשאַלניקעס פון דער „סוואַ” האָבן וועגן דעם אַן אַנדער מיינונג, און לובענצאָוו ווייס דערפון. דערפאַר זאָגט ער:

— מען האָט באַדאַרפט וועגן דעם צו וויסן געבן מיר אָדער דעם מאַיאָר קאַסאַטקין.

— פאַראַן, — זאָגט וואָראָבייצעוו. — איך וועל עס אין אַכט נעמען.

ער טרעט אָפּ פון לובענצאָוון, אַ צופרידענער דערמיט וואָס דער פּאָדפּאָלקאָווניק האָט זיך אַזוי רויִק באַצויגן צו זײַן קומען אַהער, אָפּן אָוונט, נאָר דער געפיל פון פרײַער האַלטונג איז בײַ אים פאַרשוווּנדן און וואָראָבייצעוו פאַרבלײַבט נאָך אַ ביסל אינעם גאַסט־צימער און גייט אַוועק.

אויך לובענצאָוו קלײַבט זיך אַוועקגיין. ער גיט אַ ווונק צו די „לינקע בענק”. פּרוי וויזעצקי גיט אַ שאָקל מיטן קאָפּ און שמייכלט.

נאָר אויך דאָס מאָל מוז לובענצאָוו פאַרבלײַבן. עס שפּאַנט צו אים צו מיט זײַן בערישן טראָט דער פירער פון דער קריסטלעך־דעמאָקראַטישער פּאַר־טיי, עריך גרעלמאַן, וואָס האָט די גאַנצע צײַט כמורנע געקוקט צו לו־בענצאָוון.

— איך וויל מיט אײַך ריידן אָפן, — זאָגט גרעלמאַן. ער ווײַזט אָן לובענצאָוון אַף אַ שטול און זעצט זיך אַוועק אַקעגן אים און נעמט ריידן לאַנגזאַם און וואָגיק: — איך האָב מוירע, אַז אונדזערע לינקע ווייסן ניט וואָס זיי טוען, און פירן דײַטשלאַנד צו הונגער, צו אַ דעפיציט אין אַגראַרע פּראָ־דוקטן... באַגרײַפט עס, הער קאָמענדאַנט. בא אײַך, אינעם ראַטנפאַרבאַנד, האָט דאָך די דערפאַרונג באַוויזן, אַז קליינער ערדבאַזיץ איז ניט אײַנטרעג־לעך. איר האָט אים פאַרביטן אַף גרויסן ערדבאַזיץ. און דאָ, אין דײַטשלאַנד, ווילן די לינקע צעברעקלען די גרויסע באַזיצן, פונאַנדערטיילן זיי צו אַ סאַך באַזיצער פון עטלעכע העקטאַרן יעדערער און אַזוי אַרום פירן צו פאַרגליוועוו־רונג און אינעם לעצטן אונטערצי צום כורבן פון אונדזער דאָרפישער ווירטשאַפט...

— איר ווענדט זיך ניט אָפן ריכטיקן אַדרעס, — זאָגט טרוקן לובענ־צאָוו. — איך לייז ניט דאָס פּראָבלעם. איר דאַרפט זיך ווענדן אַ סאַך הע־כער און דאָרט אויסוויקלען אײַערע אַרגומענטן. ביפראַט, אַז, ווי אײַך איז באַוווּסט, גייט אַרויס די איניציאַטיוו אין דער פראַגע ניט פון דער מיליטע־רישער אַדמיניסטראַציע, נאָר פון צוויי דעמאָקראַטישע פּאַרטייען.

— פאַרשטייט זיך, פאַרשטייט זיך, — גיט אַ מאַך מיט דער האַנט גרעלמאַן. — פאַרשטייט זיך אויך, אַז די פּאַרטייען וואָלטן נישט אַרויסגע־קומען מיט זייער איניציאַטיוו, ווען זיי ריכטן זיך ניט אַף דער שטיצע פון דער מיליטערישער אַדמיניסטראַציע. הער קאָמענדאַנט! — רעדט ווײַטער גרעלמאַן, נאָך אַ ווײַלע שווײַגן, אין אַ פײַערלעכן טאָן. — איך האָב אַ הויכע מיינונג וועגן אײַער קלוגשאַפט און ענערגיע, ווי אויך וועגן דעם געפיל פון גערעכטיקייט וואָס איז אײַך אייגן. דערום טאַקע האָב איך באַשלאָסן אײַך אָפן אַרויסצוזאָגן מײַן מיינונג, אָן מוירע פאַר די קאָנסעקווענצן. טאַקע דער־פאַר וואָס איך ווינטש אײַך פערזענלעך גוטס און איך האָב ניט קיינע פײַנט־לעכע געפילן צו דער סאָוועטישער אָקופּאַציע־מאַכט, האַלט איך פאַר מײַן כויוו אײַך צו באַקענען מיט מײַן מיינונג, וועלכע איז ניט נאָר מײַנע.

— איך דאַנק אײַך פאַר אָפנהאַרציקייט, — זאָגט לובענצאָוו. — דער־לויבט איצט אויך מיר צו זײַן אָפנהאַרציק. אין אײַער פּאַרטיי זײַנען פאַראַן העכער הונדערט גוטבאַזיצערס פונעם לויטערבורגער ראַיאָן. אַ כוץ גוטבאַ־זיצערס, האָט איר אויך עטלעכע הונדערט פּויערים. צווישן זיי אויך ערדלאָזע. רעדט איר מיט מיר אויך אין זייער נאָמען? צי איר מיינט, אַז זיי האָבן ניט זייערע אַ מיינונג און זיי קענען זי ניט אַרויסזאָגן. איך האָב מוירע, אַז איר האָט אַ גראָבן טאָעס. איר האָט אַ שוואַכע פאָרשטעלונג דערפון וואָס די פּויערים דענקען. מען זאָגט, אַז אַ זײַטיקער זעט בעסער. פאַר דער צײַט וואָס איך אַרבעט דאָ, האָב איך געשמועסט מיט הונדערטער פּויערים. איך באַרים זיך ניט דערמיט, מאַכמעס איך האַלט פאַר מײַנעם אַ כויוו צו ריידן מיט מענטשן. אַגעוו, איז מיר באַקאַנט, אַז איר האָט דאָס ניט געטאָן. איר האָט זיך ניט אינטערעסירט דערמיט וואָס עס דענקען די פּויערים, אויס מוי־רע, אַז זיי וועלן אײַך ניט שטיצן און וועלן אײַך קיין צוטרוי ניט אויסדריקן, ווײַל זייערע אינטערעסן זײַנען אין קעגנזאַץ צו אײַערע אידייען. און אָט מיט

די ערדבאַזיצער שמועסט איר. פאַראַכטאָגן שאַבעס זײַט איר געווען צו גאַסט באַם גוטבאַזיצער וואַלדאַו, מיטוואָך זײַט איר געווען באַ דער גוטבאַזי־צערן פאָן מעלכיאָר. און אַזוי ווײַטער. איך שאַץ אײַער אויפריכטיקייט, נאָר איך זאָג אײַך איצט צום דריטן מאָל, אַז איר ווענדט זיך ניט דאָרט וווּהין מען דאַרף.

— זאָל זײַן אַזוי, — זאָגט גרעלמאַן און מען קען ניט וויסן צי מיט האַכנאָע צי מיט דראָונג.

— עס וועט זײַן אַזוי, — ענטפערט לובענצאָוו און לאָזט זיך גיין צום אַרויסגאַנג. אינעם זאַל שפּילט דער פּאַטעפאָן, די יונגנט טאַנצט. די „לינקע" וואַרטן אים אָפּ באַ דער טיר.

— קומט גיכער, — זאָגט זיי שטיל לובענצאָוו און עפנט די טיר. אין דעם אויגנבליק רופט אים אָפּ פּלעדער, וואָס שטייט ניט ווײַט לעבן סע־באַסטיאַנען.

— איר גייט שוין אַוועק? — שמייכלט פּלעדער. — אַלץ געשעפטן, גע־שעפטן!... און אָפּרוען ווען? מען מוז זיך דאָך אויך אָפּרוען!

סעבאַסטיאַן שמייכלט און קוקט אָפּ פּלעדערן מיד און צערטלעך.

— ער באַרבעמט אונדז צו זיך, — זאָגט ער. — מיר וואָלטן מיט אַן עמעסן געקענט ווונדערלעך אָפּרוען באַם הער פּלעדער. ער איז אַ פישער און האָט ליב ספּאָרט.

— וווּהין־זשע באַרבעמט ער אונדז? — פרעגט לובענצאָוו און כמורעט זיך, און דרייט זיך אום צו פּלעדערן: — וווּהין פאַרבעמט איר מיך, הער פּלעדער? עפשער גאָר קיין בירקענהויזן אָדער קיין גרייפסוואַלד? דאָרט זײַ־נען אויך שיינע ערטער. איך בין דאָרטן נעכטן געווען. אין בירקענהויזן איז אויסגעציינט. איר האָט דאָרט אַ זעלטן שיין הויז, אַרום און אַרום מיט בערג, באַ דער זײַט אַ טײַך. און דער וואַלד הינטער גרײַפסוואַלד האָרט באַם יאַם! אַ גרוס אײַך פון פרוי מאָלדער און פונעם אַלטן לאַנקע. איך האָב עס אײַך פריער געוואָלט איבערגעבן, נאָר דער הער סעבאַסטיאַן ציטערט אַזוי איבער אײַך, אַז ער האָט אײַך אַף אַ טראָט ניט אָפּגעלאָזט פון זיך. איר זײַט באַ אים, אַ מין העלד פון הײַנטיקן יאָנטעוו... ער קען זיך פּאָשעט זאַט ניט אָנקוקן אַף זײַן „אָרנטלעכן פּלעדער".

מיט אָט די ווערטער דרייט זיך לובענצאָוו שאַרף אום און גייט אַרויס אין פּירהויז, איבערלאָזנדיק דעם בלייכן און ציטערדיקן פּלעדער און דעם פאַרלוירענעם סעבאַסטיאַן קוקן איינער אַפן צווייטן. סעבאַסטיאַן, אַגעוו, קומט באַלד צו זיך און לאָזט זיך אָניאָגן לובענצאָוון. ער יאָגט אים אָן באַ דער טיר פונעם קליינעם הויז, ווו לובענצאָוו געזעגנט זיך אין דער פינצטער מיט פּאָרלענדערן, מיט יאָסטן און מיט די וויזעצקים.

— יאָ, יאָ, יאָ, — זאָגט סעבאַסטיאַן, — איר האָט מיר געגעבן אַ גוטע לעקציע. אַ מיִעסער מענטש, דער פּלעדער, ווי ער קען זיך דאָס פאַרשטעלן!... נאָר איר זײַט אויך דער עמעסער! איר האָט עס באַלד געדאַרפט זאָגן. איר האָט פּאָשעט אַ גאַזלאָנישע, אַ מעפיסטאָפלשע איראָניע. מען גיסט אים דאָרטן אָפּ מיט וואַסער, ווי אַ נערוועִשע מעיוכעסדיקע דאַמע. אַגעוו, האַלטן זיך טייל מעיוכעסדיקע דאַמען אַ סאַך מענערישער. איר האָט דאָך אַלעמען אַף טויט דערשראָקן. נו, גוט, נו, אַ גוטע נאַכט. מירן שוין מאָרגן ריידן. — ער צעלאַכט זיך פּלוצים און, לאַכנדיק זאָגט ער: — אינעם איבעריקן איז דער אָוונט אַ דורך ניט שלעכט, ווי מיינט איר?

ער דריקט צעטומלט לובענצאָוון די האַנט און גייט אַוועק. די וויזעצקים, יאָסט און פּאָרלענדער לאַכן זיך אָן אַ ביסל, באַגריסן לובענצאָוון מיט זײַן

דעמאַסקירן פּלעדערן און גייען אַוועק. לובענצאָוו דערפּילט אַ מוירעדיקע מידקייט. אַ וואַרימער רעגן האָט גענומען פאַלן, און לובענצאָוו הייבט אויף דאָס פּאָנעם אַף אַרויף, די רעגן־טראָפּנס זאָלן אים אָפּפרישן. לעבן דעם גרויסן הויז הערן זיך שטימען. אַ לאַמטערנדל האָט זיך אָנגעצונדן און האָט זיך טייקעף פאַרלאָשן. עמעצער פון די געסט גייט אַוועק.

„אַ ווילער מענש. דער אַלטער" — טראַכט זיך לובענצאָוו וועגן סעבאַסטיאַנען האַלבשפּאַסיק, האַלבצערטלעך.

XIX

אין דער פרי, ווען לובענצאָוו פאָרט פאַרביי פינגעלס רעסטאָראַן אויפן וועג צו דער קאָמענדאַטור, באַמערקט ער בײַם אַרײַנגאַנג אינעם רעסטאָראַן אַן אַמעריקאַנער מיליטערישן אויטאָמאָביל, אַ „דאָדזש". אויפן טראָטואַר שטייען דער סערזשאַנט ווערעטעניקאָוו מיט צוויי זעלנער.

— עפּעס אַמעריקאַנער זײַנען אַרײַנגעקומען, — זאָגט ווערעטעניקאָוו.

— האָבן פאַרפירט אַ געשלעג. וואָס טוט מען מיט זיי? פון דעסט וועגן, פאַרבינדעטע. אַרעסטירן זיי איז נישט באַקוועם. און עס איז אויך נישט אַזוי פּשוט. זיי זײַנען שרעקלעך שיקער.

לובענצאָוו גייט אַרײַן אין רעסטאָראַן. בײַ אַ טיש זיצן זעקס אַמעריקאַנער. זיי זינגען אַ ליד. אַ בוץ זיי איז אין רעסטאָראַן קיינער נישטאָ, און דורכן טירל וואָס פירט אין קיך אַרײַן, זעט זיך פרוי פינגעלס איבערגעשראָקן פּאָנעם. ווען זי דערזעט לובענצאָוון פאַרשווינדט זי און קומט דערנאָך אַרײַן אינאיינעם מיט דעם בלייכן און ציטערדיקן פינגעל. די האַנט האַלט ער אין דער בינדע.

ווען די אַמעריקאַנער דערזעען לובענצאָוון, הערן זיי אויף זינגען און נעמען פרײַלעך פּלוידערן, פאַרבעטן, קענטיק, דעם רוסישן אָפיציר צום טיש. איינער הייבט אויף הויך איבערן קאָפּ צוויי ניט־אויסגעפּראָפּקעוועטע פלעשלעך מיט די העלדזלעך אַראָפּ.

אַ צווייטער, אַ לייטענאַנט, דער ניכטערסטער פון זיי, וואָס רעדט דײַטש, קלערט אויף אַף לובענצאָווס פראַגע, אַז דאָ איז קיין אויסערגעוויינלעכס ניט געשען: זיי האָבן פּשוט אַרויסגעטריבן פונעם רעסטאָראַן אַלע דײַטשן, וואָרעם דײַטשן האָבן ניט וואָס צו טאָן דאָרט וווּ אַמעריקאַנער זעלנער טרינקען; זיי האָבן ניט באַצאָלט, דערפאַר וואָס זיי קלײַבן זיך ניט צאָלן די דײַטשן, וואָרעם די דײַטשן זײַנען מעכויעוו צו געבן די אַמעריקאַנער און די רוסן אַלץ אומזיסט, און זאָלן זיי זאָגן אַ דאַנק וואָס מען לאָזט זיי לעבן, „די פאַרשאָלטענע נאַציסטן".

דאָס איז ניט קיין סינע, נאָר העפקייערס, דער געפיל פון אומבאַשטראָפטקייט און אומפאַראַנטוואָרטלעכקייט, אָקופּאַציאָנערער מוטוויליקייט, וואָס מען טרעפט אויך בײַ סאָוועטישע זעלנער, נאָר די סאָוועטישע קאָמאַנדירונג קעמפט קעגן דעם מיט אַלע מיטלען.

לובענצאָוו פרעגט זיי וואָס זיי דאַרפן אין לויטערבורג און ווי קומען זיי אין דעם שטעטל. דער לייטענאַנט ענטפערט, אַז זיי פאָרן קיין בערלין צוליב דינסט־אינייאָנים. לובענצאָוו זאָגט זיי, אַז זיי זײַנען שלעכט פאַרפאָרן, וואָרעם דער וועג אַף וועלכן די אַמעריקאַנער פאָרן, גייט ניט דורך לויטערבורג.

— וואָס איז דער כילעק? — זאָגט דער לייטענאַנט.

לובענצאָוו זאָגט זיי, אַז זיי מוזן טייקעף אָפּפאָרן און ער, אַלס קאַ־

מענדאַנט, קען ניט דערלאָזן צו סקאַנדאַלן אין דער שטאָט, וואָס איז אים אַנגעטרויט. דער לייטענאַנט באַליידיקט זיך, איז בערויגעז און זאָגט, אַז ער האָט זיך ניט פאַרגעשטעלט רוסן זאָלן שיצן דײַטשן קעגן זייערע אייגענע געווער־כאַווירים. לובענצאָוו כאַזערט איבער, אַז דאָ גייט ניט אין שיצן די דײַטשן, נאָר אין דער אָרדענונג, וואָס איז אײַנגעשטעלט פון דער העכערער קאָמאַנדירונג — פונעם קאָנטראָל־ראַט, אין וועלכן עס געפינט זיך, ווי דעם לייטענאַנט מוז עס זײַן באַקאַנט, דער גענעראַל אייזענהאָוער, ווי דער מאַרשאַל זשוקאָוו. דער לייטענאַנט פאַרבײַסט אַ באַליידיקטער די ליפּן, אַזוי אַז לובענצאָוו באַקומט אַפילע אַ ביסעלע ראַכמאָנעס אַף אים, ווי עס טרעפט מיט אַ קינד, וואָס מען נעמט בײַ אים צו די שוועבעלעך און ער קען ניט פאַרשטיין פאַרוואָס מענטשן נעמען בײַ אים צו דאָס פאַרגעניגן.

דער לייטענאַנט הייסט די איבעריקע זיך פאַרנעמען. זיי הייבן זיך אויף אומצופרידענע, געזעגענען זיך גאַרניט פרײַנטלעך און פאָרן אַוועק.

— זיי האָבן ניט באַצאָלט! — פאַרברעכט די הענט פרוי פינגעל.

די קעלנערס קלײַבן אויף די שערבלעך פון די צעבראָכענע פלעשער און טעלער. פינגעל שווײַגט אַ פאַרכמורעטער.

לובענצאָוו נעמט זוכן בײַ זיך אין די קעשענעס צו פאַרגיטיקן מיט עפּעס פינגעלן די שאָדנס, ווײַל ער האַלט פאַר זײַנעם אַ כויוו צו שיצן די ווערדע פון די פאַרבינדעטע קעגן די דײַטשע באַשולדיקונגען. נאָר קיין געלט געפינט ער ניט בײַ זיך. ער וואַרפט זיך מיט געלט, ווײַל דאָס האָט בײַ אים קיין ווערט ניט. מילכאָמע־צײַט האָט ער זיך אַזוי צוגעוויינט לעבן אַף די פולע הויצאָעס פון דער מעלוכע, אַז איצט, אין פרידנס־באַדינגונגען, מערקט, אַז ער האָט זיך אָפּגעוויינט פון מעסטן זײַנע רעסורסן. ער ווייס נאָר, אַז דער קאָמענדנאַט דאַרף פאַר אַלץ צאָלן. נאָר אַזוי ווי ער האָט זיך אָפּגעוויינט פון שאַצן געלט, צאָלט ער פאַר אַלץ דרײַ מאָל אַזוי פיל וויפל די זאַכן האָבן די ווערט: וויפל ער נעמט אַרויס פון דער קעשענע, אַזוי פיל צאָלט ער.

אָט די פּאַסירונג מיט די אַמעריקאַנער איז בלויז איינער פון אַ סאַך. פון סעפּטעמבער אָן כאַפּן זיך אַרײַן אַלץ אָפטער אַמעריקאַנער קיין לויטערבורג. איינציקע קומען אין דער קאָמענדאַטור, אַנדערע קומען גלאַט אין שטאָט אַרײַן און שטעלן זיך אָפּ בײַ דײַטשן אַף קוואַרטיר. לובענצאָוו פאַרלירט ענדלעך די געדולד און פרעגט אָן אין דער „סוואַ" ווי ער זאָל זיך באַגיין מיט זיי. די סיבעס פון די אַמעריקאַנישע וויזיטן זײַנען פאַרשידענע. איינער אַן אַמעריקאַנער קאַפּיטאַן קומט צעצאָלן זיך מיט אַ לויטערבורגער קרעמער פאַר די זאַכן וואָס ער האָט בײַ אים געקויפט מיט עטלעכע כאָדאָשים צוריק; אַ צווייטער אָפיציר, וואָס אַ קאָמענדאַטישער פּאַטרול האָט זײַן אויטאָמאָביל געטראָפן אין אַ לויטערבורגער הויף, דערקלערט, אַז ער האָט נישט געוווּסט וועגן דעם, אַז קיין בערלין קען מען פאָרן נאָר מיט איין באַשטימטן וועג; איינע אַ גאַנצע גרופּע אָפיצירן וואָס האָט איז פאַרלויף פון צוויי אָדער דרײַ טעג געדײַזט איבערן ראַיאָן אין דער גאַנצער לענג און ברייט, האָט דערקלערט, אַז זיי מאַכן אַ לוסט־רײַזע, און אַזוי ווײַטער.

פון „סוואַ" באַקומט זיך אַן אָנווײַזונג צוריקצושיקן די אַמעריקאַנער צו דער דעמאַרקאַציע־ליניע, העפלעך, נאָר פעסט אויפקלערן די אומגעזעצלעכקייט פון זייער באַגיין זיך. ניט ווילנדיק קומט אויף דער כשאַד, אַז די שפּאַצירן ווערן געמאַכט ניט גלאַט אַזוי, נאָר מיט אויסשפּירערישע צילן. גאַנץ מעגלעך, אַז ניט שטענדיק איז עס אַזוי געווען. לעמאָשל, יענע אַמעריקאַנער וואָס האָבן סקאַנדאַלעוועט בײַ פינגעלן אין רעסטאָראַן, האָבן קיין

געהיימע צילן נישט געהאַט. נאָר עטלעכע פֿאַלן האָבן געמוזט שטעלן לובענצאָוו אַף דער וואָך.

באַזונדער איז אים ניט געפֿעלן געוואָרן דער אַמעריקאַנער קאַפּיטאַן מיט דעם פֿאַמיליע־נאָמען אָ'סעליוועז, וואָס איז קלוימערשט געקומען זיך צעצאָלן מיט אַ גאַנצער ריי דײַטשן פֿאַר זאַכן וואָס ער האָט בײַ זיי גענומען געקױפֿט פֿריער. נאָכדעם ווי מען האָט אויסגעפֿונען דעם קאַפּיטאַן און מען האָט אים געבראַכט אין דער קאָמענדאַטור, האָט לובענצאָוו אים איבערגעגעבן טשאָכאָוון ער זאָל אים באַגלייטן ביז דער דעמאַרקאַציע־ליניע.

טשאָכאָוו איז געפֿאָרן אין זײַן אויטאָ אַפֿריער און דער אַמעריקאַנער אין זײַנעם פֿון הינטן. אייגנטלעך, האָט טשאָכאָוו טכילעס גערעכנט, אַז פֿון הינטן דאַרף פֿאָרן ער, טשאָכאָוו, ווײַל ער איז אין אַ געוויסער מאָס דער קאָנוואָירער. נאָר דערנאָך האָט ער באַשלאָסן, אַז ריכטיקער וועט זײַן פֿאַרקערט, קעדיי ניט אונטערצושטרײַכן זײַן ראָל און אַרויסווײַזן דעם מאַקסימום טאַקט בענעגייע דעם פֿאַרבינדעטן. דאָך האָט טשאָכאָוו שוין אינעם ערשטן דאָרף זיך אומגעקוקט און האָט אויסגעפֿונען, אַז דער אַמעריקאַנער פֿאָרט אים ניט נאָך. ער האָט אָפּגעשטעלט זײַן אויטאָמאָביל, האָט אויסגעוואַרט אַ מינוט פֿינף, דערנאָך איז ער צוריקגעפֿאָרן.

דעם אַמעריקאַנערס אויטאָמאָביל איז געשטאַנען אין מיטן דאָרף בײַם בירשענק. דער קאַפּיטאַן מיט דעם שאָפֿער זײַנען אינעם אויטאָמאָביל נישט געווען.

טשאָכאָוו איז אַרײַנגעגאַנגען אין ביר־שענק. די אַמעריקאַנער שטייען בײַ דער פּירבאַנק. די באַלעבאָסטע אָדער אַ קעלנערקע, אַ יונג מיידל מיט אַן אויפֿגעשלאָגענער פֿריזור, רעדט מיט זיי. ווײַזט זיך אַרויס, אַז אָ'סעליוועז רעדט דײַטש, כאָטש אין לוטערבורג האָט ער געזאָגט, אַז ער קען ניט.

ער האָט זיך אומגעקוקט אַף דעם אַרײַנגעקומענעם טשאָכאָוו. טשאָכאָווס פּנים איז פֿאַרכמורעט און אָן שום צערעמאָניעס, ווײַזט ער אים אַף דער טיר.

— אָ'קעי, — זאָגט דער אַמעריקאַנער און שמייכלט, און גייט אַרויס.

טשאָכאָוו גייט אים נאָך. די אַמעריקאַנער זעצן זיך אַרײַן אינעם אויטאָמאָביל. טשאָכאָוו זאָגט זיי בייז עטלעכע ווערטער אין רוסיש און באַגלייט זײַנע ווערטער מיט עלאָקווענטע זשעסטן, דערנאָך זעצט ער זיך אויך אַרײַן אינעם אויטאָמאָביל, און נאָך אַ מינוט איבערקלערן, פֿאָרט ער ווידער אַרויס אַפֿריער.

אינעם ווײַטערדיקן דאָרף, נעמט דער אַמעריקאַנישער אויטאָמאָביל יאָגן. אָ'סעליוועז גלײַכט זיך אויס מיט טשאָכאָוון און רוקט אים אַרײַן אַ פּלעשל דורכן פֿענצטער. ער לייגט, קענטיק, פֿאַר טשאָכאָוון אָפּצושטעלן זיך און אויסטרינקען. טשאָכאָוו ענטפֿערט גאָרניט, נאָר ער קוקט אַף אים גאַנץ אויסדריקלעך.

אָ'סעליוועזנס אויטאָמאָביל — אַ גרויסער לײַכטער „סטודעבאַקער", אָפּגעפֿאַרבט אין עטלעכע קאָלירן — גרין, ברוין און ווײַס (רעשטן פֿון מיליטערישער מאַסקירונג) — צערוישט זיך, יאָגט אַריבער טשאָכאָווס אויטאָמאָביל און ווערט פֿאַרשוווּנדן נאָכן אויסבייג, טשאָכאָוו איז אַזש בלײַך פֿאַר כּעס.

— דריק אָן, — זאָגט ער. דער שאָפֿער „דרקיט אָן", נאָר דער „סטודעבעקער" איז מעכטיקער, דערצו נאָך הייבט זיך דער וועג אַרויף. ערשט אינעם צווייטן דאָרף, ווו דעם אַמעריקאַנערס אויטאָמאָביל שטעלט זיך ווידער אָפּ בײַם ביר־שענק, יאָגט אים טשאָכאָוו אָן. טשאָכאָוו זעט אויס זייער גרויש, ווען ער קומט אַרײַן אין שענק און טרעפֿט זיך דאָרט אָן מיט דעם

שפּאַטישן שמייכל פון אַ'סעליוועגען, וואָס זיצט זיך דאָרט אין אַ ווינקל בײַ אַ טישל און זופּט פון אַ גלעזעלע אַ מין ברוינע פליסיקייט. דאָס פלעשל — דאָס זעלביקע פלעשל, וואָס ער האָט עם פריער אַרויסגעשטעקט דורכן פענצ־טער פונעם אויטאָמאָביל, קעדיי צו לאָקן דערמיט טשאַכאָוון, — שטייט איצט אויפן טיש אָן אויפגעשטעקטס.

— פּליז * — זאָגט אַ'סעליוועז און כאַפּט שנעל אַ שטול און שטעלט אים אַוועק לעבן זיך.

טשאַכאָוו וואָלט מיט גרויס כיישעק אָנגענומען דעם אַמעריקאַנער פאַרן קאָלנער און אים אַרויסגעוואָרפן צו זײַן אויטאָמאָביל, נאָר דערבײַ דערמאָנט ער זיך לובענצאָווס פאַרזאָג אומצוגיין טאַקטיש מיט דעם פאַרבינדעטן, זעצט זיך אַוועק לעבן אים, נעמט אַרויס אַ ציגאַרעט צום פאַררייכערן. אַ'סעליוועז נעמט אַרויס בײַ זיך פון דער קעשענע אַ פּעקל „טשעסטערפילד". נאָר טשאַ־כאָוו פאַררייכערט זײַן אייגענעם ציגאַרעט. ער טרינקט אויך ניט דאָס גלעז־זעלע וואָס ער האָט אים אָנגעגאָסן. אַ'סעליוועז נעמט דעמאָלט דאָס גלעזעלע און שטעלט עס אַוועק זיך אויפן קאָפּ נאָכדעם ווי ער טוט אויס זײַן פּילאָט־היטל. דערנאָך שטייט ער אויף מיט דעם גלעזעלע אויפן קאָפּ און קריכט אַרויף אויפן שטול, פונעם שטול קריכט ער אַרויף אויפן טיש, פונעם טיש אויפן דיל און זעצט זיך ווידער אַוועק, נעמט אַראָנטער דאָס גלעזעלע און שטעלט עס אַוועק פאַר טשאַכאָוון.

טשאַכאָוו גיט אפילו מיט אַן עק ליפּ ניט אַ שמייכל.

דעמאָלט נעמט דער אַמעריקאַנער דרײַ גלעזער, זשאָנגלירט מיט זיי זייער פלינק און האַלט דערבײַ אַן אויג אויף טשאַכאָוון, וועלכער זיצט דערבײַ אַ גלײַכגילטיקער. דערנאָך צעגעמט דער אַמעריקאַנער די הענט אויף בײַדע זײַטן און אַלע דרײַ גלעזער פאַלן אַראָפּ, איינע נאָך דער צווייטער, און צע־ברעכן זיך אויף פּיצלעך. טשאַכאָוו גיט זיך אפילו קיין ריר ניט, קוקט אים אין פּנים אַרײַן און רויכערט זײַן ציגאַרעט, ניט פאַרציִענדיק זיך, נאָר ער לאָזט בלויז דעם רויך.

נאָך דעם קונץ. באַצאָלט דער אַמעריקאַנער דעם שענקער און לאָזט זיך אַרויסגיין. טשאַכאָוו הייבט זיך אויף און גייט אים נאָך. ער פילט זיך אין אַ נאַרישער לאַגע און שילט אין האַרצן לובענצאָוון, פאַרוואָס ער האָט גראָד אים, טשאַכאָוון, געשיקט מיט דעם משוגענעם.

ווען אַ'סעליוועז זעצט זיך אַרײַן צו זיך אינעם אויטאָמאָביל לעבן דעם שאָפער, ניט טשאַכאָוו אָן עפן דאָס הינטערשטע טירל און זעצט זיך אויך אַרײַן צו אים אינעם אויטאָמאָביל. אַ'סעליוועז צעלאַכט זיך. דער אויטאָמאָ־ביל רירט און דעם קאָמענדאַנטס אויטאָמאָביל גייט פון אונטן.

אין ווײַטערדיקע פּאַסירונגען קומען זיי צו ביז צום דאָרף וואָס שטייט בײַ דער דעמאַרקאַציע־ליניע. אין עק דאָרף געפינט זיך אַ באַריער און דאָרט גייט אום אַ סאָוועטישער זעלנער מיט אַן אויטאָמאַט. אַ'סעליוועז פרעגט מיט צייכנס טשאַכאָוון צי ער וויל אַריבערפאָרן מיט אים צו דער אַמעריקאַנישער זאָנע און זאָגט אים דערבײַ אין רוסיש דאָס וואָרט „קאַראַשאָ".

טשאַכאָוו גייט אַרויס פונעם אויטאָמאָביל און זאָגט צום זעלנער:

— לאָז אים אַרויס, זאָל ער פאָרן צו...

דער זעלנער עפנט דעם שלאַגבוים, און אַ'סעליוועז מאַכט צו טשאַכאָוון מיט דער האַנט אויף געזעגענונג און פאָרט ווײַטער מיט דעם וועג, וווּ עס שטייט, מיט אַן ערעך פערציק מעטער ווײַטער, בײַם בריקל איבערן טײַכל, אַן אַמעריקאַנער זעלנער.

* פּליז — ביטע, אין ענגליש.

XX

טשאכאוו קומט צוריק קיין לויטערבורג ארום זיבן אין אוונט, און ווען ער לאזט זיך ארויפגיין די טרעפ, בלייבט ער שטיין א פארוואונדערטער פון דעם פרייד־געפיל, וואס כאפט אים א רגע ארום מיט א פארגעפיל פון עפעס אנגענעמס. און נאכמער וואונדערט ער זיך, וואס דאס אנגענעמע איז ניט עפעס אנדערש ווי די לעקציע אינעם קרייזל פאר לערנען דייטש, וואס דארף זיך אנהייבן אום אכט.

ער כמורעט זיך, שטייט א ווײַלע און גייט ווײַטער. לובענצאוו איז נישטא. ער איז אפגעפארן קיין האללע. טשאכאוו גיט אפ קאסאטקינען דעם באריכט וועגן דער רײַזע מיט דעם אמעריקאנער און גייט ארײַן אין צימער, וו דאס קרײַזל קומט זיך צונויף. קימאט אלע אפיצירן זײַנען שוין פארזאמלט. קסעניא זיצט באם טישל און לייענט. אירע דיקע צעפ זײַנען אזוי שטײַף ארומגעבונדן ארום קאפ, אז עס דאכט זיך ער מוז איר וויי טאן. זי הייבט אויף דאס פאנעם און טוט א קוק אפן ארײַנגעקומענעם טשאכאוון און טוט זיך ווידער ארײַן אינעם העפט.

אזוי ווי ניט אלע אפיצירן זײַנען שוין דא, זיצן זיי און שמועסן צווישן זיך. זיי ריידן וועגן דער שטאט לויטערבורג. יעדער איינער שאצט זי פון זײַן טורעם. טשאכאוו הערט, לעמאשל, אזא דיאלאג:

יאווארסקי: א קולטורעל שטעטל. אין דער שטאט־ביבליאטעק איז שטענדיק פול מיט יינגלעך און מיידלעך. מען לייענט א סאך.. האבן שטארק ליב זייער שטאט, אירע היסטארישע דענקמעלער.

טשעגאדאיעוו. — אן ארבעט־שטעטל. אלערליי ווערקהײַזער, פאר רעמאנט און דאס גלײַכן.

לייטענאנט־קאמאנדיר פונעם אפטייל. — א שטאט פון לײדיקגייער, שיקורים, די ביר־שענקען זײַנען שטענדיק פול, מען ווייס ניט ווען זיי ארבעטן.

מענשאוו. — אן אנשטענדיקע שטאט. אלע זײַנען העפלעך. באזונדער זײַנען העפלעך די קינדער. מען הערט נאר: — „זײַט אזוי גוט”, „ביטטע”. מען לעבט פײַן.

וואראבייצעוו. — אן אויסגעלאסענע שטאט, א פארדארבענע! אלץ פראסטיטוטקעס און שפעקולאנטן.

ווער פון זיי איז גערעכט? אלע זײַנען זיי גערעכט.

טיילמאל גייט טשאכאוו ארויס אינאיינעם מיט קסעניען פון דער קאמענדאטור נאך דער לעקציע פון דײַטש און ער פירט זי צו ביז דער שטוב. דא געזעגנט ער זיך מיט איר און גייט אהיים. זייער געשפרעך איז צום אנהייב א קורצער. נאר וואס ווײַטער אלץ מער ריידן זיי. די וואס קענען זיי וואלטן זיך געוואונדערט ווי פרײַ זיי שמועסן צווישן זיך. מער ווי טשאכאוו רעדט קסעניא. ווי זי וואלט זיך אפגעקוויטעוועט פאר איר געוויינלעכער שווײַגעוודיקייט. מיט טשאכאוון צעעפנט זיך איר הארץ. זי פילט, אז מיט אים קען מען ריידן אלץ, ווארעם קיינער וועט זיך עס פון אים ניט דערוויסן. דעם צוטרוי וואס ער וועקט בא מענטשן ביכלאל, וועקט ער בא איר פילפאך מער.

די עטוואס־יינגלשע פאראכטונג צו פרויען, וואס האט זיך נאך נישט געהאט אויסגעלעבט בא אים, שמעלצט זיך ביסלעכווײַז.

זייערע שפאצירן ווערן אלץ לענגער. זיי גייען אוועק ווײַט הינטער דער שטאט. ס'איז שווער צו זאגן ווער פון זיי איז דער אנרעגער פון די שפאצירן, — זיי האבן זיך אנגעהויבן דאכט זיך פון זיך. — און עפשער טאקע זיי;

טשאַכאָוו האָט זיך געשעמט צו גיין מיט אַ מיידל איבער דער שטאָט. די דײַטשן קימערן אים ניט, נאָר ווען ער געגנט אָן סאָוועטישע אָפיצירן אָדער זעלנער רויטלט ער זיך פֿײַנלעך. ער האָט עפּשער מוירע מען זאָל זי ניט אָננעמען פֿאַר אַ דײַטשקע און אים, טשאַכאָוון, כוישעד זײַן אין אַ באַגיין, וואָס איז, לויט זײַן מיינונג, אומזיניק: אַז ער שפּאַצירט אום מיט אַ דײַטשקע איבער דער גאַס. כאָטש, אָננעמען קסעניען פֿאַר אַ דײַטשקע איז אוממעגלעך. ווען מען זאָגט עס אַ דײַטש וואָלט ער געלאַכט דערפֿון, אַזוי ענלעך איז זי אַף אַ רוסישער און נאָר אַף אַ רוסישער. נאָר וויכטיק איז פֿאַר טשאַכאָוון עפּעס אַנדערש. טשאַכאָווס אייגנליבע לײַדט דערפֿון, וואָס מען קען מיינען, אַז ער קען זיך גאָר, ווי אַנדערע, ניט באַגיין אָן אַ פֿרוי. נאָר אָפּשטעלן די שפּאַצירן קען ער שוין אויך ניט. זיי פֿאַרגייען טיף אין די שמאָלע מיטלאַלטערלעכע געסלעך, ענלעכע אַף די דעקאָראַציעס פֿון אַ קינדערשן טעאַטער, נאָר באַלד לאָזן זיי די שטאָט הינטער זיך; אין די בערג גייען זיי ניט מיט דעם ברייטן שליאַך, נאָר מיט די סטעזשקעס, וואָס שנײַדן זיך גלײַך אַרויף און זײַנען געדיכט באַשאָטן מיט געלע קליאָן־בלעטער און גאָלדענע בוכנבוים־בלעטער. באַלד זײַנען זיי אויבן אַף אַ שפּיץ באַרג, פֿון וואַנען מען זעט די מאַלינאָווע שטאָטישע דעכער, באַלויכטענע מיט דער אונטערגייענדיקער זון, און די געלע בלעטער אַף די ביימער שאַפֿן אַ בילד פֿול מיט רו און שיינקייט. רעכטס, אין דער צווייטער זײַט שטאָט, הייבן זיך פֿעלדזיקע ווענט, און דער שלאָס, אַ גרויער, אַ טרויעריקער בײַ יעדן וועטער, זעט דאָ אויך אויס, אַף אַזאַ ווײַטקייט, ווי אַ דעקאָראַציע פֿון אַ קינדערישן טעאַטער, ווּ עס שפּילט זיך אַ מאַיסעלע פֿון די ברידער גרים.

אַט דער פֿאַרגלײַך מיט אַ לעגענדאַרישער דעקאָראַציע, וואָס טשאַכאָוו האָט איין מאָל אַרויסגעזאָגט, האָט, פֿון דעסט וועגן, אַזוי אויפֿגערעגט קסעניען, אַז זי איז פֿון די קיילים אַרויס. זי האָט מיט פֿאַראַכטונג אַ קוק געטאָן אַף טשאַכאָוון, איר שטרענגער פּנים האָט זיך פֿאַרקרומט און זי האָט זיך אָנגערופֿן:

— סאַראַ קורצן זיקאָרן איר האָט אַלע! זיי קענען זיך גאָר מיט אײַך ניט אָפּלויבן. פֿריער פֿלעגן זיי שרײַען „רוס, גיב זיך אונטער”, איצט שרײַען זיי „רוס גוט”. איר גלייבט זיי, און זיי טאָר מען ניט גלייבן. ווי דערלעב איך שוין אַהיימצופֿאָרן. וועט מען אונדז דאָ אַף לאַנג אײַנמאַרינירן? איר וואָלט זיך עס געדאַרפֿט דערוויסן, פֿונאַנדערפֿרעגן.

מען קען ניט זאָגן, אַז אירע ווערטער האָבן ניט געפֿונען קיין אָפּקלאַנג בײַ טשאַכאָוון אין האַרצן. זיי האָבן פֿון סאַמע דעק אויפֿגעהויבן דאָס וואָס האָט זיך שוין דאַכט זיך געהאַט אײַנגעשטעלט, אָפּגעזעצט אָדער איז גאָר געהאַט פֿאַרשוווּנדן, נאָר האָט נאָך ערגעץ דאָרט געטליעט. געווען זײַנען עס שטיקלעך דערמאָנונגען, געדאַנקען וועגן אומגעבראַכטע אייגענע מענטשן, אָדער ביזן גרונט כאָרעוו געמאַכטע ערדן — דאָס אַלץ וואָס דער זיקאָרן האָט עס געהאַלטן ערגעץ פֿאַרשטעקט און איז שוין דאַכט זיך געווען אַזוי ווײַט אין דער פֿאַרגאַנגענהייט, אַז מען האָט ניט געוווּסט צי איז עס גאָר אַמאָל געווען. טשאַכאָוו האָט אַפֿילע דערפֿילט אַ מין געוויסנביסן דערפֿון וואָס ער האָט עס שוין ווי פֿאַרגעסן, אַזוי לײַכט פֿאַרגעבן, זיך אונטערגעגעבן דעם טאָג־טעגלעכן לעבן אונטער דער ווירקונג פֿון דער מענטשלעכער נייגונג צו פֿאַרגעסן דאָס פֿאַרגאַנגענע.

דאָך, אָנערקענט טשאַכאָוו אין דער זעלביקער צײַט פֿאַר אַזוי אײַנציק ריכטיק די איצטיקע פּאָליטיק לעגאַבע דעם פֿאָלק פֿון דעם באַזיגטן לאַנד, פֿאַר אַזוי פּרינציפּיק און זעלבסטפֿאַרשטענדלעך דעם קאַמף וואָס קומט פֿאַר

אין דעם לאַנד פּאַר אַ נײַעם לעבנסשטייגער און נײַעם געדאַנקען־גאַנג, אַז ער מאַכט אַ פּרוּוו צו באַשטרײַטן קסעניעס ווערטער און זײַנע אייגענע דער־מאָנונגען.

— מען טאָר ניט, — זאָגט ער, — אַלעמען אַרונטערנעמען אונטער איין מאָס. — און ער הייבט איר אָן אויסלייגן דאָס גרויסע צעטל, וואָס מען רע־כנט געוויינלעך אויס אין אַזעלכע פאַלן: — און מאַרקס? און ענגעלס? און ליבקנעכט? און טעלמאַן?

דערויף ענטפערט זי שוין ניט געהיצט זיך, נאָר גיכער טרויעריק:

— זיי האָבן זיי פאַרטריבן אָדער דערהאַרגעט. — און זי גיט דערבײַ אַ מאַך מיט דער האַנט. — זיי וועלן אַלעמען דערהאַרגענען. אַלעמען, יעדן איי־נעם וואָס וויל זיי מאַכן פּאַר מענטשן. זיי וועלן דערהאַרגענען אויך וואַנ־דערגאַסטן און לערכען, גיב זיי נאָר פרײַע הענט. לובענצאָוון אויך און אײַך אויך, גיט זיי נאָר פרײַע הענט.

טשאַכאָוו טראַכט זיך וואָס וואָלט דערויף לובענצאָוו געענטפערט און קומט טייקעף צום שלום, אַז לובענצאָוו וואָלט דערויף געענטפערט: „דערויף וועלן מיר זיי קיין פרײַע הענט ניט געבן". אָדער אין דעם ערעך. און טשאָ־כאָוו איז מעקאַנע לובענצאָוון דערמיט וואָס ער וואָלט אַזוי געקענט ענטפערן — פריילעך און אומגעצווונגען, אַרומגייענדיק דעם עצעם איניען, ווען דאָס איז נייטיק, וואָרעם, נאָך אַלעמען, איז עס דאָך נאַריש צו שטיין דאָ אויף דעם באַרג וואָס גאָלדיקט זיך מיט די אָפּגעפאַלענע בלעטער און דיסקוטירן וועגן דעם וואָס עס ווערט באַשטימט דאָרט אונטן. און לובענצאָוו וואָלט גערעכט געווען ווען ער לאָזט זיך דאָ ניט אַרײַן אין דער טיף פון די פראַגן, איבער וועלכע עס שלאָגט זיך איצט די גאַנצע וועלט.

נאָר טשאַכאָוו קען מיט קיין שפּאַס ניט אָפּקומען, וואָרעם קסעניעס ווערטער האָבן אויף אים געמאַכט אַ שטאַרקע ווירקונג. אַבוצדעם געפעלט אים קסעניאַ גראָד איצט באַזונדער שטאַרק. זי איז ערנסט, נישטאָ אין איר עפּעס אַזוינס ווי די באַציִונג צו אַ יונגן מענטשן וואָס טויג צום פלירט. ער טויג זיך גאָרניט אויס דערצו.

זיי שטייען עטלעכע מינוט און שווײַגן, דערנאָך לאָזט זי זיך גיין מיט דער סטעזשקע אויף אַראָפּ: זי רופט אים ניט, זי קוקט זיך בלויז אום מיט אַן עכט ווײַבלעכן אומזרייִ פונעם קאָפּ, אין וועלכן עס איז פאַראַן אַזאַ זיכער־קייט אַז ער גייט איר נאָך, אַז אַ מער אָבסערווירנדיקן מענטשן ווי טשאַכאָוו וואָלט דאָס אַ סאַך געזאָגט. נאָר טשאַכאָוו טראַכט נאָך וועגן אירע ייִזרײַזר מער ווי וועגן איר אַליין, און די פראַגן פון דער נאָכמילכאָמעדיקער וועלט־אײַנאָרדענונג באַשעפטיקן איר נאָך מער ווי די פראַגן פון זײַן אייגענער נאָכ־מילכאָמעדיקער אײַנאָרדענונג.

אַן אַנדערש מאָל פירט זי אַרויף אויף דעם באַרג וווּ עס שטייט דער שלאָס.

דער שלאָס, וואָס פון ווײַטנס זעט ער אויס פּוסט, ניט באַוווינט, איז פול מיט מענטשן. אין די צעמערן מיט דיקע ווענט, און אין די קעמער־לעך אײַנגעשניטענע אין דער סאַמע פעסטונג־וואַנט, — דאָרט ווו עס זײַנען אַמאָל געווען אַרײַנגעשטעלט זעלנער, וואָס האָבן באַדינט די אַמבראַזורעס, — וווינען איצט מענטשן וואָס זײַנען געבליבן אָן אַ וווינונג נאָך די אַמעריקאַנישע באָמבאַרדירונגען. אויפן שלאָס־הויף, אויף די ניט־גלײַכע אויסגע־שטשערבעטע פּליטעס שפּילן זיך קינדער.

אינעם שלאָס איז פאַראַן אַ וועכטער, אַ מענטש פון אַ יאָר זעכציק. ער דערציילט לעגענדעס וואָס זײַנען מיט דעם אָרט פאַרבונדן. דאָס וואָס ער דער־ציילט, איז ווי צוויי טראָפּנס וואַסער ענלעך צו אַלץ וואָס מען דערציילט וועגן

אַנדערע שלעסער. געווינט האָט דאָ אַ פּירשט, וואָס האָט פֿאַרמויערט זײַנע סאַ:ים אין די ווענט. אינעם קעלער, ווי מען דערציילט, איז אַ מאָל געווען דאָס מינצהויז; די מינצערס פֿלעגט מען פֿונדאַנען אין ערגעץ ניט אַרויסלאָזן און זיי פֿלעגן דאָרט אינעם קעלער אומקומען. דער פּירשט האָט געהאַט איין איינציקן זון, האָט ער אים דאָרטן געקעפּט, דערנאָך האָט ער כּאַראַטע געהאַט און ער האָט זיך, רײַטנדיק אויף פֿערד, אין דער גאַנצער קריגס־האַלבאַשע, אַראָפּגעוואָרפֿן פֿונעם פֿעלדז.

פֿון שפּעטערדיקע צײַטן זײַנען דאָ פֿאַרבליבן קלאַוויכאָרדן, אַ בילד פֿון קאַטערינע דער צווייטער פֿון יענער צײַט ווען זי איז נאָך געווען די אָרעמע פּרינצעסן פֿון אַנהאַלט־צערבסט, פֿאַרצײַטיק מעבל.

דער וועכטער לויבט דעם קאָמענדאַנט, אַז אויף זײַן באַפֿעל פֿירט מען אַריבער די מענטשן פֿון דאַ:ען אין די רעמאָנטירטע שטאָטישע הײַזער, און דאָ וועט מען אינגיכן עפֿענען אַ מוזיי.

איין מאָל האָט קסעניאַ אָוועקגעפֿירט טשאַכאָוון אויפֿן צווייטן עק שטאָט, און פֿון די לעצטע הײַזער האָבן זיי זיך פֿאַרקירעוועט אויפֿן פֿעלד און זײַנען צוגעקומען צו אַ גרופּע באַראַקן זייער ניט אָנגענעם אויסזעענדיקע. ווען קסעניאַ קומט צו צו די באַראַקן האַלט זי אײַן די טריט. טשאַכאָוו כאַפּט זיך, אַז דאָס איז דער געוועזענער לאַגער פֿאַר די רוסישע קריגסגעפֿאַנגענע און אַז דאָ האָט קסעניאַ פֿריער געוווינט. זיי גייען צו צו איינעם פֿון די באַראַקן. קסעניאַ קלאַפּט אָן אין אַ פֿענצטער. אין פֿענצטער באַווײַזט זיך באַלד אַ גרויס בלייך פּנים, אַ באַוואַקס:ס מיט אַ באָרד, און אין אַ מינוט אַרום קומט אַרויס אויף דער שוועל אַ מענטש מיט אַ קלעצל אָנשטאָט אַ פֿוס, אין אַ ווײַס העמד אָן אַ גאַרטל.

— נאָשאַ, — זאָגט קסעניאַ, — באַקענט זיך. דאָס איז קאַפּיטאַן טשאַכאָוו.

דאָס וואָס קסעניאַ רופֿט אָן דעם מענטשן מיט אַ פֿאַרצויגענעם נאָמען, מאַכט אויף טשאַכאָוון אַ ניט־אָנגענעמען אײַנדרוק. נאָר דער פֿאַרבײַלויפֿנדיקער געפֿיל גייט באַלד אַדורך צוליב דעם וואָס אָט דער איינפֿוסיקער ווײַזט זיך אַרויס פֿאַר טשאַכאָוון, באַלד נאָך די ערשטע ווערטער, פֿאַר אַ באַטײַטפֿולן און אומגעוויינלעכן מענטשן. ער איז דאָ אינעם באַראַק פֿאַרבליבן אַליין, ער אַרבעט ניט אין ערגעץ — ער פֿאַרופֿט זיך אויף זײַן פֿוס. די געוועזענע לאַגער־מענטשן, וואָס אַרבעטן, ווו ווער עס האָט געקראָגן, באַזאָרגן אים מיט דעם נייטיקסטן, כאָטש קיינער צווינגט זיי ניט דערצו.

— איך וועל שוין דאָ דערצײַען ביז איך וועל אַהיימפֿאָרן, — זאָגט ער.

— ווען־זשע רעכנט איר פֿאָרן? — פֿרעגט טשאַכאָוו.

— מען זאָגט צו אין גיכן אָפּצושיקן. און דו, ווי גייט עס דיר? — פֿרעגט ער קסעניען.

— איך האָב זיך געבעטן אַהיים, נאָר דערווײַל לאָזט מען מיך ניט אָפּ.

— זי קוקט בייז אויף טשאַכאָוון. — ווען איר וואַרפֿט אַרײַן אַ וואָרט דעם פּאָדפּאָלקאָווניק. ער קען דײַטש ריידן ניט ערגער פֿון מיר, ער קען זיך באַגיין. ער האָט אויך יאַוואָרסקין. און קען זיך געפֿינען אַן איבערזעצער.

— גוט, כ'וועל אים זאָגן, — מרוקעט אַרויס טשאַכאָוו.

קסעניאַ ענטפֿערט אים דערויף מיט אַ שנעלן בליק, וואָס דריקט אויס אַ אומגעוויינלעך קאָמפּליצירטע גאַמע פֿון געפֿילן. יאָ, זי וויל אַהיימפֿאָרן, און דער באַגער אירער איז אַ פֿולקאָם ערנסטער, וואָלט זי זיך געדאַרפֿט פֿרייען מיט טשאַכאָווס צוזאָג זיך דורכצוריידן מיט לובענצאָוון. און זי פֿרייט זיך טאַקע מיט זײַן צוזאָג, וואָרעם זי ווייס פֿון דער אַלטער פֿרײַנטשאַפֿט, וואָס

פאַרבײַנדט טשאַכאָוון מיט לובענצאָוון. נאָר אײנציִיטיק דערמיט ערגערט איר וואָס טשאַכאָוו האָט אויפֿגענומען די ביטע מיט אַזאַ נאַיִווער זיכערקייט און איר פֿולער אויפֿריכטיקייט, און אַ שאַרפֿער ווייטיק שנײַדט דורך דאָס מיידל פֿון זײַן אָרנטלעכער גרייטקייט איר צו העלפֿן אָפּפֿאָרן.

נאָר טשאַכאָוו, מיט זײַן טמימעס, כאַפּט נישט אויף אָט די קאָמפּליקאַציעס.

דאָך, ווען טשאַכאָוו דערוויסט זיך אויפֿן צווייטן טאָג, אַז קסעניאַ איז אַרויסגעפֿאָרן מיט קאָסאַטקינען איבער ראַיאָן, דערפֿילט ער, אַז אָן איר איז אים אומעטיק. ער וווּנדערט זיך ווען ער דערפֿילט עס, דערנאָך בייזערט ער זיך אַליין, און ערשט ווען דאָס כאַזערט זיך איבער עטלעכע טעג נאָכאַנאַנד, שטויסט ער זיך אָן, אַז ער האָט ליב קסעניען.

נאָר אַפֿילו דעמאָלט ווען ער איבערצײַגט זיך, אַז אָן קסעניען איז אים נישט גוט, און איז זיך אַליין מודה, אַז די גאַנצע צײַט וויל ער זי זען, קען ער נאָך אַלץ נישט אײַנזען דערויף, אַז קסעניע איז זײַן גורל. אים פֿײַניקט דאָס וואָס ער האָט זיך מיט איר באַקענט צופֿעליק. דאָס הייסט, ווען עס זאָלן נישט געווען פֿאָרקומען אַ ריי קלענערע און גרעסערע צופֿעליקייטן, אײַנגעטלעך: ווען עס וואָלט נישט צענומען געווען זײַן מיליטערישע טייל, און דערנאָך די צווייטע טייל; ווען ער וואָלט נישט אײַנגעזאַנגען אויף דיגען אין דער סאָוועטישער מיליטערישער פֿאַרוואַלטונג; ווען ער וואָלט נישט אַרײַנגעפֿאַלן אין אַלט־שטאָט און דאָרט זיך אָנגעטראָפֿן מיט לובענצאָוון; ווען אַלבינאַ זאָל נישט געווען אַוועק פֿון דער קאָמענדאַטור; ווען דער אײנפּוסיקער זאָל נישט געווען רעקאָמענדירן קסעניען אויף יענערס אָרט; ווען קסעניאַ וואָלט ביכלאַל נישט געווען זײַן אין לוימערבורג, נאָר אין אַן אַנדער שטאָט; ווען לובענצאָוו זאָל נישט געווען צווינגען טשאַכאָוון לערנען די דײַטשע שפּראַך, דאָס הייסט לערנען בײַ דער איבערזעצערין. — ווען עס פּאַסירט נישט אָט דאָס אַלץ, וואָלט טשאַכאָוו נישט באַקאַנט געווען מיט קסעניען, און עס וואָלט אַזוי אַרום נישט אויפֿגעקומען אָט דאָס געפֿיל וואָס בינדט אים צו צו איר. נישט געקוקט אויף דער גאַנצער נאַיִווקייט פֿון די קלערעכצן, ווירקן זיי שטאַרק אויף טשאַכאָוון און צווינגען אים צו זײַן אײַנגעהאַלטן.

ער ווייס אַליין נישט ריכטיק וויאַזוי ער האָט זיך פֿריער פֿאָרגעשטעלט אַזאַ באַגעגעניש — אַ אומגעווינלעכע, אַן אײנציקע באַגעגעניש, אויפֿן גאַנצן לעבן. מוז דען דאָס מיידל זײַן מיט אים פֿון איין שטאָט? זײַן באַקאַנט מיט אים פֿון קינדהײַט? אָדער ער דאַרף זיך אַזוועקלאָזן, ווי אין די מײַסעלעך, זוכן זײַן „דאָליע“ און דערבײַ באַקומען אַ מין צייכן, אַז דאָס איז טאַקע זי? עפּעס האָט ער טאַקע אַזוי געטראַכט, וואָרעם קינדערישע פֿאָרשטעלונגען לויפֿטערן זיך נישט אויס, אַזוי גרינג ווי עס דאַכט זיך, בײַ אַ דערוואַקסענעם מענטשן פֿונעם קאָפּ.

אין ערנסטן באַטײַט האָט אויך דאָס וואָס קסעניען האָבן די דײַטשן פֿאַרטריבן קיין דײַטשלאַנד און זי האָט דאָ געלעבט עטלעכע יאָר. די מענערישע באַפֿעלקערונג פֿון אַ לאַנד, וואָס איז אַרונטערגעפֿאַלן אונטער אָקופּאַציע פֿון פֿרעמדן מיליטער, איז גוואַלדיק איבערזיכטיק — זיי אײבערן די פֿרויען וואָס לעבן אויף דער אָקופּירטער טעריטאָריע, צו די אָקופּאַנטן. אַזוי איז געווען ווען די דײַטשן זײַנען געווען אויף דער טעריטאָריע פֿונעם ראַטנפֿאַרבאַנד. דאָס אייגענע פֿילן איצט אַ סך דײַטשן בענוגע זייערע פֿרויען.

באַזונדער שאַרף ווײַזט זיך אַרויס אָט די אַלגעמיינע איבערזוכט פֿונעם פֿאָלק צו די מיידלעך וואָס זײַנען געצוווּנגען געווען צו אַרבעטן אין דײַטשלאַנד. אָט די באַציִונג פֿון אַ סך זעלנער און אָפֿיצירן איז אָפֿט געווען אומ־

גערעכט און באַליידיקנדיק, נאָר זי איז געווען. אַזעלכע מענטשן האָסן און פאַראַכטן די רוסישע פרוי, וואָס האָט זיך דערנענטערט צום פאַרכאַפּער, עפּשער נאָך מער ווי דעם פאַרכאַפּער גופא.

טשאַכאָוון, וואָס איז אַזוי גערירט פון קסעניעס האַס צו די דײַטשן, דאַכט זיך אין איר האַס אויך עפּעס זייער פּערזענלעכס. ער שטעלט זיך פאָר, כאָטש ער האָט דערצו קיין שום גרונד ניט, אַז זי האַסט ניט גלאַט אַלע דײַטשע פאַשיסטן פאַר זייערע גוואַלדטאַטן, נאָר, מעגלעך, אַז די גוואַלדטאַט פון איינעם עפּעס א דײַטשן פאַשיסט בענעגייע איר, און זי טראָגט איבער אָט די סינע אַף אַלע דײַטשן אין קלאַל. און אָט די אומפאַרשטענדלעכע און אומבאַגרינדעטע אייפערזוכט צו איינעם א דײַטש, וואָס האָט זיך עפּשער אַמאָל איזדיעקעוועט איבער קסעניען, פאַרשאַפט דעם פאַרטײַעטן און פולן מיט אייגן־ליבע טשאַכאָוון לײַדן, וואָס ווערן ניט געשטילט דערפון וואָס זיי זײַנען אומבאַגרינדעט.

XXI

דערווײַל אָבער קענען זייערע שפּאַצירן און באַגעגענישן נישט בלײַבן קיין סאָד. טשאַכאָוו נעמט מערקן — און מער ווי אַלץ דאַכט זיך אים — אַז די באַוויירים קוקן אַף אים אַף א באַזונדערן אויפן און אַז אינעם געשפּרעך מיט אים גיבן זיי עפּעס אָנצוהערן. לובענצאָוו האָט אים א פּאָר מאָל נאָך דער אַרבעט, ווען די אָפיצירן זײַנען געבליבן אַף א באַראַטונג, אומגעריכט אָנגעמערקט, אַז די פראַגן וואָס וועלן באַהאַנדלט ווערן, זײַנען אים ספּעציעל ניט נעגייע און אַז ער קען זײַן פרײַ. דעם ערשטן מאָל אין לעבן דערפילט ער זיך טיף אָפּהענגיק פון די אַרומיקע. ער האָט קיינמאָל פאַר קיינעם ניט מוירע געהאַט און איצט האָט ער מוירע פאַר עמעצנס א דורכזיכטיקן אָנצוהערעניש אָדער א שפּאָטישן שמייכל. דערבײַ טראַכט ער זיך, אַז קסעניא וואָלט זיך געדאַרפט נאָך מער שעמען ווי ער, און ער וווּנדערט זיך וואָס זי האָט פאַר קיינעם קיין מוירע ניט. זי איז יונגער נאָר דערוואַקסענער. ער באַשליסט בא זיך, אַז זי האָט ניט מוירע דערפאַר וואָס זי האָט אים ניט ליב און דערפאַר זעט זי ניט אין זייערע באַגעגענישן אַזוינס וואָס זאָל אַרויסרופן פאָרורטייל. זי האָט אים אָבער ליב, נאָר זי איז, פון איר זײַט, זיכער, אַז ער טראַכט אַפילע ניט פון עפּעס ענלעכס.

אַלנפאַלס האָט קסעניא באַוויזן אויפצוטאָן דאָס וואָס אַפילע לובענצאָוו האָט ניט באַוויזן — אָפּגעוויינען טשאַכאָוון פון וואָראָבייצעוון. טשאַכאָוו האָט פאַרלוירן יעדן אינטערעס צו אים.

וואָראָבייצעוו פאַרזעט ניט אָט די ענדערונג אין טשאַכאָווס באַציִונג צו אים און דערוויסט זיך באַלד די סיבע דערפון. ער פאַרשטייט, אַז ניט נאָר ציט אָפּ קסעניא טשאַכאָוון פון זײַן כאַווער, נאָר אַז זי רופט זיך אויך אָפּ וועגן אים, וואָראָבייצעוון, פײַנטלעך· ער האָט קיין טאָעם ניט. קסעניא האָט פײַנט באַקומען וואָראָבייצעוון פונעם ערשטן טאָג וואָס זי איז אַרײַנגעקומען אין דער קאָמענדאַטור. זי אַליין באַהאַלט אויס אירע געפילן, נאָר די אויגן אירע קענען דאָס ניט אויסבאַהאַלטן. זי האָט אַזעלכע אויגן וואָס באַהאַלטן אויס אָן שום מי פרײַנטשאַפטלעכע אָדער ליבע־געפילן, זיי קענען אָבער בעשום אויפן ניט אויסבאַהאַלטן די געפילן פון אומפרײַנטשאַפט אָדער האַס. די דײַטשן וואָס קומען אין דער קאָמענדאַטור צוליב פאַרשידענע איניאָנים האָבן מוירע פאַר איר בליק. קימאַט מיט אַזא בליק קוקט זי אויך אַף וואָראָ־

בייצעוון. דאָס פֿירט אים אָפּט אַרױס פֿון גלײַכגעוויכט, און ער נעמט זי אויסמײַדן.

וואָראָבייצעוון פֿאַרדריסט עס זייער שטאַרק ווען ער דערוויסט זיך, אַז זײַן פֿרײַנט וואַסיאַ טשאָכאָוו האָט זיך „אײַנגעפּלאָנטערט מיט אָט דער יונגער מאַכשייפֿע".

די לעצטע צײַט זונדערט זיך וואָראָבייצעוו אַלץ מער אָפּ פֿון די איבעריקע קאָמענדאַטור־אָפֿיצירן. ער האָט מיט זיי אַלץ ווייניקער געמיינזאַמע אינטערעסן, מאַכמעס זיי זײַנען פֿאַרנומען נאָר מיט זייער זאַך, און ווײַל זיי געפֿינען זיך אונטער דער שטאַרקער ווירקונג פֿון לובענצאָוון, באַציִען זיי זיך צו זייער אַמט מיט אַזאַ ערנסטלעכקייט, וואָס דערגייט ביז פֿאַנאַטיזם. וואָראָבייצעוו, פֿאַרקערט, איז צו זײַן אַמט גלײַכגילטיק און פֿאַרענטפֿערט זיך דערמיט וואָס ער איז אַ מענטש מיט ברייטע פֿאָדערונגען צום לעבן און אַז מיט דעם אַמט אַליין קען ער עס ניט אויספֿילן. ער האָט זיך אײַנגעאײַגנט בענעגייע זײַנע דינסט־כאַוויירים אַ מינע פֿון גרינגשעצונג, און זייער „ערנסטלעכקייט" און זייער געוויסע שרעק פֿאַר דעם „קאַפּיטאַליסטישן אַרום" רופֿט בײַ אים אַרױס פֿאַראַכטלעכע באַמערקונגען. ער קען ניט פֿאַרשטיין זייערע באַגערן אַהיימצופֿאָרן און די בענקשאַפֿט צו דעם היימלאַנד וואָס זיי דריקן אָפּט אויס, און ער האַלט דאָס אָדער פֿאַר צוויִעס אָדער פֿאַר באַגרענעצטקייט, אויב דאָס איז אויפֿריכטיק. פֿאַר צוויִעס האַלט ער עס מאַכמעס דעם וואָס די קאָמענדאַטור־אָפֿיצירן לעבן דאָ אינעם באַצוווּנגענעם לאַנד אָן שום זאָרג, בעיִיס אין דער היים בײַ זיך וואָלטן זיי געלעבט גלײַך מיט די מיליאָנען אַנדערע מענטשן און עפּשער נאָך אין ראַיאָנען וואָס האָבן געליטן פֿון דער מילכאָמע, אין פֿולשטענדיק כאָרעוו געמאַכטע שטעט. ער קען ניט גלייבן, אַז ניט געקוקט אויף דעם אונטערשיד אינעם לעבנס־ניוואָ, ווילן די סאָוועטישע אָפֿיצירן מיט אַן עמעסן אַהיימפֿאָרן. וואָראָבייצעוו פֿערזענלעך פֿילט זיך דאָ אין דײַטשלאַנד אויסגעצייכנט, און אַלע זאַכן, פֿון דעם קאַפּיטאַליסטישן פּריוואַטן אייגנטום ביז די שאַנדהײַזער, ניט נאָר רעגן זיי אים ניט אויף, נאָר זיי געפֿעלן אים.

ווען וואָראָבייצעוו מערקט זיך, אַז אויך טשאָכאָוו האָט זיך דערווײַטערט פֿון אים, פֿאַלט ער אַרײַן אין אַ אומעט, און ווען ער דערוויסט זיך ווער עס איז שולדיק דערין, נעמט ער אָן אַ טאַקטיק, אַן אַלטע ווי די וועלט: ער נעמט אויסריידן אויף קסעניען אַלערליי מיִעסקייטן.

מען קען ניט זאָגן, אַז וואָראָבייצעוו טוט עס אַלץ מיט דעם פֿולן באַוווּסטזײַן ווען ער נעמט זיך אונטער צו באַריידן אַ מענטשן אָן שום שולד פֿון יענעמס זײַט; ער טוט עס אויך דערפֿאַר וואָס ער איז איבערפֿולט מיט אומאַכטונג צו פֿרויען ביכלאַל און איז פֿון פֿאָרױס איבערצײַיגט אין יעדער אײנערס אומאָרנטלעכקייט. און ווען ער זאָגט, דעריבער, דאָ טשעגאָדאָיעוון, דאָ מענשאָוון, אַז קסעניאַ האָט זיך דאָ אויפֿגעפֿירט אינעם לאַגער און אויף דער פֿאַבריק ווו זי האָט געאַרבעט, אומאָרנטלעך, גלייבט ער אַליין דערין, כאָטש ער האָט ניט קיין שום באַווײַזן און זוכט זיי אויך ניט. ער האַלט אַפֿילע, אַז ער טוט דערמיט אַ טויווע טשאָכאָוון, ווען ער וואָרנט אים אומדירעקט פֿון נאָנטקייט מיט קסעניען.

עמעס, טשאָכאָוון גופֿע האָט ער ניט דעם מוט עפּעס צו זאָגן. און ער אַנטשליסט זיך ניט דערויף, ווײַל ער רעספּעקטירט טשאָכאָוון, ער בייגט דעם קאָפּ פֿאַר זײַן אויסגעהאַלטענעם כאַראַקטער, און רעספּעקטירן הייסט בײַ וואָראָבייצעוון מוירע האָבן. ער האָט ליב טשאָכאָוון אויך דערפֿאַר וואָס ער

האַלט אים פֿאַר זיך אַלס מוסטער, כאָטש אַ ניט־דערגרייכלעכן. אַ אומאַרנטלעכער מענטש וויל זײַן אָרנטלעך, אַ פֿלוידערזאַק וויל זײַן אַ שווײַגער, אַ צעוואָרפֿענער וויל זײַן אײַנגעהאַלטן, אַ פּאַכדן וויל זײַן מוטיק. מאָראַלישקייט, ווי זאָגט זיך עס אינעם עפּיגראַף צום פֿערטן קאַפּיטל „אָניעגין", ליגט אין דער נאַטור פֿון די זאַכן.

וואָראָנצייעוון קלינגט איינמאָל אָן, בעת ער איז דעזשורנע אין דער קאָמענדאַטור, דער פּאָליציי־שעף יאַסט. ער גיט אים צו וויסן, אַז אין איינעם פֿון די הייף האָט מען ווידער באַמערקט אַן אַמעריקאַנער מיליטערישן אויטאָמאָביל. וואָראָבייצעוו נעמט מיט זיך אַ זעלנער מיט אַן אויטאָמאַטישער ביקס און פֿאָרט צו אָפּן אָנגעוויזענעם אַדרעס.

וואָראָבייצעוו צעפֿרעגט זיך בײַ די שכנים, גייט אַרויף אָפֿן צווייטן שטאָק און בײַ איינעם אַ געוויסן מערקער, טרעפֿט ער דעם קאַפּיטאַן אָ׳סעליווען, וואָס איז אין דער קאָמענדאַטור שוין באַקאַנט ווי דער עמעסער פֿויגל. דער אַמעריקאַנער דערזעט דעם סאָוועטישן אָפֿיציר מיט דעם רויטן באַנד אָפֿן אָרבל, צעלאַכט ער זיך, ענטפֿערט גאָרניט און נעמט זיך קלײַבן אין וועג אַרײַן.

אין דער צײַט וואָס יענער קלײַבט זיך, רעדט דערווײַל וואָראָבייצעוו מיט דעם מערקערן. ער איז אַ פֿלינק מענטשל מיט וואָנצעלעך אַ לאַ היטלער. קיין באַשטימטע באַשעפֿטיקונג האָט ער ניט, ער מעקלערט, קויפֿט און פֿאַרקויפֿט. ווען זעלענבאַך איז געווען בירגערמײַסטער, האָט ער געאַרבעט אינעם שטאָטראַט און אונטער זײַן האַנט זײַנען געווען האַנדל און פֿינאַנצן, נאָר אָף יאַוואָרסקיס צודרינגלעכקייט האָט מען אים אַראָפּגעזעצט צוליב דעם וואָס פֿריער איז ער געווען אַ מיטגליד אין דער נאַציסטישער פּאַרטיי, און כאָטש ניט פֿון די גרויסע, איז ער דאָך געווען אַ טוער אין איר. זײַן וווינונג איז רײַך אויסגעשטאַט. פֿאַראַן דאָ אַ סאַך בראָנדזענע סטאַטועטקעס, טעפּעכער, שיין געשיר, בילדער, ווערטפֿול מעבל.

וואָראָבייצעוו גייט דורך די צימערן. מערקער באַגלייט אים.

— אַ שיינער טעפּיך, — זאָגט וואָראָבייצעוו און טאַפּט אָן מיט די הענט אַ גרויסן טעפּיך וואָס הענגט אָף דער וואַנט.

— איר קענט אים קויפֿן, הער קאַפּיטאַן, — זאָגט מערקער. — צוויי טויזנט מאַרק.

דאָס אייגענע זאָגט ער וועגן די אַנדערע זאַכן, וואָס וואָראָבייצעוו באַקוקט זיי:

— איר קענט עס קויפֿן, — און זאָגט אַ פּרײַז.

זײַן גאַנצע וווינונג, קענטיק, פֿאַרקויפֿט זיך אין הורט און לאַכאָדים.

נאָך דעם פֿאַל ווערט וואָראָבייצעוו אַן אָפֿטער גאַסט בײַ מערקערן. דער דײַטש באַקומט פֿאַר וואָראָבייצעוון אַלערליי זאַכן פֿאַר זייער ביליק, מאַכמעס דעם וואָס ער וויל זיך פֿאַרזיכערן מיט אַ שטיצע און מיט פֿאַרבינדונגען אין דער קאָמענדאַטור.

קעדיי אָפּצוגעוויינען טשאַכאָוון פֿון קסעניען, באַשטעלט וואָראָבייצעוו בײַ מערקערן אַ גוטן מאָטאָציקלעט; ער ווייס, אַז טשאַכאָוו טרוימט שוין לאַנג וועגן אַ מאָטאָציקלעט. עס דויערט ניט לאַנג, קלינגט מערקער צו וואָראָבייצעוון אין דער קאָמענדאַטור. וואָראָבייצעוו נעמט אויס טשאַכאָוון, און ביידע גייען זיי אָוועק אָף גנייזענאַו־שטראַסע, וווּ מערקער וווינט.

דער מאָטאָציקלעט איז אַן אויסגעצייכנטער, אַ שטאַרקער און זייער אַ שיינער. בײַ טשאַכאָוון צעגלאַנצן זיך די אויגן. ער זאָגט ניט אַ וואָרט, נאָר

ער זעצט זיך אויף און פאָרט ארויס פונעם הויף. טכילעס פאָרט ער פאַמעלעך, דערנאָך אַלץ שנעלער, און ווען ער איז שוין אויסער דער שטאָט, צעיאָגט ער זיך מיט גרויס שנעלקייט. דערבײַ איז דאָס פּנים בא אים אומדורכדרינגלעך רויִק, ווי ער וואָלט געזעסן אין א געבעטן שטול. נאָר אינעווייניק יובלט ער. די ווילד־שנעלע רײַזע אף דער מעכטיקער מאַשין וואָס פאָדערט א פּינקטלעך אויג און א פעסטן ווילן, איז טשאָכאָוון צום האַרצן.

ווען ער קומט צוריק צו מערקערן אין הויף צאָלט ער שווײַגנדיק אַף פאַרן מאָטאָציקלעט און רופט זיך אָן צו וואָראָבייצעוון:

— זעץ זיך אוועק פון הינטן.

וואָראָבייצעוו קנייטשט זיך פּאַכדאָנעסדיק, נאָר ער זעצט זיך אויף.

דער מאָטאָציקלעט רײַסט זיך ארויס פונעם טויער ווי א שטורעם. וואָראָבייצעוו ווערט בלייך. זיי יאָגן זיך איבער די גאַסן און אין א מינוט ארום זײַנען זיי שוין ארויס דער שטאָט. באַם פאַרקירעווען בייגט זיך דער מאָטאָציקלעט שיר ניט ביז דער ערד. דער ווינט רײַסט דעם קאָפּ פון די אַקסלען. וואָראָבייצעוו זיצט ניט טויט און ניט לעבעדיק, קלאַמערט זיך קרעמפּיק אָן טשאָכאָוון.

— קוועטש ניט — זאָגט טשאָכאָוו און קוקט זיך אום א רעגע צו וואָראָבייצעוון. טשאָכאָווס פּנים איז רויִק און ערנסט.

— וואָס קוקסטו זיך אום? — שרײַט וואָראָבייצעוו. — קוק פאַר זיך!

— קוועטש ניט — זאָגט ווידער טשאָכאָוו.

— לאָז מיך אראָפּ. — בעט זיך וואָראָבייצעוו. — אָדער יאָג ניט אזוי.

טשאָכאָוו יאָגט פּאַמעלעכער און פאָרט ארײַן צוריק אין שטאָט.

בא דער קאָמענדאַטור שטעלן זיך ארום די זעלנער. זיי באַקוקן דעם מאָטאָציקלעט, שאַצן זײַנע מײַלעס. אַף דער טיר קומט ארויס קסעניא. זי גייט אויף צו און באַקוקט דעם מאָטאָציקלעט. טשאָכאָוו איז שרעקלעך צעטומלט. ער ווייס ניט וואָס צו טאָן. זי וואַרט ער זאָל גיין מיט איר. ער קען דאָך אָבער ניט פאַר די זעלנער אין די אויגן נעמען און גיין, און דעם מאָטאָציקלעט איבערלאָזן אַף די זעלנערס השגחה. וואָראָבייצעוו דערווײַל זאָגט אפֿן קאָל צו די זעלנער:

— א גוט מאַשינדל?... דאָס האָב איך געקראָגן. קאַפּיטאַן טשאָכאָוו ווערט באַשטימט אַלס פּאָרזיצער פונעם זעלבסטמערדער־קלוב. אוי פאָרט ער! שנעל ווי דאָס קאָל. די גאַנצע צײַט האָרעלע פון טויט א פאַרגעניגן.

קסעניא קוקט זיך אײַן אין טשאָכאָוון און אומגעריכט פאַר אַלעמען זאָגט זי:

— נעמט מיך דורכפאָרן זיך.

טשאָכאָוו פלאַמט אויף פון פאַרגעניגן און ציט אָן דעם מאָטאָציקלעט. אַלע טרעטן אָפּ און דער מאָטאָ מיט טשאָכאָוון און קסעניען פאַרשווינדן אזוי שנעל ווי א ראַקעטע.

— אוף!... — זאָגט ווערעטעניקאָוו. — אָט דאָס הייסט געפאָרן!

— ער זאָל נאָר עמעצן ניט איבערפאָרן, — ווייגט מיטן קאָפּ ניעבאַבאַ.

— ער וועט ניט איבערפאָרן, — ענטפערט וואָראָנין. — א מענטש א קאַלטבלוטיקער. איך קען אים שוין פון לאַנג.

די זעלנער גייען ארײַן, און וואָראָבייצעוו שטייט לאַנג און וואַרט טשאָכאָוו זאָל צוריקקומען, און ווען ער קען זיך ניט דערוואַרטן, שפּײַט ער אויס און לאָזט זיך אַהיימגיין.

טשאַכאָוו און קסעניאַ זײַנען אַפּן מאַטאַציקלעט ווײַט אַוועק. ער קוקט אין שפּיגעלע. קסעניעס פּאָנעם איז רויִק און איז בלויז אַביסל פאַררויטלט פון דער שנעלער רײַזע.

— זעט, פאָרט נאָר ניט איבער עפּעס אַ דײַטש, — שפּאַסט זי. — דער פּאָדפּאָלקאָווניק וועט אײַך דערפאַר איינס און צוויי אין געריכט איבערגעבן... איר האָט אים געזאָגט וועגן מיר?

— נאָך ניט, — ענטפערט טשאַכאָוו. — הײַנט וועל איך אים זאָגן.

טשאַכאָוו פאָרט אַרײַן צוריק אין שטאָט, געזעגנט זיך מיט קסעניען און גייט צו לובענצאָוון אַהיים. לובענצאָוו האָט באַ זיך צו גאַסט דעם קאָמאַנדיר פונעם רעגימענט, פּאָלקאָווניק סאָקאָלאָוו. זיי עסן אָוונט־ברויט. טשאַכאָוו הערט אויס זייער געשפּרעך.

— אין פּאָליטיק פאַרשטיי איך גאָרניט, — זאָגט סאָקאָלאָוו. — מײַן זאַך איז דער פּאָלק. איך אָף אײַער אָמט וואָלט דאָ אומגעקומען. אַ דער־ווידערדיק שטיקל אַרבעט! יעדן טאָג אַ נײַעם פּלאַנטער, גיי קריך אין יענעמס נעשאָמע, ביפראַט נאָך אין דער נעשאָמע פון אַ גאַנץ פּאָלק, און נאָך פון וואָס פאַר אַ פּאָלק! איך האָב זיי ניט ליב, אָרנטלעך גערעדט.

לובענצאָוו ענטפערט:

— דאָס פאַרשטיי איך ניט. איך בין אויך ניט קיין פּאָליטיקער, כאָטש איך בין דערמיט אַ האָר ניט שטאָלץ. און דײַטשן? דײַטשן זײַנען מענטשן וואָס לעבן אין דײַטשלאַנד און רײדן דײַטש. איך קען ניט גלייבן און אָנער־קענען, אַז נידערטרעכטיקייט איז אַ באַזונדערער שטריך פון אַ פּאָלקס־כאַ־ראַקטער. פון אָט דעם שטאַנדפּונקט ביז ראַסיזם איז ניט מער ווי איין שפּאַן. מיר האָבן זיי דאָך געשלאָגן קעגן ראַסיזם. ניין, כאָווער פּאָלקאָווניק! מיר פאַרנעמען זיך איצט, איך מיט יאַוואָרסקין, מיט דער שול־פראַגע. אין שאַיכעס דערמיט האָב איך די טעג געלייענט אַ דײַטשע שול־כרעסטאָמאַטיע פון די היטלערס צײַטן. פאַראַן איז דאָרט אַ קאַפּיטל וואָס רופט זיך „דער רוס", זאָגט זיך אין אים וועגן אונדז אָט וואָס: „דער רוס איז בלאָנד, פויל, ביטרע, האָט ליב צו טרינקען און צו זינגען". דאָס גאָר. ווי וועגן עפּעס אַ קליינניקן פאַרוואָרפענעם שייוועט רעדט זיך דאָ וועגן אַ גרויס פּאָלק מיט אַ גרויסער און קאָמפּליצירטער געשיכטע... דאָס קלינגט פּונקט אַזוי איבערצײַגנדיק, ווי דאָס וואָס מיר פלעגן זאָגן וועגן די דײַטשן: דער דײַטש איז פּינקטלעך, קאַרג, פּעדאַנטיש, גרויזאַם..."

— נו, האָט איר זיך אָף מיר אַרויפגעוואָרפן, — צעלאַכט זיך סאָקאָ־לאָוו. — מיילע, אַנטשולדיקט, איך בין מאַסקים. דאָך, וועט אײַך זײַן ניט זיס מיט זיי.

— דאָס ווייס איך! — צעלאַכט זיך אויך לובענצאָוו, נאָר באַלד ווערט ער ווידער ערנסט. — איך מוז אײַך אָבער זאָגן, אַז מײַן אַרבעט ווערט וואָס אַ טאָג אַלץ גרינגער מיט דעם פּאָליטישן וווּקס פון די דײַטשן גופא. די קאָמו־ניסטישע אָרגאַניזאַציע איז קאָלאָסאַל אויסגעוואַקסן, די סאָציאַל־דעמאָקראַ־טן ווערן לינקער. און די אַרבעטער! די אַרבעטער וועלן נאָך זאָגן זייער וואָרט, איר וועט זען.

טשאַכאָוו הערט אויס דעם געשפּרעך און עס טוט אים באַנג וואָס קסע־ניאַ איז דאָ נישטאָ. ער איז זיך פאַרדראָסיק מודע, אַז ער וועט ניט קענען איבערגעבן קסעניען לובענצאָווס ווערטער מיט אַזאַ איבערצײַגונג ווי זיי זײַנען אַרויסגעזאָגט געוואָרן. און ווען ער דערמאָנט זיך וועגן קסעניען, דער־פילט ער אַ מאָדנעם און אָנגענעמען שטאָך אין דער ברוסט.

ווען סאָקאָלאָוו גייט אוועק, פרעגט לובענצאָוו בײַ טשאַכאָוון:
— איר זײַט צו מיר געקומען מיט עפּעס אַן איניען, וואַסילי מאַקסי־מאָוויטש.
— ניין, — זאָגט טשאַכאָוו נאָך אַ רעגע שווײַגן, — געוואָר ווערן אַרײַנ־געקומען. — ער גיט צו: — אַ מאַטאָציקלעט האָב איך געקויפט.
— זעט, פאָרט ניט איבער עמעצן, — שמייכלט לובענצאָוו. — איר'ט נאָך אונטערן טריבונאַל אַרונטערפאַלן.

XXII

לובענצאָוו מיט יאַוואָרסקין פאַרנעמען זיך אויף אַן עמעסן מיט דער „שול־פראַגע". דאָס איז גאָרניט אַזאַ פּאַשעטע פראַגע. די לערער זײַנען פריער דורכויס געווען מיטגלידער פון דער נאַציסטישער פּאַרטיי. די לערביכער האָט מען געמוזט פאַרבאָטן צוליב זייער אויסדריקלעך פאַשיסטישן כאַראַקטער. פון אַלטשטאָט לייגט מען פאָר אָרגאַניזירן סעמינאַרן פאַר נײַע לערער און צוזאַ־מענגעמען די לערביכער פון דער „ווײַמאַר־רעפּובליק". ביז מען וועט אין בערלין צוזאַמענשטעלן נײַע.

אין שײַכעס דערמיט קומט לובענצאָוו אויפן זין עריקאַ. ער וווּנדערט זיך דערויף וואָס זי טוט גאָרניט, זי שפּילט גאַנצע טעג אויפן ראָיאַל, — ער הערט דעם ראָיאַל שפּילן אין דער פרי ווען ער גייט צו זײַן אַמט, און אין אָוונט ווען ער קומט אַהיים. ער קען ניט פאַרשטיין וויאַזוי קען אַט דאָס דערוואַקסענע, קלוגע און געבילדעטע מיידל גאָרניט טאָן. זוכט זי אַ כאָסן צי וואָס? אים וווּנדערט און ערגערט איר לײדיק גיין. ווען ער קומט צו סעבאַסטיאַנען, זיצט זי שטענדיק אין ווינקל, טייל מאָל שטריקט זי עפּעס און ניט זעלטן מישט זי זיך אַרײַן אינעם געשפּרעך, זאָגט אַרויס געזונטע געדאַנקען וועגן אַ צוויי־טנס אַרבעט, נאָר קיינמאָל ווײַזט זי ניט אַרויס דעם ווילן עפּעס צו טאָן פאַר דעם אַלגעמיינעם נוצן. דערבײַ קוקט זי אויף לובענצאָוון מיט אַן אָפענעם און קלאָרן בליק, פון וועלכן ער דערפילט זיך אומבאַקוועם.

איין מאָל קומט ער אַרײַן צו סעבאַסטיאַנען און טרעפט אים ניט אין דער היים.

— דער פאָטער וועט באַלד קומען, — זאָגט עריקאַ. — וואַרט צו אַ ווײַלע. איך האָב קאַפע שטיין אויפן טיש.

— גוט, — זאָגט לובענצאָוו נאָך אַ ווײַלע איבערקלערן. — אַגעוו, האָב איך מיט אײַך וועגן עפּעס אַן איניען צו ריידן.

זי קוקט אויף אים מיט שטוינען. זיי גייען אַרײַן אין עס־צימער און זעצן זיך קאַפע טרינקען. ער רופט זיך אָן:

— מיר האָבן באַשלאָסן גרינדן אַ לערער־סעמינאַר. נעמט אײַך אָרגאַ־ניזירן די זאַך. איר וועט זיך אַליין לערנען. מיר דאַכט זיך איר וועט זײַן אַ גוטע לערערקע. מירן אײַך אָפּגעבן דעם שאַלעט ווו עס איז געווען די ענגלישע קאָמענדאַטור. איר וועט צוזאַמענגעמען גוטע מענטשן, קלוגע, טיכטיקע... איר וועט פאַר זיי אונטערקלײַבן לעקטאָרן. אינעם אוניווערזיטעט אין האַללע ווערט געעפנט אַ צוויי־יאָריקער צוגרייטונגס־סעמינאַר פאַר אַרבעטער און פּויערים. דאָס איז אַ וויכטיקע פראַגע פרײַלן עריקאַ. פון איר לייזונג הענגט אַ סאַך אויף די צוקונפט פון דײַטשלאַנד.

— איר מיינט, אַז איך וועל עס קענען? — פרעגט זי.

— נאַטירלעך, וועט איר עס קענען! וואָס איז דאָ נישט צו קענען? מירן

אײַך אַרויסהעלפֿן, דער פֿאָטער, די קאָמוניסטן, די אַנדערע דעמאָקראַטישע פּאַרטייען — אַלע וועלן אײַך העלפֿן. — ער שמייכלט. — דער ראָיאַל וועט פֿון אײַך ניט אַנטלויפֿן. ווי קענט איר אין אַזאַ צײַט שטיין אָן אַ זײַט פֿונעם לעבן? קען מען דען אַזוי? אַך, ווי ניט גוט, מאַמעשי פֿון די הענט אַרויסלאָזן... אירט מיר אַנטשולדיקן וואָס איך רעד צו אײַך אָפֿן...

זי זיצט אומבאַוועגלעך אַף דער קושעטקע מיט דער קאַלט־געוואָרענער טאַזע קאַפֿע אין די הענט. אַ געשטרעקטע, אַ הויך־פּיסיקע, מיט קורצע טונקל־בלאָנדע האָר, מיט אַ פֿײַנעם צאַרטן פּנים און אָפֿענעם בליק, וואָס איז גלײַך אַף אים אָנגעשטעלט, איז זי אים מיט אַ מאָל אַזוי געפֿעלן, אַז ער צווינגט זיך די אויגן אָפּצוּווענדן אָן אַ זײַט און פֿאַרלירט דעם פֿאָדעם פֿונעם געשפּרעך. בײדע זיצן זיי אַ מינוט און שווײַגן. דער זייגער איבערעם שכייניש צימער שלאָגט פֿאַמעלעכן נײַן מאָל.

— סאַראַ מאָדנער מענטש איז זײַט, — רופֿט זי זיך פּלוצעם אָן. — אײַך אינטערעסירט אַ פּאָנעם קיין זאַך ניט אַף דער וועלט, אַחוץ אײַער אַרבעט.

— גוט וואָס איר האָט מיר דערמאָנט, — זאָגט ער און וואַרפֿט פֿון זיך אַראָפּ די פֿאַרגליווערונג און שטייט אויף. — מען וואַרט אַף מיר אין דער קאָמענדאַטור.

זי שטייט אויך שנעל אויף, מאַכט אַ טראָט צו אים און זאָגט צו אים מיט אַ שטים וואָס קלינגט אײַנבעטנדיק:

— גייט ניט אַוועק. איך בעט אײַך. — זי קומט צו זיך און נעמט ריידן שוין מיט אַ געוויינלעכן טאָן: פֿון מינוט צו מינוט קומט אַרײַן דער פֿאָטער. אײַער פֿאָרשלאָג געפֿעלט מיר. איר זײַט גערעכט, און אַ דאַנק אײַך פֿאַר דער אָפֿנהאַרציקייט.

„מען דאַרף גיין״ — הערט ער ניט אויף קלערן, נאָר ער זעצט זיך ווי־דער אַוועק. צום גליק עפֿנט זיך די טיר און סעבאַסטיאַן קומט אַרײַן.

— פֿאָטער, — גייט אים עריקאַ אַקעגן. — דער הער לובענצאָוו לייגט מיר פֿאָר זיך פֿאַרנעמען מיט אָרגאַניזירן אַ לערער־סעמינאַר און אויך ווערן אַ לערערקע.

סעבאַסטיאַן צעעפֿנט אַזש די אויגן.

— וועמען? דיר? — פֿרעגט ער און ווענדט זיך צו לובענצאָוון: — איר מיינט עס ערנסט?... — ער פֿאַרטראַכט זיך אַן אויגנבליק. — פֿאַרוואָס טאַקע ניט? דאָס איז אַפֿילו אינטערעסאַנט. פּאַשעט אַן אויסגעצייכנטע אידייע!

— ער נעמט שפּאַנען איבערן צימער און קוקט שעלמיש דאָ אַף עריקען, דאָ אַף לובענצאָוון און זאָגט: — אין אײַך, הער לובענצאָוו, ליגט פֿאַרבאָרגן אַ גרויסער פּעדאַגאָג און אַ מענטשן־קענער. אײַער פֿאָרשלאָג זאָגט אײדעם דערוועגן. און איך טראַכט אַלץ צו וואָס זאָל זי זיך נעמען און מיר פֿאַלט קיין שום זאַך ניט אײַן. אַגעוו, בין איך דאָך אַליין אַ לערער, און רעכן זיך ניט צווישן די לעצטע. נו, און דו, עריקאַ? ווי איז דײַן מיינונג?

— איך וועל פּרוּוון, — זאָגט זי צערודערט און פֿריידיק.

— עס פֿרייט מיך זייער... — נעמט לובענצאָוו ריידן, נאָר סעבאַסטיאַן שלאָגט אים איבער:

— אָך, לאָזט אײַך אָפּ פֿון די דיפּלאָמאַטישע שפּראַך־מאַנירן. איר האָט גאַנצע נעסטן מיט שאַרפֿזיניקע אידייען בײַ אײַך אין קאָפּ, אָט דאָס קען איך אײַך זאָגן... אַגעוו, האָט איר שוין געהערט? פֿלעדער איז אַנטלאָפֿן אַף מײַרעוו! — לובענצאָוו ווייס נאָך ניט דערפֿון, און סעבאַסטיאַן איז שטאָלץ

מיט זײַן אינפּאָרמירטקייט. — איך וואַקס אַלס לאַנדראַט, — צעלאַכט ער זיך. — איך האָב זיך פריער פון אײַך דערוווּסט אַ וויכטיקע נײַס.

ווען לובע:צאָוו גייט אַוועק און סעבאַסטיאַן גייט שלאָפן, דערהערט זיך אַ לאַנגער קלינגען אין דער פּאָדעריטיר, עס דערהערן זיך הילכיקע טריט און צוגעשטיקטער געשפּרעך. דאָס איז וואַלטער געקומען פון בערלין, אַלץ מיט דעם זעלביקן אַמעריקאַנער, מאַיאָר קאָללינס.

זיי זײַנען פאַרבליבן אין בערלין לענגער ווי זיי האָבן גערעכנט. ניט געקוקט אַף דער פאַרשפּעטיקונג האָבן זיי געבראַכט פאַר עריקען, צו איר געבוירנטאָג אַ סאַך מאַטאַנעס. קאָללינס טראָגט איר אונטער אַ שאַכטל מיט זאַכן און אַ גאַנצן באַגאַזש־קאַסטן מיט פּראָדוקטן — קאַפע, שאָקאָלאַד און אַלערליי קאָנסערוון. זיי האָבן ניט די מעגלעכקייט לאַנג צו פאַרבלײַבן און טרעטן דערום גלײַך צו צום איניען. קאָללינס, אַגעוו, איז שטאַרק שיקער און באַטייליקט זיך ניט אינעם געשפּרעך, דערפאַר אָבער טראָגט אַלץ דער שאָפער, אַ געוויקסיקער נעגער, פאַרשידענע שאַכטלען און פּודלען פונעם אויטאָמאָביל אַרויס: קאָללינס האַלט דאָס פאַר דער בעסטער אַגיטאַציע.

וואַלטער צערעדט זיך מיט דעם פאָטער וועגן אַריבערפאָרן אַף מײַרעוו, נאָר ער באַקומט אַ נאָך מער אויסמײַדנדיקן ענטפער ווי דעם ערשטן מאָל.

— לאָמיר אָפּוואַרטן, — זאָגט אים סעבאַסטיאַן. לאָמיר זיך ניט אײַלן מיט דעם איניען. מיר ווילט זיך זייער זײַן מיט דיר, נאָר דערווײַל בין איך נישט גרייט צו אַזעלכע וויכטיקע באַשלוסן... דערצו אויך מוז מען זיך ריכטן, אַז עס וועט געשלאָסן ווערן אַ פרידנס־אָפּמאַך, און דעמאָלט...

— אַ פרידנס־אָפּמאַך! — צעשמייכלט זיך ביטער וואַלטער. — ריכסטו זיך מיט אַן עמעסן אַף אַזאַ אָפּמאַך?

עריקאַ רופט זיך אָן פײַנטלעך:

— איצט איז ניט די צײַט צו ריידן דערפון. אין דער פרי וועסטו דערפון ריידן. צײַט שלאָפן גיין.

דאָך, איז אויך אין דער פרי ניט אויסגעקומען צו ריידן דערפון. עמעצער האָט צו וויסן געגעבן אין דער קאָמענדאַטור, אַז אין שטאָט האָט זיך ווידער באַוויזן אַן אַמעריקאַנער אויטאָמאָביל. כאָטש דאָס מאָל האָט קאָללינס אָנגעזאָגט דעם שאָפער ער זאָל זיך ניט אָפּשטעלן בא סעבאַסטיאַנען אין הויף, ווו דער קאָמענדאַנט וווינט, און דער שאָפער איז פאַרפאָרן אין אַ צווייטן הויף, האָט מען אים דאָרט אויסגעפונען און ער האָט געמוזט צופירן דעם קאָמענדאַנטישן פּאַטרול צום לאַנדראַטס שאַלעט, ווו קאָללינס האָט גענעכטיקט.

פאַרטאָג קלינגט מען אָן אין שאַלעט און וואָראָבייצעוו, וואָס האַלט יענעם טאָג ווידער די דעזשורסטווע אין דער קאָמענדאַטור, פאָדערט אויף דעם אַמעריקאַנער ער זאָל טייקעף אַרויספאָרן. קאָללינס אַקשנט זיך טבילעס, נאָר וואָראָבייצעוו פאַררופט זיך אַף דעם קאַטעגאָרישן באַפעל. קאָללינס זידלט זיך אויס אין ענגליש און אין רוסיש און מוז זיך אונטערגעבן. ער וועקט אויף וואַלטערן. וואַלטער איז שרעקלעך בייז און רופט זיך אָן צום פאָטער:

— אָט האָסטו דיר דײַן אָפיציעלער אַמט! האָסט אַפילע קיין רעכט ניט אויפצונעמען בא זיך דײַן אייגענעם זון.

— דעם אייגענעם זון, וואָס פאָדערט מיך אויף צו אַנטלויפן פון דעם אָפיציעלן אַמט, — ענטפערט אים סעבאַסטיאַן גיפטיק, און דאָך כאַפּט ער אַף זיך דעם מאַנטל איבערן פּיזשאַמע און לויפט צו לובענצאָוון.

— איך וועל מוזן אַרויסקלײַבן זיך פון אײַך, — דרייט לובענצאָוו מיטן קאָפּ. — איך ווײַז צו נאַכט און אײַך צוליב מוז איך פאַרקוקן די באַפעלן

פֿון מײַנע עלצטע. די אַמעריקאַנער מוזן זיך האַלטן באַם אײַנגעשטעלטן מאַרשרוט — אַזוי האָבן צווישן זיך אויסגענומען זשוקאָוו און אײַזענהאָווערן.

— ביטע, שיקט אַרויס דעם אַמעריקאַנער, נאָר מײַן זון...

דערויף האָבן זיי זיך צונויפֿגערעדט. וואָראָבייצעוו באַקומט אַ באַפֿעל ער זאָל איבערלאָזן וואַלטערן און דעם אַמעריקאַנער איבערשיקן אַף דער אַנדערער זײַט דעמאַרקאַציע־ליניע, נאָר וואַלטער גייט דערויף ניט אײַן און פּאָרט אָפּ אינאיינעם מיט קאָללינסן.

דער אַמעריקאַנישער מאַיאָר קאָללינס זעט אויס אין וואָראָביצעווס אויגן אַן אויסגעצייכנטער יאַט. אַף זײַן פּאַרבעטונג זעצט זיך וואָראָבייצעוו אַרײַן צו אים אינעם אויטאָמאָביל, און הייסט זײַנעם אים נאָכפֿאָרן. קאָללינס פּלוידערט די גאַנצע צײַט אין דײַטש, ער איז מעכאַבעד וואָראָבייצעוון מיט דזשין, און אַף לעצט פֿאַרבעט ער אים צו זיך צו גאַסט קיין פֿראַנקפֿורט, ער גיט אים אַ געניויען אַדרעס און זאָגט אים צו בערג מיט פֿאַרגעניגנס.

ווײַזט זיך אַרויס אַז זיי האָבן געמיינזאַמע באַקאַנטע. ווען וואָראָבייצעוו דערציילט אים, אַז ער איז באַקאַנט מיט אייניקע אָפֿיצירן וואָס זײַנען געווען בעיים דער פּאָטסדאַמער קאָנפֿערענץ, אין דער באַוואַכונג פֿון די אַמעריקאַנער דעלעגאַטן, און האָט אָנגערופֿן דעם פֿאַמיליען־נאָמען אואַיט, שרײַט קאָללינס אויס:

— פֿרענק אואַיט! ווי הייסט, איך קען אים זייער גוט. ער געפֿינט זיך אויך אין פֿראַנקפֿורט, ער דינט אין דער פֿאַרוואַלטונג, ניט אין מײַן אָפּטייל, נאָר אין אַ צווייטן. אַן אויסגעצייכנטער אָפֿיציר... ער האַלט זייער שטאַרק פֿון די רוסן. אַגעוו, קען ער ניט שלעכט רוסיש.

— יאָ, — באַשטעטיקט וואָראָבייצעוו. — דאָס איז ער. פֿרענק, יאָ.

— ער דערמאָנט זיך די „אָפּעראַציע" מיט די רינגלעך און בלײַבט שטיל אַ צערודערטער.

— אַ ביז גאָר אָרנטלעכער אָפֿיציר, — איז קאָללינס באַגײַסטערט פֿון אואַיטן. — מיר דאַכט זיך, אַז ער איז שוין גאָרניט קיין לייטענאַנט, — ער האָט באַקומען אַ העכערן ראַנג. ווי איז אײַער פֿאַמיליע? איך וועל אים אומבאַדינגט איבערגעבן, אַז איך האָב געהאַט דעם קאָוועד מיט אײַך זיך צו באַקענען — עמעס, באַ אַזעלכע אומאָנגענעמע אומשטענדן... אמת איז אמת, נאַטירלעך.

וואָראָבייצעוון גייט פֿונעם קאָפּ ניט אַרויס די געשיכטע מיט די רינגלעך, און עס טוט אים שוין ביכלאַל באַנג וואָס ער האָט דערמאָנט אואַיטן. ער זאָגט, אַז אואַיט ווייס ניט ווי זײַן פֿאַמיליען־נאָמען איז, ער קען אים נאָר באַם נאָמען: וויקטאָר.

סעבאַסטיאַן דער זון שווײַגט דעם גאַנצן וועג און מישט זיך ניט אַרײַן אינעם געשפּרעך, אַף קאָללינס ווענדונגען צו אים, ענטפֿערט ער נאָר מיט די איינזילביקע „יאָ" און „ניין".

באַם שלאַגבוים פֿון דער דעמאַרקאַציע־ליניע שפּרינגט אַרויס קאָללינס פֿונעם אויטאָמאָביל אינאיינעם מיט וואָראָבייצעוון. ער טרייסלט אים לאַנג די האַנט און כאַזערט איבער זײַן פֿאַרבעטונג.

— קום צו פֿאָרן אומבאַדינגט, — זאָגט ער און גייט שוין איבער אַף דו. — וועסט זײַן צופֿרידן. מירן צופֿאָרן אַף אַ פּאָר טעג קיין פּאַריז, דו ביסט נאָך נישט געווען אין פּאַריז? אַ שאָד. די שטאָט פֿאַרדינט דעם נאָמען וואָס זי האָט. מיר פֿאָרן אַהין אָפּט, מיט דערלויבעניש און אָן דערלויבעניש.

צוריקוועגס, טראַכט וואָראָבייצעוו וועגן דעם קאָללינס, און ווידער פילט ער צו דעם אואַיַטן, ביכלאַל צו אַלע אַמעריקאַנער, אַ לײַכטן געפיל פון קינע. פאַר יעדן פון זיי פערזענלעך וועט ער קיין גראָשן געבן, ער באַציט זיך אפילע צו זיי, צו יעדן איינעם באַזונדער, מיט אַ געוויסן פאַראַכטונגס־געפיל, און טיילט די מיינונג פון אַ סאַך סאָוועטישע אָפיצירן, אַז די אַמעריקאַנער זײַנען ניט קיין קעמפער, און אַז זיי איז גרינג געוועזן צו קלאַפּן די דײַטשן דעמאָלט ווען זיי זײַנען שוין געווען אוממעכטיק. ער איז מעקאַנע זייער צעהעפקערט לעבן און ער שטעלט זיך פאָר די אַמעריקאַנער אָקופּאַציע־זאָנע און גאַנץ מײַרעוו־אייראָפּע ווי אָן ארענע פאַר גרענעצלאָזער צעהוליעטקייט, פון שטאַרקע אײַנדרוקן און אומגעוויינלעכסטע אַוואַנטורעס — פון דעם אַלעמען, וואָס איז קימאַט ניט דערגרייכלעך אין די באַדינגונגען פון דער סאָוועטישער זאָנע אונטער דער אויפזיכט פון די ערנסטע אייגן באַ די סאָוועטישע הויכע באַאַמטע.

יאָ, די סאָוועטישע הויכע באַאַמטע האָבן ערנסטע אויגן, און אַלץ וואָס זיי טוען, טוען זיי ערנסט. זיי ווילן ערנסט אָף אַ ראַדיקאַלן אויפן ענדערן די באַדינגונגען פונעם דײַטשן לעבן, זיי נעמען ערנסט די באַשלוסן פון די אינטערנאַציאָנאַלע קאָנפערענצן, און זייערע פליכטן, זיי טראַכטן ערנסט וועגן מאַכן די דײַטשן פאַר פרידנסליבנדיקע מענטשן. זיי זײַנען מאַטעריאַליסטן און לייקענען עס ניט, און גלייבן אין אידייען און אידעאַלן, אין וועלכע עס גלייבן אַ האָרעלע ניט די אַמעריקאַנער, כאָטש זיי פאַררופן זיך אומעטום — אפילע אין די רעדעס פון די העכסטע אָפיציעלע פערזענלעכקייטן — אָף גאָט, אָף דער האַשגאָכע און אָף דער העכסטער גערעכטיקייט.

אין דער קאָמענדאַטור טרעפט וואָראָבייצעוו אַ געוויינלעכע באַראַטונג — איינע פון די באַראַטונגען וואָס קריכן אים שוין פון האַלדז און זײַנען אַ שטויגענדיקער קאָנטראַסט מיט דער וועלט, וואָס איז אים ערשט דורכגעלאָפן פאַר די אויגן. עס האַנדלט זיך וועגן פאַרפעסטיקן די מעלוכישע און זריִע־ווירטשאַפטן און ביכלאַל וועגן דער זריִע־פראַגע פאַר דעם קומענדיקן פרילינג־פאַרזיי; וועגן צעגטנערס קאַרטאָפל, וועגן דער אַנטוויקלונג פון אָרטיקער טאַבאַק־פלאַנצונג און אַנדערע אַזעלכע איניאָנים, וואָס וואָראָבייצעוון גייען זיי אָן ווי גאָרניט. ער קוקט פאַרוואונדערט אָף די קאָמענדאַטור־אָפיצירן, וואָס פאַרנעמען זיך ערנסט מיט די פראַגן.

XXIII

דאָס וואָס לובענצאָוון זעט עס אויס אַזוי וואָכעדיק און אָפּגעשמאַקט, רירט און האַלט באַזאָרגט און פאַרכאַפּט די איבעריקע אָפיצירן און ביפראַט לובענצאָוון, ביז דער טיפעניש פון האַרצן. יעדע נײַע אַנטפּלעקונג פון באַוווסטזײַן און זעלבסטאָפּפערונג באַ וועמען עס איז פון די דײַטשע אַרבעטער און פויערים איז פאַר זיי אַ יאָנטעוו, יעדער דורכפאַל ערגערט זיי ווי אַ פערזענלעכער אומגליק.

נאָר לובענצאָוו איז לעצטנס באַאומרויִקט פון אַ מאָדנעם צושטאַנד, וואָס איז אים פריער ניט באַקאַנט געווען. אין די אָוונטן, ווען ער בלײַבט אַליין, פילט ער אַ מין געהער־האַלוצינאַציעס. עס קלינגט אים אָן אויפהער אין די אויערן דײַטש, ער הערט פאַרשידענע שטימען — פרויען־שטימען, מענערישע און קינדערישע, יונגע און פון עלטערע מענטשן. צווישן זיי דערקענט ער אָפט באַקאַנטע קולעס, וואָס ער האָט געהערט אין פאַרלויף

פונעם טאָג און כאַזערן שנעל און דײַטלעך איבער וואָס עס האָט זיך געערדט באַטאָג. מיט דער אומענדלעכער פּיל־שטימיקער געשפּרעך דערפירט אים ביז ציין־קריצעניש. ער שלאָפט שלעכט. „צי גיי איך ניט אַראָפּ פון זינען?" — טראַכט ער זיך טייל מאָל און גליווערט פון שרעק. דאָס איז אַ נערוון־פאַרמאַטערונג, נאָר ער, וואָס האָט קיינמאָל פריער נישט געוווּסט פון קיין פאַרמאַטערונג אַכוץ פיזישער, איז שטאַרק אומרויִק.

זיין צושטאַנד באַהאַלט ער אויס פון אַלעמען, אַפילו פון וואַראַנינען. דער דורכדרינגלעכער וואַראַנין באַמערקט, פון דעסטוועגן, דעם באַלקאָוו־ניקס קראַנקן אויסזען און קומט אַריין אין די אָוונטן צום קאָמענדאַנט אין שטיבל און לובענצאָוו איז אים דערפאַר דאַנקבאַר. וואַראַנין פּרוּווט ווען ניט ווען פאַרזיכטיק אָנצומערקן לובענצאָוון אַז ער וואָלט געדאַרפט אָפּרוען, נאָר לובענצאָוו וויל דערפון ניט הערן, וואָרעם פאַראַן אַ סך וואָס צו טאָן און לובענצאָוו איז אויך ניט געוויינט אָפּצורוען.

אַפילו דעמאָלט ווען ער גייט אַרויס אין אַ זונטיק שפּאַצירן אַ ביסל אין גאַס, הערט ער ניט אויף צו זיין קאָמענדאַנט, מאַכמעס ווי ער זאָל ניט זיין, ווענדט מען זיך צו אים מיקויעך אַלערליי אינייאָנים, מען בעט, מען קלאָגט זיך. איין מאָל דערמאָנט ער זיך ווי מען האָט אים ניט דערקענט אין אויפנאָס־זאַל בא עריקאַ סעבאַסטיאַן, ווען ער האָט געטראָגן דעם ציווילן אָנצוג. ער באַשליסט אויסצוניצן דאָס מיטל און אין די זונטיקן אַרויסגיין שפּאַצירן איבער דער שטאָט ציוויל, קעדיי מען זאָל אים ניט דערקענען. ער האָט מיסטאָמע זיין ציל דערגרייכט, וואָרעם מען האָט אים מיט אַן עמעסן ניט דערקענט. ער גלייבט זיך אָבער ניט די אייגענע אויגן, ווען ער באַמערקט, ווי גוט־באַקאַנטע מענטשן גייען פאַרביי און קוקן זיך ניט אום צו אים. אַלץ וואָלט געווען אויסגעצייכנט ווען זיין אייגענער אומגעצווימטער כאַראַקטער וואָלט זיך ניט אַקעגנגעשטעלט אַט דעם אייגנאַרטיקן אויפן אָפּרוען פון זיינע אַמטלעכע זאָרגן. דערזעט ער וועלכע עס איז אומאָרדענונג — אַ געסל וואָס איז נאָך פאַרוואַלגערט מיט בראַכוואַרג, אַ קראָם, אַ קינאָ־טעאַטער אָדער אַ בירשענק, וואָס שטייט נאָך געשלאָסן, זוכט ער טייקעף אויס די שולדיקע דערין. קאָמיש איז אים ווי זיי נעמען טביִעס ריידן צו אים כוצפּעדיק און נאָכגעלאָזן און דערנאָך, ווען זיי דערקענען דעם „אָבערסטליטענאַנט דאַוואַי" כאַפּן זיי זיך אַנטשולדיקן אָדער זיך קלאָגן.

איינמאָל פאַרבלאָנדזשעט ער אַף קליין־פּעטערשטראַסע — די גאַס פון די שאַנדהייזער, וועגן וועלכער ער האָט געוווּסט פון הערן און ער זעט זי איצט צום ערשטן מאָל. די גאַס מאַכט אַף אים אַ שרעקלעכן איינדרוק, און ער גייט אויפזוכן דעם בירגערמייסטער פאַרלענדער. ער טרעפט אים בא אַ פּאַרטיע פּרעפעראַנס מיט ווינעצקין און אַנדערע כאַווייריִם, וואָס פאַרוואַלטן אינעם ראַטהויז מיט קולטור־פּראַגן.

פאַרלענדערס פרוי לאָזט נישט נעמען אַריין אין שטוב דעם אומבאַקאַנטן מענטשן, וואָס פאָדערט טייקעף צו זען דעם בירגערמייסטער, און זי נעמט אים אָן, צוליב זיין האַרטער אויסשפּראַך, פאַר אַ באַלטישן דייטש.

— איר שפּילט? — פרעגט ער בא פאַרלענדערן און קוקט בייז און מיט כוויזעס דאָ אַף איינעם דאָ אַפן צווייטן פון די שפּילער.

ער צעלאַכט זיך ווען ער דערזעט דעם בירגערמייסטערס שטוינענדיקן און ניט פאַרשטייענדיקן פּאָנעם, וואָס קוקט אים אין די אויגן און דערקענט אים ניט. ערשט אין אַ מינוט אַרום גיט זיך פאַרלענדער אַ פּאַטש איבער דער קני און צעשווימט זיך אין אַ שמייכל:

— הער פּאָדפּאָלקאָווניק! אינעם הוט איז אײַך נישט צו דערקענען!

— דאָס איז גאַנץ נאַטירלעך, — ענטפֿערט לובענצאָוו, — ווען איר וואָלט געווען דאָרט ווו איך בין ערשט געווען, וואָלט איר זיך אויך געביטן אָפֿן פּנים.

ער דערציילט זיי וואָס ער האָט אַף יענער גאַס געזען. זיי רעאַגירן דערויף וואָס ער דערציילט זיי, זייער אײַנגעהאַלטן און שוידערן גאָרניט אויף, וואָרעם אַלץ איז זיי באַקאַנט און ווערט באַטראַכט ווי גאַנץ נאַטירלעך. נאָר פֿאָרלענדער גיט נאָך דעם קאָמענדאַנטס צודרינגלעכקייט און זאָגט, אַז מאָרגן וועלן זיי גיין אַ קוק טאָן, און אין די נאָענטסטע טעג די פֿראַגע ארויפֿשטעלן אָפֿן טאָגאָרדענונג באַ אַ זיצונג פֿונעם שטאָטראַט.

— פֿאַרוואָס מאָרגן? קומט שוין. איר האָט ליב אַלץ אָפּלייגן אַף מאָרגן.

זיי טוען זיך אָן אין ביישעק. ער לאָזט זיך גיין אינאיינעם מיט זיי, נאָר דערנאָך דערמאָנט ער זיך פֿאַרדראָסיק, אַז ער דאַרף גאָר אָפּרוען און לאָזט זיי אַליין צוגיין. אַליין לאָזט ער זיך שפּאַצירן איבער דער שטאָט.

פּראָסטיטוציע אין לויטערבורג איז ניט באַשרענקט אַף בלויז קליינפּעטערשטראַססע. זי איז פֿאַראַן אין פֿאַרשידענע פֿאָרמען, און איינע פֿון די פֿאָרמען, זײַנען די כּאַסענע־אַנאָנסן, וואָס לובענצאָוו באַמערקט זיי אין די שויפֿענצטער פֿון די אינפֿאָרמאַציאָנס־ביוראָס און פּאָשעט אַף די ווענט פֿון די הײַזער. דאָ האָט איר אייניקע פֿאַר אַ מוסטער.

„אַ יונגע אַלמאָנע פֿון 29 יאָר, אַ בלאָנדינקע מיט קאָרעקטע שטריכן פֿון פּנים, וואָס האָט ליב די נאַטור און די כּאַיעס, דער מאַן איז אומגעקומען אָפֿן מיזרעך־פֿראָנט אין 1942, זוכט אַ מאַן ניט עלטער פֿון 50 יאָר צוליב געמיינזאַמע שפּאַצירן און פֿאָרן אַף אַ שיפֿל. אָן כּאַסענע - פֿאַרפּליכטונג".

„אַ יונגער מענטש פֿון 42 יאָר, אַ ברונעט, אַף אַ גוטער שטעלע, האָט נישט געהערט צו דער נאַציסטישער פּאַרטיי, אַן אידעאַליסט־ראָמאַנטיקער, זוכט אַ יונג מיידל פֿון 19—20 יאָר, אַ בלאָנדינקע, ניט העכער פֿון אַ מעטער מיט זעכציק, צוליב געמיינזאַמען צײַטפֿאַרטרײַב. מעגלעך שפּעטערדיקע כּאַסענע. צושיקן די פֿאָטאָגראַפֿיע איז אומבאַדינגט".

„וועלכע אינטעליגענט מיידל פֿאַר 25 יאָר, אַ קאַטוילישע, מיט אַ גוטן כּאַראַקטער און פֿולער פֿיגור, מיט אייגנטום, ווינטשט זיך טרעפֿן מיט אַ יונגן מענטשן 45/158 (די אייבערשטע ציפֿער פֿון דעם בראָכטייל, ווי לובענצאָוו דערוויסט זיך, מיינט די יאָרן, די אונטערשטע מיינט די וווּקס אין צענטימעטערס), אַ טונקל־בלאָנדן, אַ צוטרוילעכן און לעבנסלוסטיקן? אַן אייגענער אויטאָמאָביל. געהיים, אַן ערד־זאַך".

„אַ יונגערמאַן, 33/175, הומאָרפֿול, געשטרעקט, אויטאָמאָביל־סויכער, געגעטער, האָט ליב קונסט, זוכט אַ באַשיידענע, גוט־אויסזעענדיקע, אָנגענעמע פּאַרטנערן, ניט וויכטיק פֿון וועלכן גלויבן, ביז 22 יאָר, 165 צמ.".

„אַ מיידל, פּליכטלינג פֿון שלעזיען, 20/173, פֿון אָנשטענדיקער פֿאַמיליע, אַ שטאַלטנע, זוכט אַ פֿרײַנט און שיצער ביז 60 יאָר".

ער גייט אַרײַן אין אַ קינאָ אַף באַטאַניקע סקוואַנס, זעט בילדער מיט דער באַרימטער דײַטשער קינאָ־שטערן מאַריקאַ רעק, פֿאַרבלאָנדזשעט אין ראַזיר־הײַזער און קאַפֿע־הײַזער, און אַלץ וואָס ער זעט ערגערט אים. דאָס מאַכט אַף אים אַן אײַנדרוק פֿון לאַנגזאַמער פֿוילעניש, פֿון קולטור־דעגענעראַציע, פֿון פֿאַרוואַנדלען די קולטור אין אַ פּוסטן, פֿאַרווײַלנדיקן ליישנאָלד, וואָס איז אויסגערעכנט אָפֿן נידעריקסטן געשמאַק. ער האָט געהאַט דערלויבט

איינעם אַן אימפּרעסאַר, וואָס האָט אים ביז טויט פאַרנודיעט, צו עפענען אַן עסטראַדע־טעאַטער — דאָ רופט זיך אַן וואַריעטע — און איינמאָל גייט ער אַ קוק טאָן אַף אַט דעם וואַריעטע, וואָס ער האַלט אים פאַר זײַנס אַ קינד.

עס שווידערט אים אויף די פּוסטקייט פון אַלע נומערן אַן אויסנאַם; דעם שטורעמדיקסטן געלעכטער רופט אַרויס אַ נומער, וווּ איינער אַ הער אין אַ פראַק, וואָס זינגט קופּלעטן מיט זײַן פּאַרטנערקע, פּאַטשט איר פון צײַט צו צײַט מיט דער דלאָניע אין הינטן.

לובענצאָוו האָט כיישעק מיט אַ פּאַרמעלן באַפעל צו פאַרבאָטן אַט די פאָרשטעלונגען, נאָר סעבאַסטיאַן און פאַרלענדער ריידן אים אָפּ דערפון — אַזוי פירט זיך פון אַלטע צײַטן, אַזעלכע פאָרשטעלונגען זײַנען געווען נאָך פאַר היטלערן און זיי זײַנען אַפילע ביז אַ געוויסער מאָס אַ טראַדיציע.

ער גיט נאָך, כאָטש ער ווייס, אַז קעגן אַזעלכע טראַדיציעס דאַרף מען קעמפן, אַז דאָס פאַרדאַרבט דעם געשמאַק און די געוווינהייטן.

צו דעם אַלעמען איז לובענצאָוו אַלץ מער אומרויִק צוליב עריקאַ סעבאַסטיאַן. ער איז ניט צופרידן וואָס ער האָט איר אָנגעוואָרפן אַן אַרבעט. אין שאַיכעס מיט איר נײַער באַשעפטיקונג הערט זי ניט אויף קלינגען צו אים, און טיילמאָל קומט זי אין דער קאָמענדאַטור. ער איז מוידע אַז אים איז אָנגענעם מיט איר זיך צו טרעפן, און דאָס שרעקט אים ביז קאָמיזם. זייערע געשפּרעכן טראָגן אַן עקסטרעם געשעפטלעכן כאַראַקטער, און אַלץ וואָלט גוט געווען ווען ניט איר פּנים, דער דירעקטער, אָפענער און שאַרפער בליק, — קורץ, ווען דאָס איז ניט זי, נאָר אַן אַנדערער?

איין מאָל איז זי — צוליב אַ בעעמעס דרינגלעכן איניען — שפּעט אין אָוונט אַרײַנגעקומען צו אים אין שטוב. צום גליק זיצט בײַ לובענצאָוון וואָראָנין. דער סטאַרשינאַ קוקט אַף עריקען אומרויִק און מיט פאַרדאַכט. נאָכדעם ווי זי רעדט איבער מיט לובענצאָוון גייט זי אַוועק.

וואָראָנין טוט אַ קרומען קוק אַף לובענצאָוון און זאָגט:

— דאָס פרײַלן, קענטיק, איז פאַרליבט אין אײַך. זי קוקט, ווי אַ קאַץ אַף סמעטענע.

צו וואָראָנינס פאַרוווּנדערונג, האָט לובענצאָוו, אָנשטאָט צו לאַכן דערפון, ווי דער סטאַרשינאַ האָט גערעכנט, זיך שרעקלעך צעבייזערט אַף אים און האָט אים אַן עמעסן פאַרוואָרף געמאַכט.

— ווייניקער ווי אַלץ, — זאָגט ער אים — האָב איך זיך געריכט אַף אַזעלכע נאַרישע רייד פון דיר. ניט שוין־זשע האָט שוין אויך אַף דיר געווירקט די אַטמאָספער פון דער בורזשואַזער אייראָפּע? דאָס איז אונטער דער ווערדע פון אַ דינער אין דער רויטער אַרמיי!

וואָראָנין דרייט מיטן קאָפּ און פאַרשווײַגט עס. און לובענצאָוו, וועלכער ווייס, אַז ער זידלט וואָראָנינען אומזיסט, קען זיך שוין בעשום אויפן ניט אָפּשטעלן און שווידערט אויף פון דעם געפיל, אַז ער קען זיך ניט באַהערשן. דערנאָך באַרויִקט ער זיך, אַנטשולדיקט זיך פאַר זײַן היצן זיך און שמייכלט נעבעכדיק. וואָראָנינען פאַרקלעמט עס באַם האַרצן. ער פרעגט:

— איר גייט שלאָפן?

— יאָ, שוין צײַט. — לובענצאָוו שווײַגט אַ ווײַלע און רופט זיך אָן:

— צווישן אונדזער קאַפּיטאַן מיט דער איבערזעצערן פירט זיך אַ ראָמאַן?

— זעט אויס.

— בײדע זײַנען אײַנגעהאַלטענע, שווײַגערס, איך היים פּאַשעט ניט אַן צו פאַרשטיין ווי זיי וועלן זיך אָנערקענען אין ליבע איינער דעם צווייטן.

— ווי ניט איז.
— בלײַב געבטיקן בײַ מיר, דמיטרי יעגאָריטש.
מיט וואָראָנינען אין שטוב פֿילט ער זיך רויִק און שלאָפֿט בעסער.

XXIV

דעם אַנדערן אָוונט קומט עריקאַ ווידער אַרײַן צו לובענצאָוון. זי קלאַפּט אָן, ער זאָגט איר אין רוסיש: „גייט אַרײַן", — און זי עפֿנט פּאַמעלעך די טיר.

זי קומט אַרײַן און וואַרפֿט אַ נייגעריקן און דערשראָקענעם בליק אויף דעם טונקעלן צימער, וואָס איז באַלויכטן בלויז מיט דעם טיש־לאָמפּ. איר שרעקן זיך פֿאַרשאַפֿט שעמנדיק לובענצאָוון אויפֿשווידערונג. דאָס איז ניט די אָפּהענטיקייט פֿון איין מענטשן אַקעגן צווייטן, נאָר דער ווײַבלעכער ציטער פֿאַר דאָס אומפֿאַרמײַדלעכע, וואָס מוז געשען, דער אויסדרוק פֿון דער זיכערקייט אינעם מענערישן רעכט צו באַפֿעלן, דער קויעך פֿון דער שוואַכ־קייט. דאָס אַלץ לייענט לובענצאָוו אין איר בליק — דעם אומדרייסטן, נאָר מוטיקן, שרעקיקן נאָר צוטרויִלעכן.

מען מוז זײַן אַ זאַקן אָדער אַ פֿילאָזאָף, קעדיי זיך צו באַציִען דערצו גלײַכגילטיק. לובענצאָוו איזביידע ניט. נאָר ער איז קאָמענדאַנט. און דער פֿאַרשאַרפֿטער געפֿיל פֿון אַמטלעכער פֿליכט, וואָס איז אים אייגן אַזוי פֿאַר־שאַרפֿט אַז דאָס אינדיווידועלע און דאָס אַמטלעכע זײַנען צוזאַמענגעגאָסן — וואָס דאָס איז גראָד אייגן יונגע מענטשן און ניט קיין פֿילאָזאָפֿן, — צווינגט אים צו ריידן און באַוועגן זיך פֿולשטענדיק רויִק, מיט קיין זאַך ניט אַרויס־צוווײַזן די לײַדנשאַפֿט, וואָס האָט אים פֿאַרכאַפּט.

ער שטעלט זיך שוואַך פֿאָר וואָס זי בעט אים און וואָס זי זאָגט, ווײַל ער ווייס, פּונקט ווי זי, אַז דאָס אַלץ איז ניט מער ווי אַן אויסרייד. נאָר, ניט געקוקט דערויף, וואָס ער שטעלט זיך גאָרניט פֿאָר, ענטפֿערט ער איר אויף די פֿראַגן געגנוג לאָגיש — אַלנפֿאַלס אויף וויפֿל לאָגיש עס זײַנען די פֿראַגן. זי גייט צו צו זײַנע ביכער און נעמט אַרײַנקוקן אין זיי. איר פּנים איז באַלויכטן מיט דער רויטלעכער שײַן פֿונעם טיש־לאָמפּ; אַ מאָנאַך וואָלט דאָס געהאַלטן פֿאַר אַן אָפּשײַן פֿונעם פֿײַערדיקן גהענעם.

ווען ער זאָגט איר נאָר איין צערטלעך וואָרט. נאָר ער איז זיך גוויוועט מיט אַ גוואַלדיקן אָנשטרענג פֿון זײַן ווילנסקראַפֿט און נעמט ריידן וועגן דער „שול־פֿראַגע". ער האַלט אַ גאַנצע טאַדל־רעדע וועגן דער אומדערלאָזיקייט פֿון קערפּערלעכער שטראָף אין דער נײַער דײַטשער שול. ער ראָט איר לייע־נען מאַקאַרענקאָס „פּעדאַגאָגישע פּאָעמע" און די אַרטיקלען פֿון נאַדיעזשדאַ קאָנסטאַנטינאָוונאַ קרופּסקאַיאַ.

— די דײַטשע קינדער, — שטייט ער אויף און גייט זיך דורך איבערן צימער, — מוז מען דרינגלעך און מיט ליבשאַפֿט דערציִען אינעם גײַסט פֿון ליבע צו אַלע פֿעלקער און רעספּעקט צו די אַרבעטנדיקע. — ער רופֿט זי „פֿרײַלן סעבאַסטיאַן", קעדיי דאָס רופֿן זי בײַם נאָמען זאָל ניט אָפּקלינגען מיט דערנענטערונג. — איר, פֿרײַלן סעבאַסטיאַן, דאַרפֿט זיך דורכדרינגען מיט אַט די אידייען און איר וועט פֿילן די פֿרייד פֿון לעבן און אַרבעטן פֿאַר דײַטשלאַנד.

זי שטייט מיט אַן אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ, פֿאַרליבט און אַנטוישט, פֿול מיט

באוווּנדערונג פאר אָט דעם אומדערשיטערטן כאראקטער און פול מיט אנגסט צוליב זיין באשײַמפערלעכן אָפּזאָגן זיך פון אלע ערדישע לײַדנשאַפטן. זי גיט א שטיגן זיפץ און זאָגט, אז זי בעט אים ניט פארגעסן וואָס ער האָט איר צוגעזאָגט, — און וועגן וועלכן צוזאָג זי רעדט, ווייס ער ניט. שפּעטער דערמאָנט ער זיך, אז זי האָט אים געבעטן צוויי אָדער דרײַ סאָוועטישע בי־כער, ווײַל זי האָט זיך גענומען לערנען רוסיש. נאָך שפּעטער קומט אויף בא אים אין זיקאָרן, פאמעלעך און גלאַטיק אלץ וואָס אין די מינוטן איז געזאָגט געוואָרן, — ער האָט איר צוגעזאָגט העלפן אויסלערנען זיך רוסיש און זי האָט אין שאַיבעס הערמיט געזאָגט, אז „זי וועט זיך דערלויבן אמאָל ארײַנ־צוקומען אהער אין אָוונט".

ווי נאָר זי גייט ארויס, זעצט זיך מיט א מאָל אוועק לובענצאָוו שרײַבן א בריוו צו טאַניען. געוויינלעך לאָזט ער ניט פרײַ לויפן זײַנע געפילן אין זײַנע בריוו, נאָר הײַנט שרײַבט זיך גאָר אנדערש. ער בעט זי זי זאָל וואָס גיכער אויספּויעלן איר דעמאָביליזאציע און אהערקומען. ער שטוינט דערויף וואָס מען האלט זי נאָך ביז איצט אין דער ווײַטער מאנטזשוריע, ווען די מילכאָמע האָט זיך שוין אזוי לאנג געענדיקט. ער שרײַבט איר, אז ער קאָן אָן איר ניט לעבן און וואַרפט איר פיר וואָס זי שרײַבט אזוי זעלטן. ווען דער מאָן וואַרפט פיר דעם ווײַב, אז זי שרײַבט אים זעלטן, מיינט עס ניט שטענ־דיק, אז ער איז באזאָרגט וועגן איר, — טײלמאָל איז עס א באווײַז, אז ער איז באזאָרגט וועגן זיך.

אין די נאָענטסטע טעג טראָגט זיך לובענצאָוו קימאַט אינגאנצן ארײַ־בער אין דער קאָמענדאטור. ווען ער באשליסט, פון דעסט וועגן, אין עטלעכע טעג ארום צו בלײַבן אין דער היים, וואַרט ער אַנגסטלעך, אז זי קען אקערשט מען זעט ניט ארײַנקומען און אָט די מוירע, וואָס איז אין א גלײַכער מאָס געמישט מיט דעם ווּנטש זי זאָל ווירקלעך ארײַנקומען, צווינגט אים ווידער ארײבערצוּוואַנדערן אין דער קאָמענדאטור.

די פרײַע אָוונטן הייבט ער אָן פארברענגען אונטן, מיט די זעלנער. ער רופט עס אָן „פארברענגען אַן אָוונט אין רוסלאנד". ער פילט זיך דאָ זייער גוט. אין קלוב־צימער איז היימלעך און וואַרעם. מענטשן שפּילן אין דאָ־מינאָ און אין דאַמקעס, דערציילן וועגן זייער היימישע איניאָנים און וועגן די פּאַסירונגען פון מילכאָמע־צײַט. לובענצאָוו אַליין דערציילט אָפט וועגן די מאַסים פון די אויסשפּירער, וועגן דער אײַנפעלערישקייט און דעם מוט פון זייער איצטיקן געהילף פונעם זייער אָפּטיילונגס־קאָמאנדיר, דעם סטאַר־שינאַ וואָראָנין; טײלמאָל קלערט ער זיי פּראָטימדיק אויף דעם איניען דײַטשלאנד, די סאָוועטישע פּאָליטיק אין דער דײַטשער פראגע. זיי הערן אוים מיט טיפן אינטערעס, געשמייכלטע פון זײַן אויפמערקזאמקייט צו זיי און זײַנען גאָרניט כוישעד ווי ער איז געשמייכלט פון זייער אויפמערקזאמ־קייט און ווי גוט אים איז מיט זיי.

טרעפט זיי נעמען זינגען רוסישע לידער, זויעוו שפּילט אפן אקאָרדעאָן. לובענצאָוון קומט א טרער אין אויג פון דעם געזאנג. איין מאָל קומט צו צו אים קאָסאַטקין, זעצט זיך אוועק לעבן אים און פרעגט אים:

— ווען וואָס האָט איר זיך פארטראכט, סערגיי פּלאַטאָנאָוויטש

— כ'לעבן, איך ווייס אַליין ניט, איוואַן מיטראָפאנאָוויטש, — ענט־פערט לובענצאָוו. — מיסטאָמע די בענקשאפט נאָך דער היים. עס ווילט זיך אַהיים. אויך דאָ זײַנען פאראַן וועלדער און טײַכלעך און אָזערעס. אלץ, ווי בא לײַטן, און עס ציט צו די אייגענע אָזערעס און טײַכלעך, צו די אייגענע

וועלדער. איך האָב קיינמאָל ניט געטראַכט, אַז דאָס איז מעגלעך, אַז דאָס איז אַזוי שטאַרק. עס ווילט זיך הערן קינדער ריידן רוסיש. עס ווילט זיך פּיש כאַפּן אין אַ רוסישן טײַכל. איך בענק וועגן גלײַך זײַן מיט אַלעמען, ניט אויסצוטייטן זיך מיט גאָרניט, אינאיינעם מיט דעם אויגעם דינסט־מענטשן אַהיימצוגיין פֿון דער אַרבעט און צו האָבן אַן אייגענע שטוב. און עס זאָל זיך דיר אַלץ ניט טראַכטן, אַז עמעצער אַ פֿרעמדער, אַ זײַטיקער, מיט אַן אומקלאָרן פּנים, קוקט דיר איבערן אַקסל... איך בענק מען זאָל מיך ניט רופֿן הער, נאָר כאַווער.

נאָך אַ לאַנגן שווײַגן פֿרעגט אים קאָסאַטקין מיט אַ שטילן צערטלעכן קאָל, וואָס איז גאָרניט ענלעך אַף זײַנעם:

— איר זײַט מיד, סערגיי פּלאַטאָנאָוויטש?

— מיד, — איז זיך לובענצאָוו מודה און הייבט אויף די אויגן אַף קאָסאַטקינען. און ווען ער דערזעט אים זיצן אין אַ נאָכגעלאָזענער פּאָזע אויפֿן דיוואַן, פֿאַרשטייט ער, אַז קאָסאַטקין איז שטאַרק פֿאַרמאַטערט, און אַז אַלץ וואָס ער, לובענצאָוו, האָט געזאָגט, איז נעגייע אין דער זעלביקער אָדער אין אַ נאָך גרעסערער מאָס אויך קאָסאַטקינען.

יאַוואָרסקי, וואָס זיצט דערבײַ זיפֿצט אָפּ און זאָגט:

— אַפּילע אַ זיצונג פֿונעם אָרטיקן קאָמיטעט זעט מיר אויס פֿון דאַנען אַ פּרעכטיקע ראָמאַנטישע פּאַסירונג.

מען שווײַגט לאַנג. דערנאָך פֿרעגט לובענצאָוו:

— און ווי איז מיט אײַער פֿאַמיליע, איוואַן מיטראָפֿאַנאָוויטש?

— פֿאָרט אַהער, — ענטפֿערט קאָסאַטקין קורץ, נאָר מיט אַ קענטיק גליקלעכן פּנים. ער האַקט זיך אָפּ, ווײַל אים איז אומבאַקוועם אַרויסצו־ווײַזן זײַן גוטע שטימונג פֿאַר לובענצאָוון, וואָס בײַ אים האָט זיך נאָך גאָר־ניט באַקומען, ווי ער ווייס, מיקוויעך זײַן ווײַבס אַהערקומען.

לובענצאָוו פֿילט אַ צופֿלוס פֿון אומגעווײנלעכער צאַרטקייט צו די אַלע מענטשן, כאַווײרים זײַנע, און וואַרפֿט זיך אַליין פֿאָר, וואָס ער, אַ שטענדיק פֿאַרנומענער מיט זײַנע איניאָנים, רעדט מיט זיי אַזוי ווייניק וועגן זייער פּערזענלעכן, אינטימען לעבן, וועגן זייערע לײדן און פֿריידן. ער וואָס קען אויסרעכענען הונדערטער דײַטשן מיט זייערע פֿאַמיליע־נאָמען, קען קוים די פֿאַמיליע־נעמען פֿון די צוויי צענדליק זעלנער וואָס לעבן זײַט בײַ זײַט מיט אים; מיט די אָפּיצירן רעדט ער אויך נאָר וועגן אַמט־אינינים.

— קומט צו מיר, — זאָגט ער און הייבט זיך אויף פֿונעם אָרט. — איך האָב ווײַן, עפּעס פֿאַרבײַסן, וועלן מיר אַ ביסל זיצן, נאַכטמאָל עסן.

ער גייט אַרויס אינאיינעם מיט קאָסאַטקינען, מיט יאַוואָרסקין, טשאַ־כאָוון און טשעגאָדאַיעוון, און ער טראַכט זיך, אַז אין אַזאַ געזעלשאַפֿט, איז ער ריכטיק פֿאַר אים געפֿערלעך.

די נאַכט איז אַ לעוואָנעדיקע. זייערע טריט קלינגען אָפּ אין דער הילכיקער שטילקייט פֿון די שמאָלע גאַסן. אינסטינקטיוו, ווי מיליטערלײַט, גייען זיי אין פֿוס, און דער האַרמאָנישער טראָט פֿון די פֿיס באַרויִקט לובענצאָוון.

בײַ לובענצאָוון, זעצן זיך די אָפּיצירן צום טיש. אין דער צײַט וואָס לובענצאָוו איטעקט זיך מיט דעם נאַכטמאָל, גייט טשאַכאָוו אַרײַן צו אים אין צימער און זעצט זיך אַוועק בײַם שרײַב־טיש. זײַן בליק פֿאַלט צעשטרײַט אַף אַ פֿאַרשריבענעם זײַטל פֿון אַ בלאָקנאָט. טשאַכאָוו לייענט איבער עטלעכע שורעס און ווערט אויפֿמערקזאַמער.

אפן בלעטל שרײַבט זיך:

פאַרצייכענונגען פון אַ סאָוועטישן קאָמענדאַנט

1. דער אומדערלאָזלעכסטער כעסאָרן, וואָס אַ קאָמענדאַנט קען האָבן, איז געלט־גייציקייט. מעג ער זײַן אַ גרויסער אַדמיניסטראַטאָר, אַ קלוגער מענטש, אַ קענער פון דעם ראַיאָן, וואָס איז אים אָנגעטרויט, נאָר אויב ער איז געלט־גייציק, מוז ער אומפאַרזאַמט באַזײַטיקט ווערן.

2. די גרעסטע מײַלע פאַר אַ קאָמענדאַנט איז אומאייננוץ. מעג ער זײַן אַ מיטלמעסיקער אַדמיניסטראַטאָר, אַ מיטלמעסיקער כאָכעם, נאָר איז ער ניט געלטגײַציק, קען ער זײַן אַ קאָמענדאַנט.

3. אַ מענטש איז ניט קיין מאַלעך. נאָר טייקעף נאָכן מאַלעך דאַרף קו־מען דער קאָמענדאַנט. ער האָט אַ רעכט צו קויפן נאָר פאַר אייגן געלט, טרינ־קען נאָר אין דער היים, לעבן נאָר מיט זײַן אייגן ווײַב, און ווײַטער מיט קיינעם ניט.

4. שטענדיק ערנסט זײַן איז אַ כעסאָרן פאַר אַ קאָמענדאַנט. ערנסט־קייט פאַרדעקט אַמאָל טעמפּקייט. צופיל שפּאַסן איז אויך אַ פעלער. מיט שפּאַס פאַרדעקט מען אַמאָל די נישטיקייט.

5. אַ קאָמענדאַנט איז אַ רעוואָלוציאָנער ווײַל ער פאַרטרעט אַ מעלוכע און אַ געזעלשאַפטלעכע אָרדענונג, וואָס זײַנען באַשאַפן פון דער רעוואָלוציע; זײַן רעוואָלוציאָנערישקייט דאַרף זיך אויסדריקן דערין וואָס ער איז מע־כויעוו צו היטן אָרדענונג און געזעצלעכקייט, און אויך צו רעספּעקטירן און אָפּצוהיטן די מינאָגים, וואָס זײַנען אָנגענומען אין דעם לאַנד, דאָס הייסט, ליקווידירן אין דעם געגעבענעם לאַנד וואָס איז נאָך ניט רײַף געוואָרן פאַר דער רעוואָלוציע, די מוירע פאַר אַן אָנקומענדיקער רעוואָלוציע.

6. זײַן רעוואָלוציאָנערישקייט דאַרף זיך אויך אויסדריקן אין ליבע צו די אַרבעטנדיקע קלאַסן פון דער באַפעלקערונג און אין העלפן אָט די קלאַסן אין דער ערשטער ריי.

7. דאָס אינערלעכע לעבן פון דער קאָמענדאַטור קען לאַנג ניט בלײַבן קיין סאָד פאַר דער באַפעלקערונג. דערום טאָר די קאָמענדאַטור ניט האָבן קיין סוידעס פאַר דער באַפעלקערונג, אַ כוץ די אַמטלעכע.

8. דער קאָמענדאַנט איז אַ דיפּלאָמאַט, ניט נאָר מיט די סאָנים. דער באַפעלקערונג אָבער מוז ער שטענדיק זאָגן דעם שטרענגן עמעס.

9. דער קאָמענדאַנט איז אַ לערער: ער דאַרף קענען איבערכאַזערן אַלגעמיין־אָנגענומענע עמעסן.

10. זאָל דער קאָמענדאַנט זיך באַמיִען, אַז די בירגער פון דער שטאָט אָדער פון דער געגנט, ווו ער אַקטויִרט, זאָלן גלייבן, אַז אַלץ וואָס לוינט זיך ניט פאַר זיי קומט פון אים, און דאָס וואָס לוינט זיך, קומט פון מאָס־קווע. דעמאָלט וועלן זיי אַכטן דעם קאָמענדאַנט פאַר זײַן אויפריכטיקייט און גײַסטיקער קרעפטיקייט, און מאָסקווע — דערפאַר וואָס זי האָט אַזעלכע איבערגעגעבענע באַאַמטע.

11. דער קאָמענדאַנט פאַרטרעט דעם ראַטנפאַרבאַנד. זאָל ער עס שטענדיק געדענקען. ער דאַרף בעייסן אויפשטיין דענקען וועגן דעם פאָ־טערלאַנד, און בעייסן לייגן זיך שלאָפן דענקען וועגן דעם. אַ טאָג אָן דענ־קען וועגן דעם פאָטערלאַנד איז אַ פאַרלוירענער טאָג פאַרן קאָמענדאַנט. ער דאַרף יעדן טאָג לייענען סאָוועטישע צײַטונגען, ביכער, זשורנאַלן. זאָל ער אויסשרײַבן זײַן געגנטלעכע צײַטונג, די צײַטונג פון יענע ערטער, פון וואַנען

ער קומט. פֿון די אַלטע שרײַבער זאָל ער לייענען טאָלסטאָיען, פּושקינען און ניעקראַסאָוון. די ביכער פֿון סאַלטיקאָוו־שטשעדרין זײַנען ניצלעך פֿאַר אים דערפֿאַר וואָס זיי זײַנען געשריבן פֿון אַ וויצע־גובערנאַטאָר, וואָס האָט געקענט די כעסרוינעס פֿון דער פֿאַרוואַלטונג.

12. אין שטוב בײַ אים דאַרף זײַן אַ דורכויס סאָוועטישע פֿירונג; דאָס אייגענע אין דער קאָמענדאַטור.

13. נאָר אינאיינעם דערמיט דאַרף דער קאָמענדאַנט שטודירן די שפּראַך, דעם שטייגער, די קולטור און די געשיכטע פֿונעם קלאַסן־קאַמף אינעם געגעבענעם לאַנד. פֿאַר אים ניצט עס ווי פֿאַר אַ מענטשן; פֿאַר דער באַפֿעלקערונג ניצט עס, ווײַל דאָס פֿאַרהיט פֿון אַ סאַך פֿעלערן, פֿאַר וועלכע די באַפֿעלקערונג וועט מוזן אָפּקומען.

14. דער קאָמענדאַנט איז שטענדיק גערעכט, דערפֿאַר וואָס הינטער אים שטייט אַ באַוואָפֿנטע מאַכט. דערפֿאַר איז נייטיק ער זאָל בעעמעס שטענדיק זײַן גערעכט.

15. דער קאָמענדאַנט איז אַ באַלעבאָס, אָפּט אַ שטרענגער, נאָר שטענדיק אַ גערעכטער.

דער קאָמענדאַנט איז דערצו אויך אַ גאַסט. זאָל ער אַכטן די באַלעבאַטים, בײַ וועלכע ער האָט אַף אַ צײַט אָוועקגענומען דאָס רעכט פֿון באַלעבאָס. זאָל ער געדענקען, אַז ער האָט עס געטאָן צוליב דעם, קעדיי זיי זאָלן ווידער ווערן די באַלעבאַטים.

פֿאַרפֿאַלקאָווניק ס. לובענצאָוו.

1945, לויטערבורג.

טשאַכאָוו לייענט עס איבער, דערנאָך לייענט ער איבער די באַמערקונגען. בײַ אָט דער באַשעפֿטיקונג טרעפֿט אים לובענצאָוו.

— לייענט ניט די נאַרישקייטן! — שרײַט ער צו אים און ווערט דערבײַ רויט.

— דאָס זײַנען ניט קיין נאַרישקייטן, — זאָגט טשאַכאָוו.

— ניין, נאַרישקייטן, נאַרישקייטן, — מורמלט בייז לובענצאָוו און שטופּט אַרײַן דעם בלאָקנאָט אין אַ שופֿלאָד פֿון זײַן שרײַב־טיש. — די פּרוכט פֿון שלאָפֿלאָזיקייט... ליטעראַרישע שאַפֿונג פֿון אַ געגנטלעכן קאָמענדאַנט פֿון צווייטער קאַטעגאָריע. לאָזט עס אָפּ, פֿאַרגעסט עס.

— איך וועל ניט פֿאַרגעסן, — ענטפֿערט טשאַכאָוו. זײַן שטים קלינגט פֿײַערלעך.

— קומט צום טיש, — זאָגט לובענצאָוו און גיט אַ מאַך מיט דער האַנט.

דריטע טייל

דער ניסאַיעז

I

פֿאַנטאַסטיש מעשונעדיק שלענגלט זיך די דעמאַרקאַציע־ליניע צווישן דער סאָוועטישער און דער מײַרעוודיקער זאָנע. זי שנײַדט איבער אַף צווייען די האַרץ־בערג אַף מײַרעוו פֿונעם בראָקען. זי לויפֿט איבער שטאַמען, אײַנגעוואַלגערטע פֿון די שטורעמס, מײַדט אויס קליינע באַרגיקע וואַסער־פֿאַלן, הייבט זיך אַרויף די בערג און לאָזט זיך אַרונטער אין די טאָלן, און איז דערום אין דער ערשטער צײַט ניט איבעריק מערקלעך, נאָר שפּעטער ווערט זי וואָס ווײַטער אַלץ מער באַצוימט מיט שטעכיקע דראָטן, צוגעשלאָסן מיט שלאַגבוימען אַף ביידע זײַטן, אַרומגעשטעלט מיט וואַכטהײַזער און מיט וועכטער־בודקעס. פֿון ביידע זײַטן גייען זי אַרום פּאַטרולן: פֿון איין זײַט סאָוועטישע און פֿון דער אַנדערער — ענגלישע און אַמעריקאַנישע. אַף די בערג באַוואַכן זי שאָטלענדער מיט זייערע פֿליסענע געקעסטלטע קליידלעך, אַף די דאָרעמדיקע באַרג־רוקנס — די „אַמי׳ס" אין שטאָלענע העלמען און גאָלף־הויזן.

פֿון אַ דעמאַרקאַציע־ליניע ווערט זי פּאַמעלעך נאָר זיכער פֿאַרוואַנדלט אין אַ גרענעץ.

ווען מען נעמט שפּעטער אויספֿאָרשן ווי אַרום איז דער געוועזענער עס־עס פֿריץ בירקע געקומען אין דער סאָוועטישער זאָנע, ווײַזט זיך אַרויס, אַז ער האָט זיך גענוצט מיט אַ פּאַשעטן, נאָר זייער שאַרפֿזיניקן טריק, וואָס אַ סאַך דײַטשן האָבן זיך מיט אים גענוצט נאָך פֿאַר אים. אין אָוונט, פֿאַר זון־אויפֿגאַנג, ווען אַף די שפּיצן בערג ברענען נאָך רויטע אָפּשײַנען און אין די שפּאַלטן איז פֿינצטער, איז בירקע אַרײַן אין איינעם פֿון די שפּאַלטן, האָט זיך אַרויפֿגעקליבן אַפֿן וועג און האָט אָוועקגעשפּאַנט ניט מיט דער סאָוועטישער זײַט, ווו ער האָט געדאַרפֿט, נאָר ווי פֿון דער סאָוועטישער אַף דער אַמעריקאַנישער, און באַווײַזט זיך פֿאַרן אַמעריקאַנישן זעלנער, קלוימערשט גייט ער פֿון מיזרעך. דער אַמעריקאַנער, נאַטירלעך, אַז ער דערזעט דער הויכער דײַטש מיטן פּליך האָט ניט קיין פּאַסיר־שײַן, שיקט ער אים באַלד „צוריק". ער גיט אַ הילכיקן פֿײַף. דער סאָוועטישער זעלנער באַם קעגנאיבערדיקן שלאַגבוים רופֿט זיך פֿויל אָפּ:

— וואָס איז?...

— ע דזשערמען פֿראָם יור סײַד! * ענטפֿערט אים דער אַמעריקאַנישער זעלנער מיט אַ צוריקגעשריי.

---

* אַ דײַטש פֿון דײַן זײַט!

— אָט האָסטו דיר, גייען הין און צוריק, — איז דער רוסישער זעלנער ניט צופֿרידן. — און פֿריץ בירקע פֿאָלגט האַכנאָעדיק אויס, ווי עס פּאַסט פֿאַר אַ באַזיגטן, „קערט זיך אום" אויף דער סאָוועטישער זײַט און שפּאַנט ניט געאײַלטערהייט אויף מיזרעך.

דער דײַטש מיט דעם פּליך, אינעם אָפּגעריבענעם אייבערראָק, מיט דעם רענצל אויפֿן רוקן זעט מען דערנאָך אינעם גאַסטהויז אויפֿן באַרג אין שירקע, וווּ ער נעכטיקט איבער. דערנאָך, אין אַ וואָך אַרום, באַווײַזט ער זיך אין בלאַנקענבורגע און מיט אַ טאָג שפּעטער אין ווערניגעראָדע. דערנאָך פֿאַרלירט זיך זײַן שפּור. אין לויטערבורג באַווײַזט ער זיך עט שפּעטער, אָנהייב פֿרילינג און זעט שוין אויס גאָר אַן אַנדערער. ער טראָגט שוין אַ דאָרעמבײַערישן אָנצוג — קורצע זעמשענע הייזלעך מיט קרײַקעס און אַ גרויע קורטקע מיט גרינעם באַזוים.

ער גייט אַרײַן עפּעס אויסטרינקען צו פֿינגעלן אין רעסטאָראַן און זעצט זיך אַוועק אין אַ ווײַטן ווינקל. גלײַכגילטיק, מיט אַ מידן בליק פֿון זײַנע גרויע אויגן קוקט ער אויף די געסט. פֿינגעל, וואָס קען אַלעמען אין לויטערבורג און אַרום, פֿאַראינטערעסירט זיך מיט דעם מענטשן, מאַכמעס דעם וואָס ער איז אים ניט קענטלעך, און אויך מעגלעך דערפֿאַר וואָס דער רעסטאָראַטאָר, אַ פֿײַנער מיוון אויף מענטשן, דערזעט אין דעם מענטשן עפּעס וואָס איז מאָדנע. אַלנפֿאַלס, באָט ער אָן דעם גאַסט וואָדקאַ, און וואָדקאַ באָט ער אָן נאָר צו נאָענטע באַקאַנטע און צו הויכגעשטעלטע שטאָטישע פֿאַרשוינען. בירקע גיט אַ נאַכלעסיקן צווונק, וואָס באַלײַדיקט עטוואָס פֿינגעלן, מאַכמעס ער האָט זיך געריכט, אַז דער גאַסט וועט אים שיין דאַנקען דערפֿאַר.

בירקע טרינקט אויס דאָס גלעזל און באַשטעלט אַ צווייטס אַלץ מיט דעם נאָכלעסיקן פּאָנעם, ווי ער וואָלט ניט וויסן, אַז וואָדקאַ איז בײַ הײַנטיקער צײַט איינער פֿון די זעלטנסטע פּאַרגעניגנס. נאָר פֿינגעל דערלאַנגט אים אויך אַ צווייט גלעזל.

כאָטש דער רעסטאָראַן איז איבערפֿול און לעבן בירקעס טישל שטייען דרײַ ליידיקע שטולן, זעצט זיך קיינער לעבן אים ניט אַוועק. פֿאַראַן איז אין דעם מענטשנס אויגן אַזוינס, וואָס צווינגט די וואָס קומען צו פֿרעגן אויף די שטולן, פֿאַרבײַסן די ליפּן. דערנאָך פֿאַרבעט ער אַליין צום טישל צוויי מיידלעך, וואָס קומען אַרײַן אין רעסטאָראַן און בלײַבן שטיין ניט ווײַט פֿון אים. זיי פֿאַרשטייען צוליב וואָס דער מענטש מאַכט צו זיי מיט דער האַנט, און זיי פֿליען צו צו אים, זעצן זיך אַוועק און דאַנקען אים פֿאַר דער ליבנסווירדיקייט. ער ענטפֿערט דערויף קיין וואָרט און קלאַפּט בלויז מיט זײַן האָריקער האַנט אויפֿן טישל.

קוקט מען אויף בירקען, קען גאָר קיינעם אויפֿן געדאַנק ניט קומען, אַז בעאיקער פֿילט אָט דער מענטש מוירע. צווישן זײַנע באַקאַנטע שעמט ער פֿאַר אַ געוואַגט מוטיקן מענטשן, און ער איז עס בעעמעס געווען. נאָר זײַט ניט לאַנג, גענויער, זײַט אַפּריל 1945, לײַדט ער פֿון קימאַט פֿאַ:ישער, דערנידעריקער שרעק. ער האָט אײַנגעוויליקט אַריבערצוגיין אויף דער סאָוועטישער זאָנע נאָר דערפֿאַר וואָס ער האָט קיין אַנדער אויסוועג נישט געהאַט, און מעגלעך אויך מיט דער האָפֿענונג, אַז דערמיט וואָס ער גייט אַקעגן דער געפֿאַר, וועט ער קענען גוויוער זײַן אין זיך אָט דעם צושטאַנד וואָס גרענעצט מיט פּסיכישער קראַנקייט.

דאָס איז אים, קענטיק, געקומען פֿון דער גוואַלדיקער נערוון־געשפּאַנט־

קייט אין די טעג פון דער דײַטשער מאַפּאָלע און פון די ווײַטערדיקע געשע־
עֿנישן, ווען ער האָט געלעבט ווי אַ פאַריאָגטע כאַיע און האָט זיך אויסבאַ־
האַלטן אָט דאָ, אָט דאָרט, אָט אינעם קעלער בײַ זײַן שיצער לינדעמאַן, אָט
ערגעץ ווו צווישן אַ מאַסע פליטים, וואָס האָבן זיך אַ לאַגער געמאַכט אַרום
מינכען. פון דער אַמעריקאַנישער זאָנע איז ער באַלד אַריבער אויף דער ענג־
לישער, מאַכמעס די ענגלענדער, מער ווי די אַמעריקאַנער אָנ־
געשראָקענע מיט דעם אַרײַנדרינגען פון די רוסן אינעם צענטער
פון אייראָפּע, האָבן זיך דעריבער ווייכער באַצויגן צו די דײַטשן מילכאָמע־
פאַרברעכער. אַזוי אַלנפאַלס האָט מען געזאָגט צווישן די באַהעלטעניש זוכנ־
דיקע נאַצים. ווען ניט איינע אַ דאַמע וואָס איז איינמאָל אַרײַנגעקומען אין
דעם שטילן האַמבורגער פּאַנסיאָן, ווו בירקע האָט געוווינט אונטער אַ פרעמ־
דן נאָמען און האָט אים דערקענט און שנעל געמעלדעט וועגן אים דער ענג־
לישער מאַכט, וואָלט ער, עפּשער, געקענט לעבן דאָרט רויִק אַ סאַך יאָרן.
נאָר ווען די בריטישע קאָמענדאַטור האָט באַקומען די מעסירע, אַז אין דעם
פּאַנסיאָן באַהאַלט זיך אויס אַן אַנגעזעענער עס־עס, האָט זי בירקען אַרעס־
טירט. איינצײַטיק דערמיט האָט מען אין אַ צווייטן פּאַנסיאָן אַרעסטירט דעם
געוועזענעם רײַכס־מיניסטער פון אויסערן יאָאַכים פאָן ריבענטראָפּ, וואָס די
אייגענע דײַטשן האָבן אים אויסגעגעבן. געהאַט האָט ער בײַ זיך דרײַ בריוו
— צו טשוירטשילן, צו אידענען און צו מאָנטגאָמערי — און אַ בלעזל מיט
גיפט.

אין דער טורמע, ווו ריבענטראָפּ האָט פאַרבראַכט אינאייַנעם מיט בירקען,
איינע פון די שרעקלעכסטע נעכט, וואָס בירקע האָט איבערגעלעבט, האָט דער
רײַכסמיניסטער אים דערציילט, אַז ער איז געקומען קיין האַמבורג זיך אויס־
באַהאַלטן בײַ זײַנעם אַ פרײַנט אַ ווײַנהענדלער, מיט וועמען ער איז געווען
נאָנט פאַרבונדן פינף און צוואַנציק יאָר. נאָר יענער האָט זיך אָפּגעזאָגט אים
אויפצונעמען. דעמאָלט האָט ריבענטראָפּ, אונטערן נאָמען רײַזע, זיך אויס־
באַהאַלטן אין אַ פּריוואַטן פּאַנסיאָן, נאָר מען האָט אים טייקעף אויפגעדעקט.

אין דער פרי איז אין דער קאַמער געקומען ריבענטראָפּס שוועסטער און
האָט אים דערקענט, און דעמאָלט האָבן אים די ענגלענדער איזאָלירט.

געווען איז עס אין יענער צײַט ווען אין דײַטשלאַנד האָט מען יעדן טאָג
עמעצן געכאַפּט אָדער עמעצן געמישפּעט. אין פאַרלויף פון אייניקע וואָכן
האָט מען געכאַפּט: היטלערס סעקרעטאַרקע קריסטאַ שראָדען, דעם קאָמאַנ־
דיר פון די מיליטערישע קויכעס אין דענעמאַרק גענעראַל לינדעמאַן, דעם
שעף פון מײַדאַנעק פּאָול האָפּמאַן, דעם גאַולייטער פון דער פּראָווינץ מאַג־
דעבורג־אַנהאַלט רודאָלף יאָרדאַן, דעם גענעראַל־אָבערסט יאָדל, דעם גראָס־
אַדמיראַל דעניץ, ריטער־פאָן עפּפּ, היטלערס צוויי שוועסטער אַנגעלאַ האַ־
מיג און פּאַולאַ וואָלף, דעם פירער פון סלאָוואַקיי טיססאָ; אין אַ דערפל לעבן
בערכטעסגאַדן האָט מען געכאַפּט יוליוס שטרײַכער, און מיט צוויי טעג
פריער האָט מען אין צוג דערקענט היינריך הימלערן, וואָס איז געפאָרן אונ־
טער אַן אויסגעטראַכטן נאָמען מיט אַ שוואַרץ בענדל אויף איין אויג.

קורץ, די דײַטשלאַנד, וואָס בירקע האָט צו איר געהערט מיט לײַב און
לעבן, איז פאַר זײַנע אויגן אומגעקומען. די גרעסטע פירער אירע זײַנען
אַרײַנגעפאַלן אין די טפיסעס און לאַגערן, האָבן פאַרענדיקט מיט זעלבסט־
מאָרד אָדער האָבן זיך איבערגעגעבן אויפן גענאָד פון די זיגער. די „טויזנט־
יאָריקע אימפּעריע" איז אײַנגעפאַלן איידער זי האָט נאָך אָפּגעלעבט אַ
פערטל יאָרהונדערט. בירקעס שיצער און פרײַנט וואַנדלען אום איבער מײַ־

רעוו־דײַטשלאַנד ווי פֿאַריאָגטע אָן יעדער האָפֿענונג זיך אויסצובאַהאַלטן, גאַנץ צו בלײַבן. עס יאָגט זיי בלויז דער ביאָלאָגישער אינסטינקט פֿון זעלבסט־פֿאַרהיטונג, דער אומזיניקער באַגער לעבן צו בלײַבן כאָטש נאָך איין וואָך, כאָטש נאָך איין טאָג.

בירקע איז אַ מענטש אַ אומדערשראָקענער, אַ ברוטאַלער, אַ אומאינ־טעליגענטער. די אומאינטעליגענץ איז ניט נאָר זײַנע אַן אייגנשאַפֿט, נאָר ער שטאָלצירט מיט איר און ער קולטיווירט זי ווי עפּעס ווערטפֿולס, וואָס איז בעיאַר אַוועקצונעמען בײַ אַ מענטשן וואַקלונגען און צווייפֿל.

דאָך האָבן די געשעענישן פֿון די ערשטע נאָכמילכאָמע־וואָכן אים שפּירעוודיקער געמאַכט, אים פֿול געמאַכט מיט צווייפֿלען, וואָס זײַנען אים פֿריער אומבאַקאַנט געווען, מיט אַ שרעק, וואָס ער האָט ביז איצט קיינמאָל ניט געפֿילט. ער איז מיט אַן עמעס געוואָרן „אינטעליגענט". ער האָט זיך אָנגע־הויבן באַציִען קימאַט מיט ראַכמאָנעס צו די אונטערדריקטע און באַליידיק־טע, צווישן וועלכע ער רעכנט אַרײַן אויך זיך. ער האָט זיך אָנגעהויבן דער־מאָנען מיט אַ געוויסער כאַראָטע דאָס וואָס ער האָט פֿריער געטאָן, און האָט גענומען זוכן פֿאַר זיך פֿאַרענטפֿערונגען, צווישן וועלכע דעם ערשטן אָרט פֿאַרנעמט די אַזוי־גערופֿענע „זעלנערישע געהאָרכיקייט" צו די באַפֿעלן פֿון אַלערליי פֿירערס.

נאָכמער, בירקע האָט גענומען לייענען ביכער. אינעם פּאַנסיאָן, ווו ער האָט זיך באַזעצט אין אַן עק פֿון האַמבורג, איז דאָ אַ ביבליאָטעק, און צום ערשטן מאָל, עפּשער, נאָכדעם ווי בירקע האָט פֿאַרענדיקט די שול, נעמט ער זיך לייענען און הייבט אָן פֿילן דערין אַ געוויסן פֿאַרגעניגן. ער האָט זיך אַפֿילו באַזאָרגט מיט ברילן, מאַכמעס ער האָט באַמערקט, אַז ער איז אַ ווײַטזיכטיקער. ער איז שטאַרק אויסגעמאָגערט, ניט אַזוי פֿון ניט דערעסן, ווי דערפֿון וואָס ער רופֿט אָן „גײַסטיקע איבערלעבונגען", כאָטש פֿריער וואָלט ער זיך בעשום אויפֿן ניט געגלייבט, אַז פֿון גײַסטיקע איבערלעבונגען קען מען זיך אויסמאָגערן.

ניין, עס טוט אים באַשטימט באַנג וואָס ער איז דעמאָלט אַרײַנגעטראָטן אין די עס־עס־1טרופּן, עס וואָלט זיך בעסער געלוינט דינען פּאַשעט אין דער ווערמאַכט, ווו ער וואָלט אויך געקענט מאַכן אַ גוטע קאַריערע.

ער ווערט סענטימענטאַל און ווען ער לייענט אין די ביכער רירנדיקע סצענעס, גיסן זיך אים אָן די אויגן מיט טרערן. ער ווערט אַליין גערירט פֿון די טרערן, ער רעכנט, אַז זיי קויפֿן אויס אַ סאַך דערפֿון וואָס ער האָט פֿריער געטאָן, און אַז זיי זײַנען אַ באַווײַז פֿון גײַסטיקער איבערדערציִונג. אים כאָ־לעמען זיך מערסטנס רירנדיקע כאַלוימעס. איינמאָל האָט זיך אים געכאָ־לעמט, אַז ער איז שעף פֿון אַ קאָנצענטראַציע־לאַגער, וואָס איז ווי קאָנ־צענטראַציע־לאַגערס דאַרפֿן זײַן, אַרומגענומען מיט שטעכיקע דראָטן און באַוואַכט, ווי אָף דער וואָר, מיט מענטשן באַוואָפֿנטע מיט אויטאָמאַטן. נאָר אינעם לאַגער גופֿע, אינעווייניק, איז אַלץ זייער שיין: אָף די פֿענצטער פֿון די באַראַקן הענגען בלויע פֿירהענגלעך, און אָף די ווענט הענגען טע־פּיכלעך מיט אויסגענייטע בילדער וואָס שטעלן פֿאָר קינדער און כאַיעס, באַם אַרײַנגאַנג אינעם קרעמאַטאָריום פֿינקלען יאָלקע־שפּילצײַג. אין דער לופֿט הודיעט אַ גלאָקן־קלאַנג, וואָס דערמאָנט בירקען די קינדער־יאָרן. אַלע אײַנגעשלאָסענע זײַנען אַלטע לײַט, אַלע האָבן זיי פּרעכטיקע גרויע בערד, און מען קען מיינען, אַז דאָס זײַנען הייליקע אָדער מאַלאָכים, כאָטש אָן פֿליגל. און ער, בירקע, קאָמאַנדירט מיט זיי, שטעלט זיי אויס אין רייען. זיי

פֿורעמען זיך און פֿורעמען זיך איבער זייער שנעל און האַרמאָניש ווי אויסגעשטודירטע זעלנער, און ער פֿילט זיך דערבײַ שטאַרק גערירט און איז גרייט צו וויינען פֿאַר פֿרייד וואָס אַזעלכע אַלטע לײַט פֿירן אויס אַזוי קונציק אַלע באַפֿעלן און שמייכלען דערבײַ גליקזעליק. און דאָ דערהערט ער פּלוצים הינטער זיך אַ האַרטן רוסישן קאָל: „פֿריץ בירקע, איר זײַט אַרעסטירט אַלס מילכאָמע־פֿאַרברעכער!" מיט דעם אויסגעשריי פֿאַרענדיקן זיך קימאַט אַלע זײַנע כאַלוימעס, און ער כאַפּט זיך אויף אַ פֿאַרציטערטער פֿון שרעק, און אַזוי־וויי: דער כאַלעם דעמפּט זיך ניט אויס מיט אַ מאָל פֿון זײַן אַף טויט פֿאַרפֿלאָנטערטן מויעך, ווילט זיך אים ענטפֿערן אַף אָט דעם קאָל, אַז אים דאַרף מען ניט טשעפּען, דאָס קאָל זעט דאָך אַליין, אַז בײַ אים איז אַלץ גוט, זעליק און שטיל.

נאָך צוויי רויִקע וואָכן, האָט ער גענומען האָפֿן אַז ער וועט אויסמײַדן דעם אַרעסט. ער טראַכט זיך, אַז אים איז נישטאָ פֿאַרוואָס צו אַרעסטירן און מישפּעטן, וואָרעם אָט זיצט ער דאָך איצט שטיל, און איז גרייט ווײַטער צו זיצן אַזוי שטיל ביזן טויט, זיך ניט מישן אין גאָרניט, און איז גרייט צו געבן די גרעסטע שווּע, אַז אָט אַזוי, ווי אַ פּריוואַטער מענטש, וועט ער אָפּלעבן זײַן לעבן און ער דאַרף קיין זאַך פֿון קיינעם ניט האָבן.

ער גייט קימאַט ניט אַרויס אין גאַס, און אַז ער גייט אַרויס, איז מיט אַ שטעקן, נאָכמאַכנדיק אַ לאָמען, און מיט ברילן, וואָס ענדערן שטאַרק זײַן פּאָנעם. איינע פֿון די פּאַנסיאָן־דינסטן קויפֿט פֿאַר אים און ברענגט אים באַשיידענע שפּײַז, וואָס איז דעמאָלט געווען צו באַקומען. און ווען עס רײַסן זיך אַרײַן צו אים אין צימער אַ מאַן צען ענגלישע זעלנער מיט די אויטאָמאַטן אָנגעהאַנגען אַף די רימענס, איז ער קימאַט פֿאַרוווּנדערט. ער שטעלט ניט קיין שום ווידערשטאַנד, ווי עס האָבן איבערגעטראַכט די ענגלענדער.

אין טורמע ווערט אים גרינגער. אַלץ איז באַשטימט און קלאָר. די האָפֿענונגען האָבן געקראַכט, און צוזאַמען מיט זיי אויך זײַן פֿײַנלעכע איינזאַמקייט. ער פֿאַלט טייקעף אַרײַן אינעם לאַגער, ווו מען האַלט אַ היפּש ביסל עסעסן און וועררמאַכט־גענעראַלן, וואָס זײַנען באַשולדיקט אין קריגס־פֿאַרברעכנס און אין פֿאַרברעכנס קעגן דער מענטשלעכקייט.

דער רעזשים אינעם לאַגער און דאָס עסן איז צו דערלײַדן. מען פֿאַרווערט ניט די מענטשן זיך צוזאַמענצוקומען. ביכלאַל, איז אַלץ בעסער ווי מען האָט זיך געקענט פֿאָרשטעלן. נאַטירלעך, האָט דערין וואָס זיי פֿילן זיך אומגעריכט אַזוי גוט, אויך צו זאָגן דאָס וואָס זיי פֿאַרגלײַכן אַזוי אָדער אַנדערש דעם רעזשים פֿונעם ענגלישן קאָנצענטראַציע־לאַגער מיט דעם רעזשים וואָס איז זיי גוט באַקאַנט פֿון די דײַטשע קאָנצענטראַציע־לאַגערן און מיט דעם וואָס זיי וואָלטן אײַנגעפֿירט פֿאַר די ענגלענדער, ווען די זיגער זײַנען זיי און ניט די ענגלענדער. די ערשטע צוויי דרײַ וואָכן וווּנדערט זיך פֿאָשעט פֿריץ בירקע, פּונקט ווי די אַנדערע, מיסטאָמע, וואָס מען דערהאַרגעט זיי ניט. דערנאָך געוווינט ער זיך דערצו און נעמט אַפֿילע קוקן אַף די ענגלענדער מיט אַ געוויסער גרינגשעצונג, אַפֿילע מיט דער גאַנצער אויפֿריכטיקער אומאַכטונג פֿון אַ פּראָפֿעסיאָנעלן מערדער, צו די יאָלדן.

פֿאַר די גענעראַלן האָבן די ענגלענדער אָפּגעגעבן באַזונדערע צימערן, און איינער אַ פֿעלדמאַרשאַל האָט געהאַט אַפֿילע אַפּאַרטאַמענטן. מאַכמעס דעם וואָס דער פֿעלדמאַרשאַל האָט געליטן פֿון אַ שטאַרקער נערוון־דערשיטערונג און האָט זיך פֿאַרנומען שרײַבן זײַנע מעמואַרן, גייען אַרײַן צו אים די ענגלישע זעלנער, אַף אַ ספּעציעלן באַפֿעל פֿון דער קאָמאַנדירונג,

מיט געווע טענע קאָלאָשן און לאַנגע בענדלעך, ווי אין א טעמפּל אָדער אין א מוזיי.

אין די זונטיקן קומען זיך צונויף אינעם לאַגער די פרויען פון די אַרעסטירטע מיט בריוו און פּעקלעך. אינעם לאַגער שפּילט א ראַדיאָ. עס פאָרן זיך אָן דייטשע אַדוואָקאַטן, וואָס האָבן זיך אַרויסגערופן אַלס פאַרטיידיקער פון טייל אַרעסטירטע בא די פּראָצעסן. דער פעלדמאַרשאַל גייט אָפּט אַרויס שפּאַצירן, און אַלע גיבן אים אָפּ קאָווד, און ער, א וואַזשנער, א געשטרעקטער, מיט א שטרענגן און ערנסטן פּאָנעם, ענטפערט מיט א נאַכלעסיקן שאָקל מיטן קאָפּ.

אין איינעם פון די לאַגער־ווינקלען זיינען פאַראַן עטלעכע פרויען־באַראַקן, ווו עס וווינען געוועזענע אויפזעערנס פון די דייטשע קאָנצענטראַציע־לאַגערן פאַר פרויען, פליערנס פון דער „לופט־וואַפע" און איינע אַן ענגלענדערן, וואָס האָט אין היטלערס צייט אָנגעפירט אַנטי־ענגלישע טראַנסמיסיעס אויפן בערלינער ראַדיאָ. צוזאַמענגעשטעלט האָט זיך א קאָמפּאַניע, אין וועלכער עס איז אויך אַריין בירקע. די ענגלענדערן באַקומט הפשע פּעקלעך פון אירע ענגלישע פריינט און קרויווים און באַקט אויף דער עלעקטרישער פּליטע געשמאַקע פּודינגס און באַטיילט מיט זיי אירע פריינט די עס־עסן.

מען רעדט דאָרט, אַז דער איקער איז צייט געווינען. מען דאַרף קאָזן אָפּקילן די ליידנשאַפטן, עס זאָלן זיך אויסדעמפן די מיטינג־רעדנער פון הייד־פּאַרק און פון די אַלערליי פלוידער־שטיבלעך. וואָס שפּעטער די פּראָצעסן וועלן זיך אָנהייבן, אַלץ בעסער וועט זיין פאַר די אַרעסטירטע. מען זאָגט, אַז די ענגלענדער זיינען גענייגט זיך צו באַגיין שטרענג מיט די וואָס זיינען שולדיק אין רעציכעס איבער ענגלישע און נאָרדאַמעריקאַנישע קריגס־געפאַנגענע אָדער אין דער פאַרניכטונג פון די מאַנשאַפטן אויף די ענגלישע און נאָרדאַמעריקאַנישע קריג־שיפן און האַנדל־שיפן, וואָס זיינען טאָרפּעדירט געוואָרן פון די דייטשע אונטערוואַסער־שיפלעך. אַזעלכע באַשולדיקטע דערוואַרט זיכער צעשיסונג. דערפאַר אָבער דערוואַרטן נישט אַזעלכע שטרענגע סענטענצן די וואָס זיינען שולדיק אין בעסטיאַלער באַהאַנדלונג, זאָגן מיר, פון די רוסישע קריגס־געפאַנגענע. דאָס אייגענע איז אויך שייעך די וואָס האָבן פּאָשעט געדינט אין דער באַוואַכונג פון די קאָנצענטראַציע־לאַגערן, אויב אין די לאַגערן זיינען ניט געווען קיין ענגלענדער אָדער נאָרדאַמעריקאַנער. די גרעסטע געפאַר וואָלט געווען ווען מען גיט אַרויס די אָדער יענע אַרעסטירטע דער סאָוועטישער מאַכט אויף דער פאָדערונג פון דער סאָוועטישער קאָמאַנדירונג אָדער דער פּוילישער און טשעכישער מאַכט.

מוז מען, אַזוי אַרום, געווינען צייט און מען מוז בלייבן אין די הענט בא די ענגלענדער. דאָ זיינען צוויי געבאָטן, וואָס פון זיי הענגט אָפּ דאָס לעבן פון א סאַך אַרעסטירטע.

II

אָט די סאַנאַטאָריע פאַר די ראַנגן פון „עס־עס" און „עס־דע", פון „זיפּאָ" * און „געשטאַפּאָ", הייבט אָן, פון דעסטוועגן, שיטערער צו ווערן. טייל זייערע האָבן די ענגלענדער דאָך אַרויסגעגעבן אויף דער פאָדערונג פון א דערע לענדער. דאָס איז געווען קימאַט א זיכערע טויט־שטראָף. עס זיינען אַרויסגעקומען האַרצרייסנדיקע סצענעס. דער אויסדרוק „פאָרן אויף מיזרעך",

* „זיפּאָ" — זיכערהייטס־פּאָליציי.

איז דאָ געוואָרן אַ סינאָנים פון אַזעלכע אויסדרוקן ווי „אַרײַן אין קעסטל", „זיך אײַנגעבויגן", „געגעבן די פעל", קורץ, דאָס האָט געמיינט טויט. רוסלאַנד איז פאַר די אויגן פון אַט די מענטשן געשטאַנען ווי עפּעס אַ ריזיקע „נעמעזידאַ" מיט קאַלטע האַסנדיקע אויגן, מיט אַ פאַרבלוטיקטער שווערד אין די הענט. די אַמעריקאַנישע גערעכטיקייט, פאַרקערט, האָט אין זייערע אויגן אויסגעזען אַ פרייליכער ניט־ערנסטער לאַנגער דראָנג, ווי „אָנקל סעם" אַף די קאַריקאַטורן. נישטאָ אין אים קיין איבערצײַגונג. נישטאָ אין אים קיין האַס. ער שפּילט, מאַכט אַ שטרענגן אָנשטעל, נאָר אין טאָך בלײַבט ער גלײַכגילטיק צום איניען. ער מישפּעט, ווײַל ער האָט די מעגלעכקייט צו מישפּעטן, און מישפּעטן איז אינטערעסאַנט. די אויגן גלאַנצן בײַ אים פון זײַן מאַכט־באַוווסטזײַן, פון זײַן מעכטיקייט, נאָר ניט פון דער לײַדנשאַפט וואָס פרעסט אים אײַנצושטעלן גערעכטיקייט. דערפאַר קען מען זיך ריכטן פון אים אַף אומגעריכטע מאַיסים, נאָר ניט קיין קאָנסעקווענטע מאַיסים. און די עס־עסן טרוימען וועגן אַרײַנפאַלן צו די אַמעריקאַנער, אויב עס איז קיין מעגלעכקייט נישטאָ צו פאַרבלײַבן בײַ די ענגלענדער.

וואָס שײַעך די ענגלענדער, איז דער איניען אַ ספּעציעלער. זיי האָבן געליטן די שרעקן פון דער היטלער־מילכאָמע, כאָטש ניט אין אַזאַ מאָס ווי מיזרעך־אייראָפּע. נאָר די ענגלישע גערעכטיקייט, שטאָלץ מיט איר יאָרהונדערטן אַלטער טראַדיציע, פילט אַ מין מאָדנעם טײַנעג דערין וואָס זי באַגייט זיך ווייך מיט אירע סאָנים אָדער זי באַפרײַט זיי. די אַדוואָקאַטן און פּראָקוראָרן פאַררופן זיך דעבײַ אַף דער קריסטלעכער ציוויליזאַציע, אַף די טראַדיציעס פון דער אַנגלאָזאַקסישער וועלט, אַפן רוימישן רעכט און אַפן „האַבעאַס קאָרפּוס"**. ווײַט ניט אַלע גײַוועדיקע און שוואַכע אינטעליגענטן גיבן זיך אָפּ כעשבן דערין, אַז אונטער די שיינע ווערטער איז אויסבאַהאַלטן דער ווילן פון די רעגירער אין זייער לאַנד, וואָס זײַנען שטענדיק גרייט אַף אַ בונד מיט וועמען עס מאַכט זיך קעגן די סאָנים פון דעם קאַפּיטאַליסטישן אייגנטום, דאָס הייסט, קעגן די קאָמוניסטן. די ענגלישע רעגירער זוכן פאַרבינדעטע אין אייראָפּע קעגן דעם ראַטנפאַרבאַנד. אַט די נאַטירלעכע פאַרבינדעטע אין דער צוקונפט שפּירן שוין די געוועזענע נאַצים. נאָר ווײַל זיי ווייסן, אַז אין דער ערשטער צײַט וועלן זיך די ענגלענדער מוזן רעכענען מיט דעם צאָרן פון דער געזעלשאַפטלעכער מיינונג, טראַכטן זיי וועגן געווינען צײַט.

דאָך, נישט געקוקט אַף די אַלע שטימונגען וואָס הענגען אין דער לופטן, אַף די אַלע אויסרעכענונגען, קען בירקע לאַנג צו זיך נישט קומען פון שטוינען, ווען דאָס ענגלישע מיליטערישע געריכט באַפרײַט אים און גיט אים איבער אין רעשוס פון דער דענאַציפיקאַציע־קאָמיסיע. באַם געריכט האָט בירקע געשפּילט די ראָל פון אַ זעלנער, וואָס דענקט ניט, נאָר פירט אויס באַפעלן. און געשפּילט האָט ער עס ווי אַ קינסטלער. זײַן אָנטייל אינעם אַרויסגעגעבענע מוסאָליניִן און אין דער דיוועזיע פון דער אַרדענער שלאַכט, האָט אים געבראַכט באַשטימטן נוצן, ווײַל דאָס האָט אים געשאַפן אַן אָרעאָל פון אַ געוואַגטן. צום גליק זײַנען קיין שום יעדיִעס ניט געווען וועגן דעם ווי ער האָט צעשאָסן די קריגס־געפאַנגענע און אַרעסטירטע אין די לאַגערן. זײַן אַקטואַציע אין פראַנקרײַך ווען ער האָט געדינט אינעם הינטערלאַנד פון דער דיוויזיע „רײַך" האָט דאָס געריכט פאַרבײַגעלאָזט. די

** אומבאַרירלעכקייט פון דער פּערזאָן.

פראנצויזישע טיילן האבן געפאדערט מען זאל אים זיי ארויסגעבן, זיי האבן עס אבער געטאן נישט דרייסט און האבן זיך שטארק ניט געשטעלט. אפן געריכט האט ער זיך געפירט פארזיכטיק און האט איינמאל ארויסגעזאגט זיין באדויערן, וואס ער האט מיט גלויבן און עמעס געדינט אזעלכע מענטשן וואס האבן נישט די ווערט געהאט אזא ערלעכן דינסט. נאר אויך דאס האט ער ארויסגעזאגט מיט זייער נעפלדיקע אויסדריקן, ווארעם „דער מיליטערישער קאוועד, — ווי ער האט זיך אויסגעדריקט — דערלויבט אים ניט ברייט זיך אפצושטעלן אף דער טעמע". די דייטשע און ענגלישע צייטונגען האבן געדרוקט אן אינטערוויו, וואס זייערע קארעספאנדענטן האבן מיט אים געהאט. דער ענגלישער מאיאר, וואס איז געווען פראקוראר אף דעם פראצעס, איז נאך דער געריכט־זיצונג צוגעגאנגען צו בירקען און האט אים געדריקט די האנט און האט געזאגט, אז ער איז א פראנט־קאמאנדיר, און אז אויב אים וועט באשערט זיין נאכאמאל שלאגן זיך, וואלט ער וועלן האבן אזעלכע זעלנער ווי פריץ בירקע. דער פאקט איז באקאנט געווארן און דעם מאיאר האט מען צוריקגערופן קיין ענגלאנד.

מען קען ניט זאגן, אז די רויקייט, דער גלייכגעוויכטיקער טאן, די שטויבונג־שמייכלען און אויסרופן, קורץ, דאס אלץ וואס בירקע האט אזוי קונציק אפגעשפילט אפן פראצעס, זאל אים האבן אנגעקומען אזוי לייכט. ניין, דאס אלץ האט אים געקאסט א ריזיקן אנשטרענג. די מייסע איז, וואס ער האט זיך אלץ געריכט עס זאל קומען איינער אן אידעס, וואס האט אים, בירקען, געזען אף דער רוסיש־אקופירטער טעריטאריע פון מיזרעך־דייטשלאנד, אדער בעיים ער האט געדינט אין ליל און אווראנש, אדער אינעם קאנצענטראציע־לאגער פון זאקסענהויזן, אין צאפן פון בערלין, וווהין ער איז געקומען שוין אין אפריל, איידער דאס רוסישע מיליטער איז אריינגעקומען אף ליקווידירן אייניקע אומבאקוועמע ארעסטאנטן. מיט אנגסט קוקט ער זיך איין אין יעדן אידעס פון דער באשולדיקונג וואס גיט אפ זיין שווע און הערט זיך איין אין די ערשטע ווערטער פונעם אידעס זאגן, און שפארט זיך אפ אפן שטול א דערלייכטערטער. ניין, דאס איז ניט יענער אידעס: די אידעס ריידן וועגן די עס־עסן ביכלאל איידער פון אים, בירקען, באזונדער. און קיין סאך אידעס זיינען אויך נישטא. איינצייטיק מיט דעם פראצעס זיינען פארגעקומען צענדליקער אנדערע, דערין דער ליונעבורגער פראצעס איבער די אויפזעער אינעם בעלזענער טויטן־לאגער, ווו עס איז געשטאנען פארן געריכט בירקעס אן אלטער באקאנטער יאזעף קראמער. דעם קראמער האט מען דערנאך פארמישפעט צום טויט, און בירקע דאנקט גאט, בא זיך אין מויעך, וואס ער האט זיך אין זיין צייט אפגעזאגט פונעם אמט אלס שעף פונעם בעלזענער לאגער, וואס עריך קאלטענברונער האט אים געהאט פארגעשלאגן.

קורץ, עס קומט אויס, אז בירקע איז ניט אזוי קאמפראמעטירט, אז זיינע מאיסים זיינען שוין גארניט אזוי שרעקלעך. ניין, יענע פאריזער טרעפערקע, מאדאם ריגו, וואס האט אים אמאל פארויסגעזאגט, אז ער וועט שטארבן אלס גענעראל, איז א מיידים, קענטיק, אין איר פאך!

די אלע גרויליקע פכאדים און איבערלעבונגען פירן דערצו, אז בירקע פריער א ניט־געצווימטער, א ברוטאלער, וואס בארימט זיך מיט זיין פיזישער קראפט און אכזאריעס, זאל גרינטלעך בייטן זיין אויסזען. ער רעדט שטיל, גייט געלאסן, קלאגט זיך אף קרענק. אין בליק בא אים און אין דער שטים

באַווײַזט זיך אַ מין זיסקייט, אַ כניפּעדיקע, און מיט זײַן גרויסן פֿליך ווערט ער ענלעך אַף אַ מיטלאַלטערלעכן מאָנאַך.

דאָס דײַטשע געריכט פֿאַרמישפּט, פֿון דעסטוועגן, בירקען אַף דרײַ יאָר טורמע. נאָר שוין די צווייטע נאַכט נאָכן אַרויסגעטראָגענעם אורטייל, אַנטלויפֿט בירקע אַף דאָרעם, קיין בײַערן, אין דער אַמעריקאַנישער זאָנע.

דאָ געפֿינט ער אַ שיצער אין דער פּערזאָן פֿונעם באַרימטן אינדוסטריעלער לינדעמאַן, בירקעס אַ באַקאַנטער פֿון אַמאָל. לינדעמאַן איז אַ ניט־פֿאַרעכנטער ראַטגעבער פֿון דער אַמעריקאַנישער מיליטערישער פֿאַרוואַל־אַפֿן מײַן, ווו עס שטייט אײַן די אַמעריקאַנישע פֿאַרוואַלטונג. ער געפֿינט דאָרט באַקאַנטע, צווישן זיי, דעם שעף פֿונעם עקאָנאָמישן אָפּטייל בריגאַדע־גענעראַל וויליאַם דרײַפּער. דער גענעראַל הייבט אָן פֿאָרן צו לינדעמאַנען צו גאַסט קיין מינכען און באַראָט זיך דאָרט מיט אים וועגן עקאָנאָמישע פֿראַגן.

ווען עס הייבט זיך אָן דער נירענבערגער פּראָצעס פֿון די העכסטע קריגס־פֿאַרברעכער, ראָט לינדעמאַן בירקען ער זאָל אַף אַ צײַט פֿאַרשווינדן, מאַכמעס די לײַדנשאַפֿטן זײַנען אָנגעהיצט און דאָס קען ברענגען צו פֿאַרשידענע אומגעריכטע פּאַסירונגען. בירקע באַקומט דאָקומענטן אַף אַ פֿרעמדן נאָמען און מיט דער הילף פֿון זײַנע פֿרײַנט, קומט ער אָן קיין פּאָרטוגאַל, ווו ער טרעפֿט אַ גרויסע דײַטשע קאָלאָניע, פֿון געוועזענע ווערמאַכט־אָפֿיצירן.

דאָ הערט בירקע צום ערשטן מאָל דעם געדאַנק, וואָס רופֿט בײַ אים אַרויס געלעכטער, אַז די עס־עס־לײַט זײַנען געווען דער פֿאָר־מוסטער פֿון דער פֿאַראייניקטער אייראָפּע אינעם קאַמף קעגן די אַזיאַטישע האָרדעס. די עס־עס־כאַיאָלעס, אין דער נײַסטער אינטערפּרעטאַציע, ווערן, צוליב זייער צוזאַמענשטעל פֿון די גאָרגלשנײַדער פֿון פֿאַרשידענע נאַציאָנאַליטעטן, פֿון די פֿאַשיסטן פֿון אַלע לענדער, — פֿון נאָרוועגן ביז איטאַליע, — געשילדערט שיר ניט אַלס אינטערנאַציאָנאַלע בריגאַדעס, וואָס זײַנען באַרופֿן, גאָר ניט צוליב אויפֿשטעלן דאָס גרויסע דײַטשלאַנד, נאָר צוליב „פֿאַרטיידיקן אייראָפּע", וואָס איר ער אַ באַשיידענער טייל איז אויך דײַטשלאַנד... ניט אייראָפּע דאַרף ווערן אַ דײַטשע, ווי מען האָט אַלץ געכאַזערט צען יאָר נאָכאַנאַנד, נאָר דײַטשלאַנד, אַ נאָאיינעם מיט ענגלאַנד און פֿראַנקרײַך און אַנדערע לענדער, דאַרף, לויט דער נײַער אינטערפּרעטאַציע פֿאַרטיידיקן אייראָפּע קעגן אַזיע...

בירקע, ווי געזאָגט, האָט טכילעס געלאַכט פֿון אָט דער קאָנצעפּציע, נאָר ער כאַפּט זיך באַלד ווי לױנענדיק זי איז אין הײַנטיקער מאָדנער צײַט. מיט דער צײַט הייבט ער קימאַט אָן גלייבן אין די „היסטאָרישע פֿאַקטן", און עס דערמאָנט זיך אים ווי פֿרײַנטלעך עס האָבן זיך אײַנגעלעבט אין די עס־עס־ישע רייען די מײַרעוו־אוקראַיִנישע באַנדיטן מיט די פֿאַרנטער בעראָש מיט דעם הער זשאַק דאָריאָ, די שפּאַנישע פֿאַלאַנגיסטן מיט די כאָרוואַטישע אוס־טאַשיס.

דער פּראָצעס פֿון די העכסטע מילכאָמע־פֿאַרברעכער אין נירנבערג, זיפּט זיך פּאַמעלעך, ווי אַ דריבנער רעגן. בירקע מערקט זיך מיט פֿאַרגעניגן ווי עס פּאַלט צו אים דער אינטערעס אין אַלע שיכטן פֿון דער געזעלשאַפֿט. די צײַטונגען וואָס קומען פֿון דײַטשלאַנד גיבן אים אָפּ אַלץ ווייניקער פּלאַץ, עס גייען אַוועק גאַנצע וואָכן און מען דערמאָנט אַפֿילע ניט וועגן אים. מען לאָזט אַרויס אַ קלאַנג, אַז ספּעציעל פֿאַר די דײַטשן וועט מען אַרויסגעבן אַ סטענאָגראַפֿישן באַריכט — אָן עכטן און גערעכטן. אַ פּוסטער קלאַנג, מיט וועלכן מען האָט געוואָרפֿן אַ כשאַד אַף דער עכטקייט פֿון די צײַטונגס־באַ־

ריכטן, אפצושוואכן דעם אינטערעס צו זיי: עס האט, הייסט עס, קיין זין ניט זיי צו לייענען, ווייל אין גיכן וועט ארויסקומען א פולער און עמעסער באריכט.

בא אט די אומשטענדן, האט לינדעמאן, וואס האט געוואלט באדאנקען בירקען פאר זיינע טויוועס, אים צוגעשיקט מיט א געלעגנהייט א צעטעלע וועגן דער מעגלעכקייט און דער געווינטשנקייט ער זאל צוריקפארן קיין דייטשלאנד. אין דעם בריוול האט ער אים געגעבן אנצוהערן, אז ער האט דערצו די הסכמה פון זיינע פריינט אין דער אמעריקאנישער פארוואלטונג, נאר בירקע וועט, נאטירלעך, מוזן פארן אומלעגאל. צום בריוו איז געווען ביינעלייגט א טשעק אף א גאנץ באשיידענער נאר גענוגנדיקער סומע אף דער רייזע אין א פארטוגעזישער באנק.

אין מינכן וואַרטן אף אים אנגענעמע נייעס. היטלערס געוועזענער פארקער־מיניסטער דארפמילער, איז ראטגעבער פון דער אמעריקאנישער פארוואלטונג, און אין דער זעלביקער פארוואלטונג דינען פאר ראטגעבער און באזומען געהאלט אויך אנדערע אנגעזעענע נאציישע באאמטע. די לינקע לאזונגען זיי ען פארוואָרפן. אף דער העססענער טעריטאריע האט מען דורכגעפירט א רעפערענדום וועגן נאציאנאליזירן די שווערע אינדוסטריע און די אייזנבאנען; פאר דער נאציאנאליזאציע האבן זיך ארויסגעזאגט העכער 70 פראצענט פון דער באפעלקערונג, נאר די אמעריקאנישע מאכט האט פשוט אפגעשאפט דעם רעפערענדום און האט איבערגעלאזט אלץ ווי געווען.

בא בירקען איז קיין ספק ניט געבליבן, אז עס קומט דער איבערבראך־מאמענט, דער אנהויב פונעם סוף צום העסקעם און צו דער פריינטשאפט צווישן דער גרויסער מיזרעכדיקער מאכט און איר מייַרעווודיקע פארבינדעטע אי עם קריג; די פויסט האט זיך צעעפנט און האט זיך צענומען אף פינגער, וואס שאַרן פאר זיך, נאר הארגענען ניט.

לינדעמאן און די מענטשן ארום אים נעמען ריידן אף א געמישטן ענגליש־דייטשן לאשן. די ענגלישע שפראך ווערט אין דער מאדע. מיידלעך רופט מען „גערלס". דער קינא ווייזט אמעריקאנישע בילדער, די קיאסקן זיינען פארוואלגערט מיט אמעריקאנישע ראמאנען. דערנאך ווערט דער ביכער־מארק פארשאטן מיט מעמוארן פון היטלערס קרוייוים און באקאנטע. דער בארימטער בערכטעסגאדענער שלאס ווערט פארוואנדלט אין א מוזיי, וווהין עס שטראמען נארדאמעריקאנער טוריסטן. דארט פארקויפט מען סוווענירן, וואס האבן א שייכעס מיט היטלערן. דער נירנבערגער פראצעס ציט זיך דערווייל, אין אלע קיאסקן פארקויפט מען די מעמוארן פון גערינגס פרוי, פון ריבענטראפס ברודער, פון הימלערס הויז־דינסט. די ארבעטער זיינען דערשלאגן, ווייל זיי פילן מער ווי אלעמאל קרעמער און מיליטער־לייט די שולד פונעם דייטשן פאלק און באציען זיך ערלעכער ווי ווער עס איז צו זייער כויוו אלכ באזיגטע. דערפאר ארבעטן זיי רויק, פארכמורעט, דערלויבן זיך ניט ארויסצוטרעטן קעגן דער אקופאציע־מאכט, וואס האלט אין אירע הענט די באוואפנטע ארמיי, און זיי קענען ניט ארויסטרעטן קעגן די אונטערנעמער, וואס געפינען זיך אונטער דער ענגליש־אמעריקאנישער שוץ. דער ארבעטער־קלאס, דער איינציקער קויעך וואס וואלט בעעמעס געקענט א סוף מאכן צו די רעשטן פונעם נאציזם און דערגרייכן דעמאקראטישע פרייהייטן, האט, אזוי ארום, געפע טעט די הענט און די פיס.

אזא איז צו יענער צייט די לאגע אין מייַרעוו־דייטשלאנד. און אין דעם קעסל קאכט זיך די אומבאשטימטע און אומקלארע צוקונפט, וואס אירע

שטריכן מוזן אין שרעק אַרייַנוואַרפֿן די מענטשן וואָס זייַנען מיט לייַב און
לעבן מיט דייַטשלאַנד און מיט דער מענטשהייַט.

נאָר פֿריץ בירקע איז ניט פֿון די מענטשן. פֿאַרקערט, ער איז יענע
פֿאַרגאַנגענהייט, וואָס וויל לעבן בלייַבן און ווערן די צוקונפֿט. ווי נאָר ער
פֿאַלט אַרייַן אין אָט דער ברויז־אַטמאָספֿער, קומט ער באַלד צום אויספֿיר,
אַז דער נאַצישער רעזשים, וואָס האָט אים אויסגעהאָדעוועט, אין וועלכן ער
האָט אָנגעהויבן צווייפֿלען די ערשטע צייַט נאָך דער מאַפּאָלע, איז אין דער
עמעסן גוט און איז דער פּאַסיקסטער פֿאַר דייַטשלאַנד. בירקע האַלט דעם
רעזשים פֿאַר גאַנץ אָנשטענדיק, ווי נאָר עס ווייַזט זיך אַרויס אַז ער, דער
רעזשים, רופֿט ניט אַרויס קיין האַס און קיין ווידערגעפֿיל, ווי פֿריער, נאָר
פֿאַרקערט, ער וועקט נייגער און אומגעזונטן אינטערעס. די פֿאַרברעכנס זייַ־
נען אַזוי גוואַלדיק גרויס, אַז מען האָט אויפֿגעהערט גלייבן אין זיי; מענטשן
זעען, אַז די דאָזיקע כאַיעס, וואָס האָבן דערהאַרגעט מיליאָנען מענטשן, גייען
אַף צוויי פֿיס, טראָגן אָנשטענדיקע פּידזשאַקעס, קראָוואַטן און ברילן,
גלייַכע שרונטן און בערשטל־טשובעס, וואַקלען זיי, גלייבן זיך נישט, אַז אָט
די הערן זייַנען מיט אַן עמעסן באַגאַנגען אַזעלכע אומדערהערטע פֿאַר־
ברעכנס. ווען די פֿרוי פֿונעם בעלזענער טאַליען יאָזעף קראַמער האָט אין
געריכט איידעס געזאָגט און דערוויזן, אַז קראַמער איז געווען אַן אויסגע־
צייכנטער פֿאַמיליען־מענטש, אַ צאַרטער פֿאָטער און ליבנדיקער מאַן, האָט
מען דערין אַ סאַך לייַכטער געגלייבט ווי דערין, אַז ער האָט קאַלטבלוטיק
פֿאַרפֿייַניקט מיליאָנען מענטשן.

קיינער האָט נאָך ניט אָנגעשריבן די בייזע סאַטירע אַף דעם ווילד־מע־
שונעדיקן קורצן זיקאָרן פֿונעם מענטשן, קיינער האָט זיך נאָך אַפֿילע ווי
געהעריק נישט געוווּנדערט אַף דעם מענטשנס גרענעצלאָזער פֿעיִקייט צו פֿאַר־
געסן — אַף אָט דער יערושע פֿון די מאַלפּע־צייַטן, וואָס אייניקע פּאָליטי־
קער ניצן זי אויס צוליב זייערע טונקעלע צילן.

III

באַ איינעם אַ באַנקיר אין קעלן אַף אַן ענגער באַראַטונג פֿון אינדוס־
טריעלער און פֿינאַנציסטן, ווו עס זייַנען אויך פֿאַראַן אַ פּאָר אַנטלאָפֿענע
פֿון מיזרעך גרויסע גוטבאַזיצער, קומט אַרויף דער שמועס וועגן דער ערד־
רעפֿאָרם אין דער סאָוועטישער אָקופּאַציע־זאָנע. פֿאַרבייַגייענדיק רופֿט איינער
די אויפֿמערקזאַמקייט פֿון די אָנוועזנדיקע דערויף וואָס די סאָוועטישע מאַכט
לייגט פּאָשעט אַרויף איר האַנט, נאַציאָנאַליזירט, עקספּראָפּריִירט די גרויסע
אונטערנעמונגען, וואָס געהערן צו פֿאַרשידענע קאָמפּאַניעס. עס מערן זיך
די פֿאַלן, ווען די סאָוועטישע מאַכט פֿאַרבייַט די פֿאַרוואַלטער פֿון אַזעלכע
אונטערנעמונגען מיט ניט געניטע, נאָר אויפֿגעבראַכטע קעגן די אונטערנע־
מער דייַטשע קאָמוניסטן פֿון די אַרבעטער. דאָס אַלץ ווערט געטאָן מיט דעם
אויסרייד פֿון קאָנפֿיסקירן די אונטערנעמונגען פֿון קריגס־פֿאַרברעכער,
כאָטש ביז איצט האָט נאָך קיין איין געריכט ניט פֿעסטגעשטעלט די קריגס־
פֿאַרברעכנס וואָס אַ ריי אָנגעזעענע אונטערנעמונגען און מעכטיקע פּראָדו־
ציר־איינסן זאָלן האָבן באַגאַנגען. דעם פֿאַקט וואָס אַ סאַך פֿון די אונטער־
נעמונגען האָבן געאַרבעט „אַף דער פֿאַרטיידיקונג“, דאָס הייסט, אויסגע־
אַרבעט באַשטימטע סכוירעס, נייטיקע צו דער מילכאָמע, טאָר מען ניט אָנגע־

בן אַלס פֿאַרברעכן די מענטשן, וואָס האָבן אָנגעפֿירט מיט דעם פּראָדוציר-פּראָצעס, ווי לאַנג עס איז נישט דערוויזן, אַז דערמיט וואָס די מענטשן האָבן אַרויסגעגעבן די פּראָדוקציע, האָבן זיי געהאַט אַלס ציל פֿאַרכאַפּן פֿרעמדע לענדער, פֿאַרניכטן פֿעלקער אא״וו.

דער באַנקיר זאָגט, אַז באַשולדיקן די אונטערנעמער און די קריגס-פֿאַרברעכנס פֿונעם נאַציזם איז פּונקט אַזוי קאָמיש און אומלאָגיש, ווי צו באַשולדיקן דעם שמיד, וואָס האָט געמאַכט אַ קאָטשערע, אַז מיט דער קאָ-טשערע האָט די פֿרוי געשלאָגן דעם מאַן. דער שפּאַס פֿאַרוויילט אַלעמען, ביפֿראַט ווען ער האָט גאָרניט צו טאָן מיט דיווירקלעכע פֿאַקטן.

עמעצער רופֿט זיך אָן, אַז מען וואָלט געדאַרפֿט אַריינשיקן קיין מיזרעך-דייטשלאַנד זיכערע מענטשן, וואָס זאָלן קענען אויפֿן אָרט צוזאַמענעמען די גייטיקע אינפֿאָרמאַציע. אין שאַיכעס מיט דעם פֿאָרשלאָג, זאָגט לינדעמאַן, אַז ער האָט אויפֿן אויג אַ מענטשן, אַגעוו אַ באַפֿרייטן דורך דעם ענגלישן מיליטער-געריכט, כאָטש ער איז נאָך ניט דורכגעגאַנגען די דענאַציפֿיקאַציע, — וואָס וואָלט געקענט אין דעם פֿאַל ניצלעך זיין. ער קען גוט די מיזרעכדיקע דייטשלאַנד און האָט דאָרט ברייטע קאָנטשאַפֿט.

אַלע זיינען מאַסקים דערמיט, אַז עס וואָלט ניצלעך געווען צו האָבן אַן אויסשעפּנדיקע אינפֿאָרמאַציע. דאָס וואָרט „אַנפֿאָרמאַציע" געפֿעלט זיי אַלע-מען. דאָס גיט צו דער זאַך אַן אָנשטענדיקן אויסזען. דעם באַנקירס אַ סאַך פֿריינט זיינען בלוטיק פֿאַראינטערעסירט אינעם גוירל פֿון די מיזרעך-דייטשע אונטערנעמונגען. טייל זיינען אַפֿילע פֿאַרבונדן מיט דעם גרויסן ערד-באַזיץ, פֿערזענלעך אָדער צוליב זייערע קרובים און נאָענטע.

ווען לינדעמאַן קומט צוריק קיין מינכען, זייער אַ צופֿרידענער מיט די רעזולטאַטן פֿון דעם קעלנערס שמועס, רופֿט ער טייקעף אַרויס צו זיך בירקען און גיט אים צו וויסן וועגן דער פֿאַרגעשלאָגענער מיסיע. ער איז אַזוי זיכער אין בירקעס פּערזענלעכער אומדערשראָקנקייט, און אין זיין דראַנג נע-קאָמע צו נעמען, מאָרדן, סקאַנדאַלירן, שניידן, דאָס הייסט, ער איז אַזוי אַי-בערצייגט, אַז בירקע האָט זיך מיט גאָרניט געענדערט, אַז ער ריכט זיך ניט אויף קיין שום וואַקלונגען מיצאַד דעם געוויסנס עס-עס. ווען לינדעמאַן דער-הערט פֿון בירקען אַ טייקעפּדיקן אָפּזאָג און באַמערקט באַ אים אין די אויגן אַ פּאַנישן אויסדרוק, בלייבט ער זיצן פֿאַרוווּנדערט און געערגערט. ער טראַכט זיך ווי ברעקלדיק אַלץ איז געוואָרן, צעוואַקלט, אָפּגעלאָזן, דעם גרונט פֿאַרלוירן. אַן אומבאַקוועמער שווייגן שטייט צווישן זיי. דערנאָך רופֿט זיך לינדעמאַן אָן טרוקן און אָן דעם שאָטן דערעכערעץ, וואָס ער פֿלעגט פֿילן ווען ער פֿלעגט ריידן מיט אַן עס-עס:

— אויף ווידערזען.

בירקע גייט אַוועק און דעם גאַנצן אָוונט טראַכט ער זיך מיט ווייטיק, אַז לינדעמאַן וועט איצט אויפֿהערן אים אונטערהאַלטן; אים, בירקען, האָט מען שטענדיק אויסגעניצט אויף דער סאַמע שוואַרצער שמוציקער אַרבעט, אויף נאַסע איניאָנים, די פֿרוכט פֿון זיין מי האָבן געשניטן אַנדערע, און ער האָט נאָר געגעסן צו זאַט און געטרונקען, און קיין אייגנטום האָט ער ניט, און ווי ער איז געווען, אַזוי איז ער פֿאַרבליבן, אַן אָרעמער הונט.

פֿון פֿאַרדראָס שיקערט ער זיך אָן. „יאָ, — טראַכט ער זיך, — דער פֿיו-רער איז גערעכט געווען, די רייכע לייט דאַרף מען אויסהאַרגענען. נאָר האַר-געגען זיי האָט דער פֿיורער ניט געלאָזט. און אָט איז דער פֿיורער געשטאָרבן, און די רייכע לייט, ווי זיי זיינען געווען, אַזוי זיינען זיי פֿאַרבליבן, און האָבן

אים פון דער גרינגער האַנט פאַרקויפט, לעקן איצט די פּיאַטעס באַ די אַמע־ריקאַנערלעך, און די וואָס זײַנען אים טרײַ געווען — אָפן מיסט אַרויס־געוואָרפן.

נאָר לעבן אָן דער שטיצע פון די רײַכע לײַט איז אוממעגלעך: אַלץ איז שרעקלעך טײַער, קיין אַרבעט איז נישטאָ. ער האָט זיך געטראָפן מיט עט־לעכע געוועזענע עס־עסן, וואָס גייען אום שלינג און שלאַנג ווי ער. זיי טרוימען וועגן אַ פּוילן איבערדרײַס צווישן די אַנגלאָ־אַמעריקאַנער מיט דעם ראַטנפאַרבאַנד און דערוויף האָפן זיי. דערפון, האַלטן זיי, העננט אָפּ זייער גאַנצע צוקונפט. ניט ווי בירקע, וואָס איז אײַנגעהאַלטן מיט זײַנע שאַצונגען, לויבן זיי אָף אַלע אויפאַנים די אַמעריקאַנער און דערציילן פאַרשידענע פאַלן, וואָס באַווײַזן אומבאַשטרײַטלעך, אַז די אַמעריקאַנער זײַנען גרייט „אָנצושפּאַרן זיך אָף די געזונטע קויכעס פון דער נאַציאָן", דאָס הייסט אָף די געוועזענע נאַצים.

נאָר דאָס אַלץ איז אָף דער צוקונפט. און דערווײַל פאַרשטייט בירקע, אַז ער האָט קיין ברייערע ניט. ווי אים זאָל ניט שרעקן די פּערספּעקטיוו פון זײַן אָף דער טעריטאָריע וואָס איז אָקופּירט פון די רוסן, מוז ער זיך מאַכן האַרץ און זיך נאָכגעבן.

אָט אַזוי באַווײַזט ער זיך אין לויטערבורג באַ פּינגעלן אינעם רעסטאָ־ראַן, ווו מיר האָבן איבערגעריסן אונדזער דערציילונג, קעדיי צו ווײַזן ווי בירקע קומט אַהער.

נאָכדעם ווי בירקע פאַרבעט צו זײַן טישל די צוויי לײַכטע מוידן, קעדיי אויסצוזען גלײַך מיט אַלעמען און זיך ניט וואַרפן אין די אויגן מיט זײַן איינזאַמקייט, צעצאַלט ער זיך אָף גיך און איז שוין גרייט אַרויסצוגיין פון־נעם רעסטאָראַן, ווען אָף דער טיר באַווײַזט זיך אַ קאָמענדאַנטישער פּאַטרול — צוויי ניט קיין הויכע נאָר קרעפּטיקע רוסישע זעלנער, מיט רויטע באַנדן אָף די אַרבל. שווער איז איבערצוגעבן מיט ווערטער וואָס בירקע פילט ווען ער דערזעט די זעלנער, וואָס יעדערער פון זיי איז אין וווקס אַ העלפט פון אים. ער קוקט אָף זיי מיט די אויגן בלויז, דרייט ניט אויס צו זיי דעם קאָפּ. ער האָט פון פריער געוווּסט, אַז ער האָט מוירע פאַר די רוסן, נאָר אָף אַזאַ פּאַנישער שרעק האָט ער זיך ניט גערעכנט. „מען דאַרף זיך נעמען אין די הענט אַרײַן", — באַשליסט ער און לאָזט זיך גיין צו דער טיר, גלײַך אָף די זעלנער, וואָס שטייען דאָרט מיט אַזאַ מינע גלײַך זיי וואָלטן אַרײַנגעקו־מען זיך אָנוואַרעמען. עס גייט אַרויס צו זיי, אַ הינקענדיקער דער באַלעבאָס, אַ באַוואָרנטער, אַ שמייכלדיקער; ער רעדט מיט זיי. בירקע גייט לאַנגזאַם, פּלײַסט זיך אײַנצוהיטן אַ פרײַען און רויקן פּאָנעם. צי דאָס איז אים נישט געלונגען אָדער געווען זײַנען אַנדערע סיבעס, נאָר איינער פון די זעלנער גיט אָף אים אַ קוק און אָנשטאָט אים פרײַ צו לאָזן דעם וועג, זאָגט ער אין דײַטש:

— פּאַפּירע.

בירקע לייגט אַרײַן די האַנט אין דער בוזעם־קעשענע און טאַפּט דאָרט אָן זײַנע דאָקומענטן. נאָר דער זעלנער גיט אַ מאַך מיט דער האַנט — מען דאַרף ניט, הייסט עס, און זאָגט:

— קאָם.

זיי גייען אַרויס אין דרויסן. בירקע גייט אָפריער. זײַן קאָפּ אַרבעט פּי־בערדיק, און ער פּלײַסט זיך קלאָר מאַכן וואָס דאָ איז געשען, פאַרוואָס האָבן זיי פאַרהאַלטן גראָד אים, און באַ אַנדערע נישט געפרעגט אָף דאָקומענטן.

ער פֿאַרקירעוועט זיך באַם ראָג. רעכטס איז פֿאַראַן אַ שמאָל געסל, און מען קען זיך אַהין שנעל אַרײַנכאַפּן, און עפּשער נעלעם ווערן. נאָר בירקע נעמט זיך אין די הענט אַרײַן און שפּאַנט אַלץ אַזוי פּאַמעלעך, מיט דעם באַשלוס קיין פּרוּוו ניט צו מאַכן אַף אַנטלויפֿן, וואָרעם ער איז זיכער מיט זײַנע דאָקומענטן. אויב די רוסן האָבן ניט וועגן אים קיין גענויע ידיעות פֿון זייערן אַן אַגענט אין מיזרעוו־דײַטשלאַנד, איז עס אַלץ אַ ריינער צופֿאַל און מען וועט אים טייקעף אָפּלאָזן. ער באַשליסט צו האָפֿן אַף דאָס בעסערע און שפּאַנט אַלץ, ביז זיי קומען אַרויס אַף אַ פּלאַץ, ווו רעכטס שטייט אַ קאַטעדראַלע און לינקס אַ דרײַשטאָקיק הויז און איבער דעם פּלאַטערט אַ סאָוועטישער פֿלאַג.

ער האָט זיך ווירקלעך אַזוי פֿאָרגעשטעלט, מען האָט אים פֿאַרהאַלטן „אַף יעדן פֿאַל". עפּשער האָט דער רעסטאָראַטאָר געזאָגט דעם פּאַטרול אַז ער איז ניט קיין היגער, אַ פֿרעמדער. אַלנפֿאַלס, קוקט מען דורך זײַנע דאָקומענטן אין דער קאָמענדאַטור שנעל און נאַכלעסיק. דאָרט זאָגט זיך, אַז ער איז אַ סויכער, אַ קאַצעוו פֿון אײַזענאַך; ער האָט אַפֿילע אַ שליכעס פֿון זײַן פֿירמע אַהער, קיין לויטערבורג.

אַ גליקלעכער און ביז גאָר אָפּגעשוואַכטער פֿונעם איבערגעלעבטן דערשרעק, גייט ער אַרויס פֿון דער קאָמענדאַטור אַף דער ליכטיקער וועלט און בלײַבט מיט אַ מאָל שטיין אַ געפּלעפֿטער. פֿון דער קאַטעדראַלע־זײַט, קווער דעם פּלאַץ שפּאַנט גלײַך צו אים, מיט שנעלע אַנטשלאָסענע טריט, אַ רוסישער אָפֿיציר. אייגנטלעך גייט ער ניט אַליין, פֿון זײַן רעכטער און לינקער האַנט גייען אינאיינעם מיט אים צוויי מענטשן ציוויל אָנגעטאָן, זעט אויס, דײַטשן. און עטוואָס פֿון הינטן עטלעכע דײַטשע יינגלעך. די יינגלעך גייען דערעכערעצדיק אָפּגעטראָטן, נאָר זיי קוקן אַפֿן אָפֿיציר מיט באַשײַמפּערלעכן אינטערעס, און הערן זיך, קענטיק, אײַן צו דעם וואָס דער אָפֿיציר רעדט מיט די דײַטשן. די קינדער האַלטן אין די הענט פֿעדעמער וואָס האָבן אַפֿן עק אָנגעבונדן ווײַסע פּאַפּירענע שלאַנגען.

דאָס אַלץ איז גאַנץ געוויינלעך און וואָלט ניט געדאַרפֿט ציען אַף זיך בירקעס אויפֿמערק, ווען ניט דעם אָפֿיצירס פּנים, וואָס איז אָן ספֿק בירקען גוט באַקאַנט, ביז שווידער באַקאַנט. בירקע איז גרייט זיך צו שווערן, אַז טאַקע דעם רוס האָט ער, בירקע, דערהאַרגעט דעם 2טן מײַ 1945 אינעם וואַלד אַף מיזרעוו פֿון בערלין. אָט דעם אָפֿיציר איז עס דעמאָלט אַרויסגעקומען מיט אַ ווײַסן פֿלאַג אַלס פּאַרלאַמענטער און האָט זיך געווענדט צו אים, בירקען, און צו אַנדערע, וואָס זײַנען אינאיינעם מיט אים געווען אויסבאַהאַלטן אין די געדיכטע קוסטעס, מיט דער פֿאָדערונג זיך איבערצוגעבן אין געפֿאַנגענשאַפֿט. פּונקט אַקעגן דעם אָפֿיציר האָט זיך אויפֿגעהויבן קעדיי זיך איבערצוגעבן געפֿאַנגען, דער קאַפּיטאַן קאָנראַד ווינקעל — בירקעס אַ פֿרײַנט און מיטגייער אין די אומצאָליקע וואַנדערונגען אינעם הינטערלאַנד פֿון די רוסישע פֿראָנטן. בירקע האָט דעמאָלט דערהאַרגעט ווינקעלן און האָט אויך דערהאַרגעט אָט דעם אָפֿיציר. אַז ער האָט אים דערהאַרגעט, איז קיין ספֿק ניט, פּונקט אַזוי אויסער ספֿק ווי ער האָט דערהאַרגעט ווינקעלן. און דאָך שפּאַנט דער זעלביקער אָפֿיציר איצט איבערן פּלאַץ, שמועסט פֿריילעך און מאַכט מיט די הענט. בירקע איז אויך טיף דערשיטערט דערפֿון, וואָס נאָכן רוס גייען דײַטשע יינגלעך מיט ווײַסע פּאַפּירענע שלאַנגען, — אויך דעמאָלט זײַנען נאָך דעם רוס געגאַנגען דײַטשע יינגלעך מיט שטאַנגען און געפּלאַטערט האָבן אַף זיי ווײַסע טיכער.

בירקע איז אַבערגלויביק, אָבער ניט אַזוי ווײַט ער זאָל גלייבן, אַז טויטע שטייען אויף פון די קוואָרים און שפּאַנען אין אַ העלן זוניקן וועטער איבער אַ גרויסן מיט פּליטקעס אויסגעברוקירטן פּלאַץ, און רײדן און לאַכן. און דאָך איז עס עמעס. דער זעלביקער בלוי־אויגיקער רוסישער אָפיציר פאַר־לאַמענטער, שפּאַנט אַ לעבעדיקער און אַ פרייליכער גלײַך צו בירקען, וואָס דערווײַל זעט ער אים נאָך ניט. בירקע פאַרלירט אַזוי ווײַט דעם קאָנטראָל איבער זיך, אַז ער גיט צוויי שפּאַן אַף צוריק און שפּאַרט זיך צו מיטן רוקן צום לאַמטערן־סלופּ וואָס שטייט לעבן דער קאָמענדאַטור. אָט דער ניט ווילנ־דיקער שריט צווינגט דעם רוס זיך אומצוקוקן אַף בירקען, און ער קוקט אים גלײַך אין פּאָנעם. באַם רוס ווערן די אויגן שטרענג און שמעלן זיך און ער האַלט אײַן די טריט. בירקע וואַרט עס זאָל באַלד געשען עפּעס שרעקלעכס און איבערנאַטירלעכס און דער רוס זאָל זאָגן: „איר האָט מיך דערהאַרגעט, און איצט וועל איך אײַך דערהאַרגענען" — אָדער: „איז אָט זײַט איר דאָ, איך וואַרט אַף אײַך".

דער רוס ווענדט זיך ווירקלעך צו בירקען. ער זאָגט:

— איר וואַרט אַף מיר?

נאָר אויך אָט די פּאָשעטע ווערטער, דאַכט זיך בירקען, זײַנען פול מיט יענוועלטיקן זין. דאָך געפינט ער אין זיך קויעך אַרויסצובעבען „ניין", ער דרייט זיך אויס און צוערשט פּאַמעלעך, דער נאָך אַלץ גיכער, לאָזט ער זיך גיין מיט דעם טראָטואַר, ניט איבערקלײַבנדיק דעם וועג, און שטעלט זיך אָפּ ערשט אין עק שטאָט, צופוסנס דעם באַרג, וואָס אַף זײַן שפּיץ הייבט זיך ווי אַ פינצטערע מאַסע, דער שלאָס.

IV

אויך אַף לובענצאָוון האָט די באַגעגעניש מיט בירקען געמאַכט, כאָטש אַ ניט באַשטימטן, דאָך אַ אומאָנגענעמען אײַנדרוק. ער פרעגט באַם וואַכט־אָפיציר צו וועמען עס איז געקומען דער הויכער, עטוואָס געהויקערטער דײַטש מיט דעם רויטן פּאָנעם. דער אָפיציר פאַרשטייט ניט טכילעס וועגן וועמען עס רעדט זיך, דערנאָך זאָגט ער:

— אָך, יאָ. דער סערזשאַנט ווערעטעניקאָוו האָט אים אַרעסטירט אינעם רעסטאָראַנט „בראַטווורשט", ניט קיין היגער, אַ קאַצעוו פון טירינגען, ווײַזט זיך אַרויס. עפּעס איז ער ניט געפעלן דעם סערזשאַנט ווערעטעניקאָוו.

לובענצאָוו, נאַטירלעך, קען ניט פאַרבינדן די געשעענישן וואָס האָבן זיך לעצטנס פאַרלאָפן אין לויטערבורג, מיט דעם דערשײַנען פון אָט דעם דײַטש לעבן דער קאָמענדאַטור. גיך אָבער ווערט עס קלאָר, אַז די טעטיקייט קעגן דער ערד־רעפאָרם ווערט אָנגעפירט פון אַ געוויסן צענטער און זײַנען ניט קיין אָפּגעזונדערטע צווישן זיך דערשײַנונגען, ווי דאָס איז פריער געווען.

שוין אין עטלעכע טעג אַרום פאַרט קאַסאַטקין אַף אויסצופאָרשן צוויי פאַלן פון אַ מאַגײַפע צווישן די פערד, וואָס האָבן פריער געהערט צו אַ גוט־באַזיצער; די פערד האָט מען געהאַט צעטיילט צווישן פּויערים, נאָר געהאַלטן האָט מען זיי ווי פריער אין די גוטבאַזיצערישע שטאַלן. קאַסאַטקין קומט צוריק פון דער רײַזע אַ דערשלאָגענער. ער דערציילט וועגן דער שווערער שטימונג וואָס הערשט צווישן די פּויערים אין שאַיכעס מיט דער פערד־מאַ־גײַפע. די פּויערים האַלטן אַז די מאַגײַפע קען ניט זײַן קיין פּאָשעטע צופעלי־קייט. די דײַטשע זאָאָטעכניקער, פאַרקערט, האַלטן אַז די אַלע פאַלן קומען

פֿון אַ געוויסער פּיך־קראַנקייט, נאָר זיי האָבן ניט די דערפֿאַרונג, וואָס קאָסאַטקין האָט. קאָסאַטקין האָט אַמאָל געפֿירט אַן אַרבעט פֿאַר אָפּרייניקן די סטעפּישע בײַוואָלגע־געגנט פֿון די באַלעגופֿים; ער ווייס שוין אַף וואָס עס איז פּעיִק דער צעיושעטער באַלגוף, ווען מען נעמט בײַ אים צו דאָס אייגנס.

פּראָפֿעסאָר סעבאַסטיאַן, וואָס האָט אויך ניט די דערפֿאַרונג באַגלײַך מיט די זאָטעכניקער און האָט נאָך אויך ניט אָנגעוווירן זײַן גלויבן אין דער אָרנטלעכקייט פֿון די דײַטשן גוטבאַזיצער, דריקט זיך אויס גאַנץ אָפֿן פֿאַר לובענצאָוון און קאָסאַטקינען, אַז די כשאָדים פֿון דער קאָמענדאַטור זעען בײַ אים אויס ווי אין אַ דעטעקטיוו־ראָמאַן און אַז הײַנטיקע צײַטן קענען קוים פֿאָרקומען אַזעלכע אומזיניקע פֿאַרברעכנס.

— איך ווייס, — זאָגט ער, — אַז דאָס וואָרט „שעדיקערײַ" איז זייער פּאָפּולער בײַ אײַך אין לאַנד. נאָר איך קען ניט גלייבן, אַז מענטשן זאָלן באַוווּסטזיניק באַגיין אַזעלכע מינים פֿאַרברעכנס. שווער איז צוצולאָזן דעם געדאַנק, לעמאָשל, אַז פּרוי פֿאָן מילכיאָר זאָל אונטערשיטן גיפֿט די פֿערד.

לובענצאָוו צעלאַכט זיך: ס'איז בעעמעס שווער זיך פֿאָרצושטעלן אַזאַ בילד, ווי פּרוי מעלכיאָר, וואָס שפּילט באַכס פֿוגעס אַף אַ גוט אײַנגעשטימטן קלאַוויר, כאַפּט זיך אַרײַן באַנאַכט צו זיך אין שטאַל מיט גיפֿט אין דער האַנט. און וואָס שאַיעך דעם, איז סעבאַסטיאַן זיכער גערעכט.

און דאָך ווײַזן זיך אַרויס קאָסאַטקינס כשאָדים פֿאַר ריכטיק. אויב די ערשטע צוויי פֿאַלן פֿערד־פֿאַרניכטונג זײַנען ניט אין גאַנצן קלאָר געווען, איז דער דריטער פֿאַל פֿאָרגעקומען בײַ אומשטענדן, מער ווי פֿאַרשטענדלעכע. קיין אולמענדאָרף האָט מען געבראַכט צוועלף מילך־קי. דעם באַלעבאָס פֿון דעם הויף, וו זיי זײַנען געשטאַנען, האָט מען געפֿונען אַ געבונדענעם אין קאַמער. ער האָט דערציילט, אַז פֿאַרטאָג זײַנען צו אים אַרײַנגעקומען דרײַ אומבאַקאַנטע מענטשן — צוויי אין שוואַרצע ברילן, מיט אָנגערוקטע היטלען און אויפֿגעשטעלטע קאָלנערס, און דער דריטער אין אַ מאַסקע. זיי האָבן אים אויפֿגעפֿאָדערט, ווי ער האָט דערציילט, ער זאָל אויסהאַרגענען די בעהיימעס, וואָס מען האָט אָפּגענומען באַם אָרטיקן גוטבאַזיצער. ער האָט זיך דערפֿון אָפּגעזאָגט. דעמאָלט האָבן זיי אים געבונדן און האָבן אַליין אויסגעקוילעט דאָס פֿי. דערבײַ האָבן זיי געקוילעט אויך אַ קו און צוויי ביקלעך זײַנע אייגענע.

אַף מאָרגן האָט די פּויערטע אַרויסגעפֿירט פֿלייש אַפֿן מאַרק און האָט עס פֿאַרקויפֿט אַף שפּעקולאַטיווע פּרײַזן.

מיט עטלעכע טעג שפּעטער האָבן דאָס נאָכגעטאָן אַנדערע רײַכע פּויערים, און האָבן אָנשטאָט אָפּגעבן דאָס פֿלייש דער פֿאַרגרייטונג, אַליין, שוין אָן ווערמענס אַרײַנמישונג און שוין ניט ווי אַ נעקאָמע פֿאַר דער רעקוויזירונג פֿונעם גוטבאַזיצערישן פֿיך, אין געהיים אויסגעשאָכטן אַ גרויסע צאָל בעהיימעס און דאָס פֿלייש געבראַכט אַפֿן מאַרק צום פֿאַרקויפֿן.

לובענצאָוו הייבט אויף די גאַנצע פּאָליציי אַף די פֿיס. מען האָט געמוזט צעשטעלן פּאָליציי־פּאָסטנס איבער די וועגן אין שטאָט אַרײַן, אַרעסטירן אין וועג די שפּעקולאַנטן און רעקווירירן דאָס פֿלייש, וואָס זיי האָבן געפֿירט צום פֿאַרקויפֿן. די קאָמענדאַטור פֿאַרנעמט זיך אײַנפֿירן אַ כעשבן פֿון דער פּיך־עקזיסטענץ. די מינדסטע ענדערונג אין דער צאָל פֿיך, אַ ליאַדע קראַנקייט ווערט טייקעף אויסגעפֿאָרשט פֿון דער קאָמענדאַטור. מענשאָוו פֿאַרשטייט אין בעהיימעס ניט ווייניקער ווי די וועטערינאַרן וואָס אַרבעטן אינעם

ערד־אָפּטייל, ביפראַט וואָס שאַיעך ראַסאָווע קי און כאַזיירים, די בוהײַעס און די אָגערס קען ער אַף די נעמען.

די בירגערמייסטערס זײַנען פּערזענלעך פאַראַנטוואָרטלעך פאַר יעדן טויט־פאַל.

אינאײנעם מיט די דײַטשע וועטערינאַרן און זאָאָטעכניקערס האַלט לו־בענצאָוו אַפן אויג די סטאַדעס און די פּאַשע־פעלדער. אים כאַלעמען זיך שוין אַפילע קי און פערד, קעלבער און שעפּעלעך. ער שטעלט איצט אָפּ זײַן אויטאָמאָביל ניט נאָר ווען ער טרעפט אָן מענטשן, וואָס ער האַלט פאַר אינטערעסאַנט אָדער ניצלעך צו ריידן מיט זיי, נאָר אויך ווען ער דערזעט טאַבונעס פערד, סטאַדעס קי אָדער שאָף. ער שפּרינגט אַראָפּ פונעם אויטאָ־מאָביל, שמועסט מיט די פּאַסטעכער, פרעגט זיי אויס, און ווען ער קומט אין דאָרף, איבעראַשט ער די פּויערים מיט זײַנע גענויע ידיעות וועגן דער לאַגע אין דער צאָל פיך. די פּויערטעס שפּאַסן, אַז דער קאָמענדאַנט פירט קאַנטשאַפט מיט די באַרג־מענטשעלעך, די קאַרליקעס, וואָס די באַרג־אײַנ־וווינער גלייבן נאָך אַ ביסל אין זיי.

די מאַסן־מאַגייפעס פונעם פיך האָבן זיך אָפּגעשטעלט. דאָך, קומען נאָך פאָר דאָ און דאָרט פאַלן, וואָס זעען אויס ווי דיווערסיע־אַקטן. לובענצאָוו אַרבעט אויס אינאײנעם מיט קאַסאַטקינען, מענשאָוון און יאָסטן, אַ ספּע־ציעלע לאַנדקאַרטע, וווּ עס ווערן אָפּגעצייכנט די אַלע פאַלן, און עס באַ־קומט זיך דערפון אַ פולשטענדיק קלאָר בילד. די פענדלעך זוימען אַרום דאָס פלאַכלאַנד פונעם ראַיאָן, דערנאָך הייבן זיי זיך אַרויף, פאַרשווינדן אַף אַ שטיקל צײַט און באַווײַזן זיך ווידער אַף דער קרײַז־טעריטאָריע, ווײַטער צו דאָרעם. ער באַווײַזט איין מאָל די לאַנד־קאַרטע דעם גענעראַל קופּריאַנאָוו.

קופּריאַנאָוו הערט אויס לובענצאָוון און באַמערקט, אַז אַף די אַנדערע ערטער פון דער פּראָווינץ קומען ניט פאָר דער מין פאַלן אַזוי באַשטימט קאָנסעקווענט און זײַנען גאָרניט ענלעך אַף אַ געוויסן געשלענגלטן וועג פון מענטשן, וואָס גייען איבער פון איין אָרט אַפן צווייטן. דאָך פאַראָרדנט דער גענעראַל דער קאָנטר־אויסשפּירונג אין אַכט צו נעמען לובענצאָווס דאַטן און אָנצונעמען מיטלען.

אָט אַזוי הייבט זיך אָן דער געיעג אַף בירקען, מיט דעם אָנטייל פון דער דײַטשער פּאָליציי.

ניט געקוקט דערויף וואָס בירקע לאָזט זיך ניט כאַפּן, האָט שוין לובענ־צאָוו וועגן אים גאַנץ ריכטיקע און פּראָטימדיקע ידיעות. ס'איז קלאָר, אַז אין די געגנטן אַרבעט אַ פלינקער דיווערסאַנט, וועלכן מען רופט מיט דעם קאָנווענציאָנעלן נאָמען „גענעראַל ווערוואָלף *.

אַזויווי אין שאַיכעס מיט די געשעענישן, ברענגען די בירגערמייסטערס, די מיטגלידער פון די קאָמיטעטן פאַר קעגנזײַטיקער פּויערים־הילף אָדער פּאָשעט פרײַוויליקע בירגער, באַלדיקע ידיעות וועגן די „פרעמדע לײַט” אין דער קאָמענדאַטור אָדער אין דער פּאָליציי, באַקומט לובענצאָוו גאָר גיך דאַטן וועגן איינעם אַ הויכן, עטוואָס געהויקערטן פאַרשוין מיט אַ רויטן פּאָנעם, וואָס מען האָט אים געזען נאָנט פון יענע ערטער, וווּ עס זײַנען פאָרגעקומען די דיווערסיעס. איינער אַ מינען־גרעבער אַף די קופּער־מינען

---

* „ווערוואָלף” איז געווען אַ היטלעריסטישע אָרגאַניזאַציע פון סאָף מילכאָמע פאַר דיווערסאַנטישע אַקציעס אינעם הינטערלאַנד פון די פאַר־בינדעטע.

האָט אים געזען שלאָפן לעבן דעם וואַסערפאַל. צוויי פויערים־מיידלעך, וואָס האָבן געטראָגן עסן דעם פאָטער — דעם פאַסטעך, האָבן זיך דערשראָקן ווען זיי האָבן דערזען אין אַ פעלדזן־שפּאַלט אַ מענטשן מיט אַ רויטן פּאָנעם. אַן ענלעכן מענטשן האָט מאַרטאַ לאַנגהיינריך, דעם בירגערמייסטערס ווייַב, אָנגעטראָפן שפּעט אין אָוונט הינטערן דאָרף. ער איז געווען ניט איינער אַליין. געווען זיינען מיט אים נאָך צוויי מענטשן וואָס מאַרטאַ קען זיי ניט.

דאָס אַלץ אָבער איז גאַנץ אומבאַשטימט. גענויערע ידיעות באַקומט לובענצאָוו שפּעטער אין שאַיכעס מיט אַ צווייטן איניען.

צו יענער צייַט האָבן שוין איינציקע שולן גענומען אַרבעטן, און וועגן איינער פון אָט די שולן זיינען אין דער קאָמענדאַטור אָנגעקומען אומרויִקע ידיעות.

דער לערער פון די ייִנגערע קלאַסן, געניקע, פירט בעיסן לערנען אַן אַגיטאַציע קעגן דער ערד־רעפאָרם און ביכלאַל קעגן די מאָסמיטלען פון דער סאָוועטישער מיליטערישער אַדמיניסטראַציע אין דייַטשלאַנד.

לובענצאָוו, אינאיינעם מיט יאַוואָרסקין, פאָרן אַרויס אין דעם באַרגדאָרף, וווּ די שול געפינט זיך. זיי פאַרפאָרן צום בירגערמייסטער, שמועסן מיט אים וועגן דאָס און יענץ און דערנאָך פרעגן זיי ווי גייט עס אין שול. דער בירגערמייסטער איז זיך מוידע, אַז ער ווייס ניט, ווייַל ער איז פאַרנומען מיט אַנדערע איניאָנים, און די שול ווערט אָנגעפירט פון די בילדונגסאָרגאַנען, פון דעם ראַיאָן און פונעם קרייַז. לובענצאָוו רעדט אים אויס פאַר דער גלייַכגילטיקייט צו זייַן שול און בעט אים מיטגיין מיט אים אַהינצו.

אין שול קומען זיי שוין צום סאָף לערן־טאָג. דער דירעקטאָר באַגעגנט זיי העפלעך. ער איז ניט קיין נאַרישער מענטש, לובענצאָווס אַ באַקאַנטער, אַ קאַנדידאַט פון דער פּאַרטיי. יאַוואָרסקי פרעגט אים אויס מיקויעך דאָס לערנען. דערנאָך פרעגט ער דעם דירעקטאָר צי איז ער צופרידן מיט די לערערס. צי זייַנען זיי גענוג קוואַליפיצירט און לאָיאַל. דער דירעקטאָר זאָגט, אַז ער האָט זיך ניט וואָס צו באַקלאָגן אַף די לערערס.

דערין קומט אַרייַן אין צימער איינער אַ לערער, אַ נידעריקער, אַ דאַרער, מיט אַ בלייכן אַראָגאַנטן פּאָנעם.

„דאָס איז ער" — טראַכט זיך לובענצאָוו און איז זיך טויע. דער לערער שטעלט זיך פאָר. זייַן פאַמיליען־נאָמען איז קאָרנעליוס. ער דיקטירט מאַטעמאַטיק און פיזיק אין די עלטערע קלאַסן.

אַף דער ביטע פונעם קאָמענדאַנט רופט צונויף דער דירעקטאָר אַלע לערערס. צו לובענצאָווס איבעראַשונג, ווייַזט זיך געניקע אַרויס פאַר אַ דיקלעכן פאַרשוין, אַ גוטמוטיקן, אַ באַריידעוודיקן און עטוואָס זעלבסטצופרידענעם.

יאַוואָרסקי נעמט אויספרעגן די לערערס, אין וואָס זיי נייטיקן זיך, ווי עס גייט באַ זיי דאָס לערנען, צי זייַנען זיי צופרידן מיט די נייַע לער־ביכער. ער זאָגט זיי, אַז דער קאָמענדאַנט אינטערעסירט זיך צו וויסן ווי ווייַט זייער איצטיקע אַרבעט איז אין העסקעם מיט די באַשלוסן פון די גרויסמאַכטן אין פּאָטסדאַם, צי דערקלערן זיי גענוג פּראַקטיש די קינדער די אויפגאַבן וואָס שטייען פאַרן דייַטשן פאָלק, די ווירקלעכע נויטווענדיקייט פאַר די דייַטשן דורכצודרינגען זיך מיט די דעמאָקראַטישע טראַדיציעס און מיט דעם האַס צום נאַציזם, וואָס האָט דערפירט דייַטשלאַנד צום ראַנד פון אומקום.

די לערערס קנייטשן זיך, ענטפערן ניט גאָרניט אַף דער דירעקט אַוועקגעשטעלטער פראַגע. געניקע בלויז מאַכט אַ קאָמישן פּאָנעם, הייבט מיט די

אַקסלען, צענעמט די הענט און זאָגט, אַז זיי טוען וואָס מעגלעך.

לובענצאָוו מישט זיך אַרײַן אינעם געשפרעך:

— אָט איר, הער גניקע, זאָגט מיר, ווי בויט איר אײַערע לעקציעס? צי אילוסטרירט איר דאָס וואָס איר דיקטירט מיט פאַקטן פונעם אַקטועלן לעבן? לאָמיר זאָגן קאָנקרעט — צי דערציילט איר די קינדער וועגן דער ערד־רעפאָרם?

גניקע אײַלט זיך ניט ענטפערן, ווי ער וואָלט זיך עפעס דערמאָנען. ער שטעלט אָן זײַנע אויסגעשטאַרצטע אויגן אַפן קאָמענדאַנט. צי וויל ער ניט אַרײַנדרינגען אין זײַנע געדאַנקען, זיך דערוויסן צי איז די פראַגע אַ צופעליקע אָדער איז עפעס פאַראַן הינטער איר. דעם קאָמענדאַנטס פאָנעם איז אומדורכדרינגלעך. ער קוקט אַף גניקען אַ פאַראינטערעסירטער.

בעדערעך קלאַל טו איך עס ניט, — ענטפערט גניקע, — דאָס פירט ניט שטענדיק צום ציל פונעם פעדאַגאָגישן שטאַנדפונקט.

— בעדערעך קלאַל טוט איר עס ניט, — זאָגט לובענצאָוו. — און ווי אַן אויסנאַם?

זײַן צודרינגלעכקייט ווערט פאַרדעכטיק, און אַלע שווײַגן. מאַכמעס דעם וואָס גניקע ענטפערט ניט, רעדט לובענצאָוו ווײַטער און ווענדט זיך שוין צו אַלעמען:

— אָט האַלט דער הער גניקע, אַז שטיצן די מאַסמיטלען פון די דעמאָקראַטישע פאַרטייען און די דירעקטיוון פון דער סאָוועטישער פאַרוואַלטונג איז ניט פעדאַגאָגיש. אָבער, הער גניקע, — ווענדט ער זיך ווידער צום לערער — מיינט איר ניט, אַז פון די קינדערס שטאַנדפונקט איז עס גענוג מאָדנע וואָס זייער לערער, אַ דערציִער, אַ מענטש, וועמען זיי דאַרפן געטרויען און זיך טיילן מיט די געפילן און איבערלעבונגען, מײַדט אויס מיט אַ קיוון אַלע אַקטועלע פראַגן? מײַדט זיי אויס בעדערעך קלאַל. וועלן זיך די קינדער ניט טראַכטן, אַז דער לערער, דער דערציִער, מײַדט אויס די פראַגן דערפאַר וואָס ער איז קעגן די שטאַנדפונקטן פון די דעמאָקראַטישע פאַרטייען און דער מיליטערישער פאַרוואַלטונג מיקוייעך די פראַגן, וואָס שטייען איצט אַפן טאָגאָרדענונג אין דײַטשלאַנד און אַפילע קינדער ווייסן פון זיי? און מיינט איר ניט, הער גניקע, אַז אינעם אונטערריכט איז אַפאָליטישקייט אויך פאָליטיק?

— מעגלעך... מעגלעך, — פאַרקלערט זיך גניקע. — דאָס קען ווירקלעך אַזוי אויסגעטײַטשט ווערן פון די קינדער.

לובענצאָוון ערגערט גראָד אָט די אַרויסגעוויזענע פאַרקלערטקייט. ניט געקוקט אַף לובענצאָווס גרויסער עקספעריענץ פון זײַנע געשפרעכן מיט מענטשן, וואָס אַ סאַך פון זיי קען מען בעשומויפן ניט אָנרופן פרײַנט און באַוויירים לעדייע, טרעפט ער זיך עפשער איצט אָן צום ערשטן מאָל מיט אַזאַ שטוינענדיקער פאַלשקייט. נאָר גניקע גופע אינטערעסירט אים שוין ניט אַזוי, ווי די איבעריקע לערערס. מיט אַ שטומער פראַגע פירט ער איבער זײַן בליק פון איין לערער אַפן צווייטן — פון אַ גרויהאָריקן זאָקן ביז אַ יונגער פרוי, פון איר אַף דעם דאַרן מאַטעמאַטיקער און פון אים אַפן דירעקטאָר — און מיט אַ געפיל ענלעך צו פאַרצווייפלונג, פרעגט ער זיי, אין זיך, פאַרשטייט זיך: „ניט שוין־זשע האָט איר דאָס אַלע געוווסט וועגן אים, געוווסט און געשוויגן? צי דען צייכנט איר זיך אויס פון אים בלויז מיט מער פאַרזיכטיקייט? ניט שוין־זשע איז מעגלעך אַזאַ מעסירע אויך וועגן אײַך, נאָר אים האָט מען געפאַקט און אײַך ניט? ווען איר וועט זיך דערוויסן וועגן אים,

וועט איר אים אַרויסווײַזן ווידערגעפּיל און סינע, און ווען איר וועט דאָס אַרויסווײַזן, וועלן די סינע און דער ווידערפּיל זײַן אויפריכטיק? מעג מען אײַך אָנגעטרויען די דערציִונג פון דעם יונגן דאָר דײַטשן, אַזעלכע דײַטשן, וואָס אַנדערע פעלקער זאָלן פאַר זיי נישט זײַן קיין אָביעקט פאַר האַס און פאַראַכטונג?"

און מעגלעך, קעדיי זיך אַליין קלאָר צו מאַכן אָט די פראַגן, לייגט ער עס נישט אָפּ אַף שפּעטער און פרעגט טייקעף געניקען, ווי וואָלט ער זיך באַצויגן צו אַזאַ לערער, וואָס נישט בלויז מײַדט ער אויס צו ריידן מיט די קינדער וועגן די וויכטיקסטע פראַגן פון הײַנטיקן לעבן, נאָר ער זאָגט זיך אַרויס דירעקט קעגן די מיטלען וואָס ווערן אָנגענומען געזונט צו מאַכן דאָס דײַטשע ווירטשאַפטלעכע לעבן. דאָס הייסט ווען דער לערער זאָגט די קינדער, אַז זייערע עלטערן דאַרפן נישט נעמען די ערד, וואָס געהער צו די גוטבאַזיצערס; ווען ער זאָגט די קינדער פון די איבערגעוואַנדערטע, אַז די ערד וואָס די איבערגעוואַנדערטע באַקומען, איז גנייווע; און צום סאָף שרעקט ער די קינדער מיט שטראָף אַף דער וועלט און אַף יענער וועלט?

געווען איז עס נישט קאָמיש, נאָר שרעקלעך צו זען ווי בײַ געניקען האָט זיך דאָס פּנים געביטן אין משך פון איין מינוט. עס איז שוין קיין ספק נישט געווען נישט פאַר אים און נישט פאַר די איבעריקע לערערס, אַז נישט צופעליק ווענדט זיך צו אים דער קאָמענדאַנט, און אַז נישט צופעליק האָט ער דעם געשפּרעך אָנגעהויבן פון אים.

— איר שווײַגט? — פרעגט לובענצאָוו און קוקט ווי עס טרייסלען זיך די באַקן בײַם לערער. — איך מוז אײַך אויפקלערן, אַז מיר קוקן אַף אַזאַ מענטשן ווי אַף אַ קעגנער פון דער סאָוועטישער אָקופּאַציע־פּאָליטיק און ווי אַף אַ סוינע פונעם דײַטשן פאָלק.

צי זײַנען די איבעריקע לערער דערשטוינט און צעטומלט פון די אויפגעדעקטע מאַיסים? לובענצאָוו דאַכט זיך, אַז יאָ, אַז זיי קוקן מיט שטוינען, און צום ווינציקסטן, אומצופרידן אַף געניקען. נאָר אויך אַף זיי קיקט ער איצט, נאָך דעם פאַל מיט געניקן, אומצוטרויִלעך און ערשט צוריקפאָרנדיק אַהיים, וואַרפט ער זיך פיר זײַן אומצוטרוי, ווײַל פאַראַן איז דערין די געפאַר פון אויפהערן ווען עס איז גלייבן. — אַ שרעקלעכע געפאַר, יאָ ס׳האָט שטענדיק געפירט און פירט צו שווערע קאָנסעקווענצן פאַר זיך און פאַר אַנדערע. צערטלעך דערמאָנט ער אַ סאַך דײַטשן, אויפריכטיקע מענטשן, אָפּנהאַרציקע, וואָס גיבן זיך אײַנגאַנצן אָפּ דער בוּיונג פונעם נײַעם לעבן אין דעם שיינעם און אומגליקלעכן לאַנד — אין דײַטשלאַנד.

V

אין אָוונט, ווען לובענצאָוו קומט צוריק אין דער קאָמענדאַטור, קען ער זיך נישט אַנטשליסן, צי דאַרף מען געניקען אַרעסטירן אָדער מען דאַרף אים בלויז באַזײַטיקן פון דער אַרבעט. קאַסאַטקין איז פאַר אַרעסטירן געניקען, יאַוואָרסקי איז נישט אַנטשלאָסן.

ווען לובענצאָוו בלײַבט אַליין, נעמט ער זיך דורכקוקן די פּאַפּירן, וואָס זײַנען דעם טאָג אָנגעקומען.

צווישן זיי איז פאַראַן אַן אָפּשריפט פון אַ באַשטימונג פונעם מיליטערישן געריכט, אַז דער סערזשאַנט ביעלעצקי, איז פאַרמישפּעט אַף צוויי יאָר דיסציפּלינערן באַטאַליאָן. לובענצאָוו פרעגט זיך פאַרוואָס האָט בײַ אים די

האַנט ניט אַ ציטער געטאָן באַם איבערגעבן צום געריכט אָן אייגענעם מענטשן, און דאָ ווען עס האַנדלט זיך אין אַ באַוווּסטזיניקן סוינע, וואַקלט ער זיך, טראַכט איבער, איז גרייט מיט יעדן זיך צו באַראָטן. עפּשער איז עס דערפאַר וואָס ער ווינטשט מיטן גאַנצן האַרצן אַז אונדזערע מענטשן זאָלן נישט טאָן קיין שום מיעסע זאַכן און יעדע מיעסע דערשיַינונג צווישן זיי רופט באַ אים אַרויס אַ ווייטיק און אַ קאַס, בעיקר פון די דיַיטשן, וואָס האָבן אַזויפיל מיעסקייטן געטאָן, דערוואָרט ער נאָך אַלערליי געמיינקייטן? צי ניט דערפאַר האָט ער אויפגענומען גניקעס געמיינקייט און פאַלשקייט מיט ווייניקער דערשטוינונג און, שוין אַלנפאַלס מיט ווייניקער ווייטיק, ווי די געשיכטע מיט בעליעצקין?

ער שריַיבט אָן אַ באַפעל וועגן אַרעסטירן גניקען. נאָר איידער ער גיט אָפּ דעם באַפעל, פאָרט ער צו — שוין שפּעט באַנאַכט — צו לעאָנאָוון, זיך ווידער באַראָטן.

נאָר אין דער פעלזנשטיינער קאָמענדאַטור זאָגט מען אים, אַז צו לעאָנאָוון איז דאָס וויַיב געקומען. ער איז שאַרף מעקאַנע דעם כאַווער, ער וויל אים ניט באַלעסטיקן און פאָרט צוריק קיין לויטערבורג.

אין וועג פאַסירט מיט אים עפּעס וואָס פאַרשטאַרקט דעם באַשלוס צו אַרעסטירן גניקען. ער טרעפט אָן אַ ליַיכטן אויטאָמאָביל. דער מענטש וואָס זיצט באַם רעדל פאַרלעשט די פאַרן, און לובענצאָוון דאַכט זיך, אַז דער פאַרביַיגעלאָפענער דיַיטש באַם רעדל איז ניט קיין אַנדערער ווי גניקע. ער איז מיט אָן עמעסן ענלעך געווען אָף גניקען — אַ מענטש מיט אַ קיילעכדיקן פּאָנעם, מיט אָן אָנגעשטרענגטן בליק און דיקער געשטאַלט. אין דעם אויגנבליק דערמאָנט זיך לובענצאָוו אַז פאַראַן איז נאָך איין דיַיטשלאַנד — אָף יענער זיַיט דעמאַרקאַציע־ליניע, ווו עס ווערן נאָך אַלץ ניט דורכגעפירט קיין שום רעפאָרמען און וווּהין עס שטרעבן אַזעלכע מענטשן ווי דער לערער גניקע.

אין דער היים וואַרט אָף לובענצאָוון דער פּראָפעסאָר סעבאַסטיאַן. ער איז אין זיך פאַרטאָן און פאַרקלערט. ער נעמט אַרויס פון דער קעשענע אַ קאָנווערט, נעמט אַרויס פון אים אַ בריוו און גיט אים איבער אָן ווערטער לובענצאָוון. אָפן פּאַפּיר איז מיט אַ שריַיב־מאַשינקע אָנגעשריבן בלויז עטלעכע ווערטער: „אויב דער רוסישער לאַקיי הער סעבאַסטיאַן וועט נישט אויפהערן העלפן די, וועמען ער העלפט רויבן פרעמדע ערד און פרעמד פאַרמעג, וועט מען זיך באַגיין מיט אים ווי ער פאַרדינט. מיר שטייען אָף דער וואַך". אָנשטאָט אָן אונטערשריפט איז אויסגעמאָלט אַ דעמבענע שישקע.

לובענצאָוו צעלאַכט זיך — ניט גאָר אויפריכטיק, מאַכמעס ער איז ערנסט אומרויִק, נאָר דער געלעכטער רופט אַרויס סעבאַסטיאַנס אָן ענטפערשמייכל און ער זאָגט:

— איך האָב אַפריער געוווּסט, אַז איר וועט לאַכן, איך האָב זיך אַפילע פאָרגעשטעלט וויאַזוי איר וועט לאַכן, און איר האָט טאַקע אַזוי געלאַכט.

— דאָס זעט איַיך ניט אויס ווי אַ דעטעקטיוו־ראָמאַן? — זשמורעט לובענצאָוו צו די אויגן. — און דאָך איז עס ניט קיין ראָמאַן, נאָר וואָרער קאַמף, פאַרכאַפּנדיקער קאַמף און וויַיט ניט קיין אומגעפערלעכער.

ער טראַכט אַ וויַילע און דערציילט דערנאָך סעבאַסטיאַנען די געשיכטע מיט גניקען.

— מען וועט אים מוזן אַרעסטירן, — פֿאַרענדיקט ער רויִק דערציילן. סעבאַסטיאַן שווײַגט.

— מירן אַרויסרופֿן יאָסטן, — לייגט פֿאָר לובענצאָוו.

ער טעלעפֿאָנירט אין דער פּאָליציי. יאָסט קומט אין עטלעכע מינוט אַרום. ווען ער לייענט איבער דעם בריוו, פֿאַרטראַכט ער זיך.

— צי איז ניט צײַט די פּאָליציי צו באַוואָפֿענען? — פֿרעגט ער. — יאָמן האָב איך ווילע, איך גאַראַנטיר פֿאַר זיי.

— באַוואָפֿנט, — איז לובענצאָוו מאַסקים. — וועגן דעם איז שוין גע־ווען אַ שמועס מיט דעם שעף פֿון דער סאָוועטישער פֿאַרוואַלטונג. די פֿראַגע איז געלייזט.

יאָסט ווערט קענטיק אויפֿגעלעבט און פֿרעגט:

— דאָס הייסט אַז איר וועט פֿאַראָרדענען אונדז אַרויסצוגעבן פּיס־טוילן?

לובענצאָוו רופֿט אויס:

— יאָסט, צו וואָס זאָגט איר עס מיר? זײַט אַזוי גוט, צי דען איז שוין אין דײַטשלאַנד קיין וואָפֿן ניט געבליבן? גיט נאָר אַ זוך, כאַווער יאָסט...

יאָסט צעשמייכלט זיך קלוגיטשקע און צעגעמט די הענט.

— נו גוט, — זאָגט ער. — אויב אַזוי... וועלן מיר, נאַטירלעך געפֿינען געווער. אײַך קען מען ניט נאַרן.

— אונטער אַלע בריקן, אַפֿן גרונט פֿון אַלע טײַכלעך, אָדער פּאַשעט אין וואַלד קען מען געפֿינען גאַנצע הויפֿנס געווער, — דערקלערט לובענצאָוו דעם פֿאַרוווּנדערטן סעבאַסטיאַן. — מען דאַרף אַראָפּנעמען דעם זשאַווער פֿון זיי.

סעבאַסטיאַן און יאָסט קלײַבן זיך אַוועקגיין. פֿאַר זייער אַרויסגיין מורמלט אַרײַן לובענצאָוו יאָסטן אַפֿן אויער:

— קיין האָרעלע טאָר ניט פֿעלן פֿונעם פּראָפֿעסאָרס קאָפּ, פֿאַרשטאַנען?

אין עטלעכע טעג אַרום קומט אַרײַן קאַסאַטקין צו לובענצאָוון אין קאַ־בינעט.

— מען האָט אָנגעפֿרעגט פֿון האַללע, — זאָגט ער, — אַלץ וועגן דעם לערער, געניקע. עפּעס אַ צײַטונג אין דער ריין־געגנט האָט אָפּגעדרוקט אַן אַרטיקל וועגן דעם איניען, — מען אַרעסטירט, הייסט עס, די אינטעליגענץ... אונדזער אָנפֿירערשאַפֿט איז באַזאָרגט. מען פֿרעגט צי זײַנען געווען גענוג מאָטיוון צום אַרעסט.

— וואָס־זשע האָט איר געענטפֿערט?

— אַז געווען. אין דער פֿרי וועלן מיר ביידע מוזן אַרויספֿאָרן צו דער פֿאַרוואַלטונג אויפֿקלערן דעם איניען.

— וועלן מיר אויפֿקלערן! אַן אומגליק! אָדער מיר רעכענען זיך מיט קיינעם ניט און מיר טוען וואָס אונדז פֿאַלט אײַן, אָדער מיר הייבן זיך אָן פּלוצעם צוצוהערן צו עפּעס אַ מיִעס צײַטונגל אין אויסלאַנד. די אויספֿאָר־שונג ווערט געפֿירט? וואָס האָט מען זיך דערוווּסט?

— זיי וועלן זיך מוזן אײַנוואַשן מיט דעם אַרטיקל. געניקע איז ניט נאָר שולדיק, נאָר ער איז פֿאַרבונדן מיט אַ גאַנצער רײ פֿאַרשווינען פֿון דער זײַט און פֿון יענער זײַט דעמאַרקאַציע־ליניע. ער האָט זייער אַ סאַך דער־ציילט. דערין אויך, אַז ער איז פֿאַרבונדן מיט אַ גאָר היפּשן פֿאַשיסט, וואָס פֿירט אָן מיט דער אַקציע קעגן די מאָסמיטלען פֿון דער פֿאַרוואַלטונג; ער געפֿינט זיך ערגעץ אין אונדזער ראַיאָן.

— נו, אַ דאַנק גאָט, — זיפֿצט אָפּ דערלײַכטערט לובענצאָוו. — וואָרעם איך האָב זיך שוין געהאַט אַ ביסל דערשראָקן.

איז טאַקע, הייסט עס, דער פֿאַרשוין מיט דעם רויטן פּאָנעם פֿאַראַן. דער גאַנצער ראַיאָן איז אַף די פֿיס געשטעלט. נאָר נאָך געניקעם אַרעסט — מעגלעך אַז אין שײַכעס מיט דעם אַרעסט — איז דער „ווערוואָלף־גענעראַל" פֿאַרשוווּנדן. לובענצאָוו באַדויערט בעעמעס זײַן פֿאַרשווינדן. עס וואָלט בעעמעס אַ שאָד געווען ווען דער פֿאַרשוין מיט דעם רויטן פּאָנעם אַנטלויפֿט אַף יענער זײַט דעמאַרקאַציע־ליניע און מײַדט אויס די שטראָף.

אַלנפֿאַלס, איז אַרום שטיל געוואָרן און רויִק; מען האָט גענומען פֿאַרשיטן זריִע צום פֿרילינג־פֿאַרזיי. די נײַע פּויערים און ערדלאָזע, וואָס האָבן באַקומען ערד, אַרבעטן אַף זייערע נאַכלעס, זיי דערפֿילן אַלץ מער און מער געשמאַק אין דער רעפֿאָרם און פֿאַרלירן אַלץ מער די מוירע פֿאַר דער נעקאָמע פֿון די גוטבאַזיצערס. און ווען די סאָוועטישע פֿאַרוואַלטונג האָט פֿאַראָרדנט צו נעמען בײַ זיי דעם ערשטן אָפּצאָל פֿאַר דער ערד, זײַנען זיי גאָר אויפֿגעלעבט געוואָרן. דער אָפּצאָל איז אַ נישטיקער, נאָר דאָך אַן אָפּצאָל. דאָס מיינט, אַז די ערד איז אַ געקויפֿטע, און ניט קיין צוגענומענע. און די פּויערים קלאַפּן אַרײַן גערן און מיט פֿאַרגעניגן סטויפֿעס לעניום זייערע נײַע מעזשעס, סטויפֿעס, וואָס ווײַזן אָן אַז די נאַכלע איז זייערע, אַן אייגענע, אַ געקויפֿטע.

דער פֿאַרשוין מיט דעם רויטן פּאָנעם איז פֿאַרשוווּנדן.

VI

וואָראָבייצעוו קומט איין מאָל אַרײַן צו זײַן נײַעם גוטן ברודער מערקער, און טרעפֿט דאָרט אַ הויכן מענטשן מיט אַ רויטן פּאָנעם, מיט אַ פֿליך, אין אַ שוואַרצן אָנצוג און ענלעך אין דעם אָנצוג אַף אַ גײַסטלעכן. מערקער באַקענט דעם „הער קאַפּיטאַן" מיט דעם „גאַלעך", ווי וואָראָבייצעוו רופֿט אָן בײַ זיך אין געדאַנק דעם פֿאַרשוין מיט דעם רויטן פּאָנעם.

— ווי גייט עס? — פֿרעגט וואָראָבייצעוו בײַ מערקערן. — האָסטו געקראָגן פֿאַר מיר דעם „נעש"? דעם געיעג־אויטאָמאָביל? מיט רויטן לעדער באַשלאָגן דער זיץ?

— געקראָגן, געקראָגן, הער קאַפּיטאַן, — זאָגט אים געפֿעליק מערקער.

— ווער איז דער? — פֿרעגט וואָראָבייצעוו, ווען זיי גייען אַרויס אַף דער גאַס, און מערקער פֿירט אים אָנקוקן דעם אויטאָמאָביל.

— איינער אַ באַקאַנטער, — ענטפֿערט מערקער. — ריכטיקער אַ באַקאַנטער פֿון מײַנע באַקאַנטע. געקומען פֿון טירינגען געשעפֿטלעך.

— מיט וואָס האַנדלט ער?

— מיט פֿאַרשידענעם מ... מ... מעבל און ביכלאַל מיט אייגנטימער. ווױנט ער ניט אין זולאַ? האַנדלט ער דאָרט ניט מיט יעגער־ביקסן?

— גאַנץ מעגלעך... איך וועל אים פֿרעגן. איך וועל זיך אומבאַדינגט דערוויסן. וואָס־זשע, איר דאַרפֿט האָבן ביקסן?

— פֿרעגסט נאָך! אַוודאי דאַרף איך!

— ווען זיי קומען אַרײַן צוריק און באַקוקן דעם אויטאָמאָביל, וואָס מערקער האָט געקראָגן פֿאַר לובענצאָוון, זיצט נאָך אַלץ דער „גאַלעך" בײַם טיש אין דער זעלביקער פּאָזע און רײַבט זיך פֿון קעלט זײַנע גרויסע הענט. דאָס מאָל שרעקט ער זיך שוין ניט פֿאַר דעם רוס. פֿאַר דעם רוס איז נישטאָ וואָס

מוירע צו האָבן: ער שפּאַנט אום איבערן צימער — אַ דאַרער, אַ לאַנגער, אַן אויסגעבויגענער, אַ פּלוידערנדיקער, בעקיוונדיק גראָב, מאָדנע ניט אויפֿמערקזאַם. דער „גאַלעך“ צערעדט זיך מיט אים, ליבלעך, אויפֿגעלעבט, צעפֿרעגט זיך באַ אים אַפֿן פּאָדפּאָלקאָווניק „פּאַן ליובענצאָף“. ווען ער דערוויסט זיך, אַז דער רוס אינטערעסירט זיך מיט ביקסן, דריקט ער אויס זײַן ווונטש, באַ דער ערשטער מעגלעכקייט, ווי נאָר עס וועט אָנקומען אַ פּאַרטיע סכוירע, שענקען דעם קאַפּיטאַן אַ דרײַ־רעריקע ביקס, מיט איינעם אַ געשניטענעם, פֿאַר גרעסערע כאַיעס. וואָראָבייצעוו האָט נאָך אַזעלכע ביקסן נישט געזען און ער איז זייער דערפֿרייט.

דער רוסישער קאַפּיטאַן רעדט לײַכט דײַטש, און דער „גאַלעך“ פֿילט זיך מיט אים פֿרײַ. מער ניט דעם רוסישן אָפֿיצירס היטל מיט דעם מאַלינאָוון „אָקאָלישעק“ און גרויסן רויטן שטערן, דאָס היטל וואָס ליגט אַפֿן טיש צווישן זיי, פֿירט אים טייל מאָל אַרויס פֿון דער גלײַכגעוויכט, ווען זײַן בליק פֿאַלט דערויף. נאָר מערקער נעמט דערנאָך צאַרט אָן דאָס היטל מיט ביידע הענט, ווי דאָס וואָלט געווען אַ לעבעדיקס, און טראָגט עס איבער אַף אַ צווייטן אָרט, מאַכמעס פֿרוי מערקער נעמט גרייטן צום טיש. דערנאָך נעמט זיך שוין דער „גאַלעך“ אויפֿפֿירן מיט וואָראָבייצעוון גאַנץ פּאָשעט. ער גיט איינמאָל אַפֿילע אַ פּעטשל דעם רוס אַף דער קני, אַלס באַווײַז פֿון זײַנע פֿרײַנטלעכע געפֿילן און איז אַליין אין האַרצן שטאָלץ באַ זיך מיט דעם זשעסט, פֿון וועלכן ער האָט מיט אַ שאָ פֿריער אַפֿילע טרוימען ניט געקענט. ער באַשליסט באַ זיך, אַז ער האָט באַקעמפֿט אין זיך זײַן מוירע פֿאַר „זיי“, אַז ער האָט ענדלעך אויפֿגעהערט זיך שרעקן פֿאַר „זיי“.

אויך בירקען, ווי לובענצאָוון, כאַלעמען זיך די טעג קי, פֿערד, קעלבלעך און שעפּעלעך. נאָר לובענצאָוון כאַלעמען זיך לעבעדיקע, און אים, אין בלוט שווימענדיקע. ער טראַכט וועגן אומברענגען דאָס גאַנצע פֿיך אין דער סאָוועטישער זאָנע, קעדיי דאָ זאָל זיך אָנהייבן אַ אַלגעמיינער הונגער, דער בעסטער פֿאַרבינדעטער פֿון די וואָס האָבן אים געשיקט אַהער.

פֿרוי מערקער דערלאַנגט צום טיש אַ גרויסן בראָטשפּיז מיט שאָפּנס.

— דאָס איז דאָס לעצטע פֿלייש באַ אונדז, — רופֿט זיך טרויעריק אָן מערקער. — פֿון די צוויי שעפּסן וואָס איר, הער קאַפּיטאַן האָט באַוויליקט אונדז צו שענקען... און וואָס וועט ווײַטער זײַן...

— נישט געזאָרגט, — זאָגט וואָראָבייצעוו. איכל דיר עפּעס צוּוואַרפֿן פֿאַר דעם אויטאָמאָביל. צוקער היים איך דיר צושיקן פֿון דער פֿאַבריק. האָב קיין מוירע ניט, איר וועט ניט אָפּקומען, — זאָגט ער און ווענדט זיך שוין צו פֿרוי מערקער, און פּאַטשט איר אין הינטן דעם מאַן אין די אויגן.

— אָ, — זאָגט זי און בייגט זיך אָן צו וואָראָבייצעוון און נעמט אים אַרום. — ליבער קערל!

— אַז הוליען זאָל זײַן געהוליעט! — שרײַט אויס וואָראָבייצעוו אַ גערייצטער פֿון דער אומאָרעמונג. — וואָס־זשע, איר האָט גאָר קיין וואָדקע ניט? אַ נו באַקום עס ערגעץ. איכל דיר צושיקן נאָך.

דער „גאַלעך“ לייגט פֿאַרזיכטיק צו זיך אין טעלער שטיקער שאָפּנס און קוקט אַף זיי מאָדנע מיט אַ שטײַפֿן בליק. פֿון צײַט צו צײַט טראָגט ער איבער זײַן בליק פֿונעם פֿלייש אַף וואָראָבייצעוון. שאָקלט צו מיטן קאָפּ און לאַכט אַף אַ וויץ. ער ווערט אַלץ רויִקער און טראַכט זיך, אַז ביכלאַל זײַנען די רוסן ניט שרעקלעך; אָט דער רוס איז אַ גאַנץ אָנשטענדיקער באַיאַסעניק און ניט קיין שלעכטער יאַט.

ווען דעם פּאָדפּאָלקאָווניק „ליובענצאָף“ רופֿט זיך אָפּ וואָראָבייצעוו, ניט ווי אַלע דײַטשן, וואָס דערציילן בירקען וועגן דעם קאָמענדאַנט, מיט ניט איבעריקן דערעכערעץ. דאָס הייסט, אין זײַנע ווערטער איז קיין אומדערעכערעץ נישטאָ, נאָר אַן אויפרעגונג הערט זיך פון זיי אַרויס; עס פילט זיך אַז וואָראָבייצעוו איז אומצופרידן מיט דער נײַגעריקייט פון דעם דײַטש, שוין דערפון אַליין וואָס דעם פריש אָנגעקומענעם דײַטש אינטערעסירט אַזוי לובענצאָוו. נאַטירלעך, קלײַבט זיך ניט וואָראָבייצעוו שלעכטס צו ריידן וועגן זײַן סאָוועטישן קאָמענדאַנט פאַר אָט די דײַטשן, ווער זיי זאָלן ניט זײַן, שוין דערפאַר וואָס זיי זײַנען דײַטשן. נאָר ער איז ניט בעקויעך צו פאַרשטעלן זײַן אומפרײַנטשאַפט. ער פירט טייקעף אַריבער דעם געשפּרעך אַף זיך. און וואָס מער ער טרינקט אַלץ מער רעדט ער וועגן זיך. און פון זײַנע ווערטער פילט זיך, אַז אין דער קאָמענדאַטור איז דער הויפּט ער, אַז אַלע איניאָנים הענגען אָפּ פון אים, און אַז די פירערשאַפט אין האַללע און אַפילע אין בערלין האַלטן פון אים מער ווי פון אַלע אָפיצירן. ער מערקט גאָר אַליין ניט, אַז ער מאַכט דורך דעם אינטערעסאַנטן, כאָטש געוויינלעכן קונץ פון אַלע שיקערע און באַרימערישע מענטשן: ער דערציילט וועגן ווערטער וואָס לובענצאָוו האָט געזאָגט, און וועגן זאַכן וואָס לובענצאָוו האָט געטאָן, נאָר אָנשטאָט לובענצאָוון שטעלט ער אונטער זיך. און דערפאַר וואָס טיף אין הארצן וויים ער, אַז ער שטעלט זיך אונטער, האָט ער נאָך מער פײַנט לובענצאָוון, און זיך האָט ער נאָך מער ליב און האָט נאָך מער ראַכמאָנעס אַף זיך.

— לאָמיר אויסטרינקען! — שרײַט ער אַלץ אין רוסיש און האַלט אַלץ דעם זעלביקן טאָסט: — פאַר באַגעגנען זיך אונטערן טיש!

ווען ער קלערט אויף זײַנע כאַווירים צום טרינקען דעם זין פון דעם טאָסט, לאַכן זיי לאַנג און זאָגן אים אויך אין געבראָכענעם רוסיש.

— זאַ סטריעטש פּאָד סטאָליאָם! — שרײַט מערקער און עס שרײַט בירקע און טרינקען אויס זייערע גלעזלעך; וואָראָבייצעוו טרינקט גאַנצע גלעזער און זיי וווּנדערן זיך, און ווען זיי מערקן אַז זייער וווּנדערן זיך געפעלט אים, וווּנדערן זיי זיך מיט ווערטער.

— לאָמיר אויסטרינקען! — שרײַט ווידער וואָראָבייצעוו און קלאַפּט אָן זײַן גלאָז מיט ביידן. נאָר מערקער האַלט זיך שוין אָפּ און זאָגט, אַז מער קען ער ניט טרינקען. דעמאָלט כאַפּט אָן וואָראָבייצעוו אַ ניט־אָנגעהויבן פלעשל באַם העלדזל און וואַרפט עס אַרויס דורכן אָפענעם לופטשיק.

— ווּעסט טרינקען? — פרעגט ער און כאַפּט אָן פאַרן העלדזל אַ צווייט פלעשל, אַ נאָך ניט געעפנטס.

— אַ, יאַ, — דערשרעקט זיך מערקער און טרינקט אויס זײַן גלעזל מיט איין מאָל.

בירקע שמייכלט אָנגעשטרענגט. וואָראָבייצעווס שיקערע געוואַגטקייט שרעקט אים. מערקער טומלט זיך, נעמט אײַן דעם רום. ער וויל בעשום אויפן ניט זײַן ווײַנונג זאָל ציען אַף זיך די אויפמערקזאַמקייט.

ענדלעך שטילט זיך וואָראָבייצעוו אײַן, מען לייגט אים אַוועק אַפן דיוואַן שלאָפן. אויך די איבעריקע לייגן זיך שלאָפן. נאָר מערקער איז אַלץ אומרויִק, עמעצער זאָל זיך ניט קלאָגן אין דער פּאָליציי, אָדער נאָך ערגער, אין דער קאָמענדאַטור. און ווען ער דערהערט שפּעט באַנאַכט אַ קלאַפּ אין טיר, דערשרעקט ער זיך. ער פּרוּווט זיך צעוועקן וואָראָבייצעוון, נאָר דאָס איז אוממעגלעך. בירקע כאַפּט זיך אויף פונעם קלאַפּ און ער זיצט שוין אַפן

בעט און טוט שנעל אָן. מיט אַ צעקרומטן פּנים גייט מערקער עפֿענען. צו זײַן גרויסער דערלײַכטערונג, דערהערט ער פֿון יענער זײַט טיר ענגליש ריידן און לאָזט אַרײַן צוויי נאָרדאַמעריקאַנער.ביידע זײַנען אים אומבאַקאַנט, נאָר איינער פֿון זיי רופֿט זיך אָן, אַז געשיקט אַהער האָט זיי אָ׳סעליווען, און דעמאָלט באַרויִקט זיך מערקער צום איבעריקן. דער וואָס זאָגט עס איז אַ הויכער מיט גרויסע נישט־באַוועגטע אויגן. ער באַקוקט דעם האַלבטונקעלן צימער, דעם טיש מיט די אומגעוואָרפֿענע פֿלעשלעך, גיט אַ הומקע און ווען ער באַמערקט דעם אײַנגעשלאָפֿענעם אויפֿן דיוואַן, גייט ער צו צו אים, בייגט זיך אײַן און זאָגט:

— ע, וויקטאָר!

ער צעוועקט גיך וואָראָבייצעוון און דער קוקט אויף אים לאַנג און דערקענט אים ניט.

— ווי קומסטו אַהער? — שרײַט אויס וואָראָבייצעוו.

דער מענטש איז אואײַט, דער אייגענער פֿרענק אואײַט, וואָס וואָראָבייצעוו האָט זיך באַקענט מיט אים אין דער צײַט פֿון דער פּאָטסדאַמער קאָנפֿערענץ. זײַן באַווײַזן זיך דאָרט איז פֿאַר וואָראָבייצעוון מאַמעש אַן איבערראַשונג. מען קען ניט זאָגן, אַז וואָראָבייצעוון פֿרייט שטאַרק די באַנײַונג פֿון דער באַקאַנטשאַפֿט. און אואײַט פּאַטשט אַליץ וואָראָבייצעוון איבערן רוקן און זאָגט:

— מירטעסען.

אָט דאָס מאָדנע וואָרט כאַזערט ער איבער אַ סאַך מאָל און וואָראָבייצעוו נעמט עס טכילעס אָן פֿאַר אַן אַמעריקאַנישער באַגריסונג וואָס איז אים ניט באַקאַנט. און ערשט עט שפּעטער כאַפּט ער זיך, אַז אואײַט זאָגט אין רוסיש „מיר טיעסיען” (די וועלט איז ענג).

— יאָ, די וועלט איז קליין, — זאָגט וואָראָבייצעוו, ניט גאָר צופֿרידן מיט דער באַגעגעניש.

דער צווייטער אַמעריקאַנער גולגעט פֿון אַ פֿלעשל, באַ קיינעם ניט געפֿרעגט, און לייגט זיך שלאָפֿן אויף וואָראָבייצעווס אָרט. און מערקער שלעפּט אַרײַן פֿונעם צווייטן צימער בירקען און זיי זעצן זיך „פֿאַרענדיקן דאָס טרינקען”. דאָ פֿעלן ניט קיין טאָסטן. די טאָסטן האַלט אואײַט. מען טרינקט פֿאַר רוסלאַנד און פֿאַר די פֿאַראייניקטע שטאַטן.

— לאָמיר אויך אויסטרינקען פֿאַר דײַטשלאַנד, — זאָגט אואײַט און גיט אַ זײַטיקן קוק אויף בירקען.

מען טרינקט אויס.

— איצט פֿאַר ענגלאַנד און פֿראַנקרײַך, — לייגט פֿאָר וואָראָבייצעוו, וואָס איז שוין ווידער שטאַרק שיקער.

נאָר פֿאַר ענגלאַנד און פֿראַנקרײַך וויל אואײַט ניט טרינקען. ער דרייט מיטן קאָפּ אויף ניין.

— אויב אַזוי פֿאַר דער באַגעגעניש אונטערן טיש, — שלאָגט פֿאָר מערקער, און אואײַט, וואָס דערוויסט זיך טייקעף וואָס יענער זאָגט, צעקייכט זיך פֿון געלעכטער, אַז ער פֿאַרכלינעט זיך שיר ניט מיט דעם ווײַן. דערנאָך ווערט ער טויט ערנסט, שטעלט אָן די אויגן אין איין פּינטל און באַוועגט מיט די ליפּן.

— און ווו איז דײַן פֿרײַנט, יענער גוטער און ליבער קאַפּיטאַן? — פֿרעגט פּלוצים אואײַט באַ וואָראָבייצעוון.

— מיר באַגעגענען זיך מער ניט מיט אים, — זאָגט וואָראָבייצעוו.

אואַיט פרעגט:

— אוועקגעפאָרן וויִט? רוסלאַנד?

— ער איז דאָ, — זאָגט וואָראָבייצעוו אַ פאַרכמורעטער.

— צעקריגט? אַ פרוי?

וואָראָבייצעוו ענטפערט ניט און בורטשעט נאָר עפּעס אומפאַר־שטענדלעכס.

— ער איז אַ גוטער, — זאָגט אואַיט. — און איך און דו זײַנען מיר נישט קיין גוטע. זייער שלעכטע. אונדז דאַרף מען אויפהענגען. — ער רעדט רויִק, מיט אַ ניט באַוועגלעכן פּאָנעם. — מאַיאָר קאָללינס גריסט דיר. ביסט אַ גוטער, זאָגט ער, ער האָט דיך שטאַרק ליב.

די לעצטע ווערטער ניכטערן מיט אַ מאָל אויס וואָראָבייצעוון. אויב ער האָט פריער געמיינט, אַז אואַיטס קומען אַהער איז אַ צופעליקייט, קוקט ער איצט אַף אואַיטן, נאָכן דערמאָנען קאָללינסן, מיט כשאַד. ער הייבט זיך טייקעף אויף און זאָגט אַז אים איז צײַט אַהיימצוגיין. אין דרויסן איז שוין קימאַט ליכטיק. עס ווײַזן זיך שוין די ערשטע פאַרבײַגייער.

— ווען הײַנט קומען? — פרעגט אואַיט. — קום אין אָוונט. אָדער איך וועל קומען צו דיר? קען איך קומען, צו דיר אַהיים אָדער ווו דו דינסט?

— צו וואָס? — פרעגט וואָראָבייצעוו. — איך וועל קומען אַהער.

ער גייט צו צום שפּיגל, פאַרריכט אַף זיך דעם מונדיר, פאַרשפּיליעט אים אַף אַלע קנעפּ, פאַרריכט די צעקנייטשטע פּאַגאָנעס און טוט אָן דאָס היטל. זײַן אייגענער אָנבליק אין שפּיגל צווינגט אים זיך אָנצושטײַפן, זיך דערמונטערן. ער גיט אַ קוק אַף זײַן מונדיר און דערמאָנט זיך, אַז ער געהער צו דער גרעסטער מעלוכע און דערפילט אין זיך אַ זיכערקייט. איינצײַטיק דערמיט — און איינס איז געבונדן מיט דעם צווייטן — ווערט ער דורכגענומען מיט אַ געפיל פון אומפרײַנטשאַפט און כשאַד צו זײַנע דרײַ טרינק־כאַווײרים. אין דעם מאָמענט, וואָס וואָלט אים געקענט ראַטעווען, עפענען זיך אים די אויגן און ער באַגרײַפט, אַז דער אַמעריקאַנער שטייט אַ סאַך נעגער צו די דײַטשן, ווי צו אים, וואָראָבייצעוון, און אַז אַלע שטעלן זיי מיט זיך פאָר איין גאַנצע זאַך, וואָס איר ציל איז, אים, וואָראָבייצעוון, צוציִען צו זיך, פאַרוועבן און צעקוועטשן אונטער זיך.

דאָס זײַנען געווען אָפּגעריסענע געדאַנקען, וואָס האָבן זיך באַ אים אין מויעך דורכגעטראָגן. ער וויל איצט מיט אַלע זײַנע קויכעס זײַן אַזאַ ווי טשאַכאָוו, וואָס ער טראַכט פון אים, ווי עס ווײַזט זיך אַרויס, אַ סאַך מער, ווי ער אַליין האָט גערעכנט, און זײַן אָנדענק שטייט איצט פאָר אים באַזונדער שאַרף, נאָכדעם ווי אואַיט האָט אים אויסגעלייבט און אָנגעוויזן אַף דעם טעהאָם, וואָס טיילט אָפּ די צוויי פרײַנט איינעם פונעם צווייטן.

וואָראָבייצעוו זאָגט אים מיט דעם טרוקענעם טשאַכאָווישן מאַניר:

— אומזיסט ביסטו אַהער געקומען. אויב דו פאָרסט קיין בערלין, איז דער מאַרשרוט גאָר אַן אַנדערער.

דער מאַניר איז אָפילע געווען אַ טשאַכאָווישער, נאָר דער געוויסן איז ניט ריין. און ווען ער טרעפט זיך אָן מיט דעם קאַלטן בליק פון דעם אַמע־ריקאַנערס גרויסע ווײַסע אויגן, און דערזעט אָפן טיש מערקערס שמאָלע ווײַסע הענט, רופט זיך אָן וואָראָבייצעוו מיט אַ געמאַכטן געלעכטער:

— איך שפּאַס. נו גוט. מירן זיך זען. — ער גייט אַרויס אַף דער גאַס. אַף די טרעפּ טרעפט ער זיך אָן מיט אַ קליינינקן אַלטן דײַטש, וואָס זײַן פּאָ־נעם איז אים באַקאַנט. ער האָט אים איין מאָל געטראָפן באַ מערקערן און האָט אים עטלעכע מאָל געזען לעבן דער קאָמענדאַטור.

VII

וואָראָבייצעוו בלאָנקעט אום אַ ווײַלע איבער די גאַסן און לאָזט זיך גיין צו דער קאָמענדאַטור, און מאַכמעס עס איז נאָך צו פֿרי, גייט ער אַרײַן הינטן אַרום דורכן הויף און קומט אַרײַן אין לאָקאַל פֿון דער קאָמענדאַנטישער מיליטערישער אָפּטיילונג, וווּ עס וווינען אין איינעם פֿון די צימערן דער קאָמאַנדיר פֿון דער אָפּטיילונג און טשאָכאָוו.

ביידע זײַנען זיי שוין אויף די פֿיס און וואַשן זיך אײַן. און ביידע וואַשן זיי זיך אַזוי פּליַיסיק, אַזוי רושיק, מיט אַזאַ ליבע צו דעם מין פֿאַרנעמעכץ, אַז אויך וואָראָבייצעוו באַשליסט זיך אײַנצוּוואַשן. און ער פּליַיסט זיך דאָס צו טאָן געניי, ווי זיי, דאָס הייסט, אָן דער מוירע עס זאָל אים אַרײַן די וואַסער אונטערן קאָלנער פֿונעם העמד אָדער פֿאַרנעצן די פֿאַרקאַטשעטע אַרבל, וואָס דאָס איז פֿאַר דעם נערוועזשן וואָראָבייצעוון ניט גרינג.

זיי זעצן זיך צום פֿרישטיק. די שפּײַז איז עכט זעלנערישע, גרעטשענע קאַשע מיט כאַזער־שמאַלץ. וואָראָבייצעוון גלוסט זיך גאָרניט עסן דעם מין שפּײַז, נאָר ער עסט עס, קעדיי צו זײַן אַזוי ווי זיי. באַלד קומט צו צו זיי וואָראָנין, וואָס דערציילט זיי, אַז לובענצאָוו האָט די נאַכט געגעכטיקט אין דער קאָמענדאַטור, באַ זיך אינעם קאַבינעט, מאַכמעס ער האָט זיך שפּעט פֿאַרזעסן. טשאָכאָוו לייגט אָן פֿאַרן קאָמענדאַנט אַ שיסל קאַשע, און וואָראָנין טראָגט זי אים אַרויף, דערנאָך קומט ער צוריק און זעצט זיך אויך עסן.

וואָראָבייצעוו פֿאַרפֿירט אַ שמועס וועגן דעם אַז עס איז שוין צײַט פֿאָרן אַהיים; דאָס דײַטשלאַנד האָט אים שוין דערעסן ווי אַ ביטערער רעטעך.

טשאָכאָוו קוקט אויף אים אַ פֿאַרוווּנדערטער. ער הערט אַזוינס פֿון וואָראָבייצעוון דעם ערשטן מאָל. וואָראָבייצעוו רעדט מיט אויפֿריכטיקייט אינעם קאָל און קוקט פֿאַר זיך מיט אַ בענקשאַפֿט אין די אויגן, וואָס מען קען זי מיט אָן עמעס אָננעמען פֿאַר אַ בענקשאַפֿט צום פֿאָטערלאַנד.

טשאָכאָוו ראָט אים דערויף ער זאָל אָנשרײַבן אַ ראַפּאָרט צו לובענצאָוון און שוין איצט, איידער עס הייבט זיך אָן דער אַרבעטס־טאָג, אַרײַנגיין צו סערגיי פּלאַטאָנאָוויטשן און זיך מיט אים דורכריידן וועגן דעם.

וואָראָבייצעוו זאָגט: „יאָ, ריכטיק“, און הייבט זיך אויף, נאָר באַלד וואַקלט ער, נעמט ריידן וועגן עפּעס אַנדערש און בלײַבט זיצן. עס ווײַזט אים מיט אַ מאָל אויס שרעקלעך אַהיימצופֿאָרן. ער פֿירט דאָ צו אַ גרינג לעבן און איז צו שטאַרק צוגעוווינט דערצו. אין דער היים וואַרט אויף אים באַשפּײַזונג אויפֿן קאַרטל און ריכטיקע אַרבעט און עפּשער נאָך אויף די ערטער וואָס האָבן געליטן פֿון קריג.

— עך, קינדער, — זאָגט ער, — האָב איך דאָ אויף אָן אָרט געפֿונען אָן אויטאָ, די פֿינגער צו לעקן. שטעלט אײַך פֿאָר, אַ געיעג־אויטאָ, ניט קיין גרויסער, נאָר מיט אַ לאַנגן קאַפּאָט. אַ קעסיידערדיקער מאָטאָר. אַכט צילינדערס. און בלויז צוויי ערטער און איינער פֿון הינטן מיט אָן אָנלען. די זיץ־ערטער פֿון רויטן לעדער העכסטע קוואַליטעט. אַ שפּילכל. איך ווייס נאָר ניט צי זאָל איך אים פֿאַר מיר איבערלאָזן אָדער עמעצן שענקען, דעם גענעראַל קופּריאַנאָוו אַ שטייגער. ס׳איז אָן אויטאָ, נאַטירלעך, ניט פֿאַר קיין קאַפּיטאַן. אין אָוונט וועל איך אים אָפּנעמען און וועל אים אײַך ווײַזן.

— ווּ קריגט איר דאָס אַלץ? — פֿרעגט וואָראָנין. — איך וואָלט אויך וועלן קריגן עפּעס אַ בעסערן אויטאָמאָביל פֿאַרן פּאָדפּאָלקאָווניק.

— פֿאַרן פּאָדפּאָלקאָווניק? — צעלאַכט זיך וואָראָבייצעוו. — ער אינטערעסירט זיך דערמיט גאַנץ ווייניק. בעסער ווען עמען עס איז, און ער קען

סײַ ווי באַקומען וואָס ער וויל. איך קען עפּעס צוזוכן פאַר אים. איך וועל היינט אין אָוונט זײַן אַף אַן אָרט, וועל איך פרעגן.

— אַ פּיפּיקער, — זאָגט וואָראָנין ווען וואָראָבייצעוו גייט אַרויס.

וואָראָנין עסט אָפּ און גייט אַרויס אין גאַס. דער אויטאָמאָביל וואַרט אַף אים, מאַכמעס ער דאַרף צופאָרן קיין אַלטשטאַט אין אַ שליכעס פונעם קאָמאַנדיר פון דער אָפּטיילונג. באַם לאַמטערן שטייט קראַנץ.

— ווילסט זיך דורכפאָרן מיט מיר? — פרעגט אים וואָראָנין.

— איכל פאָרן, — זאָגט קראַנץ.

זיי זעצן זיך אַרײַן אינעם אויטאָמאָביל און פאָרן. און מאַכמעס דעם וואָס דער אויטאָ אַף וועלכן זיי פאָרן — אַן אַלטער „וואַנדערער", — קלאַפּט און טראַסקעט, דערמאָנט זיך וואָראָנין אָנעם געשפּרעך מיט וואָראָבייצעוון און זאָגט:

— צײַט בײַטן דעם אויטאָ. ס'איז ניט באַקוועם פאַרן קאָמענדאַנט אַף אַזאַ אויטאָ צו פאָרן.

— די פּאָליציי קען אונטערקלײַבן אַ נישקאָשעדיקן אויטאָ פאַרן הער קאָמענדאַנט, — זאָגט קראַנץ. — זאָגט דעם הער יאָסט.

— קאַפּיטאַן וואָראָבייצעוו האָט געקראָגן אַ שיינעם ספּאָרט־אויטאָ. ווו קריגט מען עם אַלײן?

קראַנץ ווייס ווו וואָראָבייצעוו האָט דעם אויטאָ באַקומען. ער האָט היינט גאַנץ פרי געזען אַרויסגיין וואָראָבייצעוון פון מערקערן. קראַנץ פירט מיט מערקערן געוויסע געשעפטן, ער איז זײַנער אַ מעקלער, פירט אויס זײַנע שליכעסן, נאָר ער האָט מערקערן ניט ליב און ווייס וועגן אים — כאָטש ער דערציילט קיינעם ניט — אַ סאַך קאָמפּראָמעטירנדיקע מאַיסים נאָך פון היט־לערס צײַטן. דאָס וואָס אַ סאָוועטישער אָפיציר האָט קענטיק גענעכטיקט באַ מערקערן, שאָקירט קראַנצן. באַזונדער וווּנדערט עס אים מאַכמעס דעם וואָס ער האָט באַ מערקערן געטראָפּן צוויי אַמעריקאַנער און איינעם אַ פרעמדן דײַטש, אַ ניט היגן, קלאָר ווי דער טאָג — אַ בײַערישער, לויטן אַקצענט.

קראַנץ טראַכט זיך אַז ס'איז ניט זײַן זאַך, זאָל זיך קאַפּיטאַן וואָראָבייצעוו כאַווערן מיט וועמען ער וויל. געשעפט מאַכן איז באַ קראַנצן נישט קיין אָפּגעפרעגטע זאַך, ווי באַ וואָראָנינען און לובענצאָוון. ער ווייס זייער גוט וויאַזוי דער „פּאָדפּאָלקאָווניק דאַוואַי" באַציט זיך צו די זאַכן. קראַנץ גיט זײַטיק אַ קוק אַף וואָראָנינס קליינינקן פּאָנעם, אַף זײַנע שמאָלע טאָטע־רישע איינגעלעך אונטער די בלוי־שוואַרצע אויך שמאָלע ברעמען, און ער באַשליסט באַ זיך אַז מען דאַרף וואָרענען די קאָמענדאַטור.

מיקוויעך דעם האָט ער זיך זײַנע כעשבוינעס. ער ווינטשט די רוסן גוטס. אים ווילט זיך אַז די דײַטשן זאָלן דענקען גוט וועגן רוסלאַנד. אין דעם ווונטש לייגט ער קוים אַרײַן וועלכן פּאָליטישן געדאַנק. וואָראָבייצעווס פרי־וואַטער לעבן, וועגן וועלכן לויטערבורג ווייס עפּעס, שאָקירט קראַנצן, כאָטש פאַר אַ סאַך דײַטשן זעט עס אויס נאַטירלעך און דורכויס מענטשלעך. נאַ־טירלעך קען זײַן זאָל עס אויך אויסזען קראַנצן, ווען ער קען ניט לייענען קיין רוסישע צײַטונגען און ביכער און ווען ער קען ניט לובענצאָוון און וואָ־ראָנינען. און ער קען זיי, דערצו נאָך, אַ סאַך בעסער ווי זיי שטעלן זיך פאָר. ער ווייס ביכלאַל אַ סאַך.

די רוסן, מעגלעך, ווייסן אַליין ניט ווי מען קוקט אַף זיי. ווען אַ דײַטש זאָגט זיך אַרויס קעגן די רוסן, דערמאָנט ער דערבײַ אומבאַדינגט וואָראָביי־צעוון, אין דעם זין, וואָס אָט זײַנען זיי די רוסן, ריידן וועגן סאָציאַליזם,

שטאָלצירן מיט דעם סאָציאַליזם, וואָס איז בײַ זיי אויפגעבויט, און קוקט מען זיך צו צו זיי נענטער — אָט כאָטש אַף אָט דעם קאַפּיטאַן וואָראָבייצעוו, — זעסטו באַלד וואָס פֿאַר אַ ווערט עס האָבן ווערטער.

דאָס גוטע איז שטענדיק פֿאַרבאָרגענער פונעם שלעכטן, מען זעט עס אַזוי ניט אַרויס ווי דאָס שלעכטע.

קראַנץ וואַרפֿט זיך דורך מיט וואָראָנינען מיט איינזילביקע באַמערקונגען און באַשליסט זיך ניט צו זאָגן אים עפּעס ווען עס איז דאָ דערבײַ דער דײַטש, דער שאָפֿער, וואָס פֿאַרשטייט עפּעס רוסיש. דער געשפּרעך איז אַ גאַנץ נייטראַלער.

— ווי רופֿט מען דיך? — פֿרעגט וואָראָנין.

— פּאַול.

— אַ!... פּאַול קראַנץ, הייסט עס?

— יאָ. אין רוסיש הייסט עס פּאַווען.

— טאַקע? דײַטשע נעמען, הייסט עס, ווערן איבערגעזעצט אַף רוסיש?

— יאָ. קימאַט אַלע.

וואָראָנין איז שטאַרק פֿאַראינטערעסירט.

— וויאַזוי ־ זשע ווערט זײַן איוואַן אין דײַטש?

— יאָהאַן. וואַניאַ הייסט בײַ אונדז האַנס.

— טאַקע?.. און ווי האָט מען גערופֿן דײַן פֿאָטער?

— טאָמאַס.

— און אין רוסיש?

— פֿאָמאַ.

וואָראָנין צעלאַכט זיך.

— רופֿט מען דיך, הייסט עס, פּאַוועל פֿאָמיטש?

— יאָ, — שמייכלט קראַנץ. — אַזוי האָט מיך מײַן ווײַב גערופֿן.

— און מיך ווי רופֿט מען אין דײַטש?

— דעמעטריוס.

— ס'איז ענלעך, נאָר אַ ביסל שווערער. און ווי ווערט זײַן יעקאַטערינאַ פּיאָדאָראָוונאַ?

— קאַטאַרינאַ. און פּיאָדאָר איז טעאָדאָר.

— אָט האָסטו דיר גאָר!

אַזוי פּלוידערן זיי ביז זיי קומען קיין אַלטשטאַט. און ערשט דאָ, לעבן דעם שפּײַכלער, וווּ וואָראָנין באַקומט די פּראָדוקטן פֿאַר דער אָפּטיילונג, זאָגט קראַנץ, ווי פֿאַרבײַגייענדיק, וואָראָנינען וועגן וואָראָבייצעווס „געשעפֿטלעכע פֿאַרבינדונגען" מיט דעם שוואַרצן מאַרק, וואָס איז פֿאַראַן אין לויטערבורג, ווי אומעטום.

בײַ וואָראָנינען הייבן זיך אַ ווײַלע די ברעמען, דערנאָך בלײַבן זיי שטיין אַף זייער געוויינלעכן אָרט.

— און עפּשער איז בײַ אים אַזאַ אַמט, — רופֿט ער זיך אָן רויִק. — און איר, פּאַוועל פֿאָמיטש, דאַרפֿט זיך ניט מישן אין פֿרעמדע אַסאָקים.

קראַנץ פילט זיך באַליידיקט און דעם גאַנצן וועג צוריק שווײַגט ער, כאָטש וואָראָנין פּרוּווט זיך אַלץ פֿאַרפֿירן אַ שמועס מיט אים, — נאַטירלעך, ניט וועגן וואָראָבייצעוון, נאָר בִּיכלל וועגן פֿאַרשידענע זאַכן, דער איקער וועגן נעמען.

אין לויטערבורג שטעלט וואָראָנין אָפּ דעם אויטאָ לעבן דעם קאָמענדאַנטס שטיבל און טראָגט אַרויס קראַנצן עטלעכע פּעקלעך ציגאַרעטן. נאָר

כאָטש קראַנץ איז אַ לײַדנשאַפטלעכער רויכערער און נייטיקט זיך זיכער אין אַ ציגאַרעט אויסרויכערן, זאָגט ער זיך אָפּ פון נעמען די ציגאַרעטן און גייט שנעל אַוועק. וואָראָנין קוקט לאַנג נאָך קראַנצן. דערנאָך גיט ער אַ קוק אויף די ציגאַרעטן און קומט צום שלום, אַז קראַנצ.ס וואָרענונג האָט אַ סאַך אַ גרעסערע באַדײַטונג ווי ער האָט פון אָנהייב גערעכנט.

אַ צווייטע וואָרענונג איז געקומען פון אַ גאַנץ אומגעריכטן קוואַל.

אָפּן צווייטן טאָג איז אין ראַטנפאַרבאַנד אָפּגעפאָרן אַן עשאַלאָן מיט רעפּאַטריאַנטן. קסעניאַ איז אַוועק אָפּן וואָקזאַל באַגלייטן אירע כאַווײרים און כאַווערטעס, וואָס זי האָט מיט אַ סאַך זייערע פאַרבראַכט עטלעכע שרעקלעכע יאָרן. לובענצאָוו האָט אָנגעטרויט טשאַכאָוון די פאַרטרעטער־שאַפט פון דער קאָמענדאַטור בײַ דער געזעגענונג. בעיים טשאַכאָוו גייט צו צום עשאַלאָן, דערזעט ער פון ווײַטן קסעניען, וואָס שטייט צווישן אַ קרײַז צוריקפאָרנדיקע מיידלעך און באָכערים, און צווישן זיי די ברייטע פיגור פון דעם איינפוסיקן.

טשאַכאָוו קוקט אויף זיי פון אַ זײַט און גייט לאַנגזאַם איבערן פעראָן, גייט אַרײַן דאָ אין איינעם, דאָ אין אַ צווייטן וואַגאָן און קוקט דורך צי אַלץ איז אין אָרדענונג. פאַרשידענע מענטשן ווענדן זיך צו אים מיט קלאַגעס דאָ וועגן איין זאַך, דאָ וועגן אַ צווייטער. ער הערט זיי אויס, דערנאָך גייט ער זיי נאָך אין די וואַגאָנען, קעדיי צו זען צי זײַנען זייערע קלאַגעס ריכטיקע. מען פאָרט ענג, כאָטש איין וואַגאָן, דער הינטערשטער, איז פון קיינעם ניט פאַרנומען און צוליב עפּעס פאַרשלאָסן. טשאַכאָוו הייסט עפענען דעם וואַגאָן, און די מענטשן, וואָס האָבן קיין אָרט ניט געהאַט, פאַרנעמען אים.

ווען טשאַכאָוו קומט צוריק פונעם עק צוג צום פאָדערשטן וואַגאָן, זעט ער ווי דער איינפוסיקער מיט קסעניען האָבן זיך אָפּגעטיילט פון די איבעריקע און גייען לאַנגזאַם בײַ דער וואַנט פונעם וואָקזאַל, און דער איינפוסיקער האַלט זײַן גרויסע האַנט אויף קסעניעס אַקסל. זיי ריידן צווישן זיך שטיל און זײַנען, קענטיק, שטאַרק פאַרטאָן אינעם געשפּרעך. טשאַכאָוון פּײַניקט די אייפערזוכט. ער קוקט זיך אײַן אין זיי איין מאָל און אים דאַכט זיך, אַז ער וועט אויף אייביק פאַרגעדענקען די צוויי פּנעמער, קוים אַראָפּגעבוירענע צו דער ערד.ביידע זײַנען זיי ערנסט. דער איינפוסיקער רעדט, קסעניאַ שווײַגט און הערט.

טשאַכאָוו גייט זיי פאַרבײַ. פון ווײַטן באַווײַזט זיך דער לאָקאָמאָטיוו — דער וואָס דאַרף אַוועקפירן דעם צוג. צוויי באַן־פאַרקייטלער אין פאַרפעצטע קאָמבינעזאָנען שפּאַנען לאַנגזאַם פונעם וואָקזאַל ביז צום פאָדערשטן וואַגאָן. טשאַכאָוו גייט זיי נאָך, ער קוקט ווי זיי טשעפּען צו דעם לאָקאָמאָטיוו צום צוג. עס דערהערט זיך אַ מעטאַלענער בריאַזג. דער מאַשיניסט שטעקט אַרויס דעם קאָפּ פונעם פענצטערל, קוקט אויף הינטן און שרײַט עפּעס אין דײַטש, און דאָס זעט אויס טשאַכאָוון אומגעריכט; ער קען זיך נאָך אַלץ ניט פאַרשטעלן קיין פרידלעכע אַרבעטנדיקע דײַטשן. די מילכאָמע־איבערלעבונגען זיצן אין אים צו טיף.

דער צוג האָט אַ צי־געטאָן, דער לאָקאָמאָטיוו האָט אַ סאָפּע געטאָן. אַלץ איז גרייט. טשאַכאָוו דרייט זיך אויס און לאָזט זיך ווידער גיין צום צענטער פונעם צוג. דער שעף פונעם וואָקזאַל גייט צו צו אים און זאָגט עטלעכע ווערטער. טשאַכאָוו פאַרשטייט אים ניט, כאָטש ער פאַרשטייט שוין גענוג דײַטש. ער הערט אַפילע ניט וואָס דער שעף פון דער סטאַנציע זאָגט, מאַכ־

מעם ער זעט ווידער קסעניען מיט דעם איינפּוסיקן. יענע שטייען שוין צווישן די אַנדערע. קסעניאַ דערזעט טשאַכאָוון און גייט שנעל צו צו אים. דער שעף פֿון דער סטאַנציע רעדט נאָך. טשאַכאָוו שאָקלט אַ צעטראָגענער מיטן קאָפּ. קסעניאַ קומט צו און זאָגט:

— כאַווער קאַפּיטאַן, די כאַווירים רופֿן אײַך.

— נו, גוט — זאָגט טשאַכאָוו און גייט מיט איר צו צו דער גרופּע, וווּ עס שטייט אויך דער איינפּוסיקער.

אַלע זײַנען צערודערט און גערירט. דער איינפּוסיקער מאַכט אַ טראָט צו טשאַכאָוון און דערלאַנגט אים די האַנט.

— איך בעט אײַך איבערגעבן אונדזער אַלעמענס דאַנק דעם קאָמענ־דאַנט, — זאָגט ער. — און גיט אים איבער פֿון מיר אַ פּערזענלעכן גרוס, און אַלע כאַווירים פֿון דער קאָמענדאַטור. איך ווינטש אײַך אַלעמען אַ זײַט געזונט און טוט אַלץ וואָס מען דאַרף, דאָ אין דײַטשלאַנד.

— גוט, איך וועל איבערגעבן. — זאָגט טשאַכאָוו אַ פֿאַרכמורעטער.

דער איינפּוסיקער טרייסלט אים אַלץ די האַנט און קוקט אים אַרײַן אין די אויגן מיט דעם ליכטיקן און גערירטן בליק פֿון זײַנע געוויינלעכע כמורנע אייגן.

— היט אָפּ קסעניען, — זאָגט ער אים שטיל.

— נאָשאַ, לאָמיר זיך אויך געזעגנען, — זאָגט איינע פֿון די מייד־לעך, און דער איינפּוסיקער לאָזט, ניט ווילנדיק, אָפּ טשאַכאָווס האַנט. אויך די איבעריקע נעמען זיך געזעגנען מיט טשאַכאָוון.

— אַ גליקלעכן וועג — זאָגט טשאַכאָוו. — די כמורנע שטימונג פֿאַר־לאָזט אים טייקעף נאָך דעם איינפּוסיקנס ווערטער וועגן קסעניען: די ווערטער זײַנען געזאָגט פּערזענלעך צו אים, צו טשאַכאָוון און געזאָגט אַזוי ווי אַ ברודער קען זאָגן וועגן אַ שוועסטער, ווען ער געטרויט זי דעם כאָסן. טשאַ־כאָוו כאַפּט עס אומקלאָר אויף, און דאָס פּאָנעם נעמט זיך אים רויטלען.

קסעניאַ שטייט בײַ דער זײַט. איר מויל איז האַלב אָפֿן, און מען קען ניט וויסן צי שמייכלט זי טרויעריק אָדער זי קלײַבט זיך וויינען. דערנאָך צע־וויינט זי זיך מיט אַן עמעסן, נאָר ניט אָפֿן קאָל. דער אויסדרוק אַף איר פּאָנעם איז מיט גאָרניט געביטן, נאָר פֿון די אויגן שפּראָצן איר אַרויס עט־לעכע טרערעלעך, און זיי רינען אַראָפּ. זי פּרוווט זיי ניט אָפּווישן און זי פּרוווט אויך ניט דאָס פּאָנעם פֿאַרשטעלן. זי קוקט אַלץ אַזוי, אַף קיינעם ניט, נאָר ערגעץ פֿאָרויס.

— האָט איר אויסגעקליבן אַן עלצטן איבערן עשעלאָן? — פֿרעגט טשאַ־כאָוו און פֿירט ווײַטער אויס זײַנע היסכײַוועסן. ער פֿילט ווי דאָס האַרץ ווערט אים פֿול מיט אַ פֿרייד, וואָס ער האָט געפֿילט עפּשער ניט מער ווי איין מאָל אָדער צוויי מאָל אין לעבן.

— נאָשאַ איז בײַ אונדז אויסגעקליבן פֿאַרן עלצטן, — רופֿט זיך עמע־צער אָן.

טשאַכאָוו שאָקלט צו מיטן קאָפּ, ווי ער וואָלט פֿאָרויס געוווּסט, אַז דער איינפּוסיקער דאַרף זײַן דער עלצטער און אַז טאַקע אים וועט מען אויסקלײַבן.

ווי ניט ענלעך עס איז דער איינפּוסיקער אַף לובענצאָוון, גראָד דערמאָנט זיך אים איצט, זײַן נאַטשאַלניק — מיסטאָמע דערפֿאַר וואָס ווען לובענצאָוו פֿאַלט אַרײַן אין די אומשטענדן, וואָלט מען אים אויס־געקליבן פֿאַרן עלצטן, און ער וואָלט געווען דער פֿאַרטרויענס־מענטש אין אַלע איניאָנים און געדאַנקען פֿון די מענטשן וואָס אַרום אים. און ער,

טשאָכאָוו, קען ער דען אויך זײַן אַזעלכער? איז ער אויך פֿעיִק אויפֿגעלייזט צו ווערן אין די איניאָנים, אינעם אַלגעמיינעם אינטערעס און אייַנצײַטיק בלײַבן ער, אַ באַזונדערער, אַף קיינעם ניט קיין ענלעכער? ער צווייפֿלט אויך דערין. אַלס מענטש פֿול מיט אייגנליבע, באַציט ער זיך אײַנצײַטיק אויך צו זיך אַף דער העכסטער שטופֿע קריטיש.

דערווײַל גיט צו וויסן דער שעף פֿון דער באַן־סטאַנציע, אַז דער צוג איז גרייט צום אָפּפֿאָרן. דער איינפּוסיקער טרעט אָפּ אָן אַ זײַט, קלאַפּנדיק מיט דעם פּוס־קלעצל איבער די פּליטעס פֿונעם פּעראָן, ער טרעט אָפּ ווי עס וואָלט אים ענג געווען צווישן די מענטשן, און ער הייבט אויף אַ האַנט און שרײַט אויס מיט אַ קלינגענדיקן קאָל:

— אויפֿמערקזאַם! אין די וואַגאָנען אַרײַן!

דערנאָך גייט ער צו צו טשאָכאָוון, נעמט אים אַרום מיט אַ שנעלער אומאָרעמונג, אויך אַזוי שנעל נעמט ער אַרום קסעניען און הינקט צו צום צוג. אַפֿן טרעפּל פֿון דעם וואַגאָן, צו וועלכן ער לאָזט זיך גיין, זיצט אַ מענטש מיט אַן אַקאָרדעאָן. אין דעם מאָמענט נעמט ער שפּילן דאָס פּאָפּו־לערע אין יענער צײַט סאָוועטישע ליד „אינעם וואַלד באַם פֿראָנט". דער איינפּוסיקער שטעלט זיך אויף אַפֿן טרעפּל, טרעט אַריבער מיטן פּוס איבערן שפּילער און בלײַבט שטיין אַף דער פּלאַטפֿאָרם. אַ האַלבע מינוט צײַט שטייט ער אַזוי, מיטן רוקן צום וואָקזאַל, דערנאָך דרייט ער זיך פֿאַמעלעך אויס מיט דעם גאַנצן גוף, נעמט אַראָפּ דעם הוט און פּאָכעט מיט אים. טשאָכאָוו און קסעניאַ קוקן אַף אים און ער שמייכלט צו זיי מיט אַן אײַנגע־האַלטענעם און אומרויִקן שמייכל.

דער צוג רירט. די קלאַנגען פֿונעם ליד שטאַרבן אָפּ. טשאָכאָוו און קסעניאַ בלײַבן אַליין אַפֿן ליידיקן פּעראָן. אַ פּאָר מינוטן שטייען זיי און לאָזן זיך דערנאָך גיין פּאַמעלעך איבערן וואָקזאַל־פּלאַץ, ווו עס שטייט טשאָכאָווס מאָטאָציקלעט.

VIII

זיי זעצן זיך אויף אַפֿן מאָטאָציקלעט.

— לאָמיר פֿאָרן אַרום דער שטאָט, — זאָגט קסעניאַ. — איך דאַרף מיט אײַך עפּעס ריידן.

טשאָכאָוו ציט אָן דעם מאָטאָציקלעט און אין עטלעכע מינוט אַרום זײַנען זיי שוין אין די בערג. דאָ, אַפֿן פּוסטן וועג אונטער די סאָסנעס, שטעלט זיך טשאָכאָוו אָפּ און גייט אַראָפּ פֿונעם מאָטאָציקלעט. קסעניאַ גייט אויך אַראָפּ און קוקט זיך אויפֿמערקזאַם אײַן אין טשאָכאָוון.

— זי וועט באַלד עפּעס זאָגן וועגן דעם איינפּוסיקן. — טראַכט זיך טשאָכאָוו.

— גאָשאַ האָט מיר געהייסן איבערגעבן אָט וואָס, — זאָגט קסעניאַ און אין איר שטים הערט טשאָכאָוו צערודערטקייט, — נעכטן איז ער געוועזן באַ איינעם אַ דײַטש, וואָס וווינט דאָ ניט ווײַט, אַף דער גנייזענוי־שטראַססע. ער איז ניט גלאָט אַזוי אַהין געקומען. מען האָט אים אַרויסגערופֿן. קיין לויטערבורג איז געקומען עפּעס אַן אַמעריקאַנער, וואָס האָט געבראַכט מיט זיך אַ בריוו צו גאָשען. דער בריוו איז פֿון איינעם... אַן אונדזעריקן... אַ רוסישן... פֿון דאָרטן, פֿון מײַרעוו. צאַפּײַלאָ איז זײַן פֿאַמיליען־נאָמען. אַ מענטש ווי אַ מענטש, נאָר דאָס געוויסן, קענטיק, איז באַ אים ניט ריין, און

ווען עס איז באַקאַנט געוואָרן, אַז די רויטע אַרמיי גייט אַהער, איז ער אַנטלאָפֿן אַף מײַרעוו. אַנטלאָפֿן איז ער באַנאַכט, קיינער האָט ניט געוואָרנט. עמעס, ער האָט אויך פֿריער די גאַנצע צײַט געטײַנעט, אַז מען ווייס נאָך ניט ווי וועלן זיך מיט אונדז באַגיין אונדזערע, דאָס הייסט, די סאָוועטישע, צי וועלן זיי אונדז ניט אײַנזעצן דערפֿאַר וואָס מיר געפֿינען זיך דאָ, אַפֿן סוינעס ערד. מען האָט אונדז די גאַנצע צײַט געשראָקן דערמיט. אַזוי די ענגלענדער און אַזוי די אַמעריקאַנער... דער צאַפּײַלאָ, קענטיק, האָט זיך טאַקע דערשראָקן. נעכטן האָט ער צוגעשיקט גאָשען אַ בריוו מיט אַן אַמעריקאַנישן אָפֿיציר: לויף אַהער, אַף מײַרעוו. וועסט דאָ לעבן גוט. מירן דיך אײַנאָרדענען... און דער אַמעריקאַנישער אָפֿיציר — ער רעדט גוט רוסיש, נאָר זײַן פֿאַמיליע איז גאָשען ניט באַקאַנט, האָט געזאָגט, אַז ער האָט אַן אָפֿיציעלן פּאַפּיר פֿאַר גאָשען, אַרויסגעגעבן פֿון דער אַמעריקאַנער קאָמאַנדירונג. אַזוי אַז גאָשע האָט הײַנט געקענט אַוועקפֿאָרן מיט דעם אַמעריקאַנער אַף מײַרעוו. ער איז, פֿאַרשטייט זיך, ניט געפֿאָרן, נאָר דעם אַמעריקאַנער האָט ער געזאָגט, אַז ער וועט אַ טראַכט טאָן, מאַכמעס ער האָט מוירע געהאַט, אַז אויב ער וועט זיך מיט אַ מאָל אָפּזאָגן, וועט מען אים טויט מאַכן, אויס מוירע ער זאָל ניט אַלץ אויסגעבן. איז אָט האָט גאָשאַ געהייסן איבערגעבן, אַז צו דעם דײַטש קומט אָפֿט אַרײַן וואָראָבייציעוו. ער פֿירט מיט אים טונקעלע געשעפֿטן, שפּעקולאַנטישע. ביכלאַל ניצט ער זיך אויס מיט זײַן אַמט און שטעלט צו דעם דײַטשל סכוירע וואָס פֿעלט אויס אַפֿן מאַרק, און דערפֿאַר שטעלט ער אים אויך עפּעס צו. און האָט וועגן דעם געהייסן איבערגעבן דעם כאַווער לובענצאָוו. גאָשאַ, פֿאַרשטייט זיך, וויל ניט מען זאָל אים, גאָשען, אַרײַנמישן אין דעם איניען און דערנאָך זאָל מען אים שלעפּן. ער בעט פֿאַרשטעט וואָרענען, מען זאָל נאָכשפּירן. נאָר אויב מען וועט נייטיק האָבן זײַן אײדעס זאָגן, איז ער גרייט, אין לעצטן פֿאַל, אַזוי אָדער אַנדערש, שריפֿטלעך דאָס צו באַשטעטיקן. איך האָב מיט זיך זײַן אַדרעס. נאָר, — זי קוקט מיט געבעט אַף טשאָכאָוון, — אויב מען קען זיך באַגיין אָן גאָשעס אָנטייל...

טשאָכאָוו שווײַגט און הערט. אייגנטלעך וווּנדערט עס אים ניט. ער קען גוט וואָראָבייציעוון און קען פֿולקאָם גלייבן, אַז ער מאַכט טונקעלע געשעפֿטלעך. און דאָך, כאָטש ער ווייס עס און כאָטש דאָס וווּנדערט אים ניט, איז ער דערשטוינט און צערודערט. דערפֿאַר, קענטיק, וואָס ער הערט אַזאַ מין יעדיע וועגן וואָראָבייציעוון פֿון אַ פֿרעמדן, נעמט ער צום ערשטן מאָל שאַצן וואָראָבייציעוון און זײַן גאַנצן אויסזען גאָר אַנדערש ווי פֿריער אַפֿן גרונד פֿון אייגענער באַטראַכטונג. פֿריער, ווען ער האָט אַלץ אַליין געזען און אָנגעטאַפּט, האָט עס אים גאָר ניט אויסגעזען אַזוי שרעקלעך און געפֿערלעך, ווי איצט, ווען מען הערט ריידן אַפֿן הויכן קאָל אַזעלכע ווערטער ווי „טונקעלע געשעפֿטן”, „האַנדלס־מאַכינאַציעס”, „אויסניצן די אַמטלעכע לאַגע” אאַ”וו. איין זאַך איז אַליין צו זען, אַנשטויסן זיך און פֿילן די אומצופֿרידנקייט מיט דעם כאַווערס פֿעלערן און עפּעס אַנדערש איז ווען די פֿעלערן און זינד ווערן אַלגעמיין באַקאַנט.

— עפּשער דורכריידן זיך מיט וואָראָבייציעוון? — זאָגט טשאָכאָוו פֿאַרלוירן נאָך אַ ווײַלע שווײַגן.

קסעניאַ גיט אַ קוק אַף אים און ענטפֿערט אומגעריכט מיט אַ שאָטן פֿון צערטלעכן שפּאָט:

— איר זײַט אַ גוטער מענטש, וואַסילי מאַקסימאָוויטש, נאָר מיר דאַכט זיך, אַז ריידן דאַרף מען ניט מיט וואָראָבייציעוון, נאָר מיט לובענצאָוון.

אַלנפאַלס, בין איך דאָס געצוווּנגען צו טאָן. גאַשאַ האָט עס מיר איבער־געגעבן.

ער ענטפערט גאָרניט, נאָר ער נעמט שווײַגנדיק אָנציִען דעם מאַטאַ־ציקלעט.

ווען קסעניאַ קומט צוריק אין דער קאָמענדאַטור, גייט זי אַרײַן צו לור־בענצאָוון. נאָר לובענצאָוו איז נישטאָ, ער איז אָפּ דער רײַזע. טשאָכאָוו גייט צו זיך. ער גייט איבערן לאַנגן קאָרידאָר און ווען ער קומט צו דער טיר פון דעם צימער ווו וואָראָבייציעוו אַרבעט געוויינלעך, בלײַבט ער אַן אויגנבליק שטיין, גייט פאַרבײַ און דערנאָך קערט ער זיך אום און שפּאַרט זי אָפּ אַ ביסל. וואָראָבייציעוו זיצט באַם טיש און שרײַבט עפּעס פלײַסיק, מיט דעם קאָפּ אָנגעבויגן, אַזוי אַז זײַנער אַ לאָק העלע האָר גרייכט צום טיש און פאַר־שטעלט זײַן פּאָנעם. ווען ער דערהערט דעם סקריפּ פון דער טיר, הייבט ער אויף דעם קאָפּ, מיט אַ געוויינלעכן מאַך מיטן קאָפּ וואַרפט ער אָפּ דעם לאָק אָפּ זײַן אָרט און ליוכט אויף, ווען ער דערזעט טשאָכאָוון.

— זיץ, וואַסיאַ, — זאָגט ער, — מיר זעען זיך אַזוי זעלטן. ווי מיר וואָלטן געוווינט אין באַזונדערע שטעט.

— יאָ, — זאָגט טשאָכאָוו.

— איך האָב זיך שוין פאַרבענקט נאָך דיר, — איז זיך וואָראָבייציעוו מוידע, און עפּעס נעבעכדיקס לויפט אים דורך איבערן פּאָנעם.

— איך דאַרף מיט דיר עפּעס ריידן, — זאָגט טשאָכאָוו.

וואָראָבייציעוו וואַרפט אָפּ אים אַ שנעלן פאָרשנדיקן בליק.

— נו, — זאָגט ער, — מען קען ריידן. — ער נעמט צונויפלייגן די פּאַפּירן, וואַרפט דערבײַ אַ זײַטיקן בליק אָפּ טשאָכאָוון און זאָגט: — דו דערקלערסט עס מיר אַזוי פּײַערלעך... ווי אין גרויסן אַקאַדעמישן טעאַטער. — ניט געקוקט אָפּ דעם פּריילעכן טאָן, איז ער אומרויִק. — נו, ריידן קען מען — זאָגט ער און לייגט ווײַטער צונויף די פּאַפּירן, און ער טוט עס טיכ־טיק און ניט געאײַלט. ענדלעך שטייט ער אויף פונעם אָרט, טוט אַ קוק אָפּן האַנט־זייגערל און זאָגט: — מען קען שוין עפּשער פאַרענדיקן די אַרבעט. מען קען גיין מיטיק עסן. ביפראַט, אַז מיר מוזן אין אָוונט אַלע זײַן דאָ — באַ דער אָרדנטלעכער באַראַטונג. אונדזערער שלאָפט ניט.

טשאָכאָוו ענטפערט אים ניט, ער וואַרט אַ פאַרכמורעטער וואָראָביי־ציעוו זאָל זיך אָפּפאַרטיקן, און ביידע גייען זיי אַרויס פון דער קאָמענדאַטור.

„וואָס-זשע וועל איך אים זאָגן?" — פאַרטראַכט זיך פּלוצים טשאָכאָוו און דערפילט זיך אומבאַקוועם. לייענען נאָטאַציעס איז ניט אין זײַן שטייגער.

— וווּהין גייען מיר? צו מיר? — פרעגט וואָראָבייציעוו.

טשאָכאָוו גיט אַ שאָקל מיטן קאָפּ. זיי גייען נאָך אַ ווײַלע שטיל, און צום סאָף האַלט וואָראָבייציעוו ניט אויס, אומגעדולדיק ווי שטענדיק, און נעמט ריידן:

— וואָס האָסטו אָפּ זיך אָנגעצויגן אַזאַ ערנסטן פּאָנעם? וואָס איז מיט דיר? דו גייסט עפּעס אַזוי ווי צו מײַן לעווײַע. לייג אַרויס, וואָס דו האָסט!

די גאַס איז ליידיק, און טשאָכאָוו וואָלט טייקעף געקענט אויפקלערן וואָראָבייציעוון אַלץ, נאָר ער ווייס ניט פון וואָס אָנצוהייבן, ער ענטפערט אים דעריבער ניט אָפּ די פראַגן און נעמט ערשט ריידן באַ וואָראָבייציעוון אין שטוב.

— דאָס וועט זיך ענדיקן נישט גוט, — זאָגט ער. — האָסט זיך פאַר־בונדן מיט דײַטשע זשוליקעס, שפּעקולאַנטן. מאַכסט טונקעלע געשעפטן.

— וואָס, וואָס אייגנטלעך? — שפּרינגט אויף וואָראָבייטשעוו פֿונעם אָרט. — דו לאָז עס אָפּ! דאָס זײַנען אַלץ רעכילעסן! עמעס אַן אויסוואָרף האָט אויסגעטראַכט. וואָס אַזוינס? ווי האָסטו עס געהערט? ווער האָט עס דיר,... — ער פֿאַרוואָרפֿט טשאָכאָוון מיט אומרויִקע פֿראַגן און פּלײַסט זיך דערוויסן בײַ אים וואָס אַזוינס איז געשען און וואָס איז באַקאַנט פֿון זײַן אויפֿפֿירונג. דערבײַ רעכנט ער אויס פֿיבערדיק אינעם מויעך ווער אייגנטלעך קען עס זײַן דער אײדעס קעגן אים, ווער ווייס וואָס וועגן אים, דער איקער פֿון די דײַטשן. ניט אַזוי דערפֿאַר וואָס ער אַליין געפֿינט אויס אַז זײַן אויפֿפֿירונג און זײַנע „געשעפֿטן" זײַנען ווערט געטאַדלט צו ווערן, נאָר ווײַל ער שטייט איצט פֿאַר דער סאַקאָנע אויפֿגעדעקט צו ווערן, נעמט ער קוקן אַ רעגע אויף זיך און אויף זײַנע „געשעפֿטן", ניט מיט זײַנע אייגענע אויגן און ניט מיט די אויגן פֿון די דײַטשן סאָכרים מיט וועלכע ער כאַוועֽרט זיך, נאָר מיט די אויגן פֿון לובענצאָוון און קאַסאַטקינען. פֿון זייער שטאַנדפּונקט, איז זײַן לעבן און זײַן אויפֿפֿירונג אין העכסטן גראַד פֿאַרברעכעריש. און וואָלטן זיי זיך דערוווּסט כאָטש אַ העלפֿט פֿון אָט דער נידעריקער עפּאָפּייע פֿון זעלבסטבאַזאָרגונג, פֿון אַמטלעכער אויסנוצונג און אַזוי ווײַטער, וואָלטן זיי אים זיכער באַטראַכט פֿאַר אַ פֿאַרברעכער, קימאַט פֿאַר אַ סוינע.

דער איקער איז איצט זיך צו דערוויסן בײַ אָט דעם טאַמעוואַטן טשאַכאָוו וואָס אייגנטלעך איז שוין באַקאַנט און פֿון וואַנען איז באַקאַנט. ערגער פֿון אַלץ איז ווען עס שטעלט זיך אַרויס אַז עמעצער פֿון די דײַטשן האָט אַ „טריף געטאָן". דערויף קען ער זיך אַבסאָלוט ניט ריכטן, מאַכמעס די דײַטשן מיט וועלכע ער פֿירט זיך, קוקן אויף זײַן קליינינקן געיעג רײַך צו ווערן ווי אויף אַ נאַטירלעכער זאַך: זיי אַליין פֿאַרנעמען זיך דערמיט דעם גאַנצן לעבן זייערן און האָבן קיין פֿאַרשטעלונג ניט פֿון קיין אַנדער לעבן. זיי וואָלטן דאָס געקענט טאָן אויס נעקאָמע, אָבער, ווער ווייס, זיי האָבן מוירע פֿאַר אים און האַלטן אים פֿאַר אַן אַלמעכטיקן, וואָס קען זיי פֿאַרשאַפֿן דעם גרעסטן שאָדן. נאָך אַלעמען אָפּערירט ער דאָך פֿון זייער נוצן וועגן, דערמיט וואָס ער גיט אַרויס אייניקע אונטערנעמער מער אויספּעלנדיקע סכוירעס ווי עס נעמט זיך אָן אויף זיי, און דערפֿאַר באַקומט ער עפּעס. אַזעלכע אָפּעראַציעס, ווי ער האָט עס באַמערקט, זײַנען בײַ זיי אין די אויגן גאַנץ נאָרמאַל.

— דאָס זײַנען אַלץ רעכילעסן. — זאָגט ער אַלץ — און שפּאַנט אום פֿון איין ווינקל צום צווייטן. — איך גלייב עס ניט, וואָסיאַ. דאָס איז אַלץ קאַסאַטקין, וואָס קוקט אויף אַלץ מיט פֿאַרדאַכט. ער האָט מיך שוין איין מאָל אַרויסגערופֿן. האָט געליאַרעמט, אַז איך האָב אויסגעשריבן דער ליקער־פֿאַבריק מער בענזין ווי מען דאַרף... ס'איז פּאָשעט אַ טאָעס געווען.

— דו דערציילסט עס מיר ניט. איך קען דײַן פֿילאָזאָפֿיע.

— נו, איז וואָס? וואָס ווייסטו? פֿאַר פֿילאָזאָפֿיע באַשטראָפֿט מען ניט! ווען מען זאָל באַשטראָפֿן פֿאַר פֿילאָזאָפֿיע, וואָלטן אַ סאַך שוין געברענט, ווי די ליכט! פֿילאָזאָפֿיע! ווער־זשע שלעפּט דיך פֿאַר דער צונג? דו ביסט מיר אַ פֿרײַנט אָדער גלאַט אַזוי? וועסט עפּשער גיין צו לובענצאָוון און אים אויספּלוידערן וועגן מײַן פֿילאָזאָפֿיע? איך האָב זיך ניט גערעכט אויף דיר דו זאָלסט זײַן אַ מאָסער! איך האָב געמיינט דו ביסט אַ נאָבעלער מענטש, אַ מענטש מיט אַ זעלנעריש האַרץ.

ער מאַכט מיט די הענט און היצט זיך וואָס ווײַטער אַלץ מער. דער

„באָקסער" - הונט, וואָס ליגט אין ווינקל אַף אַ טעפּעכל, שטעלט זיך אויף און נעמט ריטשען אַף טשאַכאָוון.

— האָב איך, הייסט עס, ניט קיין פריַינט? — רעדט וויַיטער וואָראָבייצעוו. — דער איינציקער פריַינט, הייסט עס, איז אָט דער הונט? איז עס טאַקע אַזוי? אין דער לעצטער צייַט האָסטו מיך אינגאַנצן פאַרגעסן. מיט אַ פרוי איז דיר ליבערשט די צייַט צו פאַרברענגען איידער מיט כאַווערים? אַך, וואַסיאַ, וואַסיאַ!

טשאַכאָוו האָט זיך נישט געריכט אַף אַזאַ געפילן-אויפריַיס, אים, דעם שטענדיק אייַנגעהאַלטענעם, ברענגט שטענדיק אַרויס פון גלייַכגעוויכט אָט דאָס ריידן פון געפילן הויך אַפן קאָל.

ער נעמט זיך פאַרענטפערן:

— טאַקע ווי אַ פריַינט האָב איך דיך געוואָלט וואָרענען. לאָז זיך אָפּ פון דעם אַלעמען, וואָראָבייצעוו. זע ווי געאיינגיקט מיר אַרבעטן אַלע. אויב דו ביסט אין עפּעס שולדיק, גיי גלייַך צו צו סערגיי פּלאַטאָנאָוויטשן און זאָג אים אָפן. ער וועט פאַרשטיין. דו ווייסט דאָך וואָס פאַר אַ מענטש ער איז. דו מאַכסט זיך נאָר, אַז דו ווייסט ניט.

וואָראָבייצעוו הערט אויס טשאַכאָוון און באַקומט מער ראַכמאָנעס אַף זיך. דערבייַ כעשבנט ער ווי דאַרף ער זיך האַלטן, אויב לובענצאָוו וועט אים אַרויסרופן, און וויַאַזוי — אויב קאַסאַטקין. ער איז צופרידן וואָס טשאַכאָוו וואָרנט אים. און ער קוקט אַף טשאַכאָוון מיט אַ פאַרליבטן אויג, נאָר אייַנציַיטיק כעשבנט ער צי קען מען ניט אַ דריי טאָן דעם איניען אַזוי אַז טשאַכאָוו, זאָל באַ אַזאַ פאַל איידעם זאָגן וועגן זייַן אומשולדיקייט. אין ערגסטן פאַל קען מען זיך מוידע זייַן אין לייַכטזיניקייט, אין ניט פאַרשטיין די געפאַר פון דער קאַפּיטאַליסטישער אומרינגלונג, און דער איקער, שלאָגן דערויף וואָס מיט אים, וואָראָבייצעוון, האָט מען ניט געאַרבעט, מען האָט מיט אים ווייניק שמועסן געפירט, ווייניק אויפגעקלערט. ער ווייס, אַז דאָס ווירקט שטענדיק שטאַרק אַף אונדזערע מענטשן, וואָס שטרעבן שטענדיק מיט יעדן איינעם צו „אַרבעטן" און יעדן איינעם „אויפצוקלערן".

דער הונט הערט אויף ריטשען און לאָזט זיך ווידער אַראָפּ, אַ באַרויִקטער, אַפן קילימל, קוקט וויַיטער אַפן באַלעבאָס מיט צוטרוילעכע גרויסע אויסגעשטאַרצטע אויגן.

— ריַים איבער מיט אַלע דייַנע קאָנטשאַפּטן, — שטייט טשאַכאָוו אויף. — האַק אָפּ.

— וועלכע קאָנטשאַפּטן? — פרעגט וואָראָבייצעוו אַ באַליידיקטער. — ווידער רעדסטו מיר וועגן קאָנטשאַפּטן.

— עס טויג ניט וואָס דו גייסט צו די דייַטשן אין שטוב אַריַין.

— איך גיי ניט אין ערגעץ, האָב מיט זיי קיין באַרירונג ניט...

— גיי צו די גוטע, — זאָגט טשאַכאָוו.

— און דו, ביסט דען ניט געווען באַ מערקערן? ווער האָט דיר דעם מאַטאָציקל געקראָגן? דער איינענער מערקער!

טשאַכאָוו הייבט מיט די אַקסלען און לאָזט זיך אַרויסגיין, באַגלייט מיט דעם הונטס שטילן ריטשען. אין דרויסן שטייט ער אַ ווייַלע באַ דער טיר און גייט צוריק אין דער קאָמענדאַטור, דאָרט בלאָנקעט ער אום איבער די צימערן, דער וואַכט-סערזשאַנט ווערעטעניקאָוו זאָגט, אַז לובענצאָוו איז נאָך ניט געקומען, נאָר ער האָט טעלעפאָנירט פון דער שביינישער פעלזענשטיין;

ער האָט זיך פֿאַרזעסן באַם פּאָדפּאָלקאָווניק לעאָנאָוו, נאָר צו דער באַראַ־טונג וועט ער קומען.

ווערעטעניקאָוו האַלט אין די הענט אַ גרויסן פּעקל בריוו און לייגט זיי אויס שטויסן־ווייַז. טשאָכאָוו זעצט זיך אַוועק לעבן אים און פֿאַרטראַכט זיך.

— פֿאַרוואָס עפּעס באַקומט איר קיינמאָל קיין בריוו ניט, כאַווער קאַפּיטאַן? — פֿרעגט דער סערזשאַנט.

— נישטאָ פֿון וועמען צו באַקומען. — זאָגט טשאָכאָוו.

דער פּאָדפּאָלקאָווניק האָט היינט דרייַ בריוו. דער מאַיאָר קאַסאַטקין האָט אינגאַנצן אויפֿגעהערט צו באַקומען בריוו זינט דעם ווי זיין ווייַב איז געקומען. נאָר מער ווי אַלע באַקומט בריוו דער סטאַרשינאַ וואָראָנין. זיי שיטן זיך צו אים פֿון אַלע זייטן רוסלאַנד — פֿון די קרויווים און פֿון די געוועזענע אויסשפּירער. און אַ מיידל שרייַבט אים אָן אַ שיר. איך קען שוין אַלע זייערע האַנטשריפֿטן.

— און קאַפּיטאַן וואָראָבייציעוו באַקומט אַ סאַך בריוו? — פֿרעגט פּלו־צעם טשאָכאָוו.

— ניין, מען שרייַבט אים זעלטן. פֿון אָנהייב האָט מען אים געשריבן אָפֿט; מער ווי אַלץ אַ מיידל פֿון זאַגאָרסק, מאָסקווער געגנט. און אין דער לעצטער צייַט האָט זי אויפֿגעהערט שרייַבן. ער האָט איר ניט געענטפֿערט.

טשאָכאָוו וויל פֿרעגן וועגן קסעניען, נאָר ער אַנטשליסט זיך ניט. דאָס דאַכט זיך אים ניט שיין — אויספֿרעגן זיך וועגן איר איבערשרייַבן זיך. ער שטעלט זיך אויף צום אַוועקגיין, נאָר דאָ עפֿנט זיך די טיר און לובענצאָוו קומט אַרייַן, ווי שטענדיק, ניט אַליין, מיט מענשאָוון, דרייַ דייַטשן און אַ דייַטשקע. ער מערקט ניט טשאָכאָוון און גייט אַרייַן מיט זייַנע באַגלייטער צו זיך אין קאַבינעט. ער לאָזט די טיר אָפֿן. טשאָכאָוו הערט פֿון ווייַטן זייַן שנעלן געשפּרעך, אַן איבערגעריסענעם פֿון צייַט צו צייַט מיט די שטימען פֿון די דייַטשן. באַלד גייען די דייַטשן אַוועק. טשאָכאָוו הייבט זיך אויף אָף אַרייַנצוגיין צו לובענצאָוון. ווערעטעניקאָוו דערלאַנגט אים די בריוו און זאָגט:

— גיט איבער, כאַווער קאַפּיטאַן. ער וועט זיך דערפֿרייען. ער האָט ליב בריוו צו באַקומען.

טשאָכאָוו צעשמייכלט זיך, נעמט די בריוו און גייט אַרייַן אין קאַבי־נעט. לובענצאָוו באַמערקט די בריוו באַ אים אין דער האַנט און גייט אים שנעל אַקעגן, ער נעמט זיי באַ אים, זעצט זיך אַוועק אױפֿן ערשטן שטול וואָס קומט אים אין וועג, נעמט לייענען און שפּרינגט אונטער פֿונעם שטול.

— איר קענט מיך באַגריסן, — זאָגט ער. — טאַניאַ קומט די טעג צו פֿאָרן. זי האָט זיך ניט לאַנג ערשט דעמאָביליזירט, זי באַקומט די דאָ־קומענטן.

ער דרייט זיך אַוועק, עפּשער דערפֿאַר וואָס ער וויל ניט מען זאָל זען דעם אויסדרוק אָף זיין פּנים אין דעם מאָמענט. און ערשט ווען מענשאָוו גייט אַרויס, דרייט זיך לובענצאָוו אום צו טשאָכאָוון, גייט צו צו אים און נעמט אים אַרום.

— ענדלעך, — זאָגט ער, — עס הייבט זיך אָן דאָס אומעטיקע, פּיסנע, ניכטערע פֿאַמיליען־לעבן. אויב עס איז פֿאַראַן אַ גליקלעכער מענטש אָף דער וועלט, בין איך עס. אייַך שטייט עס נאָך אַלץ פֿאָר. עפּעס האָב איך גע־

דאַרפט טאָן זייער דרינגלעכס, נאָר איך האָב אַלץ פאַרגעסן, שוועראיך דיר. אַזעלכע יעדיִעם רופן זיך שלעכט אָפּ אַף דער פּראַקטישער אַרבעט. קום צו מיר, וואַסיאַ, וועלן מיר אויסטרינקען צו גלעזעלעך.

— באַלד דאַרף זײַן די באַראַטונג — זאָגט טשאַכאָוו.

— אַך, יאָ. נו, וועלן מיר שפּעטער אויסטרינקען.

IX

ווען די אָפיצירן זײַנען זיך שוין צוזאַמענגעקומען און לובענצאָוו נעמט דורכפירן די באַראַטונג, שפּירט אים טשאַכאָוו נאָך מיט אַ באַזונדערן אינטערעס. אויב לובענצאָווס באַמערקונג וועגן דעם, אַז דאָס דערהאַלטן פרייַדיקע יעדיִעם רופט זיך שלעכט אָפּ אַף דער פּראַקטישער אַרבעט, ווערט דאָס אין דער מינדסטער מאָס ניט באַשטעטיקט מיט לובענצאָווס האַלטונג אַף דער באַראַטונג. אַלץ גייט ווי שטענדיק, לובענצאָוו האָט די גאַנצע צײַט געוואָרפן בלויז איין פרייַלעכן בליק אַף טשאַכאָוון.

ביכלאַל קומט טשאַכאָוו צום אויספיר, אַז פריידיקע יעדיִעם שאַדטן שוין גאָרניט צו דער אַרבעט. נאָר איינציַיטיק דערמיט ווי טשאַכאָוו שפּירט נאָך לובענצאָוון, שפּירט ער אויך נאָך וואָראָבייצעוון און ער טראַכט זיך, אַז אויך שלעכטע יעדיִעם רופן זיך ניט אָפּ אַזוי שלעכט — אַלנפאַלס אויסערלעך — אַף מענטשן. וואָראָבייצעוו הערט זיך אײַן אונטערגעשטראָכן אויפמערקזאַם, פאַרשרײַבט אין אַ בלאָקנאָט, וואַרפט צו טיילמאָל האַסקאָמעאויסרופן לובענצאָוון און קאַסאַטקינען און זעט אויס ביכלאַל ווי דער פלײַסיקסטער און אײַפעריקסטער פון אַלע אַנדערע בײַזײַיִקע.

טשאַכאָוו טראַכט זיך, אַז אַ צווייטנס נעשאָמע איז בעעמעס ניט דורכצודרינגען ווען יענער קען זיך מאַסקירן. נאָר וואָס קען העלפן דאָס מאַסקירן זיך, ווען אין איינעם פון די צימערן געפינט זיך אַ קליין שטרענג מיידל מיט ניט נאָכגעביקע אויגן, וואָס וועט אומבאַדינגט הײַנט אָדער העכסטנס מאָרגן אַלץ אויסדערציילן לובענצאָוון, און עס וועט זיך אָנהייבן אַ לאַנגזאַמע און פאַראַקשנטע אויספאָרשונג, פון וועלכער דאָס גאַנצע הויז אַפּן שטאָטפּלאַץ וועט פיבערן און וועט באַשײַנפּערלעך פירן צו גרויסע אומאָנגענעמלעכקייטן פאַר וואָראָבייצעוון. אים איז אַ שאָד וואָראָבייצעוו, נאָר מיט קסעניען, כאָטש זי קלײַבט זיך דערלאַנגען אַ קלאַפּ וואָראָבייצעוון, שטאָלצירט ער. אָט די צוויי, דאַכט זיך, סטירעדיקע געפילן, באַהערשן איינצײַטיק טשאַכאָוון.

נאָך דער באַראַטונג, ווען אַלע קלײַבן זיך שוין אוועקצוגיין, נעמט לובענצאָוו ריידן וועגן אַ גאַנץ פאַרשידענער זאַך, וואָס האָט גאָר קיין שײַכעס ניט צו די פראַגן, וואָס מען האָט באַהאַנדלט אַף דער פאַרזאַמלונג.

— כאַווײרים, — זאָגט ער. — איך האָב נאָך איין פראַגע פון פּערזענלעכן שטייגער. אייגנטלעך: איך וואָלט וועלן וויסן ווי האַלט עס בײַ אײַך מיט די פּערזענלעכע איניאָנים, מיט די סאַמע אינטימסטע. צום כאַווער קאַסאַטקין איז געקומען די פרוי מיט די קינדער. טשעגאָדאַיעוו האָט אַרויסגערופן זײַן פאַמיליע, מײַן פרוי וועט אויך אינגיכן קומען. און ווי איז מיט די באָכערים? איר אַלע זײַט דערוואַקסענע יונגעלײַט. צי דען האָט איר ניט קיין קאַלעס אַפּן אויג? דאָס וואָלט געווען גוט. לאַכט ניט, כאַווײרים, איך זאָג עס ערנסט. איך האָב, נאַטירלעך, קיין רעכט ניט און וויל אויך נישט

צווינגען אײַך כאַסענע צו מאַכן. נאָר אויב איר האָט עס בעדייע, פֿירט עס טייקעף דורך. שרײַבט אײַך צונויף. רופֿט אַרויס.

אַלע הייבן זיך אויף צום אַרויסגיין, מען קאָמענטירט פֿריילעך דעם קאָמענדאַנטס „כאַסענע־רעדע".

לובענצאָוו האָט געפֿונען פֿאַר נייטיק צו ריידן וועגן די פֿערזענלעכע איניאַנים פֿון די אָפֿיצירן, מאַכמעס געקומען איז ער פֿונעם פּאָדפּאָלקאָווניק לעאָנאָוו, ווי עס האָט פּאַסירט אַזאַ געשיכטע.

איינער פֿון לעאָנאָווס אָפֿיצירן, דער לייטענאַנט פּאָליוואַנאָוו, איז זיך צוזאַמענגעקומען מיט אַ יונגער דײַטשקע. לובענצאָוו איז אויסגעקומען צו זײַן דערבײַ ווי לעאָנאָוו האָט זיך וועגן דעם דורכגעשמועסט מיט פּאָליוואַנאָוון.

דער יונגינקער לייטענאַנט פּאָליוואַנאָוו, אַ שטילער און ליבער יונגערמאַן, וואָס קאָמאַנדירט מיט דער קאָמענדאַנטישער מיליטער־אָפּטיילונג, האָט נישט געוווּסט צוליב וואָס מען האָט אים גערופֿן און ווען לעאָנאָוו האָט גענומען ריידן, איז דער לייטענאַנט שטאַרק דערשטוינט געבליבן. איבעריקנס, האָט ער גאָרניט געלייקנט, ער האָט די אויגן אויפֿגעהויבן אַף לעאָנאָוון און האָט געזאָגט, אַז ער האָט ליב דאָס מיידל און זי האָט אים ליב.

דערויף האָט אים לעאָנאָוו געפֿרעגט צי פֿאַרשטייט ער אַז מען טאָר אַזוי ניט, אַז אַן אָפֿיציר פֿון דער סאָוועטישער קאָמענדאַטור טאָר זיך ניט פֿאַרבינדן מיט אַ דײַטשן מיידל ווער זי זאָל ניט זײַן. פּאָליוואַנאָוו האָט דערויף געענטפֿערט, אַז ער פֿאַרשטייט ניט. און אָט דער פּאַשעטער ענטפֿער האָט זיי ביידן געשטעלט אין פֿאַרלעגנהייט, וואָרעם אינעם גרונד איז דער ענטפֿער אַ ריכטיקער: עס איז ניט פֿאַרשטענדלעך פֿאַרוואָס זאָל אַ סאָוועטישער יונגערמאַן, — ווען אַמט ער זאָל ניט פֿאַרנעמען — ניט האָבן דאָס רעכט זיך אײַנצוליבן אין אַן אויסלענדישן מיידל. נאָר געמוזט האָבן זיי אויפֿקלערן פּאָליוואַנאָוון דאָס וואָס פֿאַר זיי איז נישט קלאָר.

לעאָנאָוו, ווי לובענצאָוו, האַלטן זיך, הויך גערעדט, בײַ דער ריכטונג צווישן די סאָוועטישע אָפֿיצירן, וואָס זאָגן, אַז איידער מען באַפֿעלט דאַרף מען אויפֿקלערן, — פֿאַרשטייט זיך, ווען עס איז פֿאַראַן די מעגלעכקייט; ווען דאָס איז ניט אפֿן שלאַכטפֿעלד אָדער בײַ אַנדערע אויסנאַם־צושטאַנדן.

צוליב דעם האָט לעאָנאָוו, מיט לובענצאָווס הילף, גענומען אויפֿקלערן פּאָליוואַנאָוון, אַז זיי, סאָוועטישע מענטשן, פֿירן דאָ אויס אַ מעלוכע־אויפֿגאַבע, דערצו נאָך אַן אויפֿגאַבע פֿון געוואַלדיקער וויכטיקייט און פֿון גרויסן פּאָליטישן אָפּקלאַנג, און זיי קענען זיך ניט דערלויבן דעם לוקסוס אָפּצורײַסן די אויפֿמערקזאַמקייט אַף זײַטיקע זאַכן, ביפֿראַט ניט אַרײַנצוטרעטן אין ניט אַמטלעכע פֿאַרבינדונגען מיט דער אָרטיקער באַפֿעלקערונג.

— מיר מוזן — האָט לעאָנאָוו געזאָגט — אַף יעדן אויפֿן אײַנהיטן די מאָראַלישע ריינקייט פֿון אונדזערע מענטשן אַריבער דער גרענעץ און מיר זײַנען געצוווּנגען צו קעמפֿן מיט דער מינדסטער אַרויסגעוויזענער העפֿקײרעס, כאַראַקטערלאָזיקייט און פֿליכט־פֿאַרגעסנקייט אַף אַ אומראַכמאָנעסדיקן אויפֿן.

— איך האָב זי אָבער ליב, — טײַענעט דער יונגערמאַן מיט דער פּאַשעטקייט וואָס לאָזט זיך ניט באַשטרייטן.

— פֿאַר אײַך שטייט די ברירע, — זאָגט לעאָנאָוו, — אָדער איר וועט איבעררײַסן אַלע באַציִונגען מיט דעם מיידל, אָדער איר וועט אַהיימפֿאָרן.

— זי וויל פֿאָרן מיט מיר, — זאָגט לעאָנאָוו, — קען מען עס טאָן?

— ניין, — זאָגט לעאָנאָוו, — פאַר אײַך שטייט די ברירע, וואָס איך האָב אײַך געגעבן.

— גוט, — רופט זיך אָן פּאַליוואַנאָוו נאָך אַ ווײַלע שווײַגן. — איבל אַהיימפאָרן.

אַלע שווײַגן. דערנאָך רופט זיך אָן לעאָנאָוו:

— זיץ, פּאַליוואַנאָוו, — ער גייט איבער אויף „דו" מיט אים און גיט אים דערמיט אָנצוהערן, אַז דער אָפיציעלער געשפּרעך איז פאַרענדיקט. לעאָנאָוו און לובענצאָוו ווילט זיך זאָגן עפּעס צערטלעכס פּאַליוואַנאָוון, באַרויִקן אים, אויפמונטערן, נאָר זיי געפינען קיין ווערטער ניט דערצו, ער פילט זייער באַציִונג צו אים. ווען לעאָנאָוו זאָגט צו אים נאָך אַ לענגערן שווײַגן: „נישט געפערלעך, פּאַליוואַנאָוו, ביסט אַ יונגער מענטש, דײַן צוקונפט איז פאַר דיר", — ענטפערט פּאַליוואַנאָוו:

— איך דאַנק אײַך, כאַוועד פּאָדפּאָלקאָווניק.

ער דאַנקט, נאַטירלעך, ניט פאַר די באַנאַלע טרייסט־ווערטער, נאָר ביכלאָל פאַר דער באַציִונג צו אים, פאַר דעם גאַנצן געשפּרעך, דעם מענטשלעכן, באַטש שטרענגן.

אין שאַיכעס דערמיט האָט לובענצאָוו אַ טראַכט געטאָן וועגן זײַנע אָפיצירן און האָט באַשלאָסן אַז די בעסטע רעפּוע צו אָט די קראַנקייטן, איז באַסענע מאַכן דער קאָמענדאַטור.

ווען טשאַכאָוו גייט אַרויס אײנאײנעם מיט לובענצאָוון אין אויפנאַמזאַל, מערקט ער זיך מיט אַ געוויסער דערלײַכטערונג, אַז קסעניאַ איז נישטאָ דאָרט. זי האָט זיך, קענטיק, נישט געקענט דערוואַרטן די באַראַטונג זאָל זיך פאַרענדיקן און איז אַוועק. טשאַכאָוו ווייס ניט, אַז אין דער היים וואַרט אויף לובענצאָוון וואָראָנין, וואָס איז באַאומרויִקט פון קראַנצס יעדיִע און האָט שוין אַליין אויף אייגענער איניציאַטיוו דורכגעפירט אייניקע „אויסשפּירונגס־אָפּעראַציעס".

ער איז אַפילע געוועזן באַ מערקערן אין שטוב מיט אַ ניט־וויכטיקן אויסרייד. דערבײַ האָט ער, מיט זײַן טײַוולשער אָבסערווירונגס־פעיִקייט, זיך געמערקט, אַז אין שכייניש צימער געפינט זיך עמעצער וואָס איז אַהין אַרײַן ווי נאָר אין שטוב איז אומגעריכט אַרײַנגעקומען אַ רוסישער זעלנער. אויף דער שראַנק איז געהאַנגען אַ קויטיק־ווײַסער האַלב־מאַנטל מיט אַ שאַלעגעם קאָלנער פון ציגײַקע־פעל. און מערקערס פּאַלטאָ, אַ קליינער, אַ דעמיסעזאָניקער, אַ טונקל־בלויער, איז געהאַנגען דערנעבן.

וואָראָנין מערקט זיך אַ סאַך שיינע און, קענטיק, טײַערע זאַכן, וואָס זײַנען אומעטום צעשטעלט. ער באַשליסט זיך אַרײַנצוגיין אין וואָראָבייציעווס ראָל, ווי ער שטעלט זיך פאָר, און ווערט אַנטציקט דאָ מיט איין זאַך, דאָ מיט אַ צווייטער, און מערקער, ווי זײַן געוווינהייט איז, זאָגט אים:

— דאָס קען מען קויפן, הער פעלדפעבעל... דאָס קאָסט ניט טײַער...

מערקערס פרוי פאַרקויפט זיך, דאַכט זיך, אויך ניט טײַער, — זי שמייכלט קאָקעטיש צו וואָראָנינען און טראָגט זייער אַן אָפן קלייד.

באַ מערקערן אויפן טיש שטייען אַן ערעך אַנדערהאַלבן צענדלינג סלאָיעקלעך מיט אַמעריקאַנישן געדעמפּטן באַזער־פלייש, פּעקלעך ציגאַרעטן, „לעקי סטרייק"; אין אַ ווינקל, אין אַן עמער מיט וואַסער, שווימט אום אַ בלאָק פוטער פון אַן ערעך צען קילאָ.

וואָראָנין קומט אַהיים און נעמט אומגעדולדיק וואַרטן אויף לובענצאָוון. נאָר לובענצאָוו קומט אַרײַן ניט אַליין, נאָר מיט טשאַכאָוון, מיט מענשאָוון

און... וואָראָבייציעוו. די מאַיסע איז וואָס וואָראָבייציעוו האָט בעשום אויפן ניט געוואָלט אָפּטרעטן פון זיי ווען זיי זײַנען אַרויס־געגאַנגען פון דער קאָמענדאַטור, און באַקומען האָט זיך אַזוי אַז ער האָט זיי אַלעמען פאַרבעטן צו זיך.

ווען זיי זעצן זיך צום טיש, איז זיך לובענצאָוו מוידע, אַז ער האָט זיי גערופן ניט גלאַט אַזוי, נאָר בײַ אים איז הײַנט אַ טאָג פון פרייד און אַז אויב זיי האָבן ניט דערקעגן, וועט ער זיי מעכאַבעד זײַן מיט ווײַן.

זיי באַווײַזן ניט אויסטרינקען צו גלעזעלעך, ווי דער טעלעפאָן צעקלינגט זיך.

— מען לאָזט גאָרניט צורו — רופט זיך אָן וואָראָבייציעוו מיט אַ געקינצלטער מינע, וואָס דריקט אויס איינצײַטיק פאַרדראָס און אַנטציקונג.

לובענצאָוו נעמט דאָס טרייבל. סעבאַסטיאַן קלינגט, ער וויל זיך זען מיט אים טייקעף וועגן אַ וויכטיקן איניען.

— גוט, — זאָגט לובענצאָוו. — איך גיי באַלד ארײַן צו אײַך.

ער אַנטשולדיקט זיך פאַר די באַוויירים און גייט ארײַן אין שכייניש הויז.

דער פּראָפעסאָר וואַרט אים אָפּ אַף דער שוועל. זיי גייען אַרויף, גייען דורך דאָס גאַסט־צימער און דאָס דערנעבנדיקע. אין דריטן שטאָק איז דעם פּראָפעסאָרס קאַבינעט. דעם צימער זעט לובענצאָוו דעם ערשטן מאָל. אַרום וואַלגערן זיך, מיט ניט דײַטשער אומאָרדענונג, ביכער און קסאַוו־יאַדן.

— איר זײַט שוין לאַנג ניט געווען בײַ אונדז, — זאָגט סעבאַסטיאַן. ער נעמט פונעם טיש אַ פּאַפּיר מיט קורצן מאַשין־שריפט, דרייט עס אין די הענט און לייגט עס ווידער אַוועק אָפּן טיש. דערנאָך הייבט ער אויף די אויגן צו לובענצאָוון און פרעגט אים: — זײַט איר צופרידן מיט מיר? דאָס הייסט, מיט מײַן אַרבעט?

— יאָ, מיר זײַנען צופרידן מיט אײַער אַרבעט, — ענטפערט לובענצאָוו און וווּנדערט זיך אַף דער פראַגע. — אַ דאַנק אײַערע באַמיִונגען און אויפאָפּפערונג, איז די לאַגע מיט דער דאָרפס־ווירטשאַפט אין אונדזער ראַיאָן בעסער ווי אין אַ סאַך אַנדערע. איר האָט גרויס אָנזען צווישן דער באַפעלקערונג. מען האָט אײַך ליב. און איר פאַרדינט אָט די ליבע. איך מוז אײַך זאָגן, אַז איר האָט אין זיך אַ סאַך מײַלעס פון אַ מעלוכע־טוער. טיילמאָל פעלט אײַך עפּשער אויס כאַראַקטער־פעסטקייט... ריכטיקער, וואָלט איך געזאָגט, אַז כאַראַקטער האָט איר, נאָר ווי זאָל איך עס דערקלערן, איר טראַכט צו פיל.

סעבאַסטיאַן צעלאַכט זיך און שטוינט.

— אַ דאַנק פאַר די גוטע ווערטער, — זאָגט ער. — איר זײַט גערעכט אין דעם זין, וואָס איך בין אַ צו רעפלעקטירנדיקער אינדיוויד. און דער אומגליק, מיסטאָמע, באַשטייט ניט אַזוי דערין וואָס איך טראַכט צו פיל, ווי דערין, וואָס איך טראַכט צו לאַנגזאַם, לאַנגזאַמער ווי דאָס פאָדערן די אומשטענדן. ווען מען זאָל מיך לאָזן, וואָלט איך עפּעס אַנדערש, אַ כויץ טראַכטן, נישט געטאָן. דער באַקאַנטער בײַשפּיל פון דער פילאָזאָפיע־געשיכטע וועגן בורידאַנס אייזל, וואָס איז געפּייגערט פון הונגער צווישן צוויי בינטלעך היי, וואָס ער האָט נישט געוווּסט וועלכן אויסצוקלײַבן, גייט אינגאַנצן אַף מיר.

— נאָר איר האָט אויס־געקליבן, — צעלאַכט זיך לובענצאָוו.

— אַ דאַנק אײַך. — ענטפערט סעבאַסטיאַן. — איר האָט מיך געצווּנגען עסן פון איין בינטל.

— געצוווּנגען? — שמייכלט לובענצאָוו.

— אײַנגערעדט.

איצט לאַכן זיי ביידע.

— איך האָב צו אײַך אַ ביטע, — דרייט סעבאַסטיאַן די ברילן אין דער האַנט. — מיינט איר ניט, אַז פֿאַר מיר איז שוין גענוג? איך מוז דאָך, סאָף קאָל סאָף, פֿאַרענדיקן מײַן וויסנשאַפֿטלעך ווערק. דער האַללער אוניווערזיטעט לייגט מיר פֿאָר לייענען דאָרט אַ קורס לעקציעס.

— ווי!... איר פֿאַרלאָזט לויטערבורג? — איז לובענצאָוו איבערראַשט.

— ניין, — זאָגט סעבאַסטיאַן, וואָס לובענצאָווס אויסרוף פֿאַרשאַפֿט אים באַשײַמפּערלעכן פֿאַרגעניגן. — ניין, ניין. איך וועל פֿאָרן צו די לעקציעס צוויי מאָל אין וואָך. און איך בין גרייט ווײַטער אָנצוגיין מיט מײַן געזעלשאַפֿטלעכער אַרבעט אינעם לויטערבורגער מאַגיסטראַט.

לובענצאָוו פֿאַרטראַכט זיך און רופֿט זיך אָן:

— איר זײַט גערעכט. נו, גוט, איך וועל אָנפֿרעגן בײַ מײַן אָנפֿירערשאַפֿט. איך פֿערזענלעך האַלט אײַער פֿאָרשלאָג פֿאַר נוצלעך.

— איר זײַט אַ קלוגער יונג! — רופֿט אויס אַ באַגײַסטערטער דער פּראָפֿעסאָר. — און עריקאַ האָט זיך געקריגט מיט מיר. זי זאָגט, אַז איר וועט מיך קיינמאָל ניט אַוועקלאָזן פֿונעם אַמט אַלס לאַנדראַט.

— זי האַלט מיך פֿאַר נאַרישער ווי איך בין אין דער עמעסן, — זאָגט לובענצאָוו מיט אַ שמייכל. — און וועמען לייגט איר פֿאָר אָנשטאָט אײַך? האָט איר עמעצן אָפּן אויג?

— איך וואָלט פֿאָרגעשלאָגן די קאַנדידאַטור פֿון לאַנגהיינריכן. ער פֿאַרשטייט גוט דאָרפֿסווירטשאַפֿט און איז איבערגעגעבן דער ערד־רעפֿאָרם. און ער טראַכט ניט אַזוי לאַנגזאַם...

— ער קען דאָך אָבער ניט וועלן אַוועקגיין פֿון דער ערד צום ביוראָטיש.

— מיט אײַך קען מען זיך דען אָפּזאָגן?

— די קאַנדידאַטור איז אַ ווילע. גוט. רעדט איר מיט אים. ער האָט אַכטונג צו אײַך.

— איכל אַ רעד טאָן, — זאָגט סעבאַסטיאַן און לאַכט אַ צופֿרידענער.

— איר קענט זיך אויפֿפֿירן מיט אונדז דײַטשן. איך וווּנדער זיך אָפֿט, ווי גוט איר האָט אָנגעכאַפּט די פּסיכאָלאָגיע פֿונעם דײַטש, זײַנע שוואַכע און שטאַרקע זײַטן. און איר קענט זיך ניצן מיט אָט די שוואַכע און שטאַרקע זײַטן.

לובענצאָוו כמורעט זיך.

— וואָס הייסט זיך ניצן? — זאָגט ער. — זע איך טאַקע אויס אַן אינטריגאַנט? איר מוזט עס וויסן, הער סעבאַסטיאַן, מיר קאָקעטירן גאָרניט מיט די דײַטשן, ווי טייל אײַערע מיינען. די זאַך איז אַ סך פּאַשעטער און אַ סך קאָמפּליצירטער. דאָס וואָס מיר באַמיִען זיך, ווי ווײַט מיר קענען, וואָס בעסער אײַנצואָרדענען אײַער לעבן, צו קומען צו דער פֿאַראייניקונג פֿון דײַטשלאַנד און אַזוי ווײַטער, — איז ניט קיין קאָקעטעריי, נאָר אַ באַשטימטע פּאָליטיק. איך ווייס גאַנץ גוט, אַז טייל דײַטשן מיינען, אַז איר דײַטשן זײַט פּיפּיק, איר ניצט אויס אונדזערע ווידערשפּרוכן מיט די פֿאַרבינדעטע, און ווײַל מיר קריגן זיך צווישן אונדז, מוזן מיר זיך שמייכלען צו אײַך. איר האָט אַ טאָעס. מיר פֿירן דורך אַ פּאָליטיק, וואָס איז פֿאַר אונדז נאַטירלעך, און בעשום אויפֿן ניט דיקטירט פֿון פֿאַרבײַגייענדיקע טאַק־

טישע האַשאָרעס. מיר האַלטן פּאָשעט, אַז די ערד און בכלל אַלץ דאַרף געהערן צו די וואָס זיי באַאַרבעטן. דאָס איז אַלץ. אויב איר ווילט וויסן, שמייכלען אײַך אויך ניט די אַמעריקאַנער צולעהאַכעס אונדז, רוסן: אויך זיי פֿירן דורך אַ פּאָליטיק וואָס שטיצט זיך אָף אַ געוויסער יועלט־אָנשויונג. גראָב גערעדט, זיי שטיצן די קאַפּיטאַליסטן און גוטבאַזיצער און אונטער־דריקן די אַרבעטער און פּויערים. איינע גיבן זיי פֿרײַהייט און די צווייטע ניט. נישט וויכטיק מיט וואָסערע ווערטער זיי פֿאַרדעקן אָט די פּאָליטיק גופֿע. מיר קענען באַגיין און מיר זײַנען שוין באַגאַנגען אַ סאַך נאַרישקייטן. נאָר די ריכטונג אונדזערע איז אַ גלײַכע, און די איינציק־פּראָגרעסיווע. די פֿאַר־בינדעטע ווילן אײַך, אין בעסטן פֿאַל, דערפֿירן צום פֿאַרהיטלעריסטישן צו־שטאַנד, דאָס הייסט, פֿירן צוריק. מיר פּרוּוון אײַך פֿירן פֿאָרויס.

יעדע ריכטונג — זאָגט סעבאַסטיאַן, — אַפֿילע די ריכטיקע — קען מען דורכפֿירן גוט און שלעכט. איר פֿירט זי דורך גוט.

— איז דאָך גוט! — רופֿט אויס לובענצאָוו. — מיך פֿרייט וואָס מיר זײַנען איינער מיט דעם צווייטן צופֿרידן.

לובענצאָוו הייבט זיך אויף, ער דערמאָנט זיך אַז זײַנע דינסט־כאַווי־רים וואַרטן אָף אים. אויך סעבאַסטיאַן הייבט זיך אויף. ער שטייט אַ ווײַלע אומבאַוועגט, דערנאָך רופֿט ער זיך אָן מיט אַ קוים געענדערטן טאָן:

— איך האָב צו אײַך נאָך איין איניען. איך וואָלט וועלן צופֿאָרן אָף מײַרעוו, גענויער קיין פֿראַנקפֿורט אָפּן מײַן. מײַן זון בעט מיך קומען צו אים צו גאַסט.

— יאָ? — זאָגט לובענצאָוו און זעצט זיך ווידער אַוועק. ער קוקט פֿאַר־שנדיק אָף סעבאַסטיאַנען און פֿרעגט אים פּאַמעלעך: — אָף לאַנג?

— אָף אַ וואָך, — ענטפֿערט שנעל סעבאַסטיאַן.

— נו, מיר דאַכט זיך דאָס איז גאַנץ מעגלעך. איך מיין, אַז איר וועט דעם פּאַסיר־שײַן באַקומען. איך, אַלנפֿאַלס, וועל עס פֿאַר אײַך בעטן.

— איך דאַנק אײַך. איך האָב אַזוי גערעכנט.

— וואָס־זשע, — שמייכלט לובענצאָוו, — פֿרײַלן עריקאַ האָט וועגן דעם אויך געצווייפֿלט?

— נ־ניין, — איז סעבאַסטיאַן אַ ביסל פֿאַרלוירן. — ניט זי. איך האָב געצווייפֿלט.

— איר האָט אַ טאָעס געהאַט.

— איך בין אײַך דאַנקבאַר דערפֿאַר, — זאָגט סעבאַסטיאַן און קומט צו נעגטער צו לובענצאָוון און זאָגט מיט באַזונדערן אויסדרוק: עריקאַ וועט ניט פֿאָרן. איך פֿאָר אַליין. זי וועט דאָ בלײַבן.

— אַלם מאַשקן? — מערקט אָן לובענצאָוו, ווי מיט פֿאָרוואָרף, נאָר אין דער עמעסן זייער צופֿרידן מיט סעבאַסטיאַנס מעלדונג.

— יאָ, הער לובענצאָוו, — זאָגט סעבאַסטיאַן. — דאָס איינגנטלעך. איך וואָלט ניט וועלן איר זאָלט צווייפֿלען אין עפּעס. נאָך דעם ווי פּראָפֿע־סאָר ווילדאַפּפֿעל, אונדזער גרעסטער אַגראָנאָם, איז אַרויסגעפֿאָרן און איז ניט צוריקגעקומען, האָט איר דאָס פֿולע רעכט כווישעד צו זײַן.

— יאָ, איר זײַט גערעכט, — איז לובענצאָוו מאַסקים. — דער שעף פֿון דער סאָוועטישער מיליטערישער אַדמיניסטראַציע איז זייער אויפֿגע־בראַכט געוועז ווען דאָס איז געשען. ער רעכנט, אַז ווילדאַפּפֿעל אַליין וועט נאָך כאַראָטע האָבן אָף זײַן שריט. אומטרײַהייט צום אייגענעם וואָרט און צו דער פֿליכט ענדיקט זיך שטענדיק טרויעריק פֿאַר דעם אומטרײַען גופֿע.

זי פירט צו נעשאַמע־פּוסטקייט און צו שפּעטערדיקער כּראַטע. אין אײַך בין איך זיכער. פּאַר אַלעמען, זײַט איר אַ קלוגער מענטש. וואָס שאַיעך ווילדאַפּפלען, מיין איך, אַז ער איז פּאַשעט ניט איבעריק קלוג. אַ געלערנטער מיינט דאָך ניט שטענדיק אַ קלוגער? ווי מיינט איר?

— אַ ניין! צום באַדויערן איז עס ניט איינס און דאָס זעלבע. געלערנטע נאַראָנים זײַנען פאַראַן ניט ווייניקער ווי אומגעלערנטע. נאָר וואָס שאַיעך ווילדאַפּפלען האָט איר אַ טאָעס. ער איז אַ אומגעוויינלעך קלוגער מענטש, נאָר אויך אַן אומגעוויינלעך זשעדנער. אים האָט מען, נאַטירלעך, אָפּגעקויפט מיט צוזאָגעכצן פון מאַטעריעלע גיטער.

X

עס דערהערט זיך אַ קלונג פון אַ גלעזערנער טיר, זי צעעפנט זיך און עריקאָ קומט אַרײַן אין צימער. נאָך איר קומען אַרײַן נאָך מיידלעך און יונגעלײַט, נאָר ווען זיי דערזעען דעם קאָמענדאַנט מיט דעם לאַנדראַט, טרעטן זיי אומדרייסט צוריק.

צום ערשטן מאָל פאַר דער לעצטער צײַט קוקט לובענצאָוו עריקען גלײַך אין די אויגן. זײַן בליק איז דאָס מאָל פול מיט רו און דריקט אויס די באַוווּנדערונג וואָס זי רופט אַרויס בײַ אים.

ער קוקט אויף איר און הערט איר שטים, און, דעם עמעס געזאָגט, איז ער דערבײַ שטאָלץ מיט זיך, מיט זײַן אויסדויער. און אויב ער פילט אַפילע געוויסע באַדויערונגען, ווערט זייער שטילער ווי געדעקט מיט דעם פרייִדיקן געפיל פון צופרידנקייט מיט זיך, וואָס רעגט דעם מענטשן וואָס האָט באַוויזן גוויוועך צו זײַן זײַנע לײַדנשאַפטן.

— איר זײַט נאָך קיין איין מאָל ניט אַרײַנגעקומען צו אונדז אינעם סעמינאַר. — וואַרפט זי אים פיר. — אומעטום קומט איר, און בײַ אונדז קיין איין מאָל ניט.

— איך וועל קומען אומבאַדינגט, גליבט מיר, — פאַרזיכערט ער — איר קלײַבט מיר אַלץ קיין צײַט ניט אויס. נאָר איך ווייס אַלץ וואָס בײַ אײַך טוט זיך. און איך בין צופרידן וואָס די אַרבעט גייט גוט. מען דאַרף האָבן לערערס.

— מיר האָבן אַ סאַך גוטע מענטשן, — זאָגט זי און צעשײַנט זיך. — איך האָב זיך קיינמאָל ניט גערעכט, אַז אין אונדזער פאַרוואָרפּענער לויטערבורג זאָלן זיך געפינען אַזוי פיל בעעמעס גוטע אָרנטלעכע מענטשן. צוליב דעם אַליין, זיך צו דערוויסן דערפון, איז קעדאַי געווען זיך צו פאַרנעמען מיט דעם סעמינאַר. — זי שווײַגט אַ ווײַלע. — עס ווילט זיך זיצן מיט אײַך, נאָר איך קען ניט, מען וואַרט אויף מיר. — מיט אַמאָל פאַרכמורעט זי זיך, געזעגנט זיך אויף שנעל און גייט אַרויס.

— איך גיי שוין אויך, — זאָגט לובענצאָוו צו סעבאַסטיאַנען.

סעבאַסטיאַן פירט אים צו ביז דער דרויסנדיקער טיר.

עס איז שוין פינצטער אין דרויסן. אַ כמורנער הימל אָן שטערן ליגט איבער דער שטאָט. פון דער ליכטיקייט אַרויסקומענדיק, דאַכט זיך ס'איז שטאָק פינצטער. לובענצאָוו גייט פּאַמעלעך איבערן הויף, ער געוויינט זיך אײַן צו דער פינצטערניש.

— כּאַווער פּאָדפּאָלקאָווניק, — דערהערט ער וואָראָנינס שטילן אויס־

רוף, און דעם אויסשפּירערס גוט־באַקאַנטער קאָל אין אָט דער פראַנטישער כאַשכעס דערמאָנט לובענצאָוון די מילכאָמע.

וואָראָנין גיט אים איבער שטיל קראַנצס וואָרענונג און וועגן זײַן וויזיט בא מערקערן! דאָס איז אַ מאַלינע, — זאָגט ער — די עמעסע מאַלינע. אַבוצ־דעם, זאָגט קראַנץ, אַז מערקער איז אַ געוועזענער פּאַשיסט.

די יעדיִע צערודערט שטאַרק לובענצאָוון. זיי שטייען ביידע אַ מינוט און שווײַגן, דערנאָך גייען זיי אַרײַן אין שטוב.

לובענצאָוו לויפט דורך מיטן בליק וואָראָבייציעווס פּאָנעם און זעצט זיך אַוועק באַם טיש, ער אַנטשולדיקט זיך וואָס ער האָט געלאָזט אַף זיך לאַנג וואַרטן, און הייבט אויף דעם באָקאַל, שוין אָן אָנגעגאָסענעם מיט ווײַן. אַלע טרינקען אויס און גיסן ווידער אָן.

— פאַר טאַטיאַנאַ וולאַדימיראָוונאַ. — זאָגט וואָראָנין.

לובענצאָוו גיט אַ זיפץ.

— פאַר איר, — זאָגט ער, — לאָמיר אויסטרינקען פאַר טאַטיאַנאַ וולאַדימיראָוונאַ. זי איז שוין זיכער אָפּן וועג אַהער. — נאָכדעם ווי אַלע טרינקען אויס, פרעגט לובענצאָוו: — און איצט, דערציילט, כאַווײרים, ווי פאַרברענגט איר די פרײַע צײַט. וווּ גייט איר? וואָס לייענט איר, אויב איר לייענט ביכלאָל? נו, דערציילט, אָט איר, אַ שטייגער, וואָראָבייציעוו.

וואָראָבייציעוו וואַרפט אַ שאַרפן בליק אַף טשאָכאָוון און זאָגט:

— אָט אַזוי, ווי געוויינלעך, כאַווער פּאָדפּאָלקאָווניק. איך לייען אַ ביסל, לערן זיך דײַטש און ביכלאָל... אומעטיקלעך, פאַרשטייט זיך. אין אַ גרויסן צענטער, מיסטאָמע, אין האַלע, אַ שטייגער, אָדער אין ווײַמאַר — פאַרברענגען די אָפיצירן אַ ביסל פרייליכער די צײַט. פאַראַן דאָרט די הײַזער פון דער רויטער אַרמיי, אַרטיסטן קומען.

— יאָ, — זאָגט לובענצאָוו און כמורעט זיך ניט ווילנדיק. — דאָרט איז פרייליכער, פאַרשטייט זיך. — ער שווײַגט אַ ווײַלע, דרייט דעם באָקאָל אין דער האַנט, דערנאָך זאָגט ער: — פון דעסטוועגן? וואָס, אַ שטייגער, האָט איר געטאָן נעכטן נאָך דער אַרבעט?

— איך געדענק אַפילע ניט. — זאָגט וואָראָבייציעוו און קוקט ווידער אַף טשאָכאָוון. טשאָכאָוו זיצט אַרײַנגעטאָן אין זיך מיט אָנגערוקטע ברעמען און אַ שטאַרק פאַרקלעמטן מויל. — דאַכט זיך, אין דער היים געזעסן. יאָ, טאַקע אין דער היים. איך האָב אַ הונט. איז ער קראַנק געוואָרן.

— דאָס איז דער וואָס איר זײַט מיט אים געגאַנגען האָזן כאַפּן? — פרעגט לובענצאָוו אָן אַ שמייכל.

— ניין, אַן אַנדערער. יענער איז אַ יעגער־הונט. נישט מײַנער. איך האָב אַ „באָקסער“.

אַלע שווײַגן. מענשאָוו איז אַפילע ניט כווישעד וואָס דאָ קומט פאָר און רײַסט איבער דאָס שווײַגן מיט אַ שילדערונג דערפון ווי ער פאַרברענגט די פרײַע צײַט. ער איז אַ פּאָר מאָל געווען אין „וואַריעטע“. אַרטיסטן שטעלן פאָר, זאָגן וויצן. נאַריש, נאָר פריילעך. ער לייענט לעצטנס אַ סאַך. און דאָ ערשט האָט ער זיך דערוווּסט, אַז לייענען איז גאָרניט אַזאַ פּוסטע פאַרנעמעניש, נאָר אַ נויטווענדיקייט און אַ פאַרגעניגן. באַזונדער, האָט ער אַ סאַך ביכער איבערגעלייענט וועגן דער גרויסער פּאַטערלענדישער מילכאָמע, זיי געפעלן אים, וואָרעם באַם לייענען דערמאָנט זיך יעדעס מאָל פאַקטן פון דער אייגענער מיליטערישער ביאָגראַפיע. ער פּרוווט לייענען אויך דײַטש. ער

האָט לײַכט איבערגעלייענט אייניקע דעטעקטיוו־ראָמאַנען, נאָר ערנסטע זאַכן לייענט ער שווער.

ער דערציילט ניט געאײַלט, זיכער אַז דאָס אַלץ אינטערעסירט לובענצאָוון, אויב לובענצאָוו האָט פאַרגעבן די פראַגע.

— איצט ווילן מיר גרייטן אַן אייגענעם ספּעקטאַקל, — דערציילט ער ווײַטער. — מיר האָבן נאָך ניט אויסגעקליבן. מירן עפּשער שטעלן עפּעס פון אָסטראָווסקין. מיר האָבן צווישן די זעלנער פּעיִקע יאַטן. און פרויען זײַנען אויך דאָ. אַנאַסטאַסיאַ סטעפּאַנאָווּנאַ קאַסאַטקינאַ, ווײַזט זיך אַרויס, איז אַן אַלטע ליבהאָבערן. דער אומגליק איז וואָס זי איז אַן אַלטע. מיר האָבן פאַרגעלייגט קסעניען שפּילן אַ ראָל פון אַ יונגער, נאָר זי איז ניט אויפגעלייגט.

— אָט איז זי אַפן עמעס, — זאָגט וואָראָנין ווען ער עפנט די טיר.

אַף דער שוועל שטייט קסעניאַ.

— איך בעט צום טיש, — זאָגט לובענצאָוו און שטייט אויף. ער פירט זי צו צום טיש און גיט איר אַ שטול. אין דעם אויגנבליק שטייט שוין פאַר איר אַ ריינער סערוויז און אָנגעגאָסן אַ „שטראָף־גלעזעל”. נאָר זי רירט זיך ניט צו צו דעם.

— איך קום צו אײַך צוליב אַן איניען. — זאָגט זי.

— וואָס איז? עפּעס איז געשען?

— ניין. איך דאַרף מיט אײַך ריידן.

לובענצאָוו וואַרפט אַף איר אַ פאַרשנדיקן בליק און — עפּעס האָט אים דאָס האַרץ געזאָגט — ער דערמאָנט זיך קראַנצם וואָרענונג און דעם ערשט־פאָרגעקומענעם געשפּרעך מיט וואָראָבייצעוון. עפּעס אומרויִקס דערשפּירט אויך וואָראָבייצעוו. ער דערפילט אַ אומאָנגענעמען שטאָך אין האַרצן. און קען זיך ניט דערקלערן די סיבע דערפון; עפּשער האָט דערבײַ צו זאָגן טשאַכאָוס אַ ניט־מערקלעכער ריר, זײַן פּאָנעם וואָס ווערט אַלץ פינצטערער.

די געשפּאַנטקייט, די אומבאַקוועמקייט, דאָס אומקלאָרע פאָרויספילן באַ פינף פון די זעקס אָנוועזנדיקע איז אומדערטרעגלעך, ווען דער זעקס־טער, מענשאָוו, הערט אויף ריידן. נאָר מענשאָוו, וואָס האָט אויסגעטרונקען, איז באַריידעוודיק און ליבלעך, ער שפּאַסט און לאַכט, דערציילט דאָ איינע, דאָ אַ צווייטע פון זײַנע צוזאַמענשטויסן און באַגעגענישן מיט אַלערליי דײַטשן. דערנאָך זאָגט ער, אַז ער נעמט אָן לובענצאָווס ראָט און שוין מאָרגן וועט ער אומבאַדינגט אָנשרײַבן צו אַ באַקאַנט מיידל, וואָס ער פירט מיט איר אַ ראָמאַן נאָך פון די שול־יאָרן.

— זי וואָלט געשפּילט לאַריסען אין דעם „מיידל אָן נאַדן”, אויסגע־צייכנט! — רופט ער אויס.

— יאָ, ווילט איר מיט מיר עפּעס ריידן, — זאָגט לובענצאָוו און גייט אַרײַן מיט קסעניען אין צווייטן צימער.

— טרינקען מיר אויס נאָך צו איין גלעזעלע? — שלאָגט פאָר וואָראָבייצעוו. ער קלאַפּט אָן דאָס גלעזל מיט מענשאָוון און טרינקט אויס. דערנאָך שטעלט ער זיך אויף, גייט זיך דורך איבערן צימער, בלײַבט שטיין אין אַ ווײַטן ווינקל און פאַררויכערט.

לובענצאָוו און קסעניאַ קומען צוריק פונעם צווייטן צימער אין פינף מינוט אַרום און זעצן זיך ווידער אַף זייערע ערטער. קסעניאַ רירט צו דאָס גלעזל צו די ליפּן.

— וואָס זײַט איר אַזוי פאַרטרויערט, טײַוואָלים? — פרעגט שפּאַסיק לובענצאָוו. — ווי עס וואָלט אײַך גאָרנישט געפרייט וואָס אײַער נאַטשאַל־

סטווע ווערט אַ פֿאַמיליען־מענטש. — ער גיסט אָן אַלעמען. וואָראָבייצעוו קומט צו צום טיש.

— דערלויבט מיר זאָגן אַ טאָסט, — זאָגט ער, — מיר ווילט זיך טרינקען פֿאַר פֿרײַנטשאַפֿט. פֿאַר דעם אַז מיר זאָלן זיך אַכטן איינער דעם צווייטן און איינער דעם צווייטן זיך שיצן. ווי אָפֿן פֿראָנט, כאָטש אין פֿרידנס־צײַט. קענגזײַטיק... דאָס אייגנטלעך, זיך שיצן און אַכטן איינער דעם צווייטן. באַזונדער, וואָלט איך וועלן וואָס גיכער זײַן אין דער היים, די היים, וואָס איך האָב, ווי אַנדערע, פֿאַרטיידיקט, אין די יאָרן פֿון דער גרויסער פֿאָטערלענדישער מילכאָמע. איז אָט וויל איך טרינקען פֿאַר די באַטייליקטע אין דער מילכאָמע. און נאָך וויל איך...

— וואָס־זשע, איר ווילט איין גלעזל אויסטרינקען פֿאַר אַלץ אָף דער וועלט! — זאָגט לובענצאָוו. — לאָמיר פֿאַר פֿרײַנטשאַפֿט, אויב איר האָט שוין פֿאָרגעשלאָגן פֿאַר פֿרײַנטשאַפֿט. אַ ווײַלער טאָסט, נאָר ניט גאָר קיין קלאָרער. אַכטן איינער דעם צווייטן — דאָס פֿאַרשטיי איך. נאָר פֿאַרטיידיקן? פֿון וועמען? נו, זאָל זײַן, לאָמיר זיך ניט אָפּשטעלן אָף קלייניקייטן, פֿאַר פֿרײַנטשאַפֿט. — ער קלאַפּט אָן דאָס גלעזל מיט אַלעמען און קוקט דערבײַ ניט אָף קיינעם.

— איך גיי שוין, — זאָגט טשאָכאָוו.

— יאָ, שוין שפּעט, — אײַלט זיך אויך וואָראָבייצעוו און ווערט טייקעף צעטומלט און זוכט זײַן היטל. נאָר טשאָכאָוו וויל ניט גיין אינאיינעם מיט וואָראָבייצעוון און פֿרעגט דערום מענשאָוון:

— איר גייט, מענשאָוו?

— נאַטירלעך, זאָגט מענשאָוו.

קסעניאַ שטעלט זיך אויף און גייט גלײַך מיט אַלעמען. לובענצאָוו קוקט ווי זיי קלײַבן זיך. ער פֿאַרשטייט, נאַטירלעך, אַז ער דאַרף עפּעס זאָגן, ווי געוויינלעך אין אַזאַ פֿאַל, פֿון העפֿלעכקייט וועגן פֿאַרהאַלטן די געסט אָדער אַלנפֿאַלס באַגלייטן ביז דער טיר. נאָר אים גלוסט זיך ניט טאָן דאָס אַלץ, ער מאַכט אַוועק די אָנשטענדיקייט און טראַכט זיך: „זאָל עס גיין, איך וועל זיך אויסניצן דערמיט וואָס איך בין נאַטשאַלסטווע. אונטערגעאָרדנטע מוזן פֿאַרגעבן נאַטשאַלסטווע די אומהעפֿלעכקייט".

סאָף־קאָל־סאָף זײַנען אַלע אַוועק. וואָראָנין בלויז זיצט באַם טיש אַ פֿאַרכמורעטער.

— נו אָן אָונטט, — זאָגט וואָראָנין. — און דער וואָראָבייצעוו איז אַן אויסוווּרף. דאָס זאָג איך אײַך גענוי. איך האָב אים די גאַנצע צײַט געהאַלטן אָפֿן אויג. אַן אומריין נעשאָמעלע. קליגערט זיך די גאַנצע צײַט, מאַכט זיך, וויל אײַך אַלץ אָפּקויפֿן.

— איר מאַכט צו שנעלע אויספֿירן, כאַווער סטאַרשינאַ, — זאָגט בייז לובענצאָוו. — באַ אונדז טרעפֿט עס אָפֿט: עמעצער דאַרף נאָר עפּעס אָף איינעם אַ זאָג טאָן און שוין דאַכט ער זיך אַלעמען פֿאַרדעכטיק. מען האָט נאָך גאָרניט דורכגעקוקט. אַלץ קלאַנגען בלויז, אויבנויפֿיק, און שוין נעמט מען קוקן קרום. — ער פֿאַרטראַכט זיך און זאָגט דערנאָך: — קסעניאַ אַנדרייעוונאַ האָט מיר אויך צו וויסן געגעבן וועגן וואָראָבייצעווס פֿאַרבינדונג מיט דעם שפּעקולאַנט.

— זעט איר שוין, — זאָגט וואָראָנין. — וווּהין קלײַבט איר זיך איצט?

— וווּנדערט ער זיך ווען ער זעט לובענצאָוון אָנטאָן דעם מאַנטל.

— איכל זיך דורכשפּאַצירן. דער קאָפּ טוט מיר עפּעס וויי.

— איך גיי אויך מיט אײַך.
— צו וואָס? איך קום באַלד צוריק.
— ניין, איך גיי מיט אײַך.
זיי גייען אַרום ביידע אינאיינעם און לאָזן זיך גיין מיט דער גאַס גלײַך.
ס'איז פֿײַכט און קאַלט.
— אַ וועטער אַף שפּאַצירן, — בורטשעט וואָראָנין.
— גיי אַהיים. איך וויל אַרײַנגיין צו קאַסאַטקינען.
— איך גיי אויך מיט אײַך, — זאָגט וואָראָנין.
— מען וואָלט פֿריער געדאַרפֿט אָנקלינגען טעלעפֿאָניש, — מורמלט לובענצאָוו. — ווי האַלט דער זייגער?
— אַרום צוועלף. עפּשער וועט איר עס אָפּלייגן אַף מאָרגן?
לובענצאָוו ענטפֿערט ניט און גייט ווײַטער. צום סאָף קומען זיי צו צום הויז ווו קאַסאַטקין וווינט. לובענצאָוו בלײַבט שטיין בײַ דער טיר, דערנאָך גיט ער אָנטשלאָגן אַ דריק אָן דאָס קנעפּל. עס דערהערן זיך טריט. די טיר עפֿנט קאַסאַטקין. ער טראָגט אָן אוקראַיִניש העמדל, ציווילע הויזן, און שטעקשיך, מיט פֿוטער באַנייט. לובענצאָוו דערקענט אים קוים. אומרויִק פּונעם שפּעטן קלינגען, קומט אַרויס אַנאַסטאַסיאַ סטיעפּאַנאָוונאַ — אַ הויכע פֿולע פֿרוי, מיט אַ ווײַסן ווייכן פּאָנעם. זי טראָגט אַ העלן כאַלאַט. פֿון הינטערן כאַלאַט קוקן טייקעף אַרויס קאָמישע צוויי קאַסאַטקינדלעך — ייִנגעלעך פֿון אַ יאָר אַכט ביז צען, מיט אויך אַזעלכע בערשטלעך אַפֿן קאָפּ ווי בײַם פֿאָטער, אומגעוויינלעך ענלעכע צו אים. זיי זעען אוים אַבסאָלוט ניט שלעפֿעריק.
— שלאָפֿן, שלאָפֿן גייט, — שרײַט אַף זיי אַנאַסטאַסיאַ סטיעפּאַנאָוונאַ, און אָן שום איבערגאַנג שמייכלט זי ברייט צו לובענצאָוון, מיט אַ שמייכל וואָס ווײַזט אַרויס צוויי ווײַסע רייען ציינדעלעך און פֿורעמט אויס אַף אירע דיקע באַקן צוויי ליבלעכע גריבעלעך. נאָר קאַסאַטקין צישקעט אָן אַף איר, וואָרעם פֿון לובענצאָוום אויסדרוק אַפֿן פּאָנעם און פּאַשעט פֿון זײַן שפּעטן וויזיט פֿאַרשטייט ער, אַז עפּעס אויסערגעוויינלעכס איז געשען. זי טוט אומרויִק אַ קוק אַף דעם און אַף יענעם און פֿאַרשווינדט הינטער דער טיר מיט די קינדער.
— איך וועל דאָ אויסוואַרטן אַף אײַך, — זאָגט וואָראָנין און זעצט זיך אַוועק בײַם טיש אינעם קאָרידאָר און נעמט אַרויס אַ פּעקל ציגאַרעטן.
ווען לובענצאָוו בלײַבט איינער אַליין, אָן אײדעס, דערציילט אים לובענצאָוו אַלץ וואָס ער האָט זיך דערוווּסט פֿון וואָראָנינען און קסעניען. קאַסאַטקין זאָגט באַלד, ווי פֿריער וואָראָנין, אַז וואָראָבייטשעוו געפֿעלט אים שוין לאַנג ניט. ווי וואָראָנינען, ענטפֿערט לובענצאָוו קאַסאַטקינען, אַז דער רוסישער מוזשיק איז קלוג אַף צוריקוועגס, און אַז איצט דאַרף מען ניט קיין קלערענישן, נאָר דרינגלעכע אויסשפּירונגען. די אויסשפּירונגען גיבן זיי איבער קאַסאַטקינען און שטעלן זיך ספּעציעל אָפּ דערויף אַז זיי דאַרפֿן זײַן שטרענג געהיים.
— ווי דאָס איז, — זאָגט קאַסאַטקין מיט אַ האַרטן טאָן, — האָבן מיר מיט אײַך צו שוואַך רעאַגירט אַף די פֿאַלן פֿון דיסציפּלין־ברעכן מיצאַד וואָראָבייטשעוון... און, צווישן אַנדערן אויך מיצאַד טשאַכאָוון. און אַזעלכע פֿאַלן זײַנען געווען. גענוג איז צו דערמאָנען די געשיכטע מיט דעם פֿאַרפֿאַלן ווערן פֿון דער אַרבעט. דערנאָך פֿלעגט וואָראָבייטשעוו שטענדיק שפּעטיקן זיך, האָט זיך באַצויגן צו דער אַרבעט אָן דעם געהעריקן אײפֿער, האָט שוואַך באַזוכט דעם קרײַז פֿון שטודירן די פּאַרטיי־געשיכטע.

— אַך, דאָס זײַנען דאָך אַלץ קלײניקײטן! — רופט אויס לובענצאָוו מיט אַ געוויסן פאַרדראָס. — טשעגאָדאַיעוו האָט אויך שוואַך באַזוכט דעם קרײַז! וואָס קער זיך דאָס אָן צו די טונקעלע האַנדלס־מאַכינאַציעס! אַף אַזאַ אויפן איז ניט ווײַט צו דערגײן ביז אַבסורד. — ער שווײַגט אַ ווײַלע, פאַר־רויכערט און זאָגט שוין רויִקער: איך האָף אַז דאָס איז אַלץ שטאַרק איבער־געטריבן. מיר אַלײן איז ניט איבעריק סימפּאַטיש וואָראָבײצעוו און אין דעם זין פאַרשטײ איך אײַך. נאָר אײגענע סימפּאַטיעס און אַנטיפּאַטיעס אין אַזעלכע זאַכן קענען נאָר פירן צו טאָעסן. — ער שווײַגט ווידער אַ מינוט און דערנאָך פרעגט ער: — נו, ווי פילט זיך אַנאַסטאַסיאַ סטיעפּאַנאָוונאַ? גע־פעלט איר דאָ? טוט איר ניט באַנג וואָס זי איז געקומען? שווער איז פון אָנ־הײב אין אַ פרעמד לאַנד...

— צו וואָס מען געווײנט זיך, דאָס ליבט זיך, — זאָגט קאַסאַטקין. — וואָס שאַיעך מערקערן, וועל איך זיך פאַרבינדן מיט פּאָליציי.

צום סאָף גײען זײ אַרויס אין פאָרהויז, וואָראָנין שטײט אויף און נעמט אַראָפּ דעם מאַנטל פון דער שראַנע. אַלע דרײַ שטײען אַ מינוט און שווײַגן.

— אָט וואָסערע זאַכן, — רופט זיך דערנאָך אָן לובענצאָוו, דרײט מיטן קאָפּ און גײט צו דער טיר.

XI

נאָכדעם ווי לובענצאָוו גײט אַרויס, רופט קאַסאַטקין צו זיך קסעניען און יאָסטן. דער פּאָליצמײסטער האָט זיך שוין געהאַט געלײגט שלאָפן, נאָר ער טוט זיך טײקעף אָן און אין אַ פערטל שאָ אַרום איז ער שוין דאָ. די דײַטשן האָבן זיך שוין אײַנגעווײנט, אַז פאַר דער קאָמענדאַטור איז נישטאָ קײן טאָג און נאַכט; טכילעס פלעגן זײ זיך דערשרעקן ווען מען פלעגט זײ רופן באַנאַכט, דערנאָך האָבן זײ זיך צוגעווײנט.

קאַסאַטקין נעמט אינפאָרמאַציע וועגן מערקערן און הײסט אײַנשטעלן אויפזיכט איבער זײַן שטוב. ער וואָרנט דערבײַ יאָסטן, אַז דערצו מוז מען אָפּקלײַבן די אויסגעפּרוּווטע מענטשן, וואָס מען קען זיך פולשטענדיק פאַר־לאָזן אַף זײ; אַלץ וואָס קומט פאָר באַ מערקערן אין שטוב מוז באַקאַנט זײַן דער פּאָליציי. אַלע אַרײַנגײער, אַלע געשעפטן פון דער „מאַלינע" דאַרפן זײַן אַפן אויג. נאָך יעדן אײנעם וואָס קומט אַרײַן צו מערקערן, מוז מען נאָכשפּירן, אַלצאײנס, ווער ער זאָל ניט זײַן און וועלכן אַמט ער זאָל ניט פאַרנעמען, אינעם ראָטהויז, אַ שטײגער, אָדער ווו עס איז.

אַפן פּלאַץ פאָדערט קאַסאַטקין פון יאָסטן, אַז פּאָליציי זאָל אינפאָרמירן אירע אָבסערוואַציעס יעדע צוויי שאָ, נאָר בעשום אויפן ניט טעלעפאָניש, נאָר פּערזענלעך.

דערמיט לאָזט ער יאָסטן גײן. שלאָפן וויל ער ניט, מאַכמעס די גאַנצע געשיכטע האָט אים טיף צערודערט. ער קלײַבט זיך אויך ניט אַוועקגײן, ניט געקוקט דערויף וואָס אַנאַסטאַסיאַ סטיעפּאַנאָוונאַ שטעקט אַלע מאָל אַרײַן דעם קאָפּ אין דער טיר און קוקט אַפן מאַן מיט אויסדריקלעכע אויגן.

— בעט מיר דאָ אויס אַפן דיוואַן, — זאָגט ער צום סאָף קסעניאַ.

— יאָ, יאָ, — דערפרײט זיך קאַסאַטקין. — שלאָפט דאָ, און אַז יאָסט וועט קומען, וועל איך אײַך אויפוועקן.

דרײַ אַזײגער באַנאַכט קומט צו פאָרן יאָסט. פאַר דער צײַט איז קײן

באַזונדערס ניט געשען. באַ מערקערן אין שטוב לײַכט זיך די גאַנצע צײַט, די שײַן שלאָגט זיך דורך די געדיכטע שטאָרן, נאָר דאָס, נאַטירלעך, באַווײַזט גאָרניט.

פינף פאַרטאָג קען ווידער יאָסט ניט אינפאָרמירן קיין באַזונדערס, אַ כוץ נאָר, אַז באַ מערקערן איז דאָס פײַער אויסגעלאָשן זײַט אַ האַלבער שאָ צײַט. די אויפזיכט האַלטנדיקע פּאָליצלײַט פאַרנעמען אַ גוטע פּאָזיציע אינעם קעגנאיבערדיקן הויז, באַ איינעם אַ באַן־אַרבעטער, וואָס וווינט דאָרט, און האָט איצט וואַכט. דער פּאָדערשטער ווי דער הינטערשטער אַרײַנגאַנג זײַנען אונטער אָבסערוואַציע.

אין פאַרלויף פונעם צווייטן טאָג קומט יאָסט יעדע צוויי שאָ אין דער קאָמענדאַטור, און אָוונט צו איז שוין פאַראַן אַ היפּשער צעטל פאַרשוינען וואָס זײַנען אַרײַנגעקומען און אַרויסגעקומען פון מערקערן. מערסטנס אַרטיקע געשעפטסלײַט, דערין דער באַלעבאָס פון דער ליקער־פאַבריק לוטוויץ, דער באַלעבאָס פונעם פּוטער־געשעפט ראַבע און אַנדערע. אַ געוויסן אינטערעס האָט דאָס וואָס צוויי מאָל דורכן טאָג איז באַ מערקערן געווען דער געוועזענער גוטבאַזיצער אַרענסבערג, וואָס איז ניט לאַנג צוריק ערגעץ פאַרשווונדן פונעם פּאָליציייִשן קוק־פעלד און איצט האָט ער זיך באַוויזן אָט אַף דעם אויפן.

דרײַ באַטאָג קומען קאַסאַטקין מיט יאָסטן צו לובענצאָוון מעלדן וועגן די אָנגענומענע מיטלען. לובענצאָוו האַלט אַז די מיטלען זײַנען ניט גענוגנדיק, מאַכמעס מען ווייס ניט וואָס עס קומט פאָר אין שטוב גופע. יאָסט זאָגט, אַז ער וועט זיך באַמיִען, נאָר דאָס געלינגט אים ערשט מיט אַ טאָג שפּעטער. ער האָט אַרײַנגעשיקט צו מערקערן אין שטוב פאַרריכטן דעם טעלעפאָן, וואָס מען האָט אים בעקיוון קאַליע געמאַכט, דערנאָך דאָס גאַזסטויפיקל.

דאָס וויכטיקסטע האָט פּאַסירט האַלב עלף אין אָוונט, ווען פון מערקערס שטוב איז אַרויסגעקומען אַן אומבאַקאַנטער פאַר די פּאָליצלײַט פאַרשוין מיט אַ רויטן פּאָנעם, אין אַ העלן האַלב־מאַנטל מיט אַ ציגײַיקענעם קאָלנער. מען האָט עס באַלד צו וויסן געגעבן יאָסטן. לויט אַלע סימאָנים איז עס דער זעלביקער „ווערוואָלף־גענעראַל״, וואָס די פּאָליציי און די סאָוועטישע קעגן־אויסשפּירונג זוכן אים אַזוי לאַנג אַרום. דער אַגענט, וואָס האָט אים נאָכגעשפּירט, האָט אים פונעם אויג פאַרלוירן אַף איינער פון די קרייצגאַסן, און האָט דערפאַר באַקומען אַ אומדערהערטן פאָרוואָרף פונעם קאָמענדאַנטס פאַרטרעטער מאַיאָר קאַסאַטקין, און דערנאָך פון יאָסטן.

לובענצאָוו איז דעם טאָג ניט געווען אין שטאָט, מאַכמעס ער איז אַרויסגעפאָרן אַפן רוף פון גענעראַל קופּריאַנאָוו קיין אַלטשטאַט. דאָרט האָט ער, אַגעוו, געבעטן פאַר סעבאַסטיאַנען אַ פּאַסיר־שײַן צו דער מײַרעוודיקער זאָנע. קופּריאַנאָוו וויל טכילעס אַפילע ניט הערן דערפון. נאָך דער געשיכטע מיט ווילדאַפּפלען, איז ער פול מיט אומצוטרוי צו אַלע פּראָפעסאָרן אַף דער וועלט. נאָר לובענצאָוו פאַרטיידיקט היים זײַן שטאַנדפּונקט און זאָגט, אַז מען טאָר ניט שטערן אַן אָרנטלעכן מענטשן עפּעס טאָן אַפן סמאַך דערפון וואָס אַן אומאָרנטלעכער האָט געהאַנדלט שלעכט. ער דערציילט קופּריאַנאָוון וועגן זײַן געשפּרעך מיט סעבאַסטיאַנען און אויך וועגן דעם, אַז זײַן טאָכטער בלײַבט. קופּריאַנאָוו נעמט זיך וואַקלען און צום סאָף איז ער מאַסקים. לובענצאָוו בעט אים פערזענלעך אָנקלינגען צום פּראָפעסאָר און אים זאָגן, אַז ער האָט ניט קעגן דעם סעבאַסטיאַן זאָל אַוועקגיין פון זײַן אַמט אַלס

לאַנדראַט, און אויך ניט קענן זײַן רײַזע צום זון אַף אַ וואָך צײַט. דער איבערזעצער, וואָס גיט דאָס אַלץ איבער סעבאַסטיאַנען אין טעלעפֿאָן, גיט צו אונטער קופּריאַנאָווס דיקטירונג, אַז דער אוניווערזיטעט וואַרט מיט אומגעדולד אַפֿן פּראָפֿעסאָרס צוריקקער און דעם אָנהייב קורס זײַנעם פֿון בעמיע: דעם קורס דאַרף דער פּראָפֿעסאָר לייענען פֿאַר די נײַע סטודענטן — דײַטשע יוגנט פֿון די ברייטסטע דעמאָקראַטישע שיכטן.

סעבאַסטיאַנס דאַנק־ווערטער ווערן טייקעף איבערגעגעבן דורכן איבערזעצער דעם גענעראַל. די ווערטער, פֿול מיט די רירנדיקסטע אויסדרוקן, ווערן אַרויסגערעדט, קענטיק, פֿון האַרצן. קופּריאַנאָוו איז שוין אינגאַנצן באַרויִקט און בורטשעט אַרויס:

— אָך, לובענצאָוו, וועסט מיך נאָך אַ מאָל צום טריבונאַל ברענגען.

ווען לובענצאָוו קומט פֿון אַלטשטאַט און דערוויסט זיך די לעצטע נײַעס וועגן דער „מאַלינע” (דאָס וואָרט איז, פֿון וואָראָנינס לײַכטער האַנט, געוואָרן קאָנווענציאָנעל פֿאַרן איניען מערקער), פֿאָרט ער טייקעף אין דער פּאָליציי אינאײנעם מיט זײַן פּאַרטרעטער.

— דעם מענטשן האָט מען אומפֿאַרזאַמט געדאַרפֿט אַרעסטירן, — זאָגט לובענצאָוו צו די פּאָליציי־באַאַמטע. — אַפֿילע אַפֿן ווײַטסטן כשאַד. דאָ האָט איר אַ היבשן פֿעלער געמאַכט, מײַנע הערן. און עס איז ביכלאַל ניט פֿאַרשטענדלעך ווי קען ער זיך אויסבאַהאַלטן אין שטאָט. ווען די פּאָליציי וואָלט גוט געאַרבעט, וואָלט אַזאַ מענטש זיך ניט געקענט אויסבאַהאַלטן. ווּ איז אײַער מאַסן־באַזע? ווּ איז די שטיצע פֿון דער באַפֿעלקערונג? מיינט איר טאַקע אַז די פּאָליציי קען אויסקומען מיט בלויז אייגענע קויכעס? ניין, כאַווײרים, אַנטשולדיקט — מײַנע הערן... נאָר, גענוג. וואָס דענקט איר מיקויעך אַ הויז־זוכונג בײַ מערקערן? אַ אומגעריכטע הויז־זוכונג? ער זאָל נאָר ניט מערקן, אַז מען האַלט אַף אים אַן אויג. דעמאָלט וועט עס ווערן אַ סאַך שווערער.

נאָך איידער לובענצאָוו מיט קאַסאַטקינען האָבן באַוויזן צוריקצוקומען אין דער קאָמענדאַטור, איז שוין יאָסט צוגעפֿאָרן אַהין און אַ דערשטוינטער צענעמט ער די הענט און, ווי ער וואָלט זיך אַנטשולדיקט, מעלדעט ער, אַז זיי האָבן זיך שוין געקליבן מאַכן די הויז־זוכונג, ווי צוגעפֿאָרן איז צו מערקערס הויז אין אַן אויטאָ דער אָפֿיציר פֿון דער קאָמענדאַטור קאַפּיטאַן וואָראָבייטשעוו. ער האָט זיך דאָרט געזאַמט אַ שאָ צײַט און איז אַרויסגעקומען, מיט אַ וואַליזע אין דער האַנט. אונטן האָט ער זיך אַרײַנגעזעצט אין זײַן אויטאָ — אַ נײַער ספּאָרטיווער „נעש”, וואָס ער האָט אים די טעג פֿאַררעגיסטרירט אין דער פּאָליציי, — און איז אַוועק. אַגעוו, איז די רעגיסטראַציע אַ ניט געזעצלעכע, וואָרעם סאָוועטישע מיליטער־באַאַמטע דאַרפֿן רעגיסטרירן זייערע אויטאָמאָבילן אין די אָרגאַנען פֿון דער סאָוועטישער פֿאַרוואַלטונג, און ניט אין דער דײַטשער פּאָליציי.

— מען האָט באַדאַרפֿט מאַכן די הויז־זוכונג, — זאָגט לובענצאָוו, און גיט אַ מאַך פֿאַרדראָסיק מיט דער האַנט.

— און מערקערן וואָס? — פֿרעגט יאָסט, — אַרעסטירן?

— אַרעסטירן זאָגט קאַסאַטקין.

— און עפּשער וועט נאָך דער פֿאַרשווין מיט דעם רויטן פּאָנעם אַהין צוריקקומען? — קלערט איבער יאָסט.

— זאָל זײַן, מירן צוּוואַרטן נאָך אַ פּאָר שאָ, ביז שפּעט אין אָוונט. עלף אַזייגער נעמט זיך צו דער אַרבעט. איך וועל אײַך צושיקן עטלעכע זעלנער

מיט אויטאָמאַטן. און וואָראָנין וועט זײַן מיט זיי. אום עלף איז געמאַכט געוואָרן די הויז־זוכונג און מען האָט אַרעסטירט מערקערן מיט דעם ווײַב און איינע אַ פרײַלן. בעיִס דער זוכונג האָט מען געפֿונען עטלעכע טויזנט אַמעריקאַנער דאָלאַרן, אַ סאַך ווערט זאַכן, שפּײַז־פּראָדוקטן און אַנדערע סכוירעס, דרײַ אַמעריקאַנער פּאַסיר־שײַנען אַף דער מײַרעוו־זאָגע מיט לײַדיקן פּלאַץ פֿאַר די נעמען, אַ פּלאַן פֿון דער שטאָט לויטערבורג, מיט צײַכעמלעך אַף די ערטער, ווו עס געפֿינען זיך די סאָוועטישע וואַך־פּאָסטנס; אַף דער צווייטער זײַט פֿון דעם פּלאַן — אַ צעטל באַזעצטע פּונקטן, ווו עס געפֿינען זיך די סאָוועטישע גאַרניזאָנען, מיט צושריפֿטן: „מעגלעך, אַ רעגימענט־שטאַב“, „מעגלעך, אַ רעגימענט“, „מעגלעך, דער שטאַב פֿון דער דיוויזיע“, „אַרטילעריע־טייל“ און אַזוי ווײַטער. צווישן אַנדערע פּאַפּירן האָט מען געפֿונען לובענצאָוום אַ גרויסע פֿאָטאָגראַפֿיע, פֿון אַ ליבהאָבער געמאַכט, און הינטן קורץ זײַנע סימאָנים.

איינצײַטיק מיט מערקערן, האָט מען אין פֿאַרשידענע טיילן שטאָט אַרעסטירט אייניקע פֿון זײַנע אַרײַנגייער, צווישן זיי דעם גוטבאַזיצער אַרענסבורג, וואָס פּאָליציי זוכט אים שוין פֿון לאַנג.

די פּאַפּירן וואָס מען האָט פֿאַרנומען בײַ מערקערן בעיִס דער הויז־זוכונג, האָט מען געבראַכט אין דער קאָמענדאַטור. לובענצאָוו, קאַסאַטקין, יאַוואָרסקי און קסעניאַ זעצן זיך אַוועק זיי איבערקוקן. דעם וואַכט־אָפֿיציר האָט מען פֿאַרזאָגט קיינעם ניט אַרײַנצולאָזן אין קאַבינעט. לובענצאָוו, פֿאַרטאָן אין לייענען די פּאַפּירן, דערהערט דאָך ווי קאַסאַטקין שפּאַרט אָפּ אַ ביסל די טיר און הייסט דעם וואַכט־אָפֿיציר צושיקן אַהין צוויי זעלנער מיט אויטאָמאַטן און דעם קאָמאַנדיר פֿון דער קאָמענדאַנטישער מיליטער־אָפּטיילונג.

— צו וואָס דאַרפֿט איר זיי? — הייבט לובענצאָוו אויף די אויגן אַף קאַסאַטקינען.

קאַסאַטקין דרייט זיך אויס צו אים מיטן פּנים, פֿאַרמאַכט שטיל די טיר, און ווען ער קומט צו צום טיש, זאָגט ער:

— אַרעסטירן וואָראָבייצעוון.

— איך מיין, אַז מען דאַרף זיך ניט אײַלן, — זאָגט לובענצאָוו און הייבט זיך אויף. — ניין, ניין, איוואַן מיטראָפֿאַנאָוויטש. לאָמיר נישט באַגיין קיין אומבאַטראַכטע שריט. מירן אים רופֿן, זיך דורכריידן, אויפֿקלערן. וואָראָבייצעוו פֿלעגט פֿאָשעט דורך דעם לומפּ עפּעס אויסגעפֿינען פֿאַר זיך, אַן אויטאָמאָביל, אַ פֿאָטאָגראַפֿישן אַפּאַראַט און ווײַס מיסטאָמע ניט סאַראַ פֿויגל דער מערקער איז. איר דענקט דאָך ניט, אַז וואָראָבייצעוו איז אַ סוינע. אָדער איר מיינט אַז יאָ?

— מען דאַרף אים אַרעסטירן, — זאָגט קאַסאַטקין.

— מען דאַרף זיך פֿונאַנדערקלײַבן, — ענטפֿערט לובענצאָוו. — יאַוואָרסקי, זאָגט דעם וואַכט־אָפֿיציר מען זאָל רופֿן אַהער וואָראָבייצעוון.

יאַוואָרסקי גייט אַרויס און קומט טייקעף צוריק.

אין צימער הערשט אַ שטילשווײַגן, וואָס ווערט געשטערט בלויז מיט דעם פּאַפּיר־שורשען.

— איך בין אין דער פּאַרטיי נישט דעם ערשטן יאָר, — הייבט אויף קאַסאַטקין ניט נאַטירלעך זײַן קאָל. — איך בין געווען אין דער פּאַרטיי דעמאָלט ווען איר זײַט נאָך געווען אַ פּיאָנער. איך פֿאָדער איר זאָלט זיך רעכענען מיט מײַן מיינונג. איר זײַט צו זעלבסטזיכער און איר מיינט אַז איר

פֿאַרשטייט מער פֿון אַלעמען.

לובענצאָוו פּאַנעם ווערט רויט, דערנאָך בלייך, נאָר ער רופֿט זיך אָן קימאַט ווייך:

— אַזוינע זאַכן איז גלײַכער צו זאָגן ווען מען איז אַליין.

— יאָ, יאָ, — מורמלט אַרויס קאַסאַטקין און גייט צו צום פֿענצטער.

קסעניאַ הייבט זיך אויף און גייט אַרויס פֿונעם צימער. יאַוואָרסקי נעמט שוויצן, ווערט רויט, הייבט זיך אויך אויף אַף אַרויסצוגיין, נאָר לובענצאָוו האַלט אים אָפּ.

— נו, רעדט, רעדט איצטער, — זאָגט לובענצאָוו. — איך בין גרייט אויסצוהערן אַלץ וואָס איר וועט מיר זאָגן. און איך זאָג אײַך אָפּריער, אַז איך וועל אונדזער שמועס באַטראַכטן ניט ווי צווישן אַ נאַטשאַלניק און אַן אונטערגעאָרדנטן, נאָר ווי אַ מיינונגס־בײַט צווישן צוויי פּאַרטיי־כאַווײרים. לייגט אַרויס, דערלאַנגט, גלײַכער זאָגן איידער האַלטן אין זיך. איך הער דאָך איצט צום ערשטן מאָל פֿון אײַך אָט די באַשולדיקונגען. און איך האָב גע־מיינט אַז מיר זײַנען איין האַרץ און איין נעשאָמע.

אין דער טיר באַווײַזט זיך דער קאָפּ פֿונעם וואַכט־אָפֿיציר.

— דער קאָמאַנדיר פֿון דער אָפּטיילונג און די זעלנער מיט די אויטאָמאַטן זײַנען דאָ צו אײַער דיספּאָזיציע! — מעלדעט ער אָפּן הויכן קול און גיט אַ קנאַק מיט די קנאַפּל.

— אָפּשטעלן, — זאָגט לובענצאָוו. — זאָלן זיי גיין אָפּרוען. רופֿט מיר אַרויס וואָראָבייטשוון.

דער וואַכט־אָפֿיציר פֿאַרשווינדט.

— איר מוזט זיך רעכענען מיט דער מיינונג פֿון אַנדערע כאַווײרים, — זאָגט קאַסאַטקין שוין שטילער. — איר דאַרפֿט ניט מיינען אַז פֿאַר אײַך איז אַלץ אַנטפּלעקט, אַז אַלץ ווייסט איר...

לובענצאָוו הערט און וויגט מיטן קאָפּ, פֿול מיט אויפֿריכטיקער פֿאַרוווּנ־דערונג, מיט מער פֿאַרוווּנדערונג ווי באַליידיקונג וואָס ער פֿילט זייער שטאַרק, און ער, האַלט די גאַנצע צײַט, אַז ער באַראָט זיך אין אַלע פֿראַגן מיט קאַסאַטקינען, ער טוט קימאַט קיין איין זאַך ניט אָן זײַן ראָט און אַז צווישן זיי עקזיסטירן די ריכטיקסטע אַמטלעכע און כאַווערלעכע, וועלכע נאָר עס קענען זײַן, קעגנזײַטיקע באַציִונגען. זעלטן נאָר, אין עקסטן פֿאַל, ווענדט זיך צו אים לובענצאָוו מיט דעם טאָן פֿון אַ נאַטשאַלניק, ער שטרײַכט שטענדיק אונטער, אַז זייערע אַמטלעכע באַציִונגען זײַנען, נאָך אַלעמען, אַ צופֿעליקייט און אַז מיט דעם זעלביקן דערפֿאָלג וואָלט ער געקענט זײַן קאַ־סאַטקינס אַן אונטערגעאָרדנטער, ווי איצט זײַן נאַטשאַלניק. נאָר איצט טראַכט ער, אַז קאַסאַטקין איז עפּשער גערעכט, עפּשער האָט לובענצאָוו טאַקע ניט געטאָן אַלץ וואָס מען קען, אַף צו שאַפֿן אַ ריכטיקע, אַ כאַווער־לעכע אַטמאָספֿער אין דער קאָמענדאַטור. גרינגער איז צו באַשליסן בײַ זיך, אַז דערפֿון וואָס קאַסאַטקין האָט ניט געפֿילט אַף זיך קיין פֿעסטע האַנט, האָט ער זיך „צעגאַרטלט“, „נעמט זיך איבער מער ווי ער איז“ און אַזוי ווײַטער. נאָר לובענצאָוו, איז לויט זײַן כאַראַקטער גענייגט בײַ אַזעלכע קאָנפֿליקטן, אויסצוזוכן אויך זײַן טייל שולד.

— אויב איר זײַט גערעכט, — זאָגט ער מיט אַ פּאָשעטקייט וואָס אַנטוואָפֿנט יענעם, — הייסט עס, אַז איך בין שולדיק. און איך וועל דאָס אַלץ אַרומטראַכטן. אַלנפֿאַלס, קענט איר זיכער זײַן, אַז איך שעץ אײַך הויך

און אַז אײַער מיינונג איז פאַר מיר שטענדיק געווען פון גרויס וויכטיקייט. ניט שטענדיק אָבער קען איך מיט אײַך מאַסקים זײַן!

קאַסאַטקין מורמלט עפּעס און גייט אַרויס. קסעניאַ, וואָס האָט געוואַרט די גאַנצע צײַט פונעם געשפּרעך אין אויפנאַם־זאַל, גייט ווידער אַרײַן. עס איז שוין שפּעט אין דער נאַכט.

— וואָראָבייצעוו האָט מען אַרויסגערופן? — פרעגט בײַ איר לובענצאָוו.

— מען קען אים אין ערגעץ ניט געפינען, — זאָגט קסעניאַ מיט אַ ניט גוטן שמייכל. — ווי קען מען אים טרעפן בײַנאַכט?

פאַרטאָג קומען פון אַלטשטאַט די אָפיצירן פון דער קעגן־אויסשפּירונג. אינאיינעם מיט קאַסאַטקינען פרעגן זיי אויס דעם גאַנצן טאָג די אַרעסטירטע.

אין אָוונט, ווען זיי קומען צו לובענצאָוון אין קאַבינעט אונטערצייכן די סאַכאַקלען, צעעפנט זיך ברייט די טיר און אויף דער שוועל באַווײַזט זיך דער גענעראַל קופּריאַנאָוו. אַלע שטעלן זיך אויף. ער קומט אַרײַן מיט שנעלע טריט, בלײַבט שטיין אין מיטן צימער, נעמט אַראָפּ דאָס היטל און לייגט עס אַוועק אויפן טיש, און פרעגט:

— ווו איז וואָראָבייצעוו?

— אַקעגן וואָס? — פילט זיך לובענצאָוו פאַרלוירן. — אַרויסרופן אים? — און ער גייט צוויי טראָט צו דער טיר קעדיי צו באַפעלן אַרויסצורופן וואָראָבייצעוון.

— איר דאַרפט זיך ניט מאַטריעך זײַן, — זאָגט דער גענעראַל. ער זיצט שווער אויפן שטול און זעט אויס זייער אַלט. — איר קענט זיך אײַנשפּאָרן די טירכע, — כאַזערט ער איבער. — אײַער וואָראָבייצעוו איז נעכטן אַנטלאָפן. ער האָט פאַרראַטן דאָס פאָטערלאַנד. הײַנט זעכצן אַזייגער האָט ער גערעדט אין דער ראַדיאָ פון פראַנקפורט אַם מײַן. אָט וואָס ער האָט גערעדט, — און דער גענעראַל וואַרפט אַוועק אויפן טיש אַ צעקנייטשט פּאַפּירל.

XII

מיט דורכדרינגלעכער דײַטלעכקייט זעט פאַר זיך לובענצאָוו אין די אויגנבליקן אַלץ וואָס געוויינלעך לויפט עס דורך אומפאַרהאַלטן איבער דער אייבערפלאַך פונעם באַוווּסטזײַן: די דינע קנייטשלעך אויף די פינגער־גלידלעך פונעם גענעראַל קופּריאַנאָווס גרויסע הענט; דעם קוים זיך וויגנדיקן שאָטן פונעם הענגלאָמפּ, אַ געשטערטן אין זײַן רו מיט דעם גענעראַלס שווערע טריט; דאָס קוים צעוויגטע מעשענע בלעכל, וואָס איז מיט אַ געפלאָכטן שטריקעלע צוגעבונדן צום שליסל־רינגל, אַן אַרײַנגעשטעקטן אינעם שלאָס פון דער טונקל־ברוינער מיט שוואַרצע אָדערלעך דורכגעשטראָכענער טיר. אָט די פּלוצים דערשינענע שטוינלעכע שאַרפקייט פון דער ריע, וואָס ווײַזט אים די דריבנע פּראָטים, ראַטעוועט אים, קען מען זאָגן, פון אָנקוקן דאָס גרויסע און שרעקלעכע וואָס איז אָקערשט פאָרגעקומען. אָט די שאַרפקייט פון דער ריע צעשטרײַט זײַן אויפמערקזאַמקייט און לאָזט זי ניט פאַרטיפן זיך אינעם סאַמע איקערדיקן. זײַן האַרץ, קען מען זאָגן, גייט אָפּ מיט דעם בלוט טראָפּנווײַז אָנשטאָט אַ כליאָפּע צו טאָן מיט אַ ניט צוריקקערנדיקן אויגנבליקלעכן שטראָם. ווייניקער ווי אַלץ טראַכט ער אין דעם אויגנבליק וועגן וואָראָבייצעוון ווי וועגן אַ מענטשן מיט וועמען ער איז געווען באַקאַנט,

וואָס האָט געלעבט זײַט בײַ זײַט מיט אים. קיין געדאַנקען וועגן זיך, וועגן זײַן ראָל אין דעם אַלעמען און וועגן אַלע קאָנסעקווענצן קריכן אים נאָך אויך ניט אין קאָפּ אַרײַן. וועגן אַלץ וואָס איז פּאָרגעקומען טראַכט ער אַבסטראַקט, ווי וועגן עפּעס אומגעווייִנלעך מאָנסטערדיקס, אומנאַטירלעכעס און עקלדיקס, וואָס האָט זיך פּלוצים צוגערירט צו אים און האָט אים אַף לאַנג, קען זײַן אַף זײַן אייביק לעבן פּאַרגיפטיקט. טכילעס איז ער גרייט געווען ניט צו גלייבן דערין וואָס האָט פּאַסירט, — צו ווילד האָט עס אויסגעזען בײַ אים אין די אויגן. ער האָט נישט געגלייבט אינעם מעלוכע־פּאַראַט פון דעם מענטשן — ווער ער זאָל ניט זײַן — ווי מען גלייבט נישט אינעם טויט פון נאָנטע מענטשן. זאָל דער מענטש — ווער ער זאָל נישט זײַן — האָבן געווען גאָר קיין מענטש נישט, נאָר אַ זשאַבע, נאָר אַפילע פון אַ זשאַבע איז זיך ניט צו ריכטן זי זאָל נעמען בילן הינטיש. יאָ, דאָס איז שרעקלעך דערמיט וואָס דאָס איז קעגן דער נאַטור, קעגן דעם סייכל, קעגן יעדער מעגלעכקייט. ער האָט טכילעס אַזוי ניט געגלייבט אין דער וואָר פון דעם געשעענעם, אַז ער האָט אַן אויגנבליק געגלויבט, אַז אָט וועט זיך עפּענען די טיר און יענער וועט אַרײַנקומען — און אַלץ איז ניט מער ווי דעליריום. אָט דאָס וואָלט געווען בעעמעס וואָר, בעעמעס אַזויווי דאָס דאַרף זײַן. אים איז אַף אַן אויגנבליק געקומען אַפן זינען דער אומנאָרמאַלער געדאַנק, אַז ווען ער פּאַרמאַכט אַ ווײַלע די אויגן און גייט איבער אַלע הײַזער אַפן שטאָטפּלאַץ און טאַפּט די לופט ווי אַ בלינדער, וואָלט ער זיך אָנגעשלאָגן, עס איז אוממעגלעך ניט אָנצושלאָגן זיך אַף דעם וואָס איז אַנטלאָפן, — אַנטלאָפן דעמאָלט ווען זײַן אידענטיטעטס־בלאַט מיט דעם פאָטאָגראַפישן בילדל און דער אַנקעטע ליגט אין דער פּײַער־קאַסע צווישן אַנדערע אידענטיטעטס־בלעטער און אַנקעטעס.

אַלס טעטיקע נאַטור פון העכסטן גראַד, וויל לובענצאָוו עפּעס טאָן, עפּעס אונטערנעמען, און דער שרעק דערפון וואָס מען קען גאָרנישט ניט טאָן, גאָרניט ניט אונטערנעמען, צעטרייסלט אים ביז דער טיפעניש.

נאָר די אויגן זײַנע זעען אַלץ וואָס אַרום מיט דער זעלביקער שטויגלעכער דײַטלעכקייט. און די ווערטער וואָס ווערן גערעדט אַרום אים, און די ווערטער וואָס ער אַליין רעדט, — און ער רעדט דאָך פון דעסטוועגן און דערבײַ מיט אַ גאַנץ רויִקן קאָל, — נעמט ער אויך אויף מיט אומגעווייִנלעכער קלאָרקייט. זײַן אויער כאַפּט אויף ניט נאָר דאָס וואָס מען רעדט, נאָר אויך דאָס וואָס שטייט הינטער די אַלע ווערטער, וואָס עס ווערט פאַרשטאַנען הינטער זיי, און ער ווייס אַפילע וועלכע ווערטער קומען נאָכדעם.

עפּעס דאַרף מען טאָן; זאָל זײַן דאָס אויגנשײַנלעכע פון דער טאַט. אינאיינעם מיט די קאָנטר־אויספּירערס און קאַסאַטקינען, זעצט זיך לובענצאָוו אַרײַן אינעם אויטאָמאָביל און פירט זיי אין דעם הויז וווּ וואָראָבייצעוו האָט געוווינט. זיי גייען אַרויף די טרעפּ. די טיר, וואָס הינטער איר האָט פריער געוווינט וואָראָבייצעוו איז פאַרשלאָסן. נאָך די שליסלען צום באַלעבאָס פון דער דירע האָט מען באַשלאָסן ניט גיין, און לובענצאָוו שפּאַרט אָן אינאייִנעם מיט די אַנדערע אַף דער טיר און רײַסט אָפּ דעם שלאָס.

די טיר עפנט זיך און עס גיט אַ זעץ אַלעמען אין דער נאָז אַ פאַרשטיקטע, פאַרזײַערטע, שווערע לופט, אַזאַ עקלדיקע ווי אַלץ וואָס האָט פּאַסירט. און לובענצאָוו דאַכט זיך, אַז דאָ איז שטענדיק געשטאַנען אַזאַ לופט, וואָרעם יענער מענטש האָט אין קיין אַנדער לופט נישט געקענט ווײַנען. ער איז אומגעגאַנגען, יענער מענטש, צווישן אַלעמען און האָט זיך געפילט אין

דער לופט מיט וועלכער אַלע אָטעמען, אַזוי שלעכט, ווי אַ פיש אַפן זאַמד און ער פלעגט זיך מיסטאָמע בײַ דער ערשטער מעגלעכקייט ראַטעווען דאָ אין דעם טונקעלן צימער, וואָס איז פול מיט דער לופט, מיט וועלכער ער האָט געקענט אָטעמען באַקוועם.

דערקלערט האָט זיך עס דערמיט וואָס וואָראָבייצעוו האָט אינעם צימער פאַרשפּאַרט אַ הונט, דעם גרויסן גאַוועדדיקן „באָקסער", וואָס האָט גענומען דרייען מיטן קוצע עק, ווי נאָר ער האָט דערהערט מענטשן גיין. אין דער צײַט וואָס די איבעריקע פירן דורך די הויז־זוכונג, קוקט לובענצאָוו אינעם הונטס אויסגעשטאַרצטע אויגן, ווי ער וואָלט וועלן איבערלייענען דעם עמעס וועגן דעם מענטשן וואָס האָט דאָ געוווינט. און לובענצאָוו פילט אַ נאָרישן נאָר שטאַרקן פאַרלאַנג, אַז דער הונט זאָל קענען רײדן און דערציילן, אויפקלערן ווי דאָס אַלץ האָט געקענט געשען.

אַ קאַלטע פאַרטעמפּונג כאַפּט אַרום לובענצאָוון, וואָס דערמאָנט אים אַ פּאַראַליז, — אַזוי אומזיניק, דאַכט זיך אים, איז צו רירן מיט אַ האַנט אָדער מיט אַ פוס. ער שטייט, אַ צוגעשפּאַרטער צו דער וואַנט און קוקט מיט ניט זעענדיקע אויגן אויף די מענטשן, וואָס רוקן אַרויס און רוקן אַרײַן שופלעדלעך, עפענען און פאַרמאַכן די טירלעך פון די שאַפעס, וואַרפן אַרויס אויף דער ערד פלעשעלעך און שמאַטעס, אַלבאָמען און לעדער אײַנגעבונדענע. ער קוקט גלײַכגילטיק אויף דעם אַלעמען, נאָר ערגעץ אין האַרצן וווּנדערט ער זיך אויף דער מאַסע זאַכן קיינעם ניט נייטיקע, נאָר קענטיק אָנגעקליבענע אין זייער צײַט מיט ליבע און פלײַס, מיט זאַך־קענטעניש און מיט קימאַט קאָלעקציאָניסטישער לײַדנשאַפט.

די הויז־זוכונג איז פאַרענדיקט, די מענטשן גייען אַרײַן אין וואַשטיבל און וואַשן זיך דאָרט לאַנג די הענט, דערנאָך קומען זיי אַרויס, זעצן זיך אַוועק און פאַררויכערן. איין לובענצאָוו זעצט זיך ניט אַוועק; עס דאַכט זיך אים אוממעגלעך אַוועקצוזעצן אויף אַ שטול, אויף וועלכן עס איז נעכטן נאָך עפּעער געזעסן יענער.

— קיין שום באַזונדערע זאַכן? — פרעגט ער.

— ניין, קיין שום באַזונדערס ניט, — ענטפערט איינער פון די אָפיצירן. — זאַכן אַ סאַך אָנגעכאַפּט. מענערישע, ווײַבערישע, אַלערליי.

— אַלץ איבערגעלאָזט, — רופט זיך אָן אַ צווייטער אָפיציר פונעם צווייטן ווינקל צימער. — קענטיק, אַוועקגעפירט מיט זיך דאָס סאַמע נייטיקסטע.

— האָט שטאַרק געטרונקען, — זאָגט דער דריטער, וואָס זיצט אין מיטן צימער בײַם טיש.

יאָ, אומעטום וואַלגערן זיך לידיקע פלעשער, ניט ווייניקער ווי אַ מיע, פון אַלערליי פאָרמען און מיט אַלערליי עטיקעטן. זנוס־קאַרטלעך, שענדלעכע שפּילכלעך ליגן דאָ און דאָרט.

לובענצאָוו טרייסלט אָפּ פון זיך די פאַרטעמפּונג און גייט אַרויס, זעצט זיך אַרײַן אינעם אויטאָמאָביל און פאָרט צו דער קאָמענדאַטור. אַרום איז שטאָק פינצטערע נאַכט, אָן איין שײַן אַפן הימל. די שטאָט שלאָפט מיט שטאַרקן פאַרטאָגיקן שלאָף, און לובענצאָוו, וואָס הערט ניט אויף טראַכטן דערפון, באַפאַלט אַ בושע פאַר דער שטאָט און פאַר אירע אײַנוווינער, ער שעמט זיך דערמיט וואָס עס איז געשען אינעם הויז אַפן שטאָט־פּלאַץ. ער קרעכצט ווי פון אַ פיזישן ווייטיק, נאָר ער דערמאָנט זיך אָן דעם שאָפער און גיט אַ פּאָר מאָל אַ אומנאַטירלעכן הוסט.

עס קלעקט אים נאָך, פון דעסט וועגן, קויעך צו מעלדן וועגן די רעזולטאַטן פון דער הויז־זוכונג דעם גענעראַל קופּריאַנאָוו, וואָס איז נאָך אַלץ ניט אוועקגעפאָרן און זיצט נאָך אַלץ אינעם לעדערנעם מאַנטל בא לובענצאָוון אינעם קאַבינעט. קופּריאַנאָוו הערט אויס דעם באַריכט, הייבט זיך אויף, געזעגנט זיך טרוקן און פאָרט אַוועק.

אָפּן סאָף בלײַבט לובענצאָוו אַליין. און ערשט אין דער איינזאַמקייט דערפילט ער מיטן גאַנצן קויעך די טיפקייט פון זײַן שאַנד. ער האָט זיך נאָך קיינמאָל נישט געפילט אַזוי טיף אומגליקלעך.

ער זיצט אַזוי אַ האַלבע שאָ צײַט און הייסט זיך אַרויסרופן דעם וואַכטאָפיציר ער זאָל אים ברענגען אַלע אידענטיטעט־בויגנס פון די קאָמענדאַטור־אָפיצירן. ביז מען וועט אַרויסרופן דעם אָפיציר וואָס פירט אָן מיט דער געהיימער טייל, ווילט זיך לובענצאָוון אַראָפּגיין צו די זעלנער. ער גיט זיך קיין כעשבן ניט אָפּ פון וואַנען עס קומט צו אים אָט דער פאַרלאַנג. אונטן קומט ער טײַקעף אַרײַן אינעם גרויסן צימער וואָס דינט די זעלנער פאַר אַ קלוב. קיינער איז דאָרט, פאַרשטייט זיך, נישטאָ. ער מאַכט ליכטיק. אַלץ איז דאָ אין מוסטערהאַפטער אָרדענונג. רוסישע ביכער, בראָשורן און רעגלאַמענטן אין גלעזערנע שראַנקען. אַ פרישע, אין דער פרי ערשט אַרויסגעלאָזטע צײַטונג „באַיעוואָי ליסטאָק" (שלאַכט־בלאַט), די באַפעלן־ברעט. פּלאַקאַטן מיט צייכענונגען פון טיילן שיס־געווער. גרויסע פּאָרטרעטן פון די פירער און קלענערע פּאָרטרעטן — פון רוסישע שרײַבער. די גאַנצע געוויינלעכע אויסשטאַטונג פון אַ קליינעם נאָר גוט אײַנגעאָרדנטן רויט־אַרמייִשן קלוב ברענגט אַרײַן אין לובענצאָווס האַרצן נאָך מער צערודערונג, מאַכמעם דעם וואָס דער קאָנטראַסט פון אָט דעם רויִקן און ווערדיקן לעבנס־שטייגער פון די מענטשן און דעם וואָס ער האָט זיך הײַנט אָנגעטראָפן איז ביז אוממעגלעכקייט איבערראַשנדיק.

ער הערט ריידן הינטער דער וואַנט און בלײַבט שטיין באַם אַרײַנגאַנג אינעם וואַכט־צימער, וואָס איז באַלויכטן מיט דער טונקעלער שײַן פון אַ טיש־לאָמפּ. דאָ זיצן עטלעכע זעלנער וואָס גרייטן זיך בײַטן די וועכטער אָף די פּאָסטנס. איינער דערציילט פון אַ בריוו וואָס ער האָט באַקומען פון וועליקיע לוקי, פון וואַנען ער שטאַמט. אַ צווייטער זידלט די פאַרוואַלטונג פון זײַן קאָלכאָז אין דניעפּראָפּעטראָווסקער ראַיאָן, וואָס האָט נישט באַוויזן אַראָפּצונעמען די קאַרטאָפל אין צײַט און זיי זײַנען אַזוי טאַקע פאַרבליבן ליגן אונטערן שניי. אַ צווייטער זאָגט אַרויס זײַן מיינונג, אַז איצט, ווען די דעמאָביליזירטע וועלן אַהיימקומען וועט עס אומעטום נעמען גיין בעסער.

דערנאָך רעדט דער סערזשאַנט ווערעטעניקאָוו. ער דערציילט וועגן דער רײַזע וואָס זיי האָבן געמאַכט, ער און נאָך פינף זעלנער פון ווײַסרוסלאַנד ביז אַהער אָפּן האַרץ־געביט. ער רעדט ניט געאײַלט און בילדעריש און פון זײַן דערציילן טראָגט זיך די לופט פון די גרויסע וועגן און דער רייעך פון מאָך און פון זון.

איין מאָל נאָר האָבן מיר איבערגעטראָטן די דיסציפּלין אין פּוילן, — זאָגט ער, נאָך אַ ווײַלע שווײַגן. מיר האָבן געדאַרפט וואָס גיכער אָניאָגן אונדזער מיליטערישע טייל, און מיר האָבן זיך אָפּגעשטעלט אין אַ דערפל. עטלעכע טעג האָבן מיר דאָרט פאַרבראַכט, יאָ... אַ שטיבל געבויט.. מיר זײַנען ביכלאַל שוין ניט געווען קיין זעלנער, נאָר גאַנץ פרײַע מענטשן,, מיר האָבן געטאָן וואָס מיר האָבן געוואָלט.

לובענצאָוו טרעט אָפּ פון דער טיר און גייט צוריק אַרויף. דאָ בלאָנקעט

ער אום איבער די ליידיקע צימערן, דערנאָך גייט ער אַרײַן צו זיך אין קאַבינעט. אױפֿן טיש בײַ אים ליגט שוין אַ באַרג מיט טעקעס. ער נעמט זיי איבערקלײַבן, ער זוכט יענע טעקע. אים שטעלט זיך פֿאָר, אַז יענע טעקע איז גאָר נישטאָ, אויב עס איז נישטאָ דער מענטש וועגן וועמען זי איז צוזאַמענגעשטעלט.

נאָר די טעקע איז דאָ און טיילט זיך מיט גאָרניט ניט אויס פֿון די איבעריקע טעקעס.

לובענצאָוו קוקט איבער און לייענט איבער זייער לאַנג וואָראָבייצעוס אידענטיטעט־בויגן. ער לייענט און וווּנדערט זיך אַף דער פֿאָרמעלקייט ווי די אַנקעטע איז צוזאַמענגעשטעלט און ווי זי זאָגט אַבסאָלוט גאָרניט. זי פֿיקסירט די דרויסנדיקע לעבנס־באַדינגונגען פֿון דעם מענטשן, נאָר וועגן סאַמע וויכטיקסטן, וועגן סאַמע באַהאַלטנסטן שווײַגט זי, ווי טויב־שטומע. נאָך מער, מיט איר עקזיסטענץ גופֿא, שלעפּערט זי אײַן די וואַכזאַמקייט, באַרויִקט, וואַרפֿט אָן אַ דרעמל, ווי זי וואָלט געגעבן אָנצוהערן, אַז דער מענטש וועגן וועלכן זי רעדט גייט גאָרניט אום אַף דער ערד, ער שטייט זיך אַ גלאַטפּאַפּירענער, אַ שטילינקער, אין דער פֿײַער־קאַסע צווישן אַנדערע אַזעלכע.

לובענצאָוו באַמיט זיך דערמאָנען זײַן ערשטע באַגעגעניש מיט וואָראָבייצעוון און זײַנע ווײַטערדיקע אײַנדרוקן וועגן אים. יאָ, ס'איז גאָר קיין ספֿעק ניט, אַז וואָראָבייצעוו האָט בײַ דער ערשטער באַקאַנטשאַפֿט און ווײַטער געמאַכט אַף לובענצאָוון אַ ניט אָנגענעמען אײַנדרוק. נאָר ער האָט זיך דאָך ניט באַמיט זײַן אײַנדרוק צו קאָנטראָלירן, נעענטער זיך צוצוקוקן צו וואָראָבייצעוון. ער האָט געגלויבט דער אַנקעטע, ווי אַלטע לײַט גלייבן אין גאָט.

פֿאַראַן זײַנען דאָ גאַנצע זעקס כאַראַקטעריזירונגען פֿון וואָראָבייצעוון, אונטערגעשריבן פֿון פֿאַרשידענע נאַטשאַלניקעס. לובענצאָוו ווערט רויט ווען ער לייענט די כאַראַקטעריזירונגען, וואָרט בײַ וואָרט, גאָרניט זאָגנדיקע פּוסטע ווערטער: „ענערגיש, פֿלײַסיק, צוגעפּאַסט צו זײַן אַמט". אַ צווייטע מערקט אָן טיפּזיניק: „ניט פֿרײַ פֿון פּערזענלעכע פֿעלערן, נאָר צו זײַן אַמט פּאַסיק". „מאָראַליש אויסגעהאַלטן", — שרײַבט אַ דריטער.

די לעצטע כאַראַקטעריסטיק איז אונטערגעשריבן ניט פֿון קיינעם אַן אַנדערן, ווי פֿון אים, לובענצאָוון. אויך אַזאַ נעבעכדיקע, גאָרניט זאָגנדיקע געשרײַבעכץ, ווי די פֿריערדיקע. עמעס, פֿאַראַן דאָ ווערטער וועגן דעם, אַז וואָראָבייצעוו לײַדט אַף אינדיווידואַליזם און איז גראָב און זעלבסטזיכער. נאָר אויך דאָ זײַנען פֿאַראַן פֿאָרמעלע און ניט פֿאַראַנטוואָרטלעכע ווערטער וועגן דעם, אַז ער איז איבערגעגעבן דער אַלגעמיינער זאַך, צום פֿאַרנומענעם אַמט פּאַסיק.

לובענצאָוו קלינגט אָן און הייסט דעם וואַכט־אָפֿיציר צונעמען די טעקעס. ווידער אַליין, נעמט ער קוקן דורכן פֿענצטער, ווו עס הערשט ווי פֿריער אַ אומדורכדרינגלעכע פֿינצטערניש. דערנאָך פֿאַלט זײַן בליק אױפֿן טיש, ניט אױפֿן שרײַבטיש, נאָר אױפֿן לאַנגן טיש וואָס איז צו אים צוגעשטעלט, אַ באַדעקטן מיט אַ גרינעם טישטעך. אױפֿן טיש, לעבן דעם ליידיקן גראַפֿין ליגט אַ פֿאַרקנייטשט פּאַפּירל. לובענצאָוו נעמט דערפֿון דאָס אויג ניט אַראָפּ, ער שטייט אויף און גייט צו, נעמט עס, גלעט עס אויס און לייענט.

וואָראָבייצעוו, דער נידערטרעכטיקער פּאַיאַץ רעדט מיט הויכקלינגענדיקע ווערטער און ניט געקוקט דערויף וואָס ער געפֿינט זיך ערשט איין טאָג אויסער די רייען פֿון דער רוסישער אַרמיי, דריקט ער זיך שוין אויס גאָרניט

רוסיש, נאר מיט אזעלכע מאדנע פראזן, ווי איבערגעזעצטע פון א פרעמדער שפראך. עס טראגט זיך פון דעם פאפירל דער טוכלער, זוויערער, עקלדיקער רייעך, דער רייעך פון פארראט, ווי דער וואס איז באפאלן לובענצאוון בא וואראבייציעוון אין דער וווינונג. וואראבייציעוו זאגט, אז ער זוכט פאליטישן שוץ, ווייל צוליב פאליטישע מיינונגס-פארשידנקייטן מיט דער קאמוניסטישער פארטיי און מיט דער סאוועטישער רעגירונג איז ער אוועק פון דער סאוועטישער זאנע. דאס וואלט געווען צום לאכן, ווען עס וואלט ניט געווען אין דער מאטיווירונג פון דער איבערלויפונג אזוי פיל נידערטרעכטיקייט. וואראבייציעוו דערקלערט, אז ער איז אנטלאפן דערפאר וואס אין רוסלאנד איז קיין פרייהייט נישטא; אז אין די העכערע שולן נעמט מען אריין נאר קאמוניסטן און קאמיוגיסטן; אז אלע באקומען דארט בלויז א העלפט פונעם ארבעטס-לוין, און די אנדערע העלפט גייט פאר דער „געפעו"; אז דער קלארסטער באווייז פון דער קנעכטשאפט, וואס איז פאראן אינעם ראטנפארבאנד איז דאס וואס דער קאמענדאנט פון דער שטאט לויטערבורג האט קאטעגאריש באפוילן אלע אפיצירן טייקעף כאסענע צו האבן; אז די סאוועטישע מאכט אין דייטשלאנד האט באשלאסן צו ארעסטירן אלע לערערס; אז די סאוועטישע זעלנער נעמען צו די אויטאמאבילן בא דער דייטשער אינטעליגענץ; אז די סאוועטישע מאכט העלפט זיי דערצו דערמיט וואס זי נעמט ניט אן קיין שום מיטלען דערצו.

לובענצאוו ענדיקט לייענען דאס פאפירל און נעמט אומגיין איבערן צימער קעדיי די געדאנקען צוזאמענצונעמען.

ער קען זיך נאך אלץ ניט גלייבן, אז יענער האט אט דא געגעסן, געטרונקען, אומגעשפאנט, איבער אט די פארקעט-ברעטלעך, פון דער טיר צום טיש, און פונעם טיש צו דער טיר, איבער די זעלביקע פארקעט-ברעטלעך, אז ער איז געזעסן אף אט דעם דיוואן, האט זיך בארימט ,געשמועסט, קורץ, האט סימולירט א מענטשן. נאר ווי שווער דאס איז זיך פארצושטעלן, איז עס אזוי געווען, און מען מוז דאס אלץ אפשאצן ניכטער, אויפקלערן די סיבעס.

לובענצאווס מויעך האט נאך קיינמאל ניט געארבעט אזוי אנגעשטרענגט. שווער די געדאנקען צוזאמענעמען, אוועקשטעלן זיי אף זייער ארט, שאפן זיך א קלאר בילד פון דאס געשעענע און זיין ראל אין דעם בילד. ווער איז ער דען, לובענצאוו? א מענטש, וואס האט גארניט געזען, גארניט באמערקט, וואס לעבט זיך געמיטלעך און צופרידן מיט זיך? אדער א געזונטער, נארמאלער מענטש, וואס גלייבט מענטשן, וואס קען זיך ניט פארשטעלן אזא טיפע געפאלנקייט, אף וועלכער א מענטש איז פעיק? דא ערשט פארטראכט זיך לובענצאוו וויאזוי דער פאל מיט וואראבייציעוון קען זיך אפרופן אף זיין לעבן, אף לובענצאווס. יא, אים האט דאס הארץ פארקלעמט, ווייל ער שאצט זייער הויך זיין מיליטערישע רעפוטאציע און שטרעבט זי אויפצוהאלטן ריין. נאר ניט דאס איז איצט דער איקער. וויכטיקער ווי איז זיך אליין אויפצוקלערן דעם גאנג פון דעם געשעענעם.

אין דער היץ פון דעם אומראכמאנעסדיקן יאדען זיך אליין, דערהערט לובענצאוו א שטילן סקריפ פון דער געעפנטער טיר. אין דער טונקלקייט פון דער ראם באווייזט זיך קאסאטקין. ווען ער קומט צו נעענטער צו לובענצאוון דערזעט ער זיין פארכמורעטן אויסגעמאטערטן פאנעם, ער ווערט פול מיט כאראטע און מיטלייד און לובענצאוו זאגט:

— איר זייט גערעכט געווען, איוואן מיטראפאנאוויטש.

נאָר קאַסאַטקין מאַכט אַוועק דעם פּרווו פון האַרציקן דורכשמועסן זיך און זאָגט:

— איך האַלט פאַר נייטיק טייקעף צו אַרעסטירן דעם קאַפּיטאַן טשאַ־באָוו. זיי זײַנען געווען גוטע ברידער, צוזאַמען געקומען אַהער, צוזאַמען די צײַט פאַרבראַכט. פאַראַן אַ ידיעה, אַז טשאַבאָוו פלעגט זײַן בײַ מערקערן אין שטוב צוזאַמען מיט אים... מיט וואָראָבייצעוון און האָט באַקומען בײַ מערקערן אַ מאָטאָציקלעט. אַכוצדעם, זאָגט קאַסאַטקין זייער פעסט און קוקט פאַרבײַ לובענצאָוון, — האַלט איך, אַז דאָס אָפּפאָרן פון פּראָפעסאָר סעבאַסטיאַן איז אונדזערער אַ גרויסער טאָעס. — ער זאָגט „אונדזערער", כאָטש געוואָלט האָט ער, נאַטירלעך, זאָגן „אײַערער". — סעבאַסטיאַן וועט ניט צוריקקומען. פאַראַן ידיעות אַז געווען זײַנען בײַ אים ניט לאַנג צוריק הויכגעשטעלטע אַמעריקאַנער, וואָס האָבן אים אײַנאיינעם מיט דעם זון אײַנגערעדט צו אַנטלויפן אַף מײַרעוו. ווי אַ באַוואָרעניש, האַלט איך פאַר נייטיק צו אַרעסטירן סעבאַסטיאַנס טאָכטער און אַ ריי פּערזאָנען וואָס שטייען מיט איר אין פאַרבינדונג. גענעראַל קופּריאַנאָוו איז מיט מײַן מיי־נונג, איך האָב מיט אים ערשט גערעדט טעלעפאָניש.

ער רעדט שטיל נאָר פעסט, קימאַט מיט אַ טאָן פון אַ נאַטשאַלניק, ווײַל ער רעכנט מיסטאָמע, אַז לובענצאָוו איז באַגאַנגען אַן ערנסטן פעלער און איז אַזוי שולדיק פאַר קאַסאַטקינען, וואָס האָט אַלץ פאָרויסגעזען און אַלץ פאָרויסגעוואָרנט, אַז ער האָט קיין רעכט ניט אים קעגנצורייידן.

— וואָס הייסט עס, מאַיאָר? — פרעגט ער. — איר רעדט דאַכט זיך מיט מיר, ווי איר וואָלט באַקומען אַ באַפעל צו פאַרנעמען מײַן אָרט. בין איך באַזײַטיקט פון דער אַרבעט? פאַרוואָס רעדט איר מיט דעם גענעראַל קופּריאַנאָוו אָן מײַן וויסן, אַף אייגענער איניציאַטיוו? טשאַבאָוו וועט נישט אַרעסטירט ווערן, אַזוי לאַנג איך זיץ דאָ. און קיינער וועט ניט אַרעסטירט ווערן „אויס באַוואָרעניש". איך זע, איר ווײַזט אײַך אַלס אויסערגעוויינלעך אַנטשלאָסענער און פעסטער מענטש. אין דער עמעסן, זײַט איר אַ פּאַניק־מאַכער און אַ פּאָשעטע לעפּטשיכע. וואָס אייגנטלעך איז געשען? אַנטלאָפן איז איינער אַן אויסוווּרף. אַף דעם גרונד הייבט איר אָן כווישעד צו זײַן אַלעמען, פאַלט איר אַרײַן אין פּאַניק. אײַך פעלט, קאַפּיטאַן, רויִקייט און אויסדויער. דאָס איז אַ גרויסער פעלער פאַר אַ קאָמוניסט, און פאַר אַ סאָ־וועטישן אָפיציר.

ער קוקט מער ניט אַף קאַסאַטקינען און פאַרבינדט זיך מיט דעם גע־נעראַל קופּריאַנאָוו. דער גענעראַל, ווײַזט זיך אַרויס, איז אַף זײַן אַמט ניטאָ. די טעלעפאָן־סטאַנציע קלינגט צו אים אַהיים.

— קופּריאַנאָוו באַם טעלעפאָן, — דערהערט זיך דעם גענעראַלס קאָל.

— מיט אײַך רעדט לובענצאָוו. — זאָגט לובענצאָוו און אַפילע אַף אַזאַ ווײַטער שטרעקע כאַפּט ער אויף אינעם איינזילביקן „יאָ" גענעראַל קו־פּריאַנאָווס טרוקנקייט און אומצופרידנקייט. נאָר לובענצאָוו לייגט דערויף קיין אַכט ניט און רעדט פעסט און צודרינגלעך, ער ענטפערט ניט אַף דעם גענעראַלס אומצופרידענע צווישנרופן און אָפּטן פּרווון אים איבערצורײַסן.

— נעמט מיך אַראָפּ פונעם אַמט, — זאָגט ער. — דאָס איז אין אײַער מאַכט. רופט מיך טייקעף אָפּ. נאָר איך וואָרן אײַך, כאָווער גענעראַל, אַז איך קען ניט דערלאָזן מיר זאָלן אין דער פּאַניק באַגיין נאַרישקייטן. פאַר דעם וואָס איך בין שולדיק, וועל איך זײַן פאַראַנטוואָרטלעך, נאָר דער־לויבט מיר אַליין אויפצופּלאָנטערן דעם איניען. נעמט ניט אָן קיין שריט

איבער מײַן קאָפּ, אײדער איר האָט מיך אַראָפּגעזעצט. איך ווײס בעסער די לאַגע אויפֿן אָרט, אײדער ווער עס איז. דערויף בין איך דאָ אוועקגעשטעלט. לאָמיר ניט געבן די סאָנים קײן געלעגנהײט פֿאַר רעכילעס און שפּאָט. איך האָב פֿאַר קײן זאַך ניט מוירע, פֿאַר זיך אַלנפֿאַלס האָב איך קײן מוירע ניט. — איך האָב נאָר מוירע עס זאָל ניט שאַדטן דער גאַנצער זאַך אונדזערער. מיר, אַלנפֿאַלס, גלייבט איר? אָדער אײנער אָן אויסוווּרף צווינגט אײַך פֿאַרלירן דעם צוטרוי צו אַלעמען? און איך האָב צו קײנעם דעם צוטרוי ניט פֿאַרלוירן, און איך וואָלט זיך באַטראַכט פֿאַר אַ נישטיקן און אומגליקלעכן מענטשן, ווען איך זאָל צוליב אים... צוליב וואָראָבײצעוון... אָנגעווירן דעם גלויבן אין אַלע מענטשן בּיכלאַל. אָט ווען דעם, אײגנטלעך, טראַכט איך די גאַנצע צײַט. — זײַן שטים נעמט ציטערן, אומגעריכט פֿאַר אים אַלײן, און ער בלײַבט שטיל. — גוט, — רופֿט ער זיך אָן, צום סאָף, אויפֿן גענעראַלס ווערטער. — איך וועל מאָרגן זײַן בײַ אײַך עלף אַזײגער.

עס ליגט אוועק דאָס טרײבל, ריכטיקער, ער ליגט ניט אוועק, נאָר ער פּרוּווט עס אוועקלײגן, נאָר ער קען ניט אַרײַנטרעפֿן דערמיט אין דער ווילע פֿונעם טעלעפֿאָן. ער פֿאַרשעמט זיך פֿאַר זײַן צעדרודערטקײט און זידלט זיך אַלײן אויס.

— גײט, איר זײַט פֿרײַ, — זאָגט ער צו קאַסאַטקינען.

XIII

אַרום זעקס אין דער פֿרי איז לובענצאָוו אַרײַנגעפֿאַלן אין אַ שווערן שלאָף און נאָך אַנדערהאַלבן שאָ שלאָפֿן, כאַפּט ער זיך אויף אין זײער אַ פֿרײדיקער שטימונג. עס באַלעמט זיך אים עפּעס זײער אָנגענעמס און ווען ער עפֿנט די אויגן געפֿינט ער זיך אין פֿולער פֿאַרגעסנקײט דערפֿון וואָס עס האָט פּאַסירט און ער ליגט און האָט אַ געפֿיל פֿון גליק אָן שום סיבע. דער־נאָך דערמאָנט ער זיך אַלץ און עס נעמט אים דורך אַ אומּמענטשלעכער ווייטיק. דאָך צווינגט ער זיך אײַנצוּוואַשן זיך. ער טראַכט אַ ווײַלע און גײט אַרײַן צו עריקאַ סעבאַסטיאַן.

זי באַגעגנט אים מיט אַ פֿאַרווּנדערונג וואָס זי פּרוּווט גאָרניט אויס־באַהאַלטן.

— איך בין געקומען זען וואָס איר מאַכט, — שמײכלט ער.

— עס פֿרײט מיך, — מורמלט זי, און ווײַל זי איז געוווינט לובענצאָוו זאָל רײדן נאָר וועגן געזעלשאַפֿטלעכע עיניאָנים, נעמט זי אים באַלד דער־צײלן וועגן דער אַרבעט אינעם סעמינאַר און וועגן פֿאַרשידענע קוריאָזן, וואָס האָבן פּאַסירט בעיים די לעקציעס.

— איר זײַט אַ מאָלאַדיעץ, — זאָגט ער איר אין רוסיש. דאָס וואָרט איז איר באַקאַנט און זי צעלאַכט זיך.

— איר זײַט הײַנט גוט געשטימט, — זאָגט זי.

— יאָ, איר זײַט אַ פּסיכאָלאָג, — זאָגט ער. — זײער גוט געשטימט.

— פֿאַרוואָס?

— אָן אַ שום סיבע. טרעפֿט דאָך אַז מען איז גוט געשטימט אָן שום סיבעס.

— עס טרעפֿט, — ענטפֿערט זי ערנסט. — ריכטיקער, מענטשן דאַכט זיך אַז פֿאַראַן. נאָר דאָס איז מיסטאָמע דערפֿאַר וואָס זײ קענען זיך נישט אָנשטויסן אויף זײ. נאָר סיבעס זײַנען פֿאַראַן.

— איר שטייט נאָנט צום מאַרקסיזם, וואָס איז מיט אײַער פאָטער? האָט איר פון אים עפּעס א ידיעה?

— ניין, ער דאַרף קומען אין דרײַ אָדער פיר טעג אַרום. און די בריוו פון מײַרעוו־דײַטשלאַנד וואָלטן סײַ־ווי אָנגעקומען נאָך זײַן צוריקקומען. ביכלאַל, ווערן בײדע טײלן דײַטשלאַנד אַלץ מער אָפּגעפרעמדט אײנע פון דער צווייטער. ווי צוויי באַזונדערע מעלוכעס. דאָס איז דאָך שרעקלעך! און לאַנג וועט עס אַזוי אָנהאַלטן?

— ווער ווייס!

— איז דען עפּעס פאַראַן אַף דער וועלט וואָס איר זאָלט ניט וויסן?

— פאַראַן, און זייער א סאַך.

— און מיר דאַכט זיך אַלץ אַז אַלץ ווייסט איר. און אויב איר ווייסט עפּעס ניט, וועט איר זיך עס טײַקעף דערוויסן.

— איך פּליים זיך, — שמייכלט לובענצאָוו. — יאָ, דאָס איז זייער ניט גוט וואָס דײַטשלאַנד איז איצט צעריסן אַף עטלעכע טײלן. אַזוי באַקומט זיך עס, אַז דער פּראָפעסאָר סעבאַסטיאַן און זײַן טאָכטער לעבן אין איין מעלוכע, און זײַן זון אין א צווייטער. דאָס איז ניט נאָרמאַל. אַלנפאַלס, מיין איך, אַז די ראַטנמאַכט וועט זיך באַמיִען די בײדע טײלן פאַראײניקן. צום באַדויערן הענגט דאָס אָפּ ניט נאָר פון איר.

— יאָ. די אַמעריקאַנער, דאַכט זיך, ווילן עס ניט.

— פאַרוואָס מיינט איר אַזוי?

— איך האָב געהערט זייערן א געשפּרעך. דעמאָלט ווען קאָללינס איז דאָ געווען מיט דעם ברודער. און ווען אַלץ האָבן זיי גערעדט אין אַזאַ טאָן... דער פאָטער איז מיט זיי ניט מאַסקים.

באַ לובענצאָוון לויכטן אויף די אויגן.

— ער האָט דיסקוטירט מיט זיי? — פרעגט ער.

— יאָ.

— און איר, אַף וועמענס זײַט זענט איר געווען?

זי שמייכלט.

— אַף אײַערער, — זאָגט זי. זי פאַרדרויטלט זיך. דערנאָך לייגט זי אַרויף א האַנט אַף א שטויסל ביכער. — איך לייען איצט די גאַנצע צײַט סאָוועטישע ליטעראַטור. פאַראַן אין איר א סאַך אינטערעסאַנטע זאַכן.

ווען ער איז געגאַנגען אַהער, צו סעבאַסטיאַנען אין שטוב, האָט ער, ניִשט געקוקט אַף זײַן קאַטעגאָרישן טאָן פון זײַן נעכטיקן שמועס מיט קאַסאַטקינען, דאָך ערגעץ טיף אין האַרצן כּוישעד געווען, אַז עריקאַ איז פאַרמישט אין דער פאַרשווערונג, אַז זי איז דאָ פאַרבליבן קעדיי אָפּצוּווענדן די אויפמערקזאַמקייט, אַז סעבאַסטיאַן איז אַנטלאָפן און ניט אַוועקגעפאָרן אַף עטלעכע טעג. קאַסאַטקינס כּוישעד זײַן, וואָס לובענצאָוו קעמפט דערמיט אין זיך, האָט זיך דאָך ערגעץ פאַרטשעפּעט באַ אים און פאַרגיפטיקט אים. מען מוז אַראָפּטרייסלען פון זיך אָט די קלאָלע. דער שמועס מיט עריקען באַרויִקט אים. אַלנפאַלס פאַרשטייט ער נאָך איין מאָל און נאָך שטאַרקער, אַז קאַסאַטקינס כּשאָדים זײַנען גרונדלאָז. און ער מאַכט זיך קלאָר, אַז דאָס כּוישעד זײַן, איז ניט ווירדיק פאַר קאָמוניסטן. דאָס איז דער דירעקטער קעגנזאַץ פון וואַכזאַמקייט, און באַהיט גאָט דאָס צווייטע זאָל אַריבער אין ערשטן. דאָס ערשטע, אויב דאָס שפּרייט זיך ניט אויס בעקיוונדיק, מיט פײַנטלעכע צילן, איז א קאָנסעקווענץ פון פּאַניק, פון ניט זיכערקייט אין זיך, אין די אייגענע קויכעס, אינעם ווירקן אַף מענטשן. יאָ, אינעם פאַל

מיט וואָראָבייצעוון האָט ער, לובענצאָוו, ניט אַרויסגעוויזן קיין וואַכזאַמקייט. נאָר ער טאָר ניט, ער האָט קיין רעכט ניט אַרײַנצופאַלן אין איר קענגזאַץ.

באַם געזעגענען זיך מיט עריקען, קושט ער איר די האַנט, ער טוט, הייסט עס, דאָס וואָס ער האָט אַף זײַן לעבן ניט געטאָן און דאָס צערודערט זי שטאַרק.

איצט, אַלנפאַלס, נאָך די ערשטע גרויזאַמסטע איבערלעבונגען אין שאַיכעס מיט דעם איניען וואָראָבייצעוו, פאַרשטייט לובענצאָוו קלאָר אין וועלכער ריכטונג עס דאַרף גיין זײַן אויפפירונג און ער וויים וואָס ער וועט ריידן און וואָס ער וועט טאָן.

עס איז אָבער אויך וויכטיק קלאָר צו ווערן פאַרוואָס איז וואָראָבייצעוו געוואָרן אַ פאַררעטער. פאַרשטייט זיך אַז ניט קיין קליינע ראָל האָבן דאָ געשפּילט די כאַראַקטער־שטריכן. נאָר אומסימפּאַטישע, נישט קיין גוטע מענטשן זײַנען פאַראַן אַ סאַך. דאָס מיינט אָבער ניט, אַז אַלע זײַנען זיי פעיִק צו ווערן פאַררעטער.

אָט די פראַגע וואָס פּײַניקט לובענצאָוון און האַלט אים אַ צערודערטן, מוז מען קלאָר מאַכן און לובענצאָוו באַשליסט צו נעמען זיך פאַר אָט דער אויפקלערונג.

נאָר עס איז שוין באַלד נײַן און עלף דאַרף ער זײַן באַ קופּריאַנאָוון. באַ דער קאָמענדאַטור וואַרט אַף אים וואָראָנין. לובענצאָוו קוקט אַף וואָראָנינען און פאַרשטייט, אַז יענער וויים אַלץ. נאָר דער סטאַרשינאַ זאָגט גאָרניט. ער וואַרפט נאָר אַ בליק אַף לובענצאָוון און דער בליק רעדט אַ סאַך מער ווי די ווערטער.

— דעם אויטאָמאָביל, — זאָגט לובענצאָוו.

אין פינף מינוט אַרום פאָרט אַרויס דער אויטאָמאָביל פונעם טויער.

— איך פאָר מיט אײַך, — זאָגט וואָראָנין.

— גוט.

דעם גאַנצן וועג שווײַגן זיי, מיט דעם שווערן מענערישן שווײַגן, וואָס קאָסטן מעגלעך מענטשן יאָרן לעבן. זיי זײַנען דאָך מער ווי ברידער. זיי האָבן זיך ליב און שעצן זיך איינער דעם צווייטן. זיי ווייסן איינער באַם צווייטן וואָס אונטערן נאָגל טוט זיך, ווי ניט שטענדיק ווייסן עס נאָענטע פאַמיליען־מענטשן.

ערשט ווען דער אויטאָמאָביל פאָרט אַרײַן קיין אַלטשטאַט עפנט וואָראָנין דאָס מויל:

— אויב איר וועט אָוועקפאָרן, נעמט מיך מיט זיך.

באַם גענעראַל קופּריאַנאָוו זיצן אַן ערעך צען מענטשן, צווישן זיי צוויי גענעראַלן. פאַר לובענצאָוון איז עס אַ אומגעריכטע זאַך, וואָרעם גערעכנט האָט ער אַז ער וועט ריידן מיט קופּריאַנאָוון אַליין, און דערצו אייגנטלעך האָט ער זיך געגרייט. און דאָ קוקן אַף אים צען פאָר אויגן מיט אַ פּײַנטלעכן אויסדרוק, ווי מען קוקט אַף אַ מענטשן, וואָס זײַנע מײַלעם זײַנען שוין לאַנג פאַרגעסן און איבערגעשטראָכן, און זײַן גאַנץ לעבן, ווי דאָס זאָל ניט האָבן געווען, איז פאַרטונקלט אין דער שײַן דערפון וואָס עס איז געשען אין דער לעצטער מינוט. עס איז קלאָר געווען, אַז זיי האָבן ערשט גערעדט פון אים און האָבן גערעדט מיט זייער ניט קיין גינסטיקע אויסדריקן. אַף לובענצאָוון האָט דער בייזער אויסדרוק פון זייערע אויגן געווירקט זייער שטאַרק, מאַכמעס ער איז דערצו נישט געוויינט. יאָ, ער איז געווען אַ „מאַזלדיקער“, אַ מענטש, וואָס די אַרומיקע האָבן אים, געוויינטלעך, ליב און שעצן אים, וואָס

סײַ די עלצטע און סײַ די אונטערגעאָרדנטע רופן זיך אָפּ וועגן אים וואַרעם און מיט צוטרוי. און די פּלוצעמדיקע ענדערונג אין דער באַציִונג צו אים פאַרדריסט אים.

דערנאָך נעמען זיי ריידן און זיי ריידן פּונקט אַזוי פּײַנטלעך ווי זיי האָבן פריער געקוקט אָף אים. זיי ריידן וועגן אים מיט אַזעלכע אויסדרוקן, ווי ער וואָלט דירעקט שולדיק געווען אין וואָראָבייצעווס אַנטלויפן און איז אָביעקטיוו ניט קיין קלענערער פאַרברעכער פון וואָראָביצעוון. און ער הערט און עס ווילט זיך אים פרעגן בײַ זיי: „וואָס טוט איר? ווי קענט איר ריידן וועגן מיר אַזוי?" נאָר ער שווײַגט און הערט, ווײַל ער פאַרשטייט, אַז די פראַגן וועלן צו גאָרנישט ניט פירן און וועלן בלויז אַרויסרופן אַן אויפרײַס פון אויפגערעגטקייט. איינער פרעגט צי איז עס עמעס, אַז זײַן פאַרטרעטער האָט געפאָדערט אַרעסטירן וואָראָביצעוון, און ער, לובענצאָוו, האָט אים נישט געלאָזט אַרעסטירן. ער ענטפערט, אַז ריכטיק, אַזוי איז עס געווען. ער האָט געוואָלט זאָגן, אַז ער האָט נישט געקענט פאַרדעכטיקן וואָראָבייצעוון אין אַזעלכע קאַוואָנעס; אַכוצדעם, ווען מען וואָלט וואָראָבייצעוון אַרעסטירט, וואָלט מען אים העכסטנס צוריקגעשיקט אינעם ראַטנפאַרבאַנד, און אַלס סוינע און פאַררעטער, וואָלט ער זיך ווײַטער פאַרמאַסקירט, ווי ער האָט זיך פאַרמאַסקירט ביז איצט; אין ערגסטן פאַל וואָלט מען אים אָנגעקלאָגט אין פירן האַנדלס-געשעפטלעך, און אין דער עמעסן וואָלט ער געווען אַ פאַררעטער אין הארצן, וואָס וואָלט געקענט אין אַ ליאַדע מאָמענט, אַ נאָך מער קאָמפּליצירטן ווי איצט, ווערן אַן אָפענער פאַררעטער. לובענצאָוו וויל דאָס אַלץ זאָגן, נאָר ער זאָגט עס ניט, ווײַל ער ווייס, אַז אַזעלכע ווערטער וועלן ניט פאַרשטאַנען ווערן ריכטיק און וועלן נאָר אַוועקשטעלן לובענצאָוון אין דער לאַגע פון אַ מענטשן, וואָס וויל נישט אָנערקענען זײַנע פעלערן און שטעלט זיך אַרויס קעגן אַלע איבעריקע. דערפאַר זאָגט ער נאָר, אַז ער איז שולדיק.

דערנאָך דערקלערט ער, אַז ניט אין אים גייט עס און ניט דערין ווי גרויס זײַן שטראָף זאָל זײַן, עס גייט דערין מען זאָל ניט באַגיין קיין נאָך מער אומפאַרריכטלעכע זאַכן. ער זאָגט, אַז ער איז גרייט צו טראָגן די פולשטענדיקע אַכראַיעס פאַר דאָס וואָס איז געשען, ער בעט דאָך מען זאָל אים געבן די מעגלעכקייט אַליין צו פאַרריכטן די לאַגע און אַליין זיך פונאַנדערצוקלײַבן אין זײַן איניען.

און כאָטש טיף אין זיך אָנערקענען טייל אַז ער איז גערעכט און אַז עס איז בעעמעס קיין גרונד נישטאָ אַלץ און אַלעמען כוישעד צו זײַן, דאָך באַשולדיקן זיי אים ווײַטער, אים און אַלע אָפיצירן פון דער קאָמענדאַטור און זאָגן, אַז זיי האָבן ניט צו די לויטערבורגער אָפיצירן קיין פּאָליטישן צוטרוי און ענלעכע ווערטער, וואָס דערפירן לובענצאָוון צו פולער דערשעפּונג.

נאָר זײַן רעפּוטאַציע איז אַזוי אויך גרויס און זײַן קוק אָף דער ווײַטערדיקער אויסוויקלונג פון דעם איניען אַזוי איבערצײַגנדיק, אַז מען זאָגט ניט אַרויס דאָ קיין איין אַנטשידן וואָרט. מען הייסט אים פאָרן צוריק. אָפן צווייטן אָוונט ווערט גערופן אַ זיצונג פונעם אַקטיוו צו באַהאַנדלען די טעטיקייט פון דער לויטערבורגער קאָמענדאַטור.

דערמיט לאָזט זיך לובענצאָוו צוריקפאָרן. און ווידער פאָרט ער מיט וואָראָנינען און זיי שווײַגן דעם גאַנצן וועג.

ווי נאָר לובענצאָוו קומט קיין לויטערבורג נעמט ער זיך דורכפירן אַן אויספאָרשונג. ער גייט אַרײַן אין די דרײַ וווינונגען, וווּ וואָראָבייצעוו האָט

געוווינט די גאַנצע צײַט וואָס ער האָט געוווינט אין דער שטאָט. ער דערוויסט זיך אַלץ מיקויעך די מאַכינאַציעס מיט אויטאָמאָבילן. אין דער פּוטער־פּאַבריק און ליקער־פאַבריק דערוויסט ער זיך אַף אַ זײַטיקן אויפֿן וויפֿל פּראָדוקטן וואָראָבייצעוו האָט באַקומען. מיט דער הילף פֿון קראַנצן און פֿונעם אויספֿרעגן מערקערן דערוויסט ער זיך וואָראָבייצעווס גאַנצן אינטערעסן־קרײַז.

ער שטעלט פֿעסט, אַז וואָראָבייצעוו האָט אין ערגעץ ניט און מיט קיינעם ניט געפֿירט קיין פּאָליטישע געשפּרעכן, קיין שום פֿײַנטלעכע אַגיטאַציע. ער לעבט נאָר מיט געלט־גײַציקייט און טראַכט נאָר דערפֿון. ער איז זשעדנע און פֿירט אַ לײַכטזיניק לעבן. און ווען ער דערשרעקט זיך ניט נאָך מערקערס אַרעסט און האָט ניט מורא פֿאַר ערנסטער שטראָף, וואָלט ער קיינמאָל ניישט אַנטלאָפֿן.

קורץ גערעדט, וואָראָבייצעוו איז געוואָרן אַ פֿאַררעטער דערפֿאַר וואָס ער איז אַ געלט־גײַציקער, אַן אייגנטום־גיריקער מענטש. דאָס איז פֿאַר לובענצאָוון גאָרניט קיין אַקאַדעמישער אינטערעס, נאָר אַ לעבנס־וויכטיקער אינטערעס פֿאַר לובענצאָווס פֿאַרטיידיקונג גופֿא, פֿאַר אים פּערזענלעך. דער דאָרשט צו געלט, צו פֿאַרמעג, צו זאַכן, האָט וואָראָבייצעוון געמאַכט פֿאַר אַ פֿאַררעטער. די צוויי וועלטן, וואָס לעבן זײַט בײַ זײַט, באַווירקן זיך. אונדזער וועלט, וואָס ווירקט אַף דעם מענטשנס בעסערע זײַטן, שאַפֿט זיך אָנהענגער מיט זײַן שטרעבן צו דער גערעכטער פֿאַרטיילונג פֿון די גיטער, מיט זײַנע הויכע צילן, מיט זײַן אַכטונג צום מענטשנס אַרבעט און מיט דעם גלויבן אין זײַן צוקונפֿט. די אַנדערע וועלט, מיט איר ווירקן אַף די פֿינצטערע און נידעריקע אינסטינקטן פֿונעם מענטשן, שאַפֿט זיך זײַנע אָנהענגער צווישן די געלטגײַציקע און זשעדנע, וואָס די אַלגעמיינע זאַך האָט פֿאַר זיי קיין שום ווערט ניט, אַ ווערט האָבן פֿאַר זיי בלויז די פּערזענלעכע זאַכעלעך. דערמיט וואָס אָט די וועלט אָנערקענט ניט עפּעס אַנדערש אַ כּוח מעזומאָנים, ציט זי זיי אַרײַן, פֿאַררופֿט זיי און נאַרט זיי אַרײַן מיט אָט די מעזומאָנים.

„יאָ, נאָר צי דען איז וואָראָבייצעוו איינער? איז דען פֿאַראַן ווייניק אַזעלכע? נאָר ניט אַלע, ניט אַלע די האַבונעס, וואָס זײַנען זשעדנע אַף פֿרעמדן גוטס, אַף לײַכטער פֿאַרדינונג, ווערן דאָך פּאָטערלאַנד־פֿאַררעטער", — טראַכט זיך לובענצאָוו און ער קומט ענדלעך צו אָט דער פֿאָרמול: „ניט אַלע האַבונעס זײַנען פּאָטערלאַנד־פֿאַררעטערס, נאָר אַלע פּאָטערלאַנד־פֿאַררעטער זײַנען דורכויס האַבונעס".

אַזוי אַרום מאַכט דער גײַציג נאָך אייגנטום דעם מענטשן אין אַ געזעלשאַפֿט, וואָס וואָרפֿט אָפּ קאַפּיטאַליסטישן אייגנטום, פֿאַר דעם אָפּפֿאַל פֿון דער געזעלשאַפֿט. אַ מענטש וואָס לעבט אויסער די אידייען מיט וועלכע עס לעבט די געזעלשאַפֿט, געוווינט זיך צו אויסצובאַהאַלטן זײַנע געדאַנקען, צו אַ צווייעסדיק מענגוולדיק לעבן. מיט גענאַרן אַנדערע און ניט זעלטן אויך זיך, גרייכט ער אַמאָל זייער הויך, נאָר פֿריער אָדער שפּעטער דעמאַסקירט מען אים אָדער ער דעמאַסקירט זיך אַליין.

לובענצאָוו קומט ווידער אַרײַן אין וואָראָבייצעווס לעצטער, פֿאַרזיגלטער דירע און קוקט זיך אַליין צו צו אַלץ וואָס איז דער דירע איז פֿאַראַן. שפּורן פֿון דעם מענטשן וואָס האָט דאָ געוווינט זאָגן אײַדעס וועגן שיקרעס, העפֿקייִרעס, מיזערנער אויסגעלאַסנקייט. לובענצאָוו קוקט אַף די ליידיקע פֿלעשער, אַף די זגוס־קאַרטלעך, לייענט די שטומע כראָניק פֿון די העפֿקער־נעכט און

שוידערט אויף, שטוינט אַף וואָס עס איז אַוועק די ענערגיע, פאַרשווענדט געוואָרן די קויכעס. נאָר איינציַיטיק מיט דעם געפיל פון עקל און שטוינען, לויפט אים דורך אַף אַן אויגנבליק אַ געוויסער קינע־געפיל צו אָט דעם אַבסאָלוטן פריַי זיַין פון יעדער פליכט, צו דעם צעהעפקערטן ציַיט־פאַרטריַיב, צו אָט דעם אָרגאַנטן זאָרגלאָזן לעבן. לובענצאָוו טראַכט זיך, אַז אויך ער איז בעטעווע אַ הוליאַקע; נאָר ווען ער וואָלט זיך צעהוליעט, וואָלט ער זיך ניט געקענט פאַרשפּאַרן אין די פיר ווענט, הוליען ביגנייווע, שטילינקערהייט, קיינער זאָל ניט זען און קיינער זאָל ניט הערן. ער וואָלט זיך צעהוליעט אַז אַ רויך וואָלט געגאַנגען און וואָלט פאַר קיינעם קיין מוירע ניט געהאַט. נאָר ער טוט עס ניט, ער טוט עס ניט דערפאַר וואָס דאָס וויכטיקסטע פאַר אים איז, דער גאַנצער זין פון זיַין לעבן באַשטייט אינעם זיג פון דער ניַיער וועלט, אינעם גליק פון די מיליאָנען מענטשן. און אָן דעם האָט ער קיין לעבן ניט און האָט קיין פרייד ניט.

ער צווינגט זיך, נאָך די אַלע זוכונגען און פאָרשונגען, צוריקצוגיין אין דער קאָמענדאַטור. יאָ, ער צווינגט זיך, וואָרעם דאָס הויז אפן שטאָטפּלאַץ, וואָס איז אים אייגן געוואָרן, איז עס ניט מער. דאָרט באַגעגענען אים פאַרכמורעטע פּנעמער. אים דאַכט זיך, אַז אַפילע דאָס קלאַפּן פון די אונטערגעקאָוועטע פּאָדעשוועס באַ די זעלנער, וואָס גייען בייַטן די וואַך, קלינגט מוירעדיק. עס קומען אַלץ קאָמיסיעס אַלערליי. און עס קאָסט אים גרויס מי צו ענטפערן רויִק אַף זייערע פראַגן, פּראָטימדיק באַליַיכטן דאָ איינעם, דאָ אַ צווייטן אומשטאַנד און ביכלאַל זיך האַלטן געצוימט און אַפילע ווי וויַיט מעגלעך אומגעצווּונגען.

פון פינף ביז זיבן זיַינען זיַינע אויפנאַם־שאָען. קאַפּיטאַן טשעגאַדאַיעוו קומט אַריַין צו אים פאַרן אויפנאַם און זאָגט:

— אַ מאַן צוואַנציק וואַרטן. זאָל איך מעלדן, אַז היַינט וועט נישט זיַין קיין אויפנאַם?

ער קוקט שאַרף אַף לובענצאָוון, און זיַינע קליינע אייגעלעך זיַינען פול מיט איבערגעגעבנקייט, מיט פאַרשטיין אים, מיט ליבע. דאָך קוקט אַף אים לובענצאָוו אַרויסרופעריש און רופט זיך אָן מיט געמאַכטן שטוינען:

— פאַרוואָס וועט ניט זיַין? וואָס איז געשען? בעט אַריַין.

עס הייבט זיך אָן דער אויפנאַם, און טשעגאָדאַיעוו און קסעניאַ הערן אוים מיט שוויַיגנדיקער פאַרווּנדערונג לובענצאָווס ריידן און לאַכן. די איַינגעהאַלטענע קסעניאַ וויַיזט מיט גאָרניט אַרויס איר פאַרווּנדערונג, נאָר טשעגאָדאַיעוו, וואָס איז שרעקלעך צערודערט און צעשרויפט, ווי אַלע באַוווינער פון דעם הויז אפן שטאָטפּלאַץ, לויפט טייקעף אַרויס פונעם קאַבינעט, גייט אַריַין צו מענשאָוון, זעצט זיך אַוועק און זאָגט:

— איך קען דאָרט ניט זיצן. מיר ווערט דאָס האַרץ צעריסן אַף אים קוקנדיק.

אין אַ מינוט אַרום רופט אים אַרויס קסעניאַ, לובענצאָוו האָט אים געהייסן צוריקגיין, וויַיל עס זיַינען געקומען מיט אַ וויכטיקן איניען פאָרשטייער פון דער מינען־פאַרוואַלטונג. טשעגאָדאַיעוו גיט אַ זיפץ און גייט אַריַין צום קאָמענדאַנט אין קאַבינעט.

זיבן אין אָוונט פאָרן אַרויס קיין אַלטשטאַט צו דער פאַרזאַמלונג פונעם אַקטיוו, לובענצאָוו, קאַסאַטקין, יאַוואָרסקי, טשעגאָדאַיעוו און מענשאָוו.

XIV

ווען די אָפּיצירן פֿון דער לויטערבורגער קאָמענדאַטור קומען אַרײַן אין זאַל, זײַנען אַלעמענס אויגן אָנגעשטעלט אַף זיי.

— אָט דאָ לאָמיר זיך אַוועקזעצן, — זאָגט לובענצאָוו.

מענשאָוו גיט אַ מורמל:

— די ערטער זײַנען מיסטאָמע פֿאַר נאַטשאַלסטווע.

— נישקאָשע, — זאָגט לובענצאָוו, — הײַנט מעגן מיר זיצן אויך מיט נאַטשאַלסטווע.

זיי זעצן זיך אויס, קוקן ניט אַף די זײַטן, נאָר אַף דער ליידיקער בינע, וווּ עס שטייט אַ טיש, מיט אַ רויטן טישטעך פֿאַרשפּרייט, און בײַ זײַן זײַט אַ טישל פֿאַרן רעדנער, מיט אַ טיש־לאָמפּ, אַ גראַפֿין וואַסער און אַ גלאָז.

לובענצאָוו זיצט אַן אָנגעשטרענגטער, ער פֿילט אין רוקן די בליקן און שטעלט זיך פֿאָר אין געדאַנק די פּנעמער פֿון אַ סאַך באַקאַנטע און פֿרײַנט, וואָס געפֿינען זיך מיסטאָמע אינעם זאַל. מיט יעדער מינוט פֿאַלט אים אַלץ אַ שווערערע מאַסע אַפֿן האַרצן.

ענדלעך קומען אַרײַן פֿון אַ זײַטיקער טיר קופּריאַנאָוו מיט עטלעכע פּאָלקאָווניקעס. זיי קומען צו צו די רייען וווּ עס זיצן לובענצאָוו מיט זײַנע כאַווײרים. דער זאַל שטייט אויף. קופּריאַנאָוו זאָגט: „פֿרײַ האַלטן זיך!" אַלע זעצן זיך אַוועק, לובענצאָוו נאָר שפּעטיקט זיך, און אים ווערט אומאָנגענעם דערפֿון וואָס ער האָט זיך ניט אַוועקגעזעצט גלײַך מיט אַלעמען, ער טראַכט זיך, אַז אַ סאַך קענען עס אויסטײַטשן, אַז אין שאַיכעס מיט דעם אומגליק וואָס האָט אים געטראָפֿן, האָט ער באַקומען צו פֿיל דרעכערעץ פֿאַר נאַטשאַלסטווע.

ער זעצט זיך אַוועק.

אַף דער בינע קומט אַרויס דער סעקרעטאַר פֿון דער פּאַרטיי־אָרגאַניזאַציע, דער פּאָדפּאָלקאָווניק גאָרבענקאָ — איינער פֿון לובענצאָווס פֿרײַנט, אַ קלוגער, פֿאַרשטענדיקער מענטש, וואָס אַלע זאָגן אים פֿאָרויס אַ גרויסע צוקונפֿט, זײַן קאָל איז איצט פֿײַערלעך און שטרענג און מידע, גוטע, קוים קורצזיכטיקע אויגן קוקן בייז.

„ווי ניט ענלעך ער איז אַף זיך, — טראַכט זיך לובענצאָוו. — און אַלץ איבער אָט דעם טיפֿעש, איבער אָט דער נישטיקייט, איבער וואָראָבייצעוון. אַלץ האָט אָנגעאַרבעט אָט דער טויגעניכטס, אָט דער נעבעכדיקער, נידערטרעכטיקער מענטשל. איבער אים האָבן זיך אַהער צוזאַמענגעקליבן אַ צוויי מייעם אָפֿיצירן, אויסגעצייכנטע ווילע רוסישע מענטשן, וואָס האָבן אַף זיך איינע פֿון די קאָמפּליצירטסטע אויפֿגאַבן, וואָס פֿאַלן ווען אויס אַפֿן גורל פֿון רוסישע מענטשן..."

גאָרבענקאָ עפֿנט די פֿאַרזאַמלונג און לייגט פֿאָר אויסקלײַבן אַ פּרעזידיום. אַף דער בינע קומט אַרויף שנעל און אַ ביסל טומלדיק אַ פּאָדפּאָלקאָווניק פֿונעם אינדוסטריעלן אָפּטייל און רופֿט אויס אַ צעטל נעמען. אַלע שטימען. גענעראַלן און פּאָלקאָווניקעס הייבן זיך פּאַמעלעך אויף און גייען צו די טרעפּלעך וואָס פֿירן אַרויף צו דער בינע. איינציײַטיק לאָזן זיך גיין צו די טרעפּלעך, פֿון אַלע ווינקלען זאַל, אָפֿיצירן, וואָס זייערע נעמען געפֿינען זיך אינעם צעטל. דער פּרעזידיום זעצט זיך אויס אַף די ערטער. דאָס אָרט פֿונעם פֿאָרזיצער פֿאַרנעמט אַ פּאָלקאָווניק און ער גיט אַ וואָרט פֿאַר אַ מעלדונג דעם פּאָלקאָווניק גאָרבענקאָ.

גאָרבענקאָ וואַרפט אַ פאַרבײַלויפנדיקן בליק אַף לובענצאָוון, בעיס ער הייבט זיך אויף צוצוגיין צום רעדנער־טישל, נאָר ווען ער טרעפט זיך אָן מיט לובענצאָווס ענטפער־בליק, ווענדט ער זיך אָפּ. ער שטייט באַם טישל, נעמט פונאַנדער אַ פּאַפּיר און הייבט אָן לייענען פון געשריבענעם, פון צײַט צו צײַט נאָר הייבט ער אויף די אויגן און פאַרענדיקט די פראַזע אויסנווייניק, אַזוי, ווי ער וואָלט וועלן איבערצײַגן די אוידיטאָריע אַז ניט ער לייענט, נאָר ער רעדט.

ער זאָגט, אַז די לויטערבורגער ראַיאָן־קאָמענדאַטור האָט דורכגעפירט אַן ערנסטע אַרבעט און האָט ניט שלעכט אויסגעפירט די באַפעלן וועגן דעמאָקראַטיזאַציע און דענאַציפיקאַציע פון דעם ראַיאָן וואָס איז איר אָנגעטרויט געוואָרן. אָבער, דער קאָמענדאַנט, דער פּאָדפּאָלקאָווניק לובענצאָוו, וואָס האָט ניט שלעכט געאַרבעט מיט די דײַטשן, האָט פאַרנאַכלעסיקט די דערציִערישע אַרבעט אינעם קאָלעקטיוו פון דער קאָמענדאַטור און אַלס פּויעל־יוציע דערפון האָט אַ געוועזענער אָפיציר, וואָס איז פאַרדאָרבן געוואָרן און האָט אָנגעווירן דעם אָנבליק פון אַ סאָוועטישן מענטשן, פאַרראַטן דאָס פאָטערלאַנד און איז אַנטלאָפן אַף דער אַמעריקאַנישער זאָנע. אָט דער פאַל לייגט אַרויף אַ שאַנדפלעק אַף דער לויטערבורגער קאָמענדאַטור און אַפן גאַנצן קאָלעקטיוו פון די סאָוועטישע אָפיצירן. די שולד פאַר דעם שווערן פאַרברעך לייגט זיך אַף לובענצאָוון, וואָס האָט ניט שלעכט געאַרבעט מיט זײַנע אָפיצירן, נאָר האָט אויך אַרויסגעוויזן פּאָליטישע בלינדקייט, דערמיט וואָס ער האָט זיך אָפּגעזאָגט, ווען עס איז נאָך צײַט געווען, צו אַרעסטירן און איזאָלירן דעם פאַררעטער. די אָפּשטעמפּונג פון דער וואַכזאַמקייט, וואָס איז אַ כויוו פאַר אַ קאָמוניסט, באַזונדער אין די באַדינגונגען, ווען סאָוועטישע מענטשן געפינען זיך דאָ, אין דײַטשלאַנד, איז אַ שווערער פאַרברעך. דער מאַיאָר קאַסאַטקין, לובענצאָווס פאַרטרעטער, האָט זיך געווענדט מיט אַ גאַנץ גערעכטער אָנקלאַגע אין דער פאַרוואַלטונג. ווען ניט לובענצאָווס זעלבסטזיכערקייט און פּאָליטישע בלינדקייט, וואָלט דער אינצידענט ניט פאָרגעקומען.

גאָרבענקאָ שווײַגט אַ ווײַלע און זאָגט זײַנע שלוס־ווערטער:

— איך קען לובענצאָוון שוין לאַנג און איך האָב אים שטענדיק געהאַלטן פאַר אַ פעיִקן, ערנסטן און קולטורעלן אָפיציר. נאָר זײַן אויפפירונג אין אָט דעם לעצטן פאַל, וועט אונדז אַלעמען צווינגען אין פילע אויפאַנים רעווידירן אונדזער באַציִונג צו אים, אויפמערקזאַם און ערנסט באַטראַכטן זײַן אויפפירונג און אויך טיפער זיך באַקענען מיט אונדזער מענטשן־באַשטאַנד און טאָג־טעגלעך אים האַלטן אַפן אויג, אָן שום אַכט לייגן אַף פאַרגאַנגענע פאַרדינסטן.

נאָך גאָרבענקאָן טרעט אויף אַן אָפיציר, וואָס באַשולדיקט לובענצאָוון, אַז ער צייכנט זיך ביכלאַל אויס מיט אַ ליבעראַלקייט, וואָס איז ניט דערלאָזלעך אַף זײַן אַמט. ער דערציילט די געשיכטע מיט דעם פּראָפעסאָר סעבאַסטיאַן, וואָס לובענצאָוו האָט געלאָזט פאָרן אַף דער מײַרעוודיקער זאָנע קלויםערשט צו גאַסט צום זון. און דאָס ניט געקוקט דערויף וואָס ניט לאַנג ערשט איז געשען אַ פאַל מיט דעם ספּעציאַליסט אין אַגראַר־ווירטשאַפט פּראָפעסאָר ווילדאַפּפעל, וועלכער האָט אָפּגענאַרט די סאָוועטישע פאַרוואַלטונג און איז אַנטלאָפן פון אונדזער זאָנע. לובענצאָוו גייט צו אָפט אַרײַן צו דעם סעבאַסטיאַן, ער איז אַפילע געווען אַפן יאָנטעוו פון זײַן טאָכטערס געבוירנטאָג, און אין אַ ציווילן אָנצוג. באַקאַנט איז אַ פאַל, ווען לובענצאָוו

האָט איינגעאָרדנט אַ מיטאָג לעקאָוועד סעבאַסטיאַנען און אַ געוויסן אַמערי־קאַנישן אויסשפּירער מאַיאָר קאָללינס. אַף זיינע רייזעס, שטעלט זיך לובענ־צאָוו אָפּ נעכטיקן באַ די דייטשן. ער פֿירט לאַנגע שמועסן, און ניט נאָר מיט אַרבעטנדיקע נאָר אויך מיט גוטבאַזיצערס. ער דערלויבט זיך זאָגן די דייטשן, אַז די רעפּאַראַציעס וועלן מיט דער צייט אָפּגעשאַפט ווערן; ער האָט מיטלייד מיט די דייטשן און זאָגט זיי, אַז זיי לעבן שלעכט, און ניט זיי גרונדלאָזע צוזאָגעכצן, אַז זייער לעבנס־ניוואָ וועט געהעכערט ווערן.

אַ דריטער זאָגט, אַז ווען לובענצאָוו זאָל געווען אַרויסוויַזן וואַכזאַמ־קייט, וואָלט ער שוין לאַנג געקענט וואָראָבייצעוון אינעווייניק. וואָראָבייצעוו איז געווען אַ דיסציפּלין־ברעכער און איינאיינעם מיט טשאָכאָוון, לובענ־צאָווס אַ דינסט־כאַווער — אַגעוו האָט אויך וואָראָבייצעוו געדינט אַ שטיקל צייט אין דער דיוויזיע, ווו לובענצאָוו איז געווען נאַטשאַלניק פֿון דער אויסשפּירונג — האָט ער מער ווי איין מאָל געבראָכן די דיסציפּלין, איז ניט געקומען צו דער אַרבעט אין צייט. לובענצאָוו האָט זיך באַגנוגנט מיט געשפּרעכן און האָט דעם דאָזיקן פֿאָלקס־סוינע בלויז פֿיר־געוואָרפֿן אָנשטאָט אים צו באַשטראָפֿן.

לובענצאָוו הערט דאָס אַלץ אויס און וווּנדערט זיך אַליין אַף זיין רויִקן האַלטן זיך. דאָס האַרץ, וואָס האָט טכילעס גענומען קלאַפּן שנעל און שטור־מיש, האָט זיך ביסלעכווייַז איינגעשטילט, קלאַפּט דייַטלעך נאָר זעלטענער. יעדן מאָל ווען עס טרעט אויף אַ נייַער רעדנער, טראַכט זיך לובענצאָוו: „ניט שוין־זשע וועט אויך דער קיין איין גוט וואָרט ניט געפֿינען? ניט שוין־זשע וועט אויך דער זאָגן נאָר שלעכטס אָדער אַזעלכעס וואָס ער האַלט פֿאַר שלעכט אין דעם אויפֿטריט? וואָס־זשע הייסט עס? ניט שוין־זשע בין איך אַזוי שלעכט — בלינד, נאַריש, אומטעטיק, ליבעראַל זעלבסטזיכער און גייַוועדיק? ניט שוין־זשע בין איך קימאַט אַ וואָראָבייצעוו?" ער פֿרעגט זיך וואָס טראַכטן וועגן אָט די אויפֿטריטן די אַלע דאָ פֿאַרזאַמלטע מענטשן, און ער קומט צום שלוס, אַז זיי האַלטן מיט די רעדנער, מאַכמעס די רע־דעס קלינגען אומגעווינלעך איבערצייַגנדיק, אַזוי איבערצייַגנדיק, אַז אים אַליין, לובענצאָוו, דאַכט זיך טיילמאָל, אַז זיי זיינען גערעכט.

פֿון צייַט צו צייַט נעמט ער אַראָפּ זיין אָנגעשטעלטן קוק פֿון די רעדנער און קוקט אַפֿן גענעראַל קופּריאַנאָוו, אַ מענטש וואָס וויס בעסער ווי ווער עס איז, ביז די מינדסטע פּראָטים אַלץ וואָס לובענצאָוו האָט געטאָן און פֿאַרוואָס ער האָט געטאָן גראָד אַזוי און ניט אַנדערש. וואָס־זשע טראַכט דער גענעראַל קופּריאַנאָוו? וואָס איז זיין שטאַנדפּונקט? וואָס וועט ער זאָגן?

דער גענעראַל קופּריאַנאָוו קוקט טיילמאָל אַף לובענצאָוון פֿון אַ זייַט און מערקט זיך אַלע איבערטרייַבונגען און יעדן מאָל ווען די רעדנער כאַפּן אי־בער די מאָס ווען זיי גייען אַרייַן אין דער היץ פֿון ריידן. און דאָך איז קופּריאַנאָוו אַלץ גרויזאַמער צו לובענצאָוון.

די מייַסע איז, וואָס קופּריאַנאָוו וויס, אַז ער הערט זיך שטענדיק צו צו דער מיינונג פֿון זיינע אָפֿיצירן, נאָר ער מערקט ניט, אַז נאָך מער הערן זיך צו די אָפֿיצירן צו זיין מיינונג. ווען ער מיינט, אַז ער האַנדלט אַזוי אָדער אַנדערש דערפֿאַר וואָס דאָס איז די אַלגעמיינע מיינונג, מערקט ער ניט, אַז די אַלגעמיינע מיינונג שאַפֿט זיך לעטויוועס זיין מיינונג. צוליב די פּאַרשי־דענע מאָטיוון פֿרעגט ער אָפּט באַ די אָנפֿירער פֿון דער פּאַרטיי־אָרגאַניזאַ־ציע, ווי איז די מיינונג פֿון די פּאַרטיי־מיטגלידער, ווייַל ער איז זייער גערן

אויסצוהערן זייער מיינונג און זיך רעכענען מיט איר. נאָר אייניקע אונטערנעאָרדנטע אָפיצירן, ווען זיי גיבן איבער אָט די אַלגעמיינע מיינונג, גיבן זי איבער נאָרניט אַזאַ ווי זי איז (זיי נעמען זיך אַפילע קיין צײַט ניט זיך צו דערוויסן דאָס), נאָר ווי דאָס איז די מיינונג פונעם גענעראַל קופּריאַנאָוו אָדער, ווען זיי ווייסן ניט זײַן מיינונג, — גיבן זיי זי אים איבער אַזוי, ווי זיי שטעלן זיך פאָר, אַזוי און אַזוי דענקט ער.

ווען מען וואָלט דעם גענעראַל ערלעך איבערגעגעבן די מיינונג פון אַנדערע מענטשן, וואָלט ער זיך זיכער צוגעהערט צו איר, נאָר אַזוי ווי אים ניט מען איבער זײַן אייגענע מיינונג, נעמט ער פּאַקטיש אָן די באַשלוסן פון איינונאיינציקן מענטשן.

אַזוי אויך קומט איצט פאָר מיט דעם איניען לובענצאָוו.

די אָפיצירן וואָס רינגלען אַרום דעם גענעראַל, ווייסן, אַז ער איז צערודערט, דערדריקט און אויפגעבראַכט פון דער געשעעניש. זיי טרעטן דערײַבער אַרויס אַזוי שאַרף. עמעס, דערבײַ ווײַזט זיך אויך אַרויס דער דערעכערעץ צום גענעראַלס פּערזענלעכקייט, וואָס זיי שאַצן זייער הויך. נאָר פאַר־אָן דעריין איז אויך אַ ניט קליינער כיילעק דערפון וואָס מען קען עס אָנרופן: אויפכאַפּן אין דער לופטן אײַנדרוקן וואָס קומען „פון אויבן" און ווערטער, וואָס ווערן אַרויסגעזאָגט „אויבן" אָפּט צופעליק און אומבאַטראַכט. דער גענעראַל, ווידער, וואָס נעמט אָן די רעדעס ווי אַ פרײַ אַרויסגעזאָגטע אַלגעמיינע מיינונג, קומט צום אויספיר, אַז אינעם איניען לובענצאָוו דאַרף מען האַנדלען זייער שטרענג.

קופּריאַנאָוו, מעגלעך גיט זיך קיין קלאָרן כעזשבן ניט אָפּ, אַז דערמיט וואָס ער באַשולדיקט לובענצאָוון, נעמט ער אַראָפּ, אין אַ געוויסער מאָס די שולד פון זיך: דערמיט וואָס ער פאַרורטיילט לובענצאָוון, מאַכט ער ווייכער זײַן שולד פאַר בערלין און מאָסקווע. און כאָטש ער פאַרשטייט אַז דעריין וואָס האָט אומגעוויינלעך פּאַסירט מיט איינעם פון די געוויינלעכע אָפיצירן פון איינער פון די געוויינלעכע קאָמענדאַטורן, קען מען ניט ערנסט באַשולדיקן אים, דעם גענעראַל קופּריאַנאָוו, איז אים אָבער גוט באַקאַנט דער מינעג פון אייניקע גרויסע נאַטשאַלניקעס, וואָס באַמיִען זיך — גאָרניט אויסליבע צום עמעס און גאָרניט צוליב דין ווערעזשבן פאַר די העכערע — אויסצוגעפינען דעם שולדיקן, און אַז מען קען דעם שולדיקן ניט געפינען, איז כאָטש דעם מער שולדיקן.

דערבײַ מוז מען זאָגן, אַז דער גענעראַל קופּריאַנאָוו איז אַ מענטש אָן אָרנטלעכער און אַ האַרציקער און ער טוט דאָס אַלץ ווײַל אַזוי איז אָנגענומען צו טאָן, כאָטש טיף אין האַרצן איז ער מוידע, אַז לובענצאָווס שולד איז ניט אַזוי גרויס, ווי מען מאָלט עס דאָ אָף דער פאַרזאַמלונג און ווי ער וועט דאָס מאָלן אין זײַן וואָרט. נאָר ווײַל ער איז עס מוידע, קוקט ער אַלץ שטרענגער און פײַנטלעכער אָף לובענצאָוון, אונטערן מעכטיקן דרוק פונעם מאַסן־פּסיכאָז, וואָס ער, אַליין דאָס ניט ווייסנדיק, האָט אים געשאַפן.

ער מעלדעט אָן איבעררײַס. דער זאַל ווערט ליידיק. אויך קאַסאַטקין גייט אַרויס. טשעגאַדאַיעוו קווענקלט זיך אַ ווײַלע און שטייט אויף און נאָך אים יאַוואָרסקי און מענשאָוו.

— מירן אַרויסגיין רויכערן, — מעלדעט טשעגאַדאַיעוו.

זיי גייען אַרויס און לובענצאָוו בלײַבט אַליין. ער טראַכט זיך, אַז אויך ער וואָלט געדאַרפט אַרויסגיין אין פּאַיע. ער ווייס, אַז עס וואָלט אים גע־

קלעקט געגוג קויעך דאָס צו טאָן, זיך טרעפן מיט מענטשן, א וואָרט אויסריידן מיט די וואָס ווילן עס; דאָס וואָלט געווען אָנשטענדיק. נאָר איצט איז אים אַלצאיינס וואָס מען זאָל ניט טראַכטן וועגן אים. ערגער קען שוין ניט זײַן. און ער בלײַבט זיצן אַף אָן אָרט, טראָץ זײַן געוווינהייט צו טאָן אַלץ ווי אַנדערע טוען, צו זײַן אַזאַ ווי אַנדערע זײַנען.

ער הערט שוין ווי מענטשן גייען צוריק אין זאַל. דערנאָך קומען זײַנע אַפּיצירן, זיי זעצן זיך שווײַגנדיק לעבן אים. און אָט זײַנען שוין פול אויך די ערטער אין פּרעזידיום.

אין דער ריי טרעט אויף מאַיאָר פּיגאַרעוו. לובענצאָוו שפּאַרט זיך אָפּ אָפן שטול. ער ווערט פּלוצים פאַרכאַפּט פון א שאַרפן נייגעריקייטס־געפיל. וואָס א שטייגער וועט זאָגן פּיגאַרעוו?

פּיגאַרעוו הייבט אָן דערפון וואָס ער קען לובענצאָוון פאַר א גוטן טוער. און די צאָרע איז נאָר מיט אים וואָס ער איז בא זיך גרויס געוואָרן. מען האָט אים צו שטאַרק אויסגעלויבט. מען האָט אַלעמען שטענדיק די אויגן געשטאָכן מיט דעם בײַשפּיל פון דער לויטערבורגער קאָמענדאַטור אין אייניקע אַנדערע קאָמענדאַטורן, וואָס מען האָט זיי געהאַלטן פאַר ליבלינגע.

— מיר איז א סאַך מאָל אויסגעקומען צו הערן לויבווערטער אַף לובענצאָווס אַדרעס, — זאָגט פּיגאַרעוו מיט פּלוצעמדיקן צאָרן. א ווײַלע שווײַגט ער און זאָגט ווײַטער: — אָט דאָס אייגנטלעך האָט דערפירט צו די קלעגלעכע רעזולטאַטן. — אין זײַן קאָל הערט זיך באַדויערן, וואָס איבעראַשט לובענצאָוון, מיט די טענער צוויַעס, וואָס זײַנען פריער גאָרניט אייגן געווען פּיגאַרעוון. — אַלעמען גיט ער אייצעס, ציטירט דײַטשע לידער איבעם געשפּרעך.. נעמט זיך איבער, דער כאַווער לובענצאָוו. דערפאַר אויך האָט ער זיך ניט צוגעהערט צו קאַסאַטקינען... גרינג איז צו פאַרבלענדן די דײַטשן די אויגן מיט ציטירן אויסנווייניק עפּעס א געטע אָדער שילער. (דער גענעראַל קופּריאַנאָוו שאָקלט צו מיטן קאָפּ). קולטור איז א גוטע זאַך, נאָר בוקן זיך פאַר דער בורזשואַזער קולטור דאַרף מען אויך ניט (דער גענ. קופּריאַנאָוו שאָקלט ווידער מיטן קאָפּ). מיט דעם פּראָפעסאָר סעבאַסטיאַן האָט מיר לובענצאָוו די אויערן פול געמאַכט. ער איז אַזאַ און אַזעלכער, אַן ערלעכער, אַן אינטערעסאַנטער... און מער ווי דאָס דאַרף ער ניט. ער האָט לובענצאָוון אָפּגעכוימלט און איז אַוועק אַף מײַרעוו, גיי כאַפּ אים... (דער גענעראַל קופּריאַנאָוו וויגט טרויעריק מיטן קאָפּ.) נאָר די גרעסטע כאַרפּע פאַר אונדז איז, נאַטירלעך, די געשיכטע מיט וואָראָבייצעוון. פאַר אונדז אַלעמען. און אָט דערפאַר, וועל איך אײַך זאָגן, דאַרף מען דעם קאָפּ אַראָפּרײַסן! — די לעצטע ווערטער שרײַט ער אויס און, א פאַרשיקערטער מיט דעם אייגענעם געשריי, גיט ער א קלאַפּ מיטן פויסט איבערן טיש. — אָט זאָגט מען, אַז לובענצאָוו איז א באַשיידענער מענטש, ווײַנט באַשיידן, א פּאָשעטער... א גראָשן האָט זי די ווערט, די עפּעקטנע פּאָשעטקייט און באַשיידנקייט. זאָל ער לעבן ווי ער וויל, נאָר זאָל ער זען וואָס אַרום אים טוט זיך, זאָל ער קענען דעמאַסקירן די סאָנים. זאָל ער זיך ניט גרויס־האַלטן! זאָל ער ניט מיינען, אַז ער פאַרשטייט בעסער פון אַנדערע, בעסער פון אַלעמען!

עס דערהערן זיך אַפּלאָדיסמענטן. פּיגאַרעוו פאַררײַסט דעם קאָפּ, און לובענצאָוו דערשרעקט זיך, אַזוי געגוי קאָפּירט איז דער באַוועג געווען פון פּונקט, אַזאַ באַוועג בא אַלבינען.

XV

צוועלף אַזייגער באַנאַכט ווערט די פאַרזאַמלונג איבערגעריסן צוליב שפּעטקייט. די פאַרזעצונג טראָגט מען איבער אַף מאָרגן זיבן אין אָוונט. לובענצאָוו גייט אַרויס אין גאַס. צווישן אוילעם האָט ער פאַרלוירן זײַנע דינסט־כאַווײרים. אויטאָמאָבילן זײַנען פאַראַן אַ סאַך; זיי פאָרן צו איינער נאָכן צווייטן, זיי וואַרפן אַ שוואַכע שײַן פון זייערע אונטערפאַרן אַף דעם פײַכטן ברוק. טונקעלע געשטאַלטער וואַרפן זיך איבער מיט איינזילביקע ווערטער, קומען צו צום זוים פון די טראָטואַרן, קוקן זיך אײַן אין די טונקעלע שטריכן פון די אויטאָמאָבילן און פאָרן אַוועק. עס ווערט אַלץ ווייניקער מענטשן און אויטאָמאָבילן. און לובענצאָוו דערפילט זיך דעם ערשטן מאָל אַף זײַן לעבן ווי אַן איינזאַמער מענטש, אַן אָפּגעצוימטער מיט אַ אומגעזעענער וואַנט פון אַלע זײַנע כאַווורים. און אָט דער איינזאַמקייט געפיל הערט ניט אויף אויך דעמאָלט, ווען זײַן אויטאָמאָביל פאָרט צו און עס רוקט זיך אַרויס פון איר טשעגאַדאַיעווס קאָפּ און זאָגט:

— אהערצו, כאַווער פּאַדפּאַלקאָווניק.

— לאָמיר זיך בײַטן מיט די ערטער, — זאָגט לובענצאָוו. טשעגאַדאַיעוו גייט אַרויס געהאָרכיק פונעם אויטאָמאָביל און זעצט זיך אַוועק לעבן דעם שאָפער. לובענצאָוו וויל זיצן פון הינטן. נאָר איידער ער זעצט זיך אַוועק, שפּרינגט צו צו אים אַן אָפיציר פון דעם הינטערשטן אויטאָמאָביל.

— וואָס־זשע שטייט איר? פאָרט אַרויס, — זאָגט ער מיט פאַרדראָס וואָס מען פאַרהאַלט זיך. נאָר ווען ער קוקט זיך אײַן און דערקענט לובענצאָוון, פאַרהאַקט ער זיך, מורמלט אַרויס אַן אַנטשולדיקונג און בלײַבט שטיין אַ פאַרגליווערטער, ווי ער וואָלט דערזען אַ גײַסט פאַר זיך.

לובענצאָוו זעצט זיך אַרײַן אינעם אויטאָמאָביל. דער אויטאָמאָביל רירט זיך אין וועג אַרײַן און ער פאַרקלײַבט זיך אין זיך, פול מיט דעם געפיל וואָס האָט אים פּלוצעם אַרומגעכאַפּט, אַ געפיל פון אומכאַראָטע און פון אָפּגעריסנקייט פון אַלץ אין דער וועלט.

אַ געפיל פון בושע און פון באַליידיקונג אַף זײַנע כאַווײרים באַהערשט אים און דרייט אים איבער אַזוי, אַז ער קען מער ניט אויסהאַלטן. די פאַרבײַליופנדיקע זעלטענע פײַערלעך פון די דערפלעך און דער וואָיען פונעם ווינט הינטער די שײַבלעך פונעם אויטאָמאָביל, שטימען מיט זײַן אינערלעכן צושטאַנד. און אים דאַכט זיך, אַז אָט אַזוי יאָגט ער, אַ קיינעם ניט נייטיקער, פאַרבײַ די פינצטערע שטיבער, פאַרבײַ די מענטשן, וואָס זײַנען פאַרנומען יעדערער מיט זײַנע געשעפטן און זאָרגן, און ער גייט קיינעם ניט אָן מיט זײַנע געשעפטן און זאָרגן. און מיט אַ שוידער טראַכט ער זיך, אַז אַזוי וועט עס שוין אָנהאַלטן דעם גאַנצן לעבן, אַז ער וועט זײַן איינער אַליין אין דער פינצטערניש, אַן אָפּגעצוימטער אין דער פינצטערניש מיט די שויבן פון דעם ציטערנדיקן שטאָלענעם קאַסטן פון דער איבעריקער וועלט.

ווען ער כאַפּט זיך אויף באַ זיך אַף דער וווינונג אין לויטערבורג, יונגדערט ער זיך, וואָרעם ער קען זיך ניט דערמאָנען דעם מאָמענט ווען ער איז צוגעקומען און ווען ער איז אַרויסגעקומען פון דעם אויטאָמאָביל און ווי אַזוי ער איז געבליבן באַ זיך אין דער היים. אַזוי פאַרנומען זײַנען זײַנע געדאַנקען מיט עפּעס אַנדערש. נאָר אַזוי אָדער אַנדערש איז ער אין דער היים; וואָראָנין איז דאָ. וואָראָנינס טריט הערן זיך אין צווייטן צימער. וואָ־

ראָנין, קענטיק, גרייט נאַכטמאָל, כאָטש ער ווייס, אַז לובענצאָוו וועט נישט עסן, ווי ער האָט ביכלאַל קימאַט ניט געגעסן אין די לעצטע טעג.

וואָראָנין פֿרעגט ניט קיינעם און רעדט ניט מיט קיינעם, נאָר ער נעמט זיך צו די טעלער. און אָט דאָס אייסעקן זיך מיט די טעלער און זייער גע־קלימפּער באַרויִקט אַ ביסל לובענצאָוון.

ער טראַכט זיך, ווי גוט וואָלט געווען מאָרגן אַרויסגיין און זאָגן: „גייט אײַך צום טײַוול! איך וויל ניט אויסהערן דאָס וואָס איר זאָגט מיר. איך וויל ניט נעמען אַף מײַן כעשבן אָט די נידערטרעכטיקייט. איך בין דער וועגן וועמען איר רעדט דאָ. ווי אויסערלעך איבערצײַגנדיק עס זאָלן נישט אויסזען אײַערע באַשולדיקונגען, און ווי אויסערלעך איבערצײַגנדיק עס זאָלן נישט קלינגען אײַערע פֿאָרוואָרפֿן, נאָר אַלץ וואָס איר זאָגט, איז רעכילעס און שעקער".

נאָר, ער קען, נאַטירלעך, אַזוי ניט זאָגן און וועט עס קיינמאָל ניט זאָגן. ער וועט עס ניט זאָגן דערפֿאַר וואָס ער האָט די מענטשן ליב און אַכט זיי; דער איקער, דערפֿאַר וואָס ער פֿלײַסט זיך צו זײַן און איז אַ דיסצי־פּלינירטער פּאַרטיי־מיטגליד, אַ מענטש וואָס איז געוווינט זיך צו באַציִען מיט אַכטונג צו זײַנע כאַוויירים, זיך רעכענען מיט זייער מיינונג און יוכן אין זייערע ווערטער, ווי גרויזאַם זיי זאָלן ניט זײַן, אַ קערנדל עמעס. ער גלייבט אינעם קאָלעקטיוו און איז דערצויגן אין דער זיכערקייט, אַז נאָך אַלעמען, ווײַזט זיך אַרויס, אַז דער קאָלעקטיוו איז גערעכט.

יאָ, ער איז אַ דיסציפּלינירטער זעלנער. און מיט אַ מאָל באַגרײַפֿט ער, אַז ער געפֿינט זיך זײַט כאַדאָשים און יאָרן אינעם צושטאַנד פֿון שטענדיקן און גרויזאַמען זעלבסטקאָנטראָל; אַז די גאַנצע צײַט האַלטן אים אָט די אומגעזעענע קלאַמערן, וואָס ער האָט אַליין פֿאַר זיך באַשאַפֿן; און אַז ער האָט קיין איין וואָרט ניט אַרויסגערעדט און קיין איין ריר זיך נישט געטאָן אָן אַ פֿאָרויסיקער באַרעכענונג און אָן דעם ער זאָל אין אַכט נעמען עמעצנס זײַטיקע אויגן; און אַז ער האָט אין זיך אויסגעשמידט די אײַזערנע זעלבסטדיסציפּלין, וואָס ליגט אַף אים און דריקט אים, וואָס מאַכט אים אויסגערעכנט און פּינקטלעך ביז דערווידערטקייט, ביז עקל צו זיך אַליין.

נאָר דאָס אַלץ טוט ער ניט פֿאַר זיך, ניט אין זײַנע אינטערעסן, ניט קעדיי אַרויסצוהייבן זיך איבער אַלעמען, ווען ער איז ענלעך, אַף אַלעמען, נאָר ווײַל ער האַלט עס פֿאַר וויכטיק דער אַלגעמיינער זאַך. אָן זעלבסטדיסציפּלין איז ניט מעגלעך קיין דיסציפּלין, און אָן דיסציפּלין איז נישט מעגלעך אויסצופֿילן דאָס גראַנדיעזע, וואָס איז אָנגעצייכנט דעם דאָר, צו וועלכן ער געהער.

וואָראָנין קומט אַרײַן, שטעלט אַוועק דאָס געשיר אַפֿן טיש, שטייט אַ ווײַלע ניט גערירט פֿונעם אָרט, דערנאָך רופֿט ער זיך פּלוצעם אָן:

— נעמט אַ ביסל בראָנפֿן, כאָווער פּאָדפּאָלקאָווניק. דאָס העלפֿט.

— ברענג אַהער.

וואָראָנין דערפֿרייט זיך קענטיק דערמיט, ווערט אויפֿגעלעבט. ער גייט אַרויס און קומט צוריק מיט אַ פֿלעשל. ער גיסט אָן פֿולע גלעזער לובענ־צאָוון און זיך. ביידע טרינקען זיי אויס.

— און איצט דאַרפֿט איר שלאָפֿן, — זאָגט וואָראָנין.

— יאָ, יאָ.

נאָר דאָ דערהערן זיך טריט, עס עפנט זיך די טיר און טשאַכאָוו קומט אַרײַן.

טשאַכאָוו איז אָנגעטאָן ווי צו אַ פּאַראַד. די שטיוול אָפּגעפּוצט מיט אַ גלאַנץ. אפן שינעל גלאַנצן די רימענס. ער איז ריין אויסגעראַזירט, ערנסט, רויִק. ערנסט און רויִק ווי שטענדיק. נאָר עפּעס אין אים איז פאַראַן אומ־געוויינלעכס און דראַנעדיקס, און לובענצאָוו פאַרשטייט ניט טכּלעס וואָס אַזוינס איז עס. דערנאָך כאַפּט ער זיך: בײַ טשאַכאָוון אױף דער ברוסט הענגט אַן אויטאָמאַטישע ביקס. אַן אויטאָמאַט אױף אַן אָפיציר אין שאָלעם צײַט, געקליידט ערשט פון דער נאָדל, אין אַ היטל מיט אַ מאַלינאָוון אָקאָלישעק און מיט גילדענע פּאַגאָנעס אָנשטאָט די פעלד־פּאַגאָנעס, — דאָס אייגנטלעך איז דאָס אומגעוויינלעכע וואָס האָט לובענצאָוון דערשטוינט.

— זיצט, — זאָגט לובענצאָוו.

נאָר טשאַכאָוו זעצט זיך ניט. ער לייגט אַוועק אַפן טיש אַ פּאַפּיר אין פירן צונויפגעלייגט און הייבט אָןריידן שטיל, קלאָר און וואָרט בײַ וואָרט.

— כאַווער פּאָדפּאָלקאָווניק, — זאָגט ער. — דערלויבט מיר אײַך מעלדן, אין דעם אַלעמען בין איך איינער אַליין שולדיק. איך האָב אײַך אײַנ־געבראָכן איר זאָלט אַרײַננעמען אַהער וואָראָבייטשעוון אין דער קאָמענדאַטור. איך האָב געקענט וואָראָבייטשעוון, זײַן כאַראַקטער, דאָס, מיט וואָס ער האָט געאָטעמט, כאַווער פּאָדפּאָלקאָווניק. נאָר איך האָב דאָס אַלץ אײַך נישט גע־זאָגט און צוליב מײַן אייגענער נאַרישקייט און אָפּגעשטאַנענקייט האָב איך ניט פאַרשטאַנען מיט וואָס דאָס וועט זיך פאַרענדיקן פאַר אים... און פאַר אונדז אַלעמען. איך בין דורכוים שולדיק, איך און ווײַטער קיינער ניט. אָט דאָס האָב איך אַלץ אָנגעשריבן. אָט דאָס איז עס. אָט, — ער שווײַגט אַ ווײַלע און רופט זיך אָן מיט אַ געענדערטן טאָן: — אַנטשולדיקט מיר, סערגיי פּלאַטאָנאָוויטש. דעם שרעץ... דעם שרעץ... — דאָס קאָל האַקט זיך אים איבער.

— ווּהין קלײַבט איר זיך? — הייבט זיך מיט אַ מאָל אויף לובענצאָוו אַ דערשראָקענער ביז גאָר. — וואָס איז אײַך אײַנגעפאַלן? זײַט איר בײַם זינען?

— ניין, ניין, האַלט מיך ניט אָפּ, — זאָגט טשאַכאָוו שוין רויִקער. — איך דאַרף אַן אורלויב אױף צוויי טעג. דאָס בעט איך און נישט מער.

— זײַט איר בײַם זינען, פרעגט מען אײַך! — שרײַט צו אים לובענ־צאָוו. ער טרעט צו האַרט צו טשאַכאָוון.

— איך מוז אים דערהאַרגענען, — זאָגט טשאַכאָוו.

— איר פאַרשטייט ניט וואָס איר האָט אײַך אין זינען אַרײַנגענומען. — ענטפערט לובענצאָוו. — איר זײַט אַ קינד, טשאַכאָוו! איר האָט אַפילע ניט אַ טראַכט געטאָן אין וואָס פאַר אַ לאַגע איר וועט אַוועקשטעלן מיך. טוט אויס דעם שינעל! טשאַכאָוו, איר הערט?

— כאַווער פּאָדפּאָלקאָווניק, — מישט זיך פּלוצים אַרײַן אינעם גע־שפּרעך וואָראָנין און מאַכט אַ טראָט פאָרויס צו לובענצאָוון. — לויט איך פאַרשטיי, האָט ער ריכטיק באַשלאָסן. מען מוז די דאָזיקע קאַנאַליע אָפּ־ווישן פונעם אָנגעזיכט פון דער ערד. לאָזט מיך אױף אײנאײנעם מיט דעם קאַפּיטאַן. האָט קיין מוירע ניט, מירן עס אַלץ אָפּמאַכן אַזוי ריין, אַז קיינער וועט ניט באַווײַזן אַפילע אַ נים צו טאָן. געטרויט איר ניט דעם סטאַרשינאַ וואָראָנין? איר האָט פאַרגעסן ווי איך האָב געטאָן אַפן פראָנט... וויפל ציג־נער מיר האָבן אײנאײנעם אַריבערגעשלעפּט?!

— דו רעדסט אויך נאַרישקייטן? — פרעגט לובענצאָוו און קוקט מיט אַ פאָרוווּרף אַף וואָראָנינען. — עפשער זאָל איך אויך פאָרן מיט אײַך? — ער פאַרטראַכט זיך אַף אַ מינוט, צעשמייכלט זיך און זאָגט פאַרטראַכטער־הייט: — מיר וואָלטן גאָרניט שלעכט דורכגעפירט דעם אויפזוך און אַהער־געשלעפט קיין לויטערבורג דעם פאַררעטער. מיר וואָלטן פאַר איינס געקענט צושלעפן אַהער נאָך וועמען... עך, איר! טשודאַקעס! קאַפּיטאַן טשאַכאָוו, איר זײַט אַרעסטירט מיט הויז־אַרעסט. אָפּקומען דעם אַרעסט וועט איר דאָ, באַ מיר. נעמט אַרונטער דעם אויטאָמאַט. וואָס נאָך האָט איר דאָרט? אַ מעסער? אַלץ לייגט אַוועק. דעם גאַרטל נעמט אַראָפּ: איר זײַט אַרעסטירט. און קוקט ניט אַזוי אַף מיר, ווי איר וואָלט געזען פאַר זיך וואָראָבייצעוון.

— ער גיט אַ שלוק וואָדקע און רעדט ווײַטער, אַלץ מער אויפגערעגט: — שפּײַט אַף אים. די ערגסטע שטראָף פאַר אים: זאָל ער לעבן. זאָל ער לעבן, איינער אַליין מיט זײַן נידעריקייט, מיט זײַן נישטיקייט. טוט זיך אויס, וואַ־סילי מאַקסימאָוויטש, זיצט. נו האָט זיך איינער אַן אויסוווּרף דעמאַסקירט. איז עס אַזאַ גרויסער פאַרלוסט? כאַפּט אים דער טײַוול! עפשער איז עס גלײַכער וואָס ער האָט זיך אויפגעדעקט, וואָס ער איז ניט מיט אונדז, וואָס מיר וועלן זיך ניט נאַרן אין אים, ניט האַלטן פאַר איינעם פון אונדזערע. שוין געווען אַזוינע פאַלן או עס וועלן נאָך זײַן. זיי זײַנען שוין גאָרניט אַזוי אומנאַטירלעך באַ איצטיקע אומשטענדן, ווען עס קעמפן צוויי גרויסע לאַ־גערן איינער מיט דעם צווייטן. צו וואָס־זשע אַרײַנפאַלן אין אומעט אָדער זיך אַנטשליסן אַף געוואַגטע מאַיסים? נעמט, טרינקט אויס אַ גלעזעלע, און אַזוי ווי איר זײַט אַרעסטירט, האָט איר זיך ניט וואָס צו אײַלן. זיצט מיט מיר אַביסל אָדער לייגט זיך שלאָפן. און אויב מען וועט אויך מיך אַרעסטירן הײַנטיקע נאַכט, וואָס דאָס איז גאַנץ מעגלעך, טאָ זאָל מען אונדז שוין נעמען צוזאַמען.

טשאַכאָוו שפּאַנט צו צום פענצטער און שפּאַרט זיך צו מיטן שטערן צו דער שויב. פון די אויגן באַ אים שפּאַרן אַרויס צוויי טרערן. ער מאַכט צו די אויגן קעדיי זיי אַראָפּצוטרייסלען, ער שטייט אַ ווײַלע און דרייט זיך דערנאָך אום צו לובענצאָוון.

— איכל גיין אַרײַנפירן דעם מאָטאָציקלעט אין הויף אַרײַן, — זאָגט ער.

ער גייט אַרויס, פירט אַרײַן דעם מאָטאָציקלעט אין הויף און קומט צוריק.

עס נעמט שוין טאָגן, ווען טשאַכאָוו און וואָראָנין שלאָפן אײַן. נאָר לובענצאָוו שפּאַנט נאָך אַלץ אום איבערן צימער, שטעלט זיך אָפּ פון צײַט צו צײַט לעבן דעם דיוואַן ווו טשאַכאָוו שלאָפט, און קוקט אַפן קאַפּיטאַן מיט אויגן פול צערטלעכקייט. ער דערמאָנט זיך, אַז ער האָט שוין אַמאָל געזען טשאַכאָוון שלאָפן. דאָס איז געווען מיט אַ יאָר צוריק, נאָר פון דע־מאָלט אָן, דאַכט זיך, זײַנען שוין אַוועק יאָרצענדליגער — אַזוי פיל געשע־ענישן און איבערלעבענישן האָבן זיך שוין פאַר דער צײַט דורכגעטראָגן. אין שלאָף זעט אויס טשאַכאָווס פּאָנעם יונג, דאָס אַנטשלאָסענע מויל איז האַלב אָפן. טשאַכאָוו אָטעמט מיט אַ ניט־גלײַכן אָטעם, מיט אַ טיפן זיפץ פון צײַט צו צײַט. לובענצאָוו נעמט טשאַכאָווס מעלדונג פונעם טיש און צערײַסט זי, גיט איבערגעלייענטערהייט, אַף פיצלעך.

גײַן אַזייגער קומט לובענצאָוו אין דער קאָמענדאַטור. ער רופט אַרויס

יאַוואָרסקין. פון יאַוואָרסקיס רויטע אויגן און געלן פּאָנעם איז צו זען, אַז אויך ער איז ווייניק און שלעכט געשלאָפן.

— ווי איז מיט לאַנגהיינריכן? האָט איר אים אַרויסגערופן? — פרעגט לובענצאָוו.

— ניין.

— אַ שאָד. דער לאַנדראַט איז דאָך נאָך אַלץ ניט באַשטימט. רופט אים אַרויס.

— ער וויל ניט גיין אַף דעם אַמט.

— ער וויל ניט! ס'איז נאָך ווייניק דאָס וואָס ער וויל ניט! ער איז דער פּאַסיקסטער מענטש. פּראָפעסאָר סעבאַסטיאַן האָט אים, ניט אָן גרונד, רעקאָמענדירט. רופט אים שוין אַרויס.

— פאַראַן.

— איר קענט גיין. שיקט מיר אַרײַן טשעגאָדאַיעוון.

טשעגאָדאַיעוו קומט אַרײַן.

— האָט איר אין אַכט גענומען — זאָגט לובענצאָוו, — אַז אין די לעצטע צען טעג האָבן די מינען ניט אויסגעפילט דעם פּלאַן? האָט איר געשמועסט וועגן דעם מיט די מינען־אָנפירער?

— איך האָב נאָך ניט געשמועסט.

— לאָמיר אַהין צופאָרן.

— פאַראַן.

זיי פאָרן צו דער מינע. אין דער פאַרוואַלטונג קומט פאָר אַ זיצונג פון דעם פּראָדוקציע־ראַט, בעראָש מיט לובענצאָווס אַלטן באַקאַנטן האַנס עפּערלע. לובענצאָוו איז ניט צופרידן מיט דעם פוילן גאַנג פון דער דיסקוסיע און נעמט אַ וואָרט, ער זאָגט, אַז מען טאָר ניט דערלאָזן דער אוילעם זאָל פּלוידערן, אַז די אַרבעטער זײַנען ניט בעקויעך אַליין אָנצופירן מיט דער אונטערנעמונג; די מינע האָט דאָך די פאַרגאַנגענע צען טעג אויסגעצייכנט געאַרבעט א״אַ״וו.

ער פאָרט נאָך ערגעץ געשעפטלעך, נאָר דערנאָך דערמאָנט ער זיך קוים ווו ער איז געוועזן און מיט וועמען ער האָט גערעדט. צוריקגעקומען אין שטאָט, פאָרט לובענצאָוו צוערשט צו דער קאָמענדאַטור. דאָ לאָזט ער איבער טשעגאָדאַיעוון, לאָזט אָפּ דעם אויטאָמאָביל און גייט אַוועק צופוס צום הויז צופוסנס דעם באַרג, ווו איצט אַרבעט דער סעמינאַר וואָס גרייט נײַע לערערס. אַמאָל איז דאָ געוועזן די ענגלישע קאָמענדאַטור.

אין קילן פאָרהויז איז שטיל, און עס דאַכט זיך אַז קיינער איז אין הויז נישטאָ. נאָר ווײַטער גייענדיק דערהערט לובענצאָוו פון אַ האַלב אָפענער טיר אַ שטילן הודיען פון איינער אַ שטים און אָן אָנגעשטרענגטע שטילקייט, וואָס ווערט איבערגעריסן מיט הוסטלעך. דאָס זעלביקע הערט זיך פון אַן אַנדער טיר. אַלץ צוזאַמען דערמאָנט אַ שול בעיים די לעקציעס. עס דאַכט זיך, אַז אָט וועלן זיך צעעפענען די טירן און פון די קלאַסן וועלן זיך אַרויסשיטן די קינדער.

— אָ, הער לובענצאָוו! — דערהערט ער אַ פאַרוואונדערטע שטים. פון אַ זײַטיקן קאָרידאָר קומט אַרויס פרוי וויזעצקי. זי צעשמייכלט זיך ברייט און גייט אים אַקעגן. פון הינטער איר רוקן באַווײַזט זיך נאָך איין נײַגעריק קײַלעכדיק פרויען־פּענעמעל.

אין דער צײַט וואָס לובענצאָוו פרעגט זיך אויס בײַ פרוי וויזעצקי ווי עס גייט די אַרבעט, דערהערט זיך דער גלאָק. דער קאָרידאָר ווערט פול מיט

מענטשן, לובענצאָוון רינגלען אַרום פֿון אַלע זײַטן פֿרײַנטלעכע פּענעמער. אײנער נאָכן צווייטן גריסן זיך אַלע מיטן קאָמענדאַנט און באַהאַלטן נישט אויס זייער פאַרגעניגן דערמיט וואָס ער איז געקומען. ער דערפילט אַ קלעם אין האַרצן און ער מוז זיך צווינגען שמייכלען צו אַט די ליבע מענטשן, וואָס פאַרדאַכטן גאַרניט ווי צעשטורעמט עס איז אין אים דאָס האַרץ.

דערנאָך דערזעט ער עריקען. זי קומט צו אַ צעשטראַלטע פֿון פרייד.

— ענדלעך האָט איר באַוויליקט קומען. — זאָגט זי. — איך וועל זיך די מינוט צוזאַמענריידן... איר וועט זיך דאָך ניט אָפּזאָגן פֿון אַ שמועס, כאָטש אַף איין האַלבער שאָ מיט די צוקונפטיקע לערערס?

— הײַנט קען איך בעשום אויפֿן ניט, — זאָגט לובענצאָוו. — אין אַ צוויי, דרײַ טעג אַרום. — ער גיט אַ טראַכט און זאָגט: — איך וועל צושיקן מײַנעם אַ פאַרטרעטער. ער וועט עס מאַכן ניט ערגער, און עפשער, בעסער פֿון מיר.

עריקאַ צעלאַכט זיך אומצוטרויִלעך.

דערווײַל קומען צו די לעקטאָרס, צווישן זיי לערכע, וואָס גיט פאַר די צוהערערס לעקציעס פֿון מאַרקסיזם־לעניניזם. ער זאָגט אַז אים געפעלט זייער אָט די אַרבעט, און עפשער איז גאָר דאָס זײַן באַרוף.

לובענצאָוו ווייס שוין, אַז לערכע פאַרלאָזט דעם פּאָסטן פֿון אָנפירער פֿון דער געגנט־לעכער קאָמפּאַרטיי־אָרגאַניזאַציע. כאָטש לובענצאָוו האַלט אַליין, אַז לערכע טויג ניט צו דער אַרבעט, אַז ער איז צו שטרענג, ניט בייגיק, לעבט מיט פאַרעלטערטע פאָרשטעלונגען, און דער איקער, באַציט ער זיך צו פײַנטלעך צו די סאָציאַל־דעמאָקראַטן, צו אַלע אָן אויסנאַם, — איז לובענצאָוו דאָך געריִרט: זיי פאַרבינדט אַ פיל־כאַדאָשימדיקע צוזאַמענ־אַרבעט, און פאַר דער צײַט האָט ער באַוויזן ליב צו באַקומען דעם דײַטשן קאָמוניסט פאַר זײַן קרישטאָלענער אָרנטלעכקייט, אומאיבערקויפלעכקייט, ניט נאָכגעביקייט און ברענענדיקער סינע צו די סאָנים; עמעס, לערכע רעכנט ניט זעלטן צו די סאָנים אַזעלכע מענטשן וואָס זײַנען נישט קיין סאָנים. די קאָמוניסטן און די סאָציאַל־דעמאָקראַטן זײַנען פאַראייניקט אין איין איינ־ציקער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי. די פראַגע איז געלייזט און לערכע פאַר־שטייט, אַז בײַ אַזעלכע באַדינגונגען מוז ער אַוועקגיין פֿון דער אָנפירנדיקער אַרבעט.

לובענצאָוון פרייט דאָס וואָס לערכע איז בײַ זיך ניט געפאַלן און האָט זיך אַפילע אַ ביסל באַרויִקט, איז מילדער געוואָרן אין באַציִונג מיט מענטשן.

—איצט איז פאַראַן וועמען עס זאָל מיך פאַרבײַטן, איצט זײַנען אַלע אַנטוויקלט און קלוג, — זאָגט לערכע אַביסל גאַליק, נאָר ער גיט צו: — די אָרגאַניזאַציע איז אַ שטאַרקע, און פאַראַן אַ סאַך גוטע מענטשן.

באַלד דערהערט זיך דער גלאָק. דער קאָרידאָר ווערט ליידיק. עריקאַ בלויז רירט זיך ניט פֿון אָרט.

— איר זעט אויס פאַרמאַטערט, — זאָגט זי.

— כ'האָב אַ סאַך אַרבעט, עריקאַ.

זי גיט אַ זיפֿץ און זאָגט:

— צוליבן גרויסן ציל, איז ניט קיין שאָד די מי.

ער קוקט אַף איר פאַרוווּנדערט ווען ער דערהערט פֿון איר די אומגע־ווינטע בײַ איר אין מויל העכע ווערטער. ער טראַכט זיך אַפילע צי שפּאַסט זי

ניט, צי פֿאַראַדירט זי אים ניט. נאָר זי איז ערנסט, און זי קוקט אַף אים אַ טיף דורכגעדרונגענע.

עריקאַ, ווי מיסטאָמע אַ סאַך פֿרויען אַף דער גרויסער וועלט, איז פֿעיִק גרינגער צו פֿאַראייגענען די גרויסע אידייע און זיך דורכדרינגען מיט איר ניט אַבסטראַקט, נאָר פֿון גרויס געפֿיל צום טרעגער פֿון דער אידייע. קעדיי זיך צו איבערצײַגן אין דער גערעכטיקייט פֿון דער סאָציאַליסטישער זאַך, האָט זי געמוזט פֿריער דערפֿילן די גערעכטיקייט און דעם פּערזענלעכן רייץ פֿון לובענצאָוון׳ ווען זי האָט אים ליב באַקומען, האָט זי אויך באַקומען זײַן קוק אַף זאַכן. אין שאַיכעס דערמיט האָט זי גענומען היים און מיט דעם פֿאַנאַטיזם פֿון אַ נעאָפֿיט לייענען אַלץ וואָס זי האָט געקענט באַקומען וועגן דעם ראַטנפֿאַרבאַנד און וועגן די קאָמוניסטישע אָנשטרענגונגען, און האָט אויפֿגענומען די פּאָר איר נײַע אָנשווינגען אובאַדינגט, אָן שום קריטיק, דערפֿאַר וואָס דאָס זײַנען אויך לובענצאָוום אָנשווינגען. זי דערלאָזט ניט קיינע קריטישע באַמערקונגען בענוגייע די אָנשווינגען וואָס זי האָט אָנגע־נומען אַף אַזאַ ריין פּרויִלעכן וועג, און איז נאַיִוו, ליב און אַ ביסל קאָמיש מיט איר גראָדליניקייט און ניט נאָכגעביקייט.

שוין עט שפּעטער האָבן אירע נײַע בליקן אָפּן לעבן גענומען עקזיס־טירן באַזונדער פֿון אירע אינטימע געפֿילן.

זיי שטייען אַליין אינעם האַלבטונקעלן קילן וועסטיביול.

— וואָס הערט זיך מיט אײַער פֿאָטער? — פֿרעגט ער נאָכלעסיק. — ער שרײַבט?

— צו וואָס? הײַנט־מאָרגן קומט ער צו פֿאָרן.

— אהאַ. פֿאַרשטענדלעך.

זיי גייען אַרויס אַפּן גאַניק. ס׳איז קאַלט.

— גייט אַרײַן. איר וועט זיך צוקילן, — זאָגט ער.

— ניין, — ענטפֿערט זי פֿאָשעט. דערנאָך זאָגט זי רויִק: — דער פֿאָ־טער וועט אומבאַדינגט קומען די טעג. ער איז אַ צעטראָגענער, אַ ניט־אָר־גאַניזירטער, נאָר וואָס ער זאָגט צו, פֿילט ער שטענדיק אויס.

— פֿאַרשטייט זיך.

דערבײַ געזעגענען זיי זיך.

„אויב איך האָב זיך אין אים אָפּגענאַרט, — טראַכט זיך לובענצאָיו שפּאַנענדיק פֿאַמעלעך איבער דער גאַס, — קען מען מיך טרייסטן, אַז איך בין ניט דער איינציקער וואָס האָט זיך גענאַרט. זײַן אייגענע טאָכטער האָט זיך אויך גענאַרט. אָדער זי איז אַזאַ אַקטריסע און אַזאַ אויסוואָרף וואָס די וועלט האָט נאָך נישט געזען".

XVI

אינעם אויפֿנאַם־צימער וואַרט אַף לובענצאָוון לאַנגהיינריך. לעבן אים זיצן זײַן פֿרוי מאַרטאַ און קאַפּיטאַן יאַוואָרסקי. זיי דערזעען דעם אַרײַנגעקו־מענעם לובענצאָוון און שטעלן זיך אַלע אויף. מאַרטאַ באַגריסט זיך און גייט אַפּ באַשיידן אין אַ ווינקל, קעדיי ניט צו שטערן דעם געשפּרעך פֿון די מענער. נאָר לובענצאָוו גייט צו צו איר און זאָגט איר:

— קומט אַרײַן, קומט אויך איר אַרײַן, מאַרטאַ. ס׳איז אַן ערנסטע פֿראַגע. אַן אַ פֿרוי וועט מען זיך דערין ניט באַגיין.

זיי קומען אַרײַן אין קאַבינעט. דאָ זיצט קאַסאַטקין. לובענצאָוו וואַרפֿט

אַף אים אַ שנעלן בליק. קאַסאַטקין זעט אויס שלעכט. ער איז, קענטיק, אויך שלעכט געשלאָפן. די ברעמען זײַנען בא אים פון לײַדן אײַנגעצויגן.

— איז אָט וואָס, — זאָגט לובענצאָוו און ווערט נאָך מער אויפגעלעבט און זעצט אַליין אוועק לאַנגהיינריכן מיט דער פרוי אָפן דיוואַן. — זיצט, כאַווייִרים. איך האָב ניט איינמאָל אויסגענוצט אײַער גאַסטפרײַדנשאַפט און איר באַ מיר זײַט קיין איין מאָל ניט געווען. איר ווילט ניט קיין טיי?

פון טיי זאָגן זיי זיך אָפּ.

— איר ווייסט, מיסטאָמע וועגן וואָס מען האָט אײַך גערופן, — רעדט ווײַטער לובענצאָוו און קוקט כיטרע אָפן פּאָרפאָלק. — וועגן אַ מעלוכע־איניען.

— מיר ווייסן, — ציט אויס מאַרטאַ.

— און איר זענט ניט גאָר צופרידן? — כאַפּט אונטער לובענצאָוו.

— יאָ, ניט גאָר צופרידן, — פּאָטאַקעוועט מאַרטאַ. — גאָרניט צופרידן. ווי אַזוי־זשע וועלן מיר אַרויספאָרן פון דאָרף? מיר האָבן אַ באַלעבאַטישקייט... און ביכלאַל איז אַזאַ זאַך ניט פאַר די קויכעס לאַנגהיינריכן (זי רופט אים אָן באַם פאַמיליען־נאָמען).

— אַ ווײַב האַלט שטענדיק דעם מאַן פאַר ערגער ווי ער איז, — לאַכט לובענצאָוו.

— ניין, זי איז גערעכט, — זאָגט לאַנגהיינריך. ער איז דערשטוינט, אַ ביסל פאַרלוירן, און בעט זיך: — אומזיסט... האָט איר דאָס אַלץ... פאַרטראַכט. נו, זאָגט איר אַליין, איך בעט אײַך! פּראָפעסאָר סעבאַסטיאַן — פאַרשטייט איך. ער איז אַ געלערנטער, אַ קלוגער, אַ מענטש מיט אײַנפלוס.

— ער האָט אײַך אַליין פאָרגעשלאָגן, — זאָגט לובענצאָוו. — ער האָט וועגן אײַך אַ בעסערע מיינונג ווי אײַער ווײַב. איך אויך.

לאַנגהיינריך וואָס האָט די גאַנצע צײַט געקוקט צו דער ערד, הייבט דערבײַ אויף די אויגן צו לובענצאָוון און רופט זיך אָן מיט אַ שאָטן אומצוטרוי:

— און פּראָפעסאָר סעבאַסטיאַן?... וואָס?... פאָרט אַוועק פון לויטערבורג? קומט ניט צוריק?

— פאַרוואָס זאָל ער ניט קומען? — זאָגט לובענצאָוו און קוקט מיט אַ זײַט אַף קאַסאַטקינען. — ער וועט זײַן פּראָפעסאָר... ער האָט זײַן ספּעציאַליטעט. אין האַללע האָט זיך ווידער געעפנט דער אוניווערזיטעט. מיר דאַרפן ספּעציאַליסטן. דאָס איז אויך וויכטיק.

לאַנגהיימער עסט זיך אײַן מיטן בליק לובענצאָוון אין פּאָנעם, לאָזט ווידער אַראָפּ די אויגן און זאָגט גאָרניט.

— און דער געגנט־קאָמיטעט, דער האָט טייקעף געשטיצט אײַער קאַנדידאַטור, — זאָגט לובענצאָוו. — נאָך אַלעמען, קען אָננעמען אַ באַשלוס דער פּאַרטיי־קאָמיטעט און איר וועט גיין ווּהין מען וועט אײַך שיקן. ריכטיק, כאַווער לאַנגהיינריך? פּאַרטיי־דיסציפּלין, מאַרטאַ! נאָר ניט דערין גייט עס. מיר ווילן איר זאָלט דערויף גיין פרײַוויליק. אַז אַ מענטש גייט פרײַוויליק, אַרבעט ער בעסער. פּרוּווט אַלנפאַלס, וועט עס ניט גיין, וועלן מיר אײַך אָפּלאָזן צוריק אין דאָרף אַרײַן. איך זאָג אײַך צו: וועט אַרויסקומען שלעכט, וועלן מיר אײַך אָפּלאָזן. און אָט זאָגט אײַך צו אויך דער כאַווער קאַסאַטקין... אַף דעם פאַל טאָמער פאָר איך אָפּ... איר זאָגט צו, כאַווער קאַסאַטקין? — ער זאָגט קאַסאַטקינען אין רוסיש: — זאָגט אים, אַז אויב עס וועט זיך אַרויסווײַזן, אַז ער קומט ניט אויס מיט דער אַרבעט, וועט מען

אים פֿאַרבײַטן מיט אַן אַנדער כאַוועער, וועט מען אונטערקלײַבן אַ צווייטן מענטשן.

קאַסאַטקין, וועלכער פֿאַרשטייט דײַטש, נאָר קען ניט ריידן אָדער איז ניט אַנטשלאָסן, ענטפֿערט אויך אין רוסיש:

— פֿאַרשטייט זיך. דאָס איז גאַנץ נאַטירלעך.

— איז אָט פֿאַרזיכערט אײַך אויך כאַוועער קאַסאַטקין, — זאָגט לו־בענצאָוו.

— וווּהין קלײַבט איר זיך דען פֿאָרן? — פֿרעגט לאַנגהיינריך.

— קען זײַן איך זאָל פֿאָרן אַף אורלויב. — ענטפֿערט שנעל לובענצאָוו און זעצט זיך צו אַקעגן מאַרטען און נעמט אים אויפֿקלערן: — איר פֿאַר־שטייט, מאַרטאַ, מען מוז. דאָ גייט ניט אין געלערנטקייט. ווייניק געלערנטע פּוסטעפּאַסניקעס פֿאַראַן! דער איקער איז, וואָס אײַער מאַן האָט אַ פֿעסטע האַנט און אַ ריינעם געוויסן. דאָס מוזט איר דאָך מוידע זײַן, מאַרטאַ? מען דאַרף טראַכטן ניט נאָר וועגן זיך און וועגן די אייגענע באַקוועמקייטן.

— פֿאַרשטייט זיך, — איז מאַרטאַ צעטומלט און קוקט אָן אַ זײַט.

— נו, זעט איר דאָך! — רופֿט אויס לובענצאָוו און ווענדט זיך צו לאַנגהיינריכן. — אָט זעט איר, לאַנגהיינריך, מאַרטאַ איז מאַסקים.

לאַנגהיינריך שמייכלט.

— דאָס איז נאָך ווייניק, — זאָגט ער — איך אַליין בין שוין אויך ניט קיין ייִנגעלע.

— מאַכט זיך ניט פֿאַר אַזאַ זעלבסטשטענדיקן מענטשן, — שמייכלט לובענצאָוו. — איך וועל אײַך סײַ ווי ניט גלייבן. איך האָב באַלד דערזען אַז אַלץ איז געווענדט פֿון מאַרטען. גלאַט אַזוי זיך איז זי געקומען? נו, לאַנגהיינריך, וועט איר פּרוּוון? פּרוּווט. מירן אײַך אַרויסהעלפֿן.

לאַנגהיינריך גיט אַ מאַך מיט דער האַנט. לובענצאָוו פּאַטשט אים אין דער פּלייצע און זאָגט אין רוסיש:

— מאָלאָדיעץ!

מאַרטאַ הייבט זיך אויף און זאָגט:

— ווי איר האָט עס אונדז אײַנגערעדט! איך האָב געמיינט, אַז קיינער וועט מיר ניט אײַנריידן.

— מען מוז עס האָבן צו דער זאַך, — רופֿט זיך שטיל אָן לובענצאָוו.

ער פֿירט צו לאַנגהיינריכן און מאַרטען צו דער טיר, דערנאָך דרייט ער לאַנגזאַם אום דאָס פּאָנעם צו זײַנע אָפֿיצירן. זײַן אויפֿגעלעבטקייט רינט טייקעף אויס. קאַסאַטקין און יאַוואָרסקי שווײַגן.

לובענצאָוו רופֿט זיך אָן:

— העלפֿט אים אַרויס, כאַווייריִם. שטיצט אים. ער איז אַ ווילער פּויער און וועט זיך נאַטירלעך אויסטויגן צו דער אַרבעט. ער מאַכט זיך נאָר, אַז ער איז דערשטוינט און צעטראָגן, באַ זיך טראַכט ער שוין ווי אַזוי אַלץ בעסער אײַנצואָרדענען. איך קען אים גוט. איר הערט? העלפֿט אים.

— מירן אים העלפֿן, פֿאַרשטייט זיך, — זאָגט אים שטיל צו יאַוואָרסקי.

קאַסאַטקין שאָקלט בלויז צו מיטן קאָפּ און גייט אַרויס.

— כאַוועער פּאָדפּאָלקאָווניק, — זאָגט יאַוואָרסקי. — איך האָב גע־וואָלט... כ'וואָלט וועלן... — ער שוויצט, ער געפֿינט קיין ווערטער ניט, איז בלייך, צערודערט. זײַנע דיקע גוטע ליפּן ציטערן. ער ווישט זיך אויס די ברילן און רעדט ווײַטער: — איך וועל הײַנט דאַרפֿן אַרויסטרעטן. מען האָט מיר געזאָגט איך זאָל אַרויסטרעטן. איר ווייסט דאָך ווי איך שעץ אײַך,

איך אַכט אײַך און האָב אײַך פּאַשעט... ליב. יאָ, איך האָב אײַך ליב, סערגיי פּלאַטאָנאָוויטש. פֿאַר אַ סאַך. נאָר מיר האָט פֿאַרגעשלאָגן דער כּאָווער גאָר־בענקאָ. איך מוז זאָגן. איר זאָלט זיך אַף מיר ניט באַליידיקן.

לובענצאָוו קוקט אַף איר קאַלט, גיט אַ שמייכל און גייט אַרויס מיט אַ קלאַפּ פֿון דער טיר. נאָר דערנאָך באַקומט ער ראַכמאָנעס אַף יאַוואָרסקין, קערט זיך אום, גייט צו צום פֿענצטער און זאָגט אַ צעשטרײַטער:

— מיילע, נו, גוט. זאָל זײַן אַזוי.

מענשאָוו קומט אַרײַן מיט אַ פּאַפּיר צום אונטערשרײַבן. לובענצאָוו שרײַבט אונטער. שוין באַלד פֿינף. לובענצאָוו שטייט אויף. זײַן פּאָנעם ווערט מיט אַ מאָל טונקל און ער זאָגט:

— צײַט צו פֿאָרן.

און מיט אַ מאָל ווערט ער באַריידעוודיק, שטיל. דער טומל און דער פֿאַרבײַגעלויף פֿון די פֿענעמער הערט אויף.

— צײַט פֿאָרן, — זאָגט ער און טוט אָן ס'היטל און גייט אַרויס. אונטן וואַרטן שוין די אויטאָמאָבילן.

אַרום זיבן אין אָוונט פֿאָרן צו די אויטאָמאָבילן צום הויז ווו די פֿאַר־זאַמלונג קומט פֿאָר. לובענצאָוו דערזעט דאָס הויז, גיט ער אַ שוידער, און אַלע הײַנטיקע געשעענישן — דער וויזיט אין דער מינע, דער געשפּרעך מיט לערכען און עריקען, דער שמועס מיט לאַנגהיינריכן, ווערן אָפּגערוקט ערגעץ ווײַט, ווי ער אַליין וואָלט זיך צעטיילט אַף צוויי מענטשן, ביז גאָר פֿאַרשיידענע, ניט ענלעכע איינער אַפֿן צווייטן. ער וווּנדערט זיך איצט אַליין ווי־אַזוי ער האָט געקענט לעבן מיט יענעם אַנדערן לעבן און ווי־אַזוי האָט אים גע־קענט קלעקן קויכעס ניט צו פֿאַלן אונטער דער מאַסע פֿונעם צווייטן לעבן וואָס הייבט זיך איצט אָן.

ביז דער פֿאַרזאַמלונג איז נאָך דאָ אַ מינוטן צוואַנציק, און לובענצאָוו צווינגט זיך דאָס מאָל שטיין און אומגיין איבערן פֿאָיע, זיך גריסן מיט די וואָס גריסן אים און זיך מאַכן אַז ער זעט ניט יענע וואָס קערן זיך אָפּ פֿון אים. דער פֿאָיע ווערט אַלץ פֿולער. ער שטעלט זיך אָפּ בײַ דער וואַנט און נעמט קוקן אַף די מענטשן. אַ סאַך זייערע קען ער, וועגן אַ סאַך זייערע האָט ער געהערט גוטס. מערסטנס זײַנען עס יונגע, נאָר פֿון דערפֿאַרונג קלוג געוואָרענע מענטשן, מיט אַ סאַך אָרדן־ברעטלעך אַף דער ברוסט, שטײַפֿע, ערנסטע, ער קוקט אַף זיי צום ערשטן מאָל פֿון אַ זײַט, מאַכמעס פֿריִער איז ער געוווינט געווען זיך צו פֿילן ווי איינער פֿון זיי. און זײַן האַרץ, צעווייקט פֿון גרויזאַמע ליידן, פֿילט איצט צו זיי, צו די אַלע מענטשן, אַ צאַרטקייט און ליבע, וואָס איצט, מאַכמעס זיי זײַנען ניט צעטיילט, רײַסן זיי אים נאָך מער דאָס האַרץ.

פֿול מיט אומרו פֿאַר זיך און פֿאַר זיי, קוקט ער אַף זייערע פּאָשעטע פּנעמער און טראַכט זיך, מיט אַן איבערגעפֿולטן האַרצן: „איז עס אונדז, פּאָשעטע רוסישע מענטשן, נאָך די קויכעס נאָך, צו טראָגן דעם סאָוועטישן גוירל אונדזערן, וועלן מיר קענען ביז צום סאָף אויספֿירן די גרויסע פֿון פֿאָרויס־אָנגעצייכנטע פּלענער און באַרעכטיקן די גרויסע האָפֿענונגען? וועלן ניט נויוועער זײַן די קליינלעכקייטן פֿון לעבן, וועט ניט אָפּגעקילט ווערן אונד־זער ברען מיט דער רוטין, מיט דער פֿאַרדריסנקייט, מיט דעם דאָרשט צורו?"

לובענצאָוו ענטפֿערט זיך אַף אָט די נײַע פֿראַגן וואָס ער שטעלט זיך, מיט אַ געפֿיל וואָס איז נאָענט צו פֿרייד: „יאָ, נאָך די קויכעס, יאָ, מירן אויספֿירן, יאָ, מירן ניט אָפּטרעטן פֿונעם ריכטיקן וועג". און דאָס וואָס ער

פילט אַזאַ גרענעצלאָזע ליבע צו זײַנע כאַווײרים און איז אַזוי זיכער אין זײ און אין זיך ניט דעמאָלט ווען אים איז גוט, ווען ער פאַרנעמט אַן אָנגעזעען אָרט, נאָר גראָד איצט, ווען ער געפינט זיך אין אַ פאַרצווייפלטער לאַגע, צווינגט אים מיט אַ אומגעווייִנלעכן קויעך צו פאַרשטיין, אַז זײַן איצטיק געפיל שפּיגלט אָפּ די רעאַלע ווירקלעכקייט און קומט ניט צום קליינלעכן נאַרישן אָפּטימיזם.

דאָ נעמט קלינגען דאָס גלעקל וואָס רופט דעם אוילעם אין זאַל אַרײַן.

פאָלקאָווניק גאָרבענקאָ עפנט די זיצונג און מעלדעט, אַז הײַנט וועט זי דויערן ניט מער ווי צווײ שאָ, מאַכמעס 21 אַזייגער מוזן די אָנפירנדיקע כאַווײרים צופאָרן אַף אַ וויכטיקער און דרינגלעכער באַראַטונג מיט די פאָרשטייער פון די דײַטשע פאַרטייען און פּראָפעסיאָנעלע פאַראייניגן און דערבײַ גיט ער צו וויסן, אַז איבערקײַען די דעבאַטן טויג נישט. רעדנערס האָבן זיך פאַרשריבן אַ סאַך.

די מעלדונג צערודערט לובענצאָוון, וואָס האָט גערעכנט, אַז הײַנט וועט זיך פאַרענדיקן און עס וועט באַשלאָסן ווערן ענדגילטיק און אומווידעררופלעך.

לובענצאָוו זיצט אײַנגעגעסן מיט די פינגער אינעם אָנלען פונעם שטול, וואָס שטייט פאַר אים, און הערט אויס די אַרויסטרעטנדיקע כאַווײרים. ער הערט און ער באַרויִקט זיך און ער האַלט זיך אײַן, כאָטש אַ סאַך מאָל הייבט עס אים פונעם אָרט און ער וויל אָפּן אָרט באַשטרײַטן דאָס אַרויסגעזאָגטע. און אײנציַיטיק דערמיט באַמיט ער זיך, ווי שטענדיק, אויסצוגעפינען אין דער געדיכטער ריי באַשולדיקונגען, וואָס טראָגן זיך פון דער טריבונע, דאָס ריכטיקע. ער טראַכט זיך: „מען טאָר ניט אַף אַלץ קוקן בלויז פונעם פערזענלעכן שטאַנדפּונקט. דאָס וואָס מיר דאַכט זיך, קען זײַן ניט ריכטיק. צי דען איז מעגלעך, אַז דער גאַנצער זאַל, וואָס נעמט אין זיך אַרײַן העכער צוויי הונדערט מענטשן, ווײַזט אַרויס בייז ווילן אָדער פאַרלאַנגט מײַן כאַרפּע און מײַן אומקום? עס קען דאָך זײַן, אַז די אַלע מענטשן ווילן מיר אויפריכטיק אָנווײַזן אַף מײַנע שוואַכקייטן און פעלערן, קעדיי איך זאָל זיך פאַרריכטן און אויסבעסערן. איך טאָר ניט דערום און האָב קיין רעכט ניט אַרויסצוווײַזן נאַרישע אַקשאָנעס. איך מוז זיך פּרוּוון פאַרשטיין זייער שטאַנדפּונקט און זיך שטעלן אַף זייער אָרט. און צום הונדערטסטן מאָל זאָגט ער זיך, אַז ווען דער פאַל מיט וואָראָבייצעוון וואָלט געווען פאָרגעקומען אין אַן אַנדערער קאָמענדאַטור, וואָלט ער, לובענצאָוו, מעגלעך אַרויסגעטראָטן דאָ מיט אַ בייזער אַקשאָנעסדיקער רעדע. איז עס טאַקע אַזוי? וואָס וואָלט ער געזאָגט? ניין, ער וואָלט אַזוי ניט אַרויסגעטראָטן, ער וואָלט זיך באַמיט רויִק און ערנסט אַנאַליזירן דאָס געשעענע. מעגלעך, אָבער, אַז דאָס דאַכט זיך אים איצט, ווען ער איז אַליין אַרײַן אין אַזאַ לאַגע?

דערנאָך טרעט אַרויס יאַוואָרסקי. דער שטערן בא יאַוואָרסקין איז באַדעקט מיט גרויסע טראָפּנס שווייס, ער איז זיך מיסוואַדע, און ער טוט עס זייער שיין און אינטעליגענט, מיט פאַררונדיקטע עלעגאַנטע פראַזן. זײַן ווידע לייענט ער פונעם פאַפּיר, און דאָס וואָס זי איז אָנגעשריבן פאָרט זיך ניט מיט דעם אויפגערעגטן טאָן ווי ער לייענט די פון פריער צוגעגרייטע גרויסע ווערטער. ער אָנערקענט פאַר ריכטיק אַלע באַשולדיקונגען, די גערעכטע און די אומגערעכטע, אומגעקליבן, און קימאַט טײַוועדיק זאָגט ער זיךאָפּ פון לובענצאָוון און פון אַלץ דאָס גוטע, וואָס די קאָמענדאַטור האָט געטאָן אינעם לויטערבורגער ראַיאָן.

גאָר אַנדערש רעדט קאַסאַטקין, וואָס אַף זײַן אַרויסטריט האָט לובענצאָוו געוואָרט מיט באַזונדערן אומרו. ער ברענגט אַרויס די פֿאַקטן, די פּאָזיטיווע און די נעגאַטיווע, שטרענג אָביעקטיוו. ער זאָגט, אַז לובענצאָוו איז אַן אָרנטלעכער קאָמוניסט און אַ טאַלאַנטפֿולער טוער און מען קען בײַ אים אַ סאַך לערנען. „יאָ, איך האָב אַ סאַך געלערנט בײַ לובענצאָוון", — זאָגט ער פֿעסט און עטוואָס אַרויסרופֿעריש. מיט דער זעלביקער פֿעסטקייט באַשולדיקט ער לובענצאָוון אין פֿאַרזען און פֿאַרקוקן, אין ליבעראַלקייטן און אין איבעריקן צוטרוי און פֿאָדערט ווידער אַרעסטן.

לובענצאָוו הערט אויס קאַסאַטקינען און איז אים קימאַט דאַנקבאַר פֿאַר זײַן אָביעקטיוון אַרויסברענגען זײַן שטאַנדפּונקט. נאָר אויך איצט קען ער ניט צושטימען, אַז דער פֿאַל מיט וואָראָבייצעוון דאַרף זײַן אַ סיבה פֿאַר אומצוטרוי צו מענטשן בכלל.

אים קומט מיט אַ מאָל אױפֿן געדאַנק דער ווײַטער מיזרעך און מאָדנע און ניט אין פּלאַץ טראָגן זיך אים פֿאַרבײַ די אײַנדרוקן פֿון דער יוגנט. ער שטעלט זיך פֿאָר די ווינטערדיקע טײַגע נאָכדעם ווי דער ערשטער שניי פֿאַלט אויס און גוואַלדיקע שטאָכים ווערן פֿאַרוואַנדלט אין אַן אָפֿענעם בוך פֿאַר מענטשן, וואָס קענען אים לייענען. פֿאַר די אויגן פֿונעם אויפֿמערקזאַמען באַטראַכטער ליגט דאָס אויסבאַהאַלטענע לעבן פֿון די וואַלדיקע ראַכוועסן ווי אַף דער דלאָניע. ער זעט די שפּורן פֿונעם פֿוקס און פֿונעם בער, דעם צערעפּעטן שפּור פֿונעם אויערהאָז און דעם ריזיקן לאַפּע־אָפּדרוק פֿונעם אוסורישן טיגער. ווען מען זאָל קענען צוטראַכטן אַזאַ לאַקמוס־פּאַפּיר, אַזאַ שפּורן־שפּיגל פֿון דער מענטשלעכער נעשאָמע, דורך וועלכן מען זאָל קענען לייענען דאָס פֿאַרהוילנסטע, דאָס טיפֿסטע!

קימאַט צום סאָף זיצונג גיט מען איבער לובענצאָוון אַ צעטעלע, וואָס ער נעמט עס אין דער האַנט, נאָר ער צענעמט עס ניט, מאַכמעס גראָד אין דער מינוט נעמט ריידן אַ פּאָלקאָווניק, וואָס שטייט בעראָש פֿון איינער אַ קאָמיסיע, וואָס איז די לעצטע טעג געקומען קיין לויטערבורג אַף אַן אויספֿאָרשונג. דער פּאָלקאָווניק זאָגט, אַז לובענצאָוו האָט פֿאַרלוירן דעם מאָראַלישן אָנבליק פֿון אַ קאָמוניסט, דערמיט וואָס ער האָט זיך פֿאַרבונדן מיט דער מישפּאָכע פֿונעם דײַטשן פּראָפֿעסאָר סעבאַסטיאַן און האָט אים אַרויסגערוקט אױפֿן פּאָסטן פֿון לאַנדראַט. ער גיט אָפּן אָנצוהערן אַז לובענצאָוו האָט נאָנטע באַציִונגען מיט סעבאַסטיאַנס טאָכטער, וועלכע ער האָט שוין אַרויסגערוקט אַף די קורסן פֿון נײַע דײַטשע לערער. דער פֿאַקט וואָס עריקאַ סעבאַסטיאַן איז ניט געפֿאָרן מיטן פֿאָטער אין דער מײַרעוודיקער זאָנע, קומט בײַ אים אַרויס ווי אַ באַשטעטיקונג פֿון איר פֿאַרבינדונג מיט לובענצאָוון. דער פּאָלקאָווניק לויבט איראָניש לובענצאָוון פֿאַר זײַן דערפֿאָלג בײַ פֿרויען און זאָגט אויך איראָניש, אַז אַ סאַך נוצלעכער וואָלט געווען ווען לובענצאָוו האָט דערפֿאָלג ניט בײַ עריקאַ סעבאַסטיאַן, נאָר בײַ איר פֿאָטער, וואָס געפֿינט זיך איצט אין דער אַמעריקאַנישער זאָנע.

דער דאָזיקער פּאָלקאָווניק מיט דעם נידעריקן שטערן און אויגן ווי בײַ אַ ראַק, מיט דיקע ליפּן, אַ ליבהאָבער פֿון אויסטרינקען און צובײַסן, קלאָגט אַזוי אַף לובענצאָווס קלוימעהשטע זינד, אַז לובענצאָוו באַקומט אים האַרציק פֿײַנט, און ווידער טראַכט ער וועגן דעם וויאַזוי די ווערטער וואָס שענדן אים, קלינגען איבערצײַגנדיק און אַלע וועלן אים זיכער גלייבן. לובענצאָווס אויפֿפֿירונג ווערט אַרויסגעשטעלט אין אַ בייזער שענדלעכער שײַן. אין דער לופֿט טראָגט זיך אַ שטיקנדיק ווינטל פֿון בייזן כשאַד, פֿון אומצוטרוי צו

מענטשן, ניט נאָר צו אים, לובענצאָוון, נאָר צו אַלע די וואָס זיצן דאָ. און ניט שווין־זשע פאַרשטייען זיי דאָס ניט? — פרעגט זיך לובענצאָוו. — צי דען שטויסט זיך דאָ קיינער ניט אָן, אַז דאָס אייגענע קען מען זאָגן וועגן יעדן איינציקן פון זיי און יעדן איינעם וועט אַזוי שווער זײַן ווי מיר, דאָס אַלץ אָפּצוּוואַרפן?"

צום סאָף פון דער רעדע נעמט דער רעדנער אַרויס פון דער קעשענע אַ פּאַפּיר, באַקוקט יובלדיק דעם אוילעם, גלעט עס אויס און זאָגט:

— ווי עס ווײַזט זיך אַרויס, פאַרנעמט זיך לובענצאָוו, אַזוי צו זאָגן, אויך מיט „ליטעראַרישער אַרבעט". אָט האָט איר דאָ זײַן „ווערק", וואָס איינער פון די לויטערבורגער אָפיצירן האָט עס מיר איבערגעגעבן. — דער זאָל בלײַבט פאַרגליווערט, מען דערוואַרט אויסערגעוויינלעכע נײַע גרויסע אויפדעקונגען. — אָט נאָך אײַך, זײַט אַזוי גוט, — זאָגט ווײַטער דער פּאָלקאָווניק — איך וועל עס אײַך לייענען. דער כאַוווער לובענצאָוו האָט אָנגעשריבן אַזעלכע מינים אינסטרוקציעס, וואָס ער האָט זיי אָנגערופן „נאָטיצן פון אַ סאָוועטישן קאָמענדאַנט". ער דערלויבט זיך צו געבן אָנווײַזונגען און אייצעס וויאַזוי אַ סאָוועטישער קאָמענדאַנט דאַרף זיך פירן. — ער נעמט לייענען די „פאַרצייכענונגען" וואָס לובענצאָוו האָט געשריבן אין שלאָפלאָזע שעהן און כאָטש אין זיי איז נישטאָ עפּעס אַזוינס וואָס קען וואַרפן אַ שאָטן אויף זייער פאַרפאַסער, לייענט זיי דער פּאָלקאָווניק מיט אַזאַ אויסדרוק, ווי עס וואָלט אין יעדן וואָרט זייערן געווען אַ פאַרלעצונג פון די קלאָלים, אין יעדן אָס אַן אָפּנויג פון די דינסט־אײַנשטעלונגען. און כאָטש אַלע פאַרשטייען אַז עס איז אין זיי קיין שום בייז נישטאָ, איז אָבער דער טאָן מיט וועלכן ער לייענט זיי אַזאַ, אַז ער פירט אַרויף אויף כשאָדים און פאָדערט כוצפּעדיק באַם אוילעם זיי צו פאַרורטיילן און אַרויסצובאַקומען באַ אים אָט דעם אורטייל. די „פאַרצייכענונגען" אויף אַזאַ אויפן אונטערגעטראָגענע, זעען אויס באַם אוילעם ווי זיי וואָלטן די ווערט געהאַט פאַרורטיילט צו ווערן שוין דערמיט וואָס זיי זײַנען ניט ענלעך אויף די געוויינלעכע באַשטעטיקטע אינסטרוקציעס. לובענצאָוו ווערט פאַרברענט פון בושע וואָס זײַן „שרײַבעכץ" ווי ער אַליין האָט עס אָנגערופן, וואָס איז באַשטימט געווען פאַר אים אַליין און איז, ווער ווי אַרום, אַרויס אין דער עפנטלעכקייט, ווערט איצט געלייענט אויף דער פאַרזאַמלונג און זי הערט זיך צו צו די ווערטער פון די „פאַרצייכענונגען". באַם פּאָלקאָווניק אין מויל, אין דעם טאָן און אין דער אײַנרעמונג ווי ער לייענט זיי, זעט אויס לועבנצאָוון שרעקלעך נאַריש. אָבער דאָך ניט מער ווי נאַריש, און ניט מער. נאָר דער אוילעם נעמט עס אויף ווי עפּעס פאַרברעכערישעס, פאַרבאָטנס.

— אָט, — פאַרענדיקט ניצאָכנדיק דער פּאָלקאָווניק און הייבט אויף דאָס פּאַפּירל הויך איבערן קאָפּ. — ער האָט באַשלאָסן אונדז אַלעמען צו לערנען, אין ערגעץ ניט באַשטעטיקט די אינסטרוקציע, קיינעם ניט געגעבן זי דורכצוקוקן.

אַלס ווײַטערדיקן רעדנער רופט מען אַרויס מענשאָוון. מענשאָוו שטופּט זיך דורך און באַמיט זיך ניט צו פאַרטשעפּען לובענצאָווס קני. ער זאָגט בלויז עטלעכע ווערטער, זייער צערודערטע און געפּלאָנטערטע. ער זאָגט, אַז די אומגליקלעכע „פאַרצייכענונגען" אָט ע ר איבערגעגעבן דעם פּאָלקאָווניק, נאָר ניט קעדיי זיי אַרויסצוברענגען אין דער עפנטלעכקייט, נאָר, פאַרקערט, קעדיי צו באַווײַזן, אַז דער כאַווער לובענצאָוו באַציט זיך ריכטיק צו זײַנע פליכטן און אַפילע אָט... שריפטלעך... קען עס באַשטעטיקט

ווערן, און אַז די „פֿאַרצייכענונגען" האָט ער באַקומען פֿון אַ צווייטן אָפֿיציר, וואָס האָט באַ אים גענומען אַן ערן־וואָרט, אַז ער וועט זיי קיינעם ניט ווײַזן. יענער אָפֿיציר האָט זיי בעסאָד פֿון לובענצאָוון איבערגעשריבן פֿאַר זיך. נאָר לובענצאָוו האָט זיי בעשום אויפֿן ניט פֿאַרשפּרייט און קיינעם ניט געגעבן צו לייענען. און אַז זיי, די אָפֿיצירן פֿון דער לויטערבורגער קאָמענדאַטור, האָבן זיך באַמיט די גאַנצע צײַט צו אַרבעטן ווי מעגלעך בעסער און זייערע פֿעלערן וועלן זיי זיך באַמיִען אויסצובעסערן.

ער גייט אָפּ פֿונעם טישל, גרייט אַראָפּצוגיין די טרעפּלעך, נאָר מיט אַמאָל בלײַבט ער שטיין און מיט אַ פֿאַרצווייפֿלטן קאָל זאָגט ער:

— און אַפֿן כאַווער לובענצאָוו קלאָגן מיר זיך ניט. ער האָט זיך באַמיט, ער האָט אַלץ געטאָן. אַלץ וואָס מען דאַרף, האָט זיך באַמיט צו טאָן פֿאַרן וווּל פֿון אונדזער פֿאָטערלאַנד.

דעם גענעראַל קופּריאַנאָווס פּנים דריקט אויס שטוינען. ער צענעמט די הענט.

ווען מענשאָוו גייט אַראָפּ פֿון דער טריבונע, צענעמט לובענצאָוו ריין מעכאַניש דאָס באַקומענע צעטעלע. דאָרט שרײַבט זיך:

„צו אײַך איז די פֿרוי געקומען. זי וואַרט אַף אײַך אין הויז פֿון דער קאָמענדאַטור, אינעם צימער נומער 63".

XVII

דאָס וואָס מען רעדט ווײַטער, הערט שוין ניט לובענצאָוו. אַלץ אינאיינעם האָט זיך באַקומען צו שרעקלעך, ער זאָל קענען אין אַכט נעמען די קלענערע אָנפֿאַלן אָדער קלאָגן אַף די קלענערע און גרעסערע אומגערעכטיקייטן. די געפֿילן זײַנע דערבײַ איז שווער צו באַשרײַבן. אינאיינעם מיט צעטרודערונג און פֿרייד — אַ לײַדנשאַפֿטלעכער באַגער, אַז טאַניאַ זאָל איצט זײַן טויזנטער מײַלן ווײַט פֿון דאַנען. ער באַטראַכט איר קומען ווי זײַנעם אַ גרויסן אומגליק.

אַ ניט געניטער אין פּערזענלעכע זאַכן, האָט ער זיך נאָך ניט געהאַט איבערצײַגט, אַז אַ פֿרוי, דאָס ווײַב קען זײַן ניט נאָר אַ באַטייליקטע אין דער גרויסער מיסטעריע פֿון ליבע, אַ שטאָלצע און אַ גליקלעכע מיט איר מאַן, נאָר אויך אַ וואָרע לעבנס־שטיצע — איינע פֿון די שטאַרקסטע וואָס זײַנען אַף דער וועלט פֿאַראַן. דערין איז אים נאָך ניט אויסגעקומען זיך צו איבערצײַגן. נאָר איצט ווייס ער עס נאָך ניט און מיט דער שרעק פֿון פֿאַרווונדיקטן שטאָלץ און ראַכמאָנעס צו זיך און צו איר נעמט ער אויף איר אָנקומען אין אָט די שרעקלעכע אומשטענדן.

נאָר זי וואַרט אַף אים אינעם צימער נומער דרײַ און זעכציק. אים איז שווער צו גלייבן דערין, צו גלייבן, אַז זי געפֿינט זיך אַזוי נאָענט פֿון אים און פֿון זײַן אומגליק.

ער אַנטשליסט זיך צו ווײַזן דאָס צעטעלע טשעגאָדאַיעוון, וואָס זיצט לעבן אים. יענער האַלט זיך ניט אײַן און גיט הויך אַ אָכקע און שאָקלט ווייטיקלעך מיטן קאָפּ.

ווי נאָר מען דערקלערט דעם איבעררײַס, הייבט זיך לובענצאָוו שנעל אויף און גייט צו דער טיר. נאָר דער אוילעם, וואָס שפּאַרט זיך אויך צו דער טיר, פֿאַרהאַלט אים. ער שטופּט זיך ניט. ס'איז אים אַפֿילע אָנגענעם וואָס ער רוקט זיך פּאַמעלעך, וואָס זײַן באַגעגעניש מיט טאַניען איז כאָטש

אַף אַ פּאָר מינוט אָפּגערוקט. אַזוי רוקט ער זיך אײַנאײַנעם מיטן אוילעם און אָט איז ער שוין אין דרויסן.

עס גיסט אַ שטאַרקער רעגן און אַרום גלאַנצט אַלץ.

לובענצאָוו גייט צו די אויטאָמאָבילן, ער געפינט אויס זײַנעם און הייסט פאָרן צום הויז פון דער אַלטשטאַטער קאָמענדאַטור.

ער הייבט זיך שנעל איבער די טרעפּ און שוין אינעם וועסטיביול פון צווייטן שטאָק דערזעט ער טאַניען. זי שטייט, אַ הויכע, אַ שלאַנקע, אין אַ ברייטן גרויען וועג־מאַנטל, עלעגאַנט און עטוואָס פרעמד. די ציווילע קליידונג, מעגלעך, ענדערט זי. ער האָט זי נאָך קיינמאָל אַזוי ניט געזען פריער, — אַ גרויער הוט מיט אַ פעדער אַנשטאָט אַ היטל מיט לאַפּן אָדער אַ בלויען בערעט, שיך אַף הויכע קנאַפּל אָנשטאָט שטיוול.

מיט אַ שרעק, וואָס איז אים ביז איצט אומבאַקאַנט געווען, אַן ערנסטער און אַ שטילער, גייט לובענצאָוו צו צו איר. ער נעמט זי אַרום און זי דריקט זיך צו אים, צעציטערט פון פרייד. איר פרייד רופט זיך אָפּ אין אים מיט אַ נאָגנדיקן ווייטיק.

זי זאָגט אים מיקויעך די זאַכן, און טכילעס פאַרשטייט ער זי ניט, אַזוי גלײַכגילטיק איז ער איצט צו אַלע זאַכן אין דער וועלט. ער גייט איר נעהאָרכיק נאָך אין צימער נומער דרײַ און זעכציק. עטלעכע וואַליזעס שטייען דאָרט. ער איז נאַיִוו דערשראָקן, ער טראַכט זיך, אַז מיר איז אַוואַדע שרעקלעך שווער געווען דערקלײַבן זיך אַהער מיט אַזאַ געפּעק אַף איבערגעכאַפּטע אויטאָמאָבילן. פון אַלטער מילכאָמע־געוווינהייט, שטעלט ער זיך פאָר, אַז אַזוי אייגנטלעך פאָרן אַהער פון רוסלאַנד איינצלנע מענטשן. מיט פאַרגעניגן נעמט ער די וואַליזעס אַף זיך, ער פילט אַ גרויס געניום אונטער זייער מאַסע. ער לאָזט איר קיין זאַך ניט נעמען, נאָר מיט געלעכטער רײַסט זי בײַ אים אַרויס אַ וואַליזע פון די הענט און טראָגט אים לײַכט אַראָפּ. אַף די טרעפּ טרעפט ער אָן אָפיצירן וואָס גייען פון דער פאַרזאַמלונג, נאָר אים אַרט ניט וואָס זיי טראַכטן זיך, און אויב ער קוקט אַף זיי, איז נאָר פון דעם שטאַנדפּונקט ווי געפעלט זיי טאַניאַ. און ער טראַכט זיך, אַז ער וועט איבערטראָגן אַלע שווערע זאַכן אַף דער וועלט, אַלץ, וואָס מען פאַרלאַנגט זאָל מען אַף אים אַרויפלייגן, וועט ער טראָגן.

דעם גאַנצן וועג צום אויטאָמאָביל האַלטן זיי זיך בײַ די הענט און שווײַגן.

אין דער היים, וואַרט אַף לובענצאָוון אַ סורפּריז. בײַ אים אַף דער וווינונג, אַ העל באַלויכטענער, זײַנען פאַרזאַמלט טשעגאָדאַיעוו, מענשאָוו, קסעניאַ, וואָראָנין און קאַסאַטקינס ווײַב, אַנאַסטאַסיאַ סטיעפּאַנאָווגאַ. טשאָכאָוו, וואָס געפינט זיך נאָך „אונטער אַרעסט”, זיצט אין אַ ווינקעלע, אַ רויִקער, אַ שטרענגער, און — אָן דעם גאַרטל. אַזוי געהער עס אַן אַרעסטירטן, און טשאָכאָוו פלײַסט זיך טאָן אַלץ ווי געהעריק.

אַלע שמועסן זיי ווי מעגלעך אומגעצווונגען, זיי דערציילן טאַניען וועגן לויטערבורג און וועגן דעם היגן לעבן פון דער רוסישער קאָלאָניע. קיינער דערמאָנט אַ וואָרט ניט וועגן דעם וואָס עס טוט זיך אין דער לויטערבורגער קאָמענדאַטור. בלויז אַנאַסטאַסיאַ סטיעפּאַנאָווגאַ האָט איין מאָל אַרומגענומען טאַניען און האָט אַ כליפּע געטאָן. אַלע האָבן אַף איר אַ שנעלן בליק געטאָן מיט פאָרוואורף. נאָר טאַניאַ האָט גאָרניט ניט פאַרשטאַנען, — זי האָט דעם מאָדנעם און אומגעריכטן באַוועג מעגלעך צוגעשריבן דער פרייד, וואָס אַ מענטש איז געקומען פונעם פאָטערלאַנד.

די געסט, אַגעוו, זײַנען זיך ניט פֿאַרזעסן. ניט געקוקט אַף די אומ־דרייסטע ביטעס פֿון לובענצאָוון און טאַניען זיי זאָלן בלײַבן, האָבן זיי ניט וויניקער אומדרייסט פֿאַרלייגט טערוצים און זײַנען אַוועק.

טשאָכאָוו נאָר איז געבליבן. ער שטייט אַ ווײַלע אומאַנטשלאָסן בײַ דער טיר און פֿרעגט דערנאָך:

— און איך, כאַווער פּאָדפּאָלקאָווניק? מעג איך גיין?

לובענצאָוו כאַפּט ניט מיט אַ מאָל דעם זין פֿון דער פֿראַגע. ער גייט צו צו טשאָכאָוון און זאָגט אים:

— גיי, וואַסילי מאַקסימיטש. נאָר קום אומבאַדינגט אין דער פֿרי פֿרישטיקן. מירן וואַרטן.

ווען זיי בלײַבן אַליין, גייט לובענצאָוו צו טאַניען, נאָר ניט גלײַך און ניט שנעל, נאָר פּאַמעלעך און מיט אומוועגן, ער שטעלט זיך צוליב קליינ־קייטן, בײַם טיש, בײַם שטול, בײַם פֿענצטער־אָנלען. ער ווערט שיר דער־שטיקט.

אין דער פֿרי, ווען זי שלאָפֿט נאָך, דערמאָנט ער זיך, ווי אָפֿט ער פֿלעגט זיך פֿאָרשטעלן איר אָנקום; ער, וואָס די אַרבעט פֿאַרנעמט בײַ אים דעם לייבן־כיילעק פֿון זײַן לעבן, קלײַבט זיך ווײַזן איר דעם ראַיאָן, באַ־קענען מיט מענטשן, וואָס זײַנען אים ליב געוואָרן, די קאָמענדאַטור, די שטאָט לויטערבורג, אַרײַנגיין מיט איר אין דער קאַטעדראַלע און אין אַנ־דערע מערקווירדיקע ערטער, אַרומפֿאָרן דעם האַרץ־געביט, די היילן און וואַסערפֿאַלן. נאָר איצט, בײַ די איצטיקע אומשטענדן, דאַכט זיך אים, איז עס אוממעגלעך, ניט נייטיק און ווײַט. דאָס איז שוין ניט זײַן לעבן, ניט דאָס מיט וואָס ער האָט אַזוי אָנגעשטרענגט געלעבט די אַלע כאָדאָשים.

לובענצאָוו וויל ניט אויפֿדעקן טאַניען און ער לאָזט איר איבער אַ צע־טעלע וועגן פֿאַרשידענע באַלעבאַטישע איניאָנים און אַז ער וועט צושיקן קסעניען.

אין דער קאָמענדאַטור טראַכט ער די גאַנצע צײַט וועגן טאַניען. אין אַ פֿערציק מינוט אַרום קלינגט ער איר טעלעפֿאָניש, נאָר קיינער ענטפֿערט ניט. ער וויל שוין צולויפֿן אַהיים, זען צי אַלץ איז דאָרט ווי געהעריק, נאָר מיט אַ מאָל דערזעט ער אין פֿענצטער טאַניען. זי שנײַדט איבער דעם שטאָט־פּלאַץ, און דאָס זען זי אויפֿן לויטערבורגער שטאָטפּלאַץ זעט אים אויס ווי אַ וווּנדער, וואָרעם בײַ אים אין מויעך האָבן דער שטאָט־פּלאַץ און זי געלעבט גאַנץ באַזונדער, ווי אין צוויי פֿאַרשידענע וועלטן. אַכוצדעם איז אים פֿאַ־שעט אינטערעסאַנט צו זען ווי זי גייט. ניט געקוקט דערויף וואָס אין קאַ־בינעט בײַ אים זיצן מענטשן, דערין לערכע און יאָסט, האָט ער זיי ווי פֿאַר־געסן און קוקט זיך אײַן, מיט גרויס אינטערעס ווי טאַניאַ גייט איבערן שטאָט־פּלאַץ איינע אַליין.

דעם ערשטן מאָל אין זײַן לעבן טראַכט ער וועגן דעם, אַז עס זײַנען נישטאָ קיין צוויי גלײַכע געננ אַף דער וועלט און אַז בעעצעם איז אַ מענ־טשנס גאַנג זייער וויכטיק באַם שאַצן זײַן כאַראַקטער. נאַטירלעך, איז עס ניט אָנצוכאַפּן און עס פֿאָדערט זיך מיסטאָמע אַ פּיליאָריקע אויפֿפּאַסונג, קעדיי דאָס זאָל ווערן עפּעס באַשטימטס. נאָר טאַניעס גאַנג מאַכט אַף לו־בענצאָוון אַ שטאַרקן אײַנדרוק. איר גאַנג איז אַ קאָנצענטרירטער, אַ גראַ־ציעזער, אַן אַנטשלאָסענער און אין דער זעלביקער צײַט אומגעווײנלעך ווײַבלעך.

ער רײַסט קוים אָפּ די אויגן פֿונעם פֿענצטער און זעצט זיך אַוועק אַף

זײַן אָרט. נאָר אויך דעמאָלט ווען ער הייבט אָן די באַראַטונג, וואָס ווערט פֿון אים געפֿירט, שטעלט ער זיך פֿאָר פֿאַר טאַניען צוקומען, ווי זי זעט די מעלוכע־פֿאָן איבער דער קאָמענדאַטור־געבײַדע, ווי זי קומט צו אַלץ נענטער, שטעלט זיך אָפּ לעבן דעם זעלנער אַף דער וואַך און ווי דער זעלנער — הײַנט שטייט אַף דער וואַך פּעטרוניטשעוו — וואָס ווייס ווער זי איז, וואָרעם אַלע, נאַטירלעך, ווייסן שוין אַז זי איז געקומען, זאָגט איר מיט אַ שמייכל (ער שמייכלט זייער גערן; די הויט באַ אים אַרום די ליפּן, אָן אָנגעצויגענע אַף גרויסע עטוואָס אַף פֿאָרויס אַרויסגערוקטע ציין, איז שטענדיק גרייט צו ווײַזן די ציין מיט אַ שמייכל) אַז דער פּאָדפּאָלקאָווניק איז באַ זיך אויבן. און אָט גייט זי שוין אַרויף די טרעפּ.

עס דערהערט זיך אַ קלאַפּ אין טיר.

— אַרײַן, — זאָגט לובענצאָוו און גיט זיך אַ לאָז צו דער טיר.

טאַניאַ קומט אַרײַן, זי דערזעט מענטשן און נעמט צוריקטרעטן.

— קום אַרײַן, קום אַרײַן, — זאָגט לובענצאָוו. ער פֿירט זי צו צום טיש און באַקענט זי מיט אַלע פֿאַרזאַמלטע. און אַלע קוקן אַף איר מיט נײַגער און נייגן זיך צו איר העפֿלעך, ווי דאָס איז אָנגענומען באַ די דײַטשן.

ער באַזעצט זי אַפֿן דיוואַן און ער מורמלט איר אַרײַן אין אויער זי זאָל אויסוואַרטן און אויב איר איז אומעטיק, קען איר קסעניאַ ווײַזן די קאָמענדאַטור. נאָר זי ענטפֿערט אים מיט אַ געמורמל, אַז איר איז נישט אומעטיק און זי וועט דאָס אויסוואַרטן.

לובענצאָוו, וואָס פֿלעגט די לעצטע צײַט דורכפֿירן באַראַטונגען אָן דער איבערזעצערן, רעדט דאָס מאָל רוסיש, און קסעניאַ זעצט איבער. דערנאָך זעצט זי איבער וואָס די דײַטשן זאָגן. עס רעדט זיך וועגן דער אַרבעט אַף איינער אַ פֿאַבריק, דערנאָך וועגן דער אײַנאָרדענונג אין שטאָט. נאָך דער באַראַטונג, קומען צו לובענצאָוון מיט באַריכטן די אָפֿיצירן פֿון דער קאָמענדאַטור, דערנאָך קומט לאַנגהיינריך און גיט צו וויסן, אַז מאָרגן וועט ער איבערנעמען די לאַנדראַט־געשעפֿטן. ער בעט לובענצאָוון צופֿאָרן קיין פֿינקענדאָרף און זיך דורכריידן מיט דעם נײַעם בירגערמײַסטער, וועלכן ער האָט רעקאָמענדירט אַף זײַן אָרט. לובענצאָוו זאָגט, אַז ער וועט ניט אָפּלייגן און הייסט צוגרייטן דעם אויטאָמאָביל. זיי גייען אַלע דרײַ אַרויס פֿונעם הויז און לובענצאָוו זעט ווי פֿון די פֿענצטער פֿונעם אונטערן שטאָק קוקן די זעלנער אַפֿן קאָמענדאַנטס פֿרוי און דאָס איז אים אָנגענעם.

זיי פֿאָרן דורך די גאַנצע שטאָט. לובענצאָוו ווײַזט אָן טאַניען אַף די הײַזער, וואָס די מײַרעוודיקע וואַנט באַ זיי איז פּינקטלעך און קאָקעטיש באַדעקט מיט רויטע דאַכלקעס, טיילמאָל מיט קליינינקע פֿענצטערלעך אין דער מיט; דאָס רופֿט זיך דאָ אָן „ביבערשוואַנצע" (ביבערנע עקן). דערנאָך דערציילט ער וועגן דער שטאָט און אירע באַוווינער, וועגן דעם שלאָס, וועגן די האַרץ־לעגענדעס און די אָרטיקע פֿירונגען.

יעדן יאָר, אין גרין כאָגע, דערציילט ער, קלײַבן זיך אויף די באַוווינער פֿון די באַרגיקע דערפֿער אַפֿן דאָרפֿס־פּלאַץ. באַ יעדן פֿון זיי איז, אין אַ שטײַגל מיט אַ ווײַס טיכל צוגעדעקט, אַ פֿינק־פֿייגעלע פֿאַראַן. מען קלײַבט אויס אַ זשורי און עס הייבט זיך אָן אַ געזאַנג־פֿאַרוועט צווישן די פֿייגעלעך: וועלכעס פֿייגעלע וועט זינגען לענגער, וועלכעס — שענער.

אין טייל דערפֿער פֿאַרוועט מען אַ בערעזע־יאַנטעוו. פֿאַר דער טיר פֿון דעם הויז וווּ עס וווינט דאָס געליבטע מיידל, גראָבט אײַן דער באָכער איבער דער פֿרילינגדיקער נאַכט אַ בערעזע־ביימל. אין דער פֿרי גייען די יונגעלײַט

אין וואַלד, זיי זינגען, טרינקען, באַצירן די בערעזעס מיט פּילקאַלירטע סטענגעס. אין אַנדערע דערפער פראַוועט מען די ציַיט פון צווייטן היי־שניט, אָנהייב אויגוסט, אַ צווייטן יאָנטעוו — „גראַזע־טאַנץ", דאָס הייסט, דער טאַנץ פונעם היי אָדער פונעם גראָז. אין דעם טאָג ווערן די פרויען די באַ־לעבאַטים. זיי גייען אין ראָטהויז און נעמען איבער די מאַכט באַם בירגער־מייַסטער אויף אַ גאַנצן טאָג, זיי קלייַבן אויס אויף זייַן אָמט אַ פרוי. דערנאָך לייגן זיי פונאַנדער בינטלעך היי אפן פּלאַץ און לאַדן איַין די מענער צום טאַנץ. מען טאַנצט פּאָלקעס, וואַלצערס, קאַדרילן, „רייַנלענדער". די פרויען פאַרקויפן דאָס היי פער אוקציאָן; נאַטירלעך, פאַרקויפן טייַערער די מער סימפּאַטישע. און די וואָס האָט איר היי פאַרקויפט טייַערער פון אַלע אַנדע־רע, ווערט אויסגעקליבן קעניגין.

לאַנגהיינריך הערט לובענצאָוון דערציילן — ער פאַרשטייט שוין אַ ביסל רוסיש — שמייכלט ער און שאָקלט צו מיטן קאָפּ.

דערנאָך נעמט לובענצאָוו דערציילן טאַניען די אָרטיקע לעגענדעס: וועגן דעם „ווילדן מענטשן" — דער האַרץ־געשפּענסט, מיט אַ לאַנגער באָרד און צעשויבערעט האָר, אין פּעלץ פון ווילדע כאַיעס אָנגעטאָן; ער איז דער שיצער פון די אָרעמע, פון די וואָס געפינען זיך אין געפאַר, אין אַ אומ־גליק; וועגן היינריך דעם פויגלפאַנגער, וואָס לעבט נאָך, ווי זיי זאָגן, קעניגט איבערן האַרץ־געביט, כאַפּט פייגל. האַקעלבערג — דער ריטער, וואָס יאָגט רייַטנדיק אין דער לופטן — קומט ראַטעווען די געגנט ווען זי איז אין געפאַר.

— דאָס אונטערדריקטע פאָלק, — פירט אונטער לאַנגהיינריך אַ מאַרקסיסטישן גרונד אונטער די לעגענדעס — האָט פאַר זיך צוגעטראַכט טרייסט...

אין דער קליינער דאָרפישער ראַטושע מיט דעם שפּיציקן דאַך פון רויטן טשערעפּ, מיט די הילצערנע פיגורלעך אויף די ראָגן פונעם קאַרניז, שמועסט לובענצאָוו מיט דעם ניי־באַשטימטן בירגערמייַסטער. ער פלעגט אַמאָל קו־מען צו די דעבאַטעס פון די פויערים, וואָס קומען אַהער צוליב פאַרשידענע איניאָנים, ער פלעגט זיך אַרייַנמישן אין זייערע שמועסן, ער קען קימאַט אַלע יונגעלייַט באַ די נעמען און די עלטערע באַ די פאַמיליען־נעמען.

אין אַ צוויי שאָ אַרום פאָרן זיי צוריק. טאַניאַ שווייַגט, זי גלעט בלויז דעם מאַנס האַנט.

— ניין, — רופט זי זיך ענדלעך אָן. — די דייַטשן האָבן נישט פאַר־דינט אַזאַ קאָמענדאַנט. — ער קוקט זי פאַרוואונדערט אָן. די רעדט ווייַטער. אין מייַן שטאָט יוכנאָווקאַ איז אינעם איין און פערציקסטן יאָר געווען אַ דייַ־טשער קאָמענדאַנט. ער האָט אָרגאַניזירט ניט ווייַט פון יוכנאָווקאַ אַ קינדער־הויז פאַר סאָוועטישע קינדער. די קינדער האָט מען דאָרט געגעבן גוט צו עסן, נאָר דערנאָך האָט מען באַ זיי גענומען בלוט פאַר די דייַטשע אָפּיצירן אין די שפּיטעלער. דאָס איז אַ פאַקט. דאָס האָבן מיר מייַנע לאַנדסלייַט דער־ציילט מיט אייניקע טעג צוריק, און דו באַגייסט זיך מיט די דייַטשן אַזוי, גלייַך דאָס אַלץ וואָלט קיינמאָל ניט געווען.

— אַזוי דאַרף מען, — זאָגט לובענצאָוו. — מיר זייַנען דאָך נישט קיין פאַשיסטן, — גיט ער צו אין אַ מינוט אַרום.

— איך פאַרשטיי עס אַלץ. נאָר דאָס מוז מען געדענקען.

— איך האָב דערוויף אַ מאָדנעם געפיל. איך געדענק און איך געדענק ניט. איך טראַכט אַלץ וועגן דעם די גאַנצע צייַט און פון דער אַנדער זייַט

פֿאַרשטײ איך, אַז דער װעג אַף װעלכן מיר פֿירן זײ, איז דער ריכטיקער װעג, און אַז אויב זײ װעלן גײן ריכטיק, װעט זיך דאָס מער ניט איבערכאַזערן. אָט אין װאָס עס גײט.

— איך האָב דיך ליב, — זאָגט זי, און ער פֿאַרשטײט ניט פֿאַרװאָס זי זאָגט עס אים גראָד איצט, מאַכמעס ער איז נישט קײן אַקטיאָר און ער װײס ניט װען אײגנטלעך ער איז מער קישעפֿדיק.

— דו — פֿרעגט ער זי פּלוצים — האָסט שױן געפֿרישטיקט? שױן געבאָדן זיך?

— אַך! — דערמאָנט זי זיך און גיט אַ פּאַטש מיט די הענט — דאָרט איז אַלץ גרײט פֿאַר מיר, נאָר איך האָב נישט אויסגעהאַלטן און בין געלאָפֿן צו דיר. און קאַפּיטאַן טשאַכאָװ װאַרט דאָרט אַף פֿרישטיק.

װען זײ קומען אַהײם, זעצן זײ זיך פֿרישטיקן. דער געשפּרעך קלעפּט זיך ניט, טשאַכאָװ שװײַגט. ער פֿילט זיך אומבאַקװעם, עס דריקט אים די פֿליכט צו מאַכן זיך רויִק. די פֿרײד פֿון טאַניען, װאָס װײס גאָרניט װעגן דעם װאָס דאָ קומט פֿאָר און לובענצאָװס אומגעשיקטער מאַכן זיך פֿײַניקן טשאַכאָװן. ער איז אַזױ דערדריקט, אַז ער קען זיך ניט צװינגען אַ ביסן אויפֿצועסן און אין פֿינצטערן שװײַגן טראַכט ער זיך אַלץ: „דאָס בין איך אין דעם אַלעמען שולדיק, איך און מער קײנער ניט".

פֿאַר די אויגן שטײט אים די גאַנצע צײַט װאָראָבײצעװ, און זײַן האַרץ װערט באַגאָסן מיט בלוט װען ער דערמאָנט זיך אָן זײערע רײַזעס און געשפּרעכן. „איך האָב אים דאָך אַזױ גרינג געקענט דערהאַרגענען. מיך װאָלט דאָך גאָר קײן מי ניט געקאָסט װען איך לײג אים אַװעק אַ טויטן דאָרטן טאַקע, אַף דער פּאָטסדאַמער קאָלעקטיװער װוינונג, אָדער, בעײסן געיעג, לעמאָשל, אָדער בײַ אים אַף דער װוינונג... יאָ, נאָר דעמאָלט איז ער דאָך ניט געװען קײן פֿאַררעטער. און װער האָט זיך דעמאָלט געקענט ריכטן אַף אים, אַז ער איז ניט פּשוט אַ נישטיקײט, נאָר אַ פֿאַרברעכער, אָן אויסװאָרף..."

טשאַכאָװ הײבט זיך אויף, מורמלט עפּעס צום געזעגענען זיך און גײט אַװעק.

און לובענצאָװ טראַכט און קען זיך ניט דערטראַכטן װיאַזױ זאָל ער דערצײלן טאַניען װעגן דעם אַלעמען. מער װי אַלץ האָט ער מורא עס זאָל צו טאַניען דערגײן דורך עמעצן אַנדערש די מיִעסע רעכילעס װעגן עריקאַ סעבאַסטיאַן און זי קען נאָך גלײבן דערין. ער האָט די גאַנצע צײַט אָנגעשטעלט זײַן בליק אַף טאַניען, ער שמײכלט צו איר און טראַכט אַלץ צי װעט זי גלײבן און װאָס װעט זי טאָן װען זי װעט גלײבן. זי קען פּשוט אָן שום דערקלערונגען זײַנע זיך אויפֿהײבן און אַװעקפֿאָרן. און מיט שרעק טראַכט ער זיך, אַז ער קען זי נאָך פֿאַרלירן.

זי נעמט זיך אויספּאַקן אירע װאַליזעס און ער קוקט מיט אַ באַזונדערן װײטיק װי זי טוט עס, װאָרעם ער טראַכט זיך אַז אומזיסט טוט זי עס, צי װעט זי ניט מאָרגן דאַרפֿן צוריק זײ אײַנפּאַקעװען, קעדײ װוּהין עס איז אַװעקצופֿאָרן — אין בעסטן פֿאַל, אין צװײען. אין דער זעלביקער צײַט זײַנען אים ליב אירע זאַכן — די קלײדער, די העמדער, װאָס זי נעמט אַרױס אומגעשעמט זיך און לײגט זײ פֿונאַנדער אַף די שטולן, אַף די טישן און דיװאַנעס. איבערן צימער טראָגט זיך דער װוילגערוך פֿון די זאַכן. אַ־ױסגענומענע און אַװעקגעלײגטע װוּ עס איז, פֿילן זײ אָן דעם צימער מיט דעם גערוך פֿון הײם, פֿון װײַב, פֿון פֿאַמיליע. טאַניאַ לײגט זײ פֿונאַנ־

דער מיט ליבשאַפט, און לובענצאָוו זעט ווי זי האָט ליב שיינע זאַכן, און פאַרשטייט איר ליבע צו שיינע זאַכן.

ענדלעך רופט ער זיך אָן:

— טאַניאַ, איך האָב גרויסע אומאַנגענעמלעכקייטן אינעם דינסט.

— איך האָב עס געפילט, — זאָגט זי און הייבט זיך אויף פון די שפּיץ פינגער און גייט צו צו אים.

ער איז איבערראַשט פון די קלאָרע און רויִקע ווערטער. זי קוקט זיך אײַן אין אים, דערנאָך קומט זי צו און זעצט זיך אַוועק לעבן אים.

— איך פיל און זע ווי דו פּײַניקסט זיך, כאָטש דו סימולירסט עס זייער קונציק. דו האָסט זיך גוט אויסגעלערנט סימולירן. ווען איך האָב דיך ניט ליב, וואָלט איך זיכער גאָרניט פאַרשטאַנען.

ער דערציילט איר וועגן אַלץ וואָס די לעצטע צײַט האָט פּאַסירט. און אַף לעצט, נאָך אַ מינוט שווײַגן, אַנטשליסט ער זיך און דערציילט איר וועגן די כשאָדים פון די נאַטשאַלניקעס מיקויעך עריקאַ סעבאַסטיאַן.

זי גיט זיך קיין ריר ניט און קוקט זיך אַלץ אײַן אין אים. זי פאַרשטייט זייער גוט ווי שווער אים איז געווען איר דאָס צו זאָגן. נאָכמער, זי דערלאָזט, אַז דאָס נעכטן־געזאָגטע אַף דער פאַרזאַמלונג, איז עמעס. נאָר זי פרעגט אַפילע ניט לובענצאָוון צי דאָס איז עמעס. וואָרעם באַ די איצטיקע אומשטענדן האָט עס קיין שום באַדײַטונג ניט. וויכטיק איז, וואָס ער, דער וועמען זי האָט ליב, געפינט זיך אין אַ שווערער לאַגע, אין אַן אומגליק; זי דערפילט אין דער פולער מאָס זײַן פאַרצווייפלונג און זי קען שוין טראַכטן וועגן אירע באַליידיקטע געפילן, אַפילע ווען זיי זײַנען באַליידיקט. איר דאַכט זיך אַפילע אומפאַרשטענדלעך, כאָטש רירנדיק, זײַן ערגערן זיך. זי ווייס, אַז זי וועט אים קיינמאָל וועגן גאָרניט ניט פרעגן, ניט געקוקט דערויף וואָס באַ אַנדערע אומשטענדן וואָלט איר לובענצאָווס באַציִונג מיט דער דײַטשקע אויסגעזען אַ ווילד באַליידיקנדיקע און אומפאַרריכטלעכע טאַט.

זי רוקט זיך צו צו אים, נעמט אים אַרום און אַזוי זיצן זיי אייניקע מינוטן. דערנאָך הייבט זי זיך אויף און רופט זי אָן:

— דו דאַרפסט גוט באַטראַכטן דײַן הײַנטיקן אַרויסטריט.

— יאָ — זאָגט ער און שטייט אויך אויף. — איך גיי אין דער קאָמענדאַטור.

— ניין, גיי שפּאַציר זיך דורך איינער אַליין. טראַכט עס דורך.

— גוט. ביסט גערעכט.

XVIII

דאָס וועטער איז כמאַרנע, ווינטיק, ווי לובענצאָווס שטימונג. ער שפּאַנט מיט דער גאַס און אומבאַמערקט פאַר זיך קומט ער אַרויס אַפן שליאַך וואָס פירט צו מײַרעוו, אין די בערג. באַלד געפינט ער זיך לעבן דעם גאַסטהויז „צום ווײַסן הירש", וואָס לעבן איר האָט ער איבערגענעכטיקט אינעם אויטאָמאָביל אין דער דענקווערדיקער נאַכט ווען ער איז אָנגעקומען קיין לויטערבורג. דער גאַנג און דער שטאַרקער ווינט האָבן אים די געדאַנקען אויסגעלײַטערט. ער גייט אַרײַן אינעם גאַסטהויז, זיצט דאָרט אייניקע מינוטן, טרינקט אויס אַ קוואָרט ביר און גייט אַרויס צוריקצוגיין אין שטאָט אַרײַן.

איבערן שמאָלן אַספאַלטענעם וועג זעט מען ניט קיין פוסגייער, קיין אויטאָמאָבילן. דער ווינט בושעוועט, רײַסט זיך בייז צווישן די סאָסנעס און בייגט צו דער ערד די הוילע צווײַגן פון די דאָרן־ביימלעך אַף ביידע זײַטן וועג.

דער וועג מאַכט אַ שאַרפן אויסבויג און ווען ער גייט פאַרבײַ אַ פעלדזיקן שטאָרץ, וואָס איז אַריבערגעבויגן איבערן וועג, דערזעט ער אַן איינזאַמען גייער שפּאַנען, ווי ער, צו דער שטאָט. דער גייער טראָגט אַ שוואַרץ פּאַלטנדל. די שיך און די הויזן זײַנען פאַרבלאָטיקט. אין דער האַנט באַ אים אַ לאַנגער שטעקן, קענטיק ניט לאַנג ערשט אָפּגעבראָכן דאָ אין די בערג. מיט דעם הוט איבער די אויערן אַראָפּגערוקט, גייט ער אַ געהויקערטער און שטעלט גרויסע שפּאַן.

זײַן דאַרע הויכע געשטאַלט זעט אויס לובענצאָוון באַקאַנט. ניט גע־קוקט אַף דער קעלט און אַפן ווינט שפּאַנט דער מענטש ברייטלעך, ווי פרייִלעך. ווען אונטן, אינעם גרוב, באַווײַזן זיך די לויטערבורגער רויטע דע־כער שטעלט זיך דער גייער אָפּ, שטייט אַ שטיקל צײַט אומבאַוועגט און קוקט אַראָפּ אַף דער שטאָט.

ניין, עפּעס איז אין אים פאַראַן באַשטימט קענטיקס. לובענצאָוו לאָזט זיך גיין שנעלער און באַם צווייטן אויסבויג, גלײַכט ער זיך שוין אויס מיט דעם גייער. יענער הערט ניט לובענצאָווס טריט, מאַכמעס דער ווינט איז שטאַרק און וואָיעט ווילד.

ס'איז דער פּראָפעסאָר סעבאַסטיאַן. לובענצאָווס פרייד איז צו פאַר־גלײַכן נאָר מיט זײַן פאַרוווּנדערונג. ער רופט אים ניט אָפּ, נאָר ער האַלט אײַן די טריט און שפּאַנט אים נאָך אַ שטיקל צײַט פון הינטן. מיט ליבשאַפט הערט ער זיך אײַן אינעם פּראָפעסאָרס שטים. יאָ, דער פּראָפעסאָר רעדט צו זיך אַליין, פון צײַט צו צײַט זינגט ער עפּעס, ריכטיקער, מורמלט זיך עפּעס אונטער דער נאָז אַ לידל.

אָרנטלעכקייט איז אַ גרויסער קויעך. און באַם לייזן וויכטיקע היסטאָ־רישע פראַגן האָט זי ניט קיין קליינע באַדײַטונג. לובענצאָוו לאַכט קימאַט פון גליק אין דעם מאָמענט, ער פאַרשטייט, אַז ער איז גערעכט געווען, אַז די דערציִונג פון מענטשן, אַפילע פון אַלטע מענטשן, קען אויפטאָן ווונדער, און ער בענטשט זײַנע שמועסן, זײַנע געשפּרעכן, זײַנע אײַנרעדעניש, די רײַזעס מיט סעבאַסטיאַנען, זײַנע גערולדיקע וויקוכים מיט אים, זײַן „ליבע־ראַליזם", וועגן וועלכן עס האָט מיט אַזאַ בייזן פאַרוווּרף גערעדט קאַ־סאַטקין.

לובענצאָוו באַהערשט ווי עס איז דאָס קלאַפּן פון זײַן האַרצן, גרייט צו די ערשטע פראַזע און גיט הויך אַ זאָג:

— ע, דאַכט זיך מיר זײַנען באַקאַנט!

סעבאַסטיאַן שטייט און דרייט אום דעם קאָפּ צו לובענצאָוון. אַפן פּאָ־נעם באַ אים באַווײַזט זיך אַ פריידיקער שמייכל.

— אָט ווען איך האָב זיך ניט געריכט דאָ צו טרעפן, — זאָגט ער, — און מיט וועמען איך וואָלט זיך וועלן טרעפן מער ווי מיט וועמען עס איז.

— קומט, לאָמיר זיך אוועקשטעלן הינטערן פעלדז, — זאָגט לובענ־צאָוו. — דער ווינט וואַרפט מאַמעש פון די פיס.

— וואָס טוט דאָרט מײַן טאָכטער?

— געזונט.

— איך מײַן איר וועט מיר ניט וועלן אײַנרײדן, אַז איר גייט מיר נאָך פון סאַמע פראַנקפורט אַם מײַן? — פרעגט סעבאַסטיאַן.

— איך וועל עס ניט טאָן, — ענטפערט לובענצאָוו. — וואָס עפּעס צופוס? וואָס איז געשען מיט אײַך?

— מײַן אומגליקלעכער אויטאָמאָביל איז אין גאַנצן קאַפּוט. איך האָב אים געמוזט איבערלאָזן לעבן אַ גאַסטהויז אין די בערג. באַ צען קילאָמעטער פון דאַנען. איך האָב זיך קוים דערקלעבן. ביכלאַל האָט מיר פּאַסירט אַ היפּש ביסל געשעענישן. איכל נאָך האָבן דעם קאָוועד אײַך צו דערציילן וועגן זיי. איר האָט אַ ציגאַרעט?

— רויכערט. קומט. דערציילט.

— איצט וועל איך ניט דערציילן. דערנאָך, ווען איך וועל זיך אביסל אָנוואַרעמען, וועל איך אײַך דערציילן. קורץ וועל איך אײַך זאָגן — זיי האָבן מיך ניט געוואָלט אָפּלאָזן. איך בין קוים אַוועקגעפאָרן. פּאַקטיש אַנטלאָפן. נאָר דאָס איז אַ צו לאַנגע מײַסע.

זיי גייען שנעל, מאַכמעס דער וועג גייט באַרג־אַראָפּ, און באַלד זײַנען זיי שוין אַף דער לויטערבורגער גאַס. לינקס פון זיי איז דער באַרג מיט דעם שלאָס, רעכטס איז דאָס הויז פון דער געוועזענער ענגלישער קאָמענדאַטור, וווּ איצט איז דער לערער־סעמינאַר.

— איר האָט געמאַכט אַן אָנגענעמען שפּאַציר, — זאָגט לובענצאָוו ווען ער געזעגנט זיך מיטן פּראָפעסאָר באַם ראָג, ווײַל ער אײַלט זיך צו דער קאָמענדאַטור.

— אַן אָנגענעמען? — גיט דער פּראָפעסאָר אַן אויסדרוקפולן קוק אַף לובענצאָוון. — דעם עמעס געזאָגט, ניט גאָר קיין אָנגענעמען, נאָר דערפאַר אַ נוצלעכן. זייער אַ נוצלעכן. איך וועל אײַך אַלץ דערציילן. איך האָב די גאַנצע צײַט געטראַכט וועגן דעם וויאַזוי איך וועל אײַך דערציילן.

ער גייט אַף לינקס, און לובענצאָוו שטייט אַ פּאָר מינוטן באַם ראָג און גייט רעכטס.

„מײַן הײַנטיקער אַרויסטריט איז קימאַט פּאַרטיק” — טראַכט ער זיך.

עס באַווײַזט זיך די קאַטעדראַל־מאַסע. ער גייט זי אַרום און דערזעט פון ווײַטנס דעם קאָמענדאַטור־בינין מיט דעם סאָוועטישן פלאַג פלאַטערן אַפן ווינט. אין דעם מאָמענט דערפילט לובענצאָוו אַז ער איז מיד, ווי נאָך אַ שווערער קראַנקייט.

פון ווײַטן נאָך דערזעט ער צוויי אויטאָמאָבילן, וואָס שטייען שוין גרייט אָפּצופירן אים און זײַנע מיטאַרבעטער צו דער פאַרזאַמלונג. קאַסאַטקין, יאַוואָרסקי, טשעגאַדאַיעוו און מענשאָוו שטייען שוין אַף דער גאַס. באַ דער זײַט אַפן טראָטואַר שפּאַנט אום אַ צערודערטער וואָראָנין, קענטיק אומרויִק פאַר לובענצאָוון, וואָס ער האָט אים אין ערגעץ ניט געקענט געפינען.

מיט ניט ווילנדיקער בייזער פרייד קוקט לובענצאָוו אַף קאַסאַטקינען. ער וואָלט זיי ניט וועלן גאַרניט זאָגן און ער פילט קימאַט אַ יינגלשן כייזשעק צו מאַכן דעם הויפּט־עפעקט בעיים זײַן אַרויסטריט, נאָר באַלד טאַקע וואַרפט ער זיך אַליין פיר און רופט זיך אָן צו מענשאָוון:

— גייט אַרויף, מענשאָוו, און קלינגט אָן צו גענעראַל קופּריאַנאָוו, אַז דער פּראָפעסאָר סעבאַסטיאַן איז אָט ערשט צוריקגעקומען.

— כאַפּט עס דער טײַוול! — דונערט אויס טשעגאַדאַיעוו און גיט אַ פּאַטש מענשאָוון אַף דער פּלייצע. — לויף גיכער!

— דאָס איז גוט. זייער גוט, — מורמלט ארויס קאַסאַטקין, און זײַן בייזער פּנים צעשײַנט זיך. יאַוואָרסקי נעמט ווישן די אויגן־גלעזער.

מענשאָוו לויפט ארויף און אין פינף מינוט אַרום קומט ער צוריק און זאָגט, אַז ער האָט וועגן אַלץ איבערגעגעבן דעם גענעראַלס אַדיוטאַנט. דער גענעראַל אַליין איז ניט געווען.

זיי זעצן זיך אַרײַן אין די אויטאָמאָבילן און פאָרן אָפּ.

און ווידער הייבט זיך אָן די פאַרזאַמלונג. און ווידער זיצט דער גאַנצער זאַל אַ געשפּאַנטער און אַ צערודערטער. און ווידער זעט דער פּרעזידיום אויס בייז און פאַראַקשנט.

לובענצאָוו זעצט זיך אַוועק אַף זײַן אָרט און פאַר אַלעמען קוקט ער אַף קופּריאַנאָוון און מערקט זיך מיט אַ געוויסער פאַרוווּנדערונג, אַז קופּריאַנאָוו איז נאָך אַלץ אַזוי פאַרכמורעט און אײַנגעשלאָסן אין זיך. איז מעגלעך אַז ער ווייס נאָך ניט? — טראַכט זיך לובענצאָוו.

קופּריאַנאָוו ווייס מיט אַ עמעסן ניט וועגן סעבאַסטיאַנס צוריקקער, ווײַל ער איז ערשט געקומען פון אַ צווייטער באַראַטונג, גלײַך אַהער.

דער ערשטער באַקומט דאָס וואָרט לעאַנאָוו.

לעאָנאָוו זיצט ערגעץ אַף די הינטערשטע רייען און גייט צו דער טריבונע דורכן גאַנצן זאַל. אַפן פּנים בא אים איז פאַרגליווערט אַן אומפאַרשטענדלעכער פאַרטראַכטער שמייכל. ער טרעט שווער אַף די טרעפּלעך און בא דער טריבונע באַקוקט ער מיט דעם זעלביקן אומפאַרשטענדלעכן שמייכל דעם שווײַגנדיקן זאַל. ער הייבט אָן פּאַמעלעך, רויִק, מיט דער איראָנישער מינע פון זעלבסטזיכערקייט, וואָס די צוהערער האָבן אַזוי ליב און איז בא אַ געלעגנהייט גרייט אויפצולייזן זיך מיט אַ צעשמעטערנדיקן שפּאָס, מיט אַ וויץ און מיט אַ ווּנדערלעך טרעפלעכן פאָלקסווערטל. זײַן ניט־גרויסע באַס־שטימע דונערט שטיל, נאָר באַפעלעריש, נאָר די גרויסע הענט, ארויפגעלייגטע אַפן טישל און שוואַך פאַרדריקטע אין פויסטן, דערלויבן זיך ניט קיין איבעריקע זשעסטיקולאַציעס; זעלטן נאָר, אַז איינע פון די הענט הייבט אויף דעם צײַג־פינגער אָדער צענעמט זיך פאָשעט, זעלטן אַז ביידע דלאָניעס הייבן זיך ארויף און קומען זיך דאָרט צונויף און שליסן זיך צוזאַמען, קעדיי באַלד דערויף, אין אַ האַלבער מינוט אַרום, זיך ווידער פונאַנדערצוגיין און ווידער זיך אַוועקצולייגן אין אַ רויִקער אומגעצוווּנגענער פּאָזע.

לובענצאָוו קוקט די גאַנצע צײַט אַף אָט די הענט און אין יעדער פון זיי זעט ער אַ נאָענטן פרײַנט, וואָס מען קען זיך אַף אים פאַרלאָזן, ווי אַף זיך אַליין — אַ קלוגן און רויִקן פרײַנט, אַ ביסל אַ קאָמישן.

— נו, — זאָגט לעאָנאָוו, — איך וועל אָנהייבן פון דאָרט ווו עס האָט פאַרענדיקט דער כאָשעווער כאַווער פּאָלקאָווניק אַף דער נעכטיקער זיצונג. טאַקע מיקויעך אָט די „פאַרצייכענונגען“, וואָס ער האָט אונדז דאָ נעכטן פאָרגעלייענט מיט אַזאַ מינע, ווי דאָס וואָלט געווען אַדאָלף היטלערס „מײַן קאַמף“. מיט וואָס האָבן אים אַזוי איבערגעשראָקן די „פאַרצייכענונגען“? זיי זײַנען ניט שלעכט אָנגעשריבן, דער איקער, ריכטיק. איך בין גרייט זיי איבערצושרײַבן און טיילווײַז אויך נאָכפּאָלגן. אַ שאָד וואָס לובענצאָוו האָט מיר וועגן זיי פריִער ניט געזאָגט. ניט געזאָגט האָט ער פּאָשעט דערפאַר, וואָס זיי זײַנען געשריבן ווי אַ טאָגבוך, פאַר זיך. און טאָגביכער פירט זיך ניט צו לייענען אַף פאַרזאַמלונגען. מען דרוקט זיי נאָכן טויט, און אויך נאָר אויב זיי זײַנען געשריבן פון אַ פּושקין אָדער פון אַ טאָלסטאָי, און ניט

פון אונדז זינדיקע מענטשן. אַ סאַך פון אונדז קענען לובענצאָוון. און ווער עס קען אים נישט, קען לויט דעם בלעטל פונעם טאָגבוך אורטיילן, אַז דאָס איז אַ מענטש וואָס איז איבערגעגעבן אונדזער זאַך, אַ דענקענדיקער, אַ טעטיקער און אַ קרישטאָלן־אָרנטלעכער. און איך? איך קען לובענצאָוון אויך אָן דעם. איך קען אים און גלייב אים. און ווען עס טרעפט אַ מענטשן, וואָס מען קען אים און מען גלייבט אים, אין אַ אומגליק, איז דער כויוו פון אַלע זײַנע כאַווײרים, בפּיראַט קאָמוניסטן, פונאַנדערקלײַבן זיך דערין פּראָטימדיק און אָן היסטעריקע און אים העלפֿן. איז עס אַזוי צי ניט אַזוי? יאָ, אַזוי און ניט אַנדערש. וואָס־זשע איז געשען מיט לובענצאָוון? ריכטיקער, וואָס איז געשען אין דער קאָמענדאַטור וואָס ער שטייט אָן איר שפּיץ? צוליב אַ פּאַרזען פונעם קאַדרען־אָפּטייל איז אין דער קאָמענדאַטור אַרײַנגעפֿאַלן אַן אויסוואָרף. און עפּשער קען מען דערין אויך ניט צופיל באַשולדיקן דעם קאַדרען־אָפּטייל. עפּשער איז אָט דער מענטש געוואָרן אַן אויסוואָרף ערשט דאָ, ווען ער האָט פאַרזוכט דעם בורזשואַזן סאַם. און וואָס באַשטייט לובענצאָווס שולד? דערין וואָס ער האָט ניט צעקײַט אָט דעם מיִעסן נעפֿעש. אַזוינע אויסוואָרפֿן, אַגעוו, אַפילע ווען זיי זײַנען טיפֿשים דורך און דורך, קענען זיי אָבער איין זאַך אויסגעצייכנט. זיי קענען זיך מאַסקירן. אָט די קענטעניש זייערע קען מען ניט לייקענען. איז אָט, דאַרפֿן מיר אַף דעם בײַשפּיל זיך לערנען בעסער פונאַנדערצוקלײַבן זיך אין די מענטשן, בעסער זיך צוקוקן צו זיי, און ניט אַף זייערע אַנקעטעס. און אַף דעם בײַשפּיל דאַרפֿן מיר זיך אויך לערנען ניט אַרײַנצופאַלן אין אַ פּאַניק, ניט וואַרפֿן אַלע אַף איין קופּע... דאָ האָט מען באַשולדיקט לובענצאָוון, אַז ער קומט זיך צונויף מיט דײַטשן, אַז ער רעדט מיט זיי, זאָגט זיי צו, פירט מיט זיי שמועסן. אַ מאָדנע באַשולדיקונג, וואָס שטיצט זיך אַף אומצוטרוי צו מענטשן. איך קען ניט גלייבן, אַז ווער עס איז אַף דער גאָרער וועלט קען איבעררײדן לובענצאָוון קעגן אונדזער אָרדענונג. פאַרקערט, בין איך איבערצײַגט, אַז לובענצאָוו איז פּעיִק איבערצורײדן אַ סאַך און אַ סאַך מענטשן פאַר אונדזער אָרדענונג. אָט דאָס האָט ער געטאָן. זײַנע מײַלעם ווערן אַרויסגעשטעלט ווי כעסרוינעס. אַפילע דער פאַקט, אַז ער שטודירט אויס די ווירטשאַפט פון זײַן ראַיאָן, די דײַטשע געשיכטע און ליטעראַטור, אַפילע אַף דער הייסער מינוט, — איך ווייס ניט צי מיט ריינע אָדער מיט אומריינע קאַוואָנעס, דאָס איז אָן איניען פאַר כאַוועד פיגאַרעוו דאָס צו באַשליסן, — אויך דאָס ווערט אַרויסגעבראַכט ווי לובענצאָווס אַ געוויסער פעלער, שיר ניט אַזאַ פעלער וואָס האָט געפירט צו וואָראָבייצעווס אַנטלויפֿן. לובענצאָוו שרײַבט, אַז אַ קאָמענדאַנט דאַרף זײַן אַ ניט זשעדנער אַף געלט, און אויב ער איז אַ זשעדנער, מעג ער האָבן אַ שטערן זיבן דלאָניעס די ברייט, טאָר ער דעם אַמט ניט האַלטן, — און דאָ זאָגט מען, אַז דאָס איז שיר ניט אַ קרימינעלער פאַרברעכן, כאָטש דאָס איז באַ אונדז אַלעמען אָנגענומען. קריטיקירן און כיטרעוועז זײַנען צוויי באַזונדערע זאַכן, לאָמיר זיי ניט צוזאַמענמישן. באַ אונדז מישט מען זיי צוזאַמען. און זאָל דער שאָטן פונעם אויסוואָרף וואָראָבייצעוו ניט פאַלן אַף אונדזער פאַרזאַמלונג, אַף אונדז אַלעמען. רויִקייט און אויסמײַדן פּאַניק איז אין אונדזער זאַך אַ נויטווענדיקייט. דאָ האָט דער ניט גײַוועדיק פאַריסענער כאַוועד פיגאַרעוו געקלאַפּט מיט אַ פויסט אינעם שטענדער — אַף דעם אָרט איז אַפילע אַ שפּאַלט נאָך דעם געבליבן. און איך זאָג אײַך, אָז קלאַפּן מיטן פויסט, אַז מיר האָבן ניט צווישן אונדז קיין פּאַשעטערן אין זײַנע באַציִונ־

גען און קיין בעסערן כאַוער, וואָס איז שטענדיק גרייט אַרויסצוהעלפֿן און צו בעטן הילף, אַן אייצע צו געבן און אַן אייצע צו בעטן, ווי דער כאַוער לובענצאָוו. איך ווענד זיך צום פּרעזידיום, צי איז ניט צײַט שוין, כאַווייִרים, לאָזן לובענצאָוון זיך אַרויסצוזאָגן? וואָרעם מען הערט ניט אויף אים צו באַשולדיקן און קיין וואָרט גיט מען אים ניט.

מיט די ווערטער גייט לעאָנאָוו אַראָפּ פֿון דער בינע אונטערן גערויש פֿון אַפּלאָדיסמענטן אינעם זאַל. די אַפּלאָדיסמענטן הערן לאַנג ניט אויף, ניט געקוקט אַף דעם נערוועזשן גלעקל פֿונעם פּאָרזיצער. און, ניט געקוקט אַף דעם קלינגען, אַף דעם געמורמל פֿונעם פּרעזידיום, אַף דעם גענעראַל קופּריאַנאָווס פֿאַרוווּנדערטן און פֿינצטערן פּאָנעם, טרעט אַרײַן נאָך לעאָנאָוום אַרויסטריט אַן אָפּענער איבערבראָך אין דער שטימונג פֿונעם זאַל, וואָס לובענצאָוו האָט זיך אַף אים ניט גערעכט.

דאָס איז אַפֿילע ניט געווען קיין איבערבראָך אין דער שטימונג, נאָר די שטימונג וואָס האָט זיך דאָ דורכגעריסן פֿריער, נאָר צוליב דער אַטמאָספֿער פֿון אײַנגעשראָקנקייט, פֿון איבערטראַכטעניש און גערעכטן שטוינען איבער דעם איניען וואָראָבייצעוו, האָט זי זיך ניט אַרויס־געוויזן ביז נאָך דעם פֿרײַען, רויִקן און אַפֿילע פֿריילעכן אַרויסטריט פֿון לעאָנאָוון.

נאָך לעאָנאָוון טרעטן אַרויס נאָך דרײַ אָפּיצירן. און אָט די אָפּיצירן, וואָס לובענצאָוו איז מיט זיי באַקאַנט גאָרניט אַזוי נאָענט און ער דערוואַרט ניט פֿון זיי קיין הייסע פֿאַרטיידיקונג, שטיצן אים גאַנץ דרייסט. און לובענצאָוו וווּנדערט זיך ווי זיי דערציילן וועגן זייערע באַגעגענישן און געשפּרעכן מיט אים, וועגן וועלכער ער האָט שוין לאַנג פֿאַרגעסן און זיי געדענקען זיי.

דערנאָך טרעט אויף טשעגאָדאַיעוו. אָט דער גרויסער דיקער מענטש, וואָס צייכנט זיך ניט אויס מיט קיין אָראַטאָרישן טאַלאַנט, נעמט טמימעסדיק דערציילן וועגן דער אַרבעט און וועגן די טעג אין דער לויטערבורגער קאָמענדאַטור, וועגן דער אַרבעט פֿון לובענצאָוון און די אַנדערע אָפּיצירן, וועגן זײַנע שמועסן מיט זיי, וועגן דעם אויטאָריטעט וואָס ער האָט צווישן די דײַטשן, און אַזוי ווײַטער. און דאָס איז איבערצײַגנדיקער פֿון וועלכע עס איז אָראַטאָרישע שפּיצלעך. זײַן אַרויסטריט ווירקט אַפֿן גענעראַל קופּריאַנאָוו, וועלכער וואַקלט שוין, און דאָס ווערט טיקעף באַמערקט פֿון די מענטשן וואָס אַרום אים אינעם פּרעזידיום און אינעם זאַל. און דאָס, ווידער, רופֿט אַרויס בײַ די מענטשן וואָס זײַנען גענייגט צוצופּאַסן זייער מיינונג צום שטאַנדפּונקט פֿון דער אָנפֿירערשאַפֿט, אַ ווילן אַרויסצוטרעטן אין גאָר אַן אַנדער גײַסט, ווי זיי האָבן פֿריער גערעכנט אַרויסצוטרעטן.

דער סעקרעטאַר פֿון דער פּאַרטיי־אָרגאַניזאַציע פּאָדפּאָלקאָווניק גאָרבענקאָ איז פֿון האַרצן צופֿרידן מיט דער נײַער ווענדונג פֿונעם איניען — ער האָט ליב לובענצאָוון און שעצט אים. נאָר אַזוי ווי ער אַליין האָט פֿון אָנהייב אינפֿאָרמירט דער פֿאַרזאַמלונג אין גאָר אַן אַנדער גײַסט און ער שעמט זיך אַ ביסל פֿאַר לובענצאָוון, רעדט ער זיך איצט אַליין אײַן, אַז דער שאַרפֿער טאָן, וועלכן ער האָט גענומען, האָט געהאַט אַ ריין פּעדאַגאָגישן ציל און אַז די פֿאַרזאַמלונג איז דורכגעגאַנגען מיט דערפֿאָלג, לויט דעם פֿון פֿריער פֿאַרטראַכטן פּלאַן. ער מורמלט וועגן דעם אַפֿן אויער דעם גענעראַל קופּריאַנאָוו, וואָס כאָטש ער איז אים ניט מאַסקים, נעמט ער זיך ניט באַשטרײַטן דעם פּאָדפּאָלקאָווניקס מיינונג און באַפֿעסטיקט זיך נאָך שטאַרקער אין דער נײַער שטימונג און אין דעם באַשלוס נישט אַראָפּצונעמען לובענצאָוון פֿון דער אַרבעט, ווי ער האָט פֿריער גערעכנט. און ווען פּונקט

דעמאלט באוויזט זיך פון הינטער די קוליסן דעם גענעראלס אדיוטאנט אף דער בינע און סוידעט אים אריין אין אויער, אז פראפעסאר סעבאסטיאן איז צוריקגעקומען פון דער מייַרעוודיקער זאנע קיין לויטערבורג, נעמט דאס אויף דער גענעראל ניט ווי א סענסאציע, נאר ווי אן איבעריקע באשטעטיקונג צו דער ריכטיקער מיינונג, וואס האט זיך געשאפן צווישן די אפיצירן, פון דעם עמעס, וואס האט זיך נאך דער פארצוייגענער באהאנדלונג ענדלעך ארויסגעוויזן, און ארויסגעוויזן האט ער זיך אף א דעמאקראטישן אויפן דו־ך דעם אקטיוון און פרייַען אנטייל פון אלע פארשריבענע צום ווארט רעדנער, ניט געקוקט דערויף וואס אין דער היץ פון דער פאלעמיק, האבן די רעדנער, נאטירלעך, אלארמירטע פונעם סקאנדאליעזן פאל מיט וואראבייצעוון, ארויפגעווארפן אף לובענצאוון א הויפן אומגערעכטע באשולדיקונגען. פון דער אנדערער זייַט האבן די כאוויירים וואס זייַנען ארויסגעטראטן אים לעטויווע, צו פיל אים געלויבט און ווי געפרוווט אראפנעמען פון אים די אכראיעס פאר דאס געשעענע, וואס אויך דאס איז ניט ריכטיק.

מען האט געמוזט געפינען דעם גאלדענעם מיטן. און דער ארויסטריט פונעם גענעראל קופריאנאוו, נאכן אויפטריט פון טשעגאדאיעוון, איז אט דער גאלדענער מיטן, וואס איז ביכלאל א גערעכטער, בעעמעס א גערעכטער. און דער גאנצער זאל איז דאנקבאר קופריאנאוון פאר זייַן ארויסטריט, און ער אליין געפינט אויס, אז דער ארויסטריט איז א געלונגענער.

דערנאך באקומט דאס ווארט לובענצאוו. מיר וועלן ניט ברענגען דא זייַן רעדע. איר געדאנק קומט קלאר ארויס פון לובענצאווס מאיסים. און פון זייַנע אנשווינגען וואס זייַנען דעם לייענער באקאנט. ער ווארפט אפ די אומגערעכטע באשולדיקונגען, איז מוידע זייַן שולד אין ווארابייצעווס מאט און פאלט אן אף די וואס פארמישן וואכזאמקייט מיט כשאד. ער זאגט, אז ער גלייבט אין זייַנע כאוויירים, און ער גלויבט אין די ריכטיקע שטרעבונגען, אינעם געזונטן פארשטאנד און אין דער צוקונפט פונעם דייַטשן ארבעטזאמען פאלק. אט דערויף שטייען מיר און אן דעם וואלט קיין זין ניט געהאט אונדזער ארבעט, די שווערע מיסיע פונעם קעמפנדיקן, איבערצייַגטן, אויסגעהאמערטן סאוועטישן מענטשן און קאמוניסט אין דער סטירעסדיק־צעריסענער וועלט.

XIX

סעבאסטיאן האט זיך אין דעם אוונט נישט דערוואַרט לובענצאוון, באטש אן אויסגעשלאפענער, אן אויסגערוטער, האט ער געגארט וואס גיכער אים צו זען און אים דערציילן וועגן אלץ וואס ער האט געזען און איבערגעטראכט אין די טעג פון פארווייַלן אף מייַרעוו.

נאכמער, סעבאסטיאן האלט, אז אויב ער האט עפעס געקענט זען און זיך דערוויסן אין דער צייַט וואס ער האט דארטן פארבראכט, איז עס אין א גרויסער מאס צו דאנקען לובענצאוון. אייגנטלעך זייַן פארברענגען מיט לובענצאוון, זייערע געמיינזאמע רייַזעס איבערן לויטערבורגער ראיאן האבן אים געלערנט די פאשעטע און דאך קאמפליצירטע און שווערע קונסט: צונויפקומען זיך מיט פאשעטע מענטשן און אין זייער מעסובע, קענען הערן און פארשטיין.

ווען ער זאל אין פראנקפורט אם מייַן, אינעם הינטערשטאטישן הויז בא וואלטערן, נישט געווען האבן אט די קורצע נאר וויכטיקע דערפארונג,

וואָלט ער זיך דערוווּסט נאָר דאָס וואָס וואַלטער און זײַנע גוטע פרײַנט וואָלט געפעלן געווען אים צו דערציילן.

נאָר ניין, עפּעס האָט ער געלערנט בײַ דעם רוסישן פּאָדפּאָלקאָווניק. וואַלטערן האָט געוווּנדערט דעם פּאָטערס אומגעריכטע ענערגיע, זײַנע לאַנגע שמועסן מיט פאַרשידענע מענטשן, זײַנע שפּאַצירן איבער דער שטאָט און איר אָרעמקייט, בעיקר וועלכע ער פלעגט — אָפט ווען וואַלטער איז בײַגעווען — לײַכט פאַרפירן אַ שמועס מיט אַרבעטער, מיט הענדלער, מיט פּויערים און צופעליקע פאַרבײַגייער. וואַלטער האָט קיינמאָל ניט געזען בײַם פּאָטער אַזאַ דעמאָקראַטיזם, אַזאַ, ווי וואַלטער מיינט, אומנאָרמאַלן אינטערעס צום לעבן און צו די אינטערעסן פונעם מאָב, פונעם האַמוין. נאָר סעבאַסטיאַן שמייכלט בלויז כיטרע אַלס ענטפער אויף זײַן שטוינען און זוכט ווײַטער זיך צו באַקענען מיט דעם לעבן ניט לויט די רעצעפּטן פון סעבאַסטיאַן דעם ייִנגערן, נאָר לויט די רעצעפּטן פון דעם הער לובענצאָוו.

צוליבן עמעס מוז מען זאָגן, אַז פונאַנדערקלײַבן זיך אין דער גאַנצער לאַגע, האָט סעבאַסטיאַנען געהאָלפן ניט בלויז זײַן באַרירונג מיט לובענצאָוון, נאָר אויך מיט דעם פּאָדפּאָלקאָווניק דוגלאַס, אַן אַמעריקאַנער אָפיציר, מיט וועלכן וואַלטער האָט אים באַקענט אין פראַנקפורט. סעבאַסטיאַן און דער אַמעריקאַנער זײַנען זיך איינער דעם צווייטן געפעלן, און האָבן זיך גענומען טרעפן און אינאיינעם שפּאַצירן.

דוגלאַס, אַ קלוגער און פריילעכער שמועסער, אַ ריזיק קינד מיט קינדערשע אויגן, האָט זיך געהאַלטן בײַ די מיינונגען פונעם פאַרשטאָרבענעם פּרעזידענט רוזוועלט און ער האָט דאָס ניט אויסבאַהאַלטן פון סעבאַסטיאַנען און אויך ניט פון זײַנע אייגענע עלצטע. די עלצטע האָבן זיך געשראָקן פאַר זײַן גראָדן וועג, פאַר זײַן טיפן סייכל, ברייטער בילדונג און שאַרפער צונג. אינאיינעם מיט זײַנע נאָנסטע מיטאַרבעטער, האָט ער געשאַפן אַ קרײַז, וואָס אַפילו זײַנע קעגנער האָבן זיך צו אים באַצויגן מיט אַכטונג און האָבן מוידע געווען, אַז די „דוגלאַסער" זײַנען די פעיִקסטע אַרבעטער אין דער פאַרוואַלטונג. די אַקאַדעמישע געלערנטקייט אין דער דײַטשער פראַגע, איז בײַ דוגלאַסן געגאַנגען האַנט אין האַנט מיט דער שנעלער אויפנעמעדיקייט און פיפיקייט פון אַן ערשטקלאַסיקן צײַטונגס־רעפּאָרטער.

ער האָט ניט אויסבאַהאַלטן פון סעבאַסטיאַנען, אַז ער איז אַ פאַרביסענער קעגנער פון דער אַמעריקאַנישער פּאָליטיק אין דײַטשלאַנד און האָט עטוואָס אויפגעהויבן פאַרן דײַטשן געלערנטן דעם פאָרהאַנג, וואָס פאַרשטעלט די ווירקלעכע פאַקטן.

אויף די אָוונט־מעסובעס, וואָס וואַלטער האָט ספּעציעל אײַנגעאָרדנט פאַרן פּאָטער, זײַנען מערסטנס אַרויסגעבראַכט געוואָרן שטימונגען פון גרויסע האָפענונגען און אַפילו די פולע זיכערקייט, אַז די דײַטשע שווערע אינדוסטריע וועט מיט דער הילף פון די אַמעריקאַנער באַווײַזן זיך ריינצוּוואַשן פון די „אומזיניקע באַשולדיקונגען", זיך שטעלן אויף די פיס און פאַרנעמען דאָס אָרט וואָס קומט איר מיט רעכט אין דעם רוּיבער־געזינדל פון די אונטערנעמער „עקספּלואַטאַטאָרס", ווי פאַרשידענע לינקע אין אַלע טיילן וועלט רופן זיי.

וואַלטער גופע איז איבערגעטריבן באַגײַסטערט מיט די אַמעריקאַנער און וואַרפט דורך זײַן שפּראַך מיט אַמעריקאַנער ווערטעלעך, און דאָס שנײַדט אין אויער דעם פּראָפעסאָר סעבאַסטיאַן און דערמאָנט אים זײַן רײַזע קיין עגיפּטן מיט אַ יאָר פופצן צוריק און די שפּראַך פון די אַלעק־

סאנדריער קוטשערס, וואס ריידן זיך דורך מיט ווערטעלעך פון אלע שפראכן אין דער וועלט; דאס שמעקט מיט קאלאניע, און סעבאסטיאנען, מיט זיין פילבארקייט און פאעטישן געשמאק, קערט עס צו דער גאל.

אגעוו, דאכט זיך סעבאסטיאנען, אז וואלטערס באגייסטערונג איז גארניט אזא אויפריכטיקע. ניט זעלטן קומט ער אהיים פון דער ארבעט א פינצטערער, א שווייגנדיקער.

פאר סעבאסטיאנען זיינען דורכגעגאנגען צענדליגער דייטשע אינדוסטריעלער און באנקירן, וואס האבן ניט לאנג ערשט געקענט באטראכט ווערן ווי מענטשן, וואס האבן געליטן א פולשטענדיקן קראך. איצט האבן זיי אויפגעלעבט און האבן צוריקבאקומען זייער אלטן זעלבסטזיכערן שטעל.

עס איז שוין קיין סאד ניט, אז אין דער אמעריקאנער אדמיניסטראציע גיבן איצט דעם טאן די אנהענגער פון דער „רעסטאווראציע", אז דער לאזונג פון דעם בריגאדע־גענעראל וויליאם דרייפער דעם יינגערן, וואס פירט אן מיט דער עקאנאמישער פארוואלטונג, איז: „פריער רעסטאווראציע, דערנאך רעפארמען". די דייטשע ראטגעבער פון דער פארוואלטונג מאלן בעקיוון פאר די אמעריקאנער די לאגע פון דער דייטשער אינדוסטריע אין די פינצטערסטע פארבן, זיי זאגן, אז זי געפינט זיך אינעם צושטאנד פון פולער נישטיקייט און אז די דענאציפיקאציע, וואס דער פאטסדאמער אפמאך האט פראקלאמירט, האט אוועקגענומען בא דער דייטשער אינדוסטריע אירע בעסטע אנפירער, וועט פירן צו א פארגליווערונג, צו דער פאראליזאציע פונעם טראנספארט און צום פולן און ענדגילטיקן קראך פון דער גאנצער ווירטשאפט.

נאר עס גייט ניט, נאטירלעך, בלויז אין דער אינפארמאציע פון די ראטגעבער, — עס גייט אויך דערין, און מען רעדט דערפון קימאט אפן — אז קליי און דרייפער און נאך אנדערע פירער פון דער אמעריקאנישער פארוואלטונג זיינען מענטשן „פון גרויסע ביזנעס", באנקירן און אינדוסטריעלער, פארשטייער גראד פון יענע אמעריקאנער אינדוסטריעלע און באנקקאנצערנען, וואס האבן געהאט אריינגעלייגט גרויסע געלטער אין דער דייטשער אינדוסטריע, האבן א שטענדיקע פארבינדונג מיט דעם דייטשן קאפיטאל און דעריבער האלט מען זיי פאר ספעציאליסטן אין דער דייטשער פראגע און פאר קענער פון דער דייטשער עקאנאמיק.

די אמעריקאנער אדמיניסטראטארס זיינען סאפקאלסאף דורכויס פינאנץ־טייז אין מיליטערישע מונדירן.

דאס אלץ ווערט טייקעף קלאר פאר סעבאסטיאנען, און זיינע שמועסן מיט דוגלאסן העלפן אים פולשטענדיק צו באנעמען די לאגע.

דוגלאס נעמט אויף אנגסטלעך די געשעענישן פון דער לעצטער צייט, ער זידלט דרייפערן אף וואס די וועלט שטייט און באהאלט ניט אויב פון סעבאסטיאנען זיין טרויער און זיין שטוינען.

— דער פארשטארבענער פרעזידענט, — זאגט ער — וואלט זיך אין קייווער איבערגעקערט, ווען ער זעט דאס. ס'איז באשטימט, איך גיב זיך אן אין דימיסיע. איך פאר אהיים, גייען זיי צום טייוול!

איין מאל פירט דוגלאס צו סעבאסטיאנען א קילאמעטערס זיבעציק פון דער שטאט צום לאגער פון די איבערגעוואנדערטע פון די מיזרעכדיקע לענדערייען. דער לאגער שטעלט מיט זיך פאר א בילד פון שרעקלעכער ארעמקייט. די פליטים האבן ניט קיין געשיר און קאכן אין אלטע קאנסערוובלעכן. מערסטנס זיינען זיי ארבעטלאזע. עס גייען אום צווישן זיי קלאנ־

נען, וואָס ווערן שטאַרק פֿאַרשפּרייט, אַז אין גיכן וועלן זיי זיך אומקערן אַף זייער ערד הינטערן אָדער אין נייסע. ווען? ווען מען וועט פֿון דאָרט פֿאַרטרײַבן די רוסן און פּאָליאַקן. ווער וועט פֿאַרטרײַבן?

אַלס ענטפֿער דערויף קומט אַ פֿילבאַדײַטנדיקער זיסער שמייכל.

דוגלאַס שמייכלט איראָניש און דערציילט סעבאַסטיאַנען, אַז די אַמעריקאַנער קאָמענדאַנטן אַף די ערטער — אין די שטעטלעך און גרויסע דערפֿער — פֿירן זיך ווי קליינע פֿירשטן. אַבסאָלוט ניט צוגעגרייטע צו אַזאַ אַמט, לעבן זיי אין ווױלטאָג. מיט אַלע געשעפֿטן פֿירן פּאַקטיש אָן יונגע שיינע דײַטשקעס, וואָס זײַנען געוואָרן זייערע קעפּסווײַבער. ווער עס איז די יונגע דײַטשקעס סימפּאַטיש, דעם העלפֿן די אַמעריקאַנישע קאָמענדאַנטן. און אַזוי ווי די פּרײַלנס, באַלאַנגען, אַלס קלאַל, צו די פּריווילעגירטע שיכטן פֿון דער באַפֿעלקערונג, קומט דערפֿון אַרויס, אַז אָט די שיכטן באַקומען שטענדיקע פּריווילעגיעס צום שאָדן פֿון די איבעריקע.

אין שאַיכעס מיט דוגלאַסעס ווערטער, קומען אים אַפֿן זינען די באַציִונגען צווישן לובענצאָוון און עריקען. ער שטויסט זיך, נאַטירלעך, אָן, אַז עפּעס קומט פֿאָר צווישן זײַן טאָכטער און דעם סאָוועטישן קאָמענדאַנט, ער פֿילט מיט עריקען, נאָר אין דער זעלביקער צײַט איז ער אַנטציקט מיט לובענצאָוום אויסגעהאַלטנקייט, מיט זײַן פֿליכט־באַוווסטזײַן און אַכראַיעס. דער פּראָפֿעסאָר זיפּצט, טראַכט וועגן עריקען, און באַשליסט וואָס פֿריער אַהיימצופֿאָרן.

דאָ, אַף מײַרעוו, ווערט שוין די סינע צום ראַטנפֿאַרבאַנד ניט אויסבאַהאַלטן, אַלנפֿאַלס, אין די קרײַזן וואָס זײַנען נאָנט צו וואַלטערן. די גאַנצע זאָנע שווימלט און גריבלט מיט פֿאַרשידענע „אָרגאַניזאַציעס“, „ביוראָס“, „קאַנטאָרן“, „פֿאָרשטייערשאַפֿטן“ פֿון פֿאַרשידענע אַף מיזרעך אַראָפּגעוואָרפֿענע רעזשימען. אין צענדליקער לאַגערן זאַמלען זיך אַריבערגעלאָפֿענע פֿאַרשוינען, מענטשן אָן באַשטימטע פּראָפֿעסיעס, געוועזענע פּאָליטיקער און אַדוואָקאַטן, דער שוים פֿון די וואַרשעווער, פּאַריזער און לעמבערגער קאַפֿעהײַזער, אוקרײַנער פֿאַשיסטן, כאָרוואַטער אוסטאַשים און אָנהענגער פֿונעם סלאָוואַקישן דיקטאַטאָר טיסאָ — מענטשן באַרויבטע פֿון זייער פֿאָטערלאַנד, פֿאַררעטער און פֿאַרברעכער. מען האָדעוועט זיי, מען שטיצט זיי, מען באַהאַלט זיי אויס.

סעבאַסטיאַן טראַכט מיט שרעק וועגן דער צוקונפֿט, וועגן דעם צו וואָס דאָס פֿירט, צי וועט ניט קומען אַ טאָג ווען די געוועזענע פֿאַרבינדעטע אין דער מילכאָמע, וועלן אַפֿן איבעררײַסן איינער מיט דעם צווייטן. דעמאָלט איז ווי צו דײַטשלאַנד, אַ צעריסענע אַף צוויי טיילן, אַ דײַטשלאַנד, וואָס וועט טייקעף פֿאַרוואַנדלט ווערן אינעם פּלאַצדאַרם פֿון דער בלוטיקסטער מילכאָמע.

אין אָן אָוונט, צערעדט ער זיך איינמאָל, צום ערשטן מאָל, מיט דעם פֿאָטער, וועגן דעם פּלאַן אַריבערצופֿירן אים אַהער, אַף מײַרעוו. ער לייגט אַרויס דעם פֿאָטער אַלע נוצן פֿון דעם אַריבערפֿאָר.

— שרײַב צו עריקען. — זאָגט ער אים. — מירן איבערגעבן דעם בריוו דורך אַ געטרײַען מענטשן און מירן אָרגאַניזירן איר אַריבערקום אַהער. מען וועט פֿאַרכאַפּן מיט זיך אויך דײַן ביבליאָטעק, און אַלץ וואָס דו האָסט בײַ זיך ווערטפֿולס.

סעבאַסטיאַן ענטפֿערט אים:

— ניין. איך וועל אַהער ניט אַריבערפֿאָרן, איך וועל זײַן דאָרטן, בײַ

מיר. די צײַט וועט זיך בײַטן. מען וועט אונטערשרײַבן דעם שאָלעם־אָפּמאַך. דײַטשלאַנד וועט זיך פאַראייניקן...

— גלייבסטו טאַקע דערין? — פרעגט טרויעריק וואַלטער. — זעסטו דען ניט, אַז דאָס וועט שוין קיינמאָל ניט זײַן?

— איך וויים ניט. אָט לויבסטו די גאַנצע צײַט די היגע פירונגען. און מיט וואָס קענט איר זיך דאָ באַרימען? דערמיט וואָס אַלץ בלײַבט באַם אַלטן? וואָס די נאַציס קריכן אַרויס פון די נאָרעס, צאָלן אָפּ טויזנט מאַרק שטראָף און ווערן שוין באַטראַכט פאַר אָפּגערייניקט פון דער נאַצישער טומע? דאָס וואָס די יונקערס האַלטן ווידער אין זייערע הענט די ערד? וואָס די מענטשן וועלכע האָבן געבראַכט היטלערן צו דער מאַכט זײַנען ווי־דער אַרויס אױף דער ליכטיקער שײַן, גלײַך גאָרניט וואָלט זיך געביטן אױף דער וועלט? וואָס די אַמעריקאַנישע אָפיצירן און באַנקירן, וועלכע האַסן דאָס דײַטשע פאָלק, בייגן די קעפּ פאַר די דײַטשע באַנקירן? וואָס זיי דערקלערן דעם נאַציזם פאַר אַ פאָלקס־באַוועגונג און אונדזערע אינדוסטריעלע פאַר אומשולדיקע לעמעלעך? דאָרט, בײַ אונדז, ווייניקסטנס, מאַכט מען עקס־פּערימענטן. דאָרט, ווייניקסטנס, פּרוּווט מען זיך אויפריכטיק אויסוואָרצלען דעם נאַציזם. דאָרט לאָזט מען זיי ניט לעבן, די נאַציס, און מען וועט זיי ניט לאָזן, און זיי וויסן עס גאַנץ גוט. דאָרט, ווייניקסטנס, פּרוּווט מען געבן אַ מעגלעכקייט די אַנטינאַצישע קויכעס שפּילן אַן אָנפירנדיקע ראָל... איך וויים ניט מיט וואָס אַלץ וועט זיך ענדיקן, צי וועט די סאָוועטישע פּאָליטיק זיך אײַנגעבן, נאָר אַלנפאַלס פּרוּוון זיי זיך עפּעס צו טאָן... זײַ ניט בערוי־גען, וואַלטער. דאָס איז מײַן מיינונג און איך קלײַב זיך ניט פון איר זיך אָפּצוזאָגן.

— ווילסטו, הייסט עס, צוריק קיין לויטערבורג? — פרעגט וואַלטער און ווי זײַטיק באַמערקט ער: — דו, זע איך, ביסט אַ גרעסערער פּאַטריאָט ווי די רוסן גופא. אָט איז גראָד פון לויטערבורג אַנטלאָפן אַ רוסישער אָפי־ציר. אַהערצו אַנטלאָפן. אים האָט דער דאָרטיקער גאַניידן דערעסן.

סעבאַסטיאַן ענטפערט גאָרניט, ער גיט נאָר אַ מאַך מיט דער האַנט. ער איז צופרידן וואָס ער האָט אַרויסגעזאָגט אַלץ וואָס ער האָט געוואָלט זאָגן.

אפן צווייטן טאָג קומט אים אוים צו דערמאָנען וואַלטערס לעצטע ווערטער. אױף זײַן שפּאַציר האָט ער באַמערקט אױף דעם קעגנאיבערדיקן טראָ־טואַר אַ גרופּע אַמעריקאַנישע מיליטער־לײַט און צווישן זיי איינער אין אַ רוסישן שינעל, נאָר אָן די פּאַגאָנעס. דאָס פּנעם איז אים קענטלעך. ער האָט ערגעץ געזען אָט דעם צעשרויפּטן גאַנג און אָט די דאַרע געשטאַלט, די טיף־אײַנגעפאַלענע אויגן און די קוים־אַראָפּהענגענדיקע נאָז. אפן קאָפּ טראָגט דער מענטש אַ רוסיש מיליטעריש היטל מיט העלערע שפּורן פון אַ ניט לאַנג אַראָפּגענומענעם פינפעקיקן שטערן.

— זאָל דאָס זײַן דער קאַפּיטאַן פו דער לויטערבורגער קאָמענדאַטור?"

— טראַכט זיך מיט פאַרוווּנדערונג און שרעק סעבאַסטיאַן.

וואָראָבייצעוו האָט אים אויך דערקענט. ער בלײַבט פּלוצים שטיין. ווערט ווײַס און מאַכט אַ טראָט אױף צוריק. נאָר דערנאָך, שלעכט אויסטײַ־טשנדיק סעבאַסטיאַנס קומען קיין פראַנקפורט, באַקומט ער צוריק זײַן גע־וויינלעכע כוצפּעדיקע מינע און שרײַט צו אים:

— אָ!... אַ לויטערבורגער לאַנדסמאַן!

סעבאַסטיאַן בייגט זיך איַין ווי אונטער אַ קלאַפּ, ער גייט שנעל פֿאַרביַי און פֿאַרנעמט זיך הינטערן ראָג.

דעם צווייטן טאָג אין דער פֿרי קומט צו וואַלטערן קאַללינס. סעבאַס־טיאַן זעט פֿאַרבײַגייענדיק ווי ער גייט אַריַין צו וואַלטערן אין קאַבינעט און ווי ער טאַפּט די זאַכן וואָס ער טרעפֿט אינעם עסצימער. וואַלטער האָט דאָרט פֿאַרבראַכט צוויי שעה מיט דעם אַמעריקאַנער, און ווען זיי קומען אַרויס זיַינען זייערע פּענעמער פֿאַרכמורעט און אַנטשלאָסן.

— דו קענסט נישט צוריקפֿאָרן. — זאָגט וואַלטער.

— פֿאַרוואָס? — פֿרעגט סעבאַסטיאַן און הייבט זיך פּאַמעלעך אויף.

— וואָס־זשע, איך בין אַרעסטירט, צי וואָס?

— אָך, ניין, — מישט זיך אַריַין קאַללינס. — איר האָט אונדז נישט ריכטיק פֿאַרשטאַנען. עס ווערט איַיך פּאַשעט רעקאָמענדירט, הער פּראָפֿע־סאָר, דאָ צו בליַיבן פֿון איַיער נוצן וועגן... עס גייט דערין וואָס אין לור־טערבורג זיַינען פֿאָרגעקומען גרויסע געשעענישן, זייער ערנסטע. מען האָט דאָרט אַרעסטירט דעם קאָמענדאַנט און איַיער טאָכטער. איר טאָרט ניט צוריקפֿאָרן.

סעבאַסטיאַן גיט אַ שטיַיפֿן קוק אַף אים, ער וויל אים ענטפֿערן, — נאָר ער האַלט זיך איַין און זעצט זיך אַוועק.

— איַיער טאָכטער וועלן מיר אויסלייזן, — זאָגט וויַיטער קאַללינס. — זיַיט רויק. אַלץ וועט זיַין צופֿרידנשטעליק.

— גוט, — זאָגט שטיל און געהאָרכיק סעבאַסטיאַן.

באַנאַכט איז ער אַריַין אין גאַראַזש. אַזוי ווי זיַין אויטאָמאָביל האָט קיין בענזין ניט געהאַט, האָט ער איבערגעגאָסן דעם גאַנצן בענזין פֿונעם זונס אויטאָמאָביל אין זיַינעם און איז אַוועקגעפֿאָרן.

ניט וויַיל ער האָט ניט געגלויבט, אַז עריקאַ איז אַרעסטירט. ניין, גראָד דערפֿאַר וואָס ער האָט דערלאָזט, אַז דאָס איז מעגלעך, האָט ער פֿעסט באַשלאָסן צוריקצופֿאָרן. דער הער קאַללינס האָט שלעכט אויסגערעכנט.

XX

וואָס שיַיעך וואָראָבייציעוון, האָט ער זיך גראָב אויסגעזידלט אין דעם מאָמענט ווען סעבאַסטיאַן האָט אים ניט געוואָלט גריסן, און האָט זיך גע־לאָזט וויַיטער גיין מיט די דריַי אַמעריקאַנער, וואָס לאָזן אים ניט אָפּ פֿון זיך.

דאָס זיַינען געווויקסיקע ווילע יאַטן, לעב־יונגען און לייצים. מיט זיי גייט ער און פֿאַרט צוזאַמען איבער די ראַדיאָסטאַנציעס און רעדאַקציעס. ער לעבט זיך ברייט און פֿילט זיך אין אַ געוויסער מאָס דער העלד פֿונעם טאָג. ער האָט געהאַט עטלעכע פּרעסע־קאָנפֿערענצן. אין האָטעל צו אים קומען עטלעכע רענעגאַטן, פֿון די געוועזענע וולאַסאָווצעס, און בעטן אים פּראָ־טעקציע מען זאָל זי אָננעמען אַף אַרבעט. ער זאָגט וואָס אים פֿאַלט איַין אין קאָפּ און מען גלייבט אים אָדער מען מאַכט זיך אַז מען גלייבט. מען גיט אים געלט מיט אָקופּאַציע־מאַרקן און דאָלאַרן און מען דערלויבט אים אַריַינקומען אינעם אַמעריקאַנישן אָפֿיצירישן באַר, ווו עס איז שטענדיק רוישיק און פֿריילעך און עס קומען אַהין דיַיטשקעס, נאָך אַ פֿריערדיקער אונטערזוכונג פֿון אַן אַמעריקאַנישן דאָקטאָר פֿון ווענערישע קראַנקייטן. מען זאָגט אים צו אַ ריַיזע — אַ מין פּראָפּאַגאַנדע־טור — איבער די פֿאַר־

איינציקע שטאַטן און דאָרעם־אַמעריקע. ער וויל זײַן אין פּאַריז, און מען זאָגט אים צו, אַז ער וועט דאָרטן זײַן. די דאָזיקע רײַזעס, נאַטירלעך, ווערן אַלע מאָל אָפּגעלייגט, און ווען ער איז איין מאָל צוגעשטאַנען מען זאָל אים אָפּלאָזן, האָט דער אַמעריקאַנישער לייטענאַנט, וואָס אונטער זײַן אויפזיכט געפינט ער זיך, אַדורכגעלאָזט זײַן ביטע ניט באַמערקט. אָואַיִט, וואָס וואָראָבייצעוו האָט זיך מיט אים אַ פּאָר מאָל געזען, האָט אים געקלאַפּט אין פּלייצע, געלויבט זײַן „געוואַגטן און אַנטשלאָסענעם שריט" און האָט געקוקט אַף אים מיט זײַנע ניט באַוועגטע אויגן, אומדורכדרינגלעכע ווי בלײַ.

מיט די דרײַ אַמעריקאַנער, וואָס לאָזן אים ניט אָפּ פון זיך, איז ער באַוועגער געוואָרן. די יאַטן, פּאָשעטע יונגען, באַציִען זיך צו אים ווי צו אַ קינאָ־סטאַר, אים דאַכט זיך, אַז זיי זײַנען שטאָלץ דערמיט וואָס מען האָט זיי איבערגעגעבן אַף אים אַכטונג צו געבן. שווערער איז אים ווען ער בלײַבט אַליין. דעמאָלט כאַפּט אים אַרום אַ שרעק. עס דאַכט זיך אים אויס, אַז אין אַלטשטאַט, אין האַללע, אין בערלין און אַפילע אין מאָסקווע פירט מען באַראַטונגען ווי אים צו פאַרניכטן. אַכוצדעם פאַרפאָלגט אים אַ מאָדנע האַלוצינאַציע, וואָס באַפאַלט אים מערסטמס פאַרן שלאָף, ווען ער ליגט אין בעט: ער דערזעט פאַר זיך פלוצים אַ מענטשלעך פּאָנעם — אַ ברייטס, אַ פּלאַטשיקס, מיט אַ שוואַרצער באָרד, מיט אַ פּאַס בלוט פונעם רעכטן שלייף ביז אַרונטער דער לינקער באַק. דאָס פּאָנעם לאָזט אים ניט שלאָפן און ער קען זיך ניט דערמאָנען ווען עס פּאָנעם דאָס איז און פאַרוואָס פאַרפאָלגט עס אים. ער ווייס, אַז ער האָט דאָס פּאָנעם ערגעץ געזען און ער קען זיך ניט דערמאָנען ווו און בײַ וואָסערע אומשטענדן.

ער באַמיט זיך שלאָפן גיין וואָס שפּעטער, ער טרינקט און הוליעט אַף טויט, נאָר עס העלפט ניט, אַלצאיינס, מעג ער זיך לייגן פאַרטאָג, דערמאָנט זיך אים דאָס פּאָנעם.

נאָך דער באַגעגעניש מיט סעבאַסטיאַנען, איז ער מיט די דרײַ אַמעריקאַנער אַרײַנגעגאַנגען אין באַר און שטייענדיק אויסגעטרונקען צו גלעזעלעך וואָדקע. ער האָט באַצאָלט, — ער צאָלט פאַר זיי שטענדיק.

איינער פון די דרײַ, אַ העל־בלאָנדער, מיטן נאָמען מײַקל, רופט זיך אָן (אַלע ריידן זיי ניט שלעכט דײַטש):

— הײַנט טרעט אויף אין דער וואַריעטע די זעלביקע עדיט.

— גייען מיר אַהין? — פרעגט אַ צווייטער, וואָס מען רופט אים טאָם. דער איז אַ שוואַרצהאָריקער און אַ פּוילער, אַ געבוירענער אינעם שטאַט מיסורי — „פון דאָרט, פון וואַנען אויך פּרעזידענט טרומען איז", באַרימט ער זיך טיילמאָל.

— דאָרט וועלן מיר אַ הוליע טאָן ווי עס געהער צו זײַן, — האַלט אונטער דער דריטער, ביִלל, אַ גרויסער, אַ זשאַווערדיק געלער. שטענדיק שמייכלט ער.

— יאָ, מירן אומבאַדינגט גיין, — ווערט וואָראָבייצעוו אויפגעלעבט און באַשטעלט נאָך צו גלעזעלעך. זיי שטייען אין אַן ענגן קרײַזל. פּלוצים הייבט אויף ביִלל, וואָס קוקט אַף וואָראָבייצעוון מיט אַ רויִקן שמייכל, דעם רעכטן פוס און גיט אַ שטאַרקן זעץ מיט זײַן געקאָוועטן קנאַפּל וואָראָבייצעוון אַפּן שפּיץ פון זײַן כראָמאָוון שטיוול. דער קלאַפּ איז געווען אַ אומגעריכטער, אַ כאַמישער, אָן שום אורזאַך — פּאָשעט אַזוי זיך, דערפאַר וואָס אים האָט זיך אַזוי פאַרוואָלט, און דערפאַר וואָס ער ווייס, אַז וואָראָבייצעוו קען אים ניט ענטפערן מיט דעם זעלביקן. געווען איז עס אַ

קלאַפּ דעם רוס, וואָס האָט ניט קיין פאָטערלאַנד וואָס זאָל אים שיצן, דעם מענטשן, וואָס איז אַרײַנגעפאַלן אין פולשטענדיקער נישטיקייט. און דערפון וואָס קיינער האָט דעם קלאַפּ ניט דערוואַרט, און דערפון וואָס די איבעריקע אַמעריקאַנער האָבן, גלײַך ווי גאָרניט, מיט אונטערגעשטראָכענע לאַנגווײַליקע פּנעמער, ווײַטער געשמועסט און געשפּאַסט, האָט וואָראָבייצעוו, אַ דערנידעריקטער, אַ דערציטערטער, מיט גרענעצלאָזער קראַפט דערפילט, אַז ער איז איינזאַם, ווי אַ פינגער, אַן אויסוואָרף וואָס קיינער אַף דער וועלט פאַרטיידיקט אים ניט. און דאָס ציניש וויסן דערפון איז אויסגעזאָסן געוועזן אַפֿן שמייכלדיקן פּאָנעם פונעם זשאַווערדיק־געלן אַמעריקאַנער און אַף די פּנעמער פון זײַנע כאַווײרים.

וואָראָבייצעוו איז אין דעם מאָמענט מוידע, אַז קיין שום מענטש אין דער וועלט וואָלט נישט געטאָרט און נישט געקענט אַזוינס איבערטראָגן, און נאָר ער איינער האָט דאָס געקענט און האָט דאָס געמוזט דולדן. און מיט איבעראַשנדיקער קלאָרקייט באַגרײַפט ער מיט אַ מאָל, אַז ניט קיין לײַכט לעבן וועט ער האָבן און ניט קיין רײַזעס און אַז גאָר אין קורצן וועט ער זײַן נאָך איין שמאַטע, נאָך איין שטיק אָפּפאַל צווישן נאָך אַזעלכע ווי ער. און ענדלעך דערמאָנט ער זיך וועמענס פּאָנעם דאָס איז, אָט דאָס פאַרבלוטיקטע און פאַרוואַקסענע מיט די פולע אויגן שרעק. ס'איז דאָס פּאָנעם פון דעם פאָטערלאַנדס־פאַררעטער, וואָס די מענטשן וועלכע האָבן אים דערקענט און אָנגעוויזן אַף אים, האָבן אים פאַמעלעכדיק, מעטאָדיש דערהאַרגעט אַפֿן וועג צווישן וויטענבערג און האַללע מיט אַן ערעך זיבן באַדאָשים צוריק.

— — — — — — — — — — — — — — — — — —

ווען פּראָפעסאָר סעבאַסטיאַן איז געגאַנגען צו פוס פון זײַן קאַליעגעוואָרענעם אויטאָמאָביל קיין לויטערבורג, איז ער אַפֿן וועג אָפּגעטראָטן אין אַ באַרג־דערפל און האָט באַשלאָסן דאָרט אָפּצורוען. פאָרגעקומען איז דאָ אַ מין הוליאַנקע. די פּויערים האָבן אים דערקענט, ווײַל ער איז דאָ עטלעכע מאָל געוועזן מיט לובענצאָוון.

ער איז געגאַנגען אַ ביסל און האָט געקוקט ווי מען טאַנצט, דערנאָך איז ער אַרײַנגעגאַנגען אין אַ שענקל, וואָס איז געוועזן פול מיט מענטשן, און ער האָט זיך צערעדט מיט אַ מיידל און אַ באָכער, וואָס האָבן געוואָרקעט באַם טיש. ביידע מיט פאַררויטלטע באַקן, געוויקסיק און פאַרליבט. די הענט רויטע, פאַרגרעבטע, דערפאַרענע, נאָר די פּנעמער קימאַט גאָר קינדישע.

אונטערן אײַנדרוק פון די אַנטיסאָוועטישע געשפּרעכן באַ וואַלטערן אין שטוב און פון די באַשולדיקונגען וואָס האָבן זיך דאָרט געשאָטן אַף דער סאָוועטישער מיליטערישער אַדמיניסטראַציע און אַף דער סאָוועטישער פּאָליטיק אין דײַטשלאַנד ביכלאַל, האָט ער גענומען אויספרעגן די יונגע מענטשן וועגן זייערע שטימונגען און וועגן זייערע לעבנס־פּלענער.

ביידע, דער באָכער און דאָס מיידל האָבן אים געזאָגט, אַז זיי זײַנען צופרידן מיט זייער לעבן און אַז אַף איבער אַ יאָר קלײַבן זיי זיך קיין האַללע אַף די צוגרייטונגס־קורסן פאַר אַרבעטער און פּויערים־יוגנט, קעדיי אין צוויי יאָר אַרום אַרײַנטרעטן אינעם אוניווערסיטעט. מיט דעם פאַנאַטיזם פון נעאָפיטן האָבן זיי גערעדט וועגן דער ערד־רעפאָרם און מיט לײַדנשאַפטלעכן גלויבן אין דער צוקונפט האָבן זיי זיך דערקלערט אין ליבע צו דער נײַער אָרדענונג, וואָס קומט דאָ אויף.

זייערע טמימעסדיקע רייד האָבן געמאַכט אַ שטאַרקן איַינדרוק אַף סעבאַסטיאַנען. ער פאַרגלייַכט די פּאַשעטע רייד פון די יונגע מענטשן מיט די געשפּרעכן פון וואַלטערן און זייַנע גוטע ברידער, און ניט געקוקט אַף זייַן געניטקייט אינעם לעבן און אַף זייַן קענטעניש, וווּנדערט ער זיך סאַראַ פּאָלוס־ווייַטע שטאַנדפּונקטן עס קענען זייַן בענעגייע איין און דער זעלביקער זאַך בייַ פאַרשידענע מענטשן.

אין דער פרי קומען זיך צונויף צו סעבאַסטיאַנען פרייַנט. ער דערציילט זיי וועגן זייַנע פראַנקפורטער איַינדרוקן. פאַראַן זייַנען דאָ אויך עריקעס נייַע כאַווערטעס, צווישן זיי די קלוגע און דורכדרינגלעכע פרוי ווירזעצקי. באַלד דערויף קומט אויך דער קאָמענדאַנט, נאָר ער איז ניט אַליין, מיט אים איז אויך געקומען קאַפּיטאַן יאַוואָרסקי און אַן עלעגאַנט געקליידטע יונגע פרוי מיט אַ שיינעם פּאָנעם, וואָס בלייַבט לאַנג איַינגעקריצט אין זיקאָרן. עריקאַ גייט זיי אַקעגן, זי גיט אַ שנעלן בליק אַף טאַניען און ווערט פלאַמיק רויט. אויך טאַניאַ ווערט רויט. לובענצאָוו קען קוים אָנהאַלטן זייַן רויִקייט, ער באַקענט זיי, שוין אַ ביסל אַ צו זיך געקומענער, דריקט ער אויס די האָפענונג, אַז טאַניאַ און עריקאַ וועלן זייַן פרייַנט. ביידע שווייַגן זיי דערויף. סעבאַסטיאַן רופט זיך אָן אַ צעוטמלטער:

עריקאַ, דערלאַנג קאָפע. פאַרוואָס דערלאַנגסטו ניט די קאָפע, עריקאַ?

ווען אַלע באַקומען זייערע טאַזעס קאָפע, נעמט סעבאַסטיאַן ווייַטער דערציילן. אונטערן איַינדרוק, קען זייַן, פון דעם פאַרגעקומענעם שטומען צוזאַמענשטויס פון די גויראַלעס, פון וועלכן ער וויל זיך דערווייַטערן, פּליסט זייַן דערציילן ברייט און פרייַ. מיט זעלטענעם הומאָר שילדערט ער די געסט פון וואַלטערס סאַלאָן, מיט באַגייַסטערונג רעדט ער וועגן דוגלאַסן און זייַנע פרייַנט. דערנאָך דערציילט ער וועגן זייַן באַגעגעניש מיט דעם יונגן פּאָרל אינעם בירשענק. ער פאַרטראַכט זיך און זאָגט:

— בעיִס איך שטעל אַקעגן, הער פּאָדפּאָלקאָווניק, די מיינונגען וועגן אייַך און אייַערע פרייַנט און אייַערע קעגנער, די ליבע פון איינע און דעם האַס און קלאָג פון די אַנדערע, דערמאָנט זיך מיר אַ מאָשל. הייַנזע, אַן אינטערעסאַנטער און האַלב־פאַרגעסענער שרייַבער, האָט אַזאַ פאַבל: „אַ וועקסענער הויז־געץ איז געשטאַנען באַם פייַער, ווו עס האָבן זיך געגליט ליימענע וואַזעס, און ער האָט זיך גענומען שמעלצן. און ער נעמט זיך ביטער קלאָגן: „זע, — זאָגט ער צום פייַער, — ווי גרויזאַם דו ביסט צו מיר. די וואַזעס גיסטו פעסטקייט און מיך ברענגסטו אום". ענטפערט אים דאָס פייַער: „קענסט זיך קלאָגן בלויז אַף דייַן אייגענער נאַטור. וואָס שאַיעך מיר, בין איך אומעטום און שטענדיק פייַער". זייַט אומעטום און שטענדיק פייַער, הער פּאָדפּאָלקאָווניק, צו דער פרייד פון דעם נאָבעלן ליים און צו דער שרעק פון די וועקסענע געצן פון אַלע קאָלירן.

לובענצאָוו הערט אים אויס אַ גערירטער. טאַניאַ, וואָס יאַוואָרסקי זעצט פאַר איר איבער אין דער שטיל די ווערטער, איז אויך גערירט. באַלד דערויף געזעגענען זיי זיך און גייען אַוועק.

אין אָוונט ניבן די זעלנער פון דער קאָמענדאַנטישער אָפּטיילונג זייער ערשטע פאָרשטעלונג. עס דונערט מיט געלעכטער דעם גאַנצן אָוונט דורך די פענצטער פונעם הויז אַפן שטאָטפּלאַץ, און פאַרבייַגייער שטעלן זיך אָפּ, הערן זיך נייגעריק איַין און שמייכלען. לובענצאָוו מיט טאַניען און טשאָכאָוו קוקן איין מאָל אַרויס פונעם פענצטער און זעען אַן אוילעם דייַטשן שטייען.

דער אוילעם. דערזעט דער „אָבערסט־לייטענאַנט דאַוואַי” קוקט אַרויס דורכן פֿענצטער, גייען זיי זיך פֿונאַנדער.

— מען דאַרף אָרגאַניזירן אַ טעאַטער אין שטאָט, — זאָגט לובענצאָוו. — מען וועט זיך מוזן פֿאַרנעמען דערמיט.

דערנאָך גייען טאַניאַ און טשאָכאָוו צוריק אין קלוב־צימער ווּ עס גייט די פֿאָרשטעלונג, און לובענצאָוו בלײַבט שטיין בײַם פֿענצטער. אין שטאָט צינדן זיך פֿײַערן אָן. אים קומט טייקעף אויפֿן געדאַנק, אַז געשען איז אַ אומגליקלעכע זאַך: ער האָט ליב באַקומען דאָס שטעטל, דאָס אומגליקלעכע לויטערבורג, זײַנע געסלעך און סעדלעך, דעם ברוק־שטיין פֿון זײַנע שטאָט־פּלעצער, די רויטע טשערעפּענע דעכער, די גרינע באַרג אַרום דעם און די מענטשן וואָס וווינען אין דעם, מיט זייערע זאָרגן, מיט זייער טרויער און פֿרייד, — נאַטירלעך, ניט אַלע.

— זאָל דיר נאָר ניט אײַנפֿאַלן נאָכאַמאָל מילכאָמע צו האַלטן מיט אונדז, — זאָגט ער אויפֿן קול צו די פֿיל אָנגעצונדענע פֿײַערלעך. — געדענק. אַ צווייטן מאָל וועט פֿון דיר אַ שטיין אויף אַ שטיין ניט איבערבלײַבן. איך וועל דער ערשטער אַ באַפֿעל טאָן: „פֿײַער!”

נאָר פֿאַר אים טראָגן זיך פֿאַרבײַ די פּענעמער פֿון די נײַע פֿרײַנט וואָס ער האָט זיך דאָ דערוואָרבן — גוטע, פּאָשעטע און ניט צווייפּענעמדיקע אַרבעטס־מענטשן, און ער טרײַבט פֿון זיך די געדאַנקען וועגן מילכאָמע. אויף זייער אָרט קומען אַנדערע געדאַנקען. הינטער אים דערהערן זיך אַפּלאָדיסמענטן, לובענצאָוו קוקט זיך אום און גייט צוריק צו זײַנע זעלנער.

זומער 1947 האָט די סאָוועטישע מיליטערישע פֿאַרוואַלטונג פֿון דײַטשלאַנד אויף דער צודרינגלעכער ביטע פֿונעם פּאָדפּאָלקאָווניק לובענצאָוו אים דערלויבט צוריקצוקערן אין זײַן היימלאַנד אויף לערנען זיך אין דער מיליטערישער אַקאַדעמיע אויפֿן נאָמען פֿון פֿרונזע.

אינאיינעם מיט לובענצאָוון און טאַניען זײַנען אויך אַרויסגעפֿאָרן דער דעמאָביליזירטער סטאַרשינאַ וואָראָנין און דער סערזשאַנט ווערעטעניקאָוו, וואָס האָט באַקומען אורלויב.

זיי האָבן באַשלאָסן צופֿאָרן ביז האַללע אין אויטאָמאָבילן, און דאָרט זיך אויפֿזעצן אויפֿן צוג. זיי געזעגענען זיך מיט אַלע פֿרײַנט, די רוסישע און די דײַטשע — און פֿאָרן אַרויס גאַנץ פֿרי פֿון דער שטאָט לויטערבורג.

אין סאַמע עק שטאָט האָט לובענצאָוו דורכן אויטאָמאָביל־פֿענצטער דערזען אַ קלייטל מיט פֿאַרשידענעם מעטאַלענעם געשיר אין דער שויב. ער באַשליסט אַז עס וואָלט ניט שלעכט געווען עפּעס צו קויפֿן אויף אַן אָנדענק פֿון לויטערבורג. ער בעט אָפּשטעלן דעם אויטאָמאָביל און גייט אַרײַן אין קלייטל. מען דערקענט אים דאָרט. עמעצער טומלט זיך הינטער דער סטויקע. דער באַלעבאָס אַליין קומט צו, אַ קליין מענטשל מיט אַ לעדערנעם פֿאַרטעך, מיט גערדיכטע גרויע וואָנצעס. ער פֿרעגט וואָס וויל דער „הער קאָמענדאַנט”. לובענצאָוו הייסט זיך עפּעס ווײַזן שיינס אויף אַן אָנדענק.

— פֿאַר אײַך, — זאָגט דער אַלטיטשקער וועל איך אויסזוכן עפּעס אויסגעצייכנטס. ער פֿאַרשווינדט הינטער דער סטויקע, אײַסעקט זיך דאָרטן לאַנג און ענדלעך באַווײַזט ער זיך ווידער. די אויגן שײַנען אים מיט שטאָלץ. ער שטעלט אַוועק אויף דער סטויקע צוויי טאַזעס פֿון געהאַמערטן זילבער, מיט אַ ווּנדערלעך פֿײַנער שניצערײַ, וואָס שטעלט פֿאָר די וואָלפּורגיען־נאַכט — דעם טאַנץ פֿון די מעכאַשייפֿעס אויפֿן באַרימטן בראָקענבאַרג.

— שיין, — זאָגט לובענצאָוו.

— זייער שיין! — רופט אויס דער אַלטיטשקער. — אייגענע אַרבעט. אַן אַלטיטשקע, קענטיק דעם אַלטנס ווײַב, שאָקלט צו מיטן קאָפּ.

— דאָס איז אונדזער אַרטיקע קונסט־מעלאָכע — שמייכלט דער אַלטער און צעטומלט זיך: — זיצט, הער קאָמענדאַנט.

— ניין, איך אײַל זיך, — זאָגט לובענצאָוו און פֿרעגט: — הייסט עס, אַז דאָס איז היגע קינסטלערישע מעלאָכע?

— יאָ, אַ פּאַרצײַטיקע.

לובענצאָוו באַצאָלט און ווען ער גייט אַרויס מיט די טאַזעס אין די הענט, טראַכט ער זיך: „אויב איך וועל ווען עס איז נאָכאַמאָל זײַן קאָמענדאַנט, וועל איך זיך אומבאַדינגט פֿאַראינטערעסירן מיט די פֿראַגן פֿון די אַרטיקע קינסטלערישע מעלאָכעס. איך האָב עס אינגאַנצן פֿון אויג אַרויסגעלאָזט. און עפּשער ניט דאָס אַליין".

ער שמייכלט. ער פֿילט אַ געוויסן באַנג אין האַרצן, וואָרעם עס איז שטענדיק אַ ביסל באַנגלעך ווען מען לאָזט איבער אַן אָרט, וווּ מען האָט אוועקגעלייגט אַזוי פֿיל אַרבעט און פֿאַרשווענדט אַזוי פֿיל גײַסטיקע קויכעס.

ווען ער זעצט זיך שוין אַרײַן אינעם אויטאָמאָביל, הערט ער עמעצער רופֿט אים. ער קוקט זיך אום און דערזעט, ווי פֿון אַ טויער לאָזט זיך צו אים אַ דיקע פֿרוי מיט אַ גרויסער בראָדעווקע אַפֿן פּאָנעם, אין אַ רויטן סוועדער און אַ צעראַטעניעם פֿאַרטעך.

— אָך, הער קאָמענדאַנט, — רופֿט זי אויס. איך בין אַזוי צופֿרידן וואָס איך זע אײַך. איר מוזט מיך געדענקען, ניין? ווען איר ווייסט וואָס איך וויל אײַך זאָגן! — זי שטעקט אַרײַן די האַנט אין דער קעשענע פֿון איר פֿאַרטעך און שלעפּט פֿאַרזיכטיק אַרויס אַ צוזאַמענגעלעגטן בלאַט פֿון אַ צײַטונג. — נאַט אײַך און האָט נאַכעס. מען האָט אָפּגעדרוקט מײַן אַרטיקל וועגן אונדזערע היגע ליטערבורגער סקאַנדאַליעזע זאַכן. איר האָט אַוודאי פֿאַרגעסן, אַז איר האָט מיר אַליין געראָטן שרײַבן אין צײַטונג. נאָר איך האָב ניט פֿאַרגעסן. כאַ־כאַ־כאַ! — צעלאַכט זי זיך אַף איר הילכיקן קאָל. איך שרײַב איצט גאַנצע אָוונטן אין דער צײַטונג. דער בירגערמײַסטער הער פֿאָרלענדער האָט מוירע פֿאַר מיר, ווי פֿאַר פֿײַער.

לובענצאָוו לאַכט פֿון האַרצן אינאיינעם מיט איר, ער דריקט איר די האַנט מיט אַ האַרציקייט וואָס איז איר אומפֿאַרשטענדלעך, ווײַל זי ווייס ניט, אַז ער פֿאָרט אַוועק אַף שטענדיק, און ער זעצט זיך אַרײַן אינעם אויטאָמאָביל.

און אָט מאַכן זיי דורך אין צוג דעם גאַנצן וועג צוריק פֿון מײַרעוו אַף מיזרעך. פֿאַר זייערע אויגן לויפֿן פֿאַרבײַ באַקאַנטע בילדער, שטעט וואָס ליגן נאָך אין די כורוועס, די אויפֿלעבנדיקע דײַטשלאַנד, די פֿון אַש אויפֿשטייענדיקע פּוילן.

אַף לעצט, באַווײַזן זיך דורך די וואַגאָן־פֿענצטער די ווײַסרוסישע לענדערייען. דאָ זעען זיך נאָך אַן אומעטום די שפּורן פֿון דער מילכאָמע, טראַנשייען און פֿאַר פֿאַרבינדונג דורכגענג, פֿאַרוואַקסענע מיט הויכן גראָז, לעכער פֿון די באָמבעס. מיט וואַסער פֿאַרגאָסענע. נאָר אַלץ ווערט קענטיק אויפֿגעלעבט. אַנשטאָט כורוועס, הייבן זיך ליכטיקע רישטאָוואַניעס און געהילץ. זאַנגען וויגן זיך, סטויגן היי שטייען אַף די פֿעלדער. עמעס, מען לעבט נאָך אָרעם דאָ, די מילכאָמע איז מיט אַ טיפֿן אַקער אַריבער איבער אָט די ערטער.

לובענצאוו, טאניא און זייערע מיטרייזנדיקע רייסן זיך קימאט ניט אפ פון די פענצטער. פון זייערע הערצער פאלן ביסלעכווייז אפ זייערע מיירעוו־אייראפעישע איינדרוקן און עס קומען אויף אנשטאט זיי נייע. אין דער זעלביקער צייט פארלאזט זיי ניט א געוויסער אומרו. ווארום זיי איז גוט באקאנט די קאמפליצירטקייט און פארפלאנטערטקייט פון די אלוועלטלעכע באציונגען; איינראפעם שטורעמדיקע לופט איז זיי צו שטארק באקאנט; דער רויט־פאנעמדיקער און זיינע מיטבאטייליקטע לעבן נאך. נאר איצט, ווען ער קוקט אף די ראכוועסן פון דער היימישער ערד, פילן זיי, לובענצאוו און זיינע כאוויירים, מיט דער גאנצער קראפט, אז נאך אלעמען, איז דאס וויכטיקסטע אף דער וועלט, אויפצושטעלן דאס אייגענע לאנד, מאכן עס גליקלעך און רייך, ווארעם דערפון הענגט אפ אלץ דאס איבעריקע.

לובענצאוו, זיין פרוי און זיינע פריינט דאכט זיך פארן צוריק אין דער פארגאנגענהייט, קימאט איבער די זעלביקע וועגן איבער וועלכע זיי זיינען געגאנגען צו מיירעוו. נאר זיי זיינען עלטער אין יארן, רייפער מיט דערפארונג און דעריבער נעמען זיי אויף אף א גאנץ נייעם אופן די גאנצע גרייס און דעם גאנצן באטייט פונעם אייגענעם לאנד. און יעדער איינער פון זיי גיט אין הארצן א צוזאג נאך הייסער דאס צו ליבן און נאך מער פאר דעם צו טאן. זיי קערן זיך אום דאכט זיך צום פריערדיקן ענגערן קרייז פון איבערלעבונגען, איינדרוקן און באקאנטשאפט. נאר איצט פילן זיי, אז דער דאזיקער קרייז איז אן א שיר ברייטער ווי ער איז געווען אדער ווי ער האט זיי אויסגעזען פריער, און אז נאר דורך דאס אייגענע, דורך דעם לייבלעכן קען מען ריכטיק פארשטיין, באנעמען דאס גרויסע, דאס אלוועלטלעכע.

אזוי באוועגן זיי זיך איבער דעם גרויסן רוסישן פלאכלאנד. אפן הארצן בא זיי איז שטיל און ליכטיק.

ניט ווייט פון האמעל ווערט ווערעטעניקאוו מיט א מאל אומרויק.

— איכ'ל עפשער דא אראפגיין, — רופט ער זיך פלוצים אן.

— וואס פלוצים? — רופט אוים וואראנין. — מיר פארן דאך איינאיינעם ביז איוואנאווא.

— איך דארף דא... אן איניען, — ענטפערט אים א צעטומלטער ווערעטעניקאוו.

— הארציקס? — גיט נאך וואראנין.

— הארציקס.

ער געזעגנט זיך מיט לובענצאוון און מיט טאניען, פארשרייבט וואראנינס אדרעס, טוט אן דעם רוקזאק און שפרינגט אראפ פונעם צוג. דער צוג איז אוועק, און ער שטייט נאך אלץ אף דעם קליינעם פעראן און אטעמט איין די מעכטיקע רייכעם פון דער ערד. דערנאך דערמאנט ער זיך אן עפעס, גיט א זוך אין קעשענע בא זיך אינעם מונדיר, און נעמט ארוים פון דארט א פאפירל, די קוויטינג אפן היי. ער צעלאכט זיך, צערייסט עס. און שפאנט צו פום איבערן דארפישן וועג.

און לובענצאוו, טאניא און וואראנין פארן וויטער אף מיזרעך. שורעם ביימער לויפן פארביי דעם וואגאן און פון זייערע שאטנס ווערט אין וואגאן אט טונקעלער, אט ליכטיקער.

צוויי בריוו

.1

זײַט געגריסט, כאַווער מעשטשערסקי!

עס שרײַבט אײַך דער מאַיאָר טשאָכאָוו. איך בין אין זאַקאַווקאַזיע, אין אַ מיליטערישן טייל, אינעם אַמט פון באַטאַליאָן־קאָמאַנדיר. טרעפט איר זיך אַמאָל מיט וועמען פון אונדזערע געמיינזאַמע באַקאַנטע? איך האָב זיי אַלעמען אין גאַנצן פונעם אויג פאַרלוירן. איך האָב געהערט, אַז כאַווער לובענצאָוו איז אין מאָסקווע. אַ גרוס אײַך פון מײַן פרוי קסעניאַ אַנדרייעוונאַ. זי אַרבעט פאַר ביבליאָטעקאַרן אין אונדזער מיליטערישן טייל. זי לויבט אײַערע לידער. מיר האָבן אַ טאָכטער טאַניאַ. מיר באַגריסן אײַך מיט דעם טאָג פון ניצאָכן.

ו. טשאָכאָוו

9טער מײַ 1950

.2

טײַערער וואַסילי מאַקסימאָוויטש!

סאַראַ מאָלאָדיעץ איז זײַט, וואָס איר האָט מיר געשריבן. אַלץ האָט זיך מיר דערמאָנט און עס איז מיר אַפן האַרצן גוט און פריידיק געוואָרן.

מיט דעם פּאָדפּאָלקאָווניק לובענצאָוו טרעף איך זיך זעלטן, ווײַל ער איז זייער פאַרנומען. ער ענדיקט די אַקאַדעמיע אַף פרונזעס נאָמען. ער וווינט אין אַ צימער אין מאָסקווע, אין דער געגנט פון זובאָווער פּלאַץ. טאַטיאַנאַ וולאַדימיראָוונאַ אַרבעט אַלס דאָקטער אין דער געגנטלעכער פּאָליקליניק. זיי האָבן אַ זון וואָלאָדיאַ. זיי לעבן זיך כאַווריש און גליקלעך.

ווען איך בין דעם ערשטן מאָל געגאַנגען צו אים צו גאַסט איבערן לאַנגן קאָרידאָר פון דער קאָמונאַלער וווינונג, האָב איך זיך געטראַכט, אַז דאָ וווינט אַן אויסגעצייכנטער מענטש, אַ העלד און אַ מעלוכישער טוער. און איך האָב געטראַכט וועגן דעם וויפל העלדן און אויסגעצייכנטע טוער לעבן אין די מאָסקווער הײַזער און די הײַזער פון אַנדערע שטעט, באַשיידענע און פּאַשעטע מענטשן, וואָס פאַרנעמען ניט קיין גרויסע פּאָסטנס, כאָטש זיי וואָלטן זיך ספּראַוועט מיט ווערלכער עס איז אַרבעט. און אָט אַזוי לעבן זיי, אַרבעטן אָרנטלעך, און אַז מען וועט זיי זאָגן: „גיי, זיג, שאַף וווּנדער”, וועלן זיי גיין, זיגן און שאַפן וווּנדער.

דער גענעראַל סערעדאַ איז אין דימיסיע, ער לעבט אין אוקרײַנע. זײַן טאָכטער לערנט זיך אין מאָסקווער אוניווערסיטעט. וואָראָנין אַרבעט ווי אַ קאָמאַשן־מאַכער אין אַ איוואַנאָווער שוך־פאַבריק. ער האָט כאַסענע געהאַט און האָט שוין, דאַכט זיך, צוויי קינדערלעך.

איך דריק אײַך צום האַרצן, טײַערער פרײַנט.

אײַער סאַשאַ מעשטשערסקי

פארלאג „היימלאנד“

דערשינענע ביכער

די גרויסע פארשווערונג — פון מייקל סעיערס און אלבערט ע. קאהן (אויספארקויפט)

דער צווייטער פראנט — ד. קראמינאוו (אויספארקויפט)

די פארשווערונג קעגן שאלעם — ראלף פארקער

100 מיליאן פאר טעראר און סאבאטאזש — א. ווישינסקי (אויספארקויפט)

די אמעריקאנער אין יאפאן — א. קורגאנאוו

דער געפונענער העפט פון סונטשאן — ראמאן קים

די עקאנאמישע פראבלעמען אין פססר — י. סטאלין

גאלד — באריס פאלעוואי — ערשטער באנד — (אויספארקויפט)

גאלד — באריס פאלעוואי — צווייטער באנד — (אויספארקויפט)

ווייט פון מאסקווע — וואסילי אזשאיעוו (1טער טייל) אויספארקויפט

ווייט פון מאסקווע — וואסילי אזשאיעוו (2טער טייל) „ „

ווייט פון מאסקווע — וואסילי אזשאיעוו (3טער טייל) „ „

אליטעט גייט אוועק אין די בערג — ט. סיאמושקין (אויספארקויפט)

דער דיפלאמאט — דזשיימס אלדריטש (באנד I) (אויך געבונדן)

דער דיפלאמאט — דזשיימס אלדריטש (באנד II) (אויך געבונדן)

מוט — ווערא קעטלינסקאיא (באנד I) (אויך געבונדן)

מוט — ווערא קעטלינסקאיא (באנד II) (אויך געבונדן)

פאליטישע עקאנאמיע — מאסקווער 2טע פארבעסערטע אויסגאבע פון יאר 1955.

אלעסיא קראוועץ — „זון־אויפגאנג איבער כאנפו“.

EMANUEL KASAKIEVICH

La Casa de la Plaza

(Dom na Ploshchadi)

NOVELA

Traducida por P. Katz

EDITORIAL "HEIMLAND"

BUENOS AIRES 1957

Este libro se terminó de imprimir el día 25 de julio de 1957, en los Talleres Gráficos "Optimus" S.R.L., Valentín Gómez 2715-19 - Buenos Aires